STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00750

www.libtool.com.cn

A TOG OYLEM-HAZE

Zalman Shneour

Permanent preservation of this book was made possible by
Pearlann & Gerald Horowitz

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

www.libtool.com.cn

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

ז. שניאור

www.libtool.com.cn

אַ טאָג עולם־הזה

ראָמאַן

יובל־פאַרלאַג

ניו־יאָרק — תש"ח־1948

Z. SHNEOUR

www.libtool.com.cn

A TOG OLAM-HAZE

(One Honey-Day)

A Novel

Copyright, 1948
by
ZALMAN SHNEOUR

JUBILEE EDITION

Printed in U. S. A.

GRENICH PRINTING CORP.
NEW YORK 1, N. Y.

166

www.libtool.com.cn

אַ טאָג עולם־הזה

ערשטער טייל

אַרויסגעגעבן צום אָנדענק
פון סידניי מאץ
(זון פון ישראל מאַץ)

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

ערשטער קאַפּיטל

דוד ברין און זיין קאָנקורענט

.1

עס איז נאָך געווען, בערך, פרי, זייגער ניין; דעמאָלט ווען אַ געלבלעכער סוף־האַרבסט־נעפל שטייט איבער פאַריז, דאָס דאַך־פענצטער אין אַטעליע זעט אויס ווי אַ פאַרשטאַרטער גענעץ, און יונגע מאָלערס שלאָפן נאָך אין זייערע מאַנזאַרדעס, אין דער זיכערקייט, אַז פאַר אמתע קינסטלער פאַסט ניט אויפצופירן זיך בירגערלעך, אויפשטיין מיט דער זון און טרינקען קאַווע מיט לייטן גלייך... נאָך אַ גרעסערע חרפּה איז אויפצושטיין פאַרטאָג, ווי פאַבריק־אַרבעטער, און צוכאַפּן זיך צו דער פּראַצע... יענע זיינען דאָך פאַרקויפט פאַרן שטיקל ברויט, האָבן מורא פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. אמתע קינסטלער האָבן קיין מורא ניט. אַלץ און אַלעמען אויף צו־להכעיס שלאָפן זיי ביזן האַלבן טאָג, טרינקען קאַווע בשעת אַלע עסן מיטאָג, און עסן — בשעת פאַריז נעמט שוין זיין פינף־אַזייגערדיקן אַפּעריטיוו*). אמתע קינסטלער פאַרשווענדן דאָס בעסטע ליכט פון טאָג, ווען אַלע פאַרבן זיינען עכט און זאַט, מיט שמועסן און רויכערן אין די שכנישע מאָלער־סטודיאָס, און טשעפּען זיך צו די נאַקעטע און האַלב־נאַקעטע מאָדעל־מיידלעך. און ווען עס ווערט פינצטערלעך, בלאָנדזשעט מען איבערן בולוואַר מאָנפּאַרנאַס, וואו אַנדערע פינזל־קאָלעגן קומען זיך צוזאַמען, דערנאָך איז גוט צו זיצן ביז צוויי אַזייגער נאָך האַלבער נאַכט אין קאַפע „דאָם“ און „ראָטאָנד“, וואו דער טשאַד פון לייבער און ציגאַרעטן נעמט דורך די האָר און די קליידער, אַזוי ווי רויך נעמט דורך געווענזלטע הערינג.

קורץ און גוט: אַן עכטער קינסטלער איז מחויב צו שטעלן אויפן קאָפּ יעדע אַלטעגלעכקייט, דאָס געזונט, יעדן נאָרמאַלן לעבנס־שטייגער. נו, און ווען אַרבעטן? אַרויפאַרבעטן זיך? ווערן באַרימט? וועגן דעם וועט מען שפּעטער קלערן.

דוד ברין האָט דערפון ניט געהאַלטן, כאָטש געווען איז ער נאָך, בערך, זייער יונג, אַ יאָר דרייסיק, צי אַ ביסל מער. זייענדיק פון דער

*) קאקטעיל.

www.libtool.com.cn

נאַטור אַ גראַדער מענטש, דערצויגן אין אַ יידיש־פּאַטריאַרכאַלער פאַמי־ליע, באַזיצנדיק אַן איינגעבוירענעם הומאָר און זיין אייגענעם קוק אויף זאַכן, האָט ער, פון פאַרנט אַריין, אַנטדעקט די שוואַכע זייטן פון אַט די אַלע אַנטי־בירגערלעכע קונצן, וואָס הויבן זיי זיך אָן מיט אַ כלומרשטן פראָטעסט קעגן יעדער פושערישער סימעטריע, אַלטמאָדישער פלייסיקייט, צוגעלעגענע טראַדיציעס, און גייען, ביסלעכווייז, איבער אין שלעכטע געוואוינהייטן: אין אומאָרדענונג, אין צווייפלהאַפטער אָריגי־נאַליטעט און שוואַכלייביקע קאַפּריזן.

בריין האָט, מיט זיין געזונטן חוש, קודם־כל אָפּגעשאַצט דעם ווערט פון צייט, געזען צו געברויכן זי מיט גרויס אויסגערעכנטקייט און עקאָ־נאָמיע, אַזוי ווי קרעדיט, וואָס איז, פון דער נאַטור אַליין, געגעבן געוואָרן נאָר אויף אַ באַשטימטן טערמין. מען קען דעם דאָזיקן קרעדיט פאַר־הולטאַיעווען און מען קען מיט אים בויען. אָפּצאָלן מוז מען סיי ווי סיי. אויב ניט מיטן גוטן ווילן, איז דורך געריכט־זשאַנדאַרמען: פריצייטיקע עלטער, איינזאַמקייט, אַנטוישונג, קבצנות...

ברינס פרימאָרגן איז דערפאַר געווען ווי אויפשליסן אַן אָפּיס, אַלע טאָג אין דער זעלבער צייט. און זאָל דאָס אויף דעם קינסטלער־זשאַרגאָן הייסן ווי עס וויל, אַפילו „קרעמעריש"... זיין לייכטן פרי־שטיק האָט ער אַלע טאָג גענומען אין דער זעלבער שעה. זיין טאָג האָט זיך, כמעט אַלעמאָל, אָנגעהויבן מיט אַ קאַמף: אַ קאַמף מיט פוילקייט, מיט שלעכטער שטימונג, מיט קערפּערלעכע שוואַכקייטן, וועלכע זיינען פאַראַן ביי יעדן מענטשן אָן אונטערשייד. אונטער אַלע אומשטענדן האָט ער דורכגעזעצט זיין ווילן: געאַרבעט זיינע דריי־פיר שעהן נאָכאַנאַנד, ווען דאָס טאָג־ליכט איז „צייטיק" און די פאַרבן זיינען העל; און איבער־געלאָזן זיינע סקיצן פון שוואַרץ אויף ווייס נאָר אין די שעהן, ווען דאָס פולע ליכט איז ניט אַזוי וויכטיק פאַרן אויג און פאַרן באַמאַלטן לייוונט.

די איינציקע דערפרישונג, וואָס ער האָט זיך דערלויבט, בשעת זיין פלייסיקער אַרבעט, איז געווען דאָס אַרומכאַפּן, פון צייט צו צייט, סאָניאַן, זיין ווייב, און קושן זי אין די פולע ליפּן. ווי אַ טרונק שוואַרצע קאַווע האָט דאָס געווירקט אויף אים, און דער פּינזל האָט נאָך פלינקער גענומען גיין אין זיין מיד־געוואָרענער האַנט.

געשטערט צו ווערן פון חברים־מאָלער אָדער סתם פוסטאָפּאַסניקעס פון שכנישע אַטעליעס, האָט ער בשום אופן ניט געלאָזן. אויף זיין טיר איז, די ערשטע צייט אין פּאַריז, געווען אויסגעהאַנגען אַ קאַרטאָן מיט אַן אויפשריפט, אַז מען בעט העפלעך אָפּלייגן אַלע באַזוכן אויף נאָך פיר אַזייגער... מיט דער צייט איז דאָס איבעריק געוואָרן. אַלע פריינט

און באַקאַנטע האָבן אַזוי אויך געוואוסט, אַז ביז פיר נאָך מיטאָג טאָר מען דויד ברינגען אין טיר ניט קלאַפּן. עס איז אַן אומזיסטע טרחה. ער נעמט ניט אויף...

www.libtool.com.cn

אַזאַ לעבנסשטייגער האָט אַ סך מיטגעווירקט, אַז די ווענט פון זיין אַטעליע זאָלן שטענדיק באַפּוצט זיין מיט אַ סך פאַרענדיקטע לייוונטן. ער האָט געהאַט פון וואָס אויסצוקלייבן פאַר יעדער אויסשטעלונג. דאָס האַרץ האָט אים דערביי קיינמאָל ניט געקלאַפּט, ווי ביי אַ יינגל פאַרן עקזאַמען. מען האָט אים קיינמאָל ניט געזען מיט צעפּודלטע האָר און מיט פאַרשלאָפענע אויגן פון אַ שניידער פאַר די ימים־טובים. און פריי איז ער אויך געווען. זויבער און גוט אָנגעטאָן איז ער אַלעמאָל דערשינען, מיט זיין סאָניאַן, אויף קינסטלערישע אָוונטן. קיין מער־ווייניקער גוטן קאָנצערט ניט דורכגעלאָזן, קיין איינציקע אינטערעסאַנטע אויסשטעלונג. קאָלעגן פלעגן אים אָפּטמאָל האַלב־שפּאָטיש, האַלב ניט־פאַרגינעריש אַ פרעג־געבן: ווען, אייגנטלעך, ברענגט ער דאָס אַלץ פאַרטיק? אַרבעטן אַזויפיל און אַזויפיל אַמוזירן זיך... אויף אַזאַ און ענלעכע צווייידייטיקע פראַגן האָט ער געהאַט זיין לאַקאָנישן ענטפער:

— ווען איר שלאָפט און ווען איר בטלט אַרום אין די קאַפעס...

אמת, זינט סאָניאַ, זיין ווייב, האָט אים פאַרלאָזן איז ברינגען זיין נאָרמאַלער לעבן אָנגעקומען אַ סך שווערער. ער האָט געמוזט אי מאָלן, אי פירן זיין שטיקל באַלעבאַטישקייט. און כדי צו האַלטן גלייכגעוויכט און ניט לאָזן בויגן דעם חוט־השדרה פון זיין איינמאָל איינגעפירטן שטייגער, האָט ער געמוזט, גלייכצייטיק, קעמפן מיטן כאַאָס אַרום זיך, אין זיין פּריוואַטן לעבן, אַזוי ווי אין זיין שאַפן, וואָס הייסט: אַרויסשיילן פאַרמען פונעם „נישט״, פאַנגען די פאַרבן פון דעם וואָס גייט פאַרביי... און צווישן די דאַזיקע אַקטן פון טאָג־טעגלעכער אַרבעט — קעמפן מיטן שד פון איינזאַמקייט, יאָגן די שלאַנג פון בענקשאַפט וואָס זויגט דאָס האַרץ, טרייבן פון זיך די בילדער פון דאָס געוועזענע, די בילדער פון אַ נאָענטן צוזאַמענלעבן מיט אַ געליבטער ווייב. אַך, דער זכרון און די געוואוינהייט זיינען שטאַרקער פון אַלע ליבעס אין דער וועלט! די גרעסטע שרפות פון ליידנשאַפטן קען מען איינלעשן. נאָר קיינע וואַסערן אין דער וועלט זיינען ניט אימשטאַנד איינצולעשן דעם טליענדיקן פייערל פון געוואוינהייט: אָט דאָ איז זי געזעסן, אָט דאָ — געשטאַנען, אַזוי האָט זי געלאַכט און אַזוי האָט געשאַרכעט איר זיידענער אונטער־קלייד ווען זי האָט אים אויסגעטאָן פאַר לייגן זיך אין בעט. עס טליעט אַזאַ בענקשאַפט־פייערל און טריקנט

דעם מאַרך פון די ביינער. די הענט לאָזן זיך אָפּ און דער ווילן ווערט שוואַך. און דער וועלט־כאַאָס הודזשעט ווי אַ גרויסער פּוסטער מויער־קאָפּ איבערן אויער:

— אָך, נעם זיך ניט צום האַרצן! האָסט ליב געהאַט, וועסט נאָך ליבן... נו, און אַרבעטן? ניט דו מוזסט אַלץ פאַרענדיקן. די נאַטור אַליין איז ניט פאַרענדיקט. די פאַרמעגן פון דער מענטשלעכער געזעל־שאַפט — אָוודאי ניט. האַ־האַ, מענטש! אַלץ איז קיין אויסגעבלאָזענע איי ניט ווערט...

דער געפּערלעכער קול פון דער איינזאַמקייט איז דאָס געווען, דאָס שלאַנגישע שיפּען, וואָס העצט צו זעלבסט־פאַרניכטונג, צו שכורן, צו הולטאַיעווען און צו ערגערע זאַכן אויך. אַ דרייענדיקער קאַמף איז דאָס געווען פאַר דויד ברין. אַן אָפּגעבן עקזאַמען פאַר שטרענגע אויבער־לערער. און ער האָט דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטן.

.2

דער ערשטער עקזאַמען, וואָס ער האָט אויסגעהאַלטן, ביי אָט די שטרענגע שופטים, איז געווען אַ מאָלעריש־פּעיזאַזש, וועלכן ער האָט מער אַרויסגעשיילט פון זיין איינבילדונג, ווי פון דער נאַטור. געווען איז דאָס אַ ניט־גרויסער לייוונט צוויי איילן אויף אַנדערטהאַלבן. אַ ווינטער־פאַרנאַכט, אַ מענטש פון שניי אויף אַ בערגל. איינער פון יענע „מענטשן", וואָס קינדער קייקלען־צוזאַמען און ליאַפּען אויס מיט זייערע ניט־געניטע הענטעלעך. קנויל אויף קנויל, דער אונטערשטער — ברייט, דער צווייטער — קלענער, דאָס קעפּעלע — נאָך קלענער. אָנשטאָט אָרעמס — אַ פלאָקן פון אָפּגענוצטן בעזעם דורכגערוקט אין מיטלסטן קנויל. דריי שוואַרצע האָלץ־קוילן אָנשטאָט אויגן מיט אַ נאָז. אַ בלוי רויכעלע ציט זיך פון ווייטע הייזקעס, פון הינטערן בערגל. בוימלעך־סקעלעטן צווישן זיי. אין איין הייזקע רויטלט זיך אַ פענצטער. נאָר עס איז ניט קלאָר, צי דאָס איז דאָס ערשטע אָוונט־פייערל, צי דער לעצטער שטראַל פון דער זון, וועלכע פאַרגייט אין קאַלטן פּורפּל און אין בלוילעכן רויך, הינטער די הייזקעס, און צעפּעכערט דערביי, אַרום בערגל, רויטלעכע פאַסן און בלויע שאָטנס...

די גאַנצע ווינטער־קאָמפּאָזיציע איז דאָ געווען אי סימבאָל, אי נאַטור. מיט אַנדערע ווערטער:ווירקלעכקייט און איינבילדונג האָבן זיך דאָ גלייכמאָסיק אויסגעמישט. עס איז שווער געווען אָפּצוטיילן איינס פון דאָס צווייטע, און אַנגענעם איז דאָס פאַרט געווען. ווי אַ פיינער

געwww.libtool.com.cnמיש פון זיס און זויער, פון קעלט און וואַרעמקייט. ניט קוקנדיק אויף דעם אַ קאַפּעלע־סטיליזירטן שניי־מענטש און אויף דער דעקאָראַטיווער צעפּעכערונג פון די לעצטע שטראַלן, האָט דאָ אַלץ געאָטעמט מיט פּשוטקייט און מיט דער קראַפט פון איבערצייגונג. עס האָט זיך איינגעשניטן אין זכרון ווי אַ מוזיקאַלישע פראַזע וואָס פאַרפאָלגט. ווי אַ סימפּאַטיש געזיכט וואָס איז פאַרשוואונדן און ס׳איז שווער צו פאַרגעסן.

אויסגעשטעלט איז דאָס בילד געווען אונטערן נאָמען „מאָן איווער״ — מיין ווינטער, הייסט דאָס, — אין איינער פון יענע אומאָפּהענגיקע אויסשטעלונגען אין פּאַריז, וואו צענדליקער און הונדערטער לייוונטן, פון פאַרשיידענע קינסטלער, טאַלאַנטירטע און טאַלאַנטלאָזע, גיסן זיך צוזאַמען אין איין פאַרביקן מישמאַש פון אַלערליי ריכטונגען און שולן. אָבער די קריטיק האָט דאָס פּאָרט באַמערקט. באַמערקט ווי אַ לעבעדיק עופעלע, וואָס שווימט אַרום אין אַ רעמל, אויף כוואַליעס פון מאָלערישע שטיפעריייען און פאַרביקע קאַפּריזן. זי האָט דאָס אַרויסגעפּישט און אָנגעשריבן עטלעכע וואַרעמע נאָטיצן אין דער פּאַריזער פּרעסע. דעם קינסטלער, ברין, וועלכער שטאַמט פון רוסלאַנד, האָט זי באַצייכנט, ניט מער און ניט ווייניקער, ווי אַן עכטן סלאַוו מיט אַן „אַם סלאַוו״, מיט אַ סלאַווישער נשמה, הייסט דאָס...

נאָך אַזאַ און ענלעכע נאָטיצן האָט זיך דויד ברין אָנגעקוקט אין שפּיגל און קאָמיש, מיט איין אויג, צוגעוואונקען זיך אַליין:

— ווי געפעלט דיר, דוידל, דיין סלאַווישע נשמה? דיין מאַמע האָט געזאָגט תחינות און דיין טאַטע האָט געהייסן זעליק. דאָס האָט זיי אָבער ניט געשטערט צו ברענגען אַ „סלאַוו״ אויף דער וועלט...

ענלעכע חכמהלעך האָט ער געהערט פון זיינע קאָלעגן... אָבער ווען גייט דאָס אָן, אַז דער לוקסעמבורגער מוזעאום, דער באַשיצער פון מאָדערנער קונסט אין פּאַריז, האָט ביי דויד ברינען אָפּגעקויפט זיין לייוונט און צוגעשיקט אים אַ ספּעציעלן פּאַפּיר מיט גאָלדענע בוכשטאַבן, — אַן אַטעסטאַט פון אָנערקענונג.

ברין איז געוואָרן באַקאַנט איבערן בולוואַר מאָנפּאַרנאַס און סען־מישעל. איבער די דאָרטיקע קאַפעס, וואו יונגע קינסטלער קומען זיך צוזאַמען, איז דורכגעלאָפן אַ רוישל פון קנאה. אָבער ניט אויף אַזויפיל עס זאָל פון אים אָפּקערן דעם גוט־מוט פון זיינע פריינט. אַ סך גוטע ברידער, וועלכע האָבן נאָענט געקענט זיין פּריוואַטן לעבן און די שטילע דראַמע מיט סאָניאַן, זיין פרוי, האָבן אין דעם פּרעמירטן לייוונט „מאָן איווער״ דערפילט די פּאַטענץ פון איינזאַמקייט, וואָס קאָלעגע דויד ברין האָט געבראַכט צום אויסדרוק אין זיין ווינטער־קאָמפּאָזיציע. ער אַליין,

הייסט דאָס, ניט דער „שניי־מענטש", שטייט דאָס אויפן בערגל. די יוגנט־ליבע פאַרגייט ווי די ווינטערדיקע זון מיט צעפּעכערטע קילע שטראַלן. ווי אַ מעלאַדיע פון אומעט ציט זיך דאָס בלויע רויכל פון די ווייטע הייזקעס און ער, דער גולמדיקער שניי־העלד, האַלט אויסגע־שטרעקט זיינע פלאַקנדיקע אָרעמס האָפנונגסלאָז, פאַרגליווערט, פאַר־שטאַרט. ער קען אַפילו קיין באַוועגונג ניט מאַכן צו ענדערן זיין לאַגע, בייטן זיין לעבן. היינט — אַ ווינטער־טאָג, מאָרגן — אַ ווינטער־טאָג...

אַ נאָענטער פריינט זיינער, גאַבראַנסקי, אַ כעמיקער און דענקער, האָט אים איבערגעגעבן ווי אַזוי „מאָנטפּאַרנאַס" טייטשט אויס דעם „מאַן איוועך", וואָס דער לוקסענבורגער מוזעאום האָט ביי אים אָפּגע־קויפט. דאָס האָט ביי ברינען אַרויסגערופן אַן אויפרייסןביידע אויגן. נאָך אַ ווײַלע טראַכטן האָט ער אַ הויב געטאָן מיט די פּלייצעס און זיך ביטער צעלאַכט:

— העז, קאַנאַליעס! וואָס פאַראַ פיינע נעזער זיי האָבן דאָס... זיי האָבן מיין קאָמפּאָזיציע פאַרשטאַנען בעסער ווי איך אַליין...

און ווירקלעך, דער קאָמענטאַר*), וואָס בולוואַר מאָנפּאַר־נאַס האָט פאַרעפנטלעכט, האָט ברינען קלאָרער געמאַכט זיין אייגענעם קינסטלערישן שוואונג. בשעת ער האָט דאָס געמאָלן האָט ער זיך אַליין קיין חשבון ניט אָפּגעגעבן וואָס, אייגנטלעך, עס טרייבט אים צום איינזאַמען שניי־מענטשן און וואָס ער וויל דערמיט זאָגן.

3.

זיין דערפאַלג האָט אים אַ ביסל געטרייסט און געמוטיקט נאָך סאָניאַס פאַרלאָזן אים. כאָטש אַ סך גלייכער וואָלט געווען, ווען זי און ער וואָלטן דאָס געטיילט צוזאַמען. זיין פּרעמירטער לייוונט, וואָס הענגט אין לוקסענבורגער מוזעאום, האָט אים אָציינד אויסגעזען ווי אַ שלאָפעדיק קינד, וואָס ער האָט געפונען אין וויגעלע נאָך סאָניאַס אַוועקגיין. פאַראַן אַזעלכע מאַמעס, וואָס צוליב אַ פאַרבייגייענדיקער ליידנשאַפט, צוליב אַ שטימונג, וואָס זעט אויס זייער וויכטיק און זייער טיף, פאַרלאָזן זיי, ניט נאָר דעם מאַן, נאָר אַפילו זייער אייגן קינד פאַרלאָזן זיי... אין דעם פאַל איז דאָס קינד געווען דעם מאַנס טאַלאַנט, וועלכן זי האָט, ווייזט אויס, גרינג־געשעצט, אַזוי ווי אים

*) פּירוש.

אַליין. נאָך איר אַוועקגיין האָט ער דאָס מיט אַ ראַזשיק אויסגע־קאָרמעט, געמאַכט פּאָר אַ שטיקל מענטשן און טרייסט זיך דערמיט אויף וויפיל עס לאָזט זיך טרייסטן אין אַזאַ לאַגע...

שווער אויפן האַרצן איז אים נאָר געוואָרן, ווען ער האָט, אויפן מאַנפאַרנאַס, געטראָפן סאַניאַן, ווי זי גייט געאָרעמט מיט יענעם פאַרוועלקטן פאַרשוין, מיט וועלכן זי אַליין טרייסט זיך, אַפּנים, נאָך איר פאַרלאָזן דאָס „קינד“... נאָר אַ ניט־געזונטע ווייבערישע אייגנריידעניש קען מאַכן אַזאַ בייט. נאָר אַ פּראָווינציעלע פּושערי קען אָננעמען אַזאַ ביליקע פּאַטשערקע פאַר אַ ברילאַנט. ער, דויד ברין, קען דעם דאָזיקן נפש. ער טראָגט אַ שיינע פאַמיליע — האַרקאָווע. נאָר דער מאָנפאַרנאַס האָט אים שוין לאַנג פאַרקלענערט אויף האַר־קאָווקע. דערמיט אַרויסגעבלאָזן פון אים זיין פּוסטע וואָג און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז „מען לאָזט זיך ניט נאַרן...“

מאַקס האַרקאָווע איז געווען איינער פון יענע אייביקע „יונגע־לייט“, וואָס צו פערציק יאָר זעען זיי שוין אויס ווי נאָך פופציק, וואָס זייער שוואַכלייביקייט און פאַרוועלקטקייט פילן זיי אויס מיט „שליאַכעטנע“ מאַנירן פאַר אַ גראָשן און מיט עלעגאַנץ פאַר אַ צווייטן גראָשן. הויכע קאָרקעלעך, געפּאַסקעטע הייזעלעך, אַ גוט־ראַזירטער און ניט־פרישער פּנימל. אַ צוגעפּודערטע נאָז. פולע באַוועגונגען און אַ זויערלעכע מינע פון אַן אַנטוישטן. קורץ, אַ צוגעלעגענער העלד פון לאָרד בייראָנס פּאָעמען... נאָר עס איז געגוג ער זאָל דערשפּירן לעבן זיך אַ פּאַרפיום פון אַ ווייבערישן קליידל — לעבט דאָס גלייך אָפּ און ווערט זשוואַווע. ער הויבט זיך אָן דרייען אויף די קאָרקעלעך, שאַרן מיט די פיסעלעך, גלאָצן מיט די אייגעלעך, קושן די צו אים אויסגעשטרעקטע פינגער. און מאַכן מאַכט ער דערביי אַן אָנשטעל, אַז בטבע פּאַלט ער אַזוי אויך פאַר אַלע דאַמען צו די פיס, נאָר זיין לעצטע באַקאַנטשאַפט האָט אים פּשוט אַריינגעבראַכט אין אַ רעליגיעזן עקסטאַז... מיט אַנדערע ווער־טער: ער דעמאָנסטרירט אַלע יענע שליאַכעטנע שטיקלעך, פון וועלכע מאַנצבילן קערט די גרינע גאַל און וואָס דאַמען נעמען דאָס אָן אַלס אמתע באַגייסטערונג, ווי קלוג און געפּרוּווט זיי זאָלן ניט זיין. דאָס ליגט שוין אין זייער נאַטור. אַלץ קענען זיי בײַשטיין, נאָר ניט אַ הערצ־אישן אָנגריף, אָדער אַ קנעכטישע אונטערוואַרפונג. אַ ווירדיקע באַ־ציאונג פון אַ מאַן, וועלכע שטייט צווישן אָט די צוויי עקסטרעמען, לאָזט זיי, מייסטנס, גאַנץ גלייכגילטיק.

ניט בעסער און ניט העכער איז האַרקאָווקע געשטאַנען מיט זיינע טאַלאַנטן. ביז אַ יאָר זעקס־זיבן־און־דרייסיק איז דאָס געווען אַ „דיכ־

www.itbtool.com.cn

טער אָנפּאַנגער״. אָפּגעלאָזן אין זיין אַנטוועכץ און אין זיין באַנעמען זיך. ניט בעסער און ניט ערגער ווי די אַנדערע אייביקע „אָנפּאַנגער״ פון זיין סאָרט. אַרומגעשלעפּט האָט ער זיך אויפן מאָנפּאַרנאַס אין אַ שוואַרצער, אָפּגעטראָגענער פּעלערינע און אין ווייסע לייוונטענע שיך, מיט אַ צעקנייטשטן סאַמעטענעם קאַפּעליושל אויף די צו־לאַנגע האָר. דער לאַנגער, ביינערדיקער פּנים — זעלטן־ווען ראַזירט. געדרוקערט מיטן מויל־ווינקל, גערעדט האַלבע ווערטער. דאָס אַלץ האָט געדאַרפט אונטערשטרייכן זיין טיפקייט, זיין פּאַראַכטונג צו דער פּוסטער וועלט און זיין גרינגשאַצן די בירגערלעכע אַלטעגלעכקייט.

ווי אַלע „אָנפּאַנגער״ פון זיין סאָרט, האָט ער אונטערגעהונגערט, געשריבן לידלעך און געגעבן האָפּענונגען... נאָר וויפיל איז דער שיעור צו געבן האָפּענונגען? און ווער האָט דאָס כוח צו האָפן אַזוי לאַנג? בפרט ווען מען גיט אַ קלער, אַז מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר איז שוין שעללי געווען באַרימט און מיט זיבן און דרייסיק יאָר פון זיין לעבן, פּונקט אַזויפיל וויפיל מאַקס האַרקאַווע איז אַלט, איז שוין אַלעקסאַנדער פּושקין געפאַלן אויפן דועל מיט דאַנטעסן און איבער־געלאָזן דעם גרויסן רוסישן פאָלק אַ ירושה, וועלכע ס׳איז ניט מעגלעך צו פאַרשווענדן ביז צו היינטיקן טאָג... כ׳מיין, מען קען דאָך בלייבן אַן „אייביקער אָנהויבער״ אַזוי ווי אַן אייביקער סטודענט, וועלכער טראָגט ביז גרויע האָר זיין סאַמעטענע בערעט־היטעלע מיטן קאָלירטן אָקאָלישעק און האַלט קיינמאָל קיין איינציקן עקזאַמען ניט אויס.

איז אָט, כדי ניט צו דערלאָזן אַזאַ מיינונג וועגן זיך, האָט דיכטער מאַקס האַרקאַווע אָנגעצויגן, אויף זיין צו־פרי פאַרוועלקטן געזיכט, אַ ספּעציעלע מינע מיט דין געשלאָסענע ליפּן און מיט צוויי ענערגישע פאַלדן פון ביידע זייטן נאָז. דאָס האָט געזאָלט באַדייטן, אַז ניט היינט — מאָרגן... יאָ, אין דער שטיל גרייט זיך צו אַ זאַך, אַ שאַפונג, וואָס ווען דאָס וועט דערשיינען... וועט... הכלל, אַלע וועלן שטוינען. עס וועט ז י י ניט העלפן!..

קעגן וועמען די דאָזיקע שפּאַנונג איז געצילט, ווער זיינען דאָס די „זיי״ און וואָס איז דאָס פאַר אַ שאַפונג אַזאַ? דאָס איז קיינעם ניט געווען קלאָר. האַרקאַווע האָט דעם דאָזיקן געהיימניספולן אָנשטעל ניט שלעכט דורכגעפירט. ער האָט זיין ראָלע גוט איינגעחזרט. זי האָט שוין, דערנאָך, ווי אַ גראַמאָפאָן־פּלאַטע, געשפּילט ביי אים פון זיך אַליין... און מערקווירדיק! דאָס האָט היפּנאָטיזירט. בייגעריקע נפשות האָבן געגומען גלויבן אַז דאָ שטעקט עפּעס. שלאַבערדיקע, אין זיך ניט־זיכערע טאַלאַנטלעך, האָבן שטילערהייט מקנא געווען דעם דערפאָלג

פון אַ ווערק, וואָס האָט נאָך אַפילו דעם שײַן פון טאָג ניט געזען.
„דער יונג האָט עפּעס אין זיך", האָבן זיי זיך איבערגעשעפּטשעט.
„נאָר עס מאָג אַ רוח אין זײַן טאַטן אַרײַן! אפשר איז ער פאַרט אַ קאָמעדיאַנט..."

יאָרן זײַנען דערווײַל געגאַנגען. דאָס געהיימניספולע שאַפעכץ איז ניט דערשינען. די וועלט האָט ניט געשטוינט. די שוואַרצע פּעלערינע איז געוואָרן גרינלעך, אין די לאַנגע האָר, אונטערן צעקנייטשטן קאַ־פּעליוש, האָבן זיך אַרײַנגעשמוגלט ווײַסע פעדעם. און מיטאַמאָל, אין מיטן הין־און־צוריק שפּאַצירן אויפן מאַנפּאַרנאַס, וואָס האָט גע־דויערט שײַנע עטלעכע יאָר, האָט האַרקאַווקע שניידיק פאַרקערעוועט און איז געוואָרן אַ קונסט־פאַרמיטלער. דאָס הייסט: אַ געבעטענער און ניט־געבעטענער אָנבאָטער און פאַרקויפער פון מאָלערייען.

אויפן יידישן מאַרק און אויף יאַרידן, אין די קליינע שטעטלעך, זײַנען אַמאָל די יידישע מעקלער אַרומגעלאָפן מיט שטעקעלעך אין די הענט. דאָ, אויפן פאַרביקן יאַריד פון מאַנפּאַרנאַס, האָבן זיי אָנגענומען אַן אַנדער געשטאַלט. געפליגלטע שניפּסן האָבן זיי געטראָגן, גע־פּאַסקעטע הויזן און גוט־זיצנדיקע שוואַרצע רעקלעך. גערעדט האָבן זיי זייער העפלעך און געקושט ביי דאַמען די לאַקירטע נעגל. דאָס האָט שטאַרק אויסגענומען אין די הייזער פון אויפגעקומענע גבירים און סנאָבן, וואו די דאָזיקע קונסט־מעקלערלעך האָבן זיך געדרייט די ערשטע צייט פון זייער קאַריערע. איינער פון זיי איז געווען מ אַ ק ס ה אַ ר ק אַ װ ק ע.

.4

ניט מיטאַמאָל, נאַטירלעך, איז מיט אים פאָרגעקומען אַזאַ גרינט־לעכע ענדערונג. אין אָנהויב האָט ער זיך גענומען אַרומדרייען מיט ניט־גרויסע לייוונטן פון מאָלערס אונטערן פּאַכווע, ווי אַן אָרעמער מחבר — מיט זײַנעם אַ זאַץ ביכער. די בילדער זײַנען געווען איינגע־וויקלט אין צייטונגס־פּאַפּיר און איבערגעבונדן מיט אַ שפּאַגאַט. ביס־לעכווייז איז דאָס צייטונגס־פּאַפּיר פאַרשוואונדן און פאַרטראָטן געוואָרן דורך אַ פלאַכן טשעמאָדאַן, איינער פון יענע טשעמאָדאַנעס, וואָס זײַנען ענלעך צו אַ גרויסער טעקע און וואָס אַרויפגעאַרבעטע קאָמי־וואָיאַזשאָרן טראָגן מיט זיך מיט. שפּעטער, אַז דער טשעמאָדאַן איז געוואָרן צו־שווער, האָט מען האַרקאַווען אָפּטמאָל געזען פאַרבנדיק אין אַ דראָזשקע, מיט זײַנע מאָלערישע סחורות — צופּוסן... דאָס איז געווען דער ערשטער עטאַפּ פון זײַן איבערגאַנג פון אַ באָהעמע־דיכטער צו אַ קונסט־מעקלער...

www.libtool.com.cn

צוזאַמען מיט אַט די פאַרוואַנדלונגען און ערשטע פאַרדינסטן, האָבן פון מאַקס האַרקאַווען גענומען פאַלן די אַלטע שאָלעכצן, דאָס הייסט: דער דיכטערישער מאַסקאַראַד פון סוף ניינצנטן יאָרהונדערט, וואָס ער האָט אַזוי עקשנותדיק אָפּגעהיט, ווי אַ חסיד — זיינע פאות און קאַפּאָטע. די לאַנגע, פאַרגרויטע האָר, זיינען אַ סך קירצער געוואָרן. דער בלאַסער נאַקן איז געוואָרן פריי און די געלבלעכע אויערן — אויך. די פּעלעריגע איז פאַרשוואונדן, און אַנשטאָט די ברודיקע לייוונטענע שיך האָבן אויפגעגלאַנצט שוואַרצע לאַקירקעס אויף די דינע פיס. אַ פיינער אַנצוגל האָט אַרומגעכאַפּט דעם פאַרוועלקטן גופעלע: אַ שוואַרצער רעקעלע — מיט טאַשמעס אויף די לאַצן, הויזן מיט גרויסע פּאַסקעס, אַ ווייסע געקראַכמאַלעטע העמד. דער צעקנייטשטער קינסטלער־הוט, מיט די גרויסע פאַרפּעטסטע ברעגעס, איז פאַרביטן געוואָרן אויף אַ האַרטן דערבי־קאַפּעליושל — אַ גרוי קאַפּעליושל צוגעפּאַסט צו דער פאַרב פון די הויזן. דאָס איינציקע וואָס איז נאָך האַרקאַווען פאַרבליבן פון זיין פריערדיקן באָהעמע־אַנצוג איז געווען דער שוואַרצער פליענדיקער שניפּס, אין געשטאַלט פון אַ גרויסן פלעדערל מיט אַנגעבלאָזענע פליגלען. נאָר אַצינד איז ער געווען אויסגעבונדן פון עכטן זייד און מיט אַ באַזונדער נאָכלאָזיקער עלעגאַנץ. איין פליגל גרעסער, דער צווייטער — קלענער. און פונקט אַזוי — די עקן. האַרקאַוועס מאַנירן, ווי שוין געזאָגט, האָבן זיך אויך גענומען בייטן. אַנשטאָט דער זויערער מינע — אַ שמייכעלע, אַנשטאָט דאָס שלאָבערדיקע דערלאַנגען די האַנט — אַ שטאַרקן דריק מיט די פינגער און אַ צושאָקלען מיטן קעפּעלע. ער האָט אַפילו אַ קאַפּעלע איבערגעטריבן דעם פראַנקאָ־רוסישן געברויך צו קושן באַקאַנטע דאַמען די הענט. ער האָט זיך דערביי געהויבן אויף די שפּיצן לאַקירטע שיכעלעך. דאָס האָט אָבער שטאַרק אויסגענומען. דאַמען האָבן אים מוחל געווען זיין פאַרוועלקט געזיכט, זיינע געלבלעכע, צו־גרויסע אויערן, די ניט־אַפּעטיטלעכע קנייטשן פון ביידע זייטן נאָז. מען האָט אים גענומען איינלאַדן צו טיי, צוהערן זיך צו זיינע עצות ווי אַזוי צו פאַרשענערן ניי־מעבלירטע וואוינונגען. אָט דאָ, למשל, אין עס־צימער, זיינען נויטיק אַ פּאָר נאַטור־מאָרטס*) אויף די ווענט. דאָס איז נויטיק... נו, ווי זאָל ער זאָגן? ווי אַ פאַרביקער שניפּס צו אַ נייעם אַנצוג... און דאָ, ביים מאַן אין קאַבינעט, פעלן מיניאַטורן, בילדער־מעדאַליאָנען. עס איז ווי אַ בראָשע צו אַ שיינעם האַלדז, — האָט ער טיפּזיניק געגעבן צו פאַרשטיין. און דאָ,

*) געמאָלטע „טויטע זאַכן" — שטיל־לעבנס.

איבערן טיר — אַ פּייזאַזש. אין קינדער־צימער — דער מוטערס פּאָרטרעט... שאַ, ער קען רעקאָמענדירן זיינעם אַ פריינט, אַ באַרימטן מאָלער, וועלכער וועט דאָס מאַכן. און וואָס אָנבאַטרעפט דעם געזעל־שאַפט־צימער און שלאָף־צימער — וועט מען זיך אויך געבן אַן עצה. ער האָט ביי זיך גראָד עטלעכע קליינע לייוונטן... מאָלערייען אַ לאַ סוטין, אַ לאַ פּיקאַסאָ... און דעם נאָמען פּוזשיטאַ האָבן זיי דאָך מסתמא געהערט?.. נו, געוויס, אַן עכטער פּוזשיטאַ אויפן מאָנפּאַרנאַס איז איצט מיט גאָלד גלייך. נאָר אַ גוטע אימיטאַציע איז אויך שיין...

די באַקאַנטע נעמען פון דער יונגער מאָלער־וועלט האָבן אין זיין דינעם מויל געקלונגען געהיימניספול, מיט אַ שושק, ווי אַמאָל, אין דער אַלטער היים, ביי די יידישע מעקלער, וועלכע רוימען איין אַ סוד וועגן תבואה. נאָר עס ווערט אַזוי איינגערוימט, אַז אַלע זאָלן האָרכן:

— איר הערט, איך האָב פאַר אייך אַ וואַגאָן ליינזוימען... מצ... מצ..! אַ מציאה! טרוקן ווי ביין...

אַצינד, מיט אַ דור שפּעטער, אין האַרקאַוויקעס דינע ליפּן, האָט דאָס אָנגענומען אַן אַנדער שעפּטשענדיקן טאָן:

— איך האָב פאַר אייך אַ בילד אַ־לאַ־שאַגאַל... אַן אַנטיק!...

דאָס האָט געווירקט אויף די בירגערלעכע סנאָבן, וואָס ווילן ווייניק אויסגעבן און שעמען זיך אויסצוזאָגן, אַז זיי פאַרשטייען זייער ווייניק, וואָס עס פּאַסט פאַר די ווענט פון זייער גאַסט־צימער און וואָס — ניט; אַז זיי הויבן ניט אָן צו וויסן דעם אונטערשייד צווישן די נעמען וואָס קלינגען אויפן פּאַריזער בולוואַר; אָפטמאָל — דעם אונטערשייד צווישן עכטע לייוונטן און נאָכגעמאַכטע. דער פלאַכער טשעמאָדאַן פון אַ קאָמי־וואָיאַזשאָר קריכט גלייך אַרויס אויף דער סצענע. האַרקאַוויקע טייטשט אַריין. מען מאַכט אַן אָנשטעל, אַז מען פאַרשטייט, מען שטיצט די הייליקע קונסט. מען קויפט און עס גייט אַ גאַנג.

ביסלעכווייז איז מאַקס האַרקאַווע געוואָרן דער פאַרזאָרגער פון ניט־באַהאַוונטע יונגע קינסטלער. אַ מין אימפּרעסאַריאָ, וואָס העלפט מאַכן אויסשטעלונגען, דרוקן קונסט־אַלבאָמען, פאַרבינדן מיט קליינע און גרויסע בילדער־גאַלערייען. לכתחילה, געטאַפּט מיט זיינע באַמער־קונגען און אָנווייזונגען, ווי אַ בלינדער — מיטן שטעקן. דערנאָך, פּאַוואָלינקע, אויפגעעפנט די קורצזיכטיקע אויגן; אַן פרעמדע גע־שמאַק און קריטיק־נאָטיצן אָנגעשאַרפט דאָס טעמפּע צינגעלע. אַ בער לערנט זיך אויך אויס טאַנצן. און ווערן אַ שטיקל מבין אויף קונסט־סחורה, וויסן וואָס עס איז גאַנגבאַר און וואָס — ניט, איז ניט ווער ווייסט וואָס פאַר אַ קונץ... דער סוף איז געווען, אַז מען האָט זיך גענומען

www.libtool.com.cn

צוהערן צו זיין מיינונג. הונגעריקע מאָלער האָבן אים גענומען חנפענען, בעטן אים ער זאָל זיי אַרויסהעלפן, ער זאָל זיי רעקאָמענדירן. און דעם האָנאָראַר ?.. דעם האָנאָראַר טיילן העלפט אויף העלפט. המ... מיט פאַרגעניגן !...

www.libtool.com.cn

אַזעלכע אָנבאָטן האָט ער אָנגענומען מיט אַ מינע פון אַ געפּיעשטשעטער קראַסאַוויצע, וואָס דערלויבט מען זאָל זי ליבן. אויסגעקליבן דאָס בעסטע אין יעטוועדער אַטעליע, מיט אַ צווייטער איינגעחזרטער מינע פון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך איבערגעזעטיקט מיט קונסט און טאַלאַנטן ביז איבערן האַלדז, נאָר ער קען ניט זען דעם צער פון דער יוגנט, פון די ניט־פּראַקטישע מייסטער. ניין, דאָס קען ער ניט !

פון דעם דאָזיקן צער האָט ער זיך געמאַכט אַ גאַנץ פיינעם לעבן. די פאַרדינסטלעך זיינען געוואַקסן. אַ מטבעלע אין באַנק האָט זיך אויך געזאַמלט.

אָפּגעשפּאָרט די ערשטע צען טויזנט פראַנק, האָט זיך האַרקאַווקע מיישב געווען: אויף וואָס טויג אים טיילן זיך מיט די יונגע קינסטלער האַלב אויף האַלב, אַז ער קען פאַרדינען פינף־און־זיבעציק פון הונדערט ? און פאַר וואָס טאַקע ניט די גאַנצע אַכציק ?... האָט ער מיט זיין קליינעם קאַפּיטאַלכעלע גענומען אויפקויפן אַזעלכע בילדער, וועלכע ער קען אָפּזעצן, ביי פּושערס און סנאָבן, אַלס מאָדערנע קונסט, אין אַ סאָוס פון אַ גרויסן מאָלערישן נאָמען. ניט מאָדעליאַני — נאָר מאָדעליאַניס אַ תלמיד. ניט פּוזשיטאַ — נאָר פון פּוזשיטאַס חדר. דאָס איז אַ פּרימיטיוו ניט ערגער ווי רוסאָ. און יענץ איז פון פּיקאַסאָס אַ נאָכפאָלגער... אַזוי זאָגן אַלע.

די דאָזיקע „אַזוי־ווי"־בילדער האָט ער אויפגעקויפט ביי די יונגע, אָפּטמאָל זייער טאַלאַנטפולע מאָלער; אויפגעקויפט פאַר אַ זייער באַשיידענער סומע, אַ ציפער מיט צוויי נולן. און ביים פאַרקויפן צוגעשטעלט נאָר איין נול... אין די הייזער פון די אויפגעקומענע נגידים האָט ער דערביי געמאַכט דעם מידן שמייכל פון אַ מענטשן, וואָס זיין גאַנצער מיין איז נאָר צו שטיצן קונסט און פּראָטעזשירן טאַלאַנטן. מער ווי דאָס וויל ער ניט... און זיינע געשעפטן האָבן זיך צעבליט.

.5

ניטאָ אָבער קיין דויערנדיקע סודות אויפן מאָנפּאַרנאַס. אינגיכן האָט מען זיך דערוואוסט פאַר וועלכע פרייזן האַרקאַווקע קויפט אויף אַלע זיינע מציאות און פאַר וועלכע ער פאַרקויפט זיי. די אָפּגענאַרטע

מאָלער זיינען געוואָרן צוריקגעצויגענער. אין זייערע אויגן האָט דער www.libtool.com.cn
בעל־טובה גענומען באַמערקן דעם בליאַסק פון באַהאַלטענער שנאה. אייניקע האָבן אויך גאַנץ אָפן געסטראַשעט אַז זיי וועלן זיך ווענדן צו די קונדן. זאָלן יענע אויך וויסן דעם ריכטיקן פרייז... האָט זיך האַרקאַווקע דערשראָקן און גענומען פאַרלויפן דעם וועג. דאָס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איינהאַנדלענדיק אַ מציאה, האָט ער זיך אַליין פאַרענטפערט ביי דעם אָדער יענעם אָרעמען מאָלער, אַז... געוויס! קיין ריכטיקער פרייז איז דאָס ניט, דער ריכטיקער פרייז וועט קומען שפּעטער, ביים צווייטן און דריטן פאַרקויף. צום ערשטן מאָל, אָבער, מוזן נאָך אויפן לייוונט געלייגט ווערן ספּעציעלע הוצאות, עס מוז אַגיטירט ווערן, עס מוז, ווי געהעריק, איינגעראַמט ווערן, כדי מען זאָל דאָס קענען אָנבאָטן אויפן ריכטיקן אָרט. אָט, אַז דאָס בילד וועט בלייבן הענגען אין אַ געוויסער הויז, וואו עס פאַרקערן געוויסע לייט פון דער בעסטער געזעלשאַפט, דעמאָלט...

וואָס דעמאָלט וועט געשען האָט האַרקאַווקע קיינמאָל ניט דערזאָגט. ער פלעגט נאָר פאַרגלאָצן די זויערלעכע אויגן צו דעם אויבערשטן פענצטער פון דער מאַנזאַרדע; און דער „באַאַרבעטער" מאָלער האָט שוין פאַרשטאַנען, מיט זיין אייגענעם שכל, וואָס דעמאָלט וועט זיך טאָן. אַ באַזונדער צויבער האָבן געהאַט די געהיימניספולע „געוויסע" הייזער און די „געוויסע" לייט. ניט מיט געלט צו באַצאָלן אַזאַ פערמאַנענטע אויסשטעלונג, אַזאַ שטענדיקע רעקלאַמע!

ניט נאָר קליינע העכט, נאָר אויך גאַנץ באַדייטנדיקע טאַלאַנטן פון מאָנפּאַרנאַס, גוטע מאלער און שלעכטע סוחרים, זיינען געגאַנגען אויף האַרקאַוועס ווענטקע. זיי האָבן זיך פאַרשאַכערט פאַר מאָגערע פראַנקן און אַוועקגעזעצט זיך וואַרטן אויף כבוד און פאַרדינסטן. זיי האָבן לאַנג געוואַרט. דערווייל־וואָס זיינען די ווענט פון די „געוויסע" הייזער באַדעקט געוואָרן מיט זייערע בעסטע קאָמפּאָזיציעס, און האַרקאַוועס קאָנטאָ אין באַנק איז געוואַקסן.

אַצינד האָט ער זיך שוין מיט פּאַריז אַליין ניט באַנוגנט. קיין לאָנדאָן איז סך־הכל זעקס שעה צו פאָרן. און די שווערע ענגלישע פונטן זיינען אַ סך אינטערעסאַנטער ווי די פּאַפּירענע פראַנקן. ער האָט דאָרטן פאַרבונדן באַקאַנטשאַפט, געפירט קאַסטנס מיט פּאַריזער לייוונטן, געצאָלט גרענעץ־טאַקסע און איינגעראַמט די בילדער אין לאָנדאָן. עס האָט זיך געלוינט... פון די ענגלישע פונטן האָבן די מאָלער פונקט אַזוי ווייניק געהאַט, ווי פון די פראַנצויזישע פראַנקן.

www.libtool.com.cn

אַצינד איז געקומען די צייט אַרויסצוטראָגן אין דער עפנטלעכקייט יענעם סוד, וואָס ער, האַרקאַווקע, האָט געטראָגן אויפן פּנים, נאָך איידער ער איז געוואָרן אַ מעקלער פון קונסט־בילדער. דאָס הייסט: אַז ער אַליין שאַפט עפּעס אויך שטילערהייט. און ניט היינט־מאָרגן וועט זיך די וועלט דערוויסן און שטוינען...

די דאָזיקע שאַפעכץ, פון וועלכער מאָנפּאַרנאַס האָט, אין משך פון יאָרן, געהערט מיטביידע אויערן און ניט זוכה געווען צו זען אַפילו מיט איין אויג, האָט זיך באַוויזן אין פאָרם פון אַ דינעם קוואַרטאָ־בוך, ניט קיין אַלבאָם, ניט קיין לידער־זאַמלונג, נאָר ביידע זאַכן צוזאַמען. יעדער בלאַט רעכטס — אַ ליד פון דריי ביז פינף קופּלעטן, און יעטוועדער לינקער בלאַט — אַן אילוסטראַציע צום ליד. אַרום און אַרום — אַ וועלכענע פינף־און־צוואַנציק לידער און פונקט אַזויפיל קינסטלערישע אילוסטראַציעס, אויסער דעם שער־בלאַט און איינבאַנד. די צוויי און אַ האַלב צענדליק לידער — דאָס זיינען געווען די „פּרוכט״ פון האַרקאַוועס פּעדער, אָדער דאָס שאַפעכץ וואָס האָט זיך ביי אים לאַנג־לאַנג געשאַפן; די באַגולדעטע אייער וואָס ער איז אויסגעזעסן אין משך פון צוואַנציק יאָר, פריער אין אָרעמקייט, דערנאָך אין וואוילהאַבענקייט. און די אילוסטראַציעס? יאָ, די אילוסטראַציעס זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען ניט זיינע, נאָר אויסגעשנאָרעטע, אָדער האַלב־אומזיסט באַשטעלטע צייכענונגען פון באַקאַנטע מאָלער. דער הויפּט־נדן, וואָס ער האָט יענע מאָלער אָנגעגעבן, איז געווען דאָס, וואָס זייערע צייכענונגען וועלן פּראַכטפול געדרוקט ווערן צוזאַמען מיט זיינע לידער און וועלן זיך אין „געוויסע״ קרייזן צעגיין אין די טויזנטער... ניט קיין קליינע רעקלאַמע!..

האַרקאַווקעס אייגענער חשבון איז געווען אַ פּשוטער: אויב זיינע לידער וועלן ניט אויסנעמען, וועלן אויסנעמען די אילוסטראַציעס... און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס ריכטיק. מען האָט שטאַרק געלויבט די אויסגאַבע און די צייכענונגען און אַגב דערמאָנט דעם דיכטערס נאָמען אויך. מאַנכע נאָטיצן האָבן אַפילו באַטאָנט, אַז די לידער זיינען, ווייזט אויס, געשריבן געוואָרן צוליב די צייכענונגען און ניט פאַרקערט... דאָס איז געווען אַ ביסל ניט־אָנגענעם. נאָר דער דיכטער האָט דאָס אַראָפּגעשלונגען און געמאַכט אַ שווייג. דער זאַמלבוך־אַלבאָם איז דערווייל געגאַנגען ניט שלעכט. אַנדערש האָט דאָס גאָר ניט געקענט זיין. וואָרעם די אַלע יענע קונדן, וועמען האַרקאַווקע האָט אַמאָל פאַרקויפט אַ בילד, האָט ער צוגעשיקט אַ קאָפּיע פון בוך „פאַר האַלבן פרייז״.

www.libtool.com.cn

כמעט קיינער האָט ניט אָפּגעשיקט צוריק און פריער אָדער שפּעטער באַצאָלט. און סתּם אַזוי, בשעת מעקלערן אין די „געוויסע“ הייזער, מיט „געוויסע“ לייט, וועגן קויפן אַ נייעם לייוונט, רוקט מען אונטער די אילוסטרירטע לידער־זאַמלונג אַלס אַ פּרעמיע, מייסטנס — גאַנץ אומזיסט, מיט אַ רעספּעקטפולן צושריפט און מיט אַ געצאַצקעטער חתימה. אויך דערביי לייגט מען ניט צו. מיט סתּם אַ פּאַרמיטלער דינגט מען זיך. ביי אַ דיכטער־פּאַרמיטלער שעמט מען זיך אַ קאַפּעלע אַראָפּצודינגען. מען צאָלט פאַר דער מאָנפּאַרנאַסער סחורה אַ ביסעלע טייערער און די אילוסטרירטע לידער־זאַמלונג לייגט מען אַוועק אויף אַ ווינקל־טישעלע, אין גאַסט־צימער. זאָלן לייט בלעטערן.

די אָריגינאַלן פון די אילוסטראַציעס זיינען אויך עפּעס ווערט. האַרקאַווקע לאָזט קיין זאַך ניט גיין אין ניוועץ. די בעסטע נעמט ער צו פאַר זיך, באַפּוצט מיט זיי זיין דירהלע אין פּאַריזער לאַטייַנישן קוואַרטאַל. די אַנדערע — ראַמט ער איין, אין באַגולדעטע רעמעלעך אונטער גלאָז, און פאַרקויפט זיי. דאָס דעקט אַלע הוצאות פון זיין לידער־אויסגאַבע. עפּעס בלייבט אים נאָך צושטייער.

אַזוי אַרום צעגייט זיך די ערשטע אויפלאַגע, פון דער לאַנג־יאָריקער שאַפּעכץ, גאַנץ גיך. פאַר האַרקאַוועס פּרעסטיזש איז דאָס מער ווי גענוג. זיין מידער שמייכעלע פון אַ מאָדערנעם „טשאַילד־האַראָלד“*) — אַ צוגעלעגענער העלד, וואָס האָט זיך, כלומרשט, איבער־געגעסן מיט אַלע וואוילטאָגן און גדולות פון דער וועלט. דער דאָזיקער שמייכעלע ווערט נאָך מאַטער, צעצויגענער. דער פליענדיקער פלעדערל־שניפּס — נאָך אָנגעבלאָזענער.

מיט צוויי קרוינען גייט ער אַצינד אַרום אויפן מאָנפּאַרנאַס: מיט אַ דיכטער־קרוין און מיט אַ קרוינדל פון אַ קונסט־פּאַרזאָרגער. זיין קאַריערע הייבט זיך ערשט אָן. איז גראָד אַצינד מאַכט זיך אַזוי, אַז סאָניאַ, דוויד ברינס שיינע פרוי, באַקענט זיך נעענטער מיטן העלד. זי פאַראינטערעסירט זיך מיט זיין אילוסטרירטער פּאָעזיע. זי האָט אויך בדעה צו פּראָטעזשירן דורך אים די אַרבעט פון איר שטאָלצן מאַן. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז מאַקס האַרקאַווקע ווערט אַריינגעפירט אין דוויד ברינס אַטעליע און גייט אַ טריט ווייטער.

---

*) לאָרד בייראָנס אַ באַרימטע פּאָעמע.

צווייטער קאַפּיטל

www.libtool.com.cn

סאָניא

.1

ביי דעם זעלבן מאַקס האַרקאַווקע, וואָס האָט די לעצטע צייט געהאַט צו פאַרצייכענען אַזוי פיל דערפאָלג, סיי אַלס קונסט־מעקלער און סיי אַלס דיכטער, האָבן די קאָלעגן פון מאַנפאַרנאַס באַמערקט נאָר איין ניט־נאָרמאַלע זאַך: דער דריטער דערפאָלג זיינער, וועלכער שפּילט אין דער קאַריערע פון באַגאַבטע מענער די גרעסטע ראָלע, דאָס הייסט: דער דערפאָלג ביי ווייבער, דער דאָזיקער דערפאָלג־פון־אַלע־דערפאָלגן האָלט ביים גליקלעכן דיכטער ניט אָן. עס שטייגט נאָר ביז אַ געוויסן גראַד און ביז אַ געוויסן מאָמענט. דערנאָך פאַלט דאָס ווי קוועק־זילבער אין טערמאָמעטער, ווען דער וועטער שלאָגט אום. די פרויען, וועלכע האַרקאַווע באַצויבערט, לכתחילה, מיט זיין „שליאַכעטנער" באַנעמונג, מיט דער דיכטער־קרוין פון פינף־און־צוואַנציק אילוסטרירטע לידער און מיט דער קלינגענדיקער קעשענע פון אַ פאַרדינער, — די זעלבע פרויען ווערען עפּעס, נאָך אַ געוויסער צייט, שווייגנדיק; דערנאָך — קיל. דערנאָך זעצן זיי זיך ניט מער ביי זיין טישל אין קאַפע „ראָטאָנד" אָדער אין קאַפע „דאָם", נאָר מיט עטלעכע טישלעך ווייטער. זיי זיצן און ריידן מיט אַנדערע באַקאַנטע און אָבסערווירן האַרקאַווען פון דער ווייטנס, מיט אַ קרומינקן קוקעלע און מיט אַ שמייכעלע וואָס האָט אין זיך אַ קאַפּעלע ווייבערשע רחמנות און אַ ביסעלע גרינגשאַצונג.

און ווען באַקאַנטע וואונדערן זיך אויף אַזאַ ענדערונג: סטייטש? נאָך גאָר דאָ ניט לאַנג זענט איר דאָך מיט מאַקסן געווען ווי אַ טיר מיט אַ קליאַמקע... לאָזן די אויסגעפרעגטע דאַמען אַראָפּ די שיינע אויגן און אַ וואָרט לאָזן זיי פאַלן: אַז זיי, פון זייער זייט, פאַרגינען דאָס אַנדערע דאַמען, וועלכע האָבן דאָס גליק צו באַצויבערן און באַצויבערט צו ווערן פון דעם אַפּגעפּאָרענעם דיכטער און גרויסן קונסט־מבין. „אואי, מאָסיע!*) ווער איז זיי מקנא... ווער עס איז מקנא אפילו אָט יענער בלאָנד־האָריקער, וועלכע קוקט אים אין די אויגן אַריין און גאַפט... יאָ, ווער עס איז איר מקנא, ביי יענעם זאָל וואַקסן האָר אויף די דלאָניעס...

— אַזוי, אַזוי?.. און ווער איז דאָס, די הויכע דאַמע מיטן קליינעם קאַפּ, מיט די שווערע גאָלדענע צעפּ אונטערן שוואַרצן היטעלע?

*) אין פראַנצויזיש דאָס זעלבע ווי „יעס, סער!" אין ענגליש.

— אַ נייער קרבן איז דאָס. גאַנץ מאָנפּאַרנאַס ווייסט דאָס שוין, אויסער איר אייגענער מאַן. דאָס איז דאָך סאָניאַ, דעם מאָלער ברינס ווייב. וואָס שניידט זיך אַליין אויף אַ מאָלערין. דער מאַן גלויבט ניט אין איר מאָלעניש, זוכט זי קרעדיט ביי אַנדערע...

נאָך דער באַגייסטערונג, וואָס די זעלבע דאַמען האָבן זיך, נאָך אַנומעלטן, באַגייסטערט פון האַרקאַווקעס באַנעמען, פון זיינע ברייט־האַרציקע קאָמפּלימענטן, זיינען אַזעלכע שטעכווערטלעך געווען אַ מאָד־נער צוריקפּאַל, אַ בומעראַנג וואָס ווערט געוואָרפן און געכאַפּט צוריק, מיט איין און דעם זעלבן געלעכטערל ביי די אַנטוישטע מאָנפּאַרנאַס־העלדינען. דאָס איז לסוף געוואָרן אַזוי אויפפאַלנדיק, אַז אָרעמע קינסטלער, וועלכע זיינען געווען אָנגעוויזן אויף האַרקאַוועס טובות, האָבן אויפגעהערט מורא צו האָבן פאַר דעם צווייפלהאַפטן „פּאַר־פירער”. פאַרקערט, זיי האָבן נאָך צוגעגעבן מוט זייערע שטיפערישע מאָדעלקעס, זייערע אייגענע פרויען. מיטן פריילעכן ציניזם, וואָס איז אַזוי באַקאַנט אויפן מאָנפּאַרנאַס, געגעבן זיי פרייע הענט, זיי זאָלן ווירקן אויפן „צוגעלעגענעם” קונסט־קענער, ער זאָל גיין פאַרקויפן עטלעכע פון זייערע נייע בילדער... עט, ער איז ניט געפערלעך! העכסטנס קען דאָס אויסגיין צו אַ ביסל מער אָדער ווייניקער פלירט. ס'איז ווי פרעמדע ליפּן אויף אַ גלאָז. מען גיט אַ שווענק אָפּ און מען גיסט אָן פרישן טיי. אַלע זאָלן געווען זיין איבער־עמפּינדלעך, וואָלט מען געדאַרפט צומאַכן אַלע קאַפע־הייזער און אַלע ווייַן־קעלערס...

האָט זיך אָבער גראָד געדאַרפט מאַכן אַזוי, אַז ווען אָט דער צו־פרי־פאַרוועלקטער קאַוואַליער און מידער דיכטער האָט אָנגעטראָפן אויף ברינס ווייב, האָט זי זיך דעמאָלט געפונען אין אַ צושטאַנד פון גייסטיקער צערודערונג. די וואונקען, וועלכע ווערן געצילט צו איר און האַרקאַוועס טישל אין קאַפע „ראָטאָנד”, האָט זי ניט געמערקט; די שטעכווערטלעך און זייער צווייַדייטיקן מיין האָט זי ניט פאַרשטאַנען. אַ דורשטיקע האָט זי אויפגעכאַפּט און איינגעזויגן אין זיך האַרקאַוועס וואַסערדיקע קאָמפּלימענטן, און איר באַקאַנטשאַפט מיט אים האָט באַלד אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדער ווענדונג. אַ קער אויף לינקס האָט דאָס אָנגענומען.

דער שאַרף־אויגיקער מאָנפּאַרנאַס האָט איר צושטאַנד ריכטיק אָפּגעשאַצט. פריער, ווי איר מאַן און ווי זי אַליין, האָט דאָס די באַהעמיע פאַרשטאַנען. סאָניאַ האָט, זינט אַ געוויסער צייט, געלעבט מער אין אַ וועלט פון איינבילדונג ווי אין ווירקלעכקייט. זי האָט איבערגעטריבן אירע אייגענע פעאיקייטן און איר דענקען, געהאַט אפילו פאַרדאַכטן אויף איר מאַנס אויפריכטיקייט בנוגע צו איר און צו א י ר טאַלאַנט...

האָט זי דערפאַר אָנגענומען מעש פאַר גאָלד און יערונג פאַר קאָכעדיק בלוט. איר איינגעליבטקייט אין האַרקאָווקען איז דערפאַר געגאַנגען טיפער ווי ביי די אַנדערע, און איר גלויבן אין אים האָט אָנגעהאַלטן לענגער. אַזוי אַרום איז דאָס ווייגלאָז ניט נאָר באַפלעקט געוואָרן, נאָר אויך אָנגעשפּאָלטן געוואָרן. ביים ערשטן שווענקען דאָס, מיט הייס וואַסער, איז עס אינגאַנצן צעפאַלן. און מיט דעם צוזאַמען — דאָס לעבן פון דויד ברין און סאָניאַן אַלס מאַן און ווייב.

.2

אין דער נאַטור איז דאָס קיין נייס ניט, אַז אַ הייסער שטראַל גיט אַ לעבלעכן רעפלעקס, און אַ ליכטיקע פאַרב — אַ טאָפּל אָפּשיין. אַ העך־לער רעגנבויגן רופט אַרויס אַ צווייטן. אמת, דער „צווייטער" איז אַלעמאָל שיטער, ניט־ממשותדיק. עס איז אָבער פאַרט אַ צווייטער רעגנבויגן. קינדער זיינען דערפון פאַרחושט; פּראָסטע מענטשן, וואָס קענען ניט די נאַטור־געזעצן, קוקן דאָס אָן ווי אַ וואונדער, עפּעס ווי דער אמתער רעגנבויגן גופא וואָלט קיין וואונדער ניט געווען...

אין לעבן בלייבט עס ניט ביי באַוואונדערונג אַליין. אין לעבן נעמט זיך, אָפּטמאָל, אָן דער אָפּשיין מיט וואַזשנעקייט, הויבט זיך אָן אַליין אָנקוקן אין שפּיגל ווי דאָס עכטע; און דעם אָריגינאַל, וואָס גיט אים דאָס טאָפּל־ליכט און קראַפט צו זיין עקזיסטענץ, באַטראַכט ער אַלס דעם ניט־ממשותדיקן טייל, דעם מיטגייער, דעם שאָטן פון עפּעקט.

עס איז קיין נייס ניט, אַז אַ ברודער פון אַ באַגאַבטן חזן ציקלט זיך אויך און האַלט, אַז דער עכטער איז ער, די בעסערע שטים האָט ער; נאָר זיין ברודער האָט מער גליק, קען זיך בעסער אַריינפּאַסן און מאַכן זיך באַליבט... קרובים פון באַרימטע מאָלער שמירן אויך. מיט די זעלבע פּינזלעך, דאַכט זיך, און מיט די זעלבע פאַרבן באַדעקן זיי אויס־געצייכנטע נייע לייוונטן, און כעסן זיך דאָס גאַנצע לעבן וואָס קיינער קוקט זיך אויף זיי ניט אום. דאָס זעלבע קומט פאַר מיט זין און קוזינס, מיט נאָך ווייטערע קרובים פון טאַלאַנטן. דער דראַנג פון נאָכטאָן דעם „עכטן" ליגט אָפּנים אין בלוט, אין דער דערציאונג, אָדער דאָס געפינען זיך תמיד אין דער אַטמאָספער פון די זעלבע געוואוינהייטן און געשמאַקן. מען קוקט אויף אַזעלכע אָפּשיינונגען מיט אַ שמייכל. מען פאַרשטייט זיי.* און פאַרשטיין הייסט: מוחל זיין.

אַ סך ערגער איז, ווען דער „אָפּשיין" איז דאָס אייגענע ווייב; ווען דאָס ליכט רופט אַרויס אַ רעפלעקס ביי דער בעסערער העלפט,

װעלכע שטאַמט, מייסטנס, פֿון אַן אַנדער סבֿיבֿה און פֿון אַן אַנדער װעלט.
www.libtool.com.cn
שלעכט איז, װען די פֿרוי פֿון אַ באַרימטן מוזיקער דערפֿילט אין זיך מיטאַמאָל שעפֿערישע קרעפֿטן; װען די איבערגעגעבענע לעבנס־באַגלייטערין פֿון אַ דיכטער הויבט אָן שרייבן שלעכטע לידער; װען די געליבטע פֿון אַ באַגאַבטן מאָלער פֿאַרשאַפֿט זיך אַ פּאַליטרע מיט פֿאַרבן און הויבט אָן פּינזלען פּונקט װי איר געליבטער, און גראָד דעמאָלט, װען ביים געליבטן חלשט דאָס האַרץ. מיטאָג־צייט, צום ביישפּיל... אָ, אַזעלכע רעפֿלעקסן קען מען שוין ניט אָפּפּטרן מיט אַ שמייכעלע, מיט אַ גוטמוטיקן קאָפּ־שאָקלען. און קיין גוטס קומט פֿון דעם קיינמאָל ניט אַרויס.

הויבן הויבט זיך דאָס אַלעמאָל אָן מיט אַ צייט־פֿאַרטרייב, מיט אַ שפּיל. דערנאָך װערט דאָס ערנסטער. דער מאַן לערנט מיט זיין װייב די ערשטע צייט, װי מען לערנט אלף־בית מיט אַ קינד. אַ מלאך װאַרפֿט צוקערקעס. זיסע ליב־װערטער פֿאַלן װי פֿון הימל־אַראָפּ. דערנאָך װערט דער לערער שטרענגער. ער דעקט אויף פֿעלערן. ער בייזערט זיך און בעט זיך איבער, נעמט אָן דאָס אומזיכערע הענטעלע און פֿירט און בעסערט אויס און פֿאַרקיילעכדיקט. סוף־כּל־סוף װערט ער מיד פֿון אַזאַ מלמדות און לאָזט דאָס גיין װי עס גייט. שלאָג זיך דורך, הייסט עס, אַליין! איך אַליין האָב זיך אויך דורכגעשלאָגן...

דאָס דורכשלאָגעניש הויבט זיך אָן און פֿאַרסמט ביסלעכװייז דאָס לעבן־צוזאַמען. עס הויבט זיך אָן מיט לייכטער קנאה פֿון דעם שװאַכערן צד, גייט איבער אין שטעכװערטלעך און דערגייט ביז קריגערייען. דער שטאַרקערער צד באַהאַלט פֿריער זיין אָפּלאַכערישע באַציאונג, דערנאָך לאָזט ער פֿאַלן אַ װאָרט, דערנאָך װאָרנט ער, אַז „פֿון דעם" װעט גאָרנישט אַרויסקומען. אָן עבֿירה די צייט... ביי דעם שװאַכערן צד איז דער אָפּקלאַנג אַ גאַנץ אַנדערער. פֿריער — טרערן און קװענקלעניש, דערנאָך — פֿאַרדרוס, דערנאָך — באַהאַלטענע פֿאַרדאַכטן, אַז דער מאַן פֿאַרגינט ניט; אַז ער און נאָר ער שטייט דאָ אין װעג מיט זיינע ספּעציעל־מאַנצבילשע רעכט, מיט זיין װילן פֿון עלטערן און אור־עלטערן צו הערשן איבערן שװאַכערן מין, נעבעך... דאָס פֿולע גייסטיקע לעבן פֿון דעם פֿריער־באַװאונדערטן מאַן הויבט אָן, אַזאַ פֿרוי, צו װערן לאַנגװייליק. זיין ערנסטקייט הויבט איר אָן אויסצוזען װי אָנגעבלאָזנקייט, זיין הומאָר — װי ציניזם, זיין װילן — װי ברוטאַלישקייט און די פֿלייסיקייט און עקשנות, װאָס ער לייגט אַריין אין זיין אַרבעט — װי ריינער עגאָאיזם. מער װי זיך אַליין, הייסט דאָס, זעט ער קיינעם ניט...

די פֿיזישע שװאַכקייט און גייסטיקע אומבאַהאָלפֿנקייט, װעלכע

מאַכן געוויינטלעכע פּרויען טאָפּל־ליב און צווייפאַד אַנציענדיק, הויבט
אַזאַ פּרוי אָן צו פילן ווי אַ פּוסטקייט, אין וועלכער עמעצער איז שול־
דיק. און ווער איז דער עמעצער, אויב ניט דער אייגענער מאַן? ער
און נאָר ער האָט זי עקספּלואַטירט פון דער חתונה אָן, געמאַכט זי פאַר
זיין דינסט, אויסגעזויגן און איבערגעלאָזן איר די פּוסטע שאָלעכץ פון
ווירטשאַפט און אַנדערע ווייבערישע פליכטן. כדי באַרימט צו ווערן,
האָט ער זי קליין געמאַכט; כדי אַליין צו לויכטן — באַהאַלטן זי אין
שאָטן. מוחל אויפן מוטערלעכן שטאָלץ צו דינען אַזאַ געהויבענעם זכר!
גענוג צו ניאַנטשען זיך מיט אָט דעם גרויסן, אין גרונט גענומען —
אומבאַהאָלפענעם און ניט אַלעמאָל זויבערן קינד. איך, זיין ווייב, וויל
אים מער ניט דינען ווי אַ פּאַליטרע, אויף וועלכער ער לייגט זיינע רויע
פאַרבן און פאַרשמירט און פאַרפּעטסט מיין פּערזאָן. איך וויל אַליין זיין
די לעבעדיקע האַנט מיטן פּינזל. איך וויל אַליין שאַפן...

.3

דאָס ענלעכע האָט אויך געטראָפן אין דויד ברינס אַטעליע.
סאָניאָ, זיין ווייב, האָט ער, מיט דריי יאָר צוריק, אויסגעזוכט צווישן
צענדליקער פרויען און מיידלעך, וואָס ער האָט געקענט. ער האָט זי ליב
באַקומען פאַר איר קלוגשאַפט, פאַר איר פרישקייט און פאַר דער באַזונ־
דערער ווייבלעכקייט וואָס איז געווען אויסגעגאָסן אויף איר גאַנצן וועזן.
קיין באַזונדערע שיינהייט איז זי ניט געווען. דער קאָפּ — אַ ביסעלע צו־
קליין, די נאָז — ניט פּראָפּאָרציאָנעל מיטן לענגלעכן געזיכט. נאָר דער
שאַרם אירער, אין געשלענגל פון די ליפּן, אין פריילעכן קוק, אין דער
ווייכער באַוועגונג פון די היפּטן, איז געווען יענס פעפערל, וואָס גע־
פעלט מענער אַ סך מער ווי קלאַסישע אָבער קילע שיינקייט. אין
סאָניאָס אַנטאָן זיך איז קיין איבעריק גוטער געשמאַק ניט געווען.
ברין האָט אַפילו געהאַט פאַרדאַכטן, אַז דאָס שטאַמט, ביי סאָניאַן,
פון בירגערלעכע געוואוינהייטן, פון באַלעבאַטישן קאָנסערוואַטיזם. און
פון דער צווייטער זייט — די אייביקע ווייבערישע מורא ניט יוצא צו זיין
פאַר דער מאָדע... פון דעם האָט זיך ביי סאָניאַן באַקומען אַ געמיש
פון איבערגעטריבענער פּראַסטקייט און שרייענדיקע פאַרבן. גלאַטע
שוואַרצע אָדער גרויע אַנצוגן פון אַ קורסיסטקע און פּרעטענציעזע שיך
און היטעלעך מיט שרייענדיקע שאַלן. אָבער ער האָט דאָס איר מוחל
געווען, ווייל ער איז געווען פאַרליבט. אָט, נאָך דער חתונה וועט זיך דאָס
אויסגלייכן, האָט ער געטראַכט. זי וועט לערנען דעם ווייכן איבער־

www.libtool.com.cn

גאַנג פון שאַטירונגען און ניואַנסן, וואָס איז אַזוי וואונדערבאַר איז דער נאַטור אַזוי ווי אין דער קונסט. די קאָמפּאָזיציע פון יאָדער און שאָלעכץ וועט זי לערנען, פון לייב און קלייד, וואָס די פראַנצויזן האָבן דערפירט צו אַזאַ ראַפינירטער פיינקייט.

אָבער אויך נאָך דער חתונה האָט זי דאָס ריכטיק ניט געלערנט...

אַזוי ווייט פאָרויס־צו־זען האָט ברין ניט געקענט. דער מאַטעריאַל איז געווען אַ גוטער. שלאַנק איז סאָניאַ געווען און בויגיק, אַ ביסעלע העכער פאַר אים. האָבן אים דערפאַר אירע גרויע אויגן אָנגעקוקט ווי דורך שפּעלטעלעך. זייער פריילעכער גנאָד האָט זיך אויף אים געגאָסן ווי פון אויבן אַראָפּ, פון אַ העכערער וועלט... אַזוי ווייניקסטנס האָט זיך אים אויסגעדוכט אין זיין הייסער פאַרליבטקייט. די קליינע אויערן און די יידיש־לענגלעכע נאָז זיינען געווען אַזוי צאַרט און דין, אַז יעדע מער־ווייניק שטאַרקערע ליכטיקייט האָט זיי דורכגעדרונגען, געמאַכט דורכזיכטיק ווי רויטלעכן אַלעבאַסטער. די האָר — גלאַטע, גאָלדיקע מיט אַ קופּערנעם שימער, און שווער און קיל, ווי פון אַן איידל־מעטאַל געצויגענע פעדעמער. זי האָט זיי בשום אופן ניט געוואָלט אָפּשניידן לויט דער מאָדע נאָך. ביי טאָג האָט זי זיי געטראָגן ווי אַ קוניציקן, אַלטפרענקישן געפלעכט, אונטער איר שוואַרצן מאָדערנעם היטעלע מיט קונסט־רויזן באַפּוצט. און ביינאַכט פלעגט זי זיי, צוליב באַקוועמלעכקייט, פאַרפלעכטן אין איין לאַנגן דיקן צאָפּ. פון דער בייטאָגיקער קרוין איז אין עטלעכע מינוט געוואָרן אַ שווערער צעפּטער. און ער פלעגט אַזוי רייך אַראָפּהענגען איבער איר לאַנגן זיידענעם נאַכט־העמד, אויספּילן דעם ווייכן שרונט צווישן אירע שלאַנקע לאָפּעטקעס.

דאָס צוזאַמענגעפלאָכטענע גאָלד, פון אַזאַ מאַסע האָר, האָט אַלעמאָל אַראָפּגעבויגן איר לייכטן קאָפּ אויף צוריק. דאָס האָט געוועלבט אירע בריסט און גראַציעז געמאַכט איר הויכע פיגור. אַזאַ נאַכטיקע געשטאַלט, וואָס איז אין אייניקע מינוטן אויסגעוואַקסן, אין דער האַלב־טונקעלער אַטעליע, ווי אַ ריזיקע ליליע, פלעגט אָפטמאָל דויד ברינען טרעפן ווי אַ בליץ. פון וואַנען האָבן זיך צו אָט דער ווייב גענומען מיטאַמאָל אַזעלכע מאַיעסטעטישע ליניעס, אַזאַ קלאַסישע איינפאַכקייט, אַזאַ האַרמאָניע פון גאָלד־טענער און ווייס, פון לעבעדיקע האָר און זיידיקן שטאָף? אַלטע מייסטער פון האָלביינס שול האָבן אַמאָל געמאָלן אַזעלכע מאַדאָנעס, צו וועלכע מען האָט זיך דערנאָך געבוקט, די ראַמען געקושט... אַ רעליגיעזער, אומבאַקאַנטער שרעק פלעגט ברינען באַפאַלן, אַ פרעמדער, ניט־יידישער עקסטאַז. און אַ זיס־אונטערטעניקטער פלעגט ער זיך אַראָפּלאָזן צו די נאַקעטע פיס פון זיין פרוי און זיי געקושט, דערנאָך

www.libtoor.com.cn

אויפגעהויבן זיך ביז די קני אירע און ווידער געקושט, דערנאָך — די היפטן, די בריסט, די פּלייצעס. געוויקלט אין די ווייכע פאַלדן פון נאַכט־העמד האָבן זיי אַלע געהאַט אַ באַזונדערן רייץ. דאָס איז געווען אַ גאַנצע גאַמע פון ליידנשאַפטלעכע טעמים, וואָס זיינען נאָך האַלב־פאַרבאָטן, האַלב־פאַרשלייערט און שטייגן אַלץ העכער און העכער... אַזוי פלעגט זיך ברין דערקלייבן צו זיין ווייבס צעשמייכלטע און דאָך שטרענגע ליפּן — דער העכסטער פּונקט פון איר נאָכגיביקער און דאָך ווידערשפּעניקער שיינקייט. און געדוכט האָט זיך אים דערביי, אַז זיין פאַרליבטקייט דערהויבט זיך און וואַקסט צוזאַמען מיט ז י י ן דער־הויבן זיך פון אירע קילע פיס ביז אירע האַלב־אָפענע הייסע ליפּן: פריער מיט מורא, דערנאָך מיט האָפענונג, דערנאָך מיט זיכערקייט, דערנאָך מיטן הארטן ווילן פון אַ מאַן, ווען עס איז אַלץ דערלויבט.

ער האָט דערביי, אין קורצן, איבערגעלעבט אַלע פאַרוואַנדלונגען פון זיין ליבע צו איר ביז צו דער חתונה. לכתחילה שרעקעוודיק, ניט געגלויבט אַז זי וועט זיין זיינע, ווי אַ גייסטיק־אָרעמער פאַרלאָרן זיך אין איר שאָטן. דערנאָך איר ערשטער דאַנקבאַרער שמייכל, ווען זי האָט גענומען באַמערקן זיין איבערגעגעבנקייט, זיינע באַגייסטערטע אויגן. שפּעטער — דאָס שפּילן זיך מיט אים, אָט איז זי הייס און אָט איז זי קאַלט; אָט וויל זי אים און אָט וויל זי פון אים ניט וויסן; אָט מאַלט זי אים פלענער פון זייער קומענדיקן צוזאַמענלעבן און אָט איז זי פאַר־טראַכט און עצהט אים ער זאָל זי פאַרגעסן, עס איז גלייכער זיי זאָלן זיך ב אַ צ י י ט נ ס צעגיין... פאַרוואָס באַצייטנס? און וואָס מיינט זי דערמיט צו זאָגן? זי מיינט גאָרנישט. זי האָט עפּעס אַ געפיל אַזאַ. געפיבערט האָט זי און געמאַכט אים פיבערן, ביז זי האָט באַוויליקט די ערשטע באַרירונג זיינע, דעם ערשטן קוש אין האַנט, די ערשטע מתנה צוגענומען פון אים, די ערשטע טרער פון ווייבערשער רירונג געלאָזן פאַלן...

די דאַזיקע עטאַפּן, וואָס האָבן זיך פאַר דער חתונה געצויגן גאַנצע צוויי יאָר, פלעגט ער איצט, פאַרן לייגן זיך שלאָפן, דורכמאַכן אין עטלעכע מינוט, בשעתן באַגלייטן זי פון דער האַלב־באַלויכטענער אַטעליע צום ברייטן געלעגער אויפן באַלקאָן, וועלכער דינט אין קינסטלער־וואוינונגען אַלס שלאָף־קאַמער. דאָס אַרויפגיין אויף די האַלב־קיילעכ־דיקע טרעפּן איז געווען ווי אַ שטייגן צו אַ דערהויבענעם גליק, וואָס ניט אַלעמען איז דאָס געגעבן געוואָרן. און דאָס אַוועקלייגן זיך אַזוי הויך, איבער אַלע מעבל־שטיק אונטן, איבער אַלע בילדער אויף די ווענט, איז געווען ווי אַ מין שוועבן איבער דער נאַכט, איבער דער אייביקער

www.libtool.com.cn

שטאָט, איבער אַלץ און אַלעמען. צוויי גליקלעכע יתומים אויף דער גרויסער וועלט. ביידע שטערבלעך פאַרליבט און דאַרפן קיינעם ניט, נאָר זיך אַליין...

ביים געפּיעשטשעטן אויסציען זיך פלעגט סאָניאַ האָבן אַ געוואוינ־הייט אָפּצוואַרפן איר דיקן לאַנגן צאָפּ פון האַלדז אַוועק אָן אַ זייט. זי פלעגט דאָס אָבער טאָן מיט זעלטענער לייכטקייט, ווי אַ גרויסע אַנגאָרישע קאַץ — מיט איר רייכן עק. און ער בלייבט ווידער שטיין אויף די קני אַ פאַרגאַפּטער, אַ פאַרוואונדערטער איבער יעדער באַוועגונג אירער, וואָס זי דיכטעט אויס מיט איר ווייבערישן אינסטינקט און ווייסט אַז דאָס איז שיין. ער באַטראַכט זי ווי אַ ווייבלעכן קרבן פון אַ פאַרגעסענעם קולט, וואָס ברענגט, צום ערשטן מאָל, איר אומשולד אויפן ווייסן געלעגער. אים צוליב טוט זי דאָס. דער פּריסטער — איז ע ר... אין זיין הייסן באַגער, וואָס דערגייט ביז צו אַ רעלי־גיעזן עקסטאַז, מישט זיך אַ ריין־העלעניסטישער געניוס פון אירע איידעלע ליניעס, וואָס בלייכן זיך און פאַרלירן זיך אין דער טונקלקייט. און ער לעכצט און איז פאַרשעמט און קען דעם בליק ניט אָפּווענדן... מיט שמאָלע לאַכנדיקע אויגן דערכאַפּט זי זיין שטאַרע באַוואונדערונג. דאָס זעט איר אויס לעקישעוואַטע. זי וויל אים איצט זען אַלס מאַן און כוואַטסקן אָנגרייפער, אַלס אַ קלאַסישן רויבער פון אַ סאַבינערין ווייל זי אים זען, אין דער געהיימניספולער האַלב־טונקלקייט אויפן שלאָף־באַלקאָן. כאַפּט זי צוריק איר שווערן צאָפּ, צעוויגט אים און גיט איר מאַן אַ שמיץ איבערן אויסגעצויגענעם פּנים, ווי מיט אַ גאָלדענער בייטש. דאָס וועקט אים אויף פון זיין טרוימערישקייט, די ווירקלעכקייט בלאַנקט דאָ פאַר זיינע אויגן מיט אירע צאַרטע פאָרמען, אָטעמט צו אים מיט טיפער בענקשאַפט. כאַפּט ער זי אַרום, ווי נאָר אַ פאַרליבטער מאַן טוט דאָס, וואָס האָט פאַר קיינעם קיין מורא ניט און דאַרף קיינעם קיין חשבון ניט אָפּגעבן פאַר זיין געזונטן דורשט. קיינער וועט אים דאָ ניט שטערן, ווי אין די בחורישע ליבע־אַוואַנטיורעס, און קיינער טאָר אים ניט שטערן. אַ קוואַל האָט אַ וואַנדערער געפונען אין די הויכע בערג און טרינקט פון אים, ווי אים געפעלט און וויפיל ער וויל. אין הייס־באַרוישטן קאָפּ פליסן פאַרגעסענע פּסוקים, וואָס ער האָט אַמאָל אין חדר געלערנט, פאַלן אויף אים ווי מוטערלעכע ברכות פון אַ גייסט וואָס שוועבט איבער אים:

„טרינק וואַסער פון דיין אייגענער ציסטערנע און פליסיקייט פון דיין אייגענעם ברונעם!“

„זאָלן אַריבערשטראָמען דיינע קוואַלן דרויסן, אין די גאַסן — טייכעלעך וואַסער.“

„זאָל דאָס דיר אַליין געהערן און פרעמדע זאָלן אין דיינס קיין חלק ניט האָבן.“

„זאָל דיין קוואַל זיין געבענטשט און פריי זיך מיט דער באַגלייטערין פון דיין יוגנט.“

„אַ געליבטע הירשין, אַ חנעוודיקע סערנע — אירע בריסטן וועלן דיך זעטיקן צו יעדער צייט. נאָר פון איר ליבשאַפט זאָלסטו זיך לאָזן פירן...“

.4

און ער האָט זיך געלאָזן... פירן און פאַרפירן האָט ער זיך געלאָזן. און ווי האָט דאָס אַנדערש געקענט זיין? וואָס סאָניאַן האָט געפעלט אין גייסט, האָט זי אויסגעפילט מיט איר שטאַרקן אינסטינקט. שעמעוודיק און האַלב־פּאַסיוו, אין אָנהייב, האָט זי אינגיכן איבער־גענומען די איניציאַטיוו. אירע טאַלאַנטן, אַלס געניסערין, האָבן זיך אַנטוויקלט און איבערגעשטיגן ברינס כוחות. איר דערפינדערישקייט, פון אַלץ נייע און נייע געשמאַקן, איז געוואַקסן. האָט זי איינמאָל גע־שפּילט די נייגעריקע, אַ צווייטן מאָל — די גלייכגילטיקע; איינמאָל געווען ברייטהאַרציק, אַ צווייטן מאָל — קאַרג. צעפּעכערט זיך אין באַקעטער צעלאָזנקייט און באַהאַלטן זיך אין שאָטן פון צניעות. איינ־מאָל ווילד געשלונגען די פּרוכט פון עץ־הדעת און אַ צווייטן מאָל גענאַגט פּאַמעלעך, מיט פאַרמאַכטע אויגן פון אַ בעל־תשובהטע, וואָס גיט דאָס לעבן אָפּ פאַר אַזאַ הייליקער זאַך... קורץ, וואָס ביים מאַן — אַ געזונטער באַדאַרף, איז ביי איר געוואָרן דאָס ציל; וואָס ביים מאַן אַ צעשטרייאונג, ביי איר — דאָס עסענץ פון לעבן. דאָס האָט אינגיכן געבראַכט צו איבער־זעטיקונג און אינערלעכער פּוסטקייט.

דוויד ברין האָט די דאָזיקע פּוסטקייט אויסגעפילט מיט זיין פּליי־סיקער אַרבעט, מיט זוכן נייע פאַרבן און נייע וועגן אין זיין מאָלעריי. ביי סאָניאַן איז דער רעזולטאַט געוואָרן — לאַנגווייליע. דעם מאַנס פאַרהאַוועטקייט האָט איר גענומען אויסזען ווי פיזישע און גייסטיקע אָפּקילונג צו איר. אָט, הייסט דאָס, מיט וואָס ער צאָלט איר אָפּ פאַר איר פאַרליבטקייט, פאַר איר איבערגעבנקייט!.. זי איז געוואָרן אייפערזיכטיק אויף זיין פּאַליטרע און אויף זיינע פּינזלען. מיט פאַר־טאַיעטן האַס האָט זי באַגלייט די פייכטע פאַרבן וואָס לייגן זיך אויף זיינע לייוונטן. די בילדער אין די ראַמען, וואָס מערן זיך אויף די ווענט, האָבן זיך גערייצט מיט איר, איזדעקעוועט זיך... זי האָט זיך דערפילט פאַרלאָזן.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

די רעאַקציע פון אַזאַ צושטאַנד איז געקומען. דער ערשטער גענעץ איז דאָס געווען. ניט אַזוי דער פיזישער גענעץ, ווי דער גייסטיקער. איר לעבעדיקייט אין דער גרויסער אַטעליע, אַלס בעל־הביתטע און טרייע העלפערין פון מאַן, האָט גענומען נאָכלאָזן. און באַלד האָט ברין באַ־מערקט, אַז זיין ליכטיקע ווייבל איז עפּעס ניט מיט־אַלעמען, אַז אַן עקשנותדיק קנייטשל האָט זיך געלייגט צווישן אירע פיין־אויסגעבויגענע, טונקל־גאָלדיקע ברעמען, וועלכע זי פאַרבט נאָך אַ קאַפּעלע צו צוליב קאָנטראַסט מיט די העלערע וויעס.

האָט ער עפּעס מיטאַמאָל מורא געקראָגן, ער ווייסט אַליין ניט פאַרוואָס. אַ ווייטע געפאַר האָט ער דערשפּירט און גענומען זוכן מיטלען צו צעשטרייען זיין שווייגנדיק־געוואָרענע ווייבל. אין אָפּערע געפירט זי, קיין פּאָנטען־בלאָ געפאָרן מיט איר און צו די שפּריץ־ברונעמער פון ווערסייל; געוויזן איר אין קאָמפּיען די מיט־גאָלד־באַדעקטע בעט וואו נאַפּאָלעאָן איז געשלאָפן, און אין ווענסען — די קליינע צימערלעך וואו מאריא אַנטואַנעטע האָט זיך אויפגעהאַלטן מיט אירע קינדער אין דער לעצטער נאַכט ווען מען האָט זי אַרעסטירט. און ווען ער איז מיד געוואָרן פון אָט די אַלע עקסקורסיעס און מיט שרעק דערזען זיינע ניט־פאַרענדיקטע לייוונטן, האָט ער גענומען איינריידן זיין סאָניאַן, זי זאָל אויף אים ניט וואַרטן, זי זאָל ניט זיצן איינע אַליין, זי זאָל אַוועקגיין אויפן מאָנפּאַרנאַס. אַ סך באַקאַנטע קינסטלער וועט זי דאָרטן געפינען אין די קאַפּעס, וועט זי זיך צעשטרייען. שפּעטער, ווען ער וועט פאַרטיק ווערן, וועט ער צוקומען...

לכתחילה האָט זי ניט געוואָלט הערן, געדונגען זיך מיט אים; דערנאָך געפאָלגט, איין מאָל און צוויי מאָל, ביז זי האָט זיך דערצו צוגעוואוינט און איז געוואָרן אַ טעגלעכע איינגייערין אין קאַפּע „דאָם“, וואו די קינסטלער־באָהעמיע קומט זיך צוזאַמען, אין אַ באַשטימטער שעה און ביי באַשטימטע טישלעך. דאָרטן האָט זי געכאַפּט אַ שמועס מיט באַקאַנטע, אויסגעלערנט זיך טרינקען אַן איבעריקן ליקער, רויכערן אַ פּאַפּיראָס...

.5

אָבער הרגענען די גאַנצע פרייע צייט האָט זיך איר פאָרט ניט איינגעגעבן. אויסער דעם איז דויד ברינען גופא געוואָרן אומעטיק. דער וואַרעמער אָטעם פון זיין ווייב אין דער גרויסער אַטעליע איז אַוועק, דאָס זיסע רוישן פון איר קלייד האָט אים געפעלט. דאָס פלעגט אים אָפּטמאָל אַריינוואַרפן אין אַ פלוצלעכער אומרואיקייט. ער פלעגט זיך

אומבאַהאָלפן אַרומקוקן, ווי פון חלום אויפגעוועקט. אַ וואָרף געטאָן דעם פּינזל און געלאָפן זוכן זי.

www.libtool.com.cn

האָט מען עפּעס ווידער געמוזט צוקלערן,ביידע זאָלן זיין צופרידן, ביידנס געמיט זאָל זיך אויסגלייכן. און ברין האָט געקלערט און צוגעקלערט. ער האָט זי גענומען לערנען צייכענען מיט קויל אויף ווייס. און דאָס שפּיל מיט פאַרבן האָט ער איר דערנאָך באַוויזן. די געזעצן פון פּערספּעקטיווע דערקלערט איר, ווי אַזוי ליניעס און פאַרבן צעשווימען זיך אין דער ווייטנס; וואָס ווייטער — אַלץ קלענער ווערן זיי און נעפּלדיקער. און אויף דער ווירקונג פון ליכט געצויגן איר נייגעריקייט: קאָלירן און שטריכן זיינען רעלאַטיוו. אַלץ הענגט אָפּ פון דער באַלויכטונג. דאָס שטאַרקסטע רויט און געל און גרין גייען איבער אין שאָטירונגען, ווען דאָס ליכט ווערט שוואַכער, ביז זיי לעשן זיך אינגאַנצן אויס. וואָס האַרט ווערט וווייך אין האַלבן שאָטן און וואָס ס׳איז רעליעף ווערט פלאַך, ווי פון קאַרטאָן אויסגעשניטן. און געלערנט האָט ער זי, אַז אויב זי וויל גוט צופּאַסן אַ פאַרב, זאָל זי זיך ניט אַלעמאָל שרעקן פאַר שאַרפע קאָנטראַסטן. עס מוזן ניט אַלעמאָל זיין ווייכע איבערגאַנגען צווישן איין קאָליר און אַ צווייטן. צום ביישפּיל: אַזאַ עפעקט ווי דאָס פּעט־גרינע לאַנגע בלאַט און דער פלאַמענדיקער קאָפּ פון טיולפּאַן, וואָס שטעקט פון אים אַרויס ווי אַ קליינער פאַקל — קאָמבינירט פון געל און רויט... אָדער דאָס ברוין־לאַקירטע צווייגל בעז און די רויט־פיאָלעטע טענער פון רייכן בליעכץ... און דאָך איז דאָס אַזוי האַרמאָניש. ניטאָ קיין שענערע זאַך ווי די ברענענדיקע קאַנוועס פון גרויע און שוואַרצע וואָלקנס, בשעת די זון גייט אונטער. און דאָך איז דאָס נ אַ ט ו ר, און ניט אויסגעטראַכטע עפעקטן, ניט קאָמבינירטע פאַרבן...

און מיטאַמאָל, אין היציקן דערקלערן איר, מיט ברוין־גליענדיקע אויגן, צעלאַכט זיך דויד ברין, אַז אַלע געזעצן זיינען אין דער מאָלעריי קיין אוסגעבלאָזענע איי ניט ווערט, אַז אַן אמתער טאַלאַנט דאַרף זיך מיט זיי ניט רעכענען. דער אמתער טאַלאַנט פאַרבעסערט די נאַטור, גייט ק ע ג ן איר, אַנערקענט זי ניט און שאַפט זיך ז י י ן אייגענע נאַטור, ווי אַ קליינער גאָט. אָט, צום ביישפּיל, האָבן די כינעזער הונדערטער יאָרן געמאָלט זייערע גרויסע פאַנאָס, און די פּערסער — זייערע מיניאַטורן, אָן שאָטנס און אָן שום פּערספּעקטיווע, און עס איז ביי זיי אַרויסגעקומען גוט. וואָס גוט? וואונדערלעך! די באַוועגונגען פון מענטשן און חיות און רעפּטילן, אויף די עגיפּטישע סאַרקאָפאַגן, זיינען פאַראייביקט מיט צוויי־דריי שטריכן, זיי זיינען גאַנץ פלאַך ווי סילועט־

www.libtool.com.cn

לעד, ווי פון פאַרביקן פּאַפּיר אויסגעשניטן. און מיר שטייען מיט אָפענע מיילער פאַר זייער מייסטערשאַפט, אַזוי לעבעדיק און אַזוי פּראָפּאָרציאָנעל זיינען זיי. מאָלער־פּרימיטיוון, פון מיטלאַלטער ביז צו אונדזער צייט, האָבן געמאָלט פלאַנצן און חיות וואָס זיינען גאָר אין דער נאַטור ניטאָ, אָן שום פּראָפּאָרציעס אַפילו; בלעטער וואָס זיינען גרעסער פאַרן בוים און קעפּ — ברייטער פאַרן גוף; שטיינער, וואָס זעען אויס ווי באַשעפּענישן און וואָלקנס — ווי קיילעכדיקע לעבלעך ברויט. און פונדעסטוועגן זיינען דאָס מאָלער. אין דער געוואַלטיקער משפחה פון וועלט־קינסטלער, שפּילן זיי זיך, אָט די פּרימיטיוון, אָט די גרויסע קינדערשע נשמות, מיט זייערע פאַרביקע צאַצקעס וואָס זיי אַליין האָבן באַשאַפן. זיי שפּילן זיך צופוסן פון האַלביין, ווערִיקאָ, באָטיטשעלי, מיקעלאַנדזשעלאָ און על־גרעקאָ. און זייער מאָלערישע אומבאַהאָלפנקייט רירט אונדז ביז טרערן. מיר פילן אין זיי אָפטמאָל אַ סך גרעסערע טאַלאַנטן ווי ביי אַקאַדעמיש־גלאַטע, פּולירטע און באַלאַקטע מאָלער, ביי וועלכע אַלץ איז אויף אַן אָרט, אַלץ איז אויסגעמאָסטן מיט אַ שניידערישן סאַנטימעטער, צו וועלכע מען קען גאַרנישט האָבן. איינער פון אַזעלכע מאָלער־פּרימיטיוון אין אונדזער צייט, „ביי אונדז אין פראַנקרייך", איז געווען דער צאָל־באַאַמטער רוסאָ, אַ קליינינקער גרויאינקער טשינאָווניק, מיט אַ גרויסער קינדערשער נשמה...

סאָניאַ האָט זיך צוגעהערט צו איר מאַן און לערער, באַמיט זיך צו פאַרשטיין אים, געסטאַרעט זיך פאָלגן זיינע עצות. נאָר אַ מאָדנע זאַך: וואָס ווייטער זי איז געגאַנגען אין צייכענונג, וואָס זיכערער זי האָט געלייגט פאַרבן, אַלץ שטרענגער איז ער צו איר געוואָרן און אַלץ אָפּלאָכערישער האָט ער זיך באַצויגן צו איר אַרבעט. ער האָט פון איר אַפילו ניט באַהאַלטן אַז עס איז שפּילעריי, אַז צו דערפאָלג קומט דאָס נאָך ניט און צו מאָלעריי — אַוודאי ניט. אָט מיט דער צייט, ווען זי וועט פלייסיק אַרבעטן, וועט זי דערגריין מיט אירע פאַרבן צו פיינער דעקאָראַציע, ליבלעך באַמאָלטע פלאַכן, וואָס זיינען אָנגענעם פאַרן אויג, ווי שיין־געדרוקטע שטאָפן, ווי מאָדערנע מאָזאַאיק אויף די ווענט. דאָס איז נאָר דער אָנהויב פון מאָלעריי. וואָרעם די טרעפּ פון אָריגינעלער קונסט איז הויך. איר נידעריקסטער שטאַפּל געפינט זיך אין קינדערשן שפּיל־קאַמער, און איר העכסטער — אין רעמבראַנדס „נאַכט־וואַכע" און אין דאַ־ווינטשיס פרויען־געשטאַלטן. דאָס איז אַ מיליאָן טרעפּן, וועלכע קיינער דערשטייגט ניט, ווי טאַלאַנטפול און עקשנותדיק מען זאָל ניט זיין. איינער אין עטלעכע הונדערט יאָר דערגרייכט דאָס, שעפּט אויס און לאָזט איבער, פאַר גאַנצע דורות, אַ פוסטן באַהעלטער

פאַר געניאַליטעט. אָבער דווקא ווייל עס איז ניט צו דערגרייכן, רייצט דאָס. קונסט איז אויך אַ מין ספּאָרט. אַ דערהויבענער, אַ ספּאָרט פון גייסטיקע קלעטערער. יעדער וויל שלאָגן רעקאָרד. טויזנטער ווערן מאַט אויפן מיטן לייטער. איינצלנע גייען העכער, ווי ווער עס האַלט אויס. יעדער טאַלאַנט דאַרף דערפאַר שטענדיק זיין געשפּאַנט, האַלטן פריש די כוחות, אויב ער וויל וואָס דערגרייכן. אַפילו מען איז זייער און זייער באַגאַבט, איז דאָס נאָך גאָרנישט. טאַלאַנט איז געצייג. און וואָס טאַלאַנטפולער מען איז, אַלץ פיינער און פאַרשיידנאַרטיקער זיינען די מיטלען. און אויך דאָס איז ווייניק. דער מייסטער מיט זיינע פיינע מכשירים דאַרף נאָך קענען דורכזעצן זיין ווילן. וואָס פיינער עס זיינען די דלאָטעס פון סקולפּטאָר און די פּינזלען פון מאַלער, אַלץ גיכער ברעכט ער זיי. און ער טאָר אַ מינוט ניט פאַרצווייפלען און שאַפן אַנדערע אויף זייער אָרט, נאָך פיינערע, נאָך פולקאָמענערע. אַ סך גייסטער האָבן פאַרשלאָפן זייערע טאַלאַנטן, פאַרשפּילט אין קאָרטן, דערטרונקען אין ווייַן, צעטאַכלעוועט אין הולטאַיסטווע. יעדער טאַלאַנט איז אַ רייכטום, און רייכטום איז רעלאַטיוו. וואָרעם דעם גרעסטן קאַפּיטאַל קען מען איין נאַכט פאַרשפּילן אין רולעטקע. מאָנטע־קאַרלאָ קען אַ סך אַזעלכע געשיכטעס. און אויך דעם גרעסטן טאַלאַנט קען מען לייכט פאַרשווענדן. הכלל, וואָס רייכער מען איז, אַלץ קאַרגער מוז מען זיין אין אַ געוויסן זין, און וואָס טאַלאַנטפולער — אַלץ צוריקגעהאַלטענער און קילער צו גראָבע ליידנשאַפטן... מיינט סאָניאַ, אַז ס׳איז אַזוי לייכט? וואָס גרעסער דער מענטש, אַלץ שטאַרקער דער יצר־הרע, דער בייזער גייסט וואָס זיצט אין אונדז. שאַפן איז דערפאַר אַן אייביקער קאַמף מיטן טייוול, מיט זיך אַליין, מיט דער גאָרער וועלט...

.6

סאָניאַ האָט זיך, לכתחילה, צוגעהערט מיט פאַרשפּיצטע אויערן און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. ווי אַ פּאָעט האָט איר מאַן גערעדט, ווי אַ מענטש פון וואָרט. דערנאָך האָט זיך איר געגומען דוכטן, אַז דאָס שרעקט ער זי נאָר אָפּ, כדי... כדי וואָס, צום ביישפּיל? איינגעבילדעט און מיט פאַרטאַיעטע אַמביציעס, ווי זי איז פון דער נאַטור געווען, האָט זי נאָך פון קינדווייז אָן געשמט פאַר אַ חכמה. דאָס בעל־הביתשע הויז, פון וואַנעט זי שטאַמט, האָט דאָס נאָך, ווי דער שטייגער איז, צעבלאָזן. אַלס עלטערע און שענסטע אין שטוב, האָבן זי די עלטערן און ברידער געפּיעשטשעט און געפּונען, אַז אַלץ וואָס זי טוט איז גוט און שיין

www.libtool.com.cn

און קען גאָר בעסער ניט זײַן. דאָס אַלץ האָט זיך איצט אָפּגערופֿן, בשעת דעם איבערברוך אין איר אינערלעכן לעבן. און דעם מאַנס ווײַטערדיקע לעקציעס האָט זי שוין גענומען אויפֿנעמען מיט איין אויער. דערנאָך איז זי אינגאַנצן געוואָרן אומגעדולדיק בײַ זײַנע קונסט־דרשות און באַמערקונגען. איר האָט זיך גענומען דוכטן, אַז ער באַהאַנדלט זי, ווי אַ שלעכט־געשטימטער לערער — אַ נאַרישע שילערין, אַז ער טשעפּעט זיך... און, ס׳טײַטש! זי טוט דאָך מער ווי זי קען. זי ווײַזט דאָך וואונדער פֿון פֿלײַסיקייט. עפּעס ווי גוט מאָלן וואָלט געווען אָפּהענגיק פֿון פֿלײַסיקייט אַליין...

און וואָס אמת איז אמת! זי האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער נײַער שפּילערײַ מיט אַ גראָבלעכן דורשט פֿון אַ קאָרטן־שפּילערין. געצייכנט מיט קויל און געליאַפּעט פֿאַרבן מיט אַן אויסדויער, מיט וועלכן פּרוּוון לערנען שפּראַכן בעסער ווי מענער, זיצן אויס לאַנגווײַליקע קורסן, שטריקן אויס סוועטערס פֿון פֿאַרביקע קנײַלכלעך וואָל און גייען אויס גאַנצע טישטעכער מיט זייד. סאָניאַ האָט דאָ אַרײַנגעלייגט די מאַרודנע פּראַצע און דריבנעם געדולד פֿון אונדזערע מוטערס און שוועסטער, וועלכע מאַכן שטוּינען אונדז מאַנצבילן אין די בחורשע יאָרן, בשעת דאָס בלוט קאָכט און עס גלוסט זיך אונדז לויפֿן, ווען ז י י זיצן ווי קוואָקוכעס אויף אייער; אויסלעבן זיך און צעוואָרפֿן די קראַפּט, ווען זיי זאַמלען און שפּאָרן טאָג איין טאָג אויס. אמת איז, אַז פֿון די גראָשנדלעך געדולד וואַקסן בײַ זיי, אָפּטמאָל, אויס גאַנצע פֿאַרמעגנס; אָבער געדולד אַליין איז נאָך ניט קיין שוואונק, און מאַטעריאַלן אַליין זײַנען קיין בנין ניט.

קיין יאָר איז נאָך ניט אַריבער און סאָניאַ האָט שוין נישקשהדיק געמאָלן. זי האָט גיך געכאַפּט די אויבנאויפֿיקע טעכניק: דעם צוזאַמענהאַנג פֿון אַ געניטער האַנט און אויסקלערעכצן; די עפֿעקטן וואָס מען קען אַרויסברענגען, ווען מען מישט כלומרשטע נאַטור און פֿאַרשטעלונג. האָט זי דאָס פֿלײַסיק געקנאָטן צוזאַמען, ווי איר מוטער — צעשלאָגענע אייער מיט האָניק און מעל, כדי צו מאַכן טייגלעך... דאָס האָט בײַ איר צוגענומען די בעסטע צײַט פֿון טאָג. די בעסטע לײַוונטן האָט זי פֿאַרברויכט. אויף די ווענט האָבן זיך געטריקנט כלערלײַ געמעלדעכצן מיט אויל געמאָלטע, מיט טרוקענעם פּאַסטעל און מיט וואַסער־פֿאַרבן. און פֿון דעם אַלעם האָט מען נאָך אַלץ ניט געקענט וויסן אין וועלכער ריכטונג זי צילט, וואָס זי וויל זאָגן און וועלכער זשאַנר עס געפֿעלט איר בעסער. משמעות, אַז אַלע מאָלערישע ריכטונגען זײַנען איר געפֿעלן...

דאָס וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה. אַ גרעסערע צרה איז געווען דאָס, וואָס ביי דויד ברינען אין קעשענע איז, פון די נייע, ניט־פּרוכטבאַרע הוצאות, געוואָרן שיטערער. דאָס ביסל נדן אין באַנק, וואָס סאָניאָס עלטערן האָבן איינגעלייגט נאָך דער חתונה, האָט זיך גענומען שמעלצן. אויסער דעם האָט די ווירטשאַפט אין אַטעליע מער ניט געקלאַפּט אַזוי ווי פריער. סאָניאַ האָט זיך מיט דעם ניט גענוג אָפּגעגעבן און געהאַלטן אַז אַ מאָלערין, ווי זי איז איצט, דאַרף זיך דערמיט ניט צופיל אָפּגעבן . . . אַ גרויקייט פון שטויב האָט זיך געלייגט אין די ווינקעלעך. דער ביפשטיק איז איצט אָרויסגעקומען צוגעברענט און לעדערדיק, די פיש — ניט־דערבאַקן. קיין ריינער האַנטעך איז קיינמאָל ניט געווען אונטער דער האַנט. און ווען ברין האָט געדאַרפט אָנטאָן אַ נייע העמד האָט אַלעמאָל געפעלט אַ קנעפּל אין מאַנזשעט אָדער אין קראַגן. דאָס האָט געבראַכט צו צייטווייליקער צערייצטקייט. דערנאָך איז אַזאַ צושטאַנד געוואָרן פּערמאַנענט. אין דויד ברינס אויגן איז אויסגעלאָשן געוואָרן די פרייד. אָבער אין סאָניאָס אויגן האָט זיך עפּעס צעטענצלט אַ פייערל פון איינגעהאַלטענעם נצחון. נצחון פון דער פרוי איבערן מאַן. און ניט נאָר איבער זיין האַרץ, נאָר אויך איבער זיין טאַלאַנט.

דערזען דעם נייעם פייערל אין זיין ווייבס אויגן, האָט זיך ברין געכאַפּט, אַז מיט די שפּילערייען אין „פּינזל און פּאַליטרע" איז ער מיט איר צו־ווייט פאַרגאַנגען; אַז זי איז אין אַטעליע געוואָרן זיין שאָטן וואָס מאַכט אים נאָך „בעסער און העכער" ווי ער. אַזוי ווי אַלע ניט־ממשותדיקע שאָטנס טוען דאָס. ער — אַ הויב דעם פּינזל, זי — דער־לאַנגט דעם סופּיט; ער — אַ לייג אַוועק אַ פאַרב, זי — צוויי. און דערזען האָט ער, אַז פאַרלאָרן האָט ער אַ געטרייע ווייב און אַן אשת־חיל און געוואונען אַ צווייפלהאַפטיקע קונסט־מאַכערין. געכאַפּט זיך — האָט ער אַ ביסעלע גענומען ציען צוריק.

— ווייסט, טייערינקע, — מאַכט ער, — ס'איז ניט גוט וואָס דו האָסט מיטאַמאָל אַוועקגעלייגט אויף איין וואָגשאָל אַלץ. אַלץ וואָס איז דיר פריער געווען ליב און טייער. האַלב־מאָלערין און האַלב־ווייב פאַרשטיי איך נאָך; אָבער אַלץ . . .

— וואָס הייסט ביי דיר אַלץ?

— הם . . . אין יעדער בעל־הביתשער הויז שטייט אַ פּיאַנאָ און אַ כלה־מיידל שפּילט אויף איר. דאָס איז נאָך אָבער זייער ווייט פון זיין אַזאַ ווירטואָז ווי פּאַדערעווסקי, ווי עגאָן פּעטרי . . . און בכלל, ווען אַלע כלה־מיידלעך און יונגע ווייבלעך זאָלן שפּילן אַ גאַנצן טאָג פּיאַנאָ, וועט דאָך די וועלט אונטערגיין . . .

www.libtool.com.cn

אויף דעם האָט זי אים געענטפערט אין זיין טאָן: אַז זאָרגן זיך פאַר דער גאַנצער וועלט קען זי ניט; און צו אַ ווייבל, וואָס שפּילט פּיאַנאָ „אין יעדן הויז", לאָזט זי זיך ניט פאַרגלייכן...

— פון וואַנעט נעמט זיך ביי איר אַזאַ זיכערקייט?

— און פון וואַנעט — ביי אים? עס שטאַמט פון זעלבן אָרט. פון זעלבן קרייז... איבעריקסטנס, אויב ער איז זייער נייגעריק, קען זי אים זאָגן: זינט אַ געוויסער צייט פילט זי... יאָ, זי פילט, אַז אַ קוואַל האָט זיך אין איר אויפגעשפּאָלטן, אויב מען קען אַזוי זאָגן...

— זאָגן, — מאַכט ער, — קען מען; אָבער קוואַלן שפּאַלטן זיך אויף נאָר אין חומש, אונטער משהס שטעקן... ניטאָ קיין פּלוצלעכקייט אין דער קונסט. מען דאַרף האָרעווען, האָרעווען, האָרעווען...

— נו, אָט דאָס טוט זי דאָך! אָט דאָס וויל זי...

— נאָר האָרעווען אַליין איז נאָך ווייניק. כדי צו געפינען דעם קוואַל, מוז ער פריער זיין. מאַנכע האָרעווען אָפּ דאָס גאַנצע לעבן און בלייבן ביי זאַמד און שטיינער...

— ווי דיר פּאַסט, אַזוי זאָגסטו. איינמאָל זאָגסטו, אַז אַן אמתער טאַלאַנט קריכט ניט מיט שאַר־טריטעלעך, נאָר ער שפּרינגט, בליצט־אויף. איצט זאָגסטו, אַז מען דאַרף האָרעווען, האָרעווען, האָרעווען. מיט אַנדערע ווערטער: אַז מען דאַרף קריכן און קריכן ווי אַ וואָרעם ביז מען ווערט אַ פּלעדערל...

— צי באַדייט דאָס ניט, אַז דו ביסט דער בליץ, און איך, דיין אָרעמער מאַן, דער... נו, זאָג שוין!

— איך זאָג מער גאָרנישט... איך זאָג נאָר, אַז מיט ווירטשאַפט אַ גאַנצן טאָג וועל איך זיך ניט אָפּגעבן. און אין קיך פאַרברענגען, אַזוי־פיל צייט ווי פריער, וועל איך אויך ניט.

— צוליב וואָס, סאָניאַ, אַריינפאַלן אין אַזעלכע אויסערלעכקייטן? און צוליב וואָס ווילסטו אויס דעם פּיינלעכסטן אָרט אין לעבן פון אַזאַ ניט־רייכער פּאָר, ווי מיר זיינען, און שלאָגסט מיך דערמיט?... דו ווייסט דאָך, אַז מיר ביידע וואָלטן געהאַט די מעגלעכקייט... און ביסטו ניט געווען גליקלעכער פריער, ווען דו ביסט געווען איבערגע־געבענער, געגלויבט אין מיין צוקונפט...

— אָך, דיין צוקונפט!..

— אויך דיין צוקונפט, סאָניאַ, פאַרשטייט זיך. איך האָב דיך און מיך קיינמאָל ניט געטיילט... געדענקסט אונדזערע אָוונטן? אונדזער אַרויפגיין געאָרעמטע אויף אָט דעם טרעפּל צום באַלקאָן? ווי טויבן האָבן מיר געלעבט. איצט איז געוואָרן צופיל טאַלאַנטן אין

אַטעליע. מען טרעט זיך איינער דעם אַנדערן אויף די נאַגניאַטקעס...
www.libtool.com.cn
— איך ווייס. מיין טאַלאַנט איז דיר דאָ איבעריק...

— הם...

— צוליב וואָס „הם״?.. וואָלטסט מיר בעסער געדאַרפט דער־קלאָמירן דאָס, וואָס היינע האָט דעקלאַמירט צו זיין דייטשקע:

דיין לייב וויל איך נאָך האָבן,
דיין לייב, אַזוי צאַרט און יונג;
דיין נשמה קענסטו באַגראָבן —
כ׳האָב אַליין נשמה גענונג״...

— דו רעדסט שוין גאָר ווי אַ סופראַזשיסטקע. ווער וויל באַגראָבן דיין זעל? און ווער ווייסט דאָס אַזוי גענוי וואו עס לאָזט זיך אויס לייב און ס׳הייבט זיך אָן זעל? זינדיקע מאַנאַכן האָבן דאָס אַמאָל אויס־געקלערט, ווען זיי האָבן געוואָלט אָפּטויטן זייערע גראָבע גלוסטעניש און באַהערשן די וועלט. און ביז צו היינטיקן טאָג באַלעבט מען דאָס נאָך. ניט איין דיכטער, און ניט דו אַליין... פאַר דער קונסט און נאַטור־וויסנשאַפט איז דאָס אַלעמאָל געווען און וועט בלייבן איין זאַך: לעבן! איך, סאָניאַ, האָב ליב דיין קלוג וואָרט, פונקט אַזוי ווי דיין מינדסטן נאָגל. לאָז מיך ליבן דיך, דיך אַרומנעמען...

אָבער זי פלעגט זיך אַרויסגליטשן פון זיינע אָרעמס ווי אַ שלייען, אַפילו די פריזור אירע ניט געזשאַלעוועט:

— פילאָזאָפיע איז איין זאַך און די ווירקלעכקייט — אַ צווייטע זאַך... לאָז!

אַ ביסל שפּעטער פלעגן זיי זיך, פונדעסטוועגן, איבערבעטן. דער האַלב־געצוואונגענער שלום פלעגט, אָבער, ניט לאַנג געדויערן. אַ טאָג, צוויי, אָדער דריי, ניט מער.

דריטער קאַפּיטל

צווישן מאַן און ווייב

.1

אין אַזעלכע טעג פון „וואַפנשטילשטאַנד״, פון לעבלעכן פרידן, פלעגט זיך דוד ברין היטן צו רייצן סאָניאַן זיין ווייב, צו דערמאָנען איר ווי גוט זי איז געווען פריער, איידער זי האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אין דער מאַלעריי... פאַרקערט, ער האָט זי געמונטערט, און כדי צו

www.libtool.com.cn

דערווייזן איר, אַז ער מיינט דאָס ערנסט, האָט ער זיך באמת צו הויבן אירע פאָדערונגען צו זיך אַליין: ערלעך געוויזן איר די פעלערן וואָס זי מאַכט, די פאַרבן וואָס זי טרייבט־איבער, די עפעקטן אירע, וועלכע זיינען פאַלש און פאַרדעקן נאָר דאָס ניט־גלויבן אין זיך אַליין.

דעם ערשטן טאָג האָט זי דאָס, מער־ווייניקער, נאָכגעביק אויס־געהערט, אָפּטמאָל פאַרריכט אויך. דעם צווייטן טאָג — געקנייטשט זיך און געשוויגן. דעם דריטן טאָג — געענטפערט אַקעגן. שפּעטער איז זי אינגאַנצן געוואָרן אומגעדולדיק און מער ניט גענומען אין אַכט דעם מאַנס באַמערקונגען, נאָר אַ הויב געגעבן מיט אַן אַקסל און ווייטער געפינזלט דאָס איריקע. אָפּטמאָל, אין אַזאַ שטימונג, ביי דער קלענסטער באַמערקונג אַנגעכמורעט זיך, אַרויפגעכאַפּט אויף זיך דאָס היטעלע און זשאַקעטל און אַוועקגעגאַנגען, געזאַמט זיך עטלעכע שעה, וועלכע האָבן זיך אין ברינס פאַרשטעלונג געצויגן ווי טעג.

צוריק, נאָך אַזאַ שטומען ברוגז, איז זי, אָבער, אַלעמאָל געקומען מיט אַן אויסגעלייטערטן פּנים און מיט שטראַלנדיקע אויגן. צום מאַן איז זי, נאָך אַזאַ אַוועקגיין, געוואָרן אַ סך פריינדלעכער, באַדינט אים און געווייצלט זיך. ברין פלעגט דערפון לייכטער אָפּאָטעמען:

— גוט, סאָניטשקע, וואָס דו ביסט זיך דורכגעגאַנגען. האָסט זיך צעשטרייט. זעסט בעסער אויס.

ער האָט נאָך דעם אמתן גרונד פון אַזאַ צעשטרייאונג ניט געוואוסט; ניט געוואוסט, אַז דאָס לויפט זי זוכן הסכמות און באַקומט זיי זייער ביליק... ער האָט אויך ניט געוואוסט, אַז זיין ווייבל, ווי יעדער ניט־ערנסטער „אַנהויבער“, איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס אויסגעטראַכטע אין דער מאָלעריי קאָסט אַ סך ווייניקער אָנשטרענגונג, ווי דאָס מאַרודנע קאָפּירן פון מאָדעלן, ווי דאָס אַרויסכאַפּן מאָמענטן פון דער נאַטור, ווי דאָס פּרעציזע צייכענונג פון אַ שטיק נאַקעטקייט. מיט אַנדערע ווערטער: אַז עס איז לייכטער צו מאָלן שקרים און געבן דאָס, וואָס מען פאַרמאָגט נ י ט, ווי דאָס, וואָס מען פאַרמאָגט יאָ. און די אַלערליי פאַרזעענישן, וועלכע קומען דערפון אַרויס, צוצושרייבן שוואונק פון נייע זוכענישן און מיני רעוואָלוציעס פון גייסט. אָדער, ווי דאָס הייסט אויפן מאָנפּאַרנאַסער זשאַרגאָן, אַלע מאָנטאַג און דאָ־נערשטאָג מיט אַ נייעם „איזם“. איין סעזאָן: קוביזם אָדער דאַדאַאיזם; אַ צווייטן סעזאָן — סור־רעאַליזם, אימאַזשיניזם; אַ דריטן — סימ־באָליזם, סאַטאַניזם, און אַזוי ווייטער.

האָט מיט איר דויד ברין גענומען איינטענהן זייער פאָרזיכטיק, פאַר אַ הענטעלע געוואָלט אַרויספירן זי אויפן גלייכן וועג:

www.libtool.com.cn

— ווייסטו, סאָניאַ? געווען ביי מיר אַ יונגער פריינט, אַ שרייבער. געשריבן האָט ער אַ סך. און געהאַלטן פאַר זיין הייליקן חוב פאַרצולייענען מיר אַלץ וואָס ער שרייבט. זיינע דערציילונגען און ראָמאַנען האָבן געהאַט איין קליינעם חסרון: אַלע עטלעכע בלעטלעך האָבן זיינע העלדן געחלומט. האָב איך אים איינמאָל אַ פרעג געגעבן: „פאַרוואָס עפּעס חלומט מען ביי דיר אַזוי פיל?..“ מאַכט ער צו מיר מיט אַ קלוגיטשקן שמייכעלע: „קוים געכאַפּט זיך! אָט דאָס איז דאָך דאָס גאַנצע זאַלץ אין מיין שרייבן. ווייסטו דען ניט, אַז דאָס לעבן איז גרוי און מענטשן זיינען ניט אינטערעסאַנט. דערזע איך, אַז מיינע העלדן פּלאָנטערן זיך מיר אונטער די פיס, האָבן ניט וואָס צו טאָן און האָבן ניט וואָס צו ריידן — נעם איך און לייג זיי אַוועק שלאָפן... און אַז זיי שלאָפן, אַ רוח אין זייער טאַטן, חלומען זיי ביי מיר און טוען וואָס איך וויל, ניט וואָס זיי ווילן...“

צעלאַכט זיך סָאָניאַ און קוקט אים אָן:

— יאָ, נאָר אַקעגן וואָס, אייגנטלעך, דערציילסטו דאָס מיר?

— איך דערצייל דאָס אַקעגן דעם, אַז חלומות, וויזיעס און אַפּאָקאַליפּסיסן איז לייכטער צו שרייבן ווי אַ שטיק לעבן. דאָס האָט געטאָן אונדזער דניאל אין דער ביבל, און יוחנן, אין נייעם־טעסטאַמענט, האָט דאָס נאָך „בעסער“ געמאַכט. דאָס הייסט, ער האָט איבערגעטריבן... גאָטספאָרכטיקע מאָנאַכן אין מיטלאַלטער האָבן געמאָלן פאַרזעענישן, דראַקאָנען, רוחות וואָס טאַנצן אין פייער; און גרינע שדים מיט שוואַרצע גאָפּלען. אַלץ אַזעלכע זאַכן וואָס זיי האָבן קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען. געטאָן האָבן זיי דאָס מיט איין הייליקן ציל: אָפּצושרעקן די זינדיקע מענטשן. און עס האָט זיך זיי, אָפּטמאָל, ניט שלעכט איינגעגעבן... אָבער די אומלאָגישסטע וויזיע אַזאַ און די אומגעלומפּערטסטע שרעקעניש איז, מייסטנס, לייכטער צו שרייבן און צו מאָלן, ווי... אָט דאָס שטיקל פּאַפּיר, סאָניאַ, וואָס וואַלגערט זיך דאָ אויפן טיש, לעבן אַש־בעכער; לייכטער ווי אָט דעם האַלבן, פאַרלאָשענעם ציגאַר; דאָס שטיקל שאָלעכץ פון אויפגעגעסענעם פּאָמעראַנץ און אָט דעם טינטער... ס׳איז נאָר איין שטיקעלע אַלטעגלעכקייט, אָבער וויפיל גענויקייט, טעכניק און שאַרפקייט פון אויג מוז מען דערצו האָבן! דאָ גייען קיין קונצן ניט אָן. גיב דאָס איבער, אויב דו קענסט. מאַך ניט קיין פּירושים!.. נאָר אַז מען קען ניט, כאַ־כאַ, יאָ, אַז מען קען ניט — נעמט מען און מען „לייגט זיי אַוועק שלאָפן“. דאָס הייסט: מען מאָלט אַ פיר־עקיקן פּאָמעראַנץ, מען לאָזט פליען אַ קו איבער אַ דאַך,

אַ קאַלאַש וואַקסט אויף אַ מאַאיס־זאַנג און מען איז שוין דערמיט אַליין אומאָפּהענגיק, אַנטי־אַקאַדעמיש און פּאַרטיק...
www.libtool.com.cn

שפּיצט זיך סאָניאַ אָן:

— איך פֿאַרשטיי שוין וואוהין דו צילסט... איז וואָס־זשע ווילסטו? מ י ר אַ ל ע זאָלן פּאַרוואַרפֿן יעדער דערפינדערישקייט, יעדער שאַפֿן „עפּעס פון גאָרנישט״ און אָפּגעבן זיך מיט נאַטיור־מאָרט? מאָלן געבראַכענע טעלער לעבן רויטע רעטעכלעך, אַ פאַלקע פון אַ הון לעבן אַ צעקנייטשטן קאַפּעליוש?...

— חס ושלום! איך זאָג נאָר, אַז די וואָס האָבן די קראַפט און שאַרפקייט פון אויג אָפּצומאָלן אָט די צעבראָכענע טעלער און צעקנייטשטן קאַפּעליוש מיטן שטיקל הון, די זעלבע האָבן דאָס רעכט צו מאָלן וויזיעס און אַפּאָקאַליפּסיסן. ביי זיי וועט א ו י ך ד אָ ס גוט אַרויסקומען...

— און וואו קויפט מען דאָס אַזעלכע רעכט? — האָט זיך סאָניאַ אַ שטעל געגעבן אין אַ פּאָזע פון אַרויספאָדערונג.

— דו ווילסט מסתמא זאָגן: מען נעמט זיי?..

— יאָ. מ י ר נעמען זיי און מיר פרעגן ביי קיינעם קיין דער־לויבעניש ניט.

— און די אייביקע וואַרהייט מיטן גוטן געשמאַק קומען און גיבן איבער די הענט פון אַזעלכע נ ע מ ע ר. מען שליסט זיי איין אין טורמע און מען פאַרגעסט אָן זיי...

מיט אַ ביטערן שמייכעלע אויף די ליפּן האָט אים סאָניאַ אָנגעקוקט און מיטאַמאָל אויסגעשאָסן:

— ביסט איינפאַך אייפערזיכטיק. דאָס איז אַלץ.

ברין האָט זיינע אויערן ניט געגלויבט:

— סאָניאַ, אָן ערלעכן לערער איז שווער צו זיין אייפערזיכטיק אויף זיין שילערין, בפרט, ווען זי איז נאָך אָן אייגענע ווייב...

— זאָג בעסער, אַז דאָס איי לערנט ניט די הון, אַז די זון קען ניט מקנא זיין די לבנה, וואָרעם דאָס ליכט דער לבנה גיט ז י דאָך, די זון... זאָג, זאָג!

— אַזוי איז אפשר ריכטיקער! — האָט איר ברין שאַרף אַריינ־געקוקט אין די אויגן, געוואָלט וויסן פון וואָס פאַר אַ זייט אַזאַ פייל קומט און וואוהין זי צילט.

נאָר סאָניאַ האָט גלייך אַרויסגעלאָזן אַ צווייטע פייל:

— אַך, דו ביסט נאָך אַליין קיין זון נישט! אויסער דעם איז די זון קיין בת־יחידקע ניט. עס זיינען פאַראַן זונען און זונען־סיסטעמען

אָן אַ שיעור. עס זיינען אַפילו פאַראַן זונען וואָס האָבן אינגאַנצן קיין אָרעמינקע לבנות ניט אַרום זיך, וועלכע זאָלן זיך בייטיקן אין פרעמדער ליכטיקייט. נאָר איין זון דרייט זיך אַרום דער צווייטער...

www.libtool.com.cn

.2

דאָס איז געווען מער ווי אַ דייטלעכער וואונק, אַז זי איז שוין אויך געוואָרן אַ „זון" און בייטיקט זיך ניט מער אין קיינעמס ליכט. נאָר איר אויפגערעגטע פּאָזע, די גריוווע פון אירע צעשויבערטע גאָלד־רויטע האָר און אירע שאַרפזיניקע ווערטער האָבן אים מער דערשטוינט ווי וויי געטאָן. האָט ער געמאַכט אַ לעפּישן פּאַרזוך אַרומצוכאַפּן זי און אויס־קושן איר דאָס געזיכט, אויפוועקן אין איר די געוועזענע פּאַרליבטקייט, וואָס לייגט זיך ווי אַ בוימלדיקער פלאַסטער איבער אַ וואונד. אָבער זי האָט זיך ניט געלאָזן. און דאָס מאָל עקשנותדיקער ווי פריער. אַ בייז־קייט פון אַ באַהאַלטענער חיה האָט ער דערפילט אין איר קאַמף... אַרויס־געריסן זיך פון זיינע אָרעמס — האָט זי נאָך אויף אים אָנגעשריען:

— הער אויף צו שפּילן זיך מיט מיר! איך בין מער קיין ליאַלקע ניט פאַר דיר...

ענטפערט ער איר גוטמוטיק אָפּ:

— האָסט זיך אָנגעלייענט, סאָניאַ, מיט איבסענס אַלט־מוידישע דראַמען. האָסטו אויף אַ ווײַלע אָנגעצויגן בלויע זאָקן און ווילסט שפּילן די העלדין פון „ליאַלקע־הויז"...

— חכמע זיך ניט! — מאַכט זי. — ס'איז זייער ערנסט...

— אַזוי, אַזוי? ערנסט... ביי מיר ברעכסטו זיך אין אָפענע טירן. ביסט דאָך אינגאַנצן פריי.

זי טרייסלט מיט דער צעפּאַטלטער שיינער גריווע אויף „ניין" און נעמט זיך פאַרריכטן דעם קודלאַטן קאָפּ. זי הויבט דערביי אויף די ברייטע אַרבל פון איר גרינעם שטוב־קאַפּאָט און ער דערזעט אירע פּאַכווע־היילן, האַלב־טונקעלע, געהיימניספולע, מיט אַ גאָלדענעם פּוך באַוואָקסן, און דערפילט אַן אומרואיקייט. עפּעס ווי אַ גרויסער גליק גליטשט זיך אים אָוועק פון אונטער די הענט און ער ווייסט ניט ווי אַזוי דאָס צו פאַרהאַלטן. זעצט ער זיך מיד אַוועק און זיפצט אָפּ.

אָבער זי, סאָניאַ, אנשטאָט אַריינצוקוקן אים אין די אויגן און פרעגן פאַרוואָס ער זיפצט, זעצט־פאַר איר פּאָלעמיק, באַמיט זיך צו ריידן האַרט און קיל ווי נאָר מעגלעך:

— פריי, זאָגסטו, בין איך דאָ? איז גוט. איך וויל דאָס אויס־פּרואוון. איך וויל מאָלן ניט כדי דיר צו געפעלן ווערן...

www.libtool.com.cn

— מאָל, — ענטפערט ער איר אָפּ שטיל און מיד, — מאָל ווי דו ווילסט !..

— איך וויל אויך מער ניט וואַרטן ביז דו וועסט מיך רעקאָמענדירן צו דער אָדער צו יענער אויסשטעלונג. איך וועל דאָס אַליין טאָן.

— טו !

— און זען וועסטו ווי די קריטיק וועט זיך אָפּרופן...

— וועלכע קריטיק ? — פאַרקוועטשט ער איין אויג. — אפשר יענע, וועלכע איז גרייט אויפן שרייבטיש פון געוויסע שמירער נאָך איידער די אויסשטעלונג עפנט זיך ?

— וואָס איז דער אונטערשייד ?

— ס׳איז אַ גרויסער אונטערשייד. מייסטנס זיינען דאָס נאָטיצן, וואָס ווערן באַצאָלט פון פאָרנט אַריין. ביי מענער — מיט געלט, און ביי פרויען —

— און ביי פרויען ?.. — פרעגט זי איבער און ווערט פונץ־רויט.

— מיט „נאַטור"... — מאַכט ער גאַנץ שטיל און קוקט אַוועק כדי געבן איר צייט זיך צו באַהערשן.

זי טוט דאָס. זי פּינטלט אַ רגעלע מיט די אויגן און ציט איר ענטפער פאַרלעגנערהייט :

— אַזעלכע זיינען דאָ ?.. עס איז ניט מעגלעך...

— עס איז זייער מעגלעך, סאָניאַ !.. מייסטנס באַשעפטיקן זיך דערמיט יענע פאַרשוינען, וואָס ווילן בעסער זיין אייביקע קאַוואַליערן, איידער אייביקע מענער. וואָרעם צוליב וואָס טויג דעם אייביקן קאַוואַליער צו טראָגן אויף זיך דעם יאָך פון אַ פאַמיליע, מקריב זיין דאָס לעבן פאַר ווייב און קינד און ערשט דערנאָך זיין אַן אָפּגעגנאַרטער אייביקער מאַן ? אַז ער קען בעסער לעבן ווי אַ פּאַראַזיט. ווי אַ „פרייער" פּאַראַזיט וויל איך זאָגן. אויב עס גליקט ניט אין ד ע ר פאַמיליע, איז אין אַן אַנדערער... קיין גרויסער איבערקלייבער איז אַזאַ איינער ניט. זאָלן זיך אַנדערע מענער מאָרדעווען, בויען אַ משפחה, זוכן פּרנסה. ער, דער פּאַראַזיט, נעמט נאָר צו דאָס ביסל פאַרגעניגן. דאָס איז זיין באַשטימטער חלק. און אויב עס זיינען דאָ קינדער אין דער משפחה, וואו ער זויגט זיך איין, דינען זיי אים נאָר אַלס אַ בריק ; אָדער פון קינד צו דער מאַמען, אָדער פאַרקערט... דאָס הייסט, מען מאַכט קאָמפּלימענטן דער טעכטערל און מען מיינט די מאַמע. דערנאָך, אַז די מאַמע ווערט אַלט און די טאָכטער ווערט אַ כלה־מיידל, מאַכט מען קאָמפּלימענטן דער מאַמען און מען מיינט די טאָכטער. ס׳איז אַ קאַראַהאָד וואָס ענדיקט זיך קיינמאָל ניט...

— יאָ, אָבער ווּעמען מיינסטו דערמיט? דו רעדסט ווי איד וואָלט... ווי דו וואָלטסט...

www.libtool.com.cn

— איך מיין, אייגנטלעך, קיינעם ניט. איך מיין נאָר צו וואָרענען דיך, ווייל דו ביסט ניט געניט. קענסט ווייניק מענטשן. נעמסט אָן גראָשעגע גלעזלעך פאַר ברילִיאַנטן. קויף ניט, סאָניאַ, אַזעלכע מציאות אויף דער גאַס. די פאַלשע דימענט־הענדלער וועלן פאַרשווינדן און דו וועסט בלייבן אָרעם און אָפּגענאַרט.

סאָניאַ איז מיטאַמאָל מיד געוואָרן. גענומען קלאָגן זיך, אַז דער קאָפּ טוט איר ווי, און איז אַוועק צו זיך אין אַלקאָוו, דאָרטן וואו זי טוט זיך איבער.

דויד ברין האָט לייכט אַ הויב געטאָן מיטביידע פּלייצעס און איז געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטער. קיין איבעריקן פאַרדאַכט האָט ביי אים איר פּלוצלעכע מידקייט ניט אַרויסגערופן. אַ דורכשניטלעכע פרוי קען אַ צו־גרויסע פאַרציע געדאַנקען ניט פאַרטראָגן אויף איין מאָל. מען דאַרף איר לאָזן צייט איבערצוטראַכטן, פאַרדייען... טאָ זאָל זי! און פונדעסטוועגן... וואָס פונדעסטוועגן?

כדי אַליין צופיל ניט טראַכטן, האָט ער זיך געכאַפּט פאַרן פּינזל און פלייסיק גענומען אַרבעטן. אָבער קיין צוויי מינוט זיינען ניט אַריבער און ער האָט דערהערט אַ שטיל געוויין, איינער פון יענע ווייבערישע געוויינען, ווען די נערוון זיינען ביי זיי צעשרויפּט. אַזאַ געוויין ציט זיך אַ ביסעלע מאָנאָטאָן, ווי דאָס ווייטע זשומזשען פון אַ פליג וואָס איז אַריינגעפאַלן צו אַ שפּין אין נעץ און ער נאָגט זי...

דויד ברין האָט גלייך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם אַרבעטס־כאַלאַט און געלאָפן צו זיין ווייב. געפונען האָט ער זי ווי זי ליגט אויף איר קושעטקע, מיטן געזיכט צום צוקאָפּנס, און כליפּעט. ער האָט זי גענומען גלעטן און איבערבעטן זי. און זי האָט אים ניט אָפּגעשטויסן, ווי ער האָט זיך לכתחילה געריכט. און גאָר פּלוצלינג האָט זי אַליין אַרומגעכאַפּט זיין האַלדז, פריער מיט איין אָרעם, דערנאָך מיט ביידע, געטוליעט זיך צו אים און געוויינט, ווי זי וואָלט ביי אים געזוכט רעטונג.

— וואָס איז מיט דיר?.. — האָט ער ניט אויפגעהערט צו גלעטן זי און ניט געוואָרט אויף אַן ענטפער. וואָרעם געפילט האָט ער, אַז טאַקע זיינע אייגענע ווערטער וועגן דעם משפּחה־פּאַראַזיט האָבן זי אַזוי צענומען. הייוון האָט ער אַריינגעוואָרפן אין טייג און עס יערט... זאָל דאָס!

.3

www.libtool.com.cn

דער איבערגאַנג פון אַזאַ פאַמיליע־קריג צו שלום איז דאָס מאָל געווען רירנדיק און פיקאַנט. ס׳איז געווען ווי צוריק־געפינען אַ געליבטע, נאָכדעם ווי מען האָט זי פאַרלוירן. און ווען די ערשטע שטורעמדיקע ליידנשאַפט פון צוויי אויסגעבענקטע זעלן איז אַוועק, האָט ברין, אַ גע־זעטיקטער, אַרומגענומען סאָניאַן און האַלב־ערנסט האַלב־שפּאַסיק גע־זאָגט, אַז ווען די רעגולערע קריגערייען צווישן מאַן און ווייב וואָלטן ניט עקזיסטירט, וואָלט מען זיי געדאַרפט דערפינדן, כדי אָפּפרישן דעם גן־עדן. גאָטס אייביקער גאָרטן וואָלט, אָן שטורעם און טרערן, אינגאַנצן פאַרוועלקט געוואָרן...

אויך פון דעם האָט סאָניאַ געהאַט אַן אַנדער מיינונג. די קריגערייען האָבן זי אַלץ מער און מער דערווייטערט. פון זיינע באַמערקונגען האָט זי געזען, אַז ער טראָגט מיט ווידערווילן אַריבער איר נייע, אין אַנדערטהאַלבן יאָר אויסגעוואַקסענע קונסט; אַז די געזיכטער, וואָס זי מאָלט זעען אים אויס ווי פון קאַרטאָן אויסגעשניטן און באַשמירט מיט געלכל; די שיטערע האָר אויף די געשוואָלענע קעפּ — ווי פאַרביקע קעמעלעך; די פייערן — ווי רויטלעכע אייזן־וואַטע, און די פערד — ווי קעץ מיט אויסגעשטאָפּטע זאָקן־פיס... דאָס האָט זי באַליידיקט, געגעסן טאָג און נאַכט, ווי זשאַווער. אַ מידקייט האָט זיך געלייגט אויף איר שיינעם געזיכט און שוואַרץ־בלויע קרועס אונטער די אויגן. און ווען ער האָט זי געשטורעמט מיט זיין פלוצלעכער פאַרליבטקייט, איז זי געווען אַפּאַטיש; אין זיינע גרעסטע עקסטאַזן גערעדט צו אים וועגן דעם, אַז דאָס לעבן אין פאַריז איז די לעצטע צייט טייער געוואָרן, אַז זי מוז זיך מאַכן אַ ניי קלייד, אַז דאָס געלט אין באַנק גייט אויס און פון זיינע, ברינס, פלענער איז דערווייל אויך גאָרנישט געוואָרן. צו די אויסשטעלונגען וואָס ער מאַכט לייגט ער צו, און דאָס פאַרקויפן ביל־דער אין די קונסט־געשעפטן, אָן אַ פאַרמיטלער, קלעקט קוים אויף וואַסער צו קאַשע...

אַזעלכע וואָכעדיקע טענות, אַזאַ פּראָזאַאיש יאַדען אים, אין די הייסטע מאָמענטן, האָבן אים מוראדיק געררייצט. אים האָט זיך געדוכט, אַז זי טוט דאָס אומישנע, כדי צו פּראָפאַנירן זיין ליידנשאַפט, מיט בלאָטע לעשן זיין פייער... אַ צעקאָכטער פלעגט ער אויפשפּרינגען:

— פון וועלכע פאַרמיטלער רעדסטו דאָס? אפשר פון מאַקס האַר־קאַווקעס סאָרט?

— און אַז פון אים איז וואָס? אַנדערע מאָלער קומען מיט אים זייער גוט אויס. לייגן ניט צו...

דאָס האָט זיך נאָך וואָכעדיקער אָנגעהערט ווי אַ נײַ קלייד, ווי די טייערקייט אויף פּראָדוקטן... אין איין פּידזשאַמע לויפט דויד ברין אַראָפּ צו זיך אין אַטעליע און כאַפּט זיך צו זיין נייסטער אַרבעט.

דער טייוול פון אָפּפרעמדונג און גערייצטקייט האָט זיך צעטאַנצט צווישן דאָס פּאָר פּאַלק. גאַנצענע טעג רעדט זי מיט אים ניט. איז גראָד דעמאָלט ווען ברין וואַרט אויף אַ גאַסט, אָדער אויף אַ קונה, נעמט סאָניאַ איינע פון א י ר ע פּאַרטיקע בילדער, פּאַרפּאַקט דאָס צווישן צוויי קאַרטאָנען און טראָגט דאָס מיט זיך אַוועק, איבערלאָזנדיק דעם מאַן אַליין. זאָל ע ר מאַכן טיי פאַר זיינע געסט, זאָל ע ר זיי אַמוזירן, זאָל ע ר בעסער פּאַרקויפן ווי זי. זי מישט זיך ניט...

דער ווייטער פּאַרדאַכט, אַז עמעצער שטעקט דאָ הינטער איר, איז ביי ברינען געוואָרן בולטער. די לעצטע צייט האָט זיך אים אַפילו גע־נומען דוכטן, אַז זי רעדט ניט מיט אירע אייגענע ווערטער. דאָס טוט פאַר איר אַ.מין סופליאָר פון אַ פּראָווינץ־טעאַטערל. אַ ביסעלע קוויטשיק און אַ ביסעלע ניט־זיכער... יענער לייענט פון אַן אויסגעדראָשענעם טעקסט און זי זאָגט נאָך„ לויט דעם ווי איר געהער דינט איר. זי מאַכט אָפּטמאָל טעותן און איבערחזרט זיך, און קוקט זיך אַרום מיט אַ ביסל צעשראָקענע אויגן, צי דאָס „פּובליקום", וואָס באַשטייט פון איין איינציקן מ אַ ן, האָט דאָס ניט באַמערקט...

כדי צו קאָנטראָלירן זיין פּאַרדאַכט, האָט זיך דויד ברין געווענדט צום בולוואַר מאָנפּאַרנאַס. דאָרטן, אויף די ווערענדעס פון קאַפע „דאָם" און „ראָטאָנד" ווערט טאָג־טעגלעך פּאַרשפּרייט אַ לעבעדיקער זשורנאַל. דאָרטן ווייסט מען אַלץ. מען מוז נאָר האָבן אויערן און אַרויסגעפינען וואָס מען דאַרף.

לכתחילה האָט מען אים אויף יענע ווערענדעס באַגעגנט מיט אַ שמייכעלע: אַזוי, אַזוי, ביסט אויך בעסער געוואָרן? ווי קומט דאָס, וואָס אַזאַ אַסקעט ווי דו ביסט, וואָס צייט איז ביי דיר „שאַפונג", וואָס ביז פיר אַזייגער נאָכמיטאָג האַלטסטו זיך אָפּגעשלאָסן און לאָזסט קיינעם ניט אַריין, ווי קומט דאָס וואָס ד ו בטלסט ביי טאָג אַרום אויף אונדזער ציגיינערישער טעריטאָריע? זעסטו שוין, אַז מען קען ניט אַלעמאָל גיין ק ע ג ן דער באָהעמיע? די באָהעמיע, הע־הע, איז שטאַרקער. אַלע אַטעליע־העלדן קומען צו איר...

ער האָט געענטפערט מיט אַ פּאַרעוועון שמייכעלע אויף די ליפּן און די ברוינע אויגן זיינע האָבן שאַרף אָבסערווירט. ער האָט געפילט, אַז עפּעס וואָס דערזאָגן זיי ניט. אַ באַהאַלטענע נקמהלע האָט ער געפילט אין זייער כלומרשט גוטמוטיקן רייצן זיך מיט אים, אין זייער איבער־

www.libtool.com.cn

קוקן זיך. ביסלעכווייז האָט ער זיך פונאַנדערגעקליבן אין אָט די שיפּרירטע צייכנס און זיינע פאַרדאַכטן האָבן זיך מער־ווייניקער אויפ־געקלערט: דער סופליאָר פון סאָניאַן, זיין פרוי, איז הּאַרקאַווקע, דער פאַרשפּעטיקטער דיכטער פון פינף־און־צוואַנציק סאָנעטן מיט דרייסיק אילוסטראַציעס; דער זעלבער האַרקאַווקע, וועלכן זי האָט אים שוין איינמאָל רעקאָמענדירט, בשעת אַ קריגעריי, אַז ער, האַרקאַווקע, הייסט דאָס, איז דאָס דער פאַרמיטלער, פון וועלכן מען קען געהאָלפן ווערן: פאַרדינען אויף אַן איבעריק קלייד און האָבן צושטייער אויף יקרות.

www.libtool.com.cn

ברין האָט זיך אויך דערוואוסט, אַז סאָניאַ טרעפט זיך מיט אים, ניט דאָ אין „דאָם“, אָדער אין דער אַנטקעגנאיבערדיקער „ראָטאָנדע“, נאָר ווייטער אַראָפּ, לעבן מאָנפּאַרנאַסער באַנהויף, אין אַ זייטיקן קליינעם קאַפע. נאָר אויך דער דאָזיקער אָרט איז ניט אַ באַשטימטער. זיי בייטן אַלעמאָל דעם טרעף־פּונקט. ווי צוויי וואַנדערנדיקע נשמות טרעפט מען זיי אַמאָל דאָ, אַמאָל אויף די גרויסע בולוואַרן, אַמאָל אויפן מאָנמאַרטר.

האָט דאָס ברין מער ניט אויסגעהאַלטן... און ווען זי האָט זיך איינמאָל, שפּעטער ווי געוויינלעך, אומגעקערט אַהיים, האָט ער איר פאָרגעוואָרפן, אַז זי הויבט זיך אָן אויפפירן אַזוי... אַזוי ווי זי וואָלט דאָ געוואוינט אין אַ האָטעל. ער וועט דאָס ווייטער ניט דולדן...

האָט זי ניט פאַרשוויגן און געגעבן צוריק: צום בעט, ווי אַ צויגל, וויל ער זי אפשר צובינדן?..

איצט האָט די קריגעריי אָנגענומען אַ גאַנץ שאַרפן כאַראַקטער, מיט אַ בייגעמיש פון שנאה און מיט ווייטאָג־אויפשרייעניש, ווי ווען איינער דעם צווייטן וואָלט שווער אָנגעטראָטן אויף די הינער־אויגן. אַ שלעכטער צייכן איז דאָס געווען.

4.

בשעת אַ ווייטערדיקער קריגעריי האָט זי אים שוין גאַנץ אָפן, כמעט ציניש, פאָרגעוואָרפן, אַז ער, איר אייגענער מאַן דויד ברין, פאַרגינט איר ניט, וואָס זי, סאָניאַ, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַזאַ אויסגעשפּראָכענער טאַלאַנט. אמת איז, אַז ער האָט זי דער ערשטער אַרויסגעפירט אויפן וועג פון מאָלעריי. ער האָט, אָבער, געמיינט, אַז עס וועט נאָר זיין אַ שפּיל אַזאַ, כדי „דאָס קינד“ זאָל וואָס מער זיצן אין שטוב. נאָר אויסגעלאָזן האָט זיך אַן ערנסט, אַ צו־גרויסער ערנסט.

איז ער ניט צופרידן... ער אַליין האָט אַרויסגערופן דעם טייוול און אַליין דערשראָקן זיך. קיין „שמע־ישׂראל" און קיין שום ווײַוויד־רויכערן וועט אים שוין איצט ניט העלפן. דער טייוול גייט מער ניט צוריק אין לאָך אַריין.

און נאָך האָט סאָניאַ געגעבן אַנצוהערעניש, אַז איר סימבאַליזם און אירע פאַרביקע פאַנטאַזיעס זיינען נייע, אומיסטנע ניט־אַנערקענטע וועגן... די „אַלטע שול", צו וועלכער ער, דויד ברין, געהערט, אָדער ריכטיקער געזאָגט: צו וועלכער ער רייסט זיך, וויל די נייע וועגן ניט פאַרשטיין. די אַקאַדעמיע און איר עלטער־זיידע, „קלאַסיציזם", אַ ליכ־טיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, האָבן אַלעמאָל קאַליע געמאַכט די וועלט פון קונסט, געשאַפן שולן פון מאַסן־פּראָדוקציע און אַזוי אַרום דער־שטיקט יעדע אָריגינאַליטעט. „שולן" פון קונסט זיינען איבערהויפּט פאַרדעכטיקט. וויבאַלד מען קען אַ זאַך נאָכמאַכן, איז דאָס ניט קיין אמתע קונסט. אָריגינאַליטעט קען מען איבערהויפּט ניט נאָכמאַכן...

עס האָט ביי אים געקלאַפּט ווי אַ גראַמאָפאָן, מיט פרעמדע אַריינ־גערעדטע און אַריינגעזונגענע רעקאָרד־פּלאַטן. זי האָט זיך דערביי אַפילו ניט אָנגעשטרענגט, קיין קנייטשל איז איבער איר גלאַטן שמאָלן שטערן ניט אַריבערגעלאָפן. די אונטערשטע שורה פון אַזעלכע, אין ברינס פּנים געוואָרפענע, רעפּליקעס איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, כאָטש ס'איז ניט דערזאָגט געוואָרן. זעלבסטפאַרשטענדלעך איז געווען, אַז זי, סאָניאַ ברין, מיט אירע גאַנץ מאָגערע קענטעניש אין ליכט און שאָטן, מיט אירע משונהדיקע ליניעס און אומגעלומפּערטע פאַרבן אויפן לייוונט, איז איינע פון די דאָזיקע אָריגינאַליטעטן, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון זיך אַליין, אָן מוטער־אַקאַדעמיע און אָן פאָטער־קלאַסיציזם, נאָר ווי אַ הייליקער גייסט אַרויסגעפלויגן. אָבער דער מאַן אירער, פון דער אַלטער שול, זוכט כלערליי אויסריידענישן, צו פאַרשמירן זי מיט כינעזישן טוש, כדי ער און זיין נעבעכדיקער טאַלאַנט זאָלן בעסער לויכטן...

— סאָניאַ, — האָט נאָך ברין געפּרוּווט ריידן צו איר ווי צו אַ ניט־דערוואַקסענער, קאַפּריזנער יינגערער שוועסטער, — דאָס וואָס דו האָסט דאָ געזאָגט, איז פון יענע פאַלשע קריטעריומס און אָנגענומענע ליגנס, צו וועלכע עס ווערט מיט אַ כיוון צוגעמישט אַ געוויסער פּראָצענט וואַרהייט, כדי עס זאָל אַ ביסל גלאַנצן און אויסזען ווי אַן אמת. פאַר פּראָפּאַגנדע, נאַטירלעך... אַזוי טוען אַלע פאַלסיפיקאַטאָרס: זיי מישן צו אַ גאַנץ קליינע דאָליע גינגאָלד צו בראָנדז, כדי עס זאָל אויסזען „אַזוי ווי" גאָלד. „טאָמבעקע" הייסט אַזאַ געשמעלץ. אָרעמע חתנים

www.libtool.com.cn

באַקומען צו דער חתונה אַזעלכע טאָמבעקענע זייגערס, און אָרעמע כלות — טאָמבעקענע האַלדז־באַנדן. אינטערעסאַנט איז דאָס, אַז אַזאַ פאַלש־גאָלד הייסט אויך „ניי״. „נייגאָלד״ הייסט דאָס, אַזוי ווי פאַלסיפיצירטע קונסט הייסט „ניי־קונסט״... און זיכער בין איך, סאָניאַ, אַז די „נייע״ ווערטער דיינע געהערן אויך ניט דיר...

www.libtool.com.cn

— נאָר וועמען?

— די פלאַטן, מיט די פאַרשריבענע סקאַרבאָווע געדאַנקען, גע־פינען זיך ביי עמעצן אויפן מאָנפאַרנאַס...

זי איז רויט געוואָרן ווי פונץ, ווי דעמאָלט, ווען זי איז אַנטלאָפן צו זיך אין אַלקאָוו און געוויינט דאָרטן, אָן שום גרונד, ווי עס האָט געזאָלט אויסזען... דערפילט האָט זי איצטער, אַז דער מאַן אירער ווייסט עפּעס מער ווי ער זאָגט אַרויס, נאָר ער וויל זי ניט באַליידיקן. איז זי ווידער ברוגז געוואָרן און איז ווידער אַוועק צו זיך אין אַלקאָוו און אויסגעצויגן זיך אויף איר קושעטקע. נאָר דאָס מאָל האָט זי שוין ניט געוויינט. מיט טרוקענע אויפגעריסענע אויגן איז זי געלעגן, די הענט פאַרוואָרפן הינטערן קאָפּ און מיט עקשנות געקוקט אין איין פונקט — אויפן האַלב־טונקעלן, שוין לאַנג ניט געקאַלכטן סופיט. און אויך ברייך האָט זיך פאַרעקשנט. ער איז איר ניט נאָכגעלאָפן, געלאָזן זי אַזוי ליגן וויפיל איר האַרץ געלוסט און געטאָן זיין אַרבעט.

סאָניאַ איז אָבער געווען אַ צו־שטאָלצע נאַטור זי זאָל קענען גנבענען... אָט, גזלנען, מיט קראַפט אַפּנעמען — דאָס יאָ. האָט זי אים בשעתן אָוונט־טיי גאַנץ אָפן דערקלערט און אָן שום הקדמות, ווי מען קניפּט אָן אויף איין ווילע אָן איבערגעריסענעם שמועס:

— יאָ, איך באַגעגן זיך מיט מאַקס האַרקאַווע. און ניט דערפאַר ווייל איך בין אין אים פאַרליבט, ווי דו מיינסט אפשר, נאָר ווייל לעבן אים רו איך זיך אויס, ווייל פון אים הער איך אַ פריינדלעך וואָרט אַלס מאָלערין, ווייל ער פאַרשטייט מיך און שאַצט אָפּ דאָס, וואָס איך ווייז אים, דאָס וואָס דו ווילסט ניט פאַרשטיין און ווילסט ניט אָפּשאַצן...

— יאָ, — מאַכט דויד ברייך, שווערמוטיק, — געגנבעטע סחורה איז אַלעמאָל ביליקער...

— ער איז אַן ערלעכער מאַן...

— געוויס. נאָר אַליין אַ מאָלער איז ער דאָך ניט. פרעמדע געבורט־ווייען! וואָס אַרט דאָס אים?

— אָבער מאָלעריי פאַרשטייט ער פאַרט. מען רעכנט זיך מיט אים.

— ער פאַרשטייט מאָלעריי ווי איך פאַרשטיי שווימען. און ניט מען רעכנט זיך מיט זיין מיינונג, נאָר מיט זיין אייגנשאַפט דורכ־

צוקריכן אין אַלע לעכער און פאַרקױפן. ניט אַלע זײנען פּעאיק צו זײן אַ „קאַמלאַ“...*)
www.libtool.com.cn

— איך זע שוין. דו ביסט אײפּערזיכטיק.

— אויב דו זאָגסט אַזוי, כדי איך זאָל דאָס ניט זײן, מאַך איך דיך אויפמערקזאַם, אַז איך בין ניט פון יענע, וואָס זאָגן זיך אָפּ פון האַניק, כדי ניט צו שמעקן פאַר אַ נאַר. איך האָב אַלײן ליב זיסע זאַכן און וועל מײן חלק ניט איבערלאָזן די קלוגעטשקע, וועלכע האָבן דאָס אויסגעטראַכט...

זי האָט שוואַך אַ שמײכל געטאָן, ניט געענטפערט, נאָר טיפער אַרײנגעקוקט אים אין די אויגן און דערזען אַנטשלאָסנקײט. ער האָט דערכאַפּט איר פאַרשנדיקן קוק און איז צוגעפאַלן מיט הײסע ליפּן צו איר האַנט:

— סאָניאַ, דו ביסט גענוג קלוג צו װיסן וואָס עס איז אמת און וואָס ניט. מער זאָג איך דיר גאָר ניט...

ברין איז דערנאָך געווען אומעטיק אַ פּאָר טעג נאָכאַנאַנד. זי האָט אויף אים רחמנות געהאַט, נאָכגעטראַכט... נאָר דער, וועלכער האָט שוין אײנמאָל און צווײמאָל פאַרזוכט אָפּיום און האָט אַ שוואַכן כאַראַקטער, וועט זיך שוין צום סם אומקערן. סאָניאַ האָט זיך ווידער פאַרבענקט נאָך די חניפות פון דעם אָפּגעפּאָרענעם קונסט־קענער און ווידער געגומען פאַרשווינדן פון שטוב. און גראָד אין יענע שעהן, ווען ברין האָט זיך, מער ווי אַלעמאָל, גענײטיקט אין איר הילף און אַנוועזנהײט.

5.

כדי צו באַקעמפן אַ געפאַר, איז אָפּטמאָל נײטיק ניט צו וואַרטן ביז זי קומט, נאָר גײן איר אַקעגן און אָפּשנײדן איר דעם וועג... דעם דאָזיקן פאַרזוך האָט אויך געמאַכט דויד ברין ווען ער האָט באַשלאָסן אײנצולאָדן דעם הע צער צו זיך אין אַטעליע. עס איז בכלל בעסער צו האָבן אַ שונא פאַר די אויגן, זען ווי אַזוי ער האַנדלט, הערן וואָס ער זאָגט, אײדער צו האָבן אים ערגעץ־וואו הינטער טויערן. ווי געמײן אַ שונא זאָל ניט זײן, וויל ער עפּנטלעך שפּילן דעם ריטער, ניט דעם טכויר...

האָט ער, אײנמאָל בשעת אַ קורצן שלום־בית, געלאָזן פאַלן אַ וואָרט, אַז... ער, ברין, איז אַלעמאָל גרײט אויסצוהערן אַ נײ וואָרט

*) אַ גאַסן-פאַרקויפער און רעקלאַמע-מאַכער פון ביליקע סחורות.

www.libtool.com.cn

וועגן קונסט. און אפשר איז זי, סאָניאַ, גערעכט, אַז ער, ברין, האַלט זיך אָן דער זייט פון דעם גאַנצן מאָנפּאַרנאַסער יאַריד, מיידט אויס די קונסט־פּאַרמיטלער, למשל... מאַקס האַרקאַווען. מען זאָגט, אַז ער האָט טאַקע אַ סך פאַרבינדונגען און אַז ער וויל, קען ער עפּעס אויפטאָן. ווער אפשר געלינגען, דורך אים, לייכטער צו מאַכן דעם פאַרקויף... ווי מיינט זי?

— וואָס זי מיינט? הלוואַי וואָלט ער איר פריער געפאָלגט... איצט ווייסט זי ניט, צי מאַקס האַרקאַווקע איז שוין דערגאַנגען, וואָס ער, ברין, האַלט פון אים...

— אַך, וואָס האַלטן!.. אויב זי וויל, קען זי אים איינלאַדן. אַדרבא, זאָל ער קומען פאַרברענגען אַ נאָכמיטאָג. מען וועט אים ניט אויפעסן...

סאָניאַ איז לעבעדיקער געוואָרן. זי האָט גלייך נאָכדעם אָנגעטאָן איר ניי היטעלע, אָנגעפאַרבט די אַזוי אויך רויטע ליפּן, אַוועק אויפן מאָנפּאַרנאַס און איבערגערעדט מיט דעם דיכטער פון גאַנצע פיר־און־צוואַנציק אילוסטרירטע לידער און מיטן פאַרזאָרגער פון יונגע קינסטלער.

מאַקס האַרקאַווקע האָט ווי אַ ראַץ אַ צי געטאָן מיטן טעמפּן שפּיץ פון זיין בלייכער נאָז, אַ צאַפּל געטאָן מיט די ליפּן, געמאַכט אַ מינע פון אַ געבוירענעם אַריסטאָקראַט, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ צו פּלעבעיען, און איז פונדעסטוועגן איינגעגאַנגען אויף אַזאַ באַזוך. דער פאַרביסענער דויד ברין אַליין האָט אים איינגעלאַדן. אַזאַ נצחון קען מען ניט אַוועק־מאַכן מיט דער האַנט...

אָנגעקלאַפּט אין טיר פון דער אַטעליע האָט ער איינמאָל, ווען מען האָט זיך אויף אים ניט געריכט. דאָס הייסט: אין אַ צייט ווען ברין נעמט, מייסטנס, ניט אויף — פאַר פיר אַזייגער... האָט דאָס דער קונסט־קענער געטאָן אומישנע צי אומגערן? אומישנע — כדי צו באַטאָנען ווי גרינג ער שאַצט ברינס געוואוינהייטן? אָדער איז ער געקומען צופעליק, סתם־אַזוי, אַזוי ווי די באָהעמיע פון מאָנפּאַרנאַס איז זיך נוהג? שווער געווען, אין דער ערשטער מינוט, צו וויסן וואָס פאַראַ כוונות ער טראָגט דערביי אונטער זיין האַרטן דערבי־קאַפּעליושל. ברין האָט אָבער געמאַכט אַ גוטע מינע צום שפּיל און אים זייער העפלעך אויפגענומען. האַרקאַווקע איז, אַגב, געווען אָנגעטאָן זייער עלעגאַנט. אויסער דעם האַרטן קאַפּעליושל, האָט ער געטראָגן געפּאַ־סקעטע הויזלעך, לאַקירטע שיכעלעך, אַ שוואַרצן וויזיט־רעקעלע מיט טאַשמעס. דער קינסטלער־שניפּס איז געווען אָנגעבלאָזן און די לאַנגע נאָז — אָנגעפּודערט; די בלוילעכע באַקן — אויך.

אָקערשט, ווייזט אויס, האָט ער זיך ראַזירט. געגרייט זיך צום ניט־געוויינלעכן וויזיט... אמת, זייער פּיל חן האָט אים דאָס פּרישע ראַזירן און פּודערן זיך ניט צוגעגעבן. פּאַרקערט, עס האָט זיך בולטער געמאַכט די שלאַבערדיקע לאַנגע קנייטשן פון ביידע זייטן נאָז, די ספּע־ציעלע בלאַסקייט פון געשיילטע קאַרטאָפל, וואָס איז אויסגעגאָסן אויף זיין ניט־געזונטער הויט — אַלץ סימנים פון אַ גופעלע וואָס האָט זיך דערלויבט צו לעבן ניט לויט די כוחות נאָך, גענומען צופּיל קרעדיט און איז אַ קאַפּעלע באַנקראָט. דעם זעלבן באַנקראָט האָט ביי אים ברין דערקענט אויך לויט יענעם שוואַרצן, מיט זיך אַליין אומצופרידענעם בליאַסק אין די גרויסע, ניט־מיאוסע אויגן.

www.libtool.com.cn

מיט דער איבערגעטריבענער פיינקייט פון אַ סנאָב, וואָס האַרקאַווקע האָט זיך אויסגעלערנט ביי זיינע אויפגעקומענע קונדן אין די פּאָדער־צימערן, האָט ער זיך אַ צי־געגעבן צו סאָניאַן, וועלכע איז אַ ביסעלע אַ צעמישטע אַרויס פון איר אַלקאָוו. אַ הויכע, אַ רויטלעך־בלאָנדע, אַ פרישע, האָט זי, ניט־ווילנדיק, נאָך מער באַטאָנט די אָפּגעבליאַקע־וועטקייט פון איר גאַסט. „הם...״ האָט דאָס ברין פעסטגעשטעלט מיט אַן אומגעריכטער צופרידנקייט אין האַרצן: „וואָס פאַר אַ פּאָר זיינע זי און ער!..״

אָבער ווערליק דאָס שטעלן זיך אויף די שפּיצן לאַקירקעס, וואָס האַרקאַווקע האָט זיך געשטעלט, כדי צו דערגרייכן סאָניאַס וואוקס, און לויט דעם פּנים וואָס ער האָט געמאַכט, קושנדיק סאָניאַס שפּיצן פינגער — אַ מינע פון אַ דורשטיקן צאַפּ מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, און לויט דעם צעמישטן און דאַנקבאַרן שמייכל, מיט וועלכן סאָניאַ האָט דאָס אויפגענומען, האָט ברין גלייך דערקענט, אַז „די זאַך״ איז פּאַרגאַנגען פיל ווייטער, ווי ער האָט געמיינט. פון זיינע אויגן איז אויך ניט פאַר־שוואונדן געוואָרן סאָניאַס לייכטע באַוועגונג מיט איר צווייטער האַנט, עפּעס ווי זי וואָלט זיך, ניט־ווילנדיק אַ צי געגעבן אַ גלעט צו טאָן די פליכעוואַטע פּאַטילניצע וואָס איז אַזוי גאַלאַנט פאַרבויגן איבער אירע געקושטע פינגער. נאָר זי האָט די דאָזיקע באַוועגונג באַצייטנס אונ־טערגעדריקט...

„הם...״ — האָט דויד ברין לייכט אַ שוידער געגעבן. דאָס מאָל האָט שוין דער „הם״ געהאַט אַן אַנדער באַדייטונג: „פּאַרזען... פּאַרשפּעטיקט...״ אַ זומפּ פון פּאַלשער פאַרגעטערונג און זיס־קלעפּיקע קאָמפּלימענטן האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זיינע שאַרפע, האַלב־פאַר־זשמורעטע אויגן. ווי דורך אַ שליסל־לאָך האָט ער דערזען דעם אייביקן

www.libtool.com.cn

זומפּ, פון וועלכן ווייבער, פון אַ געווויסן טעמפּעראַמענט, קריכן זעלטן־ווען אַרויס, ניט פאַרלירנדיק די שיכעלעך. אָפּטמאָל — דאָס העמד אויך.

„אפשר געבן איר גאָר אין באָק ?.. — איז ברין אויפגעקאָכט געוואָרן, — ווי ער שטייט אַזוי איינגעבויגן, דער קונסטקענער, איבער סאָניאַס האַנט. „איין פּאַטש נאָר. און אַזאַ — אַז אַ פייכטער אָרט זאָל דאָ פון אים בלייבן...״

„ניין, ניין״, האָט ער זיך אַליין צוריקגעהאַלטן. „דאָס טויג ניט! דאָס וועט אים נאָר מאַכן פאַר אַ קדוש און סאָניאַן — פאַר אַ באַרמהערציקער שוועסטער... ווי ער קען זי, איז ער כמעט ווי זיכער אַז זי וועט גלייך אָנטאָן אַ ווייסן פאַרטעך און אַוועקגיין היילן אים, און אפשר אינגאַנצן מער צוריק ניט קומען...״

איז ברינען געלונגען צו דערשטיקן אין זיך דעם פּלוצלעכן כעס און מאַכן אַ גאָר פריינדלעכע מינע. ער האָט געשטעלט כיבוד — קאַווע, ליקערן און מאַנדל־בייגעלעך. און צווישן איין פאַרבייסן און צווייטן אַרומגעפירט זיין גאַסט איבער דער אַטעליע, געוויזן אים די נייע און אַלטע אַרבעטן אויף די ווענט: פאַרענדיקטע בילדער, האַלב־געמאָלענע און סקיצירטע.

יענער האָט געמאַכט אַ קאָפּעלע אַן אָנגעבלאָזענעם געזיכט פון גאָר אַ גרויסן מבין, וועלכער היט זיך אָבער דערווייל מיט אַן ענדגילטיקער מיינונג, כדי ניט צאָלן מיט אומדאַנקבאַרקייט פאַר דער גאַסט־פריינטשאַפט, וועלכע מען ווייזט אים דאָ אַרויס... ער האָט זיך נאָר בגנבה איבערגעקוקט מיט סאָניאַן, איינמאָל און צווײמאָל. אַ באַזונדער קוקעלע מיט אַ פאַרטאַיעטער אָפּלאַכערישקייט איז דאָס געווען. פון דעם, ווי אַזוי סאָניאַ האָט דעם גאַסט אָפּגעענטפערט, מיט אַ פערטל אויג און מיט אַן אַכטל שמייכל, האָט ברין דערפילט אַ שטאָך אין האַרצן. עס איז אים קלאָר געווען, אַז ביידע האָבן אַ גאַנץ אַנדער מיינונג פון דעם, ווי אַזוי און וואָס מען דאַרף „היינטיקע צייטן״ מאָלן... און ביידנס קוים־באַמערקטע מינעלע האָט געהאַט יענעם פאַרשמיצטן און געזעטיקטן אויסדרוק פון אַ יונג פּאָרל, באַלד נאָך דער חתונה, ווען דער געזעצטער פעטער, אויף וועמעס חשבון זיי האָבן חתונה געהאַט, קומט זיי באַזוכן און באַטראַכט זייער נייע מעבל, זייער שלאָף־צימער. כי־כי... ניין! וואָס ז״י ווייסן, ווייסט קיינער ניט... ווי קומט דער אַלטער באָק צו פאַרשטיין אַזעלכע זאַכן!

און ווידער האָט ברינס האַרץ אויפגעקאָכט, און טאַקע ווי ביי דעם זעלבן פעטער, ווען ער באַמערקט אַזעלכע שטוקעס. „יאָלדן!״ — האָט

זיך אים פאַרגלוסט אויסצושרייען אין די נאַרישעוואַטע פּנימער אַריין,— דעם סוד וואָס איר ווייסט אַצינד, ווייס איך שוין, געלויבט דער אויבערשטער, אַ יאָר דרייסיק, אויב ניט מער...

ערשט שפּעטער מיט אַ שעה איז ברין מיד געוואָרן פון דער מאַסקע, וואָס ער האָט אויף זיך אָנגעצויגן. ער האָט זיך געפילט ווי אַ טרעגער, וואָס איז אַרויף, מיט אַ שווערער משא אויפן רוקן, צום זיבעטן עטאַזש און געטראָפן די נייטיקע טיר געשלאָסן... דערפאַר, ווען האַרקאַווע האָט זייביידן איינגעלאַדן צו עסן אָוונט־ברויט אין אַ שוועדישן רעסטאָראַן מיט ספּעציעלע סקאַנדינאַווישע האָר־ד׳עווערס, האָט ברין באַשלאָסן אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די משא מיט איין מאָל און אָפּגעזאָגט זיך.

— אויב דו, סאָניאַ... — מאַכט ער, און קוקט אַוועק אָן אַ זייט, — אויב דו ווילסט, גיי און זשעניר זיך ניט. עפּעס בין איך ניט אין דער שטימונג.

ער האָט געוואַרט אַ מינוטעלע: אפשר וועט זיך סאָניאַ אויך אָפּזאָגן און בלייבן מיט אים אין שטוב. אָבער זי האָט געשוויגן. נאָר לייכט אָפּגעזיפצט האָט זי.

— זיפץ ניט! — גיט ער צו איר אַ שמייכל. — ווייסט דאָך, איך האָב נאָך היינט מיין פאַרציע אַרבעט ניט דערפירט ביזקל סוף. עס פעלט מיר... אָבער דו דאַרפסט זיך ניט לאָזן שטערן. טראַכט ניט צופיל!..

ניין. זי האָט צופיל ניט געטראַכט. פאַרקעמט די האָר, אַרויפגעזעצט דאָס היטעלע און גענומען אַרויפציען אויף זיך יענעם מאַנטל פון זילבער־פוקס, וועלכן זי פלעגט שטענדיק אָנטאָן צוליב אַ פייערלעכן אָוונט און וועלכן ברין האָט שטאַרק ליב געהאַט. מאַקס האַרקאַווע האָט איר געהאָלפן און, ווי ברינען האָט זיך אויסגעדוכט, מיט די קנעכלעך פון די ראָפינירטע פינגער געגלעט דערביי, פון אונטן אַרויף, די שלאַנקע פּלייצעס פון זיין דאַמע.

— אַ גוטע נאַכט!

— אַ דאַנק פאַר כיבוד!

— אַמוזירט זיך גוט!..

די טיר איז געפאַלן אין שלאָס. די קליאַמקע האָט ציניש אַ קלימפּער געגעבן, און דערמיט איז פאַרענדיקט געוואָרן אַ צוויי־יאָריקער אַקט צווישן מאַן און ווייב. אַ שווערער פאָרהאַנג איז אַראָפּגעפאַלן און זיי אויף אַן אמת צעטיילט.

www.libfool.com.cn

פערטער קאַפּיטל

www.libtool.com.cn

די אנטוישונג

.1

ערשט שפּעטער האָט ברין איינגעזען, אַז מיט זיין בלייבן איינער אַליין אין אַטעליע, נאָך אַן אינערלעכן קאַמף און נאָך אַזאַ באַהערשן זיך, איז געווען פּונקט אַזוי נאַריש, ווי אויפצוגעבן אַ קריג, אַזוי גיך ווי מען הויבט אָן צו זיגן... מיט אַנדערע ווערטער: אַז דאָס שיקן זיין ווייב אין אַ נאַכט־רעסטאָראַן, מיט אַ פאַרשוין, נאָך וועמעס אַוועקגיין ער האָט געשפּיגן ווי פון פאַרזוכן פוילע פיש, איז געווען אַן איבערגעטריי־בענע ברייטהאַרציקייט, און דעריבער אַ פעלער; מער ווי אַ פעלער — אַ געשענקטע אויבערהאַנט.

ערשט שפּעטער איז אים קלאָר געוואָרן, אַז דאָס אַוועקגעגאַנגענע פּאָרל האָט אין דער דאָזיקער ברייטהאַרציקייט בכלל ניט געגלויבט און זיין פאַרטרויען ניט אָפּגעשאַצט. פאַרקערט: ביי זיין קאָנקורענט האָט אַזאַ באַנעמען זיך אַרויסגערופן אַ גאַנץ אַנדער מיינונג: ניט אַז ער, ברין, האָט די קראַפט צו שמייכלען ווען אַ באַק־צאָן רייסט אים אָן, נאָר אַז ער איז געמאַכט פון זעלבן ניט־טייערן מאַטעריאַל, ווי אַ סך אַנדערע קינסטלער פון מאָנפּאַרנאַס... פעסטן כאַראַקטער און איינגעשפּאַרט־קייט ווייזט ער אַרויס נאָר ביי זיין אַרבעט, וואָס ער היט אָפּ ווי אַן אויג אין קאָפּ; אָבער ווען עס קומט צו פּרנסה, איז ער ניט בעסער און ניט שטאַלצער ווי די גאַנצע באָהעמיע, אויף וועלכער ער קוקט פון אויבן־אַראָפּ. מיט איין צוזאָג, צו טאָן עפּעס פאַר זיין פּאָפּולאַריטעט און פאַר דעם פאַרקויף פון זיינע בילדער, קען מען אים קנעטן אַזוי ווי קוים־אָנגעוואַרעמטן וואַקס. מען קען אַפילו איינלאַדן זיין פרוי צום אָוונט־עסן און אים איבערלאָזן אַליין אין דער נודנער אַטעליע, און ער שלינגט דאָס אויך אַראָפּ.

צו ניט קיין בעסערן באַשלוס איז געקומען זיין אייגענע סאָניאַ. ביים היינטיקן באַזוך פון איר פאַרערער האָט זי זיך כמעט ווי איבער־געצייגט, אַז איר מאַן איז שאַרפזיניק, אַנטשלאָסן און האָט אַ גראַדן כאַ־ראַקטער נאָר אין באַציאונג צו איר, סיי זיי לעבן גוט און סיי זיי קריגן זיך. אָבער אין דער אָנווועזנהייט פון מאַקס האַרקאַווע האָט ער די אַלע אייגנשאַפטן פאַרלוירן. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ ביסל לעקישעוואַטע, געפלאָנטערט און ווייך ווי אַ קליאַטשע; און אין געשפּרעך — זיסלעך־

זויערדיק, ניט אינטערעסאַנט... דערפון האָט איר עכט־ווייבערישע לאָגיק אַרויסגעדרונגען, אַז מאַקס האַרקאַווע האָט גרעסערע מעלות, שטייט גייסטיק העכער פאַר איר מאַן און באַזיצט די ריכטיקע קראַפט צו אונטערדריקן זיינע קעגנער, וואָס הינטער די פּלייצעס לאַכן זיי אים אויס...

אַז אויפגעפּירט אַזוי האָט זיך דויד ברין נאָר פון אירטוועגן און נאָר ווייל ער איז אין איר אַזוי פאַרליבט — דאָס איז איר אַפילו ניט איינגעפאַלן. און אַז עס וואָלט איר יאָ איינגעפאַלן, וואָלט דאָס ווייניק געהאָלפן. וואָרעם אַלץ אין דער וועלט איז אַ פּרוי מוחל, אויסער געפאַלנקייט. אַזוי, ווייניקסטנס, האָט זי פאַרשטאַנען דאָס באַנעמען זיך פון איר מאַן. דאָס האָט זי, אין יענעם אָוונט, געבראַכט צו אַ מין לייכטזיניקער פאַרצווייפלונג, בשעת וועלכע ווייבער ברעכן דורך יענע שוואַכע צוימען פון טריישאַפט און געוויסן, איבער וועלכע זיי האָבן נאָך ביז איצט געקווענקלט: „ברעכן, אָדער ניט?"

אין יענעם אָוונט האָט זיך סאָניאַ געלאָזן באַטרינקען צום ערשטן מאָל אין איר לעבן. פריער מיט שוועדישן קאָרן צום פאַרשפּייז, דערנאָך — מיט ווייסן סעמיור־ווייַן צו די גרינע אויסטערס, דערנאָך — מיט שווערן פייער־רויטן פּאָמאַרד ביים סטעיק, מיט זיסן כערעס צום טאָרט און מיט אַ ברויזנדיקן האַלב־טרוקענעם מיום־שאַמפּאַניער — צו די פרוכטן און געזאַלצענע מאַנדלען. אַ קעלישאַק גרינער שאַרטרעז צום שוואַרצן קאַווע האָט אויך ניט געפעלט. האַרקאַווקע האָט געשפּילט איבער די אַלע געטראַנקען, ווי אַ קאַבאַרעט־כּלי־זמר איבער פּויקן, צימבלען, טאַצן און גלעקלעך, און האָט זיך ניט שלעכט ספּראַוועט. מיטביידע הענט האָט ער זיין דאַמע אונטערגעגאָסן און סאָניאַ האָט, פאַר אירע פאַרשוואומענע אויגן און, אין לויף פון גוטע צוויי שעה, געזען אַ פולע גלאָז, אָדער באָקאַל, אָדער קעלישאַק. די קאַלירן האָבן זיך געביטן און די געשמאַקן — אויך. אַ זיסע שווינדלעניש איז דערפון געוואַקסן אין קאָפּ און אַ פריילעכע אויסגעלאַסנקייט אין האַרצן. אַלץ וואָס זי זעט און הערט האָבן אָנגענומען מערקווירדיקע מאָסן: די קעלנערס זיינען געוועזן גליקלעך וואָס אַזאַ פּראַכטפולע בלאָנדע דאַמע לאָזט זיך וואוילגיין אין זייער לאָקאַל, און די עלעקטרישע ליוסטרעס האָבן געלויכטן ווי אין אַ טעמפּל. פון מאַקס האַרקאַווקע איז שוין אָפּגע־רעדט. זיין פאַרוועלקטער פּנים, מיט די צוויי פאַלדן פון ביידע זייטן נאָז, האָט געהאַט אַ מעפיסטאָפעליש־טיפן אויסדרוק, און די אויגן האָבן פונ־דעסטוועגן גוטמוטיק געלויכטן. די דאָזיקע קאָנטראַסטן, אין איין און דעם זעלבן געזיכט, האָבן זי גאַנץ פאַרגאַפט. זיין צוזאַמענשטעלן

www.libtool.com.cn

דאָס מעניו און די געטראַנקען האָט איר אויסגעזען וואונדערבאַר, אַ מין גענ‏יאַלע קאָמפּאָזיציע פון אַ לעבן־געניסער. דאָס וואָס סנאָבן לערנען זיך אויס אויפן שפּיץ מעסער, ביים טיש פון אויפגעקומענע נגידים, האָט איר איצט אויסגעזען ווי די אויבערשטע חכמה...

איר ווילן איז צעשוואומען געוואָרן אין אָט די אַלע איינדרוקן, געשמאַקן, און אין דעם רויט־און־געל־און־גרין פאַרשלייערטן אַלקאָהאָל. דאָס גאַנצע וועזן איז געוואָרן שוואָמיק, פּעאיק אויפּצונעמען אין זיך אַלץ וואָס עס לאָזט זיך: נאַרישקייט און קלוגע רייד, ציניזם און כלומרשטע פאַרליבטקייט. ס׳איז אַלץ איינס. אַלץ גייט פון איין שפּונט, אַזוי ווי כלערליי מינים ווייַנען ביים טייוול, אין דער „פּאַוסט״־אָפּערע...

אין דעם דאָזיקן צושטאַנד האָט סאָניאַ געלאָזן גיין איבער זיך האַרקאַווקעס זלידנע מיינונג, אַז דער מאַן אירער איז אַן אומהיילבאַרער שמירער און אַז זי, סאָניאַ, מיט איר „שוואונג״, מיט אירע „טרומיי־טערנדיקע פאַרבן״, מיט איר סור־רעאַליסטישן זען זאַכן, א י ב ע ר די אַקאַדעמישע ברילן וואָס מען האָט איר אָנגעזאָטלט אויף דער נאָז, מוז זיך ענדגילטיק באַפרייען פון איר מאַנס אַטעליע, פון זיינע מעטאָדן אין מאָלן, פון זיין פּעדאַנטיזם אין יעדן שטריכעלע. און אויך פון אים אַליין... פון ד ע ם, אייגנטלעך, דאַרף זי אָנהויבן. אָפּרייסן זיך פון אַ שטריקל, מיט וועלכן מען האָט זי צוגעבונדן צו אַ פרעמדן גייסט און צו אַ פרעמדער פּסיכיק. כדי זי זאָל פון דעם ריס ניט ליידן — וועט ער, האַרקאַווע, זאָרגן. ער זאָרגט שוין דערפאַר... ער גרייט שוין פאַר איר אַ סיורפּריז. די בילדער אירע, וועלכע זי האָט אים איינציקווייז געבראַכט צו טראָגן, ווי קאָנטראַבאַנדע, צווישן גרויע קאַרטאָנען, אין דעם און אין יענעם קאַפע, האָט ער איינגעראָמט. זיי געפינען זיך שוין אין אַ באַקאַנטער בילדער־גאַלעריע אויף די דע־לאַ באָעסי. עס וועט זיין אַ שטילער ווערניסאַזש...*) און פאַר וואָס גראָד אַ שטילער? די בעסטע מבינים וועלן קומען. זי וועט זען! ניין. ער וויל דערפון מער ניט ריידן...

דער דאָזיקער קאָקטעיל פון חניפה, געמישט מיט ממשותדיקע געטראַנקען און געריכטן, האָט געשאַפן אונטער סאָניאַס שלאַנקע פיס יענעם קלעפּיקן זומפּ, פון וועלכן דויד ברין, איר מאַן, האָט שוין אַנומלטן גערעדט מיט איר... נאָר דעמאָלט איז דאָס געווען הוילע טעאָריע. איצט — זומפּ אין דער פּראַקטיק, פון וועלכן זי איז ניט

*) אַן איינלאַדונג פון פריינט און קריטיקער, איידער די אָפיציעלע דערעפענונג פון אַ בילדער־אויסשטעלונג קומט פאָר.

געוועזן בכוח אַרויסצוקריכן. זי האָט אַנגעהויבן פון דער לעצטער www.libtool.com.cn באַפרייאונג, אַזוי ווי איר נייער עצה־געבער האָט זי געלערנט. זי האָט זיך פון האַרקאָווען געלאָזן אַוועקפירן אין אַ טאַקסי, ליגנדיק מיטן האַלב־צעפּאַטלטן קאָפּ אין זיינע שלאַבערדיקע אָרעמס.

2.

די איינצלהייטן האָט זיך דויד ברין דערוואוסט ערשט שפּעטער... אין דעם זעלבן אָוונט, שפּעט נאָך האַלבע נאַכט, האָט ער זיך נאָך דער־וואוסט, אַז סאָניאַ, זיין ווייב, האָט שוין געמאַכט אַ טריט ווייטער, אין איר נייער קינסטלער־קאַריערע, און באַקענט זיך מיטן געַנוס פון אַלקאָהאָל, נאָר אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס ווי עס פּאַסט פאַר אַן אָנשטענדיקער דאַמע.ביים קומען צוריק און אויסטאָן זיך האָט זי גע־מורמלט, געוואָרפן דעם קאַרסאַזש און העמד אויף דער ערד און געלאַכט. דערנאָך — אַ מוטער־נאַקעטע געשטעלט זיך איבער אים און גע־שאָקלט זיך:

— איז ווילסטו מיך גאָר ניט האָבן? ווילסט ניט? ביין? האַ־האַ!...

— סאָניאַ, — האָט ער זי אַנגענומען פאַר אַ האַנט, — לייג זיך בעסער, שלאָף זיך אויס!

— ניט שלעפּן מיך, דו! בעט מיך! צו די פיס פאַל אַנידער... ווי אַמאָל. דערנאָך אפשר... אויב דו וועסט ווערט זיין...

— איך בין ניט ווערט... — האָט ער זיך פון איר אַוועקגערוקט.

— הם... — איז זי ווידער ניט נתפּעל־געוואָרן. — ווילסטו ניט? פּאַריז איז פול מיט מענער וועלכע... וועלכע האָבן געמיינט אַזוי ווי דו...

— אַז וואָס האָבן זיי געמיינט?

— אַז פרויען קענען אָן זיי ניט אויסקומען...

— ביסט שיכור!

— און אַז יאָ? און אַז יאָ? וואו שטייט דאָס אַז מען מוז אַלעמאָל זיין ניכטער? אַפילו בינען זיינען שיכור איין מאָל אין יאָר... מוראַשקעס פליען אויך... איינמאָל נאָר... האַ־האַ!

— קרעציקע פּאָעזיע איז דאָס!... האַרקאַווקע האָט דאָס אין דיר אַריינגערעדט. איך זע שוין...

— דו זעסט? אַלץ זעסטו? האַ־האַ, אַלץ?

ברין האָט דערזען, אַז אויסטענהן זיך מיט איר איצט האָט קיין

www.libtool.com.cn

שום זין ניט. דער איבערגעברענטער ווייןרעדט דאָס פון איר אַרויס ווי אַ גילגול. האָט ער זי ווי ניט איז באַרואיקט און געלאָזן אויסשלאָפן זיך.

ערשט צו־מאָרגן, נאָכן קאַווע, וואָס ער האָט פאַר איר צוגעגרייט, איז צווישן זיי פאָרגעקומען איינע פון די מיאוסטע קריגערייען, מיט אָפענע פאָרוואורפן און גראָבע ווערטער, וועלכע האָט אַריבערגעטראָפן אַלץ, וואָס האָט זיי דאָס לעבן ביטער געמאַכט ביז אַהער. און פאַר־ענדיקט האָט זיך די ביט־שיינע סצענע מיט וואַרפן אין אים די זעלבע טאַסע, נאָר אַ ליידיקע, וועלכע ער אַליין האָט, מיט אַ האַלבער שעה צוריק, סערווירט זיין צעלאָזענער ווייב.

ברין האָט באַוויזן אָפצוקערן דעם קאָפּ באַצייטנס, און די טאַסע איז געפלויגן אין וואַנט אַריין. ווייסע שערבלעך האָבן זיך צעשאָטן אַרום אים... איז דאָס ניט אַ צעבראָכן לעבן? איר לעבן, אָדער זיינס?..
ער האָט זיך קיין צייט ניט געגעבן נאָכצוקלערן, אָנגעכאַפּט סאָניאַן ביים אָרעם און שטרענג אַריינגעקוקט איר אין די בלאָנדזשענדיקע אויגן. עס איז קלאָר געווען, אַז דער נעכטיקער איינפאַכער אַלקאָהאָל האָט זיך שוין אויסגעוועפּט. אַן אַנדער אַלקאָהאָל איז איר געבליבן אין קאָפּ, אַן אַלקאָהאָל פון גרינגשאַצונג און אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט; און דער דערלאָזט נאָך ניט זי זאָל זיך קאָנטראָלירן. אַזאַ שכרות, וועלכע שטאַמט, ווי עס ווייזט אויס, פון אַ פרעמדער פאַס אויך, איז די בעסטע זאַך אַרויסצוטרייבן מיט אַ בייטש. אונדזערע אור־עלטערן האָבן דאָס געברויכט מיט דערפאָלג. אָבער דויד ברין איז ניט געווען דער מענטש פאַר אַזעלכע מיטלען. האָט ער נאָר פאַרביסן די ציין און אָנגעקוקט די, וועלכע ווייסט ניט וואָס זי טוט, כדי זי זאָל זיך אויסטשוכען. אין פּאָטענץ איז דאָס געווען פונקט אַזוי שאַרף, ווי אַ שמיץ פון אַ צעפּאָכעטן אַראַפּניק.

און ווירקלעך, זי האָט זיין קוק ניט אויסגעהאַלטן און זיך צע־וויינט. ער האָט לאַנגזאַם אָפּגעלאָזן איר פאַרקלעמטן אָרעם און פונקט אַזוי לאַנגזאַם געזאָגט ניט צו איר, ניט צום באַלקן, ניט צו זיך אַליין:
— נאַ, איצט ווייס איך, וויניקסטנס, וואו עס האַלט מיט דיר...
ער איז אַוועק פון דער אַטעליע, איבערלאָזנדיק זי אַ גאַנצן מעת־לעת איינע אַליין און איבערגענעכטיקט ביי זיין פריינט גאַבראָנסקין. געמיינט האָט ער, אַז דערמיט וועט ער איר געבן אַ געלעגנהייט קומען צו זיך, איבערטראַכטן וואָס זי האָט געטאָן און וואָס צו טאָן ווייטער. ער האָט געמיינט, אַז איר צערודערונג וועט זיך לייגן, איר געוויסן וועט זיך אָפּרופן... אָבער ווען ער איז צוריקגעקומען, אויף מאָרגן אין דער

זעלבער צייט, האָט אים, אויף זיין אָנקלאָפּן, קיינער ניט געענטפערט.
www.libtool.com.cn
איז ער אַראָפּ צו דער קאָנסיערזשקע.*) יענע האָט אים גלייך געגעבן דעם שליסל, נאָר עפּעס מאָדנע אָנגעקוקט אים. ער האָט אויפגעשלאָסן זיין אַטעליע, און, ביים ערשטן אַריינטריט, דער־שפּירט אַ פּוסטקייט. אַלץ איז, דאַכט זיך, געשטאַנען אויף אַן אָרט און פונדעסטוועגן האָבן זיך זיינע טריט אָפּגעגעבן מיט אַ פּיינלעכער הילכיקייט, ווי אין אַ חורבה. ווען ער האָט זיך נענטער צוגעקוקט צו די ווענט און צו די אָפענע אַלמערס, האָט ער דערזען, אַז אַלע סאָניאַס פּערזענלעכע זאַכן זיינען פאַרשוואונדן — אירע קליידער, וואַליזעס, בילדער און פאַרבן־שאַכטלעך. אויפן ליידיקן מאָל־ברעט האָט ער נאָר געפונען אַ צעטעלע, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעקרויזלט מיט אַ רויטן בליישטיפט, אַז זי, סאָניאַ, ווייסט ניט ווען ער וועט קומען צוריק אַהיים, נאָר זי ווייסט אויף געוויס, אַז זי וועט שוין מער ניט קומען. ער זאָל אויף איר ניט וואַרטן.

„צי האָט זי זיך דאָס לעבן ניט גענומען פון פאַרצווייפלונג ? אין אַזאַ צושטאַנד, ווי זי איז געווען...“

ווי אַ פּאַרטמעטער האָט ער זיך געלאָזן לויפן צום מאָנפּאַרנאַס, הערן, זען. דאָרטן האָבן אים אַלע אָנגעקוקט, ווי זיין הויז־קאָנסיערזשקע, מיט דער זעלבער האַלב־רחמנותדיקער האַלב־אָפּלאַכרישער מינע. דאָרטן האָבן שוין אַלע, ווי אין אַ קליין־שטעטל, געוואוסט דאָס, וואָס סאָניאַ האָט ניט דערזאָגט אין איר איבערגעלאָזענעם צעטעלע. ניין, פאַרצווייפלט איז זי שוין גאָר ניט געווען און דאָס לעבן האָט זי אַפילו ניט געטראַכט צו נעמען זיך. דער צווייטער, ניט־דערשריבענער טייל אין צעטעלע איז באַשטאַנען פון דעם, אַז מאַדאַם ברין איז אַוועק פון מאַן לעבן מיט איר געליבטן, וועלכער קען איר האַרץ בעסער און האָט אַכטונג פאַר איר טאַלאַנט... און אַז דער „קענער“ פון די ביידע זאַכן איז ניט קיין אַנדערער ווי מאַקס האַרקאַווקע.

אויפן מאָנפּאַרנאַס האָט מען שוין אויך געוואוסט, אַז די לעצטע און ענדגילטיקע קריגעריי, צווישן מאַן און ווייב, איז פאָרגעקומען אויפן גרונט פון קנאה, דערפאַר וואָס אַ באַקאַנטע גאַלעריע אויף די דע־לאַ־באָעסי האָט סאָניאַס בילדער אָנגענומען פאַר אַן אויסשטעלונג, און ברינס — ניט...

ווי אַ פּאַטש אין באַק האָט דאָס אָפּגעקלונגען אין ברינס אויערן. קיין וואָרט אמת איז אין דעם ניט געווען. פון אַזאַ אויסשטעלונג האָט

---

*) הויז-היטערין, אויף פראַנצויזיש.

www.libtool.com.cn

ער אָפּילו ניט געהערט. ניט אַנדערש, אַז האַרקאַווקע, אָדער זי אַליין, אָדער ביידע צוזאַמען האָבן אַזאַ קלאַנג פונאַנדערגעלאָזן, כדי צו באַרעכטיקן זייער ניט־שיינע האַנדלונג און כדי צוצוגעבן זייער פּאַראַט אַ געוויסן גלאַנץ פון הייליקן קאַמף פאַר דער קונסט...

ברינס שפּאַנונג און זיין שטאָלצע האַלטונג האָבן דערפון נאָכגעגעבן. ביי זיין גאַנצער פיזישער און גייסטיקער קראַפט האָט ער זיך דערפילט שוואַך... שוואַך צו קעמפן קעגן שמוץ. ניט אַלע זיינען פּעאיק צו רייניקן אַ מיסט־קאַסטן. מיט קראַפט האָט דאָס גאָר ניט צו טאָן. ער האָט נאָר פאַרשטאַנען, מער מיטן שכל ווי מיטן האַרץ, אַז פיל האָט ער אין סאָניאַן ניט פאַרלוירן. זי און האַרקאַווקע... איינע איז ווערט דעם צווייטן.

אָבער די איינזאַמקייט האָט געטאָן דאָס איריקע. די הילכיקע טריט אין דער גרויסער אַטעליע, די קילקייט פון גרויסן אַלט־פראַנצויזישן בעט, די לאַנגע נעכט און דאָס לאַנגזאַמע טאָגן אין דעם גרויסן דאַך־פענצטער, דער גאַנצער איבערברוך פון נאָרמאַלן לעבן מיט אַלע זיינע פאָלגן... ער האָט זיך דערפילט דערנידעריקט און איבעריק אויף דער וועלט... פאַרלוירן דעם אַפּעטיט און דעם אינטערעס צו דער אַרבעט. געוואָלט אַפילו איינמאָל אַראָפּוואַרפן זיך פון דעם הויכן מאַנסאַרדע־פענצטער אויפן ברוק; געוואָלט לויפן שלאָגן האַרקאַווקען צום טויט, און זיך אויך... זי דערשיסן ווי אַ... ווי אַ וואָס? ווי אַ צויג! נישקשה, איצט קען ער זיך דאָס זאָגן, ניטאָ וועמען צו שאַנעווען...

אָבער זיין געזונטע נאַטור און זיין געזונטער שכל האָבן אים ווי באַוואָפנטע שומרים, אָפּגעהאַלטן פון אַזאַ אָדער ענלעכן טריט; ניט דערלאָזן שפּילן מיט זיך, ווי מיט אַ העלד אין אַ מעלאָדראַמע, צי אין אַ ביליקן פילם, וואו דער מאַן כאַפּט דעם געליבטן פון זיין ניט־טרייער פרוי אין פּאַדזשאַמעס... ברין האָט אָפּגעשלאָסן זיין אַטעליע און איז אַוועקגעפאָרן, אויף עטלעכע וואָכן, צו די אָווערניער בערג אין צענטראַל־פראַנקרייך. דאָרטן, ביי די אויסגעלאָשענע וואולקאַנען, קייַלעכדיקע אָזיערעס, חורבות פון ריטער־שלעסער, גאַנצע פעלדער פון נאַרציסן, פאַלנדיקע וואַסערן, — האָט ער זיך ביסלעכווייז געגומען צעשטרייען. אַ סך צוגעהאָלפן האָבן אים דערביי דאָס פרימיטיווע לעבן פון די גוטמוטיקע פּויערים, וועלכע ריידן אויף אַ שרייענדיקן דיאַלעקט, וואָס קלינגט ווי אַ ווידער־קול אין די בערג; דער לייכטער ראָזעווער ווייַן, די ריזיקע ברויטן מיט אַ מעליקן זיץ, אַזוי גרויס ווי מילשטיינער, די רויט־געפינטלטע לאַקס־פאָרעלן פון די בערג־טייכלעך, אין ווייסן

וויין געקאָכט, וואָס ווערן סערווירט אַלס פאָרשפּיין צו ביידע מאָלצייטן און מיט אַ ברייטער האַנט; די אויסגעצייכנטע אָרטיקע קעזן, וועלכע זיינען דרויסן פאַרשימלט און אינעווייניק געלבלעך־קלאָר ווי העלפאַנט־צאָן, מיט אַ זעטיקן און פּיקאַנטן טעם פון געפּרעסטער און געווירצטער סמעטענע; די שמעקעדיקע גאָרטן־יאַגדעס, וועלכע די פּויערים לאָזן פליקן און עסן וויפיל דאָס האַרץ געלוסט פאַר אַ האַלבן פראַנק...

דאָס אַלץ האָט אים סוף־כל־סוף געבראַכט צום פאַרלוירענעם גלייכגעוויכט.

ניט אַזוי לייכט, ווי עס רעדט זיך, איז דאָס געשען. לאַנגזאַם, ווי נאָך אַ שווערער היץ־קרענק, איז די גלייכגעוויכט געקומען. מיט קאָפּ־ווייטאָג און שלעכטע שטימונגען אינדערפרי, און מיט ניט וויסן וואו אַהינצוטאָן זיך אין די דאָרפישע פאַרנאַכטן. די קורצע זומערדיקע נעכט האָבן זיך מוראַדיק און אומנאַטירלעך־לאַנג געצויגן. פון נאָענטן שענק אין דאָרף האָבן דערגרייכט שכורע אויסגעשרייען און געזאַנגען פון רייכע פּויערים, וואָס איילן זיך ניט גיין שלאָפן, וואָרעם זייערע געדונגענע געהילפן שטייען פאַר זיי אויף... אַ האַלב־אַנגעטאָנענער פלעגט דויד ברין אַנטלויפן פון די גראָבע קולות אַרויף שליאַך, אין די בערג אַריין, צו דער קיילעכדיקער אַזערע אין אַ קראַטער פון אַן אויסגעלאָשענעם וואולקאַן, און דאָרטן בלייבן זיצן ביז נאָך האַלבער נאַכט. דער בלויער בליאַסק פון וואַסער, די שטילקייט און דער געדיכטער ריח פון פעלד־נאַרציסן פלעגט ווירקן ווי אַ לאַנגזאַמער שלאָף־טרונק.

ביסלעכווייז איז געקומען די גענעזונג. די קערפּערלעכע אַזוי ווי די גייסטיקע. און מיט אַ זאַפּאַס פון צוריק־געוואונענער קראַפט האָט זיך ברין אומגעקערט קיין פּאַריז און אָנגעהויבן לעבן און אַרבעטן איינער אַליין.

.3

גלייך ווי ער האָט זיך אומגעקערט, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ נייער אומרואיקער שטימונג. וואָרעם גראָד דעמאָלט, דאָס הייסט: סוף־זומער, האָבן זיך אויף דעם מאָנפּאַרנאַס באַוויזן בלויע איינלאַדונג־קאַרטן מיט אַ מין פּיפּערנאָטער אויף דעם שער־בלאַט, וואָס האָט געזאָלט סימבאָליזירן די נייע קונסט. אינעווייניק, אין דער צוזאַמענגעלייגטער קאַרטע, איז געווען מיטגעטיילט, מיט ווילד־געצאַצקעטע אָנהייב־בוכשטאַבן, אַז דעם און דעם דאַטום עפנט זיך די ערשטע אויסשטעלונג פון סאָניאַ גערשינס בילדער אויף רי דע־לאַ־באָעסי, אין דער גאַלעריע פון די ברידער פּאַטרו, און אַז דער „ווערניסאַזש", דאָס הייסט: דער

www.libtool.com.cn

צוזאַמענטרעפן זיך פון דער קינסטלערין מיט אירע פריינט, קריטיקער און קינסטלער, קומט פאָר מיט אַ טאָג פריער, דריי אַזייגער נאָכמיטאָג...

גערשין — איז געווען דער מיידלשער פאַמיליען־נאָמען פון מאַדאַם ברין. איר חתונה־נאָמען איז געווען פאַרשוויגן. די חוצפה, אָדער די נאַרישקייט, אָדער ביידע צוזאַמען, האָבן געמאַכט אַזוי, אַז ברין, אין זיין אַטעליע, אויף די וואָזשיראַרד, זאָל אויך באַקומען אַזאַ איינלאַדונג. אין אַזאַ מאָמענט פון איבערברוך אין זיין פריוואַטן לעבן, איז דאָס געווען מער ווי אַ געשמאַקלאָזע אַרויספאָדערונג מצד יענע, וועלכע האָבן דעם איבערברוך געמאַכט. און ברין האָט דאָס בלויע בריוועלע צעריסן און אַריינגעוואָרפן אין קאָרב. אַלע אויסשטעלונגען הויבן זיך אַזוי אָן. אָבער ניט אַלע ענדיקן זיך אויף איין מאַניער... איז ער געווען נייגעריק צו וויסן, ווי אַזוי די איבערגעאיילטע אויסשטעלונג, פון אַזעלכע ניט־דערבאַקענע מאָלערייען, וועט זיך ענדיקן. און צי האַרקאַווקעס באַמי־אונגען וועלן דאָ לאַנג קענען העלפן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער אין קונסט־זשורנאַל „לאַ פּאָליטר“*) געפונען אַ נאָטיץ, מיט פּעטיט אותיותלעך געדרוקט, וועגן „ווערניסאַזש“ פון מאַדאַם גערשין. מיט אַ באַזונדער בלומען־סטיל איז דאָס געווען געשריבן; ניט פרישע, נאָר פּאַפּירענע בלומען, אין וועלכע ברין האָט גלייך דערקענט האַרקאַווקעס געשמאַק און זיינע טיפּזיניקע ווערטלעך, וועלכע זיינען באַשאַפן כדי צו שיטן זאַמד אין די אויגן פון פּראָפאַנען. די אויסגעזוכטע טערמינען, וועלכע זיינען מייסטנס געווען געליען פון מוזיקאַלישע צייטונג־נאָטיצן, האָבן דאָ געדאַרפט געבן אַ נייעם אויסטייטש און אויסשעפּן דעם מאָלערישן זשאַנר פון מאַדאַם סאָניאַ ג. ביזקל דנאָ. עס זאָל פאַר קיינעם מער גאָר ניט בלייבן...

נאָך די געוויינלעכע פראַזן, אַז אויפן ווערניסאַזש פון דער זייער באַגאַבטער מאָלערין איז זיך צוזאַמענגעקומען „די בליעכץ פון דער פּאַריזער קינסטלער־ און שריפטשטעלער־וועלט“, איז געווען אויסגע־רעכנט אַ צעטל פון נעמען, וואָס לויט שטאַנד, געזעלשאַפטלעכן ווערט און טאַלאַנט האָבן זיי זיך איינער צום צווייטן ניט געקלעפּט און פון „בליעכץ“ געווען זייער ווייט. נאָך דעם איז געווען געשריבן אַזוי צו זאָגן:

„מאַדאַם סאָניאַ, געבוירענע גערשין, איז אַ זעלטענע לירישע מאָלערין, אַ דיכטערין פון אַבסטראַקציעס.

„אירע ליניעס זיינען מוזיקאַליש. זיי דערמאָנען די טענער פון

*) די פּאַליטרע.

www.hbtool.com.cn

לידער וואָס ווערן געזונגען אין רוסלאַנד — אַ לאַנד, פון וואַנען זי שטאַמט. אירע סיוזשעטן זיינען פונקט אַזוי ניט אָנצוכאַפּן מיט דער האַנט, ווי לאַנג־פאַרגעסענע מאָטיוון פון דער יוגנט.

„פּילע פון אירע אויל־בילדער, גואשען און פּאַסטעל־קאָמפּאָזיציעס, טראָגן ריין מוזיקאַלישע נעמען „כראָמאַטישע סימפּאָניע", „סאָנאַטע פון געל און גרין", „נאָקטורן פון אַ שעה פאַר טאָג", „עמאָציע — זיבן, קאָן־מאָטאָ", און אַזוי ווייטער...

„די ‚כראָמאַטישע סימפּאָניע' פון דער גייסטרייכער מאָלערין איז פול מיט פאַרבן פון עפּעס אַ ניט־דערזאָגטקייט. די איבערגאַנגען פון די קאָלירן צווינגען דאָס אויג צו גליטשן זיך פון איין גרופּע קאָלירן צו דער צווייטער. דער „נאָקטורן פון אַ שעה פאַר טאָג" איז אַ געלונגענער געפלעכט פון שוואַרץ, ווייס און גרוי — אָן אילוסטראַציע, מיט וועלכער שאַפּען וואָלט זיך ניט געדאַרפט שעמען אין זיינע ווערק.

„דאָס לייוונט ‚קוואַרטעט', מיטן געלן לייט־מאָטיוו, איז מערק־ווירדיק מיט דער פּליסיקייט פון זיין צייכענונג, און דאָס זעלבע „די סאָנאַטע פון געל און גרין". בעטהאָווענס נעפּלדיקע מאַסקע, וועלכע פאַרלירט זיך דאָ אין גרינעם שימער, גיט־צו דער דאָזיקער קאָמפּאָזיציע אַ באַזונדער שוואונג, טראָגט אייך אַוועק אויף די פליגלען פון זיינע אומשטערבלעכע טענער פון זיין זיבצענטער סאָנאַטע... די דאָזיקע ביידע לייוונטן זיינען די בעסטע שאַפונגען אויף דער אויסשטעלונג..."

ברין האָט זיך געריבן די אויגן און קיין וואָרט ניט פאַרשטאַנען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז געשריבן האָט דאָס האַרקאָווקע מיטן סטיל פון אַ גריכישן אָראַקול, צעשוואומען און ניט ממשותדיק; אַזוי, אַז וואָס יעדער איינער וויל קען ער אין דעם אַריינטייטשן, אַזוי ווי אין אַ שווי־מענדיקן נעפּל קען מען זען אי אַ פיש, אי אַ קאָטשערע, אי אַ פערד, אי אַ וואָגן מיט היי... מען דאַרף נאָר האָבן אַ ביסל פאַנטאַזיע. קלאָר איז ברינען אויך געווען, אַז געשריבן איז דאָס געוואָרן נאָך איידער דער ווערניסאַזש האָט זיך געעפנט. אַז ניט, וואָלט האַרקאָווקע קיין צייט ניט געהאַט צו סטיליזירן אַזוי זיין פון־פינגער־אויסגעזויגענעם לויב־געזאַנג.

כדי צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז געשריבן איז דאָס אָביעקטיוו, אַז דאָס זיינען ניט בלויזע קאָמפּלימענטן וואָס מען מאַכט אַ דאַמע, מיט וועלכער מען טיילט טיש און בעט, און כדי לצים זאָלן ניט זאָגן, אַז דאָס זיינען בלויז אויסטערלישע ווערטער, וועלכע מען רוימט אַריין פּראָפאַנען אין די לאַנגע אויערן, כדי יענע זאָלן זיך שעמען מודה־זיין אַז זיי פאַרשטייען לחלוטין גאָרניט מיט ניט, — זיינען אין סוף פון

www.libtool.com.cn

דער דאַזיקער קריטיקערכץ, אויף איין פוס, געווען צוגעגעבן פאַלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע שורות:

„דער בלויער כישוף״ פון מאַדאַם סאָניאַ ג., ווי אויך „דער פיאָלעטער צירק פון טרובעס״, זיינען די שוואַכסטע זאַכן אין דעם דאָזיקן אָרקעסטער פון קאָלירן. בלויע און פיאָלעטע טענער גיבן זיך מאַדאַם סאָניאַ ג. ניט איין. ווי נאָר זי גייט איבער צו קאָבאַלט־בלוי, צו סאַפּירענעם־אינדיגאָ און אַפילו צו רויטלעכן פיאָלעט, אַזוי וועפּט זיך אויס איר גאַנצע עמפינדלעכקייט, און מיר זעען נאָר דעם כאַאָס פון וועלכע פאַרמען ווערן געשאַפן, אָבער ניט די פאָרמען גופא...״

— איך שטעל זיך פאָר וואָס זי האָט דאָרטן אָנגעליאַפּעט, — האָט ברין ביטער אַ שמייכל געטאָן. — אויב האַרקאַווקע מיט זיין אייגענעם כבוד לאָזט פאַלן אַזאַ געפערלעכן וואָרט: „כאַאָס״, וואָס איז גראָד דאָס קעגנזאַץ פון מאָלעריי, איז עק וועלט...

יוצא געווען פאַר דער הייליקער אומפאַרטייאישקייט מיט אַזאַ טיפזיניקן קנייטש און מיט אַזאַ געזאַלצענעם אמת, מאַכט דאָרטן האַרקאַווקע ווייטער אַ זיסן פיסקל און פאַרענדיקט, גאַנץ אומגעריכט, אַזוי:

„באַצויבערנדיק זיינען דערפאַר מאַדאַם גערשינס קליינע לייוונטן, ווי: „דער מזרח אין טריאומף״ און „דער טעפּעך פון פאַדישאַך״. ווי האָבן אין זיך אַ סך ווינקען פון כינעזישע און פערסישע מיניאַטורן. די באַגאַבטע מאָלערין וועט זיך מיט אירע זוכענישן געוויס אויסקעמפן אַ בכבודיקן אָרט אין דער מאָדערנער קונסט און שאַפן אַ מוזיקאַליש־פאַרביקן סינטעז צווישן מערב־ און מזרח־מאָטיוון.״

בכן, וואָס־זשע איז פאָרט סאָניאַ ברין, געבוירענע גערשין? איז זי מוזיקאַליש אָדער כאַאָטיש? כינעזיש און פערסיש?...

אַ ווידערווילן און אַ רחמנות האָט ברין דערפילט צו אָט דער גאַנצער פאַטשקעריי. אַ בלינדע צו פאַרב און פאָרמע, האָט זי זיך דאָ אָנגעשפאַרט אויף אַ הינקעדיקן קאַליקע ער זאָל זי פירן, און גייט אויסקעמפן פאַר זיך אַ סינטעז צווישן מזרח און מערב... ניט מער און ניט ווייניקער! אַפילו די אויסטערלישע נעמען פון די געמעלדעכצן זיינען ניט אירע. בשעת זי האָט געשמירט אירע גרינע און געלע קאָמפּאָזיציעס און אירע „סאָנאַטעס״ פון קאָבאַלט־בלוי און אינדיגאָ, האָט זי ניט אָנגעהויבן צו וויסן וואָס פאַר אַ נעמען זי זאָל געבן די דאָזיקע פאַרזעעניש. צוגעקלערט האָט זיי האַרקאַווקע... אָט, אַז די זעלבע נעמען זיינען שוין באַפעסטיקט געוואָרן און געוואָרן אָפּגעדרוקט אויף דער פּראָגראַם, האָט סאָניאַ אַליין געגומען גלויבן, אַז טאַקע דאָס האָט זי געוואָלט זאָגן. מיט ציין און נעגל איז זי דאָס, אַוודאי, גרייט צו באַהויפּטן איצטער. ער, ברין, קען זייער גוט איר כאַראַקטער...

www.libtool.com.cn

פון דער פּראַקטיק האָט ער, אָבער, אויך געוואוסט, אַז מיט דעם טובה־נאָטיץ אַליין איז נאָך ניט געענדיקט. אויפן ווערניסאַזש זייַנען אוודאי געווען אמתע קונסט־קריטיקער אויך. אין דעם צעטל פון „פּאַריזער בליעכץ", וואָס האַרקאַווקע רעכנט אויס אין אָנהויב פון זייַן אַרטיקעלע, האָט ברין געפונען אַ נאָמען פון זייער אַן ערנסטן קונסט־רעפּאָרטער, וועלכן ער קען פון זייַנע אייגענע אויסשטעלונגען און וואָס ער האָט פון זיי געשריבן. זייַן נאָמען איז זשאַן דעלבאַק. די פּראַגע איז נאָר, צי דער זעלבער דעלבאַק וועט איבערהויפּט געפינען פאַר נויטיק צו שרייבן וועגן די סימפּאָניעס פון „געל און גרין", וואָס מען האָט אים דאָ אונטערגעטראָגן אין דער גאַלעריע פון די ברידער פּאַטרו. נאָר אויב יאָ — דעמאָלט וועט זייַן אַ גרויס רחמנות אויף דעם פּאָרל...

ברין האָט ריכטיק געטראָפן. אין דעם זייער־ערנסטן וואָכן־זשורנאַל „נאָטר אַר'ט"*) איז אין גיכן דערשינען אַ קליינער נאָטיץ, אָן שום רעפּראָדוקציעס און אונטערגעשריבן נאָר מיט די איניציאַלן פון דעם באַקאַנטן נאָמען: זש. ד. און געווען איז דאָרטן געזאָגט גאָר עפּעס אַנדערש, ווי דאָס, וואָס האַרקאַווע האָט דעם עולם געוואָלט אַרייַנלייגן אין מויל. אין נאָטיץ איז געשטאַנען אַזוי:

„אויף רי דע־לאַ־באָעסי האָט זיך אַנומלטן געעפנט אַן אויסשטעלונג פון מאַדאַם סאָניאַ גערשין און אַ פּאַרזוד איז געמאַכט געוואָרן, אַ טענדענציעזער פּאַרזוד פון איינעם, וואָס וויל פאַר איר דאָס בעסטע, צו אָנרופן זאַכן ניט מיט דעם ריכטיקן נאָמען. פאַרבן הייסן דאָרטן — מוזיקאַלישע טענער, און קינדיש־געמישטע געלע און גרינע, פּירעקיקע און אָוואַלע פלעקן — סימפּאָניעס, סאָנאַטן און שערצאָס. נעמען זייַנען ניט וויכטיק. אין ענציקלאָפּעדישן ווערטער־בוך זייַנען דאָ נאָך מער נעמען. דער עיקר איז, אַז דאָס אַלץ זייַנען פּרוואוון פון קינדער־צימער, וואָס האָבן מיט קונסט ניט צו טאָן. עס איז יעדנפאַלס צו־פרי אויס־צושטעלן אַזעלכע זאַכן און מאַכן דערפון אַ ווען. עס איז בעסער צו זאָגן דאָס דער געערטער מאָלערין באַצייטנס: אין קונסט, אַזוי ווי אין דער נאַטור, איז ניטאָ קיין רחמנות און קיין פריינטשאַפט. אַלץ איז דאָ אונטערגעוואָרפן צו מאָס און פאַרב, צייַט און רוים, אַנטוויקלונג און רייפקייט. אונדז איז באַקאַנט, אַז מאַדאַם סאָניאַ ג. איז די פרוי פון אַ זייער באַגאַבטן מאָלער. עס איז אַ וואונדער, וואָס דער מאַן האָט דערצו דערלאָזן. אַ מענטש, וועלכער שאַפט, טאָר ניט דערלאָזן צו פּראָפאַנירונג פון דער זעלבער שאַפונג, וועלכע ער אַליין שעצט אַזוי הויך און האַלט אַזוי טייער."

---

*) אונדזער קונסט.

www.libtool.com.cn

.4

דאָס איז געווען אַריינגעזאָגט, און ניט אָן אַ מיין. אין דעם שניידיקן, אַ ביסל־פֿערזענלעכן טאָן האָט ברין דערפֿילט די איראָניע פֿון אַ גייסטיק־נאָענטן מענטשן, וועלכער ווייסט מער־ווייניקער וואָס צווישן מאַן און ווייב איז פֿאָרגעקומען און וואָס פֿאַר אַ בייט דאָס ווייב האָט געמאַכט, כדי אויסצוכאַפּן ביי איר מאַן די באַרימטקייט. זשאַן דעלבאַק האָט דאָס נאָר פֿאַרשלייערט, אין די לעצטע פּאָר שורות פֿון זיין נאָטיץ, מיט כלומרשטן ניט־וויסן, פֿאַרוואָס דויד ברין האָט דערלאָזן צו אַזאַ אויס־שטעלונג. אַנדערש וואָלט דאָס שוין געהייסן: אַריינמישן זיך אין פּריוואַטע אָנגעלעגנהייטן. ווען ברין האָט זיך דערנאָך געטראָפֿן מיט דעם זעלבן דעלבאַקן אויף אַ קאָנצערט, האָט דאָס אים יענער באַשטעטיקט נאָך אַ קורצן און אינטימען געשפּרעך.

— איך האָב נאָך גערדאַרפֿט צוגעבן, — האָט דעלבאַק פֿאַרענדיקט, — אַז מאַדאַם סאָניאַ, מיט דער הילף פֿון איר נייעם פֿאַרזאָרגער, האָט דאָ געהאַנדלט ווי אַ כינעזישער גענעראַל אין בירגער־קריג, וואָס קויפֿט אַ האַרמאַט און מאַכט זיך זעלבסטשטענדיק... אָנמאַליעווען אַ גוזמא פּירקאַנטיקע שטיקער לייוונט און קאַרטאָן און דערקלערן זיך אַלס וועג־ווייזערין אין דער נייער קונסט — איז דאָס זעלבע. נאָר עס איז דאָך פֿאָרט אַ דאַמע, וועלכע איך האָב געקענט, האָב איך דאָס דורכגעלאָזן. עס וועט אַזוי אויך זיין גענוג.

עס איז ווירקלעך „אַזוי אויך געווען גענוג". דער מאָנפּאַרנאַס, וועלכער איז, ווי אַ באַראָמעטער, אונטערגעוואָרפֿן אַלערליי שטימונגען, האָט זיך פּלוצלונג געכאַפּט, אַז מ'האָט דאָ ניט פֿיין געהאַנדלט קעגן דעם „פֿאַרלאָזענעם" מאַן, מיט כלערליי איראָנישע באַמערקונגען, צווייי־דייטיקע ווינקען און פּוילע וויצן, און דערמיט אַליין געשטאַרקט די הענט פֿון שונדיסטישן אונטערנעמער, אין געשטאַלט פֿון מאַקס האַרקאַווע, וועלכער גראָבט אונטער, מיט זיין קויפּלעכער רעקלאַמע און מיט כל־ערליי טריקס, די אמתע טאַלאַנטן און די פֿאַרדינטע מאָלערישע ווערטן, און קרוינט די, וועלכע ער געפֿינט פֿאַר נויטיק... דויד ברין האָט גענומען באַמערקן, אַז די איראָניע פֿון זיינע באַקאַנטע און האַלב־באַקאַנטע קאָלעגן גייט ביסלעכווייז איבער אין אַ פֿריינטלעכן שמייכל. מען קומט אים אַקעגן, מען לאַדט אים איין צום טיש אין קאַפֿע, מען טרעט אים אָפּ אַ באַזעצטן אָרט.

לכתחילה האָט ער דאָס אָנגענומען זייער קיל. איר ווילט מיך, הייסט דאָס, איבערבעטן מיט אַ צוקערקל, פֿאַר די ניט־פֿאַרדינטע שמיץ

וואָס איך האָב געקראָגן ? נאָר איך בין דאָך ניט קיין חדר־ייִנגל, און
www.libtool.com.cn
זשעדנע נאָך אַ שטיקל צוקער בין איך אויך ניט...

שפּעטער האָט ער זיך איבערגעבעטן, געווען אַפילו געריִרט פון זייער חרטה. „גרויסע קינדער!" — האָט ער זיך געטראַכט. די נייגעריִ־קייט, וועלכע צווינגט זיי אָפּצורייסן די הינטערשטע פיסלעך ביי אַ גריל, כּדי צו זען ווי אַזוי ער וועט שפּרינגען „אָן זיי", די זעלבע נייגעריקייט גייט איבער אין גרויס ליבשאַפט, ווען זיי געפינען אַ פאַרחלשטן פלאַטערל אין גראָז און קושן דאָס און גלעטן, מיינענדיק אַוודאי, אַז דאָס איז אים זייער אָנגענעם, אַז דערפון וועט דאָס אויפלעבן און אָנהויבן פליען...

כּדי אויסצומיידן אַזאַ קינדישע ליבשאַפט, פלעגט ער זעלטן־ווען אַריינקומען אין די קאַפּעס פון דער קינסטלער־באָהעמיע, נאָך זעלטענער ווי דעמאָלט, ווען סאָניאַ איז געווען מיט אים. אויסער דעם האָט דאָס אים שטאַרק דערמאָנט, אַז איצט איז ער אַליין. און דער געדאַנק, אַז די שטאָלצע, שיינע און קלוגע פרוי זיינע, וועמעס פיס ער האָט געקושט, וועלכע האָט אַזוי לאַנג געקעמפּט פאַר איר מיידלשאַפט, ביז זי האָט זיך אים אָנפאַרטרויט אַלס באַגליי־טערין אין שווערן לעבן פון אַ קינסטלער, אַז די זעלבע האָט זיך אַזוי לייכט אַוועקגעוואָרפן דעם טויגעניכץ אין גרויען דערבי־קאַפּעליושל מיט אַ פאַרגאַנגענהייט פון פינף־און־צוואַנציק אילוסטרירטע לידער... גוואַלד, וואָס איז דאָס פאַר אַ פאָלק אַזאַ! דאָס ווייבערשע פאָלק! מיט ליידנשאַפט און טיפער ערנסטקייט אָפּפערן זיי זיך אויף פאַר דעם, וועלכן זיי ליבן, ווערן באַרעמהאַרציקע שוועסטער פון קראַנקע און האָפּע־נונגסלאָזע, פאַרלירן דערביי זייער אייגענע יוגנט, זייער פערזענלעכן גליק, זיינען פעאיק אַריבערצוטראָגן אַ סך מער צרות און יסורים ווי די מענער. און מיט די זעלבע באַרעמהאַרציקע פינגער זיינען זיי קאַפּאַבל אַרויסצורייסן לעבעדיקע הערצער ביי זייערע מענער און געליבטע, איבער אַ קאַפּריז, איבער אַ פאַלשער מיינונג; זיי גייען אַוועק אָן באַדויערן, פאַרברענען די בריקן הינטער זיך...

האָט זיך ברין גענומען קילן דאָס האַרץ מיט לאַנגע פּוס־וואַנדע־רונגען איבער פאַריז. ער פלעגט בלעטערן דעם גרויסן שטיינערנעם שפּיצן, פּרימיטיווע פיגורן איבער די איינגאַנגען און טייוולאָנישע ציהערן אויף די רעגן־רינעס — איז געווען דער מיטלסטער קאַפּיטל, און דער רעשטן פון די רוימישע בעדער אויפן בולוואַר סען־מישעל זיינען פאַר אים געווען די ערשטע האַלב־אָפּגעריבענע שורות אין דעם דאָזיקן בוך, דער נאָטר־דאַם מיט זיין וואונדערבאַרער גאָטיק — צעמענטענע קונסט־שפּיצן, פּרימיטיווע פיגורן איבער די איינגאַנגען און טייוולאָנישע כימערן

www.libtool.com.cn

אויף די רעגן־רינעס — איז געווען דער מיטלסטער קאַפּיטל און דער אַכצנטער און ניינצנטער קאַפּיטל, אָדער: די דערינערונגען פון סוף אַכצנטן און אָנהויב פון ניינצנטן יאָרהונדערטער מיט אַלע זייערע פאַרשטיינערטע גרויסע ליידנשאַפטן פון דער גרויסער רעוואָלוציע און פון דער נאַפּאָלעאָנישער עפּאָכע, האָבן זיך געצויגן פון טיולערי גאָרטן ביזקל דעם טריאומפאַלן־טויער וואָס נאַפּאָלעאָן דער דריטער האָט פאַרענדיקט. דער שענסטער אויסקוק־פּונקט איבער דעם דאָזיקן שטיינערנעם קאַפּיטל איז פאַר אים געווען אין גאָרטן, צווישן טיולערי און לוואָור, לעבן דער קליינער אַרקע פון לואי דעם פערצנטן, און דער בעסטער מאָמענט — פאַרן אונטערגאַנג פון דער זון. דער גוואַלדיקער פּראָספּעקט, וואָס ציט זיך פון דאַנען איבער די עליזעי־פעלדער ביז דער „עוועניו פון דער גרויסער אַרמיי" איז דעמאָלט פאַרגאָסן מיט גאָלד און פּורפּור. אינמיטן פון פּראָספּעקט — דער קאָנקאָרד־פּלאַץ מיט „קלעאָפּאַטרעס נאָדל" — אָט דער אַרכאַאישער אָבעליסק פון דער אור־אַלטער חרוב־געוואָרענער עגיפּטישער ציוויליזאַציע, וועלכן דער פראַנצויזישער געניוס האָט אַרייַנגעפּאַסט אין דער מאָדערנער צייט, אַזוי קונציק און מיט אַזויפיל געשמאַק, אַז עס איז געוואָרן איינס; אַזוי מאָנאָליטיש און אויסגעהאַלטן ווי דער אָבעליסק אַליין. און דאָרט ווייטער אויפן שטאָט־האָריזאָנט — דער ריזיקער טויער פון טריאומף, אַ טויער אין אַן אַנדער וועלט אַריין, אַן איינגאַנג אין דער ווייטער צוקונפט. וועלכע וואונדער לויערן אויף אונדז דאָרטן הינטער דעם איינגאַנג? עלדאָראַדאָ — דאָס לאַנד פון גאָלד? אָדער זעלטענערע מענטשישע גליקן? דאָס קאָן מען איצט ניט זען. די אונטערגייענדיקע זון הענגט אין גרויסן טויער און בלענדט די אויגן. לאַכט פייערדיק און געזעגנט זיך מיט דער אייביקער שטאָט ביז מאָרגן. ווען די פראַנצויזן וואָלטן ניט געווען קיין קאַטאָליקן, נאָר אָנהענגער פון מיטראַ־קולט און וואָלטן פאַרגעטערט די זון, וואָלטן זיי אַ שענערן אָפּשייד־טויער פאַר זייער גאָט אויך ניט געקאָנט צוקלערן, ווי אָט די אַרקע אין עק פון זייער מלוכה־שטאָט...

שטיין אויף אָט דעם פּונקט אין טיולערי־גאָרטן און קוקן ווי די זון פאַרגייט, איז פאַר ברינען געוואָרן איינע פון די אינטימסטע און טיפסטע פאַרגעניגנס, ווי באַגעגענען זיך מיט אַ געהיימניספולער געליבטע. ביי אים האָט דאָס געהייסן: „מאַכן אַ לוויה דעם טאָג"...

אָפטמאָל פלעגט ער זיין פאַרנאַכטיקן שפּאַציר־גאַנג איבערבייטן און אַוועקלאָזן זיך מיטן ברעג פון דער סענע, מיטן רעכטן ברעג, פון פּאָנ־נעף, פון נייעם בריק, הייסט דאָס, ביז אַרויף־צו, צו די הערלעכע פּאַלאַצן, וועלכע זיינען איבערגעבליבן פון דער גרויסער אויסשטעלונג

www.libtool.com.cn

אין יאָר 1900. די קיילעכדיקע און פאַרשפּיצטע טורעמס פון דער ק אָ נ ס י ע ר ז ש ע ר י פלעגן אים באַגלייטן מיט אָנגעכמורעטער שטרענגקייט, די שמאָלע מיטל־אַלטערלעכע פענצטער האָבן אים ניט־פאַרגינעריש נאָכגעקוקט: „ביסט מיר צו־פריי, יונגערמאַן! בויען און שאַפן — איז דיסציפּלין“... אין איינעם פון די האַלב־טונקעלע צימערלעך אין דער קאָנסיערזשערי, אונטער איינעם פון די טורעמס וואָס קוקן אים נאָך, האָט מען אַמאָל, פאַרטאָג, ראַזירט דעם בלאָנדן גרוי־געוואָרענעם נאַקן פון מאַרי אַנטואַנעטע פאַרן פירן זי צו דער גיליאָטינע. ד אָ ס, מאָלט אייך אויס, איז געווען אַ צייט פון ליידנשאַפטן, פון עפּאָכן וואָס שטויסן זיך צוזאַמען, פון וועלטן וואָס ווערן חרוב און שטייען אויף תחית־המתים, פון מענטשן־מאַסן וואָס פאַרגייען אין בלוט כדי צו שאַפן אַ בעסערן לעבן פאַר זיך און פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט. ד אָ ס זייַנען געווען דראַמען, מיליאָנען טראַגעדיעס וואָס גיסן זיך צוזאַמען אין איינער, וועלכע פאַרענדיקט איר לעצטן אַקט מיט דער מוטיקער מאַרסעליעזע. און ער, ברין דער מאָלער, לעבט אויך איבער אַ דראַמע: סאָניאַ, האַרקאַווקע, מאָנפּאַרנאַס... כאַ־כאַ! ער לעבט דאָס איבער ווי אַן אָרעמער אַרטיסט אין אַ פּראָווינץ־טעאַטערל אין אַ שפּייכלער, מיט אויף־גיך אויפגעמאַליעוועטע דעקאָראַציעס — ענלעך צו די, וועלכע סאָניאַ האָט אויסגעשטעלט אין דער גאַלעריע פון די ברידער פּאַטרו...

אַ ביטערער געלעכטער פלעגט אין אים אויפברויזן און מאַכן לייכטער זיין גוף. פליגלען פלעגן אים אויסוואַקסן בשעת אַזאַ און ענלעכן שפּאַציר־גאַנג, נאָכלויפנדיק נאָכן טאָג אויפן ברעג פון דער סענע.

ווען עס פלעגט פינצטער ווערן, פלעגט ער, אַ מידער און אַ גייסטיק אָפּגעפרישטער, אַריינכאַפּן זיך אין דער ערשטער בעסטער טאַווערנע, באַשטעלן אַ האַלב פלאַש שאַמפּאַניער מיט גרינע אָליוון. די פּריקלדיקע שאַרפקייט פון האַלב־זיסן וויין, זיין אַראָמאַט פון מוסקאַט און פיאָלעטבלומען, זיין גאָלדענער גלאַנץ, דאָס פריילעכע שושקען און געטענצל פון פּערלדיקן שוים און דער פּיקאַנטער פעטלעכער געשמאַק פון גרינעם פאַרבייסן — די צייטיקע, זויִקע אָליוון, פלעגן אים ברענגען צו יענעם טרוימערישן צושטאַנד, אין וועלכן דאָס פּערזענלעכע ווערט צעשמאָלצן און צערונען ווי שווימענדיקע שטיקלעך נעפּל באַגינען, און דאָס אַלגעמיין־מענטשלעכע לויכט־אויף, גיט בייע האָפענונגען און רופט צו אַרבעט און קאַמף אין אַ מאָרגנדיקן טאָג, וועלכער שיינט צו זיין גרויס, וועלכער מ ו ז זיין גרעסער ווי דער טאָג וואָס איז שוין פאַרגאַנגען. אַז ניט איז דאָס לעבן קיין אויסגעבלאָזענע איי ניט ווערט.

www.libtool.com.cn

.5

אינגיכן האָט אויך סאָניאַ דערפילט אַ ווידערווילן צו איר אינטימען לעבן מיטן דיכטער פון די פינף־און־צוואַנציק אילוסטרירטע סאָנעטן, ווי אַלע אַנדערע פרויען, וועלכע האָבן מיט אים געהאַט צו טאָן. וואָרעם אויסער איר אַנטוישונג אין דער עולם־הבא, וואָס ער האָט איר צוגעזאָגט, אויסער איר דערשרעקן זיך פאַרן גליטשיקן וועג, אויף וועלכן ער האָט זי אַרויסגעפירט, מיט אַ צו־פרי געמאַכטער און האַמעטנער רעקלאַמע, איז זי נאָך אַנטוישט געווען פון אים גופא. זי האָט דערפילט, אַז זיין ליבע באַשטייט מער פון ווערטער ווי פון קראַפט, מער פון עפעקטן ווי פון געזונטער ליידנשאַפט. קורץ, אַז אין פיזישן זין האָט זי, די פרישע און פולבלוטיקע, געמאַכט אַ זייער פיינלעכן בייט.

זי האָט אויסגעביטן איר נאַכט אויף טאָג. אין פריערדיקן צוזאַמענלעבן האָט זי געהאַט אַ געזונטן מאַן. ברין, לויט איר מיינונג, האָט זיך, אָבער, ניט גענוג אָפּגעגעבן מיט איר טאָג. צופיל איז ער געווען פאַרנומען מיט ז י י ן מאָלן און איר „טאַלאַנט" געלאָזן אין שאָטן... אַ פרוי איז דאָס קיינמאָל ניט מוחל... דערפאַר האָט זי אים אַוועקגעוואָרפן.

איצט האָט איר מאַקס האַרקאַווע, מער־ווייניקער, אויסגעפילט דעם טאָג — און געלאָזן אַ פוסטע נאַכט. אַפנים — ביידע זאַכן קאָן מען ניט האָבן... די ערשטע צייט האָט זי זיך דערמיט באַנוגנט. די האָפענונגען אויף פאַרערער אין סאַלאָנען און גרויסע פאָטאָגראַפיעס אין די קונסט־זשורנאַלן האָבן נאָך געבליט. באַלד, אָבער, האָט זי איינגעזען, אַז האַרקאַווקעס פאָרויס־צוגעגרייטע נאָטיצן, זיינע טיי־נאָכמיטאָגס, וואָס ער פראַוועט צוליב איר, און דאָס אַרומפירן זי אין די סנאָבישע הייזער אויף באַקאַנטשאַפט, זיינען פונקט אַזוי פוסט ווי די נעכט, פאַרשאַפן איר ניט קיין איבעריקן כבוד און באַרימט מאַכן זיי געוויס ניט. פון איינגעמען דעם בולוואַר מאָנפאַרנאַס מיט שטורעם האָט זיך אויסגעלאָזן אַ טייך... כדי ניט צו זאָגן: אַ בלאָטע. און דאָס ערשטע אויסגליטשן זיך אין מוטנעם וואַסערל איז געווען זשאַן דעלבאָקס אַרטיקעלע. אַ היפשע צייט נאָך זיין דערשיינען אין „נאָטר־אַר־ט" האָבן זיי זיך ביידע געשעמט צו באַווייזן די נאָז אין דער באָהעמיע.

האַרקאַווקע האָט נאָך אַלץ ניט נאָכגעגעבן, הינטער אַלעמענס פלייצעס געאַרבעט מעשים, אָפּגעלאָזן אַלע זיינע געשעפטן מיט אַנדערע מאָלערס און, ווי מיט אַ כינעזישן פאַראַוואַן, געוואָלט פאַרשטעלן מיט סאָניאַס בילדער אַנדערע ווערק פון אמת־באַגאַבטע און מער־ווייניקער

אָנערקענטע קינסטלער. עס האָט איר אָבער ניט געהאָלפֿן. מען האָט איר געמאַכט זיסע שנעבעלעך, טראַקטירט מיט טיי און שאָקאָלאַד, געלאָזן פֿאַלן אַ פּאָר ווערטער וועגן מאַדאַם סאָניאַס, געבוירענע גערשינס, טאַלאַנט. נאָר ווי עס איז געקומען צו קויפֿן אירע געמעלדעכצן, מיט די געלע און רויטע סימפּאָניעס, מיט קי וואָס זעען אויס ווי קעץ און מיטביימער וואָס סטאַרטשען ווי מיעטלעס, האָט קיינער ניט געוואָלט צאָלן. און טאָמער האָט מען אַמאָל יאָ געלאָזן אויסגעבן אַ פּאָר הונדערט פֿראַנק, כדי אָפּצוטשעפּען זיך פֿון האַרקאַוועס אַגיטירן פֿאַר דער נייער־קונסט און פֿון זיין שלעפּן אין קרעמל אַריין, האָט דערנאָך סאָניאַ געפֿונען אירע בילדער אַרויסגענומען פֿון ראַם און אויפֿגעהאַנגען אין אַ ווינקל פֿון קינדער־צימער, אָדער גאָר ביי דער דינסט פֿון דער באַטרעפֿנדיקער שטוב.

האָט זיך האַרקאַווע מיישב־געווען און גענומען שענקען אין בעסערע הייזער. „צוליב רעקלאַמע", ווי ער האָט סאָניאַן געגעבן צו פֿאַרשטיין, בלויז כדי עס זאָל הענגען אויף אַ בכבודיקן אָרט... נאָר אויך דאָס האָט ווייניק געהאָלפֿן. די בילדער מיט די פֿריינדלעכע אויפֿשריפֿטן האָט מען אָנגענומען מיט אַ העפֿלעכן שמייכעלע, ווי מען איז זיך נוהג אין פֿראַנקרייך, נאָר אויף „בכבודיקע ערטער" נ י ט אויפֿגעהאַנגען. זיי זיינען פֿאַרשוואונדן געוואָרן. מען וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז דאָס טונקעלע אָפּפֿאַל־צימערל האָט זיי איינגעשלונגען. אַפֿילו אויף וואויל־טעטיקע אָוונטן, צו דער לאָטעריע, האָט מען זיי ניט געוואָלט אָננעמען. און אויב יאָ אָנגענומען — ניט אַרויסגעשטעלט זיי אין צעטל פֿון די הויפּט־געווינסן...

דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז סאָניאַ האָט, מיט אַ געבראָכענעם האָנאָר, גענומען איינזען, אַז זי שטייט נאָך אַלץ אונטערן לייטער, אויף וועלכן אַנדערע מאָלער, וואָס האָבן אָנגעהויבן זייער קאַריערע גלייך מיט איר, קריכן שוין, ווער אויף די אונטערשטע, ווער אויף מיטעלע שטאַפּלען. אירע הענט האָבן זיך אינגאַנצן אָפּגעלאָזן און דעם שלעכט־באַלויכטענעם ווינקל, וואָס האַרקאַווקע האָט איר פֿריי געגעבן, אין זיין בחורישער דירה, צו מאָלן דאָרטן, האָט זי פֿאַרשטעלט מיט אַ סיטצענעם פֿאַרהאַנג און מער קיין פּינזל אין האַנט ניט גענומען. נאָר טאָג און נאַכט געזעסן אין די קאַפֿע־הייזער און, ווילנדיק, ניט־ווילנדיק, אויפֿגענומען אין זיך אַלע איראָנישע בליקן, וואָס האָבן זיך פֿריער געהאַט געצילט אין דויד ברין; און אָפּלאַכערישע באַמערקונגען האָט זי אויפֿגעכאַפּט, מיטן שפּיץ אויער, וואָס מאָדעל־מיידלעך און לייביכעס פֿון דער באָהעמיע שיקן אויף איר אַדרעס און אויפֿן אַדרעס פֿון איר נייעם

www.hbtool.com.cn

אויסדערווײלטן... לכתחילה האָט זי דאָס געוואָרפן אין היץ, געהויבן
www.libtool.com.cn
פון שטול, שיר ניט געטריבן זי צו רײסן די דאָזיקע חוצפּהניצעס פאַר די האָר. נאָר שפּעטער איז איר קלאָר געוואָרן, אַז יענע זײנען בלויז די זעלבע אַנטוישטע נשמות אַזוי ווי זי אַלײן. אויך זײ זײנען אַמאָל פאַרפירט געוואָרן פון האַרקאַווקען, אָדער פון ענלעכע מאָנפּאַרנאַסער העלדן. נאָר יענע האָבן מוט צו לאַכן איבער זיך און איבער אַזעלכע קרבנות ווי זײ אַלײן, און זי — האָט ניט אַזאַ מוט.

דאָס שענסטע און ריכטיקסטע וואָלט איצט געווען: אומצוקערן זיך צוריק צום פריערדיקן לעבן, ווי נאָך דער חתונה, בעטן בײם מאַן, וועלכן זי האָט אומגליקלעך געמאַכט, ער זאָל איר מוחל־זײן. און אויב ער וועט אויף דעם אײנגײן — אויפבויען מיט אים צוריק דאָס הויז, וואָס זי האָט חרוב־געמאַכט. שטעלן אַלץ צוריק אויפן אָרט, אָפּווישן דעם אָנגעפּאַלענעם שטויב... נאָר כדי אָנצודערקענען די אײגענע באַגאַנגענע פעלערן מוז מען אויך האָבן מוט, און קראַפט מוז מען דערצו האָבן. און סאָניאַ האָט דאָס אין זיך קײנמאָל ניט געהאַט און איצט, נאָך אַזאַ ביטערן עקספּערימענט, אַוודאי ניט. זי האָט איר, פון קינדווײז־אָן גע־פּיעשטשעטן שטאָלץ און איר קאַפּריז אָנגענומען פאַר כאַראַקטער. איצט האָט דאָס געפּלאַצט ווי אַ קאָלירטער זײפנבלאָז. גײ, נעם־צוזאַמען די זײף־טראָפּנס!..

אין איר אומבאַהאָלפנקײט האָט זי זיך אַרײנגענומען אין קאָפּ, אַז ער, דער באַלײדיקטער און באַשפּײטער, וועט מאַכן דעם ערשטן גרויסמוטיקן טראָט. ער וועט דערכאַפּן איר פאַרשעמטן בליק, ער וועט דערפילן ווי דאָס האַרץ קלאַפּט בײ איר, ווען זי דערזעט אים פונדער־ווײטנס. מען זאָגט דאָך, אַז נשמות האָבן זײער שפּראַך. ווי איז דאָס מעגלעך, אַז ער, וועלכער האָט זי אַזוי פיל געהאַלטן אין די אָרעמס און יעדער גליד אויסגעקושט, זאָל ניט דערהערן פאַר אַ מײל, ווי זי רעדט צו אים, ווי זי וואַרט אויף זײן וואָרט. זי וועט זיך, אפשר, צוליב קוראַזש, לאָזן בעטן. אָן דעם איז ניט שײן און ניט מעגלעך. אָבער דערנאָך, דערנאָך...

ער האָט דאָס אָבער נ י ט געפילט און ניט געהערט, ניט פון דער ווײט און ניט פון נאָענט. ער פלעגט פאַרבײגײן, ווי פאַרבײ אַ טעלע־גראַף־סלופּ. די דראָטן הודזשען, נאָר די טעלעגראַמע גײט צו אַן אַנדערן. ער פאַרשטײט איבערהויפּט מער ניט די טעלעגראַמע־שפּראַך פון איר ווײבערשער אײנזאַמקײט. שפּעטער האָט זי זיך דערוואוסט, אַז מען האָט אים געזען אויפן פּלאַץ פון „האָטעל דע־וויל“ מיט עפּעס אַן עקזאָטישער שײנהײט. און נאָך שפּעטער — אַז ער מאָלט זי...

דעמאָלט איז ביי זיך סאָניאַ אינגאַנצן אַראָפּגעפאַלן. ניין, מיט מאָדעל־מיידלעך פאַרמעסט מען זיך ניט! זי, סאָניאַ? דאָס געוועזענע ווייב און הערשערין פון ליכטיקן אַטעליע, אויף ריי־וואַזשיראַרד? דאָס ניט! מאַג אַלץ אונטערגיין... אויף אייביק.

אומבאַמערקט פאַר איר אַליין, האָט אויך דאָס באַהעמיע־לעבן גענומען ווירקן, אַן פליכטן צו וועמען ניט איז, אָן שום צוגעבונדנקייט צו זאַכן און באַשטימטע שעהן, אָן גרענעצן צווישן אַרבעט און רו. דאָס האָט זי אינגאַנצן שלאָבערדיק געמאַכט, אָװעקגענומען דעם טעם צווישן גוט און שלעכט. דער ווילן איז צערונען געוואָרן.

עס איז געוואָרן אַ לעבן אָן אַ פאַרגאַנגענהייט און אָן אַ צוקונפט, מיט אַן אַבסאָלוטער פרייהייט, וואָס איז ענלעך צו פּוסטקייט, צו טאָן מיט די טעג און נעכט און מיט איר אייגענעם קערפּער וואָס זי וויל. דאָס האָט זי טאָג־איין טאָג־אויס געהאַלטן אין אַ צושטאַנד פון שכרות, די זעלבע שכרות וואָס זי האָט אַרויסגעטראָגן פון שוועדישן רעסטאָראַן און פון הארקאַוועס חניפות אין יענער שיקזאַל־נאַכט; די זעלבע שכרות וואָס האָט זי געבראַכט צו פאַרלאָזן איר מאַן און דאָס רעגולירטע אַרבעט־לעבן אַרום אים.

ניט קוקנדיק, דערפאַר, אויף איר פיזישער אַנטוישונג מיט איר נייעם באַשיצער, אָן חופּה וקידושין, האָט זי מיט אַ געוויסער ווידער־לעבקייט גענומען טראַכטן פון דוד ברינס סטודיע, וואו עס ווערט, ביז פיר נאָכמיטאָג, געאַרבעט, וואו עס הערשט אַ קאָנצענטרירטער ווילן, באַהאַלטענע אייפערזוכט און קאַרגשאַפט פון צייט און מיטלען, וואו יעדער מאָלערישער איינפאַל ווערט ווי אַ קערנדל פאַרזייט אין דער טונקלקייט פון מאָרגנדיקן טאָג, ווי אין דער שוואַרצער ערד אַריין, אפשר וועט דערפון וואָס ניט איז אויסוואַקסן... ניין, ניט צו דעם איז אַ מענטש באַשאַפן געוואָרן און זי — אוודאי ניט... נאָר צוליב וואָס יאָ באַשאַפן געוואָרן? סוף־כל־סוף מוז זי דאָך אַליין וויסן, אָדער וועלן וויסן, וואָס זי וויל. נאָר וועגן דעם האָט זי אַפילו טראַכטן ניט געוואָלט. די פאַלשע קאָמפּלימענטן און ניט־זיכערע פּלענער, מיט וועלכע דער נייער אויסדערוויילטער האָט זי באַדינט, זינט זיי האָבן זיך באַקענט אויפן מאָנפּאַרנאַס, האָבן אין לויף פון חדשים געטאָן דאָס זייעריקע. די מיינונג, אַז אַ טאַלאַנט קאָן אויפבליצן אָן יאָרן־לאַנגער אַרבעט, האָט זיך אין איר איינגעגעסן ווי אַ קליפּה. אַי, פאַרוואָס האָט זי אַליין ניט געבליצט? פאַר אַזאַ ענטפער האָט מאַקס הארקאַוועקע אויך געזאָרגט. כדי ווי ניט איז צו באַרעכטיקן דעם פעלער, וואָס ער איז באַגאַנגען, מיט אָפּרייסן זי פון איר מאַן און פון אַ געזונטן לעבן און ניט געבן איר

www.1btool.com.cn

די צוגעזאָגטע, אינטערעסאַנטערע וועלט, וואו ביימער וואַקסן אויס אין איין טאָג און אַ געניוס — ווי אַ שוואָם נאָך אַ רעגן. כדי דאָס צו פאַרענטפערן, האָט ער צוגעקלערט אַן אַנדער אויסרייד, אַז קומען איז דאָס אַלץ געקומען דערפון, וואָס זי, סאָניאַ, איז אַ נאָוואַטאָרשע, אַ נייעס־ברענגענדיקער גייסט. נאָר דער מאַן אירער, מיט זיין קלאַסיציזם, אַקאַדעמישע געזעצן און רוטין אין זיין מאָלערישער אַרבעט, האָט אין איר אָפּגעטויט די ערשטע בעסטע כוחות. איצט קאָן זי זיך שוין אַליין מער ניט אָניאָגן, קאָן ניט דערכאַפּן איר אָנערקענונג אין דעם בירגערלעכן אַרום. ברין, נאָר ער אַליין, איז אין אַלץ שולדיק...

דאָס האָט זיך אין איר, פריער געזונטער זעל, פאַרוואַנדלט אין אַ קרענקלעכער פּרעטענזיע, אין אַ יערנדיקן כעס צו איר נאָענטער פאַר־גאַנגענהייט, און אין אַ פאַרביסענער נקמה צו אירע, כלומרשטע, „פאַר־לאָרענע יאָרן״; צום געוועזענעם מאַן און צו זיך אַליין.

אונטער דעם דרוק פון דער דאָזיקער אַנטוישונג איז זי געגאַנגען אַלץ טיפער און טיפער, געזונקען אין מאָנפּאַרנאַסער באָהעמיע־לעבן. פון אַ קוועלנדיקער בריה געוואָרן אַן אייביק־מידע, צוגעפּאַרבטע פּוסטאָפּאַסניצע. געשלאָפן ביז איינס נאָך האַלבן טאָג, געגעסן מיטאָג ווען אַלע טרינקען שוין זייער פינף־אַזייגערדיקן אַפּעריטיוו*). געזעצט זיך בטלנען אין קאַפע ווען אַלע גייען אַהיים צום אָוונט־ברויט. קורץ, זי איז איצט יוצא־געווען פאַר אַלע כללים פון אויבער־מענטשלעכ־קייט און אָריגינאַלישקייט. דאָס וואָס איז צו דויד ברינען קיינמאָל ניט צוגעשטאַנען ווי צו אַ גוטן מעטאַל, האָט זיך אין איר איינגעגעסן ווי אַ זשאַווער אין ברעכיקן טשוהון. און די פאָלגן פון אַזאַ לעבן און אַזעלכע געוואוינהייטן האָבן אויף זיך לאַנג ניט געלאָזן וואַרטן...

פינפטער קאַפּיטל

די באקאנטשאפט

1.

דער קריזיס, וואָס דויד ברין האָט איבערגעלעבט אין זיין פּריוואַטן לעבן, האָט אים געגעבן די שפּאַן־קראַפט צו שאַפן זיין „מאָן איווער״**), וועלכער איז אָנערקענט געוואָרן אַלס אַ קליינער שעדעווער

*) קאָקטעיל.

**) מיין ווינטער.

www.libtool.com.cn

און אים געבראַכט דעם פאַרדינטן דערפאָלג. ער איז, אָבער, ניט געווען פון די, וואָס קייען־איבער אַ מאָטיוו נאָך דערפאַר, ווייל דער ערשטער איז געווען אַ דערפאָלג. דווקא, ווייל דער רוסיש־יידישער ווינטער, מיטן שניי־מענטש אויפן בערגל, איז אים אַזוי געלונגען, האָט ער די ווינטער־קאָמפּאָזיציעס פאַרוואָרפן; און ווייל אים האָט זיך, נאָכן דערפאָלג, אַזוי געגלוסט נאָכצומאַכן זיך אַליין און פאַרטיפן דעם מאָטיוו פון איינזאַמען „שניי־מענטש״, האָט ער מיט זיך אַליין געקעמפט, כדי נ י ט אומצוקערן זיך צו דער זעלבער טעמע. פון אַ געריכט וואָס שמעקט צו־גוט, זאָגן גאַסטראָנאָמען, טאָר מען קיין צוויי פּאַרציעס ניט באַ־שטעלן. מען דאַרף בלייבן ביי דעם אַ ביסל־ניט־געזעטיקטן גענוס... אין באַציאונג צו קונסט איז אפשר אַזאַ פאַרגלייך פּראָפאַנאַציע; אָבער ער גיט דעם זעלבן רעזולטאַט, וועלכן ברין האָט אין זיין שאַפן אָנגענומען אַלס אַ פּרינציפּ, און איז אויך ד אָ ס מאָל, אַזוי ווי אַלעמאָל, געבליבן ביי זיין ניט־געזעטיקטן ווילן צו פאַרטיפן דעם געלונגענעם מאָטיוו. ריכטיקער געזאָגט: צו איבערחזרן זיך...

ער האָט איצט געמאָלט אַ גרינע נאַכט... דווקא אַ גרינע. און ווידער געמאָלט זי אַלס סימבאָל, וואו נאַטור און איינבילדונג פילן־אויס איינס דאָס צווייטע און גיסן זיך צוזאַמען אין איין האַרמאָניע. די נאַכט, אין געשטאַלט פון אַ וואונדערלעכער, ניט־ממשותדיקער פרוי, שוועבט איבער אַ בערג־אַזערע און שפּיגלט זיך דאָרטן אין אַ גרינעם ציטער פון פאַרביקע טענער. פון אירע אויגן טריפט אַ גרינלעכער לבנה־שיין, וואָס גיט־צו דעם וואַסער און די בערג אַרום אַ געהיימניספולע באַ־לויכטונג; און אין אירע רויכיקע האָר, וואָס דערגרייכן דעם נאַכט־הימל, שימערן שטערן...

אַזאַ „גרינע נאַכט״ האָט ער געזען בשעת זיין אַנטלויפן פון פּאַריז און פון זיין ברענענדיקער בענקשאַפט, כדי צו קילן דאָס האַרץ, אין די אָווערניער בערג, אין מיטל־פראַנקרייך. אויף אַ קראַטער־ראַנד פון אַן אויסגעלאָשענעם וואולקאַן, וואָס איז איצט אויסגעפילט מיט טיפע וואַסערן, איז ער דאָרטן איינמאָל געזעסן אַ פאַרטראַכטער און ניט באַ־מערקט ווי די נאַכט איז אָנגעקומען. די לעצטע שטראַלן פון טאָג זיינען שוין לאַנג אויסגעלאָשן געוואָרן אויף די שפּיצן חורבות פון מ י ר אָ ל ע ר מיטל־אַלטערלעכן שלאָס ווייט־ווייט, אויף אַ באַרג. די פולע לבנה איז אַרויסגעשוואומען פון הינטער אַן אַקעגנדיקן באַרג און איר ליכט האָט זיך ווייך צוזאַמענגעגאָסן מיט דער בלויקייט פון וואַסער און הימל און צוגעגעבן דער זומער־נאַכט אַ גרינלעכע שאַטירונג. עס איז געווען ווי די

גרינע סובסטאַנץ, דער כלאָראָפיל, ווי די נאַטור־וויסנשאַפט רופט דאָס אָן, וואָלט אַרויסגעלויכטן פון די באַוואַלדעטע בערג אַרום און אַרום, צעגאָסן זיך און אָנגעזאַפּט די לופט, די וואָלקנדלעך, די גאַנצע נאַכטיקע באַלויכטונג.

www.libtool.com.cn

באַגייסטערט פון אַזאַ עפעקט, האָט זיך דויד ברינען איין מאָמענט אויסגעדוכט, אַז אַ ריזיקער ווייבלעכער שאָטן וויגט זיך לייכט און ריטמיש איבער די שטילע פּאַליעס פון דער האַלב־קיילעכדיקער אָזערע אונטער אים. איר טונקל־גרינלעכע נאַקעטקייט גיסט זיך צוזאַמען מיטן וואַסער, אירע רויכיקע האָר פון אַ פּאָלינעזערין דערגרייכן ביזקל הימל, און דער „קליינער בער” איז, ווי אַ פינקלדיקע דיאַדעמע, אַריינגערוקט אין די דאָזיקע האָר...

די נאַטור אָן דעם מענטשן איז פאַר ברינען אַלעמאָל געווען ניט פולקאָם. מיט פוסטקייט און קעלט האָט אים אומעטום געווייעט פון די שענסטע פייזאַזשן, אויב דאָס מענטשלעכע ווען האָט דאָרטן ניט פיגורירט, אָדער ווייניקסטנס דאָס, וואָס דערמאָנט אָן דעם מענטשן. ווי צום ביישפּיל: זיין „שניי־מענטש” אין זיין פרעמירטן לייוונט וואָס הענגט אין דער לוקסעמבורגער גאַלעריע... דאָרטן, וואו דאָס מענטש־לעכע איז לחלוטין ניט געווען און ניט געקאָנט זיין, האָט דאָס אים די פאַנטאַזיע געבוירן, זיין באַגלייטערין וואָס איז אים טריי געבליבן אין זיין טיפסטער איינזאַמקייט. אויך דאָ, אויפן ראַנד פון דער וואולקאַני־שער האַלבקיילעכדיקער אָזערע, האָט זי אים געבוירן אַ הערלעכע גע־שטאַלט, אַזוי גרויס ווי די נשמה פון דער נאַכט, און צווישן וואַסער און הימל געלאָזן הוידען־זיך, אין דער גרינלעכער ליכטיקייט.

אומקערנדיק־זיך דערנאָך צוריק אין פאַריז, צו זיין אַטעליע, האָט ער פון דער דאָזיקער וויזיע געמאַכט אַ סך סקיצן, פריער מיט שוואַרץ אויף וויס, דערנאָך — מיט אַ בייגעמיש פון גרינלעכע טענער, אַריינ־אַרבעטנדיק אין זיי יענע נאַטור־צייכענונגען, וואָס ער האָט געמאַכט אויף אָן אָרט, אין די אָווערניער בערג. פאָרזיכטיק און עקשנותדיק איז ער פאָרגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט. ער האָט זיך שטאַרק געמוזט היטן ניט אַריינצופאַלן אין ליטעראַטור, ניט צו ווערן דידאַקטיש, ווי די אַמאָליקע נאַאיווע דערציילער... אויף אַ גרונט פון ריינער אימפּרעסיע, און ניט דווקא זייער טריי דער נאַטור, האָט זיין נאַכט־וויזיע געמוזט געשאַפן ווערן, כדי צוזאַמענצוגיסן זיך אין איין גאַנצע: דאָס געזעענע און פאָרגעשטעלטע אין איין בילד.

דאָס איז געווען ניט אַזוי לייכט. און ווען דאָס איז אים ענדלעך

געלונגען, די קאָנטורן פון דער ווייבלעכער פיגור זיינען געווען אָנגעוואָרפן, די רונדיקע היפטן און די דינע פינגער זיינען געווען צעשוואומען אין דעם ציטער פון די גרינלעכע פּאַליִעס אויף דער אָזערע, ערשט דעמאָלט האָט דויד ברין באַגריפן, אַז דאָס געזיכט פון זיין וויזיע איז אים אַליין ניט קלאָר. איינמאָל האָט זי זיך פאָרגעשטעלט אַלס אַ מולאַטין, מיט אַ ברייטלעכער נאָז; אַ צווייטן מאָל — אַלס אַ מאַיעסטעטישע כינעזערין, מיט שמאָלע קרומלעכע אויגן, דורך וועלכע עס קוועלט די גרינלעכע באַלויכטונג איבערן גאַנצן בילד...

ער איז פון זיי ביידן ניט געווען צופרידן, געקווענקלט, געגעסן זיך אַליין, ביז ער האָט איינגעזען, אַז די פאָרשטעלונג אַליין וועט דאָ ניט זיין גענוג. דאָס איז דיר ניט דער פּאָרמלאָזער שניי־מענטש פון „מאָן איוועֶר״!... די נאַכט־וויזיע, די נשמה פון דער „גרינער נאַכט״, אַזוי ווי ער האָט דאָס בילד פאָרויס אַ נאָמען געגעבן, מוז ציען איר יניקה פון דאָס געזעענע, פּונקט אַזוי ווי דער גאַנצער פּייזאַזש פון דער אָזערע מיט די נאַכטיקע בערג אַרום איר. ערשט דאַן וועט זיך די וויזיע אַריינפּאַסן אַהער מיט איר הויטפאַרב אַזוי ווי מיט איר אויסדרוק. ווי אַ בוים צו אַ פאַרנאַכטיקער לאָנקע וועט זי זיך דעמאָלט פּאַסן...

פאַראַן עקזאָטישע שיינקייטן אין פראַנקרייך, זיי שטאַמען פון די פּאַסיפישע אינדזלען, פון סענעגאַליען און פון די אַנטילן. די הייסע כוואַליעס פון עקוואַטאָר האָבן זיי אַוועקגעיאָגט צום קילן צפון, אַרויסגעשליידערט אויפן מאַרסעליער ברעג, געמאַכט זיי פאַר טענצערינס און זינגערינס אין די פּאַריזער נאַכט־קאַבאַרעטן. די קרעאָלינען, וועלכע שטאַמען פון מאַרטיניק און פון גוואַדעלופּ, מיט אַ שטאַרקן בייגעמיש פון ווייס־בלוט, האָבן ווירקלעך אַ גרינלעכע הויט פון איבערגעצייטיקטע טונקעלע אָליוון. זיי האָבן אויך פיינע, אויסגעאיידלטע געזיכט־שטריכן, פּושיקע האָר פון פּאַפּואַסן, רויכיקע און מיט אַ גלאַנץ. אַזאַ איינע וואָלט זיך גוט געפּאַסט צו דעם טיפּ, וואָס דויד ברין האָט געדאַרפט צו זיין נייער מאָלעריי. האָט ער געזוכט און ניט געפונען. פון יעדער אַזאַ באַקאַנטשאַפט איז ער געווען מער אַנטוישט ווי באַגייסטערט. די איבערגעפאַרבטע באַקן און ליפּן, די אויסגעצויגענע, גומירטע וויִעס און דער איבערגעברענטער אָטעם זייערער איז אים געווען ווידערלעך. האָט ער זיך שוין געהאַט מיאש געווען פון פאַרענדיקן זיין אַרבעט, געהאַט בדעה איבערצוקערן דעם ניט־געלונגענעם לייוונט צו דער וואַנט און פאַרגעסן אויף אים, ביז עס וועט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט. דערווייל־וואָס — ניט לאָזן אָפּקילן דעם דראַנג פון שאַפן און אָנהויבן אַן אַנדער זאַך.

www.libtool.com.cn

.2

www.libtool.com.cn

די געלעגנהייט האָט זיך געמאַכט אַ סך גיכער ווי ער האָט גערעכנט. אַ גליקלעכער צופאַל האָט ניט דערלאָזן צו אַזאַ איבעררייס. דאָס וואָס ער זוכט האָט ער געטראָפן אין אַ קאַפע, און דווקא אין אַן אָרט וועלכער איז אַבסאָלוט ניט אָנגעפּאַסט פאַר עקזאָטישע ליידיקגייערינס, וואָס זוכן אַוואַנטיורעס.

לעבן טומלדיקן, ווימלדיקן און האַנדלענדיקן „האָטעל־דע־וויל״־פּלאַץ האָט זיך איינמאָל דויד ברין דערפילט שטאַרק מיד. האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ זייטיק געסל און איז אַריין אין ערשטן בעסטן קאַפע אויסצורוען זיך. אין אַ ווייטן ווינקל האָט ער זיך פאַרקליבן, געזעסן איבער אַ ב ר י אָ ש, דאָס הייסט איבער אַ פּראָנצויזישן אייער־פּלעצל מיט אַ גלאָז קאַווע, און אין האַרצן געבענטשט דעם פּראַנצויזישן געניוס פון גאַסט־פריינטשאַפט, וואָס האָט געשאַפן אַזאַ אינסטיטוציע פאַר יעדן „פרעמדן״, ער זאָל פאַר עטלעכע קופּערנע מטבעות זיך פילן ווי ביי זיך אינדערהיים, ניט ערגער ווי יעדער אָנשטענדיקער בירגער. גיב אויס וויפיל דו קענסט און זיץ וויפיל דו ווילסט! עס גלוסט זיך דיר טרינקען? טרינק. ווילסטו צו־בייסן? בייס־צו! אָנגעבראָקטע אויבסט און אַ גלאָז שאַמפּאַניער איז אַ דערקוויקעניש. גרינע אויסטערס אַ טוץ און אַ פּערטל קאַלטער ווייס־ווייַן לעגען אונטער יעדער אָפּגעשוואַכט האַרץ. ווילסט אפשר שרייבן בריוו, דערליידיקן דיינע געשעפטן? איז אָט ליגן פאַר דיר גרייט כלערליי אויסקונפט־ביכער, טינט און פעדער, פּאַפּיר און קאָנווערטן. מאַך זיך באַקוועם און אַרבעט. אָדער ... אפשר חלשט זיך דיר גאָר אַ קוש צו טאָן דיין געליבטע, מיט וועלכער דו האָסט זיך דאָ באַשטעלט? איז שעם זיך ניט און קוש וויפיל דו ווילסט. קיינער וועט זיך אַפילו ניט אומקוקן אין דיין זייט. ביי פראַנצויזן איז דאָס, ווי אַריינקוקן אין יענעמס טעלער. פאַרקערט, סיי די געסט ביי זייערע אַפּעריטיוון*), סיי דער בעל־הבית ביים צינענעם שטיי־טיש, סיי די דיקע בעל־הביתטע ביי דער קאַסע — זיי אַלע פאַרגינען דיר דיין גליק מיטן גאַנצן האַרצן. טאָמער כאַפּט אַ פאַרליבט פּאָרל אַריבער די מאָס — שעפּטשעט מען זיך נאָר אַ קאַפּעלע דורך, אָבער אַלעמאָל מיטן גרעסטן דרך־ארץ: „אָן ס'עס ביען...״ דאָס הייסט: „מ ע ן האָט זיך שטאַרק ליב...״ ווער—ווועמען ווערט ניט געזאָגט. און מען קוקט ווידעראַמאָל אין צפון זייט.

אַריינגעטאָן אין זיך אַליין, האָט דאָ דויד ברין געזופּט זיין גלאָז

---

*) קאָקטעילס.

קאַווע און אַפילו קיינעם ניט אָנגעקוקט. זינט זיין פרוי האָט אים פאַר־לאָזן, איז ער געוואָרן נאָך שטרענגער צו זיך, אַזוי ווי צו אַלעמען. צו פרויען — געטראָגן אַ באַהאַלטענע פאַראַכטונג. די צעבאַלעוועטע מאָדעלקעס ביי זיינע קאַמעראַדן און די סתם לוסטיקע מיידלעך אויפן מאָנפּאַרנאַס האָבן אים איצט נאָך מער אָפּגעשטויסן ווי פריער, ווען סאָניאַ איז געווען מיט אים. עלנט, ווי ער האָט זיך זינט דעמאָלט געפילט, האָט ער אַפילו ניט געטראַכט צו פאַרגעסן זיך אין זייערע אָרעמס. ער איז פון דער נאַטור געווען אַ מאָנאָגאַם, אַן איינגעווייבערניק. און אין די פאַר יאָר, וואָס ער האָט געלעבט מיט זיין ווייב, האָט זיך די געוואוינהייט, צו פילן לעבן זיך אָט דעם איינציק־געליבטן, אויסגעצערטלטן און אויס־געקושטן לייב, אַזוי איינגעגעסן אין אַלע פאָרן פון זיין הויט, אַז יעדער אַנדער פרוי האָט אים פיזיש אָפּגעשטויסן. און ניט נאָר די באַרירונג, אַפילו די פאָרשטעלונג האָט אים געריי‌צט נאָר ביז אַ געוויסן גראַד.

עס ליגט אַ גרויסער צויבער אין אָפּוואַרפן די הילעס פון אַ שיינעם מענטשלעכן קערפּער. ווער רעדט, אַז דאָס איז נאָך אַ באַגערטע פרוי. דער דאַזיקער אַקט, פאַר זיך אַליין, איז אַ שטיק ניט־געוואָלטע רעוואָ־לוציע, אַ ניט־באַוואוסטזיניקער פּראָטעסט קעגן די אַלע שמאַטעס, וואָס די מענטשלעכע ציוויליזאַציעס האָבן יאָרטויזנטער געוויקלט אַרום דעם ריינעם קערן פון דער נאַטור: פאַלשע שעמעוודיקייט, קלימאַטישע גע־וואוינהייטן, רעליגיעזע פאַרבאָטן... אַלץ אַראָפּ! מיר ווילן די יאָדער, דעם ליכטיקן תוך. אַזוי ווי מיר ווערן געבוירן, אַזוי ווי די ערשטע מענטשן זיינען אַרומגעגאַנגען אויף דער ניט־זינדיקער ערד. עס איז אַן אומקערן זיך צום גרויסן אָנהויב, אַ סוד וואָס שלייערט זיך ביסלעכווייז אויף. און מיר שטייען פאַרגאַפטע פון טיפער בייגעריקייט און פון געהיימער מורא. מען לאָדט אונדז דאָ איין צו ווערן שותפים אין מעשה־בראשית... האָבן מיר דאָס פאַרדינט? קאָנען מיר זיך פאַרמעסטן מיטן שעפער? איז דאָס ניט אַ פּראָפאַנאַציע צו פאַראייניקן זיך מיט אַזאַ נאַקעטער גאָטהייט? וועלן מיר דערפאַר באַלוינט צי באַשטראָפט ווערן?.. ניין, ניט אומזיסט האָבן פּרימיטיווע פעלקער אויסגעהאַקט זייערע ערשטע געצן, פון שטיין און האָלץ, אין געשטאַלט פון אַנטבלויזטע פרויען. די רעליגיעזע מורא האָט זיי דערצו געטריבן.

אַן ענלעכער עקסטאַז, בשעת באַטראַכטן אַ שיינעם ווייבלעכן קערפּער, איז דוויד ברינען, דעם מאָלער, געווען גוט באַקאַנט. אָבער מערקווירדיק; אַלעמאָל ווען דאָס ריינע באַוואונדערן ענדיקט זיך און גייט איבער אין אַן עראָטישן פאַרלאַנג, ווי נאָר דער רעליגיעזער שרעק פאַרשווינדט און דאָס בלוט הויבט אָן שלאָגן אין קאָפּ, ווער רעדט נאָך

www.libtool.com.cn

ווען די באַטרעפנדיקע „גאָטהייט" גיט אַ וואונק, מאַכט אַ ניט־פּאַסיקע באַוועגונג, פאַרלייגט די ליפּן אין אַ פאַרשמיצטן שמייכעלע, — דע־מאָלט... דעמאָלט קומט פּלוצלונג אָן אַן אומדערוואַרטעטער איבער־ברוך. די וואַכעדיקייט קריכט אַרויס ווי אַ שרץ. אַ ווידערווילן באַפאַלט דאָס גאַנצע וועזן.

www.libtool.com.cn

„מלמד איינער!" — פלעגט דויד בריק, אין אַזעלכע מאָמענטן, אויסזידלען זיך אַליין. — „שוין ווידער־אַמאָל דער איינגעגעסענער מוסר דיינער? ווי אַ פאַרשמאַלצוואַטן טלית האָסטו אים געבראַכט פון טאַטנס היים און וויקלסט און פאַרוויקלסט זיך אין אים, ווי נאָר אַ נאַ־טור־געפיל דערשיטערט דיך. האָסט מורא ווי אַ שוואַך־לייביקער פאַר אַ שטראָמענדיקן קילן טייך. זאָלן זיך אַנדערע וואַרפן אין די קלאָרע פאַליעס און שווימען און שווימען; דו וועסט זיך נאָר צוקוקן. דו פ אַ ר ש ט י י ס ט שווימען... מלמד איינער! אַ קאַמף אום געהיימניס און אַנטבלויזונג, אום אַסקעטיזם און הייליקן ציניזם גייט שוין אָן טויזנטער יאָרן, צווישן נאָענטן מזרח און די אינדזלען פון מיטללענדישן ים, צווישן יידנטום און גריכנטום. און דער קאַמף איז נאָך ווייט ניט געענדיקט... און דו, מאָלער און באַוואונדערער פון דער נאַטור! מיט מי און נויט האָסטו זיך דורכגעבראָכן אַ וועג, פון די געטאָ־מויערן אַרויס און צום פעלד ניט געקומען. ווייסט נאָך אַלץ ניט וואוהין דו געהערסט. מיט איין האַנט אַנטבלויזסטו דיין באַגער און מיט דער צוויי־טער שלייערסטו. און קיינמאָל וועסטו ניט צוגיין צום געזונטן, נאַקעטן לעבן אַזוי ווי עס איז, אַזוי ווי דו ביסט. נאָר גייסט, גייסט... פאַלשע איינגערייידעניש... פּלפּול... דרייען מיטן פינגער... אַ, מלמד!"

דאָס זידלען זיך אַזוי איז געוועזן גייסטרייך. מען קאָן ניט זאָגן!.. אָבער דערביי איז דאָס געבליבן. אַן איינגעבוירענע יידישע צניעות האָט אין אים געשטיקט אַלע עראָטישע פאַרלאַנגען, זיין באַדערפעניש צו קילן דאָס הייסע בלוט, אויסלעבן און פאַרוואַנדלען אין מעשים זיינע ברענענדיקע פאָרשטעלונגען. ער האָט דאָס אַלץ באַהאַלטן אין זיך, פאַר אַ גרויסן יום־טוב אָנגעגרייט. און דער יום־טוב איז געקומען. ער האָט חתונה געהאַט מיט סאָניאַן און איר אַלץ אַוועקגעגעבן. פאַר זיך און פאַר קיין אַנדער פרוי גאָרניט איבערגעלאָזן. איצט, אַז זי איז אַוועק, האָט זי אַלץ מיטגענומען. אָרעם איז ער. ער קאָן קיין אַנדער פרוי אַ גראָשן ליבע ניט שענקען. און נעמען אומזיסט וויל ער אויך ניט. ניין! אַ בעטלער וועט ער קיינמאָל ניט זיין. ברעקלעך, וואָס פאַלן פון פרעמדע טישן, וועט ער קיינמאָל ניט קלייבן. אויף ליבע־רעשטלעך, וואָס בלייבן

איבער פון פרעמדע שלאָף־צימערן, קוקט ער זיך אָפּילו ניט אום. זאָלן זיך דערמיט דערנערן אַזעלכע פּאַרשוינען ווי מאַקס האָרקאָווקע עט קאָמפּאַני.

מערקווירדיק איז אָבער געווען דאָס, וואָס די לייביכעס פון בולוואַר מאָנפּאַרנאָס האָבן דאָס געפילט. אָט די מאָדעלקעס, לוסטיקע אַלמנהלעך, קונסט און קינסטלער ליבנדיקע, וואָס זוכן דאָס פריילעכסטע אין דער באָהעמיע און גייען אַזוי לייכט איבער פון האַנט צו האַנט, האָבן מיט זייער ווייבערישן אינסטינקט גאָר גיך אַנטדעקט דעם פּאַרטאַיעטן „מלמד" אין דוד ברינען, וועלכן ער אַליין האָט, פון צייט צו צייט, גוט אויסגעזידלט. זיי האָבן אויסנווייניק געטראָפן דאָס ווידערווילן, וועלכער באַפאַלט אים אומגעריכטערהייט און שטעלט אין אַ קאָמישן ליכט דעם שטאַרקסטן מאָמענט פון דערנענטערונג און באַגער, פון רייץ און שפּילע־רייען, אויף וועלכע די פראַנצויזישע פרויען זיינען אַזעלכע בריות. געפילט האָבן זיי דאָס פונדערווייטנס, און געהאַלטן זיך פונדערווייטנס. זיי האָבן זיך נאָר פילדייטיק איבערגעוואונקען, ווען זיי האָבן אים דערזען, אין קאַפע, איינעם אַליין ביי אַ טישל:

— הם... ניט אומזיסט, אַוודאי, איז פון אים זיין שיינע סאָניאַ אַוועק...

— אַ שלאָק, מסתמא...

— און נאָך אַזוי יונג! אין די בעסטע יאָרן.

— אַך, יאָרן האָבן דערביי ווייניק וואָס צו זאָגן...

— נישקשה, כוח צו טראָגן „הערנער" האָט ער יאָ...

דוד ברין האָט די אָפּלאַכערישע געשפּרעכן פון די אין האַרצן באַליידיקטע ווייבער ניט געהערט. ער האָט זיי אָבער אָראָפּגעלייענט פון די לוסטיקע פייערלעך אין די צוגעפּיקסטע אויגן. און גראָד דאָס האָט אים ווייניק געאַרט. און ווען „גוטע ברידער" האָבן אים דאָס צוגעטראָגן אויף אַ טעלערל, דירעקט און אומדירעקט, אויפּפאָדערנדיק אים, ער זאָל די אומזיסט־באַליידיקטע דאַמען דערווייזן, אַז זיי האָבן אַ טעות, פלעגט ער פון זיין זייט בעטן מען זאָל זיך ניט באַאומרואיקן פאַר זיין מאַנסבילשן כבוד.

— זאָגט זיי, אויב איר ווילט, — פלעגט ער איראָניש בעטן, — אַז איך בין ניט איינער פון יענע יינגלעך, וואָס ווילן דערווייזן, אַז זיי פאַרטראָגן גוט דעם טאַבאַק, וואָס זיי האָבן געגנבעט ביים טאַטן, און רויכערן און בלאָזן מיט רויך בפרהסיה, כדי אין אַ ווײַלע אַרום, ווען קיינער זעט ניט, אָפּגעבן דאָס געדויכערטע מיט אַ צוגאָב... זאָל יעדער בלייבן ביי דאָס זייניקע.

www.libtool.com.cn

3.

גאַנץ אַנדערש האָט דאָס דויד ברין באַגריפן איצט, אינמיטן טרינקען זיין אָפּגעקילטע גלאָז קאַווע, ווען ער האָט פּלוצלונג אויפגעהויבן זיינע פאַרקלערטע אויגן, אַ בלאָנדזשע געגעבן מיט זיי און דערזען... ריכטיקער געזאָגט: דערפילט ד י, וועלכע ער זוכט. אַ מאָדעל פאַר זיין „גרינער נאַכט" האָט ער דערזען; פון ערשטן קוק געוואוסט, אַז ד אָ ס איז ז י.

דאָס איז געווען אַ בליענדיקע פרוי, אין די בעסטע יאָרן, נאָענט צו דרייסיק, פון עקזאָטישן אויסזען, מיט אַ גרינלעכער הויט פון אַ קרעאָלין, מיט רויכיקע, דריבנע געקרויזלטע האָר, וועלכע זיינען, אָבער, דורך דורות מישונגען מיט ווייס־בלוט, געוואָרן ווייך און זיידיק און לאָזן מיט זיך מאַכן אַלץ וואָס די אייראָפּעאישע קונסט פון האָר־אַרבעט געפינט פאַר פּאַסיק. און מערקווירדיק! ווען די שיינהייט האָט דערפילט אויף זיך דעם דורכדרינגענדיקן קוק פון דעם פרעמדן און איז אויפמערקזאַם געוואָרן, האָט דויד ברין דערזען, אַז די אויגן אירע זיינען אויך גרין, אָבער אַ סך העלער פון דער הויט. דער קוואַל פון דער צעגאָסענער גרינער ליבלעכקייט איבערן גאַנצן פּנים איז, דאַכט זיך, געווען קאָנצענטרירט אין אָט די פּאָר פראַכטפולע אויגן. אויף דעם האָט זיך שוין דויד ברין אינגאַנצן ניט גערעכט. אַזעלכע אויגן ביי אַ טונקל־הויטיקער פרוי איז פאַר אים געווען אַ סיורפּריז, אַ זעלטנהייט אַפילו אין פיל־פאַרביקן פּאַריז, וואו מען באַגעגנט שוואַרצע, ברוינע און געלע מיש־טיפּן פון כלערליי קאָלאָניעס און פון אַלערליי שאַטירונגען.

לויט אירע געזיכט־שטריכן און אויסגעאיידלטער טונקלקייט האָט ברין דערקענט, אַז זי מוז שטאַמען פון די פראַנצויזישע אַנטילן, וועלכע זיינען באַרימט מיט זייערע שיינע פרויען, וואו די פּאָלינעזישע ראַסע האָט זיך, דורך דורות, צוזאַמענגעשמאָלצן מיט דער פראַנצויזישער, וואו דער האַלב־ווילדער טעמפּעראַמענט און די גאַלישע קולטור האָבן געמאַכט בלוט־שותפות... דער גלאַנץ פון פראַנצויזישן געשמאַק און פיינע מאַנירן איז געווען אויסגעגאָסן אויף אָט דער, אַזוי אומגעריכט־אַנטדעקטער עקזאָטישער שיינהייט, אין איר אָנטועכץ אַזוי ווי אין אירע מינעס. די זיידיקע, דין־געקאַרבטע האָר אירע פון אַ פּאַפּואַסין זיינען געווען פאַרקעמט אַ־לאַ־שיניאָן און, ווי מיט צוויי ראָבן־פליגלען, פאַרדעקט אירע אויערלעך. דאָס קליינע שוואַרצע שטרויהיטעלע איז דאָ שפּילעוודיק געזעסן אינמיטן, פאַרדעקט דעם שרונט; און דער גרוי־ווייסער באַנד זיינער, מיטן ווייסן פעדערל ביי דער זייט,

www.libtool.com.cn

האט הארמאנירט מיט די פערלדיקע ציין, וואס האבן אלע ווײלע אויפ־געלויכטן צווישן די פולע ליפן. דאס היטעלע מיטן באנד צוזאמען האבן דעם קליינעם קאפ צוגעגעבן א גראציעזע לייכטקייט, א יוגנטלעכע לוסטיקייט וואס גיט זיך איבער, וואס צינדט אן, אזוי ווי א ברענענדיקע ליכט צינדט אן פארלאשענע...

און פונקט אזוי ווי דער ווייסער באנד פון היטעלע האט באטאנט די ווייסע ציין, אזוי האט איר אטלאסענע שווארצע קלייד, מיטן קורצן זשאקעטל פון זעלבן שטאף, אונטערגעשטראכן די זיסע פולקייט פון איר יונגן קערפער, ווי א צווייטע טונקעלע הויט ארומגעכאפט אירע קײלעכ־דיקע ארעמס, די שלאנקייט פון איר האלדז, די שפראצנדיקע קרעפטיקייט פון איר ברוסט. אלץ צוזאמען וואלט דאס אפשר פארט געווען א ביסל צו־ווייבעריש־זיס, ווען ניט דער נעזל אירער, א שטאלצער מיט אן אדלערישן בויג האט ער דער רונדיקער ליבלעכקייט צוגעגעבן יענעם געווירץ, וואס פארפיומירט אזוי און באטעמט די צייטיקע מאנגא־פרוכטן. די נאטור אליין, דאכט זיך, האט דא געזארגט פאר אזא מאיעס־טעטישן שוואונג פון נעזל און צוגעגעבן די ווייכע ליניעס פון געזיכט א פייערלעכן אויסדרוק.

אינגאנצן, ארומגעכאפט מיטן קוק, האט זי דויד ברינען דערמאנט זשאזעפינען — נאפאלעאנס ערשטע פרוי, וועלכע האט אויך געשטאמט פון די א נ ט י ל ן און אויך געהאט העלע אויגן. דויד ברין האט זיי ניט איינמאל באוואונדערט אויף א סך מאלערייען. דאס בעסטע פון זיי — זשאזעפינעס קרוינונג אין נאטר־דאם קאטעדראלע — פון בארימטן מאלער דאוויד. נאר ד י ד א האבן ארויסגעלויכטן, ביי דער טונקעלער און פרעמדער שיינהייט, מיט גאר עפעס א באזונדער חן, וואס לאזט זיך ניט תופס זיין. דער דאזיקער פארגלייך און דער נייער אויסדרוק האבן, דערפאר, ביי ברינען, ארויסגערופן א געפיל, אז ער האט שוין דאס געזיכט ערגעץ־וואו געזען, אויב ניט אין דערווירקלעכקייט איז אין טרוים. און אט איז דער טרוים פארקערפערט געווארן און זיצט דא אקעגן אים — א לעבעדיקער וואונדער.

ברינס קינסטלערישע פאנטאזיע האט זיך גלייך צעשפילט. דורך איר אטלאסענער קליידונג האט ער דערזען איר אידעאלע נאקעטקייט, ווי זי שוועבט איבער דער „גרינער נאכט", וואס ער האלט אין מאלן און קאן ניט פארענדיקן. אירע טונקעלע שלאנקע פיס זיינען אויס־געמישט מיטן נאכטיקן ציטער פונעם וואסער. און אירע רויכיקע האר, בלוי־שווארץ פון דער נאטור, זיינען אויסגעמישט מיט דער בלויקייט פון נאכט־הימל און מיטן באהאלטענעם שיין פון דער לבנה הינטער א

וואָלקנדל, און גייען איבער פון אַזאַ מישונג אין אַ גרינעם טאָן. דער „קליינער בער״ שטעקט ווי אַ דיאַדעמע אין דער בלוי־גרינער צעשוי־בערטער האָר־מאַסע.

www.libtool.com.cn

אַליין ניט פילנדיק וואָס ער טוט, ניט טראַכטנדיק, אַז אָנקוקן אַזוי אַן אומבאַקאַנטע דאַמע איז ניט העפלעך, האָט זיך אין איר ברין איינגעגעסן מיטביידע אויגן אַזוי, אַז יענע איז אומרואיק געוואָרן און איבערגעריסן איר אינטימען געשפּרעך מיטן קאַוואַליער, וועלכער איז געזעסן מיט איר ביי איין טישל. א י ם האָט דויד ברין ערשט איצטער באַמערקט. מיט אַ רגע פריער האָט פאַר אים יענער איבערהויפּט ניט עקזיסטירט . . .

אויסגעזען האָט דער קאַוואַליער, ווי איינער פון די פּאַריזער אָפּגעפּאָרענע לעבע־יונגען. אַן אויסגעצויגענער בלאַסער פּנים, שיטערע האָר און קלוגע גלייכגילטיקע אויגן. איינער פון די וואָס האָבן שוין דאָס בעסטע פון לעבן פאַרברויכט און האַלט אויס, אין זיינע פופציקער יאָרן, אַ בליענדיקע שיינהייט, ניט ווייל ער איז ליידנשאַפטלעך פאַרליבט, נאָר סתם אַזוי, צוליב סנאָביזם און באַרימעריי צווישן פּונקט אַזעלכע אָפּגעפּאָרענע לעב־יונגען ווי ער אַליין. אַזאַ פאַרגעניגן קאָסט ניט ביליק. אָבער עס לוינט זיך . . . בפרט נאָך ער קאָן זיך דאָס פאַרגינען. די רענטע וואָס ער ציט פון שניידן קופּאָנעס טראָגט. אַזאַ איינער קליידט זיך זייער עלעגאַנט. טראָגט אַ גרויסע פּערל אין שאַליק און דימענטענע ספּאָנקעס אין די מאַנזשעטן־לעכער; עסט אין די בעסטע רעסטאָראַנען; נאָר עס בלייבט נאָך גענוג איבעריק. גיט ער דאָס אויס אויף זיין געליבטער. אויב ניט אויף דער געליבטער, איז אויף פערד־געיעג. ס׳איז אומגעפער דאָס זעלבע . . . ער וועט קיינמאָל ניט ברוגז־ווערן אויפן פערד, ווען ער קומט ניט דער ערשטער, און ווען ער פאַרלירט אויף דער געליבטער, נעמט ער דאָס אויך אָן גוטמוטיק. ער איז גוט דערצויגן און קוקט דורך די פינגער אויף אירע שטיפערייען, אַפילו ווען זי ווערט אים אומטריי . . .

אָט, צום ביישפּיל, האָט אים די עקזאָטישע שיינהייט זיינע אַ וואונקגעגעבן. האָט ער אויך אָנגעקוקט דעם פרעמדן נייגעריקן יונגנמאַן און האָט זיך צעלאַכט. ע ר האָט זיך צעלאַכט, אָבער ניט ז י . . .

אַ שטרענגער קנייטשל האָט זיך געלייגט צווישן אירע דינע ברעמען, אַ פאַלד פון איראָניע — אויף אירע דיקלעכע ליפּן. זי איז, קאָנטיק, ניט צופרידן געווען פון דעם דורכדרינגענדיקן בליק, וואָס גייט אויף איר פון דויד ברינס האַלב־טונקעלן ווינקל. ווי אַ שטראַל פון אַ גנבהשער בלענד־לאַמטערנע האָט דאָס זי געטראָפן . . .

אָבער דער אָפּגעפּאָרענער קאַוואַליער אירער האָט איר עפּעס צוריק

www.libtool.com.cn

אַ שעפּטשע געטאָן אויפן אויער און איר לייכטע בייזקייט האָט זיך געגומען שמעלצן אין אַ שמייכל. זי האָט גיך אַ וואָרף געטאָן מיט די גרינע אויגן איין מאָל און צוויי מאָל און אַ גנאָד האָט זיך צעגאָסן איבערן טונקעלן אָוואַל פון איר געזיכט, אָנגעפילט די גריבעלעך אין אירע באַקן. דאָס איז שוין געווען אַ שטילע צופרידנקייט פון אַ פּאַריזערין, וואָס האַלט ניט שטאַרק פון איבערגעטריבענער צניעות און פון איר אָפּגעפאָרענעם באַגלייטער — אויך ניט; און איז אין האַרצן דאַנקבאַר ווען מען קוקט זי אַזוי אָן. נאָר ניט אַזוי שטאַרק, סיל וואו פּלעי!*) אַ ביסל רואיקער, רואיקער! כ'בין דאָך ניט אַליין...

אָבער דויד ברין האָט ניט געפאָלגט. דאָס שטומע בעטן אים האָט אים דאָס מאָל ניט גערירט. זיין נייגעריקייט איז געווען שטאַרקער. ניט רעכענענדיק זיך אַפילו מיטן קאַוואַליער, וואָס זיצט לעבן איר טישל, האָט ער זי געשלונגען מיט די אויגן. יענער האָט, אַגב, קיין בייזע מינע ניט געמאַכט. פאַרקערט, ער האָט, קאָנטיק, זיין שיינע באַגלייטערין געהאָלפן אין איר פלירט אָן ווערטער, געלאַכט, פילדייטיק צוגע־וואונקען איר מיט די אויגן־ווינקלען... און גאָר פּלוצלונג האָט זי אַראָפּגעלאָזן איר צעשטראַלטן קוק און זיך אויך צעלאַכט. פון וואָס צעלאַכט זיך? אַוודאי פון אים, פון ברינען, פון זיין אומבאַהאָלפענער עקשנות, וואָס הויבט אָן איבערגיין אין אומגעלומפּערטקייט פון אַ פּראָ־ווינצלער. ער האָט אָבער אויסגעהאַלטן איר גרינגשאַצונג, ווי אים האָט זיך אויסגעדוכט; ער האָט די אויגן ניט אָפּגעקערט.

האָט זי אויף אים נאָכאַמאָל אַ בליץ געגעבן מיט איר גרינעם קוק און אַ וואונק־געטאָן צו איר מאַטן קאַוואַליער, ווי זי וואָלט אים עפּעס געוואָלט זאָגן אויפן אויער. און ווען יענער האָט צו איר צוגעבויגן דעם פליכעוואַטן קאָפּ, האָט זי אים פּעסט אַרומגעכאַפּט דעם לאַנגן רויטלעכן האַלדז מיט איין אָרעם און גיך און קלינגענדיק אַ טשמאָקע־געטאָן אין דער בלוי־ראַזירטער באַק.

ברין האָט אַזאַ פּלוצלעכן אַרויסטראָגן דעם „שלאָף־צימער" אין טאָגליכט אַריין אָנגענומען אַלס אַ ריין־קאָקעטישע דעמאָנסטראַציע. דאָס האָט געזאָלט באַדייטן: „דו קוקסט, פרעמדער, אַ? קוק וויפיל דיין האַרץ געלוסט! אַדרבא, זיי מקנא! איך האָב מיר ליב דעם דאָזיקן מאַן, אַזוי ווי דו זעסט אים, מיט די שיטערע האָר, מיט דער מאָגערער אויסראַזירטער באַק, מיט דעם פאַרעווען אויסדרוק. כ'האָב אים ליב, און טו מיר עפּעס!.."

---

*) אויב איך דאַרף בעטן.

און איז ווידער אַרויס מיט אַ געלעכטער... נאָר דאָס מאָל איז דער געלעכטער אַרויסגעקומען וואולגאַר, ניט אויפריכטיק; ווי ביי אַ דריטראַנגיקער שוישפּילערין, וועלכע פאַרטרעט די פּרימאַדאָנאַ, ווען די לעצטע ווערט קראַנק... ערשט איצט האָט זיך דויד ברין אַ קאַפּעלע פאַרשעמט, דערפילט זיך אומבאַקוועם, ווי פון אַן אומדירעקטער באַ־ליידיקונג.

www.libtool.com.cn

אָבער אויך דעם אָפּגעפּאַרענעם קאַוואַליער ביי איר טישל האָט די אויפפירונג פון זיין עקזאָטישער דאַמע אויפגעהערט געפעלן צו ווערן. וואָרעם ער האָט אויף איר גאַנץ דייטלעך אָנגעשריען, ווי אויף אַ צעבאַ־לעוועטער בת־יחידהקע:

— סאָלאַנש, סוּאַ רעזאָנאַבל!*)

און באַלד — נאָך קורצער און שטרענגער, כמעט כעסדיק:

— ססט!

און מיט אַ פינגער אָנגעוויזן, ווי מען ווייזט אַן אַ קליינער שטי־פערקע, אַז אין קאַפע־הויז קוקט מען זיך שוין אויף איר אום.

די שיינהייט איז פון אים, פון זיין בייזערן זיך, אַזוי ווי פון זיין דראָענדיקן צייג־פינגער, גאַנץ ווייניק נתפעל געוואָרן. פון איר ווייסער האַנט־טאַש, וואָס איז, לויט פאַרב און סטיל, געווען צוגעפּאַסט צו איר היטעלע מיטן ווייסן באַנד, האָט זי פלינק אַרויסגעכאַפּט אַ ליפּן־שטיפט און רויט אַ שמיר געגעבן איר קאַוואַליער איבערן באַק. זאָל מען, הייסט דאָס, זען, אַז דאָ האָט מען אים געקושט!... דערנאָך האָט זי אַרויס־געשלעפּט אַ קוואַסטע און אָפּגעפּודערט אים די אַזוי אויך בלייכע נאָז. ער האָט זיך געגומען ווישן און פאַרשקען מיט די ליפּן, און זי האָט זיך געטאָן דאָס איריקע. גלייך נאָכדעם האָט זי באַשטעלט אַ קאָניאַק אַ־לאַ־ניקאָלאַי, דאָס הייסט צוזאַמען מיט אַ שטיקל לימאָן און מיט אַ ציגעלע צוקער, אַזוי ווי צאַר ניקאָלאַי דער לעצטער האָט, ווי מען זאָגט, ליב געהאַט אַזאַ ביסל משקה. אָבער ווי נאָר דער סאַרווער האָט דאָס אַראָפּגעשטעלט לעבן איר אויף אַ טעצל, האָט זי אים אַ שטויס געגעבן... גיכער אומיסטנע ווי אומגערן אַ שטויס געגעבן מיטן עלנבויגן, און איבער־געקערט דעם פולן קעלישאָק איר קאַוואַליער אויף די קני, לאַכנדיק און אָפלאַכנדיק ווי אומגעשיקט ער איז אויפגעשפּרונגען און ווי פאַרלעגן ער פּוצט זיך זיינע עלעגאַנטע הויזן.

ניין, דאָס מאָל האָט דאָס דער קאַוואַליער מער ניט אויסגעהאַלטן. אָנכמורענדיק דעם פאַרפּודערטן שטערן האָט ער אויפן טישל אַ וואָרף

---

*) סאָלאַנש, זיי פאַרנינפטיק!

גערטאָן, פֿאַרן סאַרווער, אַ פֿאַפּירענעם צוואַנציק פֿראַנק און, ניט וואַרטנדיק אויף אויסגאָב, אַוועק אָן אַ גוטן טאָג. די שיינהייט האָט אים ניט צוריקגעהאַלטן. זי האָט נאָר צוגעוואונקען מיט איר טונקעלער הענטעלע, אַזוי ווי מען ווינקט־צו סתּם אַזוי אַ באַקאַנטן, וועלכער פֿאָרט אָפּ מיטן צוג.

www.libtool.com.cn

.4

באַלד נאָכדעם ווי יענער איז אַרויס, האָט די צעשטיפּטע סאָלאַנש אַ קער־געגעבן איר קעפּעלע צו ברינען און איינגעגעסן זיך אין אים מיט די גרינע אויגן, אַזוי ווי ער האָט דאָס פֿריער געטאָן מיט איר, מיט איין אונטערשייד: איר בליק איז געווען ניט בייגעריק, נאָר בייז: עפּעס ווי זי וואָלט אים מיטן האַרטן קוק פֿאָרגעוואָרפֿן: „נאַ, זע, פֿרעמדער! איבער דיר צעקריגט זיך מיט מיין קאַוואַליער...“

ווי אַ נאָדל צו אַ מאַגנעט, אַזוי איז דוִיד ברין צוגעצויגן געוואָרן פֿון אָט די צוויי היפּנאָטיזירנדיקע אויגן. אַליין ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון, האָט ער זיך ניט־זיכער אַ הויב געגעבן פֿון אָרט, געמאַכט פּונקט אַזעלכע ניט־זיכערע צוויי־דריי טריטעלעך צו דער אומבאַקאַנטער. אָט־אָט, דאַכט זיך, גליטשט ער זיך אַריין אין אַ גרוב. נאָר דאָ איז ער מיטאַמאָל מאָדנע רואיק געוואָרן. מיט אַ פֿאַרלעגענעם שמייכעלע אָבער מיט זיכערע טריט איז ער צוגעגאַנגען צו דער אומבאַקאַנטער.

— מאַדאַם, — מאַכט ער, ניט קיין ציטער־געבנדיק מיט אַ וויִע, — איך ווייס, איך בין צודרינגלעך. איך דאַרף דאָס ניט טאָן. נאָר עפּעס האָב איך געפֿונען אין אייער געזיכט. דאָס וואָס איך זוך... איך בין אַ מאָלער.

סאָלאַנש האָט קוים אַ צי־געגעבן מיט אירע געבויגענע ברעמען, נאָר געמאַכט האָט זי אַ קאָמיש „הערצעלע“ פֿון אירע שיינע ליפּן:

— אַך, אַ מאָלער...

— מיין נאָמען איז ברין, — האָט ער רואיק פֿאָרגעזעצט, — מיין אַרבעט הענגט אין לוקסעמבורגער מוזעאום...

— יאָ. דער „שניי־מענטש“... — שאָקלט זי צו מיט איר ווייס־באַהיטלטן קעפּעלע און קוקט אים אָן מיט לאַכנדיקע אויגן.

דוִיד ברין האָט זיינע אויערן ניט געגלויבט. לייכט־צעטומלט ווי ער איז דערפֿון געוואָרן, האָט ער אַ רוק־געגעבן אַ שטול און, ניט בעטנדיק קיין דערלויבעניש, אַוועקגעזעצט זיך.

— אַזוי, אַזוי... — האָט ער צעפֿינקלט ביידע אויגן. — איר?.. דאָס קענט איר אויך?..

www.fbtool.com.cn

סאָלאַנש האָט אַ שמייכל געטאָן. דאָס מאָל מיט פריערדיקן גנאַד און גוטמוט אין די העלע אויגן:

— אַך, אַלע וועלכע באַזוכן די לוקסעמבורגער גאַלעריִע קענען דאָס. און מאָסיע לופען, וועלכער איז דאָ ערשט געזעסן, קען דאָס אויך און קען אייער געזיכט. אויף אייער ווערניסאַזש איז ער אויך געווען...

— ווער איז ער אייער... כ׳מיין: מאָסיע לופען?

— ער איז אַ י י ע ר ע ר אויך... ער איז אויך אַ מאָלער. ריכ־טיקער געזאָגט: אַ געוועזענער מאָלער. איצט האַנדלט ער נאָר מיט מאָלעריי. ער וועט זיין צופרידן צו באַקענען זיך מיט אייך...

— און איר?

— איך? איך מאַך ניט קיין באַקאַנטשאַפטן אין קאַפע־הייזער.

— פאַרדאָן. נעמט דאָס ניט אָן אַזוי... איך בעט אייך...

דויד ברין האָט איין רגעלע געזוכט ווערטער, ווי אַזוי צו פאַרענט־פערן זיך, און באַשלאָסן, אַז דער גלייכסטער וועג צו אַזאַ באַקאַנטשאַפט איז זאָגן אָפן דאָס, וואָס ער וויל.

— איך מיין גאָר ניט, מאַדאַם, צו... נו, צו פאַרלויפן דעם וועג מיינעם אַ קאָלעגע. נאָר ווי באַלד עס האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט און איר זייט נאָענט, ווי איך זע, צו קונסט און קינסטלער, וואָלט איך ביי אייך געוואָלט פרעגן... ניין, ב ע ט ן וואָלט איך אייך געוואָלט. איך פאַרענדיק איצט אַ נייע זאַך —

— און עס פעלט אייך אַ מאָדעל... — האָט זי אים אונטער־געהאָלפן.

— איר האָט געטראָפן. עס איז מערקווירדיק, וואָס פונקט אַזאַ ווי איר פעלט מיר...

— איך בין ניט קיין מאָדעל־מיידל...

— אויך ד אָ ס מיין איך ניט. איר קאָנט בלייבן ווי איר זייט. אפשר נאָר דאָס שיינע היטעלע אַראָפּנעמען... ניט מער. דאָס גאַנצע איז שוין ביי מיר אַזוי גוט ווי פאַרטיק. אָט דער קאָפּ. דער קאָפּ אייערער. דער וואונדערלעכער קאָפּ... אַנטשולדיקט!

— אַך, יאָ! — מאַכט זי און לאָזט דורך דעם קאָמפּלימענט פאַרביי דעם אויער. — איך ווייס שוין. מען הויבט אָן אָנגעטאָנענערהייט, דערנאָך גייט מען איבער צו אַ רויטן אָדער בלויען „כיטאָן״; דערנאָך דראַפּירט מען נאָר די היפטן מיט אַ מאָלערישן טוך, דערנאָך טוט מען זיך אויס אינגאַנצן... ניט מיטאַמאָל, ביסלעכווייז. די קונסט פאָדערט ניט קיין קליינינקייט — די קונסט...

— אָבער, איך פאַרזיכער אייך!.. — איז ברין רויט געוואָרן

www.libtool.com.cn

ווי אַ יינגל אונטער איר לאַכנדיקן קוק. — איך פאַרזיכער אייך, מאַדאַם. עס איז ערנסט געמיינט. איר קאָנט מיטנעמען אייער פריינט... מאָסיע לופען קאָן אויך קומען. ער וועט מיר ניט שטערן... אפשר נאָר דעם ערשטן מאָל, — האָט ברין צוגעגעבן אַ ביסל שטילער, — ביז איך וועל מיך געוואוינען. נאָר אַ צוויי־דריי סעאַנסן...

— נאַ, נאַ, — מאַכט סאָלאַנש, ניט אַראָפּנעמענדיק פון אים אירע גאַנץ פריילעך־געוואָרענע אויגן. — אויב שוין קומען, איז אַליין, אָן באַשיצער. איך קאָן זיך זייער גוט אַליין באַשיצן...

ער איז צוגעפאַלן צו איר טונקעלער שמאָלער האַנט, מיט דער זיידיקער הויט, נאָר זי האָט אים לייכט צוריקגעשטויסן:

— איר נעמט שוין אָן אויפגאַבּ?.. זיצט!

— איך צווייפל ניט... — מאַכט ברין און זעצט זיך גאַנץ מעכאַניש אויף לופענס פריי־געוואָרענעם פּלאַץ נעבנטער צו איר. — איך צווייפל אַ האָר ניט, מאַדאַם, אַז איר קאָנט זיך באַשיצן. איך זע דאָס פון מיין ניט־געלונגענעם האַנט־קוש. עס וועט אָבער ניט נויטיק זיין...

— אַזוי, אַזוי? — האָט זי אים נייגעריק אָנגעקוקט, און ווי ברינען האָט זיך אויסגעדוכט, מיט אַ געוויסער אַרויספאָדערונג. — אַזוי זיכער זייט איר דאָס? און, ווער וועט א י י ך באַשיצן? איר — זיך אַליין, אָדער אייער ווייב?

— הם... — מאַכט ברין און ווערט אַנטשוויגן.

— וואָס הם?.. — קרימט זי אים איבער אַ ביסל צו־פאַמיליאַר פאַר דער ערשטער באַקאַנטשאַפט. — איר זייט דאָך אַ באַווייבטער?

— געווען... — פאַרריכט דויד ברין.

— געשיידן?

— אַזוי גוט ווי געשיידן.

— ווער פון וועמען?

פון אָפּנעמען ביי אים די האַנט, ער זאָל צו־שטאַרק ניט קושן, ביז אַזעלכע ניט־דיסקרעטע פראַגן איז אַ נישקשהדיקער מהלך... ברין האָט זיך אָנגעכמורעט:

— וואָס איז דער אונטערשייד? אויפן מאָנפּאַרנאַס וועט איר זיך שוין דערוויסן אַלע איינצלהייטן. נאָך מער איינצלהייטן, ווי זיי זיינען געווען אין דער ווירקלעכקייט.

— זי, אַלזאָ, איז אַוועק?..

— יאָ. זי איז די „העלדין“, ניט איך.

— אָרעמינקער!

www.libtool.com.cn

זי האָט דאָס לעצטע וואָרט אַ זאָג געטאָן מיט האַרציקער שטילקייט, כמעט שעפּטשענדיק, מיט יענעם באַזונדערן טאָן פון אַ פרוי, וואָס די מוטערלעכע רחמנות האָט זיך ביי איר צעשפּילט. ברין האָט אין דעם ליבלעכן וואָרט דערשפּירט אַ פּאַרטאַיעטן ווילן אַ גלעט צו טאָן אים איבער זיין שוואַרצער טשופּרינע, מיט יענעם טיף־ווייבערישן גנאָד, וואָס איז אָנגעגרייט ניט גראָד פאַר אים, נאָר פאַר אַלע ניט־גליקלעכע מענער, וועלכע בויטיקן זיך אין דעם... אָבער זיין מאַנצבילשער שטאָלץ האָט זיך פּלוצלונג אויפגעשטעלט קעגן אַזאַ רחמנות, ווי אַ צאַפּ מיט זיינע הערנער אויפגעשטעלט זיך און אַ שטויס געגעבן:

— מערסי! איך בין ניט קיין „אָרעמינקער”...

— מיין לופּעז, — מאַכט זי מיט אַ שמייכעלע, — זאָגט אויך אַזוי. אַלע פאַרלאָזענע מענער זיינען אַזוי. דאָס האַרץ וויינט און די פּנימער זיינען ביי זיי אָנגעבלאָזן ווי ביי אינדיקעס...

— לאָמיר דאָס לאָזן! — איז דויד ברין נאָך קילער געוואָרן. — איר רעכנט — אייער פריינט וועט דערלויבן?

— דערלויבן? — האָט סאָלאַנש אויפגעריסן די גרינע אויגן אירע.

— איך דאַרף ניט קיין דערלויבענישן...

— איז ער ניט... ווי זאָל איך דאָס זאָגן —

— אייפערזיכטיק, ווילט איר זאָגן? ניין. אַזוי ווייט גייען ניט זיינע רעכט.

— נו, אויב אַזוי, איז גוט.

— ביי אייך איז שוין גוט, מאָסיע? — האָט זי אַ לאַך־געגעבן. — איך האָב עפּעס אויך צו זאָגן.

— אַך, געוויס, געוויס. אַנטשולדיקט!

— איר זייט אַנטשולדיקט. אַזאַ גרויס קינד ווי איר זייט... אייער אַדרעס?

ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ בליישטיפט און גענומען שרייבן מיט גרויסע קלאָרע אותיות. די האַנט האָט ביי אים אַ ביסל געציטערט, נאָר ער האָט זיך געסטאַרעט, שיר די צונג ניט אַריינגעשטעקט אין באַק, ווי ער האָט דאָס געטאָן קליינערהייט, ווען ער האָט געוואָלט נאָכקומען דעם לערערס שורה פון „ריין־שרייבן”:

— „רי וואָזשיראַריד 105, אַטעליע נומער ז ע ק ס.”

זי האָט אַריינגעקוקט אין צעטעלע, נאָך איידער ער האָט געענדיקט שרייבן, און איר פּנים איז מיטאַמאָל געוואָרן אַשיג־גרין. דאָס וואָס ביי ווייסע מענטשן הייסט בלאַס־ווערן...

— איך קען די אַטעליע, — מאַכט זי אַ ביסל הייזעריקלעך. — ווי לאַנג וואוינט איר דאָרטן?

www.libtool.com.cn

— צוויי יאָר ...

— מיט דריי יאָר צוריק האָט דאָרטן געוואוינט ... אַ סקולפּטאָר האָט דאָרטן געוואוינט ...

— ניט מאָסיע דאַל ? אַנרי דאַל ...

זי האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ און ניט געענטפערט. איצט האָט ברין געהאַט אַ שטיקל נקמה : ביסטו, הייסט דאָס, אויך פון די אָרעמינ־קע"... אַבי דו שענקסט דעם ערשטן בעסטן דיין ווייבערישע רחמנות, דו וואָלטסט דאָס געדאַרפט באַהאַלטן פאַר דיר אַליין!.."

— הם ... — מאַכט ער און קוקט אויך אָן אַ זייט. — איך שטויס זיך אָן. אַנרי דאַל האָט געוואונען אַ פּרייז פאַר זיין שוואַרצער טענצערין אין בראָנדז ... זייט איר ניט אַמאָל געווען זיין מאָדעלקע ?

זי האָט אים שטרענג אָנגעקוקט. ניט געענטפערט. און ערשט דער־נאָך שוואַך אַ שמייכל געטאָן. דאָס האָט באַדייט : דו האָסט שוין באַוויזן מיר אָפּצוצאָלן פאַר מיין ניט־דיסקרעטער פראַגע. איצט זיינען מיר ביידע קוויט ..."

ער האָט דאָס פאַרשטאַנען און זיין פראַגע ניט איבערגעחזרט. איר שמייכעלע איז באַלד איבערגעגאַנגען אין אַ דאַנקבאַרער מינע.

— איז גוט, — מאַכט זי נאָך אַ רגעלע שווייגן. — איך קום צו אייך מאָרגן, אויב איר ווילט ...

— אויסגעצייכנט. און אויב מעגלעך, פ אַ ר מיטאָג.

— איר שלאָפט דען ניט אַ גאַנצן פאַרמיטאָג ?

— איך שטיי אויף זעקס־זיבן אינדערפרי.

— דאָס איז פאַר מיר אַ נייס : אַ קינסטלער — און אַזוי פרי אויפשטיין !

— אויב די קונסט הויבט זיך אָן מיט שלאָפן שפּעט, פאַרשלאָפט מען זי ...

— האַ־האַ, און אַט דער לופען, וועלכער איז אָקערשט אַוועק, שלאָפט נאָך איצט ביז האַלבן טאָג. און אַלץ דערפאַר, ווייל אַמאָל איז ער געווען אַ מאָלער ... נאַ, און איצט, מאָסיע ברין, גייט צוריק אויף אייער אָרט. מיר קאָנען ביידע צוזאַמען ניט אַרויסגיין. די סאָרווערס קאָנען האָבן אַ פאַלשע מיינונג. איך זיץ דאָ כמעט אַלע טאָג ...

ער האָט זיך אויפגעהויבן און זי האָט אים אויסגעשטרעקט איר טונקעלע, שמאָלע האַנט מיט דער זיידיקער הויט. דאָס אָנרירן אַליין האָט ברינען פאַרשאַפט אַ טיפן פאַרגעניגן. פון שוואַרצן אַטלאַסענעם אַרבל איז זי אַציינד אַרויסגעפאָרן אַ ביסל לענגער ווי פריער. און ערשט איצט האָט ברין באַמערקט, אַז סאַלאָנש טראָגט אָן אַנטיקן בראַסלעט —

www.libtool.com.cn

פון פערלמוטערנע שניצערייען און אַלטע געמעס צוזאַמענגעשטעלט. אויך דאָס האָט די טונקל הויטיקע קראַסאַוויצע צוגעפּאַסט צום זילבער־דיקן קאָליר פון באַנד אויף איר היטעלע, צו איר האַנט־טאַש... האָט ער ניט־ווילנדיק אַ בלאָנדזשע געגעבן מיט די אויגן אונטערן טישל, וואו זי זיצט, און זי האָט גלייך דערכאַפּט זיין קוק און אַ לאַך געטאָן:

— יאָ, מאָסיע ברין, מיינע שיכלעך זיינען אויך פון פערל־קאָליר. ווייסע שלאַנגען־הויט, און מיינע הענטשיקעס, אָט ליגן זיי... זיינען אויך פון דער זעלבער פאַרב...

— און אייער קלייד, — האָט ברין נאָכגעזאָגט נאָך איר ווי אַ באַ־צויבערטער, — אייער קלייד איז גלאַנציק־שוואַרץ. אייער פיגור שוועבט אין אים צווישן צוויי גרוי־ווייסע ראַנדן... איר האָט אַ פיינעם געשמאַק, מאַדאַם!

— מערסי!

די געוואוינהייט, צווישן זיינע פילע רוסישע באַקאַנטע, האָט ברינען ווידער אַ בויג־געגעבן דעם קאַרק. ער האָט די שיינע אויסגעשטרעקטע האַנט מיט פינף שפּינדל־פינגער געוואָלט אַ קוש געבן, נאָר סאָלאַנש האָט איר הענטעלע אויך ד אָ ס מאָל צוריקגעצויגן און ניט דערלאָזן. דאָס האָט אויף ברינען געמאַכט אַן איינדרוק, אַז זי ש פּ י ל ט אַ ביסעלע. אָט איז זי גוט און אָט — ניט. זיין זיכערקייט, אַז די טונקעלע, קאַפּריזנע שיינהייט וועט צו אים טאַקע מאָרגן קומען אין אַטעליע און לאָזן זיך מאָלן, האָט זיך אַ וואַקל־געגעבן.

— איר וועט דאָך האַלטן וואָרט, — האָט ער געמאַכט אַ בעטנדיקע שטימע, — ע... סאָלאַנש הייסט איר דאָך... און ווי נאָך?

— סאָלאַנש בירט.

— עס קאָן ניט זיין!.. — האָט זיך ברין געוואונדערט. — ווענדליק אייער אויסזען האָט איר געדאַרפט האָבן אַ מער עקזאָטישע פאַמיליע. צום ביישפּיל —

זי האָט אים לאַכנדיק געהאָלפן זוכן:

— צום ביישפּיל: זאָרנאַסטרינאַ, מיראַנדאָלאַ, שעכעריזאַדאַ...

— ניין. איך מיין, אַז ב י ר ט קלינגט אַפילו ניט פראַנצויזיש. גיכער עלזאַס־לאָטאַרינגיש.

זי האָט זיך ווידער לייכט אָנגעכמורעט און אָפּגעשניטן:

— נו, אַן אַנדערש מאָל... איצט לאָזט מיך אַליין.

ער האָט געפאָלגט ווי אַ ייִנגעלע, צוריקגעגאַנגען צו זיין טישל, באַצאָלט, און איז גלייך אַרויס פון קאַפע־הויז. ער האָט זיך אַפילו ניט אומגעקוקט, כדי ער זאָל איר נאָכאַמאָל ניט דאַרפן זאָגן „אויף ווידערזען“,

www.libtool.com.cn

ניט צואווינקען אַפּילו מיט דער האַנט... ער האָט זיך אָוועקגעלאָזן צופוס איבער די פּאַריזער גאַסן, דערנאָך לאַנג שפּאַצירט אין לוקסענ־בורגער גאָרטן, פּאַזע מיט רי־וואָזשיראַריד ביז צו זיין אַטעליע צו. אַזוי האָט ער „אויסשפּאַצירט" זיין אומרואיקייט און באַגייסטערונג נאָך דער היינטיקער באַקאַנטשאַפט. ער איז אַרויף צו זיך און דערזעענדיק זיין ניט־פאַרענדיקטן לייוונט מיט דער „גרינער נאַכט", האָט ער צו אים גערעדט מענטשלעך, ווי צו זיין גלייכן:

— מירן דיך שוין איצטער פאַרענדיקן... ווערסט שוין אָן אַ קאָפּ ניט בלייבן! דו הערסט? נאָר מ י י ן קאָפּ ניט פאַרקלאָגן מיר מער... ה ע ר ס ט?

זעקסטער קאַפּיטל

אין דער ארבעט

1.

זינט דער באַקאַנטשאַפט מיט ס אָ ל אַ נ ש ב י ר ט אין קאַפע־הויז, לעבן פּלאַץ פון „האָטעל־דע־וויל", האָט זיך דויד ברינס איינזאַם לעבן באַרייכערט מיט אַ שפּיל פון „אָדם און חוה" איידער זיי האָבן געזינדיקט, אויף וואָס ער אַליין האָט זיך פריער ניט געריכט.

געקומען איז זי פּינקטלעך ב י י ן אינדערפרי, אָפּגעזאָגט זיך פון קאַווע און געבליבן־זיצן אָן אַנגעטאָנענע. נאָר דאָס קליינע שוואַרצע היטעלע מיטן ווייסן באַנד אַראָפּגענומען פון דער פריזור, וואָס גלאַנצט פונקט אַזוי פעט ווי דאָס שוואַרצע אַטלאָס פון איר קלייד.

דויד ברין האָט פיבערדיק גענומען אָנוואַרפן די ערשטע סקיצע, מיט אַ קויל־שטיפט אויף אַ ווייסן קאַרטאָן, און גלייך באַמערקט אָן אומ־רואיקייט אין טונקעלן געזיכט פון זיין מאָדעלקע. די מויל־ווינקלען האָבן געצוקט, די גרינע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט.

— איר זוכט עפּעס? — האָט ער העפלעך אַ פרעג־געגעבן. — אַ שפּיגל און אַ וואַסער־קראַן איז דאָ אויבן. נאָר אַ טרעפּל אַרויפ־צוגיין...

— יאָ, דאָס זוך איך, — מאַכט זי אַ קאַפּעלע פּאַרלעגן, — און וואו דאָס טרעפּל איז ווייס איך אַליין...

www.libtool.com.cn

— אַך, יאָ... — האָט זיך ברין דערמאָנט. — איער באַקאַנטער סקולפּטאָר האָט דאָך דאָ אַמאָל געוואוינט...

פון אונטן אַרויף האָט ער נאָכגעקוקט ווי זי שטייגט אויפן ברייטן באַלקאָן, וועלכער דינט דאָ אין אַטעליע אַלס אַ צווייטער עטאַזש מיט אַ שלאָפצימער. מיט וואָס פאַר אַ זיכערקייט אירע קליינע ווייסע שיכלעך האָבן אָנגעטאַפּט די קרומע האַלב־טונקעלע טרעפּלעך! מיט דער זעל־בער זיכערקייט האָט איר רעכטע האַנט, פאַרבייגייענדיק, אויפגעדרייט דאָס עלעקטריש לעמפּל פאַרן באַלקאָן...

אַרויפגעגאַנגען, איז סאַלאַנש געבליבן שטיין אַ ווײַלע ווי אַ פאַר־שטיינערטע. די ברייטע פראַנצויזישע בעט מיט נוס־האָלץ שניצערייען, אינעם סטיל פון לואי דעם 14־טן, האָט צוגעצויגן איר בליק ווי אַ מאַגנעט. ד אָ ס, קענטיק, דער איר גוט־באַקאַנטער געלעגער, האָט זי צוגעצויגן מער ווי אַלץ. ווי איבער אַ קבר פון אַ נאָענטן איז זי אַ ווײַלע געשטאַנען איבערן בעט, איינגעבויגן, נאָכדענקענדיק... נאָר באַלד, אַפּנים, האָט זי זיך געכאַפּט, אַז אונטן וואַרט מען אויף איר. האָט זי צוליב יוצא־וועגן גיך אַ וואַש־געגעבן אירע הענט אונטערן קראַן, אָפּגעווישט און איז גיך אַראָפּ צוריק.

אירע אָקערשט־פרישע און גרין־ליכטיקע אויגן האָבן זיך נאָר איצט מאָדנע געזשמורעט אויפן טאָג־ליכט וואָס פאַלט פון דאַך־פענצטער.

— כ׳האָב זיך אָפּגעוואוינט פון אַזאַ העלן שיין, — האָט זי זיך פאַרענטפערט, ווישנדיק די קוים־פאַרטרערטע אויגן.

דויד ברין האָט געמאַכט אַן אָנשטעל אַז ער גלויבט, נאָר געוואוסט האָט ער, אַז ניט די אומגעוויינטלעכע ליכטיקייט אַליין האָט אַרויס־גערופן אַזאַ ציטער און אַזאַ פייכטקייט אונטער סאַלאַנשס אויגן־לעפּלעך. די שאָטנס פון אירע דערינערונגען, וואָס שוועבן דאָ אַרום — ז י י האָבן באַרירט, ווי ניט־ממשותדיקע פלעדערמייז, אירע אויסגעבויגענע וויעס. די שאָטנס פון איר נאָקעטקייט, וואָס האָט דאָ אַמאָל פיגורירט און אפשר די מאַנצבילישע נאַקעטקייט פון דעם סקולפּטאָר אַנרי דאַל — אויך...

ערגעץ־וואו אין אַ האַרץ־ווינקל האָט דאָס אים אַ שטאָך געגעבן. נאָר באַלד האָט ער דאָס דערשטיקט, אָנגעברוגזט זיך אויף זיך אַליין און צוריקגעכאַפּט זיך צו זיין קויל־שטיפט און צום ווייסן קאַרטאָן. כ׳מיין, וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער, דער מאָלער ברין, צו מישן זיך אין די דערינערונגען פון זיין מאָדעל־מיידל? דאַנקבאַר דאַרף ער זיין, אָט דער ברייטהאַרציקער שיינהייט, וואָס האָט געהאַלטן וואָרט און געקומען אַזוי פּינקטלעך. דאַנקבאַר — און מער גאָרניט.

סאַלאַנש האָט, קענטיק, באַלד אָפּגעשאַצט זיין צוריקהאַלטונג און

זיין שווייגן און האָט זיך אויך באַרואיקט. אירע וויעס האָבן אויפגעהערט צו ציטערן, אירע פאַרזשמורעטע אויגן האָבן זיך ברייט אויפגעעפנט, אָנגעגאָסן זיך מיט גרינלעכן שיין, און זי האָט צוריק־באַקומען איר פריילעכן קוים־שפּילעוודיקן אויסדרוק, וואָס גיט איר צו אַזוי פיל יוגנטלעכן חן, פונקט ווי נעכטן, בשעת ער האָט זי געטראָפן אין קאַפע.

זי האָט זיך אָוועקגעזעצט קעגן זיין מאַלברעט אַזוי ווי ער האָט איר אָנגעוויזן. געניט און געדולדיק איז זי געזעסן און געלאָזן פאַלן דאָס געהעריקע ליכט אויף דריי־פּערטל פון איר טונקעלן געזיכט. אויסגעהאַלטן איז געווען די איינמאָל אָנגענומענע מינע, ווי ביי אַ מאָדעל, וואָס קאָן זייער גוט די מאָלערישע דיסציפּלין, בשעת דער אַרבעט, און מען דאַרף זי ניט לערנען.

ברינס קויל־שטיפט איז זיך צעלאָפן איבערן שאַרסקן קאַרטאָן, דערנאָך איבער אַ צווייטן און אַ דריטן בויגן פּאַפּיר. ער האָט סקיצירט איר שיינעם קאָפּ אין פּראָפיל, אין טרוא־קאַר*) און אַן־פאַס**) און זעלטן־ווען באַגלייט זיין אַרבעט מיט אַ באַמערקונג. דאָס זעלבע האָט זי אויך געטאָן.

צומאַרגנס האָט ער די זעלבע און ענלעכע סקיצן געמאַכט אין פאַרבן. און ערשט דערנאָך, פאַרזיכטיק און מעטאָדיש, גענומען אַריינ־פּאַסן דעם סכום פון זיינע סקיצן אין זיין ניט־פאַרענדיקט בילד: „די גרינע נאַכט".

ביסלעכווייז האָט זיך דער עקזאָטיש־טונקעלער פּרויען־קאָפּ גענומען צוזאַמענגיסן מיט דער סימבאָלישער פיגור פון דער נאַכט איבער דער האַלב־קיילעכדיקער אָזערע. אין די צעשויבערטע רויכיקע האָר פון דער קרעאָלין האָט, ווי אַ טייערע דיאַדעמע, אויפגעלויכטן דער צלם פון „קליינעם בער", און צוזאַמען מיט דעם האָט זיך די מאָדעלקע אַליין גענומען באַגייסטערן פון איר ראָלע אין דעם גרויסן בילד. איר אַליין האָט זיך פאַרגלוסט העלפן דעם קינסטלער, און ניט נאָר מיטן שיינעם קאָפּ אַליין... האָט זי גענומען אויסטאָן זיך.

פריער, נאָר די גראָבע טיילן פון איר קליידונג און אויך דאָס — הינטער אַ פּאַראַוואַן. דערנאָך — אומזשענירטער, מיט אַ זיידענעם געבלומטן טוך דראַפּירט די טונקעלע היפטן, ביז איר אמתע, אָדער גע־מאַכטע שעמעוודיקייט איז אינגאַנצן געפאַלן, און זי איז געבליבן שטיין פאַרן קינסטלער נאַקעט, ווי די מאַמע האָט זי געהאַט. ברין האָט שוין

---

*) דריי-פּערטל.

**) קעגן-איבער.

www.lbtool.com.cn

אויסווייניק געווען געטראָפן אירע פאָרמען, דורך איר אַטלאַס און קאָמבינעזאָן געזען אירע ליניעס. פונדעסטוועגן האָט אים איר נאַקעטע שיינקייט געטראָפן ווי אַ בליץ. ער איז געבליבן שטיין אין אַ לעקישע־וואַטער פּאָזע. זיינע אויגן ניט געגלויבט. איר פולקאָמענהייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט אַפילו קיין באַגער ניט אַרויסגערופן, נאָר אַ וואונדערלעכן טרויער, וועלכן דויד ברין האָט לכתחילה אַליין ניט פאַרשטאַנען, ניט געוואוסט פון וואַנעט עס קומט און וואוהין עס צילט. ביז ער האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז דער טרויער פונעם סוף, וועלכער מ ו ז אַמאָל קומען; דער פּראָפעטישער טרויער פון באַוואונדערונג, וועלכער ווייסט אַז דאָס איז ניט אייביק, אַז אַלץ גייט פאַרביי, אַז דאָס מוז זיך אַמאָל אומקערן צו דער ערד און צעפאַלן ווערן אין פאָרמלאָזע עלעמענטן...

און צוזאַמען מיט דעם דאָזיקן מינאָר־געפיל וואָס קלינגט ווי אַ וויי־נענדיקע סטרונע, איז געקומען אַ באַשעמונג, וואָס ער, ברין, איז, אין גרונט גענומען, געבליבן זיין טאַטנס קינד, אַן אייניקל פון פרומע זיידעס און באָבעס, וואָס קאָן אָן אַ מוסר־פאַרטראַג ניט געניסן און אָן איינטונקען אין זאַלץ ניט מאַכן „המוציא”; וואָס ער נעמט ניט דעם מאָמענט איינפאַך, אַזוי ווי ער איז, אַזוי ווי אַ גוי נעמט אים אויף, נאָר ער קוקט באַלד אַריין אין דער צוקונפט, ווי אַן אָרעמאַן אין אַ פרעמדן באַלויכטע־נעם פענצטער...

ער איז אַזש רויט געוואָרן פון אַזאַ טאָפּלטקייט, אַנגעכמורעט זיך, ניט באַדאַנקט דער שיינער פרוי פאַר אַזאַ ליבלעכן צוטרוי צו אים, נאָר צוגעכאַפּט־זיך מאָלן מיט אַ ווילדער זשעדנעקייט; זיך אויף צו־להכעיס דערטרונקען זיין באַגייסטערונג אין דער פייכטער פּאַליטרע; ווי אין אַ פאַרביקער בלאָטע דערטרונקען.

דערטרונקען דאָס געשריי פון זיין בלוט, זיין אויסגעהונגערטע ליידנשאַפט. נאָר די דערטרונקענע האָט, ווי דורך אַ כישוף, גענומען אויפגיין אין בילד, תחית־המתים אויפגעשטאַנען אין פאָרמען, וועלכע זיינען ביז איצט געווען כימעריש, ניט דערגרענצט, האַלב־טויט. דאָס אינערלעכע לעבן פון דעם פריער־אויסגעטראַכטן קערפּער אין בילד האָט גענומען אויפגיין איצט אין אַ גרינלעכער לבנה־באַלויכטונג און צוזאַמענגעגאָסן זיך מיטן האַלב־פאַרענדיקטן קאָפּ. דער אומגעוויינט־לעכער לבנה־שיין, וואָס קומט פון ערגעץ־וואו הינטער אַ שוואַרץ־גרינעם באַרג־צאַן, מיט אַ וואָלקן פאַרשלייערט, איז דאָ, ווי אַ גרין פלאַנצן־בליט, געווען צעשמאָלצן אין דעם סימבאָלישן ווייבער־גוף פון דער נאַכט, און איז געווען שאַרף־צוזאַמענגעשפּיצט אין אירע גרויסע מאַנדל־פאַר־

מיקע אויגן. דאָ, הייסט עס, זיינען די גרינע ליכט־קוואַלן. ניט פון הינטער באַרג און וואָלקן קומט דאָס אַרויס די מערקווירדיקע באַלויכטונג, נאָר פון די אויגן...

www.libtool.com.cn

אויסגעטשוכעט זיך פון דער ערשטער שאַפערישער שכרות, האָט דויד ברין אַ ביסל קלאָרער, ריכטיקער געזאָגט: אַ ביסל מאַנצבילשער גענומען באַטראַכטן דעם הערלעכן קערפּער, וואָס דער הימל האָט אים צוגעשיקט אַלס מאָדעל.

סאָלאַנש איז געווען אַ פולקאָמענע שיינהייט מיט אַ זיידיקער הויט און מיט האַרמאָנישע פּראָפּאָרציעס צווישן הענט און פיס, האַלדז און היפטן, דעטייל און אַלגעמיינקייט, וואָס די קאַפּריזנע נאַטור האָט דער־גרייכט, צוזאַמענמישנדיק בלוט פון צוויי ראַסן, די האַלב־ווילדע פּאָלי־נעזיע מיט דער אויסגעפיינערטער אייראָפּע. זי האָט זיך אפשר אַליין ניט געריכט אויף אַזאַ רעזולטאַט, אַזוי ווי דער גרעסטער כעמיקער ריכט זיך אָפטמאָל ניט אויף אַ נייער פאַרב וואָס לויכט־אויף אין זיין פּראָביר־קאָלבע, און דאָך איז דער רעזולטאַט געקומען אין דער ווייב־באַשעפעניש, וואָס שטייט דאָ אַ מוטער־נאַקעטע אַקעגן מאָלברעט און הייסט סאָלאַנש בירט...

זי איז געווען יוגנטלעך־שלאַנק און נאָר ב ע ר ד ־ מאָגערלעך, אָבער ניט „העכסט מאָדערן‟, אינעם געשמאַק פון די ספּאָרט־פיגורן, וואָס זיינען אַזוי פּאָפּולער געוואָרן אין די צוואַנציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, אין וועלכן דויד ברין האָט געלעבט און געשאַפן. ניט אַ געמיש פון מאַן־און־ווייב איז דער קערפּער געווען, ניט דער יינגלש־מיידלשער אידעאַל וואָס דער צווייפלהאַפטער מאַן און דער אומצווייפלהאַפטער גאון לעאָנאַרדאָ־דאַ־ווינטשי, צום ביישפּיל, האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין „יוחנן דער טויפער‟... סאָלאַנש איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענע, פאַר־קערפּערטע ווייבלעכקייט פון העכסטן גראַד, מיט פיין־אַנטוויקלטע היפטן און אַ פעטלעכן־יונגן רוקן פון אַ ווענוס. די שטייפע ברוסט זיינען געווען וואונדערלעך צוזאַמענגעוואַקסן מיט די מוסקולן פון די פלייצעס און בויך, רעכטס און לינקס געשפּיצט זיך און תמימותדיק־שטאָלץ דערקלערט, אויף דער שטום־שפּראַך פון בלומען, אַז זייער מוטערלעכע קראַפט איז גאַנץ און אין ברוסט־שטיצער נייטיקן זיי זיך ניט. און איבער איר גאַנצער קוים־ציטערנדיקער הויט איז געווען צעגאָסן אַ גרינלעכער זיסער שימער, ווי מיט גאָלד־גרינעם האָניק אויסגעשמירט. וואָס נענטער צום געזיכט און צו די פולע ליפּן, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן די דאָזיקע זיסקייט. איר ליבלעכער שמייכל איז, דאַכט זיך, געווען דער קוואַל פון דעם, אַזוי ווי אירע גרין־לויכטנדיקע אויגן — דער קוואַל פון

איר גרינלעכער הויט־פאַרב. אינגאַנצן גענומען האָט דאָס געשאַפן אַזאַ צוזאַמענשפּיל פון ליניע און אויסדרוק, אַז ברין האָט אַזוי גוט ווי ניט געדאַרפט אָנשטרענגען זיין איינבילדונגס־קראַפט. עס איז ווירקלעך געווען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן אין זיין לייוונט. די נאַטור האָט שוין מיט קנאַפּע דרייסיק יאָר צוריק געזאָרגט פאַר אים, און דער גליקלעכער צופאַל האָט אים באַזאָרגט מיט אַזאַ מאָדעל.

זיין באַגעריקע באַטראַכטן דעם דאַזיקן גוף, זיין זשעדנע שלינגען יעדע ליניע, פון קאָפּ ביז די שפּיצן פוס־פינגער, האָט געדויערט נאָר אַ קורצע ווײַלע. און באַלד האָט ער אין זיך אַליין דערהערט אַן אָפּקלאַנג פון יענעם פיל־אויסגעפּרוּווטן געדאַנק, אַז פולקאָמענע שיינקייט וועקט ניט אויף גראָבע וועלעכצן, נאָר זי טויט אָפּ יעדע אומריינע מחשבה... וואָס ווייטער ער האָט זיין מאָדעל באַטראַכט, מיטן פאַרשטאַרטן פּינזל אויף דער פּאַליטרע און מיט פאַרשטאַרטע האַלב־אָפענע ליפּן, אַלץ רואיקער איז געוואָרן זיין הייסער האַרץ־קלאַפּן, אַלץ שעמעוודיקער זיינען געוואָרן זיינע אויסגעקווילערטע אויגן און אַלץ זיכערער — זיין מידע האַנט. זיין פּינזל האָט אויפגעפלאַטערט ווי אַ פליגל פון אַ פאַרחלשטן פויגל און ווידער־אַמאָל צעלאָפן זיך איבערן לייוונט.

.2

נאָך יענעם סעאַנס האָט ער פון איר גענומען אָפּשייד ווי גאָר אַ גוטער פריינט, ברודערלעך באַגלייט זי ביזקל אויסגאַנג, וואָרעם געדריקט איר די האַנט און געבעטן זי זיין אַזוי פּינקטלעך ווי ביז איצט. דאָס מאָל האָט זי איר זיידיקע האַנט מער ניט אָפּגענומען און האָט געפאָלגט, וואָס מען בעט זי, מיט אַ קוים־באַמערקטן אָפּלאַכערישן פייערל אין די גרינע אויגן. און מערקווירדיק! וואָס מער איר אויסטאָן זיך פאַר אים מוטער־נאַקעט איז ביי איר געוואָרן אַ געוואוינהייט, אַלץ מער איז ביי אים געפאַלן דער אינטערעס צו איר ווייבלעכקייט. דאָס אָביעקטיווע שטודירן און איבערגעבן אויפן לייוונט די שיינקייטן פון איר טונקעלן גוף האָט אים אינגאַנצן פאַרכאַפּט, אַהיינגעדרונגען אין זיין באַגעגענען און באַ־גלייטן זי, אין זיין צוריקגעהאַלטנקייט, אין זיין ניט־נייגעריקייט צו איר פאַרגאַנגענהייט און צו איר איצטיקן לעבן. דערפאַר, אָבער, וואָס אַ טאָג מער און וואָס לענגער אַ סעאַנס, אַלץ פיבערהאַפטיקער איז געוואָרן זיין האַנט, אַלץ אָנגעשטרענגטער זיין אויג און אַלץ עקשנותדיקער זיין ווערלן איבערגעבן, אין גרויע, גרינע און בלויע נאַכט־טענער, וואָס ער זעט

www.libtool.com.cn

און באַנעמט אַקעגן זיין מאָלברעט. וואָס אַ סעאַנס מערער, אַלץ מער, דאַכט זיך, האָט ער אויסגעשעפּט דאָס חיות פון זיין מאָדעל און אַריינגעטאָן אין דער וויזיע פון זיין בילד: די ווייכקייט און ספּעציעלן שימער פון איר הויט, די זאַפטיקייט פון איר היפט, די שפּראָצנדיקע, אַרויספּאָדערנדיקע קראַפט פון אירע לענגלעכע בריסט, דעם צוזאַמענהאַנג פון אירע זיסע ליניעס און איר אויסדרוק... אַלץ האָט ער אין זיין „גרינער נאַכט״ אַריינגעטאָן. דער עיקר איז אַוועק, פאַרברויכט געוואָרן און געבליבן איז נאָר די שיינע שאָלעכץ. אויף וואָס קאָן אים פערזענלעך נוצן די פּוסטע שאָלעכץ? ווענן דעם האָט ער ניט געטראַכט.

און סאָלאַנש? ווי האָט זי רעאַגירט אויף אַזאַ רייך־קינסטלערישער באַציאונג צו איר?.. לכתחילה איז דאָס איר, קענטיק, שטאַרק געפעלן געווען. ברינס שווייגעדיקייט האָט איר אימפּאָנירט. ניט ער פרעגט זי מער ווער ס׳איז דער לופען, מיט וועמען ער האָט זי צום ערשטן מאָל געטראָפן אין קאַפע־הויז, און צי זי באַגעגנט זיך מיט אים; ניט ער איז נייגעריק אויף אַנרי דאַל — דער סקולפּטאָר, וועלכער האָט דאָ אַמאָל געוואוינט און מיט וועמען, ווי עס ווייזט אויס, זי איז געשטאַנען אין גאָר נאָענטע באַציאונגען; ניט עס גלוסט זיך אים וויסן וואו זי איז געבוירן געוואָרן, אויף וואָס פאַר אַן אינדזל, ביי וועלכע עלטערן און ווי אַזוי זי קומט קיין פאַריז; ניט ער אינטערעסירט זיך פון וואָס זי לעבט דאָ און וואו זי נעמט אַזוי פיל מיטלען צו אָנטאָן זיך אַזוי אויסגעזוכט־שיין און צו אויסזען אַזוי זאַט. גאָרניט אינטערעסירט אָט דעם געזעצטן, היפּשן יונג מיט די שוואַרצע כוואַליעדיקע האָר און מיט די גרויסע טרויעריקע אויגן. און ס׳איז טאַקע בעסער אַזוי. זי איז פרייער אין איר קומען און אַוועקגיין, ער איז זיכערער און פלייסיקער אין זיין אַרבעט. ער האָט איר נאָר אַ פּאָר מאָל האַלב־שעמעדיק פאַרוואָרפן אַ וואָרט, אַז איר פאַרלאָרענע צייט און איר ליבנסווירדיקייט מיינט ער ניט, חס ושלום, צו געברויכן אומזיסט. ער וועט זי באַלוינען לויט דעם, ווי אַזעלכע סעאַנסן ווערן באַצאָלט... אָבער יעטוועדן מאָל האָט זי זיך פון אַזאַ אָנדייטונג אַוועקגעמאַכט מיט איר באַזונדער שמייכעלע: זי וויל אים נאָר דינען מיט וואָס זי קאָן. אין געלט נויטיקט זי זיך ניט. אָט, ווען עס וועט אים געלינגען און ער וועט „רייך־ווערן״ פון בילד, וועט מען זען... אפשר וועט דאָס פראַנסואַ לופען אַליין אָפּקויפן. ער, ווי ברין ווייסט שוין, איז דאָך אַ געוועזענער מאָלער. זיין בילדער־געשעפט איז באַקאַנט. די שענסטע פאַריזער סאַלאָנען זיינען זיינע קונדן...

אָבער ביסלעכווייז איז זי עפּעס געוואָרן געררייצט. אַ לייכטער קנייטשעלע פון אומצופרידנקייט האָט זיך געלייגט צווישן אירע געבויגענע

www.libtool.com.cn

ברעמען. ברין האָט דאָס אָנגענומען אַלס אַ צייכן פון גייסטיקער און פיזישער מידקייט, וואָס קומט אָפטמאָל אָן אויף די בעסטע און גערולדיקסטע לעבעדיקע מאָדעלן, ווען זיי הויבן אָן פילן, אַז דער קינסטלער הויבט זיי אָן אויסצושעפּן. זיי דערפילן אַליין די געשאַפענע פוסטקייט און הויבן זיך אָן קנייטשן ווי אַ לאַנגזאַם־געזויגענער צייטיקער אויבסט. ער האָט, אָבער, ניט פאַרשטאַנען, צי ניט געוואָלט פאַרשטיין, אַז אַזאַ געפּיעשטשעטע, קלוגע און שיינע באַשעפעניש, ווי סאָלאַנש איז, קאָן ניט אייביק בלייבן גלייכגילטיק צו זיין גלייכגילטיקייט. זי, וועלכע איז אַזוי רייך מיט לעבנס־דערפאַרונג און מיט אַלע שוואַכקייטן פון מענער; זי, וועלכע איז געוואוינט געווען פון איר זעכצנטן לעבנס־יאָר, אַז דאָס צווייטע געשלעכט זאָל זיך קלעפּן צו איר און זיך טרינקען אין איר, ווי פליגן אין האָניק, און זי — זאָל זיי יאָגן פון זיך, רייסן פון לייב און אָפּרייסן דערביי זייערע פליגעלעך און לאַפּקעס... ניין, זי איז ניט געווען דער מענטש, וואָס זאָל קאָנען לאַנג פאַרטראָגן אַזאַ אַסקעטישע באַציאונג פון אַ יונגן, בליענדיקן מאַנצביל, און דערצו נאָך אַ פאַרלאָזענער און אָפּגעגאַרטער מאָן אויך... בפרט איר דערפאַרונג, איר דורכדרינגענדיקער גרינער קוק און איר קלוגשאַפט האָבן איר אונטערגעשעפּטשעט אויף איר טונקעלן אויער פון אַ קרעאָלין, אַז ברינס צוריקגעהאַלטנקייט קומט ניט פון אַ קאַלטן טעמפּעראַמענט, אָ, ניין!.. זיין באַהאַלטענעם פייער האָט זי געפילט אין יעדער באַוועגונג זיינער, אין די פאַרבן וואָס ער לייגט אויפן לייוונט, אין דעם שעמעוודיקן גלאַנץ וואָס לויפט דורך אין זיינע אויגן, אין איר אייגענעם געזיכט וואָס ווערט אַלץ בולטער אויפן בילד און שיינט אויף, פאַרפירעריש און געהיימניספול, אין דעם שימערירן פון האַלבע און פערטל נאַכט־טענער. זי האָט דערשפּירט זיין פאַרטאַיעטע ליידנשאַפט צו איר, פון וועלכער ער אַליין ווייסט אפשר ניט, און דאָס פיינסטע און רייצנדיקסטע וואָס ער נעמט אַוועק פון איר לעבעדיקן אויסדרוק, און וואָס זי אַליין דערזעט אין שפּיגל נאָר אין מינוטן פון אינערלעכער גלייכגעוויכט. אָ, די דאָזיקע מינוטן זיינען פונקט אַזוי זעלטן ווי דאָס אמתע גליק, ווי אַ גייסטיקער יום־טוב אין דער גרויסער וואָכעדיקייט פון לעבן!

דאָס אַלץ האָט ער אויפגעכאַפּט, אָט דער פרישער יונג מיט די אומעטיקע אויגן, געזאַמלט ווי זעלטענע עסענצן אויף זיין פּאַליטרע און, מישנדיק, ציטערנדיק און קינסטלעריש־קאַרג — אַריינגעטריפט אין איר צווייטן געזיכט — דאָס געזיכט וואָס ער מאָלט, געזאַלבט דערמיט איר גוף אויפן בילד, ווי מיט אַ טייערן באַלזאַם, ווי מיט אַ הייליקן אויל, ווי מיטן גרינלעכן לבנה־שיין וואָס קומט פון הינטער אַ פינצטערן באַרגצאָן.

דער אָנגעצויגענער און פלאַכער לייוונט, וואָס האַלט אײַנגאַנצן www.fbtool.com.cn
וועלכענע פיר פוס אויף דריי, איז דערוויײַל געוואָרן טיפער און אײַנ־האַלטרײַכער. אויסגעפילט מיט פינצטערע בערג־רעליעפן, מיט הימל־הויכקייט און מיט נאַכטיקע וואַסער־גלאַנצן, איז ער פונדעסטוועגן געווען ניט מער ווי אַ ראָם פאַר דער נאַכט־וויזיע, וואָס שוועבט אינמיטן, ווען וואונדערלעך־באַלויכטענע פיס עס גיסן זיך צוזאַמען מיט די לייכטע פאַליעס פון וואַסער, און די פושיקע האָר — מיט די פוכיקע און טונקל־גרויע וואָלקנדלעך. די פיגור, וואָס ברין האָט אין זײַן פאַר־שטעלונג געזען אין די בערג, נאָך זײַן ווײַבס פאַרלאָזן אים, איז דאָ איצט געוואָרן דער צענטער וואוהין אַלע שאָטנס און נאַכט־שימערונגען לויפן זיך צוזאַמען און פון וואַנעט עס שטראָמט צוריק דאָס חיות און באַ־לויכטונגען, וואָס די בערג און וואַסער און וואָלקנדלעך טראָגן אין זיך און אויף זייערע רעליעפן. פון אירע אויגן טריפט דאָס גרין־צעגאָסענע ליכט, און פון איר נאָפּל און בריסט — די ברכה פון דער שלאָפנדיקער ערד, מיט אַלץ וואָס שפּראָצט, געדייעט און צעוויקלט זיך אין איר טוי־איקן שויס.

פאַר קאַמף, באַוועגונג און וועט־געלויף אין דער נאַטור איז דער טאָג באַשאַפן געוואָרן, און צום אויפנעמען די זוימען פון נײַעם לעבן, דערנערן און דערציען זיי — די גרויסע נאַכט. ציטערנדיקע לײַבער באַהעפטן זיך אין שטילן עקסטאַז און די באַפרוכפּערטע פלאַנצן ציען האַלב־שיכורע די זאַפטן, וואָס דער פאַרגאַנגענער טאָג האָט פאַר זיי אָנגעגרייט, וואָס די זון האָט פאַר זיי געזיסט און געיערט. די שעפּטשענ־דיקע טענער פון גראָזן און בלעטער, דאָס צישען פון די גרילן — דאָס איז דער אייביקער טאָן פון וואַקסן און שפּראָצן, דאָס איז דער אָפּקלאַנג פון ליבע און אייפערזוכט, אין פויגל־נעסטן, צווישן וואָרצלען, אין וואוינונגען פון מענטשן און אונטער וואַסער־פעלזן — וואו שרצים און פיש קריכן אַרום. און איבער דעם אַלעמען שמייכלט די וועלט־מוטער־שאַפט, אַזוי ווי דאָס גרינלעכע לבנה־ליכט אויפן בילד, אַזוי ווי דאָס טונקעלע געזיכט פון דער ווייבלעכער וויזיע, וואָס שוועבט דאָ אין צענטער.

דאָס בילד האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרענדיקט ווערן און סאָלאַנש איז געווען אי באַגייסטערט אי אומצופרידן. באַגייסטערט פון דעם חיות, וואָס זי, מיט איר נאַקעטקייט, האָט געגעבן ברינס וויזיע, און אומצופרידן איז זי געווען — וואָס דאָס געמאָלטע ווערט וויכטיקער ווי זי אַליין. אַ שטילע שנאה האָט זיך ביי איר אַזוי אַרום גענומען אַנטוויקלען צו איר אייגענער טאָפּלטקייט, וואָס ווערט דאָ איבערגעגעבן

מיט אַזעלכע טיפֿע און צאַרטע פֿאַרבן; אַ צוציאונג און אַ וועלן אַנט־לויפֿן פֿון איר אייגענעם שאָטן... שפּעטער איז דערפֿון געוואָרן אַ טיפֿערע ביטערקייט. עפּעס ווי ברינס ליידנשאַפֿט צו זיין אַרבעט האָט זי באַליידיקט; און זי, מיט איר עקזאָטישן טעמפּעראַמענט, וואָלט זיך פֿאַרשווארין צו קעמפֿן קעגן אָט דעם שטיק באַמאָלטן לייוונט, וואָס וויל ביי איר אָפּנעמען די בכורה, די ווייבערשע מאַכט אירע, וועלכע זי האָט, ביז אַהער, געהאַט איבער יינגערע און עלטערע מענער...

www.libbook.com.cn

.3

וואָס נענטער צום סוף פֿון דער מאָלערישער אַרבעט, אַלץ צוריקגעהאַלטענער זיינען זיי ביידע געוואָרן: דער מאָלער, אַזוי ווי זיין מאָדעל. איר האָט פֿאַרדראָסן זיין קאַלטקייט. און אים — איר גלייכגילטיקייט וואָס האָט אָנגעהויבן אויסזען ווי אומיסטנע. וואָרעם זי האָט אים אויפֿגעהערט צו מאַכן קאָמפּלימענטן, אַזוי ווי זי האָט עס געטאָן די ערשטע צייט נאָך יעדן סעאַנס, ווען זי האָט באַטראַכט דאָס, וואָס ער האָט דערגרייכט פֿון דאָס ניי, די פֿאַרבן וואָס ער האָט פֿאַרטיפֿט, די ליניעס וואָס ער האָט פֿאַראיידלט.

— זי לאַנגווייליקט זיך... — האָט ער פֿאַרדראָסיק געטראַכט, — ס׳האָט איר שוין דערעסן. אַ מאָדעל בלייבט אַ מאָדעל.

און כדי אויפֿצומונטערן זי, האָט ער ווידער פֿאַרוואָרפֿן אַ וואָרט, אַז... ער מיינט ניט חלילה אומזיסט. דעם העכסטן פּרייז וויל ער איר באַצאָלן פֿאַר דער פֿאַרלאָרענער צייט...

— אַך, רעדט ניט דערפֿון... — האָט זי גרינגשאַציק אַ מאַךגעטאָן מיט איר נאַקעטער האַנט און איר הויט פֿון אַ קרעאָלין איז נאָך טונקעלער געוואָרן. אַ סימן, אַז זי האָט זיך פֿאַררויטלט. — צייט האָב איך אַ סך...

— און וואָס ניט קיין סך?.. — האָט ער שפּילעוודיק געפּרוואווט אַ פֿרעג־טאָן.

אָבער זי האָט נאָר אָפּגעקערט דעם קאָפּ און ניט געענטפֿערט. אַ קנייטשל האָט זיך געלייגט צווישן אירע ברעמען.

— שעמט זיך... — האָט ברין געטראַכט מיט אַן אומבאַגרייפֿדעטער בייזלעכקייט — לעבט אַוודאי אויפֿן חשבון פֿון אָפּגעפֿאָרענעם לופֿען און דאַרף קיין געלט ניט. אַוואַנטיורעס דאַרף זי. נאָר איך וועל זיך מער אויף דעם וועג ניט אַוועקלאָזן. איין סאָניאַ איז מיר אויך געווען גענוג. אויך זי האָט זיך אויסגעזוכט אַזאַ ענלעכן קאַוואַליער, אַן אונטערגעפּוילטן, און מיך אַוועקגעוואָרפֿן...

www.libtool.com.cn

אַזוי האָט זיך געצויגן נאָך עטלעכע טעג. זינט סאָלאַנש האָט זיך אינגאַנצן אויפגעהערט צו שעמען מיט איר נאַקעטקייט זיינען די סעאַנסן געוואָרן אַ ביסעלע מאָנאָטאָן און זיין אויג איז שוין אויך געווען געזעטיקט פון איר שיינקייט אָן אַ שום הילע. ער האָט אַפילו גענומען טראַכטן, אַז ווען קליידער וואָלטן ניט עקזיסטירט, וואָלט מען זיי געדאַרפט צו־טראַכטן, כדי צוגעבן דער נאַקעטקייט מער פליישלעכן רייץ. און אפשר איז די מוטער פון קליידונג טאַקע ניט די קעלט אַליין, נאָר אויך די פרימיטיווע ליידנשאַפט, ווען זי איז געוואָרן ראַפינירטער און גענומען זוכן נייע פאָרמען און נייע געשמאַקן...

ברין האָט אויך גענומען באַמערקן, אַז דאָס צוריק־אָנטאָן־זיך, וואָס סאָלאַנש טוט זיך אָן, נאָך יעדן פאָרענדיקטן סעאַנס, ווערט לענגער און לאַנגזאַמער. עפּעס ווי זי וואָלט זיך געפּוילט און מיט די אויגן געפרעגט, צי דאַרף ער זי היינט ווירקלעך מער ניט האָבן, אָדער אפשר יאָ?..

— צוליב וואָס? — האָבן זיינע אויגן קורץ און דייטלעך אָפּגע־ענטפערט. נאָר זיינע ליפּן האָבן פאָרט געשמייכלט און געפרעגט איינע־און־דיזעלבע פראַגע, אויף וועלכער ער האָט אַלעמאָל באַקומען איין־און־דעמזעלבן אָפּשניט:

— טיי וועט איר טרינקען, סאָלאַנש?

— ניין.

און ווי דערשטוינט איז ער געוואָרן, ווען ער האָט פּלוצלונג דער־הערט אַן אויסערגעוויינטלעכן ענטפער און מיט אַ סך אַ ווייכערן טאָן ווי ביז־אַהער:

— אָך, איין קליינע טאָסע אפשר...

ער האָט זי אָנגעקוקט נאָר איין רגע מיט פאַרוואונדערטע אויגן און, ניט ריידנדיק מער קיין וואָרט, געלאָפן אין זיין קליינער זייטיקער קיך אין אַלקאָוו, צו דער גאַז־מאַשינקע.

אין עטלעכע מינוט אַרום, ווען ער איז צוריקגעקומען מיט אַ פריש־פאַרפאַרעטער טאָסע טיי, האָט ער נאָך זיין מאָדעלקע געפונען אַ האַלב־אָנגעטאָנענע. איר קורצע אַליוון־גרינע אַטלאַסענע אונטער־קליידל האָט גלאַט אַרומגעכאַפּט אירע פולע היפטן; און אירע נאַקעטע אָרעמס, וואָס גייען אַרויס ווי זעלטענע שוואַרצע פלאַנצן פון איר העלן זיידענעם קאָרסאַזש, האָבן געהאַלטן אַרומגענומען אַ גרויסע פאָטאָגראַפיע אָן אַ ראַם. דאָס איז געווען סאָניאַס געלונגענסטער פאָרטרעט, וואָס ער, ברין, האָט געהאַט פאַרשטעקט ערגעץ־וואו אין אַ ווינקל, צווישן ביכער און קאַרטאָנען, באַלד נאָך איר אַוועקגיין צו מאַקס האַרקאַווקען. מיט איר

www.libtool.com.cn

ווייבערישן שפּיר־געפּיל האָט דאָס דאָ סאָלאַנש דערטאַפּט אויף דער פאַרשטויבטער עטאַזשערקע, אַרויסגעשלעפּט פון צווישן אַ סך אַנדערע האַרטע פּאַפּיר־שטיקער און באַטראַכט מיט זשעדנער נייגעריקייט, געשלונגען מיט די גרינע לאַכנדיקע אויגן און ניט געקענט אָנזעטיקן זיך. אויף דער אויסגעשטרעקטער טאַסע טיי האָט זי נאָר אומגעדולדיק אַ ציגעגעבן מיט איין נאַקעטער פּלייצע און געהיימניספול אַ פרעג־געגעבן:

— דאָס איז זי?

געווען ניט שווער צו פאַרשטיין וועגן וועמען עס ווערט דאָ געפרעגט... אַראָפּגעשטעלט די געבראַכטע טאַסע אויפן טיש, האָט ער רואיק אָפּגעווישט זיין פייכטע האַנט מיט דער פּאָלע פון זיין ווייסן אַרבעט־כאַלאַט און פּונקט אַזוי רואיק אָפּגעענטפערט:

— זי.

— זי איז שיין!.. — האָט סאָלאַנש צוגעשאָקלט מיטן שוואַרצן קאָפּ — צו בלאָנד, אַביסל צו אייראָפּעאיש, אָבער זייער שיין...

ער האָט לכתחילה ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס סאָלאַנש באַטאָנט אַזוי צוויי מאָל דעם „צו". נאָר גלייך נאָכדעם האָט ער זיך אָנגעשטויסן, אַז זיין מאָדעלקע מיינט צו זאָגן, אַז פּולקאָם אין פאַרב און האַלטונג, ווי זי אַליין, איז זיין געוועזענע פרוי נ י ט, פונדעסטוועגן איז זי זייער שיין. דאָס קאָן מען ניט לייקענען...

— מ... יאָ — האָט ברין געפּרואווט אַוועקנעמען די פאָטאָגראַפיע פון סאָלאַנשעס טונקעלע אָרעמס. אָבער יענע האָט ניט דערלאָזן:

— נאָך איין ווייליקע!... — האָט זי זיך געבעטן, — נאָך איין רגעלע...

— איר האָט דאָך געוואָלט טיי... — האָט ער זי געפּרואווט אָפּווענדן פון פאָרטרעט.

אָנשטאָט צו ענטפערן אים צו דער זאַך, האָט זי פּלוצלונג אויפגעשריען מיט טיפער איבערצייגונג:

— איר האָט זי ליב, ברין! איר האָט זי נאָך ליב. איר האָט זי נאָך שרעקלעך ליב...

— פון וואַנען נעמט איר דאָס? — האָט ער אָפּגעקערט די אויגן.

— פון פאָרטרעט. אַזאַ איינע קאָן מען אַזוי לייכט ניט פאַרגעסן. אָ, ניין...

ער האָט דערשפּירט אַ שטעכיקן ווייטאָג ערגעץ־וואו אין אַ האַרקווינקל, וואוהין ער האָט פאַרגראָבן זיין בענקשאַפט און שוין געמיינט, אַז זי איז געשטאָרבן. ערשט ניין, זי לעבט נאָך, די בענקשאַפט! אַ פרעמדע ניט־דיסקרעטע האַנט האָט אַ ריר געטאָן דעם קבר און די באַגראָבענע האָט אויפגעשריען...

אפנים סאלאנש האט באמערקט פון זיין לייכטער גרימאסע, אז זי האט א קאפעלע איבערגעכאפט די מאס, אריינגעמישט זיך אין פרעמדע ליבע־עניינים און ווייגעטאן. ווארעם זי האט גלייך אפגעלייגט די פאטאגראפיע אן א זייט און ליבלעך־טרויעריק אנגעקוקט דעם מאלער.

— איר האט א גוטן געשמאק, ברין! זייער א גוטן געשמאק...

— א דאנק, — מאכט ער, מיט פונקט אזא ליבלעך־טרויעריקן קוק ווי זי, — שוין לאנג ניט געהערט פון אייך א גוט ווארט... דערוויילע־וואס טרינקט, מאדעמואזעל! אייער טיי ווערט קאלט...

זי האט צוגערוקט די טאסע צו זיך, א צי־געגעבן מיט איר טונקעלן נעזל און געוואונדערט זיך:

— וואס פאר א פיינער אראמאט!

א זופ־געגעבן איינמאל און צווייטאל און ווידער געלויבט:

— אויסגעצייכנט! די רוסן פארשטייען זיך אויף טיי בעסער ווי מיר...

ברין איז געווען צופרידן, וואס זיין מאדעלקע האט פארגעסן אויפן פארטרעט און אויף אזא קיצלדיקער טעמע, וואס דער פארטרעט האט ארויסגערופן, און אוועקגעלייגט איר א קורצע לעקציע ווי אזוי מען מאכט גוטן טיי. מען דארף דערצו קיין רוס ניט זיין. מען קאן זיך רואיק בלייבן ביי דער פראנצויזישער בירגערשאפט און אויסלערנען זיך די גאנצע קונסט אין צוויי מינוטן. מען טאר דעם טיי ניט ווייקן אין גרויסע כלים. קאכן, ווי די שווייצער טוען, גאט באהיט! מיט מעטאל טאר זיך דער פריש־געמאכטער טיי ניט צוזאמענטרעפן. אין א קליינעם טשאיניקל פון פארצעליי, אדער, נאך בעסער — פון געגלאזטן ליים, מוז עס פארפארעט ווערן. וואס ווייניקער וואסער און וואס מער טעמפעראטור. די קליינע כלי מוז פריער גוט אויסגעבריט ווערן מיט זוד. פארפארעט, לאזט מען דאס שטיין אזוי, איינגעדעקטערהייט, עטלעכע מינוט נאכאנאנד, און די עסענץ איז פארטיק... אבער ניט דער געטראנק. דאס הייסע וואסער וואס מען גיסט־צו צו דער עסענץ אין גלאז אריין, מוז געקאכט ווערן אין א ספעציעלער כלי, וואס דינט נאר צו דעם צוועק און פאר קיין שום אנדער געקעכץ. בעסער איז — ווען די כלי איז שוין א סך מאל געניצט געווארן אויפצוקאכן וואסער. דער אנגעזאטענער גרויער „שטיין" אויף די ווענטלעך ציט אוועק פונעם וואסער, ביים קאכן, אלע איבעריקע מינעראלן און פילטרירט אים, ווי די בעסטע לאבאראטאריע. נאר אין אזא זוד פארלירט ניט די צוגעגאסענע עסענץ קיין טראפעלע פון איר פיינעם טעם און ריח...

זי האט אים אויסגעהערט ווי א שילערין הערט־אויס איר לערער,

און ווען ער האָט געענדיקט האָט זי שטילינקערהייט אַ פֿרעג געגעבן:
— און אויסער טיי, שער מעטר*), ווייסט איר נאָך עפּעס צו קאָכן?
— ווי עס מאַכט זיך. ווען איך וויל, מאַך איך מיר אַליין מײַנע מאָלצײַטן.
— איר עסט גאָרניט אין רעסטאָראַן?
— זעלטן־ווען. איין מאָל אין וואָך אפֿשר.
— און ווער וואַשט אײַך דאָס געפּעס?
— אַך, געפּעס! אַ צוויי טעלער, אַ מעסער און אַ גאָפּל...
— אָרעמינקער.
— פֿאַרוואָס ווידער אַמאָל „אָרעמינקער״?... איר געדענקט? ביים באַקענען זיך אין קאַפֿע, לעבן „האָטעל־דע־וויל״, האָט איר מיך שוין איינמאָל אָנגערופֿן „אָרעמינקער״. נאָר דעמאָלט האָט עס אפֿשר געהאַט מער זין...
— איך מיין נאָר: וואָס קאָן מען אין איילעניש אַרויפֿלייגן אויף איין טעלער אָדער צוויי?...
— ס׳איז גאַנץ גענוג. איין געריכט. אַ גלאָז וויין. אַ שטיקל ראָקפֿאָר־קעז.
— זאָגט ניט! עסן איז אַ קונסט. ניט קיין קלענערע קונסט ווי מאָלן, ווי זינגען, ווי טאַנצן. נאָר אַסקעטן און אַלטע בחורים פֿאַרוואַרפֿן דאָס...
— און אַזעלכע וועמען די פֿרוי וואַרפֿט אַוועק...
ער האָט דאָס איר דערזאָגט מיט אַ שניידיקן טאָן. זי האָט אָפּגעלאָזן איר ניט־דערטרונקענע טאַסע טיי און אים אָנגעקוקט מיט אויפֿגעריסענע גרינע אויגן. ער האָט אויסגעהאַלטן איר קוק. מיט אַ וויע ניט אַ ציטער־געגעבן. די אויגן האָט זי, די ערשטע, אַראָפּגעלאָזן.
— דאָס איז אמת, — מאַכט זי מיט אַ פֿאַרלעגענער מינע, — די קונסט פֿון עסן און סערווירן דאַרף דורכגיין דורך פֿרויען־הענט. דורך הענט פֿון אַ פֿרוי, וואָס מען ליבט. דער וויין שמעקט דעמאָלט גאַנץ אַנדערש. פֿון דער איינפֿאַכסטער ראַגו**) ווערט אַ געטער־שפּייז...
ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ:
— יאָ, אַזוי איז דאָס. אַזוי איז דאָס געווען ביי מיר אויך. אָבער —
— וואָס אָבער?
— מאַכן אַ געליבטע פֿרוי פֿאַר אַ קעכין איז אויך ניט פּאַסיק.

---

*) ליבער מויסטער.
**) איריש־סטו.

— אָבער ווען זי וויל! ווען ז י וויל!
www.libtool.com.cn
— ווער איז די „זי"?
ער האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף דעם אָן־אַ־זייט־אָפּגעלייגטן פּאָרטרעט פון זיין ווייב:
— ז י האָט קיינמאָל ניט געוואָלט. נאָך דער חתונה אפשר... דערנאָך האָט זי דאָס געהאַלטן פאַר אַ דערנידערונג.
— אָרעמינקע! אַלע פּריצטעס פון דער ליבער פּראָווינץ זיינען אַזוי... ווען מען ליבט — גיסט מען דעם מאַן אַ דעם ווין אין בעכער ווי אַ ליבע־געטראַנק. מען גיט אים צו עסן דעם פּענעץ ברויט ווי אַ שטיק האַרץ. אַ הייליקער מאַלצייט ווערט יעדער אָונט־ברויט. און ווען מען עפנט דערנאָך אויף דעם געליבטן מאַן ביידע אָרעמס, די ליפּן... אַך, וואָס ווייסן זיי!...
זי האָט פאַרדעקט דאָס געזיכט מיט אירע ביידע טונקעלע הענט און געבליבן אַזוי זיצן. אירע רויט־לאַקירטע נעגל זיינען זיך צוזאַמענ־געלאָפן אין צוויי קורצע רייען און צוגעגעבן איר פּאָזע און איר טונקל־קייט אַ דראַמאַטישן טאָן. דויד ברין איז אויפגעשטאַנען ווי אַ באַ־צויבערטער. זיינע ליפּן האָבן געציטערט.
— איר זייט אַ מערקווירדיקע פרוי! — מאַכט ער. — דאָס, וואָס איר האָט דאָ געזאָגט... האָט דאָס עמעצער אָפּגעשאַצט?
— ניין, — ענטפערט זי אָפּ שטילערהייט און נעמט אַוועק אירע הענט פון די אויגן. — איידער מען שאַצט־אָפּ מוז מען דאָך זען...
— ווער איז דאָס אַזוי בלינד געווען?
— אָט דער... וועלכער האָט דאָ אַמאָל געוואוינט. וועלכער איז געשלאָפן אין זעלבן בעט ווי איר, דאָ אויבן אויפן באַלקאָן. ער האָט נאָר געזען דאָס שטיק בראַנדז וואָס ער האָט פון מיר געמאַכט. ניט מיך.
— דאַל? דער... סקולפּטאָר?
אין האַלדז ביי איר האָט עפּעס מאָדנע אַ קלונג־געגעבן. עפּעס ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע וואָלט דאָרטן געפּלאַצט. ניט קיין לאַך, ניט קיין כליפּ איז דאָס געווען. דאָס מאָל האָט זיך ברין מער ניט דער־וואָרט אויף אַן ענטפער. זי האָט גיך גענומען אַנטאָן איר אַטלאַסענעם קלייד, איר שימערדיקן מאַנטל. אַ שמייכל־געטאָן צו אים מיט טרייסט, ווי נאָר פּראָווינציעלע קענען שמייכלען, אַפילו ווען זיי איז ביטער אויפן האַרצן, און איז אַוועק, צוזאַגנדיק אַז מאָרגן וועט זי קומען צום סעאַנס אַזוי ווי ביז אַהער: ניין אַזייגער אינדערפרי.

www.libtool.com.cn
זיבעטער קאפיטל

פראנסוא לופען

1.

דאָס לעבהאַפטע געשפּרעך, וואָס איז אַרויסגעקומען צווישן דויד ברין און זיין מאַדעלקע נאָך אַ לענגערן שווייגן, די אינטעליגענץ אירע, וואָס זי האָט אַרויסגעוויזן אין צוזאַמענהאַנג מיט סאָניאָס בילד, האָט אויף אים געהאַט אַ מאָדנע ווירקונג. לייכט באַטויבט און וואַקלדיק איז ער געוואָרן, עפּעס ווי עמעצער וואָלט, מיט אַ שטעקן, טיף אַ מיש־געגעבן זיין אָפּגעשטאַנענעם און אָפּגעקילטן ווייַן און אויפגערודערט דאָס גאַנצע הויזון פון דעק...

ער האָט זיך שוין געוועזן איינגעלעבט אין זיין איינזאַמקייט, געגומען פאַרגעסן די טיפע באַליידיקונג, וואָס זיין ווייבס אַוועקגיין האָט אים פאַרשאַפט. און סאָלאָנש מיט אירע טונקעלע הענט און מיט איר ווייבע־רישער נייגעריקייט האָט דאָס צוריק לעבעדיק געמאַכט.

ווי אַ ייִנגל, וואָס כאַפּט זיך־צו צו אַ פאַרבאָטענער נאַשערייַ, ווען די מאַמע גייט אַוועק, און לעקט און נאַשט און שמירט זיך אויס און קאָן זיך ניט צוריקהאַלטן, כאָטש ווייסן ווייסט ער גוט, אַז שפּעטער וועט ער דערפאַר באַשטראָפט ווערן, אַזוי האָט זיך דויד ברין צוגעכאַפּט צו זיין ווייבס פאָרטרעט, נאָך סאָלאַנשס דראַמאַטישן פאַרלאָזן זיין אַטעליע. מיט די אויגן איינגעגעסן זיך אין דעם געליבטן אָוואַל פון געזיכט. אין די פרייילעכע אויגן, אין די בלאָנדע האָר. די מויל־ווינקלען האָבן ביי אים דערביי געצוקט. „איר האָט זי ליב, ברין!" האָט ער פאַר זיך, ווי אַן אַטאָמאַט, איבערגעחזרט סאָלאַנשס דורכדרינגענדיקע ווערטער, „איר האָט זי נאָך ליב!... איר האָט זי נאָך שרעקלעך ליב!"...

ער האָט אָזש די ציין פאַרקלעמט, כדי ניט אויפצושרייען פון ווייטאָג. אונטער די אויגן־לעפּלעך איז אים הייס געוואָרן פון אַ צוריקגעהאַלטענער טרער.

— סאָניאַ, סאָניאַ... — האָט ער צום פאָרטרעט געמורמלט ווי צו אַ לעבעדיקן וועזן. פאַרוואורף איז אין דעם מורמלען געווען, ליבשאַפט, באַדויערן.

און באַלד, קענטיק, האָט ער זיך פאַרשעמט פון אַזעלכע סענטימענטן, וואָס געהערן צו אַ מעלאָדראַמע. ווייל ער האָט האַסטיק אַ גיי־געגעבן צו זיין פאַרשטויבטער עטאַזשערקע אין ווינקל און פאַרשטעקט דעם פאַר־

טרעט צווישן די קאַרטאָנען, וואו סאַלאָנש'ס ווייבערישער אינסטינקט האָט אים דערטאַפּט און אַרויסגעשלעפּט אויפן שיין פון טאָג. ווען ער וואָלט דאָס ניט געטאָן, וואָלט ער אים אויף שטיקער צעריסן. אַזוי גרויס איז געווען זיין באַשעמונג.

www.libtool.com.cn

אָבער דאָס האָט אים ניט באַרואיקט. די אויפגעברוּיזטע הייוון פון דעק, די אויפגערודערטע שטיקלעך דערינערונגען האָבן געטריבט דעם קאָפּ. די אויפגעריסענע וואונד האָט געטריפט מיט בלוט. ער האָט אַזוי קלאָר דערפילט אויף זיין הויט די באַרירונג און נאָכגיביקייט פון איר יונגן שלאַנקן לייב, וואָס איז פאַרוויקלט אין וויכן זייד פון לאַנגן נאַכט־העמד. אויפהויבנדיק זי אַזוי מיט ביידע שטאַרקע אָרעמס, פלעגט ער זי, פאַרליבטערהייט, אַריינלייגן אין ברייטן בעט פון „לואי קאַטאָרז*)‚ גוט איינדעקן, און צופאַלן מיט אַ לאַנגן קוש צו אירע ליפּן. אַזאַ שפּיל האָט ביי זיי ביידן געהייסן: „די געררובטע סאַבינערין", נאָכגעמאַכט לויט דער אַלטרוימישער געשיכטע.

די אויפגעלעבטע דערינערונג איז געווען אַזוי שאַרף און ממשותדיק, אַז זי האָט אינגאַנצן פאַרטושט און פאַרשלונגען די התפעלות זיינע, וואָס ער האָט היינט געהאַט פון זיין עקזאָטישער מאָדעלקע, פון איר שיינקייט, אַזוי ווי פון איר קלוגשאַפט.

ווי אַלעמאָל, ווען ער איז אויפגערעגט, אָדער שלעכט געשטימט, איז ער אַוועק פון זיין אַטעליע אין נאָענטן לוקסעמבורגער גאָרטן און לאַנג אַרומגעלאָפן איבער די ברייטע אַלעען פון קאַשטאַנען־ביימער און פּלאַטאַנען, וואָס האַלטן אין איין וועלקן; אָפּגעגעבן אַ וויזיט דעם מאָנומענט פון פראַנצויזישן דיכטער ווערלען, מיט זיין מעכטיקן שטערן און קרומלעכע אויגן; דערנאָך באַזוכט די שיינע גרופּע פון אָדם און חוהן, מיט זייער ערשטן קינד. אויף אָדמס קודלאַטן קאָפּ איז געשטאַנען אַ טויב, און אויפן קינד, וואָס קריכט צווישן זיינע פיס — אַ צווייטע טויב. דאָס לעבן איז געווען אויסגעמישט מיטן שטיין פון די פיגורן. און עס איז שווער געווען, אין דעם ערשטן מאָמענט, פונאַנדער־צוקלייבן זיך וואָס דאָ איז בלוט־און־פלייש און וואָס ס'איז מייסטער־האַפטע סקולפּטור. דערפאַר טאַקע האָט אים חוהס נאַקעטקייט אַזוי שטאַרק געטראָפן, מיט איר לעבעדיקער עכטקייט, און ווידעראַמאָל אַרויסגערופן אַ פאַרגלייך מיט סאַניאַס הוילן לייב אין האַלב־טונקעלן אַטעליע אויפן באַלקאָן... און ער איז אַנטלאָפן. ער איז ווידער

---

*) לואי דער 14טער. אַ סטיל פון יענעמס עפּאָכע.

אָנטלאָפן, דאָס מאָל צום באַסעין אינמיטן גאָרטן, און מיד אָפּגעזיפּצט ווי אַ פאַרפאָלגטער.

www.libtool.com.cn

די קליינע זעגל־שיפלעך, וואָס די פראַנצויזישע קינדער האָבן דאָ געלאָזן שווימען, האָט ביי אים גלייך אַרויסגערופן אַ פערספּעקטיוו פון אַ ים מיט מאַסט־שיפן אויפן האָריזאָנט. ער האָט אין זיך טיף אַריינ־געצויגן די „געזאַלצענע לופט“, וואָס ער האָט אויך דערפילט אין זיין בלויזער פאָרשטעלונג, און זיך אַליין אויסגעמוסרט:

— די בעסטע רפואה איז... פאַרליבן זיך נאָכאַמאָל. און וואָס גיכער אַלץ בעסער. אָבער אין וועמען?

— אפשר גאָר אין סאָלאַנש בירט? — האָט אים עמעצער אַ שעפּטשע־געטאָן אויפן אויער.

נאָר באַלד האָט ער צו זיך אַליין ביטער אַ לאַך־געגעבן. אַזאַ „ערזאַץ“ האָט אים אויסגעזען ווי אַ שוואַרצע לאַטע אויף אַ ריס, אין אַ העלן ריינעם אָנצוג. ער האָט גוט געקענט זיין איינגעבוירענע שע־מעוודיקייט. אַזאַ טונקל־הויטיקע געליבטע ווי סאָלאַנש וואָלט צו־שטאַרק אונטערגעשטראָכן זיין „בייע טרייסט“, וואָס ער האָט זיך אויסגעזוכט. די גאַנצע מאָנפּאַרנאַסער באָהעמיע וואָלט דאָס גענומען אויף דער צונג. און דער ערשטער וואָלט דערפון געמאַכט אַ ווינעגרעט*) — מאַקס האַרקאַווקע. „אָט, הייסט דאָס, אַז עס איז ניטאָ קיין גאָלדיגער אתרוג, ווי סאָניאַ, בענטשט מען מיט אַ שוואַרצן קאַרטאָפל“... אויסער דעם געהערט נאָך אַזאַ טרייסטן־זיך צו אַ צווייטן צד אויך. סאָלאַנש איז ווייט ניט „פריי“, ווי זי האָט שוין אַ פּאָר מאָל פאַר־וואָרפן אַ וואָרט. זי וויינט נאָך ווען זי דערמאָנט זיך אָן איר סקולפּטאָר אַנרי דאַל, וועלכער האָט זי אַוועקגעוואָרפן. זי קאָן גלייכ־גילטיק ניט אַ קוק־געבן אויפן בעט, וואו זי האָט אים מיט יאָרן צוריק אַרומגענומען. און כדי פריי צו קאָנען באַווייגען איר געשטאָרבענע ליבע, האָט זי זיך, ווי יעדע פּראַקטישע האַלב־וועלט דאַמע, פאַרקויפט אָט דעם רייכן, אָפּגעפּאָרענעם אַלטן בחור לופען, צו וועלכן זי האָט קיין שום אינערלעכע באַציאונג ניט, אויסער אַ ביסל דאַנקבאַרקייט וואָס ער האַלט זי אויס און איז ניט איבעריק אייפערזיכטיק...

צווישן אָט די צוויי פּיפּערנאָטערן וואָס באַהערשן נאָך סאָלאַנשס זעל און איר קערפּער, איר איצט און איר פאַרגאַנגענהייט, זאָל ער, ברין, אַריינשטעקן זיין קראַנקן קאָפּ, כדי נאָך קראַנקער צו ווערן? ניין, אַזוי נאַריש איז ער ניט... ער וועט זיך מער צוזאַמענפּרעסן אין זיין צוריקגעהאַלטנקייט, אין זיין קילבלעכער העפלעכקייט און לאָזן זי

*) אַ פּאָטראַווע מיט עסיק.

שווייגן אָדער ריידן, ווי עס גלוסט זיך איר. ער וועט פאַרענדיקן דאָס בילד מיט איר הילף, צעגיין זיך ווי גוטע פריינט, און אַ סוף! מאָרגן ווען זי וועט קומען, פינקטלעך און ליבלעך, ווי איר שטייגער איז, וועט ער לאָזן גיין איבער זיך איר שיינקייט און איר קלוגשאַפט, נאָר אויף אַזויפיל אויף וויפיל ער דאַרף דאָס האָבן צו זיין אַרבעט, אַזוי ווי ביז איצטער. אפשר נאָך אַ ביסעלע שטרענגער. עס שאַדט ניט...

www.libtool.com.cn

אָבער צו מאָרגן אינדערפרי איז סאָלאַנש ניט געקומען. צום ערשטן מאָל, זינט ברין קען זי, האָט זי ניט געהאַלטן וואָרט. ווי קומט דאָס? האָט זי אפשר נעכטן געוואָרט ער, ברין, זאָל זי אַרומנעמען און טרייסטן, נאָך איר קורצן ווידוי: ווענען און ווי אַזוי זי האָט ליב געהאַט? אויב אַזוי איז זי ניט קיין גרויסע מענטשן־קענערין; אויב אַזוי האָט זי ניט געטראָפן דעם ריכטיקן מאָמענט. לעקן האָניק בשעת ציין־ווייטאָג איז אַ קנאַפּער פאַרגעניגן. ער האָט די דאָזיקע רפואה נעכטן ניט געקאָנט געברויכן און היינט — אַוודאי ניט...

פאַרקלערט, און נאָך מער באַטריבט, ווי נעכטן נאָך איר אַוועקגיין, האָט ער, שטייענדיק אין זיין זויבערן אַרבעט־כאַלאַט, געוואַשן זיין שיסעלע, פון וועלכער ער האָט אָקערשט, לויטן פראַנצויזישן שטייגער, געטרונקען זיין פרימאָרגן קאַווע. עס איז שוין געווען באַלד צען אינ־דערפרי. ערשט איצטער האָט זי אָנגעקלאַפּט אין טיר. אויף גאַנצע דריי־פערטל שעה פאַרשפּעטיקט.

— אַנטרע, סאָלאַנש!*) — איז ער גלייך פריילעכער געוואָרן און גענומען ווישן זיך די פייכטע הענט.

ער איז אַרויסגעלאָפן פון זיין קליינער גאַז־קיך. נאָר אַנשטאָט זיין טונקל־הויטיקער מאָדעלקע, האָט זיך גאָר אין אַטעליע אַריינגעלאָזן ניט קיין אַנדערער, ווי פּראַנסואַ לופען, דאָס הייסט, יענער עלעגאַנטער מאָסיע, מיטן אָפּגעלעבטן לאַנגן פּנים, וואָס איז געזעסן מיט מאַדעמואַזעל סאָלאַנש אין קאַפע פאַר דער ערשטער באַקאַנטשאַפט.

— המ... — האָט זיך ברין אַ קאַפּעלע דערשראָקן, — וואָס פאַר אַ סיורפּריז!.. — האָט ער באַלד אויסגערופן האַלב־פאַטעטיש, זייענדיק זיכער אין האַרצן, אַז לופען איז געקומען מאַכן אַן ענדע צו די סעאַנסן פון זיין געליבטער, וועלכע הויבן־אָן ווערן געפּערלעך. דערפאַר טאַקע האָט ער זי היינט געלאָזן אינדערהיים און איז אַליין געקומען אַנשטאָט איר.

אָבער דער עלעגאַנטער לופען האָט גאָר פריינטלעך אַ שמייכל

*) אַריין, סאָלאַנש!

געגעבן צו ברינען, צעצויגן דעם גלאַט־ראַזירטן מויל, באַוויזן עטלעכע גאָלדענע ציין און אויסגערופן ווי אַן אַלטער באַקאַנטער:

www.libtool.com.cn

— באָנזשור, שער מעטר!*)

ברין האָט אים צוריקגעקערט דעם „גוט מאָרגן" מיט אַ האַלבן מויל. אָבער לופען איז פון אַזאַ קילקייט אַ האָר ניט נתפעל געוואָרן.

— וואונדערט זיך ניט, — מאַכט ער, — וואָס איך קום צו אייך אַזוי אומגעבעטן. ס אָ ל אַ נ ש האָט מיך געשיקט. זי איז עפּעס ניט־אינגאַנצן און בעט אום אַנטשולדיקונג... איך אַליין וויל זיך באַנוצן מיט אַזאַ געלעגנהייט, כדי אָנצוקוקן אייער אַרבעט. איך דאַרף אייך ניט זאָגן, אַז איך בין דער פּראָטעזשירער פון אייער מאָדעל. איך בין פאַר־אינטערעסירט סיי אין איר, סיי אין איר מיטאַרבעטערשאַפט. איך וויל האָפן, אַז איר פאָזירן איז אייך גוט צונוץ־געקומען...

נאָך אַזאַ פריינטלעכער און קורצער דרשה איז דויד ברינען געבליבן ניט מער ווי דריקן זיין גאַסט די טרוקענע, לאַנג־פינגערדיקע האַנט און אַריינזעצן אים אין אַ טיפן פאָטעל, פונקט אַנטקעגן דעם היפשן לייוונט מיט דער „גרינער נאַכט", וואָס ער האַלט אין פאַרענדיקן.

2.

פראַנסואַ לופען האָט דאָס פרישע בילד אָנגעקוקט פריער זיצנדיק, דערנאָך שטייענדיק. דערנאָך האָט ער זיך אַריינגעשטעקט אַ מאָנאָקל אין איין אויג און, דאָס מאָל, באַטראַכט דאָס בילד פון אַ זייט; ווי אַ האָן אויף אַ האָבערל געקוקט. דערביי האָט ער מיט די ראַזירטע ליפן געמאַכט כלערליי באַוועגונגען, צעצויגן און אַריינגעצויגן און אַרויס־געצויגן. קורץ, פאַסמאַקעוועט זיך ווי אַ קענער נאָך אַ ביסל גוטן וויין, וואָס האַלט נאָך לאַנג דעם לעצטן טראָפן אויף דער צונג, וואַרעמט אים, שפּילט זיך מיט אים און וויל אים ענדגילטיק ניט אַראָפּשלינגען. זיינע בלאַסע באַקן האָבן זיך לייכט פאַררויטלט. דער גענוס פון דער מאָלערישער אַרבעט, וואָס ער האָט אין זיך, ווי אַ קאָקטעיל, אַריינ־גענומען אויפן האַלב־ניכטערן האַרצן, האָט אים, קענטיק, פאַרשאַפט ניט נאָר אַ גייסטיקן, נאָר אויך אַ פיזישן פאַרגעניגן.

— פראַכטפול! — מאַכט ער נאָך אַ היפּשער וויילע שווייגן. — אָט אַ שעלמאַ!.. סאָלאַנש האָט נאָך אַזאַ פולקאָמענקייט קיינמאָל ניט באַקומען, פון קיין פאָזירונג. ניט אין ליים, ניט אין בראָנדז, ניט אין פאַרבן...

*) גוט מאָרגן, ליבער מייסטער!

ער האָט דאָס האַלב־געמורמלט, ווי צו זיך אַליין. און אַ ווענד־
www.libtool.com.cn
געבנדיק זיך צום מייסטער, איז זיין קול און זיין אויסדרוק טיפער
געוואָרן:

— איך גראַטוליר אייך! דאָס טרעפט איבער אייער „שניי־מענטש“ אין דעם לוקסענבורגער מוזעאום. יענס איז אַ קינדער־שפּיל. די זי־כערקייט דאָ, די קנאַפּע מיטלען, די באַגרענעצטקייט פון די נאַכט־פאַרבן

— און דאָך אַזאַ זאַפטיקייט...

און ווידער איז ער איבערגעגאַנגען אויף אַ האַלב־מורמלענדיקן טאָן:

— מען וועט דאָס אפשר שלעכט אויסטייטשן. געשוואוירענע מבינים וועלן זיך טשעפּען אַז ס׳איז דידאַקטיש. אָבער הערט זיי ניט! פּאַרענדיקט אַזוי. פּאַרענדיקט ווי איר האָט אָנגעהויבן...

לופּען האָט אַרויסגענומען דעם מאָנאָקל פון אויג און אַ האַרבלעכער קנייטשל האָט זיך געלייגט צווישן זיינע שיטערע ברעמען. דער אַמאָלי־קער מאָלער און קונסט־אָפּשאַצער איז אַוועק, געלאָזן אַן אָרט פאַרן סוחר:

— איך וויל דאָס ביי אייך קויפן, מאָסיע ברין!

— ס׳איז דאָך ניט פאַרענדיקט...

— אַ געניטער סוחר דערקענט דעם טעם לויטן אויסזען.

— און האָט אָפטמאָל אַ טעות...

— איך נעם דעם טעות אויף מיר.

— איך וועל זיך נאָך באַטראַכטן.

— איך קויף דאָס ניט צוליב ספּעקולאַציע. אָפן געזאָגט — איך וויל דעם לייוונט האָבן פאַר זיך. ווייל סאָלאַנש פיגורירט דאָ.

— איך אויך.

— צום ערשטן מאָל הער איך אַ מאָלער זאָל וועלן באַהאַלטן אַ קאָמ־פּאָזיציע, פאַר וועלכער ער קאָן נעמען טויזנטער.

— ניט אום דעם גייט דאָס. נאָר סאָלאַנשס שיינקייט איז אַזאַ... אַזאַ...

ברין האָט גענומען זוכן באַזונדערע אויסדרוקן צו ריידן אָפענע ווערטער:

— מאָסיע לופּען, איר האָט דאָך די לעבעדיקע סאָלאַנש. אויף וואָס דאַרפט איר דעם שאָטן אירן? לאָזט מ י ר אים איבער...

— אָט דאָ קומען מיר צום מיטלפּונקט. אין אייער קאָמפּאָזיציע איז זי בעסער ווי אין לעבן. אַ סך בעסער...

— ווי מען פאַרשטייט...

www.libtool.com.cn

— איבעריקנס, ליבער מייסטער, איך קאָנט זי דאָך מאָלן נאָכ־אַמאָל, און אַ דריטן מאָל אויך. אויב זי נאָר וועט וועלן...

ברין האָט זיך אַזש פאַררויטלט פון אַזאַ אָנבאָט. נאָר אַן עכטער פראַנצויז, און אַ וועלט־מענטש דערצו, איז פעאיק צו אַזאַ באַשיידענער ראָלע, צו האַלטן זיך אַזוי אין שאָטן ווען עס האַנדלט זיך אום קונסט־ווערטן. ער פאַרגעסט אַפילו אַז דאָס איז זיין ווייב, אָדער זיין געליבטע... נאָר איין רגעלע נאָך האָט אים ברין אָנגעקוקט מיט פאַרדאַכט ביז ער האָט זיך צעשמייכלט:

— איך בין גערירט פון אייער ברייטהאַרציקייט, מאָסיע לופען. אָבער דערצו געהערן דאָך צוויי...

— איר האָט דאָך געהערט... איך האָב באַטאָנט: „אויב זי נאָר וועט וועלן".

— האָט זי אייך עפּעס געזאָגט?

— ניין. נאָר איך קען זי צו־גוט. אירע שטימונגען, אירע קאַפּריזן. דערצו איז זי נאָך אַ קרעאָלין. דורות פון פראַנצויזישער קולטור קאָנען אַזאַ קאָכיק בלוט ניט רעגולירן. איין אומפאָרזיכטיקער ריר און די ווילדע שפּרינגט אַרויס, די אַמאָליקע קאַניבאַלין פון די פּאַסיפישע אינדזלען...

— האַ, האַ, איך האָב דאָס דערווייל ניט באַמערקט.

— צו־פרי. זייט אַ ביסל מער באַקאַנט מיט איר, וועט איר דאָס שוין באַמערקן...

— אפשר נאָר דאָס וואָס זי ברוגזט זיך אַ ביסעלע. די לעצטע צייט האָב איך דאָס באַמערקט. איך ווייס ניט פאַרוואָס.

— איך ווייס יאָ... איר זייט צו־קיל און צו־באַשיידן. איר זייט אַ גראָז־עסער. זי דאַרף האָבן אַ טיגער וואָס זאָל זי באַפאַלן, רייסן שטיקער, וואָס זאָל רעווען און זויפן בלוט פון די צעריסענע אָדערן...

— האַ־האַ, מאָסיע לופען. אַזאַ בין איך ווירקלעך ניט.

— איך אויך ניט. דערפאַר קען זי זיך ניט דערוואַרטן... פון צייט צו צייט, און נעמט איבער די איניציאַטיוו. און דעמאָלט —

— וואָס דעמאָלט?

לופען האָט זיך מיט אַ קאָמישער מינע אַ זעץ געטאָן אין זיין אייגענער ברוסט:

— דעמאָלט היט זיך די ביינער, פראַנסואַ לופען!

און אָנווייזנדיק אויף ברינען, האָט ער מיטן זעלבן קאָמישן טאָן אויסגערופן:

— און היט זיך די ביינער, מעטר ברין!

— אַ דאַנק פאַר אַזאַ וואָרנונג, מאָסיע! נאָר עס וועט ניט נויטיק זיין...

— מען קאָן ניט וויסן... אַלזאָ, געמאַכט, מיסטער ברין? דאָס בילד געהערט מיר?
www.libtool.com.cn

— געוויס. נאָך אַזאַ אויסגעצייכנטער באַקאַנטשאַפט, ווי איך האָב היינט געמאַכט —

— אַ דאַנק פאַר אַ קאָמפּלימענט!

— איר וועט מיר נאָר דערלויבן קומען אַ קוק־טאָן אויף מיין בילד, פון צייט צו צייט.

— וויפיל איר ווילט... אויפן אָריגינאַל — אויך.

— מערקווירדיק! איר זייט גאָר ניט אייפערזיכטיק, מאַסיע לופען.

— פון דער פּראַקטיק ווייס איך, אַז „געגנבעטע וואַסער איז זיסער". לאָז איך דאָס וואַסער אָפן...

— הם... האָט זיך ברין פלוצלונג אָנגעכמורעט. אָן זיין סאַניאָן האָט ער זיך דערמאָנט. — גלויבט איר, מאַסיע לופען, אַז דאָס איז אַ גוּ־טער מיטל? איך האָב דאָס געפּרוואווט. עס האָט ניט געהאָלפן...

— עס העלפט קיינמאָל ניט. מען איז אָבער וויניקסטנס ניט דער אָ פּ גע נ אַ ר ט ע ר. מייסטנס נאַרט ז י זיך גאָר אָפּ. ווייבער געברויכן זייער שלעכט זייער פרייהייט. זיי האָבן ליב מציאות. אין שניט־קראָמען אַזוי ווי אין דער ליבע. ווילדע קאָקעטעריי דרימלט נאָך אין זיי, פון אוראַלטע צייטן. בייטן זיי דעריבער אויס שטיקער גאָלד אויף שפּיגעלעך, לעבנס־מיטלען אויף גלאָז־פּערעלעך...

— דאָס איז ריכטיק, — האָט ברין לייכט אָפּגעזיפצט. — ביי מיר איז אויך אַזוי געווען...

— ביי אַלעמען אַזוי. פאַלט ביי זיך ניט אַראָפּ... און וואו שטייט דאָס אַז מען מוז אַ גאַנצן לעבן טרינקען איין ווייַן און עסן איין איינמאָל אָפּגעקאָכטע שפּייז? מיר אַלע ווערן דאָך מיד פון איינטאָניקייט. מענער אַזוי ווי פרויען.

— דאָס איז ציניש —

— אָבער ריכטיק. מען מוז זיך אַליין קאָנען זאָגן דעם ביטערסטן אמת. מען טאָר ניט טרינקען שאַמפּאַניער באַהאַלטענערהייט און אין דער עפנטלעכקייט פּרעדיקן וואַסער...

— הייַנריך היינע האָט דאָס געזאָגט.

— יאָ, דער יידיש־דייטשער דיכטער, וועלכער ליגט באַגראָבן אויפן מאָנמאַרטר... ער האָט אַזוי ליב געהאַט די פראַנצויזן און די פראַנצויזישע קולטור, און אַזוי פיינט געהאַט די דייטשע צביעות און זייער גראָבקייט. אַפילו זיין אָרט דענקען איז געווען אַ פראַנצויזישער.

— אָבער, אַנטשולדיקט, מאַסיע לופען. דער „ביטערער אמת",

ווי איר מיינט דאָס, איז דאָך ניט מער ווי פּרימיטיווע פאָרמען פון געשלעכט־לעבן. איך מיין, אַז בייטן אַן אמתע ליידנשאַפט אויף אַן אַנדערער, איז ווי בייטן אַ רעליגיע. אַ גאָט אויף אַ געץ. יעטוועדע אמתע ליבע האָט אין זיך עטוואָס פון אַ טיפן גלויבן, פון פאַרגעטערונג...

— אַך, וואָס גלויבן!.. פאַרגעטערונג!.. פריער פאַר אַלץ אין דער וועלט זיינען מיר בלוט־און־פלייש. די נאַטור איז אַלעמאָל געווען שטאַרקער און וועט אַלעמאָל בלייבן דער שטאַרקסטער פאַקטאָר אין אַלע אונדזערע געפילן. אַלע גלויבנס און אַלע געטער וועט זי איבער־לעבן. אויף אונדזער מינדסטן נאָגל האָט זי געאַרבעט מיליאָנען יאָרן ביז זי האָט אים פאַרפולקאָמט. און וויפיל זיינען אונדזערע אַלע גלויבנס און קולטורן אַלט? פינף טויזנט, זעקס טויזנט יאָר. שוין אַריינגע־רעכנט די עגיפּטישע און באַביליאָנישע קולטורן אויך. וואָס פאַר אַ ווערט האָבן אָט די עטלעכע טויזנט יאָרן זוכעניש קעגן מיליאָנען יאָרן פון נאַטור־געזעצן?

— אַך, מאָסיע לופּען, וואָס רעדט איר? די זאַנגען אויפן פעלד מיט זייערע האַרטע, ניט־צעמאָלענע קערנער, זיינען אויך נאַטור־געזעצן. פונדעסטוועגן ווילן מיר, מענטשן, זיי ניט קייען ווי בהמות; ניט ווייקן, אין אונדזער גוידער, ווי די גענדז... נאָר מיר מאַכן פון זיי ווייס־מעל, מיר יערן טייג, פאַרפיינערן זייער געשמאַק מיט זאַלץ און צוקער און ראָ־זינקעס, ביז מיר באַקומען צו אונדזער פרישטיק די פיינע געברוינטע ברויטלעך... דאָס צוזאַמענפּאָרן זיך פון די חיות אין וואַלד איז אפשר אויך נאַטור־געזעץ, אָבער די מענטשלעכע ציוויליזאַציע האָט זיך דערמיט ניט באַנוגנט. זי האָט צוגעקלערט פלירט, צוריקהאַלטונג, מוזיק, בלומען, טענץ און געזאַנג, פּאַרפיום און פּאָעזיע און רעליגיעזע צערעמאָניעס. אָן דעם וואָלט אונדז געבליבן נאָר דער גראָבער פיזישער אַקט. דאָס וואָלט ניט באַפרידיקט ניט אייך און ניט מיך. זאָל ד אָ ס זיין דער „ביטערער אמת" וואָס איר רעקאָמענדירט?

— גאָט באַהיט!.. איר זעט, מאָסיע ברין, אַפילו מיין גאָט־לאָזיקייט קאָן איך אָן גאָט ניט געברויכן. אַ שלעכטע געוואוינהייט!..

— ווי דען מיינט איר דאָס?

— כמעט אַזוי ווי איר. וואָס מער שטרויכלעניש, אַלץ אינטערע־סאַנטער איז דאָס שפּיל פון מאַן און פרוי. וואָס מער שאָלעכצן, אַלץ זיסער איז די יאָדער. דער ראַפינירטער מענטשישער געניוס האָט דאָס אַלץ צוגעקלערט. אָבער מאַכן דערפון אַן אייטאָניקן קולט, נאָכלויפן דאָס גאַנצע לעבן נאָך א י י נ ע ר, פאַרוואַנדלען די אייביקע מאַנצבילשע ביי‌געריקייט אין איין היילי‌קער מיסטעריע — דאָס לאָז איך איבער דער קירך...

www.fbtool.com.cn

www.libtool.com.cn

— וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט קירך? מיר ביידע דענקען דאָך ווי צוויי ניט־גלויביקע.

— מיר ניט; אָבער אונדזערע עלטערן און אור־עלטערן. זיי האָבן געגלויבט. זייער קירך האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, דערפירט זייער געשלעכטלעכע מאַרטירערײַ ביז אַן אַבסורד. פאַר אַ סך דורות, וואָס זיינען געזעסן אין אַ טורמע פון געמאַכטער צניעות, באַצאָלן מיר איצט. מיר, די אולטראַ־מאָדערנע מענטשן. מיר באַצאָלן מיט אונדזער פאַמיליען־לעבן, וואָס רינט אונדז אויס אונטער די הענט, צעפאַלט זיך אויף אירע גרונט־עלעמענטן, קערט זיך אום צו דער פּרימיטיווער נאַטור, פון וועלכער מיר זיינען טויזנטער יאָרן געלאָפן אין דער קולטור אַריין.

— און דעריבער?

— דעריבער איז אַ נאַר דער, וועלכער איז צופיל פאַרליבט אין יענער, וועלכע קוקט זיך אום אויף אַנדערע; וועלכער גייט אויס פאַר בענקשאַפט, נאָר כדי ניט צו פאַרשווערכן דעם אָנדענקען פון דער, וועלכע איז אים געוואָרן אומטריי. ניין, קיין גאָטעס־דינסט איז דאָס יעדנפאַלס ניט...

לופען איז אויפגעשטאַנען און אַ נעם געגעבן זיין הוט אין דער אַפּגעבליאַקעוועטער האַנט. ברין האָט אים אָנגעקוקט מיט קיילעכדיקע אויגן. אים איז געווען קלאָר, אַז זיין גאַסט ווייסט פון זיין הויז־דאַמע. די געשיכטע, מיט סאָניאַס אַוועקגיין, איז אויפן בולוואַר מאָנפּאַרנאַס געווען צו־גוט באַקאַנט... אָבער צוליב וואָס און צוליב וועמען רעדט ער אַזוי? וואוהין צילט ער מיט זיינע געשמאַקן און ליבע־אָנגעלעגנהייטן? דאָס איז דויד ברינען געווען ניט גאַנץ קלאָר.

— איך ווייסט? — מאַכט ער צו זיין גאַסט מיט אַ פריינטלעכער איראָניע. — ווען איר וואָלט ניט אויסגעזען אַזוי מענטשלעך, וואָלט איך געמיינט, אַז אַזוי פאַרפירעריש רעדט אַ טייוול...

— ניין, — גיט לופען בלאָס אַ שמייכל און זעצט אַרויף זיין האַרטן דערבי־הוט, — איך רעד נאָר ווי אַן עפּיקורייער.*) נאָ, איך מוז שוין גיין. פאַר דער שיינער אונטערהאַלטונג — אַ דאַנק! און דאָ לאָז איך איבער צוויי טויזנט פראַנק — אַן אויפגאָב פאַר אייער בילד. ברין איז אַ קאַפּעלע צעמישט געוואָרן:

— דאָס איז אַ ביסל צופיל...

— איך צאָל ניט, — מאַכט לופען, — די מאָנפּאַרנאַסער פּרייזן. די געשעפטן פון מאָסיע מאַקס האַרקאַווקע טרייב איך ניט. נאָך אַזאַ

---

*) אפיקורס.

סומע און מער וועט איר באַקומען, ווען אייער קאָמפּאָזיציע וועט אינגאַנצן זיין פאַרטיק.

www.libtool.com.cn

האַרט ביי דער טיר איז ער נאָך אַ רגע שטיין געבליבן.

— וואָס, — מאַכט ער, — האָב איך אייך נאָך געוואָלט זאָגן ?.. מיינט נאָר ניט, אַז סאָלאַנש איז ווירקלעך קראַנק. צווישן אונדז זאָל דאָס בלייבן — ס׳איז אַ קאַפּריז אַזאַ. רופט זי ניט און לאָזט זי ווייטער שפּילן. זי וועט אַליין קומען. עטלעכע בלומען, אויב איר ווילט, קאָנט איר איר שיקן. זי האָט ליב טובעראָזן. דער עקזאָטישער ריח דערמאָנט איר מאַרטיניק, פון וואַנעט זי שטאַמט...

.3

דויד ברין האָט נאָך אַ גוטע ווייִלע אַרומגעפּאַדיעט איבער זיין אַטעליע און ניט געקאָנט אַוועקזעצן זיך. ער איז געווען וואַרעם אויפגערעגט פון דעם פּיקאַנטן געשפּרעך מיט פּראַנסואַ לופּען. איינשטימיק מיט יענעמס עפּיקורייאישע מיינונגען איז ער ניט געווען. ער האָט אָבער ניט געקאָנט פאַרלייקענען, פאַר זיך אַליין, אַז אין זיין אַטעליע איז אָקערשט געווען אַ גייסטרייכער מענטש, מיט אַ באַשטימטער וועלט־אָנשויאונג, וועלכער צווינגט, מיט זיינע רייד, נאָכצודענקען, אויב ניט גראָד דאָס, וואָס ער, דער לעבנס־קענער, דענקט, — איז דענקען בכלל... ברין האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז סאָלאַנש בירט, מיט איר שיינקייט און פיינפיליקייט, האָט אין פּראַנסואַ לופּען געפונען ניט נאָר איר רייכן „פאַרערער“, נאָר אויך איר לערער, וועלכער האַלט זי אויס אויך גייסטיק און לאָזט זי ניט אויסגליטשן־זיך אויף די פאַריזער טראָטואַרן, אַזוי ווי אַ סך פאַרפּירטע און אָפּגענאַרטע מאָדעלקעס גליטשן זיך אויס. נאָך דער געשיכטע מיט דעם סקולפּטאָר אַנרי דאַל, איז דאָך צווישן סאָלאַנש בירט און אַן אָפּגרונט געבליבן איין טראָט.

ברין האָט דערפילט צו אָט דעם בלאַסן שטשאָגל, מיטן מאָנאָקל, אַ געוויסע דאַנקבאַרקייט, עפּעס ווי די טונקל־הויטיקע סאָלאַנש וואָלט געווען זיינע, דויד ברינס, אַ נאָענטע קרובה, וועלכע לופּען האָט געראַטעוועט פון אונטערגאַנג... וואָס אייגנטלעך גייט אים, ברינען, אָן די גאַנצע געשיכטע ? ער ווייסט אַליין ניט פאַרוואָס, נאָר זי גייט אים פאָרט אָן... אומגייענדיק איבער זיין גרויסער אַטעליע האָט ער זיך געריבן די הענט פון פאַרגעניגן :

— אָט, דאַכט זיך, אַזאַ אָפּגעבליאַקעוועטער דענדי, אַזאַ לעבנס־פאַרברענער אין האַרטן הוט ! און איז גוטהאַרציק ווי אַן עלטערער

ברודער און פילאָזאָפירט ווי שלמה המלך. אָן אמתער פראַנצויז, וואָס איז דורכגענומען מיט קולטור, ווי אַ מילכיקער טייגעכץ מיט פוטער...

www.libtool.com.cn

דאָס ערשטע וואָס ער האָט געטאָן איז געווען דאָס אַראָפּנעמען טויזנט פראַנק פון איבערגעלאָזענעם אויפגאַב, אַריינלייגן אין אַ קאָנווערט און אויפשרייבן אויף דעם סאָלאַנשס נאָמען און פאַמיליע. ברין האָט דאָס באַשטימט אַלס האָנאָראַר פאַר זיין מאָדעלקע. אַזוי גיך ווי איר פאָזירן פאַר אים וועט זיך ענדיקן, וועט ער איר דאָס דערלאַנגען אין געשלאָסענעם קאָנווערט. ער האָט זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז זי נויטיקט זיך ניט אין דעם, און ניט צוליב געלט האָט זי זיך געלאָזן אויף אַזאַ קליינער אַוואַנטורע. נאָר ניט באַצאָלן קאָן ער אויך ניט. ער וואָלט זיך געפילט געבונדן, ער וואָלט זיך געפילט פאַרפליכטעט צו אַ פרעמדנס געליבטער, וועלכע ער האָט צופעליק באַגעגנט אין אַ קאַפע און איינ־געלאַדן זי זאָל אים העלפן פאַרענדיקן אַ מאָלערישע אַרבעט.

דערנאָך איז ער אַראָפּ אין גאַס און אַוועקגעשיקט איר אַ טייערן בוקעט פון טובעראָזן. אָט די וואונדערלעכע ווייס־ראָזעווע בלומען, וואָס גיבן פון זיך אַרויס אַ ריח פון בליענדיקע ציטראָנען און אַנאַנאָסן־הויט און זיינען באַפּוצט מיט גלאַנציקע בלעטער — אויך ווי ציטראָנען־פלאַנצן. און אַ בריוועלע האָט ער צוגעלייגט צום בוקעט, אין וועלכן ער דאַנקט איר פאַרן גרוס, וואָס זי האָט אים איבערגעשיקט דורך פראַנסואַ לופען, און אַ וואונטש — זי זאָל וואָס גיכער געזונט ווערן.

צוויי טעג האָט זי פון זיך ניט געלאָזן הערן. אויפן דריטן טאָג איז זי געקומען פּינקטלעך ניין אינדערפרי, אַזוי ווי פריער; פריש און פריילעך באַגריסט דעם מאָלער און, דאָס מאָל, געלאָזן קושן איר אויס־געשטרעקטע פאַרפיומירטע האַנט וויפיל ער וויל. איין רגעלע האָט זיך ברינען אויסגעדוכט, אַז איר זיידיקע הענטל ציטערט אַ ביסל. נאָר באַלד האָט ער דאָס פאַרגעסן, ווארעם זי האָט זיך גענומען אויסטאָן אָן באַזונדערע צערעמאָניעס, פּראָפּעסיאָנעל, בריהשדיק און קיל, אַזוי ווי מען טוט אַ פליכט. און ער, ברין, נאָך מער געבונדן דורך לופענס פריינט־לעכער באַקאַנטשאַפט און גוטן ווילן, האָט נאָך באַשיידענער און צוריק־געהאַלטענער ווי ביז אַהער, געקוקט אויף איר פראַכטפולער נאַקעטקייט און צוזאַמענגעשפּיצט זיין גאַנצן ווילן אויף זיין אַרבעט.

סאָלאַנש, אָבער, נאָכן ענדיקן דעם היינטיקן סעאַנס, האָט זיך ווידער ניט געאיילט אָנצוטאָן איר קלייד, אַזוי ווי פאַריקן מאָל. אַרומ־פאַדיענדיק אין איר גרין־אַטלאַסענעם אונטער־קליידל איבערן אַטעליע, איז זי ווידער שטיין געבליבן לעבן דער עטאַזשערקע אין ווינקל און, פאַרטראַכטערהייט, גענומען נישטערן. קיין דערלויבעניש ניט געבעטן,

ווי מען בעט ניט קיין דערלויבעניש אין אַ פרעמדן הויז צו נעמען אַן אַקאָרד אויף אַן אָפענער פיאַנאָ.

www.libtool.com.cn

ערשט אין אַ מינוט אַרום, ווען ברין האָט זי אַ ביסל פאַרוואונדערט אָנגעקוקט, האָט זי זיך פאַרענטפערט:

— איך זוך ניט אייער ווייבס פאָרטרעט, נאָר גלאַט אַזוי...

און מיט איין ניט־באַטראַכטער באַוועגונג, ווי עס האָט אויסגעזען, האָט זי „גלאַט אַזוי" אַרויסגעשלעפּט פון דער עטאַזשערקע אַ דינעם קוואַרטאָ־בוך אין אַן אָפּגעריבענעם און אַלט־מאָדישן איינבאַנד און אַ בלעטל־געגעבן. אירע אויגן זיינען גרויס געוואָרן.

— אָ, — מאַכט זי, — געמיינט ס׳איז אַ פאַרצייטיקער אַלבאָם...
ערשט ס׳איז... ס׳איז גאָר אַ געבעט־בוך... אַ געבעט־בוך מיט העברעאישע בוכשטאַבן...

ברין האָט אַ טראַכט־געגעבן נענטער און איבער סאַלאַנשס קאָפּ אַריינגעקוקט אין בוך. דאָס איז געווען אַן אַלטע הגדה של פסח, געדרוקט מיט אַ פאָר הונדערט יאָר צוריק אין איטאַליע און אילוסטרירט מיט פרימיטיווע האַלץ־שניטן. די האַרטע בלעטער זיינען געווען פאַר־געלבט, פול מיט וויין־פלעקן פון אַ סך פּסחדיקע כוסות און פאַרפעטסט מיט טראָפּנס פון וועקסענע ליכט. מיט אַ גרויער עלטער און מיט פרום־אָפּגעריכטע סדרים האָט פון דער הגדה געווייעט. ברין האָט זי איינגעהאַנדלט ערגעץ־וואו אין איינער פון די אייזערנע קלייטלעך אויפן ברעג פון דער סענע, כדי צו באַנוצן זיך, ווען־ניט־איז, מיט די אַלטע צייכענונגען. אין דער צערודערונג פון זיין פאַמיליען־לעבן, נאָך סאַניאַס אַוועקגיין, האָט ער זי פאַרשטופּט אין דער עטאַזשערקע צוזאַמען מיט סאַניאַס פאָרטרעט. פאַרשטופּט און פאַרגעסן.

— דאָס איז קיין געבעט־בוך ניט, — האָט ער באַלערנט זיין נאַאיווע מאָדעל־מיידל. — דאָס איז אַ האַ־גאַ־דאַ, דער יידישער פּסח־ריטואַל אין טעקסט און בילדער... אָבער פון וואַנען ווייסט איר אַז דאָס איז העברעאיש?

ערשט דאַ האָט דויד ברין באַמערקט, אַז סאַלאַנש פּירט זיך עפּעס מאָדנע אויף, אַז אירע ליפּן ציטערן און די אויגן זיינען פייכט.

— וואָס איז מיט אייך? — האָט ער זי ווייך אָנגענומען פאַר אַ האַנט.

— ס׳איז גאָרנישט... — האָט זי זיך צעשמייכלט דורך טרערן, — דאָס האָט מיך נאָר דערמאָנט... ביי מיין פאָטער אויף מאַרטיניק איז אויך געווען אַן ענלעכער געבעט־בוך, אַ האַ־גאַ־דאַ מיט צאַצקעס...

— עס קאָן ניט זיין!

— פאַרוואָס קאָן ניט זיין ? מיין פאָטער, סאַמועל בירט, האָט גע־שטאַמט פון עלזאַס. נאָך דעם פרייסישן קריג האָט ער אויסגעוואַנדערט פון סטראַסבורג, וואָס די דייטשן האָבן אָפּגענומען פון פראַנקרייך, און איז אַוועק אין די קאָלאָניעס. פון פאַך איז ער געווען אַ פאַרמאַצעווט...

www.hbtool.com.cn

— אָבער אַ ייד ? ער איז דאָך געווען אַ ייד...

— געוויס. וואָס וואונדערט איר זיך אַזוי ? ער האָט זיך דער־שלאָגן צו מאַרטיניק, אויפגעעפענט אַן אַפּטייק אין דער הויפּט־שטאָט, סען־פּיער, חתונה געהאַט מיט אַ שיינהייט פון לאַנד. איך בין די ייִנגסטע טאָכטער און די איינציקע וואָס איז געבליבן לעבן פון אונדזער גאַנצער פאַמיליע...

— וואָס איז דען געשען מיט אייער פאַמיליע ?

— זי איז אומגעקומען אין סען־פּיער בשעת דעם שרעקלעכן אויס־ברוך פון וואולקאַן מאָנט־פּעלע, אין יאָר 1902. איך בין דעמאָלט געווען צו־גאַסט ביי אַ טאַנטע, אין שכנישן אינדזל דאָמיניק. מיין מוטערס עלטערע שוועסטער האָט דאָרטן חתונה געהאַט פאַר אַן ענגלענ־דער און האָט מיך, מיט עטלעכע וואָכן פאַר דער פּלוצלעכער קאַטאַסטראָ־פע, מיטגענומען מיט זיך. אַזוי בין איך געבליבן לעבן.

— אָרעמע סאָלאַנש !

— איך געדענק נאָך אונדזער צוריק־קומען אַהיים, וואָס איז מער קיין היים ניט געווען, וואָרעם גאַנץ סען־פּיער, מיט אירע דרייסיק טויזנט איינוואוינער, זיינען פאַרברענט און אויסגעברענט געוואָרן אין אַ טויזנט־גראַדיקן גיהנום־פייער פון דעם וואולקאַן, ניט איבערלאָזנדיק אַפילו קיין שפּור פון קוילן... געבליבן איז נאָר איין נעגער אין אַ טיפן טורמע־קעלער, וואו ער איז געזעסן אַרעסטירט פאַר אַ גנבה... דעם אָרט פון מיין טאַטנס אַפּטייק האָט מען דערנאָך דערקענט, אָבער נאָר לויט די צעשמאָלצענע סלאָיקעס פון פאַרצעלאַן און לויט די אויסטער־ליש־צעקרימטע גלעזערנע פלאַשן. דאָס איז געווען אַלץ וואָס איז איבער־געבליבן פון אונדזער הויז, פון מיין טאַטע און מאַמע, פון מיינע שוועסטער און ברידער. איך און מיין טאַנטע האָבן אַרומגעפּאַדיעט איבער אַט די קוים־אָפּגעקילטע רעשטלעך און געוויינט. איך בין נאָך דעמאָלט קיין זעקס יאָר ניט אַלט געווען...

ברין איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין אַ צעמישטער פון אַט דער קורצער און טראַגישער דערציילונג, אַן פאַרבן און אַן באַטאָנונג, אָבער גרויזאַם אין איר טרוקענער קלאָרקייט, אַזוי ווי עס האָט זיך איינגעשניטן אין סאָלאַנשס זכרון בשעת זי איז נאָך געווען אַ קינד. וועלנדיק אָפּווענדן

דעם שווערמוטיקן געשפרעך אָן אַ זייט, האָט ער אַ הויב געטאָן מיט די פלייצעס און געמאַכט אַ פנים אַז ער האָט זיך עפעס דערמאָנט.

— אָ, — מאַכט ער, — איצט פאַרשטיי איך פאַרוואָס אייער פאַמיליע־נאָמען האָט מיר געקלונגען אַ ביסל ניט־פראַנצויזיש. „בירט... בירט", האָט ברין איבערגעחזרט מיט אַ קווענקלדיקער מינע, שוין דעמאָלט ביי אונדזער ערשטער באַקאַנטשאַפט אין קאַפע, איז מיר אויפגעפאַלן אַז אייער פאַמיליע־נאָמען איז ניט ריכטיק צוגעפאַסט צו אייער אויסזען... איר געדענקט?

— געוויס געדענק איך. נאָר איך בין נאָך דעמאָלט ניט געווען זיכער אַז איר שטאַמט פון זעלבן פאָלק ווי מיין פאָטער. געמיינט איך זייט אַ רוס.

— אַזוי זע איך אויס?

— אַזוי, ווייניקסטנס, האָט איר אויסגעזען אין די נאָטיצן וועגן אייער פרעמירטן בילד, וואָס דער לוקסענבורגער מוזעאום האָט ביי אייך אָפגעקויפט. אומעטום האָט איר דאָרטן פיגורירט אַלס „פענטר ריוס"...*)

— אַלס אַ „סלאַווישע נשמה" אויך... נו, יאָ. זעצט זיך, סאָלאַנש, און לאָמיך אייך איצט אָנקוקן פון דאָס ניי. איך זע אייך איצט מיט נייע אויגן. אויסער אייער פאַמיליע דערקלערט זיך מיר איצט אַ געוויסע... נו, ווי זאָל איך דאָס זאָגן? אַ געוויסע וואַרעמקייט, אַ באַקאַנטע ליבלעכקייט וואָס מיר איז לכתחילה געווען אומפאַרשטענדלעך...

האַלב־אָנגעטאָן, ווי זי איז געווען, האָט זיך סאָלאַנש געזעצט אין פאָטעל, מיט דער הגדה אין די הענט. האָט זי אָנגענומען אַ קאָמישע אָבער שיינע פאָזע. קוקט, הייסט דאָס, און האָט הנאה, אויב איר ווילט. און ברין האָט זי אָנגעקוקט, ווירקלעך אָנגעקוקט אַזוי ווי ער וואָלט זי דערזען צום ערשטן מאָל.

— איז אָט! — מאַכט ער, נאָך אַ ווײַלע מוסטערן זי, — אָט וואוהין אונדזער בלוט האָט זיך פאַרקייקלט, אין די אַנטילן, ביים פוס פון אַ פייער־שפייענדיקן וואולקאַן אויסגעמישט זיך מיט אַ פרעמדער ראַסע. און וועלכע עפעקטן דאָס האָט געגעבן!

— מיינע אויגן זיינען דעם פאָטערס, — האָט סאָלאַנש באַשטעטיקט,

— אַ רויטלעך־בלאָנדער איז ער געווען, און מיין הויט — דער מוטערס, פונקט אַזאַ...

סאָלאַנש האָט דערביי די העל־גרינע אויגן ניט אָפגעריסן פון די

*) רוסישער מאָלער.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

צאַצקעס אין דער הגדה, געבלעטערט און איבערגעבלעטערט די פּאַר־געלבטע פּאַפּיר־זייטן...

— יאָ, יאָ... — מאַכט זי אָן שום איבערגאַנג פון דעם, וואָס זי האָט ערשט דערציילט, — אַזאַ ענלעכער בוך איז ביי אונדז געלעגן אויפן טיש... ביינאַכט. דער פֿאָטער האָט אונדז געגעבן זיסן ווייַן אין זילבערנע בעכערלעך און אַזעלכענע „ביסקאָטן"*), קרוכלע, קיי־לעכדיקע...

— מאַצאָט...**) — האָט איר ברין אונטערגעהאָלפן.

— ריכטיק, „מאַזאָט"... אַזוי האָט דאָס ביי אונדז, קינדער, גע־הייסן. דער פֿאָטער האָט דאָס גערופן „מאַצאָט" און מיר האָבן שלעכט נאָכגעזאָגט. דער פֿאָטער האָט געלאַכט. די אויגן האָבן ביי אים העל געלויכטן...

— דערלויבט מיר נאָר צו פרעגן אייך, סאָלאַנש, האָט איר באַ־האַלטן דעם פֿאָטערס רעליגיע?..

— ניין. דער טאַנטעס. פּראָטעסטאַנטיש. נאָך דער קאַטאַסטראָפע אויף מאַרטיניק האָט זי מיך דערצויגן ביי זיך. ניט געבליבן קיין אַנדערע ווער עס זאָל זיך זאָרגן פאַר מיר. ווי איר ווייסט שוין, האָט מיין מוטערס עלטערע שוועסטער חתונה־געהאַט פאַר אַן ענגלענדער, אַן איינגעזעסענער קאַקאַאָ־פּלאַנטאַטאָר אויף דעם נאָענטן אינדזל דאָ־מיניק. דער לעצטער געהערט צו ענגלאַנדס פּראָטעקטאָראַט... נאָר אין אַנגלאָ־זאַקסישן קלויסטער גיי איך ניט, פונקט אַזוי ווי אין סינאַגאָגע. איך ווייס אויך ניט צו וועלכער ראַסע איך געהער: צו דער ווייסער אָדער צו דער שוואַרצער...

— איר זייט ניט שוואַרץ, מיין ליבע, איר זייט ברוינלעך־גרין ווי אַ צייטיקע אָליווע. ווי מיין „גרינע נאַכט" וואָס איך מאָל. וואָס מיר מאָלןביידע צוזאַמען...

— וואָס מיר מאָלן ביידע צוזאַמען... — האָט זי מעכאַניש נאָכ־געזאָגט און אָפּגעלייגט די אַלטע הגדה.

ברין איז געזעסן פאַרקלערט. זייַנע אויגן זייַנען געווען געווענדט ניט צו איר, ווי זי האָט זיך געריכט, נאָר עפּעס אין זיך אַליין. דאָס האָט איר, ווייזט אויס, פאַרדראָסן. וואָרעם זי האָט, כלומרשט לאַכנדיק, און אין דער אמתן אַנטוישט אַ זאָג־געגעבן:

---

*) קרעקערס.

**) מצות.

www.libtool.com.cn

— אָך, איר טראַכט גאָר פון א י ר, ניט פון דער „גרינער נאַכט“ וואָס „מיר“ מאָלן ביידע צוזאַמען...

— יאָ, יאָ, — האָט ער זיך אַ כאַפּ־געגעבן און אויפגעשטאַנען, — פון וועמען טראַכט איר? אַנטשולדיקט. איך בין צעשטרייט...

— איך מוז שוין גיין! — שניידט זי פּלוצלונג אָפּ. — לופּען וואַרט אויף מיר...

— אַלזאָ, מאָרגן.

— אויב איר ווילט.

— נאָ, לאַנג וועל איך אייך שוין ניט מוטשען, ליבע סאָלאַנש. אפשר נאָך צוויי מאָל.

איר לעבהאַפטיקייט איז פּלוצלונג פאַרשוואונדן. אַנגעטאָן זיך האָט זי נ י ט ווי איינע וואָס איילט־זיך, ווען עמעצער וואַרט אויף איר. שוין האַלטנדיק די קליאַמקע אין האַנט האָט זי זיך דערמאָנט:

— פאַרגעסן אייך דאַנקען, „שער מעטר“*), פאַרן שיינעם בוקעט וואָס איר האָט מיר צוגעשיקט. לויט דעם אויסוואַל פון די בלומען ווייס איך, אַז דאָס האָט אייך ל ו פּ ע ן געגעבן די אידייע. נאָר עס מאַכט ניט אויס. די הויפּטזאַך איז אייער גוטער ווילן...

ערשט ווען זי איז אַוועק האָט זיך ברין געכאַפּט, אַז אין אירע עטלעכע ווערטער און איר אויסדרוק, ביים אַוועקגיין, איז געווען מער איראָניע, ווי דאַנק.

א כ ט ע ר ק א פּ י ט ל

פאַרענדיקט דאָס בילד

1.

אַ פּאָר טעג שפּעטער, נאָך סאָלאַנשס געשיכטע, איז דאָס געווען י ע נ ע ר נעפּלדיקער פרימאָרגן, ווען ברין האָט, ביים אויפכאַפּן זיך, דערזען, אַז דאָס דאַך־פענצטער פון דער אַטעליע לויכט מוטנע איבער זיין צעפּודלטן קאָפּ ווי אַ ריזיקע בעלמע... דער האַרבסט האָט אַ ווייע־געגעבן איבער פּאַריז. דאָס ערשטע קעלטל איז דורכגעגאַנגען מיט אַ ציטער דורכן רוקן: אַוועק דער זומער, די שפּילערייען, דאָס אָרומ־

*) ליבער מייסטער.

www.fbtool.com.cn

פלאַטערן. איצט גילט קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, פאַר אָנערקענונג, פאַר אַ באַשטימטן ציל אין דער רווישיקער שטאָט... מיט אַן אויפגע־ברויזטער ענערגיע, פונקט ווי אַ כוואַליע וואָלט אים אויפגעהויבן, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון אויסגעוואַרעמטן ברייטן געלעגער און איז געלאָפן צום וואַסער־קראַן.

ברין איז די פאַרגאַנגענע נאַכט שלעכט געשלאָפן. אַן אינערלעכע שפּאַנונג, וואָס האָט קיין נאָמען ניט, האָט אים געקוועלט. ער האָט זיך נאָר אומקלאָר אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז די שפּאַנונג פון פאַרענדיקן אַ ווערק. ס׳איז אַ שפּאַנונג, ווי פאַר אָפּגעבן עקזאַמען זיך אַליין און דער גאַנצער וועלט. ער האָט זיך ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט געדרייט אויפן געלעגער, אַראָפּגעלאָפן די טרעפּלעך, אויפגעדרייט דאָס עלעקטרי־שע ליכט און געכאַפּט אַ קוק אויף זיין „גרינער נאַכט“, וואָס ער האָלט שוין אַ געוויסע צייט אין פאַרענדיקן און פאַרענדיקט ניט... עפּעס פעלט דאָרטן און ער קאָן זיך ניט כאַפּן וואָס דאָס באַדייט.

און ווידער געלייגט זיך און ווידער אַ ריס־געטאָן זיך פון בעט, אַראָפּגעצויגן, אויפן שנור, די גרעסטע עלעקטרישע באַרנע איבערן מאָלברעט און, אונטערן העלן ליכט, אַוועקגעשטעלט דעם באַמאָלטן לייוונט קאָפּ־אַראָפּ, כדי צו זען עס „אָביעקטיוו“, כדי צו דערטאַפּן דעם קלענסטן פעלער, צו וועלכן דאָס אויג האָט זיך געהאַט געוואוינט אין נאָרמאַלן צושטאַנד. דעם פעלער, וואָס קוועלט אים אַזוי, האָט ער אָבער ניט געפונען.

אינעם שיטערן דרימל וואָס האָט אים אַרומגעכאַפּט פאַרטאָג, האָט אים עפּעס אַ געהיימע האַנט אָנגערירט. דאָס איינגעשלומערטע באַ־וואוסטזיין איז דאָס געווען, און ער האָט פּלוצלונג דערפילט דאָס וואָס ער זוכט:

— די לייכטקייט פעלט!... עס זיינען דאָ צופיל האַרטע ליניעס אין בילד, ווייניק איבערגאַנג צווישן חלום און וואָר...

ווישנדיק זיך מיטן מאָכרעסדיקן האַנטעך און פינטלענדיק מיט די אויגן פון קאַלטן וואַסער, וואָס ער האָט געלאָזן לויפן איבערן קאָפּ און פּנים, איז ער איצט, מיט אַ דערפרישטער נייגעריקייט, צוגעלאָפן צו זיין בילד. די טאָג־ליכטיקייט, ווי גרוי זי זאָל ניט זיין, איז אַלעמאָל דער בעסערער ריכטער, ווי דאָס קינסטלעכע ליכט. ס׳איז ווי דער גע־שליפענער שפּיגל, אין וועלכן מען קוקט אַריין ווען מען כאַפּט זיך אויף. אַלע אויסגעגלעטע קנייטשן טרעטן אַרויס, אַלע פאַרפּודערטע פלעקן. פרויען קאָנען זייער גוט די דאָזיקע פרימאָרגנדיקע קאָנטראָל...

פון ברינס פאַרדאַכט איז איצט געוואָרן איבערצייגונג: דער אי־

www.libtool.com.cn

בערגאַנג צווישן דער טונקעלער פיגור, וואָס סימבאָליזירט די נאַכט, און דער נאַכט גופא, איז געווען צו שוואַך. די קאָנטורן צווישן דעם שיינעם גוף און די ניט־לייבהאַפטיקע שאָטנס — צו שאַרף. און דאַרפן האָט דאָס געדאַרפט זיין איינס, איין געוועב פון הימל, וואַסער, לבנה־שיין און סימבאָל, וואָס סאָלאַנש שטעלט מיט זיך פאָר. אַליין ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון, האָט ער דאָס שוין געטאָן ביז איצט אויך. ער האָט זיך באַמיט ווייך־צו־מאַכן די גרענעצן צווישן קערפּער־רעליעף און די פלאַכע, גרינלעכע בערג־שאָטנס. נאָר אינגאַנצן איינגעגעבן האָט זיך אים דאָס ניט.

באַטראַכטנדיק איצט דאָס בילד מיט דערפרישטע אויגן האָט אים ווי אַ בליץ געטראָפן דעם געדאַנק, אַז עס איז אַזוי לייכט אויפצוהויבן אַ לייכטן נעפּל צווישן סימבאָל און דער נאַכט. די נאַכט־פּאַרע דאַרף קומען פון דער טיפער אָזערע און פאַרשלייערן דעם איבערגאַנג פון רעליעף און לופט. און לייכט דאַרף זיין די פּאַרע, ווי אַ זיסקייט וואָס שמעלצט זיך אין וואַסער; ווי היץ־וויבראַציעס, וואָס ציטערן, אין אַ הייסן טאָג אין־דער־לופטן, אַרום איבערגעוואַרעמטע ווינקלען פון הייזער און אַרום בערג־שפּיצן...

אַ קינדישע פרייד האָט אים אַרומגעכאַפּט פון אָט דעם איינפאַל. ער האָט פאַרגעסן אויף פרישטיק, פאַרגעסן אָנטאָן דעם אַרבעט־כאַלאַט, נאָר אַרומגעפּאַדיעט אַרום לייוונט, געמאָסטן מיטן קוק און מיטן פּינזל און אומגעדולדיק געוואַרט אויף זיין מאָדעל. און ווען סאָלאַנש איז אַריין מיט איר באַזונדער אָנקלאַפּן, מיט איר באַזונדער שמייכל אויף די רויט־געפאַרבטע ליפּן און מיטן גרינלעכן אַליווך־גלאַנץ אויף אירע הענט און שטערן, האָט דויד ברין, אָנשטאָט העפלעך צו באַגריסן זי, ווי ביז־אַהער, אַזוי גוט ווי גענומען שרייען אויף איר:

— גיכער, גיכער! אויסטאָן זיך, אויסטאָן זיך! נעטרענעי פּאַ... דאָס הייסט: באַלאַמוטשעט ניט!

אַ קנייטשל פון אומצופרידנקייט האָט זיך געלייגט צווישן אירע געבויגענע ברעמען פון אַזאַ „ברוך הבא“. אָבער ברין האָט דאָס ניט באַמערקט. אַזוי פאַרהושט און פאַרטאָן איז ער געווען אין זיך און אין זיין בילד וואָס ער גייט פאַרריכטן.

— באַלאַמוטשעט ניט! — האָט ער ווידער גראָבלעך אַ בורטשע געטאָן, ווען זי האָט גענומען אויסציען איר זיידענעם ראָזעווען קאָמ־בינעזאָן.

סאָלאַנש האָט שוין געהאַט בדעה צו באַליידיקן־זיך, נאָר זי האָט זיך דערמאָנט מיט וואָס פאַר אַ ציטערדיקן אומגעדולד ער האָט זי די

לעצטע טעג געמאָלן, מיט וואָס פאַר אַ קינסטלערישער ליידנשאַפט ער האָט אויסגעזוכט אַלע פיינקייטן פון אירע ליניעס און אַריינגעפּאַסט אין איר נאַכטיקער־פיגור אויפן לייוונט. האָט זי דערפאַר נאָר שטום און גוטמוטיק אַ שמייכל־געטאָן און געפאָלגט. אין צוויי מינוט אַרום איז זי שוין געשטאַנען, אונטערן נעפלדיקן פרימאָרגן־ליכט, מוטער־נאַקעט. און איר טונקעלע הויט האָט זיך, ווי אַ גוטער זייד, איבער־געגאָסן אין אירע נאַטירלעכע גלאַנצן פון ברוין אין אַליוואָד־גרין. אָן עקזאָטישע ווענוס וואָס איז אָקערשט אַרויס, ניט פון ים־שויס, ווי די לעגענדע דערציילט, נאָר פון זיידענע ראָזעווע געוועבן און פון ווייסע קרוזשעוועס, וואָס זי האָט פון זיך אַזוי ווייך אַראָפּגעוואָרפן, שמייכלענדיק און נאָכגיביק, זאַפטיק און צאַרט.

אָבער פאַרהאַוועט אין זיין אידייע, ווי ברין איז איצט געווען, האָט ער איר אָפילו קיין דאַנקבאַרן שמייכל ניט געשענקט. מיט אַ פאַר־קנייטשטן שטערן, מיט אַ צעפּאַטלטער טשופּרינע איבער די שלייפן און מיט שאַרפע אויגן פון אַ חיה, האָט ער זי אַ ווײלע אָנגעקוקט. און באַלד איז ער אויפגעשפּרונגען, געלאָפן, גענישטערט בורטשענדיק און שילטנדיק עמעצן, וועלכער דערלאָזט ניט געפינען וואָס ער זוכט. צוריק־געקומען איז ער באַלד מיט אַ הויפן דורכזיכטיקן טיול־געוועב, לייכט ווי גאַז און גרוילעך ווי אַן אָוונט־נעפּל. דערמיט האָט ער פאַרדראַפּירט זיין מאָדעל, ניט רעכענענדיק זיך אָפילו דערמיט וואָס סאָלאַנשס נאַ־קעטקייט האָט אויפגעציטערט פון אַזאַ קיצלדיקער באַרירונג מיטן שטאָף. אירע טונקעלע פלייצעס האָבן זיך ניט־ווילנדיק צוזאַמענגעצויגן. די אָרעמס האָבן זיך אַ שלענגל־געגעבן.

— נע בוזשע פּאַ!*) — האָט ער אויף איר ווידער אָנגעשריען. — נע בוזשע פּאַ!

און זי האָט ווידער געפאָלגט.

ער האָט פיבערדיק געמישט אויף זיין פּאַליטרע ווייס און גרוי מיט אַ טראָפּן גרין, כדי אַרויסצובאַקומען די נייטיקע שאַטירונג, און גענומען לייגן אויפן לייוונט די ערשטע גרונט־פּאַלדן פון דעם אויפ־שטייענדיקן נאַכטיקן נעפּל. ער האָט דערמיט געשלייערט דעם גוף פון זיין מאָדעל אויפן בילד אַזוי, אַז די גרינלעך־גרויע פאַרע זאָל צוזאַ־מענוועבן די נאַקעטע נאַכט־פיגור, מיטן וואַסער פון אָזערע און מיט די באַלויכטענע וואָלקנדלעך איבער די בערג־שפּיצן. אָפילו דער גאָלדענער

*) רירט זיך ניט!

www.libtool.com.cn

קרייץ פון „קליינעם בער״, וועלכער שימערט ווי אַ דיאַדעמע אין די האָר פון זיין „גרינער נאַכט״, איז פאַרנעפּלט געוואָרן ווי מיט אַ וואָאַל.

דער סעאַנס האָט זיך דאָס מאָל פאַרצויגן, ברינס אומגעדולד איז געוואַקסן. די נערוון, ביים מאָלער אַזוי ווי ביי זיין מאָדעל, האָבן זיך אָנגעצויגן ווי סטרונעס. אָט, אָט פּלאַצט עס און זיי פאָרן איינער דעם צווייטן אין די האָר אַריין...

נאָר ווען ביידנס שפּאַנונג און מידקייט זיינען דערגאַנגען ביז צו זייער העכסטן גראַד, האָט ברינס געזיכט גענומען ווייכער ווערן. און סאָלאַנש האָט שוואַך א שמייכל־געגעבן, מיטן בליק געבעטן אַ ביסל מיטלייד. ווי אַן אויסגעטשוכעטער האָט ער אויפגעריסן ביידע אויגן, צוגעלאָפן, אַרומגענומען זי מיט זיין פרייען אָרעם, אַוועקגעזעצט זי און, מיט דער פרייער האַנט און מיט איין פוס, אומגעדרייט דעם גאַנצן מאָלברעט מיטן בילד איר־אַקעגן.

זי האָט אירע מיד־געוואָרענע, האַלב־פאַרזשמורעטע שוואַרצאַפּלען ניט געגלויבט. עפּעס ווי אַ נייער צויבער וואָלט געווען אַראָפּגעגאַנגען איבערן גאַנצן לייוונט, וועלכער איז איר אַזוי גוט באַקאַנט געווען פון אַלע ביז־אַהעריקע סעאַנסן. די סימבאָלישע פיגור פון דער נאַכט איז איצט געווען צוזאַמענגעוועבט מיט דעם גאַנצן בערגיקן אַרום, מיט הימל און וואַסער... וואו הויבט זיך אָן די פאַרשלייערטע לבנה־באַלויכטונג און וואו ענדיקט זיך דער גרינלעכער שימער פון דער נאַכט־פיגור ? וואו לאָזן זיך אויס די אויסטערלישע שאָטנס און וואו הויבן זיך אָן די געבויגענע ליניעס פון דער פרויס נאַקעטקייט ? אפשר איז דאָס גאַנצע לייב פון דער טונקעלער שיינהייט איינגעוויקלט אין אַן אָריענטאַלישן גאַז־געוועב, און אפשר איז דאָס די פאַרע וואָס שטייגט פון דער טיפער אָזערע ? אפשר באַקומט די נאַכט־פיגור איר חיות פון די בערג און שאָטנס און וואַסער, און אפשר פאַרקערט : דער גאַנצער פּייזאַזש ציט זיין שיינקייט פון אָט דעם עקזאָטישן גוף ? און די גרויסע רו, וואָס עס הערשט דאָ אינעם בערג־קרייז מיט זיינע געהיימניספולע שאָטנס און שימערירונגען, שטאַמט אפשר פון א י ר געזיכט, פון דער זיסער אָפּגעלאָזנקייט, וואָס דער גאַנצער טונקעלער גוף דריקט אויס, פון אירע גרין־לויכטנדיקע אויגן...

ברין האָט זיך ניט דערוואַרט ביז סאָלאַנש וועט זיך אָנזעטיקן מיט איר אייגענעם בילד, מיט דעם געהיימען לעבן וואָס ער האָט ביי איר גענומען און קינסטלעריש אַריינגעוועבט אין דעם שפּיל פון נאַכט־פאַרבן. ווי אַ מידער זעלנער, נאָך אַ געוואונענער שלאַכט, האָט ער אַ לייג־געגעבן זיינע פּינזלען און פּאַלטירע, אויסגעצויגן און גענומען ברעכן ביידע אָרעמס :

www.libtool.com.cn

— אוף!

— אר־אוף!.. — האָט ער זיך אַליין אָפּגעענטפערט ווי אַן עכאָ און אַ לייג־געגעבן זיך אויף זיין קורצער קאַנאַפּע לעבן וואַנט, — דאָס וועט זיין... אַ בילד וועט דאָס זיין!.. אָדער עס וועט מאַכן אַ פוראָר, אָדער מען וועט דאָס אויסלאַכן...

די לעצטע ווערטער האָט ער, מיט געשלאָסענע אויגן, האַלב־גע־מורמלט צו זיך אַליין. און סאָלאַנש, אַנטוישט פון זיין גלייכגילטיקייט צו דער, וועלכע האָט אים ביזאַהער אַזוי טריי געדינט, אַזוי געוויסנהאַפּ־טיק אַרויסגעהאָלפן אין דער אַרבעט, האָט זיך גיך גענומען אָנטאָן. ער האָט אויף איר איצט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ שיכורן... באַטרונ־קען איז ער פון זיין געלונגענער אַרבעט. ער זעט מער קיינעם ניט אַרום זיך און וויל קיינעם ניט זען. בעסער איז איצט אינגאַנצן פאַרשווינדן, איבערלאָזן אים איינעם אַליין.

ברין האָט אויפגעמאַכט די מידע אויגן, ווען ער האָט דערהערט דאָס קלאַפּן פון סאָלאַנשס אַנגעטאָנענע שיכלעך.

— אָ, — מאַכט ער מיט דערזעלבער גלייכגילטיקייט פון אַ באַ־טרונקענעם, — איר גייט שוין?

זי האָט גאָרניט געענטפערט. האָט ער זיך שווער אַ הויב־געגעבן פון זיין געלעגער און רייבנדיק זיך די אויגן, צוגעשלעפּט די פיס צו זיין אַלטן רוסטיק־קאָמאָד, אַרויסגענומען פון אַ שופלאָד דעם צוגעגרייטן קאָנווערט מיט דעם איינגעשלאָסענעם טויזנט־פראַנק־שטיק און איר דערלאַנגט:

— אַנטשולדיקט, סאָלאַנש!..

— וואָס איז דאָס? — האָט זי אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר בייזלעך־לאַכנדיקע גרינע אויגן — אַן אָפּשיד־בריוו?

— ניין, — מאַכט ער פאַרלעגן, — נאָר גלאַט אַזוי...

זי האָט דעם קאָנווערט צוגענומען מיט צוויי פינגער, ווי אַ ניט־זייער ריינע זאַך, פּונקט אַזוי אויפגעריסן די האַלב־צוגעקלעפּטע עפענונג און איראָניש, מיט איין אויג, אַריינגעקוקט. דערזען די אַסיגנאַציע, איז זי טונקל־געוואָרן אין געזיכט. ביי ווייס־הויטיקע הייסט דאָס רויט־געוואָרן... זי האָט גאָרניט געזאָגט, אָפּגעלייגט דעם קאָנווערט מיטן האָנאָראַר און נאָך גיכער גענומען קנעפּלען איר אַטלאָסענע שוואַרצע בלוזע.

באַמערקנדיק אַז זי איז ניט צופרידן, האָט ער זיך גענומען פאַר־ענטפערן:

— געוויס, אייער פריינטלעך מיטהעלפן איז ניט מיט געלט צו באַצאָלן, אָבער —
www.libtool.com.cn

זי האָט אים איבערגעשלאָגן:

— אַך, וואָס געלט! ניט צוליב דעם האָב איך דאָס געטאָן...

ער האָט איר באַטאָנונג דורכגעלאָזן פאַרביי דעם אויער און ווידער פאַרענטפערט זיך:

— געדאַרפט אייך באַגלייטן, פרישטיקן צוזאַמען. נאָר גלויבט מיר, סאָלאַנש! איך בין אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. איך שטיי קוים אויף די פיס...

— לייגט זיך, לייגט זיך!.. האָט זי אים העפלעך דערלויבט.

ער האָט געפּאָלגט ווי אַ שול־ייִנגל. אויסגעשעפּט פיזיש און גייסטיק איז ער געווען. און, ניט דערוואַרטנדיק זיך ביז סאָלאַנש וועט פאַרענדיקן איר טואַלעט, האָט ער זיך ווידער אויסגעצויגן אויף דער קאַנאַפּע, דערפילנדיק אַ בלייענע שווערקייט אין אַלע אברים און אַ פוסטקייט אין קאָפּ... סאָלאַנש האָט זיך צעטיילט אין צוויי טיילן, און איר היטעלע, וואָס זי זעצט אַרויף אויפן שיינעם קאָפּ, האָט זיך צעברעקלט און צעשוואומען געוואָרן ווי אַן אָפּשפּיגלען אין וואַסער, ווי אירע נאַקעטע פיס אין דער ברעג־אָזערע, וואָס ער האָט אָקערשט פאַרענדיקט...

— אַנטשולדיקט, — האָט ער נאָך כוח־געהאַט שוואַך אַ שמייכל־צו־טאָן.

— איר זייט אַנטשולדיקט, אַנטשולדיקט, אַנטשול —

אויף איר לאַקאַנישער ענטפער האָט זיך צעטאָפּלט און צעטריפּלט, אַזוי ווי איר היטעלע מיטן ווייסן באַנד אויף איר שוואַרצן קאָפּ. און נאָך איידער ער האָט באַגריפן וואָס זי מיינט צו זאָגן מיט איר דריי־פאַכיקן וואָרט, איז סאָלאַנש צעגאַנגען אין דעם זעלבן גרינלעכן נעפּל, מיט וועלכן ער האָט אָקערשט אַרומגעוויקלט איר טונקעלן לייב אויפן בילד. אַפילו דעם קלאַפּ פון טיר האָט ער ניט מער פאַרנומען, בשעת סאָלאַנש איז אַרויס פון אַטעליע.

2.

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך, ווען אין דעם אויבערשטן דאַך־פענצטער איז שוין געווען פינצטערלעך, און, אין דעם ערשטן מאָמענט, ניט געוואוסט וואו ער איז אויף דער וועלט. צי עס איז פאַרטאָג, צי פאַרנאַכט. נאָר ווען ער האָט אויף זיך אַנגעטאַפּט דעם לייוונטענעם אַרבעט־כאַלאַט,

האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז פֿאַרנאַכט, אַז ער האָט איינגעדרעמלט אויף אַ ווײַלע און אָפּגעשלאָפֿן אַ האַרבסט־טאָג.
www.libtool.com.cn

דויד ברינען האָט שוין ניט איינמאָל געטראָפֿן איינצושלאָפֿן אַזוי שווער, ווען זיין גייסט איז געווען איבערגעמאַטערט און אויסגעשעפּט נאָך אַ גרויסער שפּאַנונג. אויך נאָך סאָניאַס פֿאַרלאָזן אים איז מיט אים געשען אַן ענלעכע זאַך... די נערוון, פֿאַר אַזאַ איינשלאָפֿן, לאָזן זיך אָפּ ווי סטרונעס, דער קאָפּ זאָגט זיך אָפּ צו דענקען און מען פֿאַלט אַריין אין אַ פֿאַרגעסנקייט, ווי אין אַ פּוכיקער וואַרעמער מאַסע. אָבער אַזאַ שטיק בייטאָגיקער שלאָף, פֿון מער ווי זעקס שעה נאָכאַנאַנד, אָן אַ שפּור פֿון חלומות, האָט מיט אים זעלטן־ווען געטראָפֿן. ווי אין אַ תהום פֿון טונ־קעלער פֿאַרגעסנקייט צווישן צוויי וועלטן איז ער געלעגן די גאַנצע צייט. אַפֿילו די האַרבסטיקע קילקייט אין דער גרויסער אַטעליע האָט אים ניט געאַרט.

אַז ס'איז ווירקלעך פֿאַרנאַכט האָבן אים איצט באַשטעטיקט די ספּעציפֿישע אויסגעשרייען פֿון די פּאַריזער צייטונג־פֿאַרקויפֿער. ווי פֿון אַ טיפֿן ברונעם אַרויף האָבן זיי זיך טעמפּ געטראָגן צו זיין דאַך־פֿענצטער, פֿון פּ ל אַ ץ ד ׳ אָ ד ע אָ ן צו זיין גלעזערנער מאַנזאַרדע:

— „ל'עטראַנסיזשאַן! ל'עטראַנסיזשאַ—אַן!“...*)

איבעריק אויסגערוט האָט זיך ברין נאָך זיי לעטאַרגישן שלעפּל ניט געפֿילט. ווי אַ זיסע קראַנקהייט איז נאָך דער דרימל געשטאַנען אין אַלע גלידער און צוגעבונדן אים צו דער קאַנאַפּע. ליגן וואָלט ער נאָך געדאַרפֿט אַזוי, און אַ מאַמע אָדער אַ געליבטע זאָל זיצן לעבן אים, וואַרעמען אים מיט איר אָטעם און גלעטן איבער די האָר: „ליג, מיין קינד, אייל זיך ניט. האָסט דיין אָפּרו פֿאַרדינט...“ סאָניאַ פֿלעגט טאָקע טאָן אַזוי, אַזוי געשעפּטשעט צו אים, ווען זי איז נאָך געווען פֿאַרליבט, ווען זי האָט נאָך געגלויבט אין אים, אין ז י י ן צוקונפֿט און אין א י ר ע ר, מיט אים צוזאַמען...

ווי אַ פֿאַרטאַיעטע שלאַנג האָט אים אַ ביס־געגעבן די דאָזיגע דערינערונג. ער איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון געלעגער. סאָניאַס ניט־גלויבן אין אים האָט זיך אים איבערגעגעבן פֿון פֿאַר אַ סך חדשים פֿריער... אַן אומרואיקייט, וואָס גרענעצט זיך מיט שרעק, האָט אים פּלוצלונג אַרומגעכאַפּט: טאָמער איז דאָס פֿאַרענדיקטע בילד ניט מער ווי אַ חלום? זיין היינטיקע צופֿרידנקייט מיט זיך אַליין איז גאָרניט ווערט... דאָס בילד איז נאָך אינמיטן דער אַרבעט. שוואַכע און דורכגעלאָזענע שטעלן

*) אַ נאָמען פֿון אַ פּאַריזער אָוונט־צייטונג.

www.nbtool.com.cn

וואַרטן נאָך ער זאָל זיי אויספּילן. ער האָט זיי נאָר פּראָוויזאָריש פאַרליאַפּעט מיט פאַרב. אָבער אין דער אמתן... אין דער אמתן...

ער האָט פיבערדיק אָפּגעזוכט אין דער פינצטער דעם עלעקטרישן קאָנטאַקט פון גרויסן לאָמפּ. דאָס ליכט פון דער גרויסער גלעזערנער באַרנע האָט אים פאַרבלענדט ווי אַ בליץ. כמעט בלינדערהייט איז ער צוגעלאָפן צום מאָלברעט און אַ וויש־געגעבן־זיך דעם פּנים מיט דער גאַנצער האַנט. די אויגן האָבן זיך ווילד צעפינטלט... געלויבט איז גאָט! דאָס בילד איז גאַנץ און פאַרענדיקט, אַזוי ווי ער האָט געוואָלט, אַזוי ווי ער האָט וואָכנלאַנג געטרוימט. פון דער האַלב־קיילעכדיקער אָזערע אַרויס, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט נאַכטיקע, גרין־באַלויכטענע באַרג־רעליעפן, הויבט זיך אויף מיטן לייכטן נעפּל אַ שאָטנדיקע פיגור פון אַ וואונדערלעך־שמייכלענדיקער פרוי. און דער „קליינער בער“ לויכט ווי אַ שפּיציקע דיאַדעמע אין די רויכיקע האָר. און די לבנה הינטער איר שיינעם גוף, ווי הינטער אַ וואָלקן, באַלויכט ערטערווייז גרינלעך און ערטערווייז גרוי־פיאָלעט דעם גאַנצן פּייזאַזש. און די גאַנצע אָזערע שוידערט קוים־קוים, ווי אַ צאַרטער לייב ציטערט פון דער נאַכטיקער פרישקייט...

כדי בעסער צו זען און טיפער אַריינצוקוקן אין דער פולקאָמענקייט אַזוי ווי אין די קלענסטע פעלערן, אויב אַזעלכע זיינען נאָך געבליבן, האָט ברין אומגעדרייט דאָס פיר־איילנדיקע בילד קאָפּויר, מיטן הימל אַראָפּ און מיט דער אָזערע אַרויף. די גרינע אויגן פון דער נאַכט־קיניגין, וואָס איז אַזוי ענלעך צו סאָלאָנשס נאַקעטקייט, האָבן אים מיסטעריעז אָנגעקוקט פון אונטן־אַרויף. אויגן פון אַ לעגענדאַרישער ים־מעדוזע זיינען דאָס איצט געוואָרן. ביי דער מאָדנער ליכטיקייט וואָס שטראָמט פון זיי אַרויס איבערן גאַנצן בילד, האָט איצט ברין באַמערקט, אַז די פיס־פינגער, וועלכע שפּיגלען זיך אָפּ אין וואַסער אין געבראָכענע ליניעס, שטימען ניט גאַנץ מיט די לייכטע פאַליעס איבער דער אָזערע. און מיט עטלעכע זעץ פון דעם נאָך־פייכטן פּינזל האָט ער אַריינגעפּאַסט דעם ציטער פון די פיס אין דער באַוועגונג פון נאַכטיקן וואַסער און... פאַרענדיקט. דאָס מאָל — אינגאַנצן פאַרענדיקט.

די עטלעכע צוגעגעבענע פיינע ליניעס האָבן אים באַרואיקט, אָפּגעווישט די לעצטע שפּורן פון זיין פּלוצלעכן שרעק. די מידקייט איז אַוועק. די אויגן און אויערן האָבן זיך פאַרשאַרפט. מיטן דינעם פּינזל אין האַנט איז ער זיך דורכגעגאַנגען אַ פּאָר מאָל הין און צוריק, און נייגעריק אָנגעקוקט זיין אייגענע אַטעליע, ווי נאָך אַ לאַנגער אָפּוועזנקייט. אומגעקערט, דאַכט זיך, פון אַ וויטער רייזע, אויפגעשלאָסן זיין דירה, וואָס ער האָט

איבערגעלאָזן אין פרעמדע הענט, און גלייך געזען וואו וואָס עס פעלט, וואָס מען האָט דאָ איבערגערוקט און וואו ס'איז צופיל אָנגעשטעלט... ערשט איצט האָט ברין דייטלעך דערזען די אָפּגעלאָזנקייט פון זיין קליינער באַלעבאַטישקייט. אַרום אים האָבן זיך געוואַלגערט רעשטן פון דער מאָלערישער קיך, וואו ער האָט, אַן אומבאַפרידיקטער און אַ גע־שפּאַנטער, געקאָכט און געבראָטן זיך אַליין, עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד, און אויף קיין אַנדער זאַך ניט אומגעקוקט זיך. ער האָט דערזען פאַר־טריקנטע פּינזלען און פעטע שמאַטקעלעך מיט אָפּגעוואַשענע פאַרבן; סקיצן אויף קאַרטאָן, אויף פּאַפּיר־בויגנס און אויף לייוונטן זיינען קרום געהאַנגען אין די ווינקעלעך און געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף שטולן; גלעזער און כלים אין דער קליינער גאַז־קיך, וואָס די קאָנסיערזשקע*) האָט ניט אויפגעראַמט ווי געהעריק, וואָרעם יעדעס מאָל, ווען איר באַצאָלטע הילף האָט געדויערט מער ווי אַ האַלבע שעה, האָט ער זי געבעטן אַוועקגיין. קיין געדולד ניט געהאַט...

אין אָט דער ניט־שיינער ראַם פון אומאָרדענונג האָט ער זיך אַליין אַנטדעקט אין שפּיגל אַ ניט־ראַזירטן, אַ ניט־געשווירענעם. דערפּילט אַ שטעכיקן ווייטאָג אין אַ באַקצאַן און זיך דערמאָנט, אַז שוין עטלעכע וואָכן ווי ער קלייבט־זיך צו לאָזן אונטערזוכן זיינע ציין און קיינמאָל ניט אויסגעקליבן זיך... פּונקט אַזוי האָט ער פאַרגעסן אָן זיין נאָענטסטן פריינט מישעל גאַבראַנסקי — אָט דעם אַלטן נאַטור־פאָרשער און טשו־דאַק; פון אַלע זיינע אַנדערע באַקאַנטע אינגאַנצן אָפּגעריסן זיך; אויף בריוו ניט געענטפערט, אַפילו אויף די בריוו פון זיין אַלטער מאַמע. קיין טעאַטער ניט באַזוכט, אַפילו דעם נאָענטסטן טעאַטער „אָדעאָן". קורץ און גוט, דאָס נייע ווערק זיינס האָט אים אויסגעזויגן, אויסגעליי־דיקט, אַראָפּגעפירט אים פון זיין לעבנס־רוטין. און מער ווי ביז איצט, זינט סאָניאַ זיין ווייב האָט אים פאַרלאָזן, האָט ער דערפילט זיין האָפּ־נונגסלאָזע איינזאַמקייט אין דער פוסטער אַטעליע, זיין יתומדיקייט אין דער גרויסער וועלט. מער ווי פריער האָט ער איצט דערפילט ווי שווער עס איז צו זיין אַ מאָלער און פאַרטרעטן אַ באַלעבאָסטע אין אייך־און־דער־זעלבער צייט... נאָר נעמען מאַכן אָרדענונג, אַטעמען מיט שטויב, שמוצן די אַזוי אויך פאַרפּאַרבטע הענט, האָט ער איצט ניט געקאָנט. שפּעטער, שפּעטער... מאָרגן וועט מען זען! זיין גאַנצער קערפּער האָט געלעכצט נאָך זויבערקייט, די ברוסט — נאָך פרישע לופט, דער גייסט — צו צע־שטרייאונג, וואָס גיכער און וואָס שניידיקער אַרויסכאַפּן זיך פון די אַלע

*) הויז־קיפּערין.

באַמאַלטע פּלאַכטעס, וואו עס טשאַדעט מיט אויל־פּאַרבן, וואו עס זעצט אין נאָז מיט וואַש־טערפּענטין.
www.libtool.com.cn

אַ גלאָז באַרדאָ־ווײַן מיט זעלצער־וואַסער האָט אים אָפּגעפרישט. און גלײַך נאָכן פּיקאַנטן טרונק האָט ער געכאַפּט ראַזירן זיך, געאײַלט און פאַרהאַוועט, ווי אַ רײַזנדער אין פאַיעזד, ווען מען ציל־סטאַנציע עס דער־נענטערט זיך שוין... דערנאָך געשטעלט זיך אונטערן קראַן, אָפּגעגאָסן זיך מיט אײַזיק־קאַלט וואַסער און אָפּגעריבן זיך מיט אַ נאַסן האַלץ־בערשטל פון קאָפּ ביז די פיס. דאָס האָט אים געמאַכט כוואַליען דאָס בלוט אין אַלע פאַרשלאָפענע אָדערן — אַ מיטל וואָס ער האָט שוין ניט אײנמאָל אויסגעפּרואווט.

די פרײלעכקייט פון אַ גוטן געזונט האָט אין אים אויפגעברויזט. דאָס האָט זיך בײַ אים אויסגעדריקט אין אַ מאַרש־געזאַנגעלע פון דער פראַנצויזישער מאַרינע*), וואָס ער האָט זייער ליב געהאַט:

וואולע לע גאַרד־דע לאַ מאַרינע!...
אַט איז דער יונג פון דער מאַרינע!
אַז מען טראָגט דעם בלויען ראָק,
איז מען ניט קיין אַלטע זאַק...
אומעטום, פון טשילע ביזקל כינע,
נעמט מען אויף דעם בראַוון וואָלף,
מאַכט אַ וואַרע יעדער גאָלף.

אָבער ווען ער האָט, זינגענדיק אַזוי, אַרײַנגעטאַפּט מיט איין האַנט אין שמאָלן פינצטערן אַלמער, זוכנדיק אַ פאַסיקן גאַרניטער איבערצוטאָן זיך, האָט ער זיך, בלינדערהייט, אָנגעשטויסן אָן עפּעס אַ ליידיק הויט, ווייך און זײַדיק... און ווי אַן עלעקטרישער שטראָם פון הויכער שפּאַ־נונג וואָלט אים אַ זעץ־געגעבן אין די פײַכטלעכע פינגער. ער איז געבליבן שטיין אַ דערשיטערטער, אַ פאַרשטאַרטער. דאָס פרײלעך געזאַנגעלע איז אים פאַרשטומט געוואָרן אין האַלדז.

דאָס איז געווען סאַניאַס אַ זײַדן קלײן, אין אַן אַלמער־ווינקל פאַר־שטעקט און האַלב פאַרהאַנגען מיט אַ ליילעכל. אײנס פון אירע אָפּגע־טראָגענע קליידער, פון נאָך דער חתונה, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט און וועלכעס זי האָט דאָ, קאַנטיק, פאַרגעסן, אָדער אומיסטנע איבער־געלאָזן, ווײַל עס איז שוין געווען אויסער דער מאָדע, אָפּגענוצט...

אָפּגענוצט פאַר וועמען? אָפּגענוצט פאַר דער גאַס, פאַר פרעמדע אויגן, אָבער ניט פאַר אים. אין דעם הויט־ווייכן און ליבלעך גלאַטן זײַד,

---

*) נעיווי.

www.libtool.com.cn

מיט מאַטע בלוילעכע פּאַסן, איז נאָך, ווי אַן עלעקטרישע קראַפט אין אַן אַקומוליאַטאָר, דערהאַלטן געוואָרן אַ טייל פון סאָניאַס חן, פון איר שמעקעדיקער יוגנט, פון איר ווייבערשן גנאָד. די זיסקייט פון איר נאָכגיביקן לייב איז נאָך דאָ געבליבן, נאָר עפּעס קיל און אָפּגעשטאָרבן, אַזוי ווי די ליבע אירע צו אים...

ברינס גליווערנדיקע אַנטציקונג איז באַלד איבערגעגאַנגען אין אַ מין שכרות, וואָס נעמט אַוועק יעדער קאָנטראָל איבער זיך אַליין. ווי אַ לעבעדיקן רוקן האָט ער גענומען גלעטן דאָס פּליסנדיקע געוועב פון אויבן אַראָפּ. דאָס האַרץ האָט זיך אים שטאַרק פאַרקלעמט, די קני זיינען שוואַך געוואָרן. האָט ער דאָס קלייד אַראָפּגעכאַפּט פון הענגער, צוגעדריקט צום האַרצן, איינגעזויגן זיך מיט הייסע ליפּן דאָרטן, וואו עס איז אַמאָל געווען אויסגעפּילט מיט איר קרעפּטיק־שפּראָצנדיקער ברוסט.

געקושט דאָס געוועב און פאַרשעמט זיך. ווי פייער איז ער רויט געוואָרן. עפּעס ווי עמעצער וואָלט אים דאָ געכאַפּט ביי אַ דערנידערונג, דערזען ווי ער קושט אַן אויסגעטאָנענע שלאַנגען־הויט פון דער, וועלכע האָט אים טויטלעך געביסן און אַנטלאָפן. און איצט... אַן אויסגעלאַסענע, אַ פּרעכע, אַ באַפרייטע פון יעדער פליכט און פון לעצטן נאָך־חתונה־אַנטועכץ, וואָלגערט זי זיך אַרום אין פרעמדע שלאַבערדיקע אָרעמס, אין מאַקס האַרקאַווקעס אָרעמס... פוי!

מיט אַ פּלוצלונג אָנגעקומענעם עקל האָט ער פון זיך אַ וואָרף געטאָן דאָס קלייד, דערנאָך אָנגעלאָפן אויף דעם און אַ זעץ געטאָן מיטן פוס, ווי ער וואָלט,ווירקלעך, אַ לעבעדיקע שלאַנג צעטראָטן. אין אַ צושטאַנד פון גייסטיקער שכרות האָט ער דאָס אָפּגעטאָן, פּונקט ווי דאָס קושן, וואָס מען קושט אַן אָפּגאָט, מיט אַ מינוט צוריק. זיין ליבשאַפט אַזוי ווי זיין שנאה האָט ער איצט ניט געקאָנט קאָנטראָלירן. גוטס און שלעכטס האָט זיך אויסגעמישט אין זיין מאַטער זעל. מיט דער זעלבער פּלוצלעכער ווידערלעכקייט האָט ער אויפגעהויבן דאָס צעטראָטענע קלייד, פאַרוויקלט אין ליילעכל און פאַרשטופּט אין דעם ווייטסטן אַלמער־ווינקל. וואָס ווייטער, וואָס ווייטער פון די אויגן! וואָס ווייטער פון אַזאַ צופאַל — ווידער אָנשטויסן זיך אָן סאָניאַס „שלאַנגען־הויט״ מיט די פינגער... באַהאַלטן. באַגראָבן.

אָבער דאָס גאַנצע באַגרעבעניש האָט ברינען געהאָלפן נאָר איין ווײלע. די אויפגעברויזטע ליידנשאַפט האָט געזאָטן אין אַלע אָדערן. און ביים אָנטאָן זיין עלעגאַנטן אָנצוג, ביים פאַרבינדן דעם שאַליק און אָפּשפּריצן זיך מיט אָדעקאָלאָן, האָט ער אין זיך דערכאַפּט אַ ווייטע,

www.libtool.com.cn

דערשלאָגענע האָפענונג, אַז... עפּעס קאָן מען נאָך ראַטעווען פון סאָניאַן, פון איר אַוועקגעוואָרפענער ווערדע. עפּעס איז נאָך געבליבן פון איר ווייבערשן שטאָלץ און שיינקייט, אַזוי ווי דער ליבלעכער ריח אירער — אין איר פּוסטן קלייד... עפּעס האָט ער מיט איין אויער דערכאַפּט, אויפן בולוואַר מאָנפּאַרנאַס, אַז זי איז שוין זאַט געוואָרן פון האַרקאַווקען, פון זיין צווייפלהאַפטער רעקלאַמע וואָס ער האָט איר געמאַכט, אַזוי ווי פון זיין פאַרעוועער ליבע, און אַז זי זוכט אַ געלעגנהייט צו באַגעגענען זיך מיט איר געוועזענעם מאַן... צי קאָן מען אָבער גלויבן וואָס די באַהעמיע זאָגט? נאָר צוליב וואָס צוהערן זיך וואָס מען זאָגט? פילט ער דאָס ניט אַליין? אַפילו דער היינטיקער צופאַל, מיט אָנטאָפּן איר זיידיק־גלאַטן לאַנג־פאַרגעסענעם קלייד, אין פינצטערן אַלמער, איז אויך ניט סתם־אַזוי... אַ קורצער סעאַנס פון טעלעפּאַטיע איז דאָס פאַר אים געווען. דורך ווענט און גאַסן האָט ער זי דערזען, אַ פאַרשעמטע, אַ מוטער־נאַקעטע, אַ פאַרבלאָנדזשעטע...

אַ געהיימניספולער ווילן האָט אים געצויגן פון דערוווייטנס, און ער האָט געפילט אַז זיין שטאָלץ און זיינע פּרינציפּן זיינען איצט גאָרניט ווערט. עמעצער האָט אים ווי אַ הונט צוגעקייטלט צו אַ וואָגן וועלכער לויפט איצט באַרג־אַראָפּ. וואָס מער ער וועט זיך איינשפּאַרן, אַלץ אומברחמנותדיקער וועט ער מיטגעשלעפּט ווערן. אָנקומען מוז ער. אויב ניט מיטן גוטן ווילן — איז אַ צעבלוטיקטער, אַ צעמזיקטער... אָנקומען מוז ער אַהין, וואוהין ער ווערט געשלעפּט.

אין אַ מינוט אַרום איז ער שוין געזעסן אין אַטאַקאַר.

.3

ווען ברין איז אָנגעקומען אויפן מאָנפּאַרנאַס, איז נאָך דער בולוואַר געווען ווייניק באַלעבט. דאָס קינסטלער־פּובליקום, וואָס איז זיך ניט נוהג צו נעמען זייער דינער „מיט לייטן גלייך", נאָר אַ סך שפּעטער, איז נאָך געזעסן אין די רעסטאָראַנען. די קאַפע־הייזער זיינען נאָך, דערפאַר, פאַרהעלטניסמעסיק, געווען פּוסטלעך. ברין איז אייליק פאַרביי־געגאַנגען דעם קינסטלער־לאָקאַל „דאָם", דערנאָך דעם „קופּאָל" און אַראָפּגעלאָזן זיך, מיטן טראָטואַר, נענטער צום מאָנפּאַרנאַסער באַן. דאָרטן אין ווינקל־קאַפע „דיופּאָן", ווייסט ער, האָט סאָניאַ, די לעצטע צייט אויסגעוויילט אַן אָרט צו באַגעגענען זיך מיט באַקאַנטע. נאָך דער פיאַסקאָ וואָס זי האָט באַקומען, מיט איר איבערגעאייַלטער אויס־שטעלונג אויף רי־דע־לאַ באָעסי, און נאָך דעם שאַרפן אַרטיקל פון

קונסט־קריטיקער זשאַן דעלבאַק, וועלכער האָט איך אַנגעוויזן וואוהין עס געהערן אירע אַזוי־גערופענע „געלע און פיאָלעטע סימפאָניעס“, איז זי אין קאַפּע „ראָטאָנד“ און „דאָם“ זעלטן־ווען געזעסן. וואָס ווייטער און איזאָלירטער פון דער באָהעמיע, וועלכע איז, כלומרשט, פריי פון יעדן פאָראורטייל, און האָט אין דער אמתן דרך־ארץ נ אָ ר פאַרן גראָבסטן מאַטעריעלן דערפאָלג, און העלפט באַגראָבן דעם, אויף וועמען די פאַרקויפטע אָדער ערלעכע פרעסע וואַרפט־אַרויף די ערשטע לאָפּעטע ערד...

דויד ברינס אינסטינקט און דער פרעמדער ווילן, וואָס האָט אים אַזוי געהיימניספול אַרויסגעשלעפט פון זיין אָפּגעלאָזענער אַטעליע, — זיי ביידע האָבן אים ניט אָפּגענאַרט. דורכן גלאָז פון דער גרויסער וועראַנדע האָט ער אין דיופאָנס קאַפּע דערזען סאָניאַס פּראָפיל... אָנגעפאַרבט, אַ ביסעלע צו־אָנגעפאַרבט: ברוין אויף די באַקן, און די ליפּן — צו־רויט. דער ליידנשאַפטלעכער אָוואַל פון קין — אָפּגעמאָגערט און פאַרשפּיצט. אויף איר מירמלשטיינערנעם טישל איז געשטאַנען אַ הויכער שמאָלער קעלישאָק מיט גרינעם שאַרטרעז. און זי אַליין, מיט אירע לאַנגע פינגער און צו־לאַנגע איבערגעפאַרבטע נעגל פון אַ ליידיקגייערין, האָט לאַנגווייליק געבלעטערט אַן אילוסטרירטן זשורנאַל. איינע אַליין איז זי געזעסן ביי איר טישל און, קאָנטיק, אויף עמעצן געוואַרט... אויף וועמען? האָט דאָס אים, ברינען, ניט א י ר ווילן אַרויסגערופן אַהער?

ווי געשטויסן אין רוקן, אַזוי איז ברין, מיט אַ געוויסער האַסטיקייט, אַרויף אויף דער וועראַנדע. און אפשר איז דאָס געווען ניט ער, נאָר זיין צווייטער „איך“, איבער וועלכן ער האָט איצט מער קיין שליטה ניט געהאַט? ער האָט זיך אין דעם דראַמאַטישן מאָמענט ניט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן חשבון. דער שטאָלץ פון אַן אַוועקגעוואָרפענעם מאַן האָט אים געשריען אויפן אויער: „גיי ניט! עס פאַסט ניט פאַר דיר!..“ און די פאַרצווייפלטע איינזאַמקייט האָט געשטופּט: „גיי צו! וועמען האָסטו אָפּצוגעבן חשבון?..“ אַ נאַטור־קראַפט, וואָס לאָזט זיך ניט באַקעמפן, איז דאָס געווען. די רויע נאַטור פאַרטראָגט ניט קיין שום פוסטקייט. אַ פלאַש פון וועלכער מען האָט די לופט אַרויסגעפּומפּט ציט אין זיך אַריין אַ גומענעם באַל, וואָס איז צוויי מאָל גרעסער פאַרן גלעזערנעם העלדזל. די אויסגעפּומפּטע כלי איז איצט געווען די דורכזיכטיקע וועראַנדע פון קאַפּע. און ער, ברין, דער געיאָגטער גומי־באַל, וואָס קרימט זיך יאָלדיש אויס, פאַרלירט זיין מענטשלעך געשטאַלט און לאָזט זיך אַריינציען...

www.libtool.com.cn

צו סאָניאַס טישל איז ער צוגעגאַנגען פון אַ זייט, כדי זי זאָל אים באַמערקן נאָר אין דער לעצטער סעקונדע. אויך דאָ האָט געווירקט, ניט דער קלאָרער שכל, נאָר דער אינסטינקט. אַלע חיות, ווי גרויס און שטאַרק זיי זאָלן ניט זיין, פאַרלויפן אַלעמאָל פון הינטן, כדי זייער קרבן זאָל באַצייטנס ניט אָננעמען די נויטיקע מיטלען פון אַ קעגן־אַטאַקע...

www.libtool.com.cn

— סאָניאַ!.. — האָט ער בעטנדיק־באַפעלעריש אַ רוף־געגעבן. און אפשר ניט ער, נאָר דער צווייטער ברין, וועלכער האָט אים אַהער אַריינגעשלעפּט.

זי האָט אַ הויב־געטאָן אירע שוואַרצע וויעס, און איר אָנגעפּאַרבטער פּנים איז מאָדנע פאַרשטיינערט געוואָרן, ניט אַזוי פון נאַטירלעכן שרעק, ווי פון אַנטריסטונג.

— יאָ? — האָט זי קורץ אַ פרעג־געגעבן. דאָס האָט באַדייט: ווי קומסטו, אייגנטלעך, אַהער? און וואָס קאָן איך טאָן דו זאָלסט וואָס גיכער אַוועקגיין?

ער האָט זיך אויף אַזאַ ברוך־הבא ניט געריכט. פונדעסטוועגן, בעטנדיק, אַ פרעג־געגעבן:

— קאָן איך זיך צו־זעצן?

זי האָט אַ צי־געגעבן מיט איין אָפּגעמאָגערטער פּלייצע:

— צוליב וואָס?

— איך וואָלט זיך געוואָלט דורכריידן מיט דיר...

— בעסער אַז ניט! — האָט זי אָפּגעשניטן.

נאָר דער בעטנדיקער אויסדרוק אין זיינע אויגן, וועלכן זי האָט שוין לאַנג ניט געזען אַזוי נאָענט, איז, ווייזט אויס, געווען שטאַרק. וואָרעם זי האָט באַלד צוריקגעצויגן איר גזר־דין:

— נאָר אויב דו ווילסט... אַ האַלבע שעה... מען קומט באַלד נאָך מיר.

ער האָט זיך אווטאָמאַטיש צוגעזעצט. און ווידעראַמאָל מיט אַ זייט, ווי אַ ניט־געבעטענער גאַסט. דער גאַנצער קערפּער האָט עפּעס פאַר־לוירן זיין שטייפקייט. זי האָט אים אָנגעקוקט, און ער — זי. זי — גלייכגילטיק, און ער — מיט זשעדנע אויגן פון אַ קינסטלער און געוועזענעם מאַן. זיין צעשטראַלטער קוק האָט זי אַרומגעכאַפּט, ווי אַ ים־סקאָפּוס מיט אַכט פיס. דאָס האַרץ איז אים פאַרגאַנגען אין אַ דריב־נעם קלאַפּן. פאַר דער בערך קורצער צייט, זינט זי איז פון אים אַוועק און גענומען לעבן אָן אַ פאַרגאַנגענהייט און אָן אַ צוקונפט, בלויז מיטן

היינטיקן טאָג און מיט די סקאַרבאָווע קאָמפּלימענטן, וואָס מענער גיבן אַ פרוי ווען זיי ווילן זי געווינען, — האָט זי זיך גאַנץ באַשטימט געענדערט. דאָס אומגעזונטע לעבן און די פּילע ליקערן, מיט וועלכע זי האָט זיך, ווי עס ווייזט אויס, אָפּטמאָל „געקרעפּטיקט", האָבן אויף איר אַרויפגעלייגט אַ באַזונדערן שטעמפּל. דער ספּעציפישער שטעמפּל פון מאָנפּאַרנאַסער בולוואַר איז דאָס געווען. ער לאָזט איבער די זעלבע שפּורן, ווי די שפּאַנישע קראַנקהייט*). ביידע מאַטערן אויס מיט זייער גיכן שטייגן און גיכן פאַלן פון דער טעמפּעראַטור, אָדער פון שטי־מונג...

www.libtool.com.cn

טאָמער ווייניק, האָט נאָך זי, סאָניאַ, צוגעלייגט אַ האַנט און צו־געהאָלפן דער נאַטור אויך. דאָס הייסט: איבערגעמאָלט, זיך אַליין, פון דאָס ניי. דער איידעלער בלייכקייט פון די באַקן צוגעגעבן אַ קאָליר פון העלן צימרינג. די גאָלדענע וויעס פאַרשוואַרצט און פאַרלענגערט. די ברעמען אויסגעפליקט און צוגעמאַליעוועט מיט אַ בליישטיפט. מיט אָקסיזשען־וואַסער און מיט אַמאָניאַק איבערגעוואַשן די שווערע האָר. זיי האָבן דערפון פאַרלוירן זייער וואַרעמען, רויטלעך־גאָלדיקן גלאַנץ און באַקומען אַן אומנאַטירלעכע טויטע בלאָנדקייט פון שטרוי, אַ מין פּאַק־ליע־פאַבריק איז געוואָרן פון איר פריזור, וואָס פּאַסט בעסער צו אַ גרויסער ליאַלקע, ווי צו אַ לעבעדיקן געזיכט.

פון אירע צופיל־פאַרשפּיצטע און צו־דיק לאַקירטע נעגל, וואָס זיינען אינגאַנצן אַוועק פון דער פיזישער אַרבעט, האָט אויף ברינגען אַ ווײ־געטאָן מיט קעלט פון אַן אומפּראָדוקטיוון לעבן. יאָ, דער תהום וואָס האָט זיך צווישן זיי געעפנט, אין משך פון דער האַלב־יאָריקער טרענונג, איז אַ סך גרעסער און טיפער, ווי ער האָט געקאָנט רעכענען...

איר אָנקוקן אים איז געווען פון גאָר אַן אַנדער סאָרט. זי האָט אים באַטראַכט מיט אַ מידער קלוגשאַפט פון אַ פרוי, וואָס האָט שוין אַלץ פאַרזוכט און ווערט פון קיין זאַך ניט איבערראַשט. זיין ערנסטקייט, זיין שווערמוט, דער טיפזין אין זיינע אויגן, — דאָס אַלץ האָט איר אויסגעזען ווי אַ קאָמפּליצירטער קניפּל... פאַר אַנדערע, אָבער ניט פאַר איר. זי וועט דאָך ניט גיין פאַרלירן צייט און געדולד אויפצובינדן אַזאַ קנופּ, פאָרזיכטיק און פאַמעלעך, ווי אַ קליינשטעטלדיקע הויז־פרוי. אויף דעם טויג זי ניט. ווען מען בלייבט שטיין ביי אַזאַ קונציקן שלייף, הויבט מען אויף דעם מאָנפּאַרנאַסער ציניזם, ווי אַ מעסער, און מען גיט אַ האַק אַנידער... דאָס איז איינפאַכער און זיכערער און קירצער.

*) פלו.

איין זילב מיט אַ פראַגע־צייכן האָט זי דערפאַר געלאָזן פאַלן. און דאָס האָט טאַקע אַ בליק־געגעבן, אַזוי ווי אַ מעסער וואָס פאַלט אַראָפּ, קורץ און שניידיק:

— נו?

אָבער ער איז שוין געווען אַ ביסל רואיקער, צוריקגעהאַלטענער און ער האָט דאָס העפלעך און פלינק צוריקגעשלאָגן:

— סאָניאַ, פאַרגיב מיר וואָס איך האָב דיר געשטערט דיין רו...

— אַך! — גיט זי אומגעדולדיק אַ צאַפּל מיט איין פלייצע, — דזשענטלמענישע פראַזן.

— ניין, סאָניאַ, גלויב מיר!

— גוט. ווילסט פאַרזעצן ווי אין אַ פּראָווינץ־טעאַטערל, זעץ־פּאַר! נאָר מיין רו, אויב דו ווילסט וויסן, איז נ י ט געשטערט געוואָרן. איך בין פונקט אַזוי רואיק ווי איידער דו ביסט צוגעקומען...

— פאַרוואָס רעדסטו אַזוי?... מיט אַזויפיל שנאה, וויל איך זאָגן.

— ניין. נאָר מיט אַנטשלאָסנקייט.

ברין איז אַ ביסל צעמישט געוואָרן פון אַזאַ וואָרנונג.

— און איך האָב געהערט...

— אַך, וואָס די ציגיינער פון מאָנפּאַרנאַס זאָגן! זיי ווילן מיר אַלע איינריידן, אַז איך האָב חרטה. דאָס איז ניט ריכטיק! איך טויג ניט מער פאַרן אָרט לעבן וואָס כ׳האָב פריער געפירט... אין ד י י ן אַטעליע געוויס ניט.

ברין האָט שטרענגער צעצויגן די ליפּן:

— איך וויל דיך גאָרניט צוריקשלעפּן. זיי גליקלעך מיט די וואָס ווילן קיינמאָל ניט חתונה־האָבן, וואָס ווילן קיינמאָל ניט טראָגן אויף זיך דעם יאָך פון אַ פאַמיליע. כ׳האָב דיר שוין אַמאָל געזאָגט: וואָס באַנוגענען זיך מיט קלייבן ברעקלעך אונטער פרעמדע בעטן...

— ביסט געקומען זידלען זיך?

— גאָט באַהיט! נאָר דערקלערן דיר מיין פלוצלעכן קומען.

— דערקלער!

— כ׳האָב זיך היינט אָנגעשטויסן אָן דיין זיידן קלייד, מיט די בלוילעכע פאַסן. עס האָט אַ ריס אויף איין היפט. דערפאַר, אַוודאי, האָסטו עס איבערגעלאָזן אין אַלמער. אָבער מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס איז דיינע אַ הויט, וואָס דו האָסט אויסגעטאָן פאַרן פאַרלאָזן מיך. כ׳האָב דאָס קלייד גענומען אין די הענט און געקושט.

— און דערנאָך געריסן און געטראָטן מיט די פיס?... ניט אַזוי?

www.libtool.com.cn

ער האָט זיך האַלב אַ הויב־געגעבן פון אָרט, אַזוי דערשטוינט איז ער געוואָרן פון איר העלזעריי. נאָר באַלד האָט ער זיך געפּאַסט און צוריק אַוועקגעזעצט זיך.

— דו זעסט, — מאַכט ער, — ווייט... ניין, ניט געריסן. נאָר איין טופּ געגעבן מיטן פוס. דערנאָך צוזאַמענגעוויקלט און באַהאַלטן.

זי איז דאָך געווען גערירט פון דעם אמת וואָס זי האָט דערפילט אין זיינע ווערטער, אָן אמת פון וועלכן זי האָט זיך שוין געהאַט אָפּגע־וואוינט אויפן מאַנפאַרנאַס.

— צוליב וואָס באַהאַלטן? — האָט זי אַ הויב־געטאָן מיט ביידע פּלייצעס, — פאַרברען!

— פאַרברענען גאָר?

— געוויס. כדי מער ניט צו באַדויערן דאָס, וואָס איז געווען. דו אַליין האָסט מיך אַזוי געלערנט... נאָר, ווי עס ווייזט אויס, איז לייכטער צו לערנען אַ צווייטן ווי זיין אַ געלערנטער... זינט ווען ביסטו אַזוי סענטימענטאַל געוואָרן?

— זינט זיבן אַזייגער... הייַנט אינדערפרי.

— אַזוי גיך ווי ס׳איז געקומען, וועט דאָס אַוועקגיין. וועסט זען.

— דו מיינסט?

— איך בין זיכער. איך ווייס עס פון דער פּראַקטיק.

— רעדסט אַזעלכע קלאָרע ווערטער און מיר דאַכט, אַז איך פאַרשטיי דיך ניט.

— צוליב וואָס? פּרויען, זאָגט מען, זיינען באַשאַפן געוואָרן מען זאָל זיי ליבן, ניט פאַרשטיין.

— אויף ניט ליבן קאָנסטו זיך ניט באַקלאָגן.

— יאָ. אָבער ווען ס׳איז געקומען די צייט צו פאַרשטיין מיך, האָסטו זיך אָפּגעזאָגט...

— מיט „פאַרשטיין דיך" מיינסטו דאָך אַוודאי דאָס אָנערקענען דיך אַלס אַ נייעם טאַלאַנט?

— יאָ. און דו האָסט זיך אָפּגעזאָגט. געוואָלט זיין דער איינ־ציקער. אין דיין אַטעליע — ווייניקסטנס. מאַקס הארקאַווע האָט מיך אַפילו פאַרזיכערט, אַז דאָס האָסטו געבעטן דעם... ווי הייסט ער דאָרטן? זשאַן דעלבאַק, ער זאָל מיך אַרונטעררייסן.

— שווינדעריי!

— כעס זיך ניט! איך האָב דאָס קיינמאָל ניט געגלויבט אויף דיר.

— אַ דאַנק פאַר אַזאַ גרויסמוט!

זי האָט דעמאָנסטראַטיוו אַ קוק־געטאָן אויף איר בראַסלעט־זייגערל:

www.libtool.com.cn

— נו, וועסט מיר אַנטשולדיקן... מען קומט באַלד נאָך מיר.

— ער?

— וואָס איז דער אונטערשייד?

— פאַר מיר, צי פאַר דיר?

— פאַר דיר, פאַרשטייט זיך...

— אַך, סאָניאַ, סאָניאַ!

— דאָס איז אַלץ צוליב וואָס דו ביסט געקומען? באַדויערן מיך?

— איך האָב נאָר געוואָלט פרעגן ביי דיר איין זאַך: צי נאָך די אַלע פרואוון וואָס דו האָסט געמאַכט, נאָך די אַלע דערפאַרונגען און איבערלעבונגען, גלויבסטו נאָך אַלץ, אַז טאַלאַנט שלאָגט־איין ווי אַ בליץ, פאַלט אַראָפּ ווי שניי אויפן קאָפּ און מען ווערט מיטאַמאָל אַ גרויסער מאָלער אָדער מאָלערין?

זי האָט זיך אָנגעצונדן ווי אַ פייער אַזוי, אַז די גאַנצע שמינקע אויף די באַקן איז ביי איר פאַרלוירן געגאַנגען אין דער אמתער רויטקייט, און זי האָט גיפטיק אַ פרעג־געגעבן:

— צוליב דעם, אַלזאָ, ביסטו געקומען? איזדעקעווען זיך?

— אַבסאָלוט ניט, סאָניאַ! איך וויל נאָר ויסן, צי דו פאַרשטייסט שוין, אַז צוליב פוסטע קאָמפּלימענטן האָסטו אַוועקגעוואָרפן דיין יוגנט, דיין שיינקייט, דיין פרישן גייסט...

— און צוליב אילוזיעס מעג מען?

— אילוזיעס?

— דו אַליין, דיין טאַלאַנט און דיין דערפאָלג זיינען ניט קיין אילוזיעס? ניט שאַטנס וואָס גייען פאַרביי?

— געוויס... אויב דו ווילסט. איך ווייס נאָר איין זאַך, אַז פון ד י י נ ע אילוזיעס האָט אַן אַנדערער געמאַכט אַ גוטן געשעפט. און דו ביסט באַנקראָט.

— אַזוי זיכער ביסטו דאָס?

— אַ סימן האָסטו: אינגיכן ביסטו אַוועק פון אים. אויסגעשעפּט אַזוי ווי... אַזוי ווי —

— אַזוי ווי ד י ך — ווילסטו זאָגן... — האָט זי שטיל און גיפטיק אונטערגעהאָלפן.

ברין האָט מוטיק אַרונטערגעשלונגען די ביטערע פּיל:

— ריכטיק. אַזוי ווי מיך.

זיין מוטיקייט האָט ביי איר אַרויסגערופן אַ ציניש געלעכטערל:

— אַך, ווייסטו ? אילוזיעס זיינען דאָ אַ סך, אין אַלערליי קאָלירן.
עס שאַדט ניט איבערצובייטן זיי פון צייט צו צייט...
www.libtool.com.cn
— איך רייד נאָר פון א י י ן אילוזיע, וואָס הייסט... דו ווייסט
ווי זי הייסט. זי וואוינט אין פּאַריז, אין לאַטייניש קוואַרטאַל, און
הייסט האַרקאַווקע.
— איך קען אויך דיינע אַן אילוזיע. זי האָט אַ טונקעלן קאָליר.
זי הייסט סאָלאַנש. וואו זי וואוינט — ווייס איך ניט...
ברין האָט זיך פאַררויטלט ווי אַ ייִנגל:
— איך פאַרזיכער דיך, סאָניאַ, אַז דו ביסט פאַלש אינפאָרמירט.
נאָר אַ מאָדעל איז זי.
— איך קאָנטראָליר דיך ניט.
— איך דיך — אויך ניט.
— נאָר צוליב וואָס ביסטו געקומען ?
— זען צי מען האָט דיך גליקלעך געמאַכט; צי מען האָט דיר
געגעבן מער ווי איך.
זי האָט איראָניש פאַרקרימט אַ ליפּ:
— און אַגב זען צי מען קאָן מיך נאָך איבערקויפן... איר זייט
אַלע גוט. יעדערער אויף זיין שטייגער.
— ווי קאָנסטו מיך אונטערציען אונטער איין ציפער מיט...
נאַ, קיין אונטערשייד ניט מיט וועמען. אַז ערלעכע נאַטור ביסטו דאָך
אַלעמאָל געווען.
— נאָר אַ טעמפּעראַמענט בין איך געווען, ווייטער גאָרניט.
— טעמפּעראַמענט איז אָבער וואַרהייט. ניטאָ קיין שום שאַפן
אָן טעמפּעראַמענט.
— אַבי דו מיינסט, אַז איך בין טאַלאַנטלאָזיק.
— פאַרוואָס נאָר אין מאָלן ? לעבן איז אויך אַ קונסט.
— וואָס ביי דיר הייסט לעבן ! מאַכן די קיך פאַרן מאַן און באַ־
וואונדערן אים...
— ניין, ניט דאָס באַוואונדערן, נאָר דאָס אויספילן איינער דעם
צווייטן. די האַרמאָניע פון צוויי מענטשן וואָס זיינען איינס. די...
די...
— די מאָראַל, — ווילסטו אַוודאי זאָגן.
זי האָט אַ כיכיקע־געגעבן.
— און אַז יאָ ? — האָט ברין אויפגעבראַוזט, — און אַז יאָ ?
— ניין. ווייסטו ? ... אַ דאַנק ! וואָס ווייניקער אַ פרוי איז א ז ו י

מאָראַליש, כאַ־כאַ, אַזוי ווי ד ו פאַרשטייסט דאָס, אַלץ מער פאַר־
www.libtool.com.cn
געטערט מען זי...

ער האָט זיך אַ הויב־געגעבן אַ בלאַסער, די ציין פאַרביסן:

— אַך, אַזוי? אַזוי? אויף אַ ז אַ אופן מאַכסטו זיך איב־טערעסאַנט... אויסער דער קונסט דיינער... אויב אַזוי, איז בעסער אָנגעבן אויף אַ גט...

ער האָט זיך געלאָזן גיין צו דער טיר אָן „אַ גוטע נאַכט". און זי האָט אים נאָר שטיל און בייסיק צוגעגעבן מוט:

— טו אַזוי, דויד! טו אַזוי!

נ י י נ ט ע ר   ק אַ פּ י ט ל

מישעל גאַבראָנסקי

1.

ברין איז אַרויס פון דער גלעזערנער קאַפע־וועראַנדע ווי אַן אָפּגע־בריטער. ער האָט זיך געפילט דערנידעריקט, אויסגעלאַכט. דער „איבער־לעכער קול", וועלכער האָט אים פון זיין אַטעליע גערופן אַהער, איז, ווייזט אויס, געווען פאַלש. אים, ברינען, האָט זיך איינפאַך פאַרגלוסט צו זען די, וועלכע האָט אים אַזוי שענדלעך אַוועקגעוואָרפן, און אָט איז דער רעזולטאַט פון אַזאַ גלוסטעניש!.. אָדער די קלאַנגען, אַז זי איז שוין אַוועק פון מאַקס האַרקאַווען, זיינען געווען איבערטריבן; אָדער זי האָט שוין באַוויזן צו באַזאָרגן זיך מיט אַן אַנדערן. עפּעס איז זי ביי זיך צו האָפּערדיק...

כמעט אין דעם זעלבן מאָמענט, ווען דאָס איז אים געקומען אויפן געדאַנק, עטלעכע טריט נאָכן באַלויכטענעם קאַפע־אויסגאַנג, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ הויכער מאַנצבילשער פיגור, מיט אַ רויטלעך־בלאָנד בערדל, ברייט־פּלייציק און מיט גרויע, פרעכע אויגן. יענער האָט אים שאַרף אָנגעקוקט. און, ווי דויד ברינען האָט זיך, אין דער פּלוצלעכ־קייט אויסגעדוכט, — אי אָפּלאַכעריש, אי פאַרוואונדערט. יענער האָט אַפילו געמאַכט אַ באַוועגונג אַראָפּצונעמען, פון גרויסן קאָפּ, דעם קיי־לעכדיקן ווייכן הוט זיינעם מיטן אויפגעשטעלטן דנאָ; אָבער דערכאַפּנדיק ברינס אָנגעכמורעט געזיכט, האָט דער פאַרשוין צוריקגעצויגן זיין

ברייטע לאַפּע און איז גיך אַריין אין דער זעלבער גלעזערנער טיר, פון וועלכער ער, ברין, איז אָקערשט אַרויס.

www.libtool.com.cn

די גאַנצע וועראַנדע הינטער ברינען, אויפן עק גאַס, האָט געלויכטן ווי אַ געווירעטער, גלעזערנער קאַסטן פול מיט עלעקטריש ליכט. די מירמלשטיינערנע קיילעכדיקע טישלעך, מיט די פאַרביקע געטראַנקען אין די גלעזער, אַזוי ווי די באַזוכער אַליין, זיינען אַזוי ווי געהאַנגען אין דער לופטן, אין דער דאָזיקער איבערגעטריבענער ליכטיקייט. אינ־סטינקטיוו איז ברין שטיין־געבליבן, אומגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען, אַז די הויכע מאַנצבילשע פיגור, וואָס ער האָט דאָ באַגעגנט, גייט האַסטיק־צו צו סאַניאַן און לייגט פאַמיליער אַרויף זיין שווערע רויט־לעכע האַנט אויף איר קיילעכדיקן אַקסל. סאַניאַ גיט זיך לייכט אַ בויג אונטער דער פליישיקער משא און דרייט שרעקעוודיק אום איר פיינעם פּראָפיל. איר פּנים צעלויכט זיך. אַפילו די ברוינע פּודרע אויף די באַקן ווערט דורכגעלויכטן פון איר צופרידענעם אויסדרוק.

ערשט איצט האָט זיך ברין דערמאָנט, אַז ער קען דעם מאַן; אַז דאָס איז... וואַרט, וואַרט!... דאָס איז דאָך דער סקולפּטאָר אַ נ ד ר י ד אַ ל, וועמעס גרופּן אין ב ר אַ נ ד ז, אין מירמלשטיין און טעראַ־קאָטאַ עס זיינען געווען, מיט אַ קנאַפּן יאָר צוריק, אויסגעשטעלט אין „פּטי פּאַלעי"*) אויף די „עליזיי פעלדער", און צווישן זיי — די פּרע־מירטע בראָנדז־פיגור פון דער „טאַנצנדיקער קרעאָלין", וועלכע האָט זיך איצט אַרויסגעוויזן אַלס זיין אייגענע מאָדעל: סאַלאַנש בירט...

צוזאַמען מיט סאַניאַן, זיין ווייב, האָט ער, ברין, באַזוכט דעמאָלט די אויסשטעלונג און באַקענט זיך מיטן קינסטלער, וועלכער האָט אויף סאַניאַן געוואָרפן צו־אָפענע און צו־זיכערע בליקן פון אַ ווייבערניק און אַ האַרץ־ברעכער. דאָס איז אים, ברינען, שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן, און ער האָט פון דעמאָלט אָן אויסגעמידן צו באַגעגנען זיך מיט אים נאָכאַמאָל. יאָ, דאָס איז דער זעלבער דאַל, וועלכער האָט פריער גע־וואוינט און געאַרבעט אין דער זעלבער אַטעליע אויף „רי וואָזשיראַר׳ד", וואו ער, ברין, וואוינט איצט; דער זעלבער דאַל, וועמעס שאָטן סאַלאַנש האָט געזוכט אין שלאָף־קאַמער, אויבן, אויפן איר־גוט־באַקאַנטן באַלקאָן, און שיר ניט צעוויינט זיך איבערן ברייטן בעט פון לואי דעם 14־טן. אויף דאָס בעט איז איר געווען גוט באַקאַנט...

ווי פאַרפלאָנטערט און וואונדערלעך זיינען די וועגן פון מענער און־פרויען, וועלכע ציען זיך איינער צום צווייטן און שטויסן זיך אָפּ, ווי

*) קליינעם פּאַלאַץ.

פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע נאַטור־קרעפטן! מען קאָן, אָפּטמאָל, אַזעלכע www.libtool.com.cn מערקווירדיקע וואַריאַציעס אַפּילו אין אַ געשריבענעם ראָמאַן ניט אויס־קלערן. אין דער וואַריאַציע זיינען דאָ: ברין און דאַל, סאָניאַ און סאָלאַנש. עס איז דאָס זעלבע ווי איין לויפנדיקער צוּבער־קרייז אין צווייטן. אַ לעבעדיקער סאַטורן מיט זיינע צוויי רינגען... מיינע איז דיינע און דיינע איז מיינע. מען ליבט זיך און מען איז צעקריגט. צוויי־מאָל־צוויי צעריסענע האַלבע פייער־רינגען האָבן זיך באַגעגנט און צוזאַמענגעבונדן, נאָר פאַרקערטערהייט... סאָלאַנשס געליבטער באַ־געגנט זיך און לעבט מסתמא מיט זיין, ברינס, ווייב. און ער אַליין, ברין, טרעפט זיך מיט דער אַוועקגעוואָרפענער געליבטער, וועלכע האָט געדינט אַלס מאָדעל ביי אָט דעם באַגאַבטן, אָבער, ווי עס ווייזט אויס, נישקשהדיק ברוטאַלן קינסטלער.

— וואונדערבאַר זיינען די וועגן פון דיינע ליידנשאַפטן, פּאַריז! — האָט זיך ברין ביטער צעשמייכלט. — איצט בלייבט מיר נאָר איבער־צונעמען דאַלס ירושה און פאַראייניקן זיך מיט דער טונקל־הויטיקער קרעאָלין, האַ־האַ!

אַ טיפער ווידערווילן האָט ברינען אַרומגעכאַפּט נאָך אַזאַ „לאָגישן" אויספיר... עפּעס ווי ער וואָלט דערזען אַ פּרימיטיווע בלוט־מישונג פאַר די אויגן, צווישן ווילדע, וועלכע ווייסן אַפילו ניט פון „טאַבו"־געזעצן*), ביי וועלכער אַלץ איז דערלויבט, אַבי עס זיינען נאָר פאַראַן זכרים און נקבות...

זיין ווידערווילן האָט אים ווי אַ כוואַליע אַ הויב־געגעבן, אַוועק־געריסן אים פון דער באַלויכטענער וועראַנדע, וואו ער האָט אָקערשט, אין איין האַלבער מינוט, איבערגעלעבט דעם ביטערסטן פינאַל פון זיין אַנטוישטן פאַמיליען־לעבן. די זעלבע כוואַליע האָט אים, אַ צעמישטן, אַריינגעוואָרפן אין טומל פון אָטאָמאָבילן, לויפנדיקע פייערלעך, טרו־בעריי פון האָרנס און פייפעריי פון פּאָליציי־לייט, וועלכע רעגולירן די שטאַרקע באַוועגונג. ווי אַ געבלענדעטער האָט ברין געקרייצט דעם באַן־הויף־פּלאַץ. אַ באַסאָווער טרובען האָט אים געוואָרנט און אַ שאַרפער פייף פון אַ פּאָליציי־מאַן. אין דעם זעלבן אויגנבליק האָט, האַרט לעבן אים, דורכגעזויזט אַ טעקסי מיט אַ זידלעריי פון מאַשין־טרייבער. אַ באַטויבטער, ער ווייסט אַליין ניט ווי אַזוי, האָט זיך ברין מיט לעבנס־געפערלעכע שפּרונגען אַריבערגעראַטעוועט אויפן צווייטן טראָטואַר,

---

*) פאַרבאָט חתונה צו האָבן מיט קרובים, אָפטמאָל — מיט פרויען פון איין געמיינדע איז אויך פאַרבאָטן.

און ווי אַ געיאָגטע חיה באַהאַלטן זיך אין שאָטן פון די הויכע הייזער, וואָס ווייטער פון די לאַמטערנעס, און איז אַוועק אין רואיקערן טייל פון בולוואַר מאָנפּאַרנאַס.

www.libtool.com.cn

ער האָט איבערגעלאָזן הינטער זיך אַלע פייערן פון די גרויסע קאַפע־הייזער און זיין איבערגעריסענער געדאַנקען־גאַנג האָט זיך ווידער אָנגעבונדן:

המ... זיין געפיל האָט אים פריער נ י ט אָפּגענאַרט. איצט ווייסט ער, וויניקסטנס, אויף קלאָר פּאַרוואָס סאָניאַ האָט מיט אים גערעדט מיט אַזאַ זיכערקייט, געהאַט מוט איבערצוואַרפן זיך מיט אים מיט אַזויפיל שטעכווערטלעך און אָפּאָריזמען. פרויען פון איר בת־יחידהשער דער־ציאונג, מיט אירע מאָנפּאַרנאַסער איבערצייגונגען, ריידן ניט אַזוי, אין אַזאַ מאָמענט, סיידן זיי האָבן אַ באַזע פון מיטלען און מאַנצבילשן שוץ אונטער זייערע קליינע שיכלעך מיט הויכע קאָרקעס... זעלבסט־שטענדיקע פרויען, וואָס אַרבעטן זייערע אַכט שעה אַ טאָג און טראָגן גראָבע זאָקן און שיך מיט ברייטע אָפּצאַסן, ריידן, אָפטמאָל, אויך אַזוי מיט זייערע פאַרלאָזענע מענער; אָבער ניט צו זיי געהערט סאָניאַ, די געבוירענע גערשין... ניין! זי דרשנט אַזוי, ווייל זי לעבט איצט אָנגעלענט אויף אַנרי דאַלס ברייטע פּלייצעס, אויף זיינע געזונטע פויסטן און אויף זיינע באַדייטנדיקע פאַרדינסטן אויך. אַזוי לאַנג... אַזוי לאַנג ביז ער וועט מיט איר טאָן וואָס ער האָט געטאָן מיט סאָלאַנש בירט און וועט זי אויך אַוועקוואַרפן. דערווייל ווערט דערפון ניט גע־קלערט. זי נאַרט זיך און ער נאַרט זי, און ביידע נאַרן איינער דעם צווייטן. דערווייילע־וואָס האָט סאָניאַ הנאה־געהאַט פון איר מאַנס דער־נידערונג, פון זיין צוריק־קומען צו איר, פון זיין ווידוי: אַז ער האָט געקושט איר קלייד מיטן ריס אויפן היפּט, וועלכן ער האָט געפונען אין אַלמער. דערווייילע־וואָס האָט זי נקמה־גענומען דערפאַר, וואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט מיט זיין קומען, און אין דער פּוסטער צייט, צווישן איין ליבעכץ און דאָס צווייטע, צווישן האַרקאַווקען און אַנרי דאַל, — געלאָזן זי איינינקע אַליין, נעבעך... אָט האָסטו דיר, ברין, דעם אמתן ווייבערשן יושר! האַלט דאָס פעסט! עס וועט דיר צוניץ־קומען...

זיין איבערגעלעבטע חרפּה און די דערשיטערונג פון אָנגעפאַרענעם אָטאָמאָביל האָבן אים אַזוי צעקאָכט און צערודערט, אַז ער האָט מער ניט געוואוסט וואוהין ער גייט און צוליב וואָס. זיינע טריט זיינען געוואָרן וואַקלדיק, זיין קאָפּ — באַנומען ווי פון געמיינעם אַלקאָהאָל.

— אפשר אָנשיכורן זיך אויף אַן אמת? — האָט זיך ברין איבער־געלייגט. — מיט איין קייל, זאָגט מען אין רוסלאַנד, שלאָגט מען אַרויס

דעם צווייטן... אָדער אפשר גאָר אומקערן זיך צו דער באַלויכטענער וועראַנדע, דערלאַנגען דעם הער סקולפּטאָר מיט אַ פלאַש איבערן קאָפּ, מאַכן אַ סקאַנדאַל?.. אַך, נאַרישקייטן!

www.fibtool.com.cn

ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ געשעפט פון ווײַן... אַ פּרואוו טאָן? הם... עס רעדט זיך נאָר אַזוי: „אָנטרינקען זיך...“ ער האָט נאָך קיינמאָל דעם קאָפּ ניט פאַרלוירן פון אַ ביסל משקה. ער אַליין האָט געפּרואווט; חברים האָבן זיך געקליגלט, — עס האָט ניט געהאָלפן. קאָניאַק נאָך באָרדאָ געטרונקען און פאַרקערט — ער איז געבליבן בײַ דעם פולשטענדיקן קאָנטראָל איבער זיך. ער איז נאָר געוואָרן דערפון, אָדער אַ ביסל לוסטיקער, אָדער מעלאַנכאָלישער. די פראַנצויזן האָבן פאַר דעם דאָס ריכטיקע וואָרט: „וועזן געי“ — פריילעכער ווײַן, אָדער „וועזן טריסט“ — טרויעריקער ווײַן... אַן ענדערונג אין אייגנטאָניקן צושטאַנד פון אַ מענטשן איז דאָס פאָרט. דאָס איז אַ מין אומשטעלן די דעקאָראַציעס אין טעאַטער: פון זומער אויף ווינטער און פון ווינטער אויף זומער...

טרינקען איינער אַליין האָט זיך אים אָבער ניט געגלוסט. די פּוסט־קייט פון זײַן אַטעליע מיטן גענעצדיקן דאַך־פענצטער, וואָס ער האָט פאַרלאָזן מיט אַ שעה צוריק, האָט אים געשראָקן. בעסער אַרײַנגיין צו גאַבראָנסקין און אויסטרינקען מיט אים, כאַפּן אַ שמועס. ער האָט שוין לאַנג ניט פאַרבראַכט בײַ אָט דעם פרײַוויליקן מאָנאַך אין סטר־דענטן קוואַרטאַל. אַלעמאָל האָט ער פאַר אים, אָט דער אַלטער נזיר, אַ וועלכן ניט איז סיורפּריז. אַ נײַעם געדאַנק פון זײַן פליכעוואַטן גרויסן קאָפּ, אַ נײַע געוועב־פאָרשונג אָקערשט פון מיקראָסקאָפּ אַרויס, אַ נײַע כעמישע רעאַקציע אין דער אָפּגעקילטער קאָלבע...

איז דויד ברין גלײַך אַרײַן אין ווײַן געשעפט און אײַנגעהאַנדלט אַ גוטע פלאַש קורוואואזיע מיט דרײַ שטערנדלעך. ער האָט די אויס־געצייכנטע משקה ליב געהאַט, מער ווי אַלע אַנדערע פראַנצויזישע קאָניאַקן, פאַר איר גלעטנדיקן טעם און וואונדערלעכן ריח.

.2

מישעל גאַבראָנסקי האָט געוואוינט ניט ווײַט פון פלאַץ מאָנזש, אין לאַטײַנישן קוואַרטאַל. אין אַן אַלטער הויז, אויפן דריטן שטאָק, האָט ער זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל אײַנגעאָרדנט, מיט זײַן גרויסער ביבליאָטעק און מיט זײַן קליינער הויז־לאַבאָראַטאָריע, און מער ניט געוואָלט אַרויסציִען זיך. מיט פינף־און־צוואַנציק יאָר צוריק, באַלד

נאָכדעם ווי ער האָט געמאַכט זיין דאָקטאָר־עקזאַמען אויף כעמיע, האָט עפּעס פּאַסירט צווישן גאַבראָנסקין און זיין יונגער פרוי, וועלכע האָט נאָך באַזוכט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט, און זיי זיינען זיך פונאַנדער־געגאַנגען.

גאַבראָנסקי האָט דאָס שווער איבערגעלעבט, אויפגעהערט צו ראַזירן זיך און פאַרלאָזן אַ באָרד, געלאָזן וואַקסן די פאַרגרויטע קאָפּ־האָר ביז איבערן קראַגן, איינגעשלאָסן זיך אין די ניט־פריילעכע ווענט פון זיינע דריי צימערלעך מיט אַ קיך, און האָט מיט פרויען, פון דעמאָלט אָן, ווייניק וואָס צו טאָן געהאַט. דאָס האָט אים געמאַכט אַ נאָמען פון אַן אַסקעט און אַ שטיקל טשודאַק און, ביסלעכווייז, אָפּגעריסן פון אים זיינע געוויינטע פריינט, וועלכע זיינען געגאַנגען אַ סך ווייטער, ווי ניט־באַזוכן אים מער, נאָר זיי האָבן אַפילו, מיט האַלבע ווערטער און גע־היימניספולע וואונקען, געגעבן רעכט זיין שיינער, שוואַרץ־חנעוודיקער פרוי, וועלכע האָט אים פאַרלאָזן, וואָרעם מיט אַזאַ „ווילדער בריאה" איז דאָך שווער אויסצוקומען...

גאַבראָנסקי קיניגט פון דעמאָלט אָן, טאָג־איין טאָג־אויס, איבער זיינע ביכער אין די גלעזערנע אַלמערס און אויף פּאָליצעס, און איבער זיין קליינער לאַבאָראַטאָריע וואָס ער האָט זיך איינגעאָרדנט אין דער קיך, כדי באַנוצן דאָרטן דעם איינציקן גוטן קוימען מיט אַ שטאַרקן דורכצוג, וועלכער געפינט זיך אין זיין דירהלע. וואָרעם די אַנדערע קאַמינען אין זיין קאַבינעט און אין זיין עס־צימער רויכערן ווען מען הייצט זיי איין און טויגן ניט פאַר די גאַזן, וואָס טיילן זיך אָפּ פון די כעמישע שטאָפן, ווען מען אַרבעט איבער זיי.

חיונה ציט ער פון די עטלעכע שטונדן אַרבעט, וואָס ער גיט אָפּ פינף מאָל אין וואָך, אין אַ פאַבריק פון פאַרבן. די אויסגעמאַגערטע פינגער זיינען ביי אים דערפאַר אַלעמאָל פאַרשמירט מיט כלערליי קאָ־לירטע פלעקן, וואָס לאָזן זיך ניט אָפּוואַשן. זיי דערמאָנען אָן אַ פאַר־האָוועטן, ניט איבעריק זויבערן שילער, וועמעס הענטלעך עס טראָגן אויף זיך אַלעמאָל סימנים פון טינט, און גיבן אים צו אַ געוויסע אומבאַ־האָלפנקייט. מען צאָלט אים פאַר זיין אַרבעט, און נאָך מער — פאַר זיין דערפינדערישקייט, ניט שלעכט. נאָר ער אַליין גיט אויף זיך זייער ווייניק אויס. אין באַנק בלייבט דאָס אויך ניט ליגן. אַז מען בעט ביי אים אַ הלוואה, גיט ער און נעמט קיינמאָל קיין קוויטונג ניט. מאָגען אַ חוב מאָנט ער אויך ניט. ניט־ערלעכע באַקאַנטע נוצן דאָס אויס, נעמען ביי אים צו וואָס עס לאָזט זיך. און דערנאָך, ביי אַ גלעזל ליקער, וואָס איז באַשטעלט אויף דאָס אַנטליענע געלט, באַרעדט מען אים און

www.libtool.com.cn

מען לאַכט אים אויס... דאָס זיינען די איינציקע פּראָצענטן וואָס וואַקסן אָן אויף די קיינמאָל ניט־צוריקגעקערטע קלענערע און גרעסערע סומען. גאַבראָנסקי ווייסט דערפון און מאַכט זיך ניט וויסנדיק. און ניט דערפאַר ווייל ער איז אַזאַ איינער, וואָס פאַרשווייגט אַן עוולה. אין זיין קאַשע לאָזט ער זיך קיינמאָל ניט שפּייען. נאָר דעם ענין פון געלט, חובות און אָפּצאָלונגען האַלט ער פאַר אַזוי ניט־וויכטיק און ניט־ווירדיק, אַז אים „לוינט זיך ניט צו פלעקן דערמיט די הענט, וועלכע זיינען שוין אַזוי אויך נישקשהדיק פאַרפלעקט". דאָס איז דער איינציקער ענטפער וואָס ער האָט אַלעמאָל, ווען צו זיינע אויערן דערגייט דאָס, וואָס די בעלי־חובות זאָגן וועגן אים... ער גיט אַ פּיר מיט זיינע קאָלירטע פינגער איבער די לאַנגע פאַרגרויטע האָר אויפן נאַקן, און דערביי בלייבט דאָס.

www.libtool.com.cn

זיין שטעלע אין דער פאַרבן־פאַבריק איז פאַר גאַבראָנסקין אַן אָפּקומעניש. די באַליבטסטע אַרבעט זיינע איז ביי אים אין שטוב: ביאָ־לאָגיע און אָרגאַנישע כעמיע. דאָ אַרבעט ער מער מיטן מיקראָסקאָפּ ווי מיט דער גלעזערנער קאָלבע. דאָס צוזאַמענגעשפּיצטע באַטראַכטן די געוועבן פון פלאַנצן און לעבעדיקע וועזנס פאַרשלינגט זיין גאַנצע פריי צייט. ער שטוינט איבער דער ענלעכקייט פון אָט די צוויי באַזונדערע וועלטן יעדער טאָג. און דער רעזולטאַט דערפון איז מער פילאָזאָפיע ווי דערפינדונג, מער געדאַנקען־שוואונג ווי וויסנשאַפטלעכער תכלית. זי איז זיין געהיימע געליבטע, די ביאָלאָגיע. ער באַווייזט זי, אָן אַ שלייער, נאָר זיינע גאָר נאָענטע באַקאַנטע און טוט זי ביסלעכווייז אָן אין אויס־געזוכטע, פאַרבנרייכע קליידער פון וואָרט, ביז צווישן אים און זיין גאַסט, אויף אַן אָפּגענוצעוועטן שטול, בלייבט זיצן אַ פּרינצעסין, די וועלכע וועט נאָך אַמאָל אויסוואַקסן אין איר פולער פּראַכט און קראַפט און וועט איבערנעמען די פירונג פון דער וועלט... נאָכן פאַרשטעלן זי, זיין געהיימע געליבטע, בלייבט ער זיצן אַ שווייגנדיקער, ער לאָזט ריידן זיין גאַסט, קלייבט נחת ווען יענער באַוואונדערט זי אַזוי ווי ער אַליין, און בייזערט זיך ווען ער באַמערקט אַז דער גאַסט האָט ניט גענוג אינ־טערעס צו דער, וועלכע האָט פאַרכאַפּט זיין גאַנצן אינערלעכן לעבן.

באַלד נאָך ברינס באַזעצן זיך אין פּאַריז, מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, האָט ער זיך מיט גאַבראָנסקין באַקענט אין אַ זומער־פּאַנסיאָן, אויפן ברעג ים אין דער נאָרמאַנדיע. און פון דעמאָלט אָן באַזוכט ער אים. צוערשט מיט סאָניאַן, זיין ווייב, צוזאַמען, דערנאָך — איינער אַליין. וואָרעם נאָך איידער סאָניאַ האָט זיך איינגערעדט, אַז זי איז אַ גרויסע קינסטלערין, האָט שוין איר לייכטער געמיט און אומרואיקער גייסט שלעכט־פאַרטראָגן די אָפּגעלאָזענע אַלט־מאָדישע צימערלעך אין גאַבראָנ־

www.libtool.com.cn

סקיס דירה, דאָס שמאָלע אַסקעטישע בעט זיינע און דעם ספעציפישן ריח פון זיין קיך־לאַבאָראַטאָריע. האָט זי דעם פאַרגעניגן פון פירן לאַנגע שמועסן, אויף וויסנשאַפטלעכע און פילאָזאָפישע טעמעס, איבערגעלאָזן פאַר איר מאַן, און אַליין איז זי געבליבן אין אַטעליע און געלייענט אַ דע־טעקטיוו־ראָמאַן. דויד ברין האָט קעגן דעם גאָרנישט געהאַט. ניט געוואָלט איר אויפצווינגען זיינע סימפאַטיעס. אָבער ער אַליין האָט דעם זעכציק־יאָריקן טשודאַק ליב־באַקומען, אָפטמאָל באַזוכט אים, געמאַכט אויך סקיצן פון אים און פון זיין פרימיטיווער לאַבאָראַטאָריע און געלאָזן אים ריידן. ער האָט קיין שלעכטן בייט ניט געמאַכט. וואָרעם יעדעס מאָל האָט ער וואָס ניט איז אַוועקגעטראָגן פון יענעמס פילזייטיקן וויסן, געלערנט וואָס ניט איז אין זיין פאַוסט־קיך, געקראָגן אַ גייסטיקן שטויס נאָכצודענקען.

דויד ברינס זשעדנע נייגעריקייט נאָך וויסנשאַפטלעכע שמועסן, ברענגט אַלעמאָל אַריין דעם, ניט־לויט־די־יאָרן־נאָך פאַרעלטערטן גע־לערנטן, אין גאַר אַ געהויבענער שטימונג, געהויבענער ווי דער איינדרוק פון די פיינע סקיצן אין שוואַרץ־ווייס און מיט פאַסטעל־פאַרבן, מיט וועלכע דויד ברין באַצירט, פון צייט צו צייט, די שוין לאַנג ניט־טאַפע־צירטע ווענט. גאַבראַנסקי דערציילט אים וועגן זיינע עקספערימענטן און פאַנטאַזירט. פאַר אים איז די פראָטאָפלאַזמע*) פון אַ פלאַנץ די זעלבע וואָס פון אַ מענטשן־לייב. איינע, אַזוי ווי דאָס צווייטע, טיילט זיך אויפן זעלבן אופן און לעבט, אין אַ געוויסן זין, אייביק. ביידע שטאַמען זיי פון איין מוטער אין דער גרויער פאַרגאַנגענ־הייט. זייער אַנטוויקלונג איז נאָר אַ ביסל אַנדערש, אָבער אין יעדער פלייש־ אָדער פלאַנץ־קעמערל איז דאָ אַ מילימיליאָנטל טיילכעלע פון דער ערשטער פלאַזמע וואָס האָט געבוירן ביימער, שוועמלעך, שרצים און חיות... פאַר גאַבראַנסקין איז דער כלאָראָפיל — דער גרינשטאָף פון פלאַנצן, דאָס זעלבע ווי דאָס רויטע בלוט אין די אָדערן פון לעבעדיקע וועזנס. דער טאַטע פון ביידע פאַרבן, זאָגט ער, איז דאָס אייזן. און ביימער, זאָגט ער, זיינען אונדזערע אָרגאַנישע ברידער. זיי שטייען נאָר אויף איין אָרט און מיר באַוועגן זיך. דאָס איז דער איינציקער אונטער־שייד. מיט מיליאָנען יאָרן שפעטער וועלן, אפשר, אַ סך עמפינדלעכע פלאַנצן, ווי מ י מ אָ ז ן, צום ביישפיל, אַרויס פון דער ערד און אָנהויבן אַרומגיין מיט זייערע וואָרצלען, ווי מיט אַ סך שפינען־פיס. די ערשטע סימנים פון זייער שפעטערדיקן לעבן איז זייער נערוועאישקייט. אַז מען

---

*) איי-ווייס קעמערל.

www.libtool.com.cn

רירט אָן אַ מימאָזע, זעט מען שוין איצט, אין אונדזער עפּאָכע, ווי אירע בלעטלעך ציטערן־אויף און פֿאַרמאַכן זיך... פֿון בלומען, זאָגט ער, וועלן אין די קומענדיקע עפּאָכן ווערן קאָלירטע־פּלאַטערלעך, און פֿון די שוואָמען — יאַשטשערקעס...

זיין גאַנצע אַרבעט, אויסערן הויז, אין דער פֿאַבריק, איבער ניט־אָרגאַנישער כעמיע האָט גאַבראָנסקי גרינגגעשעצט. די גאַנצע כעמיע, זאָגט ער, וואָס מענטשן האָבן געשאַפֿן ביז אַהער, איז נאָך זייער יונג און זי וויל שוין קאָנקורירן מיט דער נאַטור. עס איז נאָך זייער ווייט פֿון אָניאָגן די מיליאָנען פּרואוון וואָס די נאַטור האָט שוין געמאַכט מיט אירע שטאָפֿן. דערווײַלע איז נאָך די כעמיע ניט מער ווי דער אַלף־בית מיט אומגעלומפּערטע גרויסע אותיות, וואָס דאָס קינד פּלאַפּלט, צום ערשטן מאָל אַרויס, אין דער שול... אָט אַרבעט איך שוין איבער דעם איי־ווייס־קעמערל אַ סך יאָרן. יעדער קעמערל אַזאַ איז אַ וואונדערלעכע לאַבאָראַטאָריע, וואו עס מישן זיך און וועבן זיך און בייטן זיך ביז דרייסיק שטאָפֿן אויף אַמאָל. מיר קענען זיי כמעט אַלע. זיי אַליין אַזוי ווי זייערע פּראָפּאָרציעס. וויפֿיל וואַסערשטאָף און זויערשטאָף, וויפֿיל שטיקשטאָף און פֿאָספֿאָר, וויפֿיל בראָם און אייזן, און אַזוי ווייטער און ווייטער. אָט די אַלע שטאָפֿן קאָנען מיר כעמיש אויסמישן, אָבער ניט באַלעבן. עס פֿעלן, דאָ און דאָרטן, געהיימע רינגען אין דער קייט, כדי צו מאַכן פֿון דער מישעכץ איין אייניקייט. און מיר זוכן זיי, ווי בלינדע אויפֿן אייז... קיין גרויסער וואונדער איז דאָס ניט! וואָרעם די נאַטור האָט שוין הינטער זיך אַ סך מיליאָנען יאָרן פֿון אַלערליי פּרואוון, וואַריאַציעס, איינגעבוירענע בייגונגען, טויזנטער און צענדליק טויזנטער פֿיינקייטן. און מיר, מיט אונדזער גאַנצן וויסן, שוין מיט דער אַלכעמיע, וואָס האָט אַמאָל געבלאָנדזשעט אין דער פֿינצטער, און מיט דער מאָדערנער כעמיע, וואָס לאַוואַזיע האָט דער ערשטער געגרינדעט — אַ טויזנט... נו, פֿופֿצן הונדערט יאָר. אונדזער גאַנצע קולטור איז דאָך אַלט ניט מער ווי עטלעכע טויזנט יאָר. ווי קאָנען מיר זיך פֿאַרמעסטן?... און פֿונדעסטוועגן פֿאַלן מיר בײַ זיך ניט אַראָפּ. די נאַטור האָט עוואָלוציאָנירט, מיר רעוואָלוציאָנירן זי. די נאַטור איז געקראָכן אויף אַלע פֿיר, מיר שפּרינגען. יעדער שפּרונג איז אַן אַנטדעקונג, יעדער אַנטדעקונג — אַ נס. און ווער ווייסט? מיט דער צייט... עס הויבט אָן שווינדלען פֿאַר די אויגן ווען מען קלערט זיך אַרײַן.

אויסער גאַבראָנסקיס אינטערעסאַנטע געשפּרעכן, אויסער זיינע באַטראַכטונגען אין ביאָלאָגיע און פֿיזיק, האָט ברין ליב־באַקומען אויך עטלעכע מערקווירדיקע שטריכן אין זיין כאַראַקטער. ניט געקוקט אויף

דעם, וואָס גאַבראָנסקי האָט אַזוי געליטן פון זיין אַמאָליקער יונגער פרוי, רעדט ער פון איר, ווען עס קומט אים אויס, מיט דער צערטלעכקייט פון אַ דערוואַקסענעם ברודער וועגן די קאַפּריזן פון זיין קליינער שוועסטער. וועגן אַנדערע פרויען — אויך אַזוי.

— אַך, — מאַכט ער, איינמאָל, צו ברינען, מיט זיין באַזונדער שמייכעלע, — אָט דער ר י פּ אונדזערער, וואָס דער אויבערשטער אַליין האָט ביי אונדז געגנבעט, ווען עס זיינען ביי אים אויסגעגאַנגען אַלע זיינע בוי־שטאָפן!.. ער האָט איינגעשלעפּערט אונדזער עלטער־זיידן אָדמען, אויסגעשניטן אַ ביין, אויסגעבויט אַזאַ שיינע באַשעפעניש און באַהאַלטן עס אין די געדיכטענישן פון גן־עדן, צווישן אַ סך אַנדערע שיינע באַשעפענישן. די וואונד פון אונדזער אויסגעשניטענעם ריפּ ברענט נאָך מוראדיק ביז צו הייַנטיקן טאָג. מיר לויפן אַרום און מיר ווילן אַריינפּאַסן, אין אונדזער בלוטיקן שניט, וואָס נאָר מיר געפינען אין אונדזער זשעדנער און טומלדיקער יוגנט און וואָס נאָר עס לאָזט זיך: אַ שטיק פּאַקליע, אַ קנויל־שטרוי, אַ ליאַלקע, אַ געגנדזעלע, אַ קאַץ... נאָר ניט אַלעמאָל געלינגט אונדז צו פאַרהאַלטן דאָס בלוט. מייסטנס ווערט נאָך דער ווייטיק שאַרפער. אָנשטאָט אַ קילער היילונג, דערפילן מיר נעגל, אַ ברענען פון בלוט־פאַרגיפטונג... די זיווגים פון אונדזערע עלטערן האָבן זיך עפּעס בעסער געפּאַסט. יאָרן און יאָרן האָבן זיי אָפּגעלעבט צוזאַמען, אויפגעשטעלט דורות. מיר, אָבער, די הייַנטיקע, די אולטראַמאָדערנע, לויפן נאָך אונדזער פאַרלוירענעם ריפּ ווי די פאַרסמטע מייז, און אַלעמאָל עפּעס פאַלן מיר אַריין. קיינמאָל איז דער געפונענער ריפּ ניט לויט דער נייטיקער מאָס. אָדער צו־שפּיציק, אָדער צו־קיילעכדיק; אָדער צו־גרויס, אָדער צו־קליין... איז דאָס דערפאַר ווייל מיר זיינען טיפער און ראַפינירטער פון אונדזערע עלטערן? אונדזער סעקסועלע וואונד האָט זיך פאַרטיפט פונקט ווי מיר אַליין, ווי מיר מ ע נ ע ר וויל איך זאָגן... און אונדזערע כלומרשט־אָפּגעשטאַנענע פרויען זיינען צו קליין אויסצופילן דאָס גאַנצע לעבן אַזאַ בלוטיקע לאָך. די נאַטור, ווי איר ווייסט, פאַרטראָגט דאָך ניט קיין שום פּוסטקייט. איין פרוי איז דערפאַר ווייניק. דאָס זעלבע, נאַטירלעך, טוען אונדזערע פרויען אויך. דער מאַן איז פאַר זיי אַ גוטער מוסטער... אָדער זיינען מיר פון צופיל קולטור ניט טיפער נאָר פלאַטשיקער געוואָרן; אונדזער ליידנשאַפט — אויבנאויפיק, קרענקלעך. אונדזער זיווג האַלט זיך דערפאַר ניט, שטייט־צו ווי אַן אַרבעס צום וואַנט... אַך, וואָס איז די נפקא־מינה! אַבי מיר גייען אַרום אויף דער וועלט, איין העלפט זוכט די צווייטע, און איין העלפט קאָן זיך אָן דער צווייטער ניט אָנפּאַסן...

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

דאָס דערמאָנען זיך, אין אַזאַ שווערן מאָמענט, אָן די בילדלעכע געדאַנקען פון זיין פריינט, ווען ער, ברין אַליין, האָט אָקערשט איבערגעלעבט דעם ברענענדיקן ווייטיק פון „ביט צופאַסן" זיין צעלאָזענע פרוי צו ז י י ן וואונד, האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ ברודערלעכע צאַרטקייט צו דעם זעכציק־יאָריקן טשודאַק מיט די קינדערשע אויגן. זינט דער קאַטאַסטראָפע אין זיין פאַמיליען־לעבן האָט ברין נאָכגעטאָן סאָניאַן און אויך אויפגעהערט צו באַזוכן אים. ער האָט אים נאָר צופעליק געטראָפן אַ פאָר מאָל אין גאַס, און איינמאָל אינגאַנצן געמאַכט זיך אַז ער זעט אים ניט. עפּעס האָט ער זיך געשעמט צו קוקן גאַבראָנסקין אין די דורכזיכטיקע אויגן אַריין. פונקט ווי ער וואָלט מורא געהאַט יענער זאָל אים ניט אויסלאַכן: „נו, יונגערמאַן! וואָס האָסט ד ו אויסגעפירט מיט דיין טומלדיקן קינסטלער־לעבן, מיט דיין יוגנט און האָפערדיקייט? אָט ביסטו אין דער זעלבער לאַגע ווי איך. אַלע וועגן פון ווייבערישן שלאָף־צימער פירן צו איינזאַמקייט..."

.3

אויסער דער מורא פאַר אַזאַ קלוגיטשקער איראָניע, האָט נאָך ברינען געהאַט אָפּגעשטויסן גאַבראָנסקיס קילע באַציאונג צו זיין דערפאָלג אַלס אַ קינסטלער, נאָך סאָניאַס אַוועקגיין, און צו געוויסע קונסט־פאָרמען בכלל. אויך דאָ האָט גאַבראָנסקי אַריינגעבראַכט זיין פאַרביסענע דעמאָקראַטישקייט, זיין פאָלקיזם אָן פשרות. גאַבראָנסקיס מיינונג, אַז דער יחיד מיט אַלע זיינע טאַלאַנטן דאַרף דינען דעם פאָלק און אַלץ געהערט דעם פאָלק, האָט ברין ניט געקאָנט פאַרדייען און אָנגענומען אַלס אַן אַבסטראַקציע. וואָרעם דאָס פאָלק באַשטייט דאָך פון יחידים, אַזוי ווי אַ באַרג — פון זעמדעלעך. ברינס באַלעבאַטישע דערציאונג האָט אין אים איינגעפלאַנצט די איבערצייגונג, אַז אַ מענטש אַרבעט נאָר פאַר זיך אַליין, כדי צו זיין קליגער, רייכער, שטאַרקער, אָבער ניט כדי אָפּצוגעבן אַלץ פאַר די וואָס טוען דאָס ניט. דאָס וואָס גאַבראָנסקי פירט דאָס דורך אין לעבן, אַזוי ווי אין ריידן, און גיט אָפּ זיינע פאַרדינסטן, זיין וויסן און זיין צייט אַלעמען ווער עס ברויכט דאָס, האָט ברינען ניט איבעריק גערירט. ערגעץ וואו אין אַ מוח־ווינקל איז געלעגן אַ פאַרדאַכט, אַז דאָס איז ניט אויפריכטיק, אַז אָנגעהויבן האָט זיך דאָס מיט אַ רעקלאַמע, מיט וועלן זיך מאַכן וויכטיק; דערנאָך איז דערפון געוואָרן אַ געוואוינהייט... אין בעסטן פאַל האָט זיך דאָס ביי גאַבראָנסקין אָנגעהויבן מיט אַ געפיל פון צו־להכעיס קעגן זיך אַליין,

ווען דער ערשטער און לעצטער גליק פון האָבן לעבן זיך אַ געליבטע פרוי איז פון אים אַוועקגעפלויגן. אַ נקמה קעגן דעם אַנדענקען פון יעטאַן, זיין יונג ווייב, וועלכע האָט מיט אים ניט געוואָלט לעבן. ווילסט, הייסט דאָס, ניט? איז אָט!... אַלץ וואָס איז געווען גרייט פאַר דיר ווערט צעשטויבט אויפן ווינט. איך אַליין דאַרף אויך גאָר ניט האָבן...

www.libtool.com.cn

ווען סאָניאַ איז פון ברינען אַוועק, און דער לוקסענבורגער מוזעאום אין פאַריז האָט פרעמירט זיין לייוונט „מאָן איוווער"*), טאַקע קורץ נאָכדעם, האָט ברין, אין זיין זוכן די איינזאַמקייט, פאַרבלאָנדזשעט אין דער אַ ל ט ע ר ר ו י מ י ש ע ר אַ ר ע נ ע, ניט ווייט פון פלאַץ־מאָנזש אין לאַטייניש קוואַרטאַל, וואו עס וואוינען אַ סך פראָפעסאָרן, פאָרשער און געלערנטע מיט זייערע תלמידים, און וואו אויך גאַבראָנסקי פאַרנעמט זיין באַשיידענע דירהלע, ערגעץ־וואו אין אַן אַלטן הויז פון לואי דעם אַכצנטנס צייט.

ווי אויף קבר־אָבות פון אַ חרובער קולטור האָט דאָ ברין אַרומשפּאַצירט צווישן די בענק פון דער אויסגעגראָבענער אַרענע. מיט אַ גרוילעכער פוסטקייט פון צוויי טויזנט יאָר קוקן דאָ די לאָזשעס פון די רוימישע זיגער איבער די עלטער־זיידעס פון פראַנצויזישן פאָלק — די גאַללען. די גייסטער פון יוליוס צעזאַר און זיינע צענטוריאָנען טוליען זיך דאָ נאָך אין די אָפּגעצוימטע שטיינערנע זיץ־פלעצער, קוקן אָן פאַרוואונדערט די מאָדערנע מענטשן וואָס בלאָנדזשען אַהער אַריין. פון די לאָזשעס צעלויפן זיך דאָ אין האַלב־קיילעכדיקע ריזיקע יאַרוסן, די פראָסטע שטיינערנע בענק פאַר די רוימישע סאָלדאַטן און פאַרן פאָלק. איין יאַרוס העכער פאַר צווייטן. ביים שמאָלן איינגאַנג, צווישן זיי, שטאַרן, ווי טויטע אויגן־לעכער, די שטיינערנע פאַרגראַטעטע קאַמערן, וואו די ווילדע חיות פון אַלטן צירק האָבן געהויערט, וואו די גלאַדיאַטאָרן זיינען געווען איינגעשפּאַרט ביז זיי זיינען אַרויסגעטראָטן אין קאַמף אויף לעבן און טויט, איינער מיטן צווייטן, און אין קאַמף — מיט לייבן און טיגערס. דער קיילעכדיקער באָדן פון דער אַרענע איז, דעמאָלט ווי אַצינד, אויסגעשאָטן מיט טרוקענעם זאַמד, כדי איינצוזויגן אין זיך דאָס בלוט פון מענטשן און חיות, וואָס דאַרף דאָ באַלד פאַרגאָסן ווערן... און די גלאַדיאַטאָרן, מאַרשירנדיק האַלב־נאַקעטע, מוסקול־האַרטע, מיט זייערע קורצע שווערדן און רונדע פאַנצערלעך אין די הענט, באַגריסן נאָך די הויכע הערן, וועלכע זיצן דאָ אויבן אין די לאָזשעס און וואַרטן אויפן בלוטיקן שוישפּיל:

---

*) מיין ווינטער.

www.libtool.com.cn

— אַווע, צעזאַר!.. הויך, קיסר! די וואָס גייען צום טויט באַגריסן דיך...

ווען מען ווערט אַליין אַ בלאָנדזשענדיקער גייסט, לויפט מען צו בלאָנדזשענדיקע גייסטער. דויד ברין איז אַהער געקומען זוכן די נעכטיקע טעג און ער האָט זיי געפונען, און צווישן זיי אויך... מישעל גאַבראָנסקין. יענער האָט דאָ אויך אַרומשפּאַצירט, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, די אויגן אַראָפּגעלאָזט. אַפּנים, ער האָט דאָ אויך געזוכט פאַרגאַנגענע טעג. אפשר דעם שאָטן פון יעטאַן, זיין ווייב, צווישן די טויזנטיאָריקע שאָטנס. די בעסטע באַרואיקונג פון אַן אומרואיקער זעל איז דער אייביקע געדאַנק פון אַלע געדאַנקען: אַז אַלץ פאַרגייט, אַפילו דער געדאַנק גופא... ווי עס זאָל ניט געווען זיין, נאָר איין שטימונג, ווי עס ווייזט אויס, האָט די ביידע, זינט אַ געוויסער צייט צעגאַנגענע פריינט, צוזאַמענגעבראַכט אין דער הילכיקער, אַנטיקער אַרענע, און זיי האָבן זיך באַגריסט.

לכתחילה האָט ברין מורא באַקומען, אַז דער אַלטער וועט אים נעמען פונאַנדערפרעגן וועגן דעם וואָס עס איז געשען, ווי אַזוי עס איז געשען, און וואָס אייגנטלעך עס האָט געפירט דערצו, אַז סאָניאַ, די קלוגע און שיינע סאָניאַ, זאָל אַזוי פאַרלירן דעם קאָפּ. צום אַלטנס אויערן איז דאָך געוויס דערגאַנגען, אויב ניט אינגאַנצן, איז אַ טייל פון זיין פאַמיליען־אומגליק און פון די פּירושים, וואָס דער בולוואַר מאָנפּאַרנאַס האָט דערצו געמאַכט... און כדי ניט דערלאָזן אַז גאַבראָנסקיס מיט־געפיל זאָל ניט איבערגיין אין אַ שיטן זאַלץ אויף די וואונדן, האָט ברין, פון פאָרנט אַריין, גענומען ריידן וועגן דעם באַזונדערן אומעט, וואָס וואָקסט דאָ, צווישן די רוימישע חורבות, צוזאַמען מיט די ווילדע גראָזן; און וועגן דעם, אַז מען קוקט דאָ אַראָפּ, פון העכסטן שטיינערנעם יאַרוס צום דנאָ פון דער אַרענע, דוכט זיך אויס, אַז מען קוקט אין אַ תהום פון צוויי טויזנט יאָר געשיכטע און מען באַדויערט די גרויסע פאַרגאַנגענהייט...

אָבער גאַבראָנסקי האָט אים פּלוצלונג איבערגעריסן זיין ניט־זייער אויפריכטיקן ליריזם:

— אַך, וועלכער אומעט?.. און ווער באַדויערט דאָס? פּאָעטן אָן שיך, וואָס האָבן ניט קיין בעסערע טעמעס, באַדויערן אַזעלכע אַמאָליקע „גרויסע פאַרגאַנגענהייטן”, מעשטיינס געזאָגט!.. אַ פרייד דאַרף יעדער אָנשטענדיקער מענטש פילן צווישן אַזעלכע צירק־חורבות, וואָס מען איז פּטור געוואָרן פון אַזאַ שקלאַפן־און־האַרן־קולטור, ווי די רוימישע איז געווען, וואו איין טייל פון דער באַפעלקערונג, און דער

קלענסטער טייל דאַרף מען זאָגן, האָט גערויבט און געמאָרדעט און געלעבט אַ גוטן טאָג, ווייל אַ וועלט פון שקלאַפן און וואַסאַלן, אַרום דעם מיטללענדישן ים, האָט אויף זיי געאַרבעט און געצאָלט טריבוט. די אויסדערוויילטקייט פון די האַרן־רוימער, וועלכע איר „באַדויערט״ דאָ, איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז צוליב זייער צעשטרייאונג, כדי צו אַמוזירן זיי, האָבן די שענסטע שקלאַפן פון די אונטעריאָכטע לענדער געמוזט קעמפן און טויטן איינער דעם צווייטן פאַר זייערע הויכווירדיקע אויגן, אָדער לאָזן זיך צערייסן פון ווילדע חיות אין די אַרענעס. און אָט אין איינעם פון אַזעלכע פאַרוויילונג־פּלעצער שפּאַצירן מיר איצט אַרום. איך און איר... ניין, איך, וויניקסטנס, „באַדויער״ ניט... אַזאַ פאַלשע מלוכה־סטרוקטור פון גאָלד און שמאַטעס, פון אייזן און מענטשן־פלייש האָט געמוזט צוזאַמענפאַלן, און ס׳איז גוט וואָס זי איז צוזאַמענגעפאַלן און וואָס מיר ביידע טרעטן איצט אויף אירע חורבות...

ברין האָט באַמערקט, אַז גאַבראָנסקי איז גערייצט. אפשר קומט ער אַהער, דער אַלטער, צוליב דער זעלבער שטימונג, וועלכע האָט אים, ברינען, געטריבן צום זעלבן שפּאַציר? גאַבראָנסקי אַליין טראַכט דאָ, אפשר, פון זיין אייגענער פאַרגאַנגענהייט, פון יעטאַן, זיין גיט־געטרייע ווייב, און שילט ער גאָר די פאַרגאַנגענהייט פון דער רוימישער אימפּעריע?.. פונדעסטוועגן האָט ברין באַשלאָסן צו אונטערהאַלטן דאָס געשפּרעך, אַזוי לאַנג ווי עס לאָזט זיך, אַבי ניט ריידן פון פאַמיליען־אַנגעלעגנהייטן...

— און איצטער?... — מאַכט ברין אָן אָנשטעל אַז ער דענקט־נאָך. — איצטער איז דען בעסער? דערמאָנט זיך נאָר אָן די פאַבריק־אַרבעטער, אָן די פּויערים אויף די פעלדער פון די גרויסע גוט־באַזיצער... די זעלבע שקלאַפעריי, נאָר אַנדערש געשליייערט.

— געוויס. צו אונדזער דעמאָקראַטישער צייט איז נאָך דערגאַנגען אַ סך מאַסקירטע קנעכטשאַפט פון די רוימישע „גוטע צייטן״. אָבער מיר האָבן שוין די פרייהייט צו קעמפן פאַר אַ פערציק־שעהדיקער אַרבעטס־וואָך, פאַר בעסערע געהאַלטן. און מיר האָבן דאָס רעכט אינגאַנצן ניט צו אַרבעטן, אויב מיר ווילן ניט...

— און האָבן דאָס רעכט צו שטאַרבן פאַר הונגער... — האָט אים ברין צווייידייטיק אונטערגעהאָלפן.

— אויך דאָס איז בעסער, ווי צו מוזן עסן און צו מוזן אַרבעטן פאַר די אָדער יענע האַרן.

דערביי איז גאַבראָנסקי שטיין־געבליבן און אָנגעקוקט ברינען מיט האַרטע אויגן:

www.libtool.com.cn

— אַ מאָדנע זאַך! איר אָרגאַניזירט אַזוי... מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז די פרייהייטן וואָס דער אַרבעטער־קלאַס האָט שוין אויס־געקעמפט איז אייך ווייניק. און אַליין אַרבעט איר פאַר די האַרן, נאָר פאַר די האַרן מאָלט איר...

— און פון וואַנעט, אַ שטייגער, נעמט איר דאָס?

— פון אייער „שניי־מענטש". איך האָב היינט אַ גאַנצע שעה פאַרבראַכט אין לוקסענבורגער מוזעאום און פאַר אייער לייוונט שטיין געבליבן עטלעכע מאָל...

— נו... און?

— צופיל סטיליזירט. צופיל צוגעטראַכט. די שטראַלן פון דער זון, ווי אַ פעכער פון גאָלד און בלוי, זיינען ניט־נאַטירלעך. דער „שניי־מענטש" איז צופיל סימבאָל. דאָס בערגל, אויף וועלכן ער שטייט — צופיל ליטעראַטור. ווען איך וואָלט געווען דער מיניסטער פון קונסט, וואָלט איך אייך די פרעמיע נ י ט געגעבן. און ניט דערפאַר ווייל עס איז ניט גוט געמאָלט. ווענן דעם, אַז עס איז טאַלאַנטפול, זיינען קיין צוויי מיינונגען ניטאָ. נאָר דערפאַר, ווייל עס איז ניט פאַרשטענדלעך פאַרן פראָסטן פאָלק. דאָס איז געמאָלט פאַר איידעלע ליידיקגייער, פאַר ראַפינירטע סנאָבן, פאַר...

ברין האָט אים דעמאָלט קיל איבערגעשלאָגן:

— אונדז, מאָלער, איז דאָס ניט ניי. מיר האָבן שוין אַן ענלעכע מיינונג געלייענט ביי לעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי אין זיין בראָשורע: „וואָס איז אַזוינס קונסט", און מיר האָבן אים ניט געפאָלגט. אייך, זיין תלמיד, וועלן מיר אַוודאי ניט פאָלגן...

זיי זיינען זיך נאָכדעם שווייגנדיק צעגאַנגען, געדריקט איינער דעם צווייטן די האַנט, אָבער קיין „אויף ווידערזען" ניט געזאָגט. געפילט, אַפּנים, אַז זיי וועלן זיך אַזוי גיך ניט זען. און אַזוי איז ווירקלעך געשען. ברין איז דעמאָלט אַוועקגעפאָרן קיין מיטל־פראַנקרייך אין די אָווערניער בערג. קומענדיק צוריק קיין פּאַריז איז ער געווען באַשעפטיקט מיט זיין מאָדעל און מיט זיין נייעם סימבאָלישן לייוונט: „די גרינע נאַכט", און אינגאַנצן פאַרגעסן אויף דעם „אַלטן טשודאַק".

איצט, נאָך זיין צווייטן, ענדגילטיקן צעשיידן־זיך מיט סאָניאַן, זיין ווייב, איז ער געגאַנגען, מיטן פלעשל קאָניאַק אין דער אָפּגעצויגענער קעשענע פון זיין פּאַלטאָ, געגלעט דאָס באַגילדעטע היטעלע פון פלאַש און זיך אַליין געזאָגט מוסר:

— ס'איז אפשר אמת, וואָס גאַבראָנסקי האָט מיר דעמאָלט געזאָגט. איך פאַרברויך צופיל מיין קראַפט אויף איינבילדונגען, חלומות,

www.libtool.com.cn

אַבסטראַקציעס. דאָס איז מער געשאַפּן פאַר די אַזוי־גערופענע, שייך־גייסטער ווי פאַרן ברייטן פאָלק. איך בין צופיל אַוועק פון לעבן, צופיל באַנוגנט זיך מיט שטוב־לופט, מיט עקזאָטישע מאָדעלן. די אַזערע אין די בערג איז מיר געוועזן ווייניק. איך האָב נאָך צוגעקלערט אַ גייסט איבער דער אַזערע, אויסגעמוטשעט די וואונדערבאַרע סאָלאַנש, אויס־געזויגן איר שיינקייט מיט מיינע פּינזלען, ווי מיט פאַרביקע פּיאַווקעס. מיט איר אַליין ניט אינטערעסירט זיך... און נאָך איידער פאַרענדיקט — פאַרקויפט דעם לייוונט איר ליבהאָבער. ווידער אַמאָל — אַ סנאָב און אַ „שייך־גייסט", אַזוי צו זאָגן. איך פאַרשטיי איצטער פאַרוואָס פראַנסואַ לופען איז מיר פאַרלאָפן דעם וועג און אָפּגעקויפט. ער פאַר־גינט ניט דאָס פאָלק זאָל זען און געניסן דאָס, וואָס ער האָט געזען און גענאָסן נאַכט־איין און נאַכט־אויס, אָט דער אָפּגעפאַרענער קאַוואַליער. און דאָס האָב איך געטאָן! איך, דויד ברין, וועלכער זוכט דעם טיפערן אמת אין דער קונסט, אין ליבע, אין לעבן, ביי סאָניאַן, וועלכע האָט מיך אַוועקגעוואָרפן... אָ, טרינקען און אַנטרינקען זיך איצט צוזאַמען מיט גאַבראַנסקין, וועלכער האָט דיך געוואָרנט פאַר אַזאַ גייסטיקער מפלה. און איך האָב אים ניט פאַרשטאַנען, אָדער ניט געוואָלט פאַר־שטיין!.. ניט געוואָלט פאַרשטיין אָט דאָס גרויסע קינד מיט די שיטערע סיווע הערלעך איבערן בולטן שטערן, און מיט די גרויסע פאַרוואונדערטע אויגן, וועלכע קוקן אַזוי יונג אַרויס פון געקנייטשטן פּנימל, מיט פאַרטאַיעטער לײדנשאַפט פון אַן אַסקעט, ביי וועמען אַפילו דער ציניזם איז געלויטערט און הייליק־געוואָרן; וועמעס עלטער עס איז קלאָר און הויך ווי שניי אויף אַ באַרג.

צענטער קאַפּיטל

ביי אַ גלעזל קאָניאַק

1.

אין טרינקען איז מישעל גאַבראַנסקי געווען ענלעך צו זיין אַ סך יינגערן פריינט דויד ברין. נאָר אַן איבעריק גלעזל האָט אים אַפילו טרויעריק ניט געמאַכט — דערצו האָט ער געהאַט אַ צו־געזונטן און איינגעקעקשנטן קאָפּ. פריילעכער איז ער דערפון אויך ניט געוואָרן — דערצו איז ער געווען צו איינגעהאַלטן און אַ ביסעלע צו אַלט אויך. עס

www.libtoof.com.cn

האָט אים נאָר ליכטיקער געמאַכט דעם געדאַנק און שפּיציקער די צונג. אָבער אויפן וועג פון אַזאַ קינסטלעכער באַלעבונג האָט ער זיך זעלטן־וועגן געלאָזן. ער האָט דאָס מאָל געמאַכט אַן אויסנאַם צוליב זיין אומ־געריכטן גאַסט, מיט וועמען ער האָט זיך ווירקלעך דערפרייט.

טרינקענדיק דאָס דריטע גלעזל פון שמעקנדיקן קאָניאַק, וואָס ברין האָט מיטגעבראַכט, און פאַרבייסנדיק מיט די סמירנער־אַליוון און גע־זאַלצענע מאַנדלען, וואָס ברין האָט אויך ניט פאַרגעסן, האָט זיך גאַבראַנסקי קודם־כל אַנטשולדיקט וואָס ער איז מיט אים, מיט ברינען, דעם לעצטן מאָל געווען אַזוי הארט... ברין געדענקט נאָך אַוודאי, אַז זיי האָבן זיך אָנהויב פרילינג באַגעגנט אין דעם אַלט־רוימישן צירק, דאָ ניט ווייט... און האָבן זיך צעווערטלט. ביידע זיינען דעמאָלט געווען שווערמוטיק. ער, גאַבראַנסקי, איז זיך איצט מודה, אַז די גאַנצע פראַגע וועגן אינדיווידואַליסטישע און פאָלקיסטישע קונסט איז אים דע־מאָלט אין דער לינקער פּיאַטע אויך ניט געלעגן; אַז לעוו טאָלסטאָיס מאָראַלישע מיינונג וועגן קונסט איז, ווירקלעך, פּונקט אַזוי פאַלש, ווי זיין אָראַפּרייסן שעקספּירן, איבסענען; ווי זיין מיינונג, איבער וועלכער ער האָט זיך צעקריגט מיט טשאַיקאָווסקין, אַז... בעטהאָווען איז, אייגנטלעך, געווען אַ גאַנץ שוואַכער טאַלאַנט...

— נאָר וואָס דען? — איז ברין נייגעריק־געוואָרן און אויס־געטרונקען דאָס פערטע גלעזל, — וואָס־זשע האָט אים, גאַבראַנסקין, געצוואונגען צו באַהאַנדלען אים דעמאָלט אַזוי... ניט־דעליקאַט, אויסצולאַכן זיין פּרעמירטן לייוונט וואָס הענגט אין לוקסעמבורגער מוזעאום, באַלערנען אים *וואָס* און ווי אַזוי מען מוז מאָלן... בפרט ער, ברין, איז נאָך אַרומגעגאַנגען מיט אַן אָפענער וואונד. ס׳איז דאָך געווען גראָד דעמאָלט... ווען סאָניאַ... נו, ער ווייסט דאָך וואָס סאָניאַ האָט אים דעמאָלט אָפּגעטאָן?

— טאָקע דערפאַר... — האָט גאַבראַנסקי פאַרשעמטערהייט אַ זופּ־געטאָן פון זיין גלעזל, — טאָקע *ווייל* ער האָט זיך דעמאָלט דער־וואוסט פון דער ביטערער געשעעניש אין ברינס פאַמיליען־לעבן, האָט ער זיך אַזוי אויפגעפירט. ניט געוואָלט ריידן דערפון. צעווערטלט זיך סתם אַזוי... דאָס איז דער אמת.

דויד ברין האָט שעמעוודיק אַ שמייכל געטאָן:

— מאָדנע... אויך איך האָב דעמאָלט מורא־געהאַט פאַר אַזאַ „אויסגיסן דאָס הארץ״. דערפאַר צעלאָזן זיך איבער דער גרויסער רוימישער פאַרגאַנגנהייט, איבער די שאָטנס, וואָס זי האָט איבער־געלאָזן אין דער צוויי־טויזנט־יאָריקער אָרענע...

— עס איז געווען... — האָט גאַבראָנסקי געזוכט אַ פאַרגלייך, — www.libtool.com.cn געווען ווי... ווי זאָל ער עס זאָגן? אין אַ געוויסן זין האָט ער אים דעמאָלט אומיסטנע ווײ־געטאָן. אַז אַ שלאַנג גיט אַ ביס, איז די בעסטע רפואה — אויסצוברענען די וואונד מיט גליענדיקן אייזן. בשעת אים, גאַבראָנסקין, איז געשען אַזאַ ענלעכע זאַך, ווען יעטאַ, זיין ווייב, האָט אים פאַרלאָזן, האָט ער צעטיילט זיין קליינעם קאַפּיטאַל. אַלץ וואָס ער האָט פאַר איר געקליבן, האָט ער צעטאַכלעוועט... נאַ, ניטאָ מער!.. אויף ברויט מיט טיי געלעבט דערנאָך איינער אַליין, ווי אַ נזיר פון די גאָר אַלטע ציטן. דאָס לעצטע ביסל פליישלעכן באַגער אויסצוברענגען. קיין צוריק זאָל מער ניט מעגלעך און ניט נויטיק זיין...

— המ... — בורטשעט אָפּ ברין און גיט אַ קער־איבער דאָס רעשט פון זיין גלעזל און טראַכט זיך, אַז קיין ספּעציעלע אַנטפּלעקונג האָט אים דאָ גאַבראָנסקי ניט געמאַכט. אין דער ערשטער אורזאַך פון גאַבראָנסקיס ברייטער האַנט און גלייכגילטיקייט צו געלט האָט ער שוין לאַנג חושד־געווען...

— נאָר אויך דאָס העלפט ניט אַלעמאָל... — האָט גאַבראָנסקי פאָרגעזעצט. — די צייט טוט דאָס בעסער. ער, גאַבראָנסקי, האָט שוין ניט איינמאָל געוואָלט שרייבן אים, אויפקלערן... נאָר ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן. מורא־געהאַט טאָמער וועט אים ברין ניט־פאַרשטיין. עס איז גוט וואָס ער אַליין האָט זיך איבערגעבעטן, געקומען אָן שום דערקלערונגען.

— ס'איז יאָ דאָ אַ דערקלערונג... — האָט דויד ברין שווערמוטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. — איך האָב היינט נאָכאַמאָל איבערגעלעבט מיין דערנידערונג. און איך האָב זי דאָס מאָל כשר פאַרדינט. איך אַליין האָב זיך צו איר אַראָפּגעלאָזן.

נאָך אַזאַ קורצער הקדמה, וואָס הערט זיך ווי אַ רעטעניש, איז גאַבראָנסקי געזעסן אַקעגן זיין יונגן פריינט, געקעמט זיך די לאַנגע פאַר־גרויטע האָר מיט זיינע קאָלירטע פינגער, וואָס זיינען אויסגעשמירט און צעברענט פון כלערליי כעמישע שטאָפן, און געלאָזן איבער זיך גיין ברינס שטילן און פאַרשעמטן ווידוי: וועגן זיין מאָדנער גלוסטעניש, וואָס עס האָט זיך אים פאַרגלוסט, מיט אַ פּאָר שעה צוריק, צו איבער־בעטן זיך מיט זיין פרוי; די פלוצלעכע בענקשאַפט, וואָס האָט אים דערצו געשטויסן, דורך באַרירן איר זיידן קלייד אין פינצטערן אַלמער; די פּיאַסקאָ, וואָס ער האָט דערפאַר באַקומען...

גאַבראָנסקיס וואַסערדיקלעכע און אַ ביסל־אויסגעקוילערטע אויגן האָבן ביסלעכווייז באַקומען אַ שאַרפן גלאַנץ. ער האָט דערטרונקען זיין

גלעזל און אַ זעץ־געטאָן מיטן מאַסיוון דנאָ אין טיש אַריין, אויסרופנדיק דערביי מיט אַ יוגנטלעכער פרישקייט און גאַנץ איבערצייגט:
www.libtool.com.cn

— ס'איז מיר ניט ניי. ביי דיר, אַזוי ווי ביי מיר... די אייביקע תורה פון אַלטע לייט. אין אַלע צרות זיינען זיי שולדיק.

דויד ברין האָט לייכט אויפגעשוידערט פון אַזאַ פלוצלעכקייט:

— יאָ־אָ... וואָס עפּעס מיטאַמאָל? און וואָס האָט דאָס צו טאָן?

— עס האָט שוין יאָ צו טאָן... — האָט זיך גאַבראַנסקי אָנגעגאָסן אַ ניי גלעזל. — מאַרקסיסטן וואָלטן געזאָגט: קאַפּיטאַל... אין גרונט גענומען איז דאָס די זעלבע זאַך. ס'איז אָבער נאָר א י י ן דערשיינונג און ניט אַלע. וואָרעם קאַפּיטאַל שטאַמט אויך פון דערזעלבער תורה, פון דיזעלבע געבאָטן, וועלכע זיינען געשריבן פ ו ן אַלטע לייט פ אַ ר אַלטע לייט. נאָר פאַר זיי... די עלטערלעכע מורא פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, דאָס אייביקע פאַרזיכערן זיך אויף די עלטערע יאָרן, האָט אונדזער שיינע ליכטיקע וועלט פאַרוואַנדלט אין איין גרויסן הקדש; צוגענומען, ביי אונדז אַלעמען, פון די קינדער־יאָרן אָן, אונדזער וואוילזיין, אונדזערע פריידן, אונדזער רעכט אויף גליק, אונדזער געזונט און ליבע. און אויפן חשבון פון אָט די אַלע ווערטן אויסגעבויט איין מושבֿ־זקנים, וואָס הייסט געזעלשאַפט, מלוכה... וואָס הויבסטו מיט די פלייצעס, וואָס? אַזאַ ווייטיק און אַזאַ דערנידערונג און דער עיקר — אַזאַ שנאה, ווי דו לעבסט איבער אין איצטערדיקן מאָמענט, איז פאַר מיר, ווי אַ ריזיקע פאַרגרעסער־גלאָז בשעת מיין אַרבעט. באַוואָפנט מיט אַ מיקראָסקאָפּ זעט מען זאַכן, וואָס די פליישלעכע אויגן זעען קיינמאָל ניט. פון מיקראָבן ווערן חיות — פאַר וועלכע מען האָט מורא; פון קלענסטן שפּעלטל ווערט אַ תהום, אין וועלכן עס פאַלט אַריין דאָס ביסל מוט און פרייד פון לעבן... דערפאַר האַלט איך קיינמאָל ניט דיין איצטיקע דערנידערונג און דיין איצטיקע שנאה אין מיין שטוב. אַ צו־געפּערלעכער אולטראַ־מיקראָסקאָפּ איז דאָס, אַ צו־שטאַרקער העלזועער. בעסער באַגיין זיך אָן אים... איך באַנוגן זיך מיט אָט דעם פּראָסטן מיקראָסקאָפּ, דאָ אויף מיין טיש. ער האָט ניט פיינט און ניט ליב. מעטאַל און גלאָז־לינדזן און שפּיגעלעך... ססט! וואַרט אַ ווײַלע. איך האָב פאַרגעסן אויסדרייען מיין ספּירט־לעמפּל אין לאַבאָראַטאָריע...

גאַבראַנסקי איז פלינק אויפגעשפּרונגען, צוגעלאָפן צו דער שמאָלער טיר, וואָס פירט אין קיך־אַריין און זי אָן עפן־געגעבן. אויף דויד ברינען האָט אַ וויי־געגעבן מיט אַ שאַרפן ריח פון ברען־ספּירט. אין דער פינצטערער קיך, אויף אַ מירמלשטיינערנעם טיש, האָט בלוי געברענט

www.libtoor.com.cn

אַ לעמפּל אונטער אַ גרויסער גלעזערנער קאָלבע. אין דעם דורכזיכטיקן פּענכער האָט עפּעס שווער געבולבעט. פון ביידע זייטן לעמפּל האָבן בלוילעך־זילבערדיק געפינקלט אויסגעלייגטע לאַנצעטן, לעפעלעך, הילף־געצייג. פאַרצעלייענע און גלעזערנע באַנקעס, מיט עטיקעטן, האָבן גע־שימערט אויף אַ פּאָליצע איבערן טיש... גאַבראַנסקי האָט געניט אַ שפּריץ־געגעבן אין דער בלוילעכער טונקלקייט און זיין געלבלעך געזיכט, מיט די אַ ביסל־אויסגעקוילערטע אויגן, האָבן גלייך אָנגענומען אַ גרינ־לעכן געהיימניספולן גלאַנץ. אַ קיך ניט פון דער היינטיקער עפּאָכע און אַ מענטש ניט פון דער היינטיקער וועלט... די גרויע לאַנגע האָר האָבן נאָך פאַרשטאַרקט זיין מיסטעריעזן אויסזען.

שווער ווי עס איז איצט געווען דויד ברינען אויפן האַרצן, איז דער מאָלער אין אים געווען נאָך שווערער און האָט זיין שווערמוט אַריבער־געוואויגן... איז ער אויך אויפגעשפּרונגען, צוגעלאָפן און אָנגעכאַפּט גאַבראַנסקין פאַרן אָרבל:

— לעשט ניט אויס! לעשט ניט אויס!..

און ווען יענער האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט, האָט אים ברינן דערקלערט:

— איר זעט איצטער אויס ווי... ווי אַן אמתער פאַוסט אין זיין גאָטיש קעמערל.

גאַבראַנסקי האָט נאָך מער אויסגעקוילערט ביידע אויגן:

— מער ווי דאָס ליגט אייך איצטער ניט אין קאָפּ?

— אַך, וואָס קאָפּ? ניט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק געלינגט מיר צו זען אַזאַ באַלויכטונג... לאָזט מיך אויסלעשן, ליבער גאַבראַנסקי, דאָס עלעקטרישע ליכט אין אייער ביבליאָטעק. לאָזט ברענען נאָר דאָס ספּירט־לעמפּעלע. דאָס איז אַזוי וואונדערלעך.

גאַבראַנסקי האָט נאָכגיביק אַ כיכיקע־געגעבן:

— אַדרבא...

ער האָט רעגולירט זיין צויבער־לעמפּעלע, אַוועקגעדרייט אַן־אַ זייט די גלעזערנע קאָלבע זי זאָל זיך קילן. ברינן האָט אויסגעלאָשן דאָס עלעק־טרישע ליכט אין ביבליאָטעק־קאַמער. און ביידע, ביי דער אָפענער קיך־טיר און אין דער בלוי־גרינלעכער באַלויכטונג פון ברען־ספּירט, האָבן זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף זייערע ערטער.

דאָס ביבליאָטעק־קאַמער איז מיטאַמאָל שמאָל־געוואָרן. פּאָלטיקע שאָטנס האָבן דעם סופיט צוגעגעבן אַ שוואונק פון מיטלאַלטערלעכע פּיילן־ליניעס. צווי פּנימער, אויסטערליש באַלויכטן, האָבן זיך נייגעריק אָנגעקוקט. אַ פאַוסט אין צוויי געשטאַלטן. איין געשטאַלט ווען ער איז

נאָך אַלט און פאַרעלטערט ; די צווייטע — ווען ער האָט שוין פאַרקויפט די נשמה און איז יונג־געוואָרן... די יונגע געשטאַלט האָט שוואַך אַ שמייכל־געגעבן און געבעטן :

— נו, רעדט ! איצטער איז גוט.

.2

די אַלטע געשטאַלט פון מישעל גאַבראָנסקי האָט אַ רגעלע גע־פינטלט מיט זיינע אויסגעקוילערטע אויגן.

— ביסט מיר... — מאַכט ער צום יונג־געוואָרענעם פּאָוסט, — אַ פאַרפאַלענער קאַליקע ביסטו... אַ מאַלער, וויל איך זאָגן, דערלויב מיר צו דוצן דיך. וואָס פאַר אַן „איר" ביסטו מיר איצט ? .. אַ פאַר־פאַלענער מענטש, ווייל איך זאָגן, האָסט פאַרקויפט דעם געץ אַפּאָללאָ דיין נשמה... צו דיין אייגענעם שאָפאָט וועסטו מאָלן דעקאָראַציעס. ביי אַ נירן־אָפּעראַציע וועסטו בעטן : וועסטאַלקעס מיט אַנגעצונדענע, גאָלד־באַפּאַרבטע ליכט זאָלן שטיין פון ביידע זייטן טיש... אַ פּאָוסט האָט זיך דיר פאַרגלוסט צו שפּילן... גוט ! זאָלסט אָבער צו מיר קיין טענות ניט האָבן, ווען דו וועסט דערזען דעם מעפיסטאָפל... לחיים, אַלזאָ ! טרינק אויך. ס'איז גוט פאַר דיר !

— לחיים !

— גוט אַזוי ! .. האָב אַ ווייילינקע געדולד. איך וועל באַלד צוריק־קומען צו מיינע אַלטע לייט און צו דער תורה זייערער. ווען איך בין נאָך געווען אַ סטודענט, דעם דריטן סעמעסטער ערשט געענדיקט, — איך האָב דעמאָלט שטודירט אין זשענעווע, — איז געווען פרילינג אויף דער וועלט... דו געדענקסט אפשר וואָס עס הייסט פרילינג פאַר אַ צוואַנציק, איין־און־צוואַנציק־יאָריקן יונג, ווי דו ביסט אַמאָל געווען ? אויב יאָ — וועסטו פאַרשטיין ווי ביטער־גליקלעך און זיס־אומגליקלעך איך בין געווען אין יענעם פרילינג־פאַרמיטאָג, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערשפּירט דעם אויסגעהונגערטן מאַנצביל אין אַלע מיינע אברים, פון די שפּיצן פיס ביזקל די האָר־וואָרצלען אויפן קאָפּ. הייגט, דער בלוי־ענדיקער „ענגלישער פּאַרק", דאָס גרין־בלויע עמאַל פון דער זשענעווער אָזערע, די וואַנדער־פייגעלעך, וואָס קערן זיך אום פון די וואַרעמע לענדער און רוען זיך אויס אויפן טיף־קאַלירטן וואַסער ; מיני ענטעלעך און גענדזעלעך, שניי־ווייסע, גרויע, גאָלדיק־גרינע מיט קאָראַלענע לאַפּקעס און מיט פעדערן־קרוינדלעך אויף די קעפּ. אויסגעפּוצט זיך ווי מחותנת־טעס אויף אַ גרויסער חתונה. מען וואַרט אויפן פרילינג־חתן און מען

שווימט דערווײַלע אַרום און מען באַלעבעטשעט צו ביסלעך... און דו דרייסט זיך אַרום איינער אַליין, עפּעס אַ ניט־געבעטעטנער, אַן אומרר־איקער. ביסט ברוגז אויף עמעצן, דערפֿאַר וואָס מען האָט דיך אויך ניט אײַנגעלאַדן, און שטופּסט זיך פֿונדעסטוועגן צווישן די אויסגעפּוצטע מחותנים. יעדע יונגע פֿרוי וואָס גייט דורך רייסט ביי דיר אַוועק אַ שטיק האַרץ. יעדער וויג פֿון אַ דאַמען־היפּט זויגט דיר דיין הייס־בלוט. פּרויען־אויגן גלעטן דיך און טועןדווי: „אַמוזירן ווילסטו זיך, בחורל? אַ? ניט פֿאַר דיר!..."

www.libtool.com.cn

און מיטאַמאָל פֿאָרט אויף מיר אָן אַ טייער געניקלט וועגעלע אויף גומענע רעדער, איינס פֿון יענע עלעגאַנטע וועגעלעך, אין וועלכע מען פֿירט אַרום רייכע קאַליקעס. אין וועגעלע איז ווירקלעך אָנגעפּאָרן איינער אַזאַ, אַ שווערער פּאָדאַגריק מיט אַ רויט־אָנגעגאָסענעם געזיכט, מיט אויסגעלופּעטע וואַסערדיקע אויגן. צווי בלוילעכע בלאָטקעלעך אין רויטן... איך האָב זיך דערנאָך דערוואוסט, אַז דאָס איז אַ שטאָק־רייכער באַלטישער באַראָן, עמעצער פֿון יענע הויכע דייטש־רוסישע לייט, וואָס לעבט אויס זיין קראַנקע עלטער אין אויסלאַנד, אין מילדן זיד־שווייצאַרישן קלימאַט. געשטופּט האָט דאָס וועגעלע אַ „שוועסטער". אַזוי ווי אַלע געדונגענע „שוועסטער", האָט אויך די דאָזיקע באַצאָלטע באַרעמהאַרציקייט געטראָגן אַ לאַנגע פּעלערינע פֿון אַ לייכטן ים־בלויען שטאָף, אַ שיין־פֿאַרבונדענעם האַלב־בלויען האַלב־ווייסן טוך אויפֿן קאָפּ. איבערן שטערן, אויפֿן טוך, אַ מין קין־צייכן — אַ רויטער קורצער קרייץ, כדי אַלע זאָלן וויסן, אַז די באַטרעפֿנדיקע פּערזאָן איז צום אַלטן קאַליקע אין וועגעלע זייער באַרעמהאַרציק. סכנות־נפֿשות!.. נאָר ניט דאָס איז דער עיקר. דער עיקר איז, אַז זייט־ביי־זייט מיטן וועגעלע איז נאָכ־געגאַנגען אַן עלעגאַנטע ווייבלעכע דערשיינונג, אַן אויסערגעווייִנטלעכע שיינהייט, הויך־געוואַקסן, גאָלדיק, מיט טוי אויף די טונקעלע וויעס און מיט יוגנט־שטאָלץ אויף די שפּילעוודיקע פּלייצעס. וואָלסט גע־דאַרפֿט זען אַ גאַנג, אַ הייסקייט פֿון בליק, אַ ריטמישקייט פֿון אַלע גלידער, אַ חן פֿון צוואַנציק, איין־און־צוואַנציק יאָר. ניט עלטער פֿאַר מיר איז זי מן הסתם געווען. פֿאַר מיר און פֿאַר מיין דעמאָלטיקער עלטער ווי געשאַפֿן. נאָר דער רויט־פּנימדיקער פּאָדאַגריק האָט זי פֿון מיר אַוועקגענומען... ווי אַ באַשווינדלטער יורש האָב איך דאָס גלייך דערפֿילט.

פֿאַראַן פֿרויען אין וועלכע מיר פֿאַרליבן זיך ביסלעכווייז. אונדזער האַרץ צעבליט זיך און צעבלעטערט זיך ווי אַ שעמעוודיקע רויז. און פֿאַראַן ליבעס וואָס קומען אָן מיט אַ שנעלערן טעמפּאָ. נו, לאָמיר זאָגן:

ווי אַ געוויסער... אַ נאָענטער ליבלעכער טייך הויבט אָן שטייגן און
www.libtool.com.cn
דראָען מיט צעברויזטע כוואַליעס. מיר האָבן נאָך צייט צו ראַטעווען אַ טייל פון אונדזער גייסטיקן פאַרמעגן. דאָס שווערע טייל לאָזן מיר איבער אויף גאָטס באַראָט. פאַראַן אָבער אַזעלכע ליבעס וואָס טרעפן אונדז ווי אַ בליץ אין העלן טאָג. קיין כמאַרע וואָרנט אונדז אַפילו ניט... פון אַזאַ איינער איז קיין רעטונג ניטאָ. דו ביסט פאַראַליזירט. דאָס גייסטיקע לעבן שטעלט זיך אין דיר אָפּ. די לאָגיק דינט דיר מער ניט. וואָס גלייך ווערט קרום און וואָס קרום — גלייך. דו ביסט אַ פאַרפאַלע־נער... דער אַלטער קאַליקע אין וועגעלע האָט זיך מיט זיין שיינער באַגלייטערין אונטערגעהאַלטן אין אַ שלעכטן ענגליש, מיט אַ האַרטער רוסישער אויסשפּראַך. און זי האָט געענטפערט לייכט און זיס. ווי אַ זומער־קוואַלכעלע געזונגען און חניפהדיק שמייכלענדיק אַראָפּגעקוקט דערביי צום אַפּאָפּלעקסישן פּנים. אָבער די ניט־אויפריכטיקע מינעלע אירע האָט איר אויסדרוק ניט קאַליע געמאַכט, נאָר באַטעמט. עס איז געווען אַ לויכטנדיק געמיש פון זינדיקייט און הייליקייט, דערפאַרנקייט און נאַאיוויטעט... אַזעלכע ליפּן און אַזעלכע שמייכעלעך ווערן ניט אַלע טאָג געבוירן. דאַ־ווינטשיס דזשיאָקאָנדאַ, ווייסטו, האָט אַזאַ ענלעכן שמייכל. ניט אומזיסט זיינען אַלע מענער פאַרליבט אין איר בילד.

איך בין געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפּטער. לוטס ווייב וואָלט געווען מאַרמעלאַד אַקעגן אַזאַ פאַרשטיינערונג ווי מיינע... ווי אַ גלאָמפּ בין איך געשטאַנען, מיט אַן אָפענעם מויל, דאַכט מיר. און ווען איך האָב זיך אויסגעטשוכעט, איז שוין די דריי־אייניקייט, פון פּאַדאַגריק אין וועגעלע, פון דער „שוועסטער" און פון דער בלאָנדער שיינהייט, געווען פאַרשוואונדן פון מיינע פינטלדיקע אויגן.

איך בין קיינמאָל קיינעם ניט נאָכגעלאָפן. פרויען — אויך ניט. גראָבע־נייגעריקייט, אייפערזוכט און אויסשפּירעריי שטייען ביי מיר אויף איין הויך, פון וועלכן קוואַל זיי זאָלן ניט שטאַמען און וואוהין זיי זאָלן ניט פירן. אין יעדער נאָכלויפעריי איז עפּעס דאָ הינטישעס. אַ קולטור־מענטש זעט אַלץ און קוקט אַוועק. ד אָ ס מאָל האָב איך גע־האַנדלט ווי אַ קליידל־נאָכלויפער פון ערגסטן סאָרט. איך בין עטלעכע מאָל פאַרלאָפן דעם שטופּ־וועגעלע פאָרויס און פון הינטער אַ בוים־שטאַם, ביים זייט פון דער פּראָמענאַדע, נאָכגעקוקט יענע, וועלכע האָט מיך אַזוי געטראָפן אין האַרצן. איר מאַיעסטעטישער גאַנג, איר וואוקס, דער ריינער ראָזעווער פּראָפיל, די איידל־געוועלבטע ברוסט, דאָס שימערן פון איר זיידן־קלייד, דאָס לעבעדיקע גאָלד פון אירע גריכיש־פאַרקעמטע האָר, די טונקעלע הויך־געבויגענע ברעמען, — דאָס אַלץ האָט

אַרויסגערופן אַ פאַרגלייך מיט אַ ווענוס, וואָס האָט זיך אַנגעטאָן אין מאָדערנע קליידער און אַראָפּ אין גאָרטן כדי צו פאַרפירן הערצער, כדי צו צערודערן גייסטער און צעשטערן די גאַנצע האַרמאָניע פון דעם פרי־לינג פאַרמיטאָג, פון גרינס און זון און וואַסער־בלוי, וואָס האָט געהערשט אין „ענגלישן פאַרק". אין דער דאָזיקער צערודערונג איז מיר נאָר איין זאַך קלאָר געווען, אַז מיר פאָרויס, לעבן וועגעלע פון פאָדאַגריק, שפרייזט אַ ווייבלעכקייט, צוליב וועלכער מענער פאַרלירן דעם קאָפּ, ווי געזונט דער קאָפּ זאָל ניט זיין; אַז צוליב אַזאַ איינער צעוואַרפט מען שווער־אָנגעזאַמלטע פאַרמעגנס און מען פאַרוואַנדלט גרויסע קאַריערעס אין פוס־קאַרפּעטן, אָן וועלכע אַזאַ איינע ווישט דערנאָך די שיכלעך, אויב מיר טרעטן ניט אָפּ באַצייטנס ... מיר, די מענערשע קעפּ, ווייסן דאָס אין פאָרויס, און פונדעסטוועגן טרעטן מיר נ י ט אָפּ. פאַרקערט, מיר זוכן דאָס. אין אַן עקסטאַז פון ווילדן פאַרגעניגן ווערן מיר שמאַטעס, דערנידעריקן זיך, לאָזן זיך טרעטן און בענטשן דערביי די שיינע און כמעט אַלעמאָל נאַרישע פיסלעך וואָס טוען דאָס. איך אַליין האָב דער־פילט, אַז איך, מיט מיינע איין־און־צוואַנציק יאָר, בין גרייט צו אַלץ אין דער וועלט, אויב אָט די שיינהייט זאָל מיר נאָר שטעלן אַ באַדינג, קיין נפקא־מינה ניט וועלכער באַדינג — אַפילו אַ פאַרברעכן ... היינט די שאַרפע, חיהשע שנאה מיינע צו אָט דעם פרעמדן מאַן אין וועגעלע! איך האָב נאָך אַזאַ רציחה צו אַ מענטשן קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געפילט. ניט פאַרשטאַנען פון וואַנעט עס נעמט זיך. מיט דער שפּי־ציקייט פון דעם אויסגעהונגערטן פרימיטיוון ז כ ר, וואָס האָט זיך אין מיר פלוצלונג אויפגעכאַפּט, האָב איך העלזעעריש גלייך געוואוסט, אַז דאָס איז אַ באַצאָלטע, אַזוי־גערופענע „ליבע". מיט פשוטע ווערטער: אַז דאָס איז אַ קורטיזאַנע, וואָס ווערט באַצאָלט מיט שווער־געלט, מיט צירונג, מיט פעלצן און זיידנס, מיט גוטע שפּייזן און טייערע ווייַנען.

איבערלויפנדיק אַזוי פון בוים צו בוים, אויסבאַהאַלטנדיק זיך הינטער די דיקע שטאַמען און דערנאָך, אין גאַס, — הינטער די אייזערנע זיילן פון די שטאָט־לאַמטערנעס, האָב איך זי אַזוי באַגלייט ביזקל איינ־גאַנג פון אַ גרויסן האָטעל, איינער פון די רייכסטע, פעשענעבלסטע האָ־טעלן פון זשענעווער אָזערע. דאָ איז דאָס וועגעלע שטיין־געבליבן. אַ לאָקיי אין גאָלד־לאַמפּאַסן איז צוגעלאָפן און געהאָלפן דער „שוועס־טער" און דער שיינער באַגלייטערין אַריינצופירן דעם קאַליקע אין דעם גרויסאַרטיק־דעקאָרירטן לאָביש ...

גאַבראָנסקי האָט אַ טרונק־געגעבן פון זיין גלעזל מיט אַ מאָדנער, פאַרצווייפלטער באַוועגונג, וואָלט מען געקאָנט זאָגן. עפּעס ווי דער

פּאַרדרוס, פון זיין אַמאָליקער יוגנט, וואָלט אים נאָך געוואָרן אין די ביינער... דויד ברין האָט אַ שמייכל געגעבן, געוואָרט אַ ווײַלע און דערנאָך דערמאָנט זיין עלטערן פריינט, וואָס האָט זיך פאַרטראַכט, אַז ער האַלט נאָך אינמיטן:

— נו, האָט איר... האָסטו ריכטיק געטראָפן?

גאַבראָנסקי האָט גלייך פאַרשטאַנען וואוהין די פראַגע צילט:

— ריכטיק. ווי פון געדרוקטן אַראָפּגעלייענט... פאַר אַ טרינק־געלט האָט מיר די ערשטע אינפאָרמאַציע געגעבן דער זעלבער בכבודיקער לאָקיי אין בלויען ראָק מיט די גאָלדענע לאַמפּאַסן, וועלכער האָט געהאָלפן די אויבנדערמאָנטע דרייאיינציקייט אַריינצופאָרן אין לאַביש פון האָטעל. שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז מיין האַנדלען, ווי אַ פּראָווינץ־דעטעקטיוו, איז געווען איבעריק. מען האָט דעם מאַן אין וועגעלע, מיט די צוויי ווייבער וואָס באַגלייטן אים, אומעטום געקענט; אויף דער לענג פון דער גאַנצער פּראָמענאַדע וויל איך זאָגן. פון האָטעל־איינגאַנג ביזקל עק פּאַרק. עס האָבן זיי געקענט די סיגאַרעט־געשעפטן, די דראָזשקערס מיט די ווייסע צילינדערס אויף די קעפּ. אַפילו דער גערטנער אין פּאַרק האָט זיי געקענט. איך אַליין האָב אויך צוגעלייגט אַ האַנט... ריכ־טיקער געזאָגט — אַ פוס. וואָרעם עטלעכע פאַרמיטאָגס נאָכאַנאַנד האָב איך דאָס וועגעלע, מיט די צוויי פרויען, באַגלייט פון דערווייטנס. נאָכגעקוקט און נאָכגעשפּירט. און דאָס בלוט האָט אין מיר געקאָכט פון ליידנשאַפט און רציחה, פון פאַרוואורפן קעגן דעם אַלטן הולטאַי און קעגן דער שיינהייט וואָס האָט זיך אים פאַרקויפט...

— אויף דיר וואָלט איך דאָס ניט געגלויבט.

— איך אויך ניט... נאָר דו, יונגערמאַן, אויף מיין אָרט, וואָלטסט אויך בעסער ניט געווען. איך מיין דערמיט צו זאָגן: ווען מען מאַכט דורך דעם איין־און־צוואַנציקסטן זומער אין לעבן, מען איז אַן אָרעמער סטודענט און מען איז נאָך דערצו שטערבלעך און האָפנונגסלאָז פאַרליבט אין אַזאַ ספינקס...

ניט מיטאַמאָל איז אויף מיר אָנגעקומען אַזאַ ווילדע באַנעמעניש. לכתחילה איז דאָס נאָר געווען אַ בייזע נייגעריקייט. איך האָב, אייגנט־לעך, נאָר געוואָלט וויסן: צי איך האָב ריכטיק געטראָפן... און ווען איך האָב מיך איבערצייגט אין וועלכע באַציאונגען דאָס ניט־גלייכע פּאָרל שטייט איינער צום צווייטן און די סומען וואָס דאָס קאָסט, האָב איך דערשפּירט אַ פערזענלעכע באַליידיקונג קעגן מיין איין־און־צוואַנ־ציק־יאָריקער יוגנט. עמעצער, אַן עקשנותדיקער, אַ הייס־בלוטיקער,

האָט מיך פאַרפאָלגט מיט איין־און־דערזעלבער פראַגע: מיט וואָס www.libtool.com.cn פאַר אַ רעכט נעמט אָט דער אַלטער מנוול אַוועק ד אָ ס, וואָס עס געהערט דיר, דיין געזונטן לייב, דיין פרישן גייסט, דיין פרילינג?... איך האָב דיר שוין געזאָגט: אַ סקאַרבאָווער מאַרקסיסט וואָלט דאָס געקאָנט פאַר־ענטפערן פראָסט און פשוט: „דער קאַפּיטאַל! די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג האָט דיך באַרויבט!..“ געוויס, ווען מען וואָלט אָט די בליענ־דיקע שיינהייט ניט אָפּגעקערט, פון גלייכן וועג, מיט הויפנס גאָלד און מען וואָלט איר געגעבן דעם פרייען אויסוואַל, וואָלט זי גיכער אויס־געקליבן מיך איידער דעם אַלטן פּאָדאַגריק. קעגן אַזאַ אָרדנונג און קעגן אַזאַ פאַרקויפטן ווילן מוז מען קעמפן דורות־לאַנג. אין יענע אויסטער־לישע זוניקע טעג, אויפן ברעג פון דער זשענעווער אָזערע, איז מיר אָבער אַזאַ קאַמף געווען צו־לאַנגווייליק. צו פאַרזאָרגן מיט שיינע פרויען די יוגנט פון די קומענדיקע דורות האָב איך קיין צייט און געדולד ניט גע־האָט. איך אַליין בין אָנגעקומען דער ערשטער אין אָט דער היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישער ריי. אַזוי ווייניקסטנס האָט דאָס מיר דעמאָלט אויסגעזען. און אַזוי ווי קיינער האָט מיר מיין חלק מאַטעריאַליזם ניט צוגעטראָגן, האָב איך זיך אַ ריס־געגעבן פאָרויס און דערפילט, אַז איך פאַרליר די קאָנטראָל איבער מיין ווילן. אַ בייז־האַרציקייט און אַן אכזריות איז מיך באַפאַלן. אַליין ניט ווּסנדיק ווי דאָס איז געשען, האָב איך זיך, אין אונדזער הויך־שול־לאַבאָראַטאָריע, גענומען אינטע־רעסירן מיט די שטאַרקסטע גיפטן, וועלכע עקזיסטירן אויף דער וועלט: מיט סטריכנין און ציאַן־קאַלי, מיט אַרסעניק און קוראַראַ און קאָראַטאָן־אויל... איינגיכן האָב איך זיך, אָבער, איבערצייגט, אַז כדי צו באַנוצן זיך מיט איינעם פון די דאָזיקע גיפטן, מוז איך, ווייניקסטנס, ווערן אַ קוכער ביים וויסטן פּאָדאַגריק, וועלכער האָט ביי מיר אָפּגענומען „מיין“ גליק. מ י י נ ס, פאַרשטייסטו מיך... און איך האָב זיך גענומען נאָכפרעגן נאָך פייער־וואָפן, וואָס שיסט וייט און מאַכט ניט קיין גערויש. די דאָזיקע דערפינדונג האָט דעמאָלט, צום ערשטן מאָל, אָפּגעקלונגען אין דער פרעסע. און איך האָב זיך מיט איר פאַראינטערע־סירט, ווי מיט אַ זאַך, וואָס געהערט צו מיינע וויכטיקסטע עסקים... קורץ און גוט, אין איין העלן, אָדער פאַרוואָלקנטן, פרימאָרגן האָב איך זיך געכאַפּט, אַז ניט היינט־מאָרגן קאָן איך איבערגיין פון טעאָריע צו פּראַקטיק און פון נאָכפרעגעניש צו טאַט, אויב די ריכטיקע געלעגנ־הייט זאָל זיך מאַכן. איך מוז דערפאַר פון אַזאַ פיינער געלעגנהייט אַנטלויפן ווי פון דער פעסט.

.3

www.libtool.com.cn

— קודם כל, — אַזוי האָט גאַבראַנסקי פאָרגעזעצט זיין דערציי־
לונג, — קודם כל האָב איך געמוזט פעסט אַנטשליסן מער ניט צו שפּאַ־
צירן אין „ענגלישן פאַרק", אַפילו פון דערווייטנס ניט זען מער מיין
שיינהייט מיט איר אַלטן פאַרזאָרגער אין וועגעלע... איך בין אַפילו
אין אוניווערזיטעט מער ניט געגאַנגען, דורכגעלאָזן אַ סך לעקציעס,
איינגעשלאָסן זיך אין מיין צימערל אויף רוט־קאַראַלין, אַ פאַרוואָרפענע
גאַס אַזאַ, אין זשענעווע, וואו אַלע רוסישע און פאָליטישע עמיגראַנטן
זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן. געלעבט אויף ברויט מיט טיי, ווי אַ נזיר,
געטראַכט און דערטראַכט זיך, אַז אונדזער גאַנצע קולטור, רעליגיע און
קונסט, אַז אונדזער גאַנצע סאָציאַלע, פאָליטישע און עקאָנאָמישע וועלט
ווערט געפירט לויט דער תורה פון אַ ל ט ע ל י י ט. ניט די יוגנט האָט
געזעצן געשריבן, נאָר די עלטער. אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דער תהום
וועלכער הויערט צווישן זיידעס און אייניקלעך, אָפּגעלעבטע און אויפ־
געלעבטע, ביזקל סוף פון אַלע דורות.

— איך פאַרשטיי ניט...

גאַבראַנסקי איז אויפגעקאָכט געוואָרן. דער געטרונקענער קאָניאַק
און זיין שווער בלוט האָבן זיך אים אַ וואָרף־געגעבן אין צעשויבערטן
קאָפּ און אין די אויסגעקוילערטע גרין־באַלויכטענע אויגן. ער האָט זיך,
פאַר אויפרעגונג, אַ הויב־געטאָן פון אָרט:

— פאַרשטייסט ניט, אַ? זעסטו דען ניט, לעקיש איינער, אַז מיר
אַלע פירן אַ פאַרקערטן לעבן? מיר פאַרניכטן פרי אונדזער יוגנט
צוליב אונדזער שפּעטערדיקער קאַריערע. מיר געניסן ניט, מיט אונדזערע
פינף געזונטע חושים, באַצייטנס. מיר פאַרטאַכלעווען די שיינע ווערטן
וואָס די נאַטור האָט אונדז געגעבן, אַזוי ווי קאָרטן־שפּילער, צוליב אַ גע־
ווינס וואָס גייט קיינמאָל ניט אַרויס... אָט, אַז מיר פאַרלירן שוין
די ציין צום קייען, דעם מאָגן צום פאַרדייען, די אויגן צום זען, די אויערן
צום הערן, די קראַפט צו באַהערשן אַ געליבטע פרוי, דעמאָלט באַקומען
מיר די מעגלעכקייט צו געניסן דאָס לעבן וואָס איז מער קיין לעבן ניט.
יאָרן און יאָרן צאָלן מיר דערפאַר, אין פ אָ ר ו י ס, מיט אונדזערע גע־
זונטע גלידער, מיט אונדזער קאָכיק בלוט, מיט אונדזער גייסט. און ווען
מיר קומען־צו צום ציל, איז דער עץ־הדעת פאַרוועלקט. דאָס אַ ר אָ פּ־
ג ע פ אַ ל ע נ ע אויבסט — א ו נ ט ע ר ג ע פ ו י ל ט. אונדזערע קער־
פּערס זיינען אַלט און רייסיק. די פרייד פון לעבן — אויסגעוועפּט...
נאָר אויך דאָס איז פאָרויסגעזען פון דער קלוגער מענטשן־געזעלשאַפט,
אויך דערפאַר איז געזאָרגט. אַ כאָפּטע זשעדנע דאָקטוירימלעך שטייט

גרייט צו העלפן אונדז, צו לייגן לאַטעס אויף אונדזערע אַלט־געוואָרענע געוועבן. אַבי באַצאָל!.. אמת, ניט אַלעמאָל גיט www.libtool.com.cn זיך דאָס איין אָט די אָנגעשטעלטע לאַטוטניקעס. דעמאָלט ווערט אַ קאַפּאָטע איבערגעניצעוועט אויף אַ רעקל... ניטאָ קיין ציין? איז פאַלשע, אַבי אַ מענטש. דאָס רעקל ווערט איבערגעמאַכט אויף אַ זשילעט. ניטאָ קיין אויגן? איז דריי פאָר ברילן, אַבי אַ מענטש! אַזוי גייט דאָס אַ גאַנג פון יאָר צו יאָר, מיט די אויערן, מיט דער פאַרדייאונג, מיט די נירן. מען שניידט אַוועק, מען אַטראָפּירט, מען שטוקעוועט. אַזוי מערן זיך אין אונדזער געזעלשאַפט דריי־פערטלדיקע מענטשן, האַלבע מענטשן, פערטלעך און אַכטלעך... אָט דאָס ברוכוואַרג, זעסטו, האָט יאָ אַ קלענערע אָדער גרעסערע מעגלעכקייט צו געניסן, צו אויסלעבן זיך. אַ היים האָבן אַזעלכע געבראָכענע לייבער, אַ בעט און אַ טיש; אַ פּרוי וואָס איז גרייט צו טאָן אירע פליכטן, אַ פייער און אַ קאַמין. פון ז י י ע ר זייט איז קיין מניעה ניטאָ... וואַקסט פון אָט די אַלע שטיקלעך און ברעקלעך אַ נעוראַסטעניש מענטשן־מאַסע, אַ קראַנקע, געלאַטעטע, געשניטענע און ניט־דערשניטענע. אַ חלשות גייט אונטער ווען מען טראַכט זיך אין איר אַריין. דאָס שענסטע דערביי איז דאָס, וואָס אונטער די באַלויכטענע פענצטער פון אָט־די גאַנצע און האַלבע קאַליקעס דרייען זיך אַרום, לויערן און וואַיען, ווי הונגעריקע הינט, די געזונטע, די פולבלוטיקע, די האַרט־מוסקולדיקע... עס פינצטערן־אָפּ אין שלעכטע דערציאונגס־אַנשטאַלטן, אין ענגע שאַפּן און אין שטויביקע ביבליאָטעקן די זוניקסטע יוגנט, די קרעפּטיקסטע אַרבעטער־הענט, די בעסטע אינטעליגענץ. די יונגע כוחות רייבן זיך אויף אין שטויב און די ע ל ט ע ר טריאומפירט. אין די פעסטונגען־פּאַלאַצן, וואָס זי האָט זיך געבויט דורות־לאַנג, זיצט זי ביי די געגרייטע טישן, בת־מלכּהס באַדינען זי. קיניגט זי אַזוי און קאָנטראָלירט קאַפּיטאַל, מאָראַל, פּאָליטיק און וויסנשאַפט; קונסט און לעבנס־חכמה און ליבע. פון אונדזערע קינדער־יאָרן אָן זעען מיר דאָס צו און געוואוינען זיך מיט דעם געדאַנק, אַז אַזוי דאַרף דאָס טאַקע זיין און ניט אַנדערש. מיר באַנוגענען זיך מיט ברעקלעך און לעבן מיט דער האָפענונג אויף דער בכבודיקער עלטער. אַן אָנשטענדיקע יוגנט מוז פאַרברויכן איר קערפּער און גייסט פאַר אַלע שוואַכלייביקע און שוואַכזיניקע. ז י י מוזן צוערשט באַזאָרגט ווערן. אָט, אַז מען וועט עלטער ווערן, אַז מען וועט אַליין עלטער ווערן...

— אָ, — רופט זיך אָפּ דויד ברין, — דאָס זיינען דאָך ווערטער... דו רעדסט דאָך שוין גאָרניט ווי אַ דעמאָקראַט, דאָס שמעקט דאָך מיט אַנאַרכיע...

— זע, אָקערשט, ברין, צי דו אַליין שמעקסט ניט מיט פריצייטיקער עלטער! דאָס ניט־אַפּעטיטנע געפילעכץ פון באָבעס און זיידעס שפּריצט פון דיר אַרויס, אַזוי גיך ווי איך האָב דיך אָנגעשטאָכן מיט מיין וואָרט... ניט דער נאָמען פון אַ געדאַנק איז וויכטיק, נאָר זיין אמתדיקייט, זיין גרונט. זעסטו דען ניט, ברין, מיט דיינע קינסטלער־אויגן, אַז מיר לעבן אין אַ וועלט פון אַלטע, אין אַ רעליגיע פון אַלטע, אין געזעצן פון אַלטע? עס איז דאָך אַ וועלט פון האַמסטער־חיות, גרויע וועוויערקעס מיט מענטשן־קעפּ, וואָס האַלטן אין איין אָנגרייטן אויף ווינטער... דער היסטאָרישער ווינטער איז אָבער צו־לאַנג. די אַלטע פּגרן אויס אויף די אָנגעזאַמלטע אוצרות. און ווען די יונגע וואַרפן זיך אויף דער ירושה זיינען די הויפּנס ניס פאַרפוילט און פאַרשימלט. מיט פוילעניש און ביטער־געוואָרענע יאָדרעס דערנערן מיר זיך. מיט רעשטן, וואָס זיינען איבערגעבליבן נאָך די אַלטע ניט־פאַרגינער. אַזוי גייט דאָס דור־איין און דור־אויס. מען איז אַזוי אָנגעשראָקן און „באַאַרבעט" פון דער דערציאונג, פון דרך־ארץ פאַר דער אַלטער חכמה און פאַר דער אַלטער זאָרג, אַז מען האָט אַפילו קיין מוט ניט צו פּראָטעסטירן קעגן אַזאַ וועלט־סטרוקטור. ווי אַ בייזער חלום ציט זיך אָט די גייסטיקע און קערפּערלעכע פאַרשקלאַפונג פון דער יוגנט. ס'איז דער חלום פון איוואַן דעם נאַרישע־וואַטן, אין אַ קינדערשן לער־בוך, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אין די יונגע יאָרן: איוואַן דעם נאַרישן האָט זיך געחלומט קיסעל*) מיט זיסער סמעטענע. נאָר ער האָט קיין לעפל ניט געהאַט; האָט ער, אַ צווייטע נאַכט, אָנגעגרייט צוקאָפּנס אַ גרויסן לעפל — איז אים מער דער קיסעל צו חלום ניט געקומען...

אונטער ניט קיין בעסערן „איינדרוק" בין איך געווען אין יענעם דערמאָנטן פרילינג אין זשענעווע, ווען איך האָב זיך אָפּגעשלאָסן אין מיין סטודענטן־קאַמערל אויף רוט־קאַראָלין, כדי ניט צו באַגיין קיין פאַרברעכן. מיין סעקסועלער הונגער און מיין צאָרן, קעגן אַלטן פּאַדאַגריק, האָבן מיך שטאַרק געפּייניקט. עס האָט אָנגענומען איבערגעטריבענע פאָרמען, און זיך אויסגעגאָסן אין אַ פּראָטעסט קעגן דער גאַנצער אָרדענונג אויף דער וועלט. „די מלוכה פון אַלטע לייט" האָב איך דער דאָזיקער אָרדע־נונג אַ נאָמען־געגעבן. און געדוכט האָט זיך מיר, אין מיין דעמאָלטיקער פאַרצווייפלונג, אַז מיין זעל פלאַטערט און צאַפּלט ווי אַ פייגעלע, געכאַפּט פון אַ ביינערדיקער אַלטער האַנט, צווישן רעוומאַטיש־צעקרימטע פינגער מיט סקלעראָזע אָדערן... אַ לאַנגע צייט נאָכדעם האָט מיך די מיאוסע האַנט פאַרפאָלגט. איך האָב די אַלטע האַנט פון טראַדיציעס

---

*) זויערער קאָמפּאָט.

באַשולדיקט, אַז זי קאָנטראָלירט מיינע געפילן און מיינע ליידנשאַפטן www.libtool.com.cn זינט איך האָב זיך אָפּגעריסן פון דער מאַמעס ברוסט, און אַזוי וועט זי מיך קאָנטראָלירן ביזקל קבר אַריין. דאָס דריקט זי מיך אַזוי, לאָזט ניט פריי אויפאָטעמען. זי דריקט און אַן אַסטמאַטישער קול שעפּטשעט־צו: לא תגזל, לא תגנב, לא תנאף, לא תחמד... דער עיקר איז „לא תחמד", עס זאָל ויך דיר אַפילו ניט גלוסטן. דאָ איז די זלידנע עלטער אָן צייַן, אין איר אייביקן קאַמף מיט דער הייס־בלוטיקער יוגנט, דערגאַנגען צום אַבסורד. אַפילו ניט גלוסטן זאָלסטו! וואָרעם גלוסטעניש איז די מוטער פון אַלע רעוואָלוציעס. אַלטע אָריענטאַלישע שעיכן, מיט פאַררויכערטע בערד, האָבן אויף אַ געלן פּאַרמעט געשריבן ענלעכע געבאָטן, ווען דער קרומער שווערד איז מער ניט געווען אימשטאַנד אָפּצושטעלן דעם אָנשטורעם פון יונגע שבטים. דער רעליגיעזער שוץ פון אייגנטום האָט זיך דערמיט אָנגעהויבן. „מיין ווייב, מיין אייזל און מיין קאָרפּעט זאָלסטו ניט אַוועקנעמען! גאָט האָט אַזוי געהייסן..." אַ יונגער, פרייער, געניט זונטער פּרימיטיוו ברויכט דאָס ניט. ער קאָן זיך אַליין באַשיצן. זיין קראַפט באַשיצט אים, זיין פלינקייט, זיין גלויבן אין מאָרגנדיקן טאָג. די אומבאַהאָלפענע עלטער האָט דאָס ניט. זי איז פול מיט שרעק און פאַרדאַכטן. דאָס האָט זי צוגעקלערט די פּסעוודאָ־מאָראַלישע געזעצן, און אונטער זייער שוץ — צוגענומען דעם גרעסטן און בעסטן חלק פון לעבן, כאָטש קיין כוח צו געניסן אַזאַ פעטן שטיק איז ניטאָ... איך האָב אַפילו אין יענער שווערמוטיקסטער צייט פון מיין לעבן חושד־געווען, אַז דעם גרעסטן טייל פון די שוידערלעכסטע וועלט־מלחמות האָבן, אונטער אַלערליי אויסריידן, אַרויסגערופן אַלטע לייט. אומיסטנע, צי אינסטינקטיוו, אונטערן געהיימניספולן דרוק פון זעלבסטשוץ, קיין אונטערשייד ניט. אַבי זיי האָבן דאָס אַרויסגערופן. עובר־בטלע הערשער, כיטרע און אָפּגעפאָרענע דיפּלאָמאַטן. זיי אַליין מיט זייערע קליקעס און צעקנייטשטע משרתים זיינען געבליבן אין דערהיים און די יוגנט אַוועקגעשיקט צו פאַלן „אין פעלד פון ערע"... דער אָקערשט־איבערגעלעבטער קריג, ליבער מאָלער ברין, וואָס ווילהעלם דער צווייטער מיט זיין קאַמאַרילִיע האָבן אַרויסגערופן, איז, אין אַ געוויסן זין, אויך געווען אַזאַ: אַ קריג קעגן דער וועלט־יוגנט איז דאָס געווען. דער ירושה־חלק פון די אַלטע לייט האָט זיך מוראדיק פאַרגרעסערט אויפן חשבון פון די צענדליקער מיליאָנען געפאַלענע יונגען...

— ווי דו ווילסט, גאַבראָנסקי! אָבער אַלטע לייט קאָנען זיך דאָך ניט גיין שלאָגן...

— פאַרוואָס ניט? וויבאַלד אַלטע מיט אַלטע, וועט זיך דאָס שוין

אויסגלייכן. די אַלטע רופן אַרויס דעם קריג און ציִען אין פֿעלד אויס־צוקעמפן אַ בעסערע צוקונפֿט פֿאַר דער וועלט. די פֿרישע יוגנט בלייבט אין דערהיים מיט די קרעפּטיקע פֿרויען און קינדער, ביי די פֿולע שפּייכ־לערס תבואה און ווייַן. דעם גאַנצן כבוד און אַלע קופּערנע מעדאַלן — פֿינף סאַנטים אַ מעדאַל — בלייבט ביי די אַלטע קאַליקעס, וואָס קומען צוריק פֿון פֿעלד מיט דורכגעשאָסענע פּאַנעץ. זאָלן ז י י דאָס טראָגן און הינקען געזונטשינקערהייט! כאָטש איינמאָל אין לעבן, ליבער פּריינט ברין, וואָלט איך געוואָלט דערלעבן אַזאַ סאָרט מלחמה... אָבער, אַך, וואָס! איך האָב מיך פֿאַרגאַלאָפּירט. איך ווייס! הלוואַי זאָלן דאָס אונדזערע קינדס־קינדער דערלעבן אין אַ נייער וועלט־אָרדענונג, און די פּראָבלעמע פֿון אַן אייביקן וועלט־פֿרידן וועט זיין געלייזט איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל. דערווייל גייט דאָס אַ גאַנג לויט אַלטע טראַדיציעס. פֿון דור צו דור און פֿון לאַנד צו לאַנד. די אַלטע לייט האָבן די טראַדיציעס אויס־געטראַכט און די יוגנט האָט דאָס אָנגענומען. מיטן גוטן ווילן אָדער ניט — אָבער זי פֿירט דאָס אויס געוויסנהאַפֿטיק. זי פֿאַלט „אין ערע" אויפֿן פֿעלד. זי לאָזט איבער די שיינע וועלט דער עלטער, וועלכע טרייסט די יונגע אלמנות און מאַכט געבוירן אַ נייעם דור פֿון שוואַכע, שרעקעוודיקע קינדער, וואָס האָבן מורא אויפֿצוהייבן אַ קול קעגן די אַלטע פּאַטערס און דערציִער. פֿון אויפֿהייבן אַ פֿויסט איז שוין אָפּגערעדט...

— דו פֿאַרגעסט די רעוואָלוציעס...

— איך פֿאַרגעס זיי ניט. נויט און הונגער און חורבן רופֿן זיי אַרויס פֿון צייט צו צייט. די יוגנט קעמפֿט פֿאַר אַ בעסערן לוין, פֿאַר קירצערע אַרבעטס־טעג, פֿאַר פֿרידן. אָבער זי באַגרייפֿט אַפֿילו ניט, אַז דאָס קעמפֿט זי מיט דער אייביקער, איינגעגעסענער הערשאַפֿט פֿון די אַלטע לייט. זי שלאָגט אין דער פֿינצטער, זי שטורעמט שאָטנס, אָבער ניט די הויפּט־שולדיקע פֿון איר טיראַניי.

אָט שפּעטער אַמאָל, מיט דורות שפּעטער, ווען די יוגנט וועט זיך ענדלעך כאַפּן: ווער עס פֿירט זי פֿאַר דער נאָז זינט יאָרטויזנטער און וואוהין מען פֿירט זי; ווען זי וועט באַגרייפֿן, אַז כמעט אַלע געבאָט־ביכער און מלוכה־געזעצן נעמען ביי איר צו דאָס בעסטע פֿון לעבן און דאָס טייערסטע, כדי צו פֿאַרטיילן דאָס צו די אַלטע און אָפּגעלעבטע, דעמאָלט, זעסטו, וועט זיין אַן איבערקערעניש! אַלע וועלט־רעוואָ־לוציעס, וואָס זיינען אונדז באַקאַנט זינט די ברידער גראַקכוס האָבן זיך דערהויבן אין אַלטן רוים, ביז צום היינטיקן טאָג, וועלן זיין אַ קינדער־שפּיל אַקעגן דער אוניווערסאַלער רעוואָלוציע פֿון דער יוגנט קעגן דער עלטער. דאָס וועט ווערן אַן אמתער און ענדגילטיקער קאַפּויער, וואו די

לעצטע זייט פון וועלט־געזעצן וועט ווערן די ערשטע; וואו דער דאַך מיטן קוימען וועלן ווערן פונדאַמענט, און פון פונדאַמענט וועט גיין אַ רויך. „אין אַנהויב איז געווען די יוגנט״... און אַ נקמה־נעמען וועט אויסברעכן פאַר אַלע אויסנוצונגען, דערנידעריקונגען, פאַר אַלע נויטן און בלוט־פאַרגיסונגען, מיט וואָס די קאָנסערוואַטאָרן אָן צייַן האָבן באַלוינט די מאַסן פון קינדער, וועלכע האָבן זיך פאַר זיי מקריב־געווען...

— איך הער דיך, גאַבראַנסקי! איך הער מיטביידע אויערן. אָבער דאָס זיינען דאָך אַלץ ניט־קאָנטראָלירטע טעאָריעס און נאָך־ניט־גע־שעענע נבואות. צו שטעלן זיך אין דער אָפּאָזיציע איז אַלעמאָל לייכטער ווי שאַפן נייע ווערטן... קאָנקרעט, קאָנקרעט! וואָס איז דיין עצה? וואָס הויבט מען אָן צו טאָן, כדי צו פאַרמיידן רעוואָלוציעס צווישן יונגע און אַלטע, צווישן טאַטעס און זין, וואָס וועלן, לויט דיין מיינונג נאָך, זיין שוידערלעכער ווי די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, ווי די באָל־שעוויסטישע...

— קאָנקרעט ווילסטו? אין אַמעריקע האָט זיך שוין מיין רע־וואָלוציע אָנגעהויבן אויף אַ מער־אָדער־ווייניקער פרידלעכן אופן. די קאָנסערוואַטיווע דערציאונג, די הערשאַפט פון אַלטע איבער יונגע, איז דאָרטן ניט אַזוי שטאַרק ווי אין איראָפּע. דער גייסט פון אונטערנע־מונגען וואָס גייט אַרויס פון די יונגע איז דאָרטן אַ שאַרפע וואָרנונג דעם צעיושעטן קאַפּיטאַל. די וואָלקן־קראַצערס ציטערן פאַר איר... שטיוול־פוצערס און ציַיטונגס־פאַרקויפערס אַרבעטן זיך דאָרטן אַרויף צו מאַג־נאַטן פון אויל און קוילן און אייזן, איבערשפּרינגענדיק איבער אַלע טראַ־דיציעס פון דער אַלטער וועלט. דער אומגליק איז נאָר, וואָס דיזעלבע אַרויפגעאַרבעטע „יונגען״, ווען זיי דערגרייכן אַ געוויסע עלטער, הויבן זיי אַליין אָן איבערצונעמען די געבאָטן פון די „אַלטע״, פון יענעם זייט ים. זיי מאַכן דאָס נאָך גרינטלעכער ווי יענע... פון דאַנען איז גע־דרונגען דאָס, וואָס איך האָב שוין דיר פריער באַטאָנט: אַז קאַפּיטאַל איז נאָר איין דערשיינונג פון דער עלטערלעכער וועלט־הערשונג — די געהיימע און ברוטאַלע הערשונג פון די אַלטע לייט. אין ווענעציע, ווייסטו, איז נאָך, אין סוף 18־טן יאָרהונדערט, געווען אַזאַ עפנטלעכע מלוכה אין מיניאַטור — דער ראַט פון די צען אַלטע...

— יאָ, אָבער קאָנקרעט! נאָך קאָנקרעטער.

— נאָך קאָנקרעטער? דאָס ערשטע וואָס אַ נייער שטאַט דאַרף שאַפן איז אַ נייע קינדער־דערציאונג. ניט פּייניקן די קינדער מיט פאַר־עלטערטע לערנעכצן און מיט אויסגעדראָשענע געבאָטן. אַך, אָט די טרו־

www.libtool.com.cn

קענע שולן, די נערוועאישע לערער, די פסיכאָפּאַטישע לערערינס! מער באַרירונג מיט דער נאַטור און מיט פּראַקטישע וויסנשאַפטן, ווי מיט ביכער און אַבסטראַקטע פאָרמען און ציפערס. ניט אָפּשליסן די קינדער ווי קליינע קריגס־געפאַנגענע, ניט שרעקן זיי מיט דער צוקונפט ווי מיטן טייוול. ניטאָ קיין טראַגישערע דערשיינונג ווי אַ פאַרזאָרגט קינד!.. ניט צוזאָגן זיי די וועלט אויף שפּעטער, נאָר לאָזן זיי געניסן לויט די יאָרן נאָך. דער גאַנצער שטאַט אַרבעט פאַר דער יוגנט. דאָס, וואָס אין דער משפחה ווערט אין קליינעם מאַסשטאַב געטאָן פון פאָטער און מוטער, דאַרף, אין גרויסן פאַרנעם, געטאָן־ווערן פון גאַנצן שטאַט. פאַר זייער וואוילזיין און פאַר זייער געזונט דאַרף געזאָרגט ווערן מער ווי פאַר די געעלטערטע. דאָס בעסטע מוז די יוגנט געניסן, דאָס הייסט: מענטשן ביי זייער פולער קראַפט. אַלטע און קראַנקע זאָלן ניט טאָרן חתונה־האָבן מיט יונגע פרויען נאָר דערפאַר ווייל זיי זיינען רייכער, ווייל זיי שפּילן אַ גרעסערע ראָל אין דער געזעלשאַפט. קיינער טאָר ניט באַזיצן אַ פעלד וואָס ער אַליין האָט ניט קיין כוח אויסצואַקערן עס און צו פאַר־זייען... די מענטשלעכע וועזנס וועלן אַזוי־אַרום דערהאַלטן־ווערן פרישער און מונטערער... און די וועלט־עקאָנאָמיע וועט ניט ליידן פון שלעכטער שטאָף־בייטונג. מיט אַנדערע ווערטער: איין לאַנד וועט ניט ליידן פון צופיל אָנגעזאַמלטער פּראָדוקציע און דאָס צווייטע לאַנד — פון אָרעמער מאָגערקייט. דאָס וואָס האָט פריער געדינט אַלס אַ בייטש איבער דער יוגנט זאָל דינען אַלס איר וואוילזיין. די פיזישע יוגנט גופא וועט אויסגעצויגן ווערן אין דער לענג, און זעכציק־ און זיבעציק־יאָריקע וועלן באַהאַלטן די פרישקייט פון קערפּער און גייסט. די זון אין אַזאַ וועלט וועט שיינען העלער און די ליבע צווישןביידע געשלעכטער וועט זיין טיפער. פּשוט דערפאַר ווייל די פרויען, אַזוי ווי די מענער, וועלן האָבן פרייען אויסוואַל. און די שענסטע און ליבלעכסטע מוידן וועלן זיך מער ניט פאַרקויפן ווי ביזאַהער. וואָרעם פּראָסטיטוציע איז ניט נאָר דאָס וואָס אַן אָרעם מיידל פאַרקויפט זיך פאַר הונדערט פראַנק אַ נאַכט, נאָר אויך דאָס, וואָס געבילדעטע און וואויל־סיטואירטע יונגע פרויען און טעכטער פאַרקויפן זיך פאַר הונדערטער טויזנטער — אויף אַ גאַנצן לעבן, צו אַ מאַן און צו אַ סביבה וואָס זיי האָבן ניט ליב...

פון דעם גוטן קאָניאַק און פון די אָנגעשטורעמטע בילדער, וואָס גאַבראָנסקי האָט אויף אים געגומען וואַרפן, האָט דוויד ברין באַקומען אַ לייכטן קאָפּ־שווינדל. ער האָט מיט די גראָבע פינגער צוגעדריקט ביידע שלייפן. עס האָט ניט געהאָלפן. די קינסטלעכע „גאָטיק" וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין גאַבראָנסקיס ביבליאָטעק דורך די פאַלטיקע

www.libtool.com.cn

שאַטנס, ביי דער בלוי־גרינער באַלויכטונג פון ספּירט־לעמפּל, האָט אים גענומען דריקן ווי אַ שווערע משא. ניט אַנגענומען איז אויך געווען דער פאַרוועלקטער פּנים פון בעל־הבית, מיט אַ גרין־באַלויכטענער נאָז און בולטע אויגן... ער, ברין אַליין, וועלכער האָט אַזאַ באַלויכטונג אַרויסגערופן, האָט גענומען זוכן אַ מיטל ווי פּטור צו ווערן פון איר. ער האָט די „מיטלאַלטערישע" שטימונג מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן און, ניט בעטנדיק קיין דערלויבעניש, איז ער אויפגעשפּרונגען און אויפגעדרייט דאָס עלעקטרישע ליכט...

ער האָט גלייך דערפילט אַ דערלייכטערונג, ווי ער וואָלט אַרויס פון אַ לאַנגן פינצטערן טונעל. גאַבראַנסקיס פּנים איז צוריק געוואָרן מענטשלעך, דער שווערער צויבער איז אַוועק און דער צימער, מיט אַלע זיינע ביכער־פּאָליצעס, איז ברייטער געוואָרן און היימישער.

גאַבראַנסקי האָט גלייך באַגריפן די סיבה פון זיין יונגן פריינדס אויפשפּרינגען, זיין פּלוצלעכן בייטן די דעקאָראַציע דורך אַ שטאַרקער באַלייכטונג, און האָט זיך דריבנע צעלאַכט:

— פּונקט אַזוי וועט דער גאַנצער מענטשהייט ווערן ליכטיק, ווען די יוגנט וועט פאַרנעמען דעם אָרט פון דער הערשנדיקער עלטער, ווען מען וועט זיי לאָזן אויסלעבן־זיך ווי געהעריק. דער רענעסאַנס האָט שוין אַמאָל אַזוי באַזיגט דעם רעליגיעזן מיטלאַלטער. איצט מוז אַ צווייטער רענעסאַנס פאַרניכטן די רעליגיע פון דער עלטער. אָפּגעשאַפט מוז זי ווערן, ווי פּסולת אין שמעלץ־טיגל פאַרברענט־ווערן...

גאַבראַנסקי האָט אין עקסטאַז אָנגעכאַפּט, מיט זיינע קאַלירטע פינגער, די גרויע האָר אויף זיין מאַגערן נאַקן:

— אָט די טראַפּייען פון דער קלוגעטשקער עלטער וועל איך דער ערשטער וואַרפן אין פייער!..

.4

איצט איז געקומען דויד ברינס ריי אַ לאַך־צו־געבן:

— דיין קרבן איז גרויס... נאָר אין גרונט ווייס איך נאָך פּאָרט ניט וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט די צרות צווישן מאַן און ווייב? ביי מיר, למשל.

— עס האָט צו טאָן! עס האָט יאָ צו טאָן... — האָט זיך גאַבראַנסקי האַסטיק אָנגעכאַפּט אַ פריש גלעזעלע. — ביי דיר, אַזוי ווי ביי מיר! גלויבסטו דען ווירקלעך, אַז דיין סאָניאַ האָט זיך אין האַרקאַוועקען פאַרליבט? זי האָט אים נאָר געפונען באַקוועמער, אַזוי ווי יענע שיינהייט

מײַנע אין זשענעווע — דעם אַלטן פּאָדאַגריק ; אַזוי ווי מײַן געוועזענע יעטאַ האָט געפונען באַקוועמער איר צווייטן מאַן. די וועלט־אָרדענונג פון די „אַלטע לײַט“ האָט אויסגעאַרבעט אַ באַזונדער פרויען־פּסיכיק. זיי זײַנען כמעט אַלע קויפלעך. דער גרעסטער טייל פון זיי פאַרקויפן זיך אויף עטלעכע יאָר, אויף צוואַנציק יאָר, אָדער אויפן גאַנצן לעבן. און נאָר אַ גאַנץ קליינער טייל — אויף איין נאַכט. איך האָב דיר שוין פריער געזאָגט, אַז פאַר מיר איז דאָס איינע און דיזעלבע פּראָסטיטוציע. די ערשטע איז נאָר סאַנקציאָנירט פון דער רעליגיע און פון דער געזעלשאַפט, און די צווייטע — מכלומרשט ניט. דאָס איז דער גאַנצער אונטערשייד.

— אָבער זי... זי האָט אים שוין אַוועקגעוואָרפן, אַוועקגעוואָרפן... — האָט זיך ברין אײַנגעשטעלט פאַר זײַן געוועזענער סאָניאַן ; די געוואוינהייט צו באַשיצן זי האָט בײַ אים אַרויסגערופן אַזאַ שטאַמלדיקן פּראָטעסט.

גאַבראָנסקי האָט ניט נאָכגעגעבן :

— עס האָט ניט צו זאָגן דאָס, וואָס *איצט* האָט זי האַרקאַוועץ אומגעביטן אויף אַ געזונטן מאַן. דעם אָנהויב האָט געמאַכט אָט דער שלאַבערדיקער נפש. לכתחילה האָט זי *אים* געפונען באַקוועמער. זײַנע געשמאַקלאָזע קאָמפּלימענטן און די רײַכע מאָלצײַטן אין גוטע רעסטאָראַנען איז געווען אַ גוטער באָדן פאַר אַלע אירע ווײַבערישע שוואַכקייטן, וואָס זי האָט באַקומען בירושה. ווי אין ווײַכע שמאַטעס האָט זי זיך אַרײַנגעלייגט אין זײַנע איבערגעטריבענע ליגנס, אין זײַנע רײַכערע מיטלען. די אייביקע, אײַנגעפלאַנצטע מורא פון די „אַלטע לײַט“ האָט דאָס געמאַכט. די מורא פאַר דעם מאָרגנדיקן טאָג... בײַם שוואַכערן מין דריקט זיך דאָס אויס אַ סך שאַרפער און קינדישער ווי בײַ מענער. ווען דו וואָלטסט דײַן סאָניאַ באַצײַטנס באַזאָרגט מיט *איינעם* פון די מיטלען, ווי האַרקאַווקע האָט זי באַזאָרגט, דאָס הייסט : אָדער מיט אַ לײַכט־לעבן פון אַ ליידיק־גייערין, אָדער מיט אַ פאַלשער רעקלאַמע פון אַ קינסטלערין, וואָלט דאָס ניט געקומען צום ברוך צווישן דיר און איר... און ווען דעם זעלבן באַזאָרגער אירן, האַרקאַוועץ, וואָלט זיך די אויסשטעלונג אויף רי־דע־לאַ־באָעסי אײַנגעגעבן, וואָלט זי אים ביז צום הײַנטיקן טאָג ניט אַוועקגעוואָרפן. איך האַלט זיך פעסט בײַ מײַן מיינונג, וועלכע איך האָב, זינט מײַן יעטאַ האָט מיך פאַרלאָזן : מען זאָל מער קיין אויפאָפּפערונג ניט זוכן בײַ פרויען, אַפילו בײַ אַן אייגענער פרוי.. איבערהויפּט ווען קיין קינדער זײַנען ניטאָ. די צײַט פון דעם ווײַבערישן ראָמאַנטיזם אין געשמאַק פון טורגעניעווס ראָמאַנען, אַזוי ווי די ריטערלעכקייט בײַ מענער, איז אַוועק

www.hbtool.com.cn

www.libtool.com.cn

אין אַלע אייביקייטן. דו, אַזוי ווי איך, האָבן מיר פֿאַרלאַנגט ביי דער מאָדערנער פרוי דאָס, וואָס זי קאָן מער ניט געבן. און ביידע זיינען מיר אַנטוישט. ווען די אויסכאַפּער פון אונדזער, אַזוי־געררופענעם, „גליק" וואָלטן נאָך געווען צוויי־פּיסיקע פון אונדזער גייסטיקער און פיזישער ניוואָ, וואָלט דאָס נאָך פאַר אונדז געהאַט אַ געוויסן זין. ווער־געלויף און קאָנקורענץ רעהאַביליטירט דעם געשלאָגענעם מאַן. דער הויפּט־פּאַרדרוס באַשטייט אין דעם, וואָס אַפילו דאָס ביסל קאָנקורענץ האָט דאָ געפעלט. אין דיין פאַל, אַזוי גוט ווי אין מיינעם. אַ זינלאָזער, אַפילו ניט סעקסועל־אַרויסגערופענער קאַפּריז... אומזיסט און אומנישט, הייסט דאָס, האָבן איבער זיך גייסטיק געאַרבעט מיינע אור־עלטערן, מיינע עלטערן, מיינע לערער, אַלע דענקענדיקע קעפּ וואָס האָבן מיך באַלערנט און באַגייסטערט, און דאָס וואָס איך האָב געאַרבעט איבער זיך אַליין, מיינע מערדערישע גלוסטעניש נאָך יענער באַגעגעניש אין זשענעווע, זיינען דאָך נאָר א י י ן שלעכטע דערשיינונג, וועלכע איך האָב באַקעמפט אין זיך. געווען נאָך אַ סך... מען כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ, ווען מען דענקט דאָס נאָך: די גאַנצע קולטור, דאַכט זיך, גייט אונטער! אַלע ווערטן ווערן ווערטלאָז...

דויד ברין האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. זיין שוואַרצע אַראָפּגע־האַנגענע טשופּרינע האָט באַרירט דעם ליידיקן קעלישאַק אויפן טיש. גאַבראַנסקי האָט אים קאַמיש אַ פּיק־געגעבן מיט זיין קאַלירטן פינגער:

— לאָז נאָר ניט אַראָפּ די נאָז דיינע, דו! לערן זיך פון אַזאַ אַלט־געבאַקענעם עגאָאיסט ווי איך בין. עס איז אַלעמאָל מער־ווייניקער אָנגענעם צו הערן, אַז אַ חבר האָט געהאַט דעם זעלבן אַריינפאַל. אויב אַזוי, בין איך דאָך גאָר ניט אַזאַ לעקיש. פאַראַן נאָך אַזעלכע. צוויי זיינען בעסער פאַר איינעם. עס לעבט זיך לייכטער... איבריקסטנס: גאַנץ מאָנפאַרנאַסער בולוואַרד, דאַכט מיר, לעבט אַזוי ווי איך, אַזוי ווי דו. נאָר קליגער. מען פאַרבייט זיך מיט די ווייבער אַזוי ווי מיט אָפּגענוצטע קאַלאָשן. אומיסטנע, אָדער אומגערן. די טרייסט איז אויך דיזעלבע. דאָס לעצטע פאַר פאַרביטענע קאַלאָשן איז דאָס באַקוועמסטע...

גאַבראַנסקי האָט מיט איין צוג איבערגעקערט זיין גלעזל און מיט אַ געזאַלצן שמייכעלע באַטראַכט זיינע פאַרפאַרבטע פינגער. אַ טרייסט־וואָרט פאַר זיין יונגן פריינט האָט ער געזוכט.

— און צוריק־גערעדט, — מאַכט ער געלאַסן, ווי ער וואָלט גע־ענטפערט אויף זיין אייגענעם געדאַנק, — ווער זיינען מיר, מיר זאָלן זיך אָוועקשטעלן און קאָנקורירן מיט דער נאַטור! אירע געזעצן שטימען ניט מיט אונדזער מאָראַל. דאָס איז קלאָר. ניטאָ קיין אַפּיטרופּסות

איבערן פאַרקער צווישן מאַן און ווייב. און קיינער קאָן קיין ליידנשאַפטן ניט מעסטן מיט אַ שניידערשן סאַנטימעטער. פאַראַן מענער און ווייבער און ווייטער גאָרניט. זיי גייען זיך צוזאַמען און צעגייען זיך. ציען זיך צו און שטויסן אָפּ, ווי פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע עלעקטריציטעט. אָן דעם וואָלטן מיר קיין ענערגיע ניט געהאַט און קיין באַלויכטונג ניט באַקומען... און אפשר האָבן אַלע אונדזערע אייפערזוכטן, נקמה־געפילן, שלאָפלאָזע נעכט, אונדזערע טרערן און בלומען־בוקעטן אויסגעקלערט האַלב־משוגענע דאָן־קיכאָטן אין פאַרזשאַווערטע, אייזערנע פּאַנצערס? אפשר האָבן זיך אונדזערע ראָמאַנטישע עלטערן אַראָפּגענומען אַ מוסטער פון ווילדע בערג־צאַפּן, פון אינדיקעס און בופלאָקסן, וואָס שלאָגן זיך ביז בלוט איבער זייערע נקבות? און אמתע מענטשן, ווי מיר פאַרשטייען דאָס,דאַרפן אַוועק־קוקן, מוחל־זיין, באַרואיקן זיך און ווייטער לעבן און געניסן. איינע אַוועק איז — גלייך טרייסטן זיך מיט אַן אַנדערער... ווי מיינסטו, ברין?

פּאַוזע. ברין האָט גאָרניט געענטפערט.

— עס לוינט זיך ניט, גלויב מיר, ברין! מען געוואוינט זיך צו, ווי צו אַ בראָדעווקע. וועסט זיך אויך צוגעוואוינען. עס איז ניט אַזוי דער פיזישער און גייסטיקער ווייטיק פון אָפּרייסן אַ האַלבן גוף פון זיך, ווי דער פאַלשער שטאָלץ וואָס מען האָט „מיך" אַוועקגעוואָרפן, און ניט פאַרקערט. וויבאַלד אַן אַנדערער האָט דאָס אויסגעכאַפּט, איז דאָך דאָס אַ מציאה. היינט וואו ביסטו, קאַליקע, געווען? פאַרוואָס האָסטו דאָס ניט אויסגעהיט? נאָר, זיי זיכער, ווערסט נאָך געפינען אַזעלכע מציאות. אַ סך, אַ סך...

— און וואָרום האָסטו ניט געפונען? אויב איך האָב ניט קיין טעות, האָסטו ביז איצטער געהאַט אַ סך מער צייט פאַר מיר און מער גע־לעגנהייטן — אויך...

— איך?

גאַבראָנסקי האָט זיך פאַרלעגן געגלעט די גרויע האָר אויף דער פּאַטעלניצע מיט זיינע פאַרפאַרבטע פינגער, און דערנאָך מודה־געווען:

— יאָ, אַ קשיא איז דאָס... נאָר דו אַליין האָסט דאָך שוין פריער געזאָגט, אַז טעאָריע איז לייכטער ווי פּראַקטיק. עס איז לייכטער צו געבן אַן עצה אַן אַנדערן ווי זיך אַליין. אַלע שוסטער גייען אָן שטיוול...

— דאָס איז ציניש...

ווען איך וואָלט געווען אַזוי יונג ווי דו — יאָ. אָבער אין מיינע יאָרן? אין מיינע יאָרן פאַרטרעט טעאָריע דעם אָרט פון פּראַקטיק. עס איז ווי דער פאַרשטיינערטער קאָראַל וואָס בלייבט איבער אין ים, אַלס

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

באַזע פאַרן לעבעדיקן... ווילסט די באַזע ניט געברויכן — דאַרף מען ניט! איבריקנס, מיר האָבן זיך אַזוי פאַרעדט וועגן דער „תורה פון אַלטע לייט", אַז איך האָב זיך אינגאַנצן פאַרגעסן... ווען דו ביסט היינט אַריינגעקומען, האָב איך געהאַט בדעה צו טיילן זיך מיט דיר וועגן אייניקע פאָרשונגען, מיט וועלכע איך בין איצט באַשעפּטיקט. וואָס גרינטעלכער איך אַרבעט איבער ביאָלאָגיע, כעמיע און פיזיק, אַלץ מער זע איך איין אַז פילאָזאָפיע, אַלכעמיע און מעטאַפיזיק האָבן געהאַט מער שוואונק. די פּרעציזע וויסנשאַפט, די עקספּערימענטאַלע באַווייזן און די מאַטעמאַטיק האָבן דאָס שטאַרק באַגרענעצט; בליי אָנגעהאַנגען אויף דעם מענטשלעכן געדאַנק, געקירצט די מעגלעכקייטן... נאָ, איך זע דאָך, אָבער, אַז דיין קאָפּ איז דיר איצט פאַרשטאָפּט מיט בענקעניש און מיט חשבונות צווישן „אים" און „איר" — טאָ לאָמיר דאָס לאָזן אויף אַן אַנדערש מאָל, ביז דו וועסט זיך אָפּזוכן אַן אַנדערע און וועסט זיך טרייסטן. איך בין זיכער, אַז אינגיכן וועט דאָס געשען... דעמאָלט, ברין, זאָלסטו קומען צו מיר אַן אויסגערוטער, אַ צופרידענער. וועל איך דיר עפּעס ווייזן אין מיין לאַבאָראַטאָריע און דערציילן אויך... וועסט ניט פאַרגעסן?

ברין האָט שווערמוטיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געשמייכלט.

— איצטער מוזסטו האָבן צעשטרייאונג, מיין ליבער פריינט! צעשטרייאונג און ניט צוזאַמענשפּיצן זיך אויף איין זאַך, דאָס קאָן דיך פירן צו אַ פיקס־אידייע, ווי מיך, אַמאָל, אויף דער זשענעווער אָזערע... קום מיט מיר צו אַ קערמעשל, צו מיינעם אַ באַקאַנטן אויף דער ראַי־עווועניו, לעבן פאַרק מאָנסורי... קום, מיר וועלן צופאָרן!

— אָבער איך בין דאָך ניט איינגעלאַדן...

— עס מאַכט ניט אויס. דאָס זיינען קינסטלער, אַזוי צו זאָגן, אָדער יונגע מענטשן; ערשט... אַ פינף־זעקס יאָר נאָך דער חתונה, וואָס האָבן אַלע בראַנזשעס אין פאַריז געפּונען פאַרנומען און האָבן זיך געוואָרפן אויף קונסט. מאַכן גאָמולקעס פון שניי און בלאָטע פון טאַטנס געלט... מען וועט דיך דאָרטן אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס. ביסט דאָך אַ געמאַכטער מענטש, זינט דיין „מענטש פון שניי" איז אַרויסגעהאַנגען געוואָרן אין לוקסענבורגער מוזעאום... פאַר די מלאָטעקס, זעסטו, איז דאָס אַן אומדערגרייכטע הויך...

— פאַר וועמען?

— פאַר די מלאָטעקס. די בעלי־הבתים פון אַטעליע, וואוהין מיר פאָרן פאַרברענגען.

— עפּעס הער איך פון זיי צום ערשטן מאָל. ביסט שוין לאַנג באַקאַנט מיט זיי?
www.libtool.com.cn

— אַהאַ, איך זע שוין! ביסט אייפערזיכטיק... איז ווייס! ווען דו ביסט אַזוי לאַנג ניט געווען ביי מיר, פאַרגעסן מיך, האָב איך, אין אַ געוויסן זין, באַנוצט די זעלבע עצה, וועלכע איך האָב דיר אָקערשט געגעבן, וועלכע דו האָסט אויסגעלאַכט: אַז מע פאַרלירט אַ ליבע — גלייך פאַרליבן זיך אַ צווייטן מאָל. אַגב, זי, די מלאַטעקיכע, איז מיינע אַ ווייטע קרובה... איז געגאַנגען?

— אַך, ניין, ניין. וואָס וועל איך דאָרטן טאָן?

— זעסט? ביסט דאָך טאַקע אייפערזיכטיק. די אייפערזוכט צו די מלאַטעקס רעדט פון דיר אַרויס... אַז ניט, וואָלטסטו אַזאַ איינלאַדונג גלייך אָנגענומען. וואָרעם אין ד י י ן אַטעליע קאָנסטו איצטער ניט גיין. איך קאָן דעם צושטאַנד. ווען איצטער ניט קאָנען פאַרטראַגן דעם גלעזערנעם דאָך דיינעם, די בילדער אויף די ווענט. ביסט איצטער קאַפּאַבל צעשניידן מיט אַ מעסער דאָס לעצטע ווערק דיינס...

— דאָס איז אַן אמת.

— זעסטו? דו הויבסט שוין אָן נאָכצוגעבן אַ ביסעלע. דאָס איז אַ גוטער סימן. בעסער איז, אין אַזאַ מאָמענט, צו גיין אין אַ באַלאַגאַן... אין אַ באַלאַגאַן פון קונסט, וויל איך זאָגן, און אַמוזירן זיך. ניינציק פּראָצענט פון הונדערט זיינען פאַראַן מלאַטעקס אויף דער וועלט. אויף די טעמפּע קעפּ און פּלייצעס האַלטן זיי אויס די משא פון דעם ערד־באַל, אַזעלכע ווי דו און איך, מיין ליבער, זיינען טרויעריקע אויסנאַמען. מאַטעריאַל פאַר דער שונד־כראָניק. אַ מיידל וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ייִנגל. אַ ביקל וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט צוויי קעפּ...

— וואָס מיינסטו, — רופט זיך אָפּ ברין, — אַ ביק מיט צוויי קעפּ וואָלט מיך איצט מער אַמוזירט ווי דיינע מלאַטעקס...

— דערצו, — פירט אים גאַבראָנסקי צו צום שפּיגל, — דערצו דאַרפסטו זיך ניט מטריח־זיין. קוק אָן מיין אַלטן קאָפּ און דיינעם אויך... אָט האָסטו דיר איין ביק מיט צוויי קעפּ. איין שיקזאַל מיט צוויי פאַר צוגעשטעלטע „הערנער"...*)

— האַ־האַ!

— זעסטו, אַ?.. אין צירק פון בייז־וואונדערס ביסטו שוין געווען. איצטער קום אָנקוקן מענטשן... קום, קום!

---

*) אומטריי ווערן דעם מאַן הייסט: „צושטעלן אים הערנער".

ע ל פ ט ע ר   ק אַ פּ י ט ל

www.libtool.com.cn

אין הויז פון די מלאַטקעס

.1

די וואוינונג פון די מלאַטעקס איז געווען איינע פון יענע אַטעליעס, וואָס פּרעטענדירן אויף אַ סאַלאָן, אָדער אַ סאַלאָן מיט פּרעטענזיעס אויף אַן אַטעליע. גרויסע פענצטער מיט דינע ראָמען און פיינע שפּיצן־פאָרהאַנגען. אַרטיסטישע אומאָרדענונג און טייערע פאָטעלס אין סטיל פון לואי דעם פערצנטן, מיט קווייטלדיקן זייד פון אַ שפּעטעררדיקער עפּאָכע באַצויגן. רוסטיק־אַלמערס אין די ווינקלען און פּערסישע טעפּיכער מיט אויסגעצייטע קישעלעך אויפן פּאָל, מיט יאַפּאַנעזישע זיידענע לאַמטערנעס, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ פון סטעליע און אויף די ווענט. יאָ, און אויף די ווענט גופא — דערזעלבער געמיש פון אַלט־סטיליזירטע בילדער און פון אולטראַ־מאָדערנער מאָלעריי, יאַפּאַנישע מאַסקעס מיט שרעקלעכע גרימאַסן און לאַכנדיקע פּנימער באַרעליעפן פון דער ערשטער בעסטער קאַכל־פאַבריק. סואווענירן פון אַלע באַזוכטע געגנטן אין פראַנקרייך און אין די שכנישע לענדער: מאַיאָליק־פּויערימלעך און גלעקלעך־ווינטמילן פון האָלאַנד, מאָזאַאיק־פּלאַטן פון בעלגיע, גע־שניצטע האָלץ־קוקאַוועס און בערן פון דער שווייץ . . .

די פריינט און באַזוכער, וועלכע האָבן די מלאַטעקס גוט געקענט, האָבן זיך אויף אַזאַ געשמאַקלאָזיקייט ניט געוואונדערט. דער הער אַלפרעד מלאַטעק גופא איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט זיך געהאַט איין, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אָנגענומענעם גוטן כלל: יוצא צו זיין פאַר אַלע סטילן און שטרעמונגען אין דער קונסט. און אַזוי ווי ער האָט ניט געוואוסט פאַר וועלכן סטיל און פאַר וועמעס געשמאַק פריער יוצא־צו־זיין, האָט זיך זיין סאַלאָן־אַטעליע גאָר גיך פאַרוואַנדלט אין אַ מין אויספאַרקויף־הויז מיט אָקאַזיאָנען, וואו יעטוועדער באַזוכער קאָן געפינען דאָס, וואָס איז אים נאָענט צום האַרצן . . . און די מיטלען דערצו? אָך, יאָ, ווען מלאַטעק האָט חתונה געהאַט, זיינען די דאָזיקע מיטלען געווען גאַנץ גרויס. מאַדאַם קלאַראַ מלאַטעק איז געווען רייך פון דערהיים, און די אויפגאַבע פון איר אויסדערוויילטן איז, אַפּנים, געווען: ליקווידירן דעם נדן אַזוי גיך ווי עס לאָזט זיך. דאָס הייסט: מאָלן און ליקווידירן . . . שפּעטער וועט מען זען. און געזאָגט מוז ווערן,

אַז ער האָט דאָס געטאָן מיט טאַלאַנט. אפשר ניט אַזוי די מאַלעריי זיינע, ווי די אויסברענגעריי.
www.libtool.com.cn

מאַדאַם קלאַראַ מלאָטעק, אַ געבוירענע גאַבראַנסקי, איז ניט אָפּגע־שטאַנען פון איר מאַן, געטיילט מיט אים זיינע געשמאַקן, געהאָלפן אים אין זיינע מאַלערישע אונטערנעמונגען, ווי אַן אמתע אשת־חיל. קיין גרויסע שיינהייט איז זי ניט געווען, נאָר אַ שיין־וואוקסיקע, מיט אַ מאַסע קאַשטאַנען־האָר אויפן קאָפּ און מיט אַ ביסל בולטע אויגן, וואָס דער־מאָנען מישעל גאַבראַנסקיס אויסגעקוילערטן קוק. זי איז געווען געביל־דעט אויף אַזויפיל, אויף וויפיל עס איז נויטיק פאַר אַנדערע, געשפּילט אַ ביסל פּיאַנאָ פאַר געסט, גערעדט פראַנצויזיש און רוסיש און אַריינ־געוואָרפן דייטשע ווערטלעך און ציטאַטן אויך אויף אַזויפיל, אויף וויפיל עס איז נויטיק אונטערצוהאַלטן אַ קינסטלער־געזעלשאַפט, וואָס איז זיך אין פאַריז צוזאַמענגעלאָפן פון אַלע עקן וועלט און זוכט אין דער פרעמד אַ וואַרעמען ווינקל...

אין איר בלאָנד־געקרויזלטן מאַן, מיט אַ פּראָפיל פון אַ שעפּס, האָט קלאַראַ מלאָטעק געזען אַ ליכט, וואָס וועט נאָך אַמאָל אויפגיין. מען דאַרף אים נאָר כאָליען און העלפן. אַנגעלייענט און אַנגעהערט האָט זי זיך, אַז געטרייע פרויען האָבן, אָפטמאָל, פאַר זייערע מענער געמאַכט גרויסע קאַריערעס. און זי האָט באַשלאָסן צו טאָן דאָס זעלבע. פון איר זייט זאָל קיין מניעה ניט זיין. פון דעם ערשטן טאָג נאָך דער חתונה, האָט זי זיך אַ נעם־געטאָן מאַכן קאַריערע, העלפן, הייסט דאָס, דעם מאַן הויבן די קינסטלערישע „קערה״, וואו יעדער אַנשטענדיקער באַזוכער וואַרפט אַריין אַ גראַשנדל פון אַנערקענונג. ביז עס קלייבט זיך אָן, מיט דער צייט, אַ גרויסע סומע און מען ווערט אַן עושר... נאָר אַזוי ווי קינדער מיט וויקעלעך, מיט ציינדלעך, שוואַכע בייכלעך און קוויטשע־רייען קאָנען שטערן און מוזן שטערן, האָט מען אָפּגעמאַכט צווישן זיך, דערווייל קיין קינדער ניט צו האָבן. זיי מעגן וואַרטן ביז דער טאַטע מיטן שעפּסענעם פּראָפיל וועט דערגרייכן דאָס זייגיקע...

דער „דערווייל״ האָט זיך שוין געהאַט אויסגעצויגן אין אַ פינף־זעקס יאָר, און דער אָפּמאַך, צווישן מאַן און ווייב, איז נאָך, געבליבן דער אויבערשטער, ניט געבראָכן געוואָרן. טאָמער איז די נאַטור געווען שטאַרקער, האָט מען זיך אויך געגעבן אַן עצה... דערווייל וואָס האָט מען זאַלבענאַנד געאַרבעט פאַר דער הערלעכער צוקונפט און געשטיצט איינער דעם צווייטן. ווי די זון און די לבנה זיינען ביידע געווען. דאָס גרויסע ליכט איז געגאַנגען פון אים, פון אַלפּרעדן, און אויפגענומען דעם רעפלעקס האָט זי. שפּעטער האָט מען זיך אָפּטמאָל געביטן מיט די

www.libtool.com.cn

ראָלן. זי האָט זיך צעלויכטן און ער האָט אָפּגעשפּיגלט איר ליכט. בכל־אופן, אַז זי האָט אַ שמייכל־געטאָן האָט ער געשײַנט; און אַז ער האָט געזאָגט אַ חכמהלע, האָט זי די ערשטע געלאַכט הויך אויפן קול. טאָמער האָט זי באַמערקט, אַז די געסט האָרכן ניט ווי געהעריק, האָט זי געגעבן אַ וואונק, שטרענג אָדער גוטמוטיק, בייזלעך אָדער ליבלעך. עס הענגט אָפּ פון דעם, צו וועמען דער וואונק איז געווענדט... יאָ, אַ וואונק האָט זי געגעבן, אַז ווען איר מאַן מיט דער צוקונפט רעדט — מעג מען הערן. ניט ערגער האָט ער איר אַרויסגעהאָלפן. ווען זי האָט זיך באַרימט, אַז זיי האָבן היינט באַקומען אַכט איינלאַדונגען פון פריינט, ניט מער און ניט ווייניקער, האָט ער איר זייער עניוותדיק דערמאָנט: טייערינקע, נ י י ן זיינען דאָך דאָס געווען!.. און ווען זי האָט דער־ציילט פון אַ שרעקלעכן חלום מיט אַ שוואַרצן בער, האָט ער פאַר־ריכט: „אַ שוואַרצע פאַנטערע, דושענקאַ, איז דאָך דאָס געווען!.. האָסט פאַרגעסן!" ער האָט אַלעמאָל געוואוסט בעסער וואָס זיין ווייב האָט זיך געחלומט. אין דער אונטערשטער שורה פון אָט די אַלע הילף־מיטלען איז מען צווישן זיך מושווה געוואָרן, אַז מ'איז ביידע מענטשן מיט אַ גרויסער צוקונפט... עס דאַרף נאָר געדויערן... אויפן סמך פון דער דאָזיקער צוקונפט האָט מען אָפּטמאָל צונישט־געמאַכט מיינונגען פון ניט בערך גרעסערע, טאַלאַנטירטערע און באַלעזענערע פריינט. דאָס איז זיי נויטיק געווען ווי אַ דראָט פאַר אַ בלום וואָס וועלקט לייכט און פאַלט צוזאַמען. און טאָמער האָט מען זיך געפילט געטראָפן פון אַ באַמערקונג, האָבן זיך מאַן און ווייב איבערגעקוקט. עס הייסט: מיר ביידע ווייסן איין קאַפּעלע בעסער... און שוין! דאָס פּאָרל האָט ווידער געפונען זיין דערשיטערטע גלייכגעוויכט.

אַלס אַ גוטע בעל־הביתטע פון אָט דער גייסטיקער ווירטשאַפט און אַלס געטרייע באַשיצערין פון דעם מאַנס קאַריערע, האָט קלאַראַ מלאָטעק, געבוירענע גאַבראָנסקי, געהאַט אירע טריקס. ווען זי האָט באַמערקט, אַז אין איר אַטעליע־סאַלאָן הויבט זיך אָן אַ צו־שאַרפע מיינונגס־פאַר־שיידנהייט און עס האַלט ביי אַ קריגעריי, פלעגט זי זיך גלייך געבן אַ זעץ־אַריין, מיט איר שיינעם און פולן גוף, אין אַ, מיט רויטן סאַמעט געדעקטן, בענקל, וואָס זעט אויס ווי אַ זאָטל אויף פיסלעך, ניט גערעדט קיין סך און אַוועקגעלאָזן זיך אין גאַלאָפּ־מוזיק אויף יענעם לאַקירטן אייער־קאַסטן אויף רעדלעך, וואָס הייסט פ י אַ נ אָ, און וועלכער גע־פינט זיך, געלויבט דער אויבערשטער, אין יעדער בעל־הביתשער הויז און צו וועלכן יעדע מיידל, וואָס האָט געלערנט אַ ביסל נאָטן, לייגט־צו אַ האַנט.

געשפּילט האָט מאַדאַם מלאָטעק גאַנץ פּיפּיק איניקע איינגעהערטע מוזיקאַלישע שטיקלעך. זי האָט זיי געקענט אויסווייניק, ווי אַ ייד „אשרי יושבי ביתך" אָדער „שמונה עשרה". „קאַפּאַנעלאַ" פון ליסט און אַ טייל פון זיין צווייטער ראַפּסאָדיע; „די פאָרעל" פון שובערט און זיין „מוזיקאַלישער מאָמענט"; שטיקלעך פון שטראַוסעס „פלעדער־מויז", פּאַדערעווסקיס מענועט, דעם „סאָלדאַטן־מאַרש" פון גונאָ מיט... אַ לעצטן אַמעריקאַנישן דזשאַז אין מיטן־דרינען, אָדער מיט אַ צוגאָב־ניגונדל פון אַ פּאָפּולערן פילם... אויך דאָ, אין דער מוזיקאַלישער אָפּטיילונג, איז געווען דער זעלבער מישמאַש ווי אין די סטילן פון די אַלמערס און פאָטעלן, ווי אין די סואווענירן אויף די ווענט, אויף די קאַמאָדן און אויף די ווינקל־טישלעך. די באַזוכער פון מלאָטעקס סאַלאָן־אַטעליע האָבן שוין כמעט אַלע געקענט אָט די אויסגעדראָשענע מייסטער־שטיקלעך און די ביליקע טענץ, וואָס ווערן געמישט און געשפּילט מיט אַ שוואונק און מיט אַ קנאַק פון, ווער ווייסט וואָס פאַראַ, נייע מוזיקאַלישע אויסטייטשונגען... פונדעסטוועגן זיינען זיי כמעט אַלעמאָל געווען דאַנקבאַר דער גאַסטפריינטלעכער בעל־הביתטע, וואָס שפּילט אַזעלכע זאַכן, וועלכע מאַכן קיינעם ניט מיד, באַטויבן ניט, פאַרפליכטן ניט צו ריידן דערנאָך פון מוזיק, נאָר זיי קילן אָפּ, ווי לימאָנאַד, די צע־היצטע געמיטער, פאַרטרייבן אַ ביסל די נודאָטע...

און די, וואָס האָבן אַ העכערע מיינונג פון שפּילן פּיאַנאָ און פון דאָס געשפּילטע, האָבן, דורכשניטלעך, אויך געהאַט זייער רעכענונג. מלאָטעקס אַטעליע איז פאָרט אַ שטיקל ווינקל וואו מען צעשטרייט זיך, נאָך דאָס אייביקע, איינטאָניקע זיצן אין די קאָפּעס. מען קריגט דאָ אַ ביסל היי־מישקייט, אַ ביסל צובייסנס. טאָ זאָל דאָס אונדזעריקע אַריבערגיין... אַזעלכע האָבן אויפגענומען דער בעל־הביתטעס מוזיקאַלישע פּאָפּוריס, ווי אַ ביסעלע צוגעדאַרטע סענדוויטשעס, וואָס זיינען שוין געמאַכט געוואָרן אינדערפרי, האָבן אַ קאַפּעלע אויפגעהויבן די ווינקלען און באַ־וויזן דאָס אָרעמינקע געפילעכץ. נישקשה! מיט אַ ביסל גוטן ווילן צעקייט מען דאָס, מען פאַרטרינקט מיט אַ גלאָז רויט־וויין און עס גלייכט זיך אויס. מען בעט זי אַפילו, די ברייט־געזעסיקע שפּילערין:

— אַך, מאַדאַם מלאָטעק! שפּילט נאָך עפּעס... ס׳יל וואו פלעי!

דער איינציקער, וואָס פלעגט אַ ביסעלע אונטערלאַכן פון אָט די שטענדיקע מוזיקאַלישע נומערן, איז געווען גראָד דער בעל־הביתטעס ווייטער קרוב און געלערנטער, מישעל גאַבראָנסקי. די לעצטע צייט איז ער דאָ געוואָרן אַן איינגייער.

— דאָס דערמאָנט מיך, — רופט ער זיך אָפּ, ווען ער האָט צום

www.libtool.com.cn

דריטן מאָל אויסגעהערט דעם זעלבן רעפּערטואַר, גאָר אין אַ פּאַרקערטן סדר, — דאָס דערמאָנט מיך יענעם אָרעם־בחור, וועלכער האָט זיך באַרימט, אַז ער קומט אויס מיט אַ ניט־קיין־גאַנצן רובל אַ וואָך... וואָרעם, באמת, וויפיל דאַרף אַ מענטש? מען קויפט זיך אַ הערינג אויפן גאַנצן טאָג. איז אין דער פרי עסט מען דאָס קעפּל, בייטאָג — דעם בייכל און ביינאַכט — דעם עקל. נו, איין מאָל דערעסט דאָך! בייט מען איבער: עסט מען אין דער פרי דאָס עקל, בייטאָג — דאָס קעפּל, און אויף ווע־טשערע — דאָס מיטל־שטיק מיטן בייכל...

גראָד דעמאָלט האָט מאַדאַם מלאַטעק פאַרענדיקט מיט אַן אַפּלאָמב און מיט אַ קנאַק דאָס פאַרשפּיל צו „פיגאַראָס חתונה". מאַכט גאַב־ראָנסקי:

— נאָ, הייגט, דאַכט מיר, האָט מיין ליבע קוזינע אָנגעהויבן פון בייכל...

האָט מען זיך צעלאַכט. און ווען קלאַראַ מלאַטעק האָט זיך פאַר־אינטערעסירט פון וואָס מען לאַכט דאָ אַזוי, האָט איר גאַבראָנסקי אַליין איבערדערציילט די געשיכטע מיטן הערינג. ער האָט דאָס אָבער דער־ציילט אַזוי גוטמוטיק, אַז די באַטרעפנדיקע האָט אויך געמוזט מיטלאַכן: כאַ־כאַ! אַזאַ געלערנטן מאַן ווי גאַבראָנסקי איז אַלץ דערלויבט!.. און צווישן מיר און די געסט זאָל דאָס בלייבן... וואָס פאַרשטייט אַן עלטערער קאַבינעט־מענטש אין מוזיק? מעשטיינס געזאָגט. אָט זעט! אַלע אַנדערע געסט זיינען דאָך העכסט צופרידן. זיי בעטן זיך:

— אַ, מאַדאַם מלאַטעק! שפּילט נאָך עפּעס. נאָך עפּעס...

צום קאָמפּלימענט פאַר מאַדאַם מלאַטעק מוז געזאָגט ווערן, אַז זי האָט זיך קיינמאָל ניט געלאָזן בעטן. זי האָט געגעבן איר ביסל טעכניק, פון די איינמאָל איינגעחזרטע מוזיק־שטיקלעך, פונקט אַזוי האַרציק, ווי זי האָט סערווירט טיי און קיכלעך, סענדוויטשעס און ווייַן; בכלל אַלע צובייסונגען פון דעם נדן, וואָס ווערט נאָך אַלץ ליקווידירט און פון דעם מאַנס קאַריערע וואָס ווערט דערביי געשאַפן. יענס קאַרגט זי דאָך אויך ניט, הייגט צוליב וואָס זאָל זי זשאַלעווען אַ זאַך, וואָס נעמט זיך קיינמאָל ניט אויס? דאָס הייסט איר איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּגעשלאָ־סענעם רעפּערטואַר, וועלכן זי האָט אין איר מיידלשאַפט־צייט איינגע־האַנדלט ביים פּיאַנאָ־לערער און דאַרף דאָס אַפילו קיינמאָל ניט באַנייען. ס'איז אַ קוואַל וואָס טריקנט קיינמאָל ניט אויס. זי שטרענגט זיך אַפילו ניט אָן און אַלע זיינען צופרידן.

דאַקעגן דער מאַן אירער, אַלפרעד מלאַטעק, איז געווען גאָר אַן אַנדער סאָרט מענטש. אַ מאָלער אַ נסתר איז דאָס געווען. דאָס הייסט:

ער האָט קיינמאָל אָפן ניט געזאָגט, אַז ער אַליין מאָלט אויך, אַז ער איז אַ קינסטלער. ער האָט נאָר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז יאָ... ווען ער האָט צייט... יאָ, אַז ער האָט פרייע צייט, מאָלט ער צו־ביסלעך אין אַן אַלבאָם. דערביי פאַרענטפערט ער זיך זייער באַשיידן, אַז ער מיינט חס ושלום ניט צו קאָנקורירן מיט עמעצן.

www.libtool.com.cn

ביי די וואָס באַזוכן אים איז געווען אַ קשיא: ווען אייגנטלעך האָט ער דאָס ניט קיין צייט? קיין ספּעציעלע באַשעפטיקונגען האָט ער, דאַכט זיך, ניט. אויב מען האָט ניט קיין טעות — גייט ער אום ליידיק פיר־און־צוואַנציק שעה אין מעת־לעת און פּטרט דעם צווייטן, אויב ניט דעם דריטן נדן, וואָס קלאַראַס, זיין ווייבס רייכע עלטערן, סילוקן דעם קינסטלער־פּאָרל. אַ צווייטע קשיא איז געווען: צוליב וואָס פאַרענטפערט ער זיך אַזוי? ווער, אייגנטלעך, האָט דאָס אַזוי מורא פאַר זיין קאָנקורענץ?.. נאָר פאַרפאַלן! אַזאַ צוגאַנג האָט אַלפרעד מלאָטעק געהאַט צו זיין געהיימער קונסט, ווי צו אַ פאַרבאָטענער געליבטע. און אַז מ׳איז, צוליבן שפּיל פון פריינטלעכע באַציאונגען, צוגעשטאַנען צו אים און געבעטן ער זאָל פאָרט ווייזן זיינע צייכע־נונגען — ערשט דאָ פלעגט ער זיך נעמען ברעכן ווי קרוכלע מצה: אַן אַנדערש מאָל. ער איז איצטער ניט אין דער שטימונג. ניט אין דער שטימונג איז ער... דער אַלבאָם זיינער, מיט די צייכענונגען, איז ערגעץ־וואו פאַרלייגט. ער געדענקט ניט וואו. אפשר געדענקט קלאַראַ? יאָ — ניין, ניין — יאָ. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביז, צווישן די ליי־דיקע און ניט־דערטרונקענע טאַסן טיי און וויין־גלעזער פון די געסט, ווערט געמאַכט אַן אָרט און אויפן, מיט ווייַן און טיי פאַרפלעקטן, פעלד קריכט אַרויף און צעלייגט זיך אַ שווער־טאָוולדיקער גרויסער אַלבאָם, אין זאַק־לייוונט געבונדן און נאָר מיט צוויי גאָלדענע איניציאַלן פון קינסטלערס נאָמען: „א. מ.“, דאָס הייסט: אַלפרעד מלאָטעק. אַ שריי־ענדיקע באַשיידנקייט זיינען די צוויי איניציאַלן. נאָר עס האָט זיך געפּאַסט צום גאַנצן רומל פון אַזאַ קונסט, וואָס איז אַרומגעשטעלט מיט סודות און מיט כלומרשט־שעמעוודיקער צניעות...

עס רעדט זיך נאָר אַזוי: „קריכט אַרויף און צעלייגט זיך“... ניט אַזוי גיך איז דאָס אַלעמאָל געשען. ביז דער אַלבאָם קריכט אַרויף האָט די זון, דאָס הייסט: אַלפרעד מלאָטעק, געשיקט אַ שטראַל צו דער לבנה, דאָס הייסט: צו קלאַראַ מלאָטעקס פּנים, וואָס איז ווירקלעך קיילעכדיק ווי אַ לבנה. ער לויכט אויף און גיט אויף איר אַ קוק. זי באַקומט דאָס ליכט און וואַרפט איר רעפלעקס צוריק... ווען זיי באַלויכטן זיך אַזוי ביידע, פאַרשווינדן זיי אין אַ וואָלקן, דאָס הייסט: אין אַ טונקעלן

ווינקל. און באַלד באַווייזן זיי זיך ווידער, שלעפנדיק מיט פּאַראייניקטע www.libtool.com.cn כוחות און מיט פּאַראייניקטער ליבשאַפט דעם שווערן אַלבאָם מיט די איניציאַלן אויפן הויפּט־טאָוול. זי העלפט אים און ער העלפט איר. ממש צוויי פרומע לייט ביים סדר, בשעת הויבן די שיסל מיט די מצות... היינט דאָס בלעטערן דערנאָך — דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך. דאָס גייט צו מיט לאַנגע קאָמענטאַרן, מיט דערמאָנען איינער דעם צווייטן און מיט איבערשלאָגן איינער דעם צווייטנס רייד. למשל: דאָס האָב איך געמאָלט ווען איך האָב איבערגעלעבט אַזאַ און אַזאַ מאָמענט, אַ שלעכטן בריוו האָב איך דעמאָלט באַקומען פון דערהיים... ניין, אַלפרעד, דאָס האָסטו געמאָלט, ווען ס׳איז געווען אַן אָסיענדיקער וועטער און דו האָסט געהאַט אַ קאַטער... דאָס האָט זיך ביי מיר אויסגעגאָסן, פון זיך אַליין קאָן מען זאָגן האָט זיך דאָס אויסגעגאָסן, אין אַ העלן פרײ־מאָרגן, ווען איך בין שפּעט אויפגעשטאַנען און פייגעלעך האָבן געזונגען דאָ, אין נאָענטן פּאַרק מאָנסורי... ניין, טייערינקער, דאָס איז דאָך געווען אין דעם טאָג פון אונדזער חתונה־דאַטע, ווען דו האָסט מיר געבראַכט בלומען...

אַלעמאָל האָט ער אַ טעות און זי פאַרריכט. אָדער זי האָט אַ טעות און ער פאַרריכט, נאָר פון לירישע ראַמען גייט דאָס קיינמאָל ניט אַרויס. ניט טעג, נאָר פּאָעמען; ניט שעהן, נאָר געגראַמטע שורות; אָט וואָס פאַר אַ לעבן עס פירן דאָ, אין אַטעליע, דיביידע מלאָטעקס! מיט עניוות הויבן זיך אַלעמאָל אָן די פּירושים פון דאָס גליקלעך פּאָרל און גייט ביסלעכווייז איבער אין באַרימערײ... ביז אַלעמען ווערט טאָשנע און נודנע. עס הויבט אָן זויגן אונטער דער לעפעלע. איינער גיסט זיך אָן אַ גלאָז וויין און די אַנדערע געסט טוען נאָך. מען טרינקט אויס און מען אָטכאַיעט זיך ווי אין אַ מיטן שטויביקן וועג וואָס מען מאַכט דורך... דערזעט דער אַלבאָם, אין זאַק־לייוונט געבונדן און מיט גאָלד־איניציאַלן באַפּוצט, אַז קיינער טראַכט מער ניט פון אים — פאַרמאַכט ער זיך. און... אַלע אָטעמען פרייער אויף.

2.

ווען גאַבראָנסקי און ברין זיינען, נאָך זייער אינטימען געשפּרעך ביי אַ גלעזל קאָניאַק, געקומען צו־גאַסט אין דער היים פון די מלאָטעקס, איז שוין דער האַלב־סאַלאָן האַלב־אַטעליע געווען פול מיט בערדיקע, לאַנג־האָריקע און גלאַט־ראַזירטע מענטשן פון אַלע עלטערס. אָנגעטאָן זיינען די געסט געווען לויט זייער פריזור נאָך: ווער אין אָפּגעלאָזענע,

אַלטמאָדישע אַנטועכצן פון סאָביעסקיס צייטן, ווער אין אולטראַ־מאָ־
www.libtool.com.cn
דערנע שטשאָגלסקע גאַרניטערס. זייער באַנעמען זיך: אָפן און ציניש־
פריי, אָדער קיל און צוריקגעהאַלטן, האָט אויך געשטימט מיט דעם,
צו וועלכער באַהעמיע זיי געהערן, ווי אַזוי זיי קליידן זיך, אין וועלכע
קאַפע־הייזער זיי פאַרקערן: אין קאַפע „ראָטאָנד“, „דאָם“ אָדער
„קופּאָל“ — אויפן בולוואַר מאָנפּאַרנאַס; צי אין „קאַפּוליאַד“,
„לאַ־סורס“, אָדער „דיופּאָן“ — אויפן בולוואַר סאַן־מישעל. וואָרים יעדער
פון די צוויי בולוואַרן מיט זייערע לאָקאַלן, האָבן זייערע קונדן, וועלכע
טראָגן אַן אייגנאַרטיקן שטעמפל פון יענעם קלייזל, צו וועלכן זיי גע־
הערן. און דער וועלכער קען פּאַריז, קען אויך די דאָזיקע טיפּן און דער־
קענט זיי פון ערשטן קוק.

דער אמת מוז אויך געזאָגט ווערן, אַז כמעט אַלע געזיכטער פון די
געסט, ביי די מלאָטעקס, זיינען געווען כאַראַקטער־געזיכטער, מיט אַן
אויסגעפּרייגטן אויסדרוק. אויב פינצטער, איז פינצטער ווי די נאַכט;
אויב ליכטיק, איז ווי אַ העלער טאָג; אויב לצעוודיק, איז ווי ביי אַ קלאַון
אין צירק; אויב פאַרביסן, איז ווי ביי אַ פאַרשווערער... געווען איז
מען דאָ אויסגעזעצט און האַלב־אויסגעלייגט, ווי ביים טאָטן אין ווייב־
גאָרטן, אויף די פאַלש־טאַפּעצירטע פאָטעלן, אויף די אַלטע פּערסישע
פלאַכטעס מיט מאָדערנע זיידענע קישעלעך ביי די זייטן, און אין ניט־
ווייניקער פרייע פּאָזן, ווי דאָס גאַנצע באַנעמען זיך: קודלאַטע קעפּ
אין שויס פון זייערע פרויען אָדער געליבטע. איין פּאָרל זיצט אַרומ־
גענומען און טרינקט פון איין גלאָז און רויכערט פון איין סיגאַרעט.
צוויי אַנדערע פּאָרלעך זיצן, פּרוי ביים מאַן אויף די קני, און פלירטעווען
פונדעסטוועגן ניט מיט דעם, וועמען זיי האָבן געמאַכט פּאַר אַ באַנק,
נאָר מיט אַנדערע יונגעלייט, וואָס זיצן קעגנאיבער... צוויי לעקישע־
וואַטע קינסטלערלעך, אָדער אַזוינע וואָס מאַכן זיך לעקישעוואַטע, צע־
שטרייען דעם עולם. זיי זיינען אויסגעטאָן ביזקל גאַרטל. זיי אימפּראָ־
וויזירן דעם לעצטן באָקס־קאַמף, וואָס איז פאָרגעקומען, דאָ ניט לאַנג
אין אַמעריקע, צווישן די גרעסטע פויסט־העלדן, דעמפּסי און קאַמפּאַני.
זייער פויסט־געשלעג איז דאָ, אין פּאַריז, דעמאָנסטרירט געוואָרן אויפן
עקראַן. און אין אַטעליע, ביי די מלאָטעקס, ווערט ער איצט איבער־
געשפּילט „אין נאַטור“. דער אונטערשייד באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס
די היגע פויסט־העלדן זיינען מיט גערגעלעך, מיט שטרויענע אָרעמס
און מיט הינערשע פיסלעך. און אָנשטאָט די דיקע באָקס־הענטשיקעס,
טראָגן זיי איינפּאַכע, וואָלענע, מיט דורכגעריסענע פינגער... מען
קאָן אָבער ניט זאָגן, אַז זייערע אימפּראָוויזירטע טריקס זיינען שלעכט.

www.libtool.com.cn

אַדרבא, זיי זיינען נאָכגעמאַכט מיט טאַלאַנט. דאָס אַרומטענצלען, דאָס אָנידערפאַלן און אויפשפּרינגען, דאָס אַרומכאַפּן זיך און דאָס אָפּשטויסן איינער דעם צווייטן, כדי אַריינצופאָרן, מיט אַ באַפרייטער האַנט, אין די ציין, דאָס כאַפּן אַ קלאַפּ און דאָס אויסמיידן אים, — איז מייסטער־האַפט. עס אַמוזירט דעם עולם זייער שטאַרק. און ווען דער חוזק־באָקס ענדיקט זיך — אַפּלאַדירט מען און מען לאַכט אַזוי, אַז די סואוועניר־ציטערן אויף די ווינקל־טישעלעך.

עס האָבן דאָ אַפילו ניט געפעלט אַ פּאָר שרייבערלעך פון אַ פּאָר־מאַרעטן פּאַריזער קונסט־זשורנאַל, וועלכע זיינען אַהער ספּעציעל איינ־געלאַדן געוואָרן, כדי צו מאַכן נאָטיצן פון אַזאַ באַהעמיע־אָוונט; פּאַר־אייביקן דאָס קינסטלער־קערמעשל און אָפּגעבן דערפון אַ באַריכט, וועל־כער וועט ווערן געדרוקט... נאַטירלעך, אויב דער באַטרעפנדיקער זשורנאַל וועט האָבן אָרט און וועט געפינען אַזאַ רעפּאָרטאַזש אינטע־רעסאַנט... די קשיא איז נאָר: צוליב וואָס גאַנצע צוויי שליחים פון איין אָרגאַן? וואָלט דען ניט געווען גענוג איין רעפּאָרטער? מיט דער דאָזיקער פראַגע האָט זיך אָבער קיינער פון די געסט ניט איינ־טערעסירט, און ווען יאָ — וואָלט ער אויך קיין קלאָרע תשובה ניט באַ־קומען. מסתמא איז דאָס געטאָן געוואָרן מיט דער כוונה, אַז טאָמער גיט זיך איין רעפּאָרטאַזש ניט איין, וועט דער צווייטער טויגן. די גוטע בעלי־בתים, דאָס הייסט די מלאָטעקס, האָבן דערפאַר אויך געזאָרגט, אַלץ זאָל דאָ צוגיין מיט אַ ברייטער האַנט, דער ניט־טייערער וויין אַזוי ווי די צוגעטריקנטע סענדוויטשעס. זיי האָבן שוין אַפילו, פון פאָרנט אַריין, אַריינגערוימט יעדן גאַסט אין אויער, יעטוועדערן בסוד, פאַר־שטייט זיך, אַז... יאָ. דער היינטיקער אָוונט וועט, מיט גאָטס הילף, באַשריבן־ווערן. אָט, זעט דאָרטן, דער באַטרעפנדיקער, די צוויי יונגע־לייט מיט די פּאַפּיר־בלאָקלעך אין די הענט? דאָס זיינען זיי דאָ, זיי אַליין... די פאָרשטייער פון דער פּרעסע זיינען דאָס.

מען קאָן אָבער ניט זאָגן, אַז חברה־פּינזל און חברה־דלאָטע, דאָס הייסט: פאַרבעטענע מאָלער און סקולפּטאָרס, זאָלן זיך האָבן שטאַרק איבערגענומען מיט אַזאַ בשורה, וואָס איז זיי געמאַכט געוואָרן אויפן אויער, און אַז צוליב אַזאַ געשעעניש זאָלן זיי האָבן אומיסטנע פּאָזירט, ווי די פּראָווינץ חתנים און כלות, זונטאָג ביים פּאָטאָגראַף... ניין, דאָס גראָד ניט! אַ גאַנץ קליינעם צימעס האָבן זיי זיך געמאַכט פון דעם, וואָס די פּען־לייטלעך אָבסערווירן זיי און מאַכן נאָטיצן אין זייערע בלאָקלעך. די באַהעמיע־געסט האָבן זיך געהאַלטן ניט בעסער און ניט

ערגער ווי אויף אַ סך אַזעלכע אַטעליע־אָוונטן, וואו גאַטקעס־מאַכער זײַנען כלל נ י ט אײַנגעלאַדן.

www.ffbtool.com.cn

און וואָס אָנבאַטרעפט כּיבוד — האָט זיך רויטער און ווײַסער ווײַן געגאָסן, ווי עס ווערט באַשריבן בײַ ראָמאַניסטן וואָס האָבן קיינמאָל קיין רעכט־ביסל ווײַן אין די אויגן ניט געזען. קורץ, ער האָט זיך גע־גאָסן ווי וואַסער, אַט דער צווײ און דרײַ פראַנקאָוועֶר ווײַן — אַ בוטל... און צובײַסנס האָבן אויך ניט געפעלט. די טישן, אַזוי צו זאָגן, האָבן זיך געבראָכן אונטער די קאַרטאָנענע טעלער, וואָס מען דאַרף ניט וואַשן נאָר פּשוט — נעמען און אַרויסוואַרפן נאָכן געברויך. אַגב, עס רעדט זיך נאָר אַזוי ט י ש ן... אין דער אמתן איז דאָס געווען נאָר איין טיש מיט קאַרטאָנענע טעלער, פון וועלכע די סענדוויטשעס, מילכיקע און פליישיקע, זיסע און געזאַלצענע, זײַנען שוין לאַנג געווען אויסגעפּליג־דערט און צעטראָגן אין אַלע עקן פון אַטעליע־סאַלאָן. די לעצטע סימנים פון אַזאַ קינסטלערישן פּאָגראָם האָבן זיך נאָך אָנגעזען, דאָ און דאָרטן, אין געשטאַלט פון געברויכטע פּאַפּירענע סערוויעטקעס און האַלב־פאַר־טריקנטע ברויט־קאַנאַפּקעס, פון וועלכע מען האָט אַראָפּגענאַשט דאָס רעדעלע וואורשט, אָדער די האַלבע סאַרדינקע. די דאָזיקע רעשטן האָבן זיך נאָך געוואַלגערט אויף די קאַרפּעטן, אויף בשותּפותדיקע קאַני, אויף די קעפּ און עקן פון בראָנדזענע, ליימענע און הילצערנע סואווענירן, וועלכע זײַנען געווען אָנגעשטעלט אויף די קאָמאָדן און אויף אַלע ווינקל־טישעלעך, דהיינו: אויף די מעשענע פּויערימלעך־גלעקלעך פון האָלאַנד, אויף די ביינערנע הירשלעך פון דער שווייץ, אויף די פּאָרצע־לײַענע לייבן און שיקסלעך פון בעלגיען...

אין אַט דעם געמיש פון פאַרבן און שאָטנס, שטימען און באַוועַ־גונגען, אונטער דער קאַרגער באַלײַכטונג פון זײַדענע, יאַפּאַנישע אַבאַ־זשור־לאָמפּן, האָט ברין אַרײַנגעטראָפן צוזאַמען מיט גאַבראָנסקין, און, נאָך דעם געוויינטלעכן פאַרגעשטעלט־ווערן מיט אָנטציקטע אויסגע־שרייען פון דעם בעל־הביתטע, וואָס אַזאַ פּרעמירטער קינסטלער, ווי ברין, טוט זיי אָן אַזאַ כּבוד און אַזוי ווייטער און ווייטער, האָבן זיך ביידע פאַרשפּעטיקטע געסט אָפּגעזוכט אַן אָרט, און פון דאָרטן אַרויסגעקוקט, אי מיד, אי נײַגעריק, אויפן גאַנצן פאַרביקן געטומל. וואָס האָט זיי דאָ אַרומגערינגלט, ניי איז דאָס פאַר ביידן ניט געווען. אָבער דאָך אינטערעסאַנט. אַ געזעלשאַפט, וואו אַלץ גייט צו צירלעך־מאַניר־לעך, עסט זיך צו. אָבער יעדער באַהעמיע האָט זיך אַלעמאָל דעם קאָלאָריט און די פאַרשיידנאַרטיקייטן פון אַ גרעסערן אָדער קלענערן זאָ־אָלאָגישן גאָרטן. וואָס מער מען וואַנדערט אַרום אין אַזאַ גאָרטן, אַלץ מער נײַאיקייטן אַנטדעקט מען, אַלץ מער לערנט מען...

פון אַ סך אומבאַדייטנדיקע סימנים, ווי, צום ביישפּיל, פון דעם ביליקן וויין, פון די מאָגערע בייכלעך ביי די צוגעטראָגענע סענדוויטשעס, פון דעם שרעקעוודיקן שימער אין די אויגן פון דער כלומרשט זייער־פריילעכער בעל־הביתטע, האָט ברין ניט־ווילנדיק דערקענט, אַז דער באַרימטער ערשטער און, אפשר, צווייטער נדן פון די מלאַטעקס, וועגן וועלכן גאַבראַנסקי האָט אים פאַרבייגייענדיק דערציילט, אַז אַט דער פיינער נדן, וואָס האָט געזאָלט סטאַיען ביז דער בעל־הבית, אַלפרעד מלאַטעק, וועט ווערן באַרימט, — כאַרכלט שוין, ווי דער הייוון־שליים אין אַן אויסגעשעפּטן פּאָס וויין. די געטרייע, שטאַרק־געבויטע אשת־חיל, מיטן קיילעכדיקן פּנים און מיט דער מאָסע האָר אויפן קאָפּ, האָט שוין אַפילו געקראָגן פּחד, אַז דער טאָפּלטער נדן וועט אויסגיין, איידער די, גאַנצע פינף יאָר, דערוואַרטעטע באַרימטקייט פון מאַן וועט קומען צום פאַרשפּיל... האָט זי קודם־כל און אויף יעדן־פאַל גענומען מאַכן עקאָנאָמיע. דער קינסטלערישער טומל איז אפשר גרעסער ווי פריער, אָבער דער כיבוד איז שוין ניט דערזעלבער, און די זיכערקייט אַז זי טוט דערמיט עפּעס אויף — איז אויך ניט דיזעלבע...

דאָס וואָס ער זעט און טראַכט האָט ברין איבערגעגעבן גאַבראַנסקין, זיין פריינט, מיט אַ פּאָר קורצע באַמערקונגען אויפן אויער. יענער האָט זיך אויף אים נאָר קאַמיש אַנגעבייזערט:

— פּושט איינער! ווער פרעגט דיך?.. באַהאַלט דיין שאַרף־צינגעלע... אַ קונץ מיינסטו צו שטעכן אין קרויט־אריין?

— און וואָס מיינסטו? קיינען דאָס זעלבע קרויט איז בעסער?

איך איבערלאָז דאָס פּאָר ציגן. זיי זיינען דאָ גאַנץ נישקשהדיק פאַרטראַטן...

לאַנג זיצן אויף איין אָרט און סתם אַזוי קוקן, האָבן זיי די גאַסט־פריינטלעכע בעלי־הבתים ניט געלאָזן. מאַן און ווייב זיינען געלאָפן וועט־געלויף צו באַדינען די פאַרשפּעטיקטע, אָבער אָנגעלייגטע געסט. מלאַטעק האָט געלויכטן ווי די זון און די מלאַטעקיכע האָט דאָס ליכט אויפגענומען, ווי די לבנה, און עס צוריקגעוואָרפן פון איר קיילעכדיקן פּנים צו די צוויי נייע געסט. גאַבראַנסקין האָבן זיי נאָך, אויסער דעם, געפּאַטשט אויפן פּלייצע, געגלעט אים איבערן פליכעוואַטן קאָפּ ווי אַן אייגענעם מענטשן. מיט ברינען האָט מען דאָס מורא געהאַט צו טאָן. וואָרעם ביים קלענסטן פאַרזוך אָנצורירן אים, האָט דאָס לויכטנדיקע פּאָרל באַגעגנט אַזאַ שטרענגן קוק, אַז זיי האָבן זיך גלייך גענומען טומלען און דער שיין פון זייערע פּנימער איז געוואָרן נעפּלדיק...

נאָך אַ צוויי אַזעלכע ניט־געלונגענע פאַרזוכן צו ווערן אינטים,

האָבן די מלאַטעקס גענומען באַשיטן זייער צוריקגעהאַלטענעם גאַסט מיט זייער דעליקאַטע לויב־ווערטער, אָבער אַזוי דעליקאַט, אַז אַלע אַרומיקע זאָלן דאָס אויך הערן. אָנווייזנדיק, מיט ווינקען און מיט פינגער, לצד די צייטונגס־לייט, האָבן זיי געשעפּטשעט... הויך אויפן קול געשעפּטשעט:

www.libtool.com.cn

— אָ, יאָ! זיי ווייסן זייער גוט... אַז... עס הייסט: דעם „שניי־מענטש", וואָס ברין האָט פאַרקויפט דעם לוקסענבורגער מוזעאום, קענען זיי גוט. און עס האָט זייער און זייער... עס הייסט: ביי זיי האָט דאָס זייער און זייער...

דאָ איז אַלפרעד מלאַטעקס פּנים אויסגעלאָשן געוואָרן. ער האָט געזוכט אַ פּאַסיק וואָרט און ניט געפונען. דערפאַר האָט מאַדאַם מלאַטעקס געזיכט אויפגעלויכטן און זי האָט אַרויסגעכאַפּט ביים מאַן פון מויל דעם ריכטיקן אויסדרוק:

— זייער אויסגענומען...

איצט האָט ער באַקומען דאָס ליכט פון זיין ווייבס קיילעכדיק פּנים און איז אויפגעלעבט געוואָרן.

— שאַ, — רופט ער זיך אָפּ, — צוליב וואָס אַלע הקדמות? אָט איז איינער פון די קונסט־קריטיקער אין זשורנאַל... פון זשורנאַל...

— אין זשורנאַל „פּאַליטרע"... — האָט אים זיין אשת־חיל אונטערגעהאָלפן.

— וואָס כאַפּסטו מיר פון מויל? — האָט ער זיך אַ בייזער געגעבן, און באַלד צוריק אויפגעלויכטן פון טיפער גאַסטפריינטשאַפט, — זאָלן זיך דער קריטיקער און מייסטער אַליין דורכריידן... באַקענט זיך!

ער האָט אַ וואונק־געגעבן צום יונגנמאַן מיט אַ בלאָק־נאָט אין האַנט, געמאַכט אַן אָרט און טעאַטראַל פאַרנויגט זיך, האַלב־וויציק, האַלב־ערנסט.

דער קונסט־קריטיקער פון „פּאַליטרע" האָט פייערלעך אַריינשפּאַצירט, אין געמאַכטן פלאַץ, מיט אַ מינע פון אַ מענטשן, ביי וועמען די צוקונפט פון יעטוועדער מאָלער ליגט אין די הענט. און ער האָט גלייך גענומען געבן הסכמות:

— זייער אָנגענעם צו באַקענען זיך מיט אַזאַ מייסטער, וועלכער... אַד, אייער לייוונט מיטן „שניי־מענטש" — אויסגעצייכנט! נאָר... אויב ריידן אָביעקטיוו —

— אָן „נאָר"... — האָט אים ברין ביידלעך איבערגעריסן; און עפּעס ווי ער וואָלט געזוכט צוצוטשעפּען זיך צו עמעצן, אָנגיסן די אָנגעזאַמלטע ביטערניש פאַר היינטיקן אָוונט, — מיט אייער אָביעקטיוויטעט

ווערט איר ביי מיר געפינען זייער ווייניק אפּקלאַנג. אַן אָביעקטיוויער מאָלער איז אַ לעקיש. אַן טעמפּעראַמענט, אָביעקטיוו איז נאָר אַ סריס אין האַרעם. די שענסטע פּרויען פון זיין סולטאַן זעט ער „אָביעקטיוו", ווי נאַקעט יענע זאָל ניט זיין...

— איך מיין נאָר... דאָס מיינט... — האָט דער פאָרשטייער פון „פּאַליטרע" גענומען שטאַמלען. — די פולקאָמענקייט האָב איך געוואָלט זאָגן —

אָבער ברין האָט זיך אָנגעכאַפּט אַן צווייטן ניט־געלונגענעם וואָרט און ווידער פאַרריכט:

— אין דער נאַטור איז אויך קיין פולקאָמענקייט ניטאָ. אויב אַלץ וואָלט געווען פולקאָם — דאַרף מען ניט מאָלן, ניט שפּילן, ניט זינגען, ניט אַנטוויקלען זיך...

— געוויס. אויף דעם זיינען דאָ אַקאַדעמיעס, שולן. זיי פאַרפולקאָמען וואָס עס פעלט אין דער נאַטור...

דאָס איז געווען אַ מער־ווייניקער לאַגישער געדאַנק. נאָר ברין איז שוין געווען צערייצט:

— אַך, וואָס אַקאַדעמיעס! ביי אַלע אַקאַדעמיקער איז אַלץ קיילעכדיק און גלאַטיק. ניטאָ קיין קשיות. פאַרענטפערט אַלע קעגנזאַצן, אויסגעגלייכט אַלץ וואָס איז קרום. אַלע „שאַפּעכצן" זיינען שיין ווי דער טאָג. אַ נאָז אַנטלייט מען פון אַ גריכישער פיגור, אַ פּאָר פיס — ביי אַ טענצערין, פּלייצעס — ביי אַ באַצאַלטער מאָדעלקע און מען שטוקעוועט צוזאַמען... מיט איין וואָרט, קאָמפּאָט, ניט צו־זיס, ניט צו־זויער, ניט צו־פּאַרפיומירט, און אַלע געניסן.

דער באַשטעלטער קריטיקער איז אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן. אין זיין פאַרלעגנהייט האָט ער זיין בלאָק־נאָט מיטן בליישטיפט באַהאַלטן אין הויזן־קעשענע און אַרומגעקוקט זיך. די מלאָטעקס האָבן גלייך געמאַכט אַ פאַרזוך אים אַרויסצוהעלפן.

— דושענקאַ, — מאַכט מלאָטעק צו זיין ווייב, אַנווייזנדיק אויף ברינען, — דו הערסט אַ מיינונג? אָט דאָס הייסט אָריגינעל! מערקווירדיק!..

איצט האָט די לבנה באַקומען די באַליכטונג פון דער זון. מאַדאַם מלאָטעקס קיילעכדיק פּנים האָט זיך צעשטראַלט:

— אַך, יאָ. דו געדענקסט דאָך וואָס די פּרעסע האָט געשריבן פון דעם „שניי־מענטש"? מערקווירדיק און אָריגינעל, האָט זי געשריבן...

דאָס אַריינמישן זיך, פון אַזאַ פּרעמדן עלעמענט, האָט אָבער גע־

www.libtook.com.cn

ווירקט אויף ברינס טעמפעראַמענט, ווי אַ לעפל וואַסער אין קאַכעדיקן אויל:

— גאָר ניט אָריגינעל — דאָס וואָס איך זאָג! ס'איז אַלט ווי די וועלט. נאָר וויפיל מען האָט שוין געהאַט געזאָגט, וויפיל געשריבן — מוז מען אַלעמאָל אָנהויבן פון אַלף־בית. צעקייען און אַריינלייגן אין די מיילער. דאָס דערעסט!.. בפרט עס מוז געטאָן־ווערן מיט מענטשן, וואָס זייַנען אַזוי דרייסט און ווילן באַלערנען דעם צווייטן...

איצטער האָבן די מלאָטעקס, ביידע אויף איין מאָל, פאַרלוירן דאָס ליכט פון זייערע אויסגעפּאַשעטע פּנימער. זיי האָבן ניט אויף קאַטאָוועס מורא געקראָגן, דער איינגעלאַדענער קריטיקוס פון דער „פּאָליטרע" זאָל זיך ניט באַליידיקן פון די רייד, וואָס דער נ י ט ־איינגעלאַדענער ברין האָט אין אים אַריינגעזאָגט. המ... געמיינט האָט מען, אַז דער פאַר־שפּעטיקטער גאַסט וועט פאַרשיינען דעם אָוונט... לאָזט זיך גאָר אויס, אַז ער מאַכט קאַליע אַלע האָפענונגען צו זען „באַשריבן" דאָס גאַנצע קערמעשל, אַלע מער־ווייניקער באַרימטע געסט. און ווער ווייסט? אפשר וואָלט אַלפרעד מלאָטעקס אַלבאָם מיט צייכענונגען אויף דערמאָנט געוואָרן... דאָס אַלץ איז צוגעגרייט־געוואָרן מיט אַזויפיל מי, מיט דערנידערונגען און מיט חניפות. כ'מיין זיך אַליין מעג מען דאָך זאָגן דעם אמת. און מיטאַמאָל...

אַרויסגעראַטעוועט, פון אַזאַ פיינלעכער סיטואַציע, האָט זיי אַ גאַסט, וואָס האָט נאָך מער פאַרשפּעטיקט, ווי ברין מיט גאַבראָנסקין. אויף וועלכן די מלאָטעקס האָבן, אַגב, געלייגט האָפענונגען ניט ווייניקער ווי אויף דער „פּרעסע", אַז ער וועט פריער־שפּעטער איינהאַנדלען זייער אַלבאָם און וועט אים פאַרקויפן בלעטער־ווייז...

געווען איז דאָס אַ הויך־וואוקסיקער בלאַסער מענטש מיט אַ מאָ־נאָקל אין אויג, מיט אַ געזיכט פון אַן אָפּגעפּאָרענעם דענדי און מיט אַ האַלב־צילינדער הוט אין דער באַהענטשיקטער האַנט. ער איז אָנגע־גאַנגען אויף דעם גערעדל מיטן קריטיקוס פון דער „פּאָליטרע" און מיטן אויפגערעגטן מאַלער אינמיטן, און נאָך פון דערווייטנס, איבער אַלעמענס קעפּ, באַגריסט זיך מיט דויד ברין:

— אָ, שער מעטר!*) ניט גערעכנט צו געפינען אייך דאָ... און אָט!

די צעטומלטע בעלי־בתים האָבן ווידער אויפגעלויכטן. איצטער — מאַדאַם מלאָטעק — ווי די זון; און ער — ווי די לבנה, האָט באַקומען אויף זיין פּנים דאָס ליכט פון איר... אַ גאַנץ אַנדער ווענדונג האָט דאָ

---

*) ליבער מייסטער!

www.libtool.com.cn

פלוצלונג באַקומען דאָס צעווערטלען זיך פון ניט־געבעטענעם גאַסט מיטן פאַרשטייער פון דער פּרעסע... לויכטנדיק אַזוי האָבן זיך די מלאַטעקס אָפּגערוקט, אָפּגעטראָטן דעם אָרט פאַר די צוויי וויכטיקע געסט, וועלכע טרעפן זיך דאָ אומגעריכטערהייט, פון וועלכע עס קאָן דעם קונסט־אַלבאָם, אין פינצטערן קאַמערל, אַרויסקומען אַ טובה...

www.libtool.com.cn

.3

דערזען פּראַנסואַ לופּענס אַנגעפּודערטע נאָז מיטן פּריינט־לעכן מאָנאָקל אין איין אויג, האָט זיך ברינס האַרץ צעטאַנצט. ניט דערפאַר ווייל ער האָט זיך אַזוי דערפרייט מיטן פּרייזיניקן לעבע־מאַן און מיטן גוטן קויפער פון זיין לעצטן לייוונט, נאָר ווייל לופּענס פּנים האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ צוזאַמענהאַנג מיט סאָלאַנשס געשטאַלט. דאָס האַרץ האָט ברינען געשלאָגן ביזקל האַלדז און ער האָט זיך אַליין געוואונדערט, וואָס ער האָט פון זיין ליבער מאָדעל־פרוי ניט געטראַכט דעם גאַנצן פאַרנאַכט ביז איצטער — טיף אין אָוונט, זינט זיינע עמפּינדלעכע פינגער האָבן באַרירט סאַניאָס קלייד אין דער פינצטער. דאָס לויפן דערנאָך איבערצובעטן זיך מיט זיין געוועזענער פרוי, זיין אַריינפאַל, דאָס טרינקען און פּילאָזאָפירן מיט גאַבראַנסקין, דאָס קומען אומגעבעטן אַהער און דאָס אַנשטויסן זיך אויפן רעפּאָרטער — דאָס אַלץ האָט אים איצטער אויסגעזען ווי אַ בייזער חלום, וועלכער ציט זיך שוין לאַנג, זייער לאַנג. לופּענס אָנקומען האָט אים אויפ־געוועקט. און סאָלאַנש, אַן אויסגעטאָנענע, אַ פּריש־אַנגעגאָסענע, ווי אַ צייטיק הענגל שוואַרצע ווייַנטרויבן, האָט אים אויפגעגלאַנצט אין דער אויפגעוואַכטער ווירקלעכקייט. וואו איז זי? איז זי אַהער אויך גע־קומען מיט איר פּריינט?..

טראַגנדיק לופּענען די האַנט אַקעגן, האָט זיך ברין פּיבערדיק גע־נומען אַרומקוקן, אַזוי שוואַך האָט ער זיך געקאָנט קאָנטראָלירן אין זיין פּלוצלעכער אויפרעגונג.

לופּען האָט פּריינטלעך אָנגענומען זיין האַנט און אַ טרייסל געטאָן. אָבער ברינס קוק איז נאָך אַלץ געווען געווענדט ניט צו אים, נאָר ערגעץ־וואו אָן דער זייט.

— סאָלאַנש, שער מעטר, איז מיט מיר ניט געקומען. זי האָט ניט געוואָלט גיין...

— ניט געוואָלט?.. — האָט ברין אויטאָמאַטיש איבערגעחזרט,

— פאַרוואָס?..

www.libtool.com.cn

ערשט דאָ האָט ער דערכאַפּט דעם לאַכעדיקן פּייערל אונטער לופּענס מאָנאָקל, און האָט זיך אַ ביסל צעטומלט, געכאַפּט זיך אַז זיין פרעגן האָט קיין זין ניט. לופּען האָט אים נאָך אָפּלאַכערישער אַריינ־געבלישטשעט מיטן מאָנאָקל אין די אויגן אַריין:

— וואַרשיינלעך האָט זי ניט געוואוסט אַז איר, ליבער מייסטער, וועט דאָ זיין... איך האָב אויך ניט געוואוסט. און צווייטנס —

אָנשטאָט צו ענטפערן אים אויף דער צווייטער פראַגע, האָט אים לופּען אָנגענומען פאַרן אָרעם און אָוועקגעפירט אין אַ טונקעלן ווינקל; טאַקע אין יענעם טונקעלן ווינקל לעבן אַלקאָוו, פון וואַנעט די מלאָטעקס שלעפּן בטבע אַרויס דעם שווער־געבונדענעם אַלבאָם זייערן, אַזוי ווי מען שלעפּט אַ פּגר, וואָס מען האָפט לעבעדיק צו מאַכן... ווען זיי זיינען דאָ געבליבן אַליין, האָט לופּען געלאָזן אַרויספאַלן דעם מאָנאָקל זיינעם פון אויג ווי אַ גאַנץ איבעריקע זאַך, און געהיימניספול איבערגעחזרט:

— און צווייטנס...

— וואָס איז? — האָט זיך ברין דערשראָקן. — זי איז געזונט? עס האָט מיט איר גאָרניט פּאַסירט?

— פּאַסירט? אויסער דעם וואָס זי האָט מיר געמאַכט אַ סצענע, האָט גאָרניט פּאַסירט... דאָס האָב איך ביי א י י ך געוואָלט פרעגן: וואָס האָט פּאַסירט? האָט איר זי ניט באַליידיקט?

— איך? באַליידיקט?.. — האָט ברין געהויבן מיט די פּליי־צעס. — איך קאָן מיך ניט דערמאָנען...

זיין געוויסן בנוגע צו אָט דער געליבטער פון אַ פרעמדן איז געווען ריין. ביים רויטלעכן שיין פון אַ יאַפּאַנישן אַבאַזשור־לעמפּל האָט ער אַריינגעקוקט לופּענען אין די אויגן, און פונדעסטוועגן פיבערדיק נאָכ־געטראַכט, מיט וואָס ער האָט די קאַפּריזנע שוואַרץ־ווייסע קראַסאַוויצע געקאָנט באַליידיקן. ער האָט זי, די אַלע טעג פון פאַזירן ביי אים, באַ־האַנדלט, ניט ווי אַ מאָדעל־מיידל, נאָר ווי אַ געליבטע פון אַ פריינט, וועלכע איז אים אָנפאַרטרויט געוואָרן. דעם ערשטן האָנאָראַר, וואָס ער האָט באַקומען אַלס אויפגאַב, האָט ער זיך מיט איר צעטיילט...

— איך שטויס מיך אָן... — האָט ער זיך איבערלייגט אויפן קול.

— סאָלאַנש איז עפּעס פאַרשוואונדן געוואָרן פון אַטעליע... מיט־אַמאָל... אָן „אַ גוטן טאָג“ אַפילו.

— פאַרשוואונדן, האַ־האַ! — האָט לופּען אויפגעלאַכט. — אייגנט־לעך איז איר פאַרשווינדן פאַרגעקומען דעמאָלט, ווען איר, שער מעטר, זענט איינגעשלאָפן... ווי זי דערציילט, זענט איר האַרט איינגעשלאָפן, אַזוי גיך ווי איר האָט פאַרענדיקט דאָס בילד. ניט באַדאַנקט אַפילו... פרויען זיינען אַזעלכע זאַכן ניט מוחל!..

— עס זיינען פאַראַן אַלערליי מינים „באַדאַנקען“, — האָט ברין געטומען נאָכמאַכן לופענס שפּילעוודיקן טאָן. — אויב „באַדאַנקען“ הייסט: שטעלן זיך אויף די קני און דערקלערן זיך אין ליבע, האָב איך דאָס ווירקלעך נ י ט געטאָן...

www.libtool.com.cn

— אַזוי ווייט, — האָט זיך לופען צוריק אַריינגעזעצט זיין מאָנאָקל אין אויג, — אַזוי ווייט צו גיין איז ניט נויטיק־געווען. אָבער אינגאַנצן איגנאָרירן דאָס לעבעדיקע מאָדעל... ניין! בפרט דאָס בילד איז אייך אַזוי געלונגען. איך וויל זאָגן: אויב איר האָט דאָס לייוונט ניט קאַליע געמאַכט נאָך מיין באַזוך ביי אייך... זאָל אַזוי ניט פּאַסירן ווי עס פּאַסירט...

— איך האָף — אַז ניט. פאַרקערט...

— סאָלאַנש מיינט אויך אַזוי. זי זאָגט איר האָט נאַקעטקייט צוגעגעבן אַ נאַכט־נעפּל, לייכט ווי גאַז. אַז דאָס האָט פאַרשטאַרקט די נאַטירלעכקייט, דעם צוזאַמענהאַנג פון נאַטור און איינבילדונג...

— זי האָט דאָס ריכטיק אָפּגעשאַצט.

— זעט איר, אַ? אויסער מאָדעל־מיידל האָט זי נאָך אַ מיינונג אויך... איך בין שוין געשפּאַנט צו האָבן דאָס בילד ביי מיר אין קאַבינעט.

— פריער פאַרן קאַבינעט געהערט דאָס צו אַן אויסשטעלונג...

— אייער לייוונט שטייט אייך גרייט צו דינען ווען נאָר איר וועט וועלן און פאַר וועלכן צוועק איר ווילט. ער מוז נאָר טראָגן אויף זיך איין קליינע אויפשריפט — „פאַרקויפט“... און צו מאַדעמואַזעל סאָלאַנש, זעט איר, וואָלט איר דערוויַיל געדאַרפט שרייבן אַ פּאָר ווערטער. אַ פּאָר גוטע ווערטער...

— שוין צום צווייטן מאָל אַז איר ראַט מיר צו שיקן איר אַ קאָמפּלי־מענט. צום ערשטן מאָל — בלומען; איצט — „גוטע ווערטער“... צו וואָס דאַרף זי דאָס? זי איז דאָך אַזוי קלוג...

— אָט אַזוי זיינען זיי, די ווייבער! מיר, מענער, נעמען אַלץ אויף מיטן קאָפּ און מיט די אויגן; פרויען — מיט די אויערן און מיטן האַרץ.

— אַך, וואָס האַרץ!.. מיאוסקייטן באַטן דאָס שטענדיק אָן. שטופּן זיך אומעטום מיט זייער האַרץ. קיין בעסערע סחורה האָבן זיי ניט. אָבער סאָלאַנש! אַזוי שיין ווי זי איז! אַזוי שיין און גייסטרייך!

— אָ, מעטר ברין! איר הויבט דאָך גאָר אַליין אָן צו ריידן מיט האַרץ... נאָר אָנשטאָט צו זאָגן דאָס מיר... און אַזוי טעמפּעראַמענט־פול, וואָלט איר דאָס, אפשר, א י ר געדאַרפט זאָגן, איר אַליין...

דויד ברין האָט אים אַריינגעקוקט אין מאָנאָקל מיט אַ פאַרשנדיקן

בליק. די קאַרגע באַלויכטונג פון קאָלירטן יאַפּאַנישן אַבאַזשור האָט
www.libtool.com.cn
געמאַכט צעשוואומען לופענס געזיכט־שטריכן. און ברין האָט ניט גע־וואוסט: צי יענער מיינט דאָס ערנסט, צי ער מאַכט חוזק — צום צווייטן מאָל. דאָס ערשטע מאָל — אין זיין אַטעליע, און דאָס צווייטע מאָל — דאָ, הערט ער, ברין, אַזאַ סאָרט „קאַזערי״*) פון אַ פראַנצויז, וועלכער האָט אים פריער אַזוי פריינטלעך פאַרטרויט זיין גע־ליבטע אַלס מאָדעל, און איצט — אַלס געליבטע — אויך. עס איז ברינען אויסגעקומען גאַנץ מערקווירדיק, ווי מען קאָן דאָס שווערסטע מאַכן אַזוי לייכט; פון אַ ליידנשאַפט מאַכן אַ פאַרס. קיין געליבטער פון אַן אַנדער פאָלק אין דער וועלט וואָלט דאָס ניט געקאָנט טאָן. האָט ער געטראַכט אַ רגעלע און געשטעלט אים אַ גראָדע פראַגע:

— און איר וואָלט אויף אַזאַ קאָרעספּאָנדענץ ניט געווען איי־פערזיכטיק?

— און אַז יאָ?.. — האָט לופען פונקט אַזוי גראָדיק אָפּגע־ענטפערט מיט אַ פראַגע. באַטייט האָט דאָס: וואָס, אייגנטלעך, קאָן דאָס מיר העלפן?

— איך באַריר ניט די כלות און פרויען פון מיינע קאָלעגן. דאָס איז ביי מיר אַ געזעץ. כמעט אַ רעליגיעזער געפיל אַזאַ. און מיט מיין שטאָלץ האָט דאָס אויך צו טאָן. איך גנבע ניט קיין ברויט, ווי הונגעריק איך זאָל ניט זיין...

לופענס צווידייטיק שמייכעלע איז פאַרשוואונדן. ער האָט נאָך שאַרפער אַריינגעשטאָכן אין ברינס אויגן דעם גלאַנץ פון זיין מאָנאָקל:

— דאָס איז זייער און זייער צו לויבן... אַזאַ פּרינציפּ, וויל איך זאָגן.

ער האָט אַ וויילע נאָכגעטראַכט און צוגעגעבן:

— טאַלאַנט איז אייגנטלעך דאָס זעלבע וואָס אַן אינערלעכע געבוירענע מאָראַל. אַ טיפע ריינקייט. אַן אייביק־נייער גאָלד־באַל, פּולירט און גלאַט, צו וועלכן זשאַווער און שמוץ שטייען ניט צו, וויפיל מען זאָל אויף אים ניט שפּריצן מיט ציניזם...

ער האָט ווידער אַ וויילינקע געטראַכט, געזוכט ווערטער און, קאַנטיק, געפונען:

— סאָלאַנזש איז ניט מיין כלה; מיין פרוי — אוודאי ניט. איך אַליין בין שוין לאַנג אַוועק פון יענער ברויזנדיקער צייט, ווען דער זכר שטייט אַלעמאָל גרייט, מיט שנאָבל און שפּאָרן, צו שלאָגן זיך מיט יעדן צווייטן האָן... עס איז מערקווירדיק! ווען איך בין יונג געווען —

*) ריידעריי.

איז מיר די וועלט געווען ווייניק. יעדער יונגערמאַן, וואָס כאַפּט זיך אַרום מיט זיין געליבטער, איז מיר עפּעס שולדיק געבליבן. באַגזלט האָט ער מיך... איצט שפּאַציר איך אַרום אין טונקעלע אַלעען, אַזוי שטיל און באַשיידן ווי נאָר מעגלעך, און איך האָב שטאַרק הנאה צוצוהערן זיך ווי די יוגנט קושט זיך, ווי די יוגנט ליבט זיך...

www.libtool.com.cn

דאָס איז שוין פאַר ברינען געווען אַ גאַנץ קלאָרע אָנדייטונג, אַז דער וועג איז פריי... ניט קלאָר איז אים נאָר געווען פּ אַ ר וו אָ ס לופען גיט אים אַזעלכע אָנצוהערעניש? טוט ער דאָס פון גרויס ליבשאַפט צו סאָלאַנשן און צו אירע האַלב־ווילדעליידנשאַפטן, צי פון גלייכגילטיקייט, וואָס נאָר אַן אָפּגעלעבטער מאַן קאָן זי?.. איז דאָס אַטראָפירטע אייפערזוכט, אָדער ראַפינירטער געשמאַק? פאַראַן דאָך אַזעלכע דעגענעראַטן, וואָס וואָלטן געוואָלט אַז זייערע פרויען זאָלן פאַרקערן מיט אַנדערע. דאָס האָט פאַר זיי אַ גאַנץ באַזונדער־געשלעכטלעכן רייץ. צו וועלכער פון אָט די קאַטעגאָריעס געהערט לופען?.. שוין בשעת זיין ערשטן באַזוך אין אַטעליע האָט ברין דערפילט אַזאַ אָנדייטונג. נאָר ער האָט דאָס ניט פאַרשטאַנען, אָדער ניט געוואָלט פאַרשטיין... איצט — יאָ. און ווערליק אַ געוויסער טרוקנקייט אין לופענס געזיכט, לויט אַ געוויסן קנייטשל פון ביטערער העפלעכקייט אין יענעמס מויל־ווינקלען, האָט זיך איצט ברינען געדאַכט, אַז ער דערקענט די אמתע סיבה פון אַזאַ ברייטהאַרציקייט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז שוין ביים ערשטן טרעפן מאַדעמואַזעל סאָלאַנש, אין קאַפע לעבן האָטעל דע־וויל, אַז שוין דעמאָלט האָט אויף אים איר אָפּגעפאָרענער קאַוואַליער געמאַכט דעם איינדרוק מער פון אַ סטאַטיסט, ווי פון אַ געליבטן... אַ מאַן וואָס האָט זיך פאַרשאַפן אַזאַ שיינהייט — מער צוליב פּוסטן סנאָביזם, באַרימעריי, ווי צוליב פיזישע און גייסטיקע באַגערן.

אַזאַ פלוצלעכע איבערצייגונג, מער מיטן אינסטינקט ווי מיטן גראָדן שכל, האָט ברינען אַ וואָרף־געטאָן דאָס גאַנצע בלוט אין קאָפּ. דער אויסגעהונגערטער מאַנצביל און באַליידיקטער מאַנצביל האָט זיך אין אים כעסדיק דערהויבן. שוין חדשים און חדשים לאַנג אַז אָט דער מאַנצביל ווערט אין אים געקריוודעט און דערנידעריקט... אין דער אויפגעפלאַמטער פאָרשטעלונג האָט ער מיטאַמאָל דערזען סאָלאַנשס טונקעלע אָרעמס און פלייצעס. ווי וואונדערלעכע צווייגן פון עץ־הדעת ציען זיי זיך צו אים פון ראָזעווען גלאַנציקן קאָרסאַזש אַרויס, און אין יעדער האַנט, מיט די רויט־לאַקירטע נעגל, אַן עקזאָטיש פרוכט — אַ פרויען־ברוסט, אַזוי זאַפטיק און טונקל ווי סאָלאַנש אַליין פאַרמאָגט זי. ווי אַזוי האָט ער

דאָס געקאָנט זיין אַזוי גלייכגילטיק צו אַזעלכע לעבעדיקע וואונדער?
www.libtoor.com.cn
פראַנסואַ לופען האָט, דאַכט זיך, אין זיין עלעגאַנטן אויגן־גלעזל, אָפּגעשפּיגלט דאָס, וואָס ברין דענקט. וואָרעם ער האָט אים אַ ביסעלע פאַמיליאַר, הגם זייער ווייך, אָנגענומען ביים אָרעם, — אַ באַרירונג, וואָס איז ברינען אין דעם דאָזיקן מאָמענט געווען פריקרע...

— איך וועל אייך ענטפערן מיט מאָראַל אויף מאָראַל. איך בין ניט פון יענע היינט וואָס ליגן אויף היי, עסן אַליין ניט און לאָזן קיינעם ניט צו. און ווען איך וואָלט דאָס געטאָן — וואָלט דאָס אויך ניט געהאָלפן. גלויבט מיר!.. איר ווייסט ניט אויף וואָס סאָלאַנש איז פעאיק. וועגן דעם וואולקאַן־אויסברוך אויף מאַרטיניק האָט זי אייך דערציילט?

— יאָ, אַ ביסל... ווי אַזוי אירע עלטערן זיינען אומגעקומען.

— זי איז ניט בעסער פונעם פייער־באַרג מאָנט־פּעלע, וואָס האָט פאַרברענט איר טאַטנס הויז, מיט איר פאָטער און מוטער צוזאַמען. נאָר צעקרימטע פלעשלעך זיינען איבערגעבליבן. צעדרייטע קאַפּריזן...

איצט האָט זיך ברינען אויסגעדוכט, אַז לופען האָט שוין, אין אַ געוויסן זין, חרטה און ציט צוריק זיין פאָרשלאָג... האָט ער גיך באַפרייט זיין אָרעם פון לופענס. און, כדי יענער זאָל זיך ניט באַליי־דיקן, געדריקט אים די קילע האַנט מיט די בלאַסע פינגער:

— נו, אַ דאַנק אייך פאַר אַ פריינטלעכער וואָרנונג!.. און דאָס בילד קאָנט איר האָבן אַ דריי־פיר טעג שפּעטער, ווען די פאַרבן וועלן שוין גאַנץ טרוקן זיין. איך וועל עס קאָנען ווערנירן...*) און גריסט מאַדעמואַזעל סאָלאַנש אין מיין נאָמען! איך אַנטשולדיק זיך צען מאָל פאַר מיין ניט־קאַוואַליערישקייט. טויט־מיד בין איך געווען...

לופען איז נאָך טרוקענער געוואָרן פון ברינס ווערטער, פון זיין האַנט־דריקן. עפּעס ווי ער וואָלט געוועין אַנטוישט פון ברינס פּלוצלעכן בייטן דעם טאָן. שלאַבערדיק האָט ער נאָר איבערגעחזרט זיין פריער־געגעבענע, שפּילעוודיקע עצה:

— איר וואָלט גוט געטאָן, שער מעטר, צו זאָגן איר דאָס אַליין...

ער האָט זיך קיל אַ בויג־געגעבן און געוואָלט אַוועקגיין, נאָר ברין האָט אים נאָך פאַרהאַלטן:

— און אייך וועט זי ניט גלויבן?

— ניין. מיר גלויבט זי גאָרניט...

לופענס גלייכער רוקן האָט זיך דערביי אַ ביסל איינגעבויגן, סוטולע געוואָרן. ברין האָט אויף אים עפּעס מאָדנע רחמנות־געקראָגן. אַליין ניט געוואוסט פאַר וואָס.

---

*) באַדעקן מיט דורכזיכטיקן לאַק.

— ווען איך וועל פרייער־ווערן און זיך בעסער פילן... — האָט ער גענומען מורמלען. — איר ווייסט אפשר אַז איך אַליין לעב איצט איבער אַ שווערן מאָמענט אין מיין לעבן... און גראָד היינט...
www.libtool.com.cn

— איך ווייס, איך ווייס!.. — האָט לופּען, ניט־קוקנדיק אויף אים, געגלעט זיין האַלבן דערבי־צילינדער. — אָבער אפשר דווקא דערפאַר...

— המ... אַזוי זאָגט מיין פריינט גאַבראָנסקי אויך... ער איז דאָ.

— אַ שאָד וואָס איך מוז אַוועקגיין. אַן אַנדערש מאָל וואָלט איך זיך מיט אים גערן באַקענט...

— ער זאָגט... אַז מען איז אַנטוישט אין איינער, מוז מען זיך גלייך פאַרליבן אין אַ צווייטער. דער זעלבער געדאַנק.

— אַ קלוגער מענטש.

— עס קאָן זיך נאָך מאַכן...

— עס קאָן ווערן צו־שפּעט.

— פאַרוואָס צו־שפּעט?

דאָס קאָן איך אייך איצטער ניט זאָגן... אַ גוטע נאַכט, שער מעטר!

ברין איז געבליבן שטיין איינער אַליין אין דעם רויטלעך־באַלויכטע־נעם ווינקל און נאָכגעקוקט לופּענס קרענקלעכע פיגור, וועלכע דערווייטערט זיך פון אים, דורך די זיצנדיקע און שטייענדיקע געסט, צום אויסגאַנג.

„וואָס איז מיט אים?" האָט ער נאָכגעטראַכט. „עפּעס איז ער היינט טויט־מיד. וואָלט פון זיך געוואָלט אַראָפּוואַרפן אַ משא, ווען עמעצער וואָלט אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע. נאָר בעלנים זיינען ניטאָ. כאָטש שיין איז זי ווי... ווי די נאַכט, ווי מ יי ן „גרינע נאַכט". אַ מערקווירדיקע פּאָר! ווערליך זיין קומען און אַוועקגיין זעט דאָס אויס, ווי זי, סאָלאַנש, וואָלט אים געשיקט זוכן מיך... אַליין זאָל ער גאָר צוריק ניט קומען... אָבער ווי אַזוי האָט ער געטראָפן אַז איך בין דאָ? די פאַרצווייפלונג, אפשר, פון אַ געיאָגטן ליובאָווניק האָט אים געבראַכט אַהער..."

אָבער גראָד אָט דער געדאַנק, אַז לופּען האָט אַהער ניט צופעליק פאַרבלאָנדזשעט, אַז ער איז נאָר געווען אַ שליח, האָט אין ברינס פאַר־שמאַכטער זעל אויפגעוועקט אַ ווידערווילן, סאָלאַנשס טונקעלע אָרעמס מיט די רויט־לאַקירטע נעגל, מיט די לעבעדיקע ברוסט־פּרוכטן צווישן די פינגער זיינען עפּעס ווידער פאַרוועלקט געוואָרן. ניין, בעסער איז ניט

קריכן, מיטן אַזוי־אויך קראַנקן קאָפּ, אין אַזאַ קאָמפּלעקס. בעסער ניט...
www.libtool.com.cn

— האַללאָ! — האָט עמעצער גאָר נאָענט אַ רוף־געטאָן און אינ־גאַנצן אויפגעוועקט אים פון זיין טרוימערישקייט. ברין האָט זיך אַ פיר־געטאָן מיט דער גאַנצער דלאָניע איבערן פּנים. ווי איבער שפּינוועבס. מישעל גאַבראָנסקי האָט דאָס אים גערופן...

צוועלפטער קאַפּיטל

דער פּאַטש

1.

יאָ, גערופן האָט דאָס אים דער אַלטער. און, ווי פון דרימל אַרויס, אַזוי איז צו אים ברין אַרויסגעקומען פון האַלב־טונקעלן ווינקל.

— וואָס האָט ער פון דיר געוואָלט? — איז יענער צוגעטראָטן מיט זיינע אויסגעקוילערטע אויגן. און עפּעס ווי עמעצער וואָלט אים באַפּולמעכטיקט צו קאָנטראָלירן זיין יונגן פריינט — מיט אַזאַ טאָן האָט ער דאָס אַ פרעג־געגעבן.

דאָס איז ברינען ניט געפעלן געוואָרן, און ער האָט זיך געפּרואווט אַוועקמאַכן:

— גאָרנישט. פּראָפעסיאָנעלע זאַכן... ווייסט דאָך שוין אַז מאָסיע לופּען האָט ביי מיר אָפּגעקויפט מיין לעצטן לייוונט...

גאַבראָנסקיס בייגעריקייט האָט דאָס, אָבער, ניט געשטילט:

— נו, האָט ער דאָך שוין אָפּגעקויפט... היינט צוליב וואָס אַזאַ לאַנגער שמועס?

ברין האָט זיך אָנגעכמורעט:

— וואָס האָב איך דאָ פאַרלוירן?

אָבער דאָ האָט ער דערקענט, אַז גאַבראָנסקי איז עפּעס זייער צע־שטרייט און מאַכט נאָר אַן אָנשטעל, אַז ער איז בייגעריק. אין דער אמתן ליגן אים איצט ברינס אינטימע געשפּרעכן אין דער לינקער פּיאַטע אויך ניט. ער מיינט נאָר צו פאַרבאָרגן דערמיט זיין אייגענע צעטראָגנקייט. וואָרעם זיינע אויגן זיינען אויסגעקוילערט מער ווי אַלעמאָל, און עפּעס אַן אומרואיק פונקעלע בלאָנדזשעט אין זיי אַרום...

— וואָס איז דאָס מיט דיר? — האָט אים ברין שטיל אַ פרעג־געגעבן.

— ס׳איז מיט מיר דאָס, וואָס מיט יעדן קאַבינעט־ראַץ, וואָס פאַר־לאָזט זיינע ביכער און קריכט צו ווייטע קרובים אַמאָליקן איד. בפרט צו אַזעלכע קרובים, וואָס ווילן נאָר דיין טובה, כאָטש מען בעט זיי ניט... וואָרעם זיכער בין איך, אַז קיין צופאַל איז דאָס ניט. נאָר די ליבע מלאָטעקס האָבן אומיסטנע אַזוי געמאַכט...

— הכלל, אויפן אָוונט דאָ איז אָקערשט דערשינען די, וועלכע האָט מיר אָפּגעטאָן דאָס זעלבע, וואָס דיין סאָניאַ — דיר...

— יעטאַ? עס קאָן ניט זיין!

— פאַר וואָס קאָן ניט זיין!.. גיב נאָר אַ קוק אין שפּיגל, ווי דיינע אויגן לויכטן! אַזוי נייגעריק ביסטו מיטאַמאָל געוואָרן... אַליין אָפּגעבריט זיך, און עס גלוסט זיך דיר דעם טאָפּ, מיט וועלכן איך האָב זיך אָפּגעבריט...

— ס׳איז דאָך אינטערעסאַנט... ווי קליידט זי זיך? ווי זעט זי אויס? נאָך אַזוי פיל יאָרן...

— אָפּגעקילט, אויסגעשיירט. ווי יעדער בכבודיקער קופּערנער טאָפּ. ער האָט שוין אַפילו פון דערווייטנס אַ שימער־געגעבן צו מיר... איך מיין; צעשמייכלט זיך. הכלל, אפשר וועלן מיר גאָר אַוועק־גיין?..

— אַוועקגיין? וואוהין? צו מיר אין פּוסטן אַטעליע?.. וואָרט, וואָרט!.. אָבער וואָס, מיינסטו, האָבן דאָ דיינע מלאָטעקס געהאַט אין זין?

— שלום... איך האָב שוין עפּעס פריער געהערט, אַז יעטאַ האָט פאַרלאָזן איר מאַן. איר צווייטן מאַן...

— נאָך אַזויפיל יאָרן? גאַנצע פינף־און־צוואַנציק יאָר, זינט...

— דאָס זיינען גראָד די קריטישסטע יאָרן ביי אַזעלכע פרויען ווי יעטאַ איז. ווער עס פראָוועט דעמאָלט זילבערנע חתונות און ווער עס זעט זיך אַרום אַז דער בייט האָט זיך ניט געלוינט. בפרט די קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן און מען פילט־זיך פרייער, ניט־געבונדן... הויבט מען אָן אויפוואָרפן דעם צווייטן מאַן, ווי גוט און איידל דער ע ר ש ט ע ר איז געווען... אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט — ביז מען וואַרפט זיך אַרויס. אָדער מען וואַרפט איינער דעם צווייטן אַרויס...

— דו שטעלסט זיך דאָס אַלץ אַזוי פאָר? אָדער —

— אַזוי ווייט גייט ניט מיין פאָרשטעלונג. אויך אין צוזאַמענלעבן פון מאַן־און־ווייב זיינען דאָ פּראָסטע מאַטעמאַטישע פאָרמולן. בפרט גוטע מענטשן טראָגן דיר צו געוויסע ציפערעס — איז שוין לייכט צו

www.libtool.com.cn

מאַכן דעם חשבון. זינט אַ געוויסער צייט וואוינט שוין יעטאַ אין אַ האָ־
www.libtool.com.cn
טעל... איז גייען מיר?

בריגס אויגן זיינען זיך ווידער נייגעריק צעלאָפן.

— אַך, ליבער פריינט גאַבראַנסקי! ווייז מיר... כאָטש פון דערוויַיטנס...

— פאַרוואָס פון דערווייטנס? אַפילו פון נאָענטן... כ׳וועל זי דיר פאָרשטעלן.

— יאָ, יאָ. טו דאָס!

— זעסטו? אַלע זינדיקע פרויען זיינען אינטערעסאַנטער ווי די הייליקע. ווען יעטאַ וואָלט פון מיר אַמאָל ניט אַנטלאָפן, וואָלט זי דיך איצט ניט אינטערעסירט...

— ביסט אפשר גערעכט.

— זיכער. דאָ ליגט די ראָזינקע אין טייג! אַך, אַך, יונגערמאַן!..

— דו אַליין האָסט שוין מיט איר גערעדט?..

— אַ פּאָר ווערטער נאָר. און... געלאָפן דיך זוכן.

— כדי אָוועקצוגיין?

— געוויס. נאָר אויב דו ווילסט שפילן דעם קאַוואַליער און מיך באַפרייען —

— דו רעדסט עפּעס הײנט פון דיין יעטאַן אַזוי...

— ווי אַזוי?

— אַזוי גרינגשאַציק, וואָלט איך געקאָנט זאָגן. אַלעמאָל ביסטו דאָך געווען אַזוי צוריקגעהאַלטן, אַזוי דעליקאַט אָפּגערופן זיך וועגן איר...

— געשעמט זיך מסתמא. ווי מיט אַ קערפּערלעכן פעלער... היינט, אָבער, אַז מיר ביידע זיינען קאַליקעס, ביידע מיט אָפּגעהאַקטע הענ־טעלעך... איך — אַן אַלטער קאַליקע, דו — מיט אַ פרישער בינדע... און אַ ביסל משקה האָבן מיר אויך גענומען...

דאָס האָט זיך שוין אָנגעהערט ביטער און מיט פאַרוואורף צו בריגס יוגנטלעכער נייגעריקייט... גאַבראַנסקיס אויגן האָבן דערביי אַזוי דורכדריגנדיק געגלאַנצט, אַז ברין האָט, ווי היפּנאָטיזירט, אַ קוק געגעבן אויף זיינע אייגענע הענט, צי איינע פון זיי איז ווירקלעך ניט אָפּגע־האַקט, נאָך דער היינטיקער באַגעגעניש מיט סאַניאַן, צי דאָס בלוט טריפט נאָך פון איר... נאָר גאַבראַנסקיס ליפּן האָבן זיך פּלוצלונג צעצויגן אין אַ מאָדנעם, ניט־ניכטערן שמייכל:

— שאַ, אָט איז זי, אויב דו ווילסט... איין רגעלע!

דער אַלטער טשודאַק האָט דערביי אַ גיי־געגעבן אַן אַ זייט, טענצלענ־

www.libtool.com.cn

דיק, ווי אַ ניט־געניטער קאַוואַליער פון דער פּראָווינץ, וואָס לאַדט איין
אַ גרויס־שטאָטישע דאַמע צום טאַנץ, און באַלד האָט ער פון צווישן
אַ גרופּע געסט, אַרויסגעפירט אַ בכבודיקע פרוי, אַ ביסל וואוקסיקער
פאַר אים, אַ סטאַטנע אין איר שוואַרצן אויסגעגאָסענעם סאַטין־קלייד,
מיט אַ זילבערנער קרוין פון געדיכטע האָר אויפן קאָפּ, מיט אַ זילבערנער
קייט אויף דער הויכער ברוסט, וואָס האָט איר צוגעגעבן אַ שיינע שטרענג־
קייט פון אַ ריכטערין, וואָס קאָן אַרויסטראָגן אַן אורטייל וועגן אַלעמען,
אָבער קיינער — ניט איבער איר... די דאָזיקע שטרענגקייט איז אויך
געלעגן אין דעם קוק פון אירע, נאָך זייער יונגע און שוואַרצע אויגן, אין
איר פעסטן האַלטן די האַנט־טאַש מיט דעם לעדערל פון הענטל אַרומ־
געוויקלט אַרום איין פינגער, אין אירע ליידנשאַפטלעך־געשלאָסענע דיק־
לעכע ליפּן. דאָס אַלץ האָט שטום, אָבער דייטלעך, גערעדט, אַז דאָס איז
אַ פרוי וואָס האָט דאָס קערפּערלעכע לעבן ליב, האָט דאָס פאַרזוכט, איז
גרייט ווייטער צו פאַרזוכן, לאָזט זיך ניט אָפּנאַרן, און קיין דעות זאָגן,
אין די דאָזיקע האַרץ־ענינים, לאָזט זי זיך אַוודאי ניט.

— אָט דאָס איז מיין פריינט ברין, דער מאָלער! װעלכער...
איך האָב דיר שוין געזאָגט. און דאָס איז יעטאַ ראָזען. באַקענט זיך!

ברין האָט אַ דריק געגעבן אַ קליינע דעספּאָטישע הענטל. די פאַר־
געשטעלטע האָט נאָר לייכט אַ שאָקל־געגעבן מיט איר זילבערנער האָר־
קרוין אויפן קאָפּ און נאָך שטייפער פאַרצויגן מיט אירע פינגער דאָס
רימענדל פון איר טאַש. זי האָט, קאָנטיק, גלייך אָפּגעשאַצט די נייגערי־
קייט פון דעם יונגן מאָלער, אַז נאָר דאָס האָט אים געבראַכט צו איר
קליינער און פעסטער האַנט. האָט זי קוים־קוים אָנגעבלאָזן די ליפּעלעך,
אַ נעם־געטאָן דעם, וועמ עס איז אַמאָל געווען איר מאַן, דאָס הייסט:
מישעל גאַבראָנסקין, אונטער איר שטאַרקן קיילעכדיקן אָרעם און אַ זאָג
געטאָן קורץ און אַנטשלאָסן, אַז זי דאַרף זיך מיט אים דורכריידן...

ווי אַ מענטש וואָס טרינקט זיך, אַזוי האָט גאַבראָנסקי אַ וואָרף־
געגעבן מיט זיינע אויסגעקוילערטע אויגן צו זיין יונגן פריינט. דאָס
האָט, אַפּנים באַדייט: „ראַטעווע מיך, אויב דו קאָנסט!..״

ברין האָט ווידער באַקומען אַ באַשטעטיקונג, אַז חכמה איז איינס
און פּראַקטיק — אַ צווייטע זאַך. אָט דער זעלבער גאַבראָנסקי, וואָס אין
זיין קאַבינעט איז ער געווען אַזוי שאַרפּצינגלדיק און דרייסט, איז נעבעך
אַזוי אומבאַהאָלפן אין איין אָרעם פון זיין געוועזענער פרוי... הײנט
ווי אומבאַהאָלפן איז אָט דער גייסטרייכער מענטש געווען אין אירע
ביידע אָרעמס, ווען זי איז נאָך געווען זיין פרוי?..

ער האָט זיי קאָפּ־שאָקלענדיק נאָכגעקוקט. יעטאַס פולע היפטן האָבן

www.libtool.com.cn

זיך ווייך און ריטמיש געשאָקלטביים גיין, געשפּילט די האַרבסט־מעלאָדיע פון אַ פרוי, וואָס האָט פון לעבן גענומען דאָס, וואָס זי האָט געפונען פאַר נויטיק. און וועט נאָך נעמען דאָס וואָס זי וועט אויסוויילן...

דער מאָגערער גופעלע פון מישעל גאַבראָנסקי האָט נאָך איר נאָכגעטאַנצט, אַן אויסגעזויגטער, אַן עקיקער, ווי אַ לאָבסטערל, וואָס אַ ים־שפּין האָט אים אויסגעזויגן... איז דאָס ניט די זעלבע יעטאַ וואָס שלעפּט אים איצט אַוועק אונטערן אָרעם?.. וואָס פאַר אַ מעכטיקע פרוי דאָס איז! זי האָט אָט דעם קלוגן און באַגאַבטן טשודאַק אויסגענאָגט כדי צו געבן זויגן פון אירע פולע בריסט אירע קינדער, וועלכע זי האָט געבוירן פון אַן אַנדער מאַן. און נאָך דעם אויך יענעם מאַן אַוועקגעוואָרפן...

אַ טיפע ליידנשאַפט האָט ברינען פלוצלונג אָנגעכאַפּט, צו אָט די שיינע און דעספּאָטישע ווייבער־היפטן, וואָס דערווייטערן זיך פון אים אין אַזאַ געוויג. אַפילו דער באַדייטנדיקער אונטערשייד אין יאָרן האָט אים ניט געאַרט. פאַרקערט, דער אינסטינקט פון אויסגעהונגערטן מאַנצביל אין אים, וואָס איז שאַרפער פאַר יעדער לאָגיק און חשבון און שטאַרקער פאַר דעם, אַזוי־גערופענעם, גוטן געשמאַק, האָט הייס צעפלאַטערט זיינע נאָזלעכער:

„ווייסטו דען, צוציק איינער, ווי עס קאָן ליבן אַזאַ געניטע איבערגעצייטיקטע קלוגע פרוי מיט שפּילנדיקע היפטן! ווי אַ מוטער קאָן זי ליבן און ווי אַ וואַקכאַנטין.ביידע עלעמענטן זיינען אין אַזאַ פרוי אויסגעמישט ווי זון און שאָטן. זי באַהערשט דיך און צעגייט אין די אָרעמס. זי איז אונטערטעניק און געוועלטיקט. זי נעמט אַלץ אַוועק און אַליין גיט זי דאָס לעצטע ביסל יוגנט וואָס איז פאַרבליבן אין אירע אָדערן, פאַר איר לעצטן געליבטן... אין אַזעלכע אָרעמס וואָלסטו זיך היינט געדאַרפט אויסשטורעמען און אויסרוען, ברין! צו־להכעיס דעם אָנדענקען פון דיין יונג ווייב, וואָס האָט דיך פאַרלאָזן. אויסקושן די זילבערנע האָר פון אַזאַ געליבטער וואָלטסטו געדאַרפט; אויסזויגן די מוטערלעכע שטרענגקייט פון אירע יונג־געבליבענע שוואַרצע אויגן, אָ, ברין!"

דער ברענענדיקער באַגער איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט זיך געמוזט צוריקהאַלטן, כדי ניט נאָכצולויפן גאַבראָנסקין און זיין געוועזענער פרוי. ער האָט זיך געשעמט פון אַזאַ אומפאַרשעמטן פאַרלאַנג און זיך רעכט־געגעבן:

„זי איז דאָך מער ניט זיינע!.. פויגל־פריי איז זי, ווי איך אַליין..."

אינמיטן נאָכגיין אַזוי, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פאַר אַ שווערן

רוסטיק־אַלמער, כדי ניט גיין ווייטער. ווי אַ שוואַכער מענטש וואָס
ווערט געשלעפּט פון אַ שטראָם האָט ער דאָס געטאָן. אָנגעהאַלטן זיך
אָן געל־לאַקירטן האָלץ, און זיך אַליין, שיר־ניט־וויינענדיק, געמורמלט:
„אַזוי געפאַלן ביסטו קערפּערלעך און גייסטיק!.. וואוהין אַנט־
לויפט מען? וואוהין אַנטלויפט מען פון זיך אַליין? אָט וואָס סאָניאַ
האָט פון דיר געמאַכט!..״

2.

ווען ער האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט, האָט ער גענומען אַרומשליאַנ־
דערן איבער דער גרויסער אַטעליע. דאָ אַ קוק, דאָרטן אַ האָרך... צע־
קאָכט און ניט־צופרידן מיט זיך ווי ער איז געווען, האָט ער זיך צוגעזעצט
צו אַ גרופּע קינסטלער, וועלכע זיינען אים מער־ווייניקער געווען באַקאַנט
פון מאָנפּאַרנאַסער בולוואַר. דאָס איז געווען אַ מין קליינע אַסיפה פון
ביטערע יונגען. געזעסן זיינען זיי אויף נידעריקע דריי־פוס זעסלעך,
ביי אַ נידעריקן רויט־לאַקירטן יאַפּאַנישן טישל, מיט אַ גרויסן פלאַש
רויט־ווייַן אינמיטן און מיט שטיקער סענדוויטשעס אויף פּאַפּירענע
טעלער.
ווען ברין איז צוגעגאַנגען, האָט מען זיך אַפילו ניט אומגעקוקט
אויף אים. און ווען ער האָט זיך צוגעזעצט — האָט מען ווייטער געפירט
דעם שמועס, עפּעס ווי דאָ וואָלט צוגעקומען אַ שאָטן, ניט אַ מאָלער,
וואָס האָט באַקומען אַן אויסצייכענונג פון לוקסענבורגער מוזעאום...
די דאָזיקע גלייכגילטיקייט, האַלב־געמאַכטע, האַלב־אמתדיקע, האָט,
נאַטירלעך, געהערט צום „גוטן טאָן״ פון דער באָהעמיע; צום טאָן פון
„האָבן אין דער ערד״ אַלץ וואָס וואַקסט־אַריבער, וואָס צייכנט זיך אויס
און ווערט אויפפאַלנדיק אויפן קינסטלער־בולוואַר... אָבער אויך אַ סך
נאַטירלעכקייט איז אין דעם געווען, ווי ביי פייגל וואָס פּיקן אין אויס־
געשאָטענע קאַשע, און אַ פרעמד פייגעלע פליט אָן און פּיקט אויך.
ברין האָט זיך צוגעהערט. מען האָט דאָ דערציילט פון אַ מאָנפּאַר־
נאַסער תושב, וואָס איז מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק געשטאָרבן אין אָרעמ־
קייט, אַן אויסגעלאַכטער פון דער גאַנצער קונסט־וועלט. מען האָט דער־
ציילט פון אַנרי רוססאָ, פון אָט דעם מאָדנעם מאָלער און געניאַלן
פּרימיטיוו, וועלכער האָט געדינט אַלס אַ קליינער אָרעמינקער טשינאָווניק
אין פּראַנצויזישן צאָל־אַמט, געזוכט פאַרבאָטענע סחורות, געפּאָרקעט
זיך אין פרעמדע שוואַרצע וועש צו געפינען שמוגל. און אין דער פרייער
צייט, אויסגעגאָסן אויף קאַרטאָן און לייוונט אַלץ, וואָס האָט געפלאַמט
אין זיין דיכטערישער פאָרשטעלונג. ווי, צום ביישפּיל: די עקזאָטישע

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

וועלדער — ווינקעלעך מיט משונהדיקע בלומען, וועלכע ער האָט יונגערהייט געזען אויף זיינע רייזעס אין די פראַנצויזישע קאָלאָניעס; אַ לייב, וואָס ער האָט אַמאָל פון דערווייטנס געזען אין סאַהאַראַ; אַ גרינעם גרויסן בלאַט, וואָס ער האָט געפונען נאָך אַ שטורעם און אָפּגעמאָלט ווי גרויס עס איז, מיט אַלע דורכזיכטיקע גרינע אָדערן, מיט אַלע געציינדלטע אומריסן און עס איז אַרויסגעקומען שיין און שטאַרק; זיין אייגן בילד, פון שפּיגל גענומען, מיט משונהדיק־מאָגערע און מערקווירדיקע שטריכן פון אַ האָלצערנער מאַסקע — אַ געץ צו וועלכן די קאַניבאַלן פון די פּאַסיפישע אינדזלען בוקן זיך... דאָס און אַ סך ענלעכס איז פון רוססאָס פּינזל אַרויסגעקומען באַדעקט מיט טוי פון געגעזיס — פון דער ערשטער נאַטור. קרעפטיק, אָריגינעל און נאַאיוו. און דערפאַר טאַקע פון די געשוואוירענע מבינים פאַררעכנט געוואָרן אַלס שול־מאָלעריי, קינדישע שטיפערייען... און דערציילט האָט מען דאָ, אַז דער זעלבער רוססאָ האָט אָנגעבאָטן זיינע ניט־אָנערקענטע שאַפונגען פאַר צען פראַנק אַ שטיק, ווען ער האָט זיך געגוויטיקט אין געלט. און געגוויטיקט האָט ער זיך שטענדיק. בפרט, ווען ער האָט געדאַרפט קויפן פרישע פאַרבן. אָבער קיינער האָט מיט זיינע קינדערייען ניט געוואָלט באַפּוצן אַפילו דעם קאָרידאָר פון זיין וואוינונג, דעם ווינקל, וואו מען טוט אויס די מאַנטלען. און איצטער באַצאָלט מען פאַר יעדער פאַרוואַלגערטער שטיקל־צייכענונג זיינע — הונדערטער טויזנטער. זיין „לייב אין מדבר“, וואָס קיינער האָט, ביים לעבן פון קינסטלער, אין האַנט ניט געוואָלט נעמען, איז דאָ ניט לאַנג, אויף אַן אַקציאָן, פאַרקויפט געוואָרן פאַר אַ מיליאָן... איז דאָס ניט די נקמה פון יעדן גאון נאָך זיין טויט? פון אונטער די פּראָסטע שטיינערנע מצבות גיבן זיי זייערע אָרדערס: „צאָלט, חזירים! איר מוזט פריער אייערע דיכטער און קינסטלער זען געשטאָרבן! איר פרעסט נאָר נבלות!..“

אַן עלזאַסער מאָלער מיט לאַנגע ראָגאָזשע־האָר, וועלכער איז דאָ געזעסן אין קרייזל, האָט דאָס אויסגעהערט מיט קאָפּ־שאָקלעניש און האָט גענומען ציטירן אַ ליד פון אוהלאַנד. ער האָט דאָס האַלב־געזונגען, האַלב־דעקלאַמירט. אין יעדן קופּלעט איז געווען אַ צוזאָג צו אַ קראַנקן דיכטער: מען וועט דיר גאָלדענע פּאַלאַצן בויען, די שענסטע פרויען וועלן ליגן צו דיינע פיס, מיט בלומען און זילבער וועלן זיין באַצירט דיינע טישן. מען וועט און מען וועט... איין תנאי נאָר:

„מוזסט פאָרויס געשטאָרבן זיין!“

עטלעכע קופּלעטן האָט דער לאַנג־האָריקער ציטירט, און יעטוועדער מאָל פאַרענדיקט אַ גרופּע שורות מיט דעם אויבנדערמאָנטן באַגרעבע־

ניש־קלאַנג. דאָס איז ברינען שטאַרק געפעלן געוואָרן. עס איז געווען ווי אַ נייער רינג אין דער קייט פון געדאַנקען, מיט וועלכער גאָבראָנסקי האָט אים היינט געפענטעט; אַ שלאָס־רינג צו די ביטערע רייד וועגן דער ניט־גליקלעכער, קיינמאָל ניט־באַפרידיקטער יוגנט. יאָ, יאָ... „מוזסט פאַראויס געשטאָרבן זיין!..“

www.libtool.com.cn

ברין האָט, מיט אַ מין צו־להכעיס קעגן עמעצן אַ ניט־זיכטבאַרן שונא, גענומען טרינקען דעם שווערן בורגונדער מיט אַ גלאָז. פון דער גרויסער פלאַש אויפן מיטן טיש, אַנגעגאָסן זיך, עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד, און ווי וואַסער אויסגעטרונקען, צעמישנדיק אים אַזוי מיטן קאָניאַק, וואָס ער האָט שוין אין זיך געהאַט פון פריער. די דאָזיקע אומפאַרזיכטיקייט האָט, אין זיין מידן גוף, אַרויסגערופן אַ מאָדנעם עפעקט: דאָס האַרץ איז לייכטער געוואָרן און די פיס האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בליי. און ווען ער האָט שוין געהאַט בדעה אויפהויבן זיך און איבערגיין צו אַן אַנדער גרופּע געסט — האָט ער דערפילט, אַז דאָס איז אים שווער; אַז עס איז בעסער צו זיצן אויף איין אָרט... די מחיהדיקע שווערקייט האָט אים אַזוי ליבלעך צוגעשמידט צום נידעריקן בענקעלע...

די דערציילונג וועגן פּרימיטיוו־מאָלער אַנרי רוססאָ האָט דערוויילט, אין קרייזל, דורך אינערלעכן צוזאַמענהאַנג, אַרויסגערופן דערינערונגען וועגן אַ צווייטן, אַ סך מער ייִנגערע און טראַגישערע פיגור פון דער מאָלער־וועלט אין פּאַריז. דער איטאַליענער אַמאַדעאָ מאָדיליאַני איז דאָס געווען...

— ער איז געווען אַן איטאַליענער, ווי איך — אַ האַטענטאָט...

— אַזוי האָט זיך איינער אַ געקרויזלטער קאָפּ מיט אַ יידישער נאָז אָפּגערופן אין דער קאָלירטער האַלב־טונקלקייט. — נאָר אַ געוויסע צייט האָט ער זיך אַרויסגעגעבן פאַר אַזעלכן. ווייל דער פּאַריזער מאָנפּאַרנאַס צווינגט דערצו. עס מאַכט מער איינדרוק, ווען מען גיט זיך אַרויס פאַר אַ רוס, פאַר אַן איטאַליענער, פאַר אַ גריך, פאַר אַ... בקיצור, נאָר ניט פאַר אַ יידן. שפּעטער האָט שוין מאָדיליאַני אָפן געשריען אַלעמען אין געזיכט אַריין, אַז ער איז אַן איזראַעליט, אַפילו ווען מען האָט אים ניט געפרעגט. דאָס איז שוין געווען אַ פאַר יאָר פאַר זיין טרויעריקן סוף, ווען ער איז געוואָרן אַ ליידנשאַפטלעכער שיכור, אַ קאָקאַאין שמעקער, אַן עטהער־זויגער און האָט געברענט זיין יונגן לעבן, ווי שפּענער אין אַן אייזערנעם אויוועלע, ניט געזשאַלעוועט. די ליידנשאַפט האָט זיך אין אים טאָג און נאַכט געהייצט. אַן אומגעצוימטער מאַן און אַן אומגעצוימטער פאַנטאַסט. און דאָס אַלץ האָט ער אַריינגעטאָן אין זיינע מאָלערייען, אין זיינע פּרויען מיט גרויסע גאַזעל־אויגן, מיט לאַנגע טאַליעס און לאַנגע

שוואַנען־העלדזער. זיינע גאַסן־פּרויען האָט ער דערהויבן צו על־גרעקאָס פּאַרסודעטע מאַדאָנעס, און זיינע וואַגאַבונדן, מיט טרויעריקע געזיכטער, — צו הייליקע, וואָס גייען צום שאַפאָט פאַר זייער גלויבן...

www.libtool.com.cn

— איך אַליין, — אַזוי האָט דער קוטשעראַווער מאַן מיט דער יידישער נאָז ווייטער דערציילט, — בין געווען אַן עדות פון אַ פיינלעכער סצענע צווישן מאָדיליאַני און אַ רייכן רוסישן כאַם, וואָס שטופּט זיך צווישן קינסטלער, וואָס זאָגט זיי אַלעמען צו, אַז ניט היינט, מאָרגן וועט ער ביי זיי אָפּקויפן די בעסטע לייוונטן און טוט דאָס ניט... און אפשר האָט דער פיינלעכער צוזאַמענשטויס געהאַט דערנאָך אַ ווירקונג אויף מאָדיליאַניס שיקזאַל און אויף זיין ווייטערדיקן קורצן לעבן. געשען איז דאָס פאַר דער מלחמה פון 1914,ביים סקולפּטאָר אַנרי דאַל אין אַטעליע...

— ניט אויף רי וואָזשיראַר׳ד? — גיט ברין אַ פרעג מיט אַ פאַר־כאַפּטן אָטעם.

— גאַנץ ריכטיק! — האָט דער קוטשעראַווער אָפּגעענטפערט. — איך געדענק נאָך דעם נומער פון גאַס: רי וואָזשיראַר׳ד נומער 105...

— אַטעליע נומער זעקס... — האָט ברין אונטערגעזאָגט.

— אַך, אַזוי, איר זענט דאָרטן אויך געווען?.. — האָט זיך דער קוטשעראַווער איינגעקוקט אין ברינס געזיכט. — איר זענט נאָך צו־יונג...

— ניין, איך וואוין דאָרטן, אין דער זעלבער אַטעליע, אויף דער זעלבער גאַס.

— המ... — האָט יענער אָנגעפינצטערט די אַזוי אויך פינצטערע ברעמען. — מאָדיליאַניס שאָטן מוז נאָך דאָרטן אומגיין... אין אייער אַטעליע, וויל איך זאָגן. זעט ער זאָל אייך צו חלום ניט קומען!.. נאָר דאָס ענדערט ניט די זאַך. אַמאַדעאָ מאָדיליאַני איז נאָך דעמאָלט קיין פינף־און־צוואַנציק יאָר ניט אַלט געווען, אַ ניט־הויכע וואוקס האָט ער געהאַט, גאָר געווען ברייט־פּלייציק, און זיינע פייכטע אויגן האָבן שוואַרץ געגלאַנצט, ווי גרויסע סמירנער אַליוון. אומגעגאַנגען שטענדיק אין אַ סאַמעטענעם גאַרניטער. אַזאַ ווי די בעסערע פראַנצויזישע אַר־בעטער טראָגן. הויזן — אויבן ברייט און אונטן שמאָל. און מיט אַ לויזן סאַמעטענעם פאַסיק אַרום רעקל — פון זעלבן שטאָף. דער רוסישער אָפּגעפרעסענער כאַם, וועלכן איך האָב פריער דערמאָנט, איז מאָדיליאַנין פאָרגעשטעלט געוואָרן אַלס מעצענאַט אין דאַלס אַטעליע. לושניקאָוו האָט דער גוי געהייסן.

— פון וואַנעט זייט איר? — האָט לושניקאָוו פרעך אַ פרעג געגעבן און אָנגעקוקט דעם יונגן מאָלער מיט חזירשע אייגעלעך:

— פון איטאַליע, — האָט מאָדיליאַני באַשיידן געענטפערט.

— אַן איטאַליענער? — איז דער גוי ניט אָפּגעשטאַנען.

— יאָ. אַן איטאַליענער.

— יאָ, אָבער אַ וועלכער איטאַליענער? „קופּע או נאָן קופּע?“ דאָס הייסט: אַ געמלטער אָדער ניט־געמלטער?

מאָדיליאַני איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער. פּלוצלונג איז ער אויפגעקאָכט געוואָרן און, ווי אַ פּאַנטערע, אַ שפּרונג געגעבן אויף דעם געזונטן גוי און אײַנגעקלעמט זיך אין אים. מען האָט זיי קוים פונאַנדערגענומען.

אין יענעם אָוונט האָט ער זיך, אויף וויפיל מיר איז באַקאַנט, צום ערשטן מאָל אָנגעשיכורט. שיכורערהייט האָט ער עפּעס געפּלאַפּלט, אַז ער וועט ניט דערלויבן אַ גראָבן גוי צו באַליידיקן זײַן שטאַם... אַז ער, מאָדיליאַני, שטאַמט פון אַן אַלט־שפּאַניש־יידישער פאַמיליע; אַז ווען זײַנע אור־עלטערן האָבן שוין געגאָסן די העכסטע קולטור, אַרויס־געגעבן פון זיך די דאַ־קאָסטאַס און שפּינאָזאַס, האָבן זיך נאָך די עלטערן פון דעם פּרעכן רוס אַרומגעטריבן האַלב־ווילדע אין די סיבירער סטעפּעס... עס איז געווען אוממעגלעך צו באַרויִקן אים.

— מען זאָגט... — האָט דער עלזאַסער מיט די לאַנגע האָר געזוכט אָפּצואָווענדן דעם שמועס פון דער יידישער פראַגע, — מען שמועסט, אַז געלעבט האָט זיך מאָדיליאַנין זייער שלעכט. אפשר דערפאַר איז ער שטענדיק געווען געררייצט? קאַנפּעטי אָנגענומען פאַר געוואָרפענע שטיינער...

— נאַ, — האָט אים דער קוטשעראַווער דורכגענומען מיט זײַנע פּינצטערע אויגן, — וואָס בײַ אײַך הייסט „קאָנפּעטי“! אַ חכמהלע וואָס וועגט אַ פּוד, בשעת דאָמען שטייען אַרום... נאָר וואָס אמת איז אמת. מאָדיליאַנין האָט זיך געלעבט שלעכט. און שלעכט צו שלעכט איז ניט גלײַך! רוססאָ אָקעגן אים איז געווען אַ גביר. אַ טשינאָווניק מיט אַ פּענסיע. מאָדיליאַני האָט כראָניש געהונגערט. פון קיינעם, אַפילו פון זײַנע אייגענע חברים ניט אָנערקענט. אַ סך פון זײַנע לייוונטן האָבן זיי געהאַלטן פאַר משוגעתן, פאַר לבנה־שיין וואָס ער וויל כאַפּן מיט די הענט... פאַר אַ סענדוויטש מיט אַ גלאָז קאַווע האָט ער ניט איין מאָל אין קאַפע „ראָטאָנד“ פאַרשאַכערט זײַנס אַ בילד. אין אַלע ווײַן־קעלערס אויפן מאָנטמאַרטער, און אַרום „נאָטר דאַם“ אין לאַטײַנישן קוואַרטאַל, האָט מען נאָך זיין טויט אויסגעלייזט זײַנע פאַרמשכנטע בילדער. פאַר עטלעכע פראַנק אויסגעקויפט יעדער לייוונט... און מער זײַנען זיי אויפן ערשטן קוק ניט ווערט געווען. פאַרפּאַסקודיעטע, פון מײַז־צע־

פּרעסענע, אָפּגעבראָכענע, האָט מען זיי גאַנץ פיין רעסטאווּרירט און פאַרקויפט פאַר הונדערטער טויזנטער פראַנקן...

www.libtool.com.cn

„מוזסט פאַרויס געשטאָרבן זיין!"... — האָט דער לאַנג־האָריקער עלזאַסער ביטער און געצויגן אויסגעזונגען.

.3

אַ לייכטער טומל האָט געצוואונגען דעם אָפּגעזונדערטן קלייזל, אַרום דעם יאַפּאַנעזישן טיש, אומצוקוקן זיך. עטלעכע דאַנקבאַרע געסט, דאַנקבאַר פאַרן וואַרעמען ווינקל וואָס מען האָט זיי דאָ געשאַפן, פאַר דעם גלאָז ווייַן וואָס מען האָט זיי דערלאַנגט, און פאַרטאַיעטע לצים, וואָס האָבן זיך דאָ, אין דער פאַרביקער נודאָטע, געוואָלט שאַפן אַ נייע פאַרווייַלונג, אָט די אַלע האָבן גענומען צושטיין צו די מלאָטעקס, אַז דער זכרישער טייל פון זיי, דאָס הייסט: אַלפרעד מלאָטעק, זאָל ניט זיין צו־באַשיידן און זאָל ווייזן די נייע צייכענונגען, וואָס ער האָט געשאַפן אין זיין „באַרימטן" אַלבאָם...

און מלאָטעק דער זכר האָט זיך, ווי אַלע מאָל בשעת אַזאַ פּריינט־לעכן אָנשטורעם, גענומען ברעכן ווי קרוכלע מצה, דער געקרייזלטער פּראָפיל זייַנער פון אַ שעפּס האָט גענומען שוויצן ווי אין בראָט־אויוון: איך מיין... מה אָנו מה חיינו? ווער בין איך, איך זאָל קאָנקורירן מיט אַזעלכע גאונים, וואָס געפינען זיך דאָ אַרום מיר?..

אין מיטן מאַכן פון זיך אַש און רויך קוקט ער זיך, פונדעסטוועגן, איבער מיט זיין אשת חיל. ער צעלויכט זיך, און די לייביקע מלאָטעקיכע באַקומט אויף איר קיילעכדיקן פנים, אונטער דער מאַסע האָר, דאָס ליכט פון איר מאַן און לויכט אויף, אויף איר שטייגער, ווי די לבנה אונטער אַ וואָלקן. פאַרשטאַנען זיך איפן וואונק — פאַרשווינדן פּלוצלונג מאַן און ווייב אין דעם רויטלעך־באַלויכטענעם ווינקל, וואו ער, ברין, האָט פריער געכאַפּט אַ שמועס מיט פראַנסואַ לופען, און פון דאָרטן, נאָך אַ גראַבלעניש און שעפּטשעניש, שלעפּט דאָס פּאָר־פאָלק אַרויס אַ מין שווערן פגר. זיי טראָגן אים זאַלבעצווייט; און אויף דעם סערוויר־טיש, מיט די ליידיקע פּאַפּירענע טעלערס, צעלייגט זיך דער גראָב־טאָוולדיקער אַלבאָם אין זאַק־לייוונט געבונדן און מיט גאָלדענע איניציאַלן באַפּוצט. „אַ. און מ."... מער איז אויף דעם הויפּט־טאָוול גאָר ניט פאַראַן. די באַשיידנקייט האָט אָבער אַ סך צו זאָגן.

און דאָ הויבט זיך אָן אַ בלעטערניש און אַ מישעניש. אַ צניעותדיק באַרימען זיך און שעמעוודיקע פרעכקייט:

www.libtool.com.cn

— אַך, וואָס ווייסט איר ? אַ ל ע זיינען אַנטציקט פון אָט דער ציכענונג. אַן אָסיען־וואַלד אין בלויע טינט־שטריכן.. אײנער אַ גרוי־סער קינסטלער, וואָס... זיין נאָמען איז ניט וויכטיק — האָט געזאָגט, אַז פּיסאַראָ וואָלט זיך ניט געמאָגט שעמען מיט אַזאַ ציכענונג. און אויף ד ע ם האָט מען געזאָגט, אַז דאָס איז אַן אמתער וואַטאָ, פּשוט גענומען און אויסגעריסן ביי אַ וואַטאָ פון אַלבאָם... איך פאַרגלייך זיך, נאַטירלעך, ניט מיט אַ רעמבראַנדט, און מאַדאַם מלאָטעק איז ניט ענלעך צו זיין סאַסקיא. נאָר קוקט אָן אָט דאָס ! אָט דאָס־אָ ! דערמאָנט דאָס אייך ניט די ציכענונגען פון... רעמבראַנדטס אינטימע ציכע־נונגען פון שוואַרץ אויף וויס ? שפּינוועבס דאַכט זיך ? אַ רעגן פון שטריכן... און וואָס פאַר אַן עפעקט עס באַקומט זיך !..

די צוויי זשורנאַליסטלעך פון „פּאַליטרע", מיט די בלאָק־נאָטלעך און בלייפעדערס אין די הענט, האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי זיי וואָלטן זיך איינער מיטן צווייטן מיישב געווען אויף שטום־לשון: „פאַרשרייבן, צי ניט ?.." באַשליסנדיק, אַפּנים, אַז פאַרשרייבן הייסט נאָך ניט דרוקן, זיינען זיי זיך צעלאָפן מיט די פלינקע הענטלעך. אַ שרייב און אַ קוק, אַ קוק און אַ שרייב...

אייניקע געסט האָבן, איבער די קעפּ פון די בעלי־בתים, געמאַכט ערנסטע מינעס. אַנדערע האָבן זיך אָפּלאַכעריש איבערגעוואונקען. ווער מיט איין אייגל און ווער — מיטביידע... ווי מיט אַ האַלאַבליע, אַזוי האָט די סצענע אַ זעץ־געגעבן ברינען איבער זיין האַלב־שיכורן קאָפּ. דער איבערגאַנג פון מאָדיליאַניס טראַגישן לעבן, פון זיין אומגליקלעכן טויט אין אַ קעלער און פון דער קינסטלערישער ירושה, וואָס יענער האָט איבערגעלאָזן, צו אָט דעם אָפּגעפּרעסענעם, קינדערלאָזן פּאָר־פאָלק, ווע־מעס טאַלאַנטן עס וועלן וואַרשיינלעך סטאַיען נאָר ביזקל סוף פון זייער נדן... דער דאָזיקער איבערגאַנג איז געווען אַזוי משונה־ווילד און אַזוי גראָב, ווי אַן אויפזינגען פון אַ שיכור אין אַ מיטן טרויער־צערעמאָניע. ניט צו פאַרטראָגן און ניט אויסצוהאַלטן... עס האָט ברינס שווער־געוואָרענע פּיס אַ הויב־געגעבן פון שטול, ווי מיט אַן אָטאָמאַטישן הויבל. וואַקלענדיק איז ער צוגעגאַנגען נענטער, אויסגעצויגן דעם האַלדז איבער אַלעמענס קעפּ און אָן אַ פאַרוואָס אַריינגעמישט זיך:

— וואַטאָ, אַ ? אַזוי האָט מען אייך געזאָגט ? איינס איז פּונקט ווי ביי פּיסאַראָן און אַ צווייטס — ווי פון איזאַבעס ירושה אַרויס־גענומען... „פּונקט ווי" און נאָך אַמאָל „פּונקט ווי"... נו, און וואו איז עפּעס אייגנס ? אַ ביסעלע אייגנס...

די לבנה, דאָס הייסט: מאַדאַם מלאָטעקס קיילעכדיקער פּנים, איז

www.fibtool.com.cn

בלאָס געוואָרן; און די זון, דאָס הייסט: אַלפרעד איר מאַן, האָט אויך פאַרלוירן זיין גאַנצע שטראַלונג, דעם גאַנצן פייער. ער האָט נאָר גערויכערט און געשטאַמלט:

— צוליב וואָס — אייגענע? אַז מיר האָבן אַזעלכע מוסטערן... אַזעלכע גרויסע לערער...

אין זיין ניט־ניכטערן אויפטריט האָט ברין געפונען פאַר נויטיק צו באַלערנען דעם מלאַטעק, און דווקא הויך אויפן קול:

— ס׳איז ניט ריכטיק! ניטאָ אַזאַ פליג וואָס זאָל זאָגן צום לייב: עס מיך אויף, כדי איך זאָל ווערן אַ האָר פון דיין גריווע... ניין! אפילו אַ פליג זוכט צו אויסלעבן זיך אַלס אַזעלכע. אָבער דאָ, כאַ־כאַ! צו וואָס לעבעדיקע מענטשן דערגייען... אומפאַרשטענדלעך!

דער שעפּסענער פּראָפיל פון אַלפרעד מלאַטעק האָט זיך צעקרימט. און זיין אשת חיל האָט גענומען פאָכען מיט ביידע הענט ווי אַ גאַנדז, ביי וועלכער מען בינדט צו די לאַפּקעס. אין דער דאַזיקער קריטישער מינוט איז אין קרייזל אויסגעוואַקסן מישעל גאַבראַנסקי. ער האָט אַ וואונק געגעבן צו זיין אומגליקלעכער קרובה, ברינען אַנגענומען ענערגיש פאַר אַן אָרעם און אים אַוועקגעפירט אָן אַ זייט:

— דווידקע, — האָט ער אים שטרענג אַריינגעקוקט אין די אויגן, — באַדענק זיך! ביסט דאָ אַ גאַסט, און אַ גאַסט — פאַרשטייסט?

— איך פאַרשטיי! — האָט זיך ברין לייכט געשאָקלט אויף ניט־זיכערע פיס. — נאָר ברענגען מיך אַהער האָב איך דיך ניט געבעטן...

— האַלט זיך, דו! כ׳האָב נאָר געמיינט דיר לייכטער צו מאַכן, צעשטרייען דיך... און דו מאַכסט דאָס, ווי יענער נאָר וואָס קומט אומגעבעטן און פרעגט ביי דער בעל־הביתטע, כדי אַרויסצואווייזן זיין שאַרפזין: ווער איז דאָס יענער עובר־בטל מיטן נאָז פון אַן אינדיק, וואָס דרייט זיך דאָרטן אַרום?.. און די בעל־הביתטע ענטפערט אים: מאַסיע, ס׳איז ניט קיין עובר־בטל און קיין אינדיק איז דאָס אויך ניט. מיין אַלטער פאָטער איז דאָס!

— ביסט גערעכט! — איז ברין אַ ביסל געקומען צו זיך. — מירן גיין! מיר גייען גלייך!.. אָבער —

ברין האָט אים אַ ווילע אָנגעקוקט מיט פאַרגלייזטע אויגן:

— וואו האָסטו געלאָזן דיין יעטאָן?

— ערשטנס, — רופט זיך אָפּ גאַבראַנסקי גאַנץ קיל, — איז זי ניט מ י י נ ע, און צווייטנס — איז זי אַוועק...

— אַוועק... — האָט ברין ניט־ווילנדיק אָפּגעזיפצט.

— וואָס זיפצסטו? זי געפעלט דיר אַזוי?

— יאָ. איך בין זיך מודה.

— דו איר — אויך.
www.libtool.com.cn
— עס קאָן גיט זיין! — האָט זיך ברין ניט־ניכטער דערפרייט. — און איך האָב געמיינט, אַז איך... אַז זי... זי האָט מיך אַזוי שטרענג אָנגעקוקט... זי האָט דיר עפּעס געזאָגט?
— אַ שיינער מאַן, — האָט זי געזאָגט, — אָבער אַן אומגליקלעכער.
— אַזוי אומגליקלעך זע איך אויס?
— ווייבער דערפילן דאָס. ניטאָ אַ פרוי, וועלכע זאָל ניט וועלן זיין אַ טרייסט־מוטער.
— אַ דאַנק! זאָג איר — אַ דאַנק!
— זאָג איר אַליין. ווילסט אפשר איר אַדרעס? האָטעל פּראָוואַנס. אין לאַטייניש קוואַרטאַל.
— אַן קאַטאַוועס!.. געקומען איז זי דאָך צו דיר. געוואָלט מיט דיר איבעררעדן...
— זי האָט שוין איבערגערעדט.
— נו?
— זי איז די זעלבע פּראַקטישע פרוי ווי געווען. זי האָט אַלעמאָל עמעצן אין זאַפּאַס... אַלץ בלייבט ווי ביז איצטער... קום! נאָכ־דעם וואָס דאָ איז געשען — לאָמיר בעסער אַוועקגיין. מיט קיינעם ניט זעגענען זיך.
אָבער ביי די ערשטע טריט האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אַן אַ וואַנט... פון מוזיק. פון דער פּראַקטיק האָבן אַ סך פון די געסט געוואוסט, אַז כדי איבערצובייטן די שטימונג, אָדער אַרויסצוציען די בעלי־הבתים פון אַטעליע פון אַ ניט־אָנגענעמער סיטואַציע, ווי עס האָט זיך איצט געשאַפן נאָך ברינס טאַקטלאָזע ווערטער, איז די בעסטע זאַך, צו בעטן מאַדאַם מלאַטעק זי זאָל עפּעס שפּילן. האָט מען אויך דאָס מאָל געטאָן דאָס זעלבע:
— מאַדאַם מלאַטעק! שפּילט עפּעס!.. שפּילט אונדז עפּעס פּאַר, סיל וואו פּלעי!
די ערשטע טענער פון אַ ניט־זייער נייער זאַך... פון ליסטס צווייטער ראַפּסאָדיע, האָבן זיך מיט לייבן־טענער צעקלונגען איבער דעם גאַנצן אַטעליע־סאַלאָן. מאַדאַם מלאַטעק איז פעסט געזעסן אין בענקל מיט רויטן פּליוש געדעקט, וואָס זעט אויס ווי אַ רייכער פערדישער זאָטל, אָן רחמנות געזעצט אין די קלאַווישן און מיט אַזאַ מסירת־נפש, אַז די טיאַלקע פון איר הויכער פריזור האָט זיך געשאָקלט צום טאַקט, איבער איר נידעריקן שטערן, און געדראָט איינצופאַלן, ווי אַ טורעם

בשעת אַן ערד־ציטערניש. דאָס האָט געדאַרפֿט אַפּוויִשן דעם שלעכטן איינדרוק פֿון האַלב־שיכורן גאַסט און באַרויִקן אַלע געמיטער.

www.hbtool.com.cn

אין אַזאַ פֿייערלעכן מאָמענט האָט שוין ניט געפּאַסט אַוועקצוגיין. דאָס וואָלט דאָך אויסגעזען ווי אַ גאַנץ ניכטערע גרינגשאַצונג, ניט נאָר צו דער קונסט פֿון בעל־הבית, נאָר צו דער בעל־הביתטע אויך... זיינען גאַבראָנסקי און ברין שטיין־געבליבן ביי אַ גרויסן רוסטיק־קרעדענץ, באַהאַלטן זיך אין זיין שאָטן, כדי איבערצוּוואַרטן די מוזיק, אַזוי ווי מען וואַרט איבער אַ פּלוצלעכן רעגן אויף דער גאַס...

אָבער ס׳איז שוין איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל געווען אָנגעצייכנט, אַז דער היינטיקער וויזיט, אין דער געדיכטער לופֿט, ביי די מלאָטעקס, זאָל זיך ענדיקן מיט אַ דונער. אָנגעלאָדן מיט ביטערניש, אָפּגענאַרטע בענקשאַפֿט און דערשטיקטע ליידנשאַפֿטן, אויפֿגערייצט פֿון גאַבראָנסקיס ברוּיזנדיקע געדאַנקען וועגן דער הערשנדיקער ע ל ט ע ר, און פֿאַר־נעפּלט פֿון קאָניאַק און וויין, ווי ברין איז געווען דעם גאַנצן אָוונט, האָט ער, דאַכט זיך, געוואַרט, אַליין ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון, געוואַרט אויף אַ פּאַסיקער, נעגאַטיווער באַרירונג. די באַרירונג איז אומגעריכט געקומען און די גאַנצע לאָדונג פֿון פּראָטעסט האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן אויף דער פֿריי.

.4

אַ פֿאַרשפּעטיקטער אורח איז אָנגעקומען, און גראָד דעמאָלט, ווען די „צווייטע ראַפּסאָדיע" איז געווען געענדיקט און ברין מיט גאַבראָנסקין האָבן זיך ווידער גענומען רוקן צום אויסגאַנג... אויך ד ע ם גאַסט האָבן די מלאָטעקס, ווייזט אויס, איינגעלאַדן צו שרייבן אַ צווייטע אָדער אַ דריטע נאָטיץ פֿון דעם קינסטלער־אָוונט... דאָס איז געווען מאַקס האַרקאַווקע מיט זיינע לאַקירטע שיכעלעך, געפּאַסקעטע הייזלעך, שוואַרצן רעקעלע מיט טאַשמעס, פֿליענדיקן שניפּס — אויסגעבונדן ווי אַ פֿלע־דערמויז — אין ווייסע פֿינטעלעך... און מיטן גרויען דערבי קאַפּעליושל, וואָס ווערט, אייגנטלעך, געטראָגן אויף פֿערד־געיעג און וואָס דאַרף דאָ, אין געזעלשאַפֿט, אונטערשטרייכן, אַז די וואָס טראָגן אים געהערן צו אַ העכערן קלאַס ; צו אָפּגעפּאָרענע באַראָנען וויינִיקסטנס...

נאָר דאָס, וואָס האָט אַזוי געפּאַסט צום געבוירענעם דענדי און גוט־דערצויגענעם פֿראַנצויז פֿראַנסואַ לופּען, האָט אין האַרקאַווקען אונטער־געשטראָכן דעם פֿאַרוועניו, וואָס האָט צוזאַמענגעשלעפּט אויף זיין קאָנטאָ עטלעכע צענדליק טויזנט פֿראַנק ; דעם סנאָב, וואָס האָט אָנגעטאָן הויכע

קאַרקעלעך און מיינט אַז ער איז געוואָרן אויך גייסטיק העכער... זיין
www.libtool.com.cn
דערבי־קאַפּעליושל האָט ניט געפּאַסט צו זיין צו־גרויסן קאָפּ, דאָס קורצע רעקעלע מיט טאַשמעס — צו זיין צו־לאַנגער טאַליע, די צו־ברייטע הויזן — צו זיינע דינע פיסלעך, דער געפּינטלטער שניפּס — צו זיינע זשעדנע, ניט־פאַרגינערישע אויגן. פּונקט אַזוי ווי אין זיין אַנטוועכץ, איז אין זיין קומען, שפּעטער ווי אַלע פאַרשפּעטיקטע, געווען אונטערגעשטראָכן די סנאָבישע טענדענץ, אַז מיר, מיר הייסט דאָס, די האַרקאַוועס, די קונסט־מבינים, קומען אין דער אָפּערע צום דריטן אַקט, ניט פריער; צו קאָנצערטן און אויסשטעלונגען — צום פינאַל. מיר קענען אַלע אָפּערעס אויסנווייניק און מיר דאַרפן זיך נאָר באַווייזן... אין טעאַטער, אַזוי ווי אין קינסטלער־געזעלשאַפט. אַלע וואַרטן אויף אונדז, מיר וואַרטן אויף קיינעם ניט.

וויגנדיק דאָס גרויע קאַפּעליושל אין איין האַנט, האָט ער דאָס צווייטע הענטעלע גענומען אָפּשטעקן רעכטס און לינקס, מיט אַ פּוילער און גנאַדיקער באַוועגונג פון אַ גביר, וואָס צעטיילט פּיאַטאַקעלעך אָרעמע לייט... נאָר דאָ, אין מיטן אַזעלכע פאָרויס־אויסגערעכנטע שטוקעס, האָט ער זיך פלוצלונג אָנגעשטויסן אויף אַ ניט־ניכטערן, אָבער האַרטן בליק. דער מאַן פון זיין געוועזענער געליבטע, סאָניאַס געוועזענער מאַן, האָט דאָס אויף אים געקוקט מיט פאַרנעפּלטע אויגן פון אַ ים־חיה. די דמים זיינען האַרקאַוועס גלייך איינגעפאַלן. נאָר כדי צו דערווייזן, אַלעמען און זיך אַליין, אַז שרעקן טוט ער זיך ניט, האָט ער דעם אַ ביסל־געפּערלעכן פאַרשוין אויך אַ שטעק־געגעבן זיין שלאַבערדיק הענטעלע. נאָר מאָדנע! ס׳איז געבליבן הענגען אין דער לופטן...

דוד ברין איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך. און האַרקאַוועס, ווי נאָך אַן אָפּברענען זיך, האָט צוריק אַ כאַפּ געטאָן זיין לאַפּקע און אַ גיי־געגעבן אָן אַ זייט. געהאַט בדעה אויסצומישן זיך מיטן פאַרביקן עולם... אָבער ברינס בינטל־פינגער האָט אים פלינק אָנגעכאַפּט פאַרן מאָגערן אָרעם און אַזוי קרעפטיק, אַז האַרקאַוועס האָט דערשטיקט אַ ביל־געגעבן און אַריינגעוואָרפן די אויערן אין נאַקן, ווי אַן אָנגעיאָגטער פוקס.

— קעס־קע־וואו־וואולעי?*) — האָט ער זיך צעקוויטשעט און צעפּינטלט ביידע גרויס־ און פּוסט־געוואָרענע אויגן.

— נאָר אָנקוקן דיך!.. האָט זיך דערהערט אַ קלאָרער, הגם הייזעריקלעכער ענטפער. שטיי, שטיי, טייערינקער דיכטער פון פינף־און־צוואַנציק סאָנאַטקעס, מיט זיבן־און־צוואַנציק אילוסטראַציעס פון באַ־

---

*) וואָס ווילט איר?

גגבטע מאָלערס! דאָס בין איך דער, ווען מען דו האָסט אויך באַגנבעט... אַ ביסל אַנדערש.

מאַקס האַרקאַווקע האָט גלייך דערזען אַז ס׳איז שלעכט און אומ־געקוקט זיך נאָך הילף. אָבער די באַהאַלטענע שנאה צו אים פון דער גאַנצער באָהעמיע איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט אַפילו קיין ריר ניט געגעבן איינצושטעלן זיך. פאַרקערט, אַלע די, וועלכע האָבן געקענט די געשיכטע מיט סאָניאַן, זיינען די לעצטע צייט געווען אויף ברינס צד. און עס האָט זיך זיי שטאַרק פאַרגלוסט זען, ווי אַזוי האַרקאַווקע וועט זיך דאָ אַרויסדרייען פון קלעם...

ברין האָט ווייטער געציילט ווערטער. אויסערלעך — זייער רואיקע ווערטער:

— האָסט אָבער געגנבעט קוועק־זילבער אין די הויפּנס. די גנבה איז אַוועקגעלאָפן... ניט אַזוי?

— כ׳האָב ביי קיינעם ניט געגנבעט... — האָט זיך האַרקאַווקע אַ ריס־געגעבן. ער איז אָבער געזעסן פעסט אין האַנט־קלעם, ווי אַ טשוואַק אין וואַנט.

— קום אַוועק, קום אַוועק! — האָט זיך גאַבראַנסקי אָנגעהאַנגען אויף ברינס געשפּאַנטן אָרעם. געוואָלט זיי פונאַנדערנעמען. אים, אָבער, האָט ברין ווייך אָפּגעשטויסן מיט זיין ברייטער פּלייצע און נאָך פאַר־געוואָרפן:

— נעמסט זיך פאַר אים אָן, דו? ס׳איז דאָך איינער פון דיינע אַ ל ט ע ל י י ט... ווייניקסטנס, אַ משרת אין דער „מלוכה פון די אַלטע“... איך הויב אָן די רעוואָלוציע, אויף וועלכער דו וואַרטסט.

קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט. איין גאַבראַנסקי האָט, ווייזט אויס, יאָ פאַרשטאַנען. וואָרעם ער האָט זיך עפּעס צוזאַמענ־געקאָרטשעט, קלענער געוואָרן און אָפּגעלאָזן זיין יונגן פריינט.

— מעדאַם־זע־מאָסיע!*) — האָט ברין אַ ביסל טעאַטראַליש אַ ווענד־געגעבן צום נאָך מער ניי־גערי־געוואָרענעם „פּובליקום“. — מיט וואָס דערקלערט איר וואָס אַזאַ נפש, ווי מאַקס האַרקאַווקע, קריכט אומעטום דורך און געניסט, און איר וואַרט אַלעמאָל אויף ז י י ן גנאָד, אויף ז י י ן מיינונג און אויף ז י י ן פאַרמיטלונג?

קיינער האָט ניט געענטפערט. און ברין אַליין האָט געמאַכט דעם פּירוש:

— ווייל ער איז קליין און האָט ווייכע ביינער... איר זייט

---

*) מיינע הערן און דאַמען.

www.libtool.com.cn

מיר צו־גרויס! דאָרטן וואו אַזעלכע פויגלען ווי איך קאָנען ניט דורכגיין — קריכן דורך מייז. גאַנצע אוצרות מיט תבואה עסן זיי אויף. און דאָס איבעריקע, אונדזער חלק אויף דער ערד, פּאַרפּאַסקודיען זיי...

www.libtool.com.cn

אַזאַ קורצער און פּאַטעטישער דרוש האָט האַרקאַווקען מער באַרויקט, ווי אויפגערעגט. זיין פּחד איז, דאַכט זיך, אַוועק. וויבאַלד דער בעל־דבר דרשנט — בייסט ער ניט. איז האַרקאַווקע דרייסטער געוואָרן:

— לאָז, דו, גראָבער יונג איינער! לאָז אָפּ!

ברין האָט אים אָבער ניט אָפּגעלאָזן און, אָן שום איבערגאַנג, געווענדט זיך צו אים אַליין:

— ביז וואַנעט, זאָג נאָר, וועסטו אונדז קאַליע־מאַכן די לופט אויפן מאָנפּאַרנאַס? אויף א ו נ ד ז ע ר מאָנפּאַרנאַס...

— ביסט שיכור!.. — איז האַרקאַווקע נאָך מוטיקער געוואָרן.

— אַ ביסעלע... יאָ, — האָט ברין צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. — דאָס איז אָבער גוט, גלויב מיר! דאָס גיט מיר די קראַפט אַרויסצוזאָגן דאָס, וואָס אַלע טראַכטן וועגן דיר... און איצט וועל איך דיר געבן אין מאָרדע!

— ניט דערוועגן זיך!.. — האָט זיך דערהערט האַרקאַווקעס קוויטש. ער האָט נאָך אַלץ ניט געוואָלט גלויבן, אַז מען מיינט דאָס אויף אַן אמת.

— עס וועט דיר גוט טאָן!.. — האָט אָפּגעברומט ברינס ניט־ניכטערער קול אין דעם אויפגעשטיגענעם געמורמל אַרום אים.

אָבער קיינער, אויסער דעם בעל־הבית אַליין, האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. אַלפרעד מלאָטעק האָט דערזען די געפאַר פון אַן ערנסטן סקאַנדאַל און, אונטערגעשטופּט פון זיין ווייב, האָט ער זיך אַ וואָרף געגעבן ראַטעווען דעם כבוד פון זיין סאַלאָן־אַטעליע און פון קינסטלער־אָוונט. זיין שעפּסענער פּראָפיל האָט דערביי באַקומען אַן אויסדרוק פון אַ באַראַן, וואָס איז גרייט אַ בוק־צו־טאָן אַ צווייטן.

עס איז שוין אָבער געווען צו־שפּעט. אַ שווערער פּאַטש האָט אַ פּאַל־געגעבן אויף האַרקאַווקעס פּנים. און אַזוי ווי ער האָט דאָס, אין דער לעצטער סעקונדע, געוואָלט אויסמיידן און אַ בויג־געטאָן זיין צוגעלעקט קעפּעלע אָן אַ זייט, האָט אים דער פּאַטש, ווי אַ פּליוך זודיק וואַסער, אַ ברען־געגעבן איבערן שלייף און איין האַלבער באַק... ער האָט אויפגעשריען, ווי אַן אָפּגעבריטער. די קניעלעך האָבן זיך אים אונטערגעבראָכן און דאָס דערביי־קאָפּעליושל האָט זיך אים אַוועקגעקייקלט פון דער אָפּגעלאָזענער האַנט, ווי אַ גרויסער פאַרשפּילטער באַל. צווישן די פיס פון די אַנטציקטע און דערשראָקענע צוזעער אַוועקגעקייקלט זיך...

פאַרשפּילט האָבן אויך די מלאָטעקס. דעם גאַנצן רעקלאַמע־קערמעשל פאַרשפּילט. זיי האָבן זיך בײדע אַ וואָרף־געגעבן צו האַרקאַווקען, געהאָלפן אים אויפצושטיין. זיי האָבן פּראָטעסטירט, געשריִען צו עמעצן ער זאָל אַרויסגיין... גלייך אַרויסגיין זאָל ער!

www.libtool.com.cn

***

אין אַ מינוט אַרום האָט שוין גאַבראָנסקי געפירט זיין יונגן פריינט אין דער אויסגעשטערנטער נאַכט אַריין, ווי אַ טאַטע פירט אַ פאַרזינדיקטן בנאָק. און ברין האָט זיך געלאָזן פירן... די שאַרפע, שפּעט־האַרבסטיקע לופט, נאָך האַלבער נאַכט, האָט אים אָפּגעקילט. דער נאָענטער פּאַרק מאָנסורי האָט זיי אַקעגן־געראַנשט מיט פינצטערע אָפּגעבלעטערטע ביימער... דאָ האָבן בײדע פריינט דערהערט הינטער זיך אַ וויטן מוזיקאַלישן פּאַסאַזש פון מאָצאַרטס „טערקישן מאַרש“, איינגעחזרט און אויסגעדראָשן ווי „אַשרי יושבי ביתך“... דאָס איז, קאָנטיק, מאַדאַם מלאָטעק, גלייך נאָכן פאַרקלונגענעם פּאַטש און פּטור־ווערן פון ניט־געוואונטשטן גאַסט, אַריינגעשפּרונגען אין איר פּליושענעם זיך־זאָטל און אין מוזיק, געאַרבעט אויף אַלע כלים, כדי צו באַרואיקן, ווי ניט איז, דעם אויסגעבראָכענעם טומל אין איר הויז, אָפּווישן דעם שווערן איינדרוק וואָס דער ניט־ניכטערער, אַוועקגעוואָרפענער מאַן האָט דאָרטן איבערגעלאָזן...

ביי אַן אייזערנעם סלופּ פון אַ לאַמטערנע, לעבן צוים פון פּאַרק, איז ברין שטיין געבליבן, טיף אָפּגעאָטעמט און באַקלאָגט זיך מיט אַ געבראָכענעם קול:

— נו, זאָג אַליין, גאַבראָנסקי! נויטיק געווען צו גיין צו אַזעלכע בהמות? אָט, הערסטו דאָך... אַפילו פּעטש באַגלייטן זיי מיט מוזיק...

— וואָס ווילסטו? — האָט אים גאַבראָנסקי נאָכגעמאַכט מיט אַ כלומרשט־געבראָכענער שטימע. — די קרובה מיינע, די מלאָטעקיכע, האָט ניט פאַרגעסן דעם אונטערגאַנג פון דער „טיטאַניק“... זי האָט מסתמא געלייענט, יונגערהייט, ווי אַזוי דער בראַווער קאַפּיטאַן האָט, אין דער לעצטער מינוט, געגעבן אַ באַפעל די שיף־קאַפּעליע זאָל אַ זעץ־טאָן אַ פריילעכן מאַרש. הער, הער! די קאַריערע פון איר מאַן גייט אונטער און זי שפּילט...

דערנאָך האָט גאַבראָנסקי מאַרשירט, געאָרעמטערהייט, מיט זיין יונגן פריינט און, פּאָטערלעך, ניט אָן באַהאַלטענעם הומאָר. געזאָגט אים מוסר:

— זע נאָר, דוידקע... שוין צום צווייטן מאָל זאָג איך דיר היינט

www.libtool.com.cn

— דוידקע... דעם פּאַטש דײַנעם וועט שוין האַרקאַווקע ווי ניט איז פאַרדײַען. ער וועט מוזן. אין אַ געוויסן זין זײַט איר איצטער ביידע קוויט. און ער ווייסט דאָס... אָבער שוין צייט דו זאָלסט אויך וויסן, אַז קינדער, ווען זיי שלאָגן זיך אָפּ אָן טיש, שלאָגן זיי דעם טיש צוריק: „נאַ, נאַ, טיש!..״ מענטשן, וואָס שלאָגן זיך אָפּ אָן מענטשן און שלאָגן־צוריק, זײַנען אויך ניט בעסער פון קינדער, גרויסע קינדער, אַזוי ווי דו... גײַסטיק־דערוואַקסענע מענטשן, אַז ז י י שלאָגן זיך אָפּ אָן זייער גלייכן, שלאָגן ניט... וואויל איז דעם, וועלכער איז אַזוי „דערוואַקסן״, אַז דער מענטש, וועלכער האָט אים ווײ־געטאָן, זעט אים אויס ווי אַ טיש. און ער פילט ווי קאָמיש עס וועט זײַן, ווען ער וועט שלאָגן דאָס צוויי־פיסיקע מעבל־שטיק פון אונדזער הילצערנער געזעל־שאַפט, וואו אויף יעדן טריט זײַנען אָנגעשטעלט אַזויפיל איבעריקע זאַכן, אַזוי ווי בײַ די מלאָטעקס...

בריין האָט נאָר מיט די פּלייצעס אַ הויב־געגעבן:

— אַזאַ געבאָט פון אַ מאָדערנעם קריסטוס שטימט עפּעס ניט מיט דײַן הײַנטיקער פּראָטעסט־דרשה קעגן דער „מלוכה פון די אַלטע״... וואָס טוט זיך מיט דיר? אין עטלעכע געשטאַלטן האָב איך דיך הײַנט געזען: איין געשטאַלט פון אַ געלערנטן, אַ יוגנט־רעוואָלוציאָנער און אַן אולטראַ־מאָראַליסט... ווער ביסטו, אַלזאָ? אַן אַלטער, צי אַ יונגער?

— ביידע, ביידע זאַכן, — האָט גאַבראַנסקי אַ כיכיקע געטאָן און ווײַטער געשפּרייזט. — איך שטיי מיט מײַנע יאָרן און וויסן אויף דער גרענעץ פון צוויי וועלטן — פון יוגנט און עלטער, פון גײַסטיקער רו און קאַמף, פון ראַכע־נעמען און מוחל־זײַן. און איך ווייס ווירקלעך ניט וואָס עס איז בעסער. איך ווייס נאָר איין זאַך: אַז מיט דײַן הײַנטיקער פיזישער נקמה פון האַרקאַווקען האָסטו דײַן גליק, מיט סאָניאַן, ניט צוריק־געוואונען, אַזוי ווי איך, מיט מײַן מוחל־זײַן, האָב יעטאַן קיין מאָל ניט צוריקגעוואונען... איך האָב זיך אין דעם הײַנט איבערצייגט אַ לעצטן מאָל.

בריין האָט געשוויגן און נאָכגעטראַכט. יעטאָס יונגע אויגן, אונטער דער זילבערנער קרוין פון האָר, זײַנען פאַר אים געשוואומען אין דער אויסגעשטערנטער טונקלקייט, איבער די אײַזערנע צוים־שטאַנגען פון פּאַרק האָבן זיך שווערמוטיק געשעפּטשעט די האַרבסט־ביימער און ברײַנען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס טײַטלען זיי אים אָן און מוסרן אים פאַר זײַנע זינדיקע געדאַנקען.

(ע נ ד פ ו ן ע ר ש ט ן ט י י ל)

www.libtool.com.cn

צווייטער טייל

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

ערשטער קאַפּיטל

דער אָנהויב פון עולם־הזה

1.

...אַנרי רוססאָ, דער פּרימיטיווער מאָלער, האָט זיך געשלעפּט דורך אַן עקזאָטישן וואַלד. אויף דער דאַרער פּלייצע — אַ פּאַק מיט ניט־איינגעראַמטע בילדער, און זיין מאַסקע־פּנים פון אַ קאַניבאַלישן געץ האָט געשוויצט אַזוי, אַז ליכטיקע טראָפּנס זיינען פון אים געפאַלן ווי פונקען. „צען פראַנק אַ בילד!“ — האָט ער קרעכצנדיק אויסגערופן. נאָר קיינער האָט ניט געקויפט, און ניט געווען ווער עס זאָל קויפן. אויסער פלאַנצן מיט פאַרפלאָנטערטע צווייגן און וואָרצלען איז דאָ קיינער ניט געווען... די פלאַנצן גופא זיינען אויך געווען אויסער־געוויינטלעכע. העל־בלויע אָרכידייען מיט געשטרייפטע בלעטער, באַ־שפּריצט מיט רויטע שפּרענקעלעך, ווי מיט בלוט. כריזאַנטעמען, גרויסע ווי זונען־בלומען, מיט מענטשלעכע בלאָנדע און שאַטענע געקרויזטע האָר אָנשטאָט צוויט־בלעטער. דאָס באַרימטע בילד „דער לייב אין מדבר“ איז פלוצלונג לעבעדיק געוואָרן אויף רוססאָס פלייצע און אַ שפּרונג־געגעבן... ברין האָט זיך דערשראָקן און געוואָלט אַנטלויפן, נאָר באַלד האָט ער זיך צעלאַכט. וואָרעם ער האָט דערזען, אַז ס׳איז גאָר סאָלאַנש זיין מאָדעלקע, אַ האַלב־נאַקעטע אין איר אָראַנזשענעם אונטער־קליידל פון גלאַנציקן אַטלאַס. און אירע טונקעלע אָרעמס און בריסט, ווי פון סאַנדאַלן־האָלץ געשניצט, ציען זיך צו אים מיט רויט־געלאַקירטע נעגל און מיט לעכצנדיקע שפּיצן. סטראַשען, ווילן איינקלעמען זיך אין זיין האַלדז, אויסזויגן אים:

— צו יעטאַן גיי, דו! צו יעטאַן!..

ברין האָט אַ טראַכט־געגעבן אויף צוריק און איז אין אַ פּינצטערניש אַריינגעפאַלן. פון עקזאָטישן וואַלד אין אַ טוכלען ווייך־קעלער. פון צווישן די פעסער אין אַ ווינקל איז אַרויס מאָדיליאַני אין אַ צעשליסענעם סאַמעטענעם גאַרניטער, אַזאַ ווי די פראַנצויזישע פאַבריק־אַרבעטער טראָגן, מיט אַ לויזן סאַמעטענעם גאַרטל אַרום די לענדן. זיין פּנים איז קרענקלעך־בלאַס, ווי געשיילטע קאַרטאָפל, און זיינע הענט ציטערן.

— זע! — ווייזט אים אָן ברין אויף די ציטערדיקע פינגער, — וואָס איז דאָס?

— כ׳האָב געטרונקען צופיל עטהער... — ענטפערט מאָדיליאַני און קוקט ערגיץ־וואו הויך, איבער ברינס קאָפּ, — פּאַר די לעצטע פראַנקען — עטהער. און אויך די זיינען ניט געווען מיינע...
www.libtool.com.cn

— וועמעס דען?

— דזשין האַביטערן האָט דאָס מיר געגעבן...

— ווער איז זי, די דזשין?

— קענסט זי ניט? האַ־האַ! מיין געליבטע, מיטן ליכטיקן פּנים און לאַנגע צעפּ. איר פאָטער האַלט נאָך איצט אויך אַ שפּייז־קרעמל אויפן מאָנפּאַרנאַס, ניט ווייט פון קאַפע ראָטאָנד...

— און זי וואו איז?

— דערמאָנט זיך!... — אויף מיינע בילדער. זי אַליין האָט זיך אַרויסגעוואָרפן אויפן ברוק פון פערטן שטאָק. אינעם זעלבן טאָג ווען איך בין געשטאָרבן...

— אויב אַזוי, ביסטו דאָך אויך געשטאָרבן...

— מאַלער ווי איך קאָנען ניט שטאַרבן. איך לעב נאָך, איך לעב...

— אָך, יאָ, דער ע ל ז אַ ס ע ר... ביי די מלאָטעקס האָט מען מיך טאָקע געפרעגט, צי דו גייסט ניט אַרום אין מיין אַטעליע... און אַט! דו גייסט טאָקע אַרום...

— דיין אַדרעס?

— רי וואָזשיראַר׳ד הונדערט־און־פינף, אַטעליע נומער זעקס...

— אָך, דאָרטן... יאָ... דאָרטן...

מאָדיליאַני האָט זיך פּלוצלונג פאַרהוסט, געכאַפּט זיך פאַרן האַרצן און פאַרענטפערט זיך:

— איך הוסט... הערסט ווי איך קייך? דאָס האָט מיך דער רוסישער כוליגאַן לושניקאָוו געשלאָגן. ביים סקולפּטאָר דאַל אין אַטעליע. דאָרטן, וואו דו וואוינסט...

— יאָ. יאָ. ווייל דו ביסט אַ ייד...

— ער האָט זיך נאָך געררייצט: „קופּע? קופּע?..״*)

און ווידער האָט זיך מאָדיליאַניס איידעלער פּנים פאַרקרימט. דאָס מאָל — פון צאָרן. זיינע פינגער מיט אומריינע נעגל האָבן זיך אויסגעדרייט אַנצוכאַפּן ברינם האַלדז און דורך זיינע פאַרשטירעטע ציין האָט ער זיך גיפטיק צעזונגען:

„מוזסט פאַרוי־ויס
געשטאָ־אָרבן זיין!..״

---

*) געמלט? געמלט?

— דאָס איז אַ קאָשמאַר!.. — איז ברינען דורכגעלאָפן אין פּאַרטשאַדעטן מוח און ער האָט געמאַכט אַן אָנשטרענגונג אויפצושפּרינגען, אויפכאַפּן זיך... און ניט געקאָנט. אַ נייע זעאונג האָט אים צוגעדריקט צום אָרט.

פון זיין שוין־לאַנג ניט אויפגעראַמטער עטאַזשערקע, פון וואַנעט סאָלאַנש האָט פריער געהאַט אַרויסגעשלעפּט סאָניאַס פּאָרטרעט, דערנאָך — די אַלטע הגדה של פסח, זיינען איצט אַרויסגעקראָכן צוויי פיגורן: מלאָטעקיכע און יעטאַ — גאַבראָנסקיס געוועזענע פרוי. מלאָטעקיכע האָט געהאַוקעט, אַגווייזנדיק אויף ברינען:

— סקאַנדאַלן איז ער געקומען מאַכן!.. מיין מאַנס קאַריערע קאַליע געמאַכט! אַלץ איבער דיר, איבער דיר, איבער דיר! פאַרליבט האָט ער זיך אין דיר, אַלטע שקורע! פאַרליבט...

יעטאַס זילבערנע קרוין פון האָר איז געווען צעפּאַטלט, און מיט אירע יונגע אויגן האָט זי געוואונקען צו ברינען ער זאָל זי ראַטעווען. נאָר ער האָט זיך ניט געקאָנט רירן פון אָרט. אַלע אברים זיינען געווען אָנגעגאָסן מיט בליי. האָט יעטאַ גענומען שרייען אַזוי, אַז איר זילבערנער האַלדזבאַנד האָט זיך צעטאַנצט אויף איר הויכער ברוסט:

— זע אירע ליטקעס... אירע הענט... איר האָר־מאַסע אויפן קאָפּ! זי וועט מיך הרגענען.. הרגענען...

— אַ קאָשמאַר! — האָט זיך איצט ברין איבערצייגט. — אויפכאַפּן זיך! אויפכאַפּן זיך!..

נאָר עמעצער אַ ווייכער, אַ פּוכיקער ווי אַ קישן, האָט אים צוגעדריקט און געשעפּטשעט:

— און וואָס וועט זיין, אַז דו וועסט זיך אויפכאַפּן? אַ פּוסטע אַטעליע געפּינסטו... סאָניאַ — אין פרעמדע אָרעמס... ניט־געוואַשענע טעלער... שטויב אין די ווינקעלעך...

נאָר דאָס זיינען שוין געווען קלאָרערע געדאַנקען, אמתערע קלאַנגען, נאָענט צו דער ווירקלעכקייט. אַ האַווקען האָט ווירקלעך דערגרייכט אַהער, ווי פון הינטער אַ באַרג מיט קיצלדיקע וואַרעמע פעדערן. וואָרעמס ברינס קאָפּ איז האַלב געווען צוגעדריקט מיטן גרויסן אומגעדרייטן בעטקישן. און געבילט האָט דאָס דער הונט אין שכנס אַטעליע נומער פינף...

ברין איז נאָך אַ גוטע פערטל שעה געלעגן ווי אַ באַטויבטער און פויל באַמיט זיך אַרויסצושיילן דאָס ווירקלעכע פון געטרוימטע, ווי אַ יאָדער פון אומגעלומפּערטע שאָלעכצן. אין דער אונטערשטער שורה האָבן זיך באַקומען לעכצנדיקע פרויען־לייבער. און זיין אייגענע בייגעדיקייט פון אַ יונגן, קרעפּטיקן מאַנצביל, אויסגעהונגערט און זשעדנע

www.libtool.com.cn

נאָך סאָלאָנש בירט, נאָך יעטאַ גאַבראָנסקי. אַפּילו — נאָך דער נאַרישע־וואָטער קלאָראַ מלאָטעק...

www.libtool.com.cn

דויד ברין האָט אַ סך מאָל געהערט און געלייענט פֿונעם שווערן געמיט וואָס דערדריקט אַ מענטשן נאָכן אויסטשוכען זיך פֿון אַן איבעריקן טרונק. דאָס בעסטע איז, דעמאָלט, צו נעמען אַ פֿריש ביסל משקה אויפֿן ניכטערן. אַזוי שלאָגט מען מיט איין קייל אַרויס דעם צווייטן. דערמאָנט זיך — איז ער מיד אַראָפּגעקראָכן פֿון זיין ברייטן אויסגעוואָרעמטן געלעגער און, שטייענדיק אין פּיזשאַמאַ, אָנגעגאָסן זיך אַ גוט־גלעזל מיט אַלטן ראָם, פֿון דעם ליקער־קעלטערל אויף אַ ווינקל־טיש. דעם דאָזיקן קעלטערל האָט נאָך סאָניאַ איינגעריכט, ווען זי איז דאָ געווען די בעל־הביתטע. זי האָט ליב געהאַט צו קוויקן זיך מיט אַ גרינעם שאַטרעז, מיט אַ ווייַרוך־שמעקנדיקן בענעדיקטין, אָדער מיט אַ גאָלדיקן קיוראַסאָ צווישן איין ליבע־שטורעם און צווייטן.

ברין האָט אַ זופּ־געטאָן, און האַלדז און נאָזלעכער האָבן זיך ביי אים גלייך אָנגעפּילט מיט אַן אויסערגעוויינטלעכן אַראָמאַט, וואָס קיין אַנדער געטראַנק, אַפּילו אויסגעשטאַנענער קאָניאַק קאָן זיך מיט אים ניט פֿאַר־גלייכן. מיטן ריח פֿון בליענדיקע אינדזלען און טייטל־פּאַלמען האָט אויף אים וואַרעם אַ ווייע־געגעבן. און כדי ניט לאָזן אויסוועפּן דעם גענוס, האָט ער זיך צוריק־אָוועקגעלייגט, איינגעדעקט די פּלייצעס און זיך צעשמייכלט פֿון קיצלדיקן טעם און ריח.

קיין צען מינוט זיינען ניט אַריבער און די אָנגענעמע „רפואה" האָט גענומען ווירקן. די פֿיס זיינען לייכט געוואָרן, אין פֿאַרנעפּלדיקן קאָפּ איז אויפֿגעגאַנגען אַ ליכטיקייט, אין האַרצן — אַ פֿריילעכער וויכער. די האַלב־טונקלקייט, אויפֿן שלאָף־באַלקאָן, האָט גענומען דריקן. איז ברין ווידער אויפֿגעשפּרונגען. דאָס מאָל — אַן אָפּגעפֿרישטער, אַ זשוואַ־וער. דאָס אָפּגיסן זיך אונטערן וואַש־קראַן, דאָס קאַלטע שטראָמען איבערן קאָפּ און נאַקן האָבן נאָך די אויפֿגעלעבטע פֿרישקייט פֿאַר־שטאַרקט. ווישנדיק זיך מיטן מאָכיקן האַנטעך איז ער, אַזוי ווי ער שטייט און גייט, אין פּיזשאַמאַ און שטעק־שיך, אַראָפּגעלאָפֿן פֿון האַלב־טונקעלן באַלקאָן אין ליכטיקן אַטעליע אַריין. גלייך צו זיין „גרינער נאַכט" איז ער געלאָפֿן.

ער האָט זיין פֿאַרענדיקטע מאָלעריי באַטראַכט איצט, אַ קילער, אַ געזעטיקטער, כמעט מיט פֿרעמדע אויגן פֿון אַ קריטיקער אויף אַן אויס־שטעלונג. און געפֿונען האָט ער, אַז אין זיין „גרינער נאַכט" האָט ער דערגרייכט אַ הויכן שטאַפּל פֿון טעכניק און האַרמאָנישע פֿאַרבן. גרין און גרוי און בלוי און גאָלד וואָס גייען איבער, איינער אין צווייטן, אַז

שום דראַמאַטיזם. ווייך, ווי אין דער נאַכטיקער נאַטור, וואַקסן דאָ אַרויס, קאָליר פון שאַטירונג, און פאַרקערט, אַזוי ווי די גרין און בלוי־באַגילדטע פעדערן אויפן האַלדז פון אַ טויב. נאָר —

www.libtool.com.cn

— וואָס נאָר ?.. דאָ האָט ברין אַ פאָרשקע־געטאָן מיט די נאָסעליפּן, ווי אַ יונגער אָגער נאָך אַ קילן טרונק, און האָט זיך אַליין דערקלערט:

— נאָר אינגאַנצן אַרויס פון ליטעראַטור איז דאָס ניט. הונדערט פּראָצענט מאָלעריי איז דאָס ניט. עפּעס איז דאָ געקינצלט, צוגעקלערט...

ער האָט אַ ווײַלע געקעמט זײַנע נאָסע האָר און באַשלאָסן:

— ווײַבאַלד איך האָב מוט, נאָך אַזויפיל מי און זוכעניש, צו זאָגן מיר אַליין דעם אמת, איז דאָס אַ גוטער סימן!

צופרידן און אין דער זעלבער צײַט שמערצלעך באַרירט פון זײַן זעלבסט־קריטיק, איז ער אַ ווײַלע אומגעגאַנגען איבער דער אַטעליע. אַפילו דער צער פון אַנטפּלעקן זײַנע קינסטלערישע פעלערן איז אים איצט געווען אָנגענעם. אַזוי איז אַ געניטן ספּאָרטסמאַן אָנגענעם דער לײַכטער קערפּערלעכער ווייטיק, נאָך אַ פיזישער אָנשטרענגונג. ווײַל ער ווייסט, אַז דאָס וואַקסן די מוסקולן, אַז דאָס ציען זיי נײַע קרעפטן פונעם פריילעך־צירקולירנדיקן בלוט.

— ס'איז אַ גוטער סימן, ברודער ברין! — האָט ער מוטיק איבערגעחזרט און ביז טרוקן געריבן זיך די נאָך פײַכטע הענט. — מירן נאָך לעבן... מירן נאָך ליבן! מיט סאַניאַן ענדיקט זיך ניט די וועלט. אַלע טאַלאַנטלאָזיקייטן, מיט די האַרקאָווקעס און מלאָטעקס אויף צו־להכעיס! איר, אַלע איבעריקע צווייפיסיקע מעבל־שטיקער, ווי דער ליבער טשודאַק גאַבראָנסקי זעט אײַך, אַוועק, אַוועק פון וועג!

דער בייגעשמאַק פון נעכטיקן ביטערן טראָפּן און ביטערע געשפּרעכן איז, ביסלעכווײַז, בטל געוואָרן אין דער אויפגעשפּרודלטער פרייד וואָס האָט ניט קיין נאָמען. עס האָט זיך קודם־כל אויסגעדריקט אין אַ געזונטן אַפּעטיט. טענצלדיק און זינגענדיק האָט ער זיך געשטעלט קאָכן קאַווע אין זײַן אַלקאָוו. געכאַפּט אַ קיי שטייענדיקערהייט און געפילט, ווי יעדער צעקייטער ביסן שמעלצט זיך אין זײַן יונגן גוף. ער האָט זיך קלאָר און ניכטער פאָרגעשטעלט ווי אַזוי האַרקאָווקע איז נעכטן בײַנאַכט געשטאַנען, אונטער דעם געפּאַלענעם פּאַטש, מיט אונטערגעבראָכענע קניעלעך און מיט צעפּאַטלטע פּעטע הערעלעך, און האָט מיט צעשראָקענע אויגן געזוכט זײַן אַוועקגעקײַקלטן דערבי־קאַפּעלוש... נאָר קיין געוויסנס־ביסן האָט ער, איצט, דערפון ניט געהאַט. ער האָט נאָר געפילט, אַז

מיט דעם פּאַטש האָט ער אויפגעבראָכן אַ וואַנט, הינטער וועלכער ער האָט זיך ביז איצטער געשטיקט, אין בענקשאַפט און אין העפלעכקייטן... אויפגעבראָכן — און אַ גאַנצע כאַפּטע פון פריילעכע טייוואָלים האָבן זיך אַריינגעריסן דורכן ברוך און טאַנצן אַרום אים אַ קאַרעהאָד, דרייען זיך אין דער שמעקעדיקער פּאַרע פון קאַווע.

— נאָך, נאָך! קומט אַריין! קומט אַריין!.. האָט ער זיי שטיפעריש אויפגעפאָדערט. דערביי אַליין אונטערגעטענצלט און אונ־טערגעזונגען. פאַרענדיקט דאָס מאַרינע־לידל, וואָס ער האָט נעכטן אָנגעהויבן:

וואָלאַ לע גאַר׳ דע־לאַ מאַרינע!..
אַז מען טראָגט דעם בלויען ראָק,
איז מען ניט קיין אַלטער זאַק...
ווען ער צעגייט זיך מיט זיין מיידל —
טרייסט אים גיך דער גרויסער ים.
דאָס איז דער יונג פון דער מאַרינע —
פריי פון אייפערזוכט און קנאה...
ניט אַ כוואַליע — נאָר אַ פלאַם!..

2.

ווי אַן אַסקעט, וועלכער באַפרייט זיך פון אַ שווערן נדר, האָט ער אויפגעלעבט. געקומען, הייסט דאָס, דער מאָמענט אויסצוטאָן זיך פון נאַרישע פליכטן און צוהערן זיך ווי דאָס האַרץ קוועלט, ווי דאָס בלוט שלאָגט אין די אָדערן, ווי דאָס ליכט פון טאָג גיסט זיך אַריין אין אַלע הויט־מיילכלעך, ווי יוגנטלעכע באַגערן שטייגן־אויף הפקרדיק און זיס. מונטערער, פרייער, דויד ברין! ס׳איז גוט צו הוידען זיך אין פרויען־אָרעמס, ווי אויף כוואַליעס. אויסזויגן פולע ליפּן, ווי וויינטרויבן. שעפּן גליק און צוריקגעבן אָן רעכענונג. דער עיקר — אָן רעכענונג. נאָר קרעמער פירן חשבונות. געליבטע און ליבנדיקע ווייסן דערפון ניט.

ער האָט דערזופּט זיין הייסע קאַווע און אַריינגעלאַכט אין שפּיגל אויפן וואַנט:

— וואָסי, עס קומט מיר ניט?..

דאָס האָט ער נאָכגעמאַכט אַ זשוואַוון יינגל, וואָס האָט אַמאָל גע־דינט ביי זיין טאַטן אין געשעפט און, ווי נאָר עפּעס אַ זאַך: מיטאָג־עסן, טיי־טרינקען, כאַפּן אַ שפּאַציר וכדומה, פלעגט ער דאָס גלייך באַרעכטיקן מיט אַ קוויטשעדיקער פראַגעלע: „וואָסי, עס קומט מיר ניט?..“

www.libtool.com.cn

דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך אים איצט געוואָרפן אין די אויפ־געוואַכטע אויגן, איז געווען די אומאָרדענונג אין דער אַטעליע. די זעלבע אומאָרדענונג האָט ער שוין נעכטען פאַרנאַכט באַמערקט, נאָר קיין קראַפט און קיין ווילן ניט געהאַט אָפּצוגעבן זיך דערמיט און אַרבעטן ווי אַ דינסט־מויד. די אומריינקייט אין די ווינקעלעך האָט אים געריצט, די שמאָט־קעלעך, פּעט פון טערפּענטין און אָפּגעווישטע פאַרבן, די קרום־הענגענדיקע לייוונטן אויף די ווענט, די ניט־געוואַשענע טעלער אין דער קליינער גאַז־קיך, די צעוואָרפענע ביכער און קאַרטאָנען אויף דער עטאַזשערקע...
און, ניט וואַרטנדיק די אויפגעברויזטע ענערגיע זאָל זיך לייגן, האָט ער אויף זיך אַרויפגעכאַפּט אַן אַלטן אַרבעט־כאַלאַט, און באַוואָפנט זיך מיט בעזעם און שטויב־טוך, ווי אַ געניטע בעל־הביתטע. ניט פאַרגעסן אַפילו צו פאַרוויקלען דעם קאָפּ האָר מיט אַ האַנטעך ווי מיט אַ הייבל. אויס־געשפּריצט דעם גאַנצן פּאָל מיט וואַסער און טערפּענטין, האָט ער גענומען קערן און פּוצן און ווישן. טענצלענדיק און זינגענדיק, צום ריטעם פון זיינע באַוועגונגען, האָט ער אַזוי אויסגערייניקט אַלע ווינקעלעך, איבער־גערוקט שטולן און טישלעך, אויסגעגלייכט די בילדער אויף די ווענט, די שויבן פון די גרויסע אַטעליע־פענצטער געריבן ביז צום גלאַנץ, די צעוואָרפענע פּינזלען צוזאַמענגענומען אין קאַסטן, די מאַלברעטער אָפּגע־וואַשן; געמאַכט אָרדענונג אין דער ביכער־עטאַזשערקע, וואָס סאָלאַנש האָט אין איר ווייבערישער נייגעריקייט צעוואָרפן. נאָכדעם האָט ער די גאַנצע אָפּגעלאָזענע פּאָדלאָגע אויסגעשפּריצט מיט שיטערן וואַקס און פלייסיק גענומען רייבן מיט אַ גרויסער פּוס־באַרשט פון ווינקל צו ווינקל.
דאָס איז אַלע מאָל געווען איינע פון זיינע באַליבטסטע מלאכות...
און וואָס גלאַנציקער דער פּאָל איז געוואָרן, וואָס טיפער ער האָט אין זיך איינגעאָטעמט די געשאַפענע פרישקייט און דעם ריח פון געריבענעם וואַקס, אַלץ פריילעכער האָט זיין ליד געקלונגען:

דאָס איז דער יונג פון דער מאַרינע!
פריי פון אייפערזוכט און קנאה,
ניט אַ כוואַליע — נאָר אַ פּלאַם...

ער האָט אַזוי פלייסיק געאַרבעט גוטע אַנדערטהאַלבן שעה. דער הייסער שווייס איז אים גערונען פון שטערן, אונטערן אַלטן כאַלאַט געקיצלט אים. נאָר אויפגענומען האָט ער דאָס מיט דער זעלבער צופרידנ־קייט, ווי ווען ער וואָלט אין אַ הייסן טאָג געאַרבעט, ניט מיט אַ בעזעם און פּוס־באַרשט, נאָר מיט אַ פּינזל און פאַרבן. און נאָך שטאַרקער איז זיין צופרידנקייט געוואָרן ווען ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז באַלד

ווערט ער פון זיך כּאַלאַט און פּיזשאַמאַ אַראָפּוואַרפן, אָפּזייפן און אָפּוואַשן זיך, פון קאָפּ ביז די פיס, אונטערן גומענעם דוש*) אין אַלקאָוו.

געענדיקט אויפראַמען — האָט ער מיט אָפּגעוואַשענע הענט אַרויס־גענומען פון קאָמאָד פריש־געפּרעסטע ליילעכער און ציכן, אַרויפגעלאָפן אויפן טרעפּל און איבערגעביטן די וועש פוןברייטן בעט. די ציכן און ליילעכער זיינען געווען פון פיינעם האָלענדישן לייוונט, קילע און גלאַטע ווי זייד. ער האָט דאָס באַקומען, צו דער חתונה מיט סאָניאַן, אין נדן. ביים פאַרלאָזן אים האָט סאָניאַ איבערגעלאָזן אַ טייל פון דעם אין די שופלאָדן. פון גרויסמוט ? צי ווייל זי האָט מער קיין אָרט ניט געהאַט אין אירע וואַליזעס ? וואָס איז דער אונטערשייד ?.. דאָס זעלבע האָט זי געטאָן מיט די צוויי קאָפּ־קישנס פון ריינעם פוך. איינס מיטגע־נומען און דאָס צווייטע — איבערגעלאָזן פאַר אים... איבערציענדיק איצט דעם ווייכן און פאַריתומדיקן קאָפּ־קישן, האָט דויד ברין קלאָר דערזען סאָניאַס גאָלדענעם קאָפּ מיטן לאַכנדיקן אָוואַל פון איר געזיכט אין גריבעלע פון קישן. דערפילנדיק די קיצלדיקע פרישקייט פון געבי־טענעם ציך, מיט איר נאַקעטן האַלדז און באַק, פלעגט זי אַלע מאָל כי־כיקען, אַזוי פרעסטלדיק, פאַרפירעריש... דאָס איז פאַר אים אַלע מאָל געווען אַ צייכן, אַז זי וואַרט אויף אים, אַז זי וויל אים האָבן לעבן זיך, אַרומנעמען אים... נאַר, מערקווירדיק! די דאָזיקע דערינערונג האָט איצט מער ניט געאַרט, ניט געזויגן אין האַרצן, ווי ס׳איז געשען ביז אַהער, ווען ער, ברין, פלעגט בייטן דאָס ציך... האָט ער באַגריפן, אַז מיט דער פאַרגאַנגענהייט איז אינגאַנצן געבראָכן. די וואונד האָט זיך, ווייזט אויס, אָנגעהויבן צו פאַרציען, בלוטיקט ניט מער...

נאָכן אָפּזייפן און אָפּגיסן זיך מיט לעבלעך־וואַסער, האָט ער ביים פלאַקער פון דער אייזערנער אייוועלע אין אַלקאָוו געריבן זיך דעם קערפּער מיט אַ גרויסן מאָכיקן האַנטעך און, אַגב, באַטראַכט זיך אין אָפּגעבליאַקעוועטן שפּיגל. אַ געזונטע מאַנצבילשע פיגור האָט אים פון פיר־עקיקן תהום אָנגעקוקט. ברייט אין די פּלייצעס און שמאָל אין די לענדן, מיט צוויי בולטע מוסקולן פוןביידע זייטן בויך, געשלענגלט ווי צוויי פאַרקערטע, גרויסע פראַגע־צייכנס, צייכן קעגן צייכן... דאָס האָט ער, ברין, אויסגעאַרבעט דורך אַ סך ספּעציעלער טרענירונג. די גריכיש־רוימישע סקולפּטורן אין די מוזעאומס און די רענעסאַנס־בילדער האָבן אויף אים, אין יענער צייט, אַ יאָר צען פאַר זיין חתונה, געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק; און ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו באַקומען אַן

---

*) שאָוער.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

ענלעכע פיגור. נאָר אינגאַנצן איינגעגעבן האָט זיך דאָס ניט. וואָרעם די פיס זיינע, אַקעגן די אַנדערע טיילן פון גוף, זיינען געווען, בערך, ניט גענוג לאַנג, ניט גענוג שלאַנק — אַ פעלער, וועלכער שטאַמט פון אַ סך דורות יידישער דערציאונג אָן לופט און אָן פיזישע אָנשטרענגונגען, און וואָס מען קאָן שוין, נאָך אַ געוויסן עלטער, מער ניט גוט־מאַכן, מעג מען טרייבן ספּאָרט צוויי מאָל אַזוי פיל ווי ס'איז נויטיק... אין אַלגעמיין איז דאָס אָבער געווען אַ מער־ווייניקער האַרמאָנישע פיגור פון אַ מאַנספּאַרשוין אין די דרייסיקער יאָרן. ברוינלעך, ווי אַ צייטיקער נוס, אין הויט, מיט פיין־געשניטענע מאַנדל־אויגן, קאַרע און גלאַנציקע, און מיט אַ באַזונדער געשלענגל צווישן די פעסט־געשלאָסענע ליפּן — אַ ליניע וואָס מען טרעפט, אָפטמאָל, אָן ביי געבוירענע קינסטלער און גייסטרייכע נאַטורן. איבערן שטערן — אַ וויכער פון טונקעלע האָר, וואָס האָבן איצט, נאָכן וואַשן, אויסגעזען אַ סך שוואַרצער און געקרויזל־טער — אַ ווילדער הענגל פון צייטיקע וויינטרויבן. מיט זייער נאַסן גלאַנץ האָבן זיי נאָך מער אונטערגעשטראָכן דעם טיפן בליק פון די גרויסע אויגן. דאָס איז געווען אַ שטרענגער און לאַכנדיקער קוק פון אַ מענטשן, וואָס האָט אַ סך איבערגעלעבט און פאַרדייט ווי אַ גיפט. אַזוי פאַרדייט, אַז פון גיפט איז געוואָרן אַ טאָניק, אַ קרעפטיקונג־שטאָף; אַזוי ווי אייזן און אַרסעניק — ווען עס ווערט מיט מאָס און מיט פאַר־זיכט איינגעזאַפּט אין בלוט. די אָראָפּגעשלונגענע מאָראַלישע יסורים, נאָך סאָניאַס אַוועקגיין, און די אַסקעטישע איינזאַמקייט אין משך פון אַ סך חדשים, זיינען געווען די פאַרדייטע גיפטן אין דעם דאָזיקן פאַל.

— האָ־האָ!.. — האָט ער, אַרויסלויפנדיק פון אַלקאָוו, אַ גאָ־גאָטשקע־געגעבן מיט דער פולער ברוסט. די גאַנצע אַטעליע, ביזקל פענצטער און דאַך, האָט זיך הילכיק אָפּגערופן. די גרויסע שויבן אין וואַנט האָבן אַ קלימפּער געטאָן.

— האָ־האָ!.. — האָט ער איבערגעחזרט זיין אַרויספאָדערנדיקן געלעכטער, נאָר אַביסל שטילער, — ווי האָט גאַבראָנסקי געזאָגט? „איינע אַוועק, איז גלייך טרייסטן זיך מיט אַן אַנדערער!.. ווי מיינסטו, ברין?"

דער מאַסאַזש פון ראַזיר־מעסער איבערן פנים, דאָס אָפּשפּריצן זיך די באַקן מיט אָדעקאָלאָן, די קילקייט פון פרישן העמד און דאָס אָנטאָן־זיך אין אַ גוט־געביגלטן אָנצוג פון טונקל־בלויען געוואַנט האָבן אים געבראַכט צו אַן איבערלעכן גלייכגעוויכט, אין וועלכער אַלץ איז באַרעכטיקט אויף גאָטס וועלט און אַלץ האָט זיין אָנהויב און זיין פאַר־דינטן סוף... אין אַזאַ האַרמאָנישער שטימונג איז ער שוין לאַנג ניט

www.hbtool.com.cn

געוועזן. אין דער געשאַפּענער ציכטיקייט אַרום מאָל־געשטעל האָט איצט די „גרינע נאַכט" מיט סאָלאַנשס נאַקעטער געשטאַלט אויפגעלויכטן מיט איר פולער רייפקייט. דאָס ביסל, וואָס האָט אים נאָך, מיט אַ פּאָר שעה צוריק, אויסגעזען ווי צוגעקלערט און געקינצלט, איז איצט צעשמאָלצן געוואָרן אין העלן טאָג־ליכט. בריגס שטענדיקע אומצופרידנקייט מיט זיך אַליין, אַזוי גיך ווי אַ לייוונט ווערט פאַרענדיקט, איז צעפלויגן ווי פּאַרע... פון דער גאַנצער מאָלערישער קיך אַרויס האָט זיך דאָס קינסטלערישע געריכט גענויטיקט איצט אין איין זאַך: מען זאָל דאָס שיין סערווירן... אין דעם פאַל האָט דאָס באַדייט — אַריינצופּאַסן דאָס בילד אין אַ שיינער ראַם. די דאַזיקע ראַם, מיט פלאַכע שניצערייען באַפּוצט און באַפאַרבט מיט רויטלעך־גאָלד, איז שוין פון נעכטן־אָן געווען צוגעגרייט, און איז אַלס קאָליר — אַמבעסטן געווען צוגעפּאַסט צו די גרינע און גרוי־בלויע טענער פון לייוונט, ווי אַ בליענדיקער טיולפּאַן צום בלאַט און שטענגל.

אַ בילד אָן אַ ראַם, ווי געלונגען עס זאָל ניט זיין, איז ווי אַ שיין־געקליידט מיידל אָן שיכלעך, ווי אַ בריליאַנט אָן אַ פאַסונג. אַ גוטע ראַם שפּיצט־צוזאַמען דאָס צעוואָרפענע, אונטערשטרייכט דאָס געלונגענע, פאַרטיפט די פּערספּעקטיוו, רוקט אַרויס דאָס דראַמאַטישע אין פאָרגנט... דעם דאָזיקן סוד ווייסן אַלע מאָלערס ביים פאַרקויפן צו פושערס זייערע ניט־געלונגענע אַרבעטן. זיי שפּילן־אויס אויף די ראַמען. איינגעהאַנדלטע אַנטיקע ראַמען מיט באַראָק־שניצערייען, וועלכע ווערן איבערגעפאַרבט אין גאָלד און בראָנדז, פון דאָס ניי, טוישן, אָפטמאָל, אַפילו דאָס געניטע אויג, און גיבן־צו דעם באַמאָלטן לייוונט אָן איבערגעטריבענעם גלאַנץ.

ברין האָט אומגעדולדיק אַ נעם־געגעבן דאָס פאַרטיקע בילד פון געשטעל כדי „אָנטאָן אים שיכלעך", אָדער, פשוט גערעדט — אַריינפּאַסן אין ראַם. אַ נעם־געגעבן און באַקומען אַ שטאָך אין דלאָניע. ער גיט אַ קוק: ס'איז אַ קאָנווערטל צוגעשפּיליעט מיט אַ קליינטשיקער שפּילקע צום פאַרבויגטן ראַנד פון לייוונט, הינטערן בילד. דאָס שאַרפע קעפּל האָט אים אַ פּיק־געטאָן, אויפמערקזאַם געמאַכט... דאָס שמאָלע קאָנווערטל זעט אים עפּעס אויס באַקאַנט, די אויפשריפט — אויך. ס'איז זיין אייגענע האַנטשריפט. געוויס! ער האָט דאָס דאָך נעכטן דערלאַנגט זיין מאָדעלקע, אַלס האָנאָראַר. נאָר איר פעסט געשריבענער נאָמען ס אָ ל אַ נ ש ב י ר ט איז דאָ איבערגעשטראָכן מיט אַ כעמישן בליישטיפט, און איבער דעם, מיט אייליקע בוכשטאַבן, איז אָנגעקראַצט:

דויד ברין...

ער האָט אַ רגעלע געשטוינט און ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט.

www.nbtool.com.cn

ער האָט דאָס בילד צוריקגעשטעלט אויפן מאָל־געשטעל און אָן עפן־געגעבן דאָס קאָנווערטל. אַ טויזנט־פראַנקענע פאַפּירל איז דאָרטן געלעגן. קלאָר ווי דער טאָג ! ס׳איז דאָס זעלבע פאַפּירל, וואָס ער האָט דער שוואַרץ־חנעוודיקער סאָלאַנש דערלאַנגט, איידער ער איז, אַ טויט־מידער און אַ געזעטיקטער פון אַרבעט, אַנידערגעפאַלן אויף זיין קאַנאַפּע. ווי דורך אַ נעפּל געדענקט ער נאָר, אַז סאָלאַנש האָט דאָס קאָנווערטל אָנגענומען מיט צוויי פינגער ווי מען נעמט־אָן אַ שרץ, און מיט איין אויג אַריינגעקוקט אין אים... איר שפּאָטישן קוקעלע האָט ער נעכטן ניט פאַרשטאַנען. איצטער איז קלאָר: סאָלאַנש האָט דאָס אים אַזוי גוט ווי צוריקגעוואָרפן אין געזיכט, ווען ער איז שוין געווען איינגעשלאָפן.

יאָ, אויפוועקן אים האָט זי ניט געוואָלט און מיט אַ שפּילקע צוגעשטאָכן היגטערן בילד־ווינקל, וויסנדיק זייער גוט, אַז ער, בריך, מוז זיך אויף דעם אָנשטויסן, ווי נאָר ער וועט דאָס אַ נעם־טאָן אַריינפּאַסן אין ראַם... אָבער פאַר וואָס און פאַר ווען אַזאַ באַליידיקונג ? מיט וואָס האָט ער פאַרדינט אַזאַ זשעסט פון פאַראַכטונג ?..

כעסדיק האָט ער אַ שמיץ־געגעבן דאָס קאָנווערטל מיטן האָנאָראַר אָן דער פריש־געוועקסענער פּאָדלאָגע:

— איז דאָס איר געווען ווייניק ? ס׳איז דאָך פונקט אַ העלפט פונעם אויפגאָב וואָס ער אַליין האָט באַקומען פון פראַנסואַ לופען... און אויב יאָ — האָט זי דאָך געקאָנט זאָגן, ניט באַגיין זיך אַזוי !.. איצט דערמאָנט ער זיך, אַז זי האָט עפּעס יאָ געזאָגט... יאָ, געזאָגט האָט זי: „אַך, וואָס, געלט ? ניט צוליב דעם האָב איך דאָ פּאָזירט...” נאָר צוליב וואָס ?.. זי איז באַליידיקט. זי איז טיף באַליידיקט וואָס ער איז איינגעשלאָפן אָן אַ גוט־וואָרט צו זאָגן... לופען האָט אים, נעכטן ביי די מלאָטעקס, אויך געוואָרנט צו שרייבן איר, דער ווילדער קרעאלקע, אַ פּאָר ווערטער... איז דאָס ווירקלעך אַזוי ערנסט ? קאָן מען זיך, בכלל, באַליידיקן אויף דעם, וואָס אַ מענטש איז טויט־מיד ?

דאָס האַרץ האָט זיך ביי בריגען צעקלאַפּט פונקט אַזוי ווי נעכטן ביינאַכט, ווען ער האָט פּלוצלונג דערזען פראַנסואַ לופען ביי די מלאָטעקס און סאָלאַנשס טונקעלע נאַקעטקייט איז אים אויפגעשוואומען אין ניט־ניכטערן קאָפּ:

— ניין. ס׳איז ניט דאָס ! — האָט ער באַשלאָסן, — ניט פאַר זיין איינשלאָפן איז סאָלאַנש באַליידיקט, נאָר פאַר זיין גלייכגילטיקייט פון אָנהויב־אָן און אין דער גאַנצער צייט פון אירע פּאָזירונגען, אָנגעטאָנענערהייט, האַלב־נאַקעט און גאַנץ... באַליידיקט איז זי דערפאַר, וואָס ער

האָט פון איר אַרויסגענומען דעם גאַנצן מאַלערישן אינהאַלט, און איר שיינעם לייב פאַרגעסן, ווי אַ שאָלעכץ. אויסגעזויגן איר גוטסקייט, איר שטאָלץ, איר געדולד, איר באַמיאונג צו דינען אים, און איר זיידיקע הויט אַפילו ניט אָנגערירט. דער אָפּגעפּאַרענער ליבהאָבער לופּען איז גערעכט. אַ זעלכע זאַכן זיינען פרויען ניט מוחל... און גלייכ־גילטיק, אין גרונט גענומען, איז ער, ברין, צו איר קיין מאָל ניט געווען, פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט אין קאַפע, לעבן פלאַץ פון האָטעל־דע־וויל. נאָר זיין נאַרישע, איינגעגעסענע טריישאַפט צו סאָניאַס אָנדענק האָט אים ניט דערלאָזן צו גיין אַ טריט ווייטער. אָבער איצט... איצט...

אַ פיבער פון אומגעדולד האָט אים אָנגעכאַפּט און ער האָט זיך גענומען טומלען און איילן:

— געפינען זי! ריידן מיט איר! פאַלן איר צו די פיס... אַפילו דאָס! נאָר איבערבעטן זי. איבערבעטן, אום יעדן פרייז, אַט די עקזאָ־טישע שיינהייט, מיט דער גרינלעכער הויט פון אַ פאַלינעזערין און מיט דאָס יידיש בלוט אין אירע אָדערן...

ער האָט געכאַפּט פאַרענדיקן דאָס, וואָס ער האָט אָנגעהויבן: אַריינשטעלן די „גרינע נאַכט" אין דער אָנגעגרייטער שיינער ראַם, באַפעסטיקן די צווייטע זייט מיט מעשענע טשוועקלעך. די הענט האָבן אים געציטערט.

— מלמד איינער! — האָט ער זיך אַליין געמוסרט, ווי זיין שטיי־גער איז בשעת ער איז אויפגערעגט, — אַ נאַקעט גליק האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט אין דער אַטעליע, אַן אוצר פון ווייבלעכקייט און טרייסט איז געווען ביי דיר אין די הענט, און דו ביסט געלאָפן קלייבן ברעקלעך אונטערן טיש פון די האַרקאַוועקעס, איבערבעטן זיך מיט דער ניי־רעמאַנ־טירטער סאָניאַ, מיט אירע פאַלש־געפאַרבטע האָר, שלעכט געפודערטע באַקן, וועלכע איז שוין געזונקען און גייט־איבער, אַן שום באַדויערן, פון האַנט צו האַנט. מיט סאַלאַנש בירט בעט זיך איבער, מלמד איינער! מיט איר... אין קליינעם קאַפע, וואו דו האָסט זיך מיט איר באַקענט, זיצט זי אַוודאי. זי זיצט דאָרטן אַלע טאָג. זי וואַרט אפשר אויף דיר...

.3

דער ערשטער־בעסטער טאַקסי־אַטאָמאָביל, וועלכן ער האָט געכאַפּט אויף רי וואָזשיראַר'ד, לעבן טויער פון זיין אַטעליע, האָט אים אויס־געזען אַלס אַ פאַרעלטערטע מאָדעל, און אַז עס שלעפּט זיך ווי אַן אָפּגע־פאָרענע קליאַטשע. די פאָר מייל צום קליינעם קאַפע, לעבן פלאַץ פון

www.libtool.com.cn

שטאָט־ראַט, האָבן זיך געצויגן ווי פון פעך... אַזוי געזאָטן האָט אין ברינען די אומגעדולד, אַזוי גיך האָט געקלאַפּט זיין פולס. ער האָט אַ קוק געגעבן אויף זיין בראַסלעט־זייגערל — ס׳איז געווען האַלב־נאָך־צוויי. די ריכטיקע צייט ווען די פאַריזער ליידיק־גייערס נעמען אַ מאָקאַ נאָכן צווייטן פרישטיק... אַ לייכטער שפעט־האַרבסטיקער שנייעלע האָט זיך געדרייט אין דער לופטן. איינער פון די ערשטע שניי־עלעך, וואָס דערגייען אַפילו ניט צום טראָטואַר, שמעלצן זיך אין דער לופטן און ציען איבער די פרעכטיקע געביידעס אַרום דער נאָענטער ס ע נ ע, ווי מיט דורכזיכטיקע וואוואַלן, ענלעך צו דעם גאַז־געוועב, מיט וועלכן ער, ברין, האָט איבערגעצויגן סאָלאַנשס שיינעם גוף איידער ער האָט פאַרענדיקט דאָס בילד... בוכשטעבלעך — אַלץ וואָס ער האָט איצט געזען אַרום זיך האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ פאַרגלייך מיט איר: דער שוואַרצער גלאַנץ פון די שפיצן אויפן האָטעל־דע־וויל האָט אים דערמאָנט איר פריזור; די אויסגעשטרעקטע טורעמס פון „נאָטר־דאַם־דע־פאַריז“ — אירע אָרעמס. דאָס האָט נאָך מער פאַר־שאַרפט זיין עגבערנדיקע בענקשאַפט און פאַרשטאַרקט זיין אומ־רואיקייט.

דערפאַר איז אים אַראָפ אַ שטיין פון האַרצן, ווען ער האָט באַצאָלט די טאַקסי און איז צוגעלאָפן צום איינגאַנג פון קאַפע. שוין אין דער גלעזערנער דריי־טיר האָט ער, פונדערווייטנס, דערקענט דעם טונקעלן ליבן פראָפיל פון סאָלאַנש בירט. זי איז, ווי אַלעמאָל, געזעסן אויפן זעלבן אָרט, ביים זעלבן מירמלשטיינערנעם טישל, ביי אַ טאַס מאָקאַ מיט קאָניאַק. נאָר אָנשטאָט איר האַרבסט־היטעלע מיטן ווייסן באַנד, האָט זי איצט געטראָגן אַ פוטערנעם, פון גרויען פיי, מיט אַ בלוי־גרינער קאָקאַרדע פון זייד. צוגעפּאַסט, מסתמא, צום קאָליר פון אירע אויגן. און דער דאָזיקער האַרמאָנישער חן איז געוואַקסן, מיט יעדן טריט וואָס האָט אים דערנענטערט צו איר.

נאָך דער קבלת־פנים וואָס זי האָט אים געמאַכט איז געווען ניט זייער אַ וואַרעמער. ער האָט דאָך געוואוסט, אַז זי איז באַליידיקט, אָבער אַז זי וועט זיך מאַכן ניט־זעענדיק האָט ער זיך ניט געריכט. אָדער זעט זי אים ווירקלעך ניט ?..

— סאָלאַנש !.. — האָט ער שטיל און ציטערדיק אַ רוף געגעבן, כמעט מיטן זעלבן פאַרטאַיעטן געבעט אין קול, ווי נעכטן — סאָניאַן... אים האָט זיך אַפילו געגומען דוכטן, אַז די נעכטיקע סצענע איבערחזרט זיך, נאָר מיט אַן אַנדער העלדין אין דער הויפט־ראָל — אַ פאַרביסענע שוישפילערין, וואָס זיצט און וואַרט דאָ אויף זיין געבראָכענעם שטאָלץ, אויף זיין דערנידערונג.

אינגאַנצן אַ טעות האָט ער ניט געהאַט, וואָרעם אויף זיין בעטנדיקן רוף האָט זי נאָר קוים דעם פּנים אַ קער־געגעבן און אָנגעקוקט אים מיט גרינע אויגן פון אַ ים־חיה:

— א, דאָס ביסט —

געוואָלט האָט זי דוצן. נאָר פאַרכאַפּט זיך און קאָרעגירט:

— דאָס זייט איר?

— סאָלאָנש! — איז ער אויף איר אָנגעגאַנגען אַזוי, אַז ער זאָל זי אינגאַנצן פאַרשטעלן מיט זיין מאַנטל און מיט זיינע פּלייצעס, קיינער אין קאַפע זאָל ניט זען דעם איינדרוק פון זייערע ביידנס געזיכטער, ניט הערן וואָס זיי ריידן צווישן זיך. — דו... איר האָט אייער געלט פאַרגעסן.

— צוליב דעם, רופט זי זיך אָפּ מיט אַ קוועטש אויפן „דעם", — צוליב ד ע ם באַמת זיך? ניט געדאַרפט...

זי האָט אַ רגעלע געשוויגן און שטילער צוגעגעבן:

— איך האָב דאָס ניט פאַרגעסן.

— געוויס ניט, — האָט ער שעמעוודיק באַשטעטיקט, — איר האָט... דערלויבט מיר צו זאָגן ד ו, ווי פריער...

— ס'איז דיר דערלויבט.

— האָסט דיין נאָמען פאַרמעקט אויפן קאָנווערט און מ י י נ ע ם אויפגעשריבן. עפּעס ניט ווי איך בין דיר שולדיק, נאָר דו — מיר...

— ביסט מיר גאָרניט שולדיק, — האָט זי זיך קוים אַ קרים־געטאָן און לייכט אַ הויב־געגעבן מיט די פּלייצעס, — קוויט, קוויט, מאָסיע ברין!

— ניין, ניין, סאָלאָנש! ניט קוויט און ניט „מאָסיע" — האָט ער זי הייס אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט, אָבער זי האָט איר האַנט אַוועק־געצויגן.

— ניט קוויט... — האָט ער געציטערט פון אינערלעכער ליב־שאַפט, — האָסט זיך אַזוי פיל מי געגעבן, אַזויפיל גוטסקייט מיר אַרויס־געוויזן, און דערלויבסט ניט אַפילו איך זאָל דיר אָפּדאַנקען.

זי האָט אויף אים ווידער אָנגעשטעלט אירע ים־אויגן:

— מיינסט נאָך אַלץ, אַז איך האָב דאָס געטאָן פאַר געלט? אויפ־געשטאַנען פרי, געלאָפן צו דער אַרבעט; אָדער, ווי אַ פּאַציענט מיט צאָנווייטיק — צום דענטיסט...

— נאָר צוליב וואָס? צוליב וואָס?

זי האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ:

— דו שטעלסט פראַגן ווי אַ... נו, איך הויב שוין אָן קלערן, אַז ניט אומזיסט —

www.hbtool.com.cn

זי האָט ניט פֿאַרענדיקט. און ברין האָט איר אונטערגעזאָגט:

— אַז ניט אומזיסט האָט מיך סאָניאַ פֿאַרלאָזן...

— אַך, לאָז דאָס! — האָט זיך סאָלאַנש אָוועקגעמאַכט. -- כאָפּ מיך ניט ביים וואָרט. איך האָב דיר געוואָלט העלפֿן. ביסט געווען אַזאַ אומעטיקער, ווען איך האָב דיך דאָ באַגעגנט, אַזאַ אָרעמינקער, אַ פֿאַרלאָזענער, אַ גרויס קינד...

ער האָט דערפֿילט אַ שוואַכקייט אין די קני. און, ניט בעטנדיק קיין דערלויבעניש, צוגעזעצט זיך לעבן טישל. פּונקט אַזוי ווי ער האָט דאָס געטאָן נעכטן לעבן סאָניאַן, אויפֿן מאָנפּאַרנאַס. „עס איז דאָך מערקווירדיק“, איז אים דורכגעלאָפֿן דורכן קאָפּ, „ווי אַלץ שפּיגלט זיך ביי מיר אָפּ, חזרט זיך איבער... ווי אַלע פּרויען זיינען גלייך!. אפשר גאָר אַנטלויפֿן?..“

נאָר זיין געמיט איז שוין געווען שווערער ווי זיין ווילן. עס האָט אים צוגעשמידט צום אָרט, באַוועגט זיינע ליפּן:

— מער גאָרניט, סאָלאַנש? מער גאָרניט?

— וואָס נאָך? — האָט זי זיך כלומרשט געוואונדערט. — ליב, ווייסטו, האָט מיך אַן אַנדערער — לופּען. ער האַלט מיך אויס...

— אפשר ניט ער אַליין? אפשר נאָך אַן אַנדערער?..

זי האָט געשוויגן, ניט אָנגעקוקט אים. האָט ע ר גערעדט אָנשטאָט איר:

— און איך האָב פֿאַרשטאַנען... פֿון ז י י נ ע רייד, וויל איך זאָגן...

דאָס בלוט האָט זיך איר אַ וואָרף־געטאָן אין איר אַליוון־גרינלעכן געזיכט און זי איז טונקל געוואָרן פֿאַר כעס:

וואָס האָסטו פֿאַרשטאַנען פֿון זיינע רייד? וואָס האָט ער דיר אָנגעפּלאַפּלט, דער לאָקש? דער... דער... אַ פֿאַרמיטלער איז ער גאָר געוואָרן? דאָס האָט ער דיר געזאָגט דו זאָלסט קומען אַהער? ע ר?.. ניט דו אַליין?

איר גאַנצער ניט־אייראָפּעאישער טעמפּעראַמענט האָט דאָ אויפֿגעברויזט מיט זיין עקזאָטישער אומגעצוימטקייט. אירע ציינער, שאַרפֿע און פֿאַרשטירעטע, האָבן אויפֿגעבליצט דורך די טונקעלע ציטערדיקע ליפּן. אין דער ראַם פֿון איר פּייגעם פּוטערל און פֿעלצענעם ווינטערהיטעלע האָבן אירע אויגן געברענט מיט אַ גרינעם פייער, ווי ביי אַ נאַכטיקער טיגער־חיה. און אירע געטאָקטע טונקעלע הענטלעך, מיט די

קאַרמין־רויטע לאַנגע נעגל, האָבן בייז געצאַפּלט אויפן מירמלשטיינער־נעם טישל אונטער איר קייכנדיקער ברוסט, ווי ביי אַ קליינעם אויפ־געלעבטן ספינקס. נאָך איין רגעלע און זי גיט אַ שפּרונג און כאַפּט־אָן איר קאַוואַליער פאַרן גאָרגל...
www.libtool.com.cn

און זי האָט אים ווירקלעך אַ כאַפּ־געגעבן. אמת, ניט פאַרן האַלדז, נאָר פאַרן אָרעם.

— זאָג, זאָג! — האָט זי אויף אים געשריען אַזוי, אַז די באַשיידענע באַזוכער אין קאַפּע האָבן זיך איצט אומגעקוקט אויף זיי ביידן.

ברין האָט זיך פאַרזיכטיק אָפּגערוקט פון איר. ער האָט זיך דער־מאָנט אַן לופּענס וואָרנונג אויף וואָס סאָלאַנש איז פעאיק, און ווי גע־פערלעך עס זיינען אירע צאָרן־אויסברוכן... אין זיין מער־זיכערער פּאָזיציע, אונטערן שוץ פון מירמלשטיינערנעם טישל, האָט ער רואיקער אַריינגעקוקט אין איר צערייצטן געזיכט מיט זיינע גרויסע קאַרשן־אויגן:

— איך האָב דיר ניט וואָס צו זאָגן, סאָלאַנש! אויב דו ווילסט וויסן דעם אמת... ניט צוליב אָפּגעבן דיר דיין געלט, ניט צוליב דעם, וואָס עמעצער האָט מיך געשיקט... געקומען בין איך אַליין. געלאָפן בין איך. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם בין איך געלאָפן. ווייל —

.4

זי האָט פון אים די שטאַר־ברענענדיקע אויגן ניט אַראָפּגענומען — אַ פּאַנטערע וואָס גרייט זיך צום שפּרונג. ער האָט אַ רגע אָנגעקוקט די שיינקייט פון אָט דער טיגער־חיה, וואָס באַגלייט יעדע באַוועגונג פון זיינע ליפּן. די ליידנשאַפט האָט אין אים גענומען קאָכן און מיט אַ וואַרעם־זיינע ...

באַוועגטער שטימע האָט ער פאָרגעזעצט. און אויסגעדוכט האָט זיך אים, אַז מיט יעדן וואָרט אַנטבלויזט ער זיך אַלץ מער און מער. זיין קערפּער, אַזוי ווי זיין שטאָלץ:

— ווייל דאָס קאָנווערטל וואָס דו האָסט מיר איבערגעלאָזן, מיין נאָמען וואָס דו האָסט אויפגעשריבן מיט אַ בליישטיפט, מיט... אַזויפיל פאַראַכטונג, האָבן מיר געעפנט די אויגן. איך האָב מיטאַמאָל דערזען, אַז איך האָב דיך באַגנבעט... אַ שטיק נשמה פון דיר אַוועקגענומען אָן דיין וויסן, אויפן לייוונט געלייגט, און דיך אַליין ניט באַמערקט... צי איז אָבער ווירקלעך פאַראַן אַ באַליידיקונג אין דעם, וואָס מיין באַ־ציִאונג צו דיר איז קיין ביליקע ניט געווען, ניט ווי ביי מיינע דורכ־שניטלעכע קאָלעגן צו זייערע מאָדעלקעס? אַ באַליידיקונג — וואָס

איך האָב מיט דיר ניט אָנגעהויבן קיין נאָענטע באַציאונג ? וואָס איך בין נאָך געווען פאַרליבט אינעם אָנדענק פון מיין פרוי ?
www.libtool.com.cn

— געווען פאַרליבט ? און איצטער ?

— ניט מער ... איך שווער דיר !

אין סאָלאַנשס גרין־ברענענדיקע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ פייכטער גלאַנץ. די לאָפּקעלעך אירע פון אַ קליינעם ספינקס, מיט בלוט אָפּגעלאָ־קירטע נעגל, האָט זי צוריקגעצויגן פון ווייסן טישל. און אינגאַנצן איז זי עפּעס מיטאַמאָל ווייכער געוואָרן, שוועסטערלעך־ליב, אַזוי ווי זי איז כמעט אַלעמאָל געווען אין ברינס אַטעליע, ווען זי האָט דאָרטן פּאָזירט.

— ניין, — רופט זי זיך אָפּ מיט אַן אויפגעציטערטער סטרונע אין קול, — ביי גאָט ! דיין צוריקהאַלטן זיך ... גראָד דאָס האָט מיר אימפּאָנירט. האָסט דיין אַרבעט ניט געוואָלט פּראָפאַנירן. ווען דו וואָלטסט אָנגעהויבן מיט מיר וואָלטסטו דיין „גרינע נאַכט" קיינמאָל ניט פאַרענדיקט. דאָס פאַרשטיי איך. אָדער איך, אָדער מיין בילד...

— איך דערקען דיך ווידער, סאָלאַנש !.. נאָר וואָס דען ? וואָס דען האָט דיך אַזוי באַליידיקט ?

— דאָס וואָס... נאָכן פאַרענדיקן האָסטו מיך אויך ניט באַמערקט. נאָך ווייניקער ווי פריער. שלאָפן האָסטו זיך אַ וואָרף־גע־געבן. ווי אַן איבערגעזעטיקטער. ווי אַ באַזויפּענער.

— סאָלאַנש, מיין וואָרט גיב איך דיר ! דאָס איז ניט קיין גרינג־שאַצונג. דאָס איז מיין נאַטור. איך אַרבעט אַזוי ליידנשאַפטלעך. נאָך מיין יעדער פאַרענדיקטער קאָמפּאָזיציע ליידיקט זיך אויס מיין גאַנצע שפּאַן־קראַפט. וואָס געלונגענער אַן אַרבעט איז — אַלץ מער שעפּט זי מיך אויס. ווי אין אַ לעטאַרגישן שלאָף פאַל איך אַריין. און ניט צום ערשטן מאָל... אויך סאָניאַ האָט דאָס מיר אָפטמאָל ניט פאַרגעבן... און דו אויך ? דו אויך ?

— דאָס האָט מיך ווילד געמאַכט.

— איך זע שוין. פון לופטענס ווערטער, נעכטן ביי די מלאַטעקס, האָב איך דאָס אויך פאַרשטאַנען. און, דעם אמת זאָגנדיק, ניט ערנסט גענומען...

— אויך דאָס האָט ער דיר געזאָגט ? אַזאַ נאַר ! אַזאַ —

— זידל אים ניט ! ער האָט דאָך דיך ליב.

— ווי מען פאַרשטייט אַזאַ ליבע... נו, דערצייל ! דערצייל ווייטער !

— איך האָב מיך נעכטן אויפגעכאַפּט ווען עס איז שוין געווען גוט טונקל. אַ זייגער זעקס פאַרנאַכט. אַ וועלכע זיבן שעה נאָך דיין

אוועקגיין. ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך געפין זיך. אין אַ מאָדנער באַטויבונג. אַ שיכרות איז דאָס געווען. אין דער דאָזיקער שיכרות האָב איך אָפּגעטאָן נאָך אַ נאַרישקייט. נאָך אַ גרעסערע, ווי לאָזן דיך אוועקגיין, אָן אַ דאַנק צו זאָגן דיר...

— וואָס נאָך פאַר אַ נאַרישקייט?

— אַנשטאָט צו לויפן זוכן דיך בין איך געלאָפן זוכן מיין פרוי, מיין געוועזענע פרוי, וויל איך זאָגן... און —

— און?

— אינגאַנצן צעריסן מיט מיין פאַרגאַנגענהייט. ווי פון אַ פלאָנטער אַרויס. אַ סוף!

זי האָט אים אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט פאַרן אָרעם:

— אינגאַנצן? ס'איז אָן אמת? אָפּגעשטויסן דיך? אַזוי נידעריק איז זי געווען?

— ניט זי. איך אַליין. איך האָב מיך דערנידעריקט, מיין ווערדע געוואָרפן איר צו די פיס. און באַקומען מיין לוין.

— אָרעמינקער... און האָסט ניט קיין חרטה?

— פאַרקערט. דאָס האָט מיך באַפרייט. שערבלעך זייַנען מיר אַראָפּגעפאַלן פון די אויגן... און היינט, נאָכן געפינען דיין צוריק־געוואָרפענעם האַנאָראַר האָב איך דיך דערזען ווי דו ביסט: דיין שטאָלץ. דיין שיינקייט. דיין גוטן געשמאַק. און דיין האַרץ, סאָלאַנש! דיין גוט האַרץ...

— נאָ! — האָט זי אים האַסטיק צוגעטראָגן ביידע הענטלעך צו די ליפּן — קוש! ביידע זיי קוש! וויפיל דו ווילסט...

ברינען האָט אַפילו ניט געוואונדערט אַזאַ פּלוצלעכער איבערגאַנג. ער האָט סאָלאַנשן אַפילו ניט אָנגעקוקט. ער האָט זי אַזוי אויך פאַר־שטאַנען. איין אויפגעפלאַקערטע ליבשאַפט האָט זיי איצט ביידן פאַר־בונדן. און מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי אַ טויט־דורשטיקער צום טרונק, אַזוי איז ער צוגעפאַלן צו אירע טונקעלע זיסע הענט און זיי ביידן ווייך און מיט טיפער באַפרידיקונג געקושט. די רעכטע האַנט און די לינקע, און פאַרקערט. דאָס האָט זי אים אַ ביסל באַרויִקט און ער האָט פאַרגעזעצט:

— ס'איז דאָך מערקווירדיק! איך בין היינט אין דער פרי געווען אַזוי גליקלעך. ביים אויפראַמען מיין אַטעליע פון דער גאַנצער מאָלערי־שער קיך אָרום דיין בילד... איך בין געווען גליקלעך ביים וואַשן זיך, ביים ראַזירן זיך, ביים איבערציִען מיין בעט מיט פרישע ליילעכער. כ'האָב אַליין ניט געוואוסט פאַרוואָס. ניט געוואוסט... און גאָר

פלוצלונג, ליבע סאָלאַנש, ווי נאָר איך האָב געפונען דיין קאָנווערטל...
www.libtool.com.cn
נאָר איין רגעלע בין איך געווען דערצאָרנט... דיין שפּילקע אין קאָנ־ווערט האָט מיך אַ ביס־געגעבן ווי אַ שלאַנג, ניט נאָר אין פינגער — אין האַרצן אויך... אין אַ מינוט אַרום האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז מיין גליק זיצט דאָ. דאָ אין קליינעם קאָפּע, וואו איך האָב עס צום ערשטן מאָל געטראָפן. עס זיצט און וואַרט אויף מיר. די ביבל האָסטו אַמאָל געלייענט?

— יאָ. אין דער פראַנצויזישער איבערזעצונג.

— מוזסטו דאָך געדענקען די געשיכטע פון יוסף מיט זיינע ברי־דער... מיר האָט זיך גלייך אויסגעדוכט, אַז דאָס האָסטו אומיסטנע אַריינגעלייגט דיין געלט אין „מיין זאַק״, כדי אויסצופּרואוון מיך. דאָס איז אַזוי נאַאיוו און אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דיר, טייערע סאָלאַנש! דערפאַר בין איך אַזוי געלאָפן צו דיר. מיט אַזויפיל האַרצ־קלאַפּעניש, מיט אַזויפיל ליבשאַפט. כ׳האָב אַזוי מורא געהאַט ניט צו טרעפן דיך דאָ. און אַט! דו זעסט דאָך...

— איך זע... — רופט זי זיך שטיל אָפּ, און אירע מיט קאַרשן־רויט באַפאַרבטע ליפּן האָבן זיך קוים באַוועגט.

און מיטאַמאָל, אָן שום איבערגאַנג, ניט־נעמענדיק אַפילו אין אַכט די פרעמדע באַזוכער, אַזוי ווי הייס־פאַרליבטע טוען דאָס אין די פאַריזער קאַפע־הייזער, האָט זי איר רעכטן אָרעם אַרומגעוויקלט אַרום ברינס האַלדז, צוגעצויגן זיין קאָפּ, און זיך אַריינגעזויגן אין זיינע קרעפטיקע ליפּן מיט איין שיכורן און לאַנגן קוש, איינעם פון יענע, וועלכע ברענגען אַריין אין אַ זיסער טומלעניש, מאַכן טויב און בלינד. מען טרינקט זיך און עס איז גוט...

— מען זעט... — האָט ברין געפּרואווט אַ שעפּטשע־טאָן און ניט געקאָנט, אַזוי פאַרחתמעט זיינען געווען זיינע ליפּן מיט אירע. „מילא, זאָלן זיי זען!..״ האָט ער באַשלאָסן און מפקיר־געווען זיין האַלדז, זיין מויל און זיין גאַנצע צוריקהאַלטונג, וויסנדיק זייער גוט, אַז די פאַריזער קאַפע־באַזוכער זיינען צו אַזעלכע אויסברוכן פון ליבשאַפט גייגעריק נאָר ביז אַ געוויסן גראַד, באַציען זיך צו דעם מיט זייער איינ־געבוירענער גוטמוטיקייט, ווי צו אַ גוטן אַפּעטיט, ווי צו אַ קוויקן־זיך מיט אַ באָקאַל שאַמפּאַניער.

דער קוש האָט זיך פאַרצויגן און ברין האָט נאָכגעגעבן, ווייבעריש־צאַרט, ווי אַ מוטער גיט נאָך איר קינד די פולע ברוסט. ניין, עפּעס אַזוינס האָט ער נאָך קיינמאָל ניט גענאָסן. אַפילו סאָניאַ, זיין געוועזענע ווייב, אין אירע גרעסטע עקסטאַזן, האָט קיינמאָל ניט דערלאָזן, ניט

www.libtool.com.cn
פאַרגונען אים, קאָן מען זאָגן, ער זאָל אַזוי אויסטערינקען אירע ליפּן ביזקל דעק.

און אין מיטן געבן און געניסן — דערפילט ער, אַז דער גאַנצער צער זיינער, וואָס האָט זיך אין אים אָנגעזאַמלט, דער האַרטער שטיין פון פאַרדרוס, וואָס איז אין אים געוואַקסן זינט סאָניאָ איז פון אים אַוועק, שמעלצט זיך אין אַ וואַרעמען שטראָם, שפּאַרט־אָן אין האַלדז, אין די אויגן, און הייסע טרערן קאַפּען אויפן פּוכיקן פעלצערנעם קאַלנער פון סאָלאַנשס ווינטער־זשאַקעט.

זי האָט דאָס דערפילט, און ווי אַן אָפּגעבריטע אָפּגעריסן זיך פון אים, און מיטביידע הענט אָנגענומען זיינע פייכטע באַקן, ווי אַ גרויסע פרוכט געהאַלטן זיין קאָפּ און מוטערלעך אַריינגעקוקט אין זיינע פאַר־גאָסענע אויגן:

— וואָס איז מיט דיר, דויד?

— רוף מיך אַזוי... רוף מיך נאָכאַמאָל אַזוי!.. — האָט ער זי געבעטן, ווי מען בעט אַ ביסל גענאָד.

זי האָט זיך אַ הויב־געגעבן, ווידער צוגעזעצט זיך, און זיין קאָפּ פון אירע וואַרעמע דלאָניעס ניט אַרויסגעלאָזן.

— דויד... — האָט זי איבערגעחזרט שטיל, מיט באַוועגטע ליפּן. — דו ביסט קראַנק, דו ביסט פאַרדורשט, דו ביסט אויסגעהונגערט נאָך אַ ביסל צערטלעכקייט. רייד ניט, רייד ניט! איך ווייס וואָס מיט דיר טוט זיך. איך ווייס וואָס די ווילסט זאָגן. קום מיט מיר. קום צו מיר גלייך... געליבטער מיינער! דו טאָרסט מער אַליין ניט זיין. מיר ביידע קאָנען דאָ מער ניט בלייבן...

— גאַרסאָן!..(*) — האָט זי, ניט אָפּוואַרטנדיק זיין ענטפער, אַ רוף געגעבן. און ביז דער קעלנער איז צוגעגאַנגען, האָט זי אַרויס־גענומען איר באַטיסט־טיכעלע, שניי־ווייס, מיט שווייצאַרישע שפּיצן, און פאַרפומירט, ווי ברינען האָט זיך אויסגעדוכט, מיטן ספּעציפישן ריח פון איר הויט, וועלכן ער האָט אַזוי גוט געקענט פון די פילע סעאַנסן אין זיין אַטעליע, און גענומען ווישן אים די רעשטלעך טרערן.

— גיב אַ שמייכל, דויד! איין מאָל נאָר... — האָט זי אים ליב־לעך געמונטערט און אַליין באַוויזן אַ ביישפּיל: צעשמייכלט זיך מיט די אויגן, מיט די ליפּן, מיט די גריבעלעך אין די טונקעלע באַקן. צעשטראַלט זיך.

---

*) קעלנער.

דער גאַרסאָן אין ווייסן פאַרטעך איז צוגעגאַנגען און זי האָט בריגען באַפוילן מיט דער זעלבער צעשטראַלטער מינע:

— און איצט, באַצאָל! צום ערשטן מאָל דערלויב איך דיר צו באַצאָלן פאַר מיר... ניין, איך דערלויב ניט, איך באַפעל!..

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט באַגייסטערטע אויגן: וואָס פאַר אַ טייער און וואונדערלעך מיידל דאָס איז!

— איך דאַנק דיר, סאָלאַנזש!

ער איז אויפגעשטאַנען, אַ לייג־געגעבן אויפן טישל אַ הויפן זילבער, וויפיל עס האָט זיך אָנגעשעפּט אין מאַנטל־קעשענע, און געלאָזן סאָלאַנזש אָנהענגען זיך אָן זיין אָרעם. לויט דעם, ווי זי האָט זיך צו אים צוגעדריקט, האָט ער דערפילט, אַז זיין גליק — אַ גרויסער נייער גליק הויבט זיך אָן.

צווייטער קאַפּיטל

אין ליבע־נעסט

1.

פון סאָלאַנזשס אַפּאַרטמענט אַראָפּ, אין עק פון קליינעם לוקסעמבורגער גאָרטן, האָט מען אונטן געזען דעם וואונדערבאַרן פּאַנטאָן, וואו די פיר וועלט־ראַסן, אין געשטאַלט פון שיינע ראַסיקע פרויען, האַלטן אונטער די ערד, די ספערע און די צוועלף מזלות. אונטער זייערע געטאַקטע פיס שפּריצן, פון די מיילער, גרויסע יאַשטשערעס און קראָקאָדילן, וואַסער־פיילן און וואַסער־בויגנס אין אַ באַסיין אַריין און אין די מאָרדעס פון צעיושעטע פערד. די בראָנדזענע סוסים מיט צעשויבערטע גריוועס און אויפגעבלאָזענע נאָזלעכער פאַר שרעק, רייסן זיך אין ווילדן גאַלאָפּ פון באַסיין אַרויס, לויפן און לויפן און קענען ניט אַרויסלויפן... איבערן גאַנצן פּאַנטאָן — צו צוגעשוירענע פלאַטאַנען־ביימער פון דער לוקסעמבורגער אַלעע, וואו בריגן האָט אַזוי ליב געהאַט צו שפּאַצירן, איידער פאַרקערעווען אויפן באָהעמע־בולוואַר מאָנפּאַרנאַס.

די דאָזיקע איינצלהייטן האָט בריגן ערשט שפּעטער פונאַנדערגע־קוקט, ווען ער איז שוין געווען אויבן... פאַרחושט פון סאָלאַנזשס וואַ־רעמער נאָענטקייט, מיט אַ האַלבן פנים אַריינגעטוליעט אין דער זיסער

www.libtool.com.cn

קיצלדיקייט פון איר פוטערל, איז ער אין דער טאַקסי, מיט האַלב־אַראָפּ־געלאָזענע פאַרהאַנגלעך, געווען בלינד און טויב צו אַלץ וואָס טוט זיך אַרום אים. אַפילו ביים אַרויסגיין פון אויטאָמאָביל, ביים שטייגן אויף די זויבער־געוועקסטע טרעפּ, ביים אויפשליסן די טיר... ווי אַ פאַרזעצונג פונעם שווערן חלום, הייַנט אין דער פרי, איז דאָס געווען: „אויפכאַפּן זיך, אויפכאַפּן זיך!..״

ברייט אויפגעריסן די אויגן האָט ער ערשט דעמאָלט, ווען ער איז איבערגעטראָטן דעם שוועל פון סאָלאַנשס וואוינונג, ווען די טיר האָט זיך צוגעקלאַפּט הינטער זיי ביידן, האָט ער לייכט אָפּגעזיפצט. די טרוימערישע שפּאַנונג האָט זיך געענדיקט.

אַ ליבלעכע היימישקייט האָט אים דאָ אַרומגענומען, כאָטש קלאָר אַרום זיך האָט ער נאָך ניט געזען, און אַ פיינער גערוך פון לוקסוס. קיין שפּור פון קיך־ריחות, קיין שאָטן פון אָפּגעלאָזנקייט. זיינע פיס האָבן, אין קליינעם קאָרידאָרל, אָנגעטראָטן אויף אַ וואָליקער ווייכקייט. סאָלאַנש האָט אים, ביז דעם עלעקטרישן קנאָפּ, געפירט פאַר אַ האַנט. דאָ האָט זי אַ דריי־געגעבן און געמאַכט ליכט. און ברין האָט אונטער זיינע פיס דערזען אַ דיקן קאָרפּעט אין ווייסע און ברוינע טענער. איינער פון יענע וואָס ווערן געוועבט אין די פראַנצויזישע צפון־אַפריקאַנישע קאָלאָניעס. דאָס מאָטע ליכטיקייט האָט זיך אויף אים געגאָסן פון אַ קליינעם אַנטיק־לאַמטערנדל, געמאַכט ווי אַ גרויסער מילגרוים, פון געלבלעכן קריסטאָל מיט באַגילדטע רייפן אַרומגעכאַפּט און הענגט־אַראָפּ אויף אַ דיקער קייט. דאָס לאַמטערנדל מיט זיין גאָסט־פריינדלעכן שיין האָט זיך געטאָפּלט אין אַ שמאָלן געשליפענעם שפּיגל מיט הענגערס אַרומגעזוימט. און ברין האָט דאָרטן דערזען זיין געזיכט, בלאַס און פייערלעך, מיט פאַרליבטע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, ווי ביי אַ חתן אָקערשט פון אונטער דער חופה אַרויס, אין ווען עס קאָכן שוין בלוט און אומגעדולד צו זיין אויסדערוויילטער אין שלייער; נאָר ער מוז האַלטן שטאַט, ריידן און שמייכלען ניט צו דער זאַך...

סאָלאַנש, מיט איר פייערדיקן טעמפּעראַמענט, האָט דערפילט זיין שעמעוודיקע פאַרלעגנהייט און איבערגענומען די איניציאַטיוו: זי האָט אַראָפּגעכאַפּט פון זיך איר פיינעם זשאַקעטל, איר פוטערנע היטעלע, געהאָלפן איר גאַסט אַראָפּצונעמען זיין מאַנטל אויך, און, מיט אירע געטאָקטע אָרעמס אין די אָנגעצויגענע אַטלאַס־אַרבל, אַרומגעכאַפּט זיין האַלדז־און־נאַקן, ווי מיט אַ לעבעדיקן קראַנץ, געבליבן הענגען אויף זיין ברוסט, געקושט אים אין די אָנגעקילטע באַקן, אין די הייסע ליפּן, אין די פאַרטרערטע אויגן. דערנאָך, אַרומגענומענערהייט, אַריינגעפירט אים אין איר סאַלאָנדל, וואָס האָט, קענטיק, געדינט אויך אַלס אַן אינטימער עס־

www.lbtool.com.cn

צימער ווען מען דאַרף... אין די פענצטער האָבן דאָ אַריינגעקוקט די שפּיצן ביימער פון דער לוקסענבורגער אַלעע.

סאָלאַנש האָט אויך דאָ ניט געוואַרט ביז ברין וועט קומען צו זיך און זיך אויסזוכן אַ באַקוועמען אָרט. נאָר זי האָט אים ליבלעך געגויט אַריינצוזעצן זיך אין אַ טיפן רעקאַמיע־בעט, וואָס איז אויסגעבויגן, מיט די איידל־לאַקירטע פלעקלדיקע פליגלען אַרויף, ווי אַ דיקע טאָפּל־האַרפּע מיט אָנגעצויגענע סטרונעס, מיט פּליושענע האַרטלעכע באָרדאָ קישעלעך אין מיטן, און מיט ווייכע און פּוכיקע — פון ביידע זייטן.

איז ברין געבליבן זיצן ווי אין אַ גרויסן בויגן, אַרומגעקוקט זיך און זיינע אויגן ניט געגלויבט. ער איז שוין געווען אין סאַלאָנען, געזען שיין־צוגעקליבענע וואוינונגען, אָבער אַזאַ אויסגעזוכטקייט האָט ער נאָך ביז איצטער ניט געזען. אויפן בערך קליינעם פּלאַץ, וואָס דער סאַלאָנדל האָט פאַרנומען, איז געווען צוזאַמענגעשפּיצט אַ ראַפינירטער געשמאַק פון אַ פרוי, ביי וועלכער אַלע חושים זיינען וואַך צו פאַרבן, צו מאָס, צו געמיטלעכקייט און ליבע. דאָ אין סאַלאָנדל איז אַלץ געווען אויסגעהאַלטן אין פיינסטן סטיל פון פאַר דער גרויסער רעוואָלוציע. דער פּראַכטפולער קאַמאָד, אַזוי ווי די סעקרעטאַרקע צום שרייבן — אין איידעלע האַלב־געבויגענע ליניעס געבויט, און מיט לאַקירטן רויזן־האָלץ באַקלעפּט אין אַלערליי אַראַבעסקן: צעפּעכערטע, פּירקאַנטיקע, דרייעקיקע. די ציהעגטלעך אויף די שופלאָדן — פון באַגילדטער בראָנדז. די פיר שטולן, ביים געלאַקטן טיש, מיט לעדערנע זיצן און אינקרוסטירטע פיגורן אין האָלץ — פונעם זעלבן סטיל. די ברייטערע פאָטעלן אין די ווינקלען — געקרוינט מיט נוס־האָלץ־שניצערייען, און איבערגעצויגן מיט געבלומטן שווערן זייד אויפן זיץ און לען. קורץ, אַן אינטימער קליינער סאַלאָן פון מאַריע אַנטואַנעטס עפּאָכע, נאָר עכט, ניט נאָכגעמאַכט... עס האָבן נאָר געפעלט עטלעכע דאַמען, מיט אויפגעטורעמטע פּריזורן און קאָלירטע קרינאָלינעס, זאָלן זיך דאָ אויסזעצן אין די שיינע פאָטער־שטולן און די אילוזיע וואָלט געווען גאַנץ. יעדער לאַקירטער פּלאַץ פון דער עטאַזשערקע, פון שרייב־טישל, פון קאַמאָד און טיש, איז דאָ געווען באַצירט מיט וואָס ניט איז אָנגענעמס פאַרן אויג. מיט אַן העלפאַנטביינשניצעריי, מיט אַ זילבערנער פיגור, מיט אַ בלויער סעווער־וואַזאָנע און אַ פּאָר בלומען פון סוף־האַרבסט סעזאָן: ווייסע אַסטערס און בלוט־רויטע אַצאַליעס. זיי האָבן דאָ אַלע לאַק־פאַרבן צוגעגעבן אַ באַזונדער לעבעדיקן טאָן. אַ גרופּע מאַרשירנדיקע העלפאַנטלעך, אויסגעשניטן פון איין שטיק העלפאַנטצאָן, האָבן געבלאַנקט אויף אַ ווינקל־פּאָליצע פון שוואַרצן סאַנדאַל־האָלץ. און מאָצאַרטס אַ קליינער מאַרמאָר־ביוסט, מיט אַ פאַרפלאָכטן צעפּעלע, עלעגאַנט און איידל אין געזיכט און פּאַרוק און שפּיצן־אַרבל.

www.libtool.com.cn

אַזוי ווי זיין „צויבער פלייטע“, אַזוי ווי זיין פאָרשפּיל צו „פיגאַראָס חתונה“, האָט דאָ אין אַן אַנדער ווינקל באַלויכטן אַ קליינע פּוס־האַרמאָניע פון גלאַטן, ברוין־אָדערדיקן פּאַליסאַנדער.

פון ביידע זייטן טיר, דורך וועלכער מען איז אָקערשט אַריין אין סאַלאָנדל, זיינען געהאַנגען צוויי ווענעציאַנישע בולטע שפּיגלען מיט פינף פלאַכן, ווי גרויסע פלאַטשיקע דימענטן, מיט קרישטאָלענע קרוינען באַצירט. און אונטער זיי — פיין־געמאָלטע מעדאַליאָנען, עכטע מיניאַטורן, פּרויען־געזיכטער פון דער זעלבער עפּאָכע, מיט האַלב־אָפענע קאָרסאַזשן; און די האָר־קרוינען באַפּעסטיקט מיט רויטע און בלויע סטענגעס. אויף די ווענט עטלעכע שיינע פלעקן פון געוועבן און מאָלערייען: אַ קליינער גאָבעלען, וואָס שטעלט פאָר אַ יאַגד מיט רויטע יעגער־קאַמזוילן און ברוינע הינט. דאָס אַנדערע — גוטע בילדער־קאָפּיעס פון דער זעלבער עפּאָכע; דער זעלבסט־פּאָרטרעט פון דער הויף־מאָלערין וויזשע־לעברען מיט איר מיידעלע. אַ צווייט בילד — די מאַיעסטעטישע פיגור פון מאַריע אַנטואַנעט אין אירע אויסגעזוכטע קליידער און פעדערן־הוט, פון דערזעלבער מאָלערין. די דאָזיקע ווענט־באַפּוצונגען, ניט צופיל אין צאָל און ניט צו גרויס אין מאָס, נאָר אָנגעפּאַסט צום ברייט און סטיל פון סאַלאָנדל, האָבן פאַרטיפט די ווענט, געגעבן אַ וויטקייט פאַרן אויג און אַ באַרואיקונג פאַרן געמיט. וואָס פאַר אַן אויסגעהאַלטנקייט! און וואָס פאַר אַן אונטערשייד אין פאַרגלייך מיטן סאַלאָן פון די מלאָטעקס, וואו אַלץ איז אָנגעהאַנגען, אָנגעשטעלט און אָנגעליאַפּעט. אַ געמיש פון ניט־נויטיקע מעבל־שטיקער, בילדער, סטילן און סואווענירן... דאָרטן — אַ מוטנער, איבערגעזאַלצענער און איבערגעפעפערטער ווינעגרעט; דאָ — אַ באַשטימטער טעם און אַ ריינער ווילן. אפשר אַ ביסעלע ווייבעריש־זיסלעך, אָבער דורכזיכטיק, אויסגערוט און אָנגענעם ווי אויסגעקילטער ווײַן. אַפילו די קליינע ליוסטרע, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ איבערן אינקרוסטירטן טיש, איז דאָ אויך געהאַנגען לייכט ווי אַ גירליאַנדע פון אַ כלה. און נאָר פיר טונקל־גאָלדיקע אָרעמס האָט זי געהאַט, מיט צוויי לעמפּלעך אויף יעדן אָרעם. און אויך זיי זיינען געווען פאַרשלייערט אין קרישטאָלענע רויזן מיט מאַט־געשליפענע אָפענע בלעטער.

— ציגנד אָן! — האָט זי ברין געבעטן.

און סאָלאָנש האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס וויל ער זען איר וואוינונג אין דער נאַכטיקער באַלויכטונג. האָט זי גיך פאַרצויגן די פענצטער־פאָרהאַנגען פון קווייטלדיקן טיף־בלויען אַטלאַס, אומגעדרייט דעם קאָנטאַקט. באַלד האָט זיך דאָ צעגאָסן אַ וואַרעמע ליכטיקייט, אינטים אין איר מאַטן טאָן און ווייך פאַרן אויג. און ברין האָט זיך דערפילט היימיש, ווי ביי אַ לאַנג־געליבטער, וועגן וועמעס הויכן יחוס און גוטער

דערציאונג ער האָט זיך אָקערשט דערוואוסט. דער ליבלעכער טאָן וואָס
www.libfoor.com.cn
די באַלויכטונג האָט צוגעגעבן אַלע בילדער און מעבל־שטיקער האָט אויך געהויבן דעם מוט, געשטימט צו אָפנהאַרציקייט, צו באַגער...

ברין האָט זיך פאַרגעשטעלט זיין אייגענע אַטעליע, וואו די מאָלער־קיך מיט אירע ריחות פון אויל־פאַרבן און טערפענטין און לאַק שטייגן ביזקל דאַך־פענצטער. די אייביקע ניט־היימישקייט פון אַנגעלייגטע און אָנגעשטעלטע מאַטעריאַלן, די מהומה פון מאָל־פּאַפּיר, לייוונטן, ראַמען און צעבראָכענע קויל־שטיפטן — אָנגעגרייטע האַלבע און גאַנצע פאַ־בריקאַטן צו אַ בנין, וואָס ווערט קיינמאָל ניט פאַרטיק. וואו זומער איז צו־הייס און ווינטער צו־קאַלט; וואו עס איז אייביק צו־העל אָדער צו־טונקל. און ער האָט זיך כמעט ווי פאַרשעמט פאַר אָט דער קינסטלערי־שער אויסגעהאַלטנקייט אין דער וואוינונג פון אַ יונגער פרוי, וואָס אַליין איז זי קיין גרויסע קינסטלערין ניט און פרעטענדירט ניט אויף דעם... און זע! ווי געשמאַקפול זי האָט איינגעאָרדנט איר קליינע גע־דונגענע דירהלע, וואָס פאַר אַ שיינעם נעסט אָט דאָס ווילדע עקזאָטישע פויגל האָט זיך דאָ אויסגעבויט, און אויסגעוועבט מיט קאָלירטע פעדערן, וואָס זי האָט, דאַכט זיך, אויסגעפליקט פון איר אייגענער ברוסט. פאַר עמעצן האָט זי דאָך דאָס געפּוצט און געגרייט... און אָט זיצט ער דאָ אויף דער רעקאַמיע־קאַנאַפּע, ער, דער אָוועגוואָרפענער מאַן, וואָס זיין גאַנצער טאַלאַנט און זיין גאַנצע לעבנס־חכמה זיינען ניט געווען בכוח איינצוהאַלטן אין זיין ניט־איבעריק ריינעם מאָלער־וואַרשטאַט זיין אייך־איינציקע פרוי... צי האָט דאָס סאָניאַן ניט פאַרטריבן פון אים? איר פיינער פרויען־געשמאַק האָט זיין מאָלער־קיך ניט אויסגעהאַלטן... פראָסט און פשוט.

אין זיין טרוימערישער טרויעריקייט, וואָס איז אויף אים אָנגעקומען, האָט ער אָנגעכאַפּט סאָלאַנשן פאַר איר טונקל־זיידיקער האַנט, צוגעצויגן צו זיך און געצוואונגען זי אָוועקצוזעצן זיך לעבן אים. ער האָט זי אַרומ־גענומען און זי האָט זיך געטוליעט צו אים, צעגאַנגען אין זיינע פעסטע אָרעמס.

— וואָס פאַר אַ גוטן געשמאַק דו האָסט!.. — האָט ער געשעפּ־טשעט אויף איר קליינעם אויער. אונטער איר שוואַרצן האָר־פליגל אַריינגעגראָבן זיך מיט זיינע ליפּן. — איך זע איצטער, אַז דו וואוינסט ניט ערגער ווי דו קליידסט זיך, ווי דו שוכסט זיך. און אין מאָס און פאַרב ביסטו אויסגעהאַלטן אַזוי ווי אין דיין שיינקייט, ווי אין דייך קלוגשאַפט...

— דאָס איז ניט אינגאַנצן מ י י ן געשמאַק, — האָט זי באַשיידן געדרייט מיטן קאָפּ, — לופּען האָט מיר אַ סך געהאָלפן... ווייסט אפשר

ניט, אַז אויסער מיט בילדער, האַנדלט ער אויך מיט קונסט־מעבל, מיט אַנטיקן... נאָר דאָרטן, אין זיין מאַגאַזין, לעבן פּלאַץ פון האָטעל־דע־וויל, פאַרקויפט ער אַ סך נאָכמאַכונגען אויך. ניטאָ אַזויפיל אָריגינאַלן אין פּאַ־ריז... אָבער דאָ איז אַלץ עכט. איך לאָז קיין אימיטאַציעס אין מיין הויז ניט אַריין. אויסער קאָפּיעס פון בילדער־אוניקומס, וואָס געפינען זיך אין די מוזעאומס.

.2

דאָס דערמאָנען פראַנסואַ לזפּענס נאָמען, און אַז יענער האָט אַ חלק אין דעם, וואָס ער, ברין, באַוואונדערט דאָ, איז אים געווען ניט איבעריק אָנגענעם. ער האָט זיך דערפאַר לייכט אַ קרים געגעבן. סאָלאַנש האָט דאָס באַמערקט און אים גענומען גלעטן איבערן קאָפּ:

— טראַכט ניט נאָך, דויד! דאָס אַלץ וואָס דו זעסט דאָ איז מיינס. קיינער האָט אויף דעם קיין רעכט ניט. גלויב מיר! קיין סאַנטים בין איך אויף דעם ניט שולדיק... אַלץ איז באַצאָלט.

ברינען האָט זיך פאַרגלוסט איראָניש אַ פרעג צו געבן: „מיט וואָס באַצאָלט? מיט אַסיגנאַציעס, צי מיט נאַטור?..“ ער האָט דאָס, אָבער, ניט געטאָן און אָפּגעווענדט דאָס געשפּרעך:

— אַזאַ נעסט ווי דיינער איז אַ גוטער אָפּרו פאַר קראַנקע דיכטער, פאַר מידע קינסטלער, פאַר אויסגעמאַטערטע זעלן... דאָ קען מען זיך אויסוואַרעמען, אויסטרוימען און דערנאָך אויפכאַפּן זיך מיט טאָפּלטע כוחות...

— פאַרוואָס גראָד אויסגעמאַטערטע? פאַרוואָס קראַנקע? — האָט זי פּראָטעסטירט, — געזונטע, געזונטע נאַטורן און קרעפטיקע לייבער, אַזוי ווי דו, דויד! ווי צופרידן וואָלט איך געווען צו קאָנען אויסבייטן אָט דעם צירונג־קאַסטן, מיין דירהלע, מיין איך, אויף אַן אַטעליע. אַזאַ ווי דיינע... וואו די אַרבעט קאָכט, וואו מען שטייט אויף פרי און מען לייגט זיך שפּעט, וואו עס שמעקט מיט פרישע אויל־פאַרבן, וואו מען קנעט ליים, וואו מען שלאָגט אין מירמלשטיין מיט האַמער און דלאָטע, און געזיכטער און קערפּער־ליניעס וואַקסן, שיילן זיך אויס פון שטיינערנעם כאָאָס, אַזוי ווי... איך האָב געוואָלט זאָגן —

זי איז זיך פאַרלאָפן און שטיין געבליבן. דעם פּנים באַהאַלטן אין זיין ברוסט. און ברין האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט זי זיך, ניט־ווילנדיק, אַרויסגעכאַפּט מיט אירע דערינערונגען, וועלכע דרעמלען נאָך אויף רי־וואָזשיראַר'ד נומער הונדערט פינף, דאָרטן וואו ער, ברין, איז איצטער דער באַלעבאָס און וואו אַ נ ר י ד אַ ל האָט אַמאָל געוואוינט... דאָרטן וואו דער באַגאַבטער און אַ ביסל מגושמדיקער סקולפּטאָר האָט פון סאָ־

לאַנגשן אַוועקגענומען אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך, אַ בראַנדזיגע טענצע־
www.libtool.com.cn
רין פון איר געקנאַטן און אָפּגעגאָסן, פאַרגליווערט אין אייביקן פליענדיקן
פּאַ אויפן רעכטן שפּיץ פוס, אַ מוטער־נאַקעטע און מיט אַ שווערער,
בייז־געדרייטער שלאַנג אויפן לינקן אָרעם, צוליב גלייכגעוויכט און צו־
ליב עקזאָטישקייט... און אין דעם ברייטן בעט פון לואי דעם פופצנטן,
מיט נוס־האָלץ שניצערייען, האָט ער זי גענומען און געפּייניקט, ווי
אַ ברוטאַלער מאַן נעמט אַ צו־נאָכגיביקע געליבטע. געמישט אפשר קונסט־
טעכניק מיט גראָבער ליידנשאַפט, אַמאָל דאָס און אַמאָל יענס. און זי האָט
געפאָלגט. פאַרליבט ווי זי איז געווען, איז זי אַלעמאָל געווען גרייט אויף
אַלץ: אויף הילף אין דער קינסטלערישער אַרבעט, אויף דערנידערונג,
אויף ווילדן געניס. אָבער דער זעלבער שטורעם פון ליידנשאַפטן, וואָס
האָט פאַרכאַפּט אירע יונגע יאָרן און איר לעכצנדיק האַרץ, האָט זי סוף־
כל־סוף אַרויסגעוואָרפן פון דאָלס אַטעליע־פענצטער אויף דער פאַריזער
גאַס. דאָרטן האָט זי דער אָפּגעפאָרענער דענדי פּראַנסואַ לופען געפונען,
ווי אַ פאַרשטויבטן אַנטיק. אויפגעהויבן, באַהאַלטן אין טאַש און גע־
בראַכט אַהער, אָפּגעצופּט און אויסגעבעט אין סאַמעט און זייד, ווי אין
אַ צירונג־קעסטעלע. אַ, לופען איז אַ קענער אויף אַזעלכע זאַכן!.. און
דאָ, אין איר פּראַכטפולער טורמע־וואוינונג, וואו אַלץ איז ווייך און
צאַרט און ליבלעך, רוט זי זיך אויס. שוין לאַנג אַז זי רוט זיך אַזוי אויס...
נאָר די דערינערונגען זידן נאָך אין איר יונג בלוט. און, אַרומנעמענדיק
אַ צווייטן, פלאַפּלט זי אַרויס איר פאַרגאַנגענהייט, אירע טיפסטע איבער־
לעבונגען... און אפשר די זעלבע איבערלעבונגען, וואָס האָבן אַזאַ
שטאַרקן זכרון, וואָס נאָגן זי טאָג און נאַכט, האָבן זי געבראַכט אַלס אַ פליי־
סיקע מאָדעל צו אים, צו ברינען, אין זיין אַטעליע. זי קען אַזוי גוט די
אַטעליע פון אַמאָל! און אים אַליין האָבן די דערינערונגען געבראַכט צו
איר, אין אָט דער אויסגעפּוצטער וואוינונג, כדי צו פאַרשלעפּערן אים,
כדי ער זאָל ניט וויסן פון דער אמתער בענקשאַפט, וועלכע טרייבט זי
צו רי־וואָזשיראַר׳ד און צוריק...

אין זיינע בלאָנדזשענדיקע אויגן האָט, אָפּנים, סאָלאַנש איבערגע־
לייענט וועגן וואָס ער טראַכט, און וואָס עס האָט ביי אים אַרויסגערופן
פאַרדראָס; וואָרעם זי האָט זיך אים אָנגעהאַנגען אויפן האַלדז און ווידער
איינגעזויגן זיך אין זיינע ליפּן.

— צוליב וואָס?.. צוליב וואָס טראַכטן? צוליב וואָס גריבלען? —
האָט זי געמורמלט. — טראַכט ניט! עס געפעלט דיר? האָב הנאה! עס
איז דאָ אַלץ פאַר דיר. געדאַנק און געפיל גייען קיינמאָל ניט צוזאַמען...
פאַרגעס! זיי דאָ דער האַר און איך וועל דיך באַדינען. באַדינען וויל איך
דיך ווי דיין ווייב און מיט אַן אָפּן האַרץ...

ער, אָבער, האָט זי לייכט אָפּגעשטויסן פון זיך, און כדי זי זאָל ניט באַמערקן זיין אמתע אַנטוישונג, האָט ער איר אָנגעוויזן אויף דער פּוס־האַרמאָניע אין ווינקל מיט מאָצאַרטס ביוסט פון אויבן:

— אַן אָרגל גאָר? ווי אין אַ קלויסטער...

זי האָט פאַרצויגן אַ מינע און זיך אַ קאַפּעלע אָפּגערוקט:

— עס געפעלט דיר ניט?

— ניט דאָס. נאָר עפּעס פּאַסט זיך דאָס ניט אַריין...

— און אַ בירגערלעכע פּיאַנאָ פּאַסט בעסער? אין יעדן אָנשטענדיקן הויז שטייט אַ פּיאַנאָ און מען קלימפּערט אויף איר. אומעטום איז דאָ אַזאַ בלאָס מיידל וואָס קלימפּערט...

— און מיינט אַז ס׳איז מוזיק. יאָ, יאָ. אַזאַ טעות האָבן אַ סך מאָלער און לידער־שרייבער אויך...

— אָבער מאָלן הייסט נאָך ניט זיין אַ קינסטלער און שרייבן לידער איז ניט דיכטונג.

— געוויס, דאָס זיינען צוויי זאַכן.

— נו, מיין קליינער אָרגל איז נאָר אַן אינטימער פּראָטעסט קעגן אַזאַ שאַבלאָן. איר ווילט אַ פּיאַנאָ־פליגל — וויל איך אַן אָרגל, האַ־האַ!..

— אַ שטיפּערקע ביסטו! זעסט גאָר אַזוי ניט אויס.

— מיין חלק קאַטאָליציזם איז דאָס אויך. אין קלויסטער גיי איך ניט... נאָר מיין אומגעקומענע מוטער, ווען איך בין נאָך געווען גאָר קליין, פלעגט מיך אין סאָן־פּיער נעמען ווען ניט איז צו אַ מעסע. דאָרטן האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט אַן אָרגל שפּילן. פּייערלעך און ברייט, ווי בעטהאָווענס צווייטע סימפאָניע — ביים אָנהייב. מאָנכע טענער קלינגען מיר נאָך אין די אויערן ביז צום היינטיקן טאָג.

— און אין סינאַגאָגע גייסטו?

— זייער זעלטן... דיין פּסחדיקע אילוסטרירטע הגדה האָט מיך נאָר דערמאָנט ווער מיין פאָטער איז געווען.

— ביסט צעריסן, מיידעלע!

— איך ווייס ניט צו וועמען איך געהער. וואו עס ליגט דער איבער־וואָג. אָבער אַצינד געהער איך נאָר צו דיר!.. דאָס ווייס איך אויף געוויס.

ברינס שווערמוט איז זיך ווידער צעפלויגן פון איר קאַפּריזנער פריי־לעכקייט און פון אירע ווערטער.

— שפּיל עפּעס! — האָט ער זי גענומען גלעטן איבער די ברויזיקע האָר.

זי האָט אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט שטום אַ פרעג־געגעבן:

„מיינסט דאָס מיט אַן אמת? דאָס ליגט דיר אין קאָפּ?..“ נאָר בעטן

www.libtool.com.cn

אַ צווייטן מאָל האָט זי זיך ניט געלאָזן. זי האָט אויפגעעפנט עטלעכע טאָן־שליסלען אין אינסטרומענט, געזעצט זיך, עטלעכע מאָל אַ טראָט געגעבן מיט אירע קרעפּטיקע פּיסלעך, און דער קלײנער סאַלאָן איז פול געוואָרן מיט פײערלעכע אָפּקלאַנגען פון אַ װײטן כאָר. די װיברירנדיקע טענער האָבן זיך דערהויבן. ניט װײניקער װי פיר באַזונדערע קולות זײנען געלאָפן װעט־געלויף, כדי אַרויסצובערענגען באַבס אַ פּ ו ג אַ. דער ניט־הויכער סופּיט פון סאַלאָנדל איז עפּעס הויך געװאָרן, הויך און הילכיק, װי אַ פּײלן־קופּאָל אין אַ גאָטישער געבײדע. לײכטע פליגלען האָבן זיך דאָרטן ריטמיש באַװעגט אין אײן מוזיקאַלישן געדרײ. אָבער װען די מעלאָדיע האָט גענומען דערגרײכן איר העכסטן אויסדרוק, איז זי פּלוצלונג געפאַלן, סאַלאַנשס הענט האָבן זיך אָפּגעלאָזן, מיד אַראָפּגעגליטשט זיך אויף אירע קני. זי איז אויפגעשטאַנען און אירע גרינלעכע אויגן זײנען געװען פאַרלאָפן װי מיט טוי.

— איך בין ניט אין דער שטימונג... — מאַכט זי אַ ביסעלע פאַרלעגן. — עס איז איצטער ניט דער מאָמענט... קום מיט מיר! — האָט זי איר גאַסט אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט. — קום װײטער!..

נאָר מיטאַמאָל האָט זי זיך דערמאָנט:

— זאָג נאָר, מײן ליבער, ביסט אפשר הונגעריק? האָסט נאָך, אַוודאי, ניט באַוויזן צו עסן דײן צווייטן פרישטיק...

ער האָט זיך צעשמײכלט פון אַזאַ מוטערלעכער זאָרג, צעשאָקלט דעם קאָפּ אויף „ניין“ און אָנגעוויזן אויפן אינסטרומענט:

— וואָלטסט בעסער פאָרגעזעצט...

אָבער זי האָט אים די ליפּן פאַרמאַכט מיט איר וואַרעמער הענטל:

— זאָג מיר ניט אָפּ! לאָז מיך דיך באַדינען... געבן דיר מײן ערשטן באַוויז, אַז איך האָב דיך ליב ניט ערגער װי דײן... װי אַ געטרײע ווײב וויל איך זאָגן.

זײן האַרץ, וואָס איז נאָך מיט אַ ווײלע צוריק געווען פאַרקלעמט פון בײזלעכע פאַרדאַכטן, איז פול געוואָרן מיט וואַרעמער דאַנקבאַרקײט. ווי אַ בעכער מיט גוטן וויין איז עס פול געוואָרן. אַלע זײנע אַנדערע גלוסטעניִשן זײנען דאָרט דערטרונקען געוואָרן.

— ניין, ניין, — האָט ער זי אַרומגענומען, — נאָר ניט עסן, ניט טרינקען. דאָס פּאַסט אַצינד נאָך ווײניקער ווי מוזיק. שפּעטער...

— אַך, יאָ, ש פּ ע ט ע ר... — האָט זי אים שעלמיש אַרײנגעלאַכט אין די אויגן. — איצט פאַרשטײסטו שוין פאַרוואָס א י ך אַלײן קען ניט שפּילן?.. דו...

ער האָט ניט אויסגעהאַלטן איר ליבלעכע אָפּלאַכערישקײט. ער איז רויט געוואָרן, ווי געכאַפּט בײ דער האַנט, אַ טראָט־געגעבן צו אַ פענצטער,

פונאַנדערגערוקט די געבלומטע שווערלעכע פּאַרהאַנגען און אַרויסגע־
www.libtool.com.cn
קוקט.

ערשט איצטער האָט ער דערזען דעם הערלעכן אויסקוק אויפן פּלאַץ פון סאָלאַנשס וואוינונג. די בראָנדזענע פּערד פון פאָנטאַן האָבן שטום געהירזשעט, ווילד־גאַלאָפּירנדיק פון שוים אַרויס פון דער קיצלדיקער שפּריצעריי, וואָס די בראָנדזענע קראָקאָדילן און יאַשטשערעס שיסן זיי אין די צעבלאָזענע נאָזלעכער. לויפן זיי און לויפן די לעגענדאַרישע פּערד און, ביי זייער גאַנצער צעברויזטער אָנשטרענגונג, קענען זיי פון באַסיין ניט אַרויס... ניין! זיי קענען ניט און וועלן דאָס קיינמאָל ניט דערגרייכן, מעגן זיי צען מאָל אַזוי פיל צעשויבערן די גריוועס און וואַרפן זייערע נאַסע קאָפּיטעס אין דער הויך. ווייל דער קינסטלער, וואָס האָט זיי געקלעפּט און אויסגעגאָסן אין בלאַנקען מעטאַל, האָט אַזוי געהייסן. ווייל דאָס איז די אמתע קראַפט פון דער קונסט; זי באַפעסטיקט דעם בליק צו דער ערד, דעם וואונדערלעכסטן מאָמענט וואָס וויל אַנטלויפן — צו דער אייביקייט. זי לאָזט אים ניט פאַרשווינדן פון מענטשלעכן אויג, פון זיין באַוואוסטזיין. און אַ גאַנצער דור געניסט פון אים. ניט איין דור — אַ סך דורות...

אָבער סאָלאַנש האָט זיך דערפילט איינזאַם און ניט דערלאָזן ברין זאָל אויף איר פאַרגעסן אפילו איין ווייל. איבער זיין פּלייצע האָט זי אַריבערגעקוקט און איז אייפערזיכטיק געוואָרן אויף די בראָנדזענע פּיר־פּיסיקע, אויף די בראָנדזענע פרויען און רעפּטילן אונטער דער בראָנדזענער ספּערע, וואָס נעמען פון איר אַוועק ברינס אויפמערקזאַמקייט... האָט זי אים פעסט, ווי אַ לעבעדיקער גאַרטל, אַרומגענומען און אָפּגעריסן פון פענצטער. די שווערע געבלומטע פּאַרהאַנגען זיינען אַטלאַס־ווייך געפאַלן און זיי ביידע זיינען ווידער געבליבן אויג אויף אויג, אונטער דער ליבלעכער באַלויכטונג פון דער קליינער ליוסטרע.

— איצטער, — מאַכט צו אים סאָלאַנש, — קום מיט מיר. וועסט זען מיין בודואַר, מיין שלאָף־צימער...

זיין האַרץ האָט גענומען קלאַפּן אַזוי, אַז ער האָט דאָס דערפילט אין זיינע שלייפן. זי האָט אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט, ווי אַ ניט־זיכערן ייִנגל געפירט אים. און ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז נאָר אַ פאַר־שפּיל צו אַ גליק, וואָס איז פאַר אים אָנגעגרייט אַ ביסל ווייטער, וואָס וואַרט אויף אים... נאָר דאַנקען האָט ער ניט געקענט. אַלע ווערטער האָבן פאַרלאָרן זייער ווערט.

— קום, געליבטער! — האָט זי אים נאָכאַמאָל אויפגעמונטערט מער מיט די ליפן ווי מיטן קול. זי האָט אויך געפילט, אַז יעדער וואָרט איז איצטער איבעריק, און אויב זי טוט דאָס יאָ, איז נאָר כדי צו פאַר־

זיסן, מיט איר מוזיקאַלישן קול, דעם גאַנג צו יענעם געהיימניספולן גאָרטן, וואו דער עץ־הדעת גרינט אַזוי ליכטיק און זיינע שווער־אָנגעגאָסענע פּירות בויגן די צווייגן ביז דער ערד...

אַרומגענומענערהייט זיינען זיי פון סאַלאָנדל אַריבער צום בודואַר. דאָ האָט ווירקלעך געגרינט... דאָס צימער איז געווען אַ ביסל שמאָלער ווי דער סאַלאָן. מיט איין פענצטער נאָר באַלויכטן. אָבער אויך דאָ איז אַלץ געווען אויסגעהאַלטן אין טאָן. אין אַמפּיר־סטיל מעבלירט. מעבלשטיקער פון בלאַנק־געלאַקטן רויט־האָלץ מיט העל־גרינעם געקאַרבטן פּליוש געדעקט, וואָס דערקוויקט דאָס אויג און באַרואיקט, ווי פרישע שטיקלעך גראָז־פּליינען אַריינגעראַמטע אין געשניצטע אַקאַזשו־רעמלעך *) מיט באַגילדטע בלומען־רעליעפן באַצירט. די רו־קאַנאַפּע — גרין, די פאָטעלן — גרין, די נידעריקע זיץ־פּופן — גרין. דאָס בענקעלע אַנטקעגן גרויסן קײלעכדיקן טואַלעט־שפּיגל אויך גרין־טאַפּעצירט. אויף די באַוועגלעכע פאַליצקעס אַרום שפּיגל — העלפאַנטביין־קאַמען אין זילבער געפאַסט, בערשטלעך מיט זילבערנע געצאַצקעטע הענטלעך, אַלערליי עסענצן און פאַרפיומען אין קרישטאָלענע פלעשלעך מיט פיליגראַנע שטאָפּערלעך. אויך דאָ האָט זיך אַלץ צוזאַמענגעגאָסן אין איין האַרמאָנישן פיינעם געשמאַק, אין איין צוועקמאַסיקייט, אַזוי ווי אין סאַלאָנדל. ניט איבערגעטריבן, נאָר מיט אַ מאָס, וואָס באַלעבט דאָס אויג און נעמט קיין איבעריק ביסל לופט ניט אַוועק.

.3

די גאַנצע בלינדע וואַנט לינקס האָט פאַרנומען אַן אַקאַזשו־ביבליאָטעק מיט ברייטע גלאָז־וויטרינעס. דאָס געלאַקטע רויט־האָלץ — מיט לייכטע אינקרוסטאַציעס פון פּערלמוטער. הינטערן גלאָז — געדיכט־צוזאַמענגעפּרעסטע לעדערנע רוקנס פון ביכער, מיט גאָלד־גומערן און גאָלד־נעמען, מייסטנס אויף סאַפיאַן געפּרעסט. דאָרטן זיינען געווען אַלע פראַנצויזישע קלאַסיקער, געקליבענע קאָמפּלעקטן פון דער מאָדערנער ליטעראַטור און די בעסטע איבערזעצונגען פון ענגלישע דיכטער. אַ צענדיקע בענדער פון דער גרויסער ענציקלאָפּעדיע לאַרוס. היסטאָרישע ביכער און פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע. און רעכטס, אין בודואַרל, פון ביידע זייטן פענצטער, וואָס גייט אַרויס צום קליינעם לוקסעמבורג — צוויי בילדער געצייכנט מיט קויל און צוגעפּיקסט מיט טרוקענע פאַרב. צוויי גרויסע אָוואַלע מעדאַליאָנען. אין איין מעדאַליאָן — אַ געזיכט פון אַ פּראַכט־

*) אַקאַזשו — רויט-האָלץ אויף פראַנצויזיש דאָס זעלבע וואָס מאַהאַגאָני.

פולער, אַ ביסל קאָרפּולענטער פּרוי מיט אַ שוואַרצלעכער הויט פון די פּאָלינעזישע אינדזלען. „קאַפּע מיט מילך", רופן די מאָלער אַן אַזאַ הויט־פאַרב. און ווערליק אירע גרויסע שוואַרצע אויגן, גלאַטן שטערן, פיינקייט פון נאָז און ליפּן — אַ זעלטענער מיש־טיפּ און שיינהייט אין אירע בעסטע יאָרן. אינעם צווייטן מעדאַליאָן — אַ געשטאַלט פון אַ פערציק־יאָריקן מאַן, מיט אַ פראַנצויזיש־צוגעשניטן בלאָנד בערדל, מיט זייער העלע, אַ ביסל שטייפע אויגן אונטער פּענסנע אויף אַ שנור, און מיט אַן ענערגישן קוק, וואָס דערמאָנט זייער שטאַרק סאָלאַנשס אויגן, ווען זי ווערט שטרענג, אַזוי ווי דער אָוואַל פון פּרויען־געשטאַלט דערמאָנט די ליניע פון אירע באַקן און קין. עס איז דערפאַר ניט שווער געווען אָנצושטויסן זיך ווער דאָס זיינען.

— דיינע עלטערן? — האָט ברין באַשיידן אַ פרעג געגעבן.

— זיי... — האָט זי קורץ און שווער־מוטיק אַ שאָקל־געגעבן מיט איר שוואַרצן קאָפּ — דאָס זיינען זייערע שטאַרק פאַרגרעסערטע ביוסטן, גענומען פון אַ קליינער אַמאַטאָרן־פאָטאָגראַפיע, וואָס איז, צום גליק, איבערגעבליבן אין דעם הויז פון מיין טאַנטע — מיין מוטערס שוועסטער — אויף אַ שכן־אינדזל דאָמיניק... דו געדענקסט דאָך אַוודאי וואָס איך האָב דיר דערציילט?.. ס'איז איבערגעבליבן ווייט פון דער וואולקאַן־קאַטאַסטראָפע אין 1902 אויף אונדזער מאַרטיניק...

— אָך, יאָ, יאָ... — האָט זיך ברין דערמאָנט.

— אויך דאָס איז מיר איבערגעבליבן!.. — האָט סאָלאַנש אָנגעוויזן מיט איר טונקעלן פינגער אויף אַ קליינער וויטרינע פון מאַהאָגאָני מיט גרינעם סאַמעט אינעווייניק טאַפּעצירט, און מיט גלעזערנע פּאָליצקעס איבערגעשניטן. די וויטרינע איז געווען צוגערוקט האַרט צו דער וואַנט וואָס טיילט אָפּ דעם בודואַר פון אַן אַנדער קאַמער.

ערשט אַצינד האָט ברין דערזען אינעם שמאָלן אַלמערל מאָדנע זאַכן. ווי אין אַ וויטרינע פון אַ מוזעאום זיינען זיי געלעגן אויסגעלעגט אויף גלאָז און סאַמעט. דאָ זיינען געווען האַלב־צעשמעלצטע, פּלאַטשיק־געוואָרענע פלעשלעך מיט אַ פּערלמוטערנעם גלאַנץ, ווי אויסגעגראָבענע פיניקישע און רוימישע גלעזערנע כלים. דאָ זיינען געווען אויסגעקרימטע פּאָרצעליי־סלאָאיקעס מיט פאַרגעלטע זייטן, ווי פון דער זון פאַרברענטע, פאַרשטיינערטע און אויסטערלישע פּרוכטן; זילבערנע לייכטערלעך וואָס האָבן פאַרלאָרן זייער געשטאַלט, פלאַך געוואָרן און צעשוואומען ווי שאָטנס; שטייסלען אָן אַן אינעווייניק און טוקאַטשן אָן אַ בולטקייט, וואָס זעען גיכער אויס ווי פאַרגאָסן קופּער אין אַ שמעלצעריי; זילבערנע גאָפּלען וואָס זייערע צעפּלעטשטע פינגער דערמאָנען אָן סקעלעטן פון קליינע פעכערס... און נאָך אַנדערע משונהדיקע געשירן זיינען דאָ געווען אויס־

געלייגט: פאַרזעענישן פון מעטאַל און גלאָז און פאָרצעלײַ, וואָס פון ערשטן קוק האָט מען ניט געקענט כאַפּן וועלכע כלים, אייגנטלעך, דאָס זיינען אַמאָל געווען.

— וואָס זיינען דאָס פאַראַ זאַכן? — האָט זיך ברין געוואונדערט.

— דאָס איז אַלץ — מאַכט סאָלאַנש — וואָס מיר איז געבליבן פון מיין פאָטערס אַפּטייק אין סאַנט־פּיער — די הויפּט־שטאָט פון מאַרטיניק. דאָס האָבן מיין טאַנטע און איך אויסגעגראָבן פון אַש און צוזאַמענגעקליבן, אַ סך וואָכן שפּעטער נאָך דעם אויסברוך פון מאָנט־פּעלע, ווען די ערד איז נאָך געווען הייס אונטער אונדזערע שיך מיט דיקע אַפּצאַסן. מיט גראַבאייזנס האָבן מיר געגראָבן, און אונדזערע פאַלנדיקע דיקע טרערן האָבן נאָך געזאָדן אין פּריסיק... מיין טאַנטע מיט אַ גרויסער אייזערנער לאָפּעטע און איך — מיט אַ קליינער, אַזאַ איינע וואָס קינדער געברויכן אויפן ברעג ים אין זאַמד. איך בין דאַך דעמאָלט קוים זעקס יאָר אַלט געוואָרן. נאָר דעם נאָגנדיקן ווייטיק אין האַרצן געדענק איך נאָך איצטער אויך. מיט די לעצטע כוחות, ווי אַ גרויסע, האָב איך געגראָבן. און אויסגלייכנדיק דעם רוקן — דערזען דעם גרויסן גזלן, וואָס רויכערט נאָך אויפן האָריזאָנט, דעם וואולקאַן מאָנט־פּעלע... האָב איך אים גע־דראָט מיט מיין קולאַקעלע. געדראָט און געשאָלטן.

— אָרעמינקע... — האָט זי ברין געגלעט איבער די זיידיקע האָר.

— וואָס מיר האָבן געפונען — האָט סאָלאַנש ווייטער דערציילט — האָבן מיר געזאַמלט אין אַ האַנט־קאָרב, ווי ערד־עפּל. אַ העלפט האָט צוגענומען מיין טאַנטע און אַ העלפט האָט זי באַהאַלטן פאַר מיר. ווען איך בין אונטערגעוואַקסן האָב איך צוגענומען מיין חלק. מיר האָבן זיך ערלעך געטיילט מיט די דאָזיקע שרעקלעכע סואווענירן. דאָס וואָס דו זעסט דאָ איז אַלץ וואָס מיר איז געבליבן פון מיין ערשטער ליכטיקער יוגנט, פון מיין פאָטערס הויז, פון זיין אַפּטייק־געשעפט, פון מיין מוטער און שוועסטערלעך.

ברין האָט זי אַרומגענומען מיט וואַרעמען רחמנות־געפיל. זיין קול האָט געברומט ווי אין אַ וויליאָנטשעל.

— אָרעמע מיינע, טייערע!.. — האָט ער געקושט אירע פייכט־געוואָרענע אויגן — דאָס מוזן זיין פיינלעכע דערינערונגען. שוין קליי־נערהייט האָסטו אַזויפיל געליטן...

סאָלאַנש האָט אַפּגעווענדט אירע פאַרטרערטע אויגן אָן אַ זייט. עפּעס ווי קושן זי בשעת אַזאַ טרויעריקער דערציילונג וואָלט געווען אַ זינד: —

— עס זיינען געווען ביינער אויך... נאָר זיי האָט מען באַגראָבן אין איין ברודער־קבר אין סאַן־פּיער, אין עק שטאָט. דאָס האָט מען ניט דערלויבט אָוועקצונעמען אַלס סואוועניר... קיינעם ניט. איך און מיין

www.libtool.com.cn

טאַנטע זיינען געווען בשעת דער טרויער־מעסע. גלחים אין ווייסע בלוזעס מיט שפּיצן, מיט זילבערנע גלעקלעך און גאָלדענע קרייצן אין די הענט
www.libtool.com.cn
זיינען אָנגעקומען פון אַ צווייטער שטאָט. די פון סאַן־פּיער זיינען אַלע אומגעקומען... די רעשטלעךביינער פון מיין פאָטער זיינען אַזוי אַוועק אין קאַטוילישן מאַסן־קבר. איך געדענק די גאַנצע צערעמאָניע, די געוויינען פון קרובים וואָס זיינען אָנגעפאָרן פון שכנישע שטעט אויפן אינדזל...

ברין האָט זי ווידער גענומען גלעטן. אָבער זי, דאַכט זיך, איז ניט געווען באַפרידיקט פון אַזאַ שטומער טרייסט. איר לעכצנדיקער נאַטור איז דאָס געווען ווייניק.

— לאָז! — מאַכט זי, און שמייכלט צו ברינגען דורך אירע פאַר־טרערטע גרינע אויגן — איך דאַרף דאָס ניט!.. און אַרומטראָגן זיך מיט טויטע ביינער אויף די אָרעמס האָב איך אויך ניט ליב. ניין!.. קום אַצינד מיט מיר, אין מיין אינטימסטן צימער. מיינער און דיינער וועט ער פון איצטער אָן זיין.

זי האָט אין וואַנט פון בודואַר פונאַנדערגערוקט צוויי גרינע סאַמע־טענע פאָרטיערס און ברין איז אַריינגעטראָטן אין אַ ליבלעכער האַלב־טונקלקייט, וואָס שמעקט מיט אַ באַזונדער אָנציענדיקן ריח פון אַ יונגער געכאַליעטער פרוי, מיט אירע וועש און מיט אירע אינטימע נאַכט־פּאַרפיומען.

סאַלאָנש האָט אַ דריי געגעבן אַ קנאָפּ, און אויך דאָ איז העל־געוואָרן. אַ בלוילעכע ליכטיקייט האָט זיך צעגאָסן און פאַרשלונגען דעם גרויען אָפּשיין פון שנייאיקן טאָג. זי האָט אַראָפּגעלאָזן אַ טונקעלע שטאַרע גע־האָפטן מיט וויס, אָפּגעשניטן דאָס צימער פון גאַס, אַ נייע געמיטלעכקייט האָט דאָ אויף זייביידן געוואַרט.

דער בלוילעכער ליכט־קוואַל האָט דאָ געשטראַמט פון אַ ווינקל־פּאַליצע, וואָס איז אינגאַנצן אויסגעגאָסן פון מאַסיווער פאַרצעליי, מיט קאָלירטע האַלב־בולטע מאַיאָליק־בלעטער, פרוכטן, הערנערדיקע שטערנס פון באַ־ראַנעס און טויבן־קעפּ. איבערן קאָלירטן טייל — אַ שניי־ווייסער שטאַקעטל פון פיינע פאַרצעליי־שפּיצן, וואָס כאַפּט אַרום די גאַנצע פּאַליצע ווי מיט אַ ראַנד פון שוים; אַן אַנטיק־זאַך איז דאָס געווען, ווי פון אַן אַלטן טעמפּל אַוועקגענומען. אויף ענלעכע ווינקל־געשטעלן ברענען נשמה־ליכט איבער קאַטוילישע סאַנקטואַרן וואָס שטאַמען פון מיטלאַלטער... נאָר דאָ, אָנ־שטאָט אַ פּאַסיקן לייכטער, איז גאָר געשטאַנען אַ זיבן־רעריקע אַלטע מנורה פון געבלאָזענעם זילבער, מיט קנאָספּן און בלומען אויף די רערן, אַזוי ווי אין חומש ווערט באַשריבן — אַ נאָכגעמאַכטע, אָדער עכטע מנורה פון אַן אַלט־שפּאַנישער סינאַגאָגע. דאָס איז עפּעס געווען אַ געמיש פון

אַ קריסטלעך־הייליקן ווינקל און באַלויכטן מיט אַ טראַדיציאָנעל־יידישן רערן־לאָמפּ . . . אַזוי ווי סאָלאַנש אַליין, ווי דאָס געמישט בלוט אין אירע אָדערן, ווי איר דערציאונג, ווי אירע דערינערונגען: צאַצקעס אין אַן אַלטער הגדה של פּסח און זילבערנע גלעקלעך אין קאַטוילישע מעסעס . . .

www.libtool.com.cn

ברין האָט אין דעם גלייך דערפילט די צוויי גרונט־עלעמענטן פון וועלכע עס באַשטייט סאָלאַנשס איידעלע און צעריסענע נשמה, די בענקשאַפט וואָס ציט זי צו איר קריסטלעכער טונקל־הויטיקער מוטער און צו איר יידישן פאָטער, וועלכער שטאַמט פון עלזאַס. אומבאַוואוסט פאַר זיך אַליין האָט זי דאָ געוואָלט שאַפן איין אייניקייט פון זיי ביידן, פון זייער בײדנס וועזן און גלויבן. און באַקומען האָט זיך אַזאַ נאַאיווער און חנוודיקער סינטעז ווי סאָלאַנש אַליין. כאָטש נעם און קוש אויס אַלע אירע פולע גלידער . . .

דאָס ליכטיקייט גופא, וואָס האָט זיך געגאָסן פונעם פאָרצעליי און זילבער־געשטעל, האָט עפּעס אין זיך אויך געהאַט אַ מאָדנעם געמיש. ברין האָט אין ערשטן מאָמענט ניט דערכאַפּט פון וואַנען עס קומט. נאָר ווען ער האָט זיך צוגעקוקט האָט ער דערזען, אַז די מיטלסטע גלייכע רער פון דער מנורה טראָגט אויף זיך אַ רויטלעכן לעמפּל. און די זעקס אָרעמס, וועלכע זיינען געווענדט צום מיטן — בלויע לעמפּלעך. אָט דער געמישטער שיין פון בלוי און רויט, אונטער די מאַטע גלעזערנע קאָלפּאַ־קעלעך, האָבן דאָ געשאַפן יענעם ליבלעכן טאָן, יענעם קאַקטייל פון שטראַלן וואָלט מען געקענט זאָגן, וועלכע שפּאַנט די נערוון אַזוי אײדל און פּרואווט זייער קלונג, ווי אַ געניטע האַנט פון אַ מוזיקער די סטרונעס פון זיין פידל: ביסטו שוין פאַרליבט אָדער נאָך ניט ?.. קוק זיך נאָר אַרום וואו דו ביסט !..

האָט זיך ברין אַרומגעקוקט און דערזען אַ שיינע פּאַליסאַנדער־בעט, געבויט ווי אַ גרויסער ליגנדיקער פראַגע־צייכן; הויך אין צוקאָפּנס און אַראָפּגעבויגן צופוסנס. ברייט ווי אַ פעלד און צוגעדעקט מיט איין גלאַנציקער טיף־טונקעלער אַטלאַס־דעקע מיט זילבערנע פרענדז. ווי עס ווייזט אויס, איז דער עכטער קאָליר פון גלאַטן געוועב — ים־בלוי, נאָר אין דער בערך קאַרגער ליכטיקייט זעט דאָס אויס ווי שוואַרץ . . . אויפן טונקל־גלאַנציקן פעלד זיינען געווען אויסגעהאָפט נאָר צוויי ריזיקע זילבער דראַקאָנען, צוויי פון יענע לעגענדאַרישע חיות, מיט שטעכיקע רוקנס און האָרנדיקע פּנימער פון ים־טיגערס, וואָס שטאַמען פון די גרויסע פּאַסי־פיק־אינדזלען אין דער האָלענדישער אינדיע, ווי יאַוואַ און סומאַטראַ . . . די דראַקאָנען זיינען געווען איינגעביסן, איינער אין דעם צווייטן, אין די זילבערדיקע עקן מיט פיש־שאָלעכצן . . . אין ליבע־קאַמף, אָדער אין בלוטיקער שנאה? שווער געווען צו כאַפּן דעם מיין פון בראָקאַט מיט

איין מאָל. אין דעם קאַמף זיינען, פון זייערע איינגעביסענע פּיסקעס, גע־פלויגן אַרום זיי קליינע זילבערנע בלעזלעך און בלימעלעך; לייכטע ווי שוים צעפלויגן זיך איבערן טונקעלן פעלד פון דער דעקע. און דאָס האָט געשאַפן אַ באַזונדער איינדרוק פון אויפגערעגטקייט. אַן אַנדייטונג אויף צוויי קרעפּטיקע לייבער, וואָס האָבן זיך ליב און שטרעבן אומצו־ברענגען איינער דעם צווייטן אין ווילדער ליבשאַפט.

www.libtool.com.cn

צוקאָפּנס, איבער דער גאַנצער ברייט פון בעט, — איין דיקער טראַ־ווערסען, אָדער וואַליק, ווי די פראַנצויזן האָבן דאָס ליב, מיט צוויי פּונקט אַזעלכע קאַפּ־קישעלעך, טונקל־בלויע און געהאַפּטענע, ווי די גרויסע אַטלאַסענע דעקע, נאָר מיט קלענערע דראַקאָנען און קלענערע זילבער־בלימלעך וואָס פליען ווי פונקען...

פון ביידע זייטן צוקאָפּנס צוויי שלאַנקע טישעלעך פונעם זעלבן פּאַליסאַנדער־האָלץ, ווי דאָס בעט, מיט צוויי נאַכט־לעמפּלעך אין גע־שטאַלט פון זילבערנע קאָברא־שלאַנגען, מיט גרין־פינקלענדיקע אַקוואַ־מאַרין אויגן. ענלעך צו די, וועלכע די שיינע באַלעבאָסטע אַליין באַזיצט... שטייען זיי, די קאָבראַס, אויף זייערע צוזאַמענגעשלענגלטע עקן און טראָגן אויף די פלאַכע בייז־אָנגעבלאָזענע, געשאַלעכצטע נאַקנס צוויי סטיליזירטע לעמפּלעך, אונטער אַבאַזשורלעך פון בלויעלעכן זייד.

ברין האָט אַ דריק געגעבן איינס אַזאַ לעמפּעלע און דער שיינער צוקאָפּנס איז באַלויכטן געוואָרן ווי מיט אַ שטאַרקן לבנה־שיין. ביי דער דאָזיקער טאָפּלטער באַלויכטונג, פון דער מנורה אין ווינקל און נאַכט־לעמפּל האָט זיך אין דער בלינדער וואַנט אַנטקעגן בעט אויפגעעפנט ווי אַ מין ברונעם. און ברין האָט דאָרטן דערזען אַ לאַנגן ליגנדיקן שפּיגל איינגעפאַסט אין אַ טונקל־בלויער סאַמעטענער ראַם, וועלכע האָט פאַר־טאָפּלט דאָס שיינע בעט מיטן מאַלערישן צודעק. און, ווי עס ווייזט אויס, ניט אָן אַ באַשטימטער כוונה צו פאַרטאָפּלען דעם גענוס פון צוויי פאַר־ליבטע וועזנס, ווען זיי שפּילן אויף אַזאַ וואונדערלעכן פעלד.

4.

די אויגן האָבן זיך שוין אַצינד געוואוינט צו דער געמישטער און מאַטער ליכטיקייט, און אויף די ווענט זיינען אַרויסגעטראָטן עטלעכע פראַכטפולע בילדער־מעדאַליאָנען אין באַזילבערטע און באַגילדטע רעמ־לעך, מיט רויטע און בלויע צייכענונגען אויסגעפּילט, אינעם סטיל פון גאַנצן שלאָף־צימער: לעדאַ מיטן פּאַרליבטן שוואַן, ווענוס ביי איר טואַ־לעט, סוסאַנאַ און די צוויי אַלטע. אַלץ גוט־געצייכנטע קאָפּיעס פון די גרעסטע רענעסאַנס־מייסטערס. און ווידעראַמאָל — ניט צו גרויס איז

www.fibtool.com.cn

מאָס, נאָר אָנגעפּאַסט צום ברייט פון די ווענט און צום פרייען אָרט צווישן די מעבל־שטיקער. אונטערן בעט און איבערן גאַנצן ברייט און לענג פון פּאָל — איין מאָסול־טעפּיך. פלאַך און פאַרהעלטניסמעסיק דין, אָבער שווער אין וואָג, ווי פון מעטאַלענע פעדעם געוועבט. האָט ער זיך דערפאַר אויסגעשפּרייט גלאַט ווי אַ פּאַרקעט, מיט זיינע אײדעלע האַלב־פאַרבלאַסטע מזרח־פאַרבן, און איז געלעגן פעסט, ווי אַ צוגעקלעפּטער. איבער אים, ביי איין זייט פון בעט, נאָר איין פיין באַאַרבעטע פעל פון אַ קליינער פּאַנטערע, מיט קאָפּ און קינסטלעכע אויגן. אויף דער פעל צוויי קליינע שטעק־שיך פון בלויען סאַפּיאַן, אויף הויכע קאָרקעלעך, און אויסגעניט מיט זילבער. און לעבן זיי, האַלב־אַראָפּגעהאַנגען פון בעט־ראַנד, אַן ענלעכער שטוב־קאַפּאָט פון העל־בלויען אַטלאַס מיט אַ ברייטן גאַרטל און שטעק־שיך האָט באַזונדערס געווייעט מיט סאָלאַנשס אויסגעזוכטן, ניט־איראָפּעאישן געשמאַק, מיט דער באַרוישנדיקער פולקייט פון אירע יונגע גלידער, כאָטש דאָס איז נאָר געווען איר אויסגעטאָנענע ווייכע שאַלעכץ. עס האָט זיך אַפילו געקענט אויסדוכטן, אַז פון אָט דעם פרימאָרגן־אַנטועכץ, וואָס וואַלגערט זיך אַזוי נאַכלעסיק אויפן ראַנד פון בעט און אויף דעם פּאַנטערע־פעל, שלאָגט דאָס דער קוואַל פון אַלע פאַרבן און ריחות, וואָס זיינען אַזוי געשמאַקפול צעשפּרייט איבערן גאַנצן צימער.

ברין האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט אָנצוזעטיקן זיינע אויגן און אַריינציען אין זיך דעם אַראָמאַט פון אָט די אַלע ווייבעריש־שיינע זאַכן, ווען סאָלאַנש האָט אַ שטויס־געגעבן אַ שמאָלן שטיק וואַנט, לעבן צוקאָפּנס פון איר בעט, און אויפגעעפנט צוויי טירן, איינע הינטער דער אַנדערער. און ער האָט, פון שלאָפצימער אַרויס, דערזען אַ ניט־גרויסע, אָבער עלעגאַנטע באָד־קאַמער, אין אַ מענטשן־הויך אויסגעדעקט מיט העל־בלויע קאַכלעס, מיט פונקט אַזאַ היבשער וואַנע, אין וועלכער מען גייט אַראָפּ אויף אַ מירמלשטיינערנעם טרעפּל. איבער דעם דאָזיקן בלויען באַסיין — אַ דוש־בויגן*) פון בלאַנקן ניקל.

— ווען איך האָב מיין קליינע וואוינונג געדונגען, — האָט אים סאָלאַנש גאַסטפריינדלעך דערקלערט, — האָב איך דאָס ניט געהאַט. ניטאָ קיין באָד־קאַמערס אין די אַלטע פּאַריזער הייזער. איך האָב דאָס געלאָזן איבערמאַכן פון אַן אָפּפאַל־קאַמער, וואָס איז דאָ פריער געווען. פון פענצטערל געמאַכט אַ פענצטער, און פון אַן אַלטן וואַש־טישל מיט אַ קראַן — אַ מאָדערנע ענגלישע וואַנע. עס איז אַ פאַרגעניגן אַריינצושפּאַצירן אַהער, גלייך פון בעט, ווען מען כאַפּט זיך אויף אַ האַלב־שיכורע פון שלאָף און מען פרישט זיך אָפּ מיט אַ הייסער באָד און דערנאָך מיט

*) שאַוער.

אַ קילן דוש. און ווען מ׳האָט זיך ליב... — האָט סאָלאַנש צוגעגעבן מיט אַ שמייכעלע, וואָס זאָגט אַ סך צו, און ניט דערזאָגט.

www.libtool.com.cn

ברין איז נאָך געווען אָנגענעם־צעשטרייט פון דער געוועזענער און נאָך ניט פאַרדרייטער,פיין קאָלירטער עלעגאַנץ אַרום זיך, און האָט ניט ריכטיק פאַרשטאַנען סאָלאַנשס באַטאָנונג „ווען מען האָט זיך ליב״... ניט וואָס דאָס מיינט און ניט ווער וועמען עס האָט ליב. זיין גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט איז געווען צוזאַמענגעשפּיצט אויף אַ זאַך, אין צווייטן ווינקל פון בעט־צוקאָפּנס און לאַנגן שפּיגל. פון שיטערן שאָטן אַרויס איז אים בולט געוואָרן אַ בראָנדזענע פּרויען־פיגור, וואָס האָט אים אויסגעוויזן עפּעס זייער באַקאַנט...

איינגעקוקט זיך, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז די זעלבע פיגור האָט ער שוין אַמאָל געזען אויף אַן אויסשטעלונג פון אַנרי דאַל. אין „קליינעם פּאַלאַץ״, אין עק פון די פּאַריזער „עליזעי־פעלדער״, האָט זיך די אויסשטעלונג געעפנט. און דער בעל־שמחה, דאָס הייסט: דער סקולפּטאָר מיט די ברייטע פּלייצעס און חוצפּהדיקע העלע אויגן, האָט דעמאָלט צו שטאַרק אָנגעקוקט סאָניאַן, זיין ווייב. און דאָס האָט אים, ברינען, שטאַרק פאַרדראָסן... די בראָנדזענע פיגור גופא איז אים אויך גוט באַקאַנט פון סאָלאַנשס נאַקעטע סעאַנסן ביי אים אין אַטעליע. עס איז געווען די שוואַרצע טענצערין אין פּליענדיקן געדריי אויף איין פוס מיט דער קאַבראַ־שלאַנג אויף איין אָרעם, צוליב דער עקזאָטישקייט פון טאַנץ און גלייכגעוויכט פון פּאָ. דער צוזאַמענהאַנג מיט די קליינע זילבערנע שלאַנגען, אויף די נאַכט־טישלעך, איז איצטער געווען קלאָר, ווי אַ בראַש און אוריינגלעך פון זעלבן סטיל, אויף איין שיינעם געשטאַלט פון אַ פרוי.

— איז דאָס דער אָריגינאַל ? — האָט ברין אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף דער בראָנדז־פיגור.

— ניין — רופט זיך אָפּ סאָלאַנש און טרעט צוריק אַרויס פון איר בלויען באָד־צימער — ס׳איז נאָר אַ קאָפּיע אין בראָנדז, נאָר ניט אַזוי מאַסיוו ווי דער אָריגינאַל, וועלכן דער „פּטי פּאַלעי״*) האָט אָפּגעקויפט. זי האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן און שטילער צוגעגעבן:

— אַנרי דאַל איז באַרימט געוואָרן, און איך... מיר איז געבליבן נאָר דאָס... אַ גיפּס־קאָפּיע איז דאָס לכתחילה געווען. נאָר לופען האָט דאָס פאַר מיר געלאָזן אָפּגיסן אין מעטאַל, כדי טרייסטן מיך... כדי געבן מיר אַ שטיקל אילוזיע, אַז דער אָריגינאַל איז ביי מיר...

*) קליינער פּאַלאַץ.

ברין האָט מער ניט געפרעגט. פון אירע אַראָפּגעלאָזענע אויגן האָט www.libtool.com.cn ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס געשפּרעך איז איר ניט איבעריק אָנגענעם. האָט ער געמאַכט אַ מינע, אַז ער אינטערעסירט זיך זייער שטאַרק מיט איר עלעגאַנטן באָד־צימער און איז מיט איר אַהין אַריין, באַוואונדערט די בלויע קאַכליעס, די ווייסע קאַכל־רעליעפן אין די ווינקלען. נאָר פלאַפּלענדיק מיט איר אַזוי, האָט ער מיטאַמאָל דערשפּירט דעם ריח פון פאַרפלויגענער פּאַרע מיט אויסגעוועפּטע פאַרפיומירטע זאַלץ, און נאָך עפּעס אַ ביי־גערוך פון אַ פרישן פרויען־לייב, וואָס האָט זיך דאָ היינט געבאָדן, און וועלכן ער האָט מער־ווייניקער געקענט פון סאָלאָנשס פּאָזירונגען ביי אים אין אַטעליע.

אָט דער געמישטער אַראָמאַט האָט אים אַ זעץ געגעבן אין קאָפּ ווי אַ צוויבער־געטראַנק און אים שיכור־געמאַכט. אַליין ניט וויסנדיק וואָס ער טוט, האָט ער סאָלאָנשן אַרומגעכאַפּט מיט צוויי שטאַרקע אָרעמס און גענומען קושן זי מיט אַ ווילדער זשעדנעקייט, וואָס קען זיך ניט אָפּשטעלן און ניט אָנזעטיקן זיך. אין האַלדז געקושט זי, אין די האָר, אין די אויגן, אין ברוסט, און ווי אַ באַטרונקענער געמורמלט:

— מיט דיר צוזאַמען, סאָלאָנש!.. אָ, צוזאַמען... אונטער איין וואַרעמען רעגן צוזאַמען. אונטער אָט דעם דוש... ווי אָדם און חוה אין אַ זומער־רעגן... ווילסטו? ווילסטו?

זי האָט זיך פּרובירט אַרויסגליטשן פון זיינע אָרעמס, ניט געקענט און נאָכגעגעבן. אַ קורץ־אָטעמדיק שעפּטשען האָט אַצינד געדראָט אויף איר טונקעלן אויער, ווי דורך פאַרקריצטע ציין האָט זיך דאָס אָנגעהערט:

— איך טו דיר וויי? אַנטשולדיק מיר! אָבער דו מוזסט, דו מוזסט... גלייך!.. דערבאַרעם זיך אויף מיר!

איר איז געלונגען אַרויסצוציען איין האַנט און פאַרליבט אַ פּאַטש געגעבן אים איבער די ליפּן:

— אַ, אָ, דו ביסט מיר אַ ווילדער פויגל! פון וואַנען ביסטו אָנגעפלויגן? פון וועלכן אינדזל? ווי אַזוי ווילסטו מיט מיר שטיין אונטערן רעגן? אַנגעטאָנענערהייט? אָדער?.. האַ־האַ!

— דו ווייסט בעסער... — האָט ער געפלאַפּלט, באַטרונקען פון איר אָטעם, פון איר נאַענטקייט, פון איר קלוגשאַפט.

— אַוודאי ווייס איך בעסער... — האָט זי ווידער אַ לאַך געגעבן, און פאַר אַ הענטעלע, ווי אַ פאַרזינדיקטן שילער, אַרויסגעפירט אים פון דעם פאַרפיומירטן באָד־קאַמער און פאַרשלאָסן הינטער זיך ביידע שמאָלע טירן.

אין דער פרייערער לופט פון שלאָף־צימער האָט ער טיפער אָפּ־
www.libtool.com.cn
געאָטעמט און זיין שיכורלעכע דרייסטקייט האָט נאָכגעלאָזן.

— מיין מאַן וועסטו זיין... — האָט זי אים אויפגעמונטערט און מיט גרין־ברענענדיקע אויגן אַריינגעקוקט אין זיינע, ביזקל האַרץ אַריין,

— מיין מאַן! פון איצטער־אָן... מיינער!

— דיינער... — האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי אַ פאַרחלשטער, — אינגאַנצן דיינער!

— מאָן אַמור!*) — האָט זי אים נאָך קורץ און הייס אַ שעפּטשע געטאָן אויפן אויער און מער ניט גערעדט.

ניט צולאָזנדיק אים מער צו זיך, כדי ניט פאַרלירן די צייט אומזיסט און די כוחות — ביסלעכווייז, האָט זי פלינק גענומען צורעכט מאַכן איר בעט. ניט ווי אַ געליבטע, נאָר ווי אַ געטרייע פרוי האָט זי דאָס געטאָן, ווען דער מאַן קומט אַהיים, אַן אויסגעבענקטער, אַ טיף־פאַרליבטער, נאָך אַ לאַנגן אָוועקפאָרן. דעם שיינעם צודעק פון געלעגער אַראָפּגעצויגן און צונויפגעלייגט. די בראָקאַט־קישעלעך — אויך. געבליבן איז נאָר צו־קאָפּנס דער בראָווער „טראָווערסען" מיטן פיינעם דאַמאַסק איבערגעצויגן; העל־בלוי אין געוועב און מיט טונקעלערע אַטלאַס־קווייטן. אָט דער באַקוועמער ניט־צו־האַרטער און ניט צו ווייכער וואַליק, וואָס די פראַנצויזן פון פריערדיקן דור האָבן אַ סך מער ליב געהאַט ווי די צו־ווייכע און צו־הויכע רוסישע צוקאָפּנס, ווייל ער איז צוגעפּאַסטער פאַר דעם קער־פּער, וואָס זוכט גענוס און אָפּרו; ווייל דער נאַקן איבער אים שטרענגט זיך ניט אָן, ווייל דער רוקן ליגט פלאַכער. די גלייכמאָסיקע רונדקייט פון וואַליק, איינגעוויקלט אין ווייסן, אַזוי ווי דאָס גאַנצע פלאַך פון שיינעם געלעגער, האָבן איצט אויפגעלויכטן ווי אַ ריינער אַלטאַר אין אַ מיסטעריע. דער גיכער איבערגאַנג גופא, פון דער טיף־בלויער דעקע מיט די זילבערנע דראַקאָנען, צו אָט דער גלאַטער ווייסקייט, האָט אויף ברינען געווירקט ווי אַ פּלוצלונגדיקע אַנטבלויזונג פון אַ הייליקייט. אַ געטלעכקייט, אויף וועלכער מען טאָר מיט אָפענע אויגן ניט קוקן... מען טאָר ניט!

אַ געבלענדטער, מיט אַ מיסטישן שרעק אין האַרצן, איז ער צו־געפאַלן צו דער בריהש־באַשעפטיקטער געליבטער און, מיט פאַרנעפּלטע אויגן, אַריינגעקוקט אין איר טונקעלן געזיכט:

— דאָס ביסטו? זאָג!.. דאָס בין איך, דאָ, ביי דיר? איך גלויב ניט... איך קען ניט גלייבן...

זי, אָבער, האָט אַ סך ניכטערער באַטראַכט זיין הייסע טומלעניש:

---

*) מיין ליבלינג!

— לאָז מיך, מיין ליבער... צוליב וואָס ריידן, איך זע, איך זע דאָך אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד דו געפינסט זיך. דערנאָך וועלן מיר ריידן.
www.libtool.com.cn

— יאָ, יאָ... — האָט ער זיך אַלץ געטומלט אַרום איר, דערנאָך... אַ, סאָלאַנש!..

— נאָך איין רגעלע! — האָט זי אים לייכט אָפּגעשטויסן, — איך וויל דאָך ניט שפּילן מיט דיר... מיט דיין אומגעדולד. ניין, מיין יינגל! מיר ביידע האָבן קיין פלירט ניט נויטיק. דו אַזוי ווי איך. איצטער נעם מיך אַרום. ביסט אויסגעדורשט, מיין קינד! פאַרטריקנט. איך וויל צו דיר גוט זיין, ווי... רעבעקאַ, וואָס האָט געגעבן טרינקען דעם קנעכט... ווי האָט ער געהייסן?

— אליעזר?

— יאָ, אליעזר. פריער אים אַליין געגעבן צו־טרינקען, דערנאָך זיינע קעמלען. — און וואו זיינען עפּעס ד י י נ ע קעמלען? — האָט זי שטיפעריש גענומען זוכן אויף זיין ברוסט, אויף זיינע פּלייצעס, — וואו זיינען זיי?

— וועלכע קעמלען? — האָט ער אויפגעריסן זיינע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן.

— ווערסט שוין זען!.. — האָט זי זיך שטיל צעלאַכט, — שפּעטער. איצטער דו! דו אַליין!.. טרינק מיינע ליפּן! טרינק זיי אויס, איינ־גאַנצן.

ער איז צו זיי צוגעפאַלן ווי צו אַ קוואַל, און ניט געקענט אָפּרייסן זיך אַזוי לאַנג ווי זי האָט דאָס אים דערלויבט.

ד ר י ט ע ר ק א פּ י ט ל

שפּילערייען

.1

סאָלאַנש האָט זיך גענומען אויסטאָן, אין איר שלאָפצימער, מיט דער זעלבער אומגעצוואונגענקייט און מיט דער זעלבער ערנסטקייט, ווי צום פאָזירן פאַר ברינען, אין דער „גרינער נאַכט”, וואָס ער האָט געשאַפן מיט איר הילף... אָבער ברין אַליין האָט איר איצטיקן אַנטבלויזן־זיך אויפגענומען מיט גאָר אַן אַנדער געפיל און מיט אַן אַנדער אויפמערק־

זאַמקייט, ווי ביי זיך אין אַטעליע. אַלץ וואָס האָט ביי אים פריער אַרויס־גערופן רייך־מאַלערישע אַנטציקונג האָט דאָ געוועקט פאַרפּיוערויש. ווי אומיסטנע צוגעקלערטע פּאָזעס, כדי צעפלאַמען אים אַלץ מער און מער. אין אַטעליע ביי זיך — אַן אָביעקטיווער, שאַרף־אויגיקער זעער, וואָס דערנקט נאָך ווי בעסער אַרויסצונעמען דאָס שענסטע פון סאָלאַנשס איידעלע ליניעס; דאָ — אַ געניסער, וואָס לעכצט נאָך יעטוועדער נייער אַנטבלויזונג, פון דעם אָדער יענעם קערפּער־טייל, וואָס גלוסט עס זאָל געדויערן וואָס לענגער, וואָס באַגערט און באַזויערט יעטוועדער געפאַלן שטיק אַנטועכץ, ווי דאָס וואָלטן געווען בלעטער פון אַ צעעפנטער רויז, וועלכע צאַפּלט זיך אין איר רייצנדיקער צייטיקייט.

סאָלאַנשס אַראַנזש־קאָלירטער און גלאַנציקער אונטער־קלייד האָט געברענט אויף איר האַלב־אויסגעטאָנענעם קערפּער מיט העלישערליידנשאַפט. און אירע טונקעלע אָרעמס, מיט די געטאָקטע פינגער און רויט־לאַקירטע נעגל, האָבן זיך, פונעם פלאַמענדיקן אַטלאַס אַרויס, ניט געשטרעקט, ווי יענע ניט־געוויינלעכע פלאַנצן, וועלכע דער פּרימיטיוו אַנרי רוססאָ האָט זי ליב געהאַט צו מאָלן, נאָר ווי שוואַרצע און בויגיקע שלאַנגען, מיט פינף רויטע פּיסקלעך יעדער שלאַנג, וואָס ציען זיך צו ברינס לייב, מיט וועלכע ער מוז באַלד אַריינטרעטן אין אַ הייסן קאַמף. ער איינער קעגן צען געפאַרן. דער לייכטער ברוסט־האַלטער איז, נאָכן אונטער־קלייד, אַראָפּגעפאַלן, ניט ווי אַ שטיקל זייד, נאָר ווי אַ פּאַנצער, וואָס האָט ברינען ביז איצט ניט דערלאָזן צום ציל. צוויי לעכצנדיקע טונקעלע בריסטן האָבן אויפגעציטערט פאַר זיינע אויגן, ווי לעבעדיקע פּרוכטן, וועלכע ער האָט נאָך ביז איצט קיינמאָל ניט געזען אַזוי נאָענט און זייער שיינקייט ניט באַגריפן. זיין אומגעדולד איז געוואָרן שניידיק ווי צאָן־ווייטיק און באַטויבנדיק ווי אַ זיסער סם. דאָס איז מער ניט געווען קיין באַגער, אַ קאַניבאַלישער הונגער איז דאָס געוואָרן, אין וועלכן בלוט און פלייש און קנאָכן שטאָבן שטום געשריען: פאַרצוקן, פאַרשלינגען, דערדריקן אַלץ וואָס וועט זיך אַצינד אָקעגנשטעלן!.. די צונג האָט ברינען אָפּגענומען, דאָס באַוואוסטזיין — ווי פאַראַליזירט. זיין גאַנצער איבערגעבליבענער פאַרשטאַנד האָט זיך צוזאַמענגעשפּיצט נאָר אויף איין פּונקט, אויף איין ברענענדיקן פאַרלאַנג, אויף איין שטומען געשריי:

— סאָלאַנש, געליבטע מיינע!

אָבער גראָד אין אַזאַ קריטישן מאָמענט האָט סאָלאַנש איבערגענומען די אָביעקטיווע קינסטלערישע ראָל, זיין פריערדיקע ראָל ביי אים אין אַטעליע. האַלב־שפּילעוודיק, האַלב־שטרענג האָט זי אים פון זיך אָפּגעשטויסן. „טש! טש!..“ — אַזוי האָט זי אויף אים אָנגעשריען

דורך די ציין און אים באַטראַכט. מיט געמאַכטער, אָדער אמתער רואיקייט
www.libtool.com.cn
— אָבער באַטראַכט און באַוואונדערט:

— ווי קרעפטיק דו ביסט געבויט! דײַנע אָרעמס! דײַנע שליסל־ביינער! דײַן נאַקן! אַפילו דער שוואַרצער פוך אויף דײַן ברוסט. ניט קיין צעקאָכטע לאָקש פון מאַנפּאַרנאַס! נאַר —

זײַן קורצע צוריקהאַלטונג האָט איצט געפּלאַצט. ווי אַ פּרילינג־געוויסער וואָס ברעכט די הרעבליע האָט ער זיך אַ ריס־געגעבן. ער האָט פאַרמאַכט אירע לאַכנדיקע ליפּן מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער אַ כאַפּ־געגעבן זי און אויפגעהויבן, פּונקט אַזוי לײַכט ווי זי האָט אָקערשט אויפגעהויבן דעם פּעדערן־וואַליק פון צוקאָפּנס, ווען זי האָט צורעכט געמאַכט דאָס בעט. און אַלץ איז אַוועק אין אַ געפּלעכט און געראַנגל, אין וועלכע צוויי פאַרשיידענע ווערנס און ראַסן זײַנען ביידע זיגער און באַזיגטע; ווען מען ווייסט ניט וואו מײַנע און דײַנע; צי מען האָט זיך הייס־ליב, צי בלוטיק־פײַנט. אַ תוהו־ובוהו אין וועלכן עס ווערן געשאַפן נײַע לעבנס, און אַ ווילדער באַגער שוועבט איבער שטורמישע וואַסערן. וואוהין, וואוהין שטרעבט עס? צו העכערע צילן, וואָס די נאַטור האָט זיך גע־שטעלט, אָדער צום כף־הקלע פון חיהשע אינסטינקטן?.. שווער צו פאַרשטיין, און קיין גרענעץ איז אויך ניטאָ. שוואַרץ און ווײַס שמעלצן זיך צוזאַמען, צאַרטקייט און ברוטאַליטעט. טרערן און גליק. דאָס לאַנגע שפּיגל פון קעגנאיבער האָט דאָס אַלץ געטאָפּלט און ווי אַ וואַסער געקווועלט, פאַר־שריבן און אָפּגעמעקט אין איר קליינעם אָפּגרונט. ביז די גייסטער האָבן זיך באַרואיקט.

נאָכן ערשטן און צווייטן שטורעם איז די זון אויפגעגאַנגען. אויף סאָלאַנשס געזיכט — אין שטראַלן פון אַ דאַנקבאַרן שמייכל, און אויף ברינס באַקן — אין דעם בליאַסק פון צוויי גרויסע טרערן. סאָלאַנש האָט זיי ניט געלאָזן אַראָפּפאַלן, און ווי אַ טייערן געטראַנק מיט די ליפּן אויסגעזויגן:

— וואָס איז מיט דיר, מײַן קינד?

— איך בין צו גליקלעך — האָט ער ווייַנענדיק געענטפערט — אַ מענטש טאָר אַזוי גליקלעך ניט זײַן...

— פאַרוואָס? פאַרוואָס טאָר ער ניט?

— ס'איז ווי פאַרשווענדן אוצרות אין איין מינוט. גאַנצע אוצרות, סאָלאַנש! ס'איז ווי גאַנצע פּרוכט־גערטנער פאַרשלינגען, מיטן בוים פון גוט און שלעכט צוזאַמען.

— אָ, זיי וואַקסן ווידער אָפּ, געליבטער! זיי וואַקסן אָפּ אַזוי גיך! ביי אַזאַ ווי דו — אין אַ האַלבער שעה אַרום...

ער האָט אַריינגעוואָרפן זיין קוטשעראַווען קאָפּ אין איר אָרעם־הייל און זיך צעלאַכט:
www.libtool.com.cn

— איך ווייס, סאָלאַנש, וואָס דו האָסט פריער געוואָלט זאָגן מיט דיין „נאַר", ווען דו האָסט מיך אַזוי גרינטלעך באַטראַכט...

— עס איז ניט מעגלעך!.. — האָט זי שעלמיש פאַרקוועטשט איין אויג.

— פאַרוואָס ניט מעגלעך? האָסט געוואָלט זאָגן און ניט דערזאָגט, אַז די לענג פון מיינע פיס און היפטן איז ניט פּראָפּאָרציאָנעל מיט מיין אויבער־קערפּער. דעם דאָזיקן פעלער האָב איך היינט אינדערפרי אַליין באַמערקט. עס איז גאַנץ מערקווירדיק, ווי דו האָסט עס דערכאַפּט מיט איין קוק. האָסט אַן אויג פון אַ קינסטלערין... האָסט קיינמאָל ניט גע־מאָלט? ניט געקלעפּט פון ליים?

— פאַרזוכט דאָס און יענס... נאָר פאַר דיר, דויד, דאַרף מען זיך היטן... וויפיל אויגן האָסטו?

— ווי יעדער מאָלער — פיר. צוויי אין שטערן און נאָך צוויי אין נאַקן.

— זיי אַזוי גוט, פאַרמאַך אויף אַ ווייל דיינע הינטער־אויגן, גיי אַראָפּ פון בעט, און שטעל זיך אַקעגן מיר. רואיק און פיין זאָלסטו שטיין! ווי אַ גוטער ייִנגל.

ער האָט געפאָלגט און זי האָט אים ווידער באַטראַכט, מיט לאַכנדיקע אויגן געמאָסטן.

— וואָס זאָל דאָס באַדייטן, סאָלאַנש?

— דאָס באַטייט, אַז איצט ב י ס ט ו מיין מאָדעל. דו פּאָזירסט און איך מאָל דיך... אין מיין זכרון. מיר האָבן זיך געביטן מיט די ראָלן. מער גאָרנישט.

— אַ סך בילדער האָסטו עפּעס אַזוי געמאָלט?.. אין זכרון, וויל איך זאָגן...

— אַ סך ווייניקער ווי דו אויף לייוונט.

— איך בין ניט אייפערזיכטיק, ליבע סאָלאַנש! איך בין דיר נאָר דאַנקבאַר און ווידעראַמאָל דאַנקבאַר... איין פּרווי ביסטו, און גליק גיסטו ווי אַ סך פּרויען צוזאַמען.

— איך — דיר בין פּונקט אַזוי דאַנקבאַר. ביסט אַ גוטער מאָדעל־יונג! פּאָזירסט אויסגעצייכנט מיט לייב און לעבן.

— ביי דיין מייסטערשאַפט איז דאָס ניט שווער, סאָלאַנש.

— זאָג ניט! ס'איז אַ קונסט ווי אַלע קונסטן.

— אויב נעמען ד י ך אַלס מוסטער — איז דאָס ריכטיק. ביסט אַ קינסטלערין. ווען מען טרינקט מיט דיר פון איין בעכער פאַרכליניעט

מען זיך ניט. מען לאָזט ניט איבער קיין פעטן פלעק אויפן ראַנד. מען גענישט פון יעדן טראָפּן.

www.libtool.com.cn

— וואָס הייסט? ביסט דאָך געווען באַווייבט. אַ האָניק־חודש גע־האַט און אַ סך פּראַקטיק — אויך.

ברין האָט זיך אַ ווײַלע איבערגעלייגט:

— ניין. דו קענסט ניט די בירגערלעכע פּרויען. דאָס זיינען מידע נשמות. זיי ברעכן־זיך און טוען פליכטן. זיי זיינען קיינמאָל ניט אין דער שטימונג. האָבן ליב צו מאַכן זיך קאָסטבאַר. זיי שענקען דיר אַ גע־שייערטן קופּערנעם סאַנטים כדי צו באַקומען אַ גאָלדשטיקל. אַ גרויס ליידנשאַפט איז פאַר זיי אַן אָפּקומעניש. מיט ז י י ווערסטו טרינקען וויין? ס'איז זיי אַלעמאָל צו שטאַרק. אָדער מען לאָזט דאָס שטיין ניט דער־טרונקען, אָדער מען צעקריגט זיך און עס גיסט זיך אויס אויפן טיש־טעך...

— רעדסט פון אַזאַ איינער וואָס האָט חתונה געהאַט אויס ליבע? צי צוליב רעכענונג?

— פון זייביידן. דאָס בירגערלעכע מיידל וואָס האָט חתונה געהאַט צוליב דער, אַזוי גערופענער, ליבע, איז נאָר די ערשטע צייט בעסער, אינטערעסאַנטער. פּאַראַן, ווייסטו, אַזעלכע פּאַזאַנעס, וואָס ווען עס קומט ביי זיי די צייט פון פּ אָ ר ן ־ ז י ך — וואַקסן ביי זיי אַרויס, פון די גרויע קורצע עקן, צוויי וואונדערלעכע לאַנגע פעדערן, מיט גאָלד און פּורפּור באַשפּרענקלט. גייט די צייט אַריבער — פאַלן די שיינע פעדערן אַרויס. עס בלייבט צוריק אַ גרויע הינדעלע, אַ גרויער הענדעלע...

— און דאָס מיינט?

— ביי דער בירגערלעכער הינדעלע מיינט דאָס, אַז נאָך אַ גע־וויסער צייט פון פּאַרליבעניש ווערט זי אָפּגעלאָזן. פיזיש און גייסטיק. דערגרייכט דעם ציל, חתונה־געהאַט, ס'איז דאָ ווער עס זאָל זאָרגן פאַר איר און גלעטן איר די פעדערן. מער דאַרף זי ניט. זי הויבט אָן שלאָפן שפּעט. זי איז קיינמאָל ניט צופרידן. דאָס קליידל אינדערפרי זיצט ניט גוט, איז צעקנייטשט. די בלוזע איז ניט פאַרקנעפּלט. די האָר ניט צוגע־קעמט. אַ זויערקייט און אַ לאַנגווייליקייט. אַזאַ איינע זעט ניט צו פאַר־בעסערן איר אייגענעם לעבן און איר מאַנס, נאָר זי טוט און קוקט אַריין אין פרעמדע פענצטער און נאָר איר דוכט זיך, אַז די אַנדערע לעבן בעסער. זי זוכט מער ניט צו געפעלן איר אייגענעם מאַן, צו מאַכן אים פאַרליבט, צו האַלטן אים וואַרעם ביים האַרצן. אַך, ער וועט שוין אַזוי אויך פאַר־דייען! געפעלט אים ניט — דאַרף מען ניט... פאַר אים האָט זי איין גודנעם און פערמאַנענטן קלאָג־געזאַנגעלע: „אַ, ביים טאַטן אינדערהיים איז איר געווען בעסער! אירע פריינדינעס, וואָס האָבן חתונה־געהאַט אין

איין צייט מיט איר, לעבן גליקלעכער... דערפאַר אָבער, אַז מען דאַרף אויפנעמען אַ גאַסט, ווער רעדט — אַז ס׳איז אַ שטיקל מאַנצביל, מעג ער מיט צען קעפּ שטיין נידעריקער פאַרן „געזעצלעכן מאַן“, דעמאָלט, זעסטו, סאָלאַנש, לעבט אַזאַ איינע אויף. זי באַקומט מיטאַמאָל קראַפט און דער־פינדערישקייט. עס ווערט אַ לויפעניש און אַ פּוצעניש, אַ וואַשעניש און אַ גרייטעניש און אַ קוויטשעניש אויף דער דינסט. און אין שלאָף־צימער הויבט זיך אָן אַן אָנטאָנעניש, ליפּן־פאַרבעניש, קעמעניש און פּודרעניש, אַז עס גייט אַ רויך. צווישן איין טעטיקייט אַזאַ און דער צווייטער ווערן גע־מאַכט פּראָבן אין שפּיגל, ווי צו באַגריסן, ווי צו שמייכלען, ווי צו זיצן פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, ווי צו באַווייזן דעם פּראָפיל אין דער שענ־סטער באַלייכטונג, ווי צו פאַרבעטן אין עס־צימער. הכּלל, ווי צו באַ־צויבערן... גייט דער גאַסט אַוועק — באַפאַלט זי ווידער די אַנטוישונג. די אָנגעצויגענע עלעגאַנץ וועלקט. דער זיסער שמייכל ווערט זויער. אַ נערוו פּלאַצט ווי אַ סטרונע און די אַנדערע ענטפערן אָפּ. די רעאַקציע קומט אָן. און אַ סצענע צעשפּילט זיך, פון וועלכער דער מאַן אַנטלויפט וואוהין די אויגן טראָגן... דער קלעפּ־שטאָף פון אַזאַ פאַמיליען־לעבן הויבט־אָן בלעזלען מיט דער צייט, ווערט שיטער, ווי אַן איבערגעיערטע טייג. עס ענדיקט זיך מיט פאַרברויכן די לעצטע לעבנס־כּוחות אויף קאָרטן־שפּילן, אויף קאַלטער אויסגעלאַזנקייט...

— נו, און איך? איך אַליין? גיב מיר אַ קאָמפּלימענט דויד!

— ניט נאָר דיר אַליין, נאָר דער גרויסער מערהייט פון די פּראָנצוי־זישע פרויען. אַ שלעכטן נאָמען האָט מען דער פּראָנצויזישער ווייב גע־מאַכט. איך ווייס ניט ווער. איך גלויב נאָר, אַז דעם גרעסטן טייל פון אַזאַ פאַרלוימדונג האָבן פאַרשפּרייט די טייערע שכנים פּראָנקרייכס, די ליבע דייטשן, מיט זייערע כּשרע גרעטכענס און מיט זייער לירישער ריינקייט, וועלכע איך קען זייער גוט... עס איז איינער פון די געמיינסטע ליגנס וועגן דער איידלסטער פרוי אין גאַנץ אייראָפּע. אויב דער מאַן איז דאָס נאָר ווערט, אויב ער איז צו איר ניט גלייכגילטיק, איז די פּראַנצויזישע פרוי טריי, שטענדיק פאַרליבט. זי איז אַ זעלטן־גוטע מוטער. זי איז קלוג און פלייסיק. זי איז שטענדיק גרייט צו העלפן דעם מאַן. די ביטערסטע מאָ־מענטן פון לעבן וועט זי אים פאַרזיסן און ווייסט ווי צו טאָן דאָס, ווי קיין אַנדער פרוי אין דער וועלט; ווייל זי קען דורך און דורך אַלע שוואַכקייטן פון מאַנצביל און אַלע זייערע מעלות. און זי שפּילט אויף זיי ניט ערגער ווי דו, סאָלאַנש, אויף דיין פּוס־האַרמאָניע... זי וועט זיך קיינמאָל דעם מאַן ניט באַווייזן אין אַן אָפּגעלאָזענעם טואַלעט, הויפּטזעכלעך אינדער־פרי — דער געפערלעכסטער מאָמענט פאַר אַ פרוי, ווען זי איז נאָך ניט געוואַשן און ניט צוגעקעמט, ווען די ערשטע סימנים פון דעם קומענדיקן

עלטער טרעטן שאַרפער ווי אַלעמאָל אויף. איך האָב אָפטמאָל צוגעזען, אויף דער גאַס און אין די קאַפע־הייזער, מיט וואָס פאַר אַ ליבלעכקייט און גראַציע די פראַנצויזישע פרוי, אָדער געליבטע, באַגעגנט דעם מאַן, וועלכער קומט אַן אָפגעמאַטערטער, אַ פאַרברויכטער, נאָך זיין טאָג אַרבעט. מעג דאָס אַפילו זיין אַ פראָסטער פאָלקס־מענטש, אַ פאַבריק־אַרבעטער, אַן אַנגעשטעלטער. זי באַגעגנט אים אַלעמאָל אַ פאַרליבטע, אַן אויסגעפוצטע, אַ שמעקענדיקע, ווי מען באַגעגנט אַ לאַנג־דערוואַרטן גאַסט. ווי מיד מען זאָל ניט זיין — ווערט מען פון אַזאַ באַגעגעניש אויפגעמונטערט. ביז צו מאָרגן אינדערפרי וויניקסטנס...

www.libtool.com.cn

— קום אַהער, מיין ליבער! איך וויל דיר אַ קוש טאָן פאַר דיינע גוטע רייד, פאַר דיין האַרציקייט.

— אַ דאַנק, טייערינקע! איך האַנדל ניט מיט „גוטע רייד". און האַרציקייט פאַרקויף איך ניט. אַפילו דיר, געליבטע...

— נו, איז ניט. זעץ זיך, פונדעסטוועגן, צו! דיר איז ניט קאַלט?

— ניין. קילע לופט און קאַלט וואַסער אַרן מיך ניט. איך האָב זיך צו זיי געוואוינט זינט מיינע קינדער־יאָרן, אַזוי ווי צו ספּאָרט. נאָר צו קאַלטע נפשות קען איך זיך ניט געוואוינען. בררר!..

2.

ער האָט זיך לאַכנדיק אַוועקגעזעצט לעבן איר אויפן בעט און גענומען זי גלעטן:

—ניט ד ו ביסט אַזאַ איינע, „מאַ פּטיט סאַלאַנש"*). געבענטשט זאָל זיין דער צופאַל, וועלכער האָט אונדז צוזאַמענגעבראַכט!

איר פּאַסיווע ראָל האָט איר אָבער גיך דערעסן. זי האָט מער ניט געוואָלט ליגן. האָט זי זיך אַ הויב געגעבן, אַוועקגעזעצט זיך לעבן אים אין איר טונקעלער נאַקעטקייט, צוגעטוליעט קאָפּ צו קאָפּ, אַרומגענומען אים. אַזוי האָבן זיי זיך אַנגעקוקט אין לאַנגן צוויבער־שפּיגל אַקעגנאיבער. ער האָט זיי שוין, פון פריער אָן, אויסגעזען ווי אַ נאַענטער, גאָר נאָענטער פריינט, וואָס באַטייליקט זיך, שטומערהייט, אין אַלע זייערע שפּילערייען.

דער עפעקט, אַצינד, איז געווען גאָר אַ באַזונדערער. איר טונקעלע הויט און די ווייסקייט פון זיין לייב האָבן געשאַפן אַ וואונדערלעכן קאָנטראַסט. זייער ביידנס רואיקע פּאָזע האָט פאַרשטאַרקט דעם איינדרוק פון אַ מענטשן־גרויסער סקולפּטור־גרופּע, האַלב פון סאַנדאַל־האָלץ מייסטער־האַפט אויסגעשניצט, האַלב פון בלוי־אָדערדיקן מאַרמאָר אויסגעהאַקט.

---

*) מיין קליינע סאַלאַנש!

— זיך, זיך אַזוי!.. — האָט ער זיך ביי איר געבעטן, — ריר זיך ניט! קוק נאָר! קוק גוט, סאָלאַנש!
www.libtool.com.cn
— איך קוק... מילך און שוואַרצע קאַווע. נאָר באַזונדער... זאָלן מיר זיי נאָכאַמאָל צוזאַמענמישן?

— שטיף ניט, סאָלאַנש! עס פעלט מיר איין אַ געדאַנק. אַ גייע מאָ־לערישע קאָמפּאָזיציע: אַ זון־אונטערגאַנג. אויפן עק הימל, אויף אַן אויס־טערלישן פעלדז, וועלכער איז געפלעקט שוואַרץ און ווייס, פון העלן קוואַרץ און טונקעלן גראַניט, זיצן מיר ביידע, מיט רויט־באַלויכטענע רוקנס צו די גליענדיקע וואָלקנדלעך אין מערב, און מיט באַשאָטנטע פּנימער — צום מזרח. דאָרטן, אין דער גרינלעכער פאַרנאַכטיקער בלויקייט פון הימל, לויכט שוין אַ בלאַסע, שרעקעוודיקע לבנה. די גוססדיקע זון שרעקט זי... זיצן מיר אַזוי ביידע אויפן גרענעץ פון טאָג און נאַכט, האַלב־אַרומגענומען. דו ביסט דער גייסט פון דער נאַכט וואָס קומט אָן; איך — דער פאַר־גייענדיקער טאָג. שוואַרץ און ווייס... מיר האָבן זיך ליב און באַ־קעמפן שטומערהייט איינער דעם צווייטן. אין דיינע אויגן גייט אויף אַ בלוילעכע גרויקייט, ווי אין דער פאַרנאַכטיקער לבנה. און מיינע — זיי־נען שוואַרץ, פּוסט. מיט צעגאָסענע שוואַרצאַפּלען, ווי ביי אַ בלינדן... ווי געפעלט דיר אַזאַ בילד?

— עס געפעלט מיר. עס געפעלט מיר שוין דערפאַר וואָס אונדזער צוזאַמענזיין גייט ניט פאַרלאָרן, פאַרוואַנדלט זיך ביי דיר אין אַ וויזיע. איך וועל דיר העלפן, מיין ליבער יונג, דו זאָלסט זי וואָס גיכער פאַר־ווירקלעכן...

און אינמיטן דריבען צעלאַכט זי זיך גאָר:

— אָ, דיינע קעמלען!

— ווייטער די קעמלען?

— דו האָסט שוין געטרונקען, אָבער זיי, זיי... זיי שטייען און קוקן מיך אַן אַזוי טרויעריק. האָסט שוין אַמאָל באַמערקט וואָס פאַר אַ טרויעריקן מדבר־קוק אַלע קעמלען האָבן?

— אָבער ווער זיינען זיי? שטיפערקע צעלאָזענע...

— די פילע נעכט וועלכע זיינען דיר פאַרלאָרן געגאַנגען אָן גליק, אָן אַ נאָענטער באַרירונג פון אַ געליבטער. זינט דיין ווייב איז פון דיר אַוועק, פאַרלירסטו זיי... גיב מיר זיי!.. שענק זיי מיר אַוועק! — האָט זי אים מיטאַמאָל הייס אַרומגענומען און צוגעצויגן צו זיך — לאָז זיי ניט אַוועקגיין, לאָז ניט! מ י י נ ע זיינען זיי פון איצטער אָן. אָבער אייל זיך ניט אַזוי. ניט־געניטע ליבהאָבער פירן זיך אַזוי אויף. קעמלען, ווי דורשטיק זיי זאָלן ניט זיין, טרינקען פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, זיי קניען

און טרינקען. אַזוי פאַרערן זיי דאָס מחיהדיקע וואַסער נאָך אַ לאַנגן דורשט.
קני זיך אויך פאַר מיר, געליבטער מיינער! — —

www.libtool.com.cn

עס האָט געדויערט אַ היפּשע ווײַלע ביז די ניט־געשטויגענע ניט־געפלויגענע קעמלען האָבן זיך אָנגעטרונקען צו זאַט. ברין האָט דערפילט אַ פוסטקייט אין אַלע ביינער, אַ ציִעניש אין האַרצן. און ווי יעדער פאַרצערטלטער, אויסגעקושטער און איבערגליקלעכער געליבטער האָט ער זיך גענומען פּיעשטשען:

— אָ, סאָלאַנש, איך בין הונגעריק! איצט — אויף אַן אמת הונגעריק...

סאָלאַנש איז גלייך אויפגעשפּרונגען:

— איין מינוטעלע, מיין קינד! באַלד קריגסטו וואָס ניט איז.

זי האָט אויף זיך אַרויפגעכאַפּט איר בלויען געהאָפטענעם שטוב־קאַפּאָט, אירע אויסגענייטע שטעק־שיכלעך, און ער האָט זיך אַלץ גע־פּיעשטשעט:

— ווי אַ מוטער זאָלסטו מיך אָנקאָרמענען. איך וויל עסן פון דיינע הענט. עסן און קושן זיי...

סאָלאַנש איז צו אים צוגעלאָפן, איינגעבויגן זיך איבער זיין קאָפּ און דערלאַנגט ביידע הענט:

— אַן אויפגאָב!.. איך האָב ליב צו פילן דיינע ליפּן אויף מיינע פינגער.

דער בלויער אַטלאַס פון איר שטוב־קאַפּאָט מיט די זילבערנע בראָ־קאַט־בלימלעך האָט זיך איבער אירע שיינע גלידער געגאָסן ווי אַ וואַסער. סאָלאַנש אַליין — טונקל ווי אַ שטיק נאַכט, מיט לבנה־שיין אין די אויגן, און איר כאַלאַט — אַ שטיק טיף־בלויער אויסגעשטערנטער הימל.

— זעסטו — האָט זי אים אויפגעוואָרפן, פילנדיק זיינע וואַרעמע ליפּן אויף אירע הענט — איך האָב דיר שוין פריער אָנגעבאָטן דו זאָלסט עפּעס צובייסן האָסטו זיך אָפּגעזאָגט.

— מען עסט ניט אין שטורעם... — האָט ער זיך צעלאַכט.

— אָבער צווישן איין שטורעם און צווייטן — יאָ.

זי האָט זיך פון אים קוים אָפּגעריסן און אַרויסגעלאָפן פון שלאָף־צימער. און ברין האָט זיך, אין פראַכטפולן בעט, אויסגעצויגן ווי אַ קליי־נער אָריענטאַלישער הערשער, פאַרלעגט די הענט אונטערן קאָפּ און מיט צופרידנקייט געטראַכט פון דער פּלוצלעכער ענדערונג וואָס איז געקומען אין זיין לעבן: פון גרויען אומעט צו אַזאַ אינערלעכער ליכטיקייט, פון איינזאַמקייט צו ברויזנדיקן גליק. עס איז אים געווען אַזוי גוט, אַז ער האָט זיך אַ ביסל געשראָקן — אפשר איז דאָס ניט ממשותדיק, מער טרוים ווי ווירקלעכקייט. און באַלד אפשר וועט דאָס אינגאַנצן פאַרפליען...

אַפילו דאָס פאַרשווינדן פון סאָלאָנשס געשטאַלט אין שפּיגל האָט אַרויס־גערופן אַ פאַרדאַכט, אַז ס׳איז ניט אויף אַ ווײַלע. אַז אַזוי גיך וועט זי פון איר שפּייז־צימער צוריק ניט קומען. האָט ער זיך אַ הויב־געגעבן, געוואָלט לויפן און זוכן זי. נאָר אירע צעוואָרפענע קליידער און וועש אויף אַ פאָטעל האָט אים באַרואיקט אַז זי איז דאָ, זי איז דאָ ווירקלעך געווען און וועט באַלד צוריקקומען... האָט ער זיך ווידער אויסגעצויגן און מיט אַ שלעפערדיקן שמייכל געטראַכט, אַז די זיסע שטונדע וואָס סאָלאָנש האָט אים פאַרשאַפט האָט ער צו פאַרדאַנקען דעם רייצנדיקן געמיש פון יידישער האַרציקייט און פרעמדלענדישן טעמפּעראַמענט, וואָס זי טראָגט אין זיך. דאָס אַרויסזוכן אים, ברינען, פון פּאַריזער טומל, מאָנפּאַרנאַסער רכילות און פון דער פאַרוואָרפנקייט, צו וועלכער זײַן אייגענע פרוי האָט אים געבראַכט, איז געשען פּונקט אַזוי, ווי סאָלאָנשס דערטאַפּן און אַרויסשלעפּן די אַלטע פסחדיקע הגדה פון דער פאַרשטויב־טער עטאַזשערקע, אין זײַן אַטעליע. מיט דער זעלבער ליבשאַפט, ווי זי האָט אַרײַנגעקוקט אין די פאַרגעלטע צאַצקעס פון דער הגדה, קוקט זי אים, ברינען, אַרײַן אין די אויגן. איר ערשטע יוגנט זוכט זי דאָרטן און געפינט זי. דערפאַר איז זי אַזוי דאַנקבאַר. און אירע באַמיאונגען אים גליקלעך צו מאַכן רירן ביז טרערן. איר פאַרפײַנערטע פראַנצויזישע קולטור העלפט איר נאָך אויסצודריקן דאָס אין אַזעלכע ליבע־שפּילערייען, אין וועלכע הייס־בלוט און געמיטלעכקייט לויפן ווער־געלויף.

סאָלאָנש האָט איבערגעשלאָגן זײַנע זיסע גריבלערייען. אַ לייכטע, אַ צוויטשערנדיקע, איז זי צוריקגעקומען, אַ קאַלירטע ווי אַן עקזאָטיש פויגל, וואָס פליט אַן אין נעסט און טראָגט שפּייז פאַר אירע קינדער. דאָס עופעלע וואָס איז דאָ געלעגן אין פּעדערן איז זייער קליין און באַ־שיידן ניט געווען. זײַן אַנטציקונג מיט סאָלאָנשס צוריקקומען איז געווען אַ שטורעמדיקע. דערפאַר איז דאָס סערווירבּרעט אויך געווען אַ נישקשה־דיקע. פון געלאַקט האָלץ, מיט גאָלד־מאַלערייען, ווייס־איבערגעדעקט און באַלאָדן מיט אַלדאָס גוטס, וואָס פראַנקרייך באַט אַן פאַר אַזאַ צופעליקן איבערבײַסן: אַ גוטע פלאַש באָרדאָ, אַ האַלבער לאַנגויסט*), סאַרדינען, לאַקס מיט אַליוון, ראָקפאָר־קעז, גרינער פעלד־סאַלאַט מיט שטיקלעך בוריקעס באַשפּרענקלט, קרוכלע פּענעצלעך ברויט. צוויי פינקלענדיקע ווײַן־גלעזער. אַלץ איז דאָ געווען אַזוי פײַן קאָמבינירט, אויפן באַגרענעצטן אָרט פון טאַץ, אַז עס האָט אויסגעזען ווי אַ מאַלערײַ אין אַ געלאַקטער ראַם. און ס׳איז געווען אַ שאָד אָנצוהויבן און קאַליע־מאַכן אַזאַ קאַלירט־צוזאַמענגעזעצטע מאָזאַיִק.

*) אַ מין לאָבסטער.

— געוואַלד געשריען! — האָט ברין געמאַכט אַ פריילעכן טומל,
www.libtool.com.cn
— ווען האָסטו דאָס צייט געהאַט צו באַווייזן אַזאַ וואונדער?

— ווען דו ביסט דאָ געלעגן און געטראַכט פון מיר... — האָט סאָלאַנש אַראָפּגעלאָזן די לאַכנדיקע אויגן.

— פון וואַנען ווייסטו? — האָט זי ברין פאַרגאַפט אָנגעקוקט.

— אַזאַ רעטעניש ביסטו? כ'האָב שוין שווערערע זאַכן געטראָפן.

— אָבער דורך אַ וואַנט! דורך עטלעכע ווענט.

— גענוג! — האָט זי אויף אים אָנגעשריען, זעץ זיך אַנידער און עס.

3.

זי האָט אויף זיינע קני אַרויפגעשטעלט דאָס פולע סערוויר־ברעט און אַליין צוגעזעצט זיך לעבן אים, צוגעהאָלפן. ברין האָט זיך אַרויפגעוואָרפן, ווי אַן אויסגעהונגערטער וואָלף אויף די גוטע זאַכן, אָבער זי האָט אים דעליקאַט צוריקגעהאַלטן.

— ניט אַזוי גיך, מיין ליבער! און ניט צופיל. מיר וועלן נאָך היינט סופירן צוזאַמען אין אַ גוטן רעסטאָראַן. אַהין וועל איך דיך פירן. דאָרטן זאָלסטו געניסן די וואונדער פון דער פראַנצויזישער קיך און מאַכן קאָמפּלימענטן... ניט מיר, נאַטירלעך.

— אָט די גוטע רעסטאָראַנען! ווי קומען זיי אַלע צו אַזאַ היימישן עסן? בפרט עס איז צוגעגרייט געוואָרן פון דיינע ליבע הענט, סאָלאַנש...

— אָדער פון אַנדערע ליבע הענט... קיין גרויסער אונטערשייד איז נישטאָ, ווען מען האָט ליב. דאָס איז נאָר איין געווירץ. אָבער, אָביעקטיוו גערעדט, בין איך, און אַנדערע ווי איך, ניט מער ווי דילעטאַנטקעס. פאַראַן מייסטער אין פראַנקרייך, מיט טויזנטער אויסגעפּרוּוטע רעצעפּטן פון קעניגלעכע, בירגערלעכע און פויערישע טישן, מיטן גרויסן סאַוואָרען אין דער שפּיץ, וועלכער האָט דעם פראַנצויזישן טיש דערפירט צו אַ הויכער קונסט. איך שטיי פאַר זיין אָנדענקען מיטן גרעסטן רעספּעקט. איך זוך די מוזיק פון געשמאַקן וואָס ער האָט נאָך זיך איבערגעלאָזן. איך זוך זיי אויף אַלע גאַסטראָנאָמישע אויסשטעלונגען, אין די עלטסטע פּאַריזער טאַווערנעס און אומעטום וואו די אמתע טראַדיציעס פון דער פראַנצויזישער קיך ווערן נאָך אָפּגעהיט.

— איך באַוואונדער דיין דורשט נאָך אַזאַ מין סאָרט בילדונג, סאָלאַנש! איך האָב זיך דערמיט קיינמאָל ניט אינטערעסירט.

— אַ שאָד! דו מוזסט דאָס אויך לערנען. און דווקא ווייל דו ביסט אַ קינסטלער. דווקא ווייל אַנדערע קונסטן זיינען דיר ניט פרעמד. עס פעלט דיר אַ שטיק וועלט. ביסט טעמפּ פאַר אַ גאַנצער ריי פון עמפּפינדונגען...

— איך האָב דאָס ניט באַמערקט.

— אַז דו באַמערקסט דאָס ניט האָב איך שוין געזען נאָך מיינע ערשטע פּאַזירונגען ביי דיר אין אַטעליע. איך האָב דערזען דיינע אָרעמע פּאָר טעלער, דיין נעבעכדיקע גאַז־קיך, אין וועלכער דו אַליין שוסטערסט־צוזאַמען דיין עסן. כ׳האָב דיר אַפילו דעמאָלט געזאָגט, אויב דו געדענקסט: „אַך, וואָס קען מען דאָ, אין איילעניש, אַרויפלייגן אויף איין טעלערל אָדער צוויי!..״

— כ׳געדענק. נאָר וואָס איז דער אונטערשייד? — האָט ברין פּריי־לעך געפּאַקט אין ביידע באַקן, — אַבי אָפּפּטרן, זאָט ווערן...

— אָט דאָ האָבן מיר דאָס! — האָט סאָלאַנש פּראָטעסטירט, — „אַבי אָפּפּטרן, זאָט ווערן...״ אַזאַ פּאַראָל שטאַמט אַוודאי פון די גראָבסטע מאַנאַכן, פון כלערליי לייב־אַפּטויטער, פון קערפּערלעכע און גייסטיקע יעוונוכן. עס איז אָבער ניט אָנגענעם צו הערן דאָס זעלבע פון הויך גע־בילדעטע, פון אַרטיסטישע נאַטורן, פון דענקער, און בכלל — פון פיין־פילנדיקע מענטשן, וועלכע לייגן אַ גרויסן ווערט אויף אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט הערן און זען און מיט אַ פיינער נאָז: פון די וואָס שאַצן מאָ־לעריי, סקולפּטור, שניצעריי, בראָקאַטן, בלומען, פּאַרפיומען, ליבע. גראָד אַזעלכע פּאַרנאַכלעסיקן דעם פיינסטן נאַטור־אינסטרומענט, פּאָעטיש גע־זאָגט: דעם ג ו מ ע ן... אַזעלכע שעמען זיך אָפּטמאָל צו ריידן אַפילו וועגן גוטע געריכטן, וועגן איבערקלייבערישקייט, וועגן אויסגעזוכטע גע־שמאַקן... מייסטנס האָב איך דאָס באַמערקט צווישן דיינע „קאָמפּאַ־טריאָטן״*), צווישן רוסן־אידעאַליסטן, וועלט־רעטער און גלאַט אינטע־ליגענטע אימיגראַנטן, וועלכע איך האָב אַ סך מאָל געטראָפן ביי פּראַנסואַ לופען אין זיין קונסט־געשעפט. זיי האָבן זיך כמעט אַלעמאָל געקרימט, ווען מען האָט פאַרפירט אַ שמועס וועגן ראַפינירטע טיש־גענוסן. זיי האָט דאָס שאָקירט, ווי דער גראָבסטער מאַטעריאַליזם, ווי פּאָרנאָגראַפיע, וואָלט מען געקענט זאָגן...

— אפשר פשוטער: ווייל... זיי זיינען קבצנים?

— געווען צווישן זיי אַ סך פאַרמעגלעכע אויך. און אַפילו די האָבן זיך באַצויגן צו טיש־פראַגן, צו דער מוזיק פון געטראַנקען און שפּייזן, ניט בעסער פון דיר. באַצויגן זיך ווי צו ניט־אָנשטענדיקע, פּערווערזעליידנשאַפטן. אַזאַ סאָרט אַסקעטיזם, אַזאַ אומיסטנע פאַרטעמפּונג פון אונדזער רייכסטן געשמאַק־אָרגאַן קען איך ניט פאַרשטיין...

— דו רעדסט, סאָלאַנש, ווי אַ פאַרפירערין, ווי אַ קליינער יצר־הרע רעדסטו!.. אָבער ניט אַלע, מיין טייערע, קענען זיך דאָך אַזויפיל אָפּגעבן מיטן מאָגן...

*) לאַנדסלייט.

— ווער רעדט דאָ פון מאָגן, פאַרלוימדער איינער! דער מאָגן איז נאָר אַ זאַק, אַזוי ווי די געבער־מוטער ביי דער פרוי איז נאָר אַ זאַק אויסצוטראָגן קינדער; אַ בייטל ווי ביי דער קענגורו, נאָר אַ געשלאָסע־נער... די נאַטור אָבער האָט אונדז אויסער דעם געבענטשט מיט וווּנ־דערלעכע רייך־און־גענוס מיטלען, אַריינצונאַרן דאָס קומענדיקע קינד אין זאַק אַריין. ווען ניט די טיפסטע סימפּאַטיעס צום געליבטן מאַן, בענק־שאַפטן, אומאַרמונגען, מינוטן פון העכסטן גליק, וואָלט קיין פרוי זיך ניט אויפגעאָפּפערט אויף אַזויפילליידן, איבלקייט, געבורט־ווייטיקן, בלוט־פאַרלוסטן, און די מענטשהייט וואָלט אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען...

— אָ, סאָלאַנש! דאָס איז דאָך אַ פּראָפּאַגאַנדאַציע! ווי קענסטו פאַר־גלייכן? ליבע און טיש־גענוסן איז ביי דיר איין זאַך?

— איך דערלויב זיך צו פאַרגלייכן. ס׳איז איין און דערזעלבער נאַטור־פּרינציפּ. צוויי באַזונדערע צילן און איין מיטל. כדי אַריינצונאַרן אין זאַק די גויטיקע בוי־עלעמענטן פאַרן קערפּער, האָט די זעלבע נאַטור צוגעקלערט אַ גאַנצע קלאַוויאַטור פון פיינע געשמאַק־נערוון. די פראַגע איז נאָר — וואָס בעסער צו שפּילן אויף אַזאַ אינסטרומענט. פאַר דעם האָט די מענטשהייט געזאָרגט. אין משך פון אַ סך קולטור־דורות געשאַפן וווּנדערלעכע קאָמפּאָזיציעס, אַזוי ווי אין דער קונסט, אַזוי ווי אין דער ליבע. די גוטע קיך איז פּונקט אַזאַ אַטעליע, ווי ביים גייסטרייכן קינסטלער. שוין מיט דעם אַליין טיילט זיך דער מענטש אָפּ פון דער חיה, וועלכע באַ־פרידיקט איר סעקסועלן דראַנג און איר פרעס־לוסט מיט גרויזאַמע מיטלען און מיט צופּיל אויף איין מאָל. די חיה פרעסט זיך איבער ביז צום חלשן. דערנאָך הונגערט זי גאַנצע וואָכן. זי שלאָגט זיך פאַר דער נקבה ביז בלוט, אונטערוואַרפט דעם צווייטן געשלעכט מיט אומגע־צוימטער ברוטאַליטעט. דערנאָך איז זי חדשים־לאַנג גאַנץ גלייכגילטיק צום צווייטן מין, אָדער זי צעגייט זיך מיט אים אינגאַנצן; איבערגעלאָזט ווייב און קינדער דעם בלינדן צופאַל...

— וואו האָסטו דאָס אַלץ געלערנט, ליבע סאָלאַנש?

— אין דערזעלבער שול, וואו איך האָב געלערנט צו פאַרשטיין בעטהאָווענס סאָנאַטן, היידענס אָראַטאָריעס, די האָלענדישע מאָלער און די אַלט־גריכישע סקולפּטורן. פון קינדוויז אָן האָב איך געהאַט אַ ליידנ־שאַפטלעכע נייגונג צו אַנטוויקלען אין זיך די פינף חושים, וואָס די נאַטור האָט מיר געשענקט, און מער ווי פינף... קיין איינעם פון זיי האָב איך ניט פאַרנאַכלעסיקט, אָפּגעהיט, געפּוצט און ריין געהאַלטן. שליסלעך זיי־נען דאָס ניט מער ווי אַפּאַראַטן אויפצונעמען. אויב ניט אַלע — איז אַ גרויסן טייל דערשיינונגען פון אונדזער ליבער וועלט; איינצוזויגן אין זיך די ברכות פון דער ערד און פון מענטשלעכן גייסט. די אויגן — פאַר

www.libtool.com.cn

האַרמאָנישע ליניעס און שפּיל פון פאַרבן; די נאָז — פאַר פיינע ריחות; די שפּיצן פינגער — פאַר סאַמעטענע און זיידענע געוועבן, פאַר גלאַט־קייטן פון האָר און הויט פון די, וועלכע מיר ליבן. אין די קינדער־יאָרן — פאַר אונדזערע עלטערן און ברידער. און ווען מיר זיינען דערוואַקסן — פאַרן מאַן און קינדער... הייסט פאַרוואָס זאָלן מיר אונדזער גומען אויך ניט דערפירן צו אַזאַ הויכן שטאַפּל? צווישן אונדזערע געפילן מוז הערשן פּונקט אַזאַ האַרמאָניע, ווי צווישן אונדזערע קערפּערלעכע ליניעס. און ווען איין נאַטור־געפיל וואַקסט־אויס אויפן חשבון פון צווייטן, איז דאָס פּונקט ווי אַ וואַסער־קאָפּ אויף שמאָלע פּלייצעס, ווי העסלעך־איבערגע־טריבענע מוסקולן ביי פּראָווינץ־אַטלעטן מיט קליינע אויגעלעך און פאַר־וואַקסענע שטערנס. דאָס איז אַ זינד, אמתע זינד קעגן גאָט און נאַטור, וועלכע שטרעבן צו פּולקאָמענקייט.

— אָבער דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ פאַרגרעבט, יאָגט־אָן האָרן־הויט אויף אונדזערע פיינע טאָפּ־נערוון, פאַרשיט מיט שטויב די אויערן און די אויגן מיט סאַזשע פון די גרויסע שטעט.

— קעגן דעם קעמפסטו דאָך אַלס קינסטלער, און נאָך הונדערטער און טויזנטער ווי דו. איר באַמיט זיך צו פאַרבעסערן די וועלט, צו שאַפן פּראַכטפולע מוסטערן פאַר פּראָפּאַגאַנדע און לעבנס־שונדיסטן, זיי זאָלן זיך שעמען אין זייער טיפן האַלדז, זיי זאָלן בעסער ווערן. און איך, מיין ליבער, פּיר־אָן, אין איצטיקן מאָמענט, אַ קאַמף מיט דיר. איך וואָרן דיך, דו זאָלסט ניט פאַרנאַכלעסיקן אַזאַ אידעלן אָרגאַן, וועלכן דו גע־ברויכסט ווייניקסטנס דריי מאָל אַ טאָג. דיין פיין־פּיליקן גומען, מיין איך...

— וועסט דאָך דריי מאָל אַ טאָג ניט לויפן אויף קאָנצערטן, מיין גוטע סאָלאַנש!..

— אָבער איינמאָל אַ וואָך — יאָ. אויב ניט אַ קאָנצערט איז אין אַ קונסט־מוזעאום, אַן אויסשטעלונג; דאָס מאַכט ברייטער דעם האָריזאָנט, וועקט אויף די לוסט צום לעבן. צו די דאָזיקע קאָנצערטן געהערט אויך דער גוטער טיש, מיט אַלע זיינע פאַרבן, טעמים און ריחות...

— ניט קיין שלעכטע אידייע, אויף מיין וואָרט! אַזאַ מין קאָנצערט האָב איך שוין אַמאָל געהאַט: ביי מיין מאַמען אין שטוב, אַלע שבת... מיינע פרומע עלטערן און אור־עלטערן זיינען שוין דערצו דערגאַנגען. אפשר מיט זייער נאַציאָנאַלן אינסטינקט.

— און דאָס אפשר האָט זיי דערהאַלטן ביים נאַציאָנאַלן לעבן... וואונדערסט זיך? איך בין זיכער. ניט ווייניקער ווי דאָגמען, ניט ווייניקער ווי די הייליקסטע געבאָטן.

www.libtool.com.cn

— ביסט אַנטציקנדיק, סאָלאַנש! ווי אַ סיביליע*) רעדסטו...
www.libtool.com.cn
אָבער זאָג מיר דעם אמת: שבתדיקע געריכטן האסטו שוין אַמאָל פאַרזוכט?

— וואָס האָט דאָס צו טאָן?

— עפּעס רעדסטו מיר צו־זיכער פון מיינע „שבת־קאָנצערטן"...

— בין עטלעכע מאָל געווען איינגעלאַדן צו יידישע טישן. מיין פאָטערס עלזאַסער קרובים לעבן נאָך...

— רוף מיר אָן זאכן ביים נאָמען?

— „צאָלינט", „קוגיל"...

— אָן אַנטיק! ווייטער!

— „צימים", „פּיציאַ"...

— גאָלד און זילבער! האַ־האַ... נו, און „רעטיך מיט סמאַליץ", „געהאַקטע לעבעריל"... שעם זיך ניט, סאָלאַנש! פּלאַפּל אַרויס!

— יאָ, יאָ. איך דערמאָן זיך. ס׳איז נאָר געווען אַ ביסעלע צו פעט...

— שווענק אַראָפּ! אַ טרונק וויין!

— פון ד י י ן גלאָז...

.4

דאָס „איבערבייסן" האָט זיך אַזוי פאַרצויגן און געהאַט פאַר ברינען אויסערגעוויינלעכע טעמים, ווייל עס איז געווען געווירצט מיט סאָלאַנשס נאָענטקייט, מיט אירע קלוגע רייד, מיט אירע ליב־געזאַנגען פאַר אַ גוטן אַפּעטיט מיט אַ גוטער קיך צוזאַמען, מיטן שיין פון צוויי פאַר פאַרליבטע אויגן, מיטן טרינקען פון איין גלאָז און מיט פיינע שטיפּערייען.

— אַך, סאָלאַנש! — מאַכט ברין, צעקייענדיק אַ גרין הייפּל מיט לימאָן־באַשפּריצטן און מיט פרילינג־שמעקעדיקן פעלד־סאַלאַט, — ביסט אַ צויבערין! איך הויב ביי דיר אָן צו פאַרזוכן דעם טעם פון אונדזער וועלט... ביז איצטער, דאַכט מיר, האָב איך געשוועבט אין די וואָלקנס. אויף גאָטס ערד האָסטו מיך אַראָפּגעבראַכט. איך האָב נאָר מורא, אַז ס׳איז אַ חלום. אַז דאָס וועט באַלד פאַרשווינדן.

— פון די וואָלקנס קען מען אַראָפּפאַלן. אָבער אַז מען כאַפּט זיך אויף דער ערד —

— קען מען זיך פאַרבלאָנדזשען.

— האַלט זיך אָן מיר! איך וועל דיך פירן...

— און ניט פאַרפירן?

---

*) אַ דיכטערין, וואָרזאָגערין פון אַמאָליקע צייטן.

— ניין, דעם וועג צוריק אַהיים, צו דיין אַטעליע, וועל איך דיר אַלעמאָל ווייזן. איך וועל דיך באַלד אָפּפירן ביז צו דיין טיר...

www.libtool.com.cn

— פאַרוואָס רעדסטו אַזוי?

— דו האָסט דאָך מורא...

ער האָט איר אַריינגעקוקט אין די אויגן:

— אַ ביסל יאָ.

— האָסט ערשט אָנגעהויבן און טראַכטסט שוין פון סוף, די שפּיל־פאַרדאַרבער!

— איך וועל מער ניט טראַכטן.

— איך גלויב דיר ניט. ביסט אַ גריבלער. מען דאַרף דיר אַלעמאָל צעשטרייען... ווייסטו וואָס מיר פעלט איין?

— יאָ?

— אויסגעבן דעם אויפגאַב, וואָס דו האָסט באַקומען, פאַר דיין „גרינער נאַכט"...

— עס געהערט דיר, אַזוי ווי מיר.

— עס זאָל אינגאַנצן אַוועקגיין אויף דיין דערציאונג, ווי אַזוי צו פאַרבלאָנדזשען זיך פון דערהיים און ווי אַזוי קומען צוריק...

— אָנגענומען!

— איך וועל דיך פירן און נ י ט פאַרפירן... און איצטער גענוג צו נאַשן, דו! כ'האָב דיר דאָך שוין געזאָגט: מיר סופירן היינט צוזאַמען, אין אַ פאַר שעה אַרום.

זי האָט אַ הויב געטאָן דעם טאַץ מיט די ליידיקע און האַלב־פולע טעלערלעך. נאָר ברין האָט זי צוריקגעהאַלטן:

— וואַרט, — מאַכט ער, אָנווייזנדיק מיטן גאָפּעלע אויף אַ ראָזעווו בערגעלע לאַקס, מיט גרינער פּעטראַזיליע באַשאָטן און מיט שוואַרצע אַליוון אַרומגעלייגט, — איך פאָלג דיך! איך באַהאַלט די בעסטע העלפט פון מיין אַפּעטיט אויף שפּעטער. נאָר אָט דאָס דאָ דערמאָנט מיך אָן עפּעס. עס האָט אַ צוזאַמענהאַנג מיטן שטיק באַטעמטן לאַקס, וועלכן דו האָסט אַזוי פיין גאַרנירט און צו וועלכן איך האָב זיך אַפילו ניט צוגע־רירט. איך פאָלג דיין פאַראָרדנונג... עס איז אָבער פריער געווען אַן אומרעכט פון מיר צו פאַרזיכערן דיר, אַז איך האָב קיינמאָל ניט פאַרזוכט דעם טעם פון ליבע אַזוי ווי מיט דיר. אַן ענלעכע איבערלעבונג האָב איך שוין איינמאָל געהאַט. און איצטער קענסטו דאָס אַלץ אַוועקנעמען. זעץ זיך צו מיר צו נעענטער, און לאָז מיך דיך אַרומנעמען. אָט אַזוי, טייערע! דיינע ליפּן?

פערטער קאַפּיטל

www.libtool.com.cn

ווי אַזוי מען פאַנגט לאַקס*)

.1

— אַ גרויסע נאַכט האָב איך דעמאָלט איבערגעלעבט — אַזוי האָט ברין דערציילט, טולענדיק סאָלאַנשס פּאַרליבטן קאָפּ צו זיך — אַ נאַכט פון נייע איינדרוקן און נייע וועלטכצן. מערקווירדיקע געשמאַקן זיינען צו מיר געשטיגן פון דער אויפגעוואַכטער ערד און פון אירע פרילינג־טייכן. אין יענער נאַכט האָב איך, ביזקל וואָרצל פון יעדן נערוו, דערפילט אַז איך לעב אויף דער וועלט; אַז מיין זעל, אַזוי ווי אַלע מיינע גלידער, זיינען פול מיט גליק, אַזוי ווי אַ צייטיקער אָראַנזש — מיט זאַפט; אַז אַלץ איז פאַר מיר און ניט אומזיסט בין איך געבוירן געוואָרן. די שפּע פליצט פאַר אַלעמען, ווער עס האָט אויגן און אויערן. מען דאַרף נאָר אונטערשטעלן דעם בעכער. און דער בעכער בין איך. ניין, ניט איך אַליין...

— דיין ווייב אויך... — האָט סאָלאַנש אונטערגעכאַפּט שטיל און אייפערזיכטיק.

— מיין געוועזענע אויך... — האָט ברין צוגעשטימט מיט אַ באַזונדער באַטאָנונג — אָבער ניט זי, ווייסט גאָט, האָט דאָס דעמאָלט די ערשטע אַרויסגערופן אין מיר די באַגייסטערונג פאַר דער נאַכטיקער וועלט און פאַר די גליקן וואָס דרעמלען אין אַזאַ נאַכט, נאָר אַן אויסערגעוויינלעכער פיש־פאַנג, ביים שיין פון לאַמטערנעס. און ניט קליינע פיש־לעך ביים ברעג טייך, נאָר ריזיקע זילבער־לאַקסן, אינמיטן אַ מעכטיקן שטראָם, האָבן מיר דעמאָלט געפאַנגען. דערנאָך ערשט איז געקומען דער פאַנג פון הערצער... דאָס וועט דיר ניט לאַנגווײַלן?

— אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט ליבע און פירט צו איר — לאַנגווײַלט מיך ניט. קיינמאָל ניט...

— איז הער מיך אויס, מיין שוואַרץ־גאָלד! מיט אַ דריי יאָר צוריק, אַ קורצע צייט נאָך מיין חתונה, בין איך מיט מיין געוועזענער פרוי אָפּגעפאָרן פון פּאַריז, כדי צו באַפרייען זיך פון שטאָט־טומל, כדי אָנצונעמען זיך מיט נייע איינדרוקן. האָב איך זיך פאַרבלאָנדזשעט, אומיסטנע פאַרבלאָנדזשעט זיך, אין אַ פאַרוואָרפן דערפל אויף דער לוארע, שאַפּעל־אַ־נאָ האָט דאָס דערפל געהייסן, אַ שעה אָנדערטהאַלבן פון טור,

*) סעמאָן.

www.libtool.com.cn

קעגנאיבער דעם שטעטעלע לאַנזשע. אַן אייזערנער הענג־בריק האָט
דאָרף און שטעטל פאַרבונדן. לייכט אַזוי ווי אַ קרוזשעווע, דאַכט זיך,
אָבער ניט ווייניקער סאָליד ווי די אַלטע שווערע בריקן, פון שטיין גע־
בויטע, מיט געמויערטע קאָזלעס. די לואַרע, ווייסט דאָך אַוודאי, איז דער
גרעסטער און רייכסטער שטראָם אין גאַנץ פראַנקרייך, הויבט זיך אָן
אין די צענטראַלע בערג, לויפט דורך די פרוכטבאַרסטע און עלטסטע
דעפּאַרטאַמענטן און פאַלט אַריין, נאָך קנאַפּע טויזנט קילאָמעטער, אין
אַטלאַנטישן ים אַריין, ניט ווייט פון סען־נאַזאַר — איינער פון די עלטסטע
האַפנס. מיר זיינען פריער אַרומגעפאָרן איבער אַלע דעפּאַרטאַמענטן, וואָס
די לואַרע שווענקט דורך: בלואַ, סעמיור, אָרלעאַנס. דאָס זיינען די
עלטסטע שטעט, ניט נאָר אין פראַנקרייך, נאָר אויך אין דער יידישער
געשיכטע... מיר האָבן דאָרטן אומעטום פאַרזוכט די בעסטע ווייַנען,
פאַרביסן מיט די געשמאַקסטע געבראָטנס, אויסגעשלאָפן זיך אין די
ברייטסטע און באַקוועמסטע בעטן פון פאַר הונדערטיאָרן; און מידע
און גליקלעכע אַריינגעטראָפן אין פישער־דאָרף וואָס איך האָב דיר פריער
דערמאָנט. עס איז געווען סוף ווינטער־צייט. און גוטע פריינד האָבן
אונדז געעצהט גיין אין ענדער־און־לואַרע דעפּאַרטאַמענט, כדי,
אין איינזאַמקייט און ווייט פון וועלכער ניט איז גרויסשטאָט, צוזען ווי דער
גרויסער טייך באַפרייט זיך פון אייז. מען האָט אונדז דערציילט, אַז די
קריע, וועלכע גייט דאָרטן, איז גאָר אַ באַזונדערע. דער שטאַרקער שטראָם
גייט דאָרטן, אין דער טיף, אַ קאַרעהאָד און בילדעט אַ סך דריי־פּונקטן.
די קריע ווערט מיטגעשלעפּט אין אַן אומאויפהערלעכן פריילינג־טאַנץ,
זי שלייפט זיך עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד ביז זי צעשיט זיך אין רונדע
שטיקער, און פון די שטיקער ווערן געוואַלטיקע פּרעזענטיר־טעלער באַ־
לאָדענע מיט שניי און מיט קרישטאָלענע ראַנדן אַרומגעזוימט. גאַנצענע
טעג און נעכט גייען אַזוי מיטן שטראָם זילבערנע ריזן־טעלער, טיפע און
פלאַכע און פאַנטאַסטישע פון כלערליי מאָדערנע שולן: קוביסטישע, דאַדאַ־
איסטישע, אימפּרעסיאָניסטישע... מאַנכע פון זיי טראָגן אויף זיך טירן,
שיפלעך, שטיקער געהילץ, כלים און אַלץ וואָס זיי האָבן ערגעץ־וואו
אָנגעראַבעוועט אין אַ פאַרפלייצטן ברעג־ישוב. עס איז אַ גראַנדיעזע און
הומאָריסטישע פאָרשטעלונג, וואָס די נאַטור שפּילט אָפּ. מיט אַ געקלימ־
פּער פון גלעזערנע טאַצן און מיט אַ געקלאַנג פון צעבראָכענע „טעלער"
טראָגט זיך דאָס אין גרויסן ים אַריין...

מיר האָבן זיך געאיילט. אָבער דעם גרויסן טעלער־מאַרש האָבן מיר
דאָסמאָל פאַרשפּעטיקט. דער פרילינג האָט זיך אַ ביסל צוגעאיילט, די זון
האָט ניט געקוקט וואָס עס שטייט געשריבן אין קאַלענדאַר און האָט גע־
וואַרעמט אויף וואָס די וועלט שטייט. און ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין

www.libtool.com.cn

דאָרף זיינען שוין פון די גרויסע טעלער געבליבן טעלערלעך, מיני־טיר־טעצלעך פון אַ ריזן־באַלעבאַטישקייט. און אויך די זיינען שוין געווען אָנגעשפּאָלטן, און די אָנגעראַבעוועטע כלים, פון די נאָענטסטע דערפער, האָבן, שוימענדיק, געבראָכן די רעשטלעך טאַצן; דורכגעבראָכן, אַריינגעפאַלן אין וואַסער און ניטאָ.

דאָס געוויסער האָט גענומען אַרבעטן, צעגאָסן זיך. און ביי אייניקע פויערים אין דאָרף, וואו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָבן די אָנגעשוואָלענע אונטערערדישע שטראָמען אויפגעבראָכן פּאָדלאָגעס, געבילדעט גאַנצע פאָנטאַנען. די קי האָבן געמעקעט, די הינער האָבן געקוואָקטשעט, די קינדער האָבן געקוועלט און געטומלט. און די דערוואַקסענע זיינען אויך ניט אָפּגעשטאַנען. מען דאַרף קענען די פראַנצויזן, זייער געבוירענע פריילעכקייט, כדי צו פאַרשטיין ווי אַזוי זיי פאַרוואַנדלען יעדע שטיקל קאַטאַסטראָפע, אויב זי איז נאָר ניט צו גרויס, אין אַ שמחה. מען זינגט און מען פּאָמפּעט, מען כאַפּט אַ גלאָז ווין און מען רייניקט דעם אָנגעטראָגענעם קליי פון שטראָם. איך האָב צוגעלייגט אַ האַנט און געהאָלפן, וואו נאָר איך האָב געקענט. געשעפּט און געבעזעמט, געטרונקען און געוויצלט זיך צוזאַמען מיט די האַרעפּאַשנע דאָרפישע לייט. דאָס האָט מיך אין איין טאָג אויסגעבונדן און באַפריינדעט מיט זיי אַלעמען. דער מער*) פון דאָרף איז געווען דער ערשטער וועלכער האָט מיך, מיט מיין פרוי, איינגעלאַדן אויף אַ גלאָז ווייסן סעמיור־ווין, וואָס ברויזט אַזוי גוט ווי שאַמפּאַניער און איז געשמאַקער ווי אַ סך מאַרקן, וואָס מען דערלאַנגט אין פאַריזער רעסטאָראַנען אונטער באַזילבערטע הייבל־קאָרקעס, אין באַזילבערטע עמערלעך, מיט אַ קנאַק און מיט פּאַראַד און מיט צערעמאָניעס, און מען הייסט באַצאָלן אַ הונדערטער פאַר אַ פלאַש...

מיר האָבן שוין געהאַלטן ביים פאָרן צוריק קיין פאַריז, אָבער די וואָנסיקע פישער פון יענעם דאָרף האָבן אונדז גאַסטפריינדלעך געראַטן צו בלייבן נאָך אַ שטיקל צייט, כדי צו פאַרזוכן די בעסטע פרילינג־פיש, וואָס וועלן באַלד אָנהויבן גיין פון אַטלאַנטיק קעגן שטראָם, כדי צו וואַרפן זייער רויג אין די זיסע וואַסערן פון דער לואַרע. אַזעלכע פיש — האָבן זיי געזאָגט — וועט איר אין פאַריז ניט האָבן. עס איז דערזעלבער אונטערשייד, האָבן זיי אונדז באַלערנט, ווי עסן צייטיקע אויבסט פון בוים, אָדער פון קאָרב, וועלכע שלעפּט זיך אין וואַגאָנעס, וואַלגערט זיך אויס אין קעלערס און אין קראָמען, ביז עס קומט צום טיש. ניט דערזעלבער טעם און ניט דערזעלבער ריח. כדי איינגאַנצן איבערצייגן אונדז, אַז דער סעזאָן, פון פיש דערנענטערט זיך, האָבן זיי אונדז אָנגעוויזן אויף אַ מערקווירדיקן

*) מעיאָר.

www.libtool.com.cn

פויגל, מיט מעטאַל־גרינע פעדערן, ווי מיט גאָלד און גרינשפּאַן באַ־
פאַרבט. אַ בערך קליין פויגל איז דאָס, ניט גרעסער פון אַ וואָכיק־טייבעלע,
נאָר מיט אַ גרויסן פּלאַטשיקן קאָפּ, מיט אַ געקאַרבטער טשופּרינע, מיט
אויגעלעך פון אַ מזיק און מיט אַ שנאָבל — שאַרף ווי אַ נאָל. ווי אַ גרינער
בליץ פליט אָט דאָס נפשל דורך. עס זעט פאַר אַ מייל. און ווי פלינק אַ פישל
זאָל ניט זיין, אין די פלאַכע ברעג־וואַסערן, איז אָט דער קליינער יעגער
נאָך פלינקער. ווי אַ פייל לאָזט ער זיך אַראָפּ און טרעפט דעם פישל אין
קאָפּ אַריין ווי מיט אַ טשוואָק. זיין גרויסע קעפּל מיטן קורצן מוסקולדיקן
האַלדז דינען אים דערביי ווי אַ שוסטער־האַמער. אַזוי ווערט דאָס פישל
דערשטאָכן און אַוועקגעטראָגן.

— און ווי הייסט ער, דער גרינער חברה־מאַן?

— מאַרטען־פּעשער!.. — האָבן אונדז די דאָרף־לייט אויסגע־
זונגען אין איין כאָר — „מאַרטען דער פישער" הייסט דאָס. דער דאָזיקער
גרינער פיש־נביא, וויבאַלד ער באַווייזט זיך איבער דער לואַרע, איז
אַ סימן אַז די ים־סטאַדעס הויבן אָן שפּאַרן פון דעם געזאַלצענעם אָקעאַן־
אויסגוס אַרויף צו די זיסע וואַסערן.

און דאָס איז געווען ריכטיק. באַלד האָבן די ברעגעס פון דער לואַרע
גענומען ווימלען מיט קליינע און מיטעלע פיש מכל המינים. דאָס זיינען
געווען די געוויינלעכע תושבים, וועלכע זיינען אַרויסגעשטויסן געוואָרן
פון מיטן שטראָם דורך די ריזיקע געסט, וואָס דאַרפן באַלד אָנקומען,
וואָס גייען שוין ערגעץ־וואו... יונג און אַלט זיינען געשטאַנען אויף זאַמד־
אינדזעלעך, אויף שטיינער, אויף קלעצער און געכאַפּט פיש מיט וואודעס,
מיט רעשעטעס און מיט שעפּ־נעצן, וועלכע הויבן זיך אויף און לאָזן זיך
אַראָפּ ווי גרויסע וואָגשאָלן. געכאַפּט האָט מען שלייענס, זומער־קאַרפּן,
געבערדלטע פישן, אָקונעס און העכט... די אַלטע פישער האָבן זיך
אָבער מיט אַזאַ „קליינוואַרג" ניט געוואָלט ברודיק מאַכן די הענט. זיי
האָבן דאָס איבערגעלאָזן פאַר די ניט־דערוואַקסענע זין און פאַר די אַל־
טיטשקע לייט. זאָלן זיי זיך שפּילן, זאָלן זיי אויך פאַרדינען אַן איבעריקן
פראַנק... ז י י ע ר אייגענע אַרבעט, זייער געניטקייט און זייערע כוחות
האָבן זיי איבערגעלאָזן פאַר די ריזן, וועלכע וועלן גאָר אינגיכן אָנהויבן
שפּאַרן אַרויף וואַסער, געגרייט זיי אַ קבלת־פּנים גאָר אויף אַ באַזונדער
אופן און מיט גאָר אַן אַנדער פאַרנעם. זיי האָבן געריינִיקט זייערע ניט־
גרויסע, אָבער שווערע באַרזשעס, גרין געפאַרבט, מיט פּלאַטשיקע אונטער־
דעקן און מיט קליינע קאַיוטעס פוןביידע זייטן. אויף די באַרזשעס —
געלאָדן לאַנגע נעצן, שווערע און לייכטערע, מיט געדיכטע און שיטערע
לעכער, פון דורכגעפּעכטער, דריי־פּאַך געאָדערטער פּענקע געשטריקט,
האַלב מיט בלייענע קנוילן באַשווערט און האַלב — מיט גרויסע שטיקער

פּראָפּקע־האָלץ אַרומגעזוימט. איבער דער אָנגעפּאַלדעוועטער מאַסע פון נעצן — אַרויפגעשלעפּט הויכע קיילעכדיקע דראָנגעז, גלייכע ווי טעלעגראַף־סלופּעס און מיט אײַזערנע שפּיצן באַשמידט. די בלעכענע קוימענדלעך איבער די קאַיוטעס האָבן אָנגעהויבן רויכערן. אַ ריח פון געשמאָלצענעם פעך האָט זיך צעטראָגן איבערן ברעג. דאָס האָט מען געקאָכט סמאָלע מיט דזיעגאַכץ, כדי צו פאַרגיסן די לעצטע שפּאַלטן אויפן דנאָ פון די באַרזשעס, וועלכע מען האָט שוין פריער געהאַט פאַרקלאַפּט און פאַרדלאָטעוועט מיט פלאַקס.

בין איך נייגעריק געוואָרן:

— וואָס איז ד אָ ס? און וואָס איז י ע נ ס? און וואָס זייבען דאָס פאַר אַ מאַכערייען אַזעלכע?

דער עלטסטער פון די פישער, מאָסיע דעשאַן האָט ער געהייסן, דער גאַנצער אָנפירער פון די דאָזיקע הכנות, האָט מיר, מיט כמורנער גוטמוטיקייט, אַ בורטשע־געטאָן אין זײַנע געדיכטע וואָנסעס:

— איר וועט שוין זען!

און איך האָב געזען: קודם־כל האָט דעשאַן מיט זײַנע בנים איבערגעשניטן די גאַנצע ברייט פון דער לואַרע מיט די לאַנגע סלופּעס. ער האָט זיי מיט די אײַזערנע שפּיצן אַרײַנגעזעצט טיף אין גרונט פון טייך; פון איין ברעג ביזקל אַנדערן אַוועקגעשטעלט זיי אין איין שערענגע. מיט גראָבע שטריק געפּענטעט זיי איינעם צום צווייטן און פאַראַנקערט אויף ביידע ברעגעס. דעם דאָזיקן סקעלעט פון אַ צוים האָט ער איבערגעצויגן מיט אַ ברייטער און אויסטערלישער נעץ, וועלכע איך האָב נאָך קיינמאָל אין מײַן לעבן ניט געזען. ווײַל יעדער פּירקאַנטיקע לאָך אין איר האָט געהאַלטן אַ פוס־אָנדערטהאַלבן אין קוואַדראַט. ניט ווייניקער. די דאָזיקע נעץ איז געווען דיק געשטריקט און שטאַרק אָנגעצויגן פון דער וואַסערטיפעניש ביזקל דער העלפט פון די זיילן, איבערן וואַסער, און אַ ר אָ פּ שטראָם. פונדערוויטנס האָט זיך געקענט אויסדוכטן, אַז דאָס זײַנען גאַנצע עטאַזשן פון צעצויגענע און פּוסטע פענצטער־רעמלעך... הינטער אָט ד ע ר נעץ, אויפן צווייטן זײַט פון די זיילן און אַ ק ע ג ן שטראָם, איז געווען פאַרוואָרפן אַ צווייטע נעץ, ניט קיין שוואַכערע, נאָר אַ געדיכטע, אַ ווייכע און זייער אַ לויזע; מיט די בלייענע קנוילן אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער און מיט די שווימענדיקע שטיקער פּראָפּקע־האָלץ פון אויבן. אַזוי־אַרום איז פון ביידע נעצן געוואָרן איין דורכזיכטיקער פלאַנקען, וואָס איבערן טייך אין דער לופטן זעט מען אים יאָ, נאָר אינעווייניק, אין טיפן שטראָם, שמעלצט ער זיך אויף מיט די לויפנדיקע וואַסער־קנייטשן. ווער רעדט, ווען עס הויבט זיך אָן צו טונקלען, איז זייער שווער געווען צו דער־

www.libtool.com.cn

קענען וואָס ניט איז. ס׳האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן, ווי אַ שפּינוועבס, מיט דער נאַכטיקער פינצטערניש.

www.libtool.com.cn

— וואָס־זשע איז דער שכל? — בין איך ווידער נייגעריק געוואָרן ווען דער נעצן־צוים איז פאַרטיק געוואָרן — מיט אַזעלכע פּרימיטיווע מיטלען, מאָסיע דעשאַן, קען מען כאַפּן אַזעלכע ריזיקע פיש ווי די לאַקסן זיינען? אַ פינף־זעקס פּוס, האָב איך געהערט, האַלט אָפּטמאָל אַ דערוואַקסענע לאַקס...

— ביז אַכט און צען פּוס אויך... — איז דעשאַן ניט נתפּעל געוואָרן — און דער שכל איז אַ פּראָסטער: די סטאַדעס מיט לאַקסן קומען אַן קעגן שטראָם. בייטאָג זעען זיי אין וואַסער ניט ערגער ווי מיר אין דער לופט. אַנגעקומען אין אונדזער געגנט באַמערקן זיי שוין פונדערווייטנס, אַז עפּעס איז דאָ ניט אין אָרדענונג; אַז די טיפעניש פון טייך איז דורכגעשטריקט... רודערן זיי מיט די שווים־פליגלען אויף איין אָרט און גייען ניט ווייטער. קומט אָבער אָן די נאַכט, צעגייען זיך די נעצן ווי אַ רויך. אַזוי, ווייניקסטנס, מיינען אונדזערע געסט... גיבן זיי זיך אַ יאָג און אַ שפּאַר, מיט דער גאַנצער געשלעכטלעכער קראַפט, וועלכע יאָגט זיי הונדערטער קילאָמעטער פון ים אַרויס צו וואַרפן זייער רויג אין אונדזער זיסער לוארע. דער רעזולטאַט איז זייער אַ טרויעריקער פאַר זיי און אַ פרייליכער פאַר אונדז. ווי מיט שטויס־דראָנגען זעצן זיי, מיט זייערע אייגענע קעפּ, די לויזע געדיכטע נעץ דורך דער צווייטער, מיט די גרויסע אָנגעצויגענע לעכער וואָס איר זעט דאָ. און... פאַלן ווי אין טיפע זעק אַריין, פון וועלכע זיי קענען צוריק מער ניט אַרויסקריכן. וואָס מער זיי שטויסן פאָראויס, אַלץ לענגער און שמאָלער ווערן די געשטריקטע פאַסטקעס. די בלייענע קנוילן, אויפן דנאָ פון טייך, און די שווימענדיקע העלצלעך אויבן לאָזן צו־ווייט ניט גיין... טאָמער דרייט זיך אַ חכם אַ לאַקס אויס און שטויסט צוריק, אַראָפּ שטראָם, פאַלט ער מיט זיין זאַק אַריין אין אַ צווייטן לאָך און פאַרפּלאָנטערט זיך נאָך מער. דער נאַסער קבר, וואָס ער אַליין האָט זיך געגראָבן, ווערט דערפון געשלאָסן פון ביידע זייטן... ביים שיין פון לאַמטערנעס שלעפּן מיר די געפאַנגענע פון וואַסער אַרויס. די קלענערע און שוואַכערע — מיט די בלויזע הענט. פון די לאַנגע זעק גלייך אין שיפן אַריין. אָבער די גרויסע און שטאַרקע מוזן מיר, אָפּטמאָל, פריער דערהרגענען. מיט אַ שטילעט אין קאָפּ און פאַרטיק! אַנדערש איז אַ סכנה. מיט איין זעץ קען אַזאַ אָנגעלעגטער גאַסט איבערברעכן אַן אָרעם, ווי מיר — אַ ברויטל...

— און ווי אַזוי ווייסט איר, אַז די געסט זיינען אָנגעקומען? איר זיצט דאָך מסתמא אין די באַרזשעס און וואַרט.

— און איר, מאָסיע, האָט שוין אַמאָל ניט דערהערט אין דאָרף ווען

www.libtool.com.cn

מען קלינגט אויף אַ שׂרפה ?.. אַ־האָ ! איך דאַרף הערן וואָס פאַר אַ חתונה יעדער געפאַנגענער שפּילט אָפּ ! ווער רעדט אַז עס קומט נאָך אַז אַ גאַנצע כאַפּטע מיט איין מאָל, ווען אַלע ווי איינער פאַרבינדן זיך אַליין די זעק איבער די עקן... ס׳איז אַ גאַנצע ערד־ציטערניש. די לואָרע קאָכט אַרום אונדז... מיין פאַרשטאָרבענער פאָטער האָט מיר דערציילט, אַז איידער דער ים אַרום סאַן־נאַזער איז נאָך ניט פאַרעיפּושט געוואָרן מיט פעטראָל און אָפּפאַל פון די קריגשיפן, זיינען געגאַנגען אַזעלכע סטאַדעס לאַקסן, אַז איין צוים אַזאַ איז געווען ווייניק. מ׳האָט די סלופּעס מיט נעצן געמוזט פאַרטאָפּלען. און אויך דאָס האָט אָפטמאָל ניט אויסגעהאַלטן דעם האַסטיקן אָנדראַנג... אַצינד, גאָט צו דאַנקען, איז די אַרבעט געוואָרן לייכטער. ווייניקער קונדן און מער פאַרדינסטן.

איך בין צום אַלטן פישער צוגעשטאַנען ער זאָל מיך נעמען אויף אַ פאַנג. מיר האָט זיך פאַרגלוסט דורכצומאַכן אַ נאַכט אויף זייער באַרזשע. איך האָב אַפילו פאָרגעשלאָגן צו באַצאָלן פאַרן פאַרגעניגן. וויפיל וויל ער ?

דעשאַן האָט זיך אַ קאַפּעלע באַליידיקט. פאַר אַזעלכע פאַרגעניגנס נעמט ער ניט געצאָלט. בפרט, איך וועל דאָך מסתמא ניט זיצן מיט פאַר־לייגטע הענט און צוזען. ער האָט מיך געזען ווי איך העלף די דאָרף־לייט בשעתן געוויסער. ער קען מענטשן... נאָר איין זאַך מוז ער מיט מיר אָפּריידן, גלייך אויף אַן אָרט : מיין ווייב, מאַדאַם ברין, זאָל בלייבן אינדערהיים.

ער האָט עפּעס פאַרשמיצט אַ שמייכל געטאָן אין די וואָנסעס און צו־געגעבן :

— מיינע זין נעמען אויך ניט מיט זייערע ווייבער, אויפן ע ר ש ט ן פאַנג. די ווייבער ליגן אין די בעטן און וואַרטן...

— אויף וואָס וואַרטן זיי ?

— זיי ווייסן שוין אויף וואָס צו וואַרטן. די מענער ברענגען זיי פון ערשטן פאַנג אַ זעלטענע מתנה. איר — אייער בלאָנדער ווייב — וועט דאָס מסתמא אויך ברענגען. נאָר איילט זיך ניט. מיין ליבער פריינד ! די לאַקסן, מיט די זילבערנע פאַנצערס, זיינען גרויסע מיוחסים. איידער זיי קומען־אָן — שיקן זיי פאָראויס זייערע יעגערס — אויך ניט פון שוואַכן מין, ניט צו פאַרזינדיקן ! יעדער פון זיי אַ צוויי־דריי פוס די לענג... דאָס זיינען די אַ ל אָ ז ן — אַ פיש אַזאַ, וואָס קומט אויך אָן פרילינג־צייט אין אונדזערע וואַסערן. זיי זיינען לייכטער אויפן שווים און לויפן פאָראויס, ווי די ציגן פאַר די קי. דאָס זיינען חברה־לייט מיט צוויי פיילנדיקע עקן און מיט שאַרפע שווים־פליגלען ווי די מעסערס, מיט אַ שפּיציקער מאָרדע און מיט אַ גלאַטער הויט אָן שאָלעכצן. ווי

www.libtool.com.cn

אַרויסגעשאָסענע פּיילן קומען זיי אָן. זייער פליישׁ האָט אין זיך, לויט מיין מיינונג, מער טעם ווי לאַקס־פּילעי, אין וועלכן די פּאַריזער זיינען אַזוי פאַרקאָכט. די אַלאָזן האָבן אַ טעם פון אַ גוטן לאַבסטער, נאָר אַ סך דעליקאַטער. ווי פּאָרעלן און קרעוועטן*) צוזאַמען. דער פליישׁ־קאָליר איז אויך אַן איידעלער, אַ ראָזעווער, ווי אַן אויפגעשניטענער פערסיק. איין פעלער האָט ער נאָר, דער אַלאָז: ער איז דורכגעצויגן מיט אַ סך דינע און האַרטע ביינדלעך. אין דעם ליגט זיין גבורה, זיין אויסגעהאַלטנדינע קייט אין שווימען. אָבער נאָכן קאָכן און בראָטן איז דאָס ניט זייער אָנגענעם. מ׳קען זיך פאַרשטעכן דעם האַלדז... דערפאַר טאָר מען דאָס אַלאָז ניט שניידן אין דינע פּענעצן, נאָר אין זייער דיקע און ברייטע שטיקער. אַזוי איז, ביים עסן, לייכטער אַרויסצוגעפינען די שאַרפע ביינדלעך. טונקט מען די ריינע שטיקער אין צעלאָזענעם פוטער, אָדער אין מאַיאָנעז, מען פאַרטרינקט זיי מיט שאַמפּאַניזירטן סעמיור־ווייַן און מ׳האָט הנאה. איך האָף צו פאַרשאַפן אייך די דאָזיקע הנאה אויך... נאַ, און מיט די לאַקסן — וואַרט־אָפּ!

.2

האָב איך אָפּגעוואַרט דעם גרויסן פאַנג, און דערווייל, טאָג איין טאָג אויס, הנאה געהאַט פון די פרישע אַלאָז־פישן, וואָס דעשאַן האָט מיר אָפּטמאָל צוגעשיקט. געגעסן זיי אַלאַ מאַטלאָט. דאָס הייסט: אין רויטן וויין מיט שוואָמען און מיט פּעטרישקע געקאָכט; געבראָטן און מיט הייסע פוטער באַגאָסן — אַלאַ־מעטר־ד׳האָטעל; אָדער קאַלטערהייט — מיט מאַיאָנעז. דער טעם זייערער איז ווירקלעך געווען, אַזוי ווי דער אַלטער דעשאַן האָט מיר געזאָגט: אַ געמיש פון קראַבן מיט פאָרעלן צוזאַמען... האָט מען דאָס גענאַשט אַזוי לאַנג ביז עס האָט דערעסן, און ביז דעשאַן האָט מיר, איינמאָל אין דער פרי, געגעבן אַ צייכן, מיט זיין קאָריאַוון פינגער, פון ברעג טייך.

בין איך צו אים צוגעגאַנגען; און שטייענדיק, אין זיין קליינעם באַדיקשיפל, האָט מיר דער אַלטער געזאָגט, אַז ער האָט שוין באַקומען אַ ידיעה... פון אַ שכניש פישער־דערפל אַרויף דער לוארע האָט מען אים צו וויסן געגעבן, אַז דער לאַקס גייט שוין. ער איז שוין אַוודאי דאָ, אין אונדזערע מקומות. נאָר ער זעט די נעצן אין וואַסער און האָט מורא ווייטער צו גיין, ביינאַכט וועט ער זיי מער ניט זען און וועט שטורעמען דעם שטראָם אַרויף. הכלל, איך זאָל זיין גרייט...

— וואָס הייסט גרייט?

— וואַרעם אָנטאָן זיך. ניט עסן קיין אָוונט־ברויט. בעטן דאָס ווייב

*) שרימפּס.

זי זאָל ניט זיין באַזאָרגט, ווען מען וועט שפּעט צוריקקומען אַהיים. אפשר, העט־העט, נאָך האַלבער נאַכט. ניט פריער...

www.libtool.com.cn

האָב איך זיך צוגעגרייט אַזוי ווי דער אַלטער האָט מיר געזאָגט. און ווען עס איז טונקל־געוואָרן האָט מיך, ביים ברעג פון דער לוזרע, אָפּגעוואַרט דעשאַנס יינגערער זון. פּאָל, האָט ער געהייסן. אַ מזיק א יונג פון אַ יאָר אַכצן, וועלכער האָט ערשט דאָ ניט לאַנג חתונה־געהאַט. אַ בלוי־אויגיקער מיט שוואַרצע האָר ווי פּעך. אַ געמישטער טיפּ, אין וועלכן עס האָבן זיך פּאַראייניקט נאָרד־ און זיד־בלוט פון פראַנקרייכס פעלקער... אין דעם קליינעם סערוויז־שיפעלע, מיט איין וויעסלע, האָט ער מיך אָפּ־געוואַרט. און אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער מיך שוין צוגעשטעלט צו דעם טאַטנס באַרזשע, וואָס שטייט פאַראַנקערט אויפן מיטן טייך, אין רעכטן מיטן שטראָם. אויף אַ שטריק־לייטערל האָב איך אַרויפגעקלעטערט און בין גלייך געוואָרן אַ פישער, מיט פישער גלייך.

אויף דעם אייבער־דעק, צווישן שטריק, נעץ־זעק און אַנדערע פאַנג־מכשירים, האָב איך דערזען אַ גרויסן בעקן מיט גליענדיקע קוילן. אַ ריי־זיקע סקאָווראָדע. עטלעכע גרויסע ליימענע, באַגלאָזטע טעלער. אַנגע־שליפטע יאַטקע־מעסערס און אין אַ שיסל מיט רעשטלעך שניי, אין אַ קילן ווינקעלע, האָבן זיך געטוליעט אַ וועלכענע צען פלעשער וויין. דאָס אַלץ האָט מיר געגעבן אַ פאַרגעשמאַק פון דער היינטיקער סעודה, נאָכדעם ווי מען וועט מקבל־פּנים זיין די גרויסע געסט. מער ווי צוויי פלאַשן שוים־וויין אויף יעטוועדערן פון אונדז... נישקשה!

ס'איז געווען קיל אויפן וואַסער, אין מיטן שטראָם, וואו עס בלאָזט אַ ווינט אַפילו אין די הייסטע טעג. און דאָ איז ערשט געווען סוף פעברואַר. נעפּלדיק און יאַדרענע, אָן אַ לבנה, אָן שטערן. די נאַכטיקע פייכטקייט האָט מיך דורכגענומען אין איין האַלבער שעה. כ'בין ניט געווען געוואוינט... האָט דאָס דער אַלטער דעשאַן באַמערקט און מיך איינגע־לאַדן אין דער אָנגעהייצטער פישער־קאַבינע מיטן בלעכענעם קוימען. די יונגען זיינע זיינען געבליבן אויבן. אין דער קאַבינע האָבן מיר אָנגע־צונדן אַ נאַפט־לעמפּעלע און געוואַרט.

איבער דעם קליינעם פענצטערל, צום וואַסער אַרויס, האָב איך באַמערקט אַן אָנגעצויגן שטריקל, וועלכע גייט דורך אַ טרייבל, ציט זיך צום נידעריקן סופיט אַרויף, ווי אַ קרומע סטרונע, און איז דאָרטן פאַר־בונדן מיט אַ מאַכערייקע פון קופּער־בלעך. אַ מין פּרימיטיווער גאָנג מיט אַ קלאַפּערל.

— וואָס איז דאָס?.. — האָב איך ביים אַלטן אַ פרעג געגעבן.

— אונדזער טעלעפאָן.

— אַ מאָדנער טעלעפאָן!

— פאַר אונדזערע געסט, וועלכע קומען צו אונדז, איז אַזאַ טעלעפאָן פונקט ווי געוואונטשן. אין די פאַריזער טעלעפאָנען זיינען זיי ניט גע־וואוינט צו ריידן...

www.libtool.com.cn

— ווי אַזוי טוען זיי דאָס דאָ?

— איר וועט שוין הערן! — און דערווייל וואָס, ביז זיי וועלן אָנקלינגען, לאָמיר נעמען צו קאָפּעלעך...

לאַכנדיק אין די וואָנסעס אַריין האָט ער אויפגעפּראָפּקעט אַ קלאָרע פלאַש און אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך. איך האָב נאָך אַלץ די אויגן ניט גע־קענט אָפּרייסן פון דעם פּרימיטיוון אַפּאַראַט, אין וועלכן נאָר שטומע פיש ווייסן ווי אַזוי צו טעלעפאָנירן... דאָס אָנגעצויגן שטריקל, וואָס ציט זיך פון טייך דורכן לעכל איבערן פענצטער, האָט מיר אַצינד אויס־געזען ווי די סטרונע וואָס אַ געניטע שפּין האַלט אין איר פינצטערן ווינקל, אין איינע פון אירע לאַפּקעס. און ווען אַ פליג פאַלט אַריין אין נעץ און הויבט זיך אָן רייסן, דערפילט דאָס גלייך דער אַכט־פיסיקער יעגער און לויפט כאַפּן זיין קרבן... מיין השערה האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן אַלס ריכטיק.

דאָס „קאָפּעלע", מיט וועלכע דעשאַן האָט מיך דערווייל מכבד געווען, איז געווען עפּעס גאָר אַ געהויבענער טראָפּן. אויסגעזען האָט דאָס, אין די גלעזלעך, ווי אַ קרישטאָל־ריינער שנאַפּס, אָבער, אין טעם און ריח, איז דאָס געווען גאָר אַ באַזונדער משקה. ווי זאָל איך דיר דאָס אי־בערגעבן, ליבע סאָלאָגנש? ווי ניט־אויסגערוטער קאָניאַק, וואָס איז אָנ־געצויגן אויף ביטערע מאַנדלען. ערשט שפּעטער האָב איך זיך אין דאָרף דערוואוסט, אַז דאָס ווערט געטריבן פון די ווייַנטרויבן־קערלעך און שאָ־לעכצן, וועלכע בלייבן איבער אין קעלטער נאָכן אָפּפלוס פונעם וויין־זאַפט. די טרויבן־ביינדלעך גיבן דער משקה צו דעם פּיקאַנטן ביטערלעכן גע־שמאַק, און די שאָלעכצן — דעם אַראָמאַט. די וויין־טרעטער פון דעם גאַנצן געגנט פאַרקויפן דאָס ניט; לאָזן דאָס, מייסטנס, איבער פאַרן אייגענעם געברויך. זיי האַלטן דאָס פאַרן בעסטן אַפּעטיט־מאַכער. און זיי האָבן רעכט.

איך האָב מיט גרויסער הנאה אויסגעטרונקען צוויי גלעזלעך, און מיינע אויגן האָבן גענומען בלאָנדזשען נאָך אַ פאַרבייסן. זאָל כאָטש זיין אַ פאַרדאַרט שטיקל קעז, אַ רעדעלע וואורשט.

— קיין האָר־ד'עוור*) קריגט איר ניט!.. — האָט דעשאַן דערכאַפּט מיין הונגעריקן קוק. — דער גאַנצער אַפּעטיט, מיין ליבער פריינט, מוז אייך בלייבן פאַר עפּעס אַ בעסערע זאַך ווי כלערליי

*) פאַרבייסעכץ.

קיך־אָפּפאַל, פון וועלכע פּאַריז מאַכט ווינעגרעטן, סאַלאַטן און אַנדערע פּאַסקודסטוועס... איר זענט היינט מיין גאַסט. און אַ גאַסט טאָר זיך ניט מישן אין קיך...

www.libtool.com.cn

דער אויסטערלישער טעלעפאָן־קלונג איז געקומען אַ סך גיכער ווי איך האָב גערעכנט. דער גאַנג אונטערן נידעריקן סופיט האָט אַ קלימפּער־געגעבן איין מאָל און צוויי מאָל.

איך בין אויפגעשפּרונגען:

— שוין? — האָב איך אַ פרעג געטאָן און מיינע אויגן זיינען זיך צעלאָפן, ווי ביי אַ נייגעריקן פּראָווינצלער. איך האָב דאָס אַליין געפילט. אָבער צוריקהאַלטן זיך האָב איך ניט געקענט.

דער אַלטער דעשאַן איז געבליבן זיצן גאַנץ רואיק און מיך גע־צוואונגען אָוועקצוזעצן זיך אויף מיין אָרט.

— אונדזערע „געסט“, — מאַכט ער, — האָבן זיך אַ ביסעלע צו־געאיילט. זיצט, זיצט! פּאָל, מיין זון, וועט קומען רופן אונדז...

— אָבער ווי אַזוי, ווי אַזוי קלימפּערט דאָס?

— גאַנץ איינפאַך. דאָס שטריקל איז פאַרבונדן מיט די נעצן, און ווען די טייערע געסט הויבן זיך אָן שטופּן, ווער עס זאָל אַריין דער ערשטער, אין זאַק, דערהערן מיר און מיר לויפן זיי אַנטקעגן...

דאָס טעמפּע קלינגען איז געוואַקסן און מיט דעם צוזאַמען — מיין אומגעדולד. איך האָב ניט געקענט איינזיצן. דעשאַן האָט, אַפּנים, ניט געקענט צוזען מיין צער.

— נו, — מאַכט ער, — איך זע דאָך שוין!.. ווי יעדער שטאָ־טישער, זענט איר אַ בעסערער צוזעער ווי אַ געדולדיקער טוער... איז קומט, לאָמיר אַרויפגיין!

זיינען מיר אַרויף אויף דער אייבערדעק פון דער באַרזשע. איך בין געלאָפן פאָרויס ווי אַ באָק. די געפאַנגענע „געסט“, ווי דעשאַן האָט זיי אָנגערופן, האָבן מיר דאָ ניט געזען, ניט געקענט זען זיי. אַפילו די נאָענטסטע סלופּעס און נעצן זיינען צעשוואומען געוואָרן אין נעפּל. היינט ווי אַזוי האָבן מיר געקענט אַריינקוקן אין טיפן וואַסער?.. אָבער די שטומע געשרייען פון די געפאַנגענע האָבן צו אונדז יאָ דערגרייכט. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ שטורמישן פּלעשטשען און שטויסן. די צוזאַמענגעפּענטעטע סלופּעס האָבן געקרעכצט אין דער פינצטער... און לויט דעם, וואָס דער אַלטער דעשאַן האָט מיר, פריער מיט עטלעכע טעג, געהאַט דערציילט, האָב איך געוואוסט, אַז מיט יעדן נייעם שטויס, מיט יעדן ריס־געבן־זיך פאָרויס, פאַרפּלאָנטערן זיך די אָנגעקומענע געסט אַלץ מער, טרייבן אַריין די לויזע און געדיכטע נעצן און זיך אַליין אין די ברייטע לעכער פון דער פאָדער־נעץ, וועלכע איז האַרט אָנגעצויגן אויף די

סלופּעס. און זייערע נאַסע פּאַסטקעס ווערן אַלץ טיפער און שמאָלער און געפּערלעכער. ניט אַהער און ניט אַהין. זייערע פאַרצווייפלטע זעצן אין טיפן וואַסער האָבן אַרויסגערופן אַ פאַרגלייך מיט דאָס אַמאָליקע איינגעמען פון אַ פעסטונג, וואָס איך האָב, יונגערהייט, געלערנט אין דער וועלט־געשיכטע. מיט שטויס־טאַראַנעס האָט מען זיך געבראָכן אין די אַמאָליקע פעסטונגען. איין אונטערשייד נאָר: דאָ זיינען די אָנפאַלער פאַרקראָכן אין געפאַנגענשאַפט אַנשטאָט צו באַזיגן די, וועלכע זיינען אין דער פעסטונג איינגעשלאָסן... אין נאַסע גריבער פאַלן די שטורמער אַריין, און די פעסטונג בלייבט גאַנץ. און דער אַלטער קאָמענדאַנט דעשאַן שטייט דער־ביי און רויכערט זיין ליולקע און וואַרט זיך רואיק אויף די געפאַנגענע...

ווען דאָס שטויסן איז שטאַרקער געוואָרן, האָט דעשאַן דער פאַטער געגעבן אַ צייכן און מיר, אַלע פיר, האָבן זיך אויפן שטריק־לייטערל אַרונטערגעלאָזן פון דער באַרזשע אין קליינעם שיפל. אויפן נאָז פון שיפל האָט געברענט אַ לאַמטערנע. דער עלטערער זון האָט גערודערט און דער פאַטער דעשאַן מיט זיין מיזיניק האָבן אויפגעקליבן די געפאַנ־גענע לאַקסן, ווי מען קלייבט אויף צייטיקע פּירות, וועלכע זיינען אַריינגע־פאַלן אין געדיכטע זעק.

די „צייטיקע פּירות" האָבן אָבער געלעבט און געקעמפט פאַר זייער פרייהייט. און ס'איז אַ פּאָר מאָל שווער געווען אַרויסצושלעפן זיי פון זייערע פּאַסטקעס. ווען ניט די געניטקייט פון פיר שטאַרקע הענט, וואָס אַרבעטן איבער יעדן געפאַנגענעם, וואָלט זיך יעדער פון זיי לייכט אַרויס־געגליטשט, ביז אַריינוואַרפן אים, מיט זיין זאַק צוזאַמען, אין שיפל אַריין. דו דאַרפסט זיך אָפּגעבן רעכענונג, ליבע סאָלאַנש, אַז יעדער אַזאַ חברה־מאַן איז דאָך עלאַסטיש און קרעפטיק, ווי איין גרויסער מוסקול, וואָס האַלט, וויניקסטנס, איין אייל די גרעב. דערצו איז נאָך אַזאַ ריזן־מוס־קול גליטשיק, באַדעקט מיט גלאַטע זילבער־שאָלעכצן און מיט אַ נאַ־טירלעכן זשעלאַטין; דערצו וואַרפט ער זיך נאָך און שליידערט זיך און צאַפּלט און קעמפט מיטן עק און מיטן קאָפּ און מיט בלוטיקע זשאַברעס...

צוויי פון זיי, די שטאַרקערע, האָט מען דערפאַר געמוזט דערהרגענען מיט אַ שטילעט, און דערנאָך אָפּוואַרטן אַ היפּשע ווײַלע, ביז מען האָט זיי, פון געבילדעטן זאַק אין נעץ, אַריינגעטרייסלט אין שיפל. וויל טויטער־הייט זיינען זיי נאָך, אָפּטמאָל, געפערלעכער ווי ווען זיי לעבן. זייער לעצטער צאַפּל רייסט אויף ווי אַ פּולווער־אויפרייס. און דעמאָלט דאַרף מען היטן די ביינער. ווי צו היטן זיך האָבן די דעשאַנס גוט געוואוסט. מיך אָבער האָבן זיי אַפילו אויף דריי פוס די ווייט ניט צוגעלאָזן.

— אַ כוח!.. — האָב איך זיך געוואונדערט און די אויגן ניט גע־קענט אָפּרייסן פון אַט דעם באַקס אין וואַסער, אין וועלכן עס נעמען אָן

אַנטייל צוויי מענטשן קעגן איין זילבער־געפּאַנצערטן פּויטער. דער מענטשלעכער שכל האָט דאָ אָבער אַ סך מער אויפגעטאָן ווי דער מורא־דיקער כוח פון יעדן וואַסער־העלד.

— איר מיינט, — האָט זיך דער אַלטער דעשאַן אָפּגעסאָפּעט נאָך אַ האַרטן קאַמף, — איר מיינט טאַקע אַז דאָ באַווייזן זיי זייער גאַנצן כוח ?.. דאָ לאָזט זיך שוין זייער גבורה אויס. ביז זיי דערגייען אַהער פאַרטאַכלעווען זיי דעם גרעסטן טייל פון זייער קראַפט. פון דער ים־בוכטע, לעבן סען־נאַזער ביז אַהערצו, זיינען דאָ שיינע עטלעכע הונדערט קילאָ־מעטער. אין אַ סך ערטער בילדעט אונדזער לואַרע שטאַרקע וואַסערפאַלן, קאַסקאַדן, וואָס וואָלטן געקענט באַוועגן גרויסע מילן... אָבער פאַר אָט־די אַטלעטן און קונצנמאַכער איז דאָס גאָרניט מיט נישט. זייער געשלעכט־לעכער דראַנג, צו וואַרפן רויג, פאַרטאָפּלט נאָך זייער גבורה. שווימענדיק קעגן שטראָם פון דער לואַרע און צוקומענדיק צו אַזאַ וואַסערפאַל, שיסן זיי אַרויף זייער אייגענעם גוף, ווי אַ האַרמאַט זיין הונדערט־און צוויי־הונדערטפונטיקע באָמבע, איבער דער ברויזנדיקער קאַסקאַדע און שווימען ווייטער און אַלץ העכער אַרויף דעם שטראָם... זיי אַליין זיינען דערביי דער האַרמאַט און זיי אַליין די לעבעדיקע באָמבע... איר ווייסט, ליבער פריינט, וואָס דאָס באַדייט ?.. איך האָב, — האָט דער אַלטער דעשאַן צוגעגעבן אַ ביסל שפּעטער, ווען ער האָט ווידער אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, צווישן איין קאַמף און דעם צווייטן, — אַ קוזען האָב איך אין פּאַריז, אַ געלערטער, אַ נאַטור־פאָרשער און אַן אַסיסטענט אין דער הויך־שול אויפן נאָמען פון באַרימטן בערטהעלאָט. איז ער ביי מיר דאָ איינמאָל געווען צו־גאַסט. און אויך אים, אַזוי ווי אייך, האָט זיך פאַרגלוסט דורכצו־מאַכן אַזאַ נאַכטיקן פאַנג אויף דער לואַרע. איז ער דערנאָך אומגעגאַנגען עטלעכע טעג אַ צעטומלטער; ניט געקענט אָפּוואונדערן זיך, דערקלערט מיר לויט כלערליי געזעצן וואָס פאַר אַ כוח אַ מענטש וואָלט געדאַרפט האָבן, כדי דורכצומאַכן הונדערטער מייל קעגן אַזאַ שטראָם ווי די לואַרע איז, אַריבערשפּרינגען קאַסקאַדן און אויפהויבן זיך באַרג־אַרויף ביז די בערג־מאַסיוון פון מיטל־פראַנקרייך. אַ מענטש מיט דער גבורה פון צען אַטלעטן וואָלט אַזאַ קונץ ניט געקענט באַווייזן. קיין מענטשלעך האַרץ וואָלט אַזאַ אָנשטרענגונג איבערהויפּט ניט אויסגעהאַלטן.

.3

נאָך אַן אָנדערטהאַלבן שעה שווערער אַרבעט, אין וועלכער דער טאַטע מיט די זין האָבן זיך, יעטוועדער, געביטן מיט די ערטער ביים רודער, אַזוי ווי ביי די נעצן, האָט מען אין דנאָ פון שיפל אַריינגעוואָרפן און

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

מיט שווערע ברעטער צוגעדעקט אַ פֿינף לאַקסן: צוויי גרויסע, דערשטאַנענע, און דריי קלענערע, לעבעדיקע, אָדער האַלב־לעבעדיקע. איינעם אַ זעקסטן, אַ ריז פֿון פֿינף פֿוס די לענג, איז געלונגען אַרויסצוגליטשן זיך פֿון זיין טיפֿער פּאַסטקע, בשעת אַריינטרייסלען אים אין שיפֿל אַריין. ווי אַ זילבערנער בליץ איז ער אויפֿגעשפּרונגען, געשטעלט זיך אויפֿן עק, אַ פּאַכע געטאָן מיט די זשאַבערס און מיט די פּאָדערשטע שווים־פֿליגלען און ניטאָ! קאַפּ אַראָפּ אַריינגעוואָרפֿן זיך אין פֿינצטערן שטראָם און פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, שיר דעם יונגן פֿאָל ניט מיטגעשלעפּט מיט זיך. דער פֿאַטער דעשאַן האָט אים קוים דערכאַפּט פֿאַרן קאָלנער... און מערקווירדיק! קיינער פֿון די דריי פֿישער האָט זיך פֿון אַזאַ בישקשהדיקן פֿאַרלוסט ניט אָפּגעגעסן דאָס האַרץ. דער אַלטער דעשאַן האָט נאָר אויסגעשפּייט און גוטמוטיק נאָכגעשריען דעם פֿלינקן דעזערטיר:

— לויף, לויף! וועסט ווייט ניט אַנטלויפֿן. ניט ביים פֿאָטער דעשאַן, איז ביי מיין קאָנקורענט, צוואַנציק קילאָמעטער ווייטער...

נאַסע און פֿריילעך־אויפֿגערעגטע, מיט זילבער־שאָלעכצן באַשפּרינקלט און באַשפּריצט מיט פֿיש־בלוט, האָבן מיר זיך אומגעקערט צו דער באַרזשע, און מיט פֿאַראייניקטע כוחות אַרויפֿגעשלעפּט דעם גרעסטן געפֿאַנגענעם לאַקס אויפֿן אייבער־דעק. די אַנדערע, כדי צו פֿאַרשפּאָרן אומזיסטע אַרבעט — איבערגעלאָזן אין שיפֿל. נאָר מיט עטלעכע גוטע שטיינער באַשווערט די ברעטער איבערן אויסגעהוילטן דנאָ. איינעם ענדגילטיקן טויט פֿון אָט די ים־גיבורים קען מען קיינמאָל ניט זיכער זיין...

— דאָס איז פֿאַר אונדז!.. — האָט דער אַלטער דעשאַן באַטראַכט דעם גרויסן פֿיש, וואָס מיר האָבן אַרויפֿגעשלעפּט אויף דער באַרזשע. — דאָס איז אונדזער פּריווילעגיע. אַן אַלטער מנהג פֿון טאַטעס און זיידעס: דער ערשטער פֿאַנג פֿון סאָמאָנס*) ווערט אין שטאָט ניט פֿאַרקויפֿט. ער בלייבט אין דאָרף. דעם ערשטן בעסטן סאָמאָן עסן מיר אַליין אויף גלייך, אויפֿן וואַסער... דאָס איבעריקע — פֿאַר אונדזערע ווייבער און קינדער, פֿאַר שכנים... ערשט מאָרגן, איבערמאָרגן הויבן מיר אָן שיקן אונדזער סחורה קיין פּאַריז.

דעשאַנס בנים האָבן דערווייל קיין מינוט ניט פֿאַרלאָרן און פֿלייסיק, מיט אַ מאָדנער באַגייסטערונג, גענומען זיך צום לאַקס. אויף אַ ברעטער־טיש אַרויפֿגעשלעפּט אים, צעהאַקט אויף צוויי גלייכע טיילן, און דעם עק־טייל, דעם פֿליישיקסטן, מאַסיוון טייל, אָן איינגעווייד און כמעט אָן רויג, גענומען שאָבן מיט די גרויסע אָנגעגרייטע מעסערס, וועלכע איך האָב שוין פֿריער באַמערקט אויף דער באַרזשע. זילבערנע שאָלעכצן,

---

*) לאַקסן.

גרויסע ווי מטבעות, זיינען, ביים שיין פון דער לאָמטערנע, געפלויגן אין דער לופטן. דאָס רויג פון געשאָבענעם טייל און פון דער צווייטער העלפט האָט זיך, ווי אַ זעקל אויסגעשאָטענע קאָראַלן, צעקייקלט איבערן ברעטער־טיש. דאָס ראָזעווע פלייש האָט זיך ערטערווייז אַנטבלויזט אונטער די אַראָפּגעראַזירטע, זילבערדיקע שופּן און אָנגעזאָגט, ווי גוט און באַטעמט עס וועט זיין, ווען מען וועט דאָס דורכפּרעגלען מיט פרישע פּוטער... דער אַלטער דעשאַן איז צוגעגאַנגען, אָנגענומען אַ הייפל רויע רויג, מיט זיין אויסגעהאָרעוועטער, אַלטער האַנט, אַריינגעשאָטן זיך אין זיין פאַררויכערטן מויל אַריין, געקייט, פאָסמאַקעוועט זיך און געשלונגען...

די קינדער זיינע האָבן אַפילו מיט אַ ברעם ניט אַ צוק־געגעבן. מיר, אָבער, האָט דאָס אויסגעוויזן אַ ביסל ווילד... און צוריק האָב איך מיר געטראַכט: אפשר איז דאָס אויך אַן אַלטער מנהג, אַ פישער־געברויך, וואָס שטאַמט פון אַמאָליקע דורות, אַ פּריווילעגיע, וועלכע געהערט נאָר דעם עלטסטן אין דער פישער־משפחה. שלינגט ער די רויע געשלעכטלעכע קראַפט פון די געפאַנגענע און פרישט דערמיט אָפּ זיין פאַרגאַנגענע יוגנט...

די ווייטערדיקע אַרבעט פון די יונגע דעשאַנס איז געגאַנגען פלינק און לעבעדיק. ווי די געניטע קוכער האָבן זיי צעשניטן דעם האַלבן לאַקס אויף דיקע, צוויי־פונטיקע ראָזעווע פּענעצן; באַטרייסלט זיי מיט זאַלץ און מיט טערקישן פעפער; צורעכט־געמאַכט דעם קוילן־פייער אין בעקן, צעלאָזן פּוטער אין דער גרויסער סקאָוואָראָדע.

די ערשטע געשרייען פון די געבראָטענע שטיקער האָבן זיך דער־הערט, און אַ געזאַנג פון דעשאַנס בנים האָט זיי איבערגעשריען. אַן אויס־טערליש האַלדז־געזאַנג איז דאָס געווען אין מאָדנע ווערטער. זיי האָבן מיר דערמאָנט דעם נאָרמאַנדישן זשאַרגאָן, אויפן ברעג פון לאַמאַנש. כ׳האָב פון ליד גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען. נאָר געפילט, אַז עס טראָגט אין זיך קלאַנגען פון אַלטע צייטן, ווען יאַגד איז געווען דער הויפּט־קוואַל פון לעבן. דעם יעגערס מורא פאַר דער ח י ה האָב איך אין ליד דער־הערט, און זיין פרייד צו באַוועלטיקן די זעלביקע חיה אין וועלדער און אין ימען.

אין די יונגע אויגן פון די דעשאַנס האָבן געברענט רויטע פייערלעך פון די צעגליטע קוילן אין בעקן... אָבער מיר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז אַן אָפּשפּיגלען פון אַ פייער אויף אַ פּרימיטיוון מזבח, ערגעץ־וואו אויף אַ זאַמדיקער סקאַלע, אויפן ברעג ים, וואו אוראַלטע פישער זיינען מקריב דעם בעסטן טייל פון זייער פאַנג; אַליין אויסגעמאַטערטע, דורכ־גענעצטע, טויט־הונגעריקע. אָבער גאָט איז בילכער...

דער אַלטער דעשאַן און איך זיינען דערווייל אַרונטערגעגאַנגען אין

דער קאָיוטע צו גרייטן דעם טיש. מיר האָבן פֿאַרשפּרייט אַ ריינע צע־ראַטע, אַוועקגעשטעלט פֿיר באַגלאָזטע לימענע טעלער, אַוועקגעלייגט אַ ברויטל ביי יעדן אָרט; דערנאָך אַראָפּגעטראָגן אַ האַלבע טוץ פֿלעשער מיט אַנגעקילטן וויין. קיין מעסער־גאָפּל האָב איך ניט געזען. קיין באַמער־קונג וועגן דעם ניט געהערט און ניט געמאַכט. געמיינט — די זין וועלן דאָס, מסתמא, אַרונטערברענגען צוזאַמען מיטן עסן... דער אַלטער דערשאַן האָט אַ מינוט ניט געקענט זיצן מיט פֿאַר־לייגטע הענט. ער, דער שטענדיק־רואיקער, דער האַלב־שלעפֿער־דיקער, וואָס רויכערט שעהנלאַנג זיין ליולקע און באַטראַכט מיט אַ פֿילאָזאָפֿישער איראָניע אַלץ וואָס לויפֿט און איילט זיך... האָט אים דאָס אַצינד געמאַכט אומגעדולדיק די פֿייערלעכקייט פֿון ערשטן פּאַנג? זיין אויסגעהונגערטקייט פֿאַרן גרויסן מאָלצייט? איך ווייס ניט. איך ווייס נאָר, אַז ביז די דורכגעבראָטענע, גוטע שטיקער פֿיש זיינען אַרונטערגעבראַכט געוואָרן, האָט ער זיך צוגעכאַפּט צו זיין „וויע־לע"... קענסט ניט דעם דאָזיקן אינסטרומענט? ס'איז אַ מאַנדאָלינע און אַ שפּיל־קעסטל צוזאַמען. אַנגעצויגענע שטאָלענע סטרונעס, אויף וועלכע מען שפּילט, ניט מיט די פֿינגער, ניט מיט אַ ביינדעלע, נאָר מיט אַ דריי־הענטל. דאָס ניגונדל, וואָס אַזאַ שפּילן גיט אַרויס, איז אַ ביסל איינטאָניק, אָבער זייער אַנגענעם פֿאַרן אויער און זייער פּאַסיק פֿאַר אַ פֿאָלקס־טאַנץ. עס וויגט גיך פֿונאַנדער דאָס האַרץ און די פֿיס. ווען איין מאָטיוו דערעסט — רוקט מען איבער אַ קליינעם הייבל אין דער וויעלע; שפּילט זי אַן אַנדער ניגון.

דער אַלטער האָט נאָך ניט באַוויזן אויסצושפּילן מיר דעם קליינעם רעפּערטואַר פֿון זיין אינסטרומענט, און די בנים, מיט דער ריזיקער הייסער סקאָווראָדע, זיינען אַנגעקומען פֿון אויבער־דעק. אַ פּאַרע און אַן אַפּעטיטלעכער ריח, פֿון זידנדיקע פּוטער און פֿיש־געפּרעגלס, איז זיי געלאָפֿן פֿאָרויס, ווי אַ גוטע בשורה. די טראַדיציאָנעלע סעודה פֿון לאַקס־סעזאָן האָט זיך אַנגעהויבן. יעדער פֿון אונדז האָט באַקומען אַ ראָזעווען כמאַל פֿיש, באַזאַלצן צום טעם און באַפֿעפֿערט מיט רויטן פּימאַנט, און אַ ברויזנדיקע פֿלאַש סעמיור־וויין. די ברכות פֿון ערד און וואַסער זיינען נאָך דער שווערער פֿישער־פּראַצע, אַנגעקומען אויף אונדז ווי אַ גרויסע באַלוינונג. און די אָפּגעזונדערטקייט פֿון לאַנד, פֿון ווייבערשער פּלאַפּלעריי און קינדערשן טומל האָט אַזאַ נאַכטיקער סעודה, אויפֿן מיטן טייך, צו־געגעבן אַ פּאַטעטישן גלאַנץ. נייך, מער ווי דאָס. אַ פֿייערלעכקייט פֿון אַ צע־רעמאָניע, אין וועלכער נאָר דערוואַקסענע מענער נעמען אַנטייל... אַזאַ מאָלצייט האָבן שוין אַוודאי געפּראַוועט די אוראַלטע פֿישער אויף דער לואַרע. עס שטאַמט, אפֿשר, פֿון יענע צייטן, ווען פֿיש־פּאַנג איז דערהויבן

געוואָרן צו אַ געטלעכן סימבאָל, ווי ד ג ו ן, ביי די ים־פעלקער פון דער
www.libtool.com.cn
ב י ב ל: אַ בערדיקער גאָט, מיט אַ געקרוינטן קאָפּ פון אַן אָריענטאַלישן הערשער, און מיט אַ גוף און עק און שווים־פליגלען פון אַ פיש... איך האָב אַפילו באַמערקט, אַז די דעשאַנס, דער טאַטע אַזוי ווי די זין, האָבן פאַרגעסן איבערצוצלמען זיך פאַרן עסן. אומיסטנע, צי מחמת גרויס הונגער? נאָר אַזוי און ניט אַנדערש האָבן זיי זיך צוגעכאַפּט צו זייערע ראָזעווע שטיקער פיש...

ווען מיין ערשטע פּאָטישע הנאה איז אַוועק, האָב איך באַשיידן אָפּגעבראָכן דעם צוגעברוינטן האָרן פון מיין ברויטל. אומגעקוקט זיך נאָך אַ גאָפּל און ניט געפונען. קיין סימן פון אַזעלכע כלים איז ניט געווען אויפן טיש. דער פאָטער מיט די בנים זיינען זייער גוט אויסגעקומען אָן דעם; באַנוצט זיך מיט די פינף־פינגערדיקע גאָפּלען, וואָס די מאַמע האָט זיי אַמאָל געשענקט. יעטוועדער האָט געריסן, פון זיין דורכגעפּרעגלטן קרוכלען שטיק, מיט די פאַרמאַזאָליעטע הענט, איין זאַפּטיקן, ראָזעווען ביסן נאָכן אַנדערן אין רויטן פיסק אַריין. און מען קען ניט זאָגן אַז אַזאַ בילד האָט מיר קאַליע געמאַכט דעם אַפּעטיט. פאַרקערט...

האָב איך זיך געקליגט און גענומען אַרבעטן מיט צוויי האַרטע שטיקלעך ברויט, אַזוי ווי די דעליקאַטע כינעזער טוען, ווען זיי עסן זייער רייז. אָבער דער אַלטער דעשאַן האָט אויף מיר פריינדלעך אָנגעשריען, פון די געדיכטע וואָנסעס אַרויס:

— אָבער... ליבער פריינד! ס'איז דאָך אַ זינד צו עסן אַזאַ גוטע זאַך ביסלעכווייז... אָדער בענקט איר אפשר נאָך די מעטאַלענע געצייג, וואָס פאַרדאַרבן יעדן טעם?.. פאַרגעסט! טוט ווי מיר טוען און איר וועט זען...

האָב איך געטאָן וואָס זיי טוען און דערזען... און ניט נאָר סתם אַזוי דערזען. אַ ליכט איז מיר אויפגעגאַנגען אין די אויגן. קוים אַריינגע־קראָכן מיטן בינטל פינגער אין ראָזעווען הייסן שטיק, און אַ זשעדנעקייט מיט אַן עס־לוסט זיינען מיר באַפאַלן... ס'איז מיר אַ חרפה און אַ שאַנד אויסצוזאָגן. דאָס איז געווען די זעלביקע קאַניבאַלישע גלוסטעניש, וואָס איך האָב, מיט אַ מינוט צוריק, דערזען אין די אויגן פון דעם אַלטן דעשאַן און זיינע בנים, אין זייערע צעקרימטע פינגער, און וועלכע האָט מיך שאָקירט. אַן אויסגעהונגערטקייט פון אַן אדם הראשון איז דאָס געווען, פון אַ וואַלד־מענטש, וואָס וואַרפט זיך אַרויף אויף זיין קוים־צוגעבראָ־טענעם רויב, נאָך וועלכן ער האָט זיך, אין דער ווילדעניש, געיאָגט אַ גאַנצן טאָג...

4.

נאָך דער ערשטער זעטיקונג האָב איך אויפגעהויבן די אויגן, מיט

www.libtool.com.cn

אַ הויכן סטיל גערעדט, און דערזען, אַז מײנע טיש־קאַמעראַדן האָבן אַפילו די פינגער־צערעמאָניעס אויך אָװעקגעװאָרפן. יעדער פון זײ האָט געהאַלטן זײן שטיק פילעי, װאָס האָט זיך שױן געהאַט אָפּגעקילט, מיט דער גאַנצער אױסגעהאָרעװעטער לאַפּע — אַ ראָזעװען צװײ־פונטיקן שטיק, װאָס גיט זיך נאָך אָפּ מיט ים, פון װאַנען עס שטאַמט, און מיטן ניט אױסגעװעפּטן ריח פון רױג. געהאַלטן אַזױ און געגעסן מיטן פולן מױל, פאַרבײסנדיק, פון יוצא־װעגן אַפּנים, מיט אַ קלײן שטיקעלע װײס־ברױט... אויך דאָס האָב איך נאָכגעטאָן. און דער אמת מוז געזאָגט װערן, אַז דאָס אָפּװישן די הענט, נאָך אַזאַ עסן, מיט אַ ברעג האַנטוך און דאָס פאַרטרינקען מיט אַ טיפן גלאָז שױמיקן װײן, איז געװען גאָר אַ געהױבענער גענוס, װאָס די שטאָטישע לײט װײסן ניט און װעלן דאָס קײנמאָל ניט װיסן, סײדן זײ װעלן האָבן דאָס גליק אַרײנצופאַלן אין אַזאַ פּישער־סעודה װי איך בין אַרײנגעפאַלן. דער מחיהדיקער טרונק, מיט אַ װײטן ריח פון מוסקאַט און װיאָלעט־בלימלעך און מיטן פּיקאַנטן טעם פון אַ לײכטן שאַמפּאַניער, איז געװען װי באַשאַפן פאַר אַזאַ זאַפטיקן פיש־פילעי. אַ זיסער קרעכץ האָט זיך, בײ יעדערן פון אונדז, אַרױסגעריסן נאָך אַזאַ טיפן טרונק; און דער אײנגעדרעמלטער אַפּעטיט האָט זיך װידער אױפגעכאַפּט.

האָבן מיר זאַלבעפערט געגעסן נאָך אַ גוטע האַלבע שעה, טיפזיניק און גרינטלעך; אַפּלעגנדיק די נאַקעט־געװאָרענע ראָזעװע פיש־בײנער און נעמענדיק זיך פאַר אַ נײעם שטיק. געסמאַקעװעט און פאַרטרונקען. די זיסע קרעכצן האָבן זיך, מיט גאָטס הילף, געענדיקט, און דער אָפּגע־נומענער לשון האָט זיך צו אונדז אומגעקערט. האָט מען אָנגעהױבן װערטלען זיך און לאַכן... דער הױפּט־ציל בין א י ך געװען. מען האָט פון מיר חוזק געמאַכט, װי איך האָב געזוכט אַ גאָפּל און געפּרואװט עסן מיט צװײ לאַנגע שטיקלעך ברױט, װי אַ כינעזער מיט זײנע פּלעקעלעך. און געלױבט האָט מען מיך, װאָס איך האָב אַזױ גיך געכאַפּט דעם שניט צו עסן װי אַן אמתער פישער־יונג אָן עין־הרע. צי װעל איך דאָס אָבער אױסהאַלטן מיט לײטן־גלײך ביזקל סוף? דאָס איז נאָך אַ קשיה!..

— נאָך? — האָט מיר דער אַלטער דעשאַן צוגעװאונקען מיט אײן אױג.

— זאָל זײן נאָך! — בין איך ניט אָפּגעשטאַנען.

די כוחות זײנען געװען גרױס, דער װײן האָט אויך צוגעהאָלפן, געדינט מיט זײן קילן ברױזן, װי אַן אָנגעפּרױרענער סאָרבעט װאָס טרײסלט אַלע װײלע אױף דעם אײנגעשלאָפענעם אַפּעטיט. האָב איך געטאָן װאָס אין מײנע כוחות איז; און אין האַרצן מודה געװען, אַז ס'איז טאַקע אַ גרױ־סער אונטערשײד צװישן דעם לאַקס װאָס מען עסט אױפן שפּיץ מעסער,

אין אַ פּאַריזער רעסטאָראַן, און צווישן אָט דער שפע וואָס רזיטלט זיך דאָ, אין דער ענגער קאַבינע, אויף מיין ליימענעם טעלער. ס׳איז דער זעלבער אונטערשייד, ווי פליקן טאָמאַטן פון שטענגל און קאַרשן פון בוים, אָדער קויפן זיי ביים פּרוכט־הענדלער פון פאַרלעגענעם קאָרב...

www.libtool.com.cn

וואָס מיך האָט, אין אַ געוויסער מאָס, יאָ געצומען שטערן, בשעת דאָס וויטערדיקע געניסן פון דעשאַנס רייכן פּאַנג, איז געווען ניט די זעטיקונג, נאָר אַ געפיל פון באַשעמונג; אָט, הייסט דאָס, זיץ איך דאָ, מיט פרעמדע פישער, אויפן מיטן טייך נאָך האַלבער נאַכט, לאָז איך מיך אַזוי וואוילגיין צום צווייטן און דריטן מאָל, ווי אַ ווילדער, און זי — מיין נאָענטסטע, מיין ליבסטע, מיין יונגע פרוי, מיט וועלכער איך האָב חתונה געהאַט ערשט עטלעכע מאָנאַטן צוריק — ליגט דאָרטן, אין דאָרף, איינע אַליין, לאַנגווייליקט זיך אין ברייטן פויערשן בעט, גייט־אויס נאָך מיר, שלאָפט אפשר ניט פון גרויס בענקשאַפט...

און באַלד איז די דאָזיקע באַשעמונג איבערגעגאַנגען אין אַ טיפער אומרואיקייט מיט אַ ציענעניש אין האַרצן — אַ געפיל וואָס איז געווען כמעט אומנאַטירלעך נאָך אַזאַ רייכן געגוס, נאָך אַזאַ שפע פון געשמאַקן... האָט אפשר מיין שווערמוטיקייט אַרויסגערופן דער ברויזנדיקער סע־מיור־ווייַן, וואָס מיר האָבן שוין דאָ געטרונקען, יעדערער פון זיין צווייטער פלאַש און צו וועלכן איך בין ניט געוואוינט? אָדער האָט אויף מיר אַזוי געווירקט די גראָבע הנאה, אָן גייסטרייכע געשפרעכן, אָן שטיפערייען און געלעכטער, וואָס באַטעמען אַזוי יעדן קערפּערלעכן געגוס?.. אַזוי האָט דאָס אַ ווײַלע געעגבערט און געגריבלט אין מיר. און מיטאַמאָל גאָר אומגעריכט, איז מיר קלאָר געוואָרן וואָס מיר פעלט אויף אַן אמת. עס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז ניט זי, מיין פרוי, גייט דאָרטן אויס, אויפן לאַנד, נאָך מיר, נאָר איך נאָך איר. זי שלאָפט אפשר גאָר אַצינד זייער געשמאַק און טראַכט אַפילו ניט פון מיר. נאָר איך מוז זי אויפוועקן און שווערן איר, אַז איך האָב זי ליב, אַז איך האָב זי שטאַרק ליב. עס איז זייער ניט פיין צו וועקן אַפילו אַן אייגענע פרוי צוליב אַזאַ שבועה, וועלכע מען קען געבן בייטאָג אויך, נאָר איך מוז דאָס טאָן, און באַלד. אַלץ מיט אַלעמען וואַרפן אין מיטן, לויפן און זאָגן דאָס איר. און ניט נאָר זאָגן אַליין.

אין דעם מאָמענט האָט זיך מיר געצומען דוכטן, אַז די גרויסע סעקסועלע קראַפט, וואָס האָט די ריזיקע לאַקסן*) געטריבן פון אַטלאַנטישן אָקעאַן, צו וואַרפן זייער רויג אין די שטילע און זיסע וואַסערן פון דער לואַרע, אַז די זעלביקע קראַפט איז אַריין אין מיר, בשעת עסן און פאַרשלינגען זייער זאַפטיקן פלייש; אַז דאָס זיינען אפשר ירושה־

---

*) סעמאָנס.

געפילן פון פאַר־היסטאָרישע צייטן, ווען דער מענטש איז געווען ווי די בופל־אָקסן אין די גראָז־סטעפּעס, ווי די סטאַדעס פֿיש אין ים־אויסגוסן. www.libtooh.com.cn
און ז י י ע ר צייט פון פאָרן־זיך איז געווען אויך ז י י ן צייט... אַזוי איז דאָס טאַקע, און ניט אַנדערש. דער עלטער־עלטערישער געשלעכטלעכער דראַנג רופט זיך דאָס אַצינד אָפּ אין מיינע אָדערן, מאַכט אין זיי קאָכן מיין אויסגעלייטערט בלוט, שטעלט זיך אַקעגן מיין דערציאונג, ברעכט־דורך צוימען פון גוטע מידות און וואַרפט זיך, קאָפּ־אַראָפּ, אין נעצן און אין סכנות, אַזוי ווי אַט־די געפאַנגענע גרויסע לאַקס־פישן האָבן דאָס געטאָן...

די לופט איז מיר ענג געוואָרן אין דער נידעריקער קאַבינע, וואָס איז פול מיט פאַרע פון געבראַטנס, און מיט ריחות פון פעפער און פאַר־גאָסענעם ווייַן. כ׳האָב געגומען זוכן אַ מיטל וואָס גיכער צו פאַרענדיקן אַזאַ סעודה נאָך האַלבער נאַכט. עס האָט אָבער ניט געפּאַסט. עס האָט ניט געשטימט מיט דער אויסערגעוויינלעכער גאַסטפרײַנדשאַפט, וואָס די דע־שאַנס האָבן מיר דערוויזן...

איז מיר מער גאָרניט געבליבן, ווי צו פאַרטרינקען מיין בענקשאַפט מיטן ווייַן וואָס איז נאָך געבליבן אין מיין פלאַש, מיט אַט־דעם ברוויזנדיקן זאַפט פון די סעמיורער וויין־גערטנער, וועלכער לאָזט זיך טרינקען ווי סעלצער־וואַסער און זיינע פאַלגן זיינען — פליסיקער פייער...

און ווי איך פאַרגיס אַזוי מיט וויין מיין בענקען נאָך דער, וועל־כע איך האָב איבערגעלאָזן אין דאָרף, באַמערק איך, אַז די קרעפּטיקע הענט פון די יונגע דעשאַנס זיינען עפּעס אויך שוואַכער געוואָרן, און אַז אין זייערע אויגן בלאַנדזשען אומרואיקע פייערלעך... הע־הע, זיינען זיי קראַנק געוואָרן אַזוי ווי איך? אַזוי ווייזט דאָס אויס!

טרייסט איך מיר אַזוי אין האַרצן און טרינק, און דערזע מיטאַמאָל, ווי דער פאָטער דעשאַן פאַרקוועטשט אייִן אויג, און מיטן צווייטן נעמט ער דורך דעם מיזיניק זיינעם — פאַל, וועלכער האָט ערשט, מיט עטלעכע חדשים צוריק, חתונה־געהאַט אַזוי ווי איך. קוקט ער אים אָן און גיט פיל־דייטיק אַ פרעג:

— נו, מיין יונג, ווי האַלט דאָס עפּעס מיט דער ליבע?

פאַל האָט ביייזלעך אָפּגעקערט דעם שוואַרצן קאָפּ זיינעם און עפּעס אַ בורטשע געגעבן.

דעמאָלט האָט זיך דער אַלטער לץ אַ ווענד־געגעבן צו מיר:

— אפשר וועט א י ר, מאָסיע, עסן נאָך אַ פאָרציע? איר זעט דאָך! פאַל טויג ניט מער...

איך האָב זיך גענומען אָפּבעטן:

— אַ דאַנק און אַ גרויסן דאַנק! און נאָכאַמאָל אַ דאַנק!..

— ניט אַזוי היציק!.. — האָט דעשאַן אַריינגעלאַכט אין זיינע וואָנסעס — איך זע דאָך, ס'איז ניט פון גרויס דאַנקבאַרקייט, ווי פון גאָר אַן אַנדער זאַך... האַ־האַ!

www.libtool.com.cn

און ווידער־אַמאָל האָט ער זיך גענומען טשעפּען צו זיין מיזיביק:

— איז טויגסטו, פּאָל, צי ניט? איך וועל דאָס מאָרגן אַ פּרעג־טאָן ביי דיין יונג ווייבל. זי וועט מיר שוין זאָגן...

און אינמיטן קאַטאָוועסן אַזוי, האָט זיך דער אַלטער אויפגעשטעלט, אָנגעכמורעט די ברעמען און געהאַלטן אַ זייער קורצע און וואָגיקע רעדע:

— איז זאָל זיין גענוג, חברה בורטשער און דאַנק־זאָגער! אַהיים צו די ווייבער, יונגאַטשעס! אייער זכר זאָל דאָ ניט בלייבן! מאַרש, מאַרש! און מיטן רעכטן פוס... און דו, מאַרסעל! — האָט ער זיך אַ ווענד־געגעבן צו זיין עלטערן זון — מאַך ניט קיין אָנשטעל פון אַ קאַסטרירטן האָן! אַן אָגער ביסטו. איך קען דיך... און פאַרגעס ניט אַ קוש־טאָן פאַר מיר דיין דיק ווייבל און פאַרגעס ניט גריסן די מאַמע דיינע. מיין צייט איז פאַרביי...

די בנים האָבן זיך ניט געלאָזן בעטן, גענומען אָפּראַמען פון טיש, איינוויקלען גרויסטע פּאָרציעס פיש אין אויל־פּאַפּיר — פאַר ווייב און קינדער. איך אַליין האָב זיך נאָך אַ ביסל געשעמט, געמאַכט שהיות, געמורמלט צום אַלטן, אַז ס'איילט ניט... איך וויל אים דאָ ניט לאָזן איינעם אַליין... אָפּעסן אַזאַ פּראַכטפולן מאָלצייט און אַנטלויפן? ניין, ניין.

אָבער דעשאַן איז אַ האָר ניט נתפעל געוואָרן פון מיין העפלעכקייט. ער האָט אויף מיר אַ מאַך געטאָן מיט זיין וואָרצלדיקער האַנט און פאַררויכערט די ליולקע.

— וואָס איז דאָ וואָס צו שעמען זיך? — האָט ער מיך געמונטערט — גייט, גייט! פאַרענטפערט זיך ניט.

ער האָט אַ קרעכץ געגעבן און זיך ווידער צוגעזעצט:

— אַמאָל פלעגן מיר אויף די באַרזשעס, בשעת דעם ערשטן פאַנג, מיטנעמען אונדזערע ווייבער און גאַנצע קאָמפּאַניעס פישער פלעגן דאָ פּראַווען מאָלצייטן און ס'האָט זיך געטאָן!.. מיט עסן און טרינקען אַליין האָט מען זיך ניט באַנוגנט. עס ליגט שוין אַזאַ פאַרפירערישער כוח אין ערשטן לאַקס וואָס די לוואַרע שיקט אונדז צו. אַ קופּלערין ווערט זי, די אַלטע מכשפה, אין אַזאַ נאַכט!.. זיינען דאָ פאַרגעקומען סקאַנדאַלן. מיינע — דיינע, דיינע — מיינע... ס'איז געקומען צו מעסער־געשלעגן אויך. פון דעמאָלט־אָן בלייבן די ווייבער אינדערהיים. ס'איז רואיקער, ס'איז אָנשטענדיקער... איז גייט אַצינד, גייט געזונטערהייט!..

ביים שיין פון דער לאָמטערנע האָבן מיר זיך פון דער באָרזשע אַראָפּגעלאָזן אין קליינעם שיפל אַריין. מאַרסעל, דער עלטערער זון, האָט זיך געזעצט ביים רודער, פּאָל — ביי די ווענסלעס, און איך — אויפן שפּיץ שיפל.

www.libtool.com.cn

— באָן שאַנס!.. — האָט אונדז דער אַלטער דעשאַן נאָכגעשריען.

„מיט גליק!" — הייסט דאָס. זיין פּנים, וואָס איז צעקנייטשט ווי אַן אַלטע נעץ, האָבן מיר מער ניט געזען, נאָר דאָס רויט פייערל פון זיין ליולקע — יאָ. ווי אַ לעצטע קויל פון אויסגעברענטע ליידנשאַפטן האָט דאָס צו אונדז אַראָפּגעגליט.

מיר זיינען אָפּגעפאָרן. דער שטראָם פון דער לואַרע האָט זיך, ווי אַ שוואַרצער אַטלאַס, צעגלאַנצט צווישן שיפל און באָרזשע. און באַלד האָבן מיר דערהערט הינטער זיך די קלימפּערנדיקע טענער פון דער וויעלע. דער אַלטער האָט דאָס געשפּילט אויף זיין אַלט־פראַנקישן אינ־סטרומענט. פון דער באָרזשע זיינען די טענער געפאַלן אין וואַסער אַריין ווי קלינגענדיקע טראָפּנס. דאָס איינטאָניק, אָבער פריילעך ניגונדל פון דער מעכאַנישער מאַנדאָלינע האָט אָצינד פאַרלוירן זיין טענצלדיקן ריטעם. שווערמוטיק, ווי טרערן, האָבן זיי געקאַפּעט אין שוואַרץ־גלאַנצנ־דיקן וואַסער. צי באַווייַנט דאָס ניט אַזוי דער אַלטער דעשאַן זיין פאַר־פלויגענע יוגנט?.. אַ רחמנות, אַ גרויסער רחמנות אויף אים!..

איך ווייס ניט צי מיין פרוי האָט געהאַט אַ פאַרגעפיל, אין וועלכן צושטאַנד איך וועל זיך אומקערן אַהיים, שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, און מיט וואָס פאַר אַ הייסן אימפּעט איך וועל זי אַרומנעמען; אָדער די יונגע פישערקעס, ס'הייסט די ווייבלעך פון די ברידער דעשאַן, האָבן זי צוגע־גרייט צו אַזאַ איבערפאַל... קורץ. אויפצוואַועקן זי איז מיר ניט אויסגע־קומען. איך האָב זי געפונען אַ ציטערדיקע, אַ גליענדיקע, אַן אומגע־דולדיקע, און נאָך איידער איך בין צו איר צוגעטרעטן, איז זי אויפגע־שפּרונגען פון געלעגער מיר אַנטקעגן, איז מיר אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז, איינגעקלעפּט זיך אין מיר, ניט אָפּגעלאָזן.

— דער אַלטער האָט דיר געשיקט... — האָב איך זי געפּרוּווט אָפּהאַלטן, כדי דערמאָנען איר, אַז די איניציאַטיוו געהערט דעם מאַן, — דאָס בעסטע שטיק פון פאַנג האָט דיר דער אַלטער דעשאַן געשיקט...

אָבער זי האָט זיך פאַרקרימט און הערן אַפילו ניט געוואָלט פון אַנ־דערע מתנות. מיך, און נאָר מיך אַליין האָט זי געוואָלט. ערשט דעמאָלט, ווען מיר האָבן זיך ביידע באַרואיקט און געקומען צו־זיך, איז זי נייגעריק געוואָרן אויף דער מתנה, וואָס די לואַרע און דער אַלטער פישער האָבן איר געשיקט דורך מיר. איך האָב דעם ראַזעווען שטיק סעמאָן צעלייגט אויף אַ טעלער, די צוגעשיקטע פלאַש מיט ברוינזנדיקן סעמיור אויפגע־

פּראָפּקעט, און זי האָט זיך צו דעם צוגעכאַפּט, זיצנדיק אין בעט, אַ לאַכנ־דיקע, אַ פאַרליבטע. זי האָט געלויבט דעם אויסערגעוויינלעכן גענוס פון אַזאַ נאַכט־מאָלצייט, באַזונדערס — דעם אויסגעזוכטן טעם, די פרישקייט און זאַפטיקייט פון אַזאַ פאַנג. איך האָב איר געהאָלפן אין איר צופרידנ־קייט. עס איז אַלעמאָל געווען איינע פון מיינע פאַרגעניגנס צוצוזען, ווי אַזוי אַ געליבטע עסט מיט אַפּעטיט, ווי זי נעמט אין איר יונגן גוף אַריין די ברכות פון דער ערד. אמת, אין דעם פאַל האָב איך אַ ביסל צופיל הנאה־געהאַט, אַ ביסל צופיל געהאָלפן איר... וואָרעם סוף־כל־סוף האָט זי זיך אַ ביסל דערשראָקן:

www.libtool.com.cn

— וואָס איז מיט דיר היינט, דויד? דער טייוול פון דער לואַרע איז אין דיר אַריין, אָדער וואָס?

— איך וויים אַליין ניט... — זאָג איך און פאַל איר צו די נאַקעטע פיס, — לאָז מיך נאָך איינמאָל אַרומנעמען דיך.

— ניין. און מער לאָז איך דיר ביינאַכט ניט גיין צו די דעשאַנס אויף דער באַרזשע. עס איז צו געפערלעך פאַר דיר. און פאַר מיר אויך.

— טייערינקע, וואָס האָסטו פאַרלאָרן?

— מיין כוח... — צעלאַכט זי זיך און טוליעט זיך אין מיר איין, — מ'טרינקט ניט אויס אַ גאַנצע פאַס ווין אויף איין מאָל. מיט אַ בעכערל, מיט אַ בעכערל...

— ווי אַ שפּאָרעוודיקע באַלעבאָסטע רעדסטו... ניט אַלע טאָג איז יום־טוב.

— נו, איז גוט, איז גוט!.. ברעך אויף די גאַנצע פאַס! צע־טאַכלעווע אַלץ וואָס דו האָסט. נאָר זע, זעץ־ניט אָן, האַ־האַ! זעץ נאָר ניט אָן!

צומאָרגנס פאַר מיטאָג האָב איך אָנגעטראָפן די יונגע דעשאַנס אויפן ברעג פון דער לואַרע. זיי האָבן אויסגעזען פונקט אַזוי גרין אין געזיכט און פונקט אַזוי גליקלעך, ווי איך אַליין.

— עפּעס גוט געשלאָפן?.. — האָבן זיי זיך איבערגעקוקט און מיט אַ באַזונדער שמייכעלע.

— אַזוי ווי איר, מיינע פריינט! — ענטפער איך זיי מיט פונקט אַזאַ שמייכעלע, — אומגעפער — אַזוי ווי איר...

דער ווינט האָט געבלאָזן אין אונדזערע אַנטבלויזטע קעפּ, אָפּגעפרישט ווי אַ קילער דוש*). דער טייוול פון דער לואַרע האָט געשפּילט מיט אונדזערע צעפּאַטלטע טשופּרינעס...

דאָ האָט דויד ברין איבערגעריסן זיין דערציילונג, אויפגעהויבן סאָ־לאַנשס קאָפּ מיטביידע הענט און אַריינגעקוקט איר אין די אויגן:

---

*) שאַוער.

— דו ווײנסט גאָר ? זע ! .. וואָס איז מיט דיר ?
www.libtool.com.cn
— איך וויין, ווײל איך בין מקנא...
— פאַרוואָס מקנא ? מיר ?
— ניט אַזוי דיר, ווי דײַן... דײַן געוועזענער פרוי. ווײל זי... גראָד זי האָט געהאַט אַזאַ גליק, אַזאַ גרויסע נאַכט, און האָט דאָס פאַר־געסן. אינגאַנצן פאַרגעסן.
— ווייסט נאָך אויך האָבן... — האָט ער זי געטרייסט. — וועסט זען ! דער גרעסטער טייל פון דעשאַנס מתנה איז נאָך גאַנץ. פאַר דיר אַליין, סאָלאַנש ! אָבער דו ? זאָג נאָר, דו וועסט דאָס ניט פאַרגעסן, אַזוי ווי זי ?
— דאָס ווייס איך נאָך ניט... — האָט אים סאָלאַנש אַרומגענומען און אָן אַ שום סיבה צעלאַכט זיך.

פינפטער קאַפּיטל

אנדרי דאל

1.

געזעטיקט, אָבער ניט זייער גליקלעך, איז דויד ברין אַרויס פון סאָלאַנשס וואוינונג, כדי צו וואַרטן אויף איר אין קאַפע „לילא", אויפן עק פון קליינעם לוקסעמבורג, טאַקע ניט ווייטער ווי איין בלאָק פון איר הויז. פון דאָרטן האָבן זיי אָפּגערעדט פאַרן צוזאַמען און סופּירן אין אַ גאָר גוטן רעסטאָראַן לעבן דער גרויסער אָפּערע.

דויד ברין האָט, אייגנטלעך, געדאַרפט זיין גליקלעכער נאָך אַזעלכע זיס־פאַרבראַכטע שעהן. אַ ליכט איז דאָך אים, ווי פון הימל, אַראָפּגעפאַלן אין זיין גרויען לעבן, וועלכן ער האָט חדשים־לאַנג געפירט, אָן אַ שמייכל פון אַ פרוי, אָן אַ גלעט פון אַ צאַרטער האַנט. ערשט היינט פאַרמיטאָג איז ער נאָך, ווי אַן אָרעמער בחור, געגאַנגען זוכן פאַרלאָרענע אייזלען, און געפונען אַ מלוכה ; געלאָפן איבערבעטן זיך מיט אַ קאַפּריזנער מאָדעל־מיידל, און געפונען אַזאַ וואונדערבאַרע געליבטע, וואָס פאַראייניקט אין זיך די איידלקייט פון אַ גוט־דערצויגענער פראַנצויזין און דעם הייסן קלימאַט און ריח פון אַנאַנאַסן־אינדזלען... אָן אומגעריכטער וויזיט, פאַר אים ווייניקסטנס אַן אומגעריכטער, איז אָנגעקומען אין סאָלאַנשס שיינעם נעסט, און געווירקט אויף אים... ווי זאָל ער דאָס זאָגן ? ווי

אַ פֿליג וואָלט אַריינגעפֿאַלן אין זיין ניט־דערטרונקענעם בעכער ווײַן. דאָס אָנגעגעמסטע איז דאָס, וואָס דער „אַריינגעפֿאַלענער״ איז גראָד געווען אַ מענטש, צו וועלכן ער, ברין אַליין, באַציט זיך מיט רעספּעקט, מיט אַ געוויסער דאַנקבאַרקייט אַפֿילו. און פֿונדעסטוועגן —

ווען זיי ביידע, ברין און סאָלאַנש, זיינען שוין געווען כמעט אינגאַנצן אָנגעטאָן, און סאָלאַנש האָט, מיט אירע נאָך־נאַקעטע אָרעמס, גענומען צורעכט־מאַכן איר בעט, האָט ער זי שפּילעוודיק אַ פֿרעג געטאָן:

— און ווען דיין פֿראַנסואַ לופֿען קומט פּלוצלונג אַריין און דערזעט אונדז דאָ, דורך זיין גאָלדענעם מאָנאָקל, וואָס וואָלט ער געזאָגט?

— וואָס ער וויל... — האָט סאָלאַנש קיין שמייכל ניט געטאָן, — וויפֿיל איז דער זייגער?

— זיבן. אַ־האַ! אויף דער גאַס איז שוין אַזוי פֿינצטער.

— אַ זייגער זעקס שליסט לופֿען זיין געשעפֿט... ער קען זיך נאָך באַלד אַריינכאַפּן אַהער.

זי האָט דאָס געזאָגט מיטן זעלבן גלייכגילטיקן טאָן. אָבער ברין איז דערפֿון גלייך אומרואיק געוואָרן:

— פֿאַרוואָס האָסטו מיר פֿריער ניט געזאָגט? איך וועל אַוועקגיין...

— ניין. בלייב דאָ! — מאַכט זי גאַנץ רואיק. — העלף מיר אויסציִען די דעקע.

ער האָט איר געהאָלפֿן. די צוויי גרויסע, מיט זילבער געהאַפּטענע דראַקאָנען, אויפֿן טונקל־בלויען גרונט פֿון אַטלאַסענעם צודעק, זיינען ווידער דערשיינען: ביידע איינגעביסן איינער דעם צווייטן אין עק, ווי דער מזל „צווילינג״, נאָר אויסטערלישער. מיט ווילדער ליבשאַפֿט און מיט בייזקייט איינגעביסן זיך.

— אַ מאָדנעם... באַשיצער האָסטו, — גיט ברין אַ הויב מיט די פּלייצעס — פֿון זיינע אייגענע ווערטער, ביי מיר אין אַטעליע און אויך ביי די מלאָטעקס, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז אייפֿערזיכטיק איז ער נ י ט... אָבער אַז ער וועט זיך באַציען אַזוי קאַלט, אינגאַנצן אַזוי קאַלט...

— ער באַציט זיך ניט קאַלט און ניט וואַרעם. איך בין פֿאַר אים נאָר אַ דעקאָראַציע, אַ מאָלערישער גרונט פֿאַר זיין אַלט־בחורישן לעבן. אייגנט־לעך דאַרף ער האָבן נאָר מיין פּאָרטרעט, שיין איינגעראָמט, ווי דו זעסט דאָ. מיין גאַנצע וואוינונג, וואָס דו האָסט אַזוי באַוואונדערט, איז די ראַם... ער איז זייער שטאָלץ אויף מיר, ווי אויף יעדער מציאה, וואָס ער האָט געפֿונען ערגעץ־וואו, אויפֿן „מאַרשע־דע־פּיס״ *), צום ביישפּיל.

---

*) אַ מאַרק פֿון אַלטוואַרג הינטער פּאַריז. אין דירעקטער איבערזעצונג באַדייט דאָס: „דער מאַרק פֿון פֿליי״.

www.libtool.com.cn

אָפּגעקויפט סתּם אַזוי, פאַר עטלעכע פראַנק. דערנאָך האָט זיך אַרויסגע־
וויזן, אַז דאָס איז אַ לייוונט פון אַן אַלטן מייסטער און האָט אַ הויכן ווערט...
www.libtool.com.cn
אַצינד, אַז ער האָט נאָך איינגעהאַנדלט מיין אמתן פּאָרטרעט אין דיין
„גרינער נאַכט“, איז ער נאָך גליקלעכער, אַ סך גליקלעכער...

ברין האָט נאָכדענקעריש אַ לאַך געגעבן:

— אַ זייער אינטערעסאַנטע מיינונג, סאַלאַנש! און דאָס באַלויכט
אים, דיין לופען, גאַרניט פון דער שלעכטער זייט. אַ פּאַעטישע נאַטור!
אַן אַבסטראַקציע איז אים וויכטיקער ווי דיווירקלעכקייט. אַ חלום —
מער־ווי די וואָר... איך הויב זיך אָן אָנשטויסן, פאַרוואָס ער איז געווען
אַזוי אומגעדולדיק? פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי געאיילט אָפּצוקויפן מיין
אַרבעט נאָך איידער עס איז געווען פאַרענדיקט...

— אָך, וואָס חלום!.. ער מיינט נאָר, אַז ער וועט האָבן מיין נאַ־
קעטקייט אין דיין בילד — וועט ער מיך אַליין ניט דאַרפן האָבן...

— ער וועט דיך מיינסטו —

— אַוועקוואַרפן? מען קען ניט וואַרפן דאָס, וואָס מען האָט ניט אין
די הענט. איך פיל נאָר אַז מיינע קאַפּריזן האָט ער זאַט. אַ פּאָרטרעט איז
אַזוי רואיק, אַזוי באַשטענדיק... קריגט זיך ניט. ווען ניט מיין הילף...
דעמאָלט אפשר...

— דיין הילף זאָגסטו?

— מיינס... אין זיין קונסט־געשעפט, לעבן „האָטעל־דע־וויל“.
אַזאַ פאַרקויפערין ווי איך מאַכט דאָס אַלעמאָל בעסער, ווי אַן אַלטער
בחור מיט אַ מאָגנאַקל פון אַ פּאַראַרעמטן גראַף, ווי לופען זעט אויס...
ווען מען דאַרף נעמען אַ ריכטיקן פּרייז ביי אַ פּאַרווענו, ביי אַן אויפּ־
געקומענעם גביר, רופט מען מיך גלייך אַרויס.

— איך פאַרשטיי שוין...

— איצטער ווייסטו, אַז ניט נאָר ער האַלט מיך אויס. איך פאַרדין
אַליין. איך באַקום מיינע טאַנטיעמען...*)

— הם... איצטער פאַרשטיי איך פאַרוואָס דו זיצסט אַלעמאָל אין
דעם קליינעם קאַפע לעבן האָטעל־דע־וויל, און ניט דאָ, אויפן מאָנפּאַרנאַס,
הינטערן ראָג. דאָרטן איז דיר נעענטער...

— נעענטער צו לופענס געשעפט און וויטער פון דער פאַרגאַנ־
גענהייט...

— וועמעס פאַרגאַנגענהייט מיינסטו?

— מ י י נ ע, פאַרשטייט זיך. אַגרי דאַל וואַקסט דאָ וואו מען זייט

---

*) פּראָצענטער.

אים ניט. איינמאָל אין קאַפּע „ראָטאָנד“, אַ צווייטן מאָל — אין „קופּאָל“.
www.libtool.com.cn
אַפילו דאָ ניט ווייט אויפן גאַס־ווינקל. אין אַלטן קאַפּע „לילאַ“...

זי האָט דאָס אַרויסגעזאָגט גאַנץ אָפנהאַרציק, מיט ניט באַהאַלטענער פאַראַכטונג. אָבער ברינען איז דאָס עפּעס ניט געפעלן געוואָרן. ער איז שוין געווען אַ ביסעלע געררייצט פון דעם, וואָס ער האָט זיך פריער דער־וואוסט. נאָך דעם געהויבענעם נאָכמיטאָג, וואָס זיי האָבן דאָ ביידע פאַר־בראַכט, האָבן אים סאָלאַנשס פאַרדינסטן אין לופענס קונסט־געשעפט אויסגעזען וואָכעדיק, אַפילו וואולגאַר. ניט צו איר שיינקייט צוגעפּאַסט, ניט צו איר אינטעליגענץ.

— פון אַ פאַרגאַנגענהייט דאַרף מען ניט לויפן... — האָט ער אָנ־געקוקט זיין געליבטע מיט פאַרדאַכט — סיידן די פאַרגאַנגענהייט איז נאָך ווייט ניט אַוועק...

אַזוי האָט ער נאָר געטראַכט. אַ פרעג געגעבן האָט ער אַ סך ווײ־כער:

— ביסטו זיכער, ליבע סאָלאַנש, אַז דאָס איז נאָר פאַרגאַנגענהייט?

אָבער אויך אַזאַ פראַגעלע האָט איר, קענטיק, אויסגעוויזן ניט־גענוג דעליקאַט. וואָרעם זי האָט גלייך אָפּגעקערט איר שיינעם קאָפּ צום שפּיגל און פלייסיק גענומען פּודערן זיך, עפּעס ווי זי וואָלט זיך אונטער־גענומען צו פאַרשיטן, מיט ברוינע מעל, איר אמתן אויסדרוק אויפן געזיכט. דאָס איז אים נאָך מער געוואָרן פאַרדראָסיק. און ער האָט אומ־געלומפּערט צוגעגעבן:

— איך געדענק דאָך, טייערע, דיינע פּאַרווײנטע אויגן דעם ערשטן טאָג ביי מיר אין אַטעליע, ווען דו ביסט אַראָפּ פון שלאָף־צימער אויפן באַלקאָן, וואו ער האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געוואוינט...

זי האָט צו אים האַסטיק אַ קער געגעבן דעם פּנים. די פּודרע האָט ניט געהאָלפן. דער אויסדרוק איז געווען שאַרף:

— אויף אַ קבר פון אַ נאָענטן וויינט מען דאָך אויך...

דאָס האָט אים געטראָפן אין האַרצן אַריין. די אמתדיקייט אירע, איר אײדעלער שטאָלץ... ער איז איר געפאַלן צו די פיס און אַרומגענומען אירע קני. נאָר דאָ האָט מען אַ קלונג־געגעבן, צוויי קורצע מאָל נאָכאַנאַנד. אַ באַשטימטער צייכן וויזט אויס.

— לופען... — האָט אים סאָלאַנש אָפּגעשטויסן פון זיך. — גיי אין סאַלאָן, טייערינקער!

ברין איז רויט געוואָרן ווי אַ ייִנגל און האָט געפאָלגט. און סאָלאַנש איז פאַרבייגעלאָפן, מיטן רויש פון איר זײדענעם קלייד און מיטן דיסקרעטן ריח פון איר אָוונט־פּאַרפיום. צו דער איינגאַנג־טיר, אין קאָרידאָרל, איז זי אַוועקגעלאָפן.

אין קליינעם סאַלאָן האָט זיך ברין אַריינגעזעצט אין דער טיפֿער רעקאַמיע־קאַנאַפּע און זיך באַמיט אָנצוצוען אויפֿן פּנים אַ מינע פֿון אַ צופֿעליקן גאַסט. דאָס האַרץ האָט אים פֿונדעסטוועגן געקלאַפּט... באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַזאַ אָנשטעל און אַזאַ באַשיידענע פּאָזע איז גאַנץ איבעריק. פֿראַנסואַ לופּען איז אַריינגעקומען מיט אַ פֿריילעכן „גוטן־אָוונט" און מיט אַ פֿרייער האַלטונג פֿון אַ מענטשן, וואָס פֿרייט זיך צו טרעפֿן דאָ אַ גוטן באַקאַנטן, וועלכן ער האָט געזוכט. אויסגעווישט דעם מאַנאַקל מיט אַ שניי־ווייסן טיכל און אַריינגעזעצט אין אויג, האָט לופּען אָנגעקוקט דעם מאָלער מיט אַ שמייכעלע, און אַ פֿרעג געגעבן:

www.libtool.com.cn

— נו, שער מעטר, ס'איז וועדנירט?..

— מיין לייוונט? — האָט ברין איבערגעפֿרעגט נאָך איין רגע טראַכטן, — יאָ. וועדנירט און איינגעראַמט.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק! וועל איך שיקן אָפּנעמען... ווען שטערט מען אייך ניט?

— אינדערפֿרי. מאָרגן, אויב איר ווילט...

אָבער סאָלאַנש האָט זיך אַריינגעמישט:

— וואָס איז די איילעניש?

און שטרענג אָנקוקנדיק ברינען האָט זי צוגעגעבן:

— פֿאַרבינדט זיך נאָר ניט!.. מיר גייען דאָך היינט פֿאַרברענגען אין שטאָט. מירן קומען שפּעט און איר וועט שפּעט אויפֿשטיין...

ווי אַ באַפֿעל האָט זיך דאָס אָנגעהערט, ניט ווי אַ פֿריינדלעכע וואָר־נונג. איר האָט אַפֿנים ניט געאַרט אַפֿילו, צי לופּען שטויסט זיך אָן וואָס אַזאַ באַפֿעל באַדייט, צי ניט.

ברין האָט זיך ווידעראַמאָל פֿאַררדיטלט. אָבער לופּען האָט קיין שום מינע ניט פֿאַרצויגן, מיט אַ מויל־ווינקל קיין צוק ניט געגעבן. ער האָט נאָר פֿון זיין בוזעם־טאַש אַרויסגענומען אַ פֿאַרמאַכטן קאָנווערט, און מיט אַ פֿריינדלעכער באַשיידנקייט, אויף וועלכע פֿראַנצויזן זיינען אַזעלכע מייסטער, בשעת זיי צאָלן אַ חוב, האָט ער דאָס דערלאַנגט ברינען אין זיין ניט־זיכערער האַנט אַריין:

— דאָס איבעריקע!.. גוט, וואָס איך האָב אייך דאָ געטראָפֿן. איך האָב שוין געהאַט אָנגעגרייט.

ווי אַ ייִנגל וואָס וויל וויסן, צי זיין מוטער דערלויבט אָנצונעמען אַ מתנה, וואָס אַ פֿרעמדער גיט אים, אַזוי האָט ברין גענומען זוכן סאָ־לאַנשס אויגן. יענע האָט אים נאָר קורץ אַ שאָקל געגעבן מיטן שייבעם קאָפּ.

— איז גוט... — האָט ברין גענומען שטאַמלען, — אָבער... איך וויל זאָגן... מיין פֿאַרענדיקטע אַרבעט האָט איר דאָך ניט געזען...

— אונדזער סאָלאַנש האָט מיר שוין געזאָגט... — איז לופּענס גלאַנצנדיקער מאַנאָקל איבערגעלאָפן פון איין געזיכט צום צווייטן.

www.libtool.com.cn

— פאַרוואָס „אונדזער״? — האָט זיך סאָלאַנש קוים־קוים אַ קרים געגעבן. — סאָלאַנש געהערט זיך אַליין.

און אָנשטעלנדיק די גרינגע אויגן אויף בריגען האָט זי אים ווידער באַפוילן:

— איז אָפּגעמאַכט. איר... דו וואַרטסט אויף מיר אין קאַפע!..

מיר האָבן נאָך וואָס צו באַשפּרעכן מיט „אונדזער״ פּריינט לופּען... דו וואַרטסט, לאָמיר זאָגן, אין קאַפע —

— „לילאַ״... — האָט איר לופּען צוגעהאָלפן, — דאָ ניט ווייט.

— לילאַ?.. — האָט זיך סאָלאַנש אָנגעכמורעט. דער דאָזיקער נאָמען האָט איר, ווייזט אויס, דערמאָנט דעם, וועלכער איז דאָרטן אַן אייגנגייער, און וועמען זי באַמיט זיך אויסצומיידן.

נאָר באַלד האָט זי אַנטשלאָסן אַ שאָקל געגעבן מיטן שיינעם קאָפּ, ווי אַ דערלויבעניש אַרויסגעגעבן:

— איז גוט. דו וואַרטסט אויף מיר אין „לילאַ״! דאָ אויפן ראָג... אין אַ שעה אַרום, שפּעטסטנס, קום איך און נעם דיך אָפּ.

ער האָט זיך זייער פּריינטלעך געזעגנט מיט פּראַנסואַ לופּען, פאַר־זיכערט אים, אַז ער קען שיקן אָפּנעמען דאָס בילד ווען ער וויל, מאָרגן, איבערמאָרגן... אָבער ווען ער איז אַרויס אויף דער פרישער לופט, אין דער לוקסעמבורגער אַלעע, האָט ער נאָך אַלץ געהאַט אַ פּריקרען געפיל, ווי אַ טויטע פליג וואָלט געווען אַריינגעפאַלן אין זיין ניט־דערטרונקענעם בעכער. ער האָט זיך ווידער גענומען גריבלען: צוליב וואָס אייגנטלעך איז לופּען אָנגעקומען גראָד איצט? און וואָס פאַר אַ סודות האָט מיט אים סאָלאַנש, זי זאָל אים, בריגען, מוזן „אָפּשיקן״ אין קאַפע אַריין?..

ער איז אַ ווײַלע שטיין געבליבן און באַשלאָסן דורכצוגיין זיך אין דער קאַלטער אַלעע; שפּאַצירן אַזוי לאַנג, ביז דאָס ניט־גוטע געפיל וועט זיך אויסוועפּן.

דאָס ערשטע שנייעלע, וואָס האָט נאָך ניט אויפגעהערט צו טראָגן זיך אין דער לופט פון היינט אינדערפרי, האָט אים, ווי מיט קאַלטן פוך, געגלעט דאָס געזיכט, געקילט דעם אָטעם. אָבער דער פאַדרוס האָט זיך ניט געלאָזן אָפּקילן —

— וויכטיקע געשעפטן מוזן דאָס זיין! וויבאַלד סאָלאַנש האָט זיי ניט געקענט אָפּלייגן ביז מאָרגן... זיינען דאָס ניט, צופעליק יענע גע־שעפטן, אויף וועלכע לופּען מוז זיין אַ ספּעציעלער מבין? רעשטלעך וואָס זיינען איבערגעבליבן פון אַן אַנדערן? וואַרעמען די צו־פריע עלטער ביי

אַ פייער, וואָס אַנדערע האָבן אָנגעצונדן ? אַרומנעמען אַ פרוי, וועלכע פרעמדע אָרעמס האָבן אָקערשט אַרומגענומען ?
www.libtool.com.cn

דאָס האַסטיקע שפּאַצירן אין דער לאַנגער אַלעע האָט אים פונדעסטוועגן אַ ביסל באַרואיקט. און, ווי זיין שטייגער איז, האָט ער זיך אַליין גענומען מוסרן :

— ווייסטו דען ניט אַז אין די זיבן טעג פון וואָך איז פאַראַן נאָר איין שבת? אַז יעדער גענוס מוז צוגעגרייט ווערן אין קיך? אַז קיין בלום וואָלט ניט געבליט אָן ערד־פוילעניש? ווילסט אַלץ פאַר זיך און אויף איין מאָל !.. געדענקסט ווי דער אַלטער ציגיינער רעדט צום וואַגאַבונד אַלעקאָ אין פושקינס פּאָעמע :

„קענסט מער מיט אונדזער וועג ניט גיין !
ווילסט פרייהייט נאָר פאַר זיך אַליין...״

ברין האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט און פאַרקערעוועט זיך אויף צוריק, צום פאַנטאַן און צום קאַפע „לילאַ״ :

— וואָס ווילסטו פון זיי, דו? פון אָט דער וואונדערלעכער ציגיינעריך, וואָס האָט דיך היינט אַזוי גליקלעך געמאַכט, און פון אָט־דעם גוט־דער־צויגענעם פריידענקער מיטן מאַנאָקל ? .. זיי האָבן זיך אין דיינע עסקים ניט געמישט און דו מיש זיך ניט אין זייערע !..

אַצינד האָט ער ווידער געשפּרייזט פאַרביי סאָלאַנשס וואוינונג. אַרויפגעקוקט — האָט ער דערזען, אַז די צוויי פענצטער פון איר סאַלאָנדל לייכטן זיך שוואַך דורך די פאַרהאַנגען אַזוי ווי פריער, ווען ער האָט דאָס הויז פאַרלאָזן. די פענצטער פון איר בודואַר און שלאָף־צימער זיינען טונקל... אַזאַ אַנטדעקונג האָט אים אומגעקערט זיין צוטרוי צו דער טונקל־הויטיקער געליבטער, זיין דאַנקבאַרקייט צו איר :

—אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי זיך דאָך ניט געזען. פון דיין ליבע אַליין קען סאָלאַנש ניט לעבן, פון לופּענס קונסט־געשעפט — יאָ. זיי האָבן שוין פון וואָס צו ריידן. געוויס !

ער איז צוגעגאַנגען צום פאַנטאַן. דאָס וואַסער האָט איצט מער ניט געשפּריצט. אָפּגעשטעלט. טאָמער פרירט דאָס אין דער קאַלטער נאַכט. נאָר די נאַקעטע פרויען־פיגורן, אונטער דער בראָנדזענער ספערע מיט די מזלות, די איך־שפּרונג פאַרשטיינערטע פערד און יאַשטשערעס, אין דעם מירמלשטיינערנעם באַסיין, האָבן פייכט געגלאַנצט אונטערן נעפּלדיקן שיין פון די גרויסע לאַמטערנעס.

— אָ, האָט זיך ברין צעוואָרעמט, אייערע ווייבערלעכע היפּטן וואָלט איך געוואָלט אַרומנעמען, איר וועלט־ראָסן ! אייערע מאָרדעס אויסקושן, איר צעשראָקענע פערד ! איר זענט צעלאָפּענע לײדנשאַפטן,

www.libtool.com.cn

פון אַ קינסטלער־פאַנטאַזיע אַרויסגעשפּרונגען; אַנטלויפנדיק פאַרקער־פערט געוואָרן און געבליבן פאַר אונדז אַלעמען, דאָ אויף דער טונקעלער אַלעע. איז גלאַנצט אַזוי ווייטער אין ווייסן באַסיין! העלפט מיר גליקלעך זיין!

אויפגעמונטערט פון זיין אייגענער באַגייסטערונג האָט זיך ברין פריי־לעכער אַוועקגעלאָזן צום גרויסן קאַפע־הויז, אויפן ראָג פון „קליינעם לוקסענבורג“, אונטערזינגענדיק צום ריטעם פון זיינע טריט:

… ווען ער צעגייט זיך מיט זיין מיידל, —
טרייסט אים גיך דער גרויסער ים;
דאָס איז דער יונג פון דער מאַרינע!
פריי פון אייפערזוכט און קינאה,
ניט אַ כוואַליע, נאָר אַ פלאַם.

.2

אין קאַפע „לילאַ“, וואָס פאַרנעמט דעם גאַנצן ראָג פון בולוואַר מאָנפּאַרנאַס אין לוקסענבורגער אַלעע, האָט אַמאָל, דערציילט מען, פאַר־קערט היינריך היינע מיט זיין מאַטילדען, שפּעטער — באָדלער און ווערלען...*) אַ הויך פון בכבודיקער עלטער און געמיטלעכקייט שוועבט דאָרטן איבער די צוויי גרויסע זאַלן, איבער די לעדערנע ווייכע בענק, וואָס זיינען באַקוועם ווי פאָטער־שטולן. ברין האָט זיך אויסגעזוכט אַן אָרט אויף אַ לעדערנער קאַנאַפּע אין ערשטן זאַל, פּונקט אַנטקעגן גלעז־זערנעם אַריינגאַנג, כדי סאָלאַנש זאָל אים באַמערקן גלייך ווי זי וועט אַריינקומען, גרייט צום אָונט־עסן.

באַשטעלט האָט ער אַ שוואַרצן מאָקקאָ מיט קאָניאַק, כדי אינגאַנצן פאַרטרייבן זיין שלעפעריקייט נאָך אַזאַ גוט, נאָך אַזאַ צו גוט פאַר־בראַכטן נאָכמיטאָג אין סאָלאַנשס וואוינונג.

סמאַקעווענדיק דעם הייסן געטראַנק און פאַרטרינקענדיק מיטן אַלטן גוטן טראָפּן, האָט זיך ברין דערמאָנט אָן באַקומענעם רעשט האָנאָראַר פאַר זיין בילד. האָט ער אויפגעריסן דעם האַלב־פאַרקלעפּטן פּולן קאָנ־ווערט, וואָס לופען האָט אים פריער דערלאַנגט, און האָט זיינע אויגן ניט געגלויבט. דאָ זיינען געווען איינגעפּאַקט גאַנצע אַכט טויזנט־פראַנקיקע אַסיגנאַציעס... צוזאַמען מיטן פריער־באַקומענעם אַוואַנס — צען טויזנט. דאָס איז געווען אַ היפּשע און קיילעכדיקע סומע, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל פאַר זיינס אַ בילד ניט באַקומען. קענענדיק די פאַרביסענע קאָרג־

*) באַרימטע פראַנצויזישע דיכטער.

שאַפט פון אַלע קונסט־הענדלער און קונסט־פאַרמיטלער אין באַצוג צו
www.libtool.com.cn
קינסטלער, האָט אים אַזאַ סומע אויסגעזען נאָך מער איבערגעטריבן. ער האָט דאָך, בכלל, מיט פראַנסואַ לופען, פון פרייז קיינמאָל ניט גערעדט. נאָר בשעת אויסצאָלן אים דעם אויפגאָב פון צוויי טויזנט פראַנק, האָט אים לופען צוגעזאָגט נאָך אַזאַ סומע, ווען דאָס בילד וועט זיין פאַרטיק. און דאָ באַקומט ער, ניט אַן ענלעכע סומע, ווי ער האָט שוין באַקומען, נאָר אַ פירפאַכיקע... האָט ניט סאָלאַנש אויך דאָ צוגעלייגט איר טונקעלע ליבע האַנט? געוויס זי!.. זי האָט שוין באַמערקט ווי לופען איז פאַרקאָכט אין בילד און האָט אים נאָך מער אונטערגעוואַרעמט. זי אַליין האָט זיך היינט אויסגעדריקט. אַז לופען האָט מער נויטיק איר געמאָלטע נאַקעטקייט ווי איר נאַטירלעכע... האָט ער, ברין, דאָס אַלץ פאַרדינט? איר הילף, אַלס פאַרקויפערין, האָט ער באַקומען אין לופענס קונסט־געשעפט און זי אַליין — אויך: איר גאַנצע שיינקייט, איר ווייבערישן גנאָד...

דאָס האָט אים אַזוי צענומען, אַז טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. און עס האָט זיך אים פאַרגלוסט וואָס גיכער צו דערזען זי דאָ, לעבן זיך, גלייך אויף אַן אָרט!.. זיצן דאָ און וואַרטן אויף איר? דערצו האָט ער קיין געדולד ניט. נאָר ניט זיצן און וואַרטן.

דאָס שטאַרקע קאַווע מיטן קאָניאַק האָבן דערווייל אויך געטאָן דאָס זייעריקע. ברינס מידקייט, פון אַלע היינטיקע איבערלעבונגען, איז אינגאַנצן אַוועק. האָט ער גיך פאַרשטעקט די אַסיגנאַציעס אין בוזעם־קעשענע און אומגעדולדיק גענומען אַרומקוקן זיך נאָכן קעלנער; געוואָלט באַצאָלן און לויפן זיין געליבטע אַנטקעגן... נאָר דאָ האָט ער עמעצן דערזען: לינקס, ביי אַ קיילעכדיקן טישל, אין ברייטן אַריינגאַנג צום צווייטן קאַפעזאַל, איז יענער געזעסן. אַ מאַסיווע פיגור מיט אַ גרויסן קאָפּ, אונטער אַ קאַפעליושל מיט קיילעכדיקע ראַנדן און מיט אַן אויפגעשטעלטן דנאָ. דאָס קרעפטיקע געזיכט — אַרומגעראַמט מיט אַ גאָלד־רויטלעך בערדל. די אויגן גרוי און אַ ביסל חוצפּהדיק מיט זייער צו אָפענעם און עקשנותדיקן בליק... אַך, יאָ, געוויס! דאָס איז דאָך דער זעלבער פאַרשוין, וועלכן ער, ברין, האָט נעכטן ביינאַכט געזען אַריינגיין אין דער באַלויכטענער גלאָז־וועראַנדע פון קאַפע דיופאָן, לעבן מאָנפּאַרנאַסער וואָקזאַל... געזען אַפילו ווי ער לייגט אַרויף זיין קרעפטיקע לאַפע אויף סאָניאַס פּלייצע, און ווי יענע קוקט זיך אום אויף איר אָנגעקומענעם קאַוואַליער. און מיט וואָס פאַר אַ שמייכל!.. קורץ, ס׳איז דער סקולפּטאָר אַ נ ר י ד אַ ל.

יענער, ווייזט אויס, האָט אים, ברינען, שוין פריער דערקענט און אַריבערגעקוקט צו אים, איבערן הויכן באָקאַל ווין, וואָס ער האַלט אין

www.libtool.com.cn

האַנט, און איבער די קעפּ פון די קאַפּע־באַזוכער. זייער רויִק האָט דאַל אַריבערגעקוקט און מיט אַ ניט־באַהאַלטענער נייגעריקייט.

און מערקווירדיק! אויך ער, בריק, איז געווען אַצינד ניט מער ווי נייגעריק אויף זיין צווייטן קאָנקורענט, — דער צווייטער נאָך האַר־קאָווקען... קיין שפּור פון אייפערזוכט צו אָט דעם ווייבערניק, וועל־כער האָט שוין אַמאָל געוואָרפן אַן אויג אויף סאָניאַן, שוין דעמאָלט, ווען ער, בריק, און זיין ווייב, האָבן באַזוכט דאָלס אויסשטעלונג אין „קליי־נעם פּאַלעי״; קיין ברעקל שנאה צו דעם, וועלכער האָט אַצינד די פּאָר־בלאַנדזשעטע און מיד־געוואָרענע סאָניאַ אַזוי לאַנג פאַרפּאָלגט אין דער ווילדעניש פון מאָנפּאַרנאַס, ביז ער האָט זי אַריינבאַקומען אין זיינע פליי־שיקע לאַפּעס... אין איצטיקן מאָמענט האָט בריק געהאַט נאָר אַ געפיל פון דערלייכטערונג; עפּעס ווי ער וואָלט געהאַט פאַרלאָרן אין קאָרטן און צוריק אָפּגעשפּילט זיך; דו האָסט צוגענומען די, וועלכע איז געווען מיין ווייב, איך האָב צוגענומען די, וועלכע איז געווען דיין טענצעררין־מאָדעל און דיין געליבטע. קוויט. און גענוג צו שפּילן!

— אויב אַזוי? — האָט בריק אַ שמייכל געטאָן צו זיך אַליין, — היינט וואָס בלאָז איך זיך?

האָט ער אַ נויג געטאָן מיטן קאָפּ און צוויי פינגער צוגעלייגט צו זיין הוט, וועלכן ער האָט ניט געהאַט אַראָפּגענומען, אַזוי ווי פראַנצויזן זיינען זיך נוהג, ווען זיי כאַפּן זיך אַריין אין קאַפּע אויף אַ ווײַלע.

האָט אַנרי דאַל, אין צווייטן זאַל, באַמערקט אַזאַ פריינטלעכע באַ־וועגונג און האָט דאָס נאָכגעטאָן. און ניט נאָר באַרירט זיין קיילעכדיקן הוט מיט די שפּיצן פינגער, נאָר אויסגעטאָן און באַגריסט. און גלייך, נאָך אַזאַ שטומער באַגריסונג פון דערווייטן, אויפגעהויבן זיך און, מיטן הוט אין האַנט, צוגעגאַנגען נאָענט צו ברינס טיש. אַריינקוקנדיק גלייך אין די אויגן דעם געוועזענעם מאַן פון זיין געליבטער, האָט ער צו אים געריידט זייער העפלעך, אָבער אומדערשראָקן:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, קאָלעגע, וואָס איך שטיי־צו... איך האָב מיט אייך געוואָלט רעדן אַ פּאָר ווערטער. מעג איך זיך צוזעצן?

— געוויס, געוויס!.. — האָט אים בריק פריינטלעך אָנגעוויזן אויף אַ שטול. נאָר באַלד נאָכדעם איז זיין קול שטילער געוואָרן, דער פריינט־לעכער טעמפּ האָט זיך פאַרלענגערט —

— כאָטש אַפילו —

— כאָטש אַפילו? — האָט דאַל איבערגעפרעגט און געבליבן שטיין.

בריק האָט זיך דערמאָנט, אַז סאָלאָנש דאַרף באַלד קומען אָפּנעמען אים, און דאָס וואָלט געווען ניט־אָנגענעם פאַר זיי דרייען, זי זאָל זיך דאָ באַגעגענען מיט דעם, וועמען זי מיידט אַזוי אויס, אַזוי ווייניקסטנס,

האָט זי אים געזאָגט... אָבער, ניט האַבנדיק מער קיין אַנדער ברירה, www.libtool.com.cn
האָט ער געטאָן אַזוי ווי זיין ווייב, ווען ער, בריק, איז צו איר נעכטן ביינאַכט צוגעשטאַנען אויף דער ווערענדע פון דיופאָנס קאָפּע. ווי אַ פּאַר־נומענער מענטש, האָט ער אַ קוק־געגעבן אויף זיין בראַסלעט־זייגערל און אַנטשלאָסן איבערגעחזרט זיין פריינטלעכן זשעסט:

— זיצט, איך בעט אייך! איך האָב נאָך צייט אַ... קנאַפּע האַלבע שעה.

— אָ, דאָס איז איבערגענוג! — האָט זיך דאַל, אָן שום ווייטערע צערעמאָניעס אַוועקגעזעצט אַקעגן און אַוועקגעלייגט זיין קיילעכדיקן הוט אונטערן שטול, — איך וויל מיט אייך ריידן אָפן, ווי אַ מאַן צו אַ מאַן. כ׳האָב אייך נעכטן באַגריסט אויפן מאָנפּאַרנאַס לעבן דיופאָנס קאָפּע. האָט איר מיך ניט באַמערקט, אָדער געמאַכט זיך, אַז איר באַמערקט ניט?

— דעם אמת זאָגנדיק... באַמערקט.

— איך האָב דאָס געפילט. איך רעכן דערפאַר, אַז ניט־אָפּגעענט־פערט האָט איר מיר אויף מיין באַגריסונג, ווייל סאָניאַ שטייט צווישן אונדז...

— זי שטייט מער ניט צווישן אונדז.

— דאָס איז זייער אָנגענעם צו הערן. נאָר צו אייך איז אַוודאי דערגאַנגען, אַז... אָבער גלויבט מיר! איך גנבע ניט און ניט איך האָב זי פאַרפירט. פאַרקערט אין אַ געוויסן זין...

אַ טייוועלע פון לצנות האָט גענומען אַרומטאַנצן ביי ברינען אין האַרצן, געקיצלט און געמאַכט לאַכנדיק זיינע אויגן. און ער האָט גלייך קאַפּירט דאַלס האָפּערדיקן ווידוי:

— צו אייך איז אַוודאי אויך דערגאַנגען, אַז סאָלאַנש... סאָלאַנש בירט... נאָר גלויבט מיר! איך גנבע אויך ניט. און ניט איך האָב זי פאַרפירט. פאַרקערט, אין געוויסן זין...

דער עפעקט איז געווען אַזאַ, ווי ברין האָט דערוואַרט. דאַל איז איין רגעלע געבליבן זיצן ווי אַ באַנומענער. נאָר באַלד האָט ער אַריינ־געכאַפּט ברינס האַנט אין זיין פליישיקער לאַפּע און וואַרעם אַ טרייסל געטאָן:

— אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק! איר רעדט צו מיר ווי אַ מאַן. און איך האָב דרך־ארץ פאַרן אמתן מאַן וואו ער זאָל זיך ניט אַנטפּלעקן, אין וואָס ער זאָל זיך ניט אויסדריקן. איבערהויפּט — אין זאַכן, וואָס קומען פאָר צווישן א י ם און א י ר...

זיין איבעראַשונג פון ברינס איראָנישער אָפנהאַרציקייט איז אָבער, פון האַנט־טרייסלען אַליין, ניט אַוועק. ס׳איז אים, ווייזט אויס, געוואָרן

www.libtool.com.cn

טרוקן אין האַלדז. וואָרעם ער האָט צוגערופֿן דעם קעלנער און באַשטעלט:

— מיין ניט דערטרונקענע אַפּעריטיוו*) שטייט דאָרטן, אויף יענעם טיש. ברענגט אַהער, סיל וואו פּלעי! און נאָך אַ גלאָז, אַ פּולע!..

און ווען ער האָט באַקומען די אָנדערטהאַלבן גלעזער אויף אַמאָל, האָט ער זיי אויסגעטרונקען, ניט ווי מען טרינקט אַ ביטערן אַפּעטיט־ווייַן, ביסלעכווייז און געלאַסן, נאָר איינס נאָכן צווייטן, ווי אַ קאַלטן טרונק, ווען מען איז דורשטיק. דערנאָך אַ פּוץ געגעבן זיינע שיינע גאָלד־רויטע וואָנסעס און פאַרזיכערט:

— איך בין ניט אייפערזיכטיק. גלויבט מיר! נאָך ווייניקער ווי איר... זי איז אַ וואונדערבאַרע מיידל. מען מוז זאָגן דעם אמת. איז... זאָל זי בליען געזונטערהייט!

דערנאָך האָט ער אַ ביסל שטילער צוגעגעבן, ווי ער וואָלט זיך געשעמט מיט זיין פאַרשפּעטיקטער אָנערקענונג און וואָלט געזוכט ווער־טער צו פאַרענטפערן דאָס, וואָס סאָלאַנש האָט זיך אַזוי גיך פאַרליבט אין אַ צווייטן:

— אַ קאַרשן־בוים צעבליט זיך אויך אַלע פרילינג. האָט קאַלטע זאַפטן אין די וואָרצלען און צעבליט זיך... און אַזאַ הייס־בלוטיקע, איך מיין די שלאַנגען־טענצערין פון מאַרטיניק... האַ־האַ! פאַרוואָס ניט בליען צוויי מאָל אַ יאָר? פאַרוואָס ניט דריי מאָל? ווי מיינט איר, קאָלעגע?

— יאָ — האָט ברין מסכים געווען מיטן זעלבן שפּילעוודיקן טאָן. באמת, פאַרוואָס ניט?

אָבער דאָל איז גראָד, פון אַזאַ באַלדיקער הסכמה, ניט איבעריק צופרידן געווען. גיכער האָט דאָס אים פאַרדראָסן. וואָרעם ער האָט עפּעס פאַר זיך שטיל אַ ברום געגעבן, פאַרכאַפּט זיך און געפונען פאַר נויטיק אויסצוטייטשן דאָס, וואָס ער האָט פריער געזאָגט. דער גרויסער בלאָנדער קאָפּ איז אים, קענטיק, אויך געווען אַ ביסל פאַרנעפּלט פון די שטאַרקע אַפּעריטיוון, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען מיט איין אָטעם.

— איך אַליין, — מאַכט ער, — בין דאָך ניט בעסער. היינט פאַר־וואָס פאַרלאַנגען מער פון צווייטן מין? מיין אָנגענומענע שטעלונג אין דער דאָזיקער פּראַגע, גייט נאָך ווייטער. אַ סקולפּטאָר בין איך. אַלץ הויבט זיך ביי מיר אָן מיט פּלאַסטיק. עס איז ניט שפּינוועבס, וואָס שי־מערט פאַרביי. ניט פאַרביקע חלומות. איך זע און פיל אַלצדינג אין קובן, אין דריי אויסמעסטונגען. אַפילו אין ליבע...

*) קאָקטעיל.

www.libtool.com.cn

— די ליבע אויך ?

— זי איז די ע ר ש ט ע... אין דער וועלט פון קינסטלער און סתם שיינגייסטער פירט זיך, אַז מען הויבט אָן מיט דער פרוי פון אומשטערב־לעכקייט און פון שטערן, און מען לאָזט זיך, ביסלעכווייז, אַראָפּ צו דער ממשותדיקער ערד, צו פּלאַסטיק: אַרומצונעמען דעם געליבטן גוף און טרינקען די באַגערטע ליפּן... ביי מיר הויבט זיך דערפון אָן, פון דעם לעצטן... אַפריער לעבעדיקע פּלאַסטיק, געגוס, וואָס מען נעמט אָן מיט צוויי פיינפּיליקע הענט. דערנאָך ערשט שטייגט מען. מען שטייגט אַרומ־גענומענערהייט צוזאַמען, ביז מען דערגייט צו אומשטערבלעכקייט. אויב די געליבטע איז דאָס ווערט. אויב איך אַליין בין דאָס ווערט...

— איר מיינט אַוודאי דאָס פּאַרקערפּערן אַזאַ ליבע אין ליים. דער־נאָך — אין מאַרמאָר, אין בראָנדז.

— יאָ, יאָ, דאָס, אומגעפער, מיין איך.

— אַזוי ווי איר האָט געטאָן מיט דער מאָדעל פון אייער שלאַנגען־טענצערין ?

דאָל איז ווידער געטראָפן געוואָרן פון אַזאַ אָפּלאַכערישער אונטער־שטרייכונג. נאָר ער האָט קיין מינע ניט פאַרצויגן. פּלאַסטיש געלעבט — זאָל אויך זיין פּלאַסטיש גערעדט... ער האָט נאָר אַ רגעלע געשוויגן און דערנאָך האַרט אַ שאָקל געטאָן מיטן גרויסן קאָפּ:

— יאָ. אַזוי ווי מיט איר. נו, איז וואָס ?

— איך האָב היינט געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען אייערעביידע טענצערינס צוזאַמען. די לעבעדיקע און די פּלאַסטישע אין איין וואוינונג. איך פאַרשטיי אייך דערפאַר בעסער... עס איז דאָך אָבער איינזייטיק, קאַלעגע! אויפנעמען די לעבעדיקע וועלט, אַזוי ווי איר נעמט זי אויף, קען דאָך הייסן בלינדקייט. אין געוויסן זין וויל איך זאָגן...

— זאָל דאָס הייסן ווי עס וויל! אַ סקולפּטאָר, ווי איך פאַרשטיי אים, זעט מער מיט די הענט און מיט די שפּיצן פינגער, ווי מיט די אויגן. שטימונגען זיינען אים פרעמד. דאָס ניט־ממשותדיקע — ניט וויכטיק.

— די זעל איז דאָך אויך ניט ממשותדיק...

— אָך, די זעל, די זעל!.. די אייביקע אַבסטראַקציע פון בוכ־ריידער און פאַלשע דיכטער. וואָס איז אייגנטלעך זעל? דאָס הייסע בלוט וואָס לויפט אום אין די אָדערן איז מער זעל ווי די גייסטיקע, די אויסגע־טראַכטע... און נאָר מיט אַזאַ איבערצייגונג בין איך צוגעטראָטן צו מיין „טענצערין”. אָנגעהויבן פון איר לעכצנדיקן לייב און פאַרענדיקט מיט אַ גרופּע, וואָס האָט געוואונען דעם ערשטן פּרייז...

— און דעם לעבעדיקן אָריגינאַל אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס...

— גאַרסאָן, נאָך אַן אַפּעריטיוו!.. — דאָס האָט אַנרי דאָל אַ רעווע־

www.libtool.com.cn

געגעבן צום קעלנער, עפּעס ווי עמעצער וואָלט אים אַ שטאָך געגעבן מיט אַן אָנגעגליטער נאָדל. ערשט דערנאָך אָפּגעענטפערט ברינען אויף זיין פילדייטיקער פראַגע:

— יאָ. עס איז נויטיק געווען. אַלס אַ סקולפּטאָר שטרעב איך נאָר צו דעם וואָס איז סטאַטיש, וואָס איז אייביק... אָבער ווען עס הויבן זיך אָן די קאַפּריזן מיט די ווייבערישע שטיק, די ביליקע שטימונגען מיט דער היסטערישער פּאָעזיע מיטן גאַנצן רויך און פּאַרע, דעמאָלט עפנט מען אויף די פענצטער און מען לופטערט דורך. דער רויך גייט אַוועק און אין אַטע־ליע בלייבט איבער אַ ווערק...

— און אויפן טראָטואַר בלייבט ליגן אַ געליבטע, וועלכע מען האָט אויסגענוצט קערפּערלעך און קינסטלעריש, אַזוי ווי, צום ביישפּיל...

— אַזוי ווי סאָלאַנש!.. — האָט דאַל דערזאָגט און אים אָנגעקוקט מיט אויגן פון אַ לעמפּערט. — פּונקט אַזוי.

— און איצטער?.. ווען עס זאָל נאָכאַמאָל פּאַסירן... וועט איר אויך אַזוי טאָן?

— איצטער?.. — האָט זיך דאַל איבערגעלייגט, — איר מיינט דאָך מיט דער, וועלכע איז געווען אייער ווייב?

— מיט סאָניאַן.

— אויב זי וועט מיך דערצו דערפירן... פּונקט אַזוי! און זי וועט מיך, ווייזט אויס, דערפירן...

— אַזוי גיך?.. — האָט ברין אויפגעריסןביידע אויגן און, ניט אָן אַ ווייטיק אין האַרצן, שטומערהייט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— וואָס הייסט גיך? — האָט דאַל אַ הויב־געטאָן מיט זיינע שטאַרקע פּלייצעס. — עס ווענדט זיך וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל עס ברענט: שטרוי, האָלץ, צי שטיין־קויל...

— און זי וואָס איז פאַר אַ מאַטעריאַל?

— דאָס ווייסט איר אַזוי גוט ווי איך. געהאַט די זעלבע פּראַקטיק, און אַ סך לענגער. נאָכן שטאַרקן און קורצווייליקן פלאַם — אַ שטיקנדיקער רויך. פּרעטענזיעס. טרערן. שטימונגען... ביי מאַסיווע מאַטעריאַלן איז דאָס גראָד פאַרקערט: אַפריער רויך, דערנאָך פלאַם און פייער.

3.

גראָד דאָ האָט אים דער קעלנער צוגעטראָגן אַ דריטע גלאָז כינאַ־ווייַן און דאַל האָט עס ווידער אויסגעטרונקען מיט איין אָטעם:

— די סימנים פון אַן אָנגערויכערטער לופט אין מיין אַטעליע זעט איר, גלויב איך, אָן ברילן. איך מייד שוין אויס צו בלייבן לאַנג אינדערהיים.

איך זיך איינער אַליין אין די קאַפּעס. מיין לוסט צו אַרבעטן האָב איך אויך פאַרלאָרן.
www.libtool.com.cn
— איין גאָט זאָל אייך העלפן!.. — האָט ברין ביטער אַ לאַך־געגעבן. — ס'איז דאָך אָבער מערקווירדיק! פאַר אַ פּלאַסטיקער, ווי איך זייט, איז זי דאָך אַן אוצר...

— ניין, סאָניאַ איז קיין מאַטעריאַל פאַר אַ סקולפּטאָר. איך האָב דאָס פריער אויך געמיינט. איר שלאַנקער וואוקס, איר קליינער קאָפּ פון אַנטיקע פיגורן, דער אָוואַל פון געזיכט, די לאַנגע ראַפינירטע פינגער... נאָר אַט דער מיאוסער מענטשל, וועלכער האָט זי פאַרפירט, אויף אַן אמת פאַרפירט... דער האָט זי שוין פריער אויסגעזויגן, ווי אַ ים־שפּין זויגט אויס אַ לאַנגוסטע*). געבליבן איז נאָר גאַנץ די אויבערשטע שאָלעכץ. וואו מען גיט אַ ריר ברעכט זיך איין. קיין געדולד, קיין אויס־געהאַלטנקייט, קיין גלויבן אין זיך, קיין ווילן אַליין צו דערגרייכן וואָס ניט איז, אָדער העלפן דעם אַנדערן צו דערגרייכן...

— יאָ, דאָס ווייס איך, — האָט ברין אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. — איך האָב מיט איר נעכטן געהאַט אַ לעצטן געשפּרעך און איך האָב דאָס אַלץ, וואָס איר זאָגט, געזען, קלאָר געזען...

— מען רעדט אַפילו אויפן מאָנפּאַרנאַס, אַז נאָך אַזאַ „זעאַונג" האָט איר נעכטן מכבד געווען דעם נפש פון דער פּולער האַנט. ביי די שפּלע מלאַטעקס אין אַטעליע זאָל דאָס האָבן געשען... בראַוואָ! דאָס אַליין האָט מיך באַוועגט אַפּצוואַרפן יעדע צערעמאָניע און צוגיין צו אייך דער ערשטער... אַ דאַנק אייך, קאָלעגע! איר האָט מיך פאַרשפּאָרט אַ זייער ניט־אַנגענעמע אַרבעט.

— אַך, האַרקאַווקע וועט דערפון בעסער ניט ווערן.

— וואָס זאָגט איר „ניט בעסער"! אים איז שוין „בעסער"... ער מאַכט שוין מיטן פּאַטש געשעפט. טראָגט זיך אַרום מיט דער געפּאַטשטער באַק, ווי אַ ריטערלעכער קאַוואַליער מיט אַ וואונד, נאָך אַ דועל צוליב אַ היפּשער דאַמע. זיינע געפאַלענע אַקציעס שטייגן שוין ווידער ביי די סנאָביכעס פון מאָנפּאַרנאַס...

— לאָזט דאָס!.. — האָט ברין שווערמוטיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— איך פאַרשטיי, אַז דאָס איז אייך ווידערלעך. אויסגעשמירט די האַנט אין בלאָטע... איין זאַך, וויניקסטנס, קען איך טרייסטן: איך האָב איבערגענומען די ירושה נאָך אַט דעם פאַרשוין און ניט איר...

— איך האָב זיך שוין געטרייסט.

---

*) לאַבסטער.

www.libtool.com.cn

— מיט מיין מאָדעל פון דער „שלאַנגען־טענצערין“ ?.. איר קענט נאָך ניט זיך אַליין ! יעדערער פון אונדז האָט נאָר איינמאָל ליב־געהאַט. א י י ן פרוי. די אַנדערע זיינען נאָר קאַפּיעס. בעסערע אָדער ערגערע, אָבער קאָפּיעס. מיר אַלע זוכן אין אונדזער ווייטערן לעבן נאָר ד אָ ס, וואָס איז אונדז איינמאָל פאַרלאָרן געגאַנגען, און געפינען דאָס קיינמאָל מער ניט.

— איר רעדט שוין ווידער, קאָלעגע דאַל, ניט ווי אַ סקולפּטאָר, נאָר ווי אַ דיכטער, אין בעסטן פאַל — ווי אַ מאָלער.

דאַל האָט לייכט אַ ברום געגעבן, ווי יעטוועדער מאָל ווען עפּעס גיט אים אַ שטאָך. ער האָט אַ ווײַלע באַטראַכט זיינע רויטלעכע געזונטע הענט, ווי ער וואָלט זיך מיט זיי מיישב געווען: —

— אין ריידן אפשר... סוף־כל־סוף גייט דאָך אַלץ. וואָס איז קינסטלעריש, פון איין קוואַל. מיר אַלע ווילן אַריינברענגען אַ שטיקל יום־טוב אין דער אייביקער וואָכעדיקייט פון לעבן. פּאָעזיע איז דער יום־טוב פון מענטשלעכן וואָרט. מוזיק — דער יום־טוב פון טאָן. מאָלעריי — פון פאַרבן. סקולפּטור איז דער יום־טוב פון וועלט־ און קערפּער־בוי. דער סינטעז פון דער ווילדער בערג־ליניע מיט דער פולקאָמענהייט פון מענטשלעכן גוף... אין מיין שאַפן בין איך אָבער אַלעמאָל געווען אַן אויסגעשפּראָכענער פּלאַסטיקער. און וועל שוין אַזאַ בלייבן. און ניט נאָר אין שאַפן — אין לעבן אויך. אַפילו אין דער ליבע, אין עסן און טרינקען. פאַר מיר איז אַפילו ברויט סקולפּטור, אַ ביפשטיק — סקולפּטור. אַט דאָס רעשט ווײַן אין גלאָז — סקולפּטור. אַ הענגל ווײַנטרויבן האָב איך ליב אָנצונעמען מיטביידע הענט און גלעטן און פּילן, איידער איך פּליק אים. איך טו דאָס כמעט מיטן זעלבן טיפן געניוס ווי צערטלען אַ שיין־געפּאַ־רעמטע ברוסט פון אַ יונגער פרוי. און פאַרקערט. אַ היפּט פון אַ טענצערין, וואָס האָט זיך מיר איינגעגעבן אין מירמלשטיין, מיט דער הילף פון האַ־מער און דלאָטע, רייצט מיין... מיין אַפּעטיט. וואָלט איך געקענט זאָגן, ווי אַ צייטיקע שמעקנדיקע מעלאָנע. אַ גרוי־און־גרין געפּאַסקעטע קאַווענע זעט מיר אויס ווי אַ פולער טאָרס פון אַ דאָרפישער שיינהייט אין איר אָנגעצויגענעם קורצן זונטאָג־קליידל. און אַ קרעפּטיקע אוגערקע, וואָס שטעקט זיך אַרויס פון צווישן בייט און בלעטער — ווי אַ מענלעכער אויס־דרוק פון וואַקסן. פון דער פייכטער ערד געזויגן און אָנגעזאַפּט זיך מיט קראַפט, און שטרעבט שוין ווידער צו פאַראייניקן זיך מיט דער זעלבער ערד, באַפרוכפּערן זי מיט אַלע זיינע הונדערטער זוימען וואָס עס טראָגט אין זיך... איך דערמאָן זיך : ווען איך בין נאָך געווען אַ זעקס־יאָריקער יינגל, האָב איך איינמאָל דערשמעקט דעם ריח פון אַ גוטן שטיק זייף, וואָס מיין עלטערע שוועסטער האָט געקויפט פאַר איר טואַלעט. האָב איך

דאָס זשעדנע אָנגעכאַפּט מיט בײדע הענטלעך, באַטאַפּט ווי אַ בלינדער און אַרײַנגעביסן זיך אין דעם מיט די צײן... דאָס שטיק זײף איז געווען אָפּגעגאָסן אין געשטאַלט פון אַ גרויסן גלאַטן איי. געמיינט האָב איך, אַז זאַפּט וועט מיר אַ שפּריץ טאָן אין לעכצנדיקן מויל. און געוואונדערט האָב איך זיך וואָס דאָס איז אַזוי ביטער־געזאַלצן, אַזוי פּריקרע. אַצינד פאַרשטײ איך, אַז אַפילו דער גוטער ריח האָט בײ מיר אַרויסגערופן פלאַסטישע פאַרשטעלונגען...

www.libtool.com.cn

דויד ברין האָט דורכדרינגלעך אָנגעקוקט זײַן קאָלעגע. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ענלעכע ווערטער און אַן ענלעכע אויפפאַסונג פון דער וועלט האָט ער שוין ניט אײנמאָל געהערט פון סאָלאָנשן — דאַלס געוועזענע געליבטע. בײ זיך אין אַטעליע האָט ער דאָס געהערט און, הײנט, בײ איר אין וואוינונג. אויך זי נעמט אַלץ אויף מיט אַלע אירע נאַטור־געפילן אויף אײן מאָל. אויך זי נעמט אויף גוטע ריחות און געשמאַקן און באַרירונגען ניט ווײניקער לײדנשאַפטלעך ווי פאַרבן, פאָרמען און ליבע־שפּילערײען... ווער־זשע האָט גענומען בײ וועמען? אַוודאי ניט אַט דער ברוטאַלער און מערקווירדיקער קינסטלער בײ איר, נאָר פאַרקערט...

און אַנרי דאַל האָט זיך דערווײל צעוואַרעמט פון דעם איבעריקן אַפּעריטיוו וואָס ער האָט אין זיך אַרײַנגעגאָסן. ער האָט אַפילו פאַרגעסן, אַז די באַגרענעצטע צײט, וואָס זײַן קאָלעגע האָט אים באַוויליקט פאַר אַ געשפּרעך, איז שוין באַלד אַריבער. ברין האָט זיך אַ פּאָר מאָל אומגעקוקט אויף דער גלעזערנער טיר, אין וועלכער סאָלאָנש דאַרף דערשײַנען, און געמאַכט „הם"... צום צווײטן מאָל האָט דאָס דאַל באַמערקט. נאָר אינגאַנצן צוריקגעהאַלטן זיך האָט ער ניט געקענט: —

— איר האָט נאָך צײַט? עטלעכע מינוט נאָר? אַ דאַנק! דאָס גענוגט מיר... שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אַ דערוואַקסענער און געענדיקט די קונסט־אַקאַדעמיע אין מינכען, האָב איך געזוכט אַ מעגלעכקײט צו פאַראײביקן אין יעדער אַרבעט, אַזוי ווי אין דענקען, דעם טאָפּגעפיל, דאָס הערן און זען; גערוך און געשמאַק אַרײַנגערעכנט... איך געוויסן זין, פאַרשטײט זיך. פאַראײביקן דאָס אַלץ, וואָס איך בין געצוואונגען געווען פונאַנדערצוטײלן, ווען איך האָב אַרײַנגעביסן אינעם שוועסטערס שטיק זײף און בין געווען אַזוי קינדיש־אַנטוישט...

אין יענער צײַט, ווען איך האָב דערזען פלאַסטיק־מאַסן, אין געשעפטן פון קינסטלער־אַרטיקלען, האָט מיך אָנגענומען אַ מאָדנער הונגער, וואָס איז שווער צו דערקלערן מיט ווערטער, און צו שטילן — אַוודאי ניט. אַן אומרואיקײט האָט מיך באַהערשט און אַ מוראדיקע קנאה צו די, וועלכע באַזיצן דאָס, און אַ ניט־קלענערע שנאה — דערפאַר, וואָס זײ פאַרלאַנגען פון מיר הויכע פּרײַזן. איך האָב מיך אײנמאָל פאַרליבט אין

אַ בלאָק ראָזעווען מירמלשטיין וואָס איז געווען אויסגעשטעלט צום פאַרקויף. אַ וואָך נאָכאַנאַנד האָב איך זיך געדונגען, געזוכט די בויטיקע מיטלען און ניט געפונען... און ווען אַן אַנדער סקולפּטאָר האָט דאָס באַצאָלט און געלאָזן אָפּפירן אין זיין אַטעליע, האָב איך זיך שיר מיט די פויסטן ניט געוואָרפן אויף די פאַרקויפער, שיר ניט געלאָפן הרגענען מיין קאָנקורענט. אַזוי אייפערזיכטיק בין איך געווען! מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן האָב איך געקוקט אויפן ליידיקן פירקאַנטיקן פּלעק, וואו דער ראָזעווער בלאָק איז געשטאַנען, און ניט געוואָלט אַוועקגיין... אַן ענלעכע אייפערזוכט, אָבוואָל ניט אַזאַ ווילדע, האָבן ביי מיר דערנאָך אַרויסגערופן אַ סך אַנדערע מאַטעריאַלן. אין די אַלע רויע שטיקער מירמלשטיין, האָלץ־און קיט־מאַסן, אין די שטויביקע פולע זעק מיט ווייסן גיפּס און מיט רויטער טעראַקאָטאַ האָב איך געזען מאָרדעס פון קעמפנדיקע טיטאַנען, שטרענגע געזיכטער פון נביאים, פאַרגלייזטע אויגן פון הייליקע מאַרטירער, קלוגע קעפּ מיט שווערע צעפּ פון סיביליעס; האַניבאַלס, באָנאָפּאַרטעס, קלעאָפּאַטרעס. געזעץ־געבער און אייזן־גיסער, גלאָז־בלאָזער און געטער... ווי צוזאַמענגעקאָרטשעטע מפּיל־קינדער פון ליניע און געדאַנק האָב איך דאָס אַלץ געזען אין די פאָרמלאָזע שטיקער מאַטעריאַל. איך דאַרף נאָר אָפּשיילן פון זיי די שווערע שאָלעכצן, זיי זאָלן אויפאָטעמען און אַרויסגיין אויף דער פרייער זוניקער וועלט... נאָר געדונגענע שומרים, מיט געזעצן פון אייגנטום און מיט טיפע קעשענעס, באַוואַכן די געשלאָסענע מאַטעריע: באַצאָל, באַצאָל! וועלן מיר דיך צולאָזן...

כדי אויסצואווייען מיין קאָכיקע ענערגיע, פון אַ יונגן אָרעמען קינסטלער, האָב איך מיך דעמאָלט אַוועקגעלאָזן וואַנדערן, מיט רוק־זאַק און שטעקן, אין די אַלפּן־בערג. די שווייץ דורכגעוואַנדערט און אַ שטיק איטאַליע. נאָר באַרואיקט האָט דאָס מיך ניט. די זעלבע איינגעשלאָסענע פיגורן האָב איך דאָ דערזען, אַזוי ווי אין די שטאָטישע קינסטלער־מאַטעריאַלן, נאָר אין אַ סך גרעסערע דימענסיעס. איך האָב זיי געזען אין גראַניט־פעלזן אין בלוי־גרינע גלעטשערן, אין קאַלך־און־זאַמד פּלאַסטן, אין אַלטע אויסגעקרימטע ביימער־שטאַמען. און ניט מענטשן היטן דאָ די איינגעשלאָסענע ריזיקע פיגורן, נאָר די געוואַלטיקע נאַטור אַליין. אין מאַרטירער־קאַמערן און קייטן, פון פאַר טויזנטער יאָרן, היט זי זיי; און מיט מיליאָנען טאָנען שטיין און אייז דריקט זי זיי פון אַלע זייטן. איך הער נאָר זייערע טיפע קולות, איך קלאַפּ אָן צו זיי מיט מיין שפּיציקן בערג־שטאָק. אָבער ווען וועל איך, מענטשעלע, באַוויזן צו באַפרייען אָט די אַלע וואונדערבאַרע אַרעסטאַנטן פון זייער אייביקער טורמע? קיינמאָל ניט, ווען איך זאָל אַפילו לעבן הונדערטער יאָרן און נעמען צוהילף אַלע מיינע קאָלעגן פון מינכען און פּאַריז...

www.libtool.com.cn

ברין האָט זיך אומרואיק אומגעקוקט אויף דער טיר און אָריינגע־
www.libtool.com.cn
שטעלט אַ וואָרט:

— אַזוי טראַכט יעטוועדער קינסטלער. ניט דווקא אַ סקולפּטאָר.

דאָל האָט זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט און זיך צוריק אַוועקגעזעצט:

— פון קאַמף, פון קאַמף רייד איך! פון געראַנגל מיט דער רויער מאַטעריע. ווי קען מען פאַרגלייכן צו אַזאַ קאַמף דאָס גלאַטע אַרומפּאָרן, מיטן פּינזל, איבערן לייוונט? מיט אייל־פאַרבן, מיט וואַסער־פאַרבן, מיט פּאַסטעלן... דאָס איז ניט אַ קאַמף, נאָר אַ געדולד, ווי ביי מיידלעך וואָס נייען אויס מיט פאַרביקע זייד אויף אַ קאַנווע. אַ העכערער סאָרט געדולד... געוויס! נאָר... אַזאַ מיינונג באַליידיקט איך ניט?

— ניין. ווייל... דער רעזולטאַט איז סוף־כל־סוף דער זעלבער: קונסט־ווערק.

— ניין, ניט דער זעלבער! אונדז סקולפּטאָרן, אונדזערע ווערק, וויל איך זאָגן, קענען אַפילו בלינדע זען. מיט די פינגער נאַטירלעך... דאָס זיינען פון כאַאָס אויסגעשיילטע, סטאַטישע פאָרמען. יאָרהונדערטער בלייבן זיי אַזוי שטיין אין זייער פאַרשטיינערטן אויסדרוק. מאַלעריי אָבער איז ווי פלאַטאַנישע, פּאַסיווע ליבע: פאַרבענקטע זיפצענישן, אָן אומ־אַרמונג, אָן באַהעפטונג. מ י ר, פּלאַסטיקער, וויַניקסטנס, קענען דער־מיט אַליין ניט זאַט זיין. אַט, אַרומכאַפּן די מאַטעריע מיט ביידע אָרעמס, אַפּרייסן זי פון דער שווערער ערד, אויפהויבן, דערדריקן, באַדן זיך אין איר ווייך־געוואָרענעם לייב, צווינגען זי מיטצוהעלפן אין געבוירן נייע פאָרמען... דאָס איז סקולפּטור. דאָס איז אָן אמתע מ ע נ ל ע כ ע קונסט.

— אַ פלײשלעכע קונסט!.. נו, און צו וואָס פאַר אַ קאַטעגאָריע געהערן מוזיק, פּאָעזיע, צייכענונג? לויט דעם ווי איר האָט פריער גע־זאָגט —

— שטאַמען זיי פון איין קוואַל... איך געדענק! דאָס זיינען כלי־זמר צו דער גרויסער חתונה פון פלאַסטיק, זינגער, בלומען־טרעגער...

— אַ דאַנק, וויַניקסטנס, פאַר אַזאַ באַשיידענער ראָל וואָס איר גיט אונדז. איר וועט מיר נאָר אַנטשולדיקן! איך מוז באַלד...

— איך ענדיק, איך ענדיק! איך וויל נאָר צוגעבן, אַז ווען איך האָב מיך אומגעקערט פון מיין וואַנדערונג אין די אַלפּן און אַריין אין מיין קליי־נער אַטעליע מיט די קליינע געצייג, קליינע מעגלעכקייטן און קליינע מאַ־טעריאַלן, בין איך וואַכלאַנג געווען אַפּהענטיק, ווי אַ מורעשקע וואָס וויל נאָכטאָן אַ מענטשן האָב איך מיך אַליין באַטראַכט. עס האָט גענומען אַ שטיק צייט ביז איך האָב מיר צוריקגעוואוינט צו די קליינע מאָסן, איינ־געהאַנדלט שטיקער מאַטעריאַל און, אַ צערייצטער, גענומען באַפּרייען פון

זיי די וויזיעס מיינע מיט האַמער און דלאָטע, מיט הובל און מעסער.
www.libtool.com.cn
און ווער עס וועט זיך מיר שטעלן אין וועג, אַזוי האָב איך דעמאָלט באַ־שלאָסן, איז מיטן האַמער איבערן קאָפּ און מיט דער דלאָטע אין האַרצן! אָן רחמנות...

— איז ניט דעמאָלט געבוירן געוואָרן אייער „שלאַנגען־טענצע־רין״?..

— גאַנץ ריכטיק. דעמאָלט!.. און די לעבעדיקע מאָדעל, וואָס האָט מיר אַזוי טריי געהאָלפן, האָט דעמאָלט געמוזט אַוועקגיין. ווייל זי איז געוואָרן אַ לאַסט. ווייל זי האָט זיך צופיל אָנגעהאַנגען אויף מיין אָרעם מיטן האַמער אין שוואונג... איצטער פאַרשטייט איר?

דאָלס אויגן זיינען ביי די לעצטע ווערטער געוואָרן דורכזיכטיק און שטאַר ווי ביי אַ טיגער, וואָס קלייבט זיך אַ שפרונג צו טאָן. ער האָט אַפילו די ציין פאַרשטירעט.

— איך פאַרשטיי... — האָט ברין נאָכדענקעריש צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — נאָר א י ך וואָלט דאָס ניט געקאָנט.

— געוויס וואָלט איר ניט געקאָנט. קווענקלעניש, בענקעניש, גע־וויסנבייסעניש... האַ! דאָס פּאַסט אַזוי פאַר מאָלער און דיכטער... ביי אַ סקולפּטאָר לעבן זיינע שטיינערנע און בראָנדזענע גרופּן אַ סך אינטענ־סיווער ווי די יינגסטע און פייערדיקסטע שיינהייטן אין דער וועלט. און נאָך אַ טריאומף איבער זייערע שיינע לייבער פייערט ער דאָס, ווי אַ זיג פון דער טויטער און אויפגעלעבטער מאַטעריע איבער דער אַזוי־גערופע־נער ל ע ב ע ד י ק ע ר... איבער אָט דער ווייכלעכער, קרענקלעכער קאַפּריזנער, וואָס וויינט און זיפצט און מאַכט סצענעס און שטערט...

— יאָ... — מאַכט ברין. נאָר זיין „יאָ״ האָט זיך אויסגעצויגן און איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז. ער האָט דאָלן געוואָלט זאָגן, אַז אָפּטמאָל איז אַזאַ פילאָסאָפיע פון גבורה נאָר אַ מאַסקע פון אומפאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַר יענע לעבנס, וואָס אַזעלכע דענקער נוצן אויס פאַר זיך.

נאָר ער האָט מער ניט באַוויזן דאָס אַרויסצוזאָגן. זיינע אויגן האָבן זיך, ווי נאָדלען, איינגעשפּיצט אין דער באַלויכטענער גלעזערנער טיר אַקעגן אים. הינטערן גלאָז, אין איר פייענעם פוטערל און פעלץ־היטעלע איז געשטאַנען סאַלאַנש. אַ באַגאָסענע מיט ליכט און אַ פאַרגליווערטע. זי האָט, קענטיק, דערזען ו ו ע ר עס זיצט מיט ברינען ביי איין טישל. דאָלס אָקסענער האַלדז־און־נאַקן, מיט די גאָלד־רויטלעכע האָר, זיינען איר געווען גוט באַקאַנט... האָט זי ווייטער ניט געוואָלט גיין, אָדער ניט גע־קענט. די פיס זיינען איר שוואַך געוואָרן.

www.libtool.com.cn

— גאַרסאָן !..*) — האָט ברין עפּעס מאָדנע אַ קוויטש גע־געבן און איז גלייכצייטיק אויפגעשפּרונגען. דאָל האָט פאַרריסן דעם גרויסן קאָפּ, מיט די פאַרנעפּלטע גרויע אויגן, און אים אָנגעקוקט ווי אַ פאַרדרייטן. אָבער נאָך איידער דער גאַרסאָן איז צוגעגאַנגען, האָט שוין ברין אַ לעג געגעבן עטלעכע זילבערנע מטבעות אויפן טיש און פאַרלעגן אַ שעפּטשע געגעבן צו זיין טיש־חבר:

— ע... אַנטשולדיקט, קאָלעגע! מען איז געקומען נאָך מיר. איך מוז...

אין אַ סעקונדע אַרום איז שוין ברין געווען הינטער דער גלעזער־נער טיר.

זעקסטער קאַפּיטל

אין „ים־שטערן"

1.

ווי נאָר ברין איז אַרויסגעלאָפן פון קאַפע „לילאַ" האָט ער אָנגעכאַפּט זיין געליבטע אונטערן אָרעם און זיך אַנטשולדיקט:

— נעם ניט אָן פאַר אומגוט, סאָלאַנש!.. איך האָב ניט געוואוסט, אַז ער... ניט איך האָב אים גערופן צו מיין טיש. ער איז אַליין צו־געגאַנגען...

— אַ טאַקסי! — האָט סאָלאַנש שוואַך אַרויסגערעדט.

— טאַקסי! — האָט ברין אַ רעווע געגעבן אין דער טונקעלער אַלעע אַריין.

און זיך אומגעקוקט אויף דער גלעזערנער טיר הינטער אים: אינ־מיטן באַלויכטענעם זאַל איז דאָרטן געשטאַנען אַנרי דאָל מיט זיין גאַנצער מאַסיווער פיגור. זיין קיילעכדיקער ווייכער הוט — אין האַנט, און זיינע טיגער־אויגן — אָנגעצילט אויף דעם דורכזיכטיקן אַריינגאַנג. אויך ער, ווייזט־אויס, האָט דערקענט די, וועלכע איז אַמאָל געווען זיין מאָדעל און זיין געליבטע. זי שטייט דאָס אַצינד דרויסן, געאָרעמט מיט אַן אַנדערן. צוליב איר, הייסט דאָס, איז זיין קאָלעגע אַזוי האַסטיק אַרויסגעלאָפן...

ברין האָט דאָס באַגריפן מיט איין קוק און קיין מי זיך ניט געגעבן

---

*) קעלנער!

www.libtool.com.cn

צו דערווייטערן זיין דאַמע פון דער באַלויכטענער גלאָז־טיר. ער האָט אַפילו אין אַכט ניט גענומען דאָס, וואָס סאָלאַנשס פולער אָרעם ציטערט אין זיינעם. אין דעם מאָמענט האָט ער נאָר געפילט אַ מאָדנע זיסקייט, אַן אויפגעפלאַקערט נקמה־פייערל האָט אים געוואַרעמט. דאָס זעלבע פייערל, וואָס האָט זיך שוין געהאַט, דאַכט זיך, אויסגעלאָשן בשעתן אָפּנהאַרציקן געשפּרעך מיט אַנרי דאַל... דאָס וואָס ער, ברין, האָט נעכטן איבערגעלעבט, בשעת ער האָט געזען, ווי דערזעלבער אין־זיך־איינגעגלויבטער דאַל דערנענטערט זיך צו זיין געוועזענער פרוי, צו סאָניאַן, און לייגט איר אַרויף די רויטלעכע לאַפּע אויפן פּלייצע, דאָס זעלבע מוז איצטער יענער אַליין איבערלעבן, ווען ער זעט ווי סאָניאַס געוועזענער מאַן שטייט געאָרעמט מיט דער, וועלכע איז אים, דאַלן, געווען אַמאָל אַזוי נאָכגיביק, אַזוי געלעגן אים צו די פיס... לויט אַ סך סימנים, בשעתן היינטיקן געשפּרעך, אין וועלכן דאַל האָט געהאַלטן אַזאַ העראָאישע רעדע וועגן קינסטלער־מאַרש, מיט האַמער און דלאָטע, איבער היסטערישע געליבטע און איבער פּגרים אויב עס איז נויטיק, האָט ער, ברין, פונדעסטוועגן אַרויסגעפונען, אַז גאַנץ גלייכגילטיק צו זיין עקזאָטישער מאָדעל־מיידל איז דער רויט־האָריקער העלד נ י ט. און דאָס וואָס יענע האָט אַפילו דעם שוועל פון קאַפע „לילאַ“ ניט געוואָלט אַריבערטרעטן, כדי ניט צו באַגעגענען זיך מיט אים, איז דאַלן אויך ניט זייער צום האַרצן...

— ווידער קוויט! — האָט ברין פאַר זיך אַ לאַך געגעבן — סוף־כל־סוף גלייכט זיך אַלץ אויס...

סאָלאַנש האָט אים פאַרוואונדערט אַריינגעקוקט אין צעשמייכלטן פּנים, געוואָלט עפּעס זאָגן. נאָר דאָ איז די טאַקסי צוגעפאָרן און אויפגעעפנט אַ טיר, ווי אַ פליגל פון אַ גרויסן נאַכט־פייגל.

סאָלאַנש האָט זיך גלייך אַ ריס געגעבן פון זיין אָרעם, בויגיק ווי אַ קאַץ אַריינגעשפּרונגען אין דער מאַשין און פאַררוקט זיך אין טונקלסטן ווינקל. צעמישט פון אַזאַ האַסטיקייט איז ברין אַ ביסל שווערפיסיק אַריינגעקראָכן נאָך איר און פאַרהאַקט די טיר.

— צו דער גרויסער אָפּערע! — האָט סאָלאַנש, מיטן זעלבן אימפּעט, אַ זאָג געגעבן צום שאָפער. און, ווי ברינען האָט זיך אויסגעדוכט, הייזעריקלעך אַ זאָג־געגעבן און שרעקעוודיק אומגעקוקט זיך צום באַלויכטענעם אַריינגאַנג פון קאַפע.

ווי נאָר די טאַקסי איז אָפּגעפאָרן און זיך פאַרקערעוועט צום פאָנטאַן, האָט זיך סאָלאַנש צוגעטוליעט צו איר קאַוואַליער, ווי אַ דערשראָקענע טויב, און האַלב־וויינענדיק גענומען פאָרוואַרפן אים:

— זעסט, זעסט!.. — איך האָב דערפאַר ניט געוואָלט דו זאָלסט

מיך אַפּוואַרטן אין קאַפע „לילאַ״... לופען האָט זיך אַריינגעמישט. אומע־
www.libtool.com.cn
טום מישט ער זיך...
— פון וואַנען האָסטו געוואוסט, אַז ער... אַז דאָל...
— ער זיצט דאָ די לעצטע צייט עפעס צו אָפט, קוקט־אַרויס מיט
זיינע זשעדנע אויגן, ווי אַ וואָלף...
— זאָל ער!
— דו לאַכסט?.. — דאָס קוקט ער אויס אויף מיר. איך פיל דאָס.
— און דו האָסט מורא? זינט ווען אַזאַ שרעקעוודיק מיידעלע גע־
וואָרן?
— פאַר אים האָב איך אַלעמאָל מורא געהאַט...
— אַך, אַזוי?.. אויב אַזוי, ביסטו נאָך אַלץ ניט גלייכגילטיק צו
אים.. האָסט אים נאָך אפשר ליב און ווייסט דאָס אַליין ניט...
— איך? ליב? איך האָס אים! איך... איך האָס אים ווי די
פעסט! — האָט סאָלאַנש צוויי מאָל איבערגעחזרט, נאָר מיט אַ ביסל
צופיל עמפּערונג, צו ליידנשאַפטלעך — ער וויל מיך נאָך אַלץ...
אויפעסן וויל ער מיך... נאָר איצט!.. אינגאַנצן אויפעסן...
— איך וועל דיר באַשיצן, מיין „רויט־היטעלע״! איך וועל ניט
דערלאָזן...
— דערלאָז ניט! קיינמאָל ניט! נעם מיך אַרום, דויד! זאָג דאָס
נאָכאַמאָל! אָבער ערנסטער...
— איך וועל פאַר דיר מיין לעבן אָפּגעבן, מיין אוצר, מיין גליק!..
וואו זיינען דיינע ליפּן? דיין וואָלקע שטערט מיר! איצטער האָב
איך זיי... ביסטו רואיקער אַצינד? ער איז דאָך גאַרניט אַזאַ שלעכטער
ווי ער מאַכט זיך. ער פאַרנעמט זיך מיטן האַמער און דלאָטע אין אַ לע־
בעדיקן קאָפּ און שלאָגט אַריין אין מירמלשטיין... אַזאַ טבע האָט ער.
כ׳האָב אים היינט באַגעגנט דערקענט... זע נאָר, זע! ווי גאָלדענע
בינען טראָגן זיך אונדז די פייערלעך פון דער ס ע נ ע אַקעגן. אַקערשט
פון נאַכט־בינשטאָק אַרויסגעפלויגן. און מיר ביידע זיינען צוזאַמען. ביידע
צוזאַמען...
אָבער סאָלאַנש, ווייזט־אויס, האָט זיך ניט איבעריק אויפמערקזאַם
צוגעהערט צו אַזאַ ליריק אין פּראָזע, וואָס ברין זינגט איר אויפן אויער,
אין דער לויפנדיקער מאַשין. וואָרעם אינמיטן דרינען האָט זי אים אי־
בערגעשלאָגן מיט אַ פראַגע וואָס פּאַסט זיך ניט אַריין:
— אַ סך האָט ער מיט דיר גערעדט?
— ער?.. אַ גוטע האַלבע שעה. כמעט די גאַנצע צייט — ער
אַליין.
— וועגן מיר אויך גערעדט?

www.libtool.com.cn

— זייער וויניק... די גאַנצע צייט האָט ער נאָר באַזונגען די סקולפּטור. געהויבן די פּלאַסטישע קונסט אין הימל אַריין און קליין־גע־מאַכט אַלע אַנדערע קונסטן. דעליקאַט איז דאָס ניט געווען. בפרט ער איז צוגעגאַנגען צו מיין טיש און צו אַ מאָלער... אין דער אונטערשטער שורה מוז איך אָבער מודה־זיין, אַז קיין געוויינלעכער מענטש איז ער ניט; אַז אויסער טאַלאַנט איז ער אַ גאַנצער מענטש אויך. זיין אַרבעט, זיין פיגור, זיין אויפפאַסן די וועלט, זיינע געדאַנקען און זיין גראַבלעכע שטים — אַלץ איז עפּעס ווי פון איין גוס געמאַכט. איין בלאָק.

גאַנץ אומגעריכט האָט זיך סאָלאַנש איבערגעזעצט אויף ברינס קני און אַרומגעכאַפּט זיין האַלדז.

— איצטער — מאַכט זי מיט אַ געריירטער שטים — איצטער ווייס איך, אַז דו ביסט אַן אמתער מענטש! ניט אומזיסט, דויד, האָב איך זיך אין דיר פאַרליבט. פון ערשטן מאָמענט אָן. אַ דאַנק דיר, מיין יונג! אַ גרויסן דאַנק!

אַזאַ פּלוצלעכן אָנפאַל פון ליבשאַפט האָט אָבער ברין אָנגענומען מיט אַ ביסל פאַרדאַכט:

— פאַרוואָס דאַנקסטו אַזוי? ניט מ י י נ ע מעלות.

אָבער זי האָט אים פאַרמאַכט דעם מויל מיט דער גאַנצער פאַרפיר־מירטער דלאָניע:

— פרעג ניט, דו! דו ווייסט דאָס אַליין.

און גלייך געגומען פאַרטייטשן וואָס זי מיינט דערמיט:

— און פאַרוואָס ניט זאָגן דעם אמת? אַ דאַנק דיר דערפאַר וואָס... ניט קוקנדיק אויף קיין זאַך, וואָס ער האָט מיך אַזוי באַהאַנדלט און וואָס דו ביסט אַצינד מיינער... אינגאַנצן מיינער, רופסטו זיך אַזוי גוט אָפּ וועגן אים. אַליין ניט ווייסנדיק פאַרענטפערסטו מיך. דו אנערקענסט דערמיט, אַז ניט אומזיסט האָב איך מיך אַמאָל אַזוי אָוועקגעוואָרפן. מיין מיידל־שאַפט, מיין שטאָלץ, אַלץ וואָס איך האָב געהאַט — אָוועקגעוואָרפן אין זיין אַטעליע וואָס איז אַצינד דיין אַטעליע. דערהויבן האָט ער מיך דאָרטן און דערנידעריקט. געפּייניקט און גליקלעך געמאַכט... נאָר לאָמיר מער דערפון ניט ריידן!

— לאָמיר!.. — ענטפערט ברין אַ קאַפּעלע אַפּלאַכעריש, און דאָס נאָדעלע פון פאַרדאַכט גיט אים נאָך טיפער אַ שטאָך אין האַרצן, — אָבער ערגעץ־וואו אין אַ ווינקעלע, ערגעץ־וואו, אָט דאָ אונטער דיין טונ־קעלער ברוסט, האָסטו אים נאָך ליב. אַזוי דאַכט מיר... בייזער זיך ניט! ס'איז דאָך גאַנץ נאַטירלעך...

www.libtool.com.cn

און עפּעס ווי אַ ניט־גוטער וואָלט אים געצוואונגען, האָט ער זי ווידער געפּרואווט: סאָלאַנשס אויסגעהאַלטנקייט געפּרואווט און אירע באַהאַלטענע געדאַנקען:

— יאָ, אַ נייס קען איך דיר אויך דערציילן!.. דאָס פאַרהעלטעניש צווישן א י ם און סאָניאַן האַלט שוין גאָר, גאָר...

ניט באַטראַכטנדיק וואָס זי טוט, האָט אים סאָלאַנש אָנגעכאַפּט ביי זיינע פּלייצעס:

— דו מיינסט, אַז ער?.. ס'איז אַן אמת?

ברין האָט זיך באַפרייט פון איר קלעם, געצוואונגען זי אַראָפּצוגיין פון זיינע קני און אוועקזעצן זיך צוריק אויף איר אָרט.ביים שיין פון די לויפנדיקע פייערלעך האָט ער איר אַריינגעקוקט אין די אויגן. און זיי האָבן אים אַצינד אויסגעזען ווי די אויגן פון אַ יונגער טיגערין וואָס האָט זיך באַהאַלטן צווישן באַמבוס־טראָסטינעס און לוגט אויף רויב.

— וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן? — האָט זי דערשטיקט אַ פרעג געגעבן.

— און דיך וואָס גייט עס אַזוי אָן? צי סאָניאַ צעגייט זיך מיט א י ם, צי ניט?..

סאָלאַנש האָט קיין סעקונדע ניט געטראַכט און גלייך צוריקגעוואָרפן די האַרבלעכע און זייער לאָגישע פראַגע:

— מיך אַזוי ווי דיך, האַ־האַ! דיך אַזוי ווי מיך! מירביידע האָבן נקמה... האַ־האַ! דו אויך! דו אויך!

איר בייזער געלעכטערל האָט זיך אָנגעהערט אַ ביסל אומנאַטירלעך. אָבער ברין האָט דאָס פאַרשוויגן. ער האָט נאָר סתם אַזוי אַ פרעג געגעבן:

— אַזוי מיינסטו?

— איך בין זיכער! זיכער בין איך. זיי דאַרטן צעגייען זיך, און מיר... מיר ליבן זיך! מיר ליבן זיך נאָך מער ווי פריער... היינטיקע נאַכט זאָלסטו זען! — האָט זי אים ווילד אַרומגעכאַפּט — דו זאָלסט זען ווי איך קען גוט־זיין, ווי איך קען זיך אָפּגעבן און אינגאַנצן פאַרגעסן אויף זיך אַליין... אַצינד ערשט פיל איך ווי הונגעריק איך בין. פריער, לעבן קאַפּע, איז מיר דער גאַנצער אַפּעטיט פאַרגאַנגען. האָסט זיך דאָך פריער באַרימט ווי ליב דו האָסט צוצוזען ווי אַ געליבטע פרוי עסט מיט אַפּעטיט... ניין? אויך דאָס זאָלסטו זען, מיין טייערער! אויך דאָס! שאָפער*), בלייב שטיין! דאָ גייען מיר אַראָפּ!

---

*) דרייווער.

www.libtool.com.cn

אין אַ זייטיקער גאַס איז ברין, מיט זיין דאַמע, אַרויפגעגאַנגען אויף אַ טרעפּל, וואָס דערמאָנט גאַרניט אַן אַריינגאַנג פון אַ פּעשענעבלען רעסטאָראַן. די פּענצטערלעך, מען וואָלט געקענט זאָגן: אומיסטנע קליינע, זיינען דאָ געווען פּאַרהאַנגען מיט בילי‏ק־אויסזעענדיקע געקעסטלטע פּאַרהאַנקעס, איבערגעבונדן אינמיטן מיט בלויע זיידענע סטענגעס, וואָס דערמאָנען דעם סטיל פון ברעטאָנישע און נאָרמאַנדישע קרעטשמעס, מיט זייער אַלטן רוסטיק־סטיל פון פאַר הונדערט יאָר.

ברין האָט אָנגעקוקט זיין אויסגעפּוצטע דאַמע מיט אַ פראַגע־צייכן אין די אויגן. ס׳הייסט: אָט דאָס איז דער באַרימטער רעסטאָראַן דיינער, וואו מען גיט „געשמאַק־קאָנצערטן", ווי דאָס הייסט ביי דיר? צי האָסטו ניט קיין טעות?

אויף זיין שטומער פראַגע האָט אים סאָלאַנש גלייך אָפּגעענטפערט מיט איר לעבעדיקן ציגעלע:

— ניט אַזוי שטרענג, דויד! ניט די שאָלעכץ — די יאָדער איז וויכטיק. וואַרט אַ ווײַלע — ועסטו זען!

האָט ער אַ ווײַלע געוואַרט און געזען:

דער מעטר־ד׳האָטעל, דאָס הייסט: דער אויבער־קעלנער, אַ פראַנצויזישער שיינער מולאַט, מיט שיינע מאַניערן און שיינער אויסשפּראַך, האָט זיך טיף פאַרנויגט פאַר סאָלאַנשן:

— שוין לאַנג ניט געזען אייך דאָ, מאַדאַם!

— אַך, דו קענסט אים? — האָט זיך ברין אָנגעשטויסן — איז ער ניט פון דיינע אָנטילן?

— ניין. אַ סענעגאַליעזער איז ער. נאָר דאָס שטערט אים ניט צו האַלטן מיך פאַר זיינע אַ ווייטע קרובה. מיט פראַנסואַ לופן קומען מיר אַהער אָפט, און הייסן הייסט ער ביי אונדז ביידן: „מאָסיע סינגאָ", אויפן נאָמען פון זיין פאָטערלאַנד... אָט באַלד וועסטו זען, — האָט זי זיך אַ ווענד געגעבן צום שיינעם „מעטר":

— מאָסיע סינגאָ, אונדזער פּלאַץ איז פריי?

— פריי, מאַדאַם! — האָט יענער העפלעך אַ שמייכל געגעבן. די ווייסע סערוועטע גלייך אַרויסגעכאַפּט פון אונטער דער פאַכווע און, פאָכנדיק מיט איר רעכטס און לינקס, אָוועקגעלאָזן זיך צום נאָכגעפרעגטן פּלאַץ. אין זיין שניי־ווייסן קורצן קיטל, מיט די באַגילדטע קנעפּ, איבער די שוואַרצע סמאָקינג־הויזן און לאַקירטע שיך, האָט דער מעטער אַצינד אויסגעזען ווי אַ מאַרשאַלעק וואָס פירט דאָס שיינע פּאָר צום חתונה־מאָלצייט, און פוצט פאַר זיי דעם וועג מיט זיין סערוועטע; קיין שטויבעלע

זאָל אויף זיי ניט פאַלן, קיין סיגאַרעט־רויכעלע זאָל זיי ניט איבער־שלאָגן דעם גוטן אַפּעטיט.
www.libtool.com.cn
„אונדזער פלאַץ" האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ מאַט־באַלויכטענער ווינקל, אָפּגעטיילט פון די באַזוכער, פון איין זייט, מיט אַ רויט־טאָפּע־צירטער וואַנט און מיט גרויסע כריזאַנטעמען אין אַ בלויער וואַזע; און פון דער צווייטער זייט — מיט אַ שיינעם געשרויפטן זייל, וואָס שפּאַרט אונטער דעם ניט־הויכן סופיט איבער אַ פענצטערל, מיט געקעסטלטע פאַרהאַנקעס, ווי אין אייַנגאַנג. אַ געמיטלעכער ווינקל איז דאָס געווען. אַן אינדזעלע פון אינטימלעכקייט אין גוט־באַזוכטן לאָקאַל.

— אַ דאַנק, מאַסיע סינגאַ! — האָט סאַלאַנש פריינדלעך אַ שמייכל געטאָן צום „מעטר". הייס מען זאָל צונעמען אונדזערע מאַנטלען, און טו אַזוי, אַז מיר זאָלן זיין צופרידן! דאָס איז מיין פריינד ברין! אַ מאַ־לער... איך וויל ער זאָל אויך וויסן וואָס דער „ים־שטערן" קען געבן אַ גוטן קליענט...

— דער „ים־שטערן"? — האָט ברין איבערגעפרעגט.

— אַזוי הייסט אונדזער כלומרשט פויערישער רעסטאָראַן — האָט אים סאַלאַנש פאַרטייטשט.

— פאַרלאָזט זיך אויף מיר, מאַדאַם! — האָט דער טונקל־הויטיקער „מעטר" פאַרזיכערט און דערלאַנגט צוויי מעניו־קאַרטן, מיט אַ באַזילבערטן ים־שטערן אויף יעדער קאַרטע — און וואָס ווען מיר טרינקען, מאַדאַם?

ער האָט דעם „מיר" באַטאָנט זאַכלעך און ערנסט ווי אַ גרויסער פּראָפעסאָר, וואָס באַטראַכט, צוזאַמען מיט זיין אינטעליגענטן פּאַציענט, ווי אַזוי אַנצוהויבן היילן אים און מיט וועלכע מיטלען.

און פונקט אַזוי ערנסט און טיפזיניק האָט אים סאַלאַנש גענומען געבן אירע אָרדערס; דערוויזן, אַז זי פאַרשטייט זיך אויך אין אַזעלכע זאַכן, און אין לאַבירינט פון דער רייכער מעניו בלאָנדזשעט זי ניט. די טונקל־הויטיקע שיינהייט באַשטעלט און דער טונקל־הויטיקער מעטר פאַר־שרייבט.

— צו די ים־פּרוכטן — אַ לייכטן שאַבלי; צום אויפשניט*) — אַן אַלטן מאַקאָן; צו די סאַלאַטן — אַ האַלב־זיסן גראַוו, אָדער אַ האָט־סאָטער...

— מיר הויבן אָלזאָ אָן פון האָר־ד'יעווערס?.. — האָט דער מעטר מיט גרויס אָנערקענונג צוגעשאָקלט מיט זיין פּושיקן קאָפּ.

— געוויס, געוויס! — האָט סאַלאַנש צעשטרייט אָפּגעענטפערט און נאָך טיפער אַריינגעקוקט אין דער מעניו.

---

*) געשניטענע וואורשטן.

ברין האָט זיך צוגעהערט צו דער טעלעגראַם־שפּראַך. ניט אַלץ האָט ער פאַרשטאַנען. דער מעטר האָט אין אים גלייך דערפילט אַ פּראָווינצלער, וועלכער קוקט אין אַזעלכע טייערע לאָקאַלן ניט אַריין, און האָט אים העפלעך דערקלערט:

www.libtool.com.cn

— ים־פּרוכטן, פּאַשטעטן און אויפשניט זיינען די ספּעציאַליטעטן פון אונדזער הויז...

— נאָר פריער פון אַלץ — האָט אים סאָלאַנש איבערגעשלאָגן — הייסט אונדז דערלאַנגען צוויי זינזאַנאָ־קאָקטיילס מיט לימאָן־זאַפט. אַ שטיקל ציטראָן־שאָלעכץ ניט פאַרגעסן אַריינצוטאָן אין יעדן גלאָז...

— אַ וואָטר סערוויז, מאַדאַם!*) — האָט מעטר סינגאָ מסכים געווען מיט גרויס רעספּעקט; און מיט זיינע שמאָלע און טונקעלע הענט פאַר־שפּרייט געקעסטלטע סערוועטן אויף ביידנס קני — ענלעך צו די פאָר־האַנקעס אויף די פענצטערלעך און צום טישטעך. דערנאָך, מיט ווייכע טריט פון אַ יונגן טיגער, דערווייטערט זיך פון זיינע קליענטן. און באַלד האָט זיין יונגער געהילף, אין אַ בלויען ליוסטרין רעקעלע מיט אַ ווייסן פאַרטעך, צוגעטראָגן אויף אַ טאַץ די צוויי באַשטעלטע קאָקטיילס. און געזאַלצענע מאַנדלען — אַלס אַ צוגאָב.

פון דעם ערשטן טראָפּן, וואָס ברין האָט פאַרזוכט, איז אים דער גאַנצער אָטעם־אָרגאַן פול געוואָרן מיט אַ געדיכטן דופט פון צימרינג, מוסקאַט און ציטראָן־שאָלעכץ. ער האָט אַזש די אויגן פאַרמאַכט פון הנאה. סאָלאַנשס געלעכטער האָט זיי אים צוריק אויפגעמאַכט.

— דיין געזונט, דויד!.. — האָט זי אָנגעקלאַפּט איר באָקאַל אָן זיינעם.

און צווישן איין טרונק און צווייטן האָט זי אים באַלערנט:

— נאָר ניט געאיילט, מיין ליבער! מער ציען אין זיך דעם גוטן ריח, ווי טרינקען. מער פאַרזוכן ווי עסן. דאָס איז דער ערשטער געבאָט פון אמתן גענוס, און דאָס איז ניט אַזוי לייכט דורכצופירן, ווי עס דוכט זיך אויס. איך אַליין, ביי מיין גאַנצער געניטקייט, טרעניר זיך נאָך אין דער דאָזיקער קונסט ביז צו היינטיקן טאָג. איך מאַך פּראָבן ווען קיינער זעט ניט. ניט אַלעמאָל קום איך אַהער מיט באַקאַנטע. איך כאַפּ זיך דאָ אַריין, פון צייט צו צייט, איינע אַליין, און גראָד ניט אין אָוונט, ווען ס'איז טומלדיק, נאָר בייטאָג, צום צווייטן פרישטיק. דעמאָלט זיינען דאָ ווייניקער באַזוכער און די סערווירונג איז אַ בעסערע. איך פאַרשטעק מיך דאָ אין מיין באַליבטן ווינקל און לאָז אויפשפּילן פאַר מיר אַלע שפּייז־קאָלירן און אַלע זייערע געשמאַקן אין ריחות: פון ים, פון פעלד

---

*) גרייט איך צו דינען, מיין דאַמע!

און פון וואַלד, פון דער קעזעריי און פון קעלטער. אַ גוטע שטונדע זיץ איך און הער זיך צו צו זיך אַליין, וואָס פאַר אַן אָפּקלאַנג עס רופט ביי מיר אַרויס יעדער קאָליר, יעדער טעם און יעדער ריח... עס איז אַ טאָפּלטע הנאה. אַפילו דער פאַרענדערטער קלונג פון אַ פּולן, האַלב־אָפּגעטרונ־קענעם און ליידיקן באָקאַל גיט דאָ צו זיין ספּעציעלן געווירץ. אַ גראָבע זעטיקונג טויט דאָס אַלץ אָפּ. די אַמאָליקע רוימישע פרעסער פלעגן זיך קינסטלעך באַפרייען פון דאָס געגעסענע, כדי צו מאַכן אָרט פאַר נייע געריכטן. ניט בעסער, אָבוואָל ניט אויף אַזאַ באַרבאַרישן אופן, באַהאַנדלען זייער געשמאַק־אָרגאַן די אַזוי־גערופענע לעב־יונגען... נאָר דאָס איז אַזוי ווייט פון קונסט, ווי אַ סאָלדאַטן־מאַרש פון שאָפּענס אַ נאָקטיורן, געשפּילט פון אַ ווירטואָז...

www.libtoot.com.cn

אויף אַ קליינעם זילבערנעם טאַץ זיינען אָנגעקומען די ערשטע אַפּע־טיט־ביסנס. דאָס זיינען געווען קיילעכדיקע, גאַנץ קליינע, אויף פּוטער צוגעברוינטע טאָסטלעך, און באַדעקט זיינען זיי געווען מיט אַ דיק הייפל פון גרויען און קערנדיקן קאַוויאַר. די זעלבע טאָסטלעך מיט רונד־צוגע־שניטענעם באַליק*) און ראָזעווען סעמאָן. מעטר סינגאָ האָט זיי נאָך פאַרבעסערט: מיט ציטראָן־באַשפּריצט זיי און אויף די טעלער איבער־געלעגט. אויף יעדער טעלער — אַ שוואַרץ־וויס־ראָזעווען סגול.

סאָלאַנש האָט צו זיי קיין גאָפּל ניט באַנוצט, נאָר מיט די געטאָקטע פינגער, דעליקאַט און פּאַרזיכטיק ווי אויסטערס, צוגעטראָגן צום שיינעם מויל, אָנגעביסן מיט אירע בלישטשענדיקע ציין און האַלב־פאַרמאַכט די אויגן.

— קערנדיקער קאַוויאַר — מאַכט זי, צוהערנדיק זיך צום פיינעם געשמאַק, — איז ווי אַן עסענץ פון קאַספּישן ים. אַ גרוס פון וויטן רוסלאַנד. קיין לאַנד קען דאָס ניט נאָכמאַכן.

— נאָך? — האָט מעטר סינגאָ העפלעך אַ פרעג געגעבן.

— ניין! — האָט סאָלאַנש שטרענג אָנגעקוקט דעם מעטר, דערנאָך — איר קאַוואַליער — אָנגעצינד: אונדזערע ים־פּרוכטן.

— מאַדאַם איז אַ קענערין!.. — האָט מעטר סינגאָ געלויבט איר צוריקגעהאַלטנקייט — ניט אַלע אונדזערע געסט פאַרשטייען, אַז צופיל פון אַט־דער שוואַרצער נאַשעריי לאָזט איבער אַן אייליקן געשמאַק און זעטיקט צו גיך...

אַ היפּשער דריי־גאָרנדיקער טיש אויף רעדלעך, מיט אַ גוזמא שיי־סעלעך אויף יעדן גאָרן, איז אָנגעפאָרן. אים האָט פייערלעך געשטופּט סינגאָס געהילף אין ווייסן פאַרטעך. די אָנגעקילטע שיסלען זיינען דאָ

*) וויים-סעמאָן.

געזעסן אין שטיקער אייז. און ביידע, דער מעטר און זיין געהילף, האָבן פלינק און געניט גענומען סערווירן.

www.libtool.com.cn

— גרינע אויסטערס? — האָט דער מעטר אַ פרעג געגעבן.

— דריי אויף יעדן טעלער, — האָט זיך סאָלאַנש אָפּגערופן, — ניט מער.

— בעלאָנן?*)

— אויך דריי.

— קלעמס?

— צוויי.

— גרויע קרעווועטן?**)

— נאָר דריי־פיר.

— בוקעטס?***)

— דאָס זעלבע.

— לאנגוסטינען?****)

— איינע.

— ה׳אָמאַר?

— נאָר די קלאַמערן.

— ים־אוגערקעס?

— איינע.

דער דועט פון סאַרווער און קליענטין איז: געגאַנגען גלאַט און גוט, אָן אָטעם־איבעררייס, אָן איין ציטער אין קול, אָן אַ שפּור פון קווענקלעניש; ווי ביי אַן אָפּערע־פּאַרל, וואָס האָט זיך שוין לאַנג צוזאַמענגעזונגען און קוקט אַפילו ניט אויפן שטעקעלע פון דיריגענט. ער מיט זיין טענאָר, זי מיט איר סאָפּראַנאָ... און די היפּשע טעלער, אין געשטאַלט פון גרויסע פּאָרצעלייענע וויינשטאָק־בלעטער, לעבן ברינען אַזוי ווי לעבן זיין דאַמע, זיינען דערווייל באַדעקט געוואָרן מיט אַלערליי שאַטירונגען פון רויע און געקאָכטע „ים־אויבסט" — ראָזעווע, קרעם־געלבע, גרויע, קאָראַל־רויטע, גלאָזיקע, פּערלמוטערנע, געשפּרענקלטע... דער סערוויז־טיש איז שוין אָפּגעפּאַרן, די סאַרווערס זיינען צוריקגעטראָטן און ברין האָט נאָך אַלץ די אויגן ניט געקענט אָפּרייסן פון דער רייכער אינקרוסטאַציע אויף זיין טעלער, ביז סאָלאַנש האָט אים לייכט, מיט צוויי וואַרעמע פינגער, אַ פּעטשל געגעבן:

---

*) ווייסע אויסטערס.

**) שרימפּס.

***) רויטע שרימפּס.

****) אַ סאָרט קליינע לאָבסטערס.

www.libtool.com.cn

— ס׳איז ניט נאָר צום אָנקוקן, מיין ליבער! הויב־אָן!.. און אויב דו האָסט מורא צו בלאָנדזשען, טו וואָס איך טו. איך גיי לויט דער אָרדענונג ווי איך האָב באַשטעלט...

מיט אַ קאָנצענטרירטן ים־אַראָמאַט האָבן אַן אָטעם־געגעבן די גרינע קלער־אויסטערס. קוים באַשפריצט מיט לימאָן, כדי ניט איבערצוזויערן דעם נאַטירלעכן טעם, און אויך ניט צו־קאַרג — כדי צו פאַרטרייבן דעם ביי־געשמאַק פון ים־גרונט. אַזוי האָט אים סאָלאַנש געלערנט, און איר לערע איז געווען מיט גאָלד גלייך. אַ פעטערן טעם האָבן געהאַט די קרעם־געלע, בלווילעך־געפינטלטע בעלאָטן. דערפאַר אָבער האָט נאָך זיי דער געטרונקענער שאַבלי אַרויסגערופן גאָר אַ באַזונדער דערקוויקונג. באַטעמט, מיט אַ ווייטן היימישן געשמאַק פון עפּל־קוואַס, האָט דער „טרו־קענער" ווייַן באַטאָנט די רייכקייט פון יעדער פּערלמוטענער מולטערל, פול מיט אַ ים־דעליקאַטעס, וואָס צעגייט אויף דער צונג. די גרויע קרע־וועטן האָבן געהאַט אַ געשמאַק פון קאַרפּן־מאַרך מיט געריבענע אייער־געלכלעך; און די קאַראַלענע בוקעטס — קרובים פון דער זעלבער פאַ־מיליע, נאָר אַריסטאָקראַטישער און דעליקאַטער... איידעלער אין פליישׂ אַזוי ווי אין קאָליר. די רויע קלעמס האָבן געהאַט אַ שווימענדיקן טעם פון געזאַלצענע און געווירצטע ווייסלען. „ים־פּיציאַ" האָט זיי ברין געגעבן אַ צונעמעניש נאָכן פאַרזוכן. בעסער ווי זיי אַלע האָט אָבער געשמעקט דאָס נאַטירלעכע קלאַמערן־ געפילעכץ פון אָמאַר; צאַרט ווי אַ געהירן־פּאַשטעט, מיט ים־גראָזן צוגעפּראַוועט... די האַריקע ים־אוגערקע האָט, נאָכן אויפשניידן זי, אַ ביסל אָפּגעשראָקן מיט אירע שאַרפע אינגעווייד־קאָלירן און מיט איר שווערבלדיקן אַראָמאַט. אין דער גרינער עלאַסטישער שאָלעכץ האָבן אויפגעלויכטן געטיילטע חדרי־מלעך, ווי אין אַ גרויסן מאָן־קאָפּ. פרישער ים־מאַרך איז אין זיי אַלעמען געלעגן, רויט ווי קאַראַל און שוואַרץ באַפינטלט. מיט אַ זילבערנער לעפעלע אַרויסגעקראַצט — האָט זיך דאָס געשמאָלצן אויף דער צונג, ווי אַן אומבאַקאַנטע געזאַלצנס, אַ שפּייַז פון ים־סירענעס — האַלב־מענטש, האַלב־פיש... און נאָכן פאַרטרינקען דאָס מיט ווייַן האָט זיך געדוכט, אַז מען האָט אין זיך אַריינ־גענומען אַ שטיק ים־חיות, וואָס באַלעבט, אין די געזאַלצענע טיפענישן, אַלץ וואָס שווימט דאָרטן און פּלעטשערט און וואַקסט.

.3

ברין און סאָלאַנש האָבן נאָך ניט באַוויזן אַראָפּצושווענקען, מיטן זויערלעכן שאַבלי, דעם לעצטן ים־פּרוכט געשמאַק, און מעטר סינגאַ האָט דאָס שוין באַמערקט פון דערווייטנס. האָט ער פּריער געשיקט זיין

געהילף איבערצובייטן די פאַנטאַזיע־טעלער אויף איינפּאַכערע קיילעכ־דיקע, און אַליין איז ער אָנגעפּאָרן מיט אַ צווייטן טיש אויף רעדלעך, וואו, כמעט, אַלע פראַנצויזישע דעפּאַרטאַמענטן זיינען געווען פאַרטראָטן, יעדער מיט זיינע טרוקענע, האַלב־טרוקענע, אָדער זאַפטיקע ווורשטן, געריכערטע צונגען, געטרופלטע לעבער, פּאַשטעטן, רולאַדעס... און באַלד זיינען די ווייסע טעלער פון ביידע געסט ווידער באַדעקט געוואָרן מיט דינע פענעצלעך פון יעדן מין. סאָלאַנש האָט אויך דאָסמאָל ניט דער־לאָזן איר ניט געניטער קאַוואַליער זאָל באַשטעלן צוויי מאָל פון איין דע־ליקאַטעס, אויסער פון „פּואַ־גראַ". דאָס הייסט, פון גענדזן־לעבער־פּאַ־שטעט, וואָס קומט פון מעטץ, וואָס איז צאַרט ווי אַ העל־ברוינער, פאַר־קילטער קרעם און איז געטרופלט, ווי מיט שוואַרץ־חנוודיקע „אויגן". עס איז ווירקלעך געווען איבער די מענטשלעכע כוחות צו באַנוגענען זיך מיט איין פענעץ פון אַזאַ זעלטענעם ביסן.

— מאַך ניט אַזאַ טרויעריקע מינע!.. — האָט סאָלאַנש אַ לאַך־געגעבן. — ד אָ ס, זעסטו, איז אַן אויסנאַם!.. און איך דערלויב דיר, אַזוי ווי מיר אַליין, אַ דאָפּלטע פּאָרציע. נאָר פאַרגעס ניט, אַז דערצו געהערט דער טונקל־רויטער מאַקאָן. גיס־אָן, מיין ליבער!

דער דריי־גאָרנדיקער טיש אויף רעדלעך איז אָפּגעפּאָרן. אוז ווידער איז דאָס יונגע פּאָרל געבליבן מיט זיך אַליין, פריי צוצוהערן זיך צו דער גאַמע פון נייע אויסגעזוכטע געשמאַקן. אויסגעצייכנט איז געווען דער טרוקענער סאַלאַמי, פּיקירט מיט גאַנצע פעפערלעך. דער זאַפטיקער פענעץ פון באַלאָגנאַ־וואורשט און דער דאָרפיש־געווירצטער, פראָסטער פּאַשטעט. די אַנדוי־רולאַדע פון אַוויגנ׳אָן האָט דערמאָנט אָן פּוילישע „פּליאַקעס", נאָר קילער און פיינער אין טעם — אַ דעליקאַטעס פון קאַלבס־איינגעווייד. און נאָר אין אַ זיד־פראַנקרייך ווייסט מען דעם סוד, ווי אַזוי אַרויסצובאַ־קומען אַזאַ ראַפינירטן געשמאַק פון טיילן, וואָס אין אַנדערע לענדער גייט דאָס אין ניוועץ, אָדער עס ווערט דאָרטן גראָב געדעמפּט און איבערגע־פעפערט...

די נייע געשמאַקן האָבן זיי ביידן באַוועלטיקט, און ברין און סאָלאַנש האָבן ווייניק גערעדט צווישן זיך, נאָר שטיפעריש איבערגעוואָרפן זיך מיט אַ פּאָר ווערטער, צווישן איין גוטן ביסן און צווייטן.

אַט, ווען ברינס דין־באַלייגטער טעלער האָט זיך איינגאַנצן אַנט־בלויזט, האָט ער פריילעכער אָפּגעזיפצט.

— נאַ, איצטער פאַרשטיי איך, סאָלאַנש, פאַרוואָס דו האָסט מיך ניט געלאָזן צופיל געניסן ביי דיר אין דערהיים. ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז אויף אונדז וואַרטן דאָ אַזעלכע וואונדער, וואָלט איך שוין בעסער געפאַסט.

www.libtool.com.cn

— וואָלט ווידער ניט געטויגט — האָט זיך סאָלאָנש צעלאַכט
— וואָלטסט זיך אָצינד ניט געקאָנט צוריקהאַלטן, וואָלטסט געטאָפּלט די פּאָרציעס, וואָלטסט פאַרברויכט צופיל ברויט... איבעריקנס, באַלד וועט מען אונדז דערלאַנגען די סאַלאַטן, וועסטו צוריקגעפינען דיין גוטן אַפּעטיט.

און אַזוי איז ווירקלעך געשען. די ווייסע פליישיקע טעלער זיינען געביטן געוואָרן אויף העל־בלויע, מיט אַ דינעם באַגילדעטן ראַנד, און אַ דריטער געגאָרנטער טיש אויף רעדלעך איז פייערלעך אָנגעפאָרן. דאָס איז געווען אַ גאַנצע אויסשטעלונג פון גרינסן־פּאַטראָוועס, געריכטן פון רויע און געקאָכטע אוגערקעס, גרינע ציבעלע־קעפּלעך אין אַ סאָוס פון צוקער, אויל און לימאָן־זאַפט; קליינע געקאָכטע אַרטישאָקן; סאַלאַט פון פרישע אוגערקעס; מאַרינירטע ווייסע שוואָמען; רויטע רעטעכלעך געפילט מיט קרעם־קעז און פּעטראָזיליען. יערוזאַלימער קאַבאַק*) אין אַ ווייניקן סאָוס. באַמיאַ־גרינס, וואָס קומט פון די גריכישע אינדזלען, מיט צעלאָזענע פּוטער איבערגעגאָסן; גרינע אַליוון פאַרשירט מיט אַנשאָוויסן און מיט רויטן פּימאָנט; אַספּאַראַגוס־שפּיצן מיט אַ ווייסן סאָוס צוגעפּראַוועט...

צום דריטן מאָל זיינען די פרישע טעלער אינקרוסטירט געוואָרן מיט אַלערליי קאָלירן און שאַטירונגען. דאָס מאָל — מיט די ברכות פון דער גרינער ערד. און זיי האָבן, די ביידע אַנטיילנעמער פון מאָלצייט, אָפּגעפרישט מיט זייער לייכטקייט און האַלב־פּיקאַנטע געשמאַקן.

— דאָס זיינען אַלץ פאַרשפּייזן, מיין ליבער!.. — אַזוי האָט סאָלאָנש ווידער געוואָרנט איר נייגעריקן קאַוואַליער — ברויט איז דערצו ניט נויטיק. נאָר אָט־דער האַלב־זיסער אויסגעשטאַנענער גראַוו פּאַסט זיך צו די גרינסן אויסגעצייכנט. גיס־אָן!

דויד ברין האָט גערן געפאָלגט דאָס וואָס מען הייסט אים. ער איז געווען העכסט צופרידן וואָס ער אַליין דאַרף ניט זוכן, דאַרף ניט אויסקלייבן און ניט זאָרגן, מיט וואָס אָנצוהויבן און מיט וואָס אויסצולאָזן. זיין שיינע טונקל־הויטיקע באַפעלערין זאָרגט שוין פאַר אַלץ... זי פירט אים פאַר אַ הענטעלע, און ער גייט נאָך, מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן. האָט הנאה און בלאָנדזשעט ניט.

— איך הויב־אָן — מאַכט ער — צו באַגרייפן דעם זין פון די דריי צויבער־טישן אויף רעדלעך, פון וועלכע מיר האָבן אַזוי פלייסיק געגעסן. אמת, פון יעדן מין אויפן שפּיץ־גאָפּל, אָבער מיט שכל און מיט חשבון... דערביי האָט ער, ווי אַן איבערגעצייטיקטע רויז, צעגומען די שפּי־

---

*) אַ סאָרט קירבעס אין געשטאַלט פון אַ דיקן בלאַט.

ציקע בלעטער פון אַ קליינעם, אָבער קאָמפּאַקטן אַרטישאָק און אין אים, מיט גאָפּל און מעסער אַריינגעפּאַרן אין ווייכן האַרץ. ברינס מויל איז, באַלד נאָכדעם, פול־געוואָרן מיט אַן איידעלן טעם פון אַ וואַסערדיקער נוס־מאַסע. ריידן האָט ער מער ניט געקענט. ער האָט נאָר אין צעשאָקלטע האַנט מיט אויפגעשטעלטע דריי פינגער געהויבן אַלץ העכער און העכער, אויסדריקנדיק דערמיט זיין וואָקסנדיקע און שטומע הנאה...

www.libtool.com.cn

— וואָס זאָגסטו, איז דער זין? —האָט אויף אים סאָלאַנש אָנגע־שטעלט אירע לאַכנדיקע אויגן.

— דער זין איז: אַפּריער אַלע מעגלעכע געשמאַקן פון די ים־טיפענישן; דערנאָך די געשמאַקן פון אַלץ וואָס פּאַשעט זיך אויפן ערד־פלאַך. אַצינד די הערלעכע טעמים פון דער גרינער ערד גופא, פון אַלץ וואָס וואַקסט און געדייעט אין איר שויס... אַ דיכטער, ווייניקסטנס, וואָלט אַזוי געזאָגט.

— און איצטער — האָט אים סאָלאַנש אונטערגעהאָלפן — איצטער קומט נאָך עפּעס, וואָס שוועבט צווישן הימל און דער ערד...

— געפליגל... — האָט זיך ברין אָנגעשטויסן.

— געטראָפן.

— און כדי צו פאַרפולקאָמען אַזאַ געגוס־אָווערטיורע איז גוט צו פאַרענדיקן מיט דעם וואָס קומט פון באַרג און טאָל... פּראָזאַאיש גע־רעדט: מיט ציגן־קעז און ראָקפאָר און מיט פרישע אויבסט...

— וואָס הער איך? און דאָס אַלץ הייסט ביי דיר אָווערטיורע?

— די אָפּערע, מיטן העלדן־טענאָר און באַלעט, קומט נאָך. אָבער אַן אַנדערש מאָל... קענסט דאָך ניט פאַרלאַנגען אַז אַלע אַקטן זאָל מען דיר פאָרשפּילן אין איין שעה... מעטר סינגאַ, סיל־וואו פּלעי!

דער זייער העפלעכער סינגאַ, מיט די פּושיקע האָר פון אַ מולאַט, איז אַפּנים ווירקלעך ניט־גלייכגילטיק געווען צו זיין טונקל־הויטיקער קליענטין, וועלכע שאַצט אַזוי גוט אָפּ זיין סערווירונג, אַזוי ווי זיינע גוטע רעקאָמענדאַציעס. וואָרעם יעדער מאָל ווען ער איז צוגעטראָטן צו נע־מען אַ נייע באַשטעלונג, האָט ער זיך פאַרנויגט, ניט פאַר ברינען, נאָר פאַר סאָלאַנשן, און זיינע שוואַרצע אויגן, מיט די געלבלעכע ווייסלען, זיינען אים פאַרגאַסן געוואָרן מיט אַ בוימלדיקן גלאַנץ:

— וואָס וועלן מיר ווייטער עסן, מאַדאַם? איך רעקאָמענדיר: פאַ־זאַן... היינט — דאָס טאָג־געריכט. און... אויסערגעוויינלעך!

ער האָט אויפגעהויבן דריי צוזאַמענגעלייגטע טונקל־ברוינע פינגער, ווי ער וואָלט געווען גרייט איבערצוצלמען זיך און אויסגעצויגן מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן:

— דע־לי־סיע !*)

סאָלאַנש האָט אַריינגעקוקט אין דער מעניו־קאַרטע און איבערגע־
www.libtool.com.cn
לייענט: פּאַזאַן — אַ־לאַ שאַסער...**)

— אויסגעצייכנט! — האָט זי מסכים געווען.

— אָבער צען מינוטן וועט מאַדאַם מוזן וואַרטן — האָט דער היפּ־שער סאָרווער געוואָרנט — די גאַרניטור ווערט אַלעמאָל פריש געמאַכט.

— מיר איילן זיך ניט.

און ווען ער איז אַוועק, האָט סאָלאַנש אַרומגענומען ברינס פּלייצעס מיט איין אָרעם:

— ווי געפעלט דיר מיין אויסוואַל?

— אַזוי ווי דיין ליבע...

— אַ דאַנק. פאַרלאָז זיך ווייטער אויף מיר!

— איך פאַרלאָז מיך. איך שליס די אויגן. איך בין בלינד און טויב. פון אַלע געפיל־אינסטרומענטן לאָז איך נאָך איבער איינעם: דעם גומען... און דו, סאָלאַנש, שיק אויף מיר אָן דיין שמייכלענדיקן סינגאַ, וועלכער איז איין דיר פאַרליבט, אַזוי ווי אַלע וואָס האָבן דיך ווען עס איז געזען. שיק אים מיר צו מיט קאָלירטע טעלער און פולע פלאַשן, מיטן טוי פון הימל און זעט פון דער ערד. איך בין דיין גלויביקער און דו ביסט מיין פּריסטע־רין. א־מן!

4.

אַ גאָלדיק־רויטע פעדער האָט זיך געשאָקלט איבערן זילבערנעם צודעק, ווי אַ פאָן פון זיין מאַיעסטעט דעם געבראָטענעם פאַזאַן, ווען ער איז אָנגעקומען צום טיש. און, ווען מען האָט דעם צודעק פייערלעך אויפ־געהויבן, איז ער דאָרטן געזעסן אַ שמעקנדיקער און אַ פאַרברוינטער, פונעם הייסן קלימאַט אין קיך, וועלכן ער האָט אָקערשט פאַרלאָזן. געזעסן איז ער אין אַ שמאָלן כסא־המלוכה, דאָס הייסט, אין אַן אָוואַלן שיסל פון באַגלאָזטן ליים, און, ווי אַ גאַנצע מיניסטעריום פון ראַטגעבער, האָט אים אַרומגע־רינגלט אַ גאַר געהויבענער גאַרניטור פון שאַמפּיניאָנען, קיילעכדיקע מערעלעך, געפילטע אָליוון און טרופעלן און ציבעלקעלעך — אַלע אין זויערן קרעם געפּרעגלט. אַ געדיכטער ריח פון וואַלד און גאָרטן האָט זיך פון זיי אַלעמען געטראָגן. און נאָך אַפּעטיטלעכער איז דער ריח גע־וואָרן, ווען דער געניטער סאָרווער האָט דעם געבראָטענעם פויגל קונציק אויפגעשניטן, צעלעגט אויף די טעלער, באַגאָסן מיט רייכן סאָוס און באַ־

---

*) דעלישעס.

**) פאַזאַן לויטן יעגער־געשמאַק.

www.libtool.com.cn

פוצט מיטן צולאָג — רויט און גרוי און גרין. אָפּגעטראָטן אויף צוריק איז סינגאַ מיטן פּנים צו די געסט, ווי אַ פרומער בחור בשעת אויסשטיין שמונה־עשרה; איבערלאָזנדיק אַזוי דאָס פאַרליבט פּאָרל מיט די שיינע פּאָרציעס און מיט זיך אַליין. זאָלן זיי, הייסט עס, אויג אויף אויג, באַוואונדערן דאָס שטיקל אַרבעט וואָס ער האָט פאַר זיי אָפּגעטאָן און הנאה האָבן פון לעבן.

ברין האָט פאַמעלעך געגומען שניידן פון זיין חלק, געקייט מיט פאַרשטאַנד, צוגעהערט זיך צום טעם און געוואָלט פאַרגלייכן מיט אַ וועלכן ניט איז געריכט, וואָס ער האָט שוין געהאַט אַמאָל פאַרזוכט, און ניט געקאָנט דערמאָנען זיך. נאָר דער געדיכטער סאָוס האָט אים דערמאָנט אַ געווירצטע שמחת־תורהדיקע קאַטשקע ביי דער מאַמען אינדערהיים... ד אָ ס איז פּאָרט ניט דאָס. אין דעם דאָזיקן צאַרטן ווילד האָט זיך געפילט די פרישקייט פון צוגרייטונג אין דער לעצטער פערטל שעה, און די אויסגעזוכטקייט פון מיטלען, וועלכע זיינען אין דער אַלטער היים ניט מעגלעך געווען צו געפינען.

אָפּגעגעסן, פון זיין שיינעם חלק, ווייניקער ווי אַ העלפט און פאַרטרונקען מיט רויט־גליענדיקן מאַקאָן, האָט ברין צוזאַמענגעלייגט זיין מעסער און גאָפּל און געלאָזן שטיין. נאָר סאָלאַנש האָט אים ניט צוגערעדט אויסצוליידיקן זיין טעלער: זי האָט אים נאָר אָנגעקוקט מיט אַ ביסעלע רחמנות.

— ביסט ניט געוואוינט... מאַכט זי נאָך אַ ווײַלע פון באַדויערלעכן שווייגן — ביסט ניט געוואוינט, מיין אָרעמינקער, צו אָפּגעבן־זיך מיט אַזוי פיל גוטע געריכטן אויף איין מאָל. און ביי מיר אינדערהיים האָסטו אויך איבערגעכאַפּט דאָס האַרץ... איז רו זיך אַ ביסל אויס און קוק ווי א י ך וועל פאַרענדיקן מיין ווילדן פויגל...

האָט ער געקוקט און באַוואונדערט מיט וועלכע חנוודיקע באַוועגונגען זי פאַרענדיקט אַזאַ פראָזאַאישע זאַך... קליינע ביסנס נעמט זי, צעציט ניט צופיל די שיינע ליפּן, צערוקט ניט די אָרעמס; נאָר די פינגער און הענט־קנעכלעך באַוועגן זיך ביי איר. דאָס וואָס דער גאָפּל נעמט ניט אָן שטופּט זי אונטער מיט אַ קליינינקן שטיקל ברויט. קיין טראָפּן פאַלט ביי איר ניט אַראָפּ. די אויגן זיינען ניט זשעדנע, דאָס געזיכט רואיק. זי ווישט געלאַסן די ליפּן איידער זי טרינקט אָפּ פון איר ווייןבאָקאַל. דער מינדסטער פעטיקער פלעק בלייבט ניט איבער אויפן געשליפענעם גלעזערנעם ראַנד.

אין זיין באַגייסטערונג פאַר אירע פיינע מאַניערן האָט זיך ברין אַראָפּגעבויגן און אַ קוש־געגעבן איר דעקאָלטירטן נאַקן. דאָס באַרירן מיט די ליפּן אַזאַ זיידיקע הויט, וואָס נאָר קרעאָלינעס זיינען דערמיט געבענטשט,

איז אים, אין זיין לייכטער שלעפּערדיקייט, געווען אַ דערפרישונג. נאָר זי
האָט אים, מיט איין פּלייצע־באַוועגונג, אָפּגעשטויסן פון זיך:
www.hbtool.com.cn
— אַך, דו קיצלסט!
— דאָס איז מיין דעסערט...
— דו פאַרלויפסט פאָראויס, מיין ליבער!
— דו עסט אַזוי שיין. אַלץ וואָס דו טוסט איז שיין.
— אַן אַלטע געשיכטע: די וואָס קענען שיין עסן, קענען שיין ליבן.
— צו אַזאַ איבערצייגונג קום איך דורך דיר, סאַלאָנש! איך דערמאָן זיך אָן די בלוט־אָרעמע מיידלעך פון דערהיים, מיט די גרינע שאָטנס אונטער די אומעטיקע אויגן. געגעסן האָבן זיי ווי זיי וואָלטן געטאָן אַ טובה דער וועלט. אַפּריער גליקלעך געמאַכט די מאַמעס, דערנאָך די מענער זייערע...
— און אויך דיך, מיין ליבער, האָבן זיי אָנגעשטעקט... וואָס ווילסטו נאָך?
— איך? מער גאָרנישט.
— וואָס הייסט גאָרנישט? אַ קאָנצערט לאָזט מען ניט איבער אינמיטן. סיידן ער לאַנגווייליקט.
— אָדער ווען ער פאַרציט זיך?
— אויך פאַר אַזאַ פאַל האָט אונדזער ליבע פראַנצויזישע קיך געזאָרגט...
און נאָך איידער ברין האָט געפרעגט וואָס דאָס מיינט, האָט זי צוגערופן דעם סאַרווער און באַשטעלט:
— ציטראָנגן סאָרבעט!
דאָס צוגעטראָגענע גרינלעכע געפרוירנס, אַן אַ טראָפּן קרעם, לייכט געצוקערט און צוגעפּראַוועט מיט לימאָן־זאַפט און לימאָן־קאָרקע, האָט געהאַט אַ גאַנץ דערקוויקנדיקע ווירקונג אויף ברינס מיד־געוואָרענעם אַפּעטיט. עס האָט גיך אָפּגעקילט די דערהיצונג פון די געטרונקענע וויינען, עס האָט אָפּגעפרישט די פאַרדייאונג.
— איך האָב שוין — מאַכט ער, גרונטוועגנדיק דאָס געפרוירנס — אַזוי גוט ווי חרטה וואָס איך האָב פאַרשעמט דעם שיינעם פאַזאַן...
— דו זאָלסט באַלד געטרייסט זיין!
און זי האָט געהיימניספול געמאַכט אַ נייע באַשטעלונג.
דאָס איז געווען אַ גאָר שיינער קראַנץ פון אַלערליי קעזן, וואָס האָבן זיך צעפּעכערט אויף אַ פּלאַטשיקער וואָזע מיט איין נידעריקן פוס. דאָ זיינען געווען: קאַמעמבער און ברי, מיט זייער ווייסן שימל, ווי מיט אַ לייכטן פראָסט באַדעקט און געפּילט, מיט דער רייף־געוואָרענער רייכ־

קייט, ווי מיט העלפאַנט־צאָן־געלבן קרעם. דאָ איז געווען דער, ווי ווייסער בערנשטיין האַלב־דורכזיכטיקער פּיקאַנטער קאַנטאַל און דער געבלעזלטער פעטלעכער פּאָרט־סאַלי; דער צאַרטער פּטי־סוויס און דער נאַרהאַפּטיקער זשערווע; די מיט בלויע און גרינע אָדערן מאַרמאָרירטע בלעי־ד'אָווערן, ראָקפאָר און גאָגאָרענצאָלאַ, דער מיט קימל באַפּינטלטער „מאָסיע"־קעז, דער קרעפּטיקער ציגן־קעז און דער שטיין־האַרטער גרינלעכער פּאַרמעזאַן, וואָס איין שאָב פון אים געניגט צו באַטעמען אַ גאַנצן פּוטער־ברויט... לויט די וואַריאַציעס פון די צוגעטריקנטע קעז־קאָרקעס און ווייכע זייטן־שניטן אַליין, איז דאָס ווערט געווען אָפּצומאָלן אין אַ „שטיל־לעבן" קאָמפּאָזיציע און אויפהענגען אין שפּייז־צימער.

— אָ, — האָט זיך ברין אַ קאַפּעלע דערשראָקן, ווער קען עס דאָס אַלץ אין זיך אַריינגעמען?...

— גאָט באַהיט! — האָט אים סאָלאַנש באַרויִקט, — נאָר איין סאָרט אָדער צוויי וועסטו פאַרזוכן און אויף די איבעריקע וועסטו קוקן און באַדויערן וואָס דו ביסט שוין אַזוי זאַט... איך ראָט דיר אָט דעם קרעקערל — דיק באַשמירט מיט קרעם־קעז און פון אויבן — אַ פּענעץ גאָגאָרענצאָלאָ. דער געמישטער געשמאַק פון פעטער ווייכקייט און שאַרפקייט איז אויסגעצייכנט. דערנאָך וועסטו שוין אַליין באַקומען מוט צו פאַרזוכן פון אָט דעם פלאַכן, ווי מיט וויסן טוי באַצויגענעם, ברי. זע נאָר ווי ער וויינט מיט זייַנע קרעם־געלע טרערן! דאָס בענקט ער אַזוי נאָכן גומען פון אַ מבין. ער איז דער קיניג פון אַלע קעזן אין פראַנקרייך... נאָר לאָז מיך בעסער! איך זע דאָך. דו פאַרלירסט שוין ווידער דעם קאָפּ אין אַזאַ האַרעם פון גוטע זאַכן...

זי האָט דאָס אים אין איין מינוט סערווירט מיט אירע בריהשע הענט. און די באַלייגטע קרעקערס האָבן, אויסער די פיינע קעזן, באַקומען די וואַרעמע באַטעמטקייט פון אירע געטאָקטע פינגער.

— אַן אַנטיק!.. — האָט ער אויפגעריסן אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן נאָכן פאַרזוכן און פאַרטרינקען מיט רויט־וויין — ווער וואָלט דאָס געווען גלויבן? אַ כפרה אַלע דעסערטן אין — דער וועלט!..

און סאָלאַנש האָט זיך באַנוצט מיט זיין באַגייסטערונג און באַשטעלט:

— ספּומאַנטי מיט געמישטע פרוכטן! אַ פּאָר טראָפּן קיוראַסאָ ניט פאַרגעסן אין יעדן פרוכט־באָקאַל...

— די סנאָבן, — האָט זי לאַכנדיק דערקלערט ברינען איר לעצטע באַשטעלונג, — אַלע זיי האַלטן פאַר זייער הייליקן חוב צו טרינקען שאַמפּאַניער גלייך נאָך אַ רייכן מאָלצייט. און ניט איין גלאָז, נאָר אַ גאַנצע פלאַש. אַנדערש, מיינען זיי, זיינען זיי ניט יוצא פאַרן גוטן־געשמאַק און

www.libtool.com.cn

פאַרן עטיקעט פון געניסער... אָבער שאַמפּאַניער, נאָך דריי סאָרטן וויין, וואָס מיר האָבן דאָ געטרונקען, פאַרלירט זיין אָריגינאַליטעט, דערגרייכט ניט זיין ציל פון פריילעכער באַלעבונג. שאַמפּאַניער איז גוט צו טרינקען מיט אַ שעה אָדער צוויי שפּעטער. בעסער ווי אַלץ — בשעת כאַפּן אַ לייכטן טאַנץ אין אַ פאַרוויילונגס־לאָקאַל... דו טאַנצסט ?

— אַ וואַלצער האָב איך נאָך ניט פאַרגעסן. נאָר ער שטרענגט מיך אָן ... אַ סך אָנגענעמער, נאָך אַזאַ עסן, איז אַ רואיקער באָסטאָן, אַ מעלאָדישער טאַנגאָ...

— אָ, אָ ! דו הויבסט אָן קומען צום שכל, הויבסט אָן ציען קאָנ־סעקווענצן, צופּאַסן זיך... דאָס איז אַ גוטער סימן ! וועלן מיר זיך טאַקע אַריינכאַפּן ערגעץ־וואו אין אַ טאַנץ־לאָקאַל. איידער מיר גייען אַרויף צו מיר...

— ווידער צו דיר ? און איך האָב געמיינט איבערבייטן. אַמאָל עפּעס אַנדערש... צו מיר אין אַטעליע, האָב איך געמיינט.

— ניין. דאָרטן שוועבט מיר נאָך צופיל אַרום די פאַרגאַנגענ־הייט. מיינע, אַזוי ווי דיינע... זי וועט מיר שטערן. איך וועל זיך ניט פילן פריי...

— איך פאַרשטיי. דו ביסט גערעכט.

דער ברויזנדיקער איטאַליענישער ספּומאַנטי, אין גרויסן פרוכט־באָקאַל, האָט געהאַט אַ קרעפטיקן טעם פון ראַזינקעס־וויין, ענלעך צו דעם וואָס ברין האָט אַמאָל פּסח־צייט געטרונקען ביים טאַטן אינדערהיים. צוזאַמען, מיט די אָנגעבראָקטע שטיקלעך אַנאַנאַס, באַנאַן, קאַנאַדער עפּל און ווינטער־יאַגדעס, האָט דאָס געשאַפן אַ שאַפונג, וואָס טרעפט אַריבער מיט זיין רייכן טעם און, גלייכצייטיק, מיט זיין לייכטקייט אַלע קאָמפּאָטן אין דער וועלט.

— סאָלאָנש, ביסט אַ צויבערין ! — האָט זי ברין געלויבט, — אָן דיר וואָלט איך זיך דאָ פאַרלוירן. איך וואָלט שווער געוואָרן ווי אַ ווערג־שלאַנג. איך וואָלט זיך איבערגעהיצט. דיין קונץ באַשטייט אין דעם : צו דערהיצן און אָפּקילן. מיד־מאַכן און באַלד דערפרישן. איך פיל מיך אַזוי לייכט...

— ביסט אַ גוטער שילער. האָסט געכאַפּט די טעכניק... צום אָנ־הויב פון מאָלצייט האָב איך מורא געהאַט, אַז דו וועסט ניט עסן, נאָר פילאָזאָפירן, אַז דו וועסט האַלטן אין איין דערציילן פון דיינע מאָלעריי־פּלענער און ניט זען די מאָלערייען אין טעלער... אַ גליקלעכער טעות געווען. איך הויב אָן גלויבן, אַז אָן אמתער טאַלאַנט, צו וואָס ער זאָל זיך

www.libtool.com.cn

ניט נעמען — קומט ביי אים אַרויס טאַלאַנטפול. נו, און אַצינד טרינקען מיר קאַווע. ביים קאַווע קענסטו ריידן און פילאָזאָפירן וויפל דיין האַרץ געלוסט! און לאָמיך זען, צי קענסטו צוזאַמענשטעלן אַ געמיטלעכן גע־שפּרעך, אַזוי ווי איך — אַ מאָלצייט.

www.libtool.com.cn

דער טיש איז אַ לעצטן מאָל אָפּגעראַמט געוואָרן און אויפן ווייך־אָפּ־געבערשטלטן טישטעך האָט אויפגעגלאַנצט אַ פולע זילבערנע קאַן מיט קאַווע. צוויי דינע טאַסן און אַ טונקעלע פלאַש מיט ליקער. אויפן עטיקעט האָט ברין איבערגעלייענט: „קאָרדיאַל מעדאָק".

— און ניט קאָניאַק? — האָט ער זיך געוואונדערט — ניט בע־נעדיקטין?

אויף זיין פראַגע האָט ער גלייך באַקומען אַ פאַכמענישן ענטפער:

— קאָניאַק איז אַ ביסל וואָכעדיק... דאָ, אין פראַנקרייך, ווייִ־ניקסטנס. און צו שאַרף אויך. בענעדיקטין, שאַרטרעז, קוואַנטין און ענלעכע ליקערן, שטאַמען, מייסטנס, פון די אַלטע פראַנצויזישע קלוי־סטערס און גיבן זיך אָפּ מיט לאַווענדעל פון מאָנאַשקעס און מיט גלחישע רויכערייען בשעת פייערלעכע ליטורגיעס, אָדער באַגרעבענישן... זינט איך האָב באַגלייט צו דער אייביקער רו די פאַרברענטע ביינער פון מיינע עלטערן, נאָך דער וואולקאַן־קאַטאַסטראָפע אין מאַרטיניק, האָט זיך מיר אַט דער ריח פון די גלחישע רויכער־פאַנען איינגעגעסן אין זכרון און איך קען אים ניט אויסשטיין... נאָר זאָרג זיך ניט! דו זאָלסט באַלד געטרייסט ווערן. דער מעדאָק איז, לויט מיין מיינונג, דער פרינץ צווישן אַלע פראַנצויזישע ליקערן. עס איז אַ גליקלעכער צוזאַמענזעצונג פון גע־שמאַקן. אַ שטיק דערפינדונג.

אין די הויכע און בייכיקע קעלישקעס האָט זיך דער מעדאָק גע־גאָסן ווי אַ ברויך־רויטער סיראָפּ און פאַרשמעקט דעם טיש. צוזאַמען מיט דעם הייסן מאָקקאַ — אַ זופּ פון דעם און אַ פאַרזוך פון יענעם — האָט דאָס געשאַפן אַ ניט־איבערגעטראָפענע דערקוויקנדיקע נאַשעריי, וואָס לאָזט זיך ניט נאָכמאַכן, צו וועלכע אַלע שאָקאָלאַדן־מאַכער און פילונג־דערפינדער האָבן זיך נאָך ניט דערקלערט. אַן עסענץ פון צימרינג, מוס־קאַט־נוס, ביטערע מאַנדלען מיטן פעטלעכן טעם פון די בעסטע מאַלאַגאַ־ראָזינקעס.

— אַ דאַנק!.. — האָט ברין שטיל אַרויסגעשעפּטשעט מיט פאַר־מאַכטע אויגן.

אַ גוטע מינוט איז ער אַזוי געזעסן, ווי אַ פאַרגליווערטער, און מער קיין וואָרט ניט גערעדט.

זיבעטער קאַפּיטל

www.libtool.com.cn

אין ווײַכער

1.

פון דער פּראַקטיק האָט מעטר סינגאַ געוואוסט, אַז בשעתן קאָווע־טרינקען, נאָך אַ רײַכן מאָלצײַט, הויבט זיך אָן, ביי זײַערע בעסערע געסט, די גוטע פּאַרדײַאונג. די צינגער ווערן סענטימענטאַל, די הענט — נײַגעריק, די אויגן — זיס. און ס׳איז גלײַכער צו איבערלאָזן זיי אַליין. האָט ער אויך ד אָ ס מאָל אַזוי געטאָן: ער אַליין איז פאַרשוואונדן געוואָרן, און זײַן געהילף, אין ליוסטרינענעם רעקל, האָט ער געגעבן אַ צײַכן ער זאָל זיך דאָ אויך ניט צופיל אַרומדרייען. אַז מען וועט דאַרפן, וועט מען אים רופן...

איז דאָס שײַנע פּאָרל געבליבן אַליין אין דעם מאַט־באַלויכטענעם ווינקל, צווישן דיקן זייל און באַבלומטער וואַנט. יעדער איינער האָט טראָפּנווייז געצויגן פון זײַן ליקער־קעלישאָק און פאַרטרונקען מיט הייסן קאַווע, ווי אין האַלבן דרימל, מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן און מיט אַ שמייכעלע פון זעט אויף די האַלב־אָפענע ליפּן. ביז דער הייס־בלוטיקער סאָלאָנש האָט דאָס דערעסן, און זי האָט ברינען אויפגעוועקט מיט אַ קוש אויף די ליפּן:

— ביסט ניט אײַנגעשלאָפן, דו?

— אָ, ניין! אָ, ניין!.. — האָט ברין פריילעך אויפגעריסן ביידע אויגן.

— ביסט צופרידן? זאָג, אַז דו ביסט צופרידן! אַז דו ביסט גליקלעך.

ער האָט איר אַ גלעט־געגעבן איבער איר זיידיקער באַק מיט דער חן־גריבעלע — אַ צערטלעכקייט, וואָס סאָלאַנש האָט זייער ליב געהאַט, און אונטערגעשמייכעלט איר פּנים, ווי אונטער אַ וואַרעמען רעגן: —

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, געליבטע? דער קאָנצערט פון געשמאַקן, וואָס דו האָסט מיר דאָ געגעבן מיט דער הילף פון דײַן שוואַרץ־חנעוודיקן סאַרווער, איז געווען אַ וואונדערבאַרער. אָבער עפּעס דריקט מיך... ניט אַזוי אין מאָגן, ווי אין זעל. דאָס קומט, דאַכט מיר, אַלע־מאָל, ווען דאָס מיטל ווערט אַ ציל.

— גריבלער איינער! — האָט זי אים פאַרגעוואָרפן, — איך ווייס שוין וואָס דו ווילסט זאָגן... וועגן ליבע האָסטו מיר שוין איינמאָל

געזאָגט, אַז ווען דאָס מיטל פון האָבן קינדער ווערט אַ ציל — פאַרפירט דאָס צו זנות. נו, און אַזאַ מאָלצייט פאַרפירט צו וואָס ?

— צו לאַנגווייליקער נאַשעריי... אָבער ס׳איז אַן אַלט־באַקאַנטע זאַך, אַז אַלע פאַרקויפערינס אין שאָקאָלאַד־געשעפטן קאָנען קיין זי־סיקייטן ניט אָנקוקן.

— ווייל זיי האָבן זיך איבערגעגעסן. אַ מענטש דאַרף, אָבער, אַלץ פאַרזוכן, און ניט ווי אַ שאָקאָלאַד־מיידל, נאָר מיט אַ סך פאַרשטאַנד. ווייניקסטנס צוליב דעם, כדי צו וויסן דערנאָך וואָס אויסצואויילן. נאָר פון אויסוואַל איז אַנטשטאַנען דאָס בעסטע אויף דער וועלט...

— אויך דאָס איז אמת. אָבער דו האָסט דאָך גערעדט פון צופרידנקייט און פון גליק... איך האָב אַפילו קיין פאַרדאַכט ניט, אַז דו פאַרגלייכסט צופרידנקייט מיט גליק.

— געמיינט האָב איך נאָר דאָס גליק פון אויפנעמען אין זיך די דערשיינונגען פון דער וועלט. דאָ, ביים טיש — פון אויפנעמען זי אין געשמאַקן...

— אויב נאָר דאָס איז געווען דיין מיין, האָסטו אויך דעם ציל ניט אינגאַנצן דערגרייכט. אַ סך טיפער און איינפאַכער האָב איך די וועלט אויפגענומען, אין פאָרם פון געשמאַקן, ווי דו זאָגסט, ווען איך בין נאָך געווען אַ שילער אין דער מאָלער־אַקאַדעמיע. אַ קעסטעלע מיט פאַרבן און פינזלען האָב איך דעמאָלט אויפגעהאַנגען אויף אַ רימען, קרום איבער דער ברוסט, ווי טוריסטן — אַ גרויסע שפּאַקטיווע... צוויי פרישע העמדער און אַ פּאָר זאָקן אין רוקזאַק אויפן רוקן; עטלעכע קאַרטאָנען אונטער דער פאַכווע... מיט אָט די עטלעכע פונט באַגאַזש האָב איך, וואַקאַציע־צייט, דורכגעוואַנדערט גאַנץ פראַנקרייך. איינמאָל — נאָרד־פראַנקרייך; אַ צווייטן מאָל — די צענטראַלע מאַסיוון; אַ דריטן מאָל — איר זידלעכן טייל, ביז דעם איטאַליענישן גרעניץ. אַמליבסטן איז מיר געווען דער זידלעכער טייל, צוליבן ווייכן קלימאַט און קאָלאָריטן פון נאַטור און מענטשן. אַ דערהויבענער קבצן בין איך דעמאָלט געווען, וואָס אַ פּאָר הונדערט פראַנק פאַרמעגן איז זיין גאַנצער פאַרמעגן און קיין זאַך איז אים ניט צו־טייער... איבער טאָלן און בערג געוואַנדערט, טייכן אַריבערגעפאָרן מיט אַ פּאַראָם. אין די פּויערשע שענקען געמיטאָגט. אין יעדן דאָרף געמאָלן און איינגעליבט זיך אויף אַ ווײַלע... וואו גענעכטיקט — דאַרטן ניט געטאָגט. די אינטערעסאַנטסטע צייט אין זיד־פראַנקרייך זיינען געווען די האַרבסט־מאָנאַטן, ווען שפּינוועבבס שווימט אַרום אין דער לופט, מען האַרבצט די ווייַנגערטנער און די פּייגן גיסן זיך אָן מיט האָניק. דעמאָלט פּעלן־אויס הענט אומעטום. פלעג איך

www.libtool.com.cn

אין דאַרף אַנבאַטן מיין הילף, און מען האָט דאָס אַנגענומען מיט דאַנק,
מיט גוטמוט און מיט גוטע עסנס. געאַרבעט האָב איך, אין אַזעלכע טעג,
אין אַ פּאַרוסיִנענעם אַנצוג, פּאַר צען פראַנק — אַן אַנטועכץ, וואָס
באַשטייט פון אַ רעקל מיט אַ פּאָר הויזן, מיט אַ גרויסן שטרויענעם הוט
פון אַ קאָווּבאָי, אַלס אַ צוגאָב. געאַרבעט — ביזקל זיבעטן שוויס;
פאַרשוואַרצט געוואָרן פון דער זון און געבאָדן זיך אין די אייז־קאַלטע
בערג־טייכלעך און קיינמאָל ניט פאַרקילט זיך, אַזוי ווי אין שטאָט.
דאָס עסן נאָך אַזאַ פּראַצע און נאָך אַזאַ אויסבאָדן זיך האָט געהאַט
אַ גאַנץ באַזונדער טעם. אַפילו דאָס ביסל זאַלץ אויפן ברויט, דאָס
קעפּל פון דער גרינער ציבעלע, די קאַרטאָפל־זופּ מיט לויק. שוין אָפּגע־
רעדט פון די בערג־פּאַרעלן, געקאָכט אין ווייסן וויין, פון די געפּילטע
קוראָפּאַטקעס, וואָס מען האַנדלט־איין פּאַר אַ פּאָר פראַנקן ביי די
בערג־יעגערס; שוין אָפּגערעדט פון די שטיקער געציערטן קעז, וואָס מען
שניידט מיטן מעסער פון גאַנצן לאַבן. פון די ענגלעך שוואַרצע וויינ־
טרויבן, מיט וועלכע מען פאַרבייסט גלייך פון ווייַנשטאָק, מיט די לאַנגלע־
כע האָניקדיקע פייגן, וואָס מ׳פּליקט גלייך פון נידעריקן פייגן־בוים און
מען איז דערמיט מכבד — פריער דעם אַנגעהאָרעוועטן אייזל, וואָס
שטייט דאָ צוגעבונדן לעבן דיר, און דערנאָך ערשט — זיך אַליין...
ווען דו וואָלטסט געוואוסט, סאָלאַנש, וואָס פאַר אַ לאַנג־אויערנדיקע
גאַסטראָנאָמען אָט די פראַנצויזישע אייזעלעך זיינען!.. ווי זיי פאַר־
שטייען זיך אויף געקימלטן ברויט מיט פרישע פייגן... לאַך ניט!
די חכמה פון פאַסמאַקעווען אַזאַ עסן נאָך אַ שווערער אַרבעט אין פעלד,
האָב איך געלערנט ביי זיי. אָט די לאַנגזאַמקייט זייערע, די דאַנקבאַר־
קייט אין די פאַרשוואומענע אויגן צו גאָט און צו לייטן. דאָס איינציקע
וואָס איך האָב נ י ט געקאָנט נאָכטאָן, איז פאַכען מיט די אויערן פון
טיפער הנאה...

— פאַרליר ניט האָפענונג, מיין ליבער! זיי וועלן נאָך ביי דיר
אויך אויסוואַקסן.

— חכמע מיינע! — האָט זי ברין אַרומגענומען און פאַרחתמעט
אירע לאַכנדיקע ליפּן מיט זיינע, — מאַך ניט חוזק פון דער טרייער
אייזל־ראַסע! ס׳איז נאָר אַ זידל־וואָרט אַזאַ, און ווייט ניט באַרעכטיקט.
אַ שאַבלאָן, וואָס האָט קיין שום גרונט ניט. אַן אייזל איז אַ קלוגע פיר־
פיסיקע חיה. האָט כאַראַקטער. איז שטאָלץ און אַרבעטזאַם. און מיט
גוטן קומט מען מיט איר אויס אַ סך בעסער ווי מיט דער בייטש. די
בייטש ברענגט אָפּטמאָל דעם קליינעם אייזל די עקשנות, וואָס די שטאַרק־
סטע נאַטורן וואָלטן דאָס געמעגט מקנא־זיין...

www.libtool.com.cn

— נו, און וואָס ווייטער ?..

— נאָך די פייגן מיט ברויט ? זיי האָב איך שוין לאַנג פאַרדייט, נאָר ניט פאַרגעסן ביז צום היינטיקן טאָג. אַפילו אָט די אַלע וואונדער פון דיין „ים־שטערן" האָבן דאָס איצט ניט פאַרווישט... היינט דאָס אויפשטיין, נאָך אַזאַ טאָג אַרבעט און נאָך אַזאַ פויערישן אָוונט־ברויט, צו מאָרגן אין דערפרי. דאָס אויסטשוכען זיך, דאָס אַראָפּשפּרינגען פון גרויסן ווייכן בעט, ערגעץ־וואו אין אַ דאַך־קאַמער, אין אַ בערג־דאָרף... אין אַזאַ דאַך־קאַמער, פאַר וועלכער מען צאָלט אַ פראַנק אָדער צוויי, האָט אַלעמאָל געשמעקט מיט געטריקנטע פעלד־בלומען און שוואָמען. און דאָס פאַרלאָזענע בעט איז געווען ברייט און הויך און ווייס. צוויי־דריי וואָליקע מאַטראַצן איינער איבערן אַנדערן. אין קיין לאַנד אין דער וועלט שלאָפט מען ניט אַזוי גוט, ווי אין פראַנקרייך, און נאָך בעסער — אין די אַלט־פרענקישע בעטן, וועלכע זיינען נאָך איבערגעבליבן אין די פאַרוואָרפנסטע געגנטן פון דער פראָווינץ... און יונג איז מען נאָך אין יענער צייט געווען, בשעת אַזאַ אויפכאַפּן זיך אין דער פרעמד, און גליקלעך איז מען געווען און מוטיק און פריש. און נאָך פרישער האָט מען זיך דערפילט נאָך דער גרויסער שיסל קאַווע, וואָס דאָס פויעריש שיקסל פלעגט דיר אַרויפטראָגן אין דאַך־קאַמער, מיט אַ מעליק שטיק ברויט און מיט אַ גרויסן כמאַל פוטער. טרינקענדיק, האָט מען אַרויס־געקוקט פון קליינעם פענצטערל — אַ פּאַנאָראַמע ווי פון אַ צויבער־לאַמטערן!.. די ווייטע בערג שמעלצן זיך אין בלויען נעפּל, די נאָענטע — גרינער, און קאַלך־ווייסע און זאַמד־געלע וועגן שלענגלען זיך אַוועק אין זייער גרינס. אַ צווייג פון אַ קאַשטאַנען־בוים שאָקלט־זיך איבער דיין פענצטערל, ווי אַ קאָריאַווער אָרעם מיט אַ בלעטערדיקער לאַפּע. שאָקלט און בענטשט דיך... בשעתן אָנבינדן דעם רוק־זאַק, נאָך אַזאַ פרישטיק, האָב איך זיך ניט איינמאָל אייזגעבויגן איבערן בעט פון מיין קאַמער, וואָס איך גיי פאַרלאָזן, און געקושט דעם קאָפּ־קישן, אַזוי ווי מען קושט אַ געליבטע, ווען מען גייט אַוועק צו דער אַרבעט, און זי בלייבט נאָך ליגן אַ צעוואַרעמטע, אַ שלעפערדיקע, אַ שמייכלענדיקע... איך בין ניט קיין גלויביקער, אָבער אין אַזאַ פריי־מאָרגן בין איך אָפּטמאָל געוואָרן רעליגיעז. ער, דער געהיימניספולער און גרויסער, זעט מיך ניט, אַזוי ווי איך דערזע ניט אַ מורעשקע, ווען איך גיי מיט מיין רוק־זאַק און מיט מיינע פאַרבן אין קעסטעלע, איבער פעלדער און דערפער... אָבער אין אַזאַ פרימאָרגן האָט ער מיך געוויס דערזען אין מיין דאַך־קאַמערל אַ גליקלעכן, באַגייסטערטן. און איך האָב אים, אָן ווערטער, געדאַנקט פאַר דער יוגנט וואָס ער האָט מיר

www.libtool.com.cn

געשענקט, פאַר דעם געזונט וואָס ער האָט מיר געגעבן, פאַרן טאַלאַנט מיט וועלכן ער האָט מיך געבענטשט, פאַר אַ וועלט פון פאַרבן וואָס ער האָט מיר אַנטפּלעקט דאָרטן, וואו די זון גייט איצט אויף, צווישן בערג און וואָלקנדלעך. און געדאַנקט האָב איך אים דערפאַר, וואָס ער האָט מיך באַשאַפן מיט אויגן און אויערן, מיט אַ גומען צו געניסן דעם לייכטן פרישטיק, און פיינפיליקע פינגער און שטאַרקע פיס צו אָנטאָן אַזוי פלינק מיין לייכטן רוק־זאַק און גיין אין מיין וועג אַריין. אַ דאַנק פאַר דעם, וואָס מיין האַרץ קלאַפּט אַזוי מוטיק, וואָס אַזאַ מחיהדיק ווינטל בלאָזט דורך דאָס פויעריש פענצטערל און בלעטערט דעם קאַשטאַנענבוים מיר אַקעגן. „און ווען דיין ווילן״... — אַזוי האָב איך פאַרענדיקט מיין שטומע תפילה — „ווען דיין ווילן וועט קומען און רופן מיך אַהין, פון וואַנען איך שטאַם, צוריק צו דיין גרויסער לאַבאָראַטאָריע, וואָס אויף דער מענטשישער שרעקעוודיקער שפּראַכלעך הייסט זי „טויט״, דאָרט וואו אַלץ און אַלע צעפאַלן זיך ווידער אויף זייערע גרונט־עלעמענטן, בעט איך דיך נאָר: פאַרברויך מיך וואָס בעסער און וואָס צוועקמעסיקער, אין דיין טיגעל, פאַר נאָך העכערע און דאַנקבאַרערע באַשעפענישן, ווי איך שטיי דאָ איצט אין דיין ראָזעווען פרימאָרגן. ווייל צו דיינע שעפערישע מעגלעכקייטן איז קיין גרענעץ ניטאָ!..״

— דויד, — האָט סאָלאַנש אַרומגענומען ברינס האַלדז און אירע גרינע אויגן זיינען פאַרלאָפן מיט טרערן, — ווען דו רעדסט אַזוי און מיט אַזאַ טאָן, פיל איך, ווי העכער דו שטייסט פאַר מיר. איך קוק צו דיר אַרויף און מיר דוכט זיך, אַז דו פליסט און איך שלעפּ דיך צוריק אויף דער ערד. דאָס איז ניט גוט... עס וואָלט אפשר בעסער געווען, דו זאָלסט איבערשניידן דעם שטריק, וואָס פאַרבינדט אונדז, אַרויסוואַרפן דעם איבעריקן באַלאַסט, ווי פון אַ לופט־באַלאָן...

— וויין ניט, — האָט איר ברין גענומען ווישן די אויגן מיט אַ מינע פון אַן עלטערן, וואָס באַרואיקט אַ פּיצל קינד, — און אַז דו רעדסט אַזוי, דוכט מיר, אַז דעם סקולפּטאָרס גייסט רעדט פון דיר אַרויס... זיי ניט צו־פרום! אַפילו אַזאַ פרומער ווי איך וויל אין טיפן האַרצן מען זאָל אים „פאַרפירן״... עס איז אָפּטמאָל גוט צו פאַרבלאָנדזשען זיך אומיסטנע אין טיפן וואַלד, כדי דערנאָך, מיט מי און נויט, אָפּזוכן דעם פאַרלוירענעם וועג... זיי דו מיין וואַלד, ליבע סאָלאַנש!

— אָבער צוליב וואָס? צוליב וואָס ווילט זיך דיר בלאָנדזשען?

— צוליב קאָנטראַסטן. צוליבן קאָנפליקט מיט זיך אַליין. ווען קיין נאַכט וואָלט ניט עקזיסטירט, וואָלט מען זי געדאַרפט צוקלערן,

פֿאַרברענגען אַ האַלבן לעבן אין קעלערן. אַנדערש וואָלט מען ניט געוואוסט, אַז ס'איז דאָ טאָג אויף דער וועלט...

www.libtool.com.cn

— ליבלינג, טונקל בין איך? יאָ? און מיינע אויגן לויכטן? דיין אויסגעשטערנטע נאַכט וויל איך זיין...

— מיין גרינע נאַכט... אויפֿן בילד, אַזוי ווי אין לעבן... אָ!

.2

ברינס געזיכט האָט זיך אינמיטן דרינען פֿאַרקרימט און ער האָט סאָלאַנשס שוואַרצן קאָפּ אַרויסגעלאָזן פֿון זיינע אָרעמס. איצט האָט זי זיך אַ כאַפּ־געגעבן און דערזען, אַז מעטר סינגאָ, וואָס האָט זיי מיט אַ שעה צוריק אַזוי שיין באַגעגנט, טוט איצט דאָס זעלבע פֿאַר אַן אַנדער פּאָרל, מיט דער זעלבער פּראָפֿעסיאָנעלער העפֿלעכקייט און מיט דער זעלבער לאַקייאישער פֿייערלעכקייט: ער גייט פֿאָרויס אַ דאַמע מיט איר קאַוואַליער, און פֿאָכעט מיט זיין ווייסער סערוויעטע רעכטס און לינקס, ראַמט פֿאַר זיי אָפּ דעם וועג, אַזוי צו זאָגן, צעטרייבט דעם סיגאַרעטן־רויך, וואָס אַנדערע געסט האָבן דאָ אָנגערייכערט... דאָס נייאָנגעקומענע פּאָרל באַשטייט פֿון אַ מענטשל מיט אַ לאַנגלעכער נאָז און מיט אַן אָפּגעלעבטן פּנים. אָנגעטאָן איז ער אין עלעגאַנטע לאַקשיכלעך, אין געפּאַסעקטע הייזלעך, אין אַ שוואַרצן וויזיט־רעקל מיט טאַשמעס. און אַ קינסטלער־שניפּס, אויסגעפֿלאָכטן ווי אַ פֿלעדערמויז, שוואַרצלט זיך אונטער זיין בלוי־אויסגעראַזירט מאָרדעלע און באַוועגט מיט ווייס־געפּינטלטע זיידענע פֿליגלען. די דאַמע, וואָס קומט־אָן מיט אים צוזאַמען איז אַ דיקלעכע, אַ סך העכער און גרעסער ווי איר קאַוואַליער. איר זיידן קלייד איז צו פֿאַלטיק, און זיין גאָלד־געלער גלאַנץ פּאַסט ניט איבעריק צו דער צו־גרויסער און צו־אָנגעקרויזלטער פּריזור. אין דער בלאָנדקייט פֿון דער דאָזיקער פּריזור גלייבט זיך עפּעס ניט, אַזוי ווי אין די יוגנטלעך־אָנגעפּודערטע און צוגעפֿאַרבטע באַקן. זי שיינט צו זיין איינע פֿון יענע דאַמען, ביים סוף פֿון זייערע פֿערציקער יאָרן, וואָס איילן זיך אַ ביסל צו־אויסליידיקן זייער טעלער, איידער דער שטרענגער קעלנער וועט אָנקומען און ניט־פֿרעגנדיק קיין שום דערלויבעניש, אַוועקנעמען... פּשוט גערעדט: אַריינצוכאַפּן די לעצטע שפּורן יוגנט איידער זיי פֿאַרשווינדן. אויפֿן בולוואַר מאָנפּאַרנאַס פֿאַרשטעלן זיך אָפֿטמאָל אַזעלכע דאַמען פֿאַר מאָלערינס, וואָס דינען דער „קונסט צוליב קונסט"... אין דער אמתן שמירן זיי און פּאַטשקען, נאָר כדי אויפֿגענומען צו ווערן אין דער באָהעמיע אַלס אַן אייגענער

www.libtool.com.cn

מענטש, כדי צו קאָנען זיך דערלויבן דאָס, וואָס פרייע טאַלאַנטן דערלויבן זיך. דאָס הייסט: פירן אַן אומנאָרמאַלן און טומלדיקן לעבן, ווי די ביטערע יונגען פון דער באָהעמיע פירן; און כדי צו האָבן ביי זיך שטענדיק גרייט אַ מין אַליבי, אַ יאַגד־דערלויבעניש, פאַר יענער שפּיז־בירגערלעכער געזעלשאַפט, פון וואַנען אַזעלכע דאַמען קומען אַראָפּ און וואוהין זיי קערן זיך אָפּטמאָל אום, כדי אָפּצוכאַפּן, מיט דער פּעטער ברוסט, דעם קורצן אָטעם...

דאָס אָנגעקומענע פּאָרל האָט נאָך געזוכט אַ פּאַסיקן טישל, אָבער ברין האָט שוין מער ניט געקאָנט איינזיצן.

— קום, — מאַכט ער צו סאָלאַנשן, — מיר גייען! מיר מוזן גיין!..

— פאַרוואָס מוזן מיר?

— ס'איז ער!.. — האָט ער איר שטיל אַ שעפּטשע געטאָן אויפן טונקעלן אויער, — ווי געפעלט דיר מיין ווייבס געשמאַק?..

— אַך, יאָ!.. — האָט זיך סאָלאַנש געכאַפּט, — דאָס איז דאָך מאָסיע האַרקאָווע. ניט איינמאָל געזען אים ביי פראַנסואַ לופען אין געשעפט. אָבער די דאַמע? זי איז דאָך אַן אַנדערע...

— אַן אַנדערע... אַן אָפּגעפּאָרענע לייביכע פון קינסטלער־בולוואַר. דאָס טרייסט זי אים איצט. לייגט אים צו קאָמפּרעסן צום געפּאַטשטן פּנימל. קוק נאָר אָן ווי ער טראָגט זיין רעכטע באַק! דיין סקולפּטאָר איז גערעכט. ווי מיט אַ ריטערלעכער אויסצייכענונג טראָגט זיך האַרקאָווע אַרום מיט זיין געפּאַטשטער באַק...

— דאַל האָט דיר אַזוי געזאָגט? טאַקע ער?..

— ער... — האָט ברין טרוקן באַשטעטיקט און אָפּגעקערט דאָס געזיכט.

— נו, נו, נו! — האָט אים סאָלאַנש איבערגעבעטן.

דאָס אָנגעקומענע פּאָרל האָט דערווייל אָפּגעזוכט אַ טישל און זיך ווי אויף צו־להכעיס אַוועקגעזעצט, אין דעם אַנטקעגנדיקן פרייען ווינקל. איצט האָט האַרקאַווקע אויפגעהויבן זיינע מאַט־שוואַרצע אויגן, אָן אַ גלאַנץ, און האָט זיך אויך פאַרקרימט... אָבער זיין פאַרקרימעניש איז אַרויסגעקומען אַ סך זויערער ווי ביי ברינען. די לאַנגע קנייטשן פון ביידע זייטן נאָז זיינען טיף געוואָרן און די אונטערשטע ליפּ איז אַרויסגעקראָכן, ווי נאָך איינגעמען ריצנאייל. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט, באַמיט זיך צו מאַכן אַ מינע פון פאַראַכטונג און עפּעס אַ שעפּטשע־געגעבן אויף דער אָנגעדראָלענער פריזור פון זיין דאַמע אין געלן קלייד. יענע האָט גלייך צוזאַמענגעפּרעסט אירע אָנגעפּאַרבטע ליפּן, ווי

www.libtool.com.cn

אַ האַרבע ריכטערין, און אויסגעקוילערט צוויי בלויע אויגן אויף דעם פּאַרל פון אַקעגן־איבער, פון ברינען איבערגעוואָרפן דעם האַרטן קוק אויף סאָלאַנשן און צוריק.

— מאָסיע סינגאָ ! — האָט ברין אַנטשלאָסן אַ רוף־געגעבן דעם אויבער־קעלנער, — די רעכענונג !

דערמיט האָט ער דעמאָנסטרירט זיין אַוועקגיין, און, אגב, געגעבן אַ צייכן די שכנים פון אַקעגן־איבער, אַז ז י י קאָנען דאָ רואיק בלייבן זיצן אויף זייער אויסגעזוכטן פּלאַץ, באַשטעלן זייער מאָלצייט און בכלל אויפפירן זיך ווי ביי זיך אין דערהיים...

אָבער ביז דער אויבער־קעלנער האָט געבראַכט די רעכענונג און ביז ער איז אַוועקגעלאָפן אין קאַסע, מיט ברינס אַסיגנאַציע, צו באַצאָלן, איז די שטומע שפּאַנונג, צווישן דיביידע פיינדלעכע טישלעך, געוואַקסן. די לייביכע פון מאַנפּאַרנאַס אין איר געשמאַקלאָזן קלייד, דאָס הייסט: האַרקאָווקעס דאַמע, האָט זיך, ווייזט אויס, אונטערגענומען צו ליפערן אַ דועל אַן ווערטער און אָפּרעכענען זיך, פון דערווייטנס, פאַר איר געלי־טענעם קאַוואַליער מיטן פלעדערמויז־שניפּס. וואָרעם זי האָט אירע פרעכע, אויסגעקוילערטע אויגן ניט אַראָפּגענומען פון ברינען און פון זיין דאַמע; אויפגעפּאָדערט זיי, שטומערהייט, זיי זאָלן זען רעאַגירן אויף איר אַרויס־פאָדערונג. אַז ניט... אַז ניט, קאָן זי קיין שום גאַראַנטיע ניט געבן. יאָ, דאָס קאָן זי ניט.

סאָלאַנש האָט דאָס דערפילט, און אירע גרין־לויכטנדיקע אויגן זיינען גלייך געוואָרן האַרט און פאַרגליווערט, ווי ביי אַ ים־חיה. מיט די דאָזיקע צוויי שטאַרע קוקערס האָט זי זיך איינגעגעסן אין דער דיקער דאַמע, דורכגענומען זי אַזוי, אַז יענע איז רויט געוואָרן, אָנגעהויבן פינטלען מיט די צוגעפּאַרבטע ווייעס און פלוצלונג אינגאַנצן אַראָפּ־געלאָזן דעם האַרט־אָנגעקרויזלטן קאָפּ מיט דער שרייענדיקער בלאָנד־קייט. סאָלאַנש האָט גוט געקענט די קראַפט פון אירע העלע אויגן, וואָס שיינען אַרויס פון איר טונקעלן געזיכט, און האָט דאָס אויסגענוצט, ווי אַ געניטע שיסערין, און אין דעם ריכטיקן מאָמענט.

און דאַן האָט שוין מעטר סינגאָ צוגעטראָגן דאָס אויסגאָב, באַ־קומען אַ גוטן טרינקגעלט. זיין געהילף, אין פאַרטעך, האָט געבראַכט די מאַנטלען און געהאָלפן די אויפגעשטאַנענע געסט, אויף וויפיל די יונגע כוחות טראָגן, אַריינצוקריכן אין די אַרבל.

מיט דריבנע טריטעלעך האָט זיך סאָלאַנש אַוועקגעלאָזן צום אַרויס־גאַנג, דעם קאָפּ מיט דעם פּוטערנעם היטעלע שטאָלץ פאַרוואָרפן. און נאָך איר, מיט אַן איבערגעטריבן־רואיקער מינע — דער קאַוואַליער

אירער. ברין האָט זיך אויף זײַנע שונאים ניט אומגעקוקט, און מיט אַלע כוחות אײַנגעהאַלטן זיך ניט אויסצושיסן אַ געלעכטער. אַזוי קאָמיש און אַזוי טאַלאַנטפול האָט סאָלאַנש געשפּילט איר ראָל פון אַ באַליידיק־טער פּראָווינצלערין.

www.libtool.com.cn

אָבער ווען זיי האָבן זיך שוין געהאַט אַרויסגעכאַפּט אויף דער גאַס, האָבן זיי ביידע טיף אָפּגעאָטעמט, ווי נאָך אַ שווערער אָנשטרענגונג.

— פו! — האָט ברין אַרויסגעשטויסן פון זיך אַ פולע ברוסט מיט הייסער פּאַרע אין דער קילער לופט אַרײַן, — ווען איך וואָלט היינטיקן גוטן מיטאָק פאַרביסן מיט מאַרסעליער זייף, וואָלט איך זיך ניט בעסער געפילט...

— וואָס אַרט דאָס דיך, מײַן ליבער! דער שטאַרקערער ביסטו דאָך געווען. נעכטן, בשעתן געבן דעם פּאַטש און היינט — בשעתן באַגעגענען דעם געפּאַטשטן.

— אַך, סאָלאַנש, ניט אַלעמאָל איז גוט צו זײַן דער שטאַר־קערער...

זיי זײַנען ביידע אַוועק, געאָרעמט, אַרויף דער אָפּעראַ־אַוועניו. די גרויסע אָפּעראַ האָט זיי אָקעגן־געלויכטן מיט איר גרויסאַרטיקן פּראַנט, ווי איין ריזיקע דיאַדעמע. נאָר אַ פּאַריזער נאַכט קאָן זיך באַרימען מיט אַזאַ צירונג.

— ווי שפּעט איז שוין? — האָט ברין אַ פרעג געגעבן, אַ קוק גע־טאָן אויף זײַן בראַסלעט־זייגערל און זיך אַליין געענטפערט:

— שוין האַלב נאָך צען? אַ שאָד. געוואָלט האָב איך דיך, היינט נאָכן אָוונט־עסן, פירן צו מײַן פרײַנט גאַבראַנסקין... האָסט ניט גע־הערט פון אים? אַ זעלטענער מענטש. ער האָט אַמאָל איבערגעלעבט אַן ענלעכע שיידונג מיט זײַן ווײַב, אַזוי ווי איך. און ער האָט דאָס דער ערשטער אויסגעלאַכט מײַן טרײַשאַפט צו סאָניאַן, בשעת זי אַליין —

— ווי אַלט איז ער? — האָט אים סאָלאַנש איבערגעשלאָגן.

— ביי די זעכציקער.

— המ... און וואָס וואָלטן מיר ביי אים געטאָן?

— נאָר אויסהערן אים. דאָס האָט ע ר מיר געראָטן צו פאַרליבן זיך נאָכאַממאָל, און אַזוי גיך ווי מעגלעך. און ווען דאָס וועט געשען — זאָל איך קומען צו אים אַ געטרייסטער, אַ צופרידענער. וועט ער מיר עפּעס ווייזן...

— ווי מען ליבט אַ צווייטן מאָל?

— לאָך ניט! ער וויל מיר אָודאי ווייזן אַ נייעם כעמישן אײַנפאַל, אַ נייע ביאָלאָגישע פאָרשונג.

— פוי, ווי לאַנגווייליק!

www.libtool.com.cn

— מען דאַרף פריער הערן וואָס און ווי אַזוי ער דערציילט, און דערנאָך זאָגן אַ מיינונג. אויך דו, סאָלאַנש, אויף וויפיל איך קען דיך, וואָלטסט זיך ניט געלאַנגווייליקט.

— איז קום, לאָמיר גיין!

— נאָך אַזאַ באַגעגעניש ווי איך האָב דאָ געהאַט? ניין. מערקסטו ניט, ליבע סאָלאַנש, אַז עפּעס אַ מאָדנער צופאַל האַלט אונדז ביידן „אין שאַך“, אַמאָל דיך און אַמאָל — מיך. פאַרן אָוונט־עסן האָסטו זיך באַגעגנט מיט ד י י ן פאַרגאַנגענהייט, אין קאַפע „לילאַ“, איצט איך — מיט מ י י ן פאַרגאַנגענהייט...

— ביסט שלעכט געשטימט. אפשר גאָר גיין אַהיים? קום צו מיר...

— נאָך צו־פרי... האָסט, דוכט מיר, געוואָלט טאַנצן?

— אָ, געוויס. איך גיי! איך לויף! און דעם הימל מיט די געלערנטע און די שטימונגען לאָזן מיר איבער אויף אַן אַנדערש מאָל...

— דיין ערד, סאָלאַנש, איז שטאַרקער. זי איז אַלעמאָל שטאַרקער.

.3

אין טאַנץ לאָקאַל, אויף רי־דע־לאַפּע, וואו ברין און סאָלאַנש זיינען אַרויף, איז געווען ליכטיק ווי בייטאָג. נאָך דער אינטימער טונקלקייט אין „ים־שטערן“, וואו זיי האָבן געגעסן, האָט דאָ, די איבערגעטריבענע ליכטיקייט פון אַ טוץ ליוסטרעס, געבלענדט; די שטייפע קראַגנס און אויבערהעמדער פון די קאַוואַליערן, די געפּודערטע דעקאָלטעס און די דימענטן פון די אויסגעפּוצטע דאַמען האָבן געשניטן די אויגן. אין דעם ערשטן מאָמענט האָט זיך, דערפאַר, ברין ניט געפילט זייער באַקוועם אין זיין איינפאַכן וויזיט־אָנצוג. געמיטלעכער איז דאָ געוואָרן בשעת אַ טאַנץ הויבט זיך אָן. די ליוסטרעס זיינען דעמאָלט געוואָרן אויסגעלאָשן, נאָר די קליינע לעמפּלעך, אונטער ראָזעווע אַבאַזשורן, אויף די ווייסע טישלעך, האָבן נאָך געברענט, און אין איין גרויסן קרייז, און מאַט באַלויכטן דעם קיילעכדיקן פאַרקעט, וואו עס ווערט געטאַנצט. אויסער דעם האָבן נאָר פאַרבאָרגענע רעפלעקטאָרן געפּעכערט, אויף די טאַנצנדיקע פּאָרלעך, זייערע גרינע, בלויע, אָראַנזשרויטע און פיאָלעטע ליכטער. דורך דיקע שויבן, אין געוועקסטן פאַרקעט, האָבן די ליכטער געשפּריצט ווי פאָנטאַנען; און פון די באַלקאָנעס, ווי קאָלירטע קאַסקאַדן געפאַלן און צוגעגעבן אַלע באַוועגונגען אַ באַ־

זונדער צויבער, פון איין קאַליר אַרויס, אין צווייטן אַריין. יעטוועדער פּאָרל, בשעתן טאַנץ, האָט זיך אַזוי־אַרום לײַכט איינגעשלייערט און www.libtool.com.cn אויסגעשלייערט, און די אויסדרוקן פון די געזיכטער האָבן אָנגענומען פאַנטאַסטישע ענדערונגען. און די שמייכלען — אָט זיינען זיי פריינט־לעך, אָט — אויסגעלאַסן און אָט — כמורנע געוואָרן... און ווען די קאַפּעליע שטעלט זיך אָפּ, פאַרשווינדן די פאַרבן; די ליוסטרעס צינדן זיך אָן. עס ווערט ווידער העל, ווי בייטאָג, און די געמיטלעכקייט פאַר־שווינדט. געמישטע קולות שאַלן־אויף, קאָרקעס פליען מיט אַ שאָס צום סופיט, באַקאַלן צעקלינגען זיך.

אין די פּאַוזן, צווישן איין פּובליקום־טאַנץ און צווייטן, טרעטן אויף די פּראָפעסיאָנעלע טענצערס און טענצערינס, מיט כלערליי צו־געקלערטע שטיק; פון אַפּאַש־טענץ מיט מעסער און רויטע שאַלן, ביז די ראַפינירטע מאָדערנע טענץ מיט פּירועטן, אַקראָבאַטישע שפּרונ־גען און מיט איבערוואַרפן די האַלב־נאַקעטע טענצערינס פון אָרעם צו אָרעם. די געוואָרפענע לייבער שווימען ווי פיש, פליען־אויף ווי טויבן, גליטשן זיך אַראָפּ, ווי פון משופּעדיקן אייז, און קייקלען זיך ווי לע־בעדיקע קנוילן. שלאַנקע הענט און פיס שימערן־אויף אין כוואַליעס פון פאַרביקע שטרויס־פעדערן, פון שוימיקע קרוזשעוועס, פליענדיקע פאַלדן, בלישטשענדיקע סטעקלארוסן, כדי ווידער צו פאַרשווינדן אין דעם זעלבן מיש־מאַש... פאַרשטייט זיך, אַז קיין מוסטער, פון נייע און אַלטע טענץ, קאָנען די דאָזיקע קונצן דעם שווער־פּיסיקן פּובליקום ניט געבן. עס רייצט אָבער די טאַנץ־לוסט, עס פּעפּערט־צו, אַזוי צו זאָגן, דעם פאַרעוועזן געשמאַק פון די בירגערלעכע פאָרלעך. עס דערמוטיקט די מענער צו זיין דרייסטער מיט זייערע דאַמען, און די דאַמען צו זיין פאַר־פירערישער מיט זייערע גלייכגילטיקע מענער.

— איצטער, — מאַכט סאָלאַנש צו בריגען, אָפּזוכנדיק מיט דער הילף פון אויבערקעלנער אַ פרייען טישל, — איצטער איז די ריכטיקע צייט צו טרינקען שאַמפּאַניער. איז, באַשטעל, מיין ליבער! באַשטעל „מום“־טרוקן. עס איז מיין באַליבטע מאַרקע. דערצו הייס ברענגען געבראָטענע מאַנדלען, מאַקראַנעס.

האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט, ביי זייער טישל, מיט די פּנימער צום קיילעכדיקן טאַנץ־פּאַרקעט, און געמאַכט זייער באַשטעלונג. און, ווען דער קעלנער האָט פאַרשריבן און איז אַוועק ברענגען, האָט סאָלאַנש מיט קעציש־פאַרזשמורעטע אויגן באַטראַכט דעם ראָזעווען אַבאַזשור אויפן טישל און גערעדט האָט זי צו בריגען אַזוי:

— די ערשטע פּאָר טענץ מיט דיר. אַ וואַלצער און אַ טאַנגאָ, אויב

דיר איז ליב. דערנאָך בין איך פריי צו טאַנצן וואָס איך וויל און מיט וועמען איך וויל. נאַטירלעך, אויב עמעצער וועט מיך איינלאַדן... דו ביסט אויך פריי. דו וועסט ניט זיין אייפערזיכטיק, און איך — אויך ניט... אָפּגעמאַכט?

— אָפּגעמאַכט. נאָר פאַרוואָס גלוסט זיך דיר עפּעס — דו און איך זאָלן טאַנצן מיט אַנדערע?

— האַ, אַז ניט פאַרלירט זיך דער גאַנצער געשמאַק פון אַזאַ פאַרוויילונג. האָסטו דאָך היינט אַליין געזאָגט, אַז עס איז אָפּטמאָל אַזוי אָנגענעם צו פאַרבלאָנדזשען זיך אומיסטנע אין אַ געדיכטן וואַלד... איך האָב דאָס אויך ליב! אָ, דאָס איבערגיין פון אָרעם צו אָרעם און פון איין אומבאַקאַנטן מאַן צום צווייטן איז פאַר מיר ווי פאַרבלאָנדזשען זיך אין־דער־ווייט צווישן ווילד־פרעמדע. אַלע זייבען זיי אָנגעטאָן אין פראַקן און אין סמאָוקינגען, טראָגן די זעלבע שניפּסן און דעם זעלבן שמייכל אויף די ליפּן, דעם באַזונדער שמייכל בשעת זיי טאַנצן מיט אַן אומבאַקאַנטער עקזאָטישער דאַמע ווי איך בין... און גיי טרעף ווער פון זיי איז אַ געלערנטער, ווער — אַן אַוואַנטוריסט, ווער — אַ דאָן־זשואַן, ווער — אַ דיכטער און ווער — אַ פאַרברעכער וועמען די פּאָליציי זוכט אַרום... קיינער ווייסט דאָס ניט, און איך — אַוודאי ניט. איך האָב מיך פאַרבלאָנדזשעט אין טאַנץ. אַ יתומה בין איך פון אַן אַלטן סענטימענטאַלן ראָמאַן, וואָס באַהאַלט זיך אויס פון שלעכטע מענטשן, וואָס לויערן אויף איר, און וועלכע פאַלט אַלע ווײַלע אַריין אין די אָרעמס פון סולטאַנען, קינסטלער און וואַגאַבונדן, אַלטע און יונגע. שדים ווייסן ווער זיי זייענען! און ווער איז דער לעצטער, וועלכער האַלט מיך אַרומגענומען אַרום טאַליע און צווינגט מיך נאָכמאַכן זיינע ריטמישע טריט? איך פיל נאָר, אַז זיי אַלע ווילן מיך און קאָנען מיך ניט האָבן. קאָכן זיי זיך אין האַרצן, און מיט די ליפּן שמייכלען זיי צו מיר, ווילן מיך באַצויבערן, באַמיען זיך צו מאַכן מיך שווינדליק אינעם געדריי פון וואַלצער, פאַרשטויסן מיך אין אַ פינצטערן ווינקל אין דער שטופּעריי פון נעגערשן דזשאַז. און איך רייס מיך אַלעמאָל אַרויס פון זייערע אָרעמס און קער זיך אום צו דיר, אַ גאַנצע, אַ ציטערדיקע, אַ ריינע, ווי די העלדין פון אויבנדערמאָנטן ראָמאַן... אויך יענע ברענגט איר מיידלשאַפט דעם חתן אירן צוריק, נאָך אַ סך חדשים און יאָרן פון וואָגלעניש, געפּאַנגענשאַפט און גרויסע צרות. דעם ערשטן געליבטן אירן... האַ־האַ־האַ!

— גוט, — מאַכט ברין, — אויב אַזאַ שפּיל געפעלט דיר, איז טאַנץ און האָב דיין פאַרגעניגן!.. אָבער וואָס וועל איך טאָן? בלייבן

www.libtool.com.cn

זיצן איינער אַליין ביים טיש און אָנקוקן דאָס רויטע אַבאַזשורל, בשעת דיין צווייטע העלפט בלאָנדזשעט אַרום צווישן פּרינצן אין פראַקן און זשוליקעס אין ווייסע שניפּסן? דאָס איז...

— פאַרוואָס זיצן איינער אַליין? אויך דו זאָלסט זיך אויסזוכן דיינע דעקאָלטירטע פּרינצעסינען, אָדער דינסטמוידן, וואָס שפּילן די וואויל־געבוירענע דאַמען... אַ סך פון די וואָס דו זעסט דאָ זיינען ווירקלעך פון דער בעסערער געזעלשאַפט, וועלכע לאַנגווייליקט זיי. און אַראָפּגעלאָזן האָבן זיי זיך אַהער, כדי צו פלירטעווען און פאַרבינדן באַקאַנטשאַפט מיט וועמען עס מאַכט זיך... נאַ, איך זע שוין! אַ העכט גייט אויף מיין קוקעלע, וואָס איך האָב פאַרוואָרפן. ער וועט זיך באַלד אָנטשעפּען ווי אויף אַ ווענטקע...

— פון וועמען רעדסטו דאָ?

— פון יענעם... זעסט ניט? ביים דערבייאיקן טישל... אַ ברויך־הויטיקער שטשאָגעל. ער האָט פיינע געזיכט־שטריכן, האַלט זיך שלאַנק. און זיין געפּאָמאַדיעט קעפּל איז שיין פאַרבאַרשטן, מיט אַ שרונט. עס גלאַנצט ווי אַ לאַקירטער שוך... ער געפעלט מיר. און ער פילט דאָס אויך. ער קוקט שוין אויף מיר. אויב ער וועט מיך איינלאַדן צום טאַנץ, וועל איך אים ניט אָפּזאָגן. און אויך דו זאָג ניט אָפּ. טרייסל מיר ניט, מיטן קאָפּ, דויד! דער עטיקעט פאָדערט, אַז די דערלויבעניש, צו טאַנצן מיט מיר, זאָל אַ פרעמדער קאַוואַליער בעטן ביי דיר...

די פלאַש שאַמפּאַניער, אין אַ באַזילבערטער אייז־וואַזע און פאַרשלייערט מיט אַ ווייסער סערוויעטע, איז אָנגעקומען. אָבער דאָ האָט די מוזיק אַ קלאַפּ־געגעבן שטראַוסעס אַ וואַלצער. אָבער דעם שאָס פון דער דיקער באַפּרייטער פּראָבקע האָבן זיי, ברין און סאָלאַנש, דערהערט הינטער זיך. ווייל זיי ביידע זיינען שוין געווען אַריינגעצויגן אין דעם טאַנץ, ווי אין אַ דריי־כוואַליע. זיידענע, אַטלאַסענע און טיול־פאַלדן האָבן געזשומעט אַרום זיי. דאָס העלע ליכט פון די ליוסטרעס איז אויסגעגאַנגען; און פיאָלעטע, רויטע, גרינע און געלע ליכטער האָבן זיך צעפעכערט איבער פנימער און פאַלדן. די קאָלירטע שטראַלן האָבן זיך געגאָסן פון די באַלקאָנעס און געשאָסן פון די דיקע גלאָז־פענצטערלעך אונטער זייערע פיס.

צוגעטוליעט צו סאָלאַנשס ליבן גוף, וועלכן ער האַלט אַרומגענומען, האָט זיך ברינען געדוכט, אַז זיי ביידן האָט פאַריז אַריינגעוואָרפן אין אַ געדריי פון קאָלירן, ריחות און ריטמישע באַוועגונגען. ביידע ווילן אַרויס, און ביידע שלעפּן איינער דעם צווייטן אַריין אַלץ טיפער, שטיפערישער. פון יעדער פאַרביישווימענדיקער פרוי שלאָגט עס

מיט אַ באַזונדער ליידנשאַפטלעכן ריח. פון איינער — מיט שווערן אַמבער, פון אַ צווייטער — מיט מאַי־גלעקלעך, פון אַ דריטער — מיט פעלד־בלומען און מיט הייסן סטעפּ... ער, ברין, וויל זיי אַלעמען, דורך סאָלאַנשס גוף, און זיי אַלע ווילן אים. ער פאַרוואַרפט אויף זיי זיין לעכצנדיקן בליק, ווי אַן אַרקאַן, און זיי דרייען זיך אַרויס... זייערע פלינקע קאַוואַליערן העלפן זיי אַרויספּלאָנטערן זיך, און פאַרקערט: די דינע פעדעמער וואָס די אומבאַקאַנטע פרויען פאַרוואַרפן אַרום אים מיט זייערע אויגן און ליפּן און רויש פון זייערע פאַלדן, די דאָזיקע געהיימע נעצן רייסט איבער סאָלאַנש מיט אירע שפּילעוודיקע באַוועגונגען און נעמט אים אַוועק צו זיך און פאַר זיך אַליין... אַ ווײַלע אַ דערנענטערונג און אַ ברוגז, אַ נייע באַקאַנטשאַפט און אַ נייע דערווייטערונג. האָסטו מיך ליב, פאַראַכט איך דיך, מיין אומבאַקאַנטע! און פאַראַכטסטו מיך — האָב איך דיך ליב!

וואַרפנדיק זיין קינסטלער־בליק איבער אַט־דעם וויכער, וואָס גייט אין קרייז און מיט אים צוזאַמען, האָט ברין, אין האַרצן, באַוואונדערט דאָס ריטמישע פּלאָנטעריניש, וואָס הייסט ט אַ נ ץ און וואָס שטאַמט פון גאָטעס־דינסט ביי פּרימיטיווע פעלקער, פון הייליקן זנות און פון פאָרשפּיל צו בלוטיקע מלחמות, און וועלכער האָט זיך, אין לויף פון הונדערטער און טויזנטער יאָרן, אויסגעאיידלט אין אַזאַ געשמעלץ — פון מוזיק און באַוועגונגען, פּאַרפיומען און זייד־געראַוישן, אין וועלכע יעדער איינער לייגט אַריין: זיין טעמפּעראַמענט, זיין בענקשאַפט און זיין פרייד, זיין זעלבסטצופרידענע יוגנט און זיין שרעקעוודיקע האָפענונג אויף גליק ווען מען איז עלטער... די אייפערזוכט צו דער געליבטער און דאָס מוחל־זיין איר — אַלע צוזאַמען און יעדערער באַזונדער.

ווען עס איז צוריק געוואָרן ליכטיק און דער וואַלצער, נאָך צוויי מאָל „אַפּפּאַטשן", האָט זיך געענדיקט, האָבן ברין און סאָלאַנש, אויף זייער טישל, געפונען צוויי באָקאַלן פול מיט שוימעדיקן וויין און זיי האָבן דאָס אויסגעטרונקען מיט גרויס אַפּעטיט.

— זעסטו, — האָט אים סאָלאַנש דערמאַנט, — איצטער האָט דאָס דעם ריכטיקן טעם. ניט באַלד נאָכן עסן...

ברין האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו ענטפערן, אַז וואָס אַנבאַ־טרעפט אַזעלכע זאַכן פאַרלאָזט ער זיך אויף איר, און דער שלאַנקער שטשאָגעל אין פראַק, פון שכנישן טישל, איז צוגעטראָטן, זיס אַ בליאַסק געגעבן מיט זיינע שמאָלע צוקערדיקע אויגן און מיט זיין לאַקירטן קאָפּ, פאַרנויגט זיך און געבעטן דערלויבעניש צו טאַנצן, דעם נעקסטן טאַנץ, מיט ברינס דאַמע... נאָר סאָלאַנש האָט שעלמיש אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט פאַר ברינען:

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

— דעם ערשטן טאַנגאָ האָב איך שוין פאַרשפּראָכן מיין פריינט. שפּעטער פּילייכט...

ברינען איז מער ניט געבליבן ווי צו מאַכן אַ זייער העפלעכע באַ־וועגונג מיטביידע הענט. דאָס הייסט: פון זיין זייט איז קיין שום שטערונג ניט געווען, נאָר זיין דאַמע וויל אַזוי. קאַפּריזן!..

— ער געפעלט מיר, — האָט זיך סאָלאַנש צעשמייכלט מיט אַלע אירע ווייסע ציין, ווען דער שטשאָגעל איז אָפּגעטראָטן, — נאָר, זאָל ער וואַרטן; וואָס שווערער עס איז דער דערפאָלג ביי אַ פרוי, אַלץ מער אַכטונג האָט דער מאַן.

דעם טאַנגאָ האָט ברין ליבער געהאַט ווי דעם קלאַסישן וואַלצער, ניט ווייל ער איז שענער, נאָר ווייל ער איז רואיקער, געוואויגענער אין ריטם און מאַכט ניט אַזוי מיד. מען שווימט אַרומגענומענערהייט, ווי אויף אַ שטילן טייך. דאָס שיפל איז לייכט, לייכט איז דער זעגל און דער ווינט — אויך. שווימט מען און מען טרוימט. מען באַרירט נאָר, פון צייט צו צייט, דעם רודער, כדי ניט אָנצושטויסן זיך אָן אַ צווייטער פּאָר, וואָס שווימט און טרוימט פּונקט אַזוי ווי ער און זיין פּאַרטנערין...

ווען זיי זיינען, צופרידענע און פאַרליבטע, צוריקגעקומען צו זייער טישל און אָפּגעפרישט זיך מיט אַ צווייטן באָקאַל, האָט סאָלאַנש אַ וואונק־געגעבן צו ברינען:

— זע נאָר, זע! דער שטשאָגעל איז אויף אָן אמת פאַרליבט... ער נעמט פון מיר די אויגן ניט אַראָפּ.

— איז טאַנץ שוין מיט אים אָפּ און... אַ סוף!

— פאַרוואָס אַ סוף? — האָט סאָלאַנש פאַרוואָרפן איר קעפּעלע און די פאַרזשמורעטע אויגן אָנגעשטעלט אויפן עלעגאַנטן קאַוואַליער ביי דעם שכנישן טישל; דער וועג, הייסט דאָס, איז פריי!..

יענער האָט גלייך פאַרשטאַנען דעם וואונק, איז אַ לויכטנדיקער צו־געגאַנגען, און ווידער געבעטן דערלויבעניש צום טאַנץ. ניט אָנקוקנדיק מער זיין דאַמע, האָט ברין קורץ און אַ ביסל פאַרדראָסיק אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ:

—סיל וואו פּלעי!

די קאַפּעליע האָט אַ קלאַפּ־געגעבן אויפן באַלקאָן. דאָס מאָל אַ דזשאַז. אַ בלוי־רויט־גרינע טונקלקייט איז אַראָפּ אין קיילעכדיקן זאַל, און סאָלאַנש, מיט איר פרעמדן קאַוואַליער זיינען אין איר אָוועקגע־שוואומען און פאַרלוירן־געגאַנגען.

ברין איז עפּעס געבליבן זיצן ווי אַן אָפּגענאַרטער. כאָטש קיינער האָט אים דאָ ניט גענאַרט און ניט גערעכנט אָפּצונאַרן. ער האָט זיך,

אויף אַזאַ פֿאַרדראָסיקייט, אַלײן ניט געריכט. נאָר אַזוי איז שוין די מאַנצבילשע נאַטור, אַז אַן אַנדערער נעמט אַוועק, כאַטש מיט די בעסטע אָפּזיכטן און אויף אַ ווײַלע, ווערט דאָס אַוועקגענומענע טײַערער און ציטערדיקער. פֿון דער פּראַקטיק, וואָס ער האָט געהאַט מיט זײַן געוועזענער סאָניאַן, איז ברין אויך געווען אָנגעשראָקן: טאָמער... אפשר...

אין זײַן פֿאַרדריסלעכקייט האָט ער אַפֿילו פֿאַרגעסן דאָס, וואָס סאָלאַנש האָט, אַ ווײַלע צוריק, מיט אים אָפּגערעדט, און גענומען גריבלען, אַז זײַן געליבטע הויבט שוין אָן, אַ ביסעלע צו־פֿרי, צו שפּילן מיט אים אין קאַץ און מויז... און אַזאַ לאָקאַל, וואו יעדער אומבאַקאַנטער קאָן צוגיין, אַוועקנעמען אַ פֿרוי און פֿירן זי צום טאַנץ, האָט עפּעס אין זיך פֿון סאַטורנאַליע־יום־טובים, פֿון די אַמאָליקע געצנדינערישע צײַטן. מײַנע — דײַנע, דײַנע — מײַנע. עס איז אַן עפֿנטלעכע, הגם פֿאַרשלײַערטע, זנות...

און ווי ער גריבלט זיך אַזוי, דערפֿילט ער מיטאַמאָל עפּעס אַן אומבאַקוועמלעכקייט אין נאַקן. דאָס געפֿיל איז געוואָרן שטאַרקער, און ברין האָט גיך אומגעדרייט דעם קאָפּ, ווי געטראָפֿן פֿון אַ שפּריץ וואַרעם וואַסער. גראָד אין דעם מאָמענט האָבן זיך די ליוסטרעס העל־אָנגעצונדן און די קאָלירטע ליכטער האָבן זיך אויסגעלאָשן. און ברינס אויגן האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן אַ דרינגענדיקן קוק פֿון אונטער אַ פּאָר שוואַרצע ברעמען, מיט אַ קרוין פֿון אַ זילבער־ווײַסער פּריזור איבער זיי. ער האָט אויך דערכאַפּט אַ לײַדנשאַפֿטלעכן געשלענגל פֿון אַ פּאָר פֿולע און שיינע ליפּן.

„דאָס איז דאָך יעטאַ!" — האָט ער זיך גלײַך דערמאָנט, — „גאַבראָנסקיס געוועזענע פֿרוי".

ער האָט צו איר פֿרײַנטלעך אַ שאָקל־געגעבן מיטן קאָפּ. דער ענערגישער געשלענגל פֿון יעטאַס ליפּן האָט זיך צעגומען, און ער האָט דערזען אַ מויל בלאַנקע ציין, ניט ווי בײַ אַ פֿרוי מיט אַזעלכע ווײַסע האָר, נאָר ווי בײַ אַ יונג מיידל. איין גאָלדענער צאָן נאָר האָט, צווישן דער פּערלדיקער ווײַסקייט, אַ בלישטשע־געגעבן און פֿאַרשוואונדן. אויך דאָס איז געווען פּיקאַנט, מיט אַ גאָלדן־פֿעפֿערל באַטעמט...

שוין נעכטן, בײַ די מלאָטעקס, האָט אויף אים די געוועזענע מאַדאַם גאַבראָנסקי געמאַכט אַן אײַנדרוק, און ער וואָלט אפשר פֿאַרגעסן זײַן לייכטן פֿלירט פֿון טישל צו טישל. נאָר לעבן יעטאַן, מיט אַ ניט־דערטרונקענעם באָקאַל אין דער פֿעטער האַנט, איז געזעסן אַן אומבאַקאַנטער, דיקער מאַנספּאַרשוין, אײַנגאַנצן ראַזירט און פּליכיק, ווי

אַ גרויסע ראָזעווע איי מיט גאָלדענע ברילן אויף דער פּלאַכער נאָז. יעטאָס צופּעליקער באַקאַנטער, ווייזט אויס.

www.libtool.com.cn

האָט ברין צוריק אומגעדרייט דעם קאָפּ, אַ טרונק געטאָן פון זיין באָקאַל און געוואַרט סאָלאַנש זאָל זיך אומקערן פון טאַנץ מיט איר נייעם קאַוואַליער. און, מערקווירדיק!.. ער, ברין, האָט שוין מער קיין פּאַרדראָס אויף זיין עקזאָטישער געליבטער ניט געהאַט. עפּעס ווי ער וואָלט, מיט זיין קורצן פלירט, באַוויזן אָפּצוצאָלן איר מיט דער זעלבער מטבע פון אומטריישאַפט: דו, הייסט דאָס, טאַנצסט מיט אַן אַנדערן און איך האָב זיך דאָ איבערגעקוקט מיט אַן אַנדערער. קוויט.

אָבער דאָס געפיל, אַז יעטאָס טיפער בליק באַרירט אים דעם עמפּינדלעכן נאַקן, איז ניט אַוועק. ווי אַ גלעטנדיקער מאַסאַזש זיינען, דוכט זיך, אירע אויגן אַרומגעפאָרן איבער זיין רוקן, אַריינגעגנבעט זיך אונטער זיין העמד־קראַגן, געוואַרעמט די האָר אויף דער פּאַטילניצע... און סאָלאַנש האָט זיך נאָך אַלץ ניט אומגעקערט, ניט געטראַכט אַפילו אומצוקערן זיך צום טיש. זי איז געשטאַנען ערגעץ־וואו אין עק פון רונדן זאַל און געפּאַטשט לאַדאָזשקעס, מיט אַ סך אַנדערע פּאָרלעך צוזאַמען, געגעבן דערמיט אַ צייכן דער קאַפּעליע אויפן באַלקאָן, אַז זיי זיינען נאָך ניט זאַט מיטן אָפּגעשפּילטן דזשאַז, אַז זיי ווילן נאָך...

„וואָס זיץ איך דאָ ווי אַ גולם און וואַרט?" — איז אין ברינען אויפגעשפּרונגען דאָס שדל פון הפקרות, וואָס האָט אים היינט אין דער פרי פּאַריאָגט אין עולם הזה אַריין, — „יעטאָס שווערלייביקער קאַוואַ־ליער טאַנצט ניט, ווייזט אויס, ער איז נאָר געקומען אַהער קוקן דורך זיינע גאָלדענע ברילן... אָבער זי? זי אַליין?"...

ניט געטראַכט מער, האָט זיך ברין אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו יעטאָס טישל מיט העפלעכע טריטעלעך און זיך פאַרנויגט:

— איך האָב שוין געהאַט דעם כבוד, מאַדאַם ראָזען! אַזוי, דוכט זיך, איז אייער נאָמען?.. מיין פריינט גאַבראָנסקי האָט אונדז נעכטן באַקאַנט־געמאַכט... דאַרף איך אייך איינלאַדן?

— געוויס, געוויס! — האָט זיך יעטאָ באַאיילט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט איר דיקער קאַוואַליער זאָל ניט אָפּזאָגן. אירע שטרענגע שוואַרצע אויגן, אונטער די געדיכטע ברעמען, זיינען דערביי מוטערלעך ווייך געוואָרן, — באַקענט זיך! — דאָס איז —

זי האָט אָנגערופן אַ נאָמען, וואָס הויבט זיך אָן מיט „פּערל", פּערל־שטיין, צי פּערלצווייג... איינער פון יענע נעמען, וואָס גייען דורך פון רעכטן אויער דורכן לינקן און מען פאַרגעסט דאָס גלייך אויפן אָרט.

— איר דערלויבט? — האָט זי זיך פונדעסטוועגן אַ ווענד־געגעבן

צו איר קאַוואַליער און אַן אומאָפּהענגיקע מינע האָט זי דערביי געמאַכט, ווי זי וואָלט אַ וואונק־געגעבן: אַז טאָמער איז נ י ט דערלויבט — אַרט איר דאָס אויך ניט. זי וועט סיי ווי סיי ניט פאָלגן...

www.libtool.com.cn

דער דיקלעכער גלאַט־ראַזירטער הער האָט פאַרלייגט די בייזלעכע ליפּן אין אַ שמייכל און די קאַלטע אויגן האָבן אויפגעגלאַנצט מיט אַ געמיש פון פאָרוואורף און נאָכגעביקייט:

— אָבער, יעטאַ...

נאָר ער האָט זיך גלייך געכאַפּט און זיך אַליין פאַרריכט:

— אָ, מאַדאַם ראָזען! וואָס פאַר אַ פראַגע?

4.

די קאַפּעליע האָט אַ קלאַפּ־געגעבן, דאָס מאָל — אַ „באָסטאָן“. פאַרפירעריש־מילד האָבן זיך די טענער געגאָסן פון באַלקאָן, און באַלד, אין דער האַלב־טונקלקייט, וואָס איז אַראָפּ פון די האַלב־אויסגעלאָשענע ליוסטרעס, אויסגעמישט זיך מיט די קאָלירטע ליכטער. אין אָט די שימערנדיקע שאָטנס איז יעטאַ אויפגעשטאַנען און איבערגעגעבן איר סטאַטנעם און צייטיקן גוף פון אַן עטלעכע־און־פערציק־יאָריקער פרוי אין ברינס אָרעמס, ער זאָל זי אַרויספירן, פון צווישן די טישלעך, און פירן ווי אַ געניטער קאַפּיטאַן אין וויכער פון באַוועגונגען, פאַלדן, טענער...

אַ מאָדנעם ציטער האָט ברין דערפילט, ווען ער האָט אָנגענומען יעטאַס קליינע דעספּאָטישע פינגער אין זיין לינקער דלאָניע, און מיטן רעכטן אָרעם אַרומגענומען איר קרעפּטיק־אויסגעבויגענע טאַליע. עס איז געווען דער זעלבער ציטער און די זעלבע פאַרבאָרגענע בייגעריקייט, ווי נעכטן ביינאַכט, בשעת באַקענען זיך מיט איר, ביי די מלאָטעקס אין דער אַטעליע. פאַרשוואונדן איז זי נעכטן, נאָך איידער ער האָט מכבד געווען האַרקאַווקען מיט דער פולער האַנט... איצט האָט ער זי צוריק־געפונען. נאָר אַן אַנדערע, ניט אַזאַ שטרענגע ווי נעכטן. איר שטייפע האַלטונג איז אַוועק. דאָס ענערגישע וויקל פון איר האַנט־טאַש־רימענדל, אַרום איר גראָבן פינגער, איז אויך מער ניטאָ. אין אַ וואַרעמען אָנהאַלטן זיך ביי זיין קרעפּטיקער דלאָניע האָט זיך דאָס פאַרוואַנדלט. איר צווייטע האַנט ליגט פאַרטרויט אויף זיין פּלייצע. און אינגאַנצן איז זי פול מיט דאַנקבאַרקייט וואָס ד י י ו ג נ ט האָט אַזוי ציטערדיק גענומען איר לעבנס־האַרבסט אין די אָרעמס, און טראָגט דאָס אין קרייז. טראָגט... קיין נפקא־מינה ניט וואוהין, אַבי וואָס ווייטער פון יענעם שווער־לייביקן מאַנספאַרשוין וואָס דרימלט ביי זיין גלאָז וויין.

www.libtool.com.cn

די ערשטע טעלעכע טאַנץ־טריט זײַנען זיי בײַדן ניט געלונגען. זי האָט זיך נאָך געשעמט צו באַנוצן די שפּיצן פיס, כדי אים זאָל דאָס ניט אויסזען ווי אַ געמאַכטע ־לײַכטקייט פון אַן עטלעכע־און־פערציק־יאָריקן פויגל... און ער האָט נאָך קיין מוט ניט געהאַט מיטצורייסן זי ווי זײַן גלײַכן, געשאַנעוועט איר שווערלעכן קערפּער און האָט, דערפאַר, ניט ווילנדיק, אָנגעטראָטן אירע לאַק־שיכלעך, וועלכע זײַנען אַזוי מערק־ווירדיק קליין ווי איר הענטל, וואָס ער האַלט אין זײַנע שטאַרקע פינגער. דאָס האָט אים געצוואונגען צו צוימען זײַן אומגעדולדיקן ווילן צו מאַכן זי שווינדליק, צו פאַרשיכורן זי מיטן טאַנץ און זיך אַליין — מיט איר צוזאַמען. אָבער אירע שוואַרצע אויגן האָבן אַזוי יונג און נאָענט געלויכטן אונטער איר זילבערנער קרוין פון האָר, אַזוי דאַנקבאַר אַרײַנגעקוקט אים אין האַרצן, אַז ער האָט זיך באַלד צוריק געפונען און געכאַפּט דעם ריכטיקן ריטם פון דער מוזיק.

זייערע קערפּערס האָבן זיך דערנענטערט, צוגעצויגן פון אַן אינער־לעכן באַגער. זײַנע קני האָבן דערפילט די וואַרעמקייט פון איר שויס, זײַן ברוסט — דעם עלאַסטישן אָנשטויס פון איר הויכן קאָרסאַזש, און זײַן אָרעם, וואָס נעמט־אַרום איר ברייטלעכע, אָבער יוגנטלעך־אויס־געבויגענע טאַליע, האָט, ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע, דערשפּירט דעם געוויג פון אירע שיינע היפּטן. און באַלד האָט ער זיך איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון דעם, אַז מאַסיווע פרויען גייען, אָפּטמאָל, אין אַ טאַנץ אַ סך לײַכטער און ווייכער ווי די מאָגערע, ספּאָרט־פיגורן; אָט די דאַמען, וועלכע קריכן פון דער הויט צו זײַן מאָדערן און לאָזן פילן בשעתן טאַנץ ניט זייער ווייבערישע צאַרטקייט, נאָר זייערע מוסקולן.

יעטאַ האָט איצט קוים באַרירט דעם געוועקסטן פּאַרקעט מיט די שפּיצן שיכלעך. אירע הויכע קאָרקעלעך האָבן געשוועבט אין דער לופטן. און, באַלויכטן פון די קאָלירטע רעפלעקטאָרן אין פּאָל, איז זי גע־שוואומען ווי אַ פּאַווע אין דעם פאַרביקן נעפּל. די פאַלדן פון איר לײַכטן זײַדן קלייד האָבן געפלאַטערט ווי אירע ליידנשאַפטלעכע נאָזלעכער. איר שטרענגער אָוואַל פון געזיכט איז דערבײַ געווען בלאַס פון דעם ווייסן אָפּשײַן וואָס האָט געטריפט פון אירע זילבערנע האָר און פון די העלע קרוזשעוועס אַרום איר דעקאָלטע. אין די קאָלירטע ליכטער, פאַלדן און געדרוישן, וואָס שווימען אַרום זיי בײַדן און מיט זיי צוזאַמען, האָט נאָך די דאָזיקע געזיכט־בלאַסקייט אויסגעזען געהיימניספולער, אָנציענדיקער. ער האָט זײַנע אויגן ניט געקאָנט אָפּרייסן פון איר לויכטנדיקן שטערן.

אין וואוקס איז זי געווען אַ ביסל נידעריקער פון אים. זי האָט אָבער באַלד דערפילט זײַן בייגעריקן קוק, וואָס פאַלט איבער איר

האָר־קרוין און שטערן. האָט זי אַ ביסל פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף צוריק, כדי אַריינצוקוקן אים גלייך אין די אויגן. איז דער געשאַפּענער בלאַסקייט פון געזיכט, צווישן פריזור און קרוזשעוועס, איז די שוואַרצ־קייט פון אירע אויגן געוואָרן נאָך טיפער, צוזאַמענגעגאָסן זיך מיט אירע יונגע טונקעלע ברעמען. דער אויסדרוק זייערער איז דערפון טיפער געוואָרן. אַ תהום! די שטרענגע ליפן האָבן זיך צעעפנט אין אַ שמייכל, לייכט באַוועגט זיך איבער אירע פערלדיקע ציין און איבער דעם איין גאָלדענעם צאָן, וואָס בלישטשעט אַרויס אַזוי פּיקאַנט. זי האָט, דוכט זיך, געשעפּטשעט צו איר דערשטוינטן יונגן קאַוואַליער אָן ווערטער, איבער־געחזרט אים דאָס, וואָס ער אַליין האָט נעכטן געטראַכט ביי די מלאָ־טעקס:

— ווייסטו דען, צוציק איינער, ווי עס קאָן ליבן אַזאַ געניטע, איבערגעצייטיקטע און קלוגע פרוי ווי איך בין? ווי אַ מוטער קאָן איך ליבן און ווי אַ וואַקכאַנטין. איך באַהערש און צעגיי אין די אָרעמס. איך בין דעספּאָטיש און איך בין אומענדלעך דאַנקבאַר. איך גיב אַוועק דאָס לעצטע און בלייב אַלעמאָל רייך. רייך אין ליבע, אין בענקשאַפט, אין איבערגעגעבנקייט...

דער וויכער פון אַזעלכע ברויזנדיקע געדאַנקען איז אָבער געגאַנגען אַ סך שנעלער ווי דער ריטם פון „באָסטאָן", וואָס זיי טאַנצן דאָ צוזאַמען. האָט זיך, דערפאַר, ברין צוזאַמענגענומען, כדי ווידער ניט פאַרלירן דעם טאַקט פון דער מוזיק און פון זיינע באַוועגונגען, כדי ניט ווערן צו דרייסט, צופיל ניט צודריקן צו זיך אָט די וואונדערבאַרע פרוי, וועלכע קוקט אים אָן אַזוי ליידנשאַפטלעך.

— נעכטן, — מאַכט ער צו איר ביים אומדרייען זיך אַרום זיך אין צוויי רונדע „פּאַ" — נעכטן, מאַדאַם ראָזען, האָט איר אויף מיר געמאַכט אַ גאַנץ אַנדער איינדרוק.

— אַבי אַן איינדרוק... — האָט זי קורץ אַ לאַך־געגעבן און אַראָפּ־געלאָזט אירע אומהיימלעך טיפע אויגן.

— נעכטן, — האָט ברין פאַרגעזעצט, — האָט איר מיר אויסגעזען בייזלעך, שטרענג. עפּעס ווי איינע וואָס קוקט־אָן אַזוי... נאָ, ווי אַ שנעק האָט איר מיך אָנגעקוקט.

— יאָ, נעכטן... — האָט זי פאַרקלערט אַ שמייכל געטאָן, — פ אַ ר אַן ערנסטן געשפּרעך איז דאָס געווען.

ברין האָט זיך דערמאָנט וואָס גאַבראָנסקי האָט אים נעכטן גע־זאָגט, געגעבן אים אָנצוהערעניש, אַז יעטאַ וויל מיט אים שלום מאַכן; אַז זי געפינט זיך איצט אין יענע קריטישע יאָרן, ווען מען זעט זיך אַרום,

www.libtool.com.cn

אַז דער בייט פון מענער האָט זיך ניט געלוינט, אַז דער ע ר ש ט ע ר
www.libtool.com.cn
איז געווען אַ סך איידעלער און בעסער פאַרן צווייטן...

— און היינט? — גיט ער שטיל אַ פרעג, — ווי זעט אייך היינט אויס דער נעכטיקער ערנסטער געשפּרעך?

— ווי אַ נעכטיקער טאָג. אַ שאָטן וואָס איז גאָרניט ווערט...

ברינען האָט זיך פאַרגלוסט אַ שעפּטשע־טאָן איר אויפן אויער, איבער דער זילבערנער פריזור, אַז ער איז צופרידן, וואָס פון שלום מיט זיין פריינט האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזן, און זי איז ווידער פריי... נאָר אנשטאָט דעם האָט ער גאָר אַ פרעג־געגעבן:

— ווי הייסט ער, אָט דער... דער מאַן מיט די ברילן וואָס איר האָט מיר אָקערשט פאָרגעשטעלט? פערלשטיין, צי פערלצווייג?

— וואָס איז דער אונטערשייד? ס׳איז גלאַט אַזוי אַ באַגלייטער. כדי ניט צו זיצן איינע אַליין אין טאַנץ־זאַל...

„היינט פאַרוואָס האָט זיך דער „באַגלייטער" אַזוי פאַמיליער אַרויס־געכאַפּט מיט „יעטאַ"? — אַזוי האָט זיך ברינען געגלוסט צו פרעגן. נאָר ער האָט דאָס ווידער ניט געטאָן. איר באַטאָנונג, אַז דאָס איז נאָר אַ „באַגלייטער", איז געווען ניט צווייידייטיק. דאָס האָט פשוט געהייסן: קימער זיך ניט וועגן אַלע אַנדערע! אויב איך געפעל דיר — זאָג דאָס מיר. דו געפעלסט מיר אויך...

דער נעכטיקער ברענענדיקער באַגער צו אָט דער פרוי מיט די זיל־בערנע האָר און יונגע אויגן האָט זיך אין ברינען אויפגעכאַפּט מיט אַ טאָפּלטער קראַפט. ניט אַכטנדיק מער אויף דער טאַנצנדיקער פּינקט־לעכקייט פון זיינע טריט, האָט ער זיין דאַמע צוגעדריקט צו זיך, און גלייך דערפילט אַז זי איז נאָכגעביק און אַז זי איז גרייט אויף נאָך אַן ענגערער דערנענטערונג. נאָר דאָ האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף זיין סאָלאַנש, אויף וועלכער ער האָט אַ גוטע ווײַלע אינגאַנצן פאַרגעסן. אָנגעלענט אויף איר שלאַנקן קאַוואַליער מיט די שוואַרצע וואָנסעלעך, האָט זי צו אים אויסגעבויגן איר לאַכנדיק געזיכט, און אירע שאַרפע ציין האָבן צו אים עפּעס מאָדנע געבליאַסקעט. ווי פאַרשטירעט מיט אַ פאַר־באָרגענעם כעס האָבן זיי אים אויסגעזען. האָט ער צוריק אָנגענומען אַן אָנשטענדיקערע „פיגור" מיט זיין דאַמע, אַ פאָר קילערע „פאַ" געמאַכט מיט איר אָן דער זייט. נאָר סאָלאַנשן איז שווער געווען צו נאַרן. פון אירע שאַרפע פאַנטערע־אויגן איז, קאָנטיק, ניט פאַרשוואונדן געוואָרן ברינס מאַניעווער. וואָרעם זי האָט עפּעס איבערגעטריבן־פרייליך אַ לאַך־געגעבן צו אים און צוגעוואונקען מיט איר טונקעלער הענטעלע, וועלכע זי האָט, אויף איין אויגנבליק, באַפרייט פון איר קאַוואַליער:

www.libtool.com.cn

— אַ לאַ באַנ'הער, מאַן אַמי!

— דאָס הייסט: „מיט גליק זאָל זיין, מיין פריינט!..״ אין דער אמתן האָט דאָס אין סאָלאַנשס גלעלעכטערל באַדייט עפּעס אַנדערש. אַ גיפטיק נאָדעלע האָט אין סאַמעט געשטעקט:

— קיין יינגערע ניט געקאָנט אויסזוכן זיך? מיט גרויע ווייבער פלירטעוועסטו גאָר? און אַזוי דרייסט... מיט אַזאַ איינע ווילסטו איך זאָל קאָנקורירן?

און כדי צו ווייזן אים, אַז זי פאַרגינט אים און צאָלט אים אָפּ מיט דער זעלבער מטבע גלייך אויף אָן אָרט, האָט זי זיך קעציש אויסגעבויגן און צוגעדריקט זיך צו איר עלעגאַנטן קאַוואַליער מיטן אָנגעפּאַמאַדיעטן קעפּל. אַ ביישפּיל געגעבן אים פון איר געשמאַק. אַזוי, הייסט דאָס, ווילט מען אויס, און אַזוי טאַנצט מען!..

— ס'איז דאָך... אייער דאַמע?.. — האָט יעטאַ אומזיכער אַ פרעג־געגעבן, ווען דאָס שלאַנקע פּאָרל איז אָוועקגעשוואומען אין קרייז.

אַ שרעקעוודיקן ציטער האָט ברין דערפילט אין איר קול, און מיט טרייסט אַ שמייכל־געגעבן אין אירע טרויעריקע אויגן אַריין:

— מיינע... נו, איז וואָס?

יעטאַ ראָזען האָט אַראָפּגעלאָזן דעם זילבערדיקן קאָפּ, באַרירט מיט איר ווייסער קרוין פון האָר זיין ברוסט. און געדוכט האָט זיך אים, אַז ווען זי וואָלט זיך ניט געשעמט, וואָלט זי איר קאָפּ אינגאַנצן אָנגע־שפּאַרט אויף זיין פּלייצע און וואָלט שטיל געבעטן: „לעג מיך אונטער, יונגער פריינט! איך בין אַזוי מיד, אַזוי מיד!..״

אַ טיף רחמנות האָט ער צו איר דערפילט. אָבער דער מוסטער, וואָס סאָלאַנש האָט אים אָקערשט באַוויזן, אין איר טאַנץ מיטן פרעמדן שטשאָגעל, האָט אים פאַרט פאַרדראָסן. אַ קורצע ווײַלע איז ער געווען צעשטרייט, געמאַכט עטלעכע פאַלשע טאַנץ־טריט. און מיטאַמאָל, אָן שום איבערגאַנג, צוגעדריקט יעטאַס קאָפּ צו זיך, און מיט זיין באַק באַרירט אירע קילע, זילבערנע האָר.

— איך קאָן אייך... — האָט ער איר פאַרטרויט אַ סוד, — איצט קאָן איך אייך זאָגן דעם אמת. איר האָט אויף מיר נעכטן געמאַכט... ניט סתם אַזוי אַן איינדרוק. אַ ט י פ ן איינדרוק.

— מאַכט זיך ניט לוסטיק איבער מיר!.. — האָט יעטאַ אַוועק־געגומען איר קאָפּ פון אונטער זיין געזיכט און אים אָנגעקוקט מיט פאַר־דאַכט, — נאָך אַזאַ שיינהייט ווי די, וועלכע...

— נעכטן האָב איך זי נאָך ניט געהאַט.

— און היינט?

יעטאָס אויגן האָבן זיך ווי צעגאָסן, דערגרייכט, מיט זייער טיפער שוואַרצקייט, דעם ראַנד פון אירע וויעס. און געדוכט האָט זיך ברינען, אַז זי וואַרט אויף איר גזר־דין, כאָטש ניט זי איז עפּעס שולדיק און ניט ער איז דער ריכטער.

www.libtool.com.cn

— היינט? — האָט ער איבערגעפרעגט אַ ביסל פאַרלעגן, — לאָמיר בעסער דערפון ניט ריידן. נאָר איך שווער אייך!.. — האָט ער גענומען זוכן ווערטער, — מיט אַן אמת...

ער האָט זיך שרעקעוודיק אומגעקוקט אויפן באַלקאָן, וואו די קאַ־פעליע שפילט אַזוי האָפערדיק. ער האָט מורא געהאַט דער „באָסטאָן" זאָל זיך פלוצלונג ניט ענדיקן און זיין אינטימע דערקלערונג זאָל ניט בלייבן אינמיטן. נאָר די מוזיק האָט ווייטער געשפילט; דעם באַליבטן „האַרבסט־חלום" האָט זי געשפילט צום טאַקט פון די טאַנצנדיקע פאָר־לעך. און ברינען האָט זיך אַ רגע אויסגעדוכט, אַז קאָלירטע בלעטער פאַלן אַרום אים אין די פאַרביקע שטראַלן פון די רעפלעקטאָרס, און אַז די פרוכט פון אַזאַ רייכן האַרבסט האַלט ער דאָ אין זיינע אָרעמס; איבער־געצייטיקט און מיט אַ יערנדיקן זאַפט אָנגעלאָדן, אין געשטאַלט פון אַט דער פרוי מיטן ווייסן קאָפּ און יונגע שוואַרצע אויגן.

— איך שווער אייך!.. — האָט ער זיך אומגעקערט צו זיין ניט־פאַרענדיקטער פראַזע, — נעכטן, ווען איך בין אַרויס פון די מלאָ־טעקס... נאָכדעם ווי —

— נאָכדעם ווי איר האָט געגעבן אַ פאַטש?.. — האָט זי, לאַכנ־דיק אַ פרעג־געגעבן.

— איר זענט, דוכט מיר, געווען אַוועקגעגאַנגען... — האָט ער זיך פאַרשעמט.

— יאָ. אָבער מאַדאַם מלאָטעק איז היינט געווען ביי מיר. גע־קלאָגט זיך...

— יאָ. איך ווייס. כ׳האָב קאַליע־געמאַכט די קאַריערע פון איר מאַן, דעם גוטן נאָמען פון איר „סאַלאָן", אַזוי צו זאָגן...

— ניט געווען וואָס קאַליע צו מאַכן.

— ס׳איז אָבער געווען ווילד פון מיין זייט. איך גיב דאָס צו.

— נאַרישקייטן. דער... ווי הייסט ער דאָרטן, דער קונסט־פאַר־מיטלער? ער האָט דאָס כשר פאַרדינט. אַלע דאַמען זיינען אויף אייער זייט...

— איר אויך?

— איך — די ערשטע.

— אַ דאַנק, ליבע מאַדאַם ראָזען! איר האָט מיך געטרייסט.

www.libtool.com.cn
ברין האָט זי אין גאַנץ־אומדרייִ צוגעדריקט צו זיך.
— ניין, ס׳איז ניט די זעלבע טרייסט. אין אייך פיל איך אויך אַ מוטער. ס׳איז אַן אַנדער טרייסט.

יעטאַ האָט צו אים אַ הויב־געגעבן אירע פאַרשנדיקע, טיף־שוואַרצע אויגן. געוואָלט עפּעס זאָגן. אָבער דאָ איז די קאָפּעליע שטיין־געבליבן. ס׳איז געוואָרן ליכטיק. און דער קאָנפעראַנסיע האָט אויסגערופן וועגן צוויי, ווי ער פאַרזיכערט, באַרימטע טענצערס, עכטע מעקסיקאַנער, וואָס וועלן באַלד דאָס פאַרערטעסטע פּובליקום אַמוזירן מיט די נאַציאָ־נאַלע טענץ פון זייער הייסן פאָטערלאַנד.

.5

אַן ער און זי, אין פלאַכע שפּאַנישע קאַפּעליושן, אין מעקסיקאַנישע פאָלק־קאָסטיומען, מיט פאַרביקע שאַרפן אויפן דיך און מיט ברייטע, געפרענדזטע גאַרטלען, האָבן זיך שוין דערנענטערט צום ליידיק־געוואָרע־נעם, רונדן פלאַץ אינמיטן טאַנץ־זאַל.

ברין האָט, אונטערן אָרעם, אָפּגעפירט יעטאַ ראָזען צו איר טישל. דער דיקער מאַנספּאַרשוין, מיט די גאָלדענע ברילן, איר צופעליקער „באַגלייטער״, ווי זי זאָגט, איז געווען רויט. ניט פון אויסגעטרונקענעם וויין, נאָר פון כעס. ער האָט עפּעס אַ בורטשע־געגעבן, ווען ברין האָט אים צוגעפירט זיין דאַמע און זיך פאַרנייגט; ניט אַ דאַנק געזאָגט, ניט געשיקט דעם יונגן קאַוואַליער צום טייוול. אַפּנים ביידע זאָכן צוזאַמען . . . האָט זיך ברין געמאַכט ניט הערנדיק, מיט אַ לאַכנדיקן פּנים אומגעדרייט זיך און איז אַוועק צו זיין טישל. אָבער דאָרטן האָט ער אויך קיין בעסערע אויפנאַמע ניט באַקומען.

ביים טיש איז שוין געזעסן סאַלאַנש. און לויטן קרומלעכן בליאַסק פון אירע גרינע אויגן האָט ער דערקענט, אַז זי איז גערייצט, כאָטש זי באַמיט זיך צו מאַסקירן דאָס מיט אַ כלומרשט־ליבלעכן שמייכל. ווען ער האָט זיך געזעצט אויף זיין אָרט האָט סאַלאַנש אָפּגעטרונקען פון איר באָקאַל. אַן אַנשטעל געמאַכט אַז, נאָכן לאַנגן טאַנץ, איז זי זייער דורשטיק. ברין האָט דאָס שווייגנדיק, נאָכגעטאָן. ערשט דעמאָלט האָט זי אים צוגעוואָרפן אַ פראַגעלע, און זיי האָבן זיך צעווערטלט:
— דיינע אַ באַקאַנטע?
— יאָ.
— ווער איז זי?
— אַ פרוי פון מיינעם אַ פריינט.
— דער וואָס זיצט מיט איר?

— ניין. דער וואָס האָט זי אָפּגעגט...

— האָסט גליק צו אַוועקגעוואָרפענע פרויען...

www.libtool.com.cn

— אַזוי ווייזט דאָס אויס.

— כ׳בין ניט אייפערזיכטיק.

— איך אויך ניט.

זי האָט מער ניט געענטפערט, מער ניט געפרעגט. נאָר אַ צע־וואַרעמטע, פון וויין און טאַנץ און פון אַזאַ עלעגאַנטער קריגעריי, האָט זי גענומען פלירטעווען אויף רעכטס און לינקס, און מיט אַ געוויסן צו־להכעיס, ווי ברינען האָט אויסגעוויזן. איר צעלאָזענע האַלטונג האָט באַלד געהאָט דערפאָלג. אומבאַקאַנטע קאַוואַליערן, אין פראַקן און אין סמאָקינגען, גלאַט־ראַזירטע לעבן־יונגען און ערנסטע לייט מיט שפּיגל־פּליכן, זיינען צוגעגאַנגען און געבעטן דערלויבעניש איינצולאַדן די טונקל־הויטיקע שיינהייט צום טאַנץ. ברין האָט זיי אַלעמען קיל דערלויבט, און אַליין איז ער אַוועק טאַנצן מיט יעטאַן. אַפּריער — אַ וואַלצער אין אַ ספּיראַל וואָס צעוואַקסט זיך איבערן גאַנצן זאַל. דערנאָך — אַ וואַן־סטעפּ אין ציק־צאַקן. צום דריטן מאָל — אַ טרוימערישן טאַנגאָ. און מיט יעדן נייעם ריטם איז אים דער טאַנץ ליבלעכער געוואָרן, דער אָרעם — צאַרטער, דער טראָט — לייכטער, די ווערטער — דרייסטער. און נאָך זיסער איז געוואָרן ברינס נקמה ווען סאָלאַנש איז פאַרביי־געשוואומען, יעדער מאָל אין די אָרעמס פון אַן אַנדער קאַוואַליער. אין אַזאַ מאָמענט האָט ברין געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער באַמערקט זי אַפילו ניט. אַזוי אַריינגעטאָן איז ער אין טאַנץ, אַזוי באַמיט — צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן זיין דאַמע מיט די זילבערנע האָר און מיט די יוגנטלעך־שוואַרצע אויגן... און לאָמיך, הייסט דאָס, זען ווער עס וועט פריער מיד ווערן!..

נאָכן דריטן טאַנץ האָט דאָס סאָלאַנש מער ניט אויסגעהאַלטן. באַ־געגנט זיך מיט ברינען, ביי זייער טישל, האָט זי אים האַסטיק פאַר־געוואָרפן:

— עס הויבט אָן אויפצופאַלן... פאַרוואָס טאַנצסטו נאָר מיט דער אַלטער?

— זי איז יינגער פאַר אַנדערע יונגע.

— ווער זיינען דאָס די אַנדערע?

— וואָס איז דער אונטערשייד? זי געפעלט מיר.

— איך וויל מער ניט זי זאָל דיר געפעלן!

— מיר האָבן דאָך עפּעס אָפּגעמאַכט: ניט אײפערזיכטיק זײַן...
און ניט איך האָב געשטעלט די באַדינגונגען.

www.libtool.com.cn

— ס'איז אַן אמת... — האָט סאָלאַנש אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. און זי האָט דערבײַ אויסגעוואונען. איר חרטה האָט איר צוגעגעבן אַ נײַעם חן.

דאָ איז ווידער צוגעגאַנגען דער שלאַנקער קאַוואַליער, פון שכנישן טישל, כדי אײַנצולאַדן זי. און סאָלאַנש האָט אים קורץ און שנײַדיק אָפּגעזאָגט:

— איך בין מיד.

יענער איז צעטומלט־געוואָרן און, נייגנדיק דאָס קעפּעלע, וואָס גלאַנצט פון פּאָמאַדע ווי אַ לאַק־שוך, איז ער צוריקגעטרעטן אויף הינטן, ווי אַ צוויי־פּיסיקער קראַב. ברין האָט נאָר לײַכט אַ הויב־געטאָן מיט די פּלייצעס. ער וואונדערט זיך, הייסט דאָס, פאַרוואָס זי האָט אים פּלוצלונג אָפּגעזאָגט. נאָר פרעגן וויל ער ניט.

— אַן אַוואַנטיוריסט... — האָט אים סאָלאַנש כעסדיק דער־קלערט. — ער דערציילט מיר אַז ער האָט פּלאַנטאַציעס, ערגעץ וואו אין אַ פּראָווינציזשער קאָלאָניע. געגעבן מיר אָנצוהערעניש אַז ער איז רײַך...

— איז וואָס אַרט דאָס דיך?

— עס אַרט מיך יאָ! וואָס האָט ער דערמיט געמיינט? זאָג, וואָס האָט ער געמיינט?

ליבע סאָלאַנש, אפשר וועלן מיר אינגאַנצן אַוועקגיין? גענוג פאַר הײַנטיקן טאָג...

— יאָ, יאָ! — האָט זי זיך אָנגעכאַפּט, און אירע אויגן האָבן ווייכער אויפגעגלאַנצט. — באַצאָל, און מיר גייען! אָבער... וואָס זאָגסטו „גענוג"? צו מיר גייסטו, דו הערסט? צו מיר!

ער האָט באַצאָלט און איז אַרויס מיט אַ ביסל־אײליקע טריט. סאָלאַנש — פאַרויס, ער — נאָך איר. פאַרבײַגייענדיק יעטאָס טישל האָט ער צו איר שמייכלדיק אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ און באַמערקט, ווי יענע האָט אויסגעבויגן די שוואַרצע ברעמען אירע אונטערן גלאַטן שטערן מיט דער הויכער קרוין פון זילבער־ווייסע האָר איבער אים. אין איר פאַרוואונדערטן קוק האָט ער נאָר באַוויזן איבערצולייענען:

— שוין?.. און איך האָב נאָך געהאַט וואָס צו זאָגן אײַך...

www.libtool.com.cn

אַכטער קאַפּיטל

דער וויכער דרייט ווייטער...

1.

דאָס וואַרפן פון היץ אין קעלט און פון קעלט אין היץ, פון אייפערזוכט צו פאַרליבטקייט און פאַרקערט, אַזוי ווי סאָלאַנש האָט געטאָן מיט ברינען, זינט זיי ביידע זיינען אַריבערגעטראָטן די שוועל פון טאַנץ־לאָקאַל, ביז זיי זיינען פון דאָרטן אַרויס, האָט אים געגעבן אַ פאַרגעשמאַק פון אַ סך ערגערע קאַפּריזן און אַוואַנטיורעס, אויף וועלכע זיין געליבטע איז פעאיק, פאַר וועלכע פראַנסואַ לופען האָט אים געוואָרנט, און פון וועלכע אַנרי דאַל האָט מיט אים אויך געשמועסט... ערשט היינט נאָך האַלבן טאָג האָט ער, ברין, גענומען בויען זיין נייעם גליק, מיט אָט דער יונגער פּראַכטפולער פרוי, און דער בנין ברעכט זיך שוין. דער ניט־איינאָפּעאישער טעמפּעראַמענט אירער, מיט זיינע ווילדע איבערגאַנגען, שפּרינגט שוין אַרויס פון אונטער דער זיידענער קולטורדעקע... און געוואוסט האָט ברין אַז אַזאַ פאַלן און אויפשטייגן פון איר ליידנשאַפטלעכער נאַטור קאָן פירן צו אַ פּלוצלעכן קריזיס אויך, ביי אים אַזוי ווי ביי איר. ער האָט זיך אָבער געפּאַסט, אויף וויפיל די כוחות האָבן געטראָגן, כאָטש די שטורמישע איבערלעבונגען פון היינטיקן טאָג און די פילע עולם־הזה־הנאות, וואָס ער האָט אין זיך אַריינגענומען אין איין האַלבן מעת־לעת, האָבן שוין אים, דעם נאָרמאַלן מענטשן מיט נאָרמאַלע געוואוינהייטן, נישקשהדיק מיד־געמאַכט. ווי יעדער אמתער קינסטלער איז ער געווען מער נייגעריק ווי זשעדנע, מער מאָלעריש געשפּאַנט ווי עגאָאיסטיש. אין גרונט גענומען האָט זיך אים נאָך געגלוסט זען ווי ווייט אַזאַ דלילה, מיט דער אָליוון־גרינער הויט, קאָן פאַרפירן אַ וואַכן גייסט ווי ער, ברין, איז אַלעמאָל געווען; ווי טיף זי קאָן איינשלעפערן און ווי פעסט זי איז אימשטאַנד צו בינדן... אויסטרינקען מיט איר צוזאַמען דעם גרויסן גאָלדענעם בעכער פון גענוס האָט זיך אים געגלוסט, אויסטרינקען ביזקל דעק און ניט שיכור־ווערן. דערגיין ביז די זויערע הייוון און זיי איבערלאָזן...

אין דער טונקלקייט פון טאַקסי־קעב, וואָס זיי האָבן גענומען, צו פאָרן פון טאַנץ־לאָקאַל צו איר אַהיים, האָט זיך צו אים סאָלאַנש צוגעטוליעט און ניט געוואָלט מער אָפּרייסן אירע הייסע ליפּן פון זיינע. עפּעס ווי זי וואָלט אים אַזוי געדאַנקט אָן ווערטער דערפאַר, וואָס ער האָט

זיך צו איר אומגעקערט פון דער געפערלעכער פרוי מיט די ווייסע האָר און יונגע אויגן; עפּעס ווי זי וואָלט דערמיט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז צייטווייליקע אויסגעלאַזנקייט פאַרשווינדט און ליבע בלייבט; אַז פון איצטער אָן וועט זי אים קיינעם מער ניט אָפּגעבן, אַפילו צום טאַנצן אויך ניט. און אַליין וועט זי אים דערצו מער קיין אויסרייד ניט געבן. ניין, דאָס וועט זי ניט!..

www.libtool.com.cn

ברין האָט, אַ ביסל שלעפּערדיק, אויפגענומען אין זיך איר לאַנגן קוש, די ליפּן ניט באַוועגט, געשוויגן און געמאַכט אָן אָנשטעל, אַז ער גלויבט איר און גלויבט אין איר שטומער פאַרזיכערונג. און טראַכטן האָט ער דאָס זייביקע געטראַכט. נאָר זי האָט דאָס דערשפּירט, אָפּגעריסן זיך פון אים און אַ פרעג־געגעבן מיט אַ ניט־באַהאַלטענעם פאַרדאַכט:

— וועגן וואָס טראַכטסטו איצטער?

וועגן אַ בעט... — האָט ער צווייידייטיק אָפּגעענטפערט.

אַזאַ אויסווייכנדיקער ענטפער האָט זי ניט באַפרידיקט, און זי האָט זיך פון אים אַ ביסעלע אָפּגערוקט און געבליבן זיצן אַ שווייגנדיקע, אַזוי ווי ער.

אָנגעקומען אין איר שיין־מעבלירטן אַפּאַרטאַמענט, האָט פון זיך סאָלאַנש אַראָפּגעוואָרפן אַלץ וואָס עס לאָזט זיך אין דעם ערשטן אומגעדולד: איר פוטערל און היטעלע, איר לאַנגן קלייד. געבליבן איז זי נאָר אין גרין־אַטלאַסענעם קאָמבינעזאָן איבער איר לייכטן קאָרסאַזש. און מיט נאַקעטע אָרעמס אין בלויזע שיך־און־זאָקן צוגעכאַפּט זיך צו איר פוס־האַרמאָניום אין סאַלאָנדל, גענומען שפּילן אין ציטעריק־שאַלנדיקע טענער דעם „רעוו ד'אַטאַן", דעם האַרבסט־חלום, הייסט דאָס, וועלכער איז פריער מיט אַ קאַרגער שעה געשפּילט געוואָרן אין טאַנץ־זאַל. ס'איז געווען דער מאָטיוו, וואָס הויבט זיך אָן לאַנגזאַם, אין געצויגענע און פאַרטראַכטע טענער, אונטער וועלכע עס לאָזט זיך אַזוי גוט אויסטאַנצן אַ „באָסטאָן", און דערנאָך גייט עס פּלוצלונג איבער אין אַ שטורמישן וואַלצער. דעם דאַזיקן מאָטיוו, וואָס שמעקט מיט אָסיען־בלעטער, צום אָנהויב, און מיט שיכורע איבערצייטיקע וויינטרויבן צום סוף, האָט ער פריער געטאַנצט מיט יעטאַן, און, בשעת אויספירן די לאַנגזאַמע און געשווינדע „פאַ", דערנענטערט זיך צו איר... צוליב וואָס סאָלאַנש חזרט איבער דעם זעלבן מאָטיוו? פאַרוואָס האָט זי זיך צו אים אַזוי צוגעכאַפּט, ווי נאָר זי איז אַריין אין איר היים?.. דאָס איז ברינען אינעם ערשטן מאָמענט געווען ניט־פאַרשטענדלעך. דערנאָך האָט ער זיך געטראַכט, אַז אפשר וויל זי דערמיט אויספּרוּוון: אויף וויפיל דער דאַזיקער מאָטיוו איז אים אַריין אין זכרון. אויב דער „האַרבסט־חלום"

האָט אים ווירקלעך פאַרליבט געמאַכט אין דער פּרוי מיט די ווייסע האָר, www.libtool.com.cn וועט ער אויף אים איצט אויך רעאַגירן, מיט אַ וואָרט, צי מיט אַן אויסדרוק... ס׳איז אַלץ איינס. האָט זיך ברין דערפאַר געמאַכט שלעפעריק, צוגעשפּאַרט זיך אין סאָלאָנדל אויף דער רעקאַמיע־קאַנאַפּע און, מיט פאַרמאַכטע אויגן, געלאָזן פאַלן אַ נאָכלאָזיקע באַמערקונג:

— דיינע שכנים וועלן ניט פאַראיבל האָבן?.. ס׳איז שוין שפּעט...

— זאָלן זיי!.. — האָט אים סאָלאַנש צוגעוואָרפן אַ פאַרשמיצטן קוק, — אַבי ד י ר געפעלט דאָס... הער, הער דעם איבערגאַנג צום וואַלצער... הער!

—, איך הע־ער!.. — האָט ער מיט אַ געמאַכטער שלעפערדיקייט צוגעשאָקלט מיטן צעשויבערטן קאָפּ. האַלב־ליגנדיק אין אויסבויג פון דער סטיליזירטער סאָפע איז דאָס געווען ניט זייער באַקוועם. אָבער וואָס טוט מען ניט כדי צו פאַרווישן אַ פאַרדאַכט ביי אַ געליבטער?..

נאָר אינמיטן מ אַ כ ן ־ ז י ך שלעפערדיק האָט ער ווירקלעך דערפילט אַ מידקייט אין אַלע אברים און אַ באַנומענקייט אין קאָפּ. אַ וואַרעמע פוכיקייט האָט איבער אים אַראָפּגענידערט פון דער קליינער ליוסטרע איבער דעם לאַקירטן טיש, פון דער עטאַזשערקע מיט די באַגילדעטע ביכער־רוקנס, פון סאָלאַנשס פּלייצעס אין גרינעם אויסשניט פון קאָמבינעזאָן, פון די טענער, וועלכע זי האָט איצט אַ ביסל צוגעטויבט, מיט אַ באַזונדער הייבל אין איר אינסטרומענט... די פוכיקייט איז באַלד איבערגעגאַנגען אין אַ טיפער הנאה, און אַ בוימלדיקע זיסקייט פון אַ דרימל, וואָס נאָר מיד־געוואָרענע יונגע מענטשן קאָנען דאָס, האָט זיך אים, ווי אַ באַלזאַם, צעגאָסן אין אַלע ביינער. דורכן פוכיקן נעפל, וואָס האָט אים אַרומגענומען, האָט ער נאָר דערכאַפּט אַז סאָלאַנש פרעגט עפּעס ביי אים. נאָר מער ווי שמייכלען, מיט האַלב־צענומענע ליפּן, האָט ער שוין ניט געקאָנט. די טענער זיינען איבערגעגאַנגען אין קאָלירן, האַרבסט־בלעטער האָבן, שאָרכנדיק, גענומען פאַלן אַרום אים אין אַ ריטמישן געדריי. מיט זיין קני האָט ער, ווי פריער אין טאַנץ, דערפילט יעטאַס וואַרעמען שויס. און אירע יונגע אויגן, פון אונטער דער זילבער האָר־קרוין, האָבן אים אומרואיק אָנגעקוקט:

— איר גייט שוין? און איך האָב נאָך אַזויפיל צו זאָגן אייך... האַ־האַ־האַ!

דאָס צעלאָזן געלעכטערל האָט זיך עפּעס גאָרניט געפּאַסט צום ערנסטן אויסדרוק פון איר בלאַסן געזיכט. דעריבער האָט ברין געמאַכט אַן אָנשטרענגונג אויפצוקלערן אַזאַ מאָדנע זאַך. האָט ער אויפגעריסן

www.dlibtool.com.cn

די צוגעקלעפּטע אויגן־לעפּלעך און דערזען, אַז אונטער אים שטייט גאָר איינגעבויגענערהייט ניט יעטאַ, נאָר סאָלאַנש... אמת, עפּעס אַן אַנדער סאָלאַנש.

נאָר איין שניי־ווייסן זיידענעם נאַכט־העמד האָט זי איצט געהאַט איבער איר טונקעלער נאַקעטקייט. ביז די שפּיצן פון אירע באָרוועסע פיס דערגרייכט די ווייסקייט פון העמד. פון אונטער די לאַנגע פאַלדן פינקלען נאָר אַרויס די רויט־לאַקירטע נעגל פון אירע פיס־פינגער; און פון די ברייטע און קורצע אַרבל־פליגלען, ווי פון פוסטע ריזיקע ליליען־בלעטער שפּאַרן זיך צוויי דיקע טונקעלע שלאַנגען — אירע אָרעמס, וועלכע פאַרענדיקן זיך אויך מיט רויט־לאַקירטע נעגעלעך. פינף רויטע ציגעלעך ביי יעדער שלאַנג. אירע בלישטשענדיקע צעברויזטע האָר האָט סאָלאַנש צעלאָזן איבער אירע פּלייצעס. די דאָזיקע מאַסע איז איצט געווען בלוי־שוואַרץ, אַז די טונקלקייט פון האַלדז און ברוסט האָבן, אין פאַרגלייך מיט איר, אויסגעזען גרוי... די ליפּן אירע האָט סאָלאַנש אויך אָנגעפּאַרבט קאַרמין־רויט, אָפּנים כדי דער עפעקט פון איר עקזאָטישקייט זאָל זיין שטאַרקער און כדי עס זאָל האַרמאָנירן מיטן רויטן טאָן פון איר מאַניקיור און פיס־נעגל. אַזוי האָט זי אים, אַ לאַכנ־דיקע, אויפגעטרייסלט פון טיפן דרימל.

דער קאָנטראַסט צווישן איר שניי־ווייס נאַכט־העמד און טונקעלע קערפּער־טיילן, מיט די בלויע צעלאָזענע האָר, איז געווען אַזוי שאַרף און די רויטע, שיין־פּאַרטיילטע שפּריצן פון די נעגל און ליפּן אַזוי דראַמאַטיש, אַז עס האָט ברינען געטראָפן ווי אַן עלעקטרישער שמיץ איבערן גאַנצן זיס־פאַרחלשטן קערפּער. וואוהין איז אַוועק די מידקייט? ווי אַ רויך איז זי זיך צעפלויגן איבערן גאַנצן סאַלאָן, איבער די טעפּיכן און שפּיגלען. עפּעס ווי אַ שטאַרקע האַנט וואָלט אים אַ ריס־געגעבן און געצוואונגען בייטן זיין ליגנדיקע פּאָזע. האָט ער זיך האַסטיק אַוועק־געזעצט און אָנגעקוקט זיין געליבטע מיט פרישער נייגעריקייט. אין אַזאַ בייזער שיינקייט און דורך אַזעלכע איינפאַכע מיטלען, פון ווייס און רויט, האָט ער זי נאָך ביז איצטער ניט געזען, זינט ער האָט זיך מיט איר, מיט וואָכן צוריק, באַקענט אין קאַפע אויפן פּלאַץ פון האָטעל־דע־וויל. זיין באַוואונדערונג איז באַלד איבערגעגאַנגען אין אַ הייסער גלוסטעניש אַרומצונעמען זי און פילן מיט די הענט און מיט די גלאַט־ראַזירטע באַקן דאָס שניי־ווייסע זיידיקייט פון איר העמד, וואָס כאַפּט אַזוי פּלאַסטיש אַרום די פולקייט פון איר טונקעלן לייב. קיין גרעסערער גענוס, אַזוי ווייניקסטנס האָט זיך אים איצטער אויסגעדוכט, קאָן גאָר ניט געמאָלט זיין.

זיינע אָרעמס האָבן זיך מיט געבעט און באַגער געגעבן אַ שטרעק־אויס. אָבער ביים ערשטן פאַרזוך אַרומצונעמען זי, האָט זיך סאָלאַנש
www.libtool.com.cn
אַרויסגעגליטשט ווי אַ שלייען און האָט זיך אַוועקגעלאָזן, אין אַ שטומען טאַנץ, איבערן סאַלאָנדל, אָן מוזיק און אָן באַגלייטונג ; אונטערהאַלטנדיק דעם ריטם פון די באַוועגונגען נאָר מיט אַ לייכטן אונטערזינגען, האַלב דורכן מויל, האַלב דורכן נעזל. דעם „רעוו ד׳אַטאָן“ האָט זי אימפּראָוויזירט. דעם ניט־אויסגעטאַנצטן ווּיכער, וואָס זי האָט מיטגענומען פון טאַנץ־לאָקאַל, פון וואַנעט זי איז, אין איר אייפערזוכט, פּלוצלונג אַוועקגעלאָפן. דער מאָטיוו, ווייזט אויס, האָט איר נאָך געזונגען און געברויזט אין אַלע אברים, געבעטן זיך אַרויס. דאָס האָט ע ר אונטערגעכאַפּט איר שפּילנדיקן קערפּער, אויפגעבלאָזן ווי אַ זעגל איר ברייטן נאַכט־העמד, אַנטבלויזט אַלע ווײַלע און צוגעדעקט אירע געטאָקטע טונקעלע פיס און אָרעמס, צוגעדעקט און ווידער אַנטבלויזט. אַ געראַנגל פון שוואַרץ און ווייס איז דאָס געוואָרן און אַ געפלעכט פון ליבלעכע קעגנזאַצן. דער פליענדיקער וויכער פון ווייסע פאַלדן און זייד־גלאַנציקע און שוואַרצלעכע קערפּער־טיילן איז געווען אַזוי אָטעם־פאַרכאַפּנדיק, אַז ברין איז געבליבן זיצן אויף דער האַלב־רונדער קאַנאַפּע מיט אָן אָפענעם מויל. גאָט, וויפיל ניט־אויסגעשעפּטע כוחות און ניט־אויסגעלעבטע לײדנשאַפטן עס פילן אָן אָט דעם שיינעם יונגן גוף ! ווי אַ וואָסער־געדריי איבער אַ געפערלעכער טיפעניש גייט דאָס ביי איר. וועלכער פאַרלוסט פאַר דער ליבע און פאַרן לעכצנדיקן מענטשן־אויג וואָס מען קאָן דאָס מיט די הענט ניט אָנכאַפּן. גיי און פאַנג אַ שפּילנדיקן ווינט !.. אַפילו דאַל, מיט זיין גאַנצן טאַלאַנט און ברוטאַלער עקשנות, האָט דאָס אין זיין „שלאַנגען־טענצערין“ ניט געקאָנט פאַרקערפּערן. נאָר איין פליענדיקע באַוועגונג, פון אָט דעם וואונדערלעכן יונגן גוף, איז אים געלונגען אַריינצונאַרן אין זיין סקולפּטור : נאָר אָט דאָס פאַרוואַרפן דעם קאָפּ מיטן שעלמישן קוק און מיט די אויפגעבלאָזענע דינע נאָזלעכער, נאָר אָט דעם שוואונג פון איין פוס אין דער לופטן, מיט דער קאָבראַ־שלאַנג אויף איין אויסגעשטרעקטן אָרעם... דאָס גאַנצע איז אַוועקגעפלויגן. דאַל האָט דאָס פון זיינע פליישיקע לאַפּעס געמוזט אַרויסלאָזן, ווי אַ צו־שטאַרקן פלאַטערדיקן רויב־פויגל... אָ, סאָלאַנש !

מיט איין פּלוצלעכן שפּרונג האָט זי ברין דערכאַפּט אינמיטן טאַנץ און קרעפּטיק אַרומגענומען :

— קום מיט מיר ! — האָט ער זי געצויגן צום צווייטן צימער, — איך בעט דיך !

— ניין, — האָט זי זיך, מיט איין בויג־אַראָפּ, ווידער אַרויס־

www.libtool.com.cn
געגליטשט פון זיינע אָרעמס. — איך וויל דו זאָלסט זען, אַז איך טאַנץ בעסער ווי דיין ווייס־האָריקע... זע!

— איך האָב שוין געזען. זיי ניט ווילד, סאָלאַנש! איך האָב דיך נאָר געוואָלט פאַרגלייכן מיט דער „שלאַנגען־טענצערין" אין דיין שלאָף־צימער...

— אַך, נאָר דאָס? — האָט זי זיך צעלאַכט. — איז קום און פאַרגלייך! אַ סך מאָל וועט דיר נאָך אויסקומען צו פאַרגלייכן...

— פאַרוואָס אַ סך מאָל?

— וועסט זען, וועסט זען! — האָט זי אים אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט און שטיפעריש מיטגעשלעפּט.

.2

אין סאָלאַנשס שלאָף־צימער, מיט וועלכן ער האָט זיך שוין היינט אַזוי אינטים באַקענט, זיינען איצט געווען אָראָפּגענומען די מאַטע אַבאַזשורלעך פון די נאַכט־לאָמפּן. די זילבערנע שלאַנגען, וואָס שטייען אויף זייערע צוזאַמענגעדרייטע עקן און האַלטן די עלעקטרישע באַרן אויף די ברייטע נאַקנס, האָבן איצט העל געגלאַנצט און געוואָרפן דאָס ליכטיקייט צום באַלקן. דאָס שיינע בעט איז שוין געווען געמאַכט און ווייס־אָנטבלויזט. איבער איר גאַנצער לענג איז געווען אויסגעלייגט אַ גאַנצער רעגנבויגן פון קאָלירטע נאַכט־העמדער, זיידענע און פון וווייכן סאַטין, גלאַטע און מיט קרוזשעווע. רויט און ראָז איז געלאָפן וועט־געלויף מיט פיאָלעט און הימל־בלוי; געבלומטער שטאָף — מיט געפּאַס־קעטן און געפינטלטן.

— וואָס איז דאָס? — איז ברין געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטער, — קלייבסט זיך שפילן מאַסקאַראַד?

— יאָ. פאַר דיר.

— דיין ווייס נאַכט־קלייד וואָס דו טראָגסט איצט געפעלט מיר בעסער ווי אַלע פאַרבן אין דער וועלט. בלייב אַזוי ווי דו ביסט!

— ניין. דו ווייסט ניט. דו זאָלסט מיך זען אין אַלע קאָלירן. דו זאָלסט מיך האָבן אין אַלע געשמאַקן. נאָך בעסער ווי אונדזער מאַלצייט אין „ים־שטערן"...

— פּראָפּאַגיר זיך ניט, סאָלאַנש!

— און דו שעם זיך ניט מיט דיין גוטן אַפּעטיט!

— איך שעם זיך ניט. אָבער... ווען האָסטו דאָס אַלץ פאַרטיק געמאַכט?

— ווען דו ביסט געשלאָפֿן... איך האָב שוין אַזאַ גליק צו דיר. ווען דו ביסט איינגעשלאָפֿן אין דיין אָטעליע בין איך פֿון דיר אַנטלאָפֿן און דו ביסט געווען ניט־צופֿרידן. איצט, ווען דו ביסט איינגעשלאָפֿן ביי מיר אין שטוב, האָב איך דיר צוגעגרייט אַ סיורפּריז — ביסטו ווידער ניט צופֿרידן...

— דו אַליין ביסט מיין סיורפּריז, סאַלאַנש! מוטשע מיך ניט!

— רואיק שטיין! שטיין און קוקן...

און, ווי זי שטיפֿט אַזוי און קאָמאַנדעוועט, האָט זי פֿון זיך, ווי אַ ווייסע הויט, אַראָפּגעוואָרפֿן איר לאַנג נאַכט־העמד. איין רגע נאָר האָט אַ שימער־געגעבן איר אַליוון־גרינלעכער קערפּער אין זיין גאַנצער פּראַכט, און באַלד איז ער איבערגעצויגן געוואָרן מיט אַ גראָז־גרינעם כיטאָן פֿון גלאַנציקן סאַטין. און די צעברויזטע האָר אירע האָט זי פֿלינק אַרומ־געכאַפּט מיט אַ ברייטער סטענגע פֿון דעם זעלבן שטאָף.

— זע, — לאַכט זי, — דיין „גרינע נאַכט” אין העמד!

האָט ער געזען און זיינע אויגן ניט געגלויבט. צוזאַמען מיט אירע העל־גרינע אויגן האָט זיך איר קאָפּאָט און האָר־באַנד צוזאַמענגעגאָסן אין איין סטיליזירט בילד. פֿלאָראַ — דער גייסט פֿון דער גרינער ערד —איז פֿאָר אים געשטאַנען. אַליין שוואַרץ און קרעפּטיק, ווי אַ צעאַקערטע ערד, און איר אַנטוועכץ — גראָז.

— שיין! — האָט ער נאָר איין קורץ ווערטעלע געהאַט פֿאַר זיין אַנטציקונג.

באַדאַנקען מיט טאַט האָט זי זיך נאָך אַלץ ניט געלאָזן און, ווי אַ שלאַנג אין פֿרילינג, אָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך איר גרינע הויט. אין איין אויגנבליק איז זי שוין געשטאַנען אָנגעטאָן אין אַ ליכטיקן קאָפּאָט פֿון גאָלד־געלן אַטלאָס, און אין די האָר — אַ קונסט־כריזאַנטעמע מיטן זעלבן אַטלאָסענעם גלאַנץ און קאָליר.

— איצטער וואָס זאָגסטו?

— וואָס זאָג איך? די קעניגין פֿון שבא... אַ טאָכטער פֿון אַ מאַהאַראַדזשאַ אין איר יום־טובדיקן קלייד...

— און איצטער?

זי האָט זיך פֿלינק איבערגעטאָן אין אַ בלוי זיידן העמד, געפּאָסקעט אין דינע, פּונקט־רויטע שטרייפֿן. יונגבלוט, אין גלייכמאָסיקע ריטשקע־לעך, האָט זיך געגאָסן, פֿון האַלדז און פּלייצעס, איבער איר ברוסט און קני און דערגרייכט ביזקל דעם מאָסולער טעפּיך אויפֿן דיל.

— איצטער?.. האָט ברין איבערגעפּרעגט און קיין ענטפֿער ניט געגעבן. די קאָנטראַסטן פֿון בלוי און רויט האָבן אים מאָדנע אויפֿ־

www.libtool.com.cn

גערעגט. און מיט ציטערדיקע הענט האָט ער פון זיך גענומען אַראָפּ־רייסן יעדן שטיק איבעריקע קליידונג וואָס ער האָט נאָך געטראָגן. עפּעס ווי דאָס וואָלט געווען אַ פּראָפּאַנאַציע פון זיין זייט, דאָס שטיין אַן אָנגעטאָנענער — אַ פאַלשער טאָן אין דער שטומער מוזיק פון הער־לעכער נאַקעטקייט און קליידונג, וואָס סאָלאַנש שפּילט אים דאָ פאָר.

— איצטער? — האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט און געזוכט אַ פאַרגלייך, — אַ שולמית... „קאַנטיק דע־קאַנטיק"*) האָסטו דאָך געלייענט?..

— געוויס!.. — האָט זי אים צוגעוואָרפן. און, ניט נעמענדיק אין אַכט זיין געבעט און זיינע פּראָטעסטן, האָט זי זיך אין איין מינוט איבערגעטאָן אין אַ ברייטן סאַטין־העמד מיט געדיכטע טערקישע קווייטן. אין קופּער און גאָלד שאַטירונגען זיינען די קווייטן געלאָפן ווערט־געלויף איבערן העל־ברוינעם גרונט פון גלאַנציקן שטאָף. אַ שווינדלעניש פון אָריענטאַלישע פאַרב־טענער איז דאָס געווען. טאָמער ווייניק — האָט זיך נאָך סאָלאַנש פאַרשלייערט די האָר און שטערן מיט פונקט אַזאַ קווייטלדיקן טוך. נאָר אירע פאַנטערע־אויגן האָבן פון האַלבן שלייער העל אַרויסגעלויכטן.

— אָ! — האָט זיך ביי אים ניט־ווילנדיק אַרויסגעריסן. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, געזוכט אַ פאַרגלייך.

— אַ האַרעם־פרוי!.. — האָט ער געפונען דאָס נויטיקע וואָרט.

און זי האָט אים אויסגעלאַסן געלאַכט אין פאַרגאַפטן פּנים אַריין:

— ריכטיק! און ד אָ ס הויפּטזאַכלעך וויל איך איצטער זיין... האָסט מיר אָקערשט דערמאָנט דיין ביבל, און איך וויל דיר עפּעס ציטירן פון מיין עוואַנגעליום: „קוקט אָן די בלומען פון פעלד, וואָס שפּינען ניט און וועבן ניט!.. וואַרהאַפטיק זאָג איך אייך: אַפילו קעניג שלמה, אין זיין גאַנצער פּראַכט, איז ניט געווען אָנגעקליידט ווי איינער פון זיי..." אַזוי, דאַכט זיך, שטייט דאָרטן?..

— אַזוי.

— און איך גיב צו: אַ בלום בלייבט דאָך איר גאַנצן לעבן אויף דער ערד אין איין אָנצוג. איך בין איר ניט מקנא... ניין. אונדזער גליק, דאָס גליק פון אַ פרוי ווייניקסטנס, באַשטייט אין דעם, וואָס אַז זי וויל און האָט געשמאַק קאָן זי בליען צען מאָל אין איין שעה, און יעט־וועדער מאָל — אין געשטאַלט פון אַן אַנדער בלום. וויל זי — ווערט זי אַן אָרכידייע מיט העל און טונקל פיאָלעטע שאַטירונגען, אַ גאָלדענע כריזאַנטעמע, אַ טיי־רויז, אַ בלאַסער נאַרציס מיט אַ פורפל־הערצעלע.

---

*) שיר השירים.

אַט בין איך בלוי ווי אַ ריזיקע קאָרן־בלום און אַט — טונקל־באָרדאָ, ווי אַ פּיאָן. פלאַמענדיק ווי אַ טיולפּאַן און קיל ווי אַ ליליע. איינע בין איך און אַ סך. איך פאַרוועלק און איך בלי־ווידער אויף. איך וואַרט ניט אויף רעגן און פאַר אַ צו־הייסער זון האָב איך קיין מורא ניט. וואַריאַציעס אָן אַ סוף! אַ בוקעט פון טויזנטער פרויען אין איינער. און די גוטע ריחות בייט איך אַזוי ווי די קאָלירן.

www.libtool.com.cn

— אַלץ אין איינער... אין איינער... — האָט ברין פאַרליבט גע־מורמלט און ווידער געוואָלט דערנענטערן זיך.

אָבער סאָלאַנש איז ווי אַ קאַץ אַריבערגעשפּרונגען די ברייט פון איר בעט און פאַרשטעלט מיט זיך אַ טייל פון לאַנגן געשליפענעם וואַנט־שפּיגל.

— נו־נו־נו!.. — האָט זי אים אַ סטראַשע־געגעבן מיט איין טונקעלן פינגער.

— וואו האָסטו דאָס אַלץ געלערנט? — האָט ער אומבאַהאָלפן געמורמלט.

זי האָט ניט געענטפערט, נאָר גיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך איר קווייטלדיקן שלייער מיטן קאַפּאַט צוזאַמען, צוגערוקט זיך אַ מוטער־נאַקעטע און שטיין געבליבן לעבן דער בראָנדז־גרופּע אין ווינקל, אין וועלכער זי האָט אַמאָל פיגורירט אַלס מאָדעל... זי האָט איצט אָנגע־נומען די זעלבע פּאָזע ווי די „שלאַנגען־טענצערין" און האָט אימפּראָ־וויזירט די קאָברא־שלאַנג אויף איין אויסגעשטרעקטן אָרעם. אַ לע־בעדיקע פיגור און אַ בראָנדזענע האָבן איין רגע קאָנקורירט מיט זייער פאַרשטאַרקטער האַלטונג און מיט זייער אינערלעך־צוזאַמענגעפּרעסטן לעבן. ביז די לעבעדיקע איז מיד געוואָרן און צוריק אָנגענומען איר נאַטירלעכע געשטאַלט.

— וואו איך האָב דאָס געלערנט? — האָט זי אים איצט געגעבן אַן ענטפער אויף זיין פריערדיקער אומבאַהאָלפענער פראַגעלע. — שוין ניט צום ערשטן מאָל פרעגסטו מיך אַזוי און ניט צום ערשטן מאָל ענטפער איך דיר; דאָרטן וואו איך האָב געלערנט שפּילן פּוס־האַרמאָניע, טאַנצן, קליידן זיך, אויפנעמען אין זיך די וועלט. קורץ, אין דער קיך פון דער נאַטור האָב איך דאָס געלערנט. דאָרטן וואו קלוגע מענטשן האַלטן איך איין פאַרבעסערן די זעלבע נאַטור... דאָרטן וואו מען שאַפט פון גראָבע צעמאָלענע קערנער וואַנילע־וואַפּליעס, און פון אויל מיט פאַרבן — „גרינגע נעכט" און „שניי־מענטשן", אַזוי ווי דו האָסט אויפן לייוונט געשאַפן.

www.libtool.com.cn
— געליבטע, — האָט זיך ברין גענומען בעטן, כמעט מיט אַ ווייַ־נענדיקן קול געבעטן זיך, — לאָז מיך צו צו דיר!..

— טשש! טשש! — האָט זי אים ווידער געוואָרנט פון יענער זייט בעט, — און איצטער, דו! איצטער זאָלסטו אינגאַנצן פאַרלירן דעם קאָפּ, אַראָפּגיין פון זינען, פאַרגעסן אויף אַלע דיינע סימפּאַטיעס צו אַנדערע פרויען. פון סאַניאַן ביז אָט דער ווייב מיט די ווייסע האָר. איך האָב דאָך געזען ווי דו האָסט זיך אין איר איינגעקלעפּט בשעתן טאַנץ...

זי האָט פון בעט־ראַנד אַ כאַפּ־געגעבן דאָס שענסטע און אויפּ־פאַליקסטע העמד, פון אַ ברענענדיקן אָראַנזש־קאָליר, וואָס גיסט זיך איבער אין אַלע גלאַנצן פון העלישן פייער; אַנגעוואָרפן אויף זיך, איבערן קאָפּ און צעפּלאָשעטע בלוי־שוואַרצע האָר, און ביז די פּיאַטעס אַראָפּ־געצויגן. דאָס העמד איז, ניט ווי אַלע אַנדערע, געווען היפּש־שמאָל. האָט סאָלאַנשן אַרומגעכאַפּט ווי אַ צווייטע הויט און בולט געמאַכט אַלע אירע פולע גלידער. איצטער איז אויף יענער זייט בעט געשטאַנען ניט קיין ווייבלעכע געשטאַלט, נאָר אַ טונקל־הויטיקע לילית מיט אויגן פון אַ ים־חיה און מיט לאַכנדיקע ציין, אינגאַנצן איינגעטונקט אין פליסיקן פלאַם. ברענט זי אַזוי אינגאַנצן און ווערט ניט פאַרברענט... אַ לעבעדיקער נס.

זי האָט שוין, אַפּנים, פון אירע פריערדיקע טעג און נעכט, געקענט דעם עפעקט פון אַזאַ דראַפּירונג. דאָס פייער וואָס גייט אַרויס פון אַזאַ געוועב און פון אַזאַ באַלויכטונג האָט זיך גלייך איבערגעוואָרפן צו דעם וועלכן זי גלוסט. ניט אַנדערש אַז ברין האָט ווירקלעך פאַרלוירן דעם קאָפּ. וואָרעם ער האָט זיך אַ ריס־געגעבן צו איר איבערן גאַנצן ברייט פון געלעגער, און, ווי אַ רויבער, אין אַן איינגעבראָכענער שטאָט, באַ־פאַלן זי. איין מינוט האָט נאָר געדויערט דאָס אַרייננעמען אין זיך די גלאַטקייט און פייער פון העלישן סאַטין און זיין קאָליר. דערנאָך — אַ ריס פון האַלדז אַראָפּ, און דאָס ענגע אַנטועכץ איז זיך צעפּאַלן אויף צוויי פלאַטערנדיקע זייד־דינע פליגלען.

— אַזוי האָב איך דיך ליב!.. — האָט זי אים הייס אַ שעפּטשע געגעבן אויפן אויער און אַרומגעכאַפּט זיין האַלדז.

דאָס טונקעלע זאַפטיקע יאַדער, גרויס ווי אַ גוף, האָט אויפגעציטערט אין דער צעריסענער אָראַנדזש־שאָלעכץ, מיט איר גאַנצער צייטיקייט. ברין האָט אַליין ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ גבורה ער באַזיצט אין דעם מאָמענט, אַז יעדער באַוועגונג זיינע איז שווער און פלינק ווי אַ גע־שוואונגענע האַק. ער האָט דאָס באַגריפן, ווען ער האָט זיין רויב געגעבן אַ הויב־אויף און מער איר וואָג ניט געפילט. סאָלאַנש האָט קיין וואָרט

ניט גערעדט, ניט געקאָנט מער ריידן, נאָר די אויגן געשלאָסן און די דורשטיק־פאַרחלשטע ליפּן איינגעפּרעסט אין זײַנע.

www.libtool.com.cn

די נאַכט, וועלכע האָט זיך געצויגן נאָך אַזאַ ווילדן אָנגריף, האָט זיי ביידן שפּעטער אויסגעזען ווי אַ שכרות, און וועלכער חלום בײַט זיך מיט וואָר, וואו באַוואוסטזיין און פאַרגעסנקייט זײַנען צוזאַמענגעמישט. האַלבע ווערטער שווימען אין ים פון שטיל־שווייגן. ווײַנענדיקע און לאַכנדיקע טענער שאַלן־אויף און פאַרגייען. פּלוצלעכע באַגערן רײַסן אויף דעם דרימל, ווי אַ שפּינוועבס, און פאַלן אַריין אין מוראדיק־זיסער מאַטקייט. און נאָך אַ קורצן און טיפן שלאָף, איינער ביים צווייטן אין די אָרעמס, קומט ווידער דער ליידנשאַפטלעכער בליק. מען מאַכט זיך פאַרוואורפן און מען בעט זיך איבער אין איין און דעם זעלבן מאָמענט.

— געליבטע, חלומען מיר נאָך, אָדער זײַנען מיר וואָך?

— איבערצייג זיך.

— איך איבערצייג זיך. דו לעבסט. דײַן הויט איז וואַרעם און זיידיק־גלאַט. און איך לעב נאָך אויך... איך אויך.

מען דאַנקט איינער דעם צווייטן און מען בענטשט, מיט אַרויפ־לייגן אַ האַנט אויפן צעפּאַטלטן קאָפּ, אַזוי ווי פרומע עלטערן בענטשן. עס טריקנט לייכט אין האַלדז און עס ברענט אונטער די אויגן־לעפלעך. דאָס נאַכט־לעמפּעלע שימערט מאַט אונטערן ראָזעווען אַבאַזשורל, ווי אַ גוטמוטיק אויג פון אַ טרייען שומר: „זייט גליקלעך, קינדערלעך! איך היט אײַער גליק. איך בין אַן עדות, אַז עס איז יוגנטלעך־ריין; אַז עס קומט אײַך ביידן...“ ביי זיין שימער קוקט מען זיך אָן ווי געקומען פון עולם־התוהו: „איז מען ווערט אַזאַ גרויס גליק? האָט מען דאָס ווירקלעך פאַרדינט?..“ מען איז ניט איבערצייגט און מען זיפצט אָפּ. טרערן לויפן אָן אין די אויגן. מען ווישט זיי אָפּ איינער דעם צווייטן מיט וואַרעמע ליפּן. מען טרינקט זיי אויס מיט אַ צאַרטן קוש.

— שוינען מוזסטו זיך, געליבטער!

— יאָ, יאָ. דו אויך... שלאָפן!

אָבער מען האַלט ניט וואָרט. עפּעס אַן אומרואיקער גייסט וואָרנט זיי, באַרירט די זעל מיט אַ גלעטנדיקער האַנט און וואָרנט: „שלאָפן קאָן מען אַלע אַנדערע נעכט. אַ ז אַ נאַכט לאָזט מען ניט פאַרפאַלן גיין. ניין, ס'איז אַ זינד צו פאַרשלאָפן אַזאַ נאַכט!..“ כאַפּט מען זיך אויף מיט אַ לייכטן שרעק: „נאָך גאָרנישט פאַרלוירן?..“ דער ברייטער שפּיגל אָקעגן געלעגער שימערט ווי אַ תהום, פאַרלאַנגט מען זאָל אים אויספילן מיט לעבן. די נאַטור פאַרטראָגט ניט קיין פוסטקייט. איז דאָס ניט פון דאָרטן געקומען די וואָרנונג?.. וואָס איז דער אונטערשייד! מען גיט

www.libtool.com.cn

נאָך דעם רוף פון הייס־בלוט און מען פאַרגייט ווי אין אַ זיסן ווייטיק. מען בלייבט ליגן ווי געחלשט. איצט קומט די אמתע פאַרגעסנקייט. די פוסטקייט ווערט אויסגעפילט. די אומרואיקייט גייט איבער אין אַ גלייכ־מאָסיקן אָטעם. גיך לויפט די צייט. דורך די פאַרהאַנגען שלאָגט זיך דורך אַ גרויער שימער, דערנאָך — אַ בלויער. דער ראָזעווער שיין פון נאַכט־לעמפּל פאַרלירט זיין צויבער, פאַרבלאַסט. די רואיקע קליינ־לוקסענבורגער אַלע דרויסן וואַכט אויף. דער מילכמאַן קלימפּערט מיט זיין פור, וואָס איז באַהאַנגען מיט פּוסטע און פולע בלעכן. אומגעדולדיקע טראַמייען פון אויטאָמאָבילן זויזן דורך. די שפּריץ־מיילער פון פאָנטאַן צעפּלאַפּלען זיך. צווישן איין געריש און צווייטן, הערט מען זייער ריטמישן פּלאַפּל. נאָר אַליין איז מען שיכור פון שלאָף און פון איבער־געלעבטן גליק. אַ שאָד אַ ריר צו טאָן זיך, אַ וואָרט אַרויסצומורמלען.

און גאָר פלוצלונג ווערט מען וואַך. סאָלאַנש קומט די ערשטע צו זיך פון איר געחלשטקייט, עפנט אויף איין גרין אויג, אַ צווייטן, און צעלאַכט זיך:

— קום, געליבטער, קום!

— וואוהין? — פרעגט ברין שלעפּערדיק און רירט זיך ניט פון אָרט.

— איך מוז באַלד גיין!.. און דו — אויך.

זי שפּרינגט אַראָפּ פון געלעגער, רייסט אויף די שמאָלע טיר, וואָס פירט צום באָד־צימער. אַ בלויליכע ליכטיקייט, אָן אָפּשיין פון די בלויע קאַכליע־ווענט, שימערט דאָרטן אויף. און באַלד דערהערט ברין ווי די וואַסער־קראַנען רוישן. פרייער שטיל, דערנאָך — ברויזנדיק. אַ שמעקנ־דיקע פאַרע דערגרייכט צו אים.

— קום, געליבטער! — דערהערט ער ווידער סאָלאַנשס רוף. דאָס מאָל הילכיקער, פרישער, ווי פון אַ קלאָרן ברונעם אַרויס.

ער מאַכט אַן אָנשטרענגונג איבער זיין מידקייט. שטייט אויף און קוקט פּאַוואָלינקע אַריין אין באָד־קאַמערל. אין דער בלוי דורכגעלויכ־טענער פאַרע, אונטער אַ זילבערנעם רעגן פון דוש שטייט סאָלאַנש אין רויט־גומירטן הייבל אויפן קאָפּ. איר טונקעלער יונגער קערפּער שוואַרצלט זיך דורכן רעגן, ווי דורך אַ וואואַל, ניט ערגער ווי ביי אים אין אַטעליע, אויפן בילד פון דער „גרינער נאַכט“ וואָס ער האָט פון איר געמאָלן... נאָר דאָ איז זי אַ סך לעבעדיקער, נאַטירלעכער. אירע פיס טוקן זיך אין דער וואַנע וואָס איז נאָר האַלב־אָנגעפילט. און אַ גוטער ריח פון באָד־זאַלץ מיט טערפּענטין שלאָגט פון דאָרטן אַרויס. צווישן פאַרינען וואַסער, אונטער איר, אין וואַרעמען רעגן פון אויבן, שוועבט

סאַלאַנש ווי אַ פּריילעכער גייסט. אירע ציינער בליצן און איר קול אָטעמט מיט פּאַרע און מיטן גוטן זאַלץ־ריח:

— האָסט דאָך נעכטן געוואָלט שטיין מיט מיר אונטער איין רעגן...

האָסטו דאָך געוואָלט?

— צויבערין מיינע!..

אַ ציטער פון אַ פרישער בייגעדיקייט נעמט אים דורך. מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס לויפט ער צו איר אַראָפּ איבערן מירמלשטיינערנעם וואַנע־טרעפּל און נעמט זי אַרום. דער זילבערנער וואַרעמער רעגן שלאָגט איבער זיי ביידן, די שמעקנדיקע פּאַרע נעמט זיי אַרום מיט אַ זיידיקן שלייער. אַ טונקל־גרינער און אַ ראָז־ווייסער קערפּער שמעלצן זיך אין איין געדיכטן רעגן צוזאַמען.

www.libtool.com.cn

נ י י נ ט ע ר   ק אַ פּ י ט ל

זינד און שטראָף

1.

נאָך אַ קנאַפּן מעת־לעת, ווען דוד ברין האָט זיך אומגעקערט פון דער הוליאַנקע אין זיין אַטעליע, איז שוין געווען גרויסער טאָג. ער האָט זיך געהאַט אָפּגעפרישט מיטן שטיפערישן דוש אין סאַלאַנשס דירה, אָבער ניט אויסגערוט. אַ זיסע שלעפערדיקייט איז אים נאָך געשטאַנען אין די ביינער און עס האָט זיך אים געגלוסט צו ליגן אַ פּאָר שעה איינער אַליין, אומגעשטערט; מיט פאַרמאַכטע אויגן און שמייכלענדיקע ליפּן פאַרדייען אַלע אָנשטרענגונגען צוליב דער „עולם־הזה“, וואָס ער האָט אַזוי העלדיש אַריינגענומען אין זיך, נאָך לאַנגע חדשים פון טרוקענעם אַסקעטישן לעבן, אין יעדער הינזיכט.

פאַרן אַוועקגיין האָט אים סאַלאַנש צוגעזאָגט, אַז אַזוי גיך ווי זי וועט זיך באַפרייען פון איר אַרבעט אין לופענס קונסט־געשעפט, וועט זי ניט גיין פאַרברענגען, ווי איר שטייגער איז, אין נאָענטן קאַפע־הויז ביי האָטעל דע־וויל, נאָר זי וועט קומען צו אים אין אַטעליע, און אויב ער וועט דאָס „פאַרדינען“ — קאָן זיין, אַז זי וועט ביי אים בלייבן נעכטיקן אויך. אין ליבע, האָט זי פילדייטיק צוגעגעבן, איז גוט איבערצובייטן דעם אַרום און דאָס בעט אַזוי ווי די קליידער, די שטימונג — אַזוי ווי די

נאַכט־העמדער. דאָס באַטעמט דעם צזאַמענזיין און עסט זיך ניט צו אַזוי גיך.

www.libtool.com.cn

ער, ברין, פון זיין זייט, האָט געבעטן זי זאָל קומען וואָס פריער, נאָר אין האַרצן געוואונטשן — וואָס שפעטער. דאָס צופיל גוטע וואָס זי האָט אים געגעבן אין אַזאַ, בערך, קורצער צייט האָט אויף אים גענומען ווירקן ווי אַן איבעריקע גלאָז ווייַן אויף אַ נזיר... אויסדורשטן און אויסהונגערן זיך נאָך איר וואָלט ער איצט באַדאַרפט, אויסבענקען זיך ביזקל גרונט. זאָל דאָס אַפילו זיין אומיסטנע! די זעט, נאָך אַ טאָג־און־נאַכט פאַרגעניגנס, האָט אים געמאַכט אומצופרידן מיט זיך אַליין, עס האָט זיך אים גענומען דוכטן, אַז ברין דער קינסטלער האָט זיך פאַרקליבן ערגעץ־וואו אין אַ טונקעלן ווינקעלע פון זיין זעל, אַז ער טוליעט זיך באַשיידן אין שאָטן און וואַרט טרויעריק מען זאָל אים אַ רוף־טאָן, דערוואַרעמען מיט אַ גוט וואָרט. דערווייל וואָס, האָט נאָך דאָס צעלאָזענע און הפקרדיקע די גאַנצע שליטה איבער אים, לאָזט ניט צו מען זאָל דעם פאַרטריבענעם צוריקרופן... מיט זיין בלייבן ליגן איינער אַליין און אויסרוען זיך, האָט ברין גערעכנט שלום־מאַכן צווישן קינסטלער און געניסער, ברענגען זיי ביידן צו אַ געוויסן גלייכגעוויכט. דאָס איז אים איצט געווען אַזוי נויטיק, ניט ווייניקער ווי אַ טיפער שלאָף פון עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד.

אָבער אויך דאָס האָט זיך אים, פון פאָרנט איין, ניט איינגעגעבן. וואָרעם ווי נאָר ער האָט אויפגעשלאָסן און אַריבערגעטראָטן דעם שוועל פון זיין אַטעליע, האָט ער אויפן דיל געפונען צוויי בריוו, וואָס זיין קאָנסיערזשקע האָט אים אונטערגעלייגט אונטערן טיר, ווי זי טוט אַלע מאָל ווען ער קומט שפעט אַהיים. זיין אַדרעס אויף די קאָנווערטן איז געווען געשריבן מיט אומבאַקאַנטע האַנטשריפטן, אָן מאַרקעס און אָן פאָסט־שטעמפּלען. קאָנטיק, אַז די בריוו־שרייבער האָבן דאָס, אין אייַלעניש, אָנגעשריבן דאָ אויף אַן אָרט, אָדער צוגעשיקט מיט אַ ספעציעלן שליח.

— מסתמא נודניקעס... — האָט זיך ברין אַ קרים־געגעבן, באַטראַכטנדיק די אומבאַקאַנטע האַנטשריפטן, — ליידיק־גייער וואָס קומען דרייען אַ קאָפּ וועגן קונסט...

קרימענדיק זיך אַזוי, האָט ער ביידע בריוו מעכאַניש אַריינגערוקט אין קעשענע, געלאָזן זיי אויף שפעטער, ווען ער וועט שוין ליגן אויף זיין ברייטער קאַנאַפּע און הנאה־האָבן פון זיין איינזאַמקייט.

די רואיקייט אין דער אויסגעלופטערטער אַטעליע, דער הויכער סופיט, דער אויסגעוועקסטער פּאָל, די גלייכמאָסיקע ליכטיקייט פון די

www.libtool.com.cn

ווייס־פּאַרהאַנגענע גרויסע פּענצטער און די זויבערקייט וועלכע ער, ברין, האָט דאָ איבערגעלאָזן מיט אַ טאָג צוריק, אויספּוצנדיק יעדן ווינ־קעלע און אויסווישנדיק יעדע בילד־ראַם פאַר דעם אַוועקגיין — דאָס אַלץ האָט אים איצט גוט געשטימט, ווי אַ געניטע האַנט שטימט אָן אַ פידל צום שפּילן. פון מיטן אַטעליע איז אויף אים, אויסער דעם, געגאַנגען אַ שטילע פריינטלעכקייט. דאָס איז געווען דאָס פּריש־איינגעראַמט בילד פון דער „גרינער נאַכט", מיט סאַלאַנשס פאַרשלייערטער נאַקעטקייט אין צענטרום. ליבלעך, ווי אָן אָפּגעזוכטע שוועסטער, האָט אים דאָס בילד צוגעשמייכלט. און ער האָט דאָס זעלבע געטאָן, ווי צו אַ לעבעדיקן וועזן...

אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם אויבערמאַנטל, האָט ברין דערפילט אַז ס'איז קאַלט, ניט געהייצט, און אַ לאָז־געגעבן זיך צום אייוועלע. צו זיין גרויסער צופרידנקייט איז דאָס אייוועלע געווען געמאַכט. שטיינ־קוילן זיינען געלעגן אָנגעהויפט אויף שפּענער און צייטונג־פּאַפּיר. אַ דאַנק דער קאָנסיערזשקע! אים איז נאָר געבליבן אָנצוצינדן אַ שוועבעלע און מאַכן פייער... אַ בלוי פלעמעלע האָט זיך באַלד באַוויזן און, ווי אַ שלאַנג, אַוועקגעקראָכן און גענומען לעקן די שפּענער. און, ביז עס וועט זיך פונאַנדערפלאַקערן, האָט זיך ברין אויסגעצויגן אויף זיין קאַנאַפּע אין אַטעליע מיטן שוואַרץ־רויטן קאַשמירער צודעק און איינגעוויקלט זיך אין וואַליקן פּלעד. איידער ער האָט דאָס געטאָן, האָט ער נאָך אומגע־דרייט די „גרינע נאַכט", מיטן אָנפּאָס צו זיך, כדי האָבן דאָס פאַר די אויגן און כדי אויסמישן די טיפע הנאה פון אַליין־זיין מיט אַ הנאה פון דער גליקלעך פאַרענדיקטער אַרבעט. אַ גוטע ווײלע איז ער אַזוי געלעגן און אַריינגענומען אין זיך די רואיקייט פון אַטעליע און די איידל־גרינע טענער פון זיין פאַרביקער קאָמפּאָזיציע. אַ מין גייסטיקער קאָקטייל איז דאָס פאַר אים געווען — פון וועלכן מען געניסט טראָפּנווייז...

איצט האָט ער זיך דערמאָנט אָן די צוויי בריוו. האָט ער זיי אַרויס־גענומען און אויפגעריסן איינס נאָכן צווייטן. דער איינער איז געווען פון פּראַסואַ לופען. דאָרטן זיינען געווען נאָר עטלעכע קורצע שורות געשריבן מיט אַ פּערלדיקער, דראַבנער האַנטשריפט פון אַן עסטעט. „שער מעטר!.." איז דאָרטן געשטאַנען. „ווי מיר האָבן נעכטן אָפּגע־רעדט, ביי מאַדמואַזעל סאַלאַנש אין שטוב, שיק איך אייך צו מיין באַ־דינער אָפּצונעמען דאָס בילד. אַזוי ווי איר זענט הײַנט, וואַרשיינלעך שפּעט אויפגעשטאַנען, וועט אייך מיין שאָסער*) איצט ניט שטערן.

*) שליח.

ער וועט קומען נאָכאַמאָל נאָכמיטאָג, צווישן דריי און פיר דעם זייגער. איך האָף אַז מיין האָנאָראַר האָט אייך באַפרידיקט. — פ. ל.״

www.libtool.com.cn

„וואָס איילט ער זיך אַזוי, דער אָפּגעפּאָרענער דענדי ?״ — האָט זיך ברין געוואונדערט. — וואָס איז ער אַזוי אומגעדולדיק ? ווי עס ווייזט אויס, פאַרטרויט ער מיר די לעבעדיקע סאָלאַנש מער ווי די געמאָלטע... אַן איינפאַל ! שיקן אַ מענטשן איינמאָל כדי אָנצוזאָגן, אַז ער וועט קומען אַ צווייטן מאָל... און אפשר איז דאָס ניט מער ווי אַ טריק אַזאַ. לופען אַליין האָט דאָך אים אויפגעמונטערט צו פאַרליבן זיך אין זיין געליבטער. איז ער, ווייזט אויס, נייגעריק צו וויסן ווי ווייט דאָס איז אים געלונגען. שיקט ער דערפאַר זיין באַדינער צוויי מאָל: איין מאָל צו דערגיין ביי דער קאָנסיערזשקע צי ער, ברין, האָט גענעכטיקט אין דער היים; אַ צווייטן מאָל — אָפּצונעמען דאָס אָפּגעקויפטע בילד...

דער צווייטער בריוו האָט אים נאָך מער געבראַכט אין שטוינען, און ניט דאָס אַליין, נאָר אַרויסגערופן אַ געפיל פון אומרואיקייט. געשריבן איז דער בריוו געווען מיט גרויסע פלעקערדיקע בוכשטאַבן פון אַ ביוראָ־מיידל. „מאָסיע ברין״, האָט ער דאָרטן געלייענט, „איך מוז אייך זען. איך בין שוין ביי אייך איין מאָל געווען און וועל מיר דערלויבן צו קומען נאָכאַמאָל אַרום אַ זייגער צוויי. איך האָף, אַז איר וועט מיר שענקען עטלעכע מינוט פאַר אַ זייער וויכטיקן געשפרעך...״ אונטערגעשריבן איז געווען: „קלאַראַ מלאָטעק״.

— „וואָס איז ?״ — האָט זיך ברין האַלב אַ הויב־געגעבן פון איבעראַשונג. — צי האָט דאָס ניט צו טאָן מיט דעם וואָס יעטאַ ראָזען האָט מיר נעכטן דערציילט בשעתן טאַנצן, אַז די מלאָטעקיכע האָט זיך פאַר איר געקלאָגט וועגן סקאַנדאַל וואָס איך האָב געמאַכט אין איר „סאַלאָן״, איך בעט אייך צו פאַרציייען, און אַז איך האָב איר קאַליע געמאַכט דעם מאַנס קאַריערע ?.. ניט קיין געשמאַקע זאַך צו אונטערהאַלטן זיך מיט אָט דער הויכער אומגעלומפּערטער דאַמע, וועלכע שיינט צו זיין ניט פון די באַשיידענע. ווער רעדט נאָך אויב דער מאַנדל אירער, מיטן שעפּסענעם פּראָפיל, וועט קומען מיט איר צוזאַמען... ניט אַנדערש — דער געפּאַטשטער האַרקאַווקע האָט דאָ אַ האַנט. ער מאַכט אַן אָנשטעל אַז ער גייט באַשיצן זיין צווייפלהאַפטיקן כבוד און שיקט מיר צו זיינע שווער־לייביקע סעקונדאַנטן...

ער האָט אַ קוק־געגעבן אויף זיין זייגערל. עס איז נאָך געווען בערך פרי. עלף פאַרמיטאָג. די פּערספּעקטיוו צו בלייבן אַ דריי־שעה איינער אַליין האָט אים באַרואיקט. אָבער ניט אויף אַזויפיל ער זאָל גלייך קאָנען צומאַכן די אויגן און איינדרימלען.

ברין איז נאָך דערצו געווען אַן אַקטיווע נאַטור, וואָס פאַרטראָגט ניט קיין אַבסאָלוטע פּוסטקייט. זיין מאָלערישע פאָרשטעלונג האָט שטענדיק געאַרבעט, ווי מיד ער זאָל ניט געווען זיין. קעגן זיין אייגענעם ווילן האָט ער זיך, אַפילו אין זיינע רו־שטונדן, אָפּגעגעבן רעכענונג, צוזאַמענגעשטעלט פיגורן, געמאַכט פאַרגלייכונגען, געצויגן קאָנזעקווענצן. דאָס מאָל האָט דאָס געגאָלטן פאַר די מאַטעריאַלן, וואָס האָבן זיך אין אים געהאַט אָנגעזאַמלט די לעצטע פּאָר טעג, פאַר די שאַרפע קאָנטורן פון די אינטערעסאַנטע קעפּ, וועלכע האָבן זיך אים באַגעגנט אויפן אינמיטן וועג צו זיין מאָדעלקע...

— די קונץ פון דער קונסט, — אַזוי האָט זיין דענק־אַפּאַראַט געאַרבעט פון זיך אַליין, — איז דאָך ניט מער ווי געפינען א פאָרמע אין אָדער פאַר דער גלאָמפּיקער מאַטעריע...

האָט ער די דאָזיקע פאָרמען געזוכט איצט אין דער רויער מאַסע פון באַגעגענישן און געשפּרעכן מיט פראַנסואַ לופען, מיט גאַבראָנסקין און מיט אַנרי דאַל.

— פראַנסואַ לופען, — האָט ברין געצייכנט אין זיין פאַרשטעלונג, ווי מיט קויל אויף ווייסן קאַרטאָן, — דאָס איז אַ מאָדערנער עפּיקוריער מיט אַן איבערגעשפּיצטן געשמאַק. אָבער זיין איבערגעשפּיצטקייט איז מער פּילאָזאָפיש ווי אַקטיוו. וואו מען דאַרף לאַכן, שמייכלט ער; וואו אַלע עסן, שמעקט ער; וואו אַלע געניסן, באַלעקט ער זיך. פּשוט דערפאַר, ווייל ער האָט מער קיין כוח ניט אויסצופירן זיינע ווע־לעכצן. פרעדיקט ער נאָך די פיינסטע מצוות פון עולם־הזה דאָרטן, וואו אַנדערע פירן זיי אויס. ער פייפלט ווי אַ גוטער פאַסטעך בשעת די קי פאַשן זיך...

דער אויספירער פון זיינע טעאָריעס איז אַנרי דאַל, כאָטש זייביידע זיינען אפשר אינגאַנצן ניט באַקאַנט. ער פירט זיי אָבער אויס אויף זיין סקולפּטורעלן שטייגער: קראַפּטפול, ברוטאַל. ער גלויבט אַפילו ניט זיינע אייגענע אויגן, זיין געהער, זיין גערוך. ער מוז אַלץ אָנטאַפּן מיט ביידע פליישיקע און עמפינדלעכע לאַפּעס, ווי אַ בלינדער לייב. ער טרייבט אַרויס אַלע גייסטער פון זיין אַטעליע, ווען זיי הויבן אַן צו האָבן טענות, באַטאָנען זייער עקזיסטענץ. ער האָט אַפילו סאָלאַנש בירט אַרויסגעטריבן ווען זי איז אים, לויט זיין מיינונג, געוואָרן צופיל גייסטיק...

— איך אַליין, — אַזוי האָט ברין זיך אַליין אַוועקגעשטעלט צווישן זיי ביידן און פאַרגליכן, — איך אַליין הענג עפּעס צווישן לופענס טעאָריע און אַנרי דאַלס פּראַקטיק. דער טאַלאַנט שלעפּט מיך אַרויף, און מיין

www.libtool.com.cn

איינזאַמער לעבן — אַראָפּ. איך בין אי צוריקגעהאַלטן, אי אויסגעלאַזן. זינדיק און פרום. איך בין צעריסן צווישן גוטן געשמאַק און גראָבן הונגער, צווישן מיין פיינער נאָז און זשעדנעקייט. צו וואָס וועט דאָס מיך נאָך דערפירן ?.. זעסטו, מישעל גאַבראָנסקי האָט זיך שוין אינגאַנצן באַפרייט פון קערפּערלעכקייט. ער פליט הויך. ער זעט, דערפאַר, זאַכן איבער אונדזערע אַלעמענס קעפּ. אַפילו איבערן זילבער־ווייסן קאָפּ פון זיין געגטער יעטאַ, וועלכע ער האָט נאָך ליב ביז צום היינטיקן טאָג און שעמט זיך אויסצוזאָגן. און ווען די אַלטע ליבע קלאַפּט אים אָן, אויף די עלטערע יאָרן, אין זיין הילכיקער טיר, שרייט ער אויף איר אָן, ווי דיאָגענעס האָט אָנגעשריען אויף אַלעקסאַנדער מוקדען, בשעת יענער האָט אים באַזוכט: „טרעט אָפּ אָן אַ זייט! דו פאַרשטעלסט מיר דאָס ליכט פון דער זון...״ עס איז אַ גרויסע דערגרייכונג צו זיין אַזוי ווי ער. אָן אַ פאַרגאַנגענהייט און נאָר מיט איין גלויבן אין דער צוקונפט פון וועלט און מענטשהייט... אָ, אַ סך יאָרן וועלן נאָך פאַרגיין ביז איך וועל זיך באַפרייען, ווי אָט דער מערקווירדיקער טשודאַק האָט זיך באַפרייט פון אַלע ליידנשאַפטן; ווי אַ באַלון־פליער — פון די מיטגענומענע באַלאַסטן. מען שטייגט הויך. ס׳איז ליכטיק און קיל. די לופט איז דין. דער ווינט בלאָזט ניט, נאָר ער גלעט מחיהדיק, ווי אָט די מידקייט, וואָס קומט אויף מיר איצט אַראָפּ. דער גלאַנץ פון לעבן ציטערט ווייט, ווי אָט דער אָפּשיין פון מיין צעפלאַקערט אייוועלע. און ס׳איז אַזוי לייכט און אַזוי גוט און אַזוי דערהויבן...

.2

אַ קלאַפּן אָן טיר האָט אים אויפגעוועקט פון זיין ניט־טיפן שלאָף, אין וועלכן חלום און וואָר האָבן זיך צוזאַמענגעמישט. ברין איז אויפגעשפּרונגען ווי אַ באַטרונקענער. אין אייוועלע האָבן פונק־רויט געגליט די דורכגעפייערטע קוילן.

— ווער איז דאָס? — האָט ער אַ ברום געטאָן מיט פאַרדראָס. אין דער זעלבער רגע האָט ער פאַרשלאָפן אַ קוק־געטאָן אויף זיין זייגערל. דערזען אַז ס׳איז צוויי נאָכמיטאָג, האָט ער זיך אָנגעשטויסן ווער דאָס קאָן זיין. אָן ווייטערדיקע הקדמות איז ער צוגעלאָפן צו דער טיר און אויפגעמאַכט. אַ הויכע פאַרשלייערטע פרוי איז דאָרטן געשטאַנען.

— אַנטשולדיקט... — האָט ער דערהערט אַ הייזעריקלעכן קול אונטער אַ בלוילעכער וואוּאַלקע. אַ הויכע ברוסט האָט זיך געהויבן אין אַנטקעגן. די באַזוכערין איז, קאָנטיק, געווען שטאַרק אויפגערעגט.

— מאַדאַם מלאָטעק? — האָט ער העפלעך אַ פרעג־געגעבן.

www.libtool.com.cn

יענע האָט קוים אַ שאָקל־געגעבן מיטן קאָפּ און איז שוין אַזוי גע־
www.libtool.com.cn
בליבן שטיין, איינגעבויגענערהייט. איז ברין אָפּגעטראָטן אַן אַ זייט, אַנווייזנדיק מיט דער האַנט, אַז דער וועג איז פריי. קלאַראַ מלאָטעק, מיט איר שיינער און מעכטיקער פיגור, איז אַדורך ניט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ. די מאַסע פון אירע קאַשטאַנענע ווייכע האָר איז איצט געווען צוזאַמענגעפּרעסט אונטער אַ קליין היטעלע. אָבער די דערדריקטע קוד־לעס האָבן זיך, ווי אַ ברוינער שוים, געריסן פון אונטער דעם לייכטן צודעק מיט די קעפּלדיקע שפּילקעס. פּונקט אַזוי האָט איר מעכטיקע ברוסט פונאַנדערגעשפּאַרט איר ענגן קאַראַקולענעם זשאַקעטל, און אירע היפּטן — דאָס שוואַרצע אַנגעצויגענע קלייד. אינגאַנצן האָט זי איצט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ קערפּערלעכער קראַפט וואָס איז איינגעפּאַנ־צערט אין אַ צו־דינעם געוועב, אַנגעזאַמלטע כוואַליעס לעבן אין אַ שוואַ־כער הרעבליע. איין קנעפּל־אויף — און אַ געוויסער פון לייב און ווייבע־רישקייט פאַרפּלייצט דיך אַן רחמנות!..

דורכגייענדיק פאַרויס, האָט זי ברינען אָפּגעגאָסן מיט אַ געדיכטן ריח פון אַמבער־פּאַרפיום. דערפאַר איז איר באַגריסונג געווען אַ גאַנץ שיטערינקע. „אַנטשולדיקט!" — האָט זי בייזלעך שטיל אַ מורמל־געגעבן, און ברין האָט ניט געקאָנט דערכאַפּן, צי מחמת שנאה איז איר קול געווען אַזוי שוואַך און הייזעריק, צי מחמת געפאַלנקייט.

ער האָט זי געבעטן זיצן, צוגערוקט איר דעם ברייטסטן פאָטעל, וואָס ער האָט געהאַט אין אַטעליע. זי האָט דאָס, מיט אירע מעכטיקע היפּטן, גלייך אויסגעפילט און פאַמעלעך אַרויפגעצויגן איר בלוילעכע וואואַלקע. איצט האָט ברין דערקענט אירע גרויסע, אַ ביסל אויסגע־קוילערטע אויגן, ווי ביי מישעל גאַבראַנסקין — איר קרוב. זיי זיינען נאָך איצט געווען אַ ביסל רויטלעך, ווי נאָך אַ שלעכט־פאַרבראַכטער נאַכט, אָדער נאָך אַן אויסוויינען זיך. זי האָט אים אָנגעקוקט און געשוויגן. האָט ער דערפאַר גענומען דאָס וואָרט:

— איר זענט שוין דאָ געווען... איבערגעלאָזן דעם בריוו...

— יאָ, — מאַכט זי און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, — נעכטן... פאַר־נאַכט...

— אַליין? — האָט ברין פאַרוואונדערט אַרויפגעצויגן די ברעמען.

— מיין מאַן ווייסט ניט פון דעם... אַז איך... — האָט מאַדאַם מלאָטעק גענומען זוכן ווערטער, — איך וויל אויך ניט ער זאָל וויסן...

— דאָס איז אייער זאַך... — האָט ברין קיל אַ הויב־געגעבן מיט די פּלייצעס. ס'איז אָבער געווען אַ געמאַכטע גלייכגילטיקייט. אין דער אמתן איז זיין נייגעריקייט געוואַקסן. וויבאַלד נעכטן פאַרנאַכט איז זי

דאָ אויך געווען איינע אַליין, איז דאָס קיין שום געפּערלעכער וויזיט ניט. www.libבשעת אויפעפענען דעם בריוו האָט ער אַנדערש גערעכנט... ניין, קיין שום געפאַר איז דאָ ניטאָ! און האַרקאַווקע שטעקט דאָ אויך ניט הינטער דעם...

— איז מיט וואָס, מאַדאַם, קאָן איך אייך דינען?

ער האָט זיך דערביי פּאַמעלעך צוגעזעצט און גראָד אַקעגן זיין באַזוכערין, און העפלעך־שמייכלענדיק אַריינגעקוקט אין די אויסגע־פּרעגטע, ניט־מיאוסע אויגן.

זי האָט זיין קוק ניט אויסגעהאַלטן, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, לייכט פאַרביסן אַ ליפּ.

— איך ווייס ניט! — האָט זי צערייצט אַ מורמל־געגעבן.

אָבער ברין האָט שוין באַקומען זיין אַבסאָלוטן גלייכגעוויכט. האָט ער געמאַכט אַ צווייטייטיקע מינע און אַ ביסל שפּילעוודיק צענומען די הענט:

— איר ווייסט ניט? און מיר דאכט, אַז איך ווייס יאָ...

איצטער האָט זי אים אָנגעקוקט שטייף מיט אַ באַהאַלטענעם פאַרוואורף:

— דאָס איז זייער גוט וואָס איר ווייסט יאָ!..

אויף אַזאַ טאָן פון אַ דער שווער־לייביקער דאַמע האָט זיך ברין ניט געריכט, און, אַ ביסעלע צעמישט, גענומען באַטראַכטן זיינע אייגענע פינגער:

— איך שטויס מיך נאָר אָן. איך בעט אייך... הונדערט מאָל בעט איך צו אַנטשולדיקן מיר מיין אויפטריט ביי אייך אין שטוב.

— אייער אַנטשולדיקונג, מאָסיע ברין, — האָט זי אים דורכגע־נומען מיט איר אויסגעקוילערטן קוק און אירע אויגן האָבן איצט גע־גלאַנצט מיט אַנטשלאָסנקייט פון אַן אשת־חיל, — אייער אַנטשולדיקונג קאָן מיר גאָר ניט העלפן...

דער גראָדער קוק אירער, אַזוי ווי איר דרייסטער טאָן, האָבן אים איבערראַשט: „העין, העין! זי איז דאָך גאָר ניט אַזאַ קאַלב, ווי ער האָט געמיינט: סיי ביי איר אין שטוב און סיי דאָ, ווען זי איז אַריין...“ ער האָט אין איר פּלוצלונג דערפילט די בייזקייט פון אַן אור־חיה, וועלכע באַשיצט אירע קינדער אָדער איר אומבאַהאַלפענעם זכר. אַזאַ איינע איז אָפּטמאָל קאַפּאַבל אויף אַלץ!.. האָט ער, ניט־ווילנדיק, געמאַכט: „הם!..“ און אַ רוק־געגעבן זיין שטול אויף צוריק. דאָס אַליין איז שוין געווען אַ ניט־אויסגערעכנטער זשעסט פון שטייגנדיקן דרך־ארץ. אַגב, האָט ער איצט באַמערקט, אונטער איר קורצן קלייד, וואָס פאַר אַ

קרעפּטיקע ווייסע פּיס עס שלייערן זיך ביי איר אין די דינע, העל־ברוינע זיידענע זאָקן. צוזאַמען מיט דער געבויגענער ליניע פון אירע היפּטן גיסן זיי זיך צוזאַמען אין איין מאַלערישן שוואונג. אַך יאָ, רובענס וואָלט זיך אויך ניט געשעמט אויסצוכאַפּן אַזאַ נאַקעטן אויסבויג. טיציאַן וואָלט דאָס פאַרשלייערט מיט ווייכע פאַלדן פון אַ העמד, כדי צו מאַכן די ליניע נאָך אַנציענדיקער, ראָמאַנטישער...

www.libtool.com.cn

— זאָגט, ליבע מאַדאַם מלאַטעק! זאָגט וואָס איר האָט צו זאָגן. איך הער אייך!

ער האָט דאָס אַרויסגערעדט מיט אַ געמאַכטער פייערלעכקייט, ווי אין אַ ראָמאַן, כדי צו פאַרדעקן דערמיט זיין צו־נייגעריקן בליק. אָבער די רובענס־ווערטע דאַמע האָט זיין פאַלשן טאָן זייער גוט צוריקגעשלאָגן:

— איר הערט מיך ניט. איר זעט מיך מער ווי איר הערט!..

און קיין ליבע מאַדאַם בין איך אויך ניט. איך בין נאָר מאַדאַם מלאַטעק.

„גאָר ניט קיין גאַנדז!" — האָט זיך ברין געטראַכט און ניט אָן אַ געוויסער הנאה. — „די גאַנדז איז גאָר אַ קאַץ. זי דראַפּעט זיך..."

אויפן קול אָבער האָט ער צו איר געזאָגט אַזוי, ניט־אויפגעבנדיק זיין לייכטע שפּילעוודיקייט:

— אַזוי זאָגט איר, מאַדאַם, איך זע צופּיל? פאַרמאַך איך די אויגן. רעדט! איך זע מער גאַרנישט.

— מאַכט זיך ניט נאַריש, מאָסיע ברין! — האָט זי אויף אים אַזוי גוט ווי אָנגעשריען. — ס׳איז ערנסטער ווי איר מיינט. איך האָב אויף דעם אָוונט ביי מיר אין שטוב געבויט. זענט איר געקומען און קאַליע־געמאַכט: צוויי פון די פּרעסע־לייט אויסגעזידלט, אַ דריטן געפּאַטשט. די געסט זיינען זיך צעלאָפן. און נעכטן פרי... גאַנץ פרי איז מען געקומען פון געריכט, אָפּגעשריבן דאָס מעבל און פאַרחתמעט.

— מיינט איר טאַקע, מאַדאַם, אַז ווען הארקאַווקע דער קונסט־קרי־טיקער וואָלט ניט געוואָרן אויסגעפּאַטשט, וואָלט מען אייער מעבל געשאַנעוועט?..

— אָן דעם סקאַנדאַל וואָלט מען לייכט באַקומען קרעדיט. שוין ניט צום ערשטן מאָל...

— המ... ווערדליק אייער קוזין גאַבראַנסקי האָט מיר דער־ציילט —

— זיינען מיר גבירים... רייכע עלטערן... יאָ, יאָ אויף דעם חשבון האָט ער שוין אונדז ניט איינמאָל אַרויסגעהאָלפן. אָבער איצט...

— ווייסט ער ניט דעם אמת?

— ניין. ער ווייסט ניט, אַז די עלטערן מיינע ווילן מיר ניט שיקן. זיי גלויבן מער ניט מיין מאַן. זיי ווילן ניט ער זאָל בלייבן ביי זיין מאָלעריי. זיי האָבן דאָס קיינמאָל ניט געוואָלט. זיי ווילן אַז מיר ביידע, איך און מיין מאַן, זאָלן מיר זיך אומקערן צוריק אַהיים, אין דער אוקראַינע, ווערן שניט־קרעמער, אַזוי ווי זיי...

— מיינט איר אַז ס׳איז ניט קיין גלייכע זאַך?

די ניט־קאָרעקטע באַמערקונג האָט די מלאָטעקיכע אַ הויב־געטאָן פון אָרט. שווער ווי זי זעט אויס, איז זי אויפגעשפרונגען ווי אַ גרויסער גומענער באָל:

— און ווי מיינט איר דאָס?.. זעקס יאָר אַז איך און מיין מאַן אַרבעטן צוזאַמען, האָפן, קאָרמענען צענדליקער געסט, באַטרינקען די פרעסע־לייט מיט שאַמפּאַניער. און מיטאַמאָל...

רויטע פלעקן האָבן איר אַ שאָס־געגעבן אין די פאַרבלאָסטע גלאַטע באַקן. איר קין איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ דריבנעם ציטער. נאָך איין רגעלע און זי צעוויינט זיך. ערשט איצטער האָט ברין באַמערקט ווי פּייַנ־לעך איר איז אַזאַ אַנטוישונג. אַראָפּצוניידערן פון קינסטלער־פּיעדעסטאַל און ווערן אַ שניט־קרעמערקע, אַזוי ווי אירע עלטערן, איז, ווייזט אויס, העכער פאַר אירע קרעפטן. און זיין געוועזענע ווייב, זיין סאָניאַ, איז דען געווען בעסער?..

האָט ער דערפאַר שטאַרק חרטה־געקראָגן אויף זיין ניט־פּאַסיקער באַמערקונג און זיך באַאיילט צו באַרואיקן זיין אויפגערעגטע באַזוכערין:

— מאַכט דערפון ניט קיין טראַגעדיע, מאַדאַם! אויך איך האָב דאָס איבערגעלעבט, ווען ביי מיר...

ער האָט זיך פאַרכאַפּט און אַנגעכמורעט די ברעמען:

— מיט איין וואָרט: וועגן וואָס האַנדלט זיך דאָס? זעצט זיך! זיצט!

ער האָט פון בוזעם־קעשענע אַרויסגעצויגן דעם קאָנווערט מיט לופענס נעכטן באַקומענעם האָנאָראַר, וועלכן ער האָט נאָך ווייניק גערירט, און נאָכלאָזיק גענומען ציען אַסיגנאַציעס:

— אויב עס האַנדלט זיך וועגן אַ פּאָר טויזנט פראַנק, איז... שעמט זיך ניט.

אירע אויגן האָבן זיך אויפגעריסן. זי האָט זיך, קאָנטיק, ניט געריכט, אַז מען וועט פון פאָרנט־אַריין אָנהויבן פון טויזנטער.

— יאָ, יאָ... — האָט זי גענומען שטאַמלען און אירע אויגן־לעפּלעך זיינען גלייך רויט געוואָרן.

זי האָט אַרויסגעכאַפּט איר טאַשנטיכל פון האַנט־זאַק און צוגע־

דריקט צום פּנים ווי עס ווייזט אויס — נאָר כדי ברין זאָל איר גיריקן אויסדרוק ניט זען.

www.libtool.com.cn

— אויב, — מאַכט זי מיט אַ געפּאַלענער שטים, — מיר וועלן היינט־מאָרגן ניט באַצאָלן דעם וועקסל, וועט —

אָבער ברין האָט זי אומגעדולדיק איבערגעשלאָגן:

— וועט דריי טויזנט זיין גענוג?

זי האָט גלייך ניט צוגענומען, נאָר אַראָפּגעלאָזן איר טאַשנטיכל, און איר ברייטהאַרציקן געבער אָנגעקוקט מיט אָפענעם האַס. אַפּנים — ווייל ער זעט זי אין אַזאַ דערנידערונג. אָבער באַלד האָט זי זיך צוריק־געפונען; נאָכלאָזיק, ווי זי וואָלט געטאָן אַ טובה, צוגענומען און אַ בלעטער־געגעבן די עטלעכע אַסיגנאַציעס:

— מאָסיע ברין, גענוי ווען איך וועל אייך אָפּגעבן קאָן איך אין דעם מאָמענט ניט זאָגן.

— עס מאַכט ניט אויס... — האָט ער זיך נענטער צוגעזעצט צו איר און עפּעס אומגערן אַזוי אַראָפּגעלאָזן איין דלאָניע אויף איר קני און דערפילט, אַז די רונדקייט איז ווירקלעך גאָר אַ באַזונדערע. ניין, רובענס וואָלט זיך מיט אַזאַ מאָדעל ניט געדאַרפט שעמען. צו אַלדי גוטע יאָר טיציאַנס אָנגעפּאַלדעוועטע העמדער!..

— אַ דאַנק! — האָט מאַדאַם מלאַטעק קורץ אַ מורמל־געגעבן. אַ פּאַרשפּעטיקטער דאַנק איז דאָס געווען. זי האָט דאָס אַפּנים אַליין דערפילט און אויפגעשטאַנען מיט איר גאַנצער וואוקס. איר מעכטיקע ברוסט האָט זיך אומרואיק געהויבן.

אָבער דער שד פון הפקרות, וואָס האָט זיך נעכטן אינדערפרי צע־טאַנצט אין ברינען און איז שוין היינט געווען נישקשהדיק מיד, האָט ווידער אויפגעלעבט און, מאַכנדיק אַלערליי גרימאַסן, גענומען שעפּטשען: „צו לאַנג, ברין, ביסטו געווען אַ נאַר. אַלץ איז דערלויבט אין דיינע יאָרן. וויבאַלד זי איז געקומען איינע אַליין צו אַ פרעמדן מאַנצביל אין אַטעליע און מיט אַזעלכע פּרעטענזיעס... וואַרט ניט!..״

— אפשר וועט איר טרינקען אַ... טאַסע טיי?

ער האָט דאָס אָנגעבאָטן גלאַט אַזוי. ווייל קיין אַנדערע ווערטער האָט ער אין דעם מאָמענט ניט געהאַט. און באַלד אַליין דערקלערט זיין פּלוצלעכן אָנבאָט:

— וויבאַלד איר זענט שוין דאָ... רוט זיך אויס!

— ניין... — איז זי נאָך אומרואיקער געוואָרן און שרעקעוודיק זיך אומגעקוקט אויף דער קאַשמירער דעקע איבער דער קאַנאַפּע, אויפן אויפגעדעקטן וואַליקן פּלעד, ווי אויף אַ פּאַסטקע. איר „ניין״ גופא איז

www.fltbtool.com.cn

עפּעס אויך געווען אַ שיטערדיקער, אַ ניט־זיכערער. די קאָמישקייט פון איר „ביין" האָט זי אַוודאי אַליין דערפילט, וואָרעם זי האָט אים גיך, אַ ביסעלע צו־גיך, גענומען פּאַרטייטשן:

— איך מוז באַלד... יאָ, מיין מאַן מוז איך טעלעפאָנירן... דאָ, אונטן... אַז איך האָב געקראָגן. ער זאָל זיין רואיק...

— צוליב וואָס טעלעפאָנירן? — האָט ברין מיט איין אָרעם אַרומגענומען איר ברייטלעכע, פעסטע טאַליע, — איר וועט אים בעסער אַליין זאָגן, וועט דאָס זיין אַ סיורפּריז...

— אַ סיורפּריז?.. — האָט זי זיך גענומען איבערלייגן און פונדעסטוועגן אָפּגעטראָטן אַן אַ זייט.

— יאָ, אַ סיורפּריז! — האָט זי ברין ניט אָפּגעלאָזן. — עס דאַרף קומען אומגעריכטערהייט. זאָל ער וואַרטן!

— זאָל ער וואַרטן... — האָט זי עפּעס מאָדנע איבערגעחזרט, אַ כיכיקע געגעבן, און אירע אויגן האָבן געקראָגן אַ שווימענדיקן אויסדרוק. שמאָל און בוימלדיק זיינען זיי געוואָרן.

אַזאַ איבערגאַנג פון טריישאַפט צו אַפּלאַכרישער קווענקלעריי האָט ברינען אַריינגעוואָרפן אין אַ פריילעכן טומל. ער איז נאָך דרייסטער געוואָרן:

— איר וועט זיך דערהיצן, — האָט ער איר אַ וואונק געגעבן אויפן גליענדיקן אייוועלע.

— דאָ איז טאַקע הייס... — האָט זי זיך אומגעקוקט. אירע באַקן האָבן איצט געגליט ניט ווייניקער ווי דאָס אייזערנע אייוועלע.

ניט וואַרטנדיק ביז זי וועט דערלויבן, האָט ברין אָנגענומען איין אַרבל פון איר קאַראַקולענעם זשאַקעט און גאַלאַנט גענומען ציען.

דאָס באַרירן די וואַרעמע גלאַטקייט פון איר שוואַרצער סאַטין־בלוזע, ביים העלפן אויסטאָן דעם שווערן זשאַקעט, די אָנגעצויגנקייט פונעם זעלבן סאַטין אויף איר קיילעכדיקער פּלייצע, האָבן אים, קעגן זיין אייגענעם ווילן דורכגענומען מיט אַ בייסיקן, אומגעדולדיקן ציטער. „וואָס איז דאָס?" — האָט ער זיך אַליין גענומען מוסרן, — „איז דיר ווייניק סאָלאַנש? אַזאַ זיסע, אַזאַ וואונדערבאַרע, אַזאַ שמעקנדיקע. ווי אַ צייטיקער, מיט מאַרגן־טוי באַדעקטער אָראַנזש! נאָך אַ גאַנצער נאַכט מיט איר צוזאַמען ביסטו נאָך אַלץ ניט זאַט? ביין?"

אָבער דער צעהוליעטער שדל אין האַרצן, די צעלאָזנקייט פון אַ גאַנצן מעת־לעת פאַרגעניגנס זיינען שוין ווייט אַוועק, געווען שטאַרקער, מיט זייער אומגעצוימטקייט, פאַרן אָרעמינקן מוסר; אַזוי ווי דאָס אַמבער־פּאַרפיום, פון מאַדאַם מלאָטעקס צעוואַרעמטן און שטאַרקן גוף,

איז אין דעם מאָמענט געווען שטאַרקער פאַרן קינסטלעכן פאַרגלייכן סאָלאָנשס ליבע מיט אַ צייטיקן אַראַנזש. יענע איז דאָך בלויז דערינגע־רונג, ערגעץ־וואו הינטער ווענט, אין אַן אַנדער קוואַרטאַל. אָבער די־דאָ איז קאָנקרעט, אַ בליענדיקע פרוי. מיט דער האַנט אָנצוגעמען. מען דאַרף נאָר זיין דרייסטער. מאַלע וואָס נעכטן איז געווען!.. עס האָט זיך אַזוי בולט אַרויסגעוויזן די ריכטיקייט פון באַקאַנטן ווערטל, אַז אַן אויס־געהונגערטע ליידנשאַפט איז זאַט און די געזעטיקטע איז הונגעריק. אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט דער נאַקעטקייט פון אַ פרוי, ווער און וואָס זי זאָל ניט זיין, אַפילו ווען זי איז ווייט פון דעם אויסגעפיינערטן גע־שמאַק, ווי אָט די גרויסע, יונגע, אַ ביסל אומגעלומפּערטע מאַדאַם מלאָטעק, האָט איצט אונטערגעדריקט ברינס געוויסן און געשפּאַנט זיין בייזן ווילן אַזוי, אַז ער איז מער בכוח ניט געווען אַרויסצולאָזן פון די הענט אַזאַ געלעגנהייט. אַ נייער געהיימניספולער ווינקל פון עולם־הזה האָט זיך אים אַנטפּלעקט. דאָס פאַרבייגייענדיקע גליק — אין אַ נייער באַלויכטונג... אַך, זאָל עס הייסן ווי עס וויל! ליבע, ליידנשאַפט, זינד. ניט דער נאָמען איז דער עיקר...

— אַ, — האָט מאַדאַם מלאָטעק לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווען ער האָט זי באַפרייט פון איר פוטערנעם זשאַקעט, — דאָ איז צו־שטאַרק אָנגעהייצט...

— „דאָס ביסטו אַזוי אָנגעהייצט!..“ האָט ברין, מיט אַ בייזער נייגעריקייט, באַטראַכט איר הויך אָטעמדיקע ברוסט.

נאָר געזאָגט האָט ער גאָרניט. ער האָט נאָר געשמייכלט מיט אַ קאָפּעלע נאַריש־צעצויגענע ליפּן, געשטאַנען מיט איר זשאַקעט און היטעלע אין ביידע הענט און זי אָנגעקוקט. זי האָט זיינע מאָדנע־לאַכנ־דיקע אויגן ניט אויסגעהאַלטן און זיך ווידער אַראָפּגעלאָזן אין פאָטעל, די אויסגעבויגענע וויעס אויך אַראָפּגעלאָזן און אַן אַ שום איבערגאַנג אָנגעהויבן צו קלאָגן־זיך אויף איר מזל, ניט פאַר ברינען, ניט פאַר זיך אַליין:

— וואָס קאָן איך טאָן מער? אַז קיין זאַך קומט ביי אים ניט אַרויס, קיין זאַך גיט זיך אים ניט איין... אָט־אָט! און ווידעראַמאָל אָט־אָט! און עס קומט ניט אַרויס. שוין זעקס יאָר אַזוי.

האָט דאָס פון איר אַרויסגעמורמלט די חרפה, וואָס זי האָט אָקערשט איבערגעלעבט, בשעת אַנטלייען געלט ביי אַ פרעמדן? צי דער פאַר־גלייך, וואָס זי האָט אין האַרצן געמאַכט, צווישן איר טאַלאַנטלאָזן אומ־פּעאיקן מאַנדל מיטן שעפּסענעם פּראָפיל און אָט דעם שיינעם זעלבסט־באַוואוסטן, אין דער מאַלער־וועלט באַקאַנטן און פרייגעביקן מאַנצביל,

ווי ברין האָט איר איצטער אויסגעזען ? וואָס איז די נפקא־מינה ? אַבי איר אָנגעבלאָזענער שטאָלץ קייקלט זיך סיי־ווי־סיי, ווי אַ גומענער באַל, באַרג־אַראָפּ...

www.libtool.com.cn

זיכערער געוואָרן ביי זיך, פונעם ערשטן דערפאָלג, האָט ברין פאַרלאַנגזאַמט דעם טעמפּ פון זיין אָנגריף. ער איז זיך, מכלומרשט זייער רואיק, אַוועק צום הענגער לעבן טיר און פאָרזיכטיק אויפגעהאַנגען מאַדאַם מלאָטעקס קאַראַקולענעם זשאַקעט, איר היטעלע; אָבער אין דער זעלבער צייט ניט אַרויסגעלאָזן זי פון אויג־ווינקל. זי האָט איצט צורעכט־געמאַכט אירע רייכע האָר אויפן קאָפּ. און, אומיסטנע אָדער ניט, אָנשטאָט איינפּרעסן זיי, האָט זי זיי גאָר צעשויבערט. מסתמא עטלעכע האָר־שפּילקעס געלאָזן אַרויסגליטשן זיך... אַ ווייכע, גלאַנציקע קאַשטאַנען־קודלע האָט זיך אַרויסגעריסן און פאַרשטעלט פון אים איר פּראָפיל מיט די רויטע יצר־הרע־פלעקן אויף דער ווייסער באַק.

„איז דאָס מעגלעך ?“ — האָט ער נאָכמער פאַרלאַנגזאַמט זיינע באַוועגונגען, — „ערשט אייערנעכטן ביינאַכט האָט זי זיך אַזוי איינגעשטעלט פאַר איר מאַן, באַשיצט זיינע געמעלעכצן, געזאָגט ליגנס, געחנפעט די צייטונגסלייט, געלויכטן מיטן מאַנס שמייכל, ווי די לבנה מיט דעם שיין פון דער זון. און איצטער... קוק זי נאָר אָן!.. איבעריקנס, צוליב וואָס זוך איך פעלערן ביי אָט דער ניט־איבערגעשפּיצטער געזונטער פרוי ? סאָניאַ איז דען געווען בעסער ? איך אַליין בין בעסער ?“...

— איז האָף איך... — האָט ער עפּעס אָנגעהויבן פון אַ מיטן און מיט זייער שטילע טריטעלעך גענומען דערנענטערן זיך צו זיין באַזוכערין פון דער זייט. — איך האָף, הייסט דאָס, אַז איר האָט אייַנגעזען, און איר וועט מיר מוחל זיין מיין אַרויסטריט ביי אייך אין שטוב, קעגן אייערן אַ גאַסט...

די האָפענונג, וואָס ער האָט דאָ „געהאָפּט“, איז שוין געווען אַ ביסעלע איבעריק. עס האָט אָבער איבערגעריסן די מאָדנע שפּאַנונג, וואָס האָט זיך געשאַפן צווישן אים און איר... ריידנדיק אַזוי, איז ער צוגעטראָטן צום פאָטעל, און מיט אַ געמאַכטער פאַרטראַכטקייט אָנגענומען קלאַראַס האַנט. די גלאַטע און שיינע פינגער זיינען געווען רויטלעך און קיל, פון אויפרעגונג אַפּנים. ער האָט זיי לאַנגזאַם צוגעטראָגן צו די ליפּן.

זי האָט איר האַנט ניט אַוועקגענומען. נאָר מיט אַ לייכטן ציטער אַריינגענומען אין זיך די וואַרעמקייט פון זיינע ליפּן, מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן צוגעהערט זיך צום זויגנדיקן טאָן. וואָרעם דער קוש אירע פינגער־קנעכלעך האָט זיך פאַרצויגן...

בריין האָט דערפון קיין איבעריקע באַגייסטערונג ניט געהאַט, אָבער ביי איז דאָס פאָרט געווען. עס האָט אין זיך געהאַט יענע דערפרישנדיקע נייקייט, צוליב וועלכער מענער פאַרלירן אָפּטמאָל דעם קאָפּ, ווי פאַרליבט און איבערגעגעבן זיי זאָלן ניט זיין זייערע פרויען, כלות, געליבטע... די זשעדנע נייגעריקייט אין ברינען איז געוואַקסן, וואָס לענגער ער האָט געדריקט די לאַנגע פינגער צו זיינע ליפּן, וואָס מער ער האָט אין זיך אַריינגעצויגן דעם פאַרפלויגענעם ריח פון איר פאַרפיום. און עפּעס, ווי ער וואָלט דערפילט מיט זיין גאַנצן וועזן, אַז דער בעכער פון עולם־הזה, וואָס סאָלאַנש האָט אים פול אָנגעגאָסן, רינט־אויס, שמעקט שוין מיט הייוון אויפן דעק. אפשר איז עס ערגעץ־וואו לכתחילה געווען אָנגעשפּאָלטן? ווער האָט דאָס צייט צו טראַכטן? מען דאַרף זיך באַאיילן, באַאיילן זיך דאַרף מען...

געענדיקט זיין כלומרשט־גאַלאַנטן קוש, האָט ער קלאַראַס האַנט פון זיינער נאָך אַלץ ניט אַרויסגעלאָזן, נאָר דורכדרינגענדיק אַריינגעקוקט אין איר געזיכט. מיט אַ באַהאַלטענער שנאה אַריינגעקוקט. עפּעס ווי אָט די גרויסע יונגע פרוי, מיט איר אויסגעפּאַשעטן גלאַטן לייב, וועלכן ער האָט מיט אַ מינוט צוריק דערפילט אונטער איר סאַטין־בלוזע, בשעת העלפן איר אויסטאָן דעם זשאַקעט, וואָלט אים איצט געשטאַנען אין וועג און וואָלט אים מיט איר פלוצלעכן באַזוך געשטערט אויסצוטרינקען דעם אָנגעשפּאָלטענעם בעכער ביזקל דעק.

.3

— איז טיי וועט איר טרינקען? — האָט ברין ווידער אָנגעהויבן פון אַ מיטן. און מיטאַמאָל אָן שום ווייטערע הקדמות איינגעבויגן זיך איבערן פאָטעל און אַרומגענומען קלאַראַס האַלדז־און־נאַקן אונטער דער פוכיקער כוואַליע פון אירע קאַשטאַנען־האָר.

— וואָס איז דאָס? — האָט זי געמאַכט אַ פאַרוואונדערטע מינע, אָבער אָפּגעשטויסן אים פון זיך האָט זי ניט.

— ס'איז גאָרניט, — מאַכט ער און קוקט־אַוועק כלומרשט פאַרשעמט, — איר געפעלט מיר נאָר. דאָס איז אַלץ.

זי האָט ווידער ניט פּראָטעסטירט, נאָר שלעפּערדיק אַ מורמל־געגעבן צו זיך אַליין:

— נאַ, איך מוז שוין גיין...

דערנאָך געמאַכט אַן אָנשטרענגונג אויפצוהויבן זיך, און ברין האָט איר געהאָלפן; וואָרעם איר שטיי־פּאָזע האָט אים געגעבן אַ געלעגנהייט אַרומצונעמען זי, גלעטן איר דעם ברייטן, מיט גלאַטן סאַטין באַצוי־

גענעם רוקן. און כדי אָפּצואווענדן איר אויפמערקזאַמקייט פון זיך און פון דעם וואָס ער טוט מיט איר, האָט ער צו איר אַזוי געהיימניספול גענומען שעפּטשען:

— און ער מאָג וואַרטן!.. ער האָט צייט. ער איז שוין לאַנג זאַט פון דיר... פון דיין שיינקייט... אָבער איך, קלאַראַ!..

פון אָט דער „אָפּשפּרעכעניש" איז זי עפּעס אינגאַנצן שוואַך געוואָרן, צוריק אַראָפּגעלאָזן זיך אין פּאַטעל און מיט איר שווערקייט צעריסן די קייט פון זיינע אָרעמס, וואָס האָבן זי געהאַלטן געפאַנגען, אים אַליין אויך מיטגעריסן מיט זיך.

איז ער איצט געבליבן שטיין איבער איר, איינגעבויגענערהייט, און מיט זיינע נייגעריקע הענט פיבערדיק געזוכט די ליניעס פון איר גרויסן שיינעם גוף, באַוואונדערנדיק זיין אייגענע פרעכקייט, וואָס האַלט אין איין וואַקסן. ער איז, דוכט זיך, שטענדיק געווען אַזוי באַשיידן, אַזוי צוריקגעהאַלטן, אַזאַ דרך־ארץ געהאַט פאַר דאַמען.

„ניט אַנדערש", — האָט ער זיך אַליין געגעבן אַן ענטפער, זוכנדיק דעם וועג צו איר קאַרסאַזש, — „ניט אַנדערש, אַז סאָלאָנש האָט מיך דאָס אַזוי צעבאַלעוועט. צופיל און צו־לייכט געגעבן אויף איין מאָל. דער־פאַר רעכן איך, אַז אַלץ קומט מיר, אַלץ מאָג מען און מען ווערט ניט באַשטראָפט. איבריקנס, וואָס אַרט דאָס מיר אַזוי? לאָמיר בעסער זען ווי אָט די דאָ וועט מיך באַשטראָפן!.."

קלאַראַ האָט אַפילו ניט געטראַכט פון באַשטראָפן אים, און ברין האָט זיך איבערצייגט, אַז דער ערשטער איינדרוק זיינער, ווען קלאַראַ מלאַטעק האָט איבערגעטרעטן זיין שוועל, איז געווען אַ ריכטיקער. די לעבעדיקע כוואַליעס, וואָס זיינען געווען פאַרשפּאַרט אין רויטן לע־דערנעם גאַרטל, אין בלויען סאַטין פון איר בלוזע און אין איר ראָזעווען קאָרסאַזש, ווי אין אַן ענגער פאַרבנרייכער הרעבליע, האָבן זיך אויף אים, מיטן ערשטן פאַרזוך, אַ ריס־געגעבן ווי אַ געוויסער פון ווייבלעכקייט און פאַרבלענדט מיט דער גלאַטער אויסגעפּאַשעטער ווייסקייט, באַ־טויבט מיטן אַמבער־פּאַרפיום. דעם קאָפּ האָט ער פונדעסטוועגן ניט פאַרלוירן. וואָס ווייטער, אַלץ העלדישער און גענייטער איז ער געוואָרן. צעטומלט איז זי געווען. געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי געשלאָגן מיט אַ שייט האַלץ איבערן גרויסן, פּושיקן קאָפּ. איר אויפגעטרייסלטע פריזור האָט געשפּריצט מיט האָר־שפּילקעס און אירע קונציק־אָנגעדרייטע קאַשטאַנענע קודלעס האָבן איצטער, ווי אַ קיצלדיקע ווייכע קאַסקאַדע, פאַרפלייצט איר באַשעמטן געזיכט, איר האַלדז און ברוסט. בעסער אַזוי! זאָל זי ליבערשט ניט זען וואָס מען טוט מיט איר.

— איך האָב ליב מיין מאַן... — האָט זי נאָר שוואַך געמורמלט פון יוצא־וועגן, אין בעסטן פאַל כדי אָפּצושרעקן איר צודרינגלעכן פאַר־פירער. אָבער וואָס איז דער אונטערשייד ? אַז דער בייזוויליקער און העלדישער, גאַסטפריינטלעכער מענטש נעמט דאָס סיי־ווי־סיי ניט אין אַכט.

— יאָ, יאָ... — האָט ער נאָר הייזעריק צוגעגעבן. זי איז, הייסט דאָס גערעכט. אַ מאַן דאַרף מען ליבן... און פונדעסטוועגן האָט ער איר פאַרשמאַכטן ביוסט באַפרייט ווי אַ געפאַנגענע פרינצעסין; אָן אַ פּיצל רחמנות באַפרייט פון קאָרסאַזש. רעכט אַזוי! זי וועט דאָך שיר ניט דערשטיקט...

זי האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט, נאָר די ליפּן אירע האָבן נאָך אַלץ געמורמלט, אָן איר ווילן געמורמלט, ווי ביי אַ באַנומענער:

— איך... איך האָב אים זייער ליב... קיינמאָל מיט אַנ־דערע... ניין...

— ניין, קיינמאָל ניט... — האָט ברין זייער ערנסט באַשטעטיקט, און אָפּילו קיין שמייכל ניט געגעבן. אַזוי פאַרהאַוועט איז ער געווען.

נאָר באַלד אָפּנים האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז אַליין וועט ער דאָ קיינמאָל ניט פאַרטיק ווערן, און גענומען בעטן זיך:

— זע, טייערע, העלף מיר! איך פאַרליר אַזוי פיל קראַפט, און דו — אויך. צוליב וואָס ?

— צוליב וואָס ?.. — האָט זי אים איבערגעפרעגט ווי אין הינהער־פלעט און געפּאַלגט.

אַ גרויסער שיינער גוף, אינעם געשמאַק פון רובענס אין זיינע מעדיטשי־קאָמפּאָזיציעס, האָט זיך פאַר ברינען אַנטפּלעקט אין זיין גאַנ־צער צייטיקער פּראַכט. דער סופיט פון אַטעליע איז עפּעס נידעריקער געוואָרן איבער אַזאַ אימפּאָזאַנטער פרויען־פיגור מיט אַ ראָז־ווייסן הויט־גלאַנץ פון זעלטענע פּערל און מיט קרעפּטיקע היפּטן פון אַ לעבעדיקן וויליאַנטשעל. נאָך סאָלאַנשס שלאַנקייט און האַרמאָנישער גלייכמאָ־סיקייט, נאָך סאָלאַנשס טונקעלער הויט מיטן שימער פון גרינגלעכן זייד, האָט אים די דאָזיקע געשטאַלט אויסגעזען אינגאַנצן ניי, און אין דער זעלבער צייט איינפאַכער און דערפרישנדיקער, ווי קוואַל־וואַסער, נאָך שטאַרקן וויין... איז ער געשטאַנען און באַוואונדערט דעם שוואונג פון די פּרימיטיווע ליניעס. און ווירקלעך, ווער זאָל זיך דאָס געוועזן ריכטן, אַז אונטערן פּראָסטן טונקל־בלויען סאַטין מיט די פּערלמוטערנע קנעפּ און אונטערן שוואַרצן וואָלענעם קלייד געפינען זיך אַזעלכע וואונדער ?..

www.libtool.com.cn

— איך האָב אים ליב... זייער ליב... — האָט זי נאָך אַלץ געפּלאָפּלט, פאַרענטפערנדיק זיך פאַר איר אַנטבלויזטקייט, פאַרדעקנדיק דאָס געזיכט מיטביידע אָרעמס.

www.libtool.com.cn

אָבער ברין האָט זיי, אָן אַ גרויסן ווידערשטאַנד, צענומען, אַרויפגעלייגט זיי זיך־אַליין אויף די פּלייצעס און געפּיעשטשעט־שטיל אַ פרעג געגעבן:

— און מיך? מיך גאָרניט?...

— דיך? דיך? — האָט זי פאַרוואונדערט אָפּגעזיפצט און פעסט אַרומגענומען זיין נאַקן.

— דיך... נאָך מער, — האָט זי זיך פּלוצלונג מודה־געווען און צוגעדריקט צו זיך. — דו ביסט קליגער, טאַלאַנטפולער, דרייסטער און... און שענער אויך.

די שנאה, וואָס ער, ברין, האָט פריער דערפילט צו איר קעלבערנער זאַטקייט, ווי אים האָט זיך אויסגעדוכט, און צו איר טעמפּקייט, ווי אים האָט דאָס אויסגעזען, איז אין איין מינוט איבערגעגאַנגען אין אַ גרויסער ליבשאַפט, אין אַ התפעלות פאַר איר טעמפּעראַמענט, וועלכער שיינט צו זיין אַזוי רייך, ווי איר צייטיקער גרויסער גוף.

„אָ, אָט די מלאָטעקס“, — האָט ער נאָר ביי־זיך געטראַכט, — „אָט די טאַלאַנטלאָזע מלאָטעקס, מיט די שעפּסענע פּראָפילן, זיי ווייסן בעסער פאַר די ברינס, ווי צו לעבן אויף דער וועלט. זיי טרעפן דאָס מיט זייער בהמהשן אינסטינקט, מער ווי מיטן שכל. זיי קלייבן אויס דאָס בעסטע שטיק ווייב און מער האָבן זיי גאָרניט און דאַרפן מער גאָרניט. גיב נאָר אַ קוק וויפיל געזונט און וויפיל ערדישע קראַפט מלאָטעקס „צווייטע העלפט“ האָט דאָס אין זיך!.. ס׳איז דיר ניט טרינקען שאַמפּאַניער פון סאָלאַנשס פלאַכן באָקאַל, זופּעלעך, ביי־סעלעך... וויפיל ווייך, בכלל, קאָן דאָס אַ מענטש אויסטרינקען?.. די דאָ איז אַ שפע פון... מילך. וואַרעמע, מחיהדיקע מילך, אַ פולע דאָיענקע מיט אַ היטל שניי־ווייסן שוים פון אויבן. עס זעטיקט, עס לעשט דעם דורשט און עס מאַכט געזונט. טרינק מיט ביידע באַקן ווי אַן אָנגעהאָרעוועטער פויער ערשט פון פעלד! טרינק ווי אַ דערוואַקסענער ביקל. שעם זיך ניט! פון דער ווייסער שפע וועט ניט געמינערט ווערן, און קיינעם וועסטו דערמיט ניט אָרעמער מאַכן. איין נאַכט פּאַשע אין גרינעם פעלד — און די אייטער פון דער הייליקער קו וועלן ווידער פול ווערן, פאַר דיר און פאַר אַנדערע...“

— אַ דאַנק דיר, קלאַראַ! — האָט ער זי אַ צופרידענער געקושט, פאַר דעם זעט וואָס זי האָט אים אַזוי ברייטהאַרציק געגעבן, און געוואָלט

אויפשטיין. אָבער זי האָט אים ניט אָפּגעלאָזן, אַרומגענומען מיט אירע
www.libtool.com.cn
שווערע און קרעפטיקע אָרעמס און ניט געלאָזן.

— לאָמיר, — זאָגט זי, — זיין פריינט... ווילסט ?

— איך... איך וויל... — האָט ער עפּעס ניט גאַנץ זיכער געגעבן זיין הסכמה. געזוכט אַ וועלכן ניט איז תירוץ און געפונען:

— אָבער דו, קלאַראַ, האָסט דאָך מיך אין האַרצן פיינט. מיט אַ שנאה ביסטו געקומען צו מיר. איך האָב דאָס געפילט...

זי האָט אים צוגעדריקט צו זיך און אָפנהאַרציק מודה געווען:

— יאָ. מיט שנאה. מיט אַ ביטערער שנאה!.. אָבער ווייסטו דען ניט אַז שנאה פון אַ פרוי צו אַ מאַן, ווער עס זאָל ניט זיין, גרענעצט זיך אָפטמאָל מיט אייפערזוכט און מיט באַהאַלטענער ליבשאַפט? מיט דיין גאַנצן חוצפּהדיקן אויפפירן זיך אין מיין הויז, מיט דיין שניידיקן אויסלאַכן די קליינע פּרעסע־לייט, ביסטו מיר פאָרט געפעלן געוואָרן. און ניט מיר אַליין, נאָר אַלע דאַמען וואָס זיינען געווען ביי מיר אויפן אָוונט... יעטאַ ראָזען, מיין פריינדין, ביסטו אויך געפעלן געוואָרן...

— איך ווייס שוין.

— דו ווייסט שוין? — האָט קלאַראַ דערווייטערט פון זיך זיין צוגעטוליעטן פּנים און אים אָנגעקוקט. — פון וואַנען ווייסטו? דו קענסט זי? אָדער... זאָג, זאָג!

— וואָס קאָכסטו זיך אַזוי? דער געוועזענער מאַן אירער, גאַבראַנ־סקי, דיין קרוב, האָט דאָך אונדז באַקאַנט געמאַכט. און נעכטן האָב איך זי באַגעגנט אין אַ נאַכט־לאָקאַל. געטאַנצט אַפילו מיט איר... עמעצער אַ דיקער, אַ פּליכעוואַטער אין ברילן איז מיט איר דאָרטן געזעסן...

— אַ־אַ!.. דאָס איז דער פּ ע ר ל צ ו ו י י ג. אַ רייכער אלמן. שלעפּט זיך נאָך איר נאָך. בורטשעט...

— אויף מיר האָט ער אויך געפּרואווט בורטשען.

— כאַ, כאַ!.. איז ווילסטו ווערן מיין פריינט? נ אָ ר מיינער. איך וויל אַפילו ניט דו זאָלסט טאַנצן מיט יעטאַן...

— שוין ווילסטו ניט?.. האָסט דאָך נאָך אַלץ ליב דיין מאַן...

— אַך, וואָס! געפּלאַפּלט... איך זע שוין. איך ווייס. עס וועט שוין פון אים גאָרניט אַרויס. ער האָט געפּטרט מיין נדן. צוויי מאָל געפּטרט — און גאָרניט. ער וועט שוין מוזן פאָרן צו מיינע עלטערן און ווערן אַ שניט־קרעמער...

— וואָס עפּעס מיטאַמאָל?

— גאָר ניט מיטאַמאָל. איך האָב פאַר אים מער קיין אָפּשיי ניט. איך האָב נאָר רחמנות. שוין אַ היפּשע צייט... אַ מאַן דאַרף טראָגן

www.libtool.com.cn

זיין ווייב, ניט — פאַרקערט. איך בין שוין מיד פון [illegible] זיך מיט אים, זאָגן ליגנס, חנפענען צווייפלהאַפטע שרייבערלעך, מאַכן אים אַ קאַ־ריערע. איך וויל מען זאָל מ י ך טראָגן. מ י ך...

— ביסט אָבער ניט לייכט!.. — האָט ברין צווידייטיק אַ לאַך־געגעבן און פאַר זיך געטראַכט: „נאָך אַ ביסל און דו רעדסט שוין ווי מיין געוועזענע סאָניאַ...“

— איך מיין ניט קערפערלעך... — האָט זיך קלאַראַ אַ קאַפּעלע אָנגעבלאָזן. — איך מוז האָבן אַ מאַן, אין וועמען איך קאָן גלויבן, וועל־כער שאַצט אָפּ זיין ווייבס הילף. אָבער ער, דער אייביקער קעסטניק, דער אייביקער בן־יחיד מיינט, אַז עס קומט אים... ליבסטער! — האָט זי אים אין מיטן ווידוי האַסטיק אַרומגענומען, — איך וואָלט זיך מיט אים געוואָלט גטן. גטן זיך און זיין מיט דיר...

— האָסט דאָך געוואָלט... טיי? — האָט ער זי פאַרזיכטיק דערמאָנט.

— איך וויל ניט. איך האָב פריער אויך ניט געוואָלט. איך וויל דיך אַליין. נאָר דיך.

ער האָט געמוזט טאָן איר ווילן. אָבער איבערגעזעטיקט האָט ער זיך פאָרט דערפילט און געמאַכט אַ פאַרזוך אַרויסצוגליטשן זיך פון אירע שווערע אָרעמס. דאָס איז שוין ניט געווען אַזוי לייכט. האָט ער זי גענומען וואָרענען:

— איילן זיך מיט דיין גט דאַרפסטו ניט!.. — דערווייל בין איך נאָך אויך ניט פריי. אַזוי ווי דו.

אויך דאָס האָט זי ניט אָפּגעשראָקן. זי האָט זיך אַזוי גוט ווי פאַר־בלינעט אין איר ווייבערישער אומגעצוימטקייט:

— מירן זיך ביידע באַפרייען. ביידע! איך אַזוי ווי דו. פּטור־ווערן... ווילסט? ווילסט?

— און וואָס וועלן זאָגן לייט?

— לייט?

דאָס מאָל האָט ברין געטראָפן אין שוואַכן פונקט. דער בירגער־לעכער שרעק פאַר דעם, וואָס די געהיימניספולע „לייט“ וועלן זאָגן, האָט קלאַראַן וואַך־געמאַכט. אירע אָרעמס האָבן זיך אָפּגעלאָזן. יעטאַ, אירע באַקאַנטע, דער גאַנצער בולוואַר מאַנפאַרנאַס, מיט אַלע זיינע קאַפע־הייזער, ליידיק־גייער און רכילות־טרייבער, האָט גענומען גיין כאָדאָראָם אַרום איר. ברין איז אויפגעשטאַנען, זיך צורעכט געמאַכט און זי האָט פאַרשטעלט דאָס פּנים און מיט אַ וויינענדיקער שטימע גע־קלאָגט זיך:

— אָבער פאַרוואָס... פאַרוואָס דערמאָנסטו מיר זיי אין אַזאַ מאָמענט ? זיי אַלעמען... איך וויל פון זיי ניט וויסן!

www.libtool.com.cn

איר גרויסער ראָז־ווייסער גוף, וואָס שפּראָצט מיט געזונט, איז געלעגן אַנטבלויזט אויפן רויט־שוואַרצן געבלומלטן גרונט פון דער קאַשמירער דעקע און האָט אים דערמאָנט די פּאָזע פון טיציאַנס רוענדיקער ווענוס. דער לייכט־טאַנצנדיקער אָפּשיין פון פייער אין אייוועלע האָט באַלעבט די עקזאָטישע קווייטן פון געלעגער, געטאָפּלט זיי; און אויך דעם שיינעם גוף געטיגערט מיט ליכט־פלעקן און קליינע קיילעכדיקע שאָטנס. און פונדעסטוועגן האָט דאָס איצט, ביי בריגען, אַרויסגערופן אַ פריקרען געפיל פון גראָבער זעט. און, ווי אַלעמאָל נאָך אַ קערפּערלעכן געניס, אַן אינערלעכער צוגעבונדנקייט, אַן טיפער דאַנקבאַרקייט צו דער פרוי, האָט דאָס געשאַפן אַ פאַרדרוס אויף זיך אַליין און אַ פיינלעכע שעמעוודיקייט. האָט ברין געגומען זוכן אַ מיטל צו באַוועגן זי, זי זאָל וואָס גיכער אַוועקגיין, און ניט געפונען. מיט איר גאַנצער גרויס האָט זיך קלאָרע צעלייגט אויף דער רויט־באַלויכטענער קאַנאַפּע און אַפילו ניט געטראַכט אויפצושטיין.

— ווייסט דיין מאַן וואוהין דו ביסט אַוועק ?

— ניין. און אַז יאָ — אַרט מיך אויך ניט...

— אפשר איז פאַרט בעסער דו זאָלסט אים טעלעפאָנירן, זאָגן אים אַז דו האָסט געקראַנגן...

— צוליב וואָס ?

— ער זאָל ניט לויפן זוכן דיך.

— אָ, ער וועט שוין מוזן צוואַרטן. האָסט דאָך אַליין געזאָגט... מיטאַמאָל האָבן זיך אירע לייכט־פאַרנעפּלטע אויגן אַנגעשטויסן אָן דער „גרינער נאַכט" אַקעגן דער קאַנאַפּע.

— ווער איז דאָס ? — האָט זי זיך אויפגעזעצט און איר בלאָנדזשענדיקער בליק איז שטיין־געבליבן. — דאָס האָסטו... ד ו האָסט דאָס געמאָלן ?

— ווער דען ?

— אַ וואונדערלעכע פרוי!.. ווער איז דאָס ?

— אַ מאָדעל...

— דיין געליבטע ?

— עס קאָן זיין... — האָט ער גראָבלעך אָפּגעענטפערט, כדי אויפטרייסלען זי פון איר פוילקייט און, אַגב, כדי געבן אַנצוהערעניש, אַז די קאָנקורענץ פון אָט ד ע ר דאָ, אויפן בילד, איז אַ צו־שטאַרקע. עס לוינט זיך ניט אָנצוהויבן...

קלאַראַ איז אָבער געבליבן זיצן אַ פּאַרגאַפטע. אירע אויסגע־קוילערטע אויגן פון בילד ניט אַראָפּגענומען.
www.libtool.com.cn

און מיטאַמאָל האָט ער אַליין זיך דערשראָקן. ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז עס קאָן שוין זיין שפּעט; אַז די, וועלכע שוועבט דאָ אַזוי גייסטערהאַפט אויפן בילד, קאָן אַנקומען פון טיר מיט איר גאַנצער ווירקלעכקייט... האַסטיק אַ קוק־געגעבן אויף זיין בראַסלעט־זייגערל האָט ער אים צוגעטראָגן צו קלאַראַס אויגן:

— האַלב פיר! כ׳האָב פאַרגעסן... מיין מאַדעלקע קאָן באַלד קומען! איך האַלט נאָך אין דער אַרבעט...

ווי אַ שמיץ פון אַ בייטש האָט דאָס געווירקט. קלאַראַ איז אויפ־געשפּרונגען, איר גרויסער גוף איז פלינק געוואָרן, אירע שווערע אָרעמס פלייסיק. אָט איז פון איר געוואָרן טיציאַנס פרוי אין העמד און באַלד אַ מאָדערנע האַלב־אָנגעטונענע דאַמע אין בודואַר. אין עטלעכע מינוט אַרום — איז זי שוין געווען אינגאַנצן פאַרטיק, די צעברויזטע רייכע האָר פאַרקעמט, געשפּילקעוועט, צוגעפּאַסט צו דער גרויס פון היטעלע. איר פולער פאַרהאַוועטער פּנים — געפּודערט. אָבער אירע אויגן זיינען דערפאַר געוואָרן אַלץ שמאָלער און בייזער. מיט אַ ניט־באַהאַלטענעם האַס האָט זי איצט געוואָרפן בליקן אויף דער „גרינער נאַכט" אין ראַם און ביטער אַרויסגעזאָגט אַ גאַנץ נייע מיינונג:

— מען זעט אַז עס איז צוגעפּראַוועט, צוגעטראַכט. אַזעלכע שיינע פרויען זיינען אויף דער וועלט ניטאָ! אַזאַ גרינע הויט עקזיסטירט גאָר ניט.

— עס קאָן זיין... — האָט ער גלייכגילטיק אויפגענומען איר אייפערזיכטיקע קריטיק, און זייער פלייסיק באַדינט זי, צוגעטראָגן איר זשאַקעט און היטעלע, געהאָלפן איר אַריינקריכן אין די שמאָלע פעלצערנע אַרבל, אַבי דער וויזיט זאָל זיך וואָס גיכער ענדיקן... בינו־לבינו האָט ער זיך געשטעלט צווישן איר און זיין בילד. אַ קשיא אויף אַ מעשה, וואָס אַזאַ צערייצטע חיה אין קליידל קאָן זיך פאַרגלוסטן! איין דריגע מיט אַ פוס און די גאַנצע „גרינע נאַכט" ווערט צעטרענצלט אויף שטיקער.

דערזעען זי אָן אָנגעטאָנענע און גרייט צום גיין, איז ברין פריי־לעכער געוואָרן, זיין קול — ווייכער.

— עס קאָן זייער זיין אַז דו ביסט ניט־אינגאַנצן אומגערעכט. אָבער אַ קינסטלער דאַרף אַלעמאָל נעמען האַלב פון דער נאַטור, האַלב פון זיין איינבילדונג; אַז ניט, איז דאָס פאָטאָגראַפיע... נו, איז זיי געזונט!

— ווען וועלן מיר זיך זען?

— דאָס ווייס איך נאָך ניט... אין דעם מאָמענט מיין איך...
— נעם מיך אַרום! — האָט זי אים באַפוילן.
www.libtool.com.cn
און ער האָט געפאָלגט. געקושט זי אין די ליפּן אַ סך לענגער ווי אים האָט זיך געגלוסט.

.4

ווען ער האָט זיך פון איר באַפרייט און אירע טריט זיינען פאַרלוירן געגאַנגען אַראָפּ די טרעפּן, איז ברין אַ ווײַלע געבליבן זיצן, אויף דער אויסגעוואָרעמטער קאַנאַפּע, אַ פאַרשטאַרטער. פונקט אַזוי טעמפּ ווי קלאַראַ, מיט עטלעכע מינוט צוריק, אַזוי האָט ער אָנגעקוקט זיין „גרינע נאַכט" —

„וואָס טוט זיך דאָ מיט מיר? איך זינק. איך זינק אַלץ נידעריקער. מיין ליבע צו סאָניאַן — אויסגעביטן אויף מיין מאָדעל־מיידל. און נאָך איידער מיין ליידנשאַפט האָט זיך אויסגעלעבט, בין איך איבערגעגאַנגען צו אָט דער דאָ, וואָס איז אָקערשט אַוועק. אָן אַ שום באַציאונג, אָן אַ שום נויטווענדיקייט אַפילו. סתם אַזוי! עס האָט זיך געמאַכט און עס איז געווען אָן עבירה אַוועקצוואַרפן. אָט אַזוי טוט נאָר אַ פּרעסער!.. געוויס, אַנדערע טוען אָפּ נאָך ערגערע זאַכן — און זייער געוויסן טוט ניט ווײ... אָבער פאַרוואָס פיל איך אַזוי שטאַרק מיין זינדיקייט אין אַלע אברים? וואו ליגט דאָ דער באַרג־אַראָפּ?.. דאָס נאָכגעבן צופיל דעם לייב, דעם ערשטן ערגסטן פאַרלאַנג. דאָ, נאָר דאָ ליגט די טומאה. אין שוואַכן ווילן ליגט דאָס. אין פליקן די עפּל האַלב־שלעפּערדיק פון עץ־הדעת. ברויט און ליבע מוזן אויסגעקעמפט ווערן. אַז ניט איז דאָס גנבה. גנבה פון אַ ראַץ אין אַ פינצטערן הויז. איך וועל דערפאַר באַשטראָפט ווערן. איך ווייס!.."

זיין גאַנצע ערלעכע און אַרבעטזאַמע נאַטור האָט זיך געשטעלט אַקעגן זיך אַליין. אָבער תשובה־טאָן, לענגער ווי עטלעכע מינוט, האָט מען אים ניט געלאָזן. די שטראָף איז געקומען אַ סך גיכער ווי ער האָט גערעכנט. זיין האַרצקלאַפּעניש, נאָך קלאַראַ מלאָטעקס אַוועקגיין, האָט זיך נאָך ניט איינגעשטעלט, ער האָט נאָך ניט באַוויזן צו ברענגען אין אָרדענונג דעם קווייטלדיקן צודעק פון קאַנאַפּע, דעם פלעד און צוקאָפּנס, און אין טיר האָט זיך שוין דערהערט אַ דראָבנער קלאַפּן. אַ טעלעגראַמע פון אומגעדולד וואָס זאָגט קיין גוטס ניט אָן.

האָט ברין גיך אָנגעצויגן אויפן געזיכט אַ מינע פון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך ערשט אויפגעכאַפּט פון זיין נאָכמיטאָגדיקן דרימל, און אויפגעעפנט.

דאָס איז געווען סאָלאַנש... וואָס דען! אַנדערש האָט דאָס אויך ניט געקאָנט זיין. זי!.. פון האַנט איז ביי איר אַראָפּגעהאַנגען אַ היפּ-שער פּעקעלע, מיט טונקל־רויטע אותיות אין קרייז. אַ גרויסער שטעמפּל פון אַ דעליקאַטעסן־געשעפט. ניט באַגריסנדיק, ניט אָנשטעלנדיק די ליפּן צום קוש, האָט זי ברינען אָפּגעמאָסטן, מיט איר העל־גרינעם קוק, און פון אים־אַוועק — אַ פּעכער־געגעבן, מיט אירע אַלץ־זעענדיקע אויגן, איבער דער גאַנצער אַטעליע. אָפּגעשטעלט זיך אויף דער צעוואָרפענער קאַנאַפּע, און האָסטיק אַ פרעג געגעבן:

— די הויכע דאַמע מיט דעם קליינעם היטעלע איז ד אַ געווען?

— דאָ? עס הייסט... די... די דאַמע?..

סאָלאַנשס אויגן האָבן זיך איצט אָנגעצונדן:

— וואָס שטאַמלסטו? ווער איז זי?

— זי? מאַדאַם מלאַטעק.

— וואָס האָט זי דאָ געטאָן?

— געשעפטלעך...

— וועלכע געשעפטן האָסטו מיט איר?

— מיט איר? געלט האָט זי געבאָרגט...

— ניט מער ווי דאָס?

— וואָס נאָך?

סאָלאַנשס פראַגן זיינען געפאַלן ווי פון אַ האַרבן פּראָקוראָר אין אַ קרייץ־פאַרהער. און ברין האָט קורצאַטעמדיק געענטפערט, ווי אַ באַ־שולדיקטער. קיין צייט אַפילו ניט געהאַט צו באַקלערן זיינע ווערטער. סאָלאַנש האָט אים אָבער ניט אָפּגעלאָזן, ניט געלאָזן קומען צו זיך:

— און דו האָסט געגעבן?

— געגעבן. וואָס דען?

— און מיט וואָס האָט זי באַצאָלט? מיט נאַטור?

— ווי מיינסטו דאָס?

— אַזוי ווי דו הערסט! פון איר פּנים ביים אַרויסגיין פון טויער האָב איך דערקענט. און פון דער מינע אויפן געזיכט פון דייז קאָנסיערזשקע, און פון דיין געזיכט — אויך...

— נו, אויב אַזוי? — האָט ברין אָנגעהויבן צו באַליידיקן זיך, — אויב אַזוי, ווייסטו דאָך! היינט וואָס פרעגסטו?

גלייך נאָך אַזאַ שטאַרקן ענטפער איז געקומען אַ זאַך, אויף וועלכער ברין האָט זיך איינגאַנצן ניט געריכט, ניט געגלויבט אַז סאָלאַנש איז אויף דעם פעאיק. ווי דער וואולקאַן פון אינדזל, פון וועלכן זי שטאַמט, האָט זי אויפגעריסן. דאָס פּעקעלע, וועלכן זי האָט מיטגעבראַכט,

האָט זי אַ שליידער־געטאָן אַן אויסגעוועקסטן דיל און גענומען טאָפּטשען מיט די פיס, זעצן מיט די אָפּצאַסן, גלאָז און קאַרטאָן האָבן גענומען קנאַקן.

— נאַ, נאַ! — האָט זי געזעצט ווי אַ באַנומענע, — סטראַסבורגער פּאַשטעטן! קאַוויאַר! האַלוואַ! אַנטשאָוויסן! נאַ, נאַ!..

ברין האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר אַ פּלייצע, געוואָלט באַרויִקן. אָבער זי האָט אים אַ שטויס־געגעבן, געדראָט מיט אַ פויסט, ניט צוגעלאָזן צו זיך, ווי מען לאָזט ניט צו אַ גיפטיקן שרץ.

— דו — מיר? דו — מיר?.. — האָט זי געשריִען, — נאָך אַזאַ נאַכט?.. מיטאָמאָל? ווייניק איז דיר, דו טויגעניכץ? אַזוי זיכער ביסטו, אַז עס קומט דיר? עס קומט דיר?

— באַרויִק זיך, סאָלאַנש! לאָז אויסריידן אַ וואָרט! זיי ניט ווילד!

אָבער זיין קול האָט זי נאָך מער אויפגערייצט. מיט אויגן וואָס שיסן גרינע פונקען האָט זי זיך אַרומגעקוקט, דעם שוואַכסטן פונקט געזוכט אין אַטעליִע, ווי אַ פיינדין, וואָס וויל באַפאַלן. און, וואָר־שיינלעך, געפונען אים. וואָרעם זי האָט זיך, פייל פון בויגן, געלאָזן לויפן צום טונקלסטן ווינקל, לעבן דער ביכער־עטאַזשערקע, וואו זי האָט שוין פריער, ניט איינמאָל, געגנישטערט און אַרויסגעפונען סאַניאַס פאָרטרעט, די אַלטע הגדה מיט די צאַצקעס... האָט זי דעם דאָזיקן ווינקל גוט געקענט. דאָרטן איז געשטאַנען אַ גלעזערנער סלאָי מיט גאָלד־פאַרב, הערמעטיש פאַרשטאָפּט מיט אַ ברייטער קאָרקע און פּינזל, מיט וועלכן ברין פאַרבט די ראַמען צו זיינע בילדער. און נאָך איידער ברין האָט זיך געכאַפּט וואָס זי וויל דאָ אָפּטאָן, האָט זי דעם דיקן פּינזל אַרויסגעצויגן פון סלאָי. עס האָט פון אים געררונען מיט קלעפּיקער גאָלד־פאַרב. און סאָלאַנש, ניט היטנדיק אַפילו איר אייגן קלייד, האָט זיך אַ ריס־געגעבן צום פאַרענדיקטן בילד פון דער „גרינער נאַכט" און אַ שוואונג־געגעבן דעם פּינזל ווי אַ בייטש אין דער הויך:

— ניט מיר, ניט דיר!.. — האָט זי געשוימט מיט ווילדן כעס, — לופּענען — אויך ניט!..

זי האָט נאָר באַוויזן אַ פּאַך־צו־געבן מיטן טריפנדיקן פּינזל, אָבער ניט אַראָפּצולאָזן אים איבערן פלאַך פון בילד. עס האָט זיך געהאַנדלט אום איין סעקונדע אָדער צוויי, אין וועלכע ברין איז געקומען צו זיך. און, מיט דער שניידיקייט, וואָס קומט אָפטמאָל אַן אויף אַ דערשיטערטן מענטשן אין לעצטן אויגנבליק, האָט ער אַ שפּרונג־געגעבן צו זיין צע־ווילדעוועטער מאָדעלקע און דערכאַפּט איר אָרעם אין זיין פאַלנדיקער

באַוועגונג. איין צאָל אפשר איז געבליבן צווישן פּינזל און לייוונט.
www.libtool.com.cn
און נאָר עטלעכע דינע און גראָבע שפּריצן, איין געשטאַלט פון צעשאָטענע גאָלדענע באַמבעלעך, האָבן פאַרפלעקט דעם מיטן פון פאַרענדיקטן בילד.

גלייך נאָכדעם האָט ער זי אָנגעכאַפּט ביים צווייטן אָרעם אויך, כדי זי זאָל זיך ניט אויסדרייען און ניט פאַרענדיקן איר נקמה. אויף וויפיל די כוחות האָבן געטראָגן האָט ער זיך באַמיט צו טאָן דאָס ניט גראָב און ניט שמערצלעך. אָבער איינגאַנצן איינגעגעבן האָט זיך אים דאָס ניט. די סצענע פון קאַמף איז אַרויסגעקומען ניט זייער שיין. ביידנס פּנימער האָבן זיך מוראדיק פאַרקרימט. ביי איר — מיט שלאַנגי־שער בייזקייט און שיפּען דורך די שאַרפע ציין, און ביי אים — מיט שרעק פאַר זיין אַרבעט, מיט פאַרשעמטקייט און באַדויערן, וואָס ער מוז צו זיין טונקל־הויטיקער שיינהייט געברויכן פיזישע קראַפט.

— באַרואיק זיך! — האָט ער זיך ביי איר געבעטן מיט אַ נאַרי־שער מינע פון טיפער פאַרלוירנקייט, — זע וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן! דו מוזסט זיך באַרואיקן...

— איך מוז גאָרניט! — האָט זי געשוימט און געקייכט פאַר כעס.

— איך וויל קיין בילד ניט האָבן. איך דאַרף קיין בילד ניט האָבן ביי אַזאַ... אַזאַ ווי דו!

ווי אַ ווערג־שלאַנג האָט זי זיך געוואָרפן. ער איז אָבער געווען שטאַרקער. די קלאַמערן פון זיינע צען פינגער האָבן זיך טיפער איינ־געגעסן אין אירע אָרעמס ביי די עלנבויגנס. אַזוי האָט ער זי ניט צוגע־לאָזן זי זאָל אָנטאָן ווייטערן שאָדן. און כדי דערווייטערן זי פון בילד, האָט ער טראָט ביי טראָט גענומען שטופּן זי אויף צוריק, ביז ער האָט זיך מיט איר אָנגעשטויסן אויף דער צעוואָרפענער קאַנאַפּע, וועלכע איז נאָך געווען וואַרעם פון קלאַראַס לייב. אָנגעשלאָגן זיך אָן וויכן ראַנד האָבן זיך סאָלאַנשס קני אונטערגעבראָכן. אַזוי איז זי אַנידערגעפאַלן אויפן געלעגער און אויסגעצויגן זיך איבער זיין גאַנצער ברייט — די פאַרקלעמטע אָרעמס אויסגעשטרעקט, אין איין האַנט — דער דראָענדי־קער פייכטער פּינזל, און בריק, מיטן פּנים איבער איר, האַלט זי צו מיטן גאַנצן כוח און בעט זיך רחמים:

— שילט ניט, סאָלאַנש! באַטראַכט זיך וואָס דו טוסט. וואָס דו ווילסט טאָן. באַטראַכט זיך!

— איך וויל ניט טראַכטן. איך האָב ניט וואָס צו טראַכטן! — האָט זי געקייכט פאַר וואוט, — דאָס בילד וועל איך פאַרדאַרבן. אַלץ וועל איך דאָ פאַרדאַרבן. דיך — דעם ערשטן!

און נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט אויסצומיידן איר האַסטיקע

באַוועגונג, האָט זי אים אַ שמיץ־געגעבן מיטן קלעפּיקן, גאָלד־אָנגעזאַפּטן
www.libtool.com.cn
פּינזל. קרום איבערן פּנים אַ שמיץ־געגעבן, פֿון לינקן שלייף ביז איבערן רעכטן אויג, און אָנגעטאָן אים אַ גאָלדענע, באַלכסון־ליגנדיקע האַלבע מאַסקע.

ברין האָט גלייך דערפּילט אַ טריקעניש אינעם פֿאַרשמירטן טייל פֿון געזיכט און אַ שטאַרקע ציעניש אין רעכטן ברעם און אויג־לעפּל. אַפּנים זיין געזיכט האָט זיך, פֿון אַזאַ געצוואונגענעם מאַסקאַראַד, שטאַרק פֿאַר־ענדערט, קאָמיש געוואָרן. וואָרעם אין מיטן פֿון איר אומגעצוימטן כּעס, איז זיך סאָלאַנש מיטאַמאָל פֿאַרגאַנגען אין פּונקט אַזאַ אומגעצוימטן געלעכטער. איר לאַך־קראַמף איז שטאַרקער געוואָרן, איר דראָענדיקע האַנט האָט זיך אויפגעעפֿנט פֿון זיך אַליין, און דער שווערער שמיר־פּינזל איז אַראָפּגעפֿאַלן אויפֿן דיל.

קוקנדיק אויף איר האָט זיך ברין אויך צעלאַכט, דערנענטערט זיַין מאַסקע צו איר צעפֿלאַמטן געזיכט. אונטערקויפֿן זי מיט אַ קוש האָט ער געוואָלט, איבערבעטן זי ווי ניט איז. אָבער זי האָט ניט אויפגעהערט צו כאַכאָטשען און צו שטויסן אים פֿון זיך.

— גיי, גיי! — האָט זי היסטעריש געקוויטשעט, וואַרפֿנדיק דאָס געזיכט רעכטס און לינקס, — קוק זיך בעסער אָן אין שפּיגל, כאַ־כאַ! ווי אַ קלאָון אין קליינשטעטלדיקן צירק זעסטו אויס. גיי!

ער האָט געפֿאָלגט. נאָר קודם־כּל אַוועקגעשאַרט דעם פֿייכטן פּינזל און צוגענומען. וואָרעם זיכער אין איר איז ער נאָך כּלל ניט געווען. איר אויסגעצויגנקייט איבער דער ברייט פֿון קאַנאַפּע מיטן קאָפּ־אַראָפּ, איר לאַכן מיט יאַשטשערקעס און מיט טרערנדיקע אויגן איז אים געווען פֿאַרדעכטיק. אַ קשיא אויף אַ מעשה! ניט אומזיסט האָט זי דאָך אַנרי דאַל אַרויסגעטריבן און ניט אומזיסט האָט פֿראַנסואַ לופּען אַזוי מורא פֿאַר איר... אין מיטן לאַכן אַזוי קאָן זי נאָך זייער פֿיין אויפֿ־שפּרינגען און פֿאַרענדיקן דאָס, וואָס זי האָט אָנגעהויבן. מאַכן פֿון בילד דעם זעלבן תּכלית, וואָס זי האָט אָקערשט געמאַכט פֿון איר פּעקל דעליקאַטעסן.

איז ער דערפֿאַר געלאָפֿן צום שפּיגל מיט אַ זייט, ניט אַרויס־לאָזנדיק סאָלאַנשן פֿון אויג. די האַלבע גאָלד־מאַסקע, וואָס ער האָט דאָרטן דערזען, איז געווען ענלעך צו אַ בוטאַפֿאָריע־לבֿנה אין אָנהויב חודש, און האָט ווירקלעך געקאָנט אַרויסרופֿן אַ געלעכטער. ווייל גע־האַנגען איז זי פֿון לינקן שלייף אַראָפּ ביזקל רעכטן קינבאַק, און האָט פֿאַרכאַפּט אַ האַלבע נאָז מיט איין שוואַרצן אויפגעריסענעם אויג אינמיטן. אָט די דאָזיקע לאָך, מיטן שוואַרצאַפּל און ווייסל, איז דאָ געווען אַזוי

אומגעלומפּערט און ניט צום טאָן פון צעשמירטן גאָלד, אַז ברין האָט גלייך אַ כאַפּ־געגעבן אַ שמאַטקע אייַנגעטונקט אין טערפּענטין און גענו־מען רייבן. מעטאַל־פאַרב לאָזט זיך אָבער שווער אַפּוואַשן. האָט ער עס נאָך מער צעשמירט. פונעם גאָלד איז געוואָרן אַ גליטשיקע ברודיקייט. און אויך דאָס איז ניט געווען אַזוי פיינלעך. פיינלעך איז געווען דאָס, וואָס זיין ליבע צו סאָלאַנשן און דער שטאָלץ זיינער אויף איר שיינקייט און קלוגשאַפט זיינען עפּעס אויך געוואָרן ברודיק און צעשמירט. אין איר ערשטן אומגעצוימטן כעס, מיט וועלכן זי איז דאָ אַרויסגעפאָרן, האָט זי אים קלאָר באַוויזן, אַז גאָרניט איז איר הייליק: ניט ער, ניט זיין קונסט, ניט זיין גוטער נאָמען. דאָס לעצטע איז דאָ געשטאַנען אין קאָן מער ווי אַלץ. וואָרעם ווער ווייסט נאָך אַזוי גוט ווי זי, אַז די „גרינע נאַכט" איז שוין ניט זיינע. פאַרקויפט. און אַ גוטער טייל פון האָנאָראַר, וואָס מען דאַרף אומקערן, איז שוין פאַרברויכט, צעטרענצלט. און איין גאָט ווייסט, וואו ער וועט דאָס קריגן אָפּצוגעבן דעם, וועמען עס געהערט.

צענטער קאַפּיטל

שלום אויף אַ ווײַלע

.1

ברין איז צוריקגעלאָפן צו זיין „גרינער נאַכט" און באַטראַכט זי מיט קאָפּ־שאָקלען און האַרץ־קלעמעניש. דער גאַנצער צענטער, סאָלאַנשס נאַ־קעטע בריסט, אין גרינלעכן נאַכט־נעפּל געוויקלט, אַזוי ווי דער אונטער־שטער. טייל פון איר געזיכט, זיינען געווען גראָב־פאַרשפּריצט מיט גאָלד, די פיינסטע ליניעס — פאַרדאָרבן.

— אַך, — האָט ער זיך גענומען קלאָגן מיט אַ ציטערדיקן קול, — מיין פּרצוף־פּנים וועל איך שוין ווי ניט איז אָפּוואַשן, אָבער דאָס דאָ, דיין פּנים, סאָלאַנש!.. און דאָס בילד איז דאָך שוין מער ניט מיינס...

אָבער זיין קלאָג־ליד האָט נאָר סאָלאַנשן ווידער אַמאָל אויפגערעגט. זי האָט זיך האַסטיק אָנגעזעצט:

— פאַר לופטענס סחורה זאָרגסטו זיך מער ווי פאַר מיר? דאָס בילד אָבער געהערט מיר אויך. יאָ! מיר אַזוי ווי דיר, אַזוי ווי אים...

— ביסט אפשר גערעכט, סאָלאַנש! אָבער פאַרגעס ניט, אַז זיין

געלט איז שוין האַלב פאַרטאַכלעוועט. צו רעסטאַווּרירן דאָס בילד וועט נעמען היפּשע עטלעכע טעג און אַ סך געדולד. און ווער ווייסט ווי עס וועט נאָך אַרויסקומען. דערצו נאָך יאָגט מיך לופּען האַלדז־איבערן־קאָפּ. שוין געווען דאָ היינט זיין דינער און ער וועט קומען נאָכאַמאָל. אָט דאָס איז דער בריוו זיינער!

www.libtool.com.cn

אָבער סאָלאַנש האָט אַ שמייך געגעבן דעם דערלאַנגטן קאָנווערט אַן דיל.

— איך וויל דאָס אַפילו ניט לייענען! — האָט זי גענומען שרייען.— ביי אים, אַזוי ווי ביי דיר, איז דאָס בילד טייערער ווי מיין לייב און לעבן. ביי אים איז דאָס פּאַטאַלאָגיע, ביי דיר — געשעפט. נאָר ס'איז אַלץ איינס! דאָס גאַנצע וועל איך פאַרדאַרבן! קיינער וועט דאָס ניט האָבן!..

ברין האָט ווידער געמוזט מאַכן געברויך פון זיין פיזישער קראַפט אַזוי ווי פון זיין צוריקהאַלטונג, כדי ניט צו דערלאָזן סאָלאַנש זאָל ניט אָפּטאָן מיטן בילד אַן ערגערע זאַך ווי זי האָט אָפּגעטאָן. אירע רויט־געלאַקטע נעגעלעך האָט זיך געהאַט דערקליבן צו זיין נאָז און אויגן... נאָר דאָ האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין טיר. סאָלאַנשס כעס האָט נאָכ־געלאָזן. זי האָט זיך איינגעהויקערט, צוריקגעטראָטן און ווי אַ גוט־מיידעלע צוריק אַוועקגעזעצט זיך אויף דער קאַנאַפּע.

מיט פאָרזיכטיקע טריטעלעך איז ברין צוגעגאַנגען צו דער פאַר־שלאָסענער טיר, פאָרזיכטיק אַריבערגעשפּרייזט איבער די צעטראָטענע דעליקאַטעסן און אַ פרעג־געגעבן ווער דאָס איז. אַ יינגלשער קול האָט אים אָפּגעענטפערט:

— דער „שאַסער“ פון לופּענס געשעפט. בין געקומען נאָכן בילד...

— הערסט? — האָט ברין אויסגעדרייט דעם קאָפּ און מיט שטומען פאָרוואורף אַ וואונק געגעבן צו סאָלאַנשן.

אָבער זי האָט זיך אַפילו ניט אומגעקוקט, נאָר געזעסן מיט אַן אַראָפּ־געלאָזענעם קאָפּ, דאָס געזיכט איינגעגנורעט אין די דלאָניעס, עפּעס ווי ערשט איצטער וואָלט זי באַגריפן דאָס וואָס זי האָט אָפּגעטאָן. די דאָזיקע פּאָזע פון געשלאָגענעם שטאָלץ האָט ביי ברינען אַרויסגערופן רחמנות. האָט ער קוים אויפגעעפנט די טיר און שטילערהייט גענומען פאַרענט־פערן זיך פאַר לופּענס שליח:

— טס!.. מען קען איצטער ניט אַריין. זאָגט אייער פּאַטראָן, אַז... היינט איז נאָך ניט מעגלעך. איך האָב נאָך וואָס צו פאַרריכטן. עס מוז נאָך טריקענען. איך בעט טויזנט מאָל אַנטשולדיקן. אַזוי זאָגט אים!.. און דאָס איז פאַר דער טרחה!

ער האָט אים אָפּגעשטעקט אַ טרינק־געלט. און ווען דער „שאַסער“ איז אַוועק, האָט ברין ווידער פאַרשלאָסן די טיר און, מיט דיזעלבע פאַר־

www.libtool.com.cn

זיכטיקע טריטעלעך, צוריקגעגאַנגען צו זיין געליבטער. אַצינד האָט ער זי געטראָפן אַ מער־ווייניקער באַרואיקטע. דעם קאָפּ אויפגעהויבן. נאָר אירע גרינע אויגן האָבן מאָדנע געגלאַנצט. ווי אַ שפּיז אין האַרצן האָט אים איר קוק געטראָפן.

— זאָג, — מאַכט זי צו אים קיל אָבער באַפעלעריש, — דאָ ביסטו מיט איר געלעגן?

— איך? .. — האָט ער געפּרוּווט אויסווייכן אַ גראָדן ענטפער.

— לייג ניט! — האָט זי אויף אים אָנגעשריען. — זעסט? אָט זיינען צוויי קאָפּ־שפּילקעס. ברוינע. אויפן צוקאָפּנס געפונען. נ י ט מיינע...

— זאָל זיין! — האָט ער האַלב מודה געווען.

— זאָל זיין... — האָט זי נאָכגעזאָגט ווי אַ ווידערקול, אַראָפּגעלאָזן דעם שוואַרצן קאָפּ און גערעדט, ווי צו זיך אַליין גערעדט:

— און איך בין געקומען מאַכן דיר אַ סורפּריז. געוואָלט איבער־ראַשן. האָ, האָ! נאַשן מיט דיר פון פּעקעלע, ווי געליבטע אויף אַ פּיקניק. דערנאָך בלייבן מיט דיר צוזאַמען. אויבן, מיין איך, אויפן באַלקאָן, וואו דאָס בעט פון „לואי קאַטאָרז" שטייט און בענקט נאָך מיר. איך קען דאָס אַזוי גוט.... פאַרדעקן האָב איך געוואָלט. אַלץ באַגראָבן און פאַר־דעקן...

— וואָס פאַרדעקן? איך פאַרשטיי דיך ניט.

— געוויס פאַרשטייסטו ניט. מיין געצנדינעריי האָב איך געוואָלט פאַרדעקן מיט אַ הייליקן מאַנטל. דו איינער זאָלסט מיר בלייבן. איינער ווי אַ גאָט.

— ווי אַ גאָט? — האָט ברין אַ הויב געטאָן די פּלייצעס. — אַזוי הויך וויל איך גאָרניט זיין.

— אָך, וואָס ווייסטו? איך ווייס וואָס איך זאָג. כמעט אַלע קלויס־טערס אין פראַנקרייך זיינען אַמאָל געווען אַלטאַרן פאַר גאַלישע און רוי־מישע געטער, איז געקומען די קאַטוילישע קירך און זיי איבערגעדעקט מיט איר מאַנטל. אַ שוואַרצער מאַנטל אַזאַ. און אויף אים, ווייסטו, אַ גע־האַפּטענער זילבערנער קרייץ... דאָס זעלבע האָב איך היינט געוואָלט טאָן. מיין פ אַ ר ג אַ נ ג ע נ ה י י ט דאָ, אין דער זעלבער אַטעליע, גע־וואָלט איבערדעקן. אָבער די געצן, מיין ליבער, האָבן געזיגט. אַלץ בלייבט ווי געווען...

— דו שרעקסט מיך, סאָלאַנש. וואָס ווילסטו שוין ווידער טאָן?

— ועכט וויסן! ..

— איין זאַך ווייס איך שוין: מיט דיין „פאַרגאַנגענהייט" מיינסטו אַנרי דאַל...

— ווייסטו דאָך.

www.libtool.com.cn

— טייערע, זיי מיר מוחל!

— ד י ר בין איך מוחל... — מאַכט זי מיט האַלב־פאַרזשמורעטע אויגן, — אָבער... זעץ זיך לעבן מיר. זעץ זיך!

ער האָט דאָס נאָכגיביק געטאָן, פאַרזיכטיק געטוליעט זיך צו איר. און זי האָט אים גענומען גלעטן איבער די האָר און פאַרענדיקט איר פריער־אָנגעהויבענע פראַזע:

— אָבער אַ שטריך איבער מיין חשבון האָסטו מיר פאָרט געמאַכט...

— געמאַכט? אַ טינטהאָרן אומגעדרייט. אומגערן...

— אַזאַ פלעק איז נאָך שווערער אָפּצוואַשן.

— פאַר אַ צופאַל באַשטראָפט מען ניט.

— איך בין ניט קיין מאַמע. דו ביסט ניט קיין קינד. מען דאַרף זען ווי מען גייט.

— דו טוסט מיר וויי, סאַלאַנש!

— דו מיר אויך. איך צאָל מיט דער זעלבער מטבע.

— אָבער די ערשטע מטבע געהערט דיר! דעם ערשטן ביישפיל האָסטו מיר געגעבן...

— איך? — איז זי אויפגעשטאַנען און אָנגעצויגן די ברעמען. — איך, זאָגסטו?

— דו!.. — האָט ברין רואיק אָנגעקוקט איר געשפּאַנטן שיינעם פּנים. — נעכטן ביינאַכט, ווען דו ביסט געבליבן מיט דיין פּראַנסוּאַ לופען איינע אַליין אין דיין וואוינונג... געדענקסט? ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען און אַרומגעדרייט זיך אין דער טונקעלער לוקסענבורגער אַלעע. גלייך אין קאַפע „לילאַ", ווי לופען האָט מיר געראַטן, בין איך נ י ט אַוועק. אַרומגעבלאָנדזשעט האָב איך אין דער פינצטער, אַרום פאַנטאַן, אַרויפגעקוקט צו דיינע פענצטער און ביטער געטראַכט זיך: פאַרוואָס האָסטו אויסגעקליבן גראָד אַזאַ מאָמענט מיך צו פייניקן? דיינע געשעפטן מיט פּראַנסוּאַ לופען האָסטו דאָך געקאָנט אָפּלייגן ביז מאָרגן. זיי וואָלטן ניט אַנטלאָפן. דיין הייסטער קוש האָט מיר נאָך געברענט מיינע ליפּן און דו האָסט מיך, אַזוי גוט, ווי אַרויסגעטריבן: „גיי אין קאַפע און וואַרט אויף מיר!.."

— אַלזאַ, האָסטו נקמה גענומען? רעוואַנש?

— אינסטינקטיוו אפשר... גלויב מיר! איך האָב אפילו ניט געטראַכט פון רעוואַנש.

— ס'איז, אַלזאַ, ווידער די הוידע? דו הויבסט מיך אויף און איך שלעפּ דיך אַראָפּ. דו ביסט טריי און איך מאַך דיך אומטריי...

— אַזוי אפשר.

— אַ נאַר וועט זיין דער, וועלכער וועט אונטן בלייבן דער ל ע צ־ ט ע ר.

www.libtool.com.cn

— איך זיץ דאָך שוין אונטן! ווייניק איז דיר?

— אונטן צו אונטן איז ניט גלייך.

— ניין?

— קיין רעוואַנש וועל איך מער ניט נעמען. אין דיין באַשולדיקן מיך איז דאָ אַ גרויסער טייל אמת. אָבער פון איצטער אָן בין איך פריי צו טאָן אַלץ וואָס מיר פאַרווילט זיך. אָן אַ שום אָפּהאַלט. פונקט אַזוי ווי איך האָב מיר דערלויבט איידער מיר האָבן זיך באַקאַנט.

— דערמאָן זיך, סאָלאַנש! נעכטן אין טאַנץ־לאָקאַל האָסטו זיך שוין ד ע ר ל ו י ב ט, ניט האָבנדיק קיין שום גרונט... עס האָט זיך דיר פאַרגלוסט צו טאַנצן מיט אַנדערע, אָן אַ פאַרוואָס האָסטו מיך אויס־געביטן אויפן שטשאָגעל מיט די געשוירענע וואָנסעלעך...

— דאָס איז געווען מיין פּרואוו־שטיין... און דו האָסט דאָך מיר גלייך אויף אָן אָרט אָפּגעצאָלט. קוויט. אָבער איצטער, נאָך דעם וואָס דאָ איז געשען... מיט פּרוי מלאָטעק... זע איך קלאָר, אַז אין באַציאונג צו מיר איז געווען ניט ליבע, נאָר ליבע־ערזאַץ. אָט דער מיאוסער באַ־גריף, וועלכן די דייטשן האָבן דאָ אין פראַנקרייך איבערגעלאָזן נאָכן קריג. אַהיים האָבן זיי פון דאַנען געשיקט דאָס עכטע און אַראָפּגעבראַכט „ערזאַץ"...

— איך פאַרשטיי דיך ווי־דער ניט.

— ניטאָ וואָס צו פאַרשטיין. ווען דיין סאָניאָ וואָלט איינגעשטימט צוריקצוקומען אַהער אין אַטעליע, מיט אַ פּאָר טעג צוריק, ווען דו האָסט זי גערופן, וואָלטסטו דאָך צו מיר ניט געלאָפן!

— זייער מעגלעך אַז ניט.

— זעסטו! און פ אַ ר דיין לעצטער אַנטוישונג בין איך נאָר דיר וואָכנלאַנג נאָכגעלאָפן, פאַזירט, אויסגעטאָן זיך נאַקעט. און דו האָסט זיך אויף מיר אַפילו ניט אומגעקוקט.

— איז וואָס באַווייזט דאָס? אַז איך בין לייכטזיניק, אָדער טריי?

— געוויס, אַז דו ביסט טריי. דאָס מיין איך דאָך. א י ר ביסטו טריי און איך בין נאָר „ערזאַץ", אַזוי ווי די אומגעלומפּערטע מאַדאַם מלאָטעק, מיטן גרויסן קאָפּ און קליינעם היטעלע, איז דאָ געווען ערזאַץ. די נעכטיקע „פּייע" דיינע אין טאַנץ־זאַל, אָט די ווייס־האָריקע מיט די שוואַרצע ברעמען, וואָלט אויך געווען ערזאַץ, ווען זי וואָלט זיך אַהער פאַרבלאָנדזשעט. א י ך וויל דאָס מער ניט זיין.

בריין האָט אַ ווײַלע געשוויגן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. און סאָ־לאַנש האָט גענומען צורעכט־מאַכן אירע האָר וואָס זי האָט צעשויבערט

אין איר ווילדן אָנפּאַל אויף איר בילד. עס האָט אויסגעזען אַז זי קלייבט זיך אָוועקצוגיין. האָט זיך ביי איר ברין געגומען בעטן:
www.libtool.com.cn
— סאָלאַנש, האָסטו נאָך אַ ביסל געדולד מיך אויסצוהערן?
— יאָ, מאַכט זי —׳ דאָס האָב איך. נאָר וואָש פריער אָפּ דיין פּנים. ווי אַ קוימענקערער פון אַ גאָלד־שמעלצעריי זעסטו אויס. אָדער... גיב מיר! איך זע בעסער ווי אָפּצוואַשן.

.2

אויף אַזאַ גנאָד, נאָך אַזעלכע ביטערע ווערטער, ווי אים איז דאָ אויסגעקומען צו הערן, האָט ער זיך שוין גאָרניט געריכט. עס איז געקומען אומדערוואַרט, אַזוי ווי סאָלאַנשס שוימענדיקער צאָרן, אַזוי ווי אירע קילע ווערטער. נאָכגיביק האָט ער איר צוגעטראָגן דאָס נויטיקע און אונטערגעשטעלט דעם שטערן, ווי אַ פאַרזינדיקט ייִנגעלע, וואָס לאָזט זיך צוואָגן פון זיין שטרענגער מוטער. און זי האָט פּאַוואָלינקע איינגעטונקט איר ווייס טיכעלע אין טערפּענטין און פאַרזיכטיק גענומען אָפּוואַשן ברינס פאַרשמירטן פּנים. געהייסן אים צומאַכן די אויגן, ווען זי איז דערגאַנגען צו די ברעמען. זי האָט דאָס אַלץ געטאָן מיט אַ מערקווירדיקער לייכטקייט און מיט וואַרעמע פינגער, וואָס ציטערן קוים קוים פון איינגעהאַלטענער ליבשאַפט. אין קאָפּ האָט ברינען גענומען שווינדלען פון אַזאַ צאַרטן איבערגאַנג; אָקערשט כעס און קאַלטע רשעות און אָט אַזאַ באַרעמהאַרציקייט... ער האָט זיך קוים דערוואַרט זי זאָל ענדיקן, און באַלד צוגעכאַפּט זיך צו איר טונקעלער האַנט מיט דער זיידיקער הויט, וואָס האָט אים אַזוי איידל באַהאַנדלט, מיט טרערן אין די אויגן צוגעכאַפּט זיך קושן זי. זשעדנע איבערגעגאַנגען פון פינגער צו פינגער. עפּעס ווי אין יעדן פינגער וואָלט געווען אַ באַזונדער טעם. אָבער זי האָט אירע, מיט טערפּענטין שמעקעדיקע, פינגער צוריקגעצויגן און ווידעראַמאָל — ווי אַ שטרענגע מאַמע, וואָס לאָזט ניט דאָס פאַרזינדיקט קינד זאָל צופיל נאַשן:
— האָסט דאָך געוואָלט עפּעס זאָגן...
— יאָ, יאָ, סאָלאַנש. וועגן ליבע און ליבע־ערזאַץ... איך טייל דאָס גאַנצע איין אין דריי קאַטעגאָריעס: ל י ב ע, נ י י ג ע ר י ק י י ט און ג ע װ ו א ו י נ ה י י ט... די שטאַרקסטע ליבע איז די, וועלכע שלאָגט איין ווי אַ בליץ. אַזאַ קומט מייסטנס אין די יונגע יאָרן, ווען מען געוועלטיקט נאָך ניט איבערן אייגענעם ווילן און מען טראַכט ניט וואָס מאָרגן וועט זיין. אַזאַ ליבע מאַכט געבוירן ממזרים און מאַכט, אָפּטמאָל, אומגליקלעך אויפן גאַנצן לעבן... שפּעטער, ווען מען איז גייסטיק פעסטער,

אויסגערעכנטער, סקעפּטישער — קומט זי ניט אָן אַזוי שטורמיש, אָבער זי איז נאָך געגוג שטאַרק צו דערהויבן און דערנידעריקן, צו בויען און חרוב מאַכן אין איין און דערזעלבער צייט. אַזוי ווי מיין ליבע צו דיר, טייערע סאָלאַנש!

www.libtool.com.cn

— דערלויב מיר צו צווייפלען...

— צווייפל ניט! דאָס וואָס דאָ איז געשען, פּ אַ ר דיין היינטיקן קומען אַהער, דאָס איז פון צווייטן סאָרט. דאָס איז די נ י י ג ע ר י ק י י ט. אַזאַ איינע קומט אָפּטמאָל גאַנץ אומגעריכטערהייט, ווען מען ווערט מיד פון ליבע; ביי מענער אַזוי ווי ביי פרויען... ווי פאַרליבט מען זאָל ניט זיין, ווערט מען עפּעס, אין אַ געוויסן מאָמענט, קראַנקהאַפט־נייגעריק, און אַ גלוסטעניש באַפאַלט צו זען און צו פילן, ווי אַזוי ד י אָ ד ע ר י ע נ ע פרוי, ד ע ר אָדער י ע נ ע ר מאַן, וועט איבערלעבן די זעלבע ליידנ־שאַפט, וועלכע האָט שוין ביי דיר איבערגעקאָכט און שטיל געוואָרן. וועלכע פאָרמען דאָס וועט אָננעמען: שעמעוודיקע, צי אויסגעלאַסענע? אין וואָס פאַר אַ קאָנוואולסיעס עס וועט פאַרגיין... עס איז ווי די געפאַר פון אַ סאַלטע־מאָרטאַלע *) אין צירק, וועלכע פאַרכאַפּט דעם אָטעם. עס איז ווי אַ שונד, צו וועלכער מען כאַפּט זיך ווען ניט איז צו, ווען די קונסט דערעסט. און זי דערעסט. אַפילו די גרעסטע קינסטלער דערעסט זי פון צייט צו צייט... ניט אַלע אייפערזיכטיקע מענער און פרויען באַגרייפן די דאָזיקע נייגעריקייט, וואָס האָט גאָר מיט ליבע ניט צו טאָן. זיי ווילן אויך ניט באַגרייפן: ווי אַזוי מען קען דאָס אויסבייטן בעטהאָווענס אַ סימפאָניע אויף אַ טרילעריי פון אַ קאַטערינקע. און זיי זיינען גערעכט. זיי אונטערשעצן אָבער די אור־קראַפט פון סעקסועלער נייגעריקייט, וועלכע טרייבט דערצו. דאָס איז אויך געווען מ י י ן נייגעריקייט, ווען אָט די רובענס־פרוי איז היינט געקומען צו מיר אַן אַנגעטאָנענע, אַ פאַרשלייער־טע, אַ פאַרשטעלטע. און מיר האָט זיך פאַרגלוסט צו זען זי אין איר אמתער געשטאַלט, אַנטבלויזט ווי די קיניגין מאַרי־דע־מעדיטשי אין לוואור. זען דעם איבערגאַנג אירן פון ביטערן פאָרוואורף צו צערטלעכקייט, פון שנאה, וואָס זי האָט מיר גאַנץ אָפן אַרויסגעוויזן ביים קומען, צו פאַר־ליבטקייט...

— ביים זען אַליין ביסטו דאָך אָבער ניט געבליבן...

— געוויס ניט. דאָס ווייטערע געהערט שוין אָבער צום פינאַל פון שונד־ראָמאַן, וואו דער חשובער פּראָפעסער באַאיילט זיך צו מאַכן אַ סוף מיט העלדן וואָס זיינען אים געוואָרן איבעריק. איינעם סמט ער אָפּ; דעם צווייטן וואַרפט ער אַרויס, אין פּאַדזשאַמעס, פון פינפטן שטאָק. דאָס מאָל בין איך דער אַראָפּגעפאַלענער...

---

*) טויטן-שפּרונג.

— ביסט דאָך אָבער גאַנץ געבליבן, האַ־האַ!.. נו, און דער דריטער סאָרט ליבע?

www.libtool.com.cn

— דאָס דריטע איז די ג ע װ ו א ו י נ ה ײ ט. אַזוי האָבן זיך אונדזערע עלטערן און זיידעס געוואוינט צו זייערע פרויען, און אונדזערע מאַמעס און באָבעס צו זייערע מענער. אַזוי זײנען געוואוינט, צו זייער אינטימען לעבן, הונדערטער טויזנטער וואָס דו זעסט טאָג־טעגלעך אויף דער גאַס. זי איז קיל און נאָרמאַל, זי פלייצט ווי אַ טייך אין אירע ברעגעס. די געזינטסטע פאָרמע פון ליבע, אויב דו ווילסט וויסן, איז די דאָזיקע געוואוינהייט. ניט די בליץ־ליבע און ניט די נייגעריקע, די אַזוי גערופענע לינקע ליבע, נאָר די סעקסועלע געוואוינהייט שטעלט אויף דורות, באַדעקט די ערד מיט נייע שטעט און ליפערט מיליאָנען אַרבעטער־הענט פאַר אַלע צווייגן פון דער וועלט־פּראָדוקציע. ווען דער פייער פון דער גרויסער ליבע ווערט אויסגעלאָשן, בלייבט ביי אַלעמען די געוואוינהייט. די דערינערונג... זי בלייבט ווי אַ טרייסט. מיט איר לעבט מען און פון איר דערנערט מען זיך, ווי פון אַ שפּייכלער, צענדליקער יאָרן נאָכאַנאַנד. אַפילו ווען מען בלאָנדזשעט פון איר אָפּ אָן אַ זייט, קערט מען זיך צו איר אום. מען קערט זיך צו איר, כמעט אַלעמאָל אום, ווי צו וואַסער נאָך אַ שיכּרות. אַזאַ געוואוינהייט־ליבע איז לעבלעך און שרעקלעך מיט איר ירושה־קראַפט. אַלע שטורעמס איבערלעבט זי, פון אַלע געוויטערס גייט זי אַרויס טרוקן. מען פילט זי ניט ווי די משא פון גוף, ווען מען איז געזונט, ווי די לופט צום אָטעמען. מען הויבט זיך אָן שטיקן ערשט דעמאָלט, ווען אַט די וואַגלאָזע לופט פעלט. דאָ אַרבעט דער זכרון מער ווי די ליידנשאַפט. אָט דער זכרון, און נאָר ער, האָט מיך, וואָרשיינלעך, אַזוי אומברחמנותדיק געפּייניקט, ווען סאָניאַ איז פון מיר אַוועק...

— און איך? וואָס בין איך? אַ בליץ, אַ? אָפּגעבליצט...

— ניין. אפשר אַלץ צוזאַמען. נאָר דו האָסט מיך צו דער ג ע װ ו א ו י נ ה ײ ט ניט געלאָזן קומען. צו פרי אָנגעהויבן שפּילן מיט מיר. איך האָב דיר שוין געזאָגט. מיט פראַנסואַ לופען גערייצט מיך און מיט די טענצער אין נאַכט־לאָקאַל...

— דאָס? דאָס האָט דיך געמאַכט אייפערזיכטיק?

— ניין. נאָר אומעטיק. און נאָך עפּעס...

— וואָס נאָך?.. — האָט זי זיך אָנגעשפּיצט.

— דאָס, וואָס דו ביסט נאָך אַלץ פאַרליבט... ניט אין מיר, נאָר אין אַנרי דאַל...

— ששש!.. — אַזוי ווי דו אין סאָניאַן.

— די געוואוינהייט. די געוואוינהייט...

— זיי ניט אומעטיק! — איז צו אים סאָלאַנש צוגעלאָפן, נעם מיך אַרום!
www.libtool.com.cn
— וואָס עפּעס מיטאַמאָל?
— ווען דו רעדסט אַזוי, זע איך ווער דו ביסט. איך האָב ליב אַרויפצוקוקן צו דיר.
— כּדי מיך אַראָפּצושלעפּן?
— יאָ. איך וויל ניט דו זאָלסט זיין העכער. איך וויל ניט דו זאָלסט זיין מיין געוויסן.ביידע גלייך זאָלן מיר זיין... נעם מיך אַרום!
— איך נעם דיך אַרום. שלעפּ מיך מיט. אין כּף־הקלע, סאָלאַנש! אין דיין גיהנום איז גאָרניט אַזוי שלעכט ווי מען קען מיינען....

3.

די קראַפט פון דער יוגנט קענען ליבע־אינוואַלידן ניט באַגרייפן. אָט די, ביי וועלכע דער טעמפּעראַמענט געניגט קוים אַנצואוואַרעמען דאָס האַרץ איין מאָל אין וואָך, וואונדערן זיך: ווי אַזוי האָבן זיי דאָס מיט אַ מינוט צוריק געלעכצט נאָך אַ געליבטער, אַזוי געצאַפּלט זיך? זיי האָבן אַפילו, אָפּטמאָל, חרטה וואָס זיי האָבן זיך אַזוי אויסגעבערענגט. קיין נפקא־מינה ניט פון וואַנען אַזאַ רויכערדיקע חרטה קומט: פון אַן איינגעבוירענער שלאַבערדיקייט, צי פון אַ נאָך־פּערציק־יאָריקער מיד־קייט?.. דער רעזולטאַט איז דער זעלבער. אַזעלכע, ווען זיי געניסן איין מינוט, מוזן זיי דערנאָך שלאָפן שטונדן־לאַנג, וואַרעמען זיך אויף דער זון, ווי רעפּטילן וועלכע באַקומען די וואַרעמקייט ניט פון אינעווייניק, נאָר פון דרויסן.

ניט אַזוי איז די רייפע יוגנט, וועלכע ברענט מיט איין ליכטיקן פייער, ביי וועלכער די קראַפט איז דער טעגלעכער ברויט. ביי איר איז ליבע אַ קולט. און יעדער געניוס פון צוויי פאַרליבטע וועזנס גייט, אָפּטמאָל, איבער אין אַ רעליגיעזן עקסטאַז, אין וועלכן יעדער איינער איז אי דער גאָט אי דער גלויביקער. איינער פאַלט פאַרן צווייטן אויף די קני, און איינער דערהויבט דעם צווייטן ביז צו פאַרגעטערונג.

אין איר פלוצלעכן איבערגאַנג פון נקמה צו פאַרליבטקייט, האָט סאָלאַנש געגומען דויד ברינען אויף איר וואַגשאָל. ניט אַנדערש. זי האָט געוואָלט אויספּרוּאוון צי ער האָט נאָך פאַר איר איבערגעלאָזן פון אָט־דעם רעליגיעזן ברען. ברין האָט דעם פּרואוו אויסגעהאַלטן, און סאָלאַנש האָט זיך געקענט איבערצייגן, אַז ניט אַלץ האָט ער אָוועקגעגעבן אָט דער רובענס־פרוי, וועלכע האָט זיך צו אים אַהער געוווען פאַרבלאָנדזשעט. זיי זיינען צוליב דעם אַרויף צום האַלב־טונקעלן קאַמער וואָס

העגגט איבער דער אַטעליע, אין געשטאַלט פון אַ ברייטן באַלקאָן. ס׳איז געווען דאָס זעלבע קאַמער וועלכע איז שוין סאָלאַנשן געווען באַקאַנט, ווען דער סקולפּטאָר אַנרי דאַל האָט דאָ געוואוינט און געקלעפּט פון איר זיין „שלאַנגען־טענצערין״; דאָס זעלבע בעט פון לואי דעם פערצנטן מיט די נוס־האָלץ שניצערייען. נאָר אָנשטאָט די פיינע דעליקאַטעסן וואָס סאָלאַנש האָט צעטראָטן אין איר וואוט, האָט זי זיך אַצינד געמוזט באַנוגענען מיט ברינס שטרוי־אַלמנישע זאַפּאַסן, וואָס ער האָט נאָך געהאַט אין זיין שפּייז־קאַמער. ער האָט זיי אַהער גאַסטפריינטלעך אַרויפגעטראָגן אויף אַ טאַץ: באָרדאָ־וויין, ראָקפאָר־קעז, סאַלאַמי־וואורשט, רויטע רעטעכלעך, שפּאַנישע פאַרשפּעטיקטע ווייַנטרויבן, אָנשטאָט ברויט — ביסקאָטן*). אַ מאָגערלעכע סעודה איז דאָס געווען און זיי האָבן זי פאַרבעסערט מיט זייער צערטלעכקייט. אָבער ביי זייער גאַנצער איבערגעגעבנקייט, וואָס זיי האָבן איינער דעם צווייטן אַרויסגעוויזן, ביי אַזאַ איבערבעטן זיך, איז דער אומעט ניט אַוועק. זיי האָבן קיין באַזונדערע ווערטער ניט געהאַט און עס האָט צווישן זיי געהערשט אַ געוויסע שעמעוודיקייט. שטום האָבן זיי אַריינגעקוקט איינער דעם צווייטן אין די אויגן: „איז דאָס ניט דער לעצטער מאָלצייט און די לעצטע דערנענטערונג?..״

דער ערשטער האָט ברין ניט אויסגעהאַלטן אַזאַ געדריקטע שטימונג. אַוועקקוקנדיק אָן אַ זייט האָט ער טרויעריק אַ זאָג־געטאָן:

— מען וואָלט געקענט מיינען, אַז מיר געזעגענען זיך...

זי האָט ניט געענטפערט, נאָר אַ טרונק־געגעבן פון איר גלאָז דעם פלאַמענדיקן באָרדאָ. איר שוויַגן האָט ברין אָנגענומען ווי אַ שטומע באַשטעטיקונג און איז נאָך אומעטיקער געוואָרן.

צו הילף איז זיי ביידן געקומען די פאַרגייענדיקע זון. פון אונטן, אין אַטעליע, האָט מיטאַמאָל אַרויפגעשלאָגן אַ גרויסע ליכטיקייט. אין די גרויסע, מיט לייכטן שטאָף פאַרהאַנגענע פענצטער האָט אַ זעץ־געגעבן אַ גאָלדענע שפּיז. און נאָך אים—אַ צווייטער, אַ דריטער. נאָך אָנדערטהאַלבן שנייאיקע טעג, פון נעכטן אינדערפרי אָן, איז דאָס אַצינד געווען אַ שיי־נענדיקער סורפּריז, אַ פריילעכע איבעררעשונג; איינע פון די, וואָס אינעם פאַריזער קלימאַט קומען זיי אָפטמאָל פאָר אין אָנהויב ווינטער, ווען די דרום־ווינטן, פון מיטללענדישן ים, שלאָגן זיך נאָך אַרום מיט צפונדיקע. איגמיטן שנייען לייטערט זיך עס פלוצלונג אויס און מען קען מיינען, אַז אַ נייער סוף־זומער קערט זיך אום.

— זע, מאַכט סאָלאַנש, די זון! דער טאָג פאַרגייט אַזוי שיין, היינט פאַרוואָס איז אונדז אַזוי אומעטיק?

---

*) קרעקערס.

www.fbtool.com.cn

— דאָס קומט דערפון, ווייל איך און דו זיינען באַגאַנגען ניט קיין שיינע זאַכן...
www.libtool.com.cn

— אַ פאַרברעכן ווילסטו זאָגן! איך — ווייניקסטנס...

אַצינד האָט ע ר געשוויגן. באַשטעטיקט מיט זיין שטומען, אַז ס'איז אַזוי.

סאָלאַנש האָט אים גענומען גלעטן איין באַק מיט איר קיל־געוואָרע־נער האַנט:

— ניט נאָר דאָס בילד פאַרפלעקט, די זעל — אויך... וועט דאָס זיין שווער אָפּצוּוואַשן?

— דאָס בילד צי די זעל?

—ביידע זאַכן...

— מיט אַ סך געדולד... וועלכע איך האָב אַצינד ניט מער.

— איך אויך ניט.

— אין אַזאַ צושטאַנד וואָלט דאָס בעסטע געווען איבערצובייטן דעם אַרום, אַריינוואַרפן זיך אין אַ גייסטיקן געניס, ווי אין אַ היילנדיקער וואַנע, ווען דאָס האַרץ איז אָפּגעשוואַכט. דאָס בעסטע וואָלט אַצינד געווען באַזוכן אַ גוטן קאָנצערט, דורכגיין זיך דורך הערלעכע זאַלן פון אַ מו־זעאום, אין לואוור צום ביישפּיל.

— אָ, אין לואוור גיין איז שוין צו שפּעט!

ברין האָט אַ קוק־געגעבן אויף זיין בראַסלעט־זייגערל:

— אַ שאָד. ס'איז שוין באַלד פינף. ווינטער־צייט שליסט מען פריער. אָבער באַזונדערס שטערט מיר דאָס ניט. אויב דו ווילסט, וועלן מיר זיך דורכגיין איבערן לואוור, צווישן טאָג און נאַכט, ליגנדיק דאָ צוזאַמען אויפן שלאָף־באַלקאָן. פאַרמאַך נאָר די אויגן און גיב מיר דיין האַנט. קלער וועגן גאָרניט און פאַרלאָז זיך אויף מיר. איך וועל דיך פירן. בלינדערהייט וועל איך זיך דאָרטן ניט פאַרבלאָנדזשען... מיר גייען אַלזאָ אַריין אין לואוור־מוזיי פון דער טיולערי־זייט, דאָרטן וואו דער גאַמבעטאַ־דענקמאָל, מיטן פליענדיקן אָדלער, דערהויבן זיך אַזוי אימפּאָזאַנט, ווי דער שטאָלץ פון דער אייביקער פראַנקרייך; און מיר לאָזן זיך אַראָפּ אין קעלער, צו די אַנטיקע סקולפּטורן...

— כדי דערנאָך שטייגן און שטייגן?

— אויב דו ווילסט.. צו די וואָרצלען פון די עלטסטע קולטורן לאָזן מיר זיך אַראָפּ. זיי זיינען טיף פאַרפלאַנצט אין די לואוור־קעלערן, ציען דאָרטן זייער קראַפט און שפּייזן די גאַנץ נייע קונסט אויבן, גאַנץ אויבן... שווער זיינען די וואָרצלען אַזוי ווי די באַזאַלט און גראַניט־סקולפּטורן פון דער באַבילאָנישער און עגיפּטישער עפּאָכעס...

— איך גיי דיר נאָך. פיר מיך!..

www.libtool.com.cn

— וואַרט! אײדער מיר לאָזן זיך אַראָפּ צו די וואָרצלען, כאַפּן מיר אַ פּלי, ווי צוויי גײסטער. די אײדל־אַלטע וועגט פון לואוור ווערן דורכ־זיכטיק און מיר זעען אַלץ ווי אונטער גלאָז. גרויסע מענטשלעכע אוצרות. דער פראַנצויזישער געניוס האָט דאָס אַלץ צוזאַמענגעבראַכט און קלאַסירט. דער וועלט־קונסט האָט דאָס ניט קײן קלענערע נוצן געבראַכט, ווי די ערשטע פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיע — פאַר דער בילדונג פון אַלע פעלקער אויף דער גאָרער וועלט. און אויסער דעם זעסטו דען ניט, אַז דער לואוור איז דאָס גרעסטע ש ל ו ם ־ ה ו י ז וואָס די וועלט האָט אַמאָל געהאַט? . די „ליג־אָוו־נײשאָנס״ האָט דאָס נאָך ביז איצטער אַזוי ווייט ניט געבראַכט.

— וואָס האָט דער לואוור צו טאָן מיט שלום?

— ער האָט. אַלע ראַסן און פעלקער, אַלע געטער און עפּאָכן האָבן דאָ שוין לאַנג שלום געמאַכט. יופּיטער שטײט דאָ נאָענט צו דער מאַדאָנע און דער עגיפּטישער אָזיריס צום אַראַבישן נביא. וויפל חורבנות, בלוט־פאַרגיסונגען, אונטערדריקונגען און גרויזאַמקײטן האָבן שוין אַרויסגערופן בראַהמאַ און בודדאַ, זאָראַסטער און מיטראַ, קריסטוס און מוחמד! בערג פון לײבער און פון ראָבן־אָפּגעפּרעסענע בײנער. אַלע שטעט האָבן שוין צען מאָל געברענט צום רום פון אָט די אַלע געטער, גאָט־זוכער און רע־ליגיע־שאַפער. אָבער דאָ, אין לואוור האָבן זײ זיך אַלע באַרואיקט, פרידן געשלאָסן, יעטוועדער מיטן שמײכל פון מחילה אויף זײן שטײנערנעם, בראָנדזענעם אָדער געמאָלטן געזיכט... די נעמען פון אַ סך קינסטלער, וועלכע האָבן זײ פאַרקערפּערט און פאַראײביקט, זײנען אַפילו צו אונד־זערע אויערן ניט דערגאַנגען, אָבער זײערע געוואַלטיקע סימבאָלן לעבן נאָך. זײ לעבן נאָך דאָ און שטרעקן אויס די הענט זײערע איבער גאַנצע הרי־חושך פון שנאה, איבער ווײסע און פאַרוויכערטע הויפנס בײנער פון מאַרטירער. „פרידן!״ רופן זײ אַלע שטומערהײט. וואָרעם אַלע, אַלע קולטן גײען פון אײן קוואַל, פון דער מענטשלעכער בענקשאַפט נאָך אײ־ביקער שײנקײט. און אַלע סימבאָלן זײנען געקנאָטן פון שעפערישע הענט. מ י ר, זאָגן זײ, האָבן וואָס צו זאָגן פאַר דער מענטשהײט מיט אונדזער שטײנערנער, בראָנדזענער און פאַרביקער שפּראַך, ניט איר מיט אײערע אומרײנע שווערדן און גיפטיקע פײלן, איר מלחמה־העלדן! אַוועק מיט אײערע בלוטיקע הענט און גראָבע זעלנערישע מײלער! מ י ר זײנען די אַמבאַסאַדאָרן פון מענטשלעכן ווילן און ניט איר. פון קינסטלער־געצעלטן אין דער אַלטער וועלט זײנען מיר אַרויס און דאָ, צום גרויסן קונסט־טעמפּל, האָבן מיר זיך אומגעקערט. אַ סך פון אונדז אָן הענט און פיס, מיט געבראָכענע גלידער און אָפּגעקלאַפּטע נעז, ווי איר זעט אונדז דאָ צו הײנטיקן טאָג... אָבער אומגעקערט האָבן מיר זיך פאָרט, דאָ

ווילן מיר בלייבן. מיר ווילן ניט מער איר זאָלט קניִען פאַר אונדז, תפילה טאָן און שלאַכטן אומגלויביקע אין אונדזער נאָמען. מיר ווילן נאָר איר זאָלט אונדז באַוואונדערן און לערנען, פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט, זאָלט איר עפּעס אויך! . .

www.libtool.com.cn

— איך פלי! . . — האָט סאָלאַנש אַ שעפּטשע געגעבן מיט שמייכלענדיקע ליפּן און מיט פאַרמאַכטע אויגן.

— פאָרזיכטיק, מיין ליבע! מיר לאָזן זיך אַצינד אַראָפּ אין די שטיינערנע קעלערן פון לוואוור, צו די ערשטע קינסטלער פון פאַר טויזנ־טער יאָרן. צו די סומערישע און כעטיטישע פיגורן פון קליין־אַזיע, מיט זיבן און אַכט טויזנט יאָר צוריק. זעסט זייערע פעלצערנע היטעלעך, זייערע קיילעכדיקע קעפּ, וואָס וואַקסן אַרויס פון שטיין אַזוי ווי דער „געדאַנק" פון מאָדערנעם פראַנצויזישן מייסטער ראָדען? אַלץ איז שוין געווען. עס חזרט זיך נאָר איבער אין דער ראָד פון צייט, אַזוי ווי דער קאַרשן־צוויט אין פרילינג. און פּאָרט איז עס אַלעמאָל אָנגעלייגט, ווי אַ נאָענטער וואָס קערט זיך אום פון ווייטע מדינות, ווי אַ פאַרלאָרענער זון וואָס עפנט פלוצלונג אויף די אויסגעקרימטע טיר צו זיינע אַלטיטשקע עלטערן . . .

דאָ אין די קעלערן איז אויך פאַרטראָטן אינדיע מיט אירע בלוט־דורשטיקע געטער שיוואַ און קאַלי און מיט אירע וואונדערבאַרע בריס־טיקע פרויען, מיט געשניצטע אומעטיקע פנימער, וואָס זעען אויס ווי קרבנות; ווי בראַהמאַנישע אלמנות וואָס מען גייט פאַרברענען אויפן שייטערהויפן, ווען זייערע מענער שטאַרבן פלוצלונג. . . דאָ זעען מיר די אויסגעגראָבענע קונסט־ווערק פון די עטרוסקען, וועמעס היראָגליפן עס זיינען נאָך ניט אויפגעקלערט געוואָרן ביז צום היינטיקן טאָג. אַ גע־היימניספול פאָלק פון סעמיטישער אָפּשטאַמונג. זייערע סאַרקאָפאַגן דערמאָנען די עגיפּטישע. זייערע מאָלערייען זיינען פלאַך. וואונדערבאַרע סילועטן אָן אַ שפור פון פערספעקטיווע. און זייערע וואַזן, אָנטוּעכצן און געמאָלטע זיטן דערמאָנען די נאָענטע פעניקישע שכנים פון אַפריקאַנישן ברעג. דאָ זעען מיר די כאַלדעאישע און אַסירישע העלדן, הויכגעוויקסיקע סאַטראַפּן מיט פירעקיקע בערד און מיט מגושמדיקע מוסקול־שווערע פיס, מיט דערשטיקטע לייבן אין די אַטלעטן־אָרעמס און מיט אויסגעלו־פּעטע אויגן, האַרטע ווי געקאָכטע אייער. דאָ זעען מיר די פּערסישע קריי־גער: באַגלאָזטע רעליעפן, פון קאַכליעס צוזאַמענגעשטעלט; אין גרינע מאַנטלען, מיט שיידלעך פול מיט פיילן אויף די רוקנס. אַלץ איז דאָ פון גרויסן שוואונג און פון מוראדיקע, אָפּטמאָל — אומגעלומפּערטע די־מענסיעס, אַזוי ווי די באַשעפענישן פון די ערשטע עפּאָכעס אויף דער ערד. די געשיכטע פון דער קונסט איז אַלעמאָל געווען ענלעך צו דער ערד־גע־

שיכטע. אין די ווייטע געאָלאָגישע עפּאָכעס זיינען איבער אונדזער ערד אַרומגעפלויגן פלעדערמייז־קראָקאָדילן. עס זיינען אַרומגעקראָכן יאַשטשע־רעס גרויס ווי אַ הויז. שפּעטער — האַריקע מאַמוטן, מיט ציינער אויס־געבויגענע ווי דוהעס. טיגערס דריי מאָל אַזוי גרויס ווי די פון אונדזער עפּאָכע, מיט רייס־ציינער גרויס ווי ביי ווילדע חזירים; הייל־בערן — שווערע ווי אָקסן... די נאַטור האָט זיך דעמאָלט צו גרויס פאַרמאָסטן. געזוכט דאָס אימפּאָזאַנטע, ניט דאָס איידעלע. פאַרביטן פיינקייטן אויף דימענסיעס, פאַרבן — אויף דאָס לאַנגע און ברייטע און הויכע. אויסער ביינער אין די ליימיקע בערג פון יוטאַ, אין די קריידן פון די ים־ברעגעס, אין דעם אייז פון סיביר און אין די זאַמדן פון מדבר גאָבי איז פון די אַלע גיגאַנטישע באַשעפענישן גאָרניט געבליבן.

מיט דער קונסט איז דאָס זעלבע געשען. אויך זי האָט אין אירע ערשטע עפּאָכעס אויסגעביטן צאַרטקייט אויף גרויסע מאָסן, מייסטער־שאַפט אויף דאָס קאָלאָסאַלע, און דאָס וואָס גיט טיפע הנאה — אויף דעם וואָס מאַכט־שטוינען... אין יענע צייטן האָט זי געבויט מוראדיקע פּי־ראַמידן און ספינקסן — האַלב־ווייב האַלב־חיה. אין יענע צייטן האָט זי געבויט אירע סאַרגאָן־ און דאַריוס־שלעסער מיט באַרדיקע, באַפליגלטע אָקסן ביי די איינגאַנגען; עגיפּטישע זיילן — וואָס צען מענטשן קענען זיי ניט אַרומנעמען. זי האָט געשאַפן גיגאַנטישע בודדאַס, צוואַנציק־שטאָקיקע פּאַגאָדעס...

פון אָט די מאוימדיקע פאַרמעסטונגען הויבן זיך אָן אַרויסשיילן, צום אָנהויב — די שפּעט־עגיפּטישע קונסט מיט אירע פּראַכטפולע אָבע־ליסקן, און מיט קלענערע פּראָפּאָרציעס פון געטער און מלאכים, פון גראַ־ניט געמאַכט און פאַלירט ביזקל שפּיגל־גלאַנץ. שפּעטער שיילט זיך אַרויס די גריכישע קונסט, אין וועלכער דאָס גאַנצע געוויכט ווערט געלייגט ניט אויף ג ר ו י ס, נאָר אויף פאָלקאָמענהייט. אויף די חורבות פון סו־מעריאַ, בבל, מצרים און פּערסיע, בליט די נייע אויסגעאיידלטע עפּאָכע אַזוי ווי רויטער מאָן און בלויע גליציניעס אויף אַן אַלטן צוים.

אין די פאַרהיסטאָרישע געאָלאָגישע עפּאָכעס לויטערן זיך אויס די הימלען פון וואולקאַנישער סאַזשע און פון שווערע גאַזן. די לופט ווערט דין. מגושמדיקע דראַקאָנען קענען שוין מער, אין אַזאַ לופט, ניט פליען. זיי פאַלן אַראָפּ און פגרן אויס. אין דער נייער בלויער לופט קענען פליען נאָר לייכט־פעדערדיקע פויגלען און קאָלירטע פלעדערלעך, און אין דער ראַפינירטער גריכישער לופט, פון חכמה, גוטן געשמאַק און גליקלעכע פּאָליטישע סיטואַציעס, ווערט מעגלעך עס זאָל אויפשטיין אַזאַ אויס־געאיידלטע קונסט, ווי פּראַקסיטעלעס און פידיאַס האָבן זי פאַרשטאַנען. ס'שווימען אויך די וואונדערלעך־געקלעפּטע, שוואַרץ־געלאַקטע

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

און מיט גאָלד און פּורפּור באַמאָלטע וואַזעס. יעדער וואַזע אַ בילדלעכע מגילה, וואו געשיכטע, קולט און לעגענדע זיינען האַרמאָניש אויסגעמישט און וויקלען זיך אין ספּיראַלן, פון קונציקע מיניאַטורן צוזאַמענגעקייטלט. עס וואַקסן אויס: הערמעט מיטן קינד — דער אידעאַל פון מאַנצבילשער שיינקייט און ווענוס פון מילאָס — דער אידעאַל פון ווייבלעכער פולקאָמענהייט. דאָס זיינען די אור־אייניקלעך פון די סומערישע האַמעטנע פיגורן אין קליין־אַזיע, די פלימעניקלעך פון די באַבילאָנישע און די עגיפּטישע קאָלאָסן... אָבער וואָס פאַר אַ ווייטער וועג און וואָס פאַר אַ דערגרייכונגען! עס איז דער זעלבער ווייטער וועג וואָס צווישן מאַדאָסטאָן און צווישן פרעכטיקן טיגער, צווישן מאַמוט — און לייכטפיסיקן הירש, צווישן דער פּאַרהיסטאָרישער גאָרילא און מענטשנקינד... אָבער אַלס אידעאַל פון מענטשלעך־ווייבלעכן קערפּער, וואָס איז נאָך אין לעבן ניט דערגרייכט געוואָרן, זעט אונדז פאָרט אויס, ביז צום היינטיקן טאָג, די ווענוס פון מילאָ. דאָס, וואָס דאַרווינס געשלעכט־אויסוואַל האָט נאָך קיינמאָל ניט דערגרייכט, האָט דערגרייכט די קונסט. די ווענוס איז אָנדערטהאַלבן מאָל אַזוי גרויס ווי אַ לעבעדיקע פרוי און זעט פונדעסטוועגן אויס, אויף איר פּיעדעסטאַל, אַלס אַ גאַנץ נאָרמאַלער ווייבלעכער וואוקס. אַזוי האַרמאָניש איז זי אין אַלע אירע נאַקעטע און פאַרשלייערטע גלידער, אַזוי נאָבל — אין דעם בויג פון איר טאַליע, אין איר האַלבן מאַיעסטעטישן טראָט אונטער איר פאַלטיקער דראַפּירונג, אין איר קאָפּ־האַלטונג. אירע בריסט זיינען אַזוי פעסט און איידל צוזאַמענגעוואַקסן מיט די מוסקולן פון איר בויך און פּלייצעס, אַז זיי זעען אויס קליין, ווי שפּראָצנדיקע הערנער פון אַ יונגער בערג־גאַזעלע. די אויסהוילונגען אונטער אירע אָרעמס גייען איבער אַזוי ווייך, אין אירע פאַרשלייערטע היפטן, ווי אין אַ שלאַנקער וואַזע. זי שאָקירט ניט מיט איר נאַקעטקייט, זי רופט ניט אַרויס קיין שום לינקן געדאַנק. זי איז פול מיט צניעות ווי אַ הייליקע וועסטאַלין, וואָס האָט נאָך קיין מאָל קיין זינד ניט פאַרזוכט. כאָטש אויסזען זעט זי אויס ווי אַ צייטיקע פרוי, ווען די מוטערלעכקייט איז ניט פרעמד. די לייכט־קרויזלדיקע האָר אירע זיינען פאַרקעמט אָן קונצן, ווי אַ בינטל פעלד־בלומען, חנוודיק און באַשיידן, פאַרוואָרפן אויף איר שלאַנקן נאַקן. היינט דער שמייכל אירער אויף די פולע אידעאַל־געשניטענע ליפּן! ער דערמאָנט דעם שמייכל פון מאָנאַ־ליזאַ דזשיאַקאָנדאַ — דער שעדעוור פון לעאָנאַרדאָ דאַ־ווינטשי. אָבער אַ סך דערהויבענער, באַשיידענער; פול מיט אויבער־חכמה פון האַלב־פרוי און האַלב־געטין, וועלכע קען אַלע שוואַכקייטן פון די מענער, וועלכע קניען איר צו די פיס; און זי איז זיי אַלץ מוחל...

— אָ! — רופט אויס סאָלאַנש מיט טרוימעריש פאַרמאַכטע אויגן,
— אַזאַ וואָלט איך אויך געדאַרפט זײַן.

www.libtool.com.cn

— וואָלטסט ווידער געווען ניט צופרידן. דאָס, וואָס איז דערגרייכט, פאַרלירט זײַן ווערט. בעסער איז צו האָבן אַזאַ אידעאַל פאַר די אויגן, ווי אין שוואַכן לייב, וואָס פאַרוועלקט אַזוי גיך... עס איז אָבער אַ גענוס פאַרצושטעלן זיך אין געדאַנק אַזאַ הערלעכע פאַר ווי דער געגרייזלטער הערמעס מיט אַזאַ ווענוס־פרוי. עס איז אַ שעפערישער גליק פאַרצושטעלן זיך: וואָס פאַרא קינדער אַזאַ פאַר קאָן געבוירן. וועלכע אידעאַלע האַר־מאָנישקייט און אויסגעהאַלטענע פּראָפּאָרציעס אַזעלכע מענטשן־באַשע־פענישן קענען דערגרייכן!.. ווי דו זעסט, סאָלאַנש, האָבן זיך די רויע נאַטור, אַזוי ווי די מענטשישע קולטור, אַנטוויקלט פּאַראַלעל. געאַרבעט אויף זיך און פאַרבעסערט זיך פּאַראַלעל. די אומגעלומפּערטע גרויס האָבן זיי ביידן דערפירט צו דאָס האַרמאָנישע, און דאָס סתם־אימפּאָזאַנטע — צו דער אידעאַלער מיניאַטור. אָבער פּונקט אַזוי ווי מאָן־בלומען און וויאָלעטן בליען אָפּ און וועלקן, ווען די טרוקענע היצן קומען אָן, אָדער ווען די האַרבסט־ווינטן צעבלאָזן זיך, אַזוי בליען אָפּ די וואונדערבאַרסטע לייבער, די פאַרפולקאָמענסטע ליניעס און פאַרבן און דער איידלסטער געשמאַק, ווען עס קומט אָן דער האַרבסט פון דער מענטשלעכער קולטור. אין ד ע ם פאַל זײַנען דאָס די ווייִנענדיקע, קרעכצנדיקע נשמה־פּייניקער און לייב־פאַרדאַרבער פון קריסטנטום מיט זײַנע טרויעריקע מיסטעריעס, געהיימעניספולע מאַלצייטן און אַבסטראַקטע תפילות לכבוד דעם געהאַנ־גענעם גאָט. עס ווערט האַרבסט אויף דער וועלט. בלומען צעשיטן זיך, איבערגעצײַטיקטע פּירות ווערן פאַרווערעמט. פאַרוועלקטע בלעטער פאַלן. און אין דער רוימישער מלוכה און אויף די גריכישע אינדזלען פאַלן די קעפּ פון די שענסטע און הערלעכסטע קונסט־דערגרייכונגען. אין נאָמען פון געקרייציקטן גאָט פאַלן די קעפּ. מאַנאַכן, אין שמוציקע קוטעס מיט שטריק אונטערגעגאַרטלט, האַקן זיי אַראָפּ... די פליענדיקע ווייבלעכע פיגור, אָן אַ קאָפּ, מיט די פּראַכט־פאַלדן פון איר טוניק־קלייד, אָט די, וועלכע דערהויבט זיך אויף די טרעפּ פון ערשטן עטאַזש אין לואוור, זי פלאַטערט מיט אירע מאַרמאָר־פליגלען און שרייט מיט איר גאַנצן פאַר־שלייערטן גוף איבער דער מענטשלעכער געפאַלנקייט פון איר צייט. זי זוכט איר קאָפּ צווישן די אויסגעשטעלטע אַנטיקן אַרום איר און גע־פינט אים ניט...

עס קומט אָן דער ווינטערדיקער מיטלאַלטער מיט זײַנע זאַווערוכעס פון אומטאָלעראַנץ, מיט זײַנע מלחמות און אַכזריות, מיט זײַן ניט פאַר־טראָגן אַ שכנס מיינונג, אַ צווייטנס גלויבן, מיט זײַן שעמען זיך פאַרן אייגענעם גוף, מיט זײַנע משונהדיק־שווערע היט און געשלאָסענע פרויען־

קליידער פון האַלדז ביז די פיאַטעס, איינגעפּרעסטע ברוסטן און אומנאַ־ www.libtool.com.cn טירלעך־איינגעצויגענע טאַליעס. אָבער אָן קונסט איז דאָס לעבן וויסט און דער טויט — מיאוס. דער קאַטוילישער קלויסטער זעט דאָס איין און נעמט אַריין די פאַרוואָגלטע מוזעס אונטער זיינע שוואַרצע, מיט ווייִרויך־דורכגעריכערטע פאָלעס. אמת, איידער אַריינעמען זיי, אין דער שטיקע־דיקער לופט, הייסט זי זיי נאָך אָנשטענדיק אָנטאָן זיך, איינשנירן זיך אין קאָרסעטן, פאַרהענגען אַלע פאָרמען מיט געוועבן, האַרטע ווי בלעך. פון דער פּליטן־מוזיק, פאַסטעכער־לידער און פאָעזיע מאַכט די קירך לאַנגע ליטורגיעס. פון דער סקולפּטור — אָנגעפּעלצטע מאַדאָנעס און מאָנאַכן־פיגורן אָנגעטאָן אין קוטעס מיט שפּיציקע קאָפּ־צודעקן. פון דער מאָלעריי מאַכט זי גיהנום־פייערן, וואו מען ברענט און מען בראָט די זינדיקע. די הערלעכסטע פּייזאַזשן, נעמט דער קלויסטער אַלס גרונט פאַרן געקרייציקטן, מיט די צוויי גראָבע פאַרברעכער פון ביידע זייטן. די קעפּ פאַרוואָרפן, די אויגן פאַרגלאָצט, פון די מאָגערע געשטאָכענע ריפּן רינט בלוט, ווי אין אַ שלאַכטעריי. עס הויבט זיך אָן אַ שטאַמלען און אַ פּלאַפּ־לעריי פון פעלקער, וועלכע זיינען צוריק אַריינגעפאַלן אין קינדהייט, וואָס לערנען זיך ווידער רעדן ווי קולטור־מענטשן, מאַכן גרייזן און קענען שאַרף ניט אַרויסריידן די עלעמענטאַרסטע בוכשטאַבן, ניט צייכענען די עלע־מענטאַרסטע ליניעס. דאָס אַלץ האָט אַ פּרימיטיוון חן, געוויס! אָבער קיין מענטשן־שפּראַך איז דאָס פאָרט ניט. ביי דער מאָלעריי, סקולפּטור, מאַיאָליק, גראַווירונג קומען אַרויס פיגורן איינער קאָמישער פאַר דער אַנדערער. עס איז די גאָטיק מיט אירע פּיילנדיקע סופיטן, האַלב־פינצ־טערניש, טוכלע מיסטיק און באַמאָלטע פענצטער, כדי אַריינצולאָזן וואָס וויניקער זון; מענטשן זאָלן צו־פיל און צו־קלאָר ניט זען. די דאָזיקע שטיקעדיקע געביידעס זיינען באַצירט מיט הייליקע, וועלכע דערמאָנען געטשקעס פון האַלב־ציוויליזירטע פעלקער: גרויסע בערדיקע קעפּ מיט שמאָלע קאַריקאַטור גופימלעך, אָן פּלייצעס און פאַרהאַנגען זיינען זיי ביז די אויסגעבויגענע שפּיצן שיך מיט לאַנגע און שווערע קאַפּאָטעס. עס זיינען גראָטעסקע כימערן פון חיות און פויגלען און רעפּטילן, וואָס עקזיסטירן אַפילו ניט אין דער נאַטור, נאָר אין רעליגיעזן פיבער. די רעשטלעך פון די דאָזיקע פאַרזעעניש זעט מען נאָך עד־היום אויף די עקן רינעס, אויפן דאַך פון „נאָטר־דאַם־דע־פּאַריז". די מענטשהייט ליגט דעם גאַנצן ווינטער פון מיטלאַלטער אין אַ טיפער באַוואוסטלאָזיקייט. זי שרייט אויף פון די קאָשמאַרן, וואָס מוטשען זי; זי טרייבט פון זיך מכשפות און רוחות, „אייביקע יידן" און עפּידעמיעס. די מאָנאַכן היטן דעם קראַנקן שלאָף פון זייערע גלויביקע און באַשפּריצן די פיבערדיקע קעפּ מיט הייליקן וואַסער.

יאָרהונדערטער גייען אַריבער ביז די מענטשהייט הויבט זיך אָן
www.libtool.com.cn
אויסצוטשוכען. די ק ר י י ץ ־ פ אָ ר ע ר קערן זיך אום פון נאָענטן מזרח
און ברענגען מיט־זיך מיט אַלטע, פאַרגעלטע פאַרמעטן. דאָס זיינען
אָדער אָריגינאַלן, וואָס די מוסולמענער האָבן אַמאָל געדויבט אין גריכנ־
לאַנד און אין ביזאַנץ; אָדער איבערזעצונגען, וואָס די אַראַבער האָבן גע־
מאַכט פון די גריכיש־ביזאַנטישע וויסנשאַפטלעכע ביכער. איבערגעזעצט
האָבן זיי און די אָריגינאַלן פאַרניכטעט. אַ סך פון די פּערגאַמענטן זיינען
איבערגעניצעוועט, אָפּגעשאָבן און באַשריבן פון דאָס ניי. אָבער אונטער
דעם נייעם שריפט קען מען נאָך שווערלעך לייענען אַ סך פאַרלאָרן־
געגאַנגענע אָריגינאַלן. פון די ריטער, וואָס זיינען פון נאָנטן מזרח אַנט־
לאָפן אויף מאַלטאַ, דערגייען די אָריגינאַלן און איבערזעצונגען צום אי־
טאַליענישן האַלב־אינדזל. אַ סך נייגעריקע הענט בלעטערן זיי און אַ
ליכט גייט אויף אין די אויגן פון פסעוודאָ־געלערנטע. פאַרשלאָפענע
גייסטער לעבן אויף. עס הויבט זיך אָן אַ זעלבסט־קריטיק און אַן אָפּלאַ־
כעניש פונעם מיטלאַלטערישן קאַטויליציזם. באָקאַטשיאָ דערציטערט די
גאַנצע צבועקישע קדושה מיט זיין דעקאַמעראָן. לוטער און קאַלווין הויבן
אויף די פאָן פון פּראָטעסט. דרייסטע גייסטער הויבן אָן אָפּצורייניקן די
באַגראָבענע קונסט, די אַזוי גערופענע טויטע געטער, און מען הויבט אָן
אָנצופּאַסן זיי די אַמאָליקע אַראָפּגעהאַקטע קעפּ. די פאַרגעסענע גראָדע
ליניעס פון שטערן און נאָז, די בויך־מוסקולן און די מענטשלעכע נאַ־
קעטע שיינקייט ווערן ווידעראַמאָל באַוואונדערט, גייען צוריק אַריין אין
דער מאָדע. די הייליקע, וועלכע ווערן אַצינד געמאָלט, געקלעפּט און
געגאָסן אין בראָנדז, באַקומען קלאַסישע ליניעס, און די קריסטלעכע מאַר־
טירער — געזיכטער פון פאַרוואונדעטע גריכישע געטער. עס הויבן זיך
אויף, ווי פון תהום אַרויס, די ערשטע רענעסאַנס־סקולפּטאָרן, אַרכיטעקטן
און מאָלער. עס גייען אויף ווי אַ פרימאָרגן־ליכטיקייט: דער פלאָרענטינער
ד אָ נ אַ ט ע ל ל אָ, וועלכער מישט אויס אין זיינע שאַפונגען די איינפאַכ־
קייט, פון די אַנטיקע אויסגעגראָבענע געטער, מיטן רעאַליזם פון מיטל־
אַלטער. זיין „יוחנן דער טויפער“ און זיין „דויד“ מאַכן אַן איבערקערעניש
אין דער אָפּגעשטאַנענער פלאַסטישער קונסט פון זיין צייט.

ו ע ר ר אָ ק י אָ און ט ש ע ל י נ י,ביידע פלאָרענטינער, זעצן פאָר
דאָס וואָס זייער לערער ד אָ נ אַ ט ע ל ל אָ האָט אָנגעהויבן, און צייכענען
זיך אויס אַלס אַרכיטעקטן, מאָלער, פלאַסטיקער און גראַווירער. זיי פאַר־
אייביקן אין זייער מייסטערשאַפט אַזוי ווי ער דעם פאַרגעסענעם גריכישן
קלאַסיציזם מיט דער נאַאיוויטעט פון דער קירכן־קונסט.

כמעט אין איין און דער זעלבער צייט ווירקט ב אָ ט י ט ש ע ל י. ער
איז ליידנשאַפטלעך און עלעגאַנט אין זיינע פאַרבנרייכע מאָלערייען,

הגם אויסטערליש אין מאַנכע פון זיי. ער איז ווי געשאַפן אויפצולעבן די „געבורט פון דער ווענוס“ אין ים־שוים, דעם „פרילינג“ זיינעם. ער פאַרקערפּערט די וויזיעס פון אַ צווייטן גאון פון זיין צייט אויפן ליטעראַרישן געביט. ער אילוסטרירט דאַנטעס „גיהנום“ און „גן־עדן“.

אַלס באַגלייטער פון דער פלאָרענטינישער שול זעען מיר דאָ די מאָלער — פּרעראַפאַעליסטן, מיט זייער טרוימערישע און אין דער זעלבער צייט רעאַליסטישע פּאָרטרעטן. די ווייסע שפּיצן־זשאַבאָס אויף די ברוסטן פון זייערע געמאָלטע פרויען און מענער, אַזוי ווי די אויסגעצאָליעטע כאַראַקטער־הענט אונטער די ביוסטן, זיינען גאַנץ מערקווירדיק. דער קוואַל פון ליכטיקייט אין יעדן פּאָרטרעט שלאָגט פון זיי. די הענט האָבן ניט ווייניקער נשמה ווי די אויגן און געזיכט־אויסדרוק.

באַלד נאָך זיי טרעטן אויף די גרעסטע גאונים פון דעם צעבליטן רענעסאַנס. און דער עלטסטער און עפעקטפולער צווישן זיי איז דער פיזיקער, בוימייסטער, סקולפּטאָר, מאָלער, באַליסטיקער און פאָרשער לעאָנאַרדאָ־דאַ־ווינטשי. ער איז אַ מערקווירדיקער טאָפּל־מענטש. זיין באַציאונג צו מענער איז די זעלבע ווי צו פרויען. זיין יאָאַן באַפּטיסט איז ענלעך צו אַ שעמעוודיקן אַפּאָלאָ מיט אַ ווייבלעכן קערפּער, זיין מאָנאַ־ליזאַ דזשיאָקאָנדאַ טראָגט ביי אים אויף די ליפּן אַן ענלעכן שמייכל פון אויבער־חכמה און מוטערלעכקייט, ווי די ווענוס פון מילאָ. און זיין „מאַדאָנאַ פון די פעלדזן“ איז אַ צוריקגעקערטער גייסט פון אַ גריכישער אידיליע. אַן אויפגעלעבטע „כלאָיאַ“ פון לאָנגוסעס פּאַסטעכער־פּאָעמע.

נאָך אים, אָדער ריכטיקער געזאָגט: פּאַראַלעל מיט אים, טרעט אויף מיקעל־אַנדזשעלאָ: דיכטער, סקולפּטאָר און מאָלער מיט אַן אוממענטשלעכער ענערגיע און מוראדיקן פאַרמעסט. זיין שטרעבן צו אַלץ וואָס איז דערהויבן און גראַנדיעז וואַרפט אים אַריין אין פיבערדיקער שעפערישער אַרבעט, אָן אונטערברעכן, אין משך פון חדשים און יאָרן. ער דערעסט ניט און דערשלאָפט ניט און ווערט קראַנק. אָבער דאָס וואָס ער האָט אָנגעהויבן דערפירט ער אַלעמאָל ביזן סוף. דער האַרטסטער שטיין ווערט ווייך און לעבעדיק אין זיינע געבענטשטע הענט. אַליין קליינגעוויקסיק, העסלעך, מיט אַ צעבראָכענער נאָז, שאַפט ער די גרעסטע, שענסטע און פולקאָמענסטע קאָלאָסן פון זיין צייט: זיין „משה“, זיין „דויד“, זיין סאַרקאָפאַג פון יוליוס דעם צווייטן! נאָר די גרעסטע דערגרייכונג זיינע איז דער מעדיטשי־דענקמאָל מיט די פיר נאַקעטע פיגורן אויף די ווינקלען: טאָג, נאַכט, פרימאָרגן און אָוונט. דאָס זאָל יעדער סקולפּטאָר זען און שטודירן, צו וועלכער אידעאַלער ווייכקייט אַ טויטער שטיין קען דערפירט ווערן. היינט זיינע מאָלערייען אין דער סיקסטינישער קאַפּעלע!

www.libtool.com.cn

לויט זייער פאַרנעם, רייכקייט פון קאָלירן און אויספירונג וואָלטן זיי גע־ניגן פאַר אַ גאַנצער אַקאַדעמיע מאָלער. און דאָס האָט איין קליינגעוויקסי־קער, העסלעכער און פיזיש־שוואַכער מענטש אָנגעהויבן און פאַרענדיקט. אַראָפּ אַ קראַנקער פון די מאָל־שטאָלצן, אונטערן קופּאָל, און אַוועקגע־לייגט זיך שרייבן סאָנאַטן, וואָס זיינען פּונקט אַזוי עפּעקטפול און דער־הויבן ווי זיינע פרעסקן.

www.libtool.com.cn

אין דערזעלבער צייט מיט אים שאַפט ראַפּאַעלי. אַט דער גע־ראַטנסטער שילער פון פּערודזשיאַ טרעט אויף אין רוים אַלס דער ערשטער באַצירער פון וואַטיקאַן. אין זיינע וואַנט־מאָלערייען און צענדליקער הייליקע בילדער ווערט בולט דער גליקלעכסטער צוזאַמענהאַנג פון גע־לונגענער צייכענונג, לעבהאַפּטיקייט פון קאָלירן, נאַטירלעכקייט פון באַ־וועגונג, נאָבעלע ליניעס און מערקווירדיקע צאַרטקייט. קיינער האָט נאָך ביז היינט צו טאָג ניט דערגרייכט אַזאַ יונגשאַפט, אַזאַ ריינקייט און אַזאַ מוטערשאַפט, ווי ער האָט דערגרייכט אין זיינע מאַדאָנעס. זיי און זייערע קינדער שיינען מיט אידעלער פרישקייט און מיט מענטשלעכער שיינקייט. ער געברויכט צו זיי ניט קיין שום ליכט־עפעקטן אָדער ליכט־קרוינען פון הייליקע. די געזיכטער ריידן מיט זייער אינערלעכער הייליקייט פאַר זיך אַליין. מיר זיינען אים אַפילו מוחל די אייביקע פּיראַמידעס פון דריי פּי־גורן, וואָס ער געברויכט: די העכסטע אין מיטן און די צוויי נידעריקסטע פון ביידע זייטן. און אַלעמאָל, צוליב עפעקט, אין דריי קאָלירטע קאָפּ־טיכער, פרום געפאַלדעוועט. רויט, גרין און בלוי, אָדער ענלעכע וואַ־ריאַציעס...

— מיר שוועבן דאָך איבערן לוואָור, דויד! ביסטו ניט אַוועק אָן אַ זייט? מיר קענען נאָך אָראָפּפאַלן...

— ניין, ליבע סאָלאַנש! מיר זיינען שוין דאָ, אין די רענעסאַנס־זאַלן. פון די לוואָור־קעלערן אויפגעהויבן זיך צום ערשטן עטאַזש, צו די מיט גאָלד־געמאָלטע, עמאַלירטע, מיט מאָזאַאיק און מיט גאָבעלינען באַדעקטע פּראַכטפולע ווענט. דער סוף פון פופצנטן און אָנהויב זעכצנטן יאָרהונדערט בליען דאָ ווי זומער־פעלדער ביי אַ לויפנדיקן וואַסער. און ניט נאָר אין איטאַליע אַליין, נאָר אין נידערלאַנד, שפּאַניע, פראַנקרייך, אומעטום! אַ מזל און ברכה פון גאונים — איינער גרעסער און אָריגינעלער פאַרן אַנדערן. נעם אַפילו, סאָלאַנש, דאָס צעשטיקלטע, פעאָדאַלע, פאַר־גרעבטע דייטשלאַנד פון יענער צייט, און דו שטוינסט איבער די אוי־סערגעוויינלעכע אויפטוּונגען אויפן געביט פון מאָלעריי און ראַדירונג פון האָלביין, קראַנאַך און דירער. האַלביינס פאָר־טרעטן־מאָלערייען האָבן קיין גלייכן ניט מיט זייער פאַקנדיקער וואַרהייט, וואַרעמקייט פון געפיל און רעאַליסטישקייט פון קליידער־שטאָפן, הויט־

לעבעדיקייט און אויסגעזוכטער פּאָזע. זיין שווייצאַרישער מעיאָר, אָדער זיין „אונטערן קרייץ“, אין רויט און ווייסע טענער אויסגעהאַלטן, זיינען די בעסטע צוויי עדות פון זיין מייסטערשאַפט.

www.libtool.com.cn

קראַנאַכס גראַווירונגען און אויל־מאָלערייען, דער עיקר זיינע נאַקעטע פיגורן און זיינע ריטערלעכע פּאָרטרעטן, זיינען די בעסטע אילוסטראַציעס צום מאָלערישן איבערגאַנג פון די מיטלאַלטער־פּרימיטיוון צום רענעסאַנס. דער טרויער פון די אָקערשט איבערגעלעבטע פינצטערע יאָרהונדערטער דריקט נאָך אויף זיינע בילדער. זיין „אדם און חוה“ אונטערן עץ־הדעת זעען אויס ווי אויפגעשטאַנענע פון אַ שווערער קראַנקהייט. די שאָטנס פון פאַנאַטיזם און גראָבער פעאָדאַלער מאַכט שוועבן נאָך איבער זיינע טונקעלע פּאָרטרעטן.

דער ג ר ע ס ט ע ר פון זיי איז ד י ר ע ר... אָט דער געניאַלסטער ראַדירער פון אַלע צייטן, מיט דער רייכער איינבילדונגס־קראַפט און מיט דער זיכערקייט פון קענטעניש און פּראַקטיק אין יעדן שטריך. זיין „אַפּאָקאַליפּסיס“, זיין „ריטער און דער טויט“, זיין „מעלאַנכאָליע“, זיין „גרויסע און קליינע ליידנשאַפט“!.. אַפילו זיין זעלבסט־פּאָרטרעט מיט די לאַנגע רויטלעך־בלאָנדע האָר, וואָס הענגט אין לוּוור, לויכט מיט די אַלע מעלות פון זיין גרויסער באַגאַבונג. אָט די שטרענגקייט פון זיין מאָגערן געזיכט אויפן רייכן גרונט פון דער געצוואָגענער, לייכט געקאַרבטער הערלעכער גריווע פון לאַנגע קודלעס, יעדער האָר און יעדער קנייטשל פון זיין נזיר־געזיכט לעבט דאָ מיט אַן אינערלעכן לעבן און ברענגט צום שטוינען, ווי אַן אַנטדעקונג וואָס נאָר ער, דירער, און קיין אַנדער מאָלער אין דער וועלט וואָלט ניט געקענט באַווייזן.

ווייט פון איטאַליע קענען מיר אָבער פאָרט ניט אַוועקגיין און מיר קערן זיך צו איר ווידער אום אויף אַ ווײַלע. דאָסמאָל ניט צו דער פלאָרענטינער, נאָר צו דער ווענעציאַנער שול. פאָרויס גייט דאָ, פאַרשטייט זיך, ט י צ י אַ ן, אָט דער אומדערמידלעכער מייסטער, וועלכער האָט אין זיך פאַרקערפּערט די בעסטע פּרינציפּן פון ווענעציאַנישן רענעסאַנס: די גלאַטקייט פון זיין פּערספּעקטיוו, ווייכקייט פון פאַרבן, האַרמאָנישקייט פון ליניעס, פולקאָמענהייט פון קאָנטורן. טיציאַן איז שטענדיק פאַרליבט אין זיינע הערלעכע, רייך־לייביקע פרויען, מיט זשאָווערדיקע, גערדיכטע האָר, און ער פאַרווירקלעכט זיי אין אַלערליי ווענוסן, דיאַנעס, פלאָראַס, — בליענדיקע און באַגערטע. זיינע קרעפטיקע און אַנטשלאָסענע מענער. גענוג צו דערמאָנען זיין „מעטרעסע אין העמד“, אָדער דער פּאָרטרעט פון פראַנסואַ דעם ערשטן... אין פראַנסואַס מעכטיקן נאַקן, אונטערן קיילעכדיקן הוט מיטן פעדער, און אין דער כאַראַקטער־נאָז אין פּראָפיל איז לייכט צו געפינען יענע עקשנות, מיט וועלכער אָט דער מערקווירדיקער

קיניג האָט זיך אַקעגנגעשטעלט שאַרל קענט פון שפּאַניע און עדואַרד דעם אַכטן פון ענגלאַנד. אין משך פון גאַנצע דרייסיק יאָר ניט אויפגעהערט צו קעמפן און געראַטעוועט פראַנקרייך פון אונטערגאַנג. היינט די לעבנס־קראַפט פון זייער מאָלער גופא!.. ביז דעם ניין־און־נייַנציקסטן יאָר פון זיין לעבן געאַרבעט. דער פּינזל איז אים אַרויסגעפאַלן פון האַנט ביי זיין לעצטן אָטעם־צי. די גאַנצע ענערגיע פון דעם רענעסאַנס איז, דאַכט זיך, געווען פאַרקערפּערט אין אָט־דעם עקשנותדיקן אַלטן מאַן מיט דער האַרטער יאַרמולקע אויף די גרויע האָר: אויסלעבן זיך, אויסלעבן זיך ביזקל לעצטן טראָפּן בלוט און פאַרב!..

נאָך אים און מיט אים צוזאַמען גייט וועראָנעז: עלעגאַנט און גרויסאַרטיק אין פאַרב און ליניע באַלעבט ער צענדליקער און צענדליקער בילדער אויף האָלץ אין בראָנדז־דענקמעלער. ער איז אי רייך, אי האַרמאָניש אין יעדן טייל פון זיינע ווערק. קאָרעדזשיאָ. דער שענסטער פרעסקן־מאָלער פון זיין צייט און ראַפאַעליס לערער, איז דער פאַרבן־דיכטער און קאָליר־באַזינגער פון מענטשלעכן קערפּער. מיט דער דרייסטקייט פון אַן עכטן רענעסאַנס־קעמפער רייסט ער אַראָפּ, וואו נאָר ער קען, די קליידער־שמאָכטעס, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט איבער דער פרויען־שיינקייט אין משך פון יאָרהונדערטער, און צווינגט די קירך, אַזוי ווי זיינע שילער, צו אָנערקענען, אַז מיט דער נאַטור־שיינקייט פון הויט און נאַקעטער ליניע קען קיין שום געוועב און קליידער־פאַלד ניט קאָנקורירן.

און טיטאַראַטאָ. אָט דער מאָלער, מיט משונהדיק פאַרוואָקסענעם געזיכט פון אַ מאַלפּע, האָט זיינע אומצאָליקע רעליגיעזע און היסטאָרישע פיגורן געשאַפן מיט אַזאַ ברען, מיט אַזאַ באַגייסטערטן שוואונג און מיט אַזאַ אויסערגעוויינלעכער פראַכט פון פאַרבן, עפּעס ווי ער אַליין האָט זיי פערזענלעך געקענט, עפּעס ווי צוליב אים און זיין אַרבעט וואָלטן זיי זיך אויסגעפּוצט אין דאָס שענסטע און בעסטע... פאַלט דיר ניט איין, מיין ליבע סאָלאַנש, אַז אָט־די, בערך קורצע עפּאָכע, זינט דאָנאַטעללאָ האָט זיך באַוויזן אויפן פאַרנאַס פון איטאַליענישן רענעסאַנס, אַז אָט־די צייט איז איין פערמאַנענטער וואונדער, איין שפּריץ־ברונעם פון געניאַליטעט, וואָס הערט ניט אויף? עס איז אַן עפּאָכע, אין וועלכער שטיינער האָבן זיך אויסגעשיילט אין ניט־געזעענע פאָרמען, לייוונטן און פלאַכע ברעטער האָבן זיך באַדעקט מיט די לעבעדיקסטע פאַרבן און קאָמפּאָזיציעס. אָקערשט טויט, וויסט, דעגענערירט פון לאַנגן מיטלאַלטער — און מיטאַמאָל אַ גרינען, אַ בליען, אַ צוויטשערן און אַ לעבנסלוסטיקער קאַרנאַוואַל פון די שענסטע מענער און פרויען און קינדער, פון מלאכים

www.libtool.com.cn

און אמורן. אַלץ און אַלע איילן אויסצולעבן זיך אויף אַלע געביטן, ווי פאַרשמאַכטע געוועזענע קעמפער נאָך אַ לאַנגער געפּאַנגענשאַפט.

איין זייטנשפּרונג, סאָלאַנש! און מיר זיינען אין שפּאַניע. אויך דאָ איז רענעסאַנס. אַ פאַרשפּעטיקטער אורח, אָבער געקומען איז ער פאָרט. דורך אָפּגעשטאַנענע טראַדיציעס האָט ער זיך געמוזט דורכשלאָגן, דורך די לאַנגע פאַלעס פון די מאָנאַכן, דורך די פלאַמען פון דער אינקוויזיציע, דורכן טשאַד פון געסמאַליעטע מאַראַנען און מאַווען. אָבער סוף־כּל־סוף קומט ער פאָרט, שלאָגט וואָרצלען און בליט. על־גרעקאָ מיט זיין אָפּגעצערטער צייכענונג און פאַרשפּיצטע געזיכטער, מיט זיין שטרענגער פאַרבן־פּראַכט, מיט זיינע קרענקלעכע הייליקע, אויסגעצויגן און מאָגער, עפּעס ווי זיי וואָלטן אָקערשט אַרויס פון מאָנאַסטיר־קעמערלעך און פון אינקוויזיציע־קעלערן, וואו זיי האָבן געשמאַכט אָן לופט און אָן מענטשלעכער וואַרעמקייט. אונטער דעם אָפּשיין פון די שפּאַנישע אַטאָ־דאַ־פעס לויכטן מיסטיש זיינע שטעט־פּייזאַזשן, זיינע קיניגלעכע געזיכטער פון הייליקע. ער האָט נאָך אַלץ מורא פאַר די געפערלעכע טענדענצן פון נאַקעטקייט און פּראָטעסטאַנטיזם, וועלכע זיינען שוין לאַנג מאָדע אין איטאַליע און אין מיטל־אייראָפּע. ער מאָלט, כּמעט אויסשליסלעך, רעליגיעזע בילדער, וועלכע זיינען אַ סינטעז פון די ביזאַנטישע איקאָנעס, אין די גריכישע מאָנאַסטירן, וואָס ער האָט פאַרלאָזן אין זיין היימאַט, און די אַלט־קלאַסישע פאָרמען, וועלכע די זעלבע מאָנאַסטירן האָבן אַמאָל אומגעבראַכט... די עקזאַלטירטע קאַטוילישע שטימונגען אין שפּאַניע פון זעכצנטן יאָרהונדערט, וועלכע רינגלען אים אַרום, זייער ליבשאַפט צום אויסערלעכן אויסדרוק פון געפיל פּאַסן זיך פּונקט אַריין אין זיין טעמפּעראַמענט, אין זיינע אויפגערודערטע ליניעס, דראַמאַטישע פאַרבן. נאָך אים — וועלאַסקעז, דער אָריגינעלסטער פון דער גאַנצער שפּאַנישער שול, איינער פון די גרעסטע פאַרבנמייסטער פון אַלע צייטן, דער מעכטיקער פּאָרטרעטיסט און קענער פון מענטשישע געזיכטער. אַלס ביישפּיל: דער חוצפּהדיקער אויסדרוק פון זיין קאַרליקל אַנטאָניאָ לעבן גרויסן הונט און דאָס נעבעכדיקע געזיכט פון דער שפּאַנישער אָנגעפּעדערטער און אָנגעקרייזלטער פּרינצעסין, וואָס שטייט אַן אָנגעקראָכמלטע און אָנגעבלאָזענע, פול מיט הויף־עטיקעט... נאָך אים — זורבאַראַן מיט דער שטרענגקייט פון זיינע ליניעס און פּרעציזער באַלויכטונג. דער ליכטפולער מורילאָ, דער טיף־רעליגיעזער מאָראַלעס.

דאָס קליינע נידערלאַנד שטייט ניט אָפּ. פלאַנדערן און האָלאַנד בליען אין מאָלעריי ווי זייערע טיולפּאַנען־פעלדער. אין אַמסטערדאַם וואַקסט אויס רעמבראַנדטס געניוס. ער מאָלט זיך אַליין קנאַפּע הונדערט מאָל,

באַווייזנדיק ווי טיף און פּילאַרטיק איין געזיכט קען זיין, וואָס פּאַר אַ ראָל עס שפּילט די באַלויכטונג און ווי ווייניק יעדער פון אונדז קען זיך אַליין און דעם צווייטן; און נאָר דעם גאון איז געגעבן געוואָרן דער טאַלאַנט צו דערווייזן דאָס... נאָכן גאַנצן רענעסאַנס־טומל אין איטאַליע מיטן אויפגעלעבטן קלאַסיציזם, פאַרבנפּראַכט, גריכישע פּראָפילן און דאָרישע זיילן — קומט צוגיין רעמבראַנדט און באַווייזט דער ערשטער, אַז אַן אמתער מאָלער דאַרף גאָר אַזעלכע פּאַטענט־שיינע מאָדעלן ניט האָבן פאַר די אויגן. אַ ייד פון דער אַמסטערדאַמער געטאָ, וואָס האַנדלט מיט אַלטוואַרג, איז אויך אַ מאָדעל. זיין אייגענער פאָטער, מיט אַ מעשענער קאַסקע אויפן קאָפּ און מיט אַ צערונצלטן געזיכט — קען ווערן אַ שעדעוור. זיין טראַגעדיקע שוועסטער מיט אַ פּאַלומעסיק פּול אויבסט — קען ווערן אַ „פלאָראַ״. אַפילו אַ הינטל צוגעבונדן אויף אַ שטריקל, וואָס קוקט מיט זשעדנע אויסגעלופּעטע אויגן אויף אַ זייט פלייש, איז אויך אַ וואונדערלעכע טעמע, אַ פעלד פאַר פאַרבנשפּיל. אַלץ איז שיין פאַרן מאָלער און אַלץ קען דערפירט ווערן צו דער העכסטער האַרמאָניע. מען מוז נאָר האָבן אויגן און גייסט. היינט די פולע פאַרענדיקונג זיינע אין יעדן פּרט, זיין ספּעציעלע באַלויכטונג, וואָס פאַלט פון אַ זייט. דאָס צוזאַמענשפּילן פון ליכט און שאָטן, וואָס האָט דעם גרעסטן אויסדרוק באַקומען אין זיין קאָלאָסאַלער „נאַכט־וואַכטע״...

פּאַראַלעל מיט אים גייט רובענס אין פלאַנדערן. ער איז פלייש־לעך, פונקט אַזוי ווי רעמבראַנדט איז גייסטיק; ער איז געצנדינעריש, פונקט אַזוי ווי רעמבראַנדט איז פּאַנטעאיסטיש. ער איז אַ ניי־עפּיקורייער און גלויבט ניט אין דעם וואָס איז קאָנקרעט, וואָס מען קען אָננעמען מיט די הענט, וואָס מען קען געניסן גלייך אויף אָן אָרט. צו זיין ענערגיע, דרייסטקייט פון פּינזל און זאַטקייט פון זיינע פאַרבן איז שווער צו געפינען אַ פאַרגלייך אין דער מאָלערישער וועלט. ער באָדט זיך אין לייב און לעבנס־לוסט און קען זיך ניט אָנזעטיקן. אַ ביישפּיל: זיין „וואַקכאַנאַליע״ מיט די זויגנדיקע קליינע סאַטירן. אַפילו מאַריע־דע־מעדיטשי, די קיניגין פון פראַנקרייך, האָט ער געצוואונגען אויסצוטאָן זיך נאַקעט, לכבוד דער קונסט, פאַרשטייט זיך... ער האָט פון איר אין לוּאוור, אויסגעפילט אַ גאַנצן זאַל מיט איר שיינער פליישלעכקייט. גאַנצע איין־און־צוואַנציק קאָלאָסאַלע קאָמפּאָזיציעס האָט ער פון איר געמאַכט. און אַכצן פון זיי קענען מיר נאָך באַוואונדערן ביז צו היינטיקן טאָג.

זאָלן מיר נאָך אָנקוקן וואַן־דייק? יאָרדענס? פראַנס האַלז? יאַן ווירמער?.. ביסט שוין אַוודאי מיד, סאַלאַנש? עס איז אויך ניט

www.libtool.com.cn

www.fibtool.com.cn

נויטיק אויף איין מאָל. דער רענעסאַנס בליט אָפּ. עס פאַלן שוין געלע בלעטער פון דעקאַדענץ. די ירושה פון דער אויפקלערונג־צייט, דעם גוטן געשמאַק און פיינע מאָס נעמט איבער פראַנקרייך. זי פילט אויס אירע היסטאָרישע פּאַלאַצן מיט די פּרעכטיקסטע שאַפונגען פון קאַללאָ, דעל־קרואַ, פוסען, בורדאָן, שאַרדען, ריגאָ, וואַטאָ... נאָך זיי ווערט עפּעס שטילער. דער רענעסאַנס האָט זיך אויסגעוועפּט. זיין שאָטן שוועבט נאָר איבער די מאָלער. נאָר דער גלגול זיינער, דער פסעוודאָ־רענעסאַנס לאָזט פון זיך הערן. די קונסט פאַרקלייבט זיך אין שטויביקע סטודיעס. אין געדיכטער לופט און גיט זיך אָפּ מיט אומבאַוועגלעכע מאָדעלן, צווישן קינסטלעך־צוזאַמענגערוקטע דעקאָראַציעס, און וואַרט אויף אַ באַפרייער. דערוויייל־וואָס שטיקט זי זיך מיט פעטע פאַרבן, מיט שווערע היסטאָרישע טעמעס, מיט מיטאָלאָגישע געטער, מיט אָנגעקראָכמאַלעטע פרויען, מיט ציפּרעסן־אַלעען, מיט רוימישע שמאָכטעס. אָבער דער פרישער ווינט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט זיך שוין, דאָ און דאָרטן, אַריינ־געריסן אין די טונקעלע סטודיעס. די יינגערע מאָלער, אָן דעם יאָך פון קלאַסישער טראַדיציע אויף די פּלייצעס, צעבונטעווען זיך, פּונקט אַזוי ווי דאָס רוב פון פראַנצויזישן פאָלק. זיי וואַרפן אַוועק די ריזיקע מאָל־ברעטער, די גולמישע מאָדעלן, די פייערלעכע דראַפּירונגען, און לאָזן זיך אַוועק אין די פראַנצויזישע דערפער און שטעטלעך, מיט לייכטע פאַרבן־קעסטלעך אויף אַ רימען, קרום איבערן ברוסט און פּלייצע, און מיט אַ פלאַכן פּעקל קאַרטאָנען אונטער דער פאַכווע. דאָס זיינען וואונדער־באַרע, פריילעכע מאָלער־וואַגאַבונדן! זיי וואַנדערן איבער פעלדער און בערג, שיפן זיך איבער טייכן און טייכלעך, באַקאָנען זיך מיט מילנער, פאַסטעכער, פישער און ערד־אַקערער. און וואָס זיי זעען, דאָס פאַרפיקסירן זיי אויף זייערע לייכטע קאַרטאָנען. זיי שלעפּן צוזאַמען די סקיצן אין דער גרויסער שטאָט אַריין, אין זייערע אָרעמע מאַנזאַרדעס, און באַאַרבעטן דאָס וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט און געזאַמלט. יעדער איינער לויט זיין באַגאַבונג. די גאַנצע פראַנצויזישע מאָלעריי ווערט פאַרפלייצט מיט זון און לופט, מיט באַוועגונג און לעבנס־פרייד. זיי, אָט די גייסטרייכע און לוסטיקע וואַנדערער, זיינען דאָס די פאָטערס פון אַלע שפּעטערדיקע מייסטער, וואָס האָבן דערגרייכט דעם פאָריקן דור, ווי קאָראָ, מילעט, מעיסאָניע, קורבע, מאַנע. און אונדזער דור אויך, אין וועלכן עס לויכטן סעזאַן, מאָנעט, פּיסאַראָ, דעגאַ, עדואַרד ווילאַרד, אוטרילאָ און אַ סך אַנדערע.

עלפטער קאַפּיטל

www.libtool.com.cn

פאַרן קאָנצערט

1.

ווען דויד ברין און סאָלאַנש זיינען געאַרעמט און, מער־ווייניקער, אויסגערוט אַראָפּגעגאַנגען פון שלאָף־באַלקאָן, איז שוין אין אַטעליע געווען גוט פינצטער. איבער דעם געשלאָסענעם דאַך־פענצטערל, אין סופיט, האָט שוואַך געשימערט אַ שטערן־פּונקעלע, און אויפן גלאַט־געוועקסטן דיל האָט געציטערט אַ רויטער אָפּשיין פון די לעצטע קוילן אין אייוועלע. ברין האָט אָנגעצונדן דעם גרויסן עלעקטרישן לאָמפּ, אומגעדרייט זיין מיט גאָלד באַפּלעקטע „גרינע נאַכט" און אַוועקגערוקט זי צו דער וואַנט, כדי מער אומזיסט ניט אויפרייצן די, וועלכע האָט דאָס פאַראורזאַכט און זיך אַליין ניט נעמען מער דעם לעבער.

כדי נאָך מער אָנהאַלטן די פרידלעכע שטימונג, וואָס האָט זיך געשאַפן צווישן זייביידן, ווען זיי זיינען געלעגן, אויבן, אַרומגענומענער־הייט און „געפלויגן" איבערן לואוור, האָבן זיי באַשלאָסן צו באַזוכן אַ גוטן קאָנצערט און ערשט דערנאָך סופירן צוזאַמען. אַזוי־אַרום וועט דאָס גייסטיקע צזאַמענזיין ניט איבערגעריסן ווערן אַזוי גיך, און עס וועט זיי ביידן גרינגער זיין צו פאַרגעסן דאָס, וואָס צווישן זיי איז הייגט פאָר־געקומען.

צווישן די אַנאָנסן אין צייטונג האָבן זיי אָפּגעזוכט דעם אין פּאַריז באַקאַנטן פּאַדלו־קאָנצערט, וועלכער פּאָפּולאַריזירט, לויט דער אַלטער טראַדיציע פון זיין גרינדער, די וועלטלעך־קלאַסישע מוזיק. די פּראָגראַם איז גראָד געווען אַן אויסגעזוכטע און אַ פאַרשיידנאַרטיקע. זי איז באַ־שטאַנען פון מאָצאַרטס אָווערטיורע צו זיין „פיגאַראָ"; פון בעט־האָווענס זיבצנטע סאָנאַטע און פון „פאַרלוירענעם גראָשן"; פון שובערטס ראָמאַנסן; פון וועבערס „איינלאַדונג צום וואַלץ" און פון מאָדערנע מוזיק־שטיקער, ווי: ראַוועלס אַ קוואַרטעט, פּאַדערעווסקיס מענועט און פון דער אַרגענטיניש־שפּאַנישער ראַפּסאָדיע.

צורעכט־געמאַכט די בלוי־שוואַרצע האָר אין באַלויכטענעם שפּיגל און אַרומגעקוקט זיך, האָט אָבער סאָלאַנש מיטאַמאָל באַמערקט, אַז אויסער דעם, וואָס זי האָט דאָ פריער אומיסטנע קאַליע־געמאַכט די „גרינע נאַכט", האָט זי נאָך א ו מ ג ע ר ן, אין איר בלינדן צאָרן, פאַר־פלעקט איר קלייד אויך. דאָס וואָליקע שוואַרצע געוועב איבער איר קני

www.libtool.com.cn

איז געווען פאַרשמירט מיט איינגעגעסענער און פאַרטריקנטער גאָלד־פאַרב. און אַפילו עס וואָלט זיך איר איינגעגעבן אָפּצואַוואַשן מיט היי־מישע מיטלען, איז דאָס קלייד גופא אַ ביסל צו־קורץ, און ס׳איז ניט פּאַסיק צו באַזוכן אין אים אַ געזעלשאַפטלעכן לאָקאַל.

ברין האָט גלייך צוגעשטימט זי זאָל פריער צופאָרן אַהיים און זיך איבערטאָן. צייט איז נאָך געווען איבערגענוג. האַלב־נאָך־זעקס איז ערשט געווען, און ביזקל אָנהויב פון פּראָגראַם זיינען נאָך געבליבן גוטע צוויי שעה.

— איז אויב דו ווילסט, — מאַכט צו אים סאָלאַנש, און קוקט אים ניט אין די אויגן, — אויב דו ווילסט, קאָנסטו מיט מיר צופאָרן... נאָר בעסער איז — דו וואַרטסט אויף מיר אונטן אין דער לוקסעמבורגער אַלעע. פון מיינטוועגן — אין קאַפע „לילאַ“, וואו דו ביסט שוין נעכטן געווען.

— פאַרוואָס איז דאָס בעסער? — האָט זיך ברין אָנגעשפּיצט.

— ווערסטו זיך פון מיר אויסרוען...

— ווילסט אפשר זאָגן דו — פון מיר?

— דאָס אויך... — האָט זי זיך אַ האָר ניט פאַרלוירן.

„מסתמא“, — האָט זיך ברין געטראַכט, — „מסתמא רעכנט זי, אַז לופען קאָן פלוצלונג אָנקומען מיט אַ באַזוך. יענער האָט נאָך אַוודאי אַ באַזונדער שליסל צו איר אַפּאַרטאַמענט...“

— גוט! — האָט ברין אָנגעצויגן אַ גלייכגילטיקע מינע אויף זיין געזיכט, — אָבער קאַפע „לילאַ“? אַהין ווילסטו קומען אָפּנעמען מיך?

— אַהין...

— און טאָמער באַגעגנסטו דאָרטן ווידער דעם... נו, דעם וועמען דו מיידסט אויס?

— אַנרי דאַל? אַרט מיך אויך ניט.

— נעכטן האָט דיך יאָ געאַרט.

— אַך, וואָס נעכטן איז געווען... — האָט סאָלאַנש נערוועאיש אַ געגנעץ־געטאָן, — גריבל זיך ניט! איך בין מיד. דער קאָפּ דרייט זיך מיר פון די פאַרבן וואָס דו האָסט אין מיר אָנגעפּאַקט... ווייסט? אין דעם בעסטן מוזעאום קאָן איך ניט אַרומוואַנדערן מער ווי אַ האַלבע שעה, אַ שעה. איך טרינק זיך איבער מיט קאָלירן. איך זעטיק זיך איבער מיט געשטאַלטן.

— יאָ, אָבער מ י ר האָבן דאָס געטאָן אויסנווייניק, מיט פאַרמאַכטע אויגן...

— דערפאַר האָט דאָס מיך נאָך מער אָנגעשטרענגט. די פאַרשטע־

לונג, ווייזט אויס, איז נאָך אַ צאַרטערער אַפּאַראַט ווי די אויגן. ביי מיר — ווייניקסטנס.

www.libtool.com.cn

— איך באַדויער... — האָט ברין אַ הויב־געטאָן מיט די פּלייצעס.

אָבער זי האָט אים ניט געלאָזן דערפירן זיין איראָנישע באַדויערונג ביזקל סוף, גענומען יאָגן אים:

— קום, קום! מיר פאָרן־צו מיט אַ טעקסי.

בשעתן פאָרן האָט זי זיך אויפגעפירט פּונקט אַזוי אויסטערליש, ווי די לעצטע האַלבע שעה אין אַטעליע. געזעסן און געטוליעט זיך צו ברינען און קיין וואָרט ניט גערעדט. נאָר פאָרן אַראָפּלאָזן אים אויפן ראָג פון בולוואַר מאָנפּאַרנאַס און לוקסעמבורגער אַלעע, לעבן איינגאַנג פון קאַפע „לילאַ", האָט זי זיך, ווי פון שלאָף, אויפגעכאַפּט.

— און טאָמער, — מאַכט זי פּלוצלונג, ווי אין אַ מיטן איבער־געריסענעם שמועס, — טאָמער באַגעגנסטו אים דאָרטן... דעם סקולפּטאָר... גריס אים! אויב דו ווילסט...

— וואָס עפּעס מיט אַמאָל?

— ווילסט ניט, דאַרף מען ניט.

— האָסט נאָך, דוכט מיר, מיט מ י ר אַליין שלום ניט געמאַכט, און זוכסט שוין אַ צווייטן שלום.

— אפשר טאָקע דערפאַר.

— ס'איז גוט צו וויסן.

— ווייס!

— דו, דוכט מיר, ווייסט היינט ניט וואָס דו רעדסט, וואָס דו טוסט... אפשר אינגאַנצן איבערלאָזן דיך אַליין?

— ניין, ניין, מיין ליבער, נאָר ניט אַליין!.. אָט, אויב פראַנסואַ לופען וועט אַרויפגיין צו מיר לאַנגווייליקן מיך — שיק איך אים גלייך אַפּ צו דיר!

— כדי ער זאָל מ י ך לאַנגווייליקן?

— כדי דו זאָלסט מיט אים דורכקומען וועגן בילד...

— ביסט זיכער אַז ער וועט קומען?

— ער קומט כמעט יעדן טאָג, נאָכן שליסן דאָס געשעפט.

— כ'האָב מיר שוין געטראַכט... — האָט ברין שווערמוטיק אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ, — אויף וויפיל שטיקער, סאַלאַנש, ביסטו צעריסן?

זי האָט נאָר אַ הויב־געטאָן די אָנגעפּעלצטע אַקסלען און קיין וואָרט

ניט געענטפערט. ברין האָט שוויַיגנדיק באַצאָלט און געהויסן דעם שאָפער ער זאָל די דאַמע אָפּפירן אַ ביסל וויַיטער, דאָ הינטערן ראָג, אַקעגן דעם גרויסן פאָנטאַן.

www.libtool.com.cn

ז.

אין קאַפע „לילאַ" איז איצטער געווען אַ ביסל טומלדיק. עס איז געווען די צייַט פון אַפּעריטיוו, דאָס הייסט: פון קאָקטייל פאַרן דינער, ווען יעדער אָנשטענדיקער פראַנצויז האַלט פאַר זייַן הייליקן חוב צו כאַפּן אַ ביטערן כינין־וויַין. און אויב ס׳איז דאָ אַ באַקאַנטער — אַ קערטל אויך.

ברין האָט זיך אויסגעזוכט אַ ווינקל־טישעלע אין ערשטן זאַל, באַשטעלט אַ גלאָז „דובאָנעי"*), געטרונקען טראָפּנווייַז און געטראַכט מיט פאַרדרוס, אַז סאָלאַנשס קאַפּריזן ווערן ערגער פון מאָל צו מאָל. אַז דאָס איבערבעטן זיך נוצט ניט. זי מעג זייַן אייפערזיכטיק, איך — ניט. נעכטן האָט זי זיך נאָך געשראָקן פאַר אַ באַגעגעניש מיט אַנרי דאַל, היינט — באַשטעלט זי פאַר אים אַ גרוס. איר אומרואיקע נאַטור זוכט שוין נייַע אַוואַנטיורעס. אַ גייסטיקער אויפבראויז האַלט ביי איר אָן ניט לאַנג. ביי איר גאַנצער קלוגשאַפט טוט זי אָפּ די גרעסטע נאַרישקייטן. איר קאָכיק־בלוט טרייַבט זי דערצו. אַראָפּלויפן פון זיכערסטן פּלאַץ, אַריבערבויגן־זיך און אַרייַנקוקן אין תהום — איז פאַר איר אַ באַדערפעניש. מען דאַרף מיט איר גאָר צופאָרן צו מישעל גאַבראָנסקין. זאָל ער אויך אָנקוקן די שיינע חיה! אפשר וועט ע ר געפינען אַ וואָרט פאַר איר. ער קאָן אָפּטמאָל אַרייַנזאָגן, דער אַלטער!.. אַזעלכע ווי גאַבראָנסקי קאָנען זיך אַליין ניט היילן, אָבער אַ צווייטן — יאָ.

ברין האָט מיט איין צי אויסגעטרונקען דאָס רעשט וויַין פון זייַן גלאָז און פאָרזיכטיק אַרומגעקוקט זיך; אויפגעהויבן זיך און אַרייַנגעקוקט אין צווייטן זאַל אויך. דאַל איז דאָ, דאָס מאָל, ניט געווען. בעסער אַזוי! ניטאָ וועמען אָפּצוגעבן דעם ניט־זייַער אָנגענעמען גרוס...

אָבער לאַנג זיצן איינער אַליין איז ברינען ניט אויסגעקומען. די געפּליגלטע גלעזערנע טיר האָט זיך אַ דריי־געגעבן און אין קאַפע איז שטיין־געבליבן פּראַנסואַ לופען מיטן האַלב־צילינדער אויפן גוט־צוגעבאַרשטענעם קאָפּ און מיטן מאָנאָקל אין רעכטן אויג. עלעגאַנט, גלאַט־ראַזירט און לייכט אָנגעפּודערט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. זייַן גלאַנציקער מאָנאָקל איז שטיין־געבליבן אויף ברינען ביים ווינקל־טיש און אַ לייכטער שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער זייַן געפּודערטן דענדי־

*) אַ ביטערן אַפּעטיט-וויַין.

געזיכט; ווי ברינען האָט זיך אויסגעדוכט — אַ ניט־זייער פריינטלעכער,
www.libtool.com.cn
גיכער אַ געצוואונגענער שמייכל...

„ער האָט זי שוין געזען...״ — האָט ברין גלייך פאַרשטאַנען. —
„ער ווייסט שוין וואָס מיטן בילד איז געשען...״

אים איז אָבער מער גאָרניט איבערגעבליבן ווי אַ וואונק צו טאָן מיט דער האַנט, געבן אַ צייכן, אַז עס איז דאָ אַ פרייער פּלאַץ און מאַכן אַ מינע אַז ער איז זייער צופרידן פון אַזאַ סורפּריז־באַגעגעניש.

ברין האָט ריכטיג געטראָפן. לופּען האָט זיך שוין געהאַט געזען מיט סאָלאַנשן. און אויב ער האָט ניט קיין צווייטן שליסל צו איר אַפּאַרטאַ־מענט, באַזוכט ער זי, ווי עס ווייזט אויס, אַלע אָוונט אין אַ באַשטימטער שעה. הייניטיקער באַזוך איז אויך ניט קיין צופעליקער... וואָרעם באַלד נאָך זיין קורצער באַגריסונג האָט לופּען געלאָזן פאַלן זיין גאָלדענעם מאָנאָקל פון אויג און אַ ביסל אומגעדולדיק אַ פרעג־געגעבן:

— וואָס האָט דאָרטן פּאַסירט ביי אייך?

— האָט אייך סאָלאַנש ניט געזאָגט?

— ניין. זי האָט נאָר געזאָגט, אַז עפּעס אַ סיבה האָט געטראָפן... מיטן בילד.

— אַך, — האָט ברין גענומען זוכן אַ תירוץ, — געוואָלט האָב איך לייגן נאָך אַ ראַנד גאָלד אויף דער ראַם. ס׳איז געוועזן צו־בלאַס אין איין אָרט... האָב איך געמאַכט אַ ניט־געלונגענע באַוועגונג און... פּאַר־שפּריצט. מיאוס פּאַרשפּריצט.

אָבער אויף לופּענען האָט, ווייזט אויס, אַזאַ דערקלערונג קיין שום איינדרוק ניט געמאַכט. וואָרעם ער האָט אויסגעטאָן זיין האַלב־צילינדער און גענומען דרייען מיט זיין גלאַט־פּאַרקעמטן, פּליכעוואַטן קאָפּ:

— אַזאַ פּאַרזיכטיקער מייסטער ווי איר וועט דאָך ניט גיין איבער־פאַרבן אַ ראַם, ניט אַרויסנעמענדיק פריער דאָס בילד...

ברין איז רויט־געוואָרן און אומזיכער צעפירט מיט ביידע הענט:

— נאָר וואָס דען?.. לויט אייער מיינונג...

— לויט מיין מיינונג, מאָן שער מעטר*), האָט די „ניט־געלונגענע באַוועגונג״ געמאַכט סאָלאַנש. אָט דער טייוול אין ווייבערשן קליידל!..

— איר האָט, מסתמא, אַ גרונד צו מיינען אַזוי.

— געוויס. איך קאָן זי צו־גוט. איר מיינט אפשר ס׳איז צום ערשטן מאָל?

— ניט צום ערשטן מאָל?

*) מיין ליבער מייסטער.

— ס׳איז אַ שפּיניכע וואָס עסט אויף אירע מענעלעך, וועלכע באַפרוכפּערן זי. שפּעטער עסט זי אויף אַ טייל פון אירע קינדער אויך... זי לאָזט זיך מאָלן, פּרעגן, אויסהאַקן פון מירמלשטיין, דערנאָך פאַרשמירט זי און צעברעכט. זי איז אייפערזיכטיק אויף זיך אַליין.

www.libtool.com.cn

— אַ מאָדנע אייפערזוכט!

— אַזוי גיך ווי זי דערזעט זיך שענער, גייסטרייכער, פּולקאָמענער ווי זי איז — איז זי אויס־מענטש. זי זוכט דעמאָלט אַן אויסרייד צו פאַרטיליקן די קאָפּיע וואָס איז בעסער פאַרן אָריגינאַל...

— האָט זי שוין איינמאָל אָפּגעטאָן אַזאַ זאַך?

— געוויס. מיט אַנרי דאַל, מיינט איר, איז געווען בעסער?

ברין איז בלאַס געוואָרן, אַ הויב־געטאָן זיך פון אָרט און צוריק אַוועקגעזעצט זיך.

— קאָכט זיך ניט אַזוי! — האָט אים לופען געפּרואווט באַרואיקן מיט אַ ווייכן אַרויפלייגן זיין האַנט אויף דער פּלייצע. — ביי אַנרי דאַל אין אַטעליע האָט זיך אָפּגעשפּילט אַן ענלעכע סצענע. פון אַ וואָרט האָט זיך דאָס אָנגעהויבן, פון אַן איבעריקער אויפמערקזאַמקייט, וואָס דאַל האָט אַרויסגעוויזן דעם פאַרענדיקטן מאַרמאָר מער ווי דער מאָדעל... ער האָט אפשר צו־ליבלעך אַ גלעט־געטאָן זיין סקולפּטור, פון דער שטיין־פּלייצע אַראָפּ געצערטלט דעם אויסגעשטרעקטן אָרעם, צו־באַפרידיקט אַ שמייכל־געגעבן... נו, נו! האָט סאָלאַנש געכאַפּט דעם שווערסטן האַמער און גענומען ברעכן...

— איז דאָס ניט געווען די „שלאַנגען־טענצערין"?

— גאַנץ ריכטיק! פריער פאַזירט חדשים־לאַנג און פּלוצלונג האָט זי אָנגעכאַפּט די לוסט פון פאַרניכטונג. דעם קאָפּ פון ווערג־שלאַנג, מיט אַ שטיק אָרעם, האָט זי שוין געהאַט אָפּגעקלאַפּט. נאָר דאַל איז גע־ווען פלינקער און ברוטאַלער פאַר איר. פאַר אייך, אפשר, אויך... ער האָט איר אויסגעדרייט דעם אָרעם מיטן האַמער צוזאַמען. אַ גאַנצע וואָך נאָכדעם האָט זי איר פּלייצע ניט געקאָנט אַ ריר טאָן. און אויסער־דעם —

לופען האָט פאַרביסן אַ ליפּ און איז שטיין געבליבן. ברין האָט זיך אָנגעשטויסן...

— אויסערדעם... נאָך עפּעס?

— וואָס דען! סאָלאַנש האָט אָנגעטראָפן אויף אַ האַרטן נוס. דאַל האָט איר, גלייך אויף אַן אָרט, דערוויזן, אַז ער קאָן נאָך זיין אומ־פאַראַנטוואָרטלעכער ווי זי... זאָגן? ער האָט זי, אויסערדעם, געשלאָגן עטלעכע מאָל אין געזיכט. מיט דער פולער האַנט געשלאָגן און אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס.

— עס ווילט זיך ניט גלויבן... און זי ? זי האָט דאָס פאַרשוויגן ? מיט איר שטאָלץ, מיט איר טעמפּעראַמענט...
www.libtool.com.cn
— זי האָט דאָס אַראָפּגעשלונגען. און, אין אַ געוויסן זין, גאַנץ גוט פאַרדינט. דאָל איז נאָך דער איינציקער מאַנצביל פאַר וועמען זי האָט, אין האַרצן, אַ ביסל דרך־ארץ, כאָטש זי זאָגט דאָס ניט קלאָר אַרויס. אויב איר ווילט וויסן — האָט זי אים נאָך ליב אויך. ביי איר דריקט זיך דאָס אויס אין אַ מורא. זי האָט שטאַרק מורא צו באַגעגענען זיך מיט אים. נאָר אַזוי גיך ווי די מורא וועט אַוועק —
— איר קענט זי. מיר דוכט, אַז די מורא הויבט שוין אָן אַוועק־צוגיין...
— איר האָט באַמערקט ? עס וואונדערט מיך ניט. איך אַליין בין זיכער, אַז אין איין העלן, אָדער נעפּלדיקן טאָג וועט זי זיך צו אים אומקערן. ער וועט זי ברוטאַל באַהאַנדלען און זי וועט נאָכגעבן. און אַזוי איז אפשר בעסער. זי איז דאָס ווערט.
— אַ שיינע פּערספּעקטיוו !
— געוואָלט האָב איך זי אָפּהאַלטן פון אַזאַ טריט. בין איך געווען צופרידן וואָס זי האָט זיך אין אייך פאַרליבט. געוואָלט אפילו זי זאָל ווערן אייער פרוי. אייער אמתע פרוי, אַנשטאָט דער, וועלכע... נו, מיט אייך קאָן מען דאָך ריידן אָפן: אַנשטאָט דער, וועלכע איז פון אייך אַוועק...
— אויך דאָס איז אייך באַקאַנט ?
— אין אַזאַ בילדער־געשעפט ווי מיינער ? וואו אַלע לייבן פון בולוואַר מאָנפּאַרנאַס און אַלע זיינע טכוירן פון בולוואַרד סאַן־מישעל פאַרקערן ? האָ ! די ערשטע פּאָטשט פון אַלע נייסן, צווישן די קינסטלער, קריג איך...
— איך דאַנק אייך זייער, מאָסיע לופען, פאַר אייער גוטן ווילן. סאָלאַנש איז אַ מערקווירדיקע פרוי. אַ גליק פאַר אַ מאַן. נאָר —
— אַ גליק וואָס רינט גיך אויס, ווילט איר זאָגן ?
— איר קענט זי. איך האָב שוין דאָס באַשטעטיקט. אָבער וואָס קאָן מען טאָן ? מיט אַזאַ טעמפּעראַמענט ווי זי איז...
— איצט — אפשר ניט מער. אָבער איר האָט געקאָנט טאָן. היינט, ביי אייך, ווען זי האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אייער ווערק, האָט איר געדאַרפט איבערגיין צו טאָט...
— וועלכע טאָט מיינט איר ? אַזוי ווי אַנרי דאָל ?
— עס איז געווען נויטיק אום לעבן. דאַן וואָלט איר זי אפשר אויסגעהיילט. זי וואָלט אפשר פאַרגעסן אויף אים...

www.libtool.com.cn

— אויף אַזעלכע „טאַטן" בין איך אומפעאיק, פונקט אַזוי ווי איר, ליבער פריינט לופען!

— דאָס איז אמת. אויך איך בין אויף דעם ניט פעאיק.

— זעט איר!.. און אויסער דעם בין א י ך אין דעם פאַל געווען דער שולדיקער. שולדיק פון אָנהויב ביזקל סוף.

— געגעבן איר אַ שאַנס צו אייפערזוכט? אָדער ענלעכס... דאָס זאָגט גאָרניט! די סיבה שפילט דאָ קיין שום ראָלע ניט. נאָר די פאָלגן. אָנשטאָט צו גלעטן זי און איבערבעטן, וואָס איר האָט מסתמא געטאָן, געדאַרפט... נאַ! וואָס איז דער אונטערשייד? אַז קיין דרך־ארץ פאַר אייך האָט זי ניט מער. און קיין מורא — אַוודאי ניט.

— פאַרפאַלן! זאָגט מיר, אָבער, פריינט לופען, וויבאַלד מיר ריידן שוין ביידע אַזוי אָפנהאַרציק... וואָס גייען אייך אַזוי אָן אָט די אַלע אַוואַנטיורעס אירע? אויסער קאָפּ־ווייטיק גיט עס אייך דאָך גאָרניט...

— פאַרשטייט איר דען ניט? איך האָב זי ליב, אָט דעם טייוול אין זיידענע קליידער, אָט דעם קליינעם וואולקאַן וואָס איז איינגעשלאָסן אין אַזאַ שיינעם קערפּער. אָבער ליב האָב איך זי אויף אַ גאַנץ אַנדער שטייגער ווי איר, ווי דאָל דער סקולפּטאָר האָט זי ליב געהאַט. פאַר מיר איז סאָלאַנש אַ לעבעדיק קונסט־ווערק, וועלכן איך האָב נאָך קיין־מאָל אין מיין בילדער־גאַלעריע ניט געהאַט און קיינמאָל ניט געקאָנט איינפּאַסן אין אַ ראַם, זי זאָל בלייבן אויף איין אָרט. זי גליטשט זיך פון יעדער ראַם אַרויס. זי צעשטערט מיר יעדער האַרמאָניע פון גוטן געשמאַק און פילאָסאָפישער רואיקייט, וואָס איך האָב מיר געשאַפן מיט אַזוי פיל מי. זינט איך האָב זי אויפגעהויבן פון טראָטואַר, וואוהין זי איז אַרויס־געוואָרפן געוואָרן, האָב איך קיין איין רואיקן טאָג ניט. געזען איר וואוינונג? אַ צירונג־קאַסטן! דאָס האָב איך איר געהאָלפן איינצו־אָרדענען. איך האָב פאַרזוכט צו זען זי אַ גליקלעכע און האָב דאָס קיינ־מאָל ניט דערגרייכט. איך האָב געדולדיק געוואַרט, עמעצער אַ ווערט־פולער און ווירדיקער מאַן זאָל זיך אין איר פייערדיק פאַרליבן, און זי — אין אים, און איך האָב זיך דערוואַרט. ווען זי האָט זיך מיט אייך באַקאַנט און איינגעשטימט צו קומען פּאָזירן אין אייער אַטעליע, בין איך געווען גליקלעך, וואָס זי האָט אָנגעטראָפן אויף אַן אויפריכטיקן און טאַלאַנט־פולן מענטשן.

— איך לאָז אַראָפּ די אויגן, פריינט לופען, ווי אַ יונג מיידל וואָס הערט צום ערשטן מאָל אַזאַ קאָמפּלימענט...

— ניט אַזוי שפּילעוודיק, מאַן שער מעטער!*) איך בין איצט אין אַ גאַנץ אַנדער שטימונג. איך רייד זייער ערנסט. ווען איך האָב, נאָך צוויי־דריי וואָכן פון אומגעדולד און אומרו, דערזען אויף אייער לייוונט דאָס, וואָס איר האָט פון איר געמאַכט, ווי טיף איר האָט אויסגעשעפּט איר אינערלעכן לעבן און ווי איידל איר האָט אויסגענוצט איר נאַקעט־קייט אין דער „גרינער נאַכט" אייערער, בין איך געוואָרן אויסער זיך. די „שלאַנגען־טענצערין", וואָס דאַל האָט פון איר געמאַכט און פאַר וועלכער ער האָט באַקומען אַ פּרייז, איז מיר קיינמאָל ניט געפעלן געווען. עס פעלן דאָרטן די פאַרבן, מיט וועלכע סאַלאַנש האָט מיך אַנטציקט. עס פעלט די פּאָעזיע. די „שלאַנגען־טענצערין" איז פאַר מיר אַ געלונגענער נומער אין אַ צירק־פּראָגראַם. ווייטער גאָרניט. ניט מיין געשמאַק. דאָ ביי אייך האָב איך אויפן בילד, צום ערשטן מאָל, דערזען מיין אידעאַל, מיין סאַלאַנש. אויסגעלאַסן און צניעותדיק, נאַקעט און פאַרשלייערט, איינפאַך און געהיימניספול אין איין און דערזעלבער צייט. און דאָס אַלץ אין אַ ראַם, אין מאַלערישן פּייזאַזש איינגעוועבט, צום פאַרביקן לייוונט געבונדן. שוועבט צווישן נאַכט־הימל און וואַסער און קאָן ניט אַוועקפליען. אַ, מעטר ברין!

— איך הויב מיך אָן אָנצושטויסן, ליבער פריינט לופען, פאַרוואָס איר זייט געווען אַזוי אומגעדולדיק צו באַקומען דאָס בילד, געשיקט שלוחים צוויי מאָל אין איין טאָג. באַצאָלט מיר אַזאַ בערך הויכן פּרייז...

— ס'איז געווען ניט נאָר די אומגעדולד אַליין: צו האָבן דאָס בילד וואָס גיכער אין מיין באַזיץ. דאָס מורא־האָבן האָט דאָ אויך געהאַט אַ האַנט. דער אינסטינקט מיינער האָט מיך געוואָרנט אַז אין דער לעצטער מינוט וועט זי זיך צעבונטעווען. זי איז שוין פריער געווען אייפער־זיכטיק אויף דער געמאָלטער סאַלאַנש...

— יאָ, אָבער וועדליק איר אַליין דערציילט, איז די באַציאונג צו אייך געווען אַ גאַנץ אַנדערע...

— ניט אויף מיר, אויף מיין מיינונג אַליין איז זי געווען אייפער־זיכטיק, אויף אייער טאַלאַנט אויך, אויב איר ווילט וויסן! איר קענט ניט גענוג די ווייבער, מיין יונגער פריינט! און אַזאַ איינע ווי סאַלאַנש קענט איר נאָך ווייניקער. גלייכגילטיק צו מיר, אָבער ניט גלייכגילטיק צו מיין קינסטלערישער באַגייסטערונג. פאַרליבט אין אייך, אָבער פאַרביסן אויף אייער מייסטערשאַפט. מיך האָט זי, די לעצטע טעג,

---

*) מיין ליבער מייסטער.

www.libtool.com.cn

באַזונדערס פּיינט געקראָגן דערפֿאַר, וואָס איך האַלט דערבײַ — אויס־צובייטן זי אויף איר בילד. אַפילו דערפֿאַר וואָס איך האָב אייך באַצאָלט אַ צו־גרויסע סומע...

— ניין! — האָט זיך ברין ווידער אַ הויב־געטאָן פון אָרט, זיך צוריק אַוועקגעזעצט און גענומען רייבן דעם שטערן, ווי איינער וואָס טשוכעט זיך אויס פון שלאָף און קאָן דאָס צו־שטאַרקע טאָג־ליכטיקייט ניט פאַרטראָגן.

— פאַרוואָס „ניין"?

— איך בין געווען זיכער, אַז דאָס האָט ז י מיך פּראָטעזשירט בײַ אייך...

— עס הויבט זיך ניט אָן! פּיר־פּינף טויזנט פראַנק איז, לויט איר מיינונג, געווען איבערגעגעבן. „מען דאַרף די קינסטלער ניט צעבאַ־לעווען", — האָט זי געזאָגט. — „זיי וועלן פאַרדינען צופיל, וועלן זיי אויפהערן צו מאָלן..." דערפֿאַר, ווייסט איר, איז מיין אַוואַנס געווען אַ בערך קלענער. דאָס האָב איך מיר ד ע ר נ אָ ך איבערגעלייגט, אַז ס'איז צו־ווייניק...

— איך מוז מודה זיין, ליבער מאָסיע לופען, איך קען זי ניט אַזוי גוט ווי איר.

— אין דעם בין איך זיכער. איצטער פאַרשטייט איר פאַרוואָס איך האָב אַזוי מורא געהאַט?

— יאָ. מיר דוכט, אַז איך הויב אָן צו פאַרשטיין...

— איר מיינט אפשר איך וואָלט דאָס בילד אויפגעהאָנגען אין מיין געשעפט? אַפילו אין מיין אַפּאַרטאַמענט — אויך ניט. אין אַ ווייטסטער קאַמער וואָלט איך עס איינגעשלאָסן... אָבער וואָס קומט אַרויס! איך האָב זיך געאײַלט און געאײַלט און פּאָרט פאַרשפּעטיקט...

ברין האָט שווערמוטיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— זאָגט מיר, זאָגט! — איז צו אים לופען צוגעפאַלן ווי מיט אַ געבעט, — רעכנט איר, אַז ס'איז אַזוי שטאַרק באַשעדיקט, אַז —

— ווי זאָל איך אייך זאָגן? סאַלאַנש האָט גראָד פּאַרפּלעקט די איידלסטע ליניעס פון געזיכט און פון דער נאַקעטער ברוסט. מען וועט דאָס איינגעטריקנט גאָלד מוזן פריער אָפּקראַצן, דערנאָך אָפּוואַשן מיט טערפּענטין, דערנאָך ערשט קאָרעגירן מיטן פּינזל. ס'איז ניט אַזוי איינפאַך...

— איך ווייס, איך ווייס. אַזוי אַרויסצוברענגען אַ געזיכט, אין דער נאַקעטיקער גרינער באַלויכטונג, ווי איר האָט דאָס אַרויסגעבראַכט, איז אַ נס. און אַ נס טרעפט ניט צוויי מאָל נאָכאַנאַנד...

www.libtool.com.cn

— איך וועל טאָן דאָס בעסטע, פריינט לופען ! איך באַדויער נאָר וואָס איך קאָן אייך, אין דעם מאָמענט, ניט אומקערן דאָס, וואָס איר האָט מיר איינגעצאָלט. אַ טייל פון אייער האָנאָראַר האָב איך שוין פאַרברויכט...

www.libtool.com.cn

— אָך, פון דעם רעדט ניט, רעדט גאָר ניט דערפון ! — האָט אים לופען אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם. — טוט מיר אַ טובה, מיין ליבער מייסטער ! פאַרריכט דאָס ! אום גאָטס און הימלס ווילן, פאַרריכט וואָס גיכער, אויב איר קאָנט !..

.3

דויד ברין האָט נאָך ניט באַוויזן צו באַפרייען זיין אָרעם פון אַזאַ ליידנשאַפטלעכן צושטיין צו אים, ווען די גלעזערנע טיר, אָקעגן זיי, האָט זיך אַ דריי־געגעבן און אַריינגעלאָזן אין קאַפע אַן ע ר און אַ ז י. אַן אויסטערליש־צוגעטראַכטע פּאָר איז דאָס געווען, אויף וועלכער ניט לופען און ניט ברין האָבן זיך, אין דעם מאָמענט, געריכט ; וועלכע איז אָבער אַכזריות׳דיק געווען צוגעפּאַסט צום געשפּרעך וואָס זיי האָבן דאָ ביידע געפירט. פאָרויס איז געגאַנגען סאָלאַנש, אויסגעפּוצט צום קאָנצערט אין אַ לאַנג, ביז צו די זילבערנע שיכעלעך, שוואַרץ־אַטלאַסענעם קלייד, אין אַ קורצן הערמעלין־מאַנטל איבער אים. מיט אַ זילבערדיקער קאַסינקע איבער דער הויך־פאַרבאַרשטענער פריזור און מיט לאַנגע פּערל־באָמ־בעלעך אין די טונקעלע אויערן. דער טונקל־הויטיקער חנוודיקער פּנים — אָנגעפּודערט, די אָוואַלע באַקן מיט די גריבעלעך — צוגעפאַרבט. אין אָט די קאָנטראַסטן, פון הויט און אָנטועכץ און אינעם שפּיגל פון שוואַרץ און ווייס, האָט זי געהאַט אַ גאַנץ נייעם בלענדענדיקן אויסזען און אַ גראַציעז־געבויגענע נייע ליניע, וואָס ציט זיך פון שפּיץ פריזור, איבערן שניי־ווייסן מאַנטל ביזקל דעם עק פון איר גלאַנציק־שוואַרץ קלייד. אין אָט דעם פייערלעכן אָנטועכץ מיט דער הויכער פריזור, וועלכע ברין האָט נאָך, ביז איצטער, קיינמאָל ניט געזען, האָט סאָלאַנש אויסגעקוקט אַ סך העכער ווי אַלעמאָל, אַ סך אימפּאָזאַנטער. אַפילו איר טראָט איז איצט געווען אַן אַנדערער, אַ שווימענדיקער, ווי ביי אַ שוואַרצן שוואַן אויפן וואַסער. אַלץ איז ביי איר געווען אַ ביסל מער באַטאָנט ווי געוויינטלעך : די בלוי־שוואַרצע, הויך־פאַרקעמטע האָר — דורך דער זילבערדיקער נעץ פון דער קאַסינקע, דער אָוואַל פון איר טונקעלן געזיכט — דורך דער פּוכיק־ווייסער ראַם פון הערמעלין־קאָלנערל, די זיסע טונקל־קייט פון איר הויט — דורך דעם טוי פון איר באַזונדערער העל־פּיאָלעטער פּודרע, די באַקן־שפּיצן — דורך דער רויטלעכער צופאַרבונג, דער ליפּן־

www.libtool.com.cn

געשלעגל — דורך דער קאַרמין־פּאָמאַדע. אָבער שאַרפֿער און אָריגינעלער, אין אָט דעם גאַנצן אַנסאַמבל פֿון אויסדרוקן און שאַטירונגען, זײַנען אויפֿגעטראָטן אירע אויגן. די ערשטע ראָל האָבן זיי דאָ געשפּילט. זיי האָבן געגריבט ווי העלע שמאַראַגדן, וועלכע זײַנען באַלויכטן פֿון אינעווייניק, מיט אַ באַהאַלטענעם פֿייער פֿון ווײַבערישן טריאומף.

יאָ, אין דער וואָכנדיקער אָנגערויכערטער לופֿט פֿון קאַפֿע־הויז איז זי אויפֿגעטראָטן ווי אַ זיגערין, וועלכע האָט אָקערשט אָפּגעהאַלטן אַן אויסערגעוויינטלעכן נצחון איבער עמעצן... דער „עמעצער", דער געפֿאַנגענער אַפּנים, איז טאַקע דאָ נאָכגעגאַנגען נאָך איר, אַ קאַפּעלע בעריש און באַשעמט, דער גרויסער בלאָנדער קאָפּ אָפּגעדעקט און אַ ביסעלע אײַנגעבויגן מיט אַ פֿאַרגליווערטן שמייכעלע אויף די דיקלעכע ליפּן, עפּעס ווי ער וואָלט שטומערהייט אָנערקענט זײַן פּלוצלעכע נידערלאַגע. זײַן אָנצוג — גרוי ווי בײַ אַן אַרעסטאַנט. זײַן קינסטלער־הוט, מיטן אויפֿגעשטעלטן דנאָ און ברייטע ראַנדן, אויך גרוי, האָט ער געדרייט אין די הענט, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט אים. און געווען איז דאָס ניט קיין אַנדערער ווי אַנרי דאָל.

עס האָט זיך ניט געגלויבט, אַז אָט דער זעלבסט־זיכערער קינסטלער און ברוטאַלער מאַן קאָן זיך אַזוי האַלטן, אַזוי פֿאַרגעסן זײַן שטאָלץ און זײַנע פּרינציפּן אין באַציאונג צו פֿרויען. ס'איז אָבער פּאָרט געווען ער, דער זעלבער, וועלכער האָט נאָך נעכטן, אין דער זעלבער צייט און אויפֿן זעלבן אָרט, געפּרעדיקט, אַז „בײַ אַן אמתן סקולפּטאָר לעבן זײַנע שטיינערנע און בראָנדזענע גרופּן אַ סך אינטענסיווער ווי אַלע ייִנגסטע און פֿייערדיקסטע שיינהייטן אין דער וועלט"... ער איז נאָך, קאָנטיק, ניט געקומען צו זיך פֿון אַזאַ פּלוצלעכער און העכסט־פּיקאַנטער באַגעגעניש דאָ, ביים אײַנגאַנג פֿון קאַפֿע „לילאַ". די בלענדנדיקע שיינקייט און אויסגעזוכטע עלעגאַנץ פֿון יענער מאָדעל־מיידל, וועלכע ער האָט אַמאָל אַזוי באַליידיקט און אַ געשלאָגענע אַרויסגעוואָרפֿן אויף דער פּאַריזער גאַס, האָבן אים דאָ, ווייזט אויס, געטראָפֿן ווי אַ דונער אינמיטן ווינטער. די איבערראַשונג איז נאָך געשטאַנען אין זײַן גאַנצן וווּקס, אין די ברייטע פּלייצעס, אין זײַן קוים־געבויגענעם אָקסענעם נאַקן, אין זײַנע ניט־זיכערע הענט, וואָס האָבן דעם קינסטלער־הוט מיטן אויפֿגעשטעלטן דנאָ אַראָפּגעריסן פֿון האַרטן קאָפּ, אין דער ערשטער באַגייסטערונג פֿאַר סאָלאַנשס דערשיינונג, און פֿאַרגעסן אַרויפֿזעצן צוריק אויף זײַן אָרט.

קענטיק איז אויך געווען, אַז סאָלאַנש גיט זיך אָפּ רעכענונג פֿון דער פּלוצלעכער ענדערונג, וואָס זי האָט דאָ דערזען אין איר אַמאָליקן געליבטן און באַליידיקער. די ניט־פֿאָרויסגעזעענע באַגעגעניש לעבן

www.libtool.com.cn

באַלויכטענעם קאַפּע־איינגאַנג האָט זי ד אָ ס מאָל, ווייזט אויס, אויפ־
גענומען אָן יענעם איינגעגעסענעם שרעק, וועלכן זי האָט פאַר אים ביז
איצט געהאַט. מיט איין שאַרפן קוק פון אירע נאַכט־פויגלשע אויגן
האָט זי, אין דער פלוצלעכער באַגעגעניש, אויפגעכאַפּט די ווירקונג פון
איר בלענדנדיקער דערשיינונג אויף דער ברוטאַלער, אָבער קינסטלערי־
שער נאַטור פון איר געוועזענעם באַפעלער. מיט איר ווייבערישן אינ־
סטינקט האָט זי דאָס אינעם זעלבן קריטישן אויגנבליק פאַרדייעט און
אויסגענוצט אַלס נקמה, פאַר אַלע אַמאָליקע דערנידערונגען. ניין, דעם
אָרט אירן ביים איינגאַנג צום קאַפּע האָט זי ד אָ ס מ אָ ל ניט אָפּגע־
טראָטן, אַזוי ווי זי האָט דאָס נעכטן געטאָן, דערזעענדיק דאַלס געשטאַלט
אין דער גלעזערנער טיר... דאָס האָט ע ר דאָס מאָל געטאָן, אַראָפּ־
געריסן דעם צו להכעיס־הוט, מיטן אויפגעשטעלטן ווייכן דנאָ, פון קאָפּ,
און פאַרנויגט זיך, קנעכטיש פאַרנויגט זיך; אָנגעהויבן עפּעס ריידן
און ניט פאַרענדיקט. זי האָט צו אים נאָר אַ שמייכל־געגעבן פון אויבן־
אַראָפּ. עס האָט געהייסן: „אויב דו פילסט זיך שולדיק איז דאָס זייער
שיין פון דיין זייט. דאָס הייסט נאָך אָבער ניט, אַז א י ך האָב דיר
מוחל געווען...‟ איצט שלעפּט ער זיך נאָך ווי אַ געפאַנגענער, ווי
אַ צעיושעטער ביק, וועלכן מען ציט פאַר אַ שטריקעלע. האַ־האָ! עס
האָט נאָך געפעלט סאָלאַנש זאָל אויסשפּילן אַ ניגונדל פון אַ פאַסטעך־
מיידל אויף אַ האַנט־פּלייט, און ער, דער גרויסער, מאַסיווער מאַן, וואָס
שלעפּט זיך נאָך איר נאָך, זאָל זיך צערעווען פון גרויס באַגייסטערונג...

ברין און לופען האָבן זיך איבערגעקוקט.ביידע זיינען זיי געווען
קינסטלערישע מבינים אויף אַזאַ שטומער סצענע, און ביידע האָבן באַ־
וואונדערט די מערקווירדיקע קראַפט און קלוגשאַפט פון אָט דער טונקל־
הויטיקער מיידל, וועלכע זיי קענען, דוכט זיך, אַזוי גוט און קענען זי
פאָרט ניט. עס איז ווירקלעך צו באַוואונדערן די אומגעריכטע ענדערונגען
וואָס קומען אין איר פאָר אַלע ווײַלע, די שוישפּילעריש־חנוודיקע שטיק־
לעך, אויף וועלכע זי איז פעאיק פיר־און־צוואַנציק שעה אין מעת־לעת.

ווינקענדיק, מיט געמאַכטער אָדער אמתער פרייליעכקייט, צום טישל,
וואו לופען און ברין זיצן, ווי צוויי גאָנערס מיט אויסגעצויגענע העלדזער
און פאַרוואונדערטע אויגן, האָט סאָלאַנש פלוצלונג פאַרגיכערט אירע
געמאָסטענע טריטעלעך; און, פלאַטערנדיק, ווי אַן עקזאָטיש פויגל, מיט
אַלע שוואַרצע פאַלדן פון איר קלייד, מיט די ברייטע ווייסע אַרבל פון
איר הערמעליך־מאַנטל, מיט די עקן פון איר זילבערדיקער קאָסינקע מיט
שוואַרצע פליטערלעך און מיט פערל־באָמבעלעך אין אירע אויערן, אַזוי
איז זי אָנגעפלויגן אויף אירע צוויי באַקאַנטע, וועלכע וואַרטן דאָ אויף

איר, אַרומגעכאַפּט ברינס האַלדז און זשעדנע, עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד, געקושט אים אין די ליפּן, אַריינשימערנדיק און אַרײַנלאַכנדיק אים אין געזיכט מיט אירע אויגן, וואָס גיסן זיך איבער מיט פאַלשע און אמתע פייערלעך פון אַנטציקונג. געטאָן האָט זי דאָס ווי אַ שטיפעריש טעכטערל אין אַ היימישער געזעלשאַפט, ווי אַ צעלאָזן טעכטערל וואָס געפעלט שטאַרק די געסט, און וואָס אַליין האָט זי געוואָרפן אַן אויג אויף עמעצן צווישן די געסט, אַ שיין בחורל מיט וועמען זי קאָקעטירט באַהאַלטענערהייט. און, זוכנדיק אויף וועמען אויסצוגיסן איר פאַר־טאַיעטע אַנטציקונג, לאָזט זי דאָס אויס צו אַ גאָר־נאָענטן, וועמען זי דאַרף קיין ספּעציעלע רעכענונג ניט אָפּגעבן: צו אַ ברודער, אָדער צו אַ שוועסטער... די ראָל פון אַ „גאָר־נאָענטן" האָט, אַפּנים, געהאַט איצט ברין מיט זיין אייגענעם כבוד, כאָטש געגאָלטן האָט דאָס פאַר אַן אַנדערן... ווער, אַ שטייגער, קאָן דאָס זיין דער „אַנדערער"? יעדנ־פאַלס ניט ברין און ניט פראַנסואַ לופּען. סאָלאַנש האָט זיי דאָך אָקערשט געזען און קיין צייט ניט געהאַט צו פאַרבענקען זיך נאָך זיי...

דאָס אַלץ האָט זיך, ווי אַ וויכער, דורכגעטראָגן אונטער ברינס אָנגעכמורעטן שטערן. אָבער סאָלאַנש האָט זיך גאַנץ ווייניק געקימערט איבער זיין זויערלעכער מינע, און צוקער־זיס אויסגעזונגען דאָס איריקע:

— מיין טואַלעט האָט אַ ביסל צו־לאַנג געדויערט, ניט אמת, מיין ליבער? ביסט ניט ברוגז? ניט ברוגז?

און ווידער־אַמאָל אַ טשמאָקע־געגעבן אים אין די פאַרקרימטע ליפּן.

איבעררעאַשט ווי ברין איז געווען פון אַזאַ זיסן איבערפאַל, איז ער דאָך געווען צו־ניכטער ניט אָנצונעמען דאָס פאַר אַן עכטע מטבע. בפרט די דאָזיקע דעמאָנסטראַציע פון פאַרליבעניש איז אים שוין געווען באַקאַנט פון אַמאָל, העט פון יענער צייט, מיט קנאַפּע צוויי חדשים צוריק, ווען ער האָט נאָך געזוכט אַ מאָדעל פאַר זיין „גרינע נאַכט", אין קליינעם קאַפע, לעבן „האָטעל דע־וויל", איידער ער איז נאָך מיט אָט דער טונקל־הויטיקער שטיפערין געווען באַקאַנט, האָט זי אים אָפּגע־שפּילט אַן ענלעכע סצענע, מן הסתם — כדי צו פאַראינטריגירן אים... ער, ברין, איז דעמאָלט געווען אין דער זעלבער לאַגע פון לעקישעוואַטער באַוואונדערונג, אַזוי ווי דער אָקסענער דאַל איצט. זיין ראָל, ס׳הייסט ברינס, האָט דעמאָלט געהאַט פראַנסואַ לופּען. פּונקט אַזוי דעמאָנ־סטראַטיוו האָט דעמאָלט סאָלאַנש געהאַלדזט און געקושט דעם אָפּגע־פאָרענעם דענדי, באַפּלעקט אים די בלוי־געגאָלטע באַקן מיט ליפּן־פּאָמאַדע. אים, דעם דעמאָלט־נייגעריקן און פרעמדן ברינען, איז דאָס

www.libtool.com.cn

געוועזן אי אַ וואָרנונג, אי אַ צו־להכעיס. „נאַ“, הייסט עס, „קוק און זיי מקנא! מיין ניט־זייער פרישער קאַוואַליער געפעלט מיר... און טו מיר עפּעס!“ יאָ, אָבער וועמען גילט דאָס איצטער אַזאַ וואָרנונג און אַזאַ צו־להכעיס? ניט דעם אָקסענעם סקולפּטאָר, וועלכן זי האָט אַהער מיטגעשלעפּט? אַ געפּערלעכע שפּיל!..

—ניט אַזוי שטורמיש! — האָט זיך ברין אָבגעבייזערט און באַפרייט זיין קאָפּ און האַלדז פון סאָלאָנשס אָרעמס. ער האָט זי אַפילו פאָרזיכטיק אָפּגעשטויסן פון זיך — וועסט מיך נאָך אויסטאָפּעצירן מיט דיין ליפּן־פּאָמאַדע! זעץ זיך, סאָלאָנש, טומל ניט אַזוי! וואָס וועסטו טרינקען?

— בלוט! — האָט זי זיך צווידייטיק צעלאַכט און זיך אַוועקגעזעצט, אויפן פרייען שטול, צווישן זייביידן מיטן גאַנצן געפלאַטער און פּאַרפיום פון איר עלעגאַנט קלייד און מאַנטל.

— אויב מען וועט זיך לאָזן! — האָט ברין איראָניש אַ בורטשעגעטאָן.

נאָר סאָלאָנש האָט דאָס אַפילו אין אַכט ניט גענומען, נאָר אַ ווענדגעגעבן זיך צו פּראַנסואַ לופען מיט פאַרזשמורעטע אויגן:

— און דו, מיין טייערער, וואָס זיצסטו ווי אַ קוקלע? ווי געפעל איך דיר אין מיין נייעם קלייד?

ניט אָפּוואַרטנדיק זיין ענטפער, האָט זי אים אָפּגעשפּילט דאָסזעלבע וואָס ברינען. דאָס הייסט: אַרומגעכאַפּט זיין האַלדז און אָפּגעקושט זיין גלאַט־ראַזירטע באַק, איבערלאָזנדיק אַ נישקשהדיקן פלעק פון ליפּן־פּאָמאַדע.

— אַ רויט הערצעלע האָב איך דיר געמאַכט! — האָט זי אָנגעוויזן מיט איין לאַקירטן נאָגל אויפן טאָפּלטן פלעק. און ווידער צעלאַכט זיך מיטן ניט־נאַטירלעכן געלעכטערל פון אַ צעלאָזן מיידעלע, וואָס ווייסט זייער גוט, אַז אַלץ וואָס זי טוט איצט איז שיין, אַלץ איז פאַרגעבן אין פאָרויס. אַזוי איינציק איז זי אין דעם מאָמענט און אַזוי ליב אין איר לויכטנדיקער עלעגאַנץ.

ערשט איצט, כלומרשט, האָט זי באַמערקט דאַלן, וועלכער האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך איר און שטייט דאָ נאָך אַלץ אַזוי פאַרגאַפט, דרייט זיין גרויען קינסטלער־קאַפּעליוש אין די פליישיקע הענט און וואַרט... ווי אַן אָרעמער קינסטלער ביי אַ מעצענאַט אין קאָרידאָר וואַרט ער. אין האַרצן האָט זי אַפילו אַ ביסל רחמנות־געקראָגן אויף אַזאַ דערשלאָגנקייט פון דעם, וועלכער האָט זי אַמאָל געשלאָגן... אָבער אויסגעדריקט האָט זיך דאָס ביי איר גאַנץ אַנדערש: מיט אַ פאַר־

אַכטנדיקן גרינעם קוק האָט זי אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס. און אַ נעם־געטאָן, אונטער אירע אָנגעפּעלצטע אָרעמס, די ביידע אויס־געקושטע קאַוואַליערן, דאָס הייסט: ברינען און פּראַנסואַ לופּען.
www.libtool.com.cn

— נו, מעטר דאַל, — מאַכט זי שעלמיש־שטיל און פאַרזשמור־רעט אירע פאַנטערע־אויגן — וואָס שטייט איר און דרייט אייער קינ־סטלער־קאַפּעליוש? וויבאַלד איר זענט שוין דאָ — זעצט זיך!

די איינלאַדונג איז געווען ניט זייער אַ העפלעכע. פונדעסטוועגן האָט אַנרי דאַל געפאָלגט, ווי אַ באַצויבערטער געפאָלגט, ניט אָפּרייסנדיק דערביי זיין שטאָל־גרויען קוק פון זיין הערלעכער, צעשטיפטער מאָדעל — זיין אַמאָליקע דינסט און מעטרעסע. ווען זי זאָל אים איצט געווען הייסן ער זאָל קריכן אויף אַלע פיר, וואָלט ער אפשר אויך געפאָלגט. אָן אייגענעם ווילן, ווי אַ ראָבאָט, האָט ער איצט רעאַגירט אויף יעדער באַוועגונג וואָס זי מאַכט, אויף יעדן וואָרט וואָס זי רעדט אַרויס. און זי האָט דאָס גוט געפילט, געצויגן דאָס שפּיל און נאָך־שטיפערישער אַ וואונק־געגעבן צו אים מיט די אויגן אויף די ביידע קאַוואַליערן וועלכע זי האַלט געאָרעמט:

— ווי געפעלט אייך, מעטר דאַל, אַזאַ טריאָ?

4.

די צוויי באַטרעפנדיקע קאַוואַליערן האָבן זיך מער ניט געקאָנט איינהאַלטן און אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. דאָס האָט דאַלן גלייך אויפגעטרייסלט פון זיין באַצויבערונג. ער האָט צוריק באַקומען זיין זעלבסט־באַוואוסטזיין. זיינע שטאָלענע אויגן האָבן באַקומען אַן אָפּלאַ־כערישן אויסדרוק.

— עס געפעלט מיר, — מאַכט ער, — ווי אַ זילבערנער קאַראַמיסל מיט צוויי בלעכענע עמערס וואַסער...

דאָס איז געווען אַ קאָמפּלימענט, פאַר דער וואָס פרעגט, און אַ גרינג־שאַצונג פאַר אירע ביידע לאַכנדיקע קאַוואַליערן. נאָר סאָלאַנש, מיט איר קלוגשאַפט, האָט דאָס גלייך אונטערגעכאַפּט און אויסגעמישט זילבער און בלעך און וואַסער.

— פוי, ווי פּראָזאַאיש! אַלס אַ סקולפּטאָר פרעג איך אייך...

— אַלס סקולפּטאָר, — רופט זיך אָפּ דאַל, — געפעלט דאָס מיר אויך. ס'איז ניט קיין שלעכטע טעמע פאַר מיר. איר זעט אויס ווי אַ זינדיקע צווישן אַ פילאָסאָף און אַ פאַרפירער...

דערביי האָט ער מיטן פינגער אָנגעוויזן: פריער אויף פּראַנסואַ לופּען, דערנאָך אויף ברינען.

די וואָגשאָל האָט זיך גלייך גענומען אַריבערוועגן אויף דאַלס זייט. אַזוי בילדלעך און מיט אַזויפיל זיכערקייט האָט ער דאָס אַרויסגעזאָגט.

www.libtool.com.cn

די ערשטע איז דערפון געטראָפן־געוואָרן סאָלאַנש. זי האָט געוואָלט אַ לאַך־טאָן און ניט געקאָנט. אירע האַלב־פאַרזשמורעטע אויגן האָבן זיך אויפגעריסן און שטיין געבליבן. מיט אָט דעם זעלבן שטאַרן אויסדרוק פון באַוואונדערונג האָט זי זיך, האַלב־שעפּטשענדיק, אַ ווענד־געגעבן צו ברינען:

— דו הערסט וואָס ער זאָגט? אַזאַ גרופּע איז באַלד שענער ווי די, וועלכע ד ו האָסט געוואָלט האָבן... געדענקסט?..

— איך געדענק גאָרנישט!...

— ניין? אַ גרופּע פון אונדז ביידן. אַ קאָמפּאָזיציע פון שוואַרץ און ווייס אויפן גרענעץ פון טאָג און נאַכט. צוויי פיגורן וואָס האָבן זיך ליב און באַקעמפן איינע די צווייטע...

ברין איז רויט־געוואָרן ווי אַ ייִנגל און האַסטיק אַרויסגעצויגן זײַן אָרעם פון אירן. אויף אַזאַ נאַאיווער־אומפאַרשעמטקייט פון סאָלאַנשן האָט ער זיך ניט געריכט, אַזוי ווי אויף אַלע אַנדערע פּלוצלעכע ענדע־רונגען וואָס קומען מיט איר פאָר. ריכטיק! אַזאַ טעמע איז אים ווירקלעך איינגעפאַלן מיט אַ פּאָר טעג צוריק, ווען ער איז אומגעגאַנגען איבער סאָלאַנשס אַפּאַרטאַמענט, ווי אדם הראשון אין גן־עדן, ווען זיי ביידע, נאַקעט ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט, האָבן זיך געשפּיגלט אין לאַנגן שפּיגל אַקעגן בעט, פאַרגליכן זײַן העלפאַנטביין־ווייסע הויט מיט איר אָליווך־טונקעלער, און זיך ניט געשעמט. דערמאָנט זיך, האָט ער אַ בלאָנדזשע־געגעבן מיט די אויגן פון איר צו דאַלן און צוריק און שטיל און זאַכלעך אָפּגעברומט:

— עס שטייט דיר פריי, סאָלאַנש, אויסצואוויילן יענע גרופּע, וועלכע עס געפעלט דיר בעסער.

— נו, נו, נו! — האָט זי זיך גענומען לאַשטשען צו אים, גלעטן אים אַ באַק; פאַרווישן דעם איינדרוק פון איר ניט־געלונגענעם פאַרגלייך האָט זי געוואָלט, — נאָר ניט אייפערזיכטיק זײַן!

— יאָ, יאָ!.. — האָט זיך ברין גענומען אויפרייצן אויף אַן אמת — איך קאָן דאָס שלאָג־וואָרט! עס ווערט געברויכט, ווען די „גוטע העלפט" וויל, אַז דאָס גאַנצע זאָל בלייבן פאַר איר. די גאַנצע פרייהייט, מיין איך...

דאַל איז געזעסן און געגעסן זיי ביידן מיט די גרויע אויגן. און זײַנע רויטע אויערן האָט ער געשפּיצט, אונטער זײַן בלאָנדער קוטשמע האָר, ניט דורכגעלאָזן איין טאָן פון זייער ווערטלען־זיך, וואָס הויבט־אָן

איבערגיין אין אַ מין משפּחה־קריגערײַ. אַ בליאַסק פון אַ שמייכל איז אויפגעגאַנגען אין זיין שטאָלענעם קוק. עפּעס ווי ער וואָלט שוין אין עק הימל דערזען דעם אויפגאַנג פון זיין נאָענטסטן נצחון. ברין האָט דאָס באַמערקט און דערפילט אַ טיפע שנאה צו אָט דעם טאַלאַנטפולן מענטשן מיט די גראָבע ליידנשאַפטן, וועלכער קלייבט זיך ניט אויף קאַטאָוועס צו ירשענען זיין קורצן גליק, וואָס האַלט שוין אין וואַקלען זיך. נאָך איין ווײַלע און ער וואָלט זיין ליידיקן ווײַן־גלאָז אַ כאַפּ־געגעבן און געוואָרפן אין דאַלס האַרטן קאָפּ אַרײַן.

און ווידער איז סאָלאַנש אַרײַנגעפאַלן אינמיטן און, ווי אַ בוימאייל, צעגאָסן זיך איבער זיין אויפגעברויזטן צאָרן:

— מאַך ניט אַזאַ בייז געזיכט, מיין טײַערער! נעם־אויף אַ קאָלעגע ווי עס געהער צו זיין. מאָסיע דאַל קאָן נאָך מיינען, אַז ער איז עפּעס שולדיק. מיר האָבן זיך דאָ נאָר צופעליק געטראָפן...

— קיינער בעט דאָ קיין שום רעכענונג ניט! — איז ברינס קול מיט אַמאָל הייזעריק געוואָרן. — אַלזאָ, גייען מיר צום קאָנצערט, אָדער מיר גייען ניט?

לויטן רויען קלאַנג פון זיין שטים, האָט זיך ברין אַליין געכאַפּט, אַז ער געוועלטיקט מער ניט איבער זיך, אַז ער מוז זיך באַהערשן גלייך אויף אַן אָרט, אויב ניט — קאָן ווערן שפּעט... אָבער דאָ איז אים געקומען צו הילף פראַנסואַ לופּען מיט זיין פילאָסאָפישער רואיקייט און געבוירענעם טאַקט. דערפילט, אַפּנים, אַז ס'איז געקומען די ריכטיקע צייט אַרײַנצומישן זיך.

— נאָ, מאַכט ער אויסגעזוכט־פּרײַנטלעך און זעצט זיך אַרײַן דעם מאָנאָקל אין אויג, — ס'איז דאָך ערשט אַ פערטל נאָך זיבן. וואָס וועט איר טאָן אַזוי פרי אין זאַל פּלעיעל*).

זיין רואיקער טאָן אַזוי ווי זיין בליאַסקען מיטן גלעזל צו דער צערייצטער גרופּע, וואָס איז גרייט אַרײַנצופאַלן איינער דעם צווייטן אין די האָר, האָט גלייך באַרואיקט די געמיטער. אַפילו ברין האָט צוריק־געפונען זיין גלייכגעוויכט, אַביסעלע פאַרשעמט זיך וואָס ער האָט, אין דאַלס אַנוועזנקייט, אַנטפּלעקט זיין מידקייט און זיין צערייצטן צושטאַנד. ערשט נעכטן האָט ער דאָך, אויפן זעלבן אָרט, גערעדט מיטן סקולפּטאָר מיט אַ גאַנץ אַנדער לשון, געשפּילט דעם גליקלעכן, געקוקט אויף אים ווי אויף איינעם, וועלכער האָט אַוועקגעוואָרפן אַן אוצר און ער, ברין, האָט אים אויפגעהויבן און אָפּגעשאַצט. און היינט... ווי אַזוי איז

---

*) אַ פּאַריזער באַקאַנטער קאָנצערט-זאַל.

דאָס געשען ? אַזאַ געפּאַלנקייט, אַזאַ ניט־זיכערקייט אין מאָרגנדיקן טאָג, אין דער קומענדיקער שעה...
www.libtool.com.cn

האָט ער זיך אַליין אַן ענטפער געגעבן:

„געשען איז דאָס, ווייל דער אוצר האָט פליגלען. ער בלייבט ניט דאָרטן וואו מ׳האָט אים באַהאַלטן. ניט ביי לופּען אין אַ ראַם פון זיין בילדער־געשעפט, ניט ביי מיר אין אַטעליע...״

— איך אַנטשולדיק מיך!.. — האָט ער צו דאַלן שוואַך אַ שמייכל־געגעבן. נאָר דער קול זיינער איז נאָך אַלץ געבליבן טרוקן, — איך בין עפּעס היינט ניט מיט אַלעמען...

— ניטאָ פאַר וואָס! — האָט דאַל דאַנקבאַר צוגעשאָקלט מיט זיין גרויסן קאָפּ, — ניט איר, קאַלעגע, האָט מיך באַליידיקט. ניט איך פ י ל זיך באַליידיקט. איך האָב נאָר מאַדמואַזעל סאַלאַנש שוין לאַנג ניט געזען און באַוואונדער איר נייע שיינקייט און איר גוטן געשמאַק...

— באַוואונדערט, באַוואונדערט! — האָט אים ברין כלומרשט זייער פריילעך דערלויבט, — סאַלאַנש, לאָז זיך באַוואונדערן!..

— נאָ, — האָט זיך דאַל געגעבן אַ שטעל־אויף, — און איצט מוז איך שוין גיין.

דאָס האָט זיך אָנגעהערט ווי אַן אומקלאָרער צוריקווייזן בריגס אָפּלאָכערישן טאָן. אָבער אויך דאָ האָט זיך לופּען אַריינגעמישט מיט זיין געלאַסנקייט און מיט זיין גלאַנציקן מאָנאָקל, ווי אַ שלאַנגען־באַשווערער מיט זיין בלישטשענדיקן קנויל.

— זיצט נאָך אַ ווײַלע, מעטר דאַל! אויך איך מוז גיין. איך גיי מיט אייך צוזאַמען. נאָר צוערשט — איין וואָרט...

דאַל האָט זיך אַוועקגעזעצט. אויף לופּענס דינע ליפּן איז דורכ־געלאָפן אַ פיין שמייכעלע.

— קוקנדיק, — מאַכט ער, — אויף אַזאַ שיינער גרופּע פון צוויי באַגאַבטע קינסטלער און איין אינטערעסאַנטער דאַמע, פאַלט מיר איין אייך איינצולאַדן, אייך דריי, צו סופּירן*) מיט מיר צוזאַמען. נאָך אייער היינטיקן קאָנצערט, מאַדמואַזעל סאַלאַנש! איך וועל אויף אייך אַלעמען וואַרטן... נאָ, אין דער גרויסער טאַווערנע אויף אַוועניו וואַג־ראַם. נאָכדעם וועלן מיר פאָרן ערגעץ־וואו אין אַ קאַבאַרעט אויפן מאָנ׳מאַרטער...

— אָנגענומען! — רופט זיך אָפּ סאַלאַנש, און מיט אירע טונקעלע

*) סופּירן — עסן אַ שפּעטן אָוונט־ברויט נאָכן טעאַטער.

פינגער לייכט אַ פּעטשל געגעבן איר קאַוואַליער, — נעמסט אויך אָן, מיין ליבער ? נעם אָן !
www.libtool.com.cn

ברין האָט איין רגעלע דורכדרינגענדיק אָנגעקוקט דעם, וועלכער הויבט אָן ווערן זיין קאָנקורענט. דאָס הייסט : דאַלן.

— גוט ! — האָט ער דערנאָך קורץ און שאַרף צוגעשטימט.

— איך האָב אויך ניט דאַקעגן ! — האָט דאַל אַ שאָקל געטאָן מיטן בלאָנדן קאָפּ, ניט אַראָפּנעמענדיק זיין האַרטן קוק פון ברינען, — היינט ביינאַכט האָב איך ניט וואָס צו טאָן און... קאָן אויך גאָרנישט טאָן.

דעם „קאָן" האָט דאַל ניט־ווילנדיק באַטאָנט. און ברין האָט זיך דערמאָנט, אַז דער זעלבער דאַל האָט זיך פאַר אים נעכטן באַקלאָגט, ווי אַזוי סאָניאַ שטערט אים מיט אירע קאַפּריזן... „איך מייד שוין אויס", — האָט ער געזאָגט, — „צו בלייבן לאַנג אין דער היים. איך זיץ איינער אַליין אין די קאָפּעס. מיין לוסט צו אַרבעטן האָב איך פאַרלוירן"...

— נאָר, — האָט אים דער העלפּערכער לופען איבערגעשלאָגן זיין גריבלענדיקן געדאַנק, — איין רייצנדיקע דאַמע צווישן צוויי אָדער דריי אינטערעסאַנטע מענער — דאָס טויג ניט ! ניין, ס'טויג ניט... עס קאָן ברענגען צו קנאה. איך וועל דערפאַר קומען מיט נאָך אַ דאַמע, וועלכע... אַ גאַנץ היפּשע דאַמע. זי איז אפשר אייך ביידן באַקאַנט...

ברין האָט זיך אָנגעשפּיצט.

— ווער קאָן דאָס זיין ? — האָט ער שטום אַ פרעג־געטאָן מיט זיין אומרואיקן קוק.

אָבער לופענס מאַנאָקל האָט פון אים אַוועקגעבלאָנדזשעט אָן אַ זייט. „אַ סורפּריז, אַ סורפּריז", האָט דאָס אַוודאי געזאָלט הייסן. וואָרעם לופען האָט אַ גראָדן ענטפער אויסגעמידן און געזאָגט אַזוי :

— איבריקנס, וואָס איז דער אונטערשייד ? אַבי אַ שיינע דאַמע מער. עס פעלט, אַלזאָ, נאָך איינע. האָט איר עמעצן, מעטר דאַל ?

איצט זיינען דאַלס גרויע אויגן אומרואיק געוואָרן. ער האָט מיט זיי אַ פינטל־געגעבן צוויי מאָל נאָכאַנאַנד.

— אויב, — מאַכט ער, — מען וועט מיר דערלויבן, קאָן איך עמעצן מיטברענגען...

זיין גרויער בליק איז ווידער שטייף־געוואָרן און ער האָט אים אָנגעשטעלט אויף ברינען, עפּעס ווי ער וואָלט דערמיט אויפגעפּאָדערט זיין קאָלעגע און קאָנקורענט אויסצוהאַלטן כאַראַקטער. געגומען אים, אַזוי צו זאָגן, אויפן פּרוּוו : „ווּעסטו האָבן כוח און ווילן צו באַגעגענען יענע, וועלכע איז מיינע אַזוי ווי דיינע ? אַזוי ווי איך האָב דאָ אַרויס־געוויזן גענוג כוח צו באַגעגענען די, וועלכע איז דיינע און מיינע אויך ?"..

ברין האָט דעם ניט־זייער אָנגענעמען קוק אויסגעהאַלטן. ער האָט נאָר טרוקן אַ שלונג געגעבן מיטן האַלדז און קלאָר אָפּגעענטפערט:

www.libtool.com.cn

— אָוודאי איז אייך דערלויבט!

— נו, אויב אַזוי, — האָט זיך לופּען נאָך פיינער צעשמייכלט, — אויב אַזוי איז אַלץ אין אָרדענונג.

ער האָט דערביי געלאָזן אַרויספאַלן דעם מאָנאָקל פון אויג, אַזוי ווי אַ שלאַנגען־באַשווערער לאָזט פאַלן פון האַנט דעם בלישטשענדיקן קנויל, ווען די גיפטיקע שלאַנגען זיינען שוין פאַרנאַרט אין זאַק.

אויפגעשטעלט זיך, מיט זיין האַלב־צילינדער אויפן אָרעם, האָט ער נאָך איין אויגנבליק, דאָס מאָל אָן מאָנאָקל, באַטראַכט זיינע קונדן.

— נאָ, — מאַכט ער, — און ווי אַזוי די דאַמען ווען זיך אייג־טיילן מיט די קאַוואַליערן. אָדער פאַרקערט: ווי אַזוי די דריי דאַמען —

ער האָט ניט דערזאָגט. וואָרעם ברין האָט אים דערביי שאַרף אָנגעקוקט. מיט אַ באַהאַלטענער דראָאונג אָנגעקוקט אים. האָט דאָס לופּען דערכאַפּט און זיך אַליין קאָרעגירט:

— איך מיין, ווי אַזוי די דאַמען מיט די קאַוואַליערן וועלן זיך אויסזעצן ביים טיש — דאָס וועט מען זען אויף אָן אָרט.

ברין האָט קוים אַ צי־געגעבן מיט די פּלייצעס. דערמיט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער לאָזט זיך ניט נאַרן. „דערלויבט מיר", הייסט עס, „מאָסיע לופּען, צו מיינען, אַז ניט דאָס האָט איר געמיינט..."
נאָר זאָגן האָט ברין גאָרנישט געזאָגט.

איצט האָט לופּען אַרויפגעזעצט זיין האַלב־צילינדער אויפן, מיט פּאָמאַדע צוגעלאַקטן, פליכעוואַטן קאָפּ, צופרידן ווי אַ גוטער רעזשיסער, וועמען די ערשטע פּראָבע האָט זיך נישקשהדיק איינגעגעבן:

— אַלזאָ, אין דער „גרויסער טאַווערנע" אָווענטיו וואַגראַם, זייגער עלף. איך בעט ניט צו פאַרגעסן, מאַדעמואַזעל, און איר, מיינע הערן! אַ רעוואָואַר!*)

— איך גיי אויך! — האָט זיך דאַל אָפּגערופן און, פּונקט אַזוי ווי לופּען, אַרויפגעזעצט זיין קינסטלער־קאַפּעליוש מיטן אויפגעשטעלטן דנאָ. מיט אַ מאָדנער אָנטשלאָסנקייט האָט ער זיין קאָוובאָי־הוט אַרויפ־געזעצט אויפן גרויסן קאָפּ. ווי אַ קעמפער וואָס האָט זיך צוריקגעפונען און באַשלאָסן ראַנגלען־זיך, ביזקל סוף.

ער האָט זיך קורץ פאַרנויגט פאַרן איבערגעבליבענעם פּאָרל און אָנגעיאָגט פּראָנסוא לופּען ביי דער גלעזערנער דריי־טיר.

---

*) אויף ווידערזען!

יענער האָט צו אים, פאַרן אַרויסגיין, אַ שאָקל געגעבן דעם אַנגע־צילינדערטן קאָפּ מיט אָנערקענונג, אַפילו זיין אויסגעבאַליעטע האַנט אַרויפגעלייגט אויף דאַלס ברייטער פּלייצע. דאָס האָט, ווייזט אויס, באַדייט: „האָסט מיך ריכטיק פאַרשטאַנען, ליבער מייסטער! לאָז דאָס יונגע פּאָרל אַליין! אַלץ וועט זיך שוין, מיט גאָטס הילף, איינ־אָרדענען אויפן בעסטן אופן...״

www.libtool.com.cn

צ וו ע ל פ ט ע ר   ק אַ פּ י ט ל

דער וויזיט ביי גאַבראַנסקין

.1

ווען ברין און סאָלאָנש זיינען געבליבן אַליין, ביים קאַפע־טישל, האָבן זיי אַ ווײַלע ניט געקאָנט קוקן איינער דעם צווייטן אין געזיכט. עפּעס ווי זיי ביידע וואָלטן, מיט אַ מינוט צוריק, געכיטרעוועט, געגנאַרט איינער דעם צווייטן, און זיך אַליין — אויך. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט דאָ אָקערשט געדינט אַלס אַ געצייג פון אַ פרעמדן ווילן: פון לופּענס שפּילן דעם שלום־מאַכער און דזשענטלמאַן און פון דאַלס פרעכ־קייט. און סאָלאָנש האָט זיך געפילט ווי אַ מאָדערנע חוה, וואָס האָט איינגערעדט איר געליבטן צו עסן פון עץ־הדעת. און זי זעט שוין די פאָלגן: ביים באַטרעפנדיקן אָדם הויבן זיך אָן עפענען די אויגן. ברין זעט אַזעלכע זאַכן, וועלכע ער האָט בעסער ניט געדאַרפט זען אַזוי פרי...

די ערשטע האָט ז י אים, דערפאַר, גענומען איבערבעטן, אַרויפ־געלייגט אים אויפן ברייטן נאַקן, וואָס זי האָט אַזוי ליב געהאַט, אַ ווייכע און וואַרעמע דלאָניע און שפּילעוודיק פאַרגעוואָרפן איר:

— שעמען מעגסטו זיך! ערשט צוויי טעג אַז דו לעבסט דיין אייגענעם פולן לעבן און ביסט שוין אַזוי מיד.

מערקווירדיק איז געווען דאָס, וואָס ער האָט, מיט דער קילער הויט פון זיין נאַקן, געפילט, אַז סאָלאָנשס דלאָניע איז ווייסער ווי דער אוי־בערשטער טייל פון איר האַנט, אַזוי ווי ביי אַלע עקזאָטישע שטאַמען, און פונקט אַזויפיל צאַרטער און זיסער. פונדעסטוועגן האָט ער זיך אַוועק־געדרייט פון אַזאַ גלעטנדיקער באַרירונג. מער אויף צו־להכעיס זיך אַליין ווי סאָלאָנשן.

— יאָ, מאַכט ער, — אויב אַ משוגעים־הויז הייסט „אַן אייגענער פולער לעבן".

www.libtool.com.cn

— וואָס ביי דיר — משוגעת, מיין ליבער, איז ביי מיר — פאַרגעניגן.

— בפרט, ווען עמעצער באַוואונדערט דיך...

— ווער איז דער „עמעצער" ? דאָל ?.. מוזסט צוגעבן, אַז אַ מענטש איז ער אַן אינטערעסאַנטער.

— מוזסט צוגעבן, אַז אַ נפש איז ער אַ ברוטאַלער...

— לופען האָט דיר עפּעס דערציילט ?

— דערציילט.

— אַן אייזל !.. נאָר דעמאָלט האָב איך דאָס פאַרדינט. פונקט אַזוי ווי דו האָסט דאָס פאַרדינט היינט...

— דיין אַנפאַל אויפן בילד מיינסטו ?.. ריכטיקער וואָלט געווען זאָגן: ווי דו האָסט דאָס היינט ווידער־אַמאָל פאַרדינט...

— ניט דיין בילד. מיך אַליין בין איך באַפאַלן.

— דאָס איז אפשר ריכטיקער.

— באַדויערן האָסטו מיך געדאַרפט, אָדער —

— אָדער שלאָגן ?

— אויך דאָס האָט דיר דער אייזל מיטן צילינדער דערציילט ? האָ !..

און מיטאַמאָל האָט זי אומגעדולדיק אַ וואָרף געגעבן מיטן באַ־פעלצטן אַקסל און אירע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ ניט־גוטן פייערל:

— ער האָט אָבער אָפטמאָל ניט קיין שלעכטע איינפאַלן ! לופען, מיין איך... ער איז ראַפינירט, מיין שטרויענער קאַוואַליער ! איך בין געשפּאַנט צו זען די דריי אויסטערלישע פאַרלעך. איך און דו. דאָל מיט זיין סאָניאַן... ווערמען לופען וויל מיטברענגען צום סופּעי*) איז מיר ניט גאַנץ קלאָר.

— מיר איז דאָס יאָ קלאָר... — האָט ברין אַ בליאַסק געטאָן מיט זיינע שוואַרצע אויגן. דער זעלבער ניט־גוטער פייערל, ווי ביי סאָ־לאַנשן, האָט זיך אין זיי אָנגעצונדן. — מיר איז דאָס גאַנץ קלאָר. דאָס וועט אַוודאי זיין מאַדאַם מלאָטעק.

— ניין ! אָט די... וואָס היינט ביי דיר ?.. — האָט סאָלאַנש אָנגעהויבן שטאַמלען.

*) סאָפּער.

— די זעלבע... וואָס שרעקסטו זיך אַזוי? זיי אויסגעהאַלטן ביזקל סוף, סאָלאָנש!
www.libtool.com.cn

איך וועל זיך באַמיען. אָבער ער... דער שטרויענער קאַוואַליער, פון וואַנען קען ער זי?

— לופּען? איך האָב דאָך אים געטראָפן אין איר מאַנס אַטעליע.

סאָלאָנש האָט ווידער געמאַכט אַ גוטע מינע צום בייזן שפּיל און ווידער אַרומגעכאַפּט ברינס האַלדז:

— אָ, איך האָב דיר שוין געזאָגט: ער האָט אָפּטמאַל אינטערעסאַנטע איינפאַלן, דער קאַוואַליער מיטן מאַנאָקל. דריי פּאָרלעך און דריי קאָנפליקטן. און אַלע ביי איין טיש.

דויד ברין האָט ווידער אַוועקגענומען דעם נאַקן פון איר גלעטנדיקער האַנט און זיך אַנגעכמורעט:

— און דאָס רופסטו אַן „אינטערעסאַנט"? פּערווערזע געשמאַקן...

אירע אויגן האָבן זיך מאָדנע צעשטראַלט. נאָר געמאַכט האָט זי אַ מינע פון אַ כלומרשט־באַליידיקטער:

— אויב ס'איז דיר געווען ניט אַנגענעם, פאַרוואָס האָסטו צוגעשטימט?

— ניט אַלעמאָל גלוסט זיך באַטאָנען אַז מען איז געזינטער, ניכטערער, שעמעוודיקער.

— מען איז דאָך דערוואַקסענע מענטשן!

— אַפילו דערוואַקסענע מענטשן שעמען זיך אָפּטמאָל מיט צופיל־גייע, צופיל־גלאַנציקע שיך. מען באַמיט זיך צו פאַרשטויבן זיי וואָס גיכער...

— וועט דיר ווירקלעך זיין ניט־אַנגענעם צו באַגעגענען זיך מיט סאָניאַן?

— וועט דיר ווירקלעך זיין ניט־אַנגענעם צו באַגעגענען זיך מיט מאַדאַם מלאָטעק?

— איך ווייס שוין. אָפּענטפערן קאָנסטו גוט. אָבער... אָבער שפּאַנענדיק וועט דאָס דאָך פאַרט זיין! מוזסט צוגעבן...

— אויב „שפּאַנענדיק" הייסט אַרומפאָרן מיט אַ זעג איבערן לעבער...

— ניין, ניין, דויד! עס איז ניט דאָס זעלבע. איך, צום ביישפּיל, בין מוראדיק געשפּאַנט אויף דיין סאָניאַן. איידער איך בין דיר געוואָרן נאָענט, האָב איך זי פיינט געהאַט. איך האָב ביי דיר אין אַטעליע באַוואונדערט איר פּאָרטרעט... כלומרשט! געפונען אַז זי איז שיין. אין דער אמתן וואָלט איך זי דעמאָלט געקאָנט צערייסן אויף שטיקער, אויף שטיקער...

— האָ, און איך האָב דאָס ניט געמערקט. געמיינט ביסט אַזאַ גוטינקע.
www.libtool.com.cn

— איצטער, גלויב איך, מיינסטו שוין ניט מער... אָבער גלויב מיר: אין באַציאונג צו סאָניאַן, בין איך איצט ניט מער ווי נייגעריק. איך בין פול מיט גליענדיקער נייגעריקייט צו זען זי אַ שיין־אָנגעטאָנענע, מיט אַ הויכער פריזור. אַ בלאָנדע פרינצעסין וואָס שטייט צווישן צוויי פייערן, צווישן דיר און אַנדרי דאַל...

— און וואו שטייסט דו?

— צווישן דיר און פראַנסואַ לופּען.

— דערלויב מיר צו צווייפלען... און מלאַטעקיכע?

— צווישן דיר און מיר.

— אַן אמתע סאַראַבאַנדע. אין דריי ריטמען...

— אַן אמתער ליבע־לאַבירינט. דריי מענער און דריי פרויען בלאָנדזשען אַרום און ווייסן ניט: וואו מיינע און וואו דיינע... ס'איז זייער, זייער אינטערעסאַנט, מיין ליבער יונג!

זי האָט דאָס אויסגערופן מיט אַזויפיל הארציקייט און איבער־צייגונג, אַז ברין, ביי זיין גאַנצער פאַרדריסלעכקייט, האָט זיך געמוזט צעלאַכן:

— וואָס פאַר אַ קליינע ווילדע פרוי דו ביסט, סאָלאַנש!

— אָ, דויד! איך בין אַזוי גליקלעך, וואָס מיר האָט זיך איינ־געגעבן צו צעשטרייען דיך, וואָס דו שמייכלסט שוין, וואָס דו פאַר־שטייסט מיך ווידער...

— ניטאָ וואָס צו פאַרשטיין. דו וואָלטסט נאָר געוואָלט אַלע זאָלן אין דיר זיין פאַרליבט און קיינער זאָל ניט זיין פאַרליבט אין דיינע גע־ליבטע. זייער אַ באַשיידענע וועלעכץ!

— ניין, דויד. ווען איך בין גליקלעך, פאַרגין איך אַלעמען דאָס זעלבע.

— זינט ווען ביסטו דאָס אַזוי פאַרגינעריש געוואָרן? ניט זינט דיין היינטיקער באַגעגעניש מיט דאַלן?

— הויבסט שוין ווייטער אָן צו בייסן־זיך? איז קום אַוועק! קום בעסער אַוועק.

— וואוהין אַוועק? ביזקל קאָנצערט איז נאָך אַ דריי־פערטל שעה.

— אָ, אַזויפיל? איך פאַרטראָג איצטער קיין פוסטקייט ניט. קיין איין־איינציקע פוסטע מינוט.

— אַ דאַנק פאַר אַזאַ אָנצוהערעניש!

— איך מיין — פּוסטע ריידערייען. איך בין אַזוי אומגעדולדיק, אומגעדולדיק.

www.libtoof.com.cn

— ביסט ניט הונגעריק ?

— ניין. איך לאָז איבער מיין גוטן אַפּעטיט פאַר נאָכן קאָנצערט.

— ווער ווייסט צי דו וועסט אים שפּעטער קאָנען געברויכן ...

— דו מיינסט ?

— צוויי אַפּעטיטן פאַר איין מאָל קאָן מען ניט פאַרווענדן.

— וועלכע צוויי ?

— דעם אַפּעטיט צו אַ גוטן סופּעי*) און צו באַצויבערן דריי מענער אויף איין מאָל.

— אַך, דאָס איז גאָר ניט אַזוי שווער. בפרט, ניט אַלע דריי העלדן אינטערעסירן מיך.

— איך פאַרשטיי ... אַלזאָ, לאָמיר דערווייל שפּילן די הוידע !

— די הוידע ?

מיר האָבן זי שוין אַ פּאָר מאָל געשפּילט. דו שלעפּסט מיך אַראָפּ ; איך — דיך אַרויף. איצט האָסטו מיך ווידער אַראָפּגעשלעפּט. איך מוז שפּילן אין אַ שונד־ראָמאַנדל פון דריי ליבעס אויף איין מאָל. ווייניקסטנס, היינט נאָכן קאָנצערט ...

— און דו ווילסט מיך אויפהויבן —

— צו מישעל גאַרבראָנסקיס ביבליאָטעק, צו זיינע פאָרשונגען, צו אים אַליין.

— צו דעם זעכציק־יאָריקן אָפּגעגטן מאַן ? דו האָסט מיר שוין דערציילט וועגן אים ... אפשר אַן אַנדערש מאָל ?

— ווער ווייסט צי דאָס אַנדערש מאָל וועט זיך מאַכן ...

— דו מיינסט ? .. איז קום זעץ מיך אַוועק אויף דיין הוידע, לאָמיר זען ווי הויך זי קאָן אויפהויבן.

— גאַרסאָן !*) — האָט ברין אַ רוף־געגעבן מיט אַ שטים פון אַ מענטשן, וואָס טרינקט זיך און רופט נאָך הילף.

2.

אַ טאַקסי האָט זיי שנעל געבראַכט פון דער לוקסעמבורגער אַלעע, דורכן בולוואַר סען־מישעל און רי קלאָוויס, הינטערן פּאַנטעאָן, צום פּלאַץ־מאָנזש, וואו מישעל גאַבראָנסקי האָט געוואוינט. זיי האָבן אים

*) סאָפּער.

*) וועיטער !

געפונען, מיט צעפּאַטלטע האָר, אין זיין ביבליאָטעק־צימער, וועלכער דינט איך אויך אַלס אַ שטיקל סאַלאָן. מיט זיינע פאַרבן־פאַרפלעקטע פיגער, וואָס לאָזן זיך קיינמאָל ניט אָפּוואַשן, האָט ער געבלעטערט אַ בוך מיט קאָלירטע צייכענונגען פון פלאַנצן און פאַרשריבן אין אַ העפט.

www.libtool.com.cn

דערזען דאָס אָנקומענדיקע פּאָרל, האָט ער פאַרהאַקט דאָס בוך און אויפגעריסן זיינע בולטע אויגן, אַראָפּגעכאַפּט די אַרבעט־ברילן און זיי צוריק אַרויפגעזעצט אויף דער מאָגערער נאָז. אויפן גרונט פון זיין אָרעמער געלערנטקייט אין זיין וואוינונג, אויף די לאַנג ניט געטיג־קעווטע ווענט און רוקנס פון ביכער, האָט סאָלאַנש אויסגעזען אַ סך זאָנדערלעכער און עפעקטפולער ווי אין דער אמתן. די קאָלירן פון איר געזיכט און גאַלאַ־אָנטועכץ, די קאָנטראַסטן פון ווייס־און־שוואַרץ מיט די גרין־ברענענדיקע אויגן, האָבן דאָ געלויכטן טאָפּלט שטאַרק. אַן עקזאָטישער פויגל וואָס איז פאַרפלויגן אין אַ נעסט פון אַן אַלטן ראָב אויפן דריטן שטאָק און קוקט זיך, לאַכנדיק און נייגעריק, אַרום אויף די אָפּגעבליאַקעוועטע רוקנס פון ביכער; אויף די אַפּאַראַטן אונטער גלאָז; אויף די בילדער און סקיצן אויף די ווענט, וואָס אַ סך פון זיי דערמאָנען ברינס זשאַנר...

זי האָט, לויכטנדיק, געבעטן אַ דערלויבעניש צו באַטראַכטן די וואַנט־סקיצן. און גאַבראָנסקי האָט זייער פלייסיק, ניט לויט די יאָרן זיינע, און גאַנץ קאַוואַליעריש, צערוקט די פּאָר שווערע פאָטעלן אין זיין ביבליאָטעק, כדי צו מאַכן וואָס מער אָרט פאַר סאָלאַנשס היפשער גע־שטאַלט און פאַר די גלאַנציקע פאַלדן פון איר אַטלאַסענעם קלייד, און ווען זי האָט גענומען איבערגיין פון בילד צו בילד, האָט דער אַלטער געפונען אַ געלעגנהייט איבערצושעפטשען זיך מיט זיין יונגן פריינט:

— איך ווינטש דיר גליק, ברין! וואו האָסטו דאָס געפונען אַזאַ גן־עדן־פויגל?

— פונקט דעמאָלט ווען איך בין געווען פאַרצווייפלט.

— באַלד, הייסט דאָס, נאָך דעם פּאַטש, וואָס האַרקאַווקע האָט פון דיר געקראָגן?

— יאָ. אומגעפער.

— אָרעמע יעטאַ! מיט אַזאַ איינער איז שווער צו קאָנקורירן.

— דיין יעטאַ? ווי קומט זי?..

— מיין געוועזענע... זי האָט זיך פאַרליבט אין דיין איינזאַמקייט. זי איז אין יענער עלטער, ווען ווייבער האָבן רחמנות אויף פאַרלאָזענע מענער, אויף געגטע, אויף אַלמנס...

— ווער ווייסט! אפשר וועל איך נאָך דאַרפן אָנקומען צו אַזאַ רחמנות...
www.libtool.com.cn

— ס׳איז אַלץ איינס ווי גיין מיט אַ טאָרבע איבער די הייזער. איך האָב זיך פון איר רחמנות אינגאַנצן אָפּגעזאָגט.

— אינגאַנצן? אינגאַנצן?

— ביי די מלאָטעקס איז געשען דער לעצטער אָפּזאָג... אָבער וואָס גלאָצסטו אַזוי מיט די אויגן? וואָס אינטערעסירט דיך דאָס אַזוי שטאַרק? האַלט פעסט דיין גן־עדן־פויגל! זי איז נאָך שענער פאַר דער, וועלכע האָט מיך אַמאָל משוגע געמאַכט אין זשענעווע. דו געדענקסט? צוליב וועלכער איך האָב אַמאָל געוואָלט אויסקוילענען אַלע אַלטע לייט...

ברין האָט אים מיט די אויגן אַ וואונק געגעבן אויף סאָלאַנשן:

— זי איז אָבער פון יענע גן־עדן־פויגלען, וואָס אַז מען האַלט זיי צו־פעסט, פאַרלירן זיי אַלע זייערע עקזאָטישע פעדערן.

— אויב אַזוי, באַדויער איך דיך, מיין יונגער פריינט! נאָכדעם וועסטו אפשר טאָקע זיך נויטיקן אין רחמנות...

— מאָסיע־לע־פּראָפעסער!*) — האָט זיך דערהערט סאָלאַנשס מעלאָדישער קול, — דערלויבט מיר צו שטערן אייער סודותדיקע קאָנפערענץ! וואָס איז דאָס פאַר אַן אַפּאַראַט אין אָט דעם גלעזערנעם אַלמערל?

— ס׳איז אַ טאָפּלטער מיקראָסקאָפּ. דאָס לעצטע וואָרט פון די יענאַ־צייס פאַבריקן. ער פאַרגרעסערט אויף איבער זיבן הונדערט מאָל.

— אָ, עס מוז זיין שפּאַנענדיק צו אַרבעטן מיט אַזאַ אינסטרומענט...

— איר ווילט אפשר כאַפּן אַ קוק, מיין שיינע? איך האָב גראָד אַ בוליאָן פון אינפוזאָריעס, דאָס הייסט פון לעבעדיקע קעמערלעך־געוויקסן. זיי וואַקסן און זיי לעבן, פאַרשלינגען איינער דעם צווייטן און פאַרמערן זיך...

מיט אַ געניטער האַנט האָט גאַבראָנסקי אַראָפּגענומען דעם גלעזערנעם קאַלפּאַק פון אַפּאַראַט, אַוועקגעשטעלט אויפן טיש און אָנגעצונדן דעם צוגעפּאַסטן רעפלעקטאָר קעגן שפּיגעלע. פון אַ מוטנעם גלאָז וואַסער, מיט פולע אָסיען־בלעטער, האָט ער אַרויסגענומען איין טראָפּעלע אויף אַ פלאַכן שטיקל גלאָז, אַריינגעשטעלט אין אַ שוואַרצן קעמערל מיטן פּוסטן פענצטער און רעגולירט. סאָלאַנש האָט זיך אַריבערגעבויגן, פאַרקוועטשט איין אויג און אַריינגעקוקט.

פונעם געל־מוטנעם טראָפּן איז געוואָרן אַ האַלב־קיילעכדיקער וואַ־

---

*) הער פּראָפעסאָר.

סער־באַרג, אין וועלכן עס באַוועגן זיך חיהלעך, זשוקלעך, לעבעדיקע־בלומען, האָריקע טרובעס, מאַכיקע גלעקלעך, די הערעלעך באַוועגן זיך, די קערפּערלעך שווימען.

— אָ, אָ!

— דאָס זיינען נאָר מיקראָסקאָפּישע מאַליוסקען, וואָס באַשטייען מייסטנס פון איין איי־ווייס קעמערל, אַזוי ווי די ערשטע פּלאַזמע פון וועלכער עס איז געבוירן געוואָרן אַלץ וואָס וואַקסט און לעבט; דאָס הייסט: מיט טויזנטער מיליאָנען יאָרן שפּעטער, ווען די קליינע פּלאַזמע איז זיך צעוואַקסן אין קאָלאָניעס, און פון די קאָלאָניעס איז געוואָרן איין אָרגאַניש געוועב. די איינציקע לעבעדיקע קעמערלעך וואָס איר זעט דאָ, מיין שיינע, פּאַרמערן זיך דורך טיילונג. איר זעט אַוודאי ווי אַזוי אייניקע פון זיי שניידן זיך דורך אין מיטן און צעפּאַלן אויף צוויי טיילכעלעך.

— יאָ, יאָ! — האָט סאָלאַנש אַ קוויטש געטאָן. זי האָט אַפילו מיט איין באַזילבערטן שיכעל אַ טופּ־געגעבן פון באַגייסטערונג.

— אַזוי אַרום, — האָט איר גאַבראַנסקי דערקלערט, — קאָן מען זאָגן, אַז יעדע לעצט־געבוירענע אינפוזאָריע איז אויך די ערשטע. ווייניקסטנס: אַז זי איז אַ טייל פון דער ערשטער. דאָס איז אַן אמתע אומשטערבלעכקייט.

— אויב אַזוי, — האָט סאָלאַנש אָפּגעריסן איר פּאַרשפּיצט גרין אויג פון אַפּאַראַט, — אויב אַזוי, זיינען מיר דאָך אויך אומשטערבלעך, ווייל מיר קומען דאָך אויך אַרויס פון ערשטן קעמערל, וועלכע האָט זיך געטיילט...

— מיין שיינע, איר מאַכט מיך שטוינען מיט אייער שאַרפזין. געוויס. אויך אונזער אומשטערבלעכקייט שטאַמט פון ערשטן זאָמען־קעמערל, וואָס האָט זיך געטיילט און הערט קיינמאָל ניט אויף צו טיילן זיך. דאָס האָבן די עגיפּטער ניט פאַרשטאַנען. וואָרעם זיי האָבן אויס־געטראַכט אַ יענע־וועלט, מיט באַלזאַמירטע פּגרים, מיט געבן די טויטע שפּייז און קליידער און קנעכט אויפן וועג. אַ גאַנצער מתים־קולט! די אידישע ביבל האָט געזען אומשטערבלעכקייט נאָר אין האָבן קינדער. זי האָט אַפילו אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, אַז עמעצער שטאַרבט אָן קינדער — דאַרף דער ברודער חתונה־האָבן מיט דער אלמנה און אָנרופן די קינ־דער אויפן נאָמען פון געשטאָרבענעם. אין יענער צייט האָט די אידישע רעליגיע אין טויטע ניט געגלויבט, אויף לעבעדיק ווערן פון מתים ניט געוואָרט. זי האָט געגלויבט נאָר אין דער אומשטערבלעכקייט, וואָס מיר אַליין באַזיצן אין אונדזער שוואַכן קערפּער, וועלכער טיילט זיך. איין

דור שטאַרבט אָפּ און פון די טויטע שאָלעכצן וואַקסט אַ נייער, און וואָס www.libtool.com.cn ווייטער, אַלץ שטאַרקער און ברייטער, אַזוי ווי די קאָראַלן אין ים...

— קאָנען מיר דערפאַר רעכענען, אַז אַלע ראַסן און אַלע פעלקער זיינען גאָר נאָענטע קרובים? ווייסע, אַזוי ווי שוואַרצע; געלע, אַזוי ווי ברוינע...

— ניט נאָר מענטשן מיט מענטשן זיינען נאָענטע קרובים, נאָר קרובים זיינען מיר אויך מיט חיות און פויגלען, מיטביימער און אינ־זעקטן, מיט שוואָמען און ים־מאלוסקען, ווייל די אור־פּלאַזמע איז איינע, נאָר אירע וועגן האָבן זיך צעצווייגט. זוכנדיק שפּייז און פרייהייט, זיינען זיך אונדזערע וועגן און אונדזערע פאָרמען פונאַנדערגעגאַנגען. פלאַנצן האָבן זיך צוגעבונדן צום אָרט. און מיר האָבן זיך אָפּגעריסן פון וואָרצל און אַוועק יעדערער אין זיין זייט...

— אפשר דערפאַר, פּראָפעסאָר, פילן מיר זיך אַזוי גוט, ווען מיר אַנטלויפן פון שטאָט אין פעלד און וואַלד, און מיר הערן רוישן די ביימער, זשומזשען די אינזעקטן, זינגען די פייגל? מיר פילן אין זיי די... די... נו, ווי זאָל איך דאָס זאָגן? אַך, עס ליגט מיר אַזוי אויף דער צונג...

— איך וועל אייך העלפן, מיין שיינע! איר ווילט זאָגן: די וועלכע האָבן זיך צעשיידט מיט אונדז פאַר הונדערטער־טויזנטער און מיליאָנען יאָרן. וועלכע האָבן אין דער פרעמד אָנגענומען אַנדערע געזיכטער, אַנדערע פּרינציפּן פון אַנטוויקלונג. וואָס ביי אונדז רויט בלוט, ביי פלאַנצן — גרינער כלאָראָפיל; וואָס ביי אונדז געהירן, ביי זיי — וואָרצלען; וואָס ביי אונדז הענט — ביי די פויגלען — פליגעלעך. אָבער אונדזער אינסטינקט זאָגט אונדז פאָרט, אַז עס איז איין משפּחה. און די וויסנשאַפט באַשטעטיקט, אַז עס איז אַזוי...

— דויד, דויד! — האָט סאָלאַנש אויסגערופן, — דיין פריינט איז דאָך אַ פּאָעט אויך.

— וואָס וואונדערט איר זיך? — האָט גאַבראָנסקי אָנגענומען דעם קאָמפּלימענט ווי אַ זאַך, וואָס קומט אים, — פּאָעזיע אָן געלערנטקייט האָט זי ניט קיין הויכן שוואונג, און געלערנטקייט אָן פּאָעזיע — אויך ניט. יעדער וויסנשאַפטלעכער איינפאַל איז נביאות, אַ נייער ניגון, וואָס שפּילט־אויף פון זיך אַליין. אַפריער די אינטואיציע, דערנאָך ערשט קומען די מאַטעמאַטיק און דער עקספּערימענט און דערווייזן דאָס. עס איז מייסטנס יענע רעדעלע, וואָס דער צווייפלהאַפטער שיסער מאַכט אַרום געשאָסענעם פּונקט און באַרימט זיך, אַז ער טרעפט אַלעמאָל אין רעכטן מיטן... דער, אָדער יענער נאַטור־געזעץ, אָדער מעכאַנישער פּרינ־ציפּ, עקזיסטירן שוין זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן. מען מוז זיי

נאָר אַנטדעקן, אַראָפּרייסן די שלייערן און באַווייזן זייערע וואונדער־לעכע און אויסטערלישע געזיכטער. אָט, צום ביישפּיל, אַרבעט איך שוין זינט עטלעכע טעג איבער אַ געדאַנק, וואָס איז מיר געקומען אין קאָפּ אומגעריכטערהייט. איך זוך נאָר איצט דעם וועג ווי אַזוי דעם געדאַנק צו באַשטעטיקן. איך מאַך, הייסט דאָס, דאָס רעדעלע אַרום דעם גע־שאָסענעם פּונקט...

www.libtool.com.cn

גאַבראָנסקיס מאַטע אויגן האָבן זיך צעפלאַקערט. מיט זיינע פאַר־פאַרבטע פינגער האָט ער אַ בלעטער־געגעבן אַ העפט מיט צייכענונגען, וועלכע זיינען אָנגעוואָרפן מיט בלויע און רויטע בלייפענס.

— וואָס זעט איר דאָ, מיין שיינע? און דו, ברין, קום אַהער, קוק אויך אַריין!

סאָלאָנש האָט געקוקט און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן, ווייל די מאָלעריי איז געווען מער סכעמאַטיש, ווי מאָלעריש. דויד ברין האָט זיך גלייך געכאַפּט:

— איך זע דאָ אַ קאַרש און אַ נוס אין דורכמעסטער...

— ריכטיק! — האָט זיך גאַבראָנסקי דערפרייט. — אָט די שלעכט־געמאָלטע האַלבע קאַרש און אָט דער אָנגעליאָפּעטער נוס אין זיין שאָ־לעכץ־שיסעלע פייניקן מיך שוין זינט עטלעכע טעג. פאַלט אייך ניט איין, מיינע ליבע געסט, אַז דער נוס טראָגט זיין פליייש אינעווייניק און די קאַרש טראָגט דאָס דרויסן?..

— יאָ, יאָ! — האָבן ביידע געסט כמעט גלייכצייטיק אויסגערופן.

— איצטער פאַלט דאָס אונדז איין.

— ניט געכאַפּט! ניט נאָר ביי פלאַנצן, ביי לעבעדיקע וועזנס געפינט איר דיזעלבע דערשיינונג. אַ פיש טראָגט זיין פליייש דרויסן, און אַן אויסטער טראָגט דאָס אינעווייניק. מיר, מענטשן, טראָגן אונדזער סקעלעט אינעווייניק אין פליייש, און אַן אָמאַר*) טראָגט זיין סקעלעט דרויסן. זיין פאַנצער איז אויסגעפילט מיט זיין פליייש, ווי אַ נוס מיט זיין צייטיקן יאָדער...

— איז וואָס באַווייזט דאָס?

— דאָס באַווייזט, אַז די נאַטור האָט געאַרבעט, אין איר וואונדער־וואַרשטאַט, לויט צוויי פאַרשיידענע פּרינציפּן: אָרגאַניזמען מיטן סקעלעט דרויסן, און אָרגאַנישע וועזנס מיטן סקעלעט אינעווייניק. און זי האָט זיי ביידן דערפירט צו אַ הויכער מדרגה פון אַנטוויקלונג. פון צוויי

*) לאָבסטער.

אויסגאַנג־פּונקטן געגאַנגען און געקומען צו איין ציל, וואו אַלע וועגן און אַלע ליניעס לויפן זיך צוזאַמען: לעבן!

www.libtool.com.cn

— אָבער צוליב וועלכן צוועק? — האָט זיך ברין געריבן דעם שטערן, — ווי באַלד דער ציל איז איינער, הייסט צוליב וואָס ווענדט אָן די נאַטור עטלעכע מעטאָדן מיטאַמאָל און גייט מיט עטלעכע וועגן גלייכצייטיק? דאָס איז דאָך אַ צעטאַכלעווען פון צייט און קראַפט...

— די זעלבע פראַגן, מיין פריינט, האָב איך מיר אויך געשטעלט. אויסער די פראַגע פון צוועק. ניטאָ קיין שום באַזונדער צוועק אין דער נאַטור. אַלץ וואָס מיר דערוויסן זיך פון אַמאָליקע עפּאָכעס, און אַלץ וואָס מיר זעען, מיט אונדזערע אויגן, אין דער היינטיקער עפּאָכע, זיינען ניט מער ווי עקספּערימענטן אויף דערוויילע. די פאָרזעצונגען קומען נאָך, און ווער ווייסט, צו וועלכע פאָרמען און אינהאַלט זיי וועלן נאָך דערפירן. די „אויבערשטייסל” פון דער נאַטור, דאָס הייסט: דער מענטש און דאָס, וואָס ער דענקט פון זיך, איז, יעדנפאַלס, ניט די פולקאָמענקייט, נאָר אַ פאָרזעצונג, אַ רינגעלע פון אַ קייט, וואָס איז אָנגעצויגן פון איין פינצטערער אומענדלעכקייט אין אַ צווייטער פינצטערניש, און איז, מיט זון און שכל, באַלויכטן נאָר „אינמיטן”... אָבער דאָס איז אַן אַנדער טעמע. און ווייל דאָס זיינען נאָר נאַטור־עקספּערימענטן, קאָנען מיר נאָך פון איר באַשטימטן צוועק ניט ריידן. אַלץ וואָס מיר זעען עקזיסטירט נאָר אויף דערווייל, און ניט צוליב נאָר ווייל. אונדזערע אויגן זיינען באַשאַפן געוואָרן ניט צוליב דער ליכטיקייט פון טאָג, נאָר ווייל... ווייל ס'איז דאָ אַ זון אין הימל, האָבן זיך אַנטוויקלט אויגן. די שרעקלעכע טערמיטן, וועלכע פרעסן דורך גאַנצע דערפער אין איין נאַכט, זיינען בלינד. זיי לעבן אין אייביקן חושך פון זייערע פעסטונגען־נעסטן און דאַרפן קיין אויגן ניט. און נאָר ווייל עס זיינען דאָ לופט־וויבראַציעס, וועלכע הייסן „טענער”, האָבן זיך אַנטוויקלט אויערן...

— און דעריבער?

— דעריבער בין איך גאַנץ איבערצייגט, אַז די נאַטור האָט אויך ניט פאַרלוירן קיין איבעריקע צייט, ווי אונדז קאָן זיך אויסדוכטן, אויף די באַזונדערע דערשיינונגען פון נוס און קאַרש, אין דער פלאַנצן־וועלט, אַזוי ווי אין דער וועלט פון לעבעדיקע וועזנס; אַז די ביידע פּרינציפּן פון דרויסנדיקן און אינעווייניקסטן סקעלעט האָבן זיך אַנטוויקלט ניט פּאַראַלעל, נאָר אין אינטערוואַלן, אָדער איינס נאָכן צווייטן, לויט דעם לויף פון די געאָלאָגישע עפּאָכעס און לויט די באַדערפענישן פון דעם אָדער יענעם קלימאַט, וועלכע האָבן זיך געביטן אויף דער ערד. ערשט

אין אונדזער עפּאָכע האָט איין פּרינציפּ אָנגעיאָגט דעם צווייטן, און די פאָרמען פון נוס און קאַרש וואַקסן און גערייען פּאַראַלעל. דערפאַר דוכט זיך דיר, אַז די נאַטור פאַרברויכט צופיל קראַפט און צייט אויף אירע עקספּערימענטן . . .

— ניט גאָנץ קלאָר!

— זייער קלאָר, מיין ליבער! ווען די נאַטור איז נאָך געווען רוי, דער דרוק פון דער אַטמאָספערע — שווערער, דער איבערגאַנג פון טעמ־פּעראַטורן — שניידיקער, האָבן זיך די אָרגאַנישע געוועבן געמוזט מער באַשיצן, זיי זיינען הונדערט מאָל מער, ווי היינט, געווען אומזיכער מיט זייער עקזיסטענץ, געווען אויסגעליווערט צו כל־ערליי קאַטאַסטראָפן יעדע מינוט. דעמאָלט האָבן זיך די פלאַנצן־זוימען, דאָס טייערסטע פון טייערן ביים פלאַנץ, באַהאַלטן אין אַ האַרטער שאָלעכץ פון נוס, און די איידעלע געוועבן פון פערלמוטער, ווי — אין מולטערלעך פון לייב דאָס טוען די מאָליוסקען אין זיסע און געזאַלצענע וואַסערן. אַזוי איז אויפגעקומען די נוס־פאָרמע צווישן וואַקסנדיקע און לעבעדיקע וועזנס. זיי זיינען אַ סך, אַ סך עלטער ווי די פּירות און באַשעפענישן פון אונדזער עפּאָכע, אין אונדזער מילדן קלימאַט. אָבער קוקט זיך צו צו דער קאַרש: אַפילו זי טראָגט אין זיך אַ ביינדעלע מיט אַ קליינעם ביטערן יאָדער. דאָס איז דער אור־אַלטער דעגענערירטער נוס, מיט די זאָמען־קעמערלעך אינעווייניק. אַן אָפּשטאַם פון די אַמאָליקע אכזריותדיקע באַדינגונגען.

און אָט, ווען די נאַטור איז געוואָרן צאַרטער, די קלימאַטן — ווייכער, די שטורעמס — שוואַכער, דעמאָלט זיינען די נוס־שאָלעכצן דינער גע־וואָרן, די אויסערלעכע געוועבן זיינען געוואָרן מוטיקער און די איידעלע פליישן האָבן גענומען אַרומוויקלען דעם האַרטן נוס. וואָס מער מינעראַלן אין דער ערד און וואָס מער זיכערקייט און פּייכטקייט אַ פלאַנץ באַקומט אין דער לופט, אַלץ פליישיקער ווערן די אויסערלעכע טיילן פון זיינע זאָמען און אַלץ דעגענערירטער ווערט דאָס קערל וואָס זיצט נאָך אין אים. ביז צו היינטיקן טאָג זיצט עס נאָך טיף אין זיסן לייב פון קאַרש און לויערט: טאָמער בייטן זיך די קלימאַטן, טאָמער ענדערן זיך די באַ־דינגונגען פון עקזיסטענץ, דעמאָלט ווערט עס צוריק אַ נוס. פריער אַ האַרטע ביטערלעכע פרוכט, ווי די ניט־קולטיווירטע וואַלד־קאַרש, דערנאָך — אינגאַנצן נוס. עס האָט אַ גוטן זכרון, אָט דאָס פאַרטאַיעט קערל פון די אורצייטן, און איז אַלעמאָל גרייט צו באַשיצן די אייביקייט פון זיין מוטער־פלאַנץ . . . די זעלבע וואונדער פון אור־זכרון זעט איר אויך אין אַן איי, וועלכע טראָגט די שאָלעכץ דרויסן און דאָס פלייש — אינעווייניק, ווי אַ וואַסער־מושעל; בשעת איר מוטער, די הון, טראָגט

www.libtool.com.cn

דאָס פליייש און פעדערן איבער איר סקעלעט. דאָס איי איז עלטער, אַ סך עלטער ווי די הון. עס שטאַמט פון די צייטן, ווען זי איז געווען דיק און באַשיצט ווי אַ קאָקאָס־נוס; ווי, ביז צו היינטיקן טאָג — אַן איי פון אַ שטרויס־פויגל אין הייסן זאַמד פון מדבר. עס שטאַמט נאָך אפשר פון יענע צייטן, ווען דאָס איי איז נאָך געלעגן אויפן דעק פון ים, ווי אַן אויסטער, געעפנט זיך בשעתן צופלוס און זיך געשלאָסן ביים אָפּפלוס...

— סאָלאָנש!.. — האָט ברין שטיל אַ וואונק־געגעבן צו זיין נייגעריק־פאַרכאַפּטער דאַמע און אָנגעוויזן איר אויף זיין בראַסלעט־זייגערל.

סאָלאָנש האָט לייכט אויפגעשוידערט און גענומען פאַרענטפערן זיך.

— אַך, — מאַכט זי, — אַ שאָד, פּראָפעסאָר! איך וואָלט איצט מוחל געווען אויף אַלע קאָנצערטן אין דער וועלט. איך האָב נאָך אַזויפיל פראַגן צו שטעלן...

— ניין, ניין, מיין שיינע! — האָט איר גאַבראָנסקי פאָטערלעך אַ גלעט־געגעבן איבער איר זיידיקער האַנט, — אַ זאַך וואָס געפעלט, טאָר מען צופיל ניט געניסן אויף איין מאָל. ביסלעכווייז לערנען און ביסלעכווייז נאָכדענקען... גייט אייך, מיינע ליבע, געזונטערהייט און קומט צו גיין אָפטערס!..

באַגייסטערט ווי סאָלאָנש איז געווען פון גאַבראָנסקיס בילדער־לעכע געדאַנקען און פון זיין גאַסטפריינטשאַפט, האָט זי אים אַרומ־גענומען און אַ קוש־געגעבן אין דער מאַגערער באַק, איבערלאָזנדיק אַ צייכן פון ליפן־פּאָמאַדע. דאָס האָט ביי ברינען אַרויסגערופן אַ גרויס געלעכטער.

אָפּרייבנדיק זיך די באַק מיטן אַרבל פון זיין שטוב־רעקל, מאַכט גאַבראָנסקי גאַנץ צופרידן:

— ניט קיין שלעכטע באַלוינונג, ברין. ווי מיינסטו? אַ שאָד וואָס אַלץ קומט אַזוי שפעט.

— פאַרוואָס שפעט?

— אַך, ווייסטו, — ענטפערט דער אַלטער אַ סך ערנסטער, — אַלס אַ סטודענט אין דער שווייץ, ווי איך בין אַמאָל געווען, וואָלט מיך אַזאַ באַלוינונג געפירט אויף אַנדערע וועגן. איך וואָלט אפשר איצט ניט געווען אַזוי אַליין אין אָט די דריי ענגע צימערלעך...

— דו, דו זאָגסט דאָס? אַ פליג האָט דיר אַ ביס געגעבן?

— ניין, ברין. די שיינהייט.

www.libtool.com.cn

געפאָרן איז ברין צו גאַבראָנסקין מיט אַ שווער געמיט. עס איז געווען ווי קומען צו אַ דענטיסט אויסרייסן זיך אַן אַנגעווייטיקטן צאָן. די פּערספּעקטיוו צו זיצן היינט, נאָכן קאָנצערט, ביי איין טיש מיט זיין געוועזענער פרוי, און אפשר מיט מאַדאַם מלאַטעק אויך, — אָט די צו־פעליקע ליבהאָבערין, וועלכע האָט היינט אינגאַנצן קאַליע געמאַכט די באַציאונגען צווישן אים און זיין טונקל־הויטיקער געליבטער — אָט, די פאַרויסגעזעענע סצענע און די ניט־פאַרויסגעזעענע פאָלגן האָבן אים גענאַגט ווי צאָן־ווייטיק. ער איז כמעט ווי געווען זיכער, אַז דער „סופעי"*) וואָס דער אָפּגעפּאָרענער ציניקער לופען האָט צוגעגרייט אויף נאָכן קאָנצערט, איז עפּעס אַ מין פּאַסטקע, אַ פּרואוו צו פונאַנדערטיילן דעם געשאַפּענעם מיש־מאַש. לופענען האָט דאָס, קענטיק, דערעסן. ער זוכט צוריק־צו־געפינען זיין פילאָסאָפישע רו, און האָט באַשלאָסן צו פאַרגיכערן די כעמי־שע רעאַקציע, כדי, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, וויסן ווער וועמען עס געהערט... ער, ברין, האָט אָבער די איינלאַדונג געמוזט אָננעמען, ווי אַן אַרויספאָדערונג צו אַ דועל, כדי אינגאַנצן ניט פאַלן אין די אויגן פון זיין קאַפּריזנער מאָדעל איר געליבטע.

דער קורצער וויזיט ביי גאַבראָנסקין האָט אים אָבער געשטאַרקט. אין אַ געוויסער מאָס האָט ער דאָס פאַרויסגעזען... און איצט, אַראָפּ־גייענדיק פון די טרעפּן אויפן פּלאַץ מאַנזש, איז ער געווען אין גאָר אַן אַנדער שטימונג. די עלנטע געלערנטקייט, אין די גרויע חדרימלעך, פון לעבעדיקן „אַלמן" האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טונקעלן גרונט פאַר סאָלאַנשס בלענדנדיקער שיינקייט, וועלכע געהערט נאָך דערווייל אים, מעג זי אין איר שיינעם קאָפּ האָבן וועלכע פאַנטאַזיעס זי וויל... דער פאַרגלייך פון זיין יוגנטלעכן גליק — מעג עס אויך קורץ זיין — מיט גאַבראָנסקיס פּריצייטיקער עלטער און אָפּגעלאָזנקייט, האָט אים, ברינען, צוגעגעבן מוט. דער אייביקער עגאָאיזם פון דער יוגנט, ווען זי שפּיגלט זיך אין איין גלאַנציקן פלאַך מיט דער עלטער, האָט דעם דאָזיקן מוט געשאַפן. אַפילו אָט דער זעלבער פאַרוועלקטער דענקער האָט אויפ־געבליט אין סאָלאַנשס פלוצלעך־אָנגעקומענער שיינקייט. אויפגעבליט, מיט רויטע און געלע פאַרבן פון האַרבסט־בלעטער. און ווידער איז ער איצט געבליבן איינער אַליין אין זיינע צימערלעך, מיט זיינע אינפּוזאַ־

*) סאַפּער.

ריעס אין פוילן וואַסער, מיט זיינע נאַאיוו־געצייכנטע סבעמען, אין
www.libtool.com.cn
בלוי און רויט, אויף די זייטן פון זיין העפט...

ניט אין קיין ערגערער שטימונג, ווייזט אויס, איז אויך געווען איצט זיין שיינע באַגלייטערין. וואָרטנדיק צוזאַמען מיט אים אויף אַ טעקסי, האָט זי וואָרעם אַ נעם־געגעבן זיין אָרעם און זיך צוגעטוליעט צו אים.

— איך דאַנק דיר, דויד, — מאַכט זי, — וואָס דו האָסט מיר פאַרשאַפט אַזאַ קורצן און איידעלן גענוס. מיט דער נייער באַקאַנטשאַפט האָסטו מיך ווירקלעך אויפגעהויבן ווי אויף אַ הוידע...

— עס שטייט דיר נאָך פאָר אַ גרעסערער גענוס, מיין ליבע סאָ־לאַנש! מוזיק... נו, און דערנאָך... דאָס סופירן אין אַ געזעלשאַפט, וואָס לופען האָט אַזוי גייסטרייך צוזאַמענגעזעצט...

אין דער טונקלקייט פון פלאַץ האָט סאָלאַנש ניט קלאָר געזען זיין פּנים און ניט געוואוסט, צי ער מיינט דאָס ערנסט, צי ער שפּאַסט. זיין שטים האָט יעדנפאַלס געקלונגען זייער ערנסט. האָט זי קורץ צו־געגעבן:

— איך בין טאַקע זייער געשפּאַנט.

— זע נאָר, — האָט זיין קול אַ ציטער־געטאָן, — דו זאָלסט בלייבן אויף דער זעלבער הויך וואו גאַבראַנסקיס הוידע האָט דיך אויפגע־הויבן. זאָלסט זיך, גאָט באַהיט, ניט אַראָפּגליטשן...

— איך וועל מיר געבן די מי... — האָט זי זיך נאָך שטאַרקער צוגעדריקט צו אים.

אַזאַ צוגאָב, הגם אַ ביסל אַ וואַקלדיקער, אָבער אונטערגעשטראָכן מיט איר ליבלעכער נאַענטקייט, האָט פּאָרט געשטאַרקט די האָפענונג, אַז אַלץ וועט זיך אפשר ענדיקן צום בעסטן. אפשר וועט סאָלאַנש, נאָכן קאָנצערט, איינגאַנצן ניט וועלן גיין אין לופענס פּאַסטקע און וועט אים, ברינען, אַוועקנעמען צו זיך אַהיים. אָדער זי וועט אַוועקפאָרן מיט אים אין זיין אַטעליע, און לאָזן זיצן די אַנדערע צוויי פּאָרלעך ביים געדעקטן טיש אין דער טאַווערנע... דאָס וואָלט געווען אויסגעצייכנט! דאָס וואָלט אַפילו, אין אַ געוויסן זין, געווען לאָגיש...

אָבער דער אָפּלאָכערישער גייסט, וואָס האָט ברינען כמעט אומעטום באַגלייט, אַפילו אין די ערנסטערע מאָמענטן פון זיין לעבן, האָט אים גלייך אַ שעפּטשע־געגעבן אויפן אויער:

„אין ליידנשאַפטן, אַזוי ווי דיין סאָלאַנש באַזיצט זיי, איז ניטאָ קיין לאָגיק...״

די טעקסי איז אָנגעפאָרן, און אַריינזעצנדיק זיך נאָך סאָלאַנשן, האָט זיך ברין אַ זידל־געגעבן מיט האַרץ:

— מיר װעלן נאָך זען, צו אַלדי שװאַרץ יאָר!

www.libtool.com.cn

— ביסט צעטראָגן, דויד! — האָט זיך סאָלאָנש אומגעקוקט און אים אַרומגענומען, — מיט װעמען קריגסטו זיך דאָס אַזוי?

— מיט מײַן ערגסטן שונא, — האָט זי באַקומען אַ לאַקאָנישן ענט־פֿער, — מיט זיך אַליין...

דרײַצנטער קאַפּיטל

די דרײַ פּערלעך

.1

די באַשײדענע האָפֿענונג, װאָס ברין האָט געלייגט אויפֿן קאָנצערט, אַז עס װעט סאָלאָנשן נאָך מער אויפֿהייבן איבער אַלע חשבונות, װאָס זי האָט מיט אים, אַז עס װעט זי מער אָפּװענדן פֿון איר צעלאָזנקייט, פֿון איר לײַדנשאַפֿטלעכער זשעדנעקייט נאָך נײַע איבערלעבונגען, פֿון דער דאָזיקער האָפֿענונג איז אַזוי גוט װי גאָרנישט געװאָרן. עס האָט אויך ניט גענוצט דאָס, װאָס סאָלאָנש איז אַזוי מוזיקאַליש, װאָס זי שפּילט אַליין אויך און איז געװאָינט איבערצובייטן שטימונגען מיט שפּילן אויף איר שטוב־אָרגל. גראָד דאָס, װאָס די הײַנטיקע פּראָגראַם אין „זאַל פּלעיעל" איז געװען צוזאַמענגעשטעלט פֿון מער־װייניקער פּאָפּולערע מוזיק־שטי־קער, איז געװען אַ חסרון. עס איז ניט געװען גענוג שטאַרק צו פֿאַר־טרייבן דעם צו להכעיס טײַװל, װאָס איז הײַנט אַרײַן אין זײַן מאָדעל־מיידל, און געװאָרפֿן זי אין קאַמף קעגן איר אייגענעם בילד.

דער אָרקעסטער האָט געשפּילט, דער דיריגענט האָט געפּאָכעט מיטן שטעקעלע, און זי, װײַזט אויס, האָט זיך געטראַכט דאָס איריקע. און ניט נאָר געטראַכט, אפֿשר געפּלאָנעװעט אויך.

מאָצאַרטס אָװערטיורע צו „פֿיגאַראָס חתונה", אָט דאָס עלעגאַנטע שטיק, װאָס איז פֿול מיט ברױזנדיקן מוזיקאַלישן הומאָר, מיט יוגנט־לעכער לעבנסלוסטיקייט, מיט פֿלירט און געשעפּטש פֿון זייד און לאַכנ־דיקע ליפּן, האָט בײַ סאָלאָנשן אַרויסגערופֿן אַ פֿאַרשטאַרטן שמייכל.

בײַ דער זיבעצנטער סאָנאַטע פֿון בעטהאָװען, װאָס איז אויסגעפֿירט געװאָרן מיט אויסגעצייכנטע פּאַסאַזשן, פֿון מורמלענדיקע טענער צו הע־ראָאישער שאַלונג, און מיט דער פֿײַנסטער באַטאָנונג פֿון קלאַװיר און

ערשטן פידל, האָט זיך סאָלאַנש אויף אַ ווילדע אויפגעכאַפּט, אַנגע־שפּיצט זיך און אירע אויגן זיינען געוואָרן טרוימעריש. און ביים „פּאַרלאָ־רענעם גראָשן״ פון זעלבן קאָמפּאָזיטאָר, געשפּילט נאָר אין סאָלאָ, אויפן קלאַוויר, האָט זי אַפילו אַ קער געגעבן דעם טונקעלן קאָפּ צו איר קאַ־וואַליער, אַ שאָקל געגעבן מיט אירע פּערל־באָמבעלעך, געמאַכט אים אַ צייכן מיטן פינגער, צי הערט ער, הייסט דאָס, און צי פילט ער ווי די בעטלער־פינגער זוכן און טאַפּן אַרום, אין קרייזלענדיקן ווירוואַר פון טענער, דעם גראָשן וועלכער איז אים פאַרפאַלן געוואָרן? זי האָט אים אַפילו ווייך אָנגענומען ביים אָרעם און אַריינגעקוקט אין די אויגן. אָבער באַלד האָט זי אָן אים ווידער פאַרגעסן. אַ באַקאַנטע זינגערין איז אויפ־געטראָטן אין שובערטס ראָמאַנסן, מיט קלאַוויר און פידל־באַגלייטונג. סאָ־לאַנש האָט האַלב־געשלאָסן די אויגן. דאָס שפּילעוודיקע „פאָרעל״ האָט זי אויסגעהערט מיט דעם זעלבן שטאַרן שמייכעלע ווי פריער. און ביים צווייטן ראָמאַנס, וואו די זינגערין איז זיך פאַרגאַנגען אין טאָפּלטן פאַר־ליבטן רוף: „דאָ איז מיין האַרץ, דאָ־אָ איז מיין האַ־אַרץ!..״ האָט זיך סאָלאַנש אַליין אַ כאַפּ געגעבן ביי איר ברוסט, ניט ווילנדיק, ווייזט אויס. וואָרעם זי האָט זיך קוים־קוים פאַרשעמט, און איר טונקל־הויטיקע האַנט מיט די קאָראַלענע נעגל צוריק באַהאַלטן. און ווידער איז זי טרוימעריש געוואָרן, ווען דער אָרקעסטער האָט גענומען שפּילן וועבערס „איינלאַ־דונג צום וואַלצער״. און ווען דאָס שטיק האָט זיך געענדיקט און די אַפּלאָ־דיסמענטן זיינען שטיל געוואָרן, האָט זי קיין סוד ניט געמאַכט פון דער אייגנאַרטיקער זעאונג, וואָס זי האָט דערביי געהאַט. זי איז געזעסן טיף־אָנגעלענט אין איר פאָטעל און מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן געשעפּטשעט:

— איך האָב מיך געזען אין אַ גרויסן זאַל מיט לוסטרעס. אַ רייכער פּאַרקעט. דאַמען אין קרינאָלינעס. איך אַליין אין אַ ווייסער קרינאָלינע מיט טונקעלע בלומען, אַזוי ברוין טונקל ווי מיין הויט... און עמעצער לאַדט מיך איין צום טאַנץ...

— ווער איז דער עמעצער? — איז ברין נייגעריק געוואָרן.

— אַן עלעגאַנטער מאַן, וועלכן איך קען פון די קינדער־יאָרן און וועלכן איך האָב פון קינדווייז אָן ניט געזען. און ער שטעלט אויף מיר אָן אַ... גרויען קוק. ער דערקענט מיך...

— פאַרוואָס דווקא אַ גרויער קוק?

— אַ פאַנטאַזיע אַזאַ... — האָט זיך סאָלאַנש אַוועקגעמאַכט.

דער „צאָן־וויטיק״, וואָס איז געווען איינגעדרעמלט אין האַרצן, האָט זיך ביי ברינען ווידער אויפגעכאַפּט, גענומען נאָגן: פאַרוואָס גרויע, ניט שוואַרצע אויגן אַזוי ווי מיינע?..

און ווען ער איז מיט איר אַרויסגעגאַנגען, בשעת דער פּאַוזע אין

פֿאָדער־זאַל, און גענומען אַרומשפּאַצירן צווישן אויסגעפּוצטן עולם, איז ער שוין געווען גערייצט, אויף אַזוי פֿיל גערייצט, אַז ער האָט אַפֿילו אויסגעמידן צו נעמען זיין שיינע דאַמע אונטערן אָרעם, ווי אַלע אַנדערע קאַוואַליערן האָבן דאָס געטאָן מיט זייערע דאַמען. אַ געפֿאַר האָט ער געפֿילט אין אַזאַ מעגלעכער באַרירונג, עפּעס ווי דערזעלבער אָרעם וואָלט אויף זיך געטראָגן ניט דעם ווייסן אַרבל פֿון הערמעלין־מאַנטעלע, נאָר אַ שלאַנג, וואָס אַנרי דאַל האָט אַמאָל פֿאַרקערפּערט אין בראָנז און וועלכע הענגט נאָך אַראָפּ, ביז צו היינטיקן טאָג, פֿון איר אָרעם, אין איר שלאָף־צימער...

www.libtool.com.cn

ברינס גערייצטקייט האָט געזוכט אַן אויסגאַנג, און ער האָט דאָס געפֿונען און אויסגעלאָזן צו די עלעגאַנטע פֿאָרלעך וואָס שפּאַצירן אַרום אין „פֿאָיע“, אַזוי ווי ער און סאָלאַנש.

— זעסט ? — מאַכט ער מיט האַס, — זעסט זיי, אָט די אָנגעפּודערטע, שיין־געקליידטע, איבערגעזעטיקטע ? זיי האָבן אַלע אַ חלק אין דעם ביטערן לעבן, וואָס די גרויסע קאָמפּאָזיטאָרס האָבן געהאַט. טאַקע אָט די זעלבע, וועלכע מיר האָבן אָקערשט געהערט שפּילן און זינגען פֿון זייערע פֿאַרוואַקסענע קברים אַרויס... שובערט איז דאָס גאַנצע לעבן געווען פֿאַרליבט און געמאַכט ליבן הונדערטער־טויזנטער הערצער, און איז אַליין אויסגעגאַנגען אין אָרעמקייט און אין עלנט. מאָצאַרט האָט געגעבן קלאַוויר־שטונדן צו טעמפּע גבירישע קינדער און איז געשטאָרבן אין סוכאָטע. בעטהאָווען איז אויף זיין עלטער אַרומגעגאַנגען אַ טויבער, אין אַן אָפּגעבליאַקעוועטן מאַנטל, איבער די שענקען און געזוכט אַ מיטאָג און אַ ביסל שנאַפּס אויף באָרג און באַקומען אַרויסגעטריבן...

— וואָס זיינען זיי, אָט די אַלע שולדיק ? — האָט אים סאָלאַנש געפֿרואווט אָפּווענדן פֿון זיינע בייזע מחשבות.

אָבער ברין איז נאָך גאַליקער געוואָרן :

— אויב ניט זיי אַליין — זייערע עלטערן ! .. און ניט נאָר דעמאָלט — אויך איצטער גייען אפשר אויס אויף מאַנזאַרדעס די גרעסטע טאָן־מייסטער פֿון אונדזער צייט, וואָס מען וועט שפּעטער אַנטדעקן און באַשיטן זייערע קברים מיט בלומען און מיט קראָקאָדיל־טרערן. ניט קראַנק זיינען זיי געווען, די עלטערן און זיידעס פֿון אָט די אויסגעפּוצטע און אָפּגעפּרעסענע, צו שאַפֿן אַן אָנשטענדיקן לעבן פֿאַר די גאונים, וועמעס איבערגעבליבענע מוזיקאַלישע געדאַנקען עס ווערן איצט באַצאָלט מיט גאָלד. ווען איך וואָלט געהאַט מער מוט, וואָלט איך געדאַרפֿט אַרויפֿשפּרינגען, מיט מיינע שלעכט־געפּוצטע שיך, אויף אָט דעם זייד־טאַפּעצירטן פֿאָטעל און אַריינזאָגן זיי, אָט די פֿיינע לייט, אין די אײדעלע אויערן אַריין : איר טרינקט דאָס בלוט פֿון די גרויסע גייסטער ווי וויין ! איר קוויקט זיך מיט זייערע יסורים ווי מיט פּיקאַנטע קאָנסערוון. אין

www.libtool.com.cn

אַ גאָרטן פון מעלאָדיעס שליאָנדערט איר דאָ אַרום און וויסט אַפילו ניט אַז יעדער טאָן איז אַ קרעכץ און יעדער מוזיקאַלישער פּאַסאַזש איז אַ צאַפּל...

געזאָגט איז דאָס, אייגנטלעך, געווען קעגן אויסגעפּוצטן פּובליקום. אין דער אמתן איז דאָס געווען אַן אויפגעעפנט טירל פאַר דער נאָגנדיקער אייפערזוכט, אַ פּראָטעסט קעגן סאָלאַנשס שפּילעוודיקער אַכזריות, וואָס זי האָט קעגן אים אַנגענומען. אָט רוקט זי אַרויס די נעגעלעך און אָט באַהאַלט זי זיי. אַ קינסטלער איז ער און זי איז אַ טייל פון אָט דעם זאַטן פּובליקום. יאָ, אַזאַ איז זי אויך!

סאָלאַנש האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען, אַז זי ווערט דאָ אויך געמיינט. אָבער קיין שום אויפרעגונג האָט דאָס ביי איר ניט אַרויסגערופן. דאָס אויפזען און באַוואונדערונג, וואָס איר עקזאָטישע און זייער עלעגאַנטע דערשיינונג האָט דאָ אַרויסגערופן, האָט אין איר געשטאַרקט יענעם לייכטן געמיט, וואָס נאָר אַרטיסטן קענען דאָס פילן בשעת אַ גרויסן דערפאָלג. אַלע אויגן פון אַרומשפּאַצירנדיקן פּובליקום איז געווען געווענדט צו איר. און זי האָט דאָס געוואוסט. עלטערע לייט האָבן געקוקט מיט נייגעריקייט; ווייבער — ניט־פאַרגינעריש, און מענער — מיט אָפענער אַנטציקונג.

— ביסטו ניט איינער פון אָט דעם „זאַטן“ פּובליקום? — האָט זי אים שמייכלענדיק פאַרגעוואָרפן.

ער האָט פאַרביסן אַ ליפּ און זיך מודה געווען:

— עס איז אמת. איך בין אויך ניט בעסער. און דו ביסט אויך ניט בעסער... נאָר אַזאַ קראַפט האָט שוין די מוזיק! זי צענעמט מיך אַלעמאָל, אָט די אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך פון אַלע פעלקער און פון אַלע ראַסן. אַ שפּראַך, וואָס דאַרף אַפילו ניט איבערזעצט ווערן, וואָס ווייסט ניט פון קיין גרענעץ. אַלע מענטשלעכע ווערטער האָבן זיך מיט איר אָנגעהויבן און וועלן זיך, ווען־ניט־איז, ענדיקן מיט איר. איך פאַרגין מיר אַליין ניט אַזאַ הנאה. און דערפאַר —

זי האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן מיט אַ גריגעם קוק פון אונטער אירע פאַרשטאַרטע וויעס. קענטיק אַ האָר ניט אָפּגעשאַצט זיין פּלוצלעכן פּאַטאָס:

— מיר וועלן אים שוין ווי ניט איז איבערקומען דעם קאָנצערט, וואָס צענעמט דיך אַזוי...

לויט דעם קוק אירן און אָפּלאַכערישער באַמערקונג האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט זי ניט אַזוי אים, ווי זיך אַליין. דאָס אַרומשפּאַצירן אין פּאָיע, זיינע ביטערע און פּאַטעטישע רייד, אַזוי ווי דער גאַנצער קאָנצערט מיט די פּאָפּולערע נומערן פון פּראָגראַם איז פאַר איר אַצינד

נים מער ווי אַ מיטל איבערצואוואַרטן די פּאָר לאַנגווייליקע שעהן, וועל־כע ציען זיך אַזוי, ביז מען וועט זיך זעצן ביים טיש אין רעסטאָראַן אויף אַוועניו־וואַגראַם. אַ גרעסערע און אינטערעסאַנטערע שפּאַנונג וואַרט אויף איר דאָרטן... אָבער דאָ, אין די באַלויכטענע זאַלן פון „פּלעיעל", זיצט זי נאָר און שפּאַצירט אַרום, ווי אין וואַרט־זאַל פון אַן אייזנבאַן, ווען דער צוג האָט פאַרשפּעטיקט...

www.libtool.com.cn

ברין האָט זיך עפּעס מיטאַמאָל דערפילט מיד און שלעפּערדיק. די אָנשטרענגונגען און גענוסן פון די פּאָר שטורמישע טעג, וועלכע די טונקל־הויטיקע שיינהייט האָט אים פאַרשאַפט, האָבן זיך שטאַרק געלאָזן פילן.

„אפשר איינגאַנצן מער ניט גיין? אין קיין אָרט מער ניט גיין!.." — איז אים דורכגעקראָכן אַ מאַטער געדאַנק אין מידן קאָפּ. — „וואָס נאָך? אָפּפירן סאָלאַנשן וואוהין זי וויל און אַליין אומקערן זיך אַהיים... קו־מען צו זיך..."

אָבער די טיפע נייגעריקייט פון אַ קינסטלער, וואָס איז ביי אים אַלעמאָל געווען שטאַרקער, ווי אַלע זיינע איבערלעבונגען, ווי אַלע רעכע־נונגען אין דער וועלט, האָט זיך אויך אַצינד ניט געלאָזן אַרויסטרייבן פון אַ הינטער־טיר. זי האָט אים געוואָרנט ניט צו אַנטלויפן ווי אַ פּחדן, נאָר אַריינקוקן דער ווירקלעכקייט אין די אויגן. אויסטרינקען דעם בעכער ביזקל סוף און זען וועלכע פּאָלגן עס וועט האָבן. אַליין זען און אויף קיינעם ניט פאַרלאָזן זיך.

דאָס גלעקל האָט זיך צעקלונגען, אָנגעזאָגט אַז דער לעצטער טייל פון קאָנצערט הויבט זיך אָן און אפשר דער לעצטער טייל פון זיין אַוואַנ־טיורע, מיט זיין שיינער מאָדעל־מיידל, אויך.

.2

ווען זיי ביידע זיינען אָנגעקומען, נאָכן קאָנצערט, אין דער טאַווערנע אויף אַוועניו־וואַגראַם, איז שוין געווען נאָך עלף. צוגאָב־נומערן זיינען אַריינגעשטעלט געוואָרן, און דער פּראָגראַם האָט זיך פאַרצויגן און פאַר־ענדיקט זיך מיט דער שפּאַנישער ראַפּסאָדיע, ווי עס איז געווען אַנאָנסירט. די סאָלאָ־טענער פון קלאַרנעט, אין סוף פון דער ראַפּסאָדיע, האָבן זיי אַרויסבאַגלייט פון קאָנצערט־זאַל. סאָלאַנש האָט זיך געאיילט און ניט געוואָלט מער זיצן...

לויט דער אָנווייזונג פון „מעטר־ד'האָטעל" *) זיינען זיי אַרויף אין דער טאַווערנע מיט אַ טרעפּ העכער. דאָרטן איז דאָס געווען איינגעאָרדנט

---

*) אויבער-קעלנער.

דער סופעי־זאַל, אין אַן אַמעריקאַנישן סטיל, מיט לעמפּעלעך אונטער
www.libtool.com.cn
מאַטע אַבאַזשורן, מיט אַ קאַפּעליע און מיט אַ טאַנץ־אַרענע אין מיטן זאַל
צווישן די טישן, וואו די געסט, מייסטנס אויסלענדישע געסט וואָס זוכן
פאַרגעניגנס, אַמוזירן זיך מיט זייערע דאַמעס, צווישן איין געריכט און
צווייטן.

לופען האָט זיי דער ערשטער דערזען, אַריינגעכאַפּט דעם מאָנאָקל אין
לינקן אויג, איז זיי געלאָפן אַנטקעגן און צוגעפירט צום שיין־געדעקטן
טיש מיט זעקס קוואַווערטן.

אַלע סופּירנדיקע געסט־גרופּעלעך אין זאַל זיינען דאָ געווען אָפּגע־
טיילט מיט נידעריקע ברוין־געלאַקטע ווענטלעך, וועלכע זיינען אָפן נאָר
צום זאַל אַרויס. ביי יעדן ווענטל — אַ רייכער לאַנגער זיץ, מיט גרינעם
פּליוש געדעקט, איבער זיי, אויף די ווינקל־זיילן פון יעדן ווענטל,
אַ קליינע לוסטרע מיט מאַטע אַבאַזשורלעך און אַ באַגילדטער הענגער
אין יעדן ווינקעלע. דאָס אַלץ האָט צוגעגעבן יעדער אָפּטיילונג אַ געמיט־
לעכקייט פון אַ האַלב־אָפענעם קאַבינעט, אין וועלכן קיינער פון די אַנדערע
געסט קוקט ניט אַריין, אויסער די סאַרווער.

ברינס האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט, כאָטש ער האָט זיך געריכט אויף
כל־ערליי סורפּריזן פון פאַרנט־אַריין. אויף דער גרינער קאַנאַפּע פון
אויבן־אָן, דאָס הייסט ביים מיטלסטן ווענטל פון קאַבינעט, איז געזעסן
זיין געוועזענע ווייב אײנע אַליין. דער צווייטער פּלאַץ לעבן איר איז געווען
פריי. דאָס זעלבע — דאַל, איר לעצטער ליבהאָבער, איז געזעסן ניט מיט
איר צוזאַמען, נאָר באַזונדער אויף דער צווייטער קאַנאַפּע, לינקס. אויף
דער רעכטער קאַנאַפּע — קלאַראַ מלאַטעק. אָט די דריי פּלעצער אין זייער
פאַרטיילונג האָבן אויסגעזען ווי אַ צוגעקלערטע בוכשטאַבן־רעטעניש,
וואָס דאַרף נאָך אויסגעפּילט ווערן מיט די דריי פיגורן וואָס וועלן נאָך
צוקומען . . .

סאָניאַ איז געווען אויסגעפּוצט אין אַ העל־גרינעם קלייד פון קרעפּ־
דע־שין, טיף דעקאָלטירט. און אירע אומנאַטירלעך בלאָנד־געוואַשענע
האָר — הויך־פאַרקעמט, דאָס בלאַסע אויסגעמאָגערטע געזיכט אָנגעפּו־
דערט, קוים־קוים צוגעפאַרבט אויף די באַקן. דער הויכער האַלדז —
שלאַנק־אויסגעצויגן. דער אויסדרוק — פאַרשטאַרט. אַזוי האָט זי אויס־
געזען ווי אַ גרויסער לעבעדיקער טיולפּאַן, וועלכער איז קוים־קוים באַ־
רירט פון פּריצייטיקער וועלקונג. . .

קלאַראַ מלאַטעק, וועמעס קומען אַהער ברין האָט פאַרויסגעזען,
איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסן אָוונט־קלייד, וואָס האָט נאָך גרעסער
געמאַכט איר אַזוי־אויך וואוקסיקע פיגור. מיט דער גרויסער מאַסע קאַש־
טאַנען־האָר, איבער איר אַ ביסל אויסגעקוילערטע אויגן, ווי ביי מישעל

www.libtool.com.cn

גאַבראַנסקין איר קרוב, האָט זי דאָ אויסגעזען ווי אַן עכטע רובענס־פרוי, אָקערשט אַראָפּ פון זיינע בעסטע בילדער און מאָדערן אָנגעקליידט איר זאַפּטיקע, מיט געזונט און פול־בלוט שפּראָצנדיקע פיגור. ברין האָט נאָך אינעם גלאַנץ פון אירע אויגן און אין דעם גליען פון אירע אָנגעפּודערטע באַקן דערקענט דעם ניט־געשטילטן פייער, וואָס האָט זיך היינט אָנגעצונדן אין איר בלוט, ביי אים אין אַטעליע... וואָס איז דאָ וואָס צו ריידן? ביידע, אַזוי גוט באַקאַנטע דאַמען, האָבן, אין זייערע אָוונט־טואַלעטן, אויסגעזען אַ סך שענער ווי אין דער אַלטעגלעכער וואָכעדיקייט. אָבער סאָלאַנשס בלענדנדיקע שיינקייט, אַזוי ווי איר גאַנצע עלעגאַנטע דערשיינונג אין ווייסע און שוואַרצע טענער, פון הערמעלין, פרייזור און אַטלאַס, האָבן פּאָרט אַרויסגערופן אַ סענסאַציע. דריי פּאָר אויגן: דאַלס, סאַניאַס און מאַדאַם מלאַטעקס, האָבן זיך אין איר איינגעגעסן. סאַניאַס געזיכט איז נאָך שטאַרער געוואָרן און בלאַסער.

אפשר איז דאָס זעלבע געשען מיט דער אָנגעקומענער שיינהייט... אָבער די נאַטירלעכע טונקלקייט פון איר הויט האָט דאָס ניט אַרויסגעגעבן. זי איז נאָר אַ ביסעלע גרויער געוואָרן אין געזיכט און, אַ קער־געבנדיק איר בלוי־שוואַרצן קאָפּ צו ברינען, האָט זי אים קוים־קוים צוגעשאָקלט:

— האָסט געטראָפן, דויד!..

זי האָט אפילו געהאַט מוט אָפּצומעסטן דעם טריאומפירנדיקן לופענען מיט איר אָפּלאַכערישן קוק און אַ זאָג־טאָן:

— קיין שום סיורפּריז, מיין ליבער! מיר האָבן שוין פריער גע־וואוסט וועמען דו וועסט איינלאַדן.

זי האָט אָנגעוויזן אויף ברינען מיט איין רויט־געלאַקטן נאָגעלע און צוגעגעבן:

— ער האָט דאָס דער ערשטער געוואוסט.

ביי פראַנסואַ לופען איז גלייך אַרויסגעפאַלן דער מאַנאָקל פון אויג. די פרייד פון אָפּגעטאַנענעם שפּיצל איז אַזוי גוט ווי אויסגעלאָשן גע־וואָרן. האָט ער נאָר לייכט צעפּירט מיט די הענט:

— געוואוסט — איז אַוודאי גוט. אַלזאָ, זעצט זיך, ליבע געסט! מיר וואַרטן שוין דאָ אויף אייך אַ היפּשע ווײַלע...

ברינס פאַרקלעמטע האַרץ האָט גענומען אָפּגיין, נאָר ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין מאַנטל און ניט געוואוסט וועלכן פלאַץ אויסצוקלייבן. דריי געפּאָרן האָבן דאָ אויף אים געלויערט און ער האָט ניט געוואוסט ווער פון זיי איז דער גרעסטער: זיין געוועזענע פרוי, מאַדאַם מלאַטעק, אָדער אפשר גאָר אַנרי דאַל...

ער האָט אין דער קרום אַ קוק געגעבן אויף סאָלאַנשן, וואָס זאָגט זי? צי געפינט זי זיך ניט אין דער זעלבער פאַרלעגנהייט, ווי ער?.. ערשט

www.libtool.com.cn

זי האָט זיך שוין אַ סך גיכער ספּראַוועט, און מיט איר עכט־וויבערישן טאַקט געבומען שפּילן די לוסטיקע און גליקלעכע, וואָס קומט אָקערשט פון איין פאַרגעניגן און איז גרייט איינצונעמען אין זיך גאָך און נאָך, אַבי אין אַ גוטער געזעלשאַפט. אָט קומט זי מיט איר געליבטן פון אַ קאָנצערט און איז צופרידן צו געפינען דאָ די געוועזענע פרוי פון דעם זעלבן געליבטן. אַפילו זיין צופעליקע געליבטע, וואָס בליט אין איר ווייסן קלייד אַזוי ווי אַ רויז, איז זי אויך גליקלעך צו זען...

עפּעקטפול איז זי געשטאַנען אין איר הערמעלין־מאַנטעלע איבערן לאַנגן שוואַרצן קלייד און אַלץ געשפּילט מיט די גרינע אויגן. פריער געקיצלט מיט זיי מאַדאַם מלאָטעק, רעכטס, דערנאָך סאָניאַן — אויבן־אָן. זי האָט אומיסטנע אויסגעמיטן די מאַסיווע פיגור, וועלכע האָט זיך העפלעך אויפגעשטעלט צו איר לינקער האַנט און וואַרט; אַפּנים — אויף אַ באַגריסונג...

אויסמיידן אינגאַנצן די דאָזיקע פיגור האָט סאָלאַנש מער ניט געקענט. זי האָט געמוזט אַ קער־טאָן איר געשניצטן פּראָפיל צו דעם, וועלכער שטייט דאָ אַן אַנטציקטער און וואַרט... און באַלד האָט זיך איר כלומרשט־פאַרגעניגט פּנימל אויסגעצויגן, דאָס שפּילעוודיק פייערל אין אירע אויגן האָט זיך אָפּגעשטעלט. פאַר די עטלעכע שעה, וואָס זי האָט דאַלן ניט געזען, האָט ער זיך עפּעס אינגאַנצן אומגעביטן: יינגער געוואָרן און עלעגאַנטער — אויך... אַרומגעראַזירט די באַקן, די בלאָנדע האָר שטייף פאַרקעמט, מיט אַ ראָזעווען שרונט איבער איין שלייף. דאָס בלאָנדע בערדל צוגעשוירן אין איין שטרענגער ליניע מיט די קרעפּטיקע באַקן. און זיין גאַנצער מוסקולדיקער גוף איז, ווי אַ געזונטע האַנט אין הענטשקע, געווען איינגעשפּאַנט אין אַ פריש־געפּרעסטן סמאָקינג מיט אַטלאַסענע לאַצן, אין אַ שניי־ווייסן העמד מיט שוואַרצע זאַפּאָנקעס און שוואַרצן שניפּס. אין קאַפּע „לילאַ", מיט אַ פּאָר שעה צוריק, איז דער זעלבער מאַן איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ געפאַנגענער אין אַ ברייטן, גרויען אָנצוג מיטן קאַוובאָי־קאַפּעליוש אין די הענט... אַצינד איז שוין זיין אויסדרוק אויך אַן אַנדערער, אַזוי ווי זיין אָנצוג. ער האַלט זיך העפלעך אָבער פריי, מיט אונטערגעשטראָכענער זעלבסט־ווירדע. דאָס דינע געוואַנט פון זיין אָנצוג איז, דאַכט זיך, קוים אימשטאַנד איינצוהאַלטן אין זיך די גאַנצע קראַפט און זעלבסט־באַוואוסטקייט פון מאַסיוון גוף וואָס ער כאַפּט דאָ אַרום. איין ניט־פאַרזיכטיקער ריר און ער צעשפּרינגט זיך אויף אַלע נאָטן...

אַן אויגנבליק נאָר האָט געדויערט איר באַוואונדערן אַזאַ ענדערונג. באַלד האָט זי זיך אָנגעכמורעט און אָנגעקוקט די זעלבע פיגור פון אונטערן שטערן. דאָס האָט אַוודאי געזאָלט באַדייטן:

— יאָ, איך ווייס. אויסגעפּוצט האָסטו זיך צוליב מיר! אָבער מיין ניט אַז איך האָב פאַרגעסן דאָס, וואָס דו האָסט זיך אַמאָל דערלויבט...

www.libtool.com.cn

פראַנסואַ לופּען האָט געמאַכט אַ סוף צו אַט דעם שטומען דועל און צו דער לייכטער צערודערונג וואָס עס איז דערפון אַרויסגעקומען ביי אַלע איינגעלאַדענע. ער האָט פעסטער אַריינגעזעצט זיין מאָנאָקל אין לינקן אויג און זיך געווענדט צו זיינע געסט מיט אַ קורצער און האַלב־קאָמישער רעדע:

— מעדאַם ז'ע מעסיע! *) איך דאַנק אייך אַלעמען פאַר דעם כבוד, וואָס איר האָט מיר פאַרשאַפן, און פאַר אייער קומען אין צייט. די גע־ריכטן וועלן באַלד אַרויפגעטראָגן ווערן. נאַר... זיצן זיצט איר ניט ריכטיק. ווען מען גייט אין אַ רעסטאָראַן דאַרף מען אַלעמאָל אויסוויילן געריכטן וואָס אין דער היים האָט מען זיי ניט. און אַז מען זיצט שוין ביי אַזאַ טיש, דאַרפן די דאַמען אויסוויילן קאַוואַליערן און די קאַוואַליערן — דאַמען, וואָס אין דער היים האָט מען זיי ניט...

אויפגעמונטערט פון דעם געלעכטער, וואָס עס האָט אויסגעבראַכן, האָט לופּען געגומען מאַכן אָרדענונג לויט זיין ספּעציעלן געשמאַק:

— זעצט זיך, מאַדעמואַזעל סאָלאַנש, לעבן דעם, וועלכער האָט אייך פאַראייביקט, אין זיין ווערק צום ערשטן מאָל — לעבן אַנרי דאַל... און איר, מעטר ברין, — לעבן דער שיינער דאַמע, וואָס טראָגט אייער נאָמען. און איך בלייב דאָ זיצן מיט דער היפשער מאַדאַם מלאָטעק, וועמעס גאַסטפריינטלעכקייט מיר אַלע האָבן גענאָסן און ניט איין מאָל...

ברין האָט שרעקעוודיק אַ קוק געגעבן אויף סאָניאַן. יענע איז געזעסן קאַלט, שטאָלץ, הויך־פאַרבאַרשטן. דערמאָנט אַצינד אַ פאַרזע־סענע כלה־מויד, וואָס איז געוואוינט צו זען זיך מיט אַלערליי חתנים. און כאָטש זי איז שיין און קלוג און ניט־אָרעם — קומט אָבער פון די שידוכים גאָרניט אַרויס... ער האָט זיין ניט־זיכערן בליק איבערגעפירט אויף סאָלאַנשן. יענע האָט שוין, קענטיק, איבערגענומען די ראָל, וואָס לופּען האָט איר באַשטימט, און גענומען שפּילן. קודם־כל דערלויבט דאָלן אַראָפּצוציען פון איר דעם הערמעלין־מאַנטעלע. לויט דעם ווי דאָלס נאָז־לעכער האָבן זיך אָנגעבלאָזן, ביים דערשמעקן דאָס פאַרפיום פון סאָ־לאַנשס נאַקן, האָט ברין דערקענט, אַז יענער איז ברוטאַל פאַרליבט, ווי אַן אָגער, און איז גרייט בריקען זיך, שלאָגן מיט די קאָפּיטעס, אויב עס וועט זיין נויטיק. ער האָט דערפון דערפילט אַ לייכטן ווידערווילן צו אים אַזוי ווי צו זיין געוועזענער מאָדעלקע. דאָס שניי־ווייסע מאַנטעלע, וואָס דאָל

---

*) מיינע דאַמען און הערן!

האָט געכומען אויף זיין אָרעם, האָט נאָך איין רגעלע געדינט אַלס אַ צוים צווישן אים און סאָלאַנשן. באַלד אָבער האָט יענער געפונען דעם בראַנדזענעם הענגער אויפן ווענטל און אויפגעהאַנגען. דער ווייסער „צווישן" איז געפאַלן, די שוואַרצקייט פון דאַלס סמאָקינג און סאָלאַנשס קלייד האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן ווען זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט, זייט־ביי־זייט. אויף זייערע באַשטימטע ערטער.

www.libtool.com.cn

איז ברינען מער ניט געבליבן ווי דורכצוגיין רעכטס, פאַרביי די צוויי פאַרנומענע פלעצער, וואָס לופען און קלאַראַ מלאָטעק האָבן אים אויף אַ ווײַלע געריִמט, און אַוועקגעזעצט זיך אויבנאָן, וואו זיין געוועזענע פרוי איז שוין געזעסן אַזוי קאַלט און אָפּוועזנדיק, ווי אַ שטאָלצע פאַרזעסענע כלה. ער האָט זיך דערפילט אַ ביסל אָרעם־בחוריש אין זיין געווײַנלעכן אָנצוג, בשעת אַלע דאָ זיינען, מער־ווייניקער, געווען יום־טובדיק אויסגעפוצט. אַ לייכטער ציטער איז אים דורכגעגאַנגען, ווען ער האָט, מיט זיין אַרבל, אָנגערירט סאָניאַס גרינעם קלייד, וועמעס קאָליר עס מישט זיך ניט מיט זיינעם, אַזוי ווי די אָנצוגן פון סאָלאַנש און דאַל... און פונקט אַזוי ווי פון פּאָזיטיווער און נעגאַטיווער עלעקטריציטעט אַנטשטייט דער בליץ, אַזוי האָבן, פון זיין אומווילקירלעכער באַרירונג, אויפגעבליצט סאָניאַס געשלאָסענע ליפּן מיט צוויי רייען ווייסע ציין. זי האָט אים אויפגענומען לעבן זיך מיט אַ מעכאַנישן שמייכל, וואָס זאָגט גאָרניט. באַלד איז דאָס קליינע בליצל אויך אויסגעלאָשן געוואָרן. און ברין האָט זיין געזיכט געווענדט, ניט צו איר, נאָר צו פראַנסואַ לופען:

— איר האָט געקראָגן יענקי־געשמאַקן, ליבער פריינט! איר ציט דאָ, זע איך, קאַקטיילס דורך שטרויעלעך, און פון אייערע געסט מאַכט איר אויך קאַקטיילס...

— ניין, שער מעטר! — האָט אים לופען פונקט אַזוי צווײדייטיק אָפּגעענטפערט. — איר זייט ניט באַקאַנט, זע איך, מיט דער אידעלער קונסט פון מישונג. פרעגט ביי כעמיקער, וועלן זיי אייך באַשטעטיקן, אַז פון די מוטנעסטע קאַקטיילן אין לאַבאָראַטאָריע קומען, אָפּטמאָל, אַרויס די שענסטע קריסטאַלן...

און ניט וואַרטנדיק אויף ברינס רעפּליק, האָט זיך לופען אַ ווענדגעגעבן צו סאָלאַנשן:

— נו, מאַדעמואַזעל, און ווי איז עפּעס אַריבער דער קאָנצערט?

סאָלאַנש האָט אַרויסגעלאָזן איר קאַקטייל־שטרויעלע פון די קאַרמין געפאַרבטע ליפּן:

— פון וועלכן קאָנצערט רעדט איר? געהאַט האָב איך היינט דריי קאָנצערטן נאָכאַנאַנד: איין קאָנצערט ביי ברינס אַ פריינט וועגן „ביס און קאַרשן". דער צווייטער — אין זאַל „פּלעיעל". שוּבערטס ראָמאַנסן.

און אָ דריטער קאָנצערט, אין דער פּאַוזע, ווען מוזיק און מוזיקער פון מיין קאַוואַליער...
www.libtool.com.cn

זי האָט אָנגעוויזן אויף ברינען, וועלכער האָט זי שטרענג אָנגעקוקט, און צוריק אָנגענומען דאָס שטרויעלע מיט די אָנגעפּאַרבטע ליפּעלעך:

— און וועלכער קאָנצערט איז געווען דער בעסערער? — האָט זי לופן ניט אָפּגעלאָזן, אָפּנים כדי אויסמיידן אַ ווייטערן געשפּרעך מיט ברינען, וועלכער שיינט צו זיין אָנגעלאָדן און געשפּאַנט ווי אַ בויגן.

— ווען דעם האָב איך נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו קלערן... —

איז געווען סאָלאַנשס ענטפער.

לופן האָט אַ ווינק געגעבן צו די סאַרווער זיי זאָלן אויפטראָגן דאָס עסן. און באַלד איז דערשינען דאָס ערשטע געריכט, אַ גרויסע פּלאַטע מיט געבראָטענע ים־פּרוכטן אויפן אַמעריקאַנישן שטייגער: געבאַקטע שטיקער אָמאַרן*) מיט טאַרטאַר־סאָוס, געבאַקטע ראָזעווע קרעוועטן, אָנגעשטאָכן אויף דינע העלצלעך, כדי ניט צו באַרירן זיי מיט די הענט. באַפּוצט איז די גאַנצע פּלאַטע געווען מיט ים־גראָזן און מיט אַפּעטיטלעכע שטיקער ציטראָן, מיט הייפעלעך פון רויטן און שוואַרצן קאַוויאַר.

דער קליינער עולם, קענטיק אויסגעהונגערט, האָט זיך צוגעכאַפּט צו די שיינע זאַכן מיט אַפּעטיט, אויסער ברינען. ווי אַ האַלב־בלינדער האָט ער זיך געלייגט אין טעלער דאָס וואָס ער האָט אָנגעטראָפן מיט דעם גאָפּל, ניט געוואוסט וואָס ער עסט. געפילט נאָר, מיט אַלע אָנגעשטרענגטע נערוון, אַז ער זיצט דאָ מיט דריי פרויען, וועלכע ער האָט געליבט, יעדער איינער אויף אַ באַזונדער שטייגער: יאָרנלאַנג, עטלעכע טעג, איין איינציקע שעה. וואָס ווייטער אַלץ ווייניקער...

— האָסט פאַרגעסן טאַרטאַר־סאָוס!.. — האָט אים סאָלאַנש אויפמערקזאַם געמאַכט.

— איך פּראָטעסטיר! — האָט אויף איר אַנרי דאַל מכלומרשט אָנגעשריען. — יעדע דאַמע זאָרגט נאָר פאַר א י ר קאַוואַליער און יעדער קאַוואַליער — פאַר ז י י ן דאַמע...

— דאָס וועט ערשט שפּעטער קלאָר ווערן!.. — האָט לופן אויפגעהויבן אַ פינגער, ווי צום סטראַשען.

אָבער זיין באַמערקונג האָט קיין שום אָפּקלאַנג ניט אַרויסגערופן. איין סאַניאַ האָט מעכאַניש אַ לאַך געגעבן מיט די בלויזע ליפּן, און אירע אויגן זיינען געבליבן קאַלט און אומעטיק ווי געווען.

די שפּאַנונג ביים טיש איז געוואַקסן. ברין האָט געפילט, אַז שולדיק

*) לאָבסטערס.

www.libtool.com.cn

אין אַזאַ שפּאַנונג איז ער מער ווי די אַנדערע געסט. האָט ער זי געפּרואווט אָפּשוואַכן מיט צוויי גלעזער „האַלב־טרוקענעם“ סאָטערן, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען, איין גלאָז נאָכן צווייטן. אָבער עס האָט אים ניט געהאָלפן. זיינע נערוון האָבן זיך אָנגעצויגן אַלץ מער און מערער, אַזוי אַז ער האָט גענומען מורא האָבן ניט אויפצושפּרינגען, ניט אָפּטאָן אַ זאַך וואָס לאָזט זיך ניט גוטמאַכן...

צו הילף איז אים געקומען די דזשאַז־קאַפּעליע, וואָס האָט, נאָך אַ לענגערער פּאַוזע, אַ קלאַפּ־געגעבן אין עק זאַל, אויף דער קליינער עסטראַדע. נאָכן קאָנצערט וואָס ער האָט אָקערשט געהערט אין „זאַל פּלעיעל“ האָט זיך אים דער חוצפּהדיקער סאַקסאַפאָן אָנגעהערט ווי אַ גראָבער דיסאָנאַנס. אָבער דאָס גאַנצע קלינגעריי, פּייפּעריי און קלאַפּעריי האָט אין זיך פּאָרט געטראָגן די ווידער־קולות פון יענער מהומה, וואָס דער היינטיקער טאָג און אָוונט האָבן אויף אים געבראַכט און, אין וועלכער ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן, ווי אַ שלעכטער שווימער וואָס בריהט זיך און טרינקט זיך, וואָס וויל שרייען „ראַטעוועט“ און מאַכט אַן אָנשטעל אַז ס׳איז אים וואויל און פריילעך, אַבי ניט אָפּשטיין פון פּובליקום, אַבי ניט אַרויסרופן רחמנות אָדער געלעכטער...

די ערשטע פּאָרלעך, פון די רעסטאָראַן־באַזוכער, האָבן זיך אַרויסגעשאָטן פון די דריי־ווענטלדיקע קאַבינעטן און אַוועקגעלאָזן זיך אין געדריי. נאָך זיי איז דער ערשטער אַרויס לופען מיט זיין גרויסער דאַמע אין ווייסן, וועלכע ער האָט מיטגעבראַכט, דאָס הייסט: מיט מאַדאַם קלאַראַ מלאָטעק. און די צוויי פּאָרלעך וואָס זיינען איבערגעבליבן ביים טיש זיינען דערשטוינט געוואָרן, ווען זיי האָבן דערזען, ווי לייכט לופען פירט זי, און מיט וועלכע ריטמיש־שווימענדיקע באַוועגונגען דאָס שווערלעכע רובענס־ווייב גיט נאָך אַלע זיינע פאָראויס און צוריקלויפנדיקע פּאַ. אַוועקשווימענדיק האָט ער נאָך לצעוודיק אַ וואונק־געגעבן צו זיינע געסט. אויפן שטום־לשון האָט דאָס געדאַרפט באַדייטן: אַז ניט פון גרויס פאַרליבטקייט איז ער דער ערשטער אַוועק אין אָט דעם פּרימיטיוון נעגערטאַנץ, נאָר כדי צו געבן אַ ביישפּיל די אַנדערע צוויי פּאָרלעך ביים טיש.

אַנרי דאַל האָט זיך איבערגעקוקט מיט זיין דאַמע און געפּאָלגט. ער האָט סאָלאַנשן אַרויסגעפירט פון טיש און אַרומגענומען איר בויגיקע טאַליע מיט זיין קרעפטיקן אָרעם. זיין שוואַרצער סמאָקינג האָט זיך אַצינד נאָך ענגער צוזאַמענגעגאָסן מיט דער גלאַנציקער שוואַרצקייט פון סאָלאַנשס גאַלאַ־קלייד. ברינען איז דערפון שוואַרץ־געוואָרן פאַר די אויגן. זיינע ליפּן האָבן זיך האַלב־אויפגעמאַכט ווי פון אַן אומדערוואַרטן קלאַפּ. סאָלאַנש האָט אים נאָר קוים־קוים אַ מאַך־געגעבן מיט דער האַנט, איידער זי איז אַוועקגעשוואומען מיט איר קאַוואַליער. ווי מען טוט דאָס

אַ באַגלייטער, ווען דער צוג הויבט אָן גיין גיכער, און דאָס באַקאַנטע געזיכט פאַרשווינדט שוין הינטער די לויפנדיקע וואַגאָנעס.
www.libtool.com.cn
סאָניאַס טרוקענער קול האָט אים אויפגעוועקט פון זיין פאַרשטיי־נערטקייט:
— זאָלן מיר אויך טאַנצן?
— ניין!.. — האָט ער זיך דערשראָקן, דערביי אַפילו אָפּגערוקט זיך פון איר. אַצינד, ווען קיינער איז דאָ ביים טיש ניט געבליבן, איז שוין אינגאַנצן ניט געווען נויטיק צו האַלטן עטיקעט. ער האָט זיך אָבער געכאַפּט אַז ס'איז אַרויסגעקומען אַ ביסל צו האַרט און פאַרענטפערט זיך:
— איך בין מיד. איך בין זייער מיד...
— איך אויך... — האָט אים סאָניאַ אָפּגעענטפערט מיטן זעלבן טאָן.
אַצינד האָבן זיי ביידע אַ ביסל רואיקער אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן.
דאָס וואָרט האָט ווידער גענומען סאָניאַ:
— זינט די דריי טעג, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, איז, דאַכט מיר, אַוועק אַ לאַנגע צייט.
— דאָס וואונדערט מיך — מאַכט ברין איראָניש — ביי גליקלעכע לויפט די צייט גיך...
— ווער, לויט דיין מיינונג, איז דאָס געווען?
— דו, אַזוי ווי איך.
— מאַך זיך ניט לוסטיק! איך האָב אַ סך איבערגעטראַכט די לעצטע טעג, און נאָך מער איבערגעלעבט.
ברין האָט אַ הויב געגעבן מיט די פּלייצעס:
— מערקווירדיק. מיין לעצטער איינדרוק אין קאַפע דיופּאָן איז געווען, אַז דו ביסט שטאַרק אומגעדולדיק און ווילסט איך זאָל וואָס גיכער פאַרשווינדן.
— איך האָב זיך שלעכט אויפגעפירט. איך גיב דאָס צו. אויסער דעם, ניט געוואָלט דו זאָלסט זיך באַגעגענען מיט דעם... מיט דעם... אָפּן געזאָגט — מיט דאַלן.
— איך ווייס... און אויך דערפאַר, ווייל דו האָסט געמיינט, אַז זיין פאַרליבעניש וועט לאַנג אָנהאַלטן.
זי האָט אים, דורכדרינגענדיק, אָנגעקוקט און ווידעראַמאָל געענט־פערט צום טאָן:
— פונקט אַזוי ווי דו האָסט געמיינט, אַז דיין פאַרליבעניש מיט אַט דער טונקל־הויטיקער לויפערקע וועט לאַנג אָנהאַלטן.
— ערשטנס — האָט ברין אויפגעקאָכט — ווען איך בין געלאָפן

זוכן דיך, איז נאָך ביי מיר קיין פאַרליבעניש ניט געווען. און צווייטנס, איז זי קיין לויפערקע ניט. זי שטייט... אַ סך, אַ סך העכער שטייט זי...
www.libtool.com.cn

— דערזאָג שוין ביזל סוף: אַ סך, אַ סך העכער פאַר מיר... ניט דערפאַר אפשר, וואָס איך בין מיט דיר געשטאַנען אונטער דער חופה, און זי ניט?

— דאָס שפּילט קיין ראָלע ניט.

— נאָר דאָס. טראַכט זיך אַריין.

— אַריינגעטראַכט זיך.

— ניין. דיר דוכט זיך נאָר אַלץ, אַז אַזאַ איינע איז פרייער. מעג טאָן, וואָס זי וויל.

— זי איז ניט „אַזאַ איינע“. איך בעט נאָכאַמאָל — ניט פאַרגעסן.

— איך פאַרגעס ניט, אַז זי טראָגט ניט קיין חתונה־רינג פון דיר און אַז אין דעם באַשטייען אַלע אירע פּריווילעגיעס.

— און אַז יאָ? אַז יאָ? וואָס ווילסטו?

— זאָלסט פאַרשטיין. זאָלסט מוחל זיין...

— ניין! — האָט ער זיך נאָך מער אָפּגערוקט פון איר — צו שפּעט. איך בין געווען אין גן־עדן. און אין גיהנום וויל איך זיך מער ניט אומקערן...

.3

לופּען און קלאַראַ מלאַטעק זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן זיך אומגעקערט צום טיש פון שטופּעניש־טאַנץ. דערזען די געשפּאַנטע געזיכטער ביים איבערגעלאָזענעם פּאַרל, האָט ער אָנגעשטעלט זיין מאַנאַקל אויף ברינען און געסטראַשעט אים מיט אַ פינגער:

— אַ, שער מעטר! דאָס טוט מען ניט. זיצן און יאַדען זיך, ווען אַלע טאַנצן?..

— ווער זיינען דאָס די אַלע? — איז ברין בייסיק געוואָרן — און בכלל...

דער „בכלל“ איז געווען אַ דייטלעכע אָנצוהערעניש, אַז לופּען מישט זיך שוין צופיל אין זיינע פּריוואַטע אָנגעלעגנהייטן. אָפּגעזאָגט, און מיט די אויגן געזוכט דאָס צווייטע פּאָרל. דאָס הייסט: דאַלן און סאַלאַנשן... אָבער יענע האָבן נאָך אָפילו ניט געטראַכט צוריקצוגיין צום טיש. זיי זיינען געשטאַנען אין עק זאַל, מיט נאָך אַנדערע פאַרליבטע פּאָרלעך, און פּאַטשנדיק לאַדאָזשקעס אויפגעפאָדערט דעם דזשאַז־בענד, ער זאָל נאָך עפּעס שפּילן. דערזען דאָס, האָט ברין נאָך שניידיקער אַ זאָג־געטאָן צו לופּענען:

— איך בין מיד!..

— איך אויך — האָט קלאַראַ מלאָטעק אָפּגעזיפצט, זיך אָוועקגעזעצט און גענומען פּודערן די נאָז.
www.libtool.com.cn

ברין האָט אויך זי שטעכיק אָנגעקוקט און אַ ווענד־געגעבן זיך צו לופּענען:

— אפשר ווילט א י ר אַמוזירן מאַדאַם סאָניאַ? שטערט אייך ניט.

דער דזשאַז־בענד האָט גראָד אַ קלאַפּ־געטאָן דאָס אַרגענטינישע טאַנגאָ און לופּען האָט קיין צייט ניט פאַרלאָרן און איינגעלאַדן די, פון וועלכער דער בייז־געוואָרענער „שער מעטר" וויל דאָ, קאַנטיק, פּטור־ווערן... סאָניאַ איז אַרויס פון טיש בלאַס, ווי קרייד, און ווי אַ האַלב־געחלשטע אַרויפגעלייגט איר שוואַך־געוואָרענעם אָרעם אויף לופּענס פּלייצע. אַזוי גיך ווי זיי זיינען אָוועקגעשוואומען אין טאַנץ, האָט מאַדאַם מלאָטעק געמאַכט אַ וויינענדיקע מינע.

— איך בעט דיך, מיין ליבער, — האָט זי געפּרואווט אָננעמען ברינס אָרעם, — זיי אויף מיר ניט ברוגז, וואָס איך בין געקומען.

— ערשטנס — האָט ברין אָוועקגעצויגן זיין אָרעם — בין איך ניט קיין „ליבער". און, צווייטנס, בין איך ניט ברוגז...

— פאַרוואָס רעדסטו מיט מיר אַזוי?.. אַזוי...

זי האָט מער ניט געפונען קיין ווערטער. אירע גרויסע אויסגע־קוילערטע אויגן זיינען פייכט געוואָרן און אירע ליפּן האָבן געצוקט ווי ביי איינער, וואָס בעט זיך רחמים:

— איך שווער דיר! לופּען איז מיר אַראָפּגעפאַלן ווי פון הימל... איינגעלאַדן מיך און געזאָגט, אַז דו וועסט זיין צופרידן מיך צו זען...

— אַ לץ! אַ נאַרישע חכמהלע איז דאָס געווען.

— איך האָב קיין זאַך ניט געוואוסט. איך האָב נאָר געגאַרט צו זען דיך נאָכאַמאָל. דערפאַר אָפּגערעדט מיין מאַן, ער זאָל ניט גיין. לופּען האָט מיר געהאָלפן...

— ווי אַזוי געהאָלפן?

— כדי טרייסטן אים, געקויפט ביי אים אַ פּאָר צייכענונגען, גע־מאַכט אים קאָמפּלימענטן...

— ביי אייך אויך?

— וואָס הייסט א ו י ך?

— דאָס איז לופּענס שטייגער. ווען ער וויל עפּעס דורכפירן — קויפט ער אונטער...

— וואָס ביסטו אַזוי גערייצט? וואָס ביסטו אַזוי פינצטער? ביסט דאָך היינט געווען אַזוי גוט צו מיר, האָסט מיך אַזוי גליקלעך געמאַכט...

— איז דאָך גוט!

www.libtool.com.cn

— און דו ניט ? דו ניט ?.. — האָט זי אים ווידער אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם און אַריינגעקוקט אין די אויגן.

ער האָט ניט געענטפערט. און זי האָט אַראָפּגעלאָזן איר גרויסן, שוואַרץ־פריזירטן קאָפּ און צוגעגעבן מיט שטילער פאַרצווייפלונג :

— נו, געוויס... מיט אַזאַ שיינהייט ווי דו... וועלכע טאַנצט מיט דאַלן, קען איך ניט קאָנקורירן.

דאָס האָט ברינען דערמאָנט, אַז גאַבראָנסקי האָט דאָס זעלבע געזאָגט וועגן יעטאַן, וועלכע זוכט אַצינד, אין איר מורא פאַר דער אָנקומענדיקער עלטער, וועמען צו ליבן און אויף וועמען רחמנות צו האָבן. אויך יעטאַ קאָן ניט קאָנקורירן מיט סאָלאַנשס שיינקייט... אַ וואונדער !..

— אַ וואונדער !.. — האָט ער בייז איבערגעחזרט. דאָס מאָל ניט אין געדאַנק, נאָר אויפן קול.

אָנשטאָט צו באַליידיקן זיך, איז מאַדאַם מלאָטעק נאָך מער אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, איר שטים איז נאָך וויינענדיקער געוואָרן :

— נאָר זע, גלויב איר ניט, גלויב ניט !.. פאַרלאָז זיך ניט אויף איר ! וואָלטסט זען ווי זי האָט זיך צו אים צוגעטוליעט, אין מיטן טאַנצן, באַק צו באַק, צו אָט דעם גראָבן מענטשן...

ברינס אויגן האָבן זיך צעבלאָנדזשעט, זיינע ליפּן האָבן אויפגעציטערט :

— איך פרעג דאָך ביי דיר ניט !

אין זיין פּלוצלעכער אויפרעגונג האָט ער זיך אויפגעהויבן און גענומען „אירצן" זי :

— וואָס מישט איר זיך ? וואָס ווילט איר אַלע פון מיר ? ווער בעט אייך ?

— מאָסיע ברין, — האָט זיך קלאָראַ דערשראָקן און אויך גענומען „אירצן", — באַרואיקט זיך ! מען קוקט דאָך פון אַלע טישלעך. זעצט זיך אַנידער, איך בעט אייך !..

ער האָט געפאָלגט און זי האָט האַלב־שעפּטשענדיק פאַרגעזעצט :

— זי קען איך דאָך אַפילו ניט, אָט די שוואַרצע... נאָר איינמאָל געזען זי. היינט, ביים אַרויסגיין פון אייער אַטעליע... אָבער אים, אַ ! אים קען איך גוט...

— וועמען אים ?

— דאַלן. אַ קליידל־נאָכלויפער. אַ צייט איז ער געוואָרן אַן איינגייער אין מיין מאַנס אַטעליע. געלויבט זיינע צייכענונגען. און מיר שטילערהייט געמאַכט אָנבאָטן...

— אייך ?.. דיר אויך ?..

— און נאָך ווי! ער וועט מיך פֿאַראייביקן האָט ער געזאָגט. אַ „מענטשן־מוטער״ געוואָלט מאַכן פֿון מיר אין ליים. אַזוי האָט דאָס ביי אים געהייסן...

www.libtool.com.cn

— נו, און דו?

— מוחל געווען אים זיין גאַנצע אומשטערבלעכקייט. געוויזן אים דעם וועג.

— פֿאַרוואָס ניט מיר?..

— ווייל דיר... דו ביסט אַנדערש! דיר האָב איך ליב.

אַצינד האָט ברין אָנגענומען איר האַנט און מיט דאַנקבאַרקייט אַריינגעקוקט איר אין די גרויסע אויגן:

— ביסט בעסער און ערלעכער ווי איך האָב געמיינט. בעסער פֿאַר די אַנדערע צוויי, וואָס דער ציניקער לופען האָט דאָ צוזאַמענגעשלעפּט. איך וואָלט שוין געוואָלט אַוועקגיין פֿון דאַנען.

ער האָט זיך אומגעקוקט אויפֿן הענגער און אויף זיין מאַנטל. נאָר קלאַראַ מלאַטעק האָט אים צוריקגעהאַלטן:

— טו דאָס ניט! טו דאָס ניט צוליב מיר. אויב דו האָסט מיך נאָך אַ ביסל ליב.

דער דזשאַז, וואָס האָט ביז אַהער געדעקט זייער האַסטיקן געשפּרעך, איז שטיין־געבליבן. די מידע פּאָרלעך האָבן זיך גענומען אומקערן צו זייערע געדעקטע טישן. און צווישן זיי — אויך לופען און דאַל מיט זייערע דאַמען. סאָלאַנש איז געגאַנגען פֿאָראויס אַ וואָרעם־אויפֿגערעגטע, און דעם ערשטן ליבנסווירדיקן שמייכעלע געשענקט אים, ברינען:

— האָסט זיך דאָ ניט געלאַנגווייליקט, מיין ליבער?

— ניין. צוויי דאַמען האָבן מיך דאָ אַמוזירט. איינע נאָך דער צווייטער...

— ווילסט מיך גאָר ניט איינלאַדן צום נעקסטן טאַנץ?

— ניין, — האָט ברין געמאַכט פּונקט אַזאַ ליבנסווירדיקע מינע ווי זי, — דאָס האָב איך שוין צוגעזאָגט מאַדאַם מלאַטעק.

— אָ, עס מאַכט ניט, עס מאַכט ניט אויס!.. — האָט אים סאָ־לאַנש גענומען פֿאַרזיכערן און זיך איבערגעקוקט מיט דאַלן. יענער האָט נאָך אַ ביסל געסאָפּעט, געווישט זיך דעם שווייס און איז, קאַנטיק, געווען צופֿרידן, וואָס דער אַנגעהויבענער קאַמף פֿאַר זיין געוועזענער מאַדעל־מיידל קומט אים אָן אַזוי לייכט.

סאָניאַ האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט אויף איר פֿריערדיקן אָרט, לעבן ברינען, אַ קילע, אָן אָנגעצויגענע. דער טאַנץ מיט לופּענען האָט זי אַפֿילו ניט דערוואָרעמט. גיכער האָט זי אויסגעזען ווי איינע וואָס ליידט פֿון מיגרען.

דער שפּעטער מאָלצייט האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ פלייש־פּלאַטע פון אינדיק מיט מאַראָנען־פּיורע און עפּל־סאָוס, מיט גרינעם סאַלאַט און סטראַסבורגער פּאַשטעטן, מיט שאַמפּאַניער און סאָרבעט. דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן... און אַפילו סאָניאַ, וואָס איז דאָ אין אָנהויב געזעסן ווי אַ טרויעריקע בעל־תשובהטע, אָדער געשפּילט אַזאַ, כדי צו מאַכן זיך אינטערעסאַנט, ווי ברינען האָט זיך געדוכט, אַפילו זי האָט גענומען צולייגן אַ האַנט. פריער לאַנגזאַם, דערנאָך שנעלער געקלאַפּט מיט מעסער און גאָפּל. איין ברין איז געבליבן זיצן אַ צעשטרייטער. די חלקים וואָס דער סאַרווער האָט אים געלייגט אין טעלער זייַנען געבליבן כמעט אומבאַרירט. ער האָט נאָר געטרונקען און, מיט קורצע ווערטלעך, אָפּגעפּטרט אַלע צושטייעונישן ער זאָל ניט אָפּשטיין פון דער „געזעלשאַפטלעכער אַרבעט“. אַזוי האָט דאָס געהייסן ביי פראַנסואַ לופּען... דאָס נאָגנדיקע געפיל אין האַרצן, וואָס איז ענלעך צו צאָן־ווייטיק, איז צעשוואומען געוואָרן אין לייכטן וויין־נעפּל. געבליבן איז נאָר אַ טעמפּע אַפּאַטיע איבערצואוואַרטן ווי ניט איז דאָס שלעכט שטיקל צייט...

און אַזוי גיך ווי די דזשאַז־קאַפּעליע האָט ווידער אַ קלאַפּ־געגעבן, האָט ברין אַרויסגעפירט מאַדאַם מלאַטעק פון טיש און איז אַוועק מיט איר אין זאַל. אַ וואַלצער האָט מען איצטער געשפּילט. סאָניאַ האָט זיך אַפילו ניט אומגעקוקט. נאָר סאָלאַנש האָט דאָס פּאָרל אַרויסבאַגלייט · פון טיש מיט אַ צעצויגענעם שמייכעלע, וועלכן ברין האָט נאָך דערכאַפּט אַרומנעמענדיק קלאַראַס טאַליע. וואָס פאַר אַן ענדערונג ביי זיין קאַפּריזנער טונקל־הויטיקער געליבטער צווישן היינט און נעכטן! נעכטן, ווען ער האָט זיך דערלויבט אַ ביסל מער נאָענטקייט, ביים טאַנץ, מיט דער וויס־האָריקער יעטאַ, האָט זיך סאָלאַנש אָנגעצונדן פון אייפערזוכט, אַוועק פון טאַנץ־זאַל און אַוועקגעשלעפּט אים צו זיך אַהיים. און היינט באַגלייט זי אַרויס איר נייע קאָנקורענטין מיט אַ גוטווילליקן שמייכעלע, קען מען זאָגן. און נאָך גרעסער ווערט די ענדערונג, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז צוליב דערזעלבער צווייפלהאַפטער קאָנקורענטין האָט סאָלאַנש געוואָלט פאַרניכטן אַ בילד, אין וועלכן זי אַליין האָט זיך באַטייליקט מיט אַזויפיל באַגייסטערונג אין משך פון לאַנגע וואָכן...

דערפילט אין זיינע אָרעמס דעם גרויסן און שיינעם גוף פון דער, וועלכער ער האָט נאָך היינט בייטאָג געהאַלטן אַרומגענומען אַ זינדיקע, אַ מוטער־נאַקעטע, אַ נאָכגיביקע ווי אַ קרבן, האָט אַ שטילער רחמנות גענומען וויינען אין אים. ער האָט געהאַט צער, וואָס דער זעלבער געזונטער און יונגער גוף וועט, אפשר, אויך ד אָ מוזן זיין אַ קרבן אין דער דראַמאַטישער שיידונג, וועלכע וואַקסט אָן. די זעלבע קלאַראַ, וועלכע האָט זיך שטענדיק אַזוי מוסר־נפש געווען פאַר איר מאַן, ביז זי האָט

www.libtool.com.cn

זיך אַנטוישט אין אים אַזוי ווי אין זיין טאַלאַנט, האָט דאָך פון אים, פון ברינען, גענומען היינט דאָס ביסל ליבע ווי אַ נדבה, ווי דאָס געלט וואָס זי האָט געבאָרגט צוליב איר שלימזלדיקן באַשערטן... און זי איז נאָך אַלץ אַזוי הונגעריק. קוקט אים אַזוי אונטערטעניק אין די אויגן. האָט אים מסתמא שטאַרק ליב אויף איר פליישלעכן, פולבלוטיקן שטייגער... אָבער ער קען דאָ גאָרנישט מאַכן. ער האָט איר ניט וואָס צו געבן מער. ער האָט אַפילו קיין פרייד ניט פון טאַנצן מיט איר, אין אָט דעם געזעל־שאַפטלעך־דערלויבטן צוזאַמענשפּילן פון צוויי פרעמדע קערפּערס אין איין ריטם; דאָס וואָס ער, ברין, האָט אַלעמאָל אַזוי ליב געהאַט, דאָס וואָס האָט אים אַלעמאָל אַזוי צעשטרייט...

www.libtool.com.cn

ווי אַ פאַרשולדיקטער ייִנגל האָט ער, זיך צו איר צוגעדריקט אין טאַנץ, שיר ניט דעם מידן קאָפּ אַוועקגעלייגט אויף איר קיילעכדיקער און פעסטער פּלייצע. און זי האָט דאָס אויפגענומען מיט אַ שטאָלצן פייערל אין די אויגן, וואָס איר איז געלונגען אַוועקצונעמען אים פון די צוויי שענערע און עלעגאַנטערע פרויען ביים מאַלצייט־טיש... אָבער דער וואַלצער איז ברינען ניט גוט באַקומען. ער האָט באַלד דערשפּירט אַ לייכטע שפּלקייט, ווי אַן אָנהויב פון דער ים־קראַנקהייט. די אַרומיקע געזיכטער פון די טאַנצנדיקע פּאָרלעך האָבן אָנגעהויבן שווימען אין אַ געלבלעכן נעפּל. ער האָט זיך געפּרואווט צוזאַמענעמען און ניט געקענט. זאָל דאָס קומען פון גייסטיקער איבעראָנשטרענגונג? אָדער פון לעבן צו גיך און צופיל אין משך פון די לעצטע עטלעכע טעג? וואָס איז דער אונטערשייד? דער גאַנצער עולם דאָ, מיטן וואַלצער־געדריי, מיט די לאָמפּן און טישלעך איז אים נמאס און מיאוס.

— דו וואַקלסט? — האָט זיך מאַדאַם מלאָטעק דערשראָקן — וואָס איז מיט דיר?

— בין עפּעס ניט מיט אַלעמען... אַנטשולדיק!

זי איז גלייך שטיין געבליבן, פאַרן אָרעם אַרויסגעפירט אים פון צווישן די פּאָרלעך, וואָס שטורמען זיי ביידן אָן פון אַלע זייטן, און צוגע־פירט אים צו דער פרייער וואַנט אין עק זאַל. דאָ האָט ברין טיף אָפּ־געאָטעמט.

— אויב דו פילסט ניט גוט — האָט זי אים פאַרגעוואָרפן — היינט צוליב וואָס האָסטו זיך אַוועקגעלאָזן טאַנצן?

— כדי וואָס ווייטער אַוועקגיין פון לופּענס טיש... נאָר דו לאָז דיר ניט שטערן. טאַנץ מיט וועמען דו ווילסט!

— אָך, ניין! ניין! מירן ביידע שטיין און קוקן...

אָבער שטיין ביי דער וואַנט און קוקן האָט מען אַזאַ היפּשע, אין ווייסן געקליידעטע דאַמע, וואָס זעט אויס ווי אַן איבערגעוואַקסענע שי־

לערין, ניט געלאָזן. באַלד איז אונטערגעשפּרונגען אַ פלינקער קאַוואַליער
www.libtool.com.cn
אין פראַק מיט אַ ראָזעוו־שײַנענדיקן געזיכט און געבעטן דערלויבעניש. קלאַראַ האָט זיך אומגעקוקט אויף איר קאַוואַליער און ברין האָט זי אויפֿגעמונטערט:

— איך בעט אײַך, מאַדאַם, לאָזט אײַך ניט שטערן! איך פֿיל מיך שוין בעסער...

און באַלד האָט ער זי געזען אַוועקשווימען אין די אַנגעשטורעמטע פּאַליעס פֿון וואַלצער, ווי אַ גרויסע וואַסער־ליליע שטראָם־אַראָפּ. אין אַ קורצער ווײַלע אַרום האָט ער פֿון דעם זעלבן שטראָם געזען אָנשווימען סאָניאַן אין איר גרינעם זײַדן־קלייד, מיט איר הויכער פֿריזור און אָנגעלענט אויף אַן אומבאַקאַנטן קאַוואַליער. אַפּנים, לופֿען איז מיד געווען, פּונקט אַזוי ווי ער, און איבערגעגעבן זײַן פּריווילעגיע דעם ערשטן בעסטן יונגנמאַן פֿון אַ שכנישן טיש. סאָניאַ האָט געטאַנצט ווי אַ סטאַטוע, גײַסטיק־אָפּוועזנדיק געמאַכט אירע קיילעכדיקע פֿאַ, דעם קאָפּ געהאַלטן פֿאַרריסן. אויף די ליפּן — קיין שום אויסדרוק. דערזען איר געוועזענעם מאַן לעבן וואַנט — האָט זי אָפּגעקערט דעם שטאָלצן קאָפּ. זי האָט נאָך, ווײַזט אויס, ניט פֿאַרגעסן ווי אַזוי ער האָט איר אָפּגעזאָגט איבערצובעטן זיך מיט אים, און מיט וועלכע ווערטער!.. דער קלאַפּ איז געווען צו שטאַרק, זי זאָל אַזוי גיך קומען צו זיך. האָט זי דאָס דערפֿאַר געדעקט מיט איבער־געטריבענער גלײַכגילטיקייט צו אַלץ און צו אַלעמען. אַזוי, ווײַניקסטנס, האָט דאָס ברין פֿאַרשטאַנען. און פֿונדעסטוועגן האָט אויף אים איר פֿאַר־שטאַרונג געמאַכט אַ מאָדנעם אײַנדרוק...

כדי נאָך מער ניט פֿאַרדאַרבן דאָס שפּיל, האָט זיך ברין גענומען אַוועקמאַכן פֿון עק זאַל. זאָלן אים בעסער די אַנטוישטע דאַמען ניט אָנקוקן... אויסמײַדנדיק די טאַנצנדיקע פּאָרלעך, האָט ער זיך געריבן ביים וואַנט, אַזוי אַרום געוואָלט דערקלײַבן זיך צום פֿאַרלאָזענעם טיש. און פּלוצלונג אָנגעשטויסן זיך אויף נאָך אַ פֿײַנלעכערן סיורפּריז.

אינמיטן געדריי פֿון זאַל האָט ער דערזען צוויי טאַנצנדיקע פֿיגורן, וואָס זײַנען געווען אַזוי פֿאַרליבט אײַנער אין צווייטן, אַז זיי האָבן אים אַפֿילו ניט באַמערקט. צוויי באַקאַנטע פֿיגורן, וואָס זײַנען געוואָרן אײַנס. ניט נאָר דאַלס שוואַרצער סמאָקינג איז אַצינד געווען צוזאַמענגעגאָסן מיט סאָלאָנשס אַטלאַסענעם קלייד, נאָר אַפֿילו זייערע באַקן אויך. טאַקע אַזוי ווי מאַדאַם קלאַראַ מלאַטעק האָט אים פֿריער געזאָגט... סאָלאָנשס טונקעלע באַק האָט זיך געפּרעסט צו דאַלס ראָזעווער, גלאַט־ראַזירטער מאָרדע, און אירע אויגן זײַנען געווען האַלב־פֿאַרמאַכט. דער דאָזיקער שיכּורער אויסדרוק איז אים געווען גוט באַקאַנט. אין לויף פֿון די פּאָר

טעג און נעכט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט מיט אַט דער טונקל־הויטיקער שעלמע, האָט ער אים ניט איינמאָל באַמערקט.

www.libtool.com.cn

ווי אַ ביס פון אַ שלאַנג האָט דאָס אים געטראָפן. ס׳איז געווען אַ ווייטיק אַ סך אַ שאַרפערער, עקבערנדיקער, ווי דער צעשוואומענער „צאָן־ווייטיק״, וואָס ער האָט אַ גאַנצן אָוונט געפילט אין הארצן, ווען ער האָט נאָך געהאַט בלויז פאַרדאַכטן אויף סאַלאַנשס אומטריישאַפט. דער פלוצלעכער שמערץ איז געווען פון די, אין וועלכע מען שרייט אויף, אין וועלכע מען רופט, ניט ווילנדיק, נאָך הילף. זאָל דאָס זיין די אייפער־זוכט? די האַלב־בלינדע, צעפּאַטלטע, וואָס לויפט מיט בלוט־פאַרגאָ־סענע אויגן און מיט רוצחיש־קראַמפּנדיקע נעגל? אפנים, אַז דאָס איז זי!..

פונדעסטוועגן האָט נאָך ברין געפונען אין זיך גענוג קראַפט ניט אויפצושרייען. ניט אַנדערש — די טיפע מידקייט האָט דאָס געמאַכט, דער אינסטינקטיווער פאַרלאַנג אַרויסצוקריכן פון גרוב, אין וועלכן ער איז אַריינגעפאַלן, ווי אַ בער קריכנדיק נאָך האָניק. האַלטנדיק זיך ביי דער וואַנט, איז ער ווייטער געגאַנגען, ביז ער האָט קעגנאיבער דערקענט זייער האַלב־אָפענעם מאַלצייט־קאַבינעט.

ביים ליידיקן טיש איז געזעסן לופען איינער אַליין און, פאַרטראַכט־ערהייט, געשפּילט זיך מיט זיין ניט דערטרונקענעם באָקאַל. ברין איז אויף אים אָנגעגאַנגען מיט אַ גערייצטקייט פון אַ מענטשן, וואָס פאַרלירט באַלד די קאָנטראָל איבער זיך. זיין קול איז געווען הייזעריק:

— זאָגט נאָר, מאָסיע לופען! וואָס איז דאָס פאַר אַן אָוונט? וואָס זיינען דאָס פאַר אַ דריי פּאַרלעך? און בכלל... וואָס זיינען דאָס פאַר אַ שטוקעס?

און מערקווירדיק! ווען לופען האָט אַ הויב געגעבן זיין אַפּגעפּאַ־רענעם געזיכט פון באָקאַל און אָנגעקוקט דעם, וועלכער איז אים דאָ אַזוי גוט ווי באַפאַלן, האָט זיך ברין פאַרשעמט. דאָס איז ניט געווען לופענס גע־וויינטלעך געזיכט פון אַ דענדי. אַן אומעטיקער פילאָסאָף איז דאָ געזעסן און געטראַכט זיך זיינע ניט־פריילעכע מחשבות, וועלכע מען האָט אים אינמיטן דרינען איבערגעשלאָגן... אויף די דריי האַרבע פראַגן, וואָס ברין האָט אויף אים אָנגעוואָרפן, האָט ער אַפילו ניט געפונען פאַר נוי־טיק צו ענטפערן. ער אַליין, פון זיין זייט, האָט גאָר שטיל און ניט צו דער זאַך אַ פרעג געגעבן:

— איינער אַליין?

און, ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, האָט ער ווייטער גערעדט, און זיין קול איז נאָך טרויעריקער און שטילער געוואָרן:

— איך בעט אײַך, שער מעטר, זעצט זיך! שטייט ניט איבער מיר ווי אַ גזלן.

www.libtool.com.cn

ברין האָט זיך מעכאַניש אָוועקגעזעצט, אויף סאָלאַנשס ליידיקן אָרט, לופּענען אַנטקעגנאיבער און אים נייגעריק אָנגעקוקט. אַ גאַנץ אַנ־דער לופּען איז דאָס געווען. דער קול אַן אַנדערער, די אויגן אַנדערע. יענער האָט דאָס באַמערקט און קוים אַ שמייכל געגעבן:

— און די דריי פראַגן, אָדער פאַרוואורפן, וואָס איר האָט מיר גע־שליידערט ווי שטיינער אין קאָפּ... יאָ, וועגן דעם... איר מוזט אָבער אַליין צוגעבן, אַז זיי האָבן אַ ביסעלע פאַרשפּעטיקט. פריער, אין קאַפע „לילאַ", נאָך פאַרן קאָנצערט, געדאַרפט פרעגן.. אָבער גלויבט מיר, ליבער ברין! איך האָב ניט געהאַט אין זין צו פּראַווען לצנות. אַזאַ פאַר־ליבטקייט ווי אײַערע איז ניט קיין שפּילצייג. דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרט־לעכקייט האָט מיך געטריבן דערצו. איר וועט זיך דערמאָנען: איך האָב אײַך ניט איינמאָל געוואָרנט פאַר סאָלאַנשס הייס בלוט, כדי ניט צו זאָגן ווילד־בלוט...

— יאָ — מאַכט ברין — אָבער ווער האָט אײַך געצוואונגען אַפריער צוזאַמענברענגען מיך מיט אַזאַ „ווילד־בלוט", דערנאָך וואָרענען?..

— איך האָב נאָר געטאָן סאָלאַנשס ווילן. איר ווייסט, איך האָב זי ליב: אויף מיין שטייגער, אין אַ געוויסן זין, ווי אַ פאָטער, וואָס איז אַ ביסל אַפּאַטיש, און זיין ענערגישע און זייער היפּשע טאָכטער פירט אים פאַר דער נאָז... נאָר דאָס מאָל האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז ערנסט. איר דאַרפט ניט מיינען, אַז ס'איז צום ערשטן מאָל...

— ניט צום ערשטן מאָל? נאָך דעם ווי...

— נאָכדעם ווי דאַל האָט זי אַרויסגעוואָרפן אויפן טראָטואַר ווילט איר פרעגן? ניין. ניט צום ערשטן מאָל. אַזוי נאַאיוו דאַרפט איר ניט זיין. און מיינט ניט, אַז ס'איז ביי איר בלויז לייכטזין... יעטוועדער מאָל איז זי אויפריכטיק. זי קען ניט אַנדערש זיין. אין רעזולטאַט בין איך מיד. גלויבט מיר! איך בין מיד פון איר און פון אײַך אַלעמען...

— מיר דאַכט, ס'איז אַ ביסל צו שטאַרק!

— אַך, באַליידיקט זיך נאָר ניט! דאָס גוטע האָט **איר** דאָך געהאַט, די צרות — איך. זייט ערלעך מיט זיך אַליין. איר האָט נאָר גע־האַט אַ טעות אין דער דויערהאַפטיקייט. אָנגענומען אַ שטורעם פאַר אַ נאָרמאַלן צושטאַנד...

— אָבער צוליב וואָס אָט די אויסטערלישע איינלאַדונג? אייער אַריינמישן זיך?

— איך האָב נאָר צוגעאיילט דעם קריזיס. ווען איך האָב היינט פאַר־נאַכט דערזען ווי סאָלאַנש גייט אַריין אַן אויסגעפּוצטע אין קאַפע „לילאַ"

און שלעפּט נאָך זיך נאָך דאָלן, ווי אַ צאָפּ אויף אַ שטריקעלע, האָב איך געוואוסט וואו עס האַלט. פאַרדאַכטן האָב איך אַלעמאָל געהאַט, אַז איר האָרץ איז געבליבן ביי אים. ניט קוקנדיק אויף אַלע באַליידיקונגען...

— דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס איך קען ניט באַגרייפן, אַזאַ שטאָל־צע און פרייע נאַטור ווי זי איז...

— איר קענט ניט דאָס פאָלקס־ווערטל? „היט דיין ווייב פון איר ערשטן „געליבטן"! דער ערשטער סעקסועלער ציטער, דער ערשטער זיסער ווייטיק, דאָס איז דאָס געפערלעכסטע און טיפסטע ביי יעדער פרוי.

— יאָ. איך ווייס. דאָס איז דער סעקסועלער זכרון. און דאָך!..

— וואָס דאָך? אייער זעלבסט־ליבע ליידט דאָ מער ווי אייער ליבע. ווען ניט דער פאַלשער שטאָלץ אייערער, וואָלט איר זיך נאָך זייער גוט געקענט טרייסטן...

— פון וועלכער טרייסט רעדט איר דאָ?

— פון אייער „געוועזענער", פון אייער פראַכטפולער סאַניאַן... דאָס, וואָס האָט געטראָפן מיט סאָלאַנשן, האָט דאָך געטראָפן מיט איר אויך, מיט דער געוועזענער מאַדאַם ברין... אויך ביי איר האָט זיך צעשפּילט דער זכרון, וועלכן איר האָט דאָ דערמאָנט, וועלכער איז אָפּטמאָל שטאַר־קער ווי אַלע ליידנשאַפטן אין דער וועלט. געזען ווי בלאַס זי איז היינט געווען? ווי פאַרשטאַרט — די בלויע אויגן? זייט ניט צו האַרט מיט איר!

— בין שוין געווען.

— איך האָב דאָס אַראָפּגעלייענט פון איר געזיכט. זי איז עפּעס אינ־גאַנצן פאַרשטיינערט געוואָרן. זי עסט און טרינקט מעכאַניש, טאַנצט מע־כאַניש. עס וועט מיך ניט איבעריק וואונדערן, אויב מיט איר וועט עפּעס טרעפן...

— איר רעכנט?.. אַ! זי האָט זיך צופיל ליב.

— ווי יעדער איינער פון אונדז, וואָס שטייט ביי אַן אָפּגרונט. איר וואָלט איר געקענט און געדאַרפט מוחל־זיין...

— אַ דאַנק פאַר אַן עצה, פּאַטראָן! דאָס אָבער וואָלט שוין געווען צו ביליק. אַ ביליקער פילם, אין וועלכן אַלץ ענדיקט זיך צום גוטן.

— און אַז יאָ!.. אַרט אייך, באמת, מער דער פאַרגלייך, וואָס אַ נאַר קען מאַכן, ווי אַ צעבראַכן לעבן?

— זאָל קומען דער, וואָס האָט צעבראָכן, און פאַרריכטן...

— מאַקס האַרקאַווע, פּילייכט? אַט דער?

— פון מיינטוועגן!.. איבעריקנס, איך ווייס אַ מיטל, וואָס וועט

דאָס צעבראָכענע אינגאַנצן גוטמאַכן, פּאַרקלעפּן ווי אַ צעבראָכענע שויב
www.libtool.com.cn
אין פענצטער. קיין ווינט זאָל ניט דורכגיין...

— און דאָס איז ?

— לע דיוואָרס !*)

— איר מיינט דאָס ניט ערנסט... אַצינד, ווען איר און זי זייטביידע קוויט ? איר וועט זיך נאָך איבערלייגן.

— איך האָב מיר שוין איבערגעלייגט. און כדי ניט אַריינפאַלן אין קראַנקע סענטימענטן, גיי איך גלייך אַוועק. צום גליק האָט זיך דער טאַנץ פאַרצויגן. די דאַמען זיינען באַשעפטיקט, דער וועג איז פריי...

ברין האָט האַסטיק אַראָפּגעכאַפּט זיין הוט און מאַנטל פון הענגער און נאָר איין רגעלע פאַרקוקט זיך אויף סאָלאַנשס הערמעלין־מאַנטעלע, וועלכער הענגט דאָ אויפן ווענטל. געזעגנט זיך מיט אים...

— טוט דאָס ניט, מעטר ברין, — האָט אים נאָך לופען געפּרוווט אָפּצוהאַלטן, — מיר האָבן נאָך קיין קאַווע ניט געטרונקען. מירן נאָך פאָרן אויפן מאָנמאַרטר...

— איר זענט גוט, מאָסיע לופען! אַן אַנדערער אויף אייער אָרט וואָלט מיך געפּרוווט אָפּהאַלטן ניט מיט נייע פאַרגעניגנס, נאָר מיט אַ פאָרוואורף, אַז אַנטלויפן אַזוי איז פּחדנות... נאָר אויך ד אָ ס וואָלט מיך ניט געאַרט.

— ס׳איז נאַאיוו צו בלאָזן אויף קאַלטן, ווען מען בריט זיך אָפּ מיט הייסן...

— אָבער — נאַטירלעך!.. נאָך איין פראַגע, פריינט לופען: צוליב וואָס האָט איר געבראַכט אַהער די אָרעמע מאַדאַם מלאָטעק?

— צוליב גאַנצקייט. כדי איר זאָלט קלאָרער זען וואו איר האַלט אין דער וועלט און ציען קאָנסעקווענצן.

— איך האָב זיי געצויגן און איך דאַנק אייך פאַר אייער הילף! עס איז אינעם געשמאַק פון אַן עכט־פראַנצויזישן גייסט, ווי איר זייט. מיר בלייבט נאָר בעטן אייך צו אַנטשולדיקן מיך פאַר די דאַמען. טוט מיר אַ טובה און זאָגט זיי, אַז איך האָב מיך עפּעס דערפילט שלעכט. מאַדאַם מלאָטעק וועט דאָס באַשטעטיקן...

ווען די לעצטע טענער פון וואַלצער זיינען פאַרקלונגען געוואָרן, איז שוין ברין, מיטן הוט אויפן קאָפּ און מיטן מאַנטל אויפן אָרעם, געלאָפן אַראָפּ די מירמלשטיינערנע טרעפּ פון דער גרויסער טאַווערנע. ערשט ווען ער איז שוין געווען דרויסן האָט ער דעם מאַנטל אָנגעטאָן.

*) אַ גט!

פ ע ר צ נ ט ע ר   ק אַ פּ י ט ל

www.libtool.com.cn

אין דער נאכט אריין

1.

די פּאַריזער נאָוועמבער־נאַכט, וועלכע האָט געפּאָלגט און פּאַר־פּאָלגט דויד ברינען, נאָכדעם ווי ער איז אַנטלאָפן פון דער דריי־פּאַרלעך געזעלשאַפט, אין דער טאַווערנע אויף אַוועניו וואַגראַם, האָט זיך געצויגן און געפּלאָנטערט אים אָן אַ טאָלק. ס׳איז געווען ווי אַ קאָשמאַר, אין וועלכן ס׳איז ניטאָ קיין שום לאָגיק און קיין שום פריער און שפּעטער, נאָר אַן אומאויפהערלעכער געפיל פון פּיין און ווידער־ווילן. אָבער אויפכאַפּן זיך איז ניט מעגלעך. מען מוז טרוימען און פיבערן ביזקל סוף, אויסטרינקען ביזקל דעק, ווי אַ ברודנעם קאקטייל פון ווייַן און זייף־מולינעס.

אַ געמיש פון אייפערזוכט, קליינמוט, כעס און אומצופרידנקייט, מיט זיך אַליין און מיט דער גאַנצער וועלט, האָט אים געטראָגן ווי אַ מוטנע כוואַליע איבער די קאַלטע גאַסן, דורך לויפנדיקע פייערלעך איבערן ברוק, שטופּעניש פון מענטשן — אויף די טראָטואַרן, און אַרויסגעטראָגן אים פון וואַגראַם אויפן בולוואַר מאַלזהערב. באַלד נאָכדעם האָט ער דערזען, אַז ער שאָקלט זיך אין אַ פול־געפּאַקטן אַטאָבוס און פאָרט, פאָרט... אַ באַלויכטענער זייגער, ערגעץ־וואו אויף אַ וואָקזאַל־טורעם, באַווייזט דריי־פערטל איינס נאָך האַלבער נאַכט. דער אַטאָבוס בלייבט שטיין. ער גייט אַראָפּ און שלעפּט זיך ווידער צופוס. די פינצטערע אַרעמס פון „נאָטר־דאַם־דע־פּאַריז״ וואַקסן אויס פון דער נאַכט אַרויס און ציען זיך אין פאַרנעפּלטן הימל אַריין. די פייערלעך פונעם סענאַ־אינדזל רינגלען אים אַרום ווי אַ סטאַדע בינען און בייסן אים אין די פיבערדיקע אויגן. ער לויפט אַוועק ווייטער און שטייגט איבערן משופּעדיקן טראָטואַר פון בול־וואַר סאַן־מישעל. דאָס מאַטערט אים גיך אָפּ. ער פאַרלאַנגזאַמט די טריט, כאַפּט זיך פאַרן האַרצן און באַטראַכט־זיך:

— דאָס איז נאָך קיינמאָל, ביז איצטער, ניט געווען. אַזאַ קליינע אָנשטרענגונג זאָל מיר פאַרכאַפּן דעם אָטעם. איך בין מיד. איבעריקנס, צוליב וואָס און צוליב וועמען אייל איך זיך אַזוי? די שטראָף פאַרן געניסן צופיל פון עולם־הזה וועט סיי־ווי־סיי קומען...

און נאָך אַ ווײַלע שפּרייזן טראָט ביי טראָט:

— אין האַרצן האָסטו דאָך, אייגנטלעך, אַליין געוואָלט דער „עולם הזה" זאָל זיך ווי ניט איז ענדיקן. האָסט געלעכצט נאָך דיין איינזאַמקייט, נאָך דיין שאַפערישער רו אין אַטעליע. און אָט, אַז ס׳איז געקומען, אפשר אַ ביסל גיכער ווי דו האָסט געמיינט, ביסטו אומ־גליקלעך. לופען איז דאָך גערעכט. דיין אייגנליבע טוט דיר מער ווײ ווי דיין אַזוי־גערופענע אַנטוישטע ליבע. דיך פאַרדריסט וואָס סאָלאַנש האָט די ערשטע געמאַכט אַ סוף און ניט דו. האָסט איר געוואָרפן די „הענטשקע", אונטער איר נאָז, פאַרפירט די באַלייבטע און נאַרישעוואַטע מאַדאַם מלאָטעק. סאָלאַנש האָט דעם קאַמף אויפ־גענומען און דיך געשיקט צו אַלדי קאַדיק... רעכט אַזוי! היינט וואָס ווילסטו נאָך ?..

דאָס שטיקעלע חשבון־הנפש האָט אים מער־ווייניקער באַרואיקט, האָט ער זיך גענומען אַרומקוקן וואו ער איז. און דאָס ערשטע וואָס אים האָט זיך געוואָרפן אין די אויסגעטשוכעטע אויגן איז געווען דער פייערדיקער אויפשריפט פון „קאַפע ד׳אַרקור". דאָס ציעניש אין האַרצן האָט אים דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך היינט אָוונט אַזוי גוט ווי גאַרניט געגעסן, איבערגעלאָזן דעם גוטן אַפעטיט אויף לופענס איינלאַדונג און דערנאָך זיך כמעט ווי ניט צוגערירט צו די שיינע געריכטן. עס וואָלט, אַלזאָ, געווען אַ יושר איבערכאַפּן דאָס האַרץ מיט אַ סענדוויטש און אַ גלאָז ביר. ביז צוויי נאָך האַלבער נאַכט קאָן מען נאָך זיצן. אַז מען וועט אָנהויבן שליסן די קאַפע הייזער וועט ער זיך ווידער אַן עצה־געבן. נאָר ניט בלייבן איצט איינער אַליין...

קאַפע ד׳אַרקור אויפן בולוואַר סאַן־מישעל איז אַ מין פאָדער־קאַמער פון „דאָם" און „ראָטאָנד". די וואָס ווערן מיד פון מאָנ־פאַרנאַס לויפן צום בולוואַר פון „הייליקן מיכל", און פאַרקערט. ס׳איז די זעלבע באַהעמע און די זעלבע סביבה, נאָר אַ ביסל אַנדערש געשליי־ערט. ד׳אַרקור איז נאָך עלטער ווי די אויפגעקומענע קאַפע־הייזער אויפן מאָנפּאַרנאַס; איר יחוס איז גרעסער, אירע טראַדיציעס פון אַמאָליקן פאַריז, וואָס אָנבאַלאַנגט סערווירונג און געריכטן — פעסטער.

געבלענדט פון די שטאַרקע ליכטער איז אַהער ברין אַריינגעקומען מיט אומזיכערע טריט, באַזעצט דעם ערשטן פרייען טישל, געמאַכט זיין באַשטעלונג. און ווען ער האָט שוין געהאַלטן דאָס גלאָז ביר אין האַנט האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אַ ציטער־געגעבן און זיין פולע גלאָז צוריק אַוועקגעשטעלט. דער ערשטער פרצוף־פנים, וואָס ער האָט דייטלעך דערזען, איז געווען מאַקס האַרקאַוועס. יענער האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ מינע פון אַ מענטשן, וואָס האָט איינגענומען ריצנאַייל. די בלאַסע

www.libtool.com.cn

פאַלדן פון ביידע זייטן נאָז זיינען ביי אים געווען האַרט אָנגעצויגן, און זיין בלוי־ראַזירטע גאמבע האָט זיך שטאָלץ געטוליעט אין גרויסן קינסטלער־שניפּס, וואָס איז אויסגעפלאָכטן ווי אַ שוואַרצע פלעדערמויז מיט ווייסע פּינטעלעך. מיט אים צוזאַמען איז געזעסן די זעלבע דיקלעכע דאַמע מיט דער אָנגעקרויזלטער אומנאַטירלעך־בלאָנדער פריזור, וועלכע האָט אים אייערנעכטן באַגלייט אין „ים־שטערן", לעבן דער גרויסער אָפּערע. קורץ, יענע אָפּגעפּאָרענע לייביכע פון קינסטלער־בולוואַר, וואָס לייגט, ווי עס ווייזט אויס, לעבלעכע קאָמפּרעסן צו האַרקאַווקעס אויס־געפּאַטשטער באַק...

אין זיין, ברינס, גערייצטקייט האָט אים דאָס פּאָרל ·געטראָפן ווי אַ פּאַרפּאָלגונג. דאָס קאָמישע אין זיי איז פאַרשוואונדן, דאָס סימבאָלישע איז געבליבן. ער, ברין, אַנטלויפט פון זיין פאַרגאַנגענהייט און זי לויפט אים נאָך. ער איז אַריין כאַפּן אַ טרונק און אַ צוביים, אָפּרוען זיך אַ ווײַלע, און זי, די פאַרגאַנגענהייט, זיצט שוין דאָ ווידער און וואַרט אויף אים, באַטאַפּט אים מיט אירע לאַנגע קלעפּיקע לאַפּקעס, באַטראַכט אים מיט ניט־גוטע צוויי פּאָר אויגן... אפשר באַצאָלן די באַשטעלונג און ווידער לויפן? ניין, דאָס ניט! איך זיץ דאָ, טרינק מיין ביר און זאָל דאָס פּאָרל קוקן און קראַפּירן. איך זיץ!

אין ברינס פּנים איז אָבער, קענטיק, געשטאַנען זיין ניט־צופרידנ־קייט מיט זיך אַליין, זיין מידקייט, זיין ניט־זיכערקייט אין דער נעקסטער שעה, ווען ער וועט שוין האָבן אויסגעטרונקען זיין גלאָז ביר... וואָרעם אינעם חוצפּהדיקן אָנקוקן וואָס האַרקאַווקעס דאַמע האָט אים אָנגעקוקט, איז געווען קלאָר געזאָגט אויף שטום־לשון: „זע נאָר, זע, וואָס עפּעס אַליין? וואָס עפּעס אַזוי צעטראָגן?.." האַרקאַווקע האָט איר נאָך צוגעהאָלפן: אַ קוק געטאָן אויף זיין זייגערל, אַ קוק אויף ברינען, און אַ קרומער שמייכעלע האָט זיך צעשלענגלט אויף זיינע פאַרוועלקטע ליפּן: „הע, הע! דו זשליאָקעסט איינער אַליין? שוין ווייטער אַוועק־געוואָרפן דיך? נאַ, דאָס מאָל, גאָט צו דאַנקען, בין איך ניט שולדיק..."

שפּעטער, ווען ברין איז געווען רואיקער און האָט זיך רואיקערהייט איבערלייגט, האָט ער אַליין פאַרשטאַנען, ווי קינדיש עס איז געווען צו מיינען, אַז יענע מיינען אַזוי... אָבער אין דעם מאָמענט איז ער ניט געווען אימשטאַנד אָפּצוגעבן זיך אַ קלאָרן חשבון. יעדער ריר און יעדער בליק האָט אים אויסגעזען צען מאָל איבערגעטריבן, פאַרגרעסערט און אָפּלאַכעריש געווענדט קעגן אים. זיין כעס אויפן פּאָרל, וואָס „פאַר־פאָלגט" אים דאָ, האָט אין אים געקאָכט. נאָך אַ ווײַלע אַזאַ און ער וואָלט אויפגעשפּרונגען און געוואָרפן זיין ניט־דערטרונקענע גלאָז ביר

www.libtool.com.cn

האַרקאַווקען אין קאָפּ אַריין, דעם ניט־דערגעסענעם סענדוויטש — אין מיאוסן פּנים.

www.libtool.com.cn

אָפּגעהאַלטן דערפון האָט אים אַ נייער גאַסט, וואָס האָט אים אויסגעזען באַקאַנט. אַ שלאַנקער מאַן מיט קלוגע אויגן און מיט אַ דערבי־קאַפּעליושל אויפן קליינעם קאָפּ איז אַריינגעקומען. פאַרבייגייענדיק האָט אים יענער העפלעך באַגריסט, און ברין האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס איז דעלבאַק, זשאַן דעלבאַק דער קריטיקער און דער נאָענטער מיטאַרבעטער פון „נאָטר אַר׳ט“*), וואָס האָט אַזוי טרעפלעך אַרונטערגעריסן סאַניאַס „פּיאַלעטע און געלע סימפאָניעס“, ווען זי האָט אָנגעמאַליעוועט אַ סך לייוונטן אין ראַמען און איז געוואָרן זעלבשטענדיק... האָט זיך ברין אויפגעשטעלט, אָנגערופן אים ביים נאָמען און געבעטן צוזעצן זיך, אויב... פאַרשטייט זיך, אויב קיינער וואַרט דאָ ניט אויף אים.

זשאַן דעלבאַק האָט די איינלאַדונג אָנגענומען, צוגעזעצט זיך. פאַרזיכערנדיק ברינען, אַז ער איז זייער צופרידן צו טרעפן זיך מיט אים. וואָס מאַכט ער? שוין לאַנג ניט געזען זיך... אויף וואָס אַרבעט ער איצט?..

ברין האָט ניט באַוויזן צו ענטפערן, וואָרעם ביים טישל קעגנאיבער איז געוואָרן אַ שטיקל גערודער. האַרקאַווקע האָט אומגעדולדיק גענומען רופן דעם סאַרווער און באַצאָלט שטייענדיקערהייט. די אָנגעקרויזלטע דאַמע האָט נערוועאיש גענומען זוכן דעם צווייטן אַרבל פון איר מאַנטל מיט איר דיקן אָרעם, ביז דער קאַוואַליער אירער האָט זיך געכאַפּט און גענומען העלפן. און ביידע, ניט אומקוקנדיק זיך מער, האָבן אין איילעניש פאַרלאָזן דעם קאַפע־זאַל.

ברין האָט מיט צופרידנקייט נאָכגעקוקט דאָס אַנטרונענע פּאָרל, אָנגעקוקט דעלבאַקס פאַרשמייכלטן אויסדרוק און ניט פאַרשטאַנען דעם צוזאַמענהאַנג, ביז יענער האָט זיך צעלאַכט:

— ווי אַ מויז דערזעענדיק אַ קאַץ!.. — זינט איך האָב אין „נאָטר אַר׳ט“ אַרונטערגעריסן די טובה־קריטיק פון אָט דעם אַנטלאָפענעם „מאַסיע“ קאָן ער דאָס ניט פאַרגעסן. ער וועט שוין פאַרזאָגן אַ צענטן צו מאַכן אַזעלכע אויסשטעלונגען. אַך, אַנטשולדיקט!..

דעלבאַק האָט זיך, ווייזט אויס, געכאַפּט, אַז האַרקאַווקעס טובה־אויסשטעלונג האָט געהאַט צו טאָן מיט ברינס אַוועקגעגאַנגענער ווייב. האָט ער זיך דערפאַר אַליין איבערגעשלאָגן מיט אַ ניט־פאַסיקער אַנטשולדיקונג.

---

*) „אונדזער קונסט“.

— אין אַלגעמיין, — האָט דעלבאַק מיד אַ גענעץ־געגעבן, — האָב איך היינט אַ שלעכטן טאָג.
www.libtool.com.cn

— איך אויך... איך אויך! — האָט ברין אונטערגעכאַפּט. אַ ביסל צו היציק האָט ער דאָס געטאָן, אַזוי אַז דעלבאַק האָט אים פאַר־וואונדערט אָנגעקוקט. און נאָך אַ ווײַלע טראַכטן, גענומען ריידן מיט יענער פיינער איראָניע, וועלכע איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש אין אַלע זיינע אַרטיקלען:

— מ י י ן שלעכטער טאָג מיינט ניט ספּעציעלע איבערלעבונגען, נאָר ריין־קריטישע אַנטוישונגען. די מיטלמעסיקייט האָט מיך היינט פאַרפאָלגט. נאָכן פרישטיק האָב איך באַזוכט אַן אויסשטעלונג פון אַ נייעם פּרעטענציעזן מאָלער — מיטלמעסיקייט! נאָך מיטאָג אַ קאָנ־צערט — מיטלמעסיקייט. היינט ביינאַכט אַ טעאַטער־שטיק געזען. קוים אויסגעזעסן... ווידער אַמאָל מיטלמעסיק.

— אַזאַ זאַך ווי מיטלמעסיקייט, — גיט ברין אַ הויב מיט אַ פּליי־צע, — איז אפשר אַ מיטל צו כאַפּן אַ דרימל, אָבער זיין פאַרפאָלגט?.. אויף מיר געזאָגט געוואָרן!..

— זאָגט ניט! דעם „גיהנום" פון דאַנטע קענט איר? דאָרטן איז דאָ אַ סצענע פון די „בייטראַלע" און ווי אַזוי זיי ווערן געמשפּט. דאָס זיינען די געמיינסטע, די מיאוסטע צווישן אַלע געפּייניקטע. און דער גרויסער דיכטער באַציט זיך צו זיי מיט דער געהעריקער פאַראַכטונג. וואָרעם די „בייטראַלע" זיינען דער אייביקער שלאַבעדיקער מ י ט ן צווישן יאָ און ניין, צווישן פּאָזיטיוו און נעגאַטיוו, צווישן זינד און פרומקייט.

די מיטלמעסיקע אין קונסט זיינען, אומגעפער, די זעלבע „בייטראַ־לע" ווי אין דער מאָראַל. זיי זיינען אָפּטמאָל שעדלעכער ווי די שונ־דיסטן... און פאַרוואָס? דערפאַר ווייל צווישן טאַלאַנט און טאַלאַנט־לאָזיקייט איז דאָ אַ תהום, אַן אייביקער תהום, ווי צווישן פאַפּירענע און לעבעדיקע בלומען, ווי צווישן אַנדערסענס אמתן און קינסטלעכן סאָלאָוויי*). אויף ביידע זייטן תהום, צווישן אָט די צוויי פעסטונגען, איז פון אוראַלטע צייטן אָן אויסגערופן געוואָרן דער קאַמף פאַרן גוטן געשמאַק פון איין זייט און פאַר „דערפאָלג" — פון צווייטן זייט. ביי די וואָס באַשיצן דעם גוטן געשמאַק איז אַלץ פאַרבאָטן, ווי ביי די שטאַרק־סטע אַסקעטן. ביי די וואָס האַלטן נאָר פון דערפאָלג איז אַלץ דער־לויבט... ד אָ ס, אייגנטלעך, איז דער תהום וואָס ליגט צווישן די ביידע

---

*) אייגע פון אַנדערסענס פּראַכטפולע מעשהלעך.

ריכטונגען. און זיי וואַלטן זיך קיינמאָל ניט צוזאַמענגעטראָפן, ווען ניט די מיטלמעסיקייטן.

www.dlibtool.com.cn

די מיטלמעסיקייט — דאָס איז די פּשרה, די געמיינע פּשרה, דער וואַקלדיקער, ניט זייער ריינער בריק, וואָס פאַראייניקט פּאָעזיע און שרייבן אין גראַמען, דערציילערישע קראַפט און רעפּאָרטאַזש, קונסט און לובאָק*), מוזיק און קאַקאַפאָניע. אין דעם באַשטייט איר גרויסע שעדלעכקייט וואָס זי מישט אויס עקסטאַז מיט חשבון, מעטאַל מיט שטיין־קויל. זי, און נאָר זי, פּילט אויס דעם אָפּגרונט, צווישן די אייביקע קעגנזאַצן, מיט ווייכן. דאָס הייסט, מיטן אָפּפאַל פון אַלץ וואָס איז נאָר האַלב־אמת, האַלב־ערנסט, האַלב־פאַראַנט־וואָרטלעך, האַלב־טראַגיש און האַלב־הומאָריסטיש. איבער אָט דער ווייכער מאַסע שפּאַצירט זיך דער מיטלמעסיקער לייענער, דער מיטלמעסיקער דענקער און מיטלמעסיקער קונסט־שאַצער און עס איז אים וואויל. ער גייט איבער אָן שום דערשיטערונג פון שונד צו געניאַליטעט און — פאַרקערט, פון אָריגינאַליטעט צו שאַבלאָן, פון וויסנשאַפט צו דעליטאַנטיזם, און פאַרקערט. און ס'איז אים ווידער גוט. אַלע קעגנזאַצן ווערן פאַר אים איין פלאַך, איין געביט. ניטאָ קיין הייכן, קיין טיפע גריבער, קיין שטרויכלעניש. ס'איז גלאַט... אַזוי אַרום פאַראייניקן זיך ביי אים ווערטן מיט ווערטלאָזיקייטן. אַזוי נייטראַליזירט זיך די שפּאַנונג פון די גרעסטע מענטשלעכע גייסטער מיט קליין־בירגערלעכער אָפּגעלאָזנקייט. זיין אָדער ניט־זיין מיט „מהיכי תיתי".

— איר זעט? — אַזוי זאָגט דער מיטלמעסיקער, — מען דאַרף קיין איבערקערעניש ניט, מען דאַרף נאָר אַביסעלע יוצא־זיין פאַר אַלעמען. דער עיקר — פאַר דער מאָדע און פאַרן געשוואָרענעם קריטיקער, וואָס מאַכט אַ לעבן פון מבינות, און אַלץ וועט שוין ממילא זיין גוט און פיין.

מיט אָט דער נאָכגיביקייט איז שווער צו קעמפן ווי מיט טייג. דו שלאָגסט איין מיט דער גאַנצער קראַפט — זי גיט נאָך. און באַלד פילט זי אויס די געשאַפענע לאָך און ווערט צוריק גלאַט און ווייך. מען זעט אַפילו ניט מער דעם געשלאָגענעם אָרט... דערפאַר איז אַזוי שווער צו דיסקרעדיטירן די מיטלמעסיקייט, און דערפאַר איז דער מיטלמעסיקייט גופא אַזוי לייכט צו רעהאַביליטירן זיך און צוריק פאַרנעמען איר אויסגעוואַרעמטן אָרט. אָבער. מאָסיע ברין! איר זעט מיר אויס זייער צעטראָגן. מיר שיינט, איר הערט אַפילו ניט וואָס איך רייד... אַנטשולדיקט, זייט איר עפּעס ניט איינגאַנצן?..

---

*) בּיליקע דרוק־מאָלערייען.

ברינס פנים האָט זיך ווירקלעך פאַרענדערט. ער אַליין האָט זיך אויף דעם ניט געריכט. אינמיטן פאָלגן נאָך דעלבאַקס געדאַנק, איז אים מיטאַמאָל איינגעפאַלן, אַז פון קאָפּע ד׳אַרקור, וואו ער זיצט איצט, איז, אייגנטלעך, ניט מער ווי אַ פערטל שעה גאַנג ביז דער לוקסענבורגער אַלעע און דאָרטן וואוינט דאָך סאָלאַנש. אירע פענצטער גייען אַרויס צום פאָנטאַן פון די פיר וועלט־ראָסן...

www.libtool.com.cn

זיין אומרואיקייט האָט גיך געוומען שטייגן. דער איינגעדרימלטער „צאָן־ווייטיק" אין האַרצן האָט זיך אויפגעכאַפּט: „מען מוז זען צי אירע פענצטער זיינען באַלויכטן, צי ניט..." אַ פּינצטערער פאַרדאַכט איז אויף אים פּלוצלונג אָנגעקומען און אינגאַנצן צעמישט. מיט געפּלאָנ־טערטע ווערטער האָט ער זיך גענומען אַנטשולדיקן פאַר דעלבאַקן, אַז... יאָ, אים איז עפּעס ווירקלעך ניט גוט. אפשר איבערגעאַרבעט זיך. ער ווייסט אַליין ניט...

און פּונקט ווי האַרקאַוועקע, פון וועמען מען האָט דאָ אָקערשט געלאַכט, בשעת ער האָט אַזוי אייליק פאַרלאָזן דאָס קאַפּע־הויז, אַזוי איז ער, ברין, אויפגעשפּרונגען פון זיין באַקוועמען אָרט. האַרקאַוועקעס נערוועאישער גלגול איז, דוכט זיך, אין אים אַריין. ער האָט אויך אומ־געדולדיק גענומען רופן דעם סאַרווער. באַצאָלט — האָט ער זיך נאָך האַסטיקער אָפּגעזעגנט און איז אַרויס.

זשאָן דעלבאַק איז געבליבן זיצן ביים איינלאַדונג־טישל מיט אַ מינע פון פאַרלעגנקייט:

— שווער צו גאַווירן אָט די באָהעמע־יונגען!... ברין האָט אפשר פאַלש פאַרשטאַנען מיין מיינונג וועגן מיטלמעסיקייטן? אָנגענומען אַ ניט־געלונגענעם אויסדרוק אויף זיין חשבון?..

דאָס איז אָבער ניט געווען דער פאַל. געיאָגט האָט ברינען אַ גאַנץ אַנדער חשבון, וואָס איז, אין גרונט גענומען, קיין שום חשבון ניט, נאָר אַ ווילדער איינפאַל, וועלכן ער איז געלאָפן קאָנטראָלירן. ער מוז... ער מוז וויסן דעם גאַנצן אמת און גלייך אויף אָן אָרט!.. פון וואַנעט האָט ער גענומען די זיכערקייט, אַז ער וועט „דעם אמת" אַנטדעקן? דאָס האָט ער אַליין ניט געוואוסט. יאָגנדיק זיך אַרויף בולוואַר סאָן־מישעל, פאַרביי די געשלאָסענע טויערן פון לוקסענבורגער גאָרטן, האָט ער געוואָלט נאָר איין זאַך: וואָס גיכער דערגרייכן סאָלאַנשס וואוינונג.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער שוין פאַרקערעוועט רעכטס, פאַרביי דער גרויסער אָראַנזשערייע. און אָט לויפט ער שוין, אַ פאַר־סאָפּעטער, אין דער לוקסענבורגער אַלעע. דער שמאָלער גאָרטן מיט די

www.libtool.com.cn

בענקלעך איז דאָ אויך געשלאָסן. מען קאָן זיך דאָ אָבער האַלטן אין שאָטן פון די דיקע נאַקעטע פּלאַטאַנען־ביימער. מילויפט איבער פון שטאָם צו שטאַם, ביז מען דערקלייבט זיך צום הויז, וואו יענע וואוינט און מען קוקט אַרויף. אָט איז דער פּאָנטאַן און אַקעגן־איבער, אויפן צווייטן שטאָק, סאָלאַנשס וואוינונג. די פענצטער זיינען שוואַרץ. ביטאָ קיינער... דער בייזער גייסט זיינער האָט אים, אַלזאָ, אָפּגענאַרט. איבערגעלאָזן זשאַן דעלבאַקן אינמיטן געשפּרעך, געלאָפן, געקומען... און וואָס ? גאָרנישט... מיאוס, גאָר מיאוס ! פאַרליבטע שילער, וואָס האָבן זיך אָנגעלייענט מיט דעטעקטיוו־ראָמאַנען, פירן זיך אַזוי אויף.

און ווי ער יאַדעט זיך אַזוי און נעמט זיך דעם לעבער, דערהערט ער מיט אַמאָל אַז אַ טאַקסי דערנענטערט זיך פון מאָנפּאַרנאַסער ראָג, דאָרטן וואו קאַפע „לילאַ" שלאָפט שוין איצט מיט אירע אויסגעלאָשענע פענצטער. דער אָטאָמאָביל האָרנט צו אַ פאַרשפּעטיקטן פוס־גייער, וואָס לויפט אַריבער די גאַס, פאַרלאַנגזאַמט זיין אימפּעט און בלייבט שטיין לעבן טויער פון סאָלאַנשס וואוינונג.

ברין שטייט אין געדיכטן שאָטן פון אַ דיקן שטאַם און לוגט ווי אַ פאַרשווערער. זיין האַרץ בלייבט שטיין פון שפּאַנונג. און זע נאָר ! זיין חוש האָט אים ניט אָפּגענאַרט... ניין ! ניט אומזיסט האָט ער איבערגעלאָזן דעלבאַקן אינמיטן דרשה וועגן מיטלמעסיקייטן און געקומען צולויפן אַהער. ניין, ניין ! ניט אומזיסט...

דער אָטאָמאָביל האָט קאָכנדיק אויפגעמאַכט איין פליגל און פון אינעווייניק איז עלאַסטיש, ווי אַ גרויסער קאָטער, אַרויסגעשפּרונגען אַ ברייט־פּלייציקער מאַן אין שוואָרצן און באַלד נאָך אים — אַ יונגע פרוי אין אַ מאַנטעלע מיט שוואַרצע עקעלעך. עס איז געווען דאָס זעלבע הערמעלין־מאַנטעלע, וועלכן ער, ברין, האָט איבערגעלאָזן, מיט אַנדערטהאַלבן שעה צוריק, אויפן הענגער אין טאַווערנע אויף אַוועניו וואַגראַם...

אַרויסגייענדיק פון דער טאַקסי האָט זיך די יונגע פרוי פאַרטשעפּעט, אומגערן אָדער אומיסטנע, מיט די קאָרקעלעך פון אירע באַזילבערטע שיך. און אַנשטאָט אַרויסצוגיין איז זי אַזוי גוט ווי אַריינגעפאַלן אין די אויסגעשטרעקטע אָרעמס פון איר קאַוואַליער, וועלכער האָט זיך דערמיט באַנוצט, געכאַפּט קושן זי און ניט אָפּגעלאָזן... דער פאַריזער נאַכט־שאָופער, וועמען ענלעכע סצענעס זיינען קיין נאָווינע ניט, האָט געדולדיק געוואַרט ביז דאָס פּאָרל וועט ענדיקן. פון דער פּראַקטיק האָט ער געוואוסט, אַז וואָס לענגער דאָס קושעניש וועט דויערן, אַלץ גרעסער וועט זיין דאָס טרינקגעלט... און אַזוי איז טאַקע

געשען. נאָכן באַצאָלן אים, האָט זיך דערהערט זיין פריילעכער „מערסי״.

www.libtool.com.cn

דער אָטאָמאָביל איז אָפּגעפאָרן און דאָס פּאָרל האָט אָנגעקלונגען ביי דער קאָנסיערזשקע. דאָס נאַכט־טירל פון טויער האָט זיך אָטאָמאַטיש אויפגעמאַכט, איינגעשלונגען זייביידן און זיך פאַרהאַקט.

לאַנגע מינוטן ציען זיך... פאַרוואָס אַנטלויפט ער ניט ? קלאָר־קייט האָט ער דאָך געוואָלט. איצט איז שוין אַלץ קלאָר!.. אָבער דער שאָטן פון הוילן פלאַטאַן־בוים איז שוואַרץ ווי פעך און זיינע, ברינס, פיס זיינען אין אים איינגעקלעפּט. שטייט ער און רעכנט קעגן זיין אייגענעם ווילן. די צוויי טרעפּן, וואָס פירן צום גן־עדן מיט די צוויי זילבערנע דראַקאָנען און קווייטן אויף דער בעט־דעקע, האָט דאָס פּאָרל שוין לאַנג געקאָנט באַשטייגן. זיי קושן זיך, מסתמא, נאָך יעדן טראָט־אַרויף, דערפאַר געדויערט דאָס... נאָר אָט ווערט ליכטיק אין סאַלאָנשס פענצטער! איין סטאָרע האָט מען פאַרגעסן, נאָר אויך זי לאָזט זיך אַראָפּ. אָן אַנדער „אָדם״ זיצט אין גן־עדן אָנשטאָט אים. באַלד וועט ער דאָרטן ליגן אויך... דער פאַרטריבענער אָדם איז ער, בריק, מיט זיין אייגענעם כבוד. גיי, מענטש! אין דער נאַכטיקער שטאָט אַריין וואָס דרימלט שוין און מורמלט פון איר אומרואיקן שלאָף מיט געראַוישן, לויפנדיקע פייערלעך. פּיס־קלאַפּעריי פון פאַרשפּעטיקטע פּאַסאַנטן און מיט פאַרשפּעטיקטע טראָפּנס פון איינגעשלאָפענעם פאָנטאַן...

2.

ווי געשלאָגן מיט אַ ציגל איבערן קאָפּ, אַזוי איז בריק געשטאַנען, אומבאַוועגלעך, אַפּאַטיש... און מערקווירדיק! אַ שמייכעלע האָט אים צעצויגן די ליפּן. אין היגהער־פּלעט, ווי ער איז געווען, האָט ער פּונדעסט־וועגן געהאַט אויגן צו זען דעם קאָמיזם פון זיין לאַגע: איצטער ווייסט ער פאַרוואָס ער איז אַזוי געלאָפן. געטריבן אַהער האָט אים דאָס זעקסטע געפיל, מיט וועלכן אָקוליסטן מאַכן געשעפטן. נאַ, דאַסמאָל האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזן אַלס ריכטיק... איז אָט שטייט ער דאָ, אין אַ שאָטנ־דיקן ווינקעלע, און זעט צו ווי דאַל נעמט אים אַוועק זיין מאָדעל־מיידל. דאָס לייוונטענע בילד האָט זיך אַרויסגעוויזן שוואַך. דער מירמלשטיינ־בלאָק האָט דאָס בילד דורכגעריסן. דער סקולפּטאָר־האַמער האָט צע־קלאַפּט דעם פּינזל. ווער ס׳איז ברוטאַלער, דער געווינט... איצטער, ווי עס ווערט דערציילט אין אַ שונד־ראָמאַן, וואָלט מען געדאַרפט שפּילן דעם אייפערזיכטיקן, אָנקלינגען, זיך אַריינברעכן אין סאַלאָנשס וואוי־נונג, כאַפּן דאַלן אין פּאַדזשאַמעס און אָנהויבן שיסן... האַ, האַ, יאָ. איצטער איז די ריכטיקע צייט!..

www.libtool.com.cn

דאָס אומווילקירלעכע געלעכטערל האָט ברײנען אויפגעוועקט פון זיין פאַרשטיינערונג און, ווי אַ ברויזנדיקער גאַז, אָנגעפילט אים, געמאַכט לייכטער. די פיס האָבן זיך גענומען באַוועגן פון זיך אַליין. לכתחילה לאַנגזאַם, דערנאָך — גיכער און גיכער. איצטער וואָלט מען זיך געדאַרפט אַריינזעצן אין אַ נאַכט־טאַקסי און פאָרן אַהיים. פּראָסט און פשוט פאָרן אַהיים און לייגן זיך שלאָפן. ס׳איז אַפילו ניט ווער־ווייסט וואָס פאַר אַ פינאַל צו אַזאַ ברויזנדיקן, קורצן ראָמאַן. וועט ס׳איז, אָבער, ניטאָ מיט וואָס צו ענדיקן, שרייבט דער שלימזלדיקער פּראָפעסער צו: „אַזוי איז דאָס צעשיידטע פּאָרל אַוועק שלאָפן, יעדער איינער אין זיין וואוינונג. און אַלץ איז אַוועק מיט זיין נאָרמאַלן גאַנג...“

נאָר דאָס פאַרשטעלן זיך זיין פינצטערע אַטעליע אויף רי־וואָזשי־ראַר׳יד האָט ביי ברײנען באַלד אויסגעלאָשן די לעצטע בליצלעך פון זיין תליה־הומאָר. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט דאָס פירעקיקע שטיק פינצטער־ניש אין זיין היים, מיטן קליינעם פירעק פון דאַך־פענצטערל אין דער הויך; דאָס אומברחמנותדיק קאַליע־געמאַכטע בילד אינעם זעלבן חושך, מיט איינגעגעסענער גאָלד־פאַרב באַשפּריצט; דעם לעצטן ריח פון סאָלאַנגעס פאַרפיומירטע האָר אויפן באַלקאָן־בעט... דאָס האָט אים אַזוי אָפּגעשראָקן, אַז ער האָט גענומען אויסמיידן יעדער פאַרבייפאָרנ־דיקע טאַקסי, כדי ניט לאָזן פאַרפירן זיך פון איר. די פיס האָבן גע־אַרבעט אַלץ גיכער און גיכער. און, ווי אין אַ גרויזאַמען שפּיל־ראָד אויף אַ יאַריד, האָבן זיך אים געדרייט אין מידן קאָפּ די העליש־קאָלירטע נאַכט־העמדער, וואָס ביי טן זיך, אַוודאי, איבער סאָלאַנגעס טונקעלן לייב: בלויע, רויטע, גרינע, געקווייטלטע, געפּינטלטע. ער זעט אַפילו ווי דאָל ווערט אַלץ מער און מער געררייצט, ביז ער שלאָגט איין מיטן האָרן אין רויטן זייד אַריין, פון לעצטן עפּעקטפולן העמד, ווי אַ צעוויל־דעוועטער אָקס אויף אַ שפּאַנישער אַרענע...

אָפּגעגאָסן מיט שווייס, האָט זיך ברין ווידער דערזען אויפן האָר־ביקן בריק פון דער סענע קעגנאיבער „נאָטר־דאַם־דע־פּאַריז“. אפשר גאָר אַ שפּרונג־טאָן איבער דער אייזערנער פּאַרענטשע?.. ער האָט שוין אַפילו אַזוי דייטלעך דערשפּירט, אין זיין פאַרשטעלונג, דעם ערשטן, שווערן פליוך אין דעם מוטנעם וואַסער. דאָס דורכדרינגען פון דער קאַלטער נאַסקייט דורך אַלע קליידער. עס קאָן נאָך אָפּגליקן און ביים פאַל־אַראָפּ אָפּקלאַפּן זיך מיטן קאָפּ אָן אַ באַרזשע, אָן אַ שטיק אייזן און פאַרלירן דאָס באַוואוסטזיין נאָך איידער וואָס־ווען... קוואַטש! ס׳איז דאָס זעלבע שונד ווי אַריינרייסן זיך אין סאָלאַנגעס וואוינונג, ווי פאַר־בינדן אַ באַקוועמע פאַרהעלטעניש מיט מאַדאַם מלאָטעק, ווי איבער־בעטן זיך מיט סאָניאַן...

www.hbtool.com.cn

דער נאָמען פון זיין געוועזענער פרוי האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ נייע כוואַליע פון הילפלאָזן צאָרן:

— זי, און נאָר זי, איז שולדיק אין אַלץ! די ערשטע גרוב האָט זי אויסגעגראָבן צו זיינע פיס. זינט דעם פאַלט ער אַלעמאָל אַריין און וואָס ווייטער אַלץ נאַרישער און טיפער. עס איז גוט, עס איז זייער גוט וואָס אויך זי בלאָנדזשעט אַרום היינטיקע נאַכט. זי בלאָנדזשעט אַוודאי אַזוי ווי ער, בשעת דאַל, איר תכשיט, אַמוזירט זיך מיט אַן אַנדערער... איין זאַך איז אומפאַרשטענדלעך: ווי אַזוי האָט זי, סאָניאַ, דערלאָזן דערצו! זי איז ניט פון יענע וואָס לאָזן זיך אָוועקוואַרפן אַן אַ פאַר־וואָס... ס'איז כמעט ווי זיכער, אַז געשען איז דאָס אינמיטן פאַרן אַמוזירן זיך צום מאַנמאַרטר. דאַל און סאָלאַנש האָבן געמאַכט אַזוי, זיי זאָלן פאָרן באַזונדער און, אינמיטן וועג, פאַרקערעוועט און — ניטאָ... האַ, האַ! אַזעלכע שטוקעס פאַסן זייער גוט פאַר סאָלאַנש בירט און פאַרן סקולפּטאָר, וועלכער האָט ליב, ווי ער אַליין זאָגט, אַנצונעמען אַלץ מיט די הענט... זיצט זי איצט, סאָניאַ, אין מאַנמאַרטר־קאַבאַרעט. זי פון איין זייט, מאַדאַם מלאָטעק פון דער צווייטער זייט, פראַנסואַ לופען אין מיטן. זיצט און וואַרט. ער טרייסט זיי, זעצט אַריין דעם מאַנאָקל אין לינקן אויג און נעמט אים אַרויס און זיי וואַרטן. האַ־האַ, וואַרטן זיי!..

איבערצוחזרן עטלעכע מאָל דאָס וואָרט „וואַרטן", אין אַלערליי טענער און וואַריאַציעס, האָט אים מאָדנע הנאה־געטאָן. ס'האָט אים געקילט דאָס האַרץ. כדי נאָך מער אויסצוציען די קינדישע הנאה, האָט ער גענומען מאַכן נייע קאָמבינאַציעס מיטן זעלבן וואָרט:

— וואַרטן זיי, הייסט דאָס, זאַלבעדריט אין קאַבאַרעט. נאָר סאָניאָס וואַרטן איז פון גאָר אַ באַזונדער סאָרט. זי וואַרט אויף דאַלן, און אויף מיר וואַרט זי אויך. אויב ניט איך — וועט זיך דאַל צוריקקערן, אויב ניט דאַל — איך. זיצט זי אַזוי און וואַרט.

באַלד, אָבער, האָט זיך ברין געכאַפּט, אַז אַפּלאַכן אַזוי פון אַ שוואַכן מענטשן,ווי סאָניאַ האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז קליינלעך און אַז ער אַליין איז ניט אין אַ בעסערער לאַגע ווי זי, כאָטש ער „וואַרט" ניט. האָט ער זיך אַליין אויסגעזידלט און זיין לעצט ביסל ענערגיע אַריינגעטאָן אין שטעלן פיס.

ער האָט איצט געשפּרייזט פאַרביי דעם קליינעם קאַפע צווישן „האָטעל־דע־וויל" און „שאַטלעי", וואו ער האָט זיך צום ערשטן מאָל באַקענט מיט סאָלאַנש בירט... יאָ, מיט איר. באַלד האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן שווערע, אויסגעשפּאַנטע פורן, פול מיט קרויט

www.libtool.com.cn

און מערן און סאַלאַטן, און דערזען, אַז ער איז נאָענט צום „פּאַריזער מאָגן“, אָדער צו די פּאַריזער האַלעס: די זעלבע האַלעס, וועלכע עמיל זאָלאַ האָט אַזוי ברייטלעך באַזונגען אין זיין ראָמאַן מיט אַן ענלעכן נאָמען. נאָך דער רויכיק־נעפּלדיקער לופט, אין די נאַכטיקע גאַסן, האָט אים דאָ באַזונדערס אָפּגעפרישט דער קאָנצענטרירטער ריח־פון פראַנק־רייכס פעלדער און גערטנער. דאָס בעסטע האָבן זיי אַלע אַהער געשיקט, כדי צו דינען פּאַריז — זייער קעניגין...

אָפּגעפרישט זיך, האָט זיך ברין דערמאָנט, אַז דאָ, אין די קליינע רעסטאָראַנדלעך, אַרום די האַלעס, קאָן מען באַקומען די בעסטע ים־פּרוכטן, אין ווייס־ווײַן און מיט קרייטעכער געקאָכט. אין דער פאַר־טאָגיקער קאַלטער לופט דערקוויקט דאָס בעסער ווי קאַווע. דעם דאָזיקן סוד ווייסן די פּאַריזער הוליאַקעס, וואָס טרייבן זיך אַרום גאַנצענע נעכט. אַהער, אין די האַלעס, קומען זיי פאַרטאָג צו נעמען זייער ערשטן פרישטיק.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך ברין דערזען ווי ער זיצט ביי אַ גרויסער שיסל מיט פאַרעדיקע ים־מושלען און ביי אַ פלאַש לייכטן ווײַן. און אַרום אים — אַ פאָלק פון קרעפטיקע מענטשן, מיט דריי איילנדיקע פּלייצעס, אין בלויע ברייטע בלוזעס מיט פּיטאָרעסקע היט אויף די גרויסע קעפּ און מיט מאָוימדיקע רויטע גאַרטלען, וואָס כאַפּן אַרום, ווי פאַנצערן, זייערע געזונטע בייכער. דאָס זיינען געווען די באַרימטע גבורים פון די האַלעס, וואָס הייבן אויף פינף־הונדערט־פונטיקע משאות אויף זייערע רויטע קאַרקן. זיצן זיי דאָ און לענען־אונטער דאָס האַרץ איידער די האַלעס וועלן זיך עפענען און די הורט־סוחרים וועלן זיי רופן אַריבערצושלעפּן, פון די פּראָווינץ־וועגענער אין די קראָמען און שפּייכ־לערס, טויזנטער און טויזנטער טאָנען עסנוואַרג.

— אָט, — האָט ברין פיבערדיק געטראַכט, שלינגענדיק איינס נאָך איינס די געקאָכטע ים־פּרוכטן, — אָט איז ער איינער פון די געזונט־בלוט רעזערוואַרן, וואָס דאָס פראַנצויזישע פאָלק באַזיצט, וואָס די גרעסטע שונאים פון זעלבן פאָלק זאָלן ניט זאָגן! אַ פאָלק וואָס באַזיצט נאָך, אויסער זיין אינטעליגענץ, אַזאַ קלאַס פון גבורים, איז נאָך ווייט ניט דעגענערירט און ניט אויסגעשעפּט. פון אָט די גבורים ציט דאָס גרויסע פאָלק זיין חכמה, זיין ליבע צו פרייהייט און זיין פיינעם געשמאַק, ווי אַ ברענענדיקער קנויט ציט זיין ליכטיקייט פון אַ פאַרפעטסטן טאָפּ אָנגעפילט מיט נאַפט; ווי דער מאָטאָר ציט זיין קראַפט פון שוואַרצן קויל. און ווי ווייט זיינען זיי, אָט די אַלע אַטלעטן מיט די וואָרצלדיקע לאַפּעס און קאַרקן פון אייזן, פון יענער צעלאָזנקייט, וועלכע עסט מיך

www.libtool.com.cn

לעבעדיקערהייט, צוליב וועלכער איך פאַרברויך מײַנע בעסטע טעג און נעכט לויפנדיק נאָך שאָטנס, נאָך קאַפּריזנע ווייבער. קוקנדיק אויף אַזעלכע פאַרשוואַרצטע און קרעפּטיקע וואָרצלען פון אַ פאָלק, נעמט מיך אָן אַן עקל צו זיך אַליין... סאַרוועך, נאָך אַ פלאַש ווײַן!.. אַהער און נאָר אַהער דאַרף אַזאַ מאָלער ווי איך קומען זוכן מאָדעלן, ניט אין די סאַלאָנדלעך און ניט אין די קאַפע־הײַזער מיט די צעקראָכענע נפשות, וועלכע זיצן דאָרטן, טאָג־איין טאָג־אויס, און וואַרטן — די גבורים פון די האַלעס און ענלעכע זאָלן צוגרייטן פאַר זיי און צוטראָגן אויף טעצעלעך פון אַלדאָס בעסטע... פוי! עס ווערט מיר באַלד ווידער ניט גוט, ווען איך דערמאָן זיך אָן די געפאַרבטע פּיסקלעך און געלאַקטע נעגעלעך און אויפגעשטעלטע פריזורן, ווי פאַפּירענע דעקאָראַציעס אין אַ וואָדעוויל. גערעכט איז געווען פריינט גאַבראָנסקי! ער האָט דאָס מיר דער ערשטער אויסגעמוסרט, אַז איך גיב זיך צופיל אָפּ מיט אַבסטראַקטע זאַכן. איך מאָל „שניי־מענטשן”, סימבאָלן פון „גרינע נעכט”... צוליב וואָס סימבאָלן און ניט די נעכט גופא? פאַרוואָס דווקא שיינע פּנימלעך, געטאָקטע הענטעלעך און פֿיסעלעך און ניט קרעפּטיקע כאַראַקטער־קעפּ? מענטשן־געזיכטער, ווי דער גרויסער מייסטער פון אַלע צייטן, ווי רעמבראַנד האָט זיי געמאָלט, זײַנען אַפּילו ניט געווען שיין אין קלאַסישן זין פון וואָרט, זיי זײַנען אַפּילו, מיט זייער נ י ט ־ שיינקייט, געווען אַ קעגנזאַץ צום אויפגעלעבטן קלאַסיציזם פון זעכצנטן יאָרהונדערט. די שיינקייט פון רעמבראַנדס שעדעוורען איז געווען גאָר אַן אַנדערע, אַן אינערלעכע. מענטשלעכע קנייטשן האָבן ביי אים געלויכטן פונקט אַזוי ווי די פּראָפּילן פון די שענסטע מאַדאָנעס. די ליידנדיקע געזיכטער און טיפּסטע מענטשלעכע אויגן האָט ער געפונען אין די אַמסטערדאַמער יידישע גאַסן, אין האַלב־פינצטערע געוועלבלעך, צווישן אַלטוואַרגהענדלער. אַהער דאַרף לויפן אַזאַ איינער ווי איך, פאַרפיקסירן אויפן ווייסן קאַרטאָן אָט די פינצטערע טיטאַנען, וואָס שלעפּן שפּייז פאַר קאַרליקלעך און טראַכטן אַפּילו ניט צו בונטעווען זיך קעגן אַזאַ באַרוף. זיי שלעפּן מוראדיקע משאות אויף די קאַרקן פון דער פייכטער אויפגעריסענער ערד. און די אויסגעפּוצטע ליליפּוטלעך זיצן אויף ווייכע בענקעלעך, שטרעקן אויס הילפלאָזע הענטעלעך, קאָמאַנדעווען און שרייען אויף זייערע ריזיקע שפּייזער — יענע זאָלן זײַן נאָך רירעוודיקער, זאָלן גיין גיכער... דאָס, האַ, האַ, וואָלט געווען אַ סימבאָל! אַ סימבאָל און אַ וואָרנונג, אַז די פיינסטע קולטור איז פאַרמשפּט צום טויט, אָן דער רויער קראַפט, וועלכע שפּייזט זי און באַשיצט זי פון אַלע זײַטן...

אַ סענטימענטאַלער געוויין־קראַמף האָט ברינען אָנגענומען. אין

www.libtool.com.cn

זיין פּלוצלעכער האַלב־שיכורער ליבשאַפט צום „פּאָלק“ האָט ער זיך שיר ניט געוואָרפן קושן די גרויסע פּאַרמאַזאָליעטע לאַפּעס פון די ריזיקע, רויט־געגאַרטלטע גבורים, וואָס הודזשען דאָ אַרום אים אין פּאַרטאָגיקן דאַמף פון פיש־זופּן און ווייַן אויף די דעמבענע טישן... נאָר דאָס וואָלט שוין געווען אַ ביסל צו טעאַטראַל און צו אויפפאַלנדיק! בעסער איז לויפן צו מישעל גאַבראָנסקין אויפוועקן אַט דעם ליבן טשודאַק, וועלכער האָט אים דער ערשטער אויפמערקזאַם געמאַכט וועגן דעם מאַלעריש־פאַלשן סטיל וואָס ער האָט זיך אויסגעוויילט, אויפוועקן אים און שווערן אים, אַז ער איז גערעכט און אַז זיין באַציאונג צו קונסט איז אַ גערעכטע און אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט ער, ברין, תשובה־טאָן און אויפהערן מאָלן פאַר „איידעלע ליידיקגייער און פאַר ראַפינירטע סנאָבן“, ווי דאָס הייסט ביי גאַבראָנסקין. ער וועט אויפהערן מאָלן סטיליזירטע לייוונטן, און בכלל — אַלץ וואָס איז אַבסטראַקט און אומ־פאַרשטענדלעך פאַרן פּראָסטן פאָלק... יאָ, דאָס איז זיין פעסטער באַשלוס!

אומגעדולדיק ווי ברין איז געוואָרן, האָט ער זיך, פונדעסטוועגן, באַלד איבערגעלייגט, אַז לויפן אויפוועקן גאַבראָנסקין, צוליב אַזאַ האַרץ־אויסגיסעניש, וואָלט געווען איבעריק און זייער טאַקטפול — אַוודאי ניט... מילא, ער וועט שוין ווי ניט איז איבערוואַרטן דאָ דעם סוף נאַכט. אַבי ניט גיין אַהיים און ניט אַריינפאַלן אין דער טונקעלער אַטעליע, ווי אין אַ גרוב־אַריין.

די פוסטע ים־מושלען אין שיסל זיינען געוואָרן אַלץ מער. דער גאָלדיקער ווייַן אין פלאַש — אַלץ וויניקער. און מיטן ערשטן בלויען אויף טאָג האָט ברין געכאַפּט דעם ערשטן אָטאָבוס ביי די האַלעס און איז אַוועקגעפאָרן צום לאַטיינישן קוואַרטאַל.

3.

אויף זיין אָנקלינגען אין טיר איז גאַבראָנסקי אַרויס אויפצומאַכן אים, אַזוי ווי ברין האָט זיך פאָרגעשטעלט. אַזוי און ניט אַנדערש דאַרף דער אַלטער געלערנטער אויסזען אין דער פרימאָרגנדיקער שטונדע: אַליין גרוי, אין אַ גרויען כאַלאַט, מיט שיטערע צעשפּלאָשעטע הערלעך, מיט פאַרשלאָפענע בולטע אויגן און מיט באַפאַרבטע פינגער, וואָס לאָזן זיך קיינמאָל ניט אָפּוואַשן. אַ זויעריקער, אַ מידער... ברינס אימפּעט און זיינע געשפּאַנטע סענטימענטן האָבן אים גלייך אָפּגעלאָזן: ביי אָט דעם גיי איך דאָס זוכן הסכמות, גייסטיקע שטיץ? גיכער דאַרף ער אַליין זיי האָבן...

— דו? — האָט גאַבראָנסקי פֿויל אַ קראַץ־געגעבן זיין מאָגערע פּאַטילניצע.

www.hbtool.com.cn

— איך... — האָט ברין אָפּגעענטפֿערט מיט אַ דערדריקטער שטים. —אַנטשולדיק וואָס... אַזוי פֿרי, כ׳האָב מורא געהאַט ווערסט אָוועקגיין...

— עפּעס איז געשען ביי דיר?.. קום אַריין, קום אַריין! ס׳איז קאַלט.

ברין איז אַריין און געשוויגן.

— איינער אַליין? — האָט אים גאַבראָנסקי אַריינגעקוקט אין די אויגן. — און וואו איז זי?

— די פֿאַווע? אַוועקגעפֿלויגן...

— אַזוי גיך?

— ביי איר איז דאָס ניט צו־גיך...

ווי ער שטייט אַזוי אין שיטערינקן כאַלאַטל האָט זיך גאַבראָנסקי צוגעזעצט. מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז ער האָט דערפֿילט אַ שוואַכקייט אין די קני פֿון ברינס שלעכטער בשורה.

— איז זעץ זיך, זעץ זיך אויך אַנידער!.. וואָס איז געשען?

— דאָס זעלבע, — האָט זיך ברין שטילינקערהייט צוגעזעצט, — דאָס זעלבע וואָס דו פֿרעגסט היינט, האָסטו שוין נעכטן געקאָנט פֿרעגן, נעכטן ביינאַכט...

— שוין נעכטן, זאָגסטו? כ׳האָב דאָס ניט באַמערקט. זי איז געווען אַזוי ליבלעך, אַזוי פֿאַרליבט אַנגעקוקט דיך...

— אַ שוישפּילערין איז זי אַ גוטע.

— אָבער סתם אַזוי? דאָס וועט זי דאָך ניט טאָן...

— פּאַרוואָס ניט? מען בייט איבער אַ געליבטן ווי אַ פֿרישע נאַכטהעמד. זי האָט אַזעלכע העמדער אַ היפּש ביסל... איבעריקנס, אויך איך בין ניט בעסער. זי האָט מיך אַזוי גוט ווי געכאַפּט מיט אַן אַנדערער. נעכטן איז דאָס געשען. נו, האָט זי מיר אָפּגעצאָלט מיט דער זעלבער מטבע.

— איז דאָך גוט. זענט איר דאָך ביידע קוויט...

— גאָר ניט גוט. און גאָר ניט קוויט. ביי מיר איז דאָס געווען אַ שטיקל צייט־פֿאַרטרייב. ביי איר — נקמה. בלוטיקע נקמה. דאָס בילד, וואָס זי האָט מיר געהאָלפֿן מאָלן, האָט זי מיר אויך קאַליע־געמאַכט...

— אויב אַזוי, בלייבט מער ניט ווי רחמנות־האָבן אויף דיר. יאָ, רחמנות־האָבן. אָבער איך טויג ניט דערצו. ווייבער טויגן דערצו בעסער...

www.libtool.com.cn

— מיין ווייב... דאָס הייסט, מיין געוועזענע ווייב, האָט דאָס געוואָלט טאָן. איך האָב ניט דערלאָזן...

— סאָניאַ? נאַ, דאָס ווייסטו איז נאָך קיין שום באַווייז, אַז אַזאַ מיטל טויג ניט. פון דער אייגענער הויט מאַכט מען קיין פלאַסטער ניט. אָט, אַ פרעמד שטיקעלע הויט! אַ פרעמדס...

— רעדסט עפּעס מיט רעטענישן.

— אַזוי דאַרף אַלעמאָל ריידן אַ גוטער דאָקטאָר. דער חולה זאָל זיך ניט אָנשטויסן ווי עס האַלט מיט אים... קאַווע וועסטו טרינקען? איז קום אין לאַבאָראַטאָריע אַריין. ס׳איז מיין קיך אויך. מירן ביידע קאָכן.

אין קיך האָט גאַבראָנסקי אַוועקגעדרייט אַ גלעזערנע קאָלבע איבער דער ספּירט־מאַשינקע, אָנגעצונדן און אַרויפגעשטעלט וואַסער.

— טוט דיר טאַקע אַזוי וויי?.. — האָט זיך צו אים גאַבראָנסקי געגעבן אַ דריי־אויס.

— המ... — האָט ברין אויפגעציטערט פון אַזאַ פלוצלעכקייט. — און דו צווייפלסט?

— דאָס ניט. איך מיין נאָר, אַז ס׳איז ביי דיר אַ פיקטיווער ווייטיק, ביי אַזאַ געזונטן יונג ווי דו ביסט... ווייסט, ביי פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן, ניט דאָ געדאַכט, קומט אָפטמאָל אויס אַראָפּצונעמען אַ האַנט, אַ פוס. די וואונד איז שוין לאַנג פאַרהיילט און דער געוועזענער קלאָגט זיך אַלץ, אַז די אָפּגעשניטענע פוס טוט אים וויי. די פינגער, וועלכע עקזיסטירן שוין ניט, ברענען אים ווי פייער. ווייסטו פאַרוואָס? ווייל דאָס נערוון־קניפּל, דער באַשטימטער פּונקט אין מוח, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט די פונקציעס פון אָפּגעשניטענעם פוס, איז נאָך ניט אַטראָפירט, האָט נאָך ניט באַוויזן אָפּצושטאַרבן...

— מיינסטו מיך מיט דיין משל?

— אַוודאי דיך. ביסט נאָך געזונט יונג, גלויב מיר! דיין געזונטער גוף איז שוין גרייט צו גליען פאַר אַן אַנדערער, נאָך היינט און גלייך אויף אַן אָרט. נאָר איין מוח־קעמערל לעכצט נאָר נאָך דער אַוועקגעגאַנגענער. דערפאַר דוכט זיך דיר, אַז זי לעבט נאָך, אַז אָן איר קאָנסטו ניט אויסקומען... אַ שאָד וואָס דו האָסט דאָ איצט ניט דיין מוטער. אָדער אַזאַ איינע, וואָס וואָלט זי געקאָנט פאַרטרעטן. דאָס איז אַלץ וואָס דיר פעלט איצט. איך קען איינע אַזאַ. דו קענסט זי אויך...

אין ברינס פאָרשטעלונג איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן אַ זילבער־ווייסער קאָפּ־האָר מיט אַ פאָר שוואַרצע, אַ ביסל זשעדנע, אָבער זייער יונגע אויגן. אַן ענערגישער קנייטש פון אַ פאָרליידנשאַפטלעכע ליפּן.

אַ ווייבעריש־שטאָלצער גאַנג מיט וויגנדיקע היפטן, און דאָס פאַרקלעמטע
www.libtool.com.cn
האַרץ האָט ביי אים וואַרעמער גענומען קלאַפּן:

— זאָג מיר דעם אמת, גאַבראָנסקי, מיינסטו ניט יעטאָן?

— יאָ. זי מיין איך טאַקע.

— מערקווירדיק. ווי קאָנסטו אַזוי לייכט ריידן וועגן איר. פריער איז דאָס ניט געווען אַזוי...

— שוין ניט צום ערשטן מאָל. ביי מלאָטעקן מיין קרוב אין אַטעליע האָב איך נאָך לייכטער גערעדט. געדענקסט אַוודאי? דיר האָט זיך דעמאָלט אַזוי פאַרגלוסט צו באַקענען זיך מיט איר... כ׳האָב מיך אויסגעלערנט צו נעמען זאַכן ווי זיי זיינען.

גאַבראָנסקי האָט פאַרזיכטיק אָנגעגאָסן צוויי טאָסן מיט שוואַרצן קאַווע און אויסגעלאָשן זיין ספּירט־מאַשינקע.

— יאָ, יאָ. זאַכן ווי זיי זיינען! וואָס ווייניקער פּסיכאָלאָגיע... אַנצוקלינגען איר אין האָטעל „פּראָוואַנס“, וואו זי וואוינט, האָסטו דאָך קיין מוט ניט. איך קען דיך... אָבער אַ זייגער צען שפּאַצירט זי דאָ אין דער אַלטער רוימישער אַרענע, איינגאַנג — פון ריו־מאָנזש. זי איז די לעצטע צייט געררייצט און זוכט די נעכטיקע טעג... גייט זי אַרום אין קרייז פון אַלטן צירק און זוכט זיי. אַ רחמנות אויף איר. איך האָב אַ פאַרדאַכט, אַז זי איז פאַרליבט...

— ניט אין איינעם אַ מאָסיע פּערלמאַן אָדער פּערלצווייג?..

— זעסט, ביסט אַפילו אייפערזיכטיק!.. ניין, פון אים איז זי שוין פּטור־געוואָרן. זינט דו האָסט מיט איר געטאַנצט איז זי אויס מענטש.

— דאָס האָט ז י דיר דערציילט?

— וואָס איז די נפקא־מינה? אַ פויגל האָט מיר געבראַכט די נייס... נעם און טרינק! צוקער — וויפיל דו ווילסט! מילך האָב איך ניט. זינט איך בין אַלט געוואָרן זעכציק יאָר היט איך זיך פאַר מילך. כ׳האָב מורא אַריינצופאַלן אין קינדהייט...

פון גאַבראָנסקיס שפּילעוודיקן טאָן איז ברינען נאָך לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן. עס איז אַ גרויסע קונסט לייכט צו מאַכן דאָס, וואָס זעט אויס בליי־שווער. הומאָר באַזיצט די דאָזיקע קונסט. איין רגעלע האָט נאָך ברין באַקומען אַ פאַרדאַכט: „צי פּרואווט ער מיך ניט אויס, דער אַלטער?“ אָבער באַלד האָט ער זיך ווידער איבערגעצייגט, אַז גאַבראָנסקי מיינט דאָס זייער ערנסט. זופנדיק זיין שוואַרצע קאַווע האָט יענער גאַנץ רואיק אַ קוק־געגעבן אויף זיין זייגערל און נאָך רואיקער אַ זאָג־געגעבן:

www.libtool.com.cn
— נאָ, האַלב אַכט. איך מוז גלייך פאָרן אין פאַבריק.
— קאָן איך דאָ נאָך בלייבן ביי דיר ? — האָט ברין שטיל אַ פרעג־געגעבן. — עס גלוסט זיך מיר ניט פאָרן צו מיר אַהיים...
— געוויס, געוויס ! — האָט זיך גאַבראָנסקי אָנגעכאַפּט. — וואָס ווערסטו זיך אַרומדרייען אויף דער קאַלטער גאַס. פּאַר צען אַזייגער האָסטו ניט וואָס אַראָפּצוגיין...
ברין האָט אים דורכדרינגלעך אָנגעקוקט. קיין שום מינע האָט דערביי גאַבראָנסקי ניט פאַרצויגן. קיין ציטער ניט געטאָן מיט אַ וויע.
— ווייסט ? — מאַכט צו אים ברין. — ווען איך וואָלט דיך ניט געקענט, וואָלט איך געמיינט, אַז דו ביסט אַ ציניקער...
— ווידער פּסיכאָלאָגיע !.. — האָט זיך גאַבראָנסקי אָוועקגע־מאַכט. — איצט לאָז מיך אָנטאָן־זיך. אָט האָסטו דעם שליסל ! ווען דו וועסט אָוועקגיין, פאַרגעס ניט איבערצולאָזן אים ביי דער קאָנסיערזשקע.

פופצנטער קאַפּיטל

יעטא

1.

ווי נאָר גאַבראָנסקי איז אַרויס האָט זיך ברין צוגעשפּאַרט אין באַקוועמסטן פאָטעל אין ביבליאָטעק־קאַמער און איז, נאָך אַ מינוט פּיקן מיט דער נאָז, איינגעדרעמלט. די שלאָפלאָזע נאַכט האָט געמאָנט דאָס איריקע. דער דרימל איז אַלץ געדיכטער געוואָרן, ביז עס האָט ברינען צוגעדריקט אַ גאַנצער באַרג פון וואַרעמען פוך, אַ מין נעפּלדיקע פאַר־געסנקייט, וועלכע ער האָט זייער גוט געקענט נאָך יעדער שווערער אַר־בעט, נאָך פאַרענדיקן אַ בילד, וועלכע האָט אים אָפּגעמאַטערט און אויס־געזויגן קערפּערלעך און גייסטיק...
אָבער אינמיטן אָט דעם באַטויבנדיקן שלעפל האָט ער פּלוצלונג אויפגעציטערט, ווי ער וואָלט זיך אָנגערירט אָן אַן עלעקטרישן דראָט. און עמעצער אַ וואַכער, אַ באַזאָרגטער האָט אים אַ שעפּטשע געגעבן אויפן אויער:
— זי שפּאַצירט שוין אַרום אין דער אַרענע...
ברין האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ־אויף און, רייבנדיק די אויגן, אַ קוק־

www.libtool.com.cn

געטאָן אויפֿן זייגערל. געווען איז פֿינף מינוט פֿאַר צען. און ער האָט זיך אַליין באַוואונדערט ווי עמפּינדלעך ער איז געוואָרן. אַן אידייע וואָס אַן אַנדערער האָט, פֿאַרבייגייענדיק, אַרויסגעזאָגט, אַרבעט ביי אים אין קאָפּ ווי אַן אָנגעשטעלטער זייגער און וועקט אים אויף אין דער ריכטיקער צייט.

דאָס ווייטערדיקע איז עפּעס אויך צוגעגאַנגען ווי דורך אַן אָנגעצוי־גענעם מעכאַניזם. מיד און פֿאַרשלאָפֿן ווי ברין איז נאָך געווען, איז ער מעכאַניש אַראָפּ פֿון די טרעפּ, אָפּגעגעבן גאַבראָנסקיס שליסל דער קאָנ־סיערזשקע, איינגעאָטעמט אין זיך די קאַלטע לופֿט, און דער פֿרעמדער ווילן האָט אים אַלץ ווייטער געפֿירט. דאָס מאָל אַראָפּ ריו־מאָנזש, צום איינגאַנג פֿון דער אַלטער אַרענע.

ער האָט זיך דאָרטן אַרומגעדרייט אַ פּאָר מאָל נאָכאַנאַנד. אַרויף אויפֿן בערגל און צווישן די בענק און ביימער, אַראָפּגעקוקט אין שטיי־נערנעם אַמפּיטעאַטער און, ווי עס האָט זיך אים אַלעמאָל געדוכט בשעת אַזאַ שפּאַציר, אין אַ צוויי־טויזנט־יאָריקן תהום אַריין. ער האָט דאָרטן אפֿשר דערזען די שאָטנס פֿון די לעצטע פֿרייע גאַלן וואָס קעמפֿן מיט צעזאַרן, אָבער מער קיינעם ניט... דאָ, אויפֿן בערגל, האָבן נאָר אַרומגעפּאַדיעט אַ פּאָר אַלטיטשקע, אַ קינדער־וועגעלע איז פֿאַרבייגע־פֿאָרן. דאָס שלעכטע וועטער האָט אַלעמען צעיאָגט.

„דער אַלטער האָט געמאַכט שפּאָס...“ — האָט ברין ווידער אַמאָל באַקומען אַ פֿאַרדאַכט.

דערנאָך האָט ער זיך איבערגעלייגט:

„עס קאָן זיין, אַז זי קומט אַהער ווען ניט איז, אָבער ניט אַלע טאָג...“

ציטערנדיק, פֿון דער דרויסנדיקער אַזוי ווי פֿון דער אינערלעכער קעלט, איז ער פֿאַרטראַכטערהייט אַראָפּ פֿון בערגל און צוריק אַראָפּגע־לאָזן זיך די שטיינערנע יאַרוסן מיטן שמאָלן אַרויסגאַנג צו ריו־מאָנזש. און דאָ, צווישן די פּוסטע פֿאַרגראַטעטע קאַמערן, וואו די אַמאָליקע גלאַדיאַטאָרן און ווילדע חיות האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן, האָט ער פֿון דער זייט דערזען די, וועלכע ער זוכט... זי איז צו אים געשטאַנען מיטן רוקן, אָנגעלענט מיט איין אָרעם אויף איינעם אַזאַ פֿאַרגראַטעטן קאַמער און אַריינגעקוקט אין אַ פֿינצטערן לאָך ווי אין דער טיפֿער פֿאַרגאַנגענהייט. ער האָט זי אָבער גלייך דערקענט, לויטן שטעל פֿון איר פֿולן היפּט, לויט דער געטאָקטער איקרע פֿון איר פֿוס, לויטן צייל פֿון איר זילבערנער האָר־קרוין, וואָס שלאָגט זיך אַרויס פֿון אונטער איר קאַסטאָר־היטעלע. און

דער עיקר: לויטן ענערגישן האַלטן די האַנדטאַש אירע, מיטן לעדערל פון הענטל אַרום איין באַהענטשיקטן פינגער.
www.libtool.com.cn

דאָס האַרץ האָט זיך ביי ברינען צעקלאַפּט פון פלוצלעכער פרייד. ווי אַ נאָענטע טרייסט האָבן אים אויפגעלויכטן די זילבער־נע האָר. און פון דעם קורצן זשאַקעט, וואָס כאַפּט אַזוי קרעפּטיק אַרום די סטאַטנע פיגור, האָט אויף אים געווייעט, מיט יענער האַרבסט־מעלאַדיע פון אַ פּרוי, אין סוף פון אירע פערציקער יאָרן, וועלכע שפּילט אַזוי וואונדערלעך ווען די היפטן באַוועגן זיך ביים גיין, און שטומט ווען זי שטייט אַ פּאַרקלערטע, אַזוי ווי זי שטייט דאָ איצטער.

ברין האָט זיך צו איר דערנענטערט פון אַ זייט און, כדי ניט איבער־שרעקן זי, אַזוי ווייך און שטיל ווי מעגלעך באַגריסט זי:

— אַ גוט מאָרגן אייך, מאַדאַם ראָזען!

זי האָט זיך האַסטיק אומגעדרייט, און אירע זייער טונקעלע ברע־מען, וואָס זענען אויס אַזוי אומנאַטירלעך און אַזוי פּיקאַנט אונטער אירע זילבער־ווייסע האָר, האָבן זיך אָנגעכמורעט. אין ערשטן מאָמענט פון אַזאַ פלוצלעכקייט האָט זי דעם באַגריסער ניט דערקענט. אָבער באַלד נאָכדעם האָבן וואַרעם אויפגעלויכטן אירע שוואַרצע און אויסערגע־וויינלעך־יונגע אויגן:

— דאָס זענט איר? וואָס טוט איר דאָ?

— דאָס וואָס איר, מאַדאַם ראָזען!

— אָבער... איר וואוינט דאָך ניט דאָ?

— ניין. איך בין נאָר געווען דאָ ניט ווייט, ביי אַ פריינט.

— ביי גאַבראַנסקין? ער גייט דאָך אַזוי פרי אַוועק, און איצטער איז שוין נאָך צען...

— איך בין געזעסן ביי אים און געוואַרט.

— אויף וועמען געוואַרט?

ברין האָט זיך פאַרדרייטלט אונטער איר דורכדרינגענדיקן קוק. וואָס איז דאָ וואָס צו ענטפערן? מיט זיין וואַרטן, וואָס ער האָט „געוואַרט“, האָט ער זיך אַ ביסל אַרויסגעכאַפּט... און, כדי אינגאַנצן ניט אַרויס־געבן זיך, האָט ער געענטפערט מיט אַן אַנדער פראַגע, און ניט צו דער זאַך:

— האָב איך אייך ניט געשטערט?

— וואָס איז דאָ וואָס צו שטערן? האָט זי לייכט אַ הויב־געטאָן מיט די אַקסלען — די נעכטיקע טעג?

— איר זאָגט אויך אַזוי?

— ווער נאָך?

— אַלע !.. אַהער קומט מען ווי אויף קבר־אָבות. דאָ געפינט מען די ריכטיקע שטימונג, ווען מען פאַרלירט, ווי איר זאָגט, די נעכטיקע טעג...

זי האָט אים ווידער דורכגענומען מיט אירע קלוג־לויכטנדיקע אויגן:

— איר אויך פאַרלוירן? אין אייערע יאָרן פאַרלירט מען ניט.

— נאָר וואָס דען?

— אין אייערע יאָרן געפינט מען...

— איז טאַקע גוט, וואָס איך האָב אייך געפונען, ליבע, טייערע, מאַדאַם ראָזען, מיט אייער וואַרעמען שמייכל, מיט אייערע קלוגע אויגן...

— שש! ניט אַזוי שטורמיש... דאָ, צווישן די שטיינערנע יאָרוסן, איז אַזוי הילכיק. קומט אַוועק פון דאַנען!

זיינען זיי אַרויף צום קליינעם סקווער, אויפן בערגל, פון וואַנען ברין איז אָקערשט אַראָפּגעגאַנגען. דאָ איז דאָס געשפּרעך אַנגעגאַנגען שטילער, אינטימער:

— זינט איך האָב מיט אייך געטאַנצט, מאַדאַם ראָזען, קאָן איך אייך ניט פאַרגעסן.

— איך אויך ניט... מאָסיע ברין!

— ניט אַזוי אָפיציעל, איך בעט אייך!..

— ס'איז נאָר דער ווידערקול. דאָ אין אַלטן צירק ענטפערט זיך, אַזוי ווי עס רעדט זיך...

— וועל איך אייך רופן, יעטאָ, ליבע יעטאָ... וואו איז דער ענטפער?

— ששש!..

— און וואו איז עפּעס אייער דיקער קאַוואַליער? פּערל... פּערל־צווייג, דוכט זיך?

— און וואו איז עפּעס אייער שוואַרץ־חנעוודיקע? זי איז, דוכט מיר, געוועזן אייפערזיכטיק אויף מיר...

— דאָרטן, ווי מאָסיע פּערלצווייג.

זיי האָבן זיךביידע צעלאַכט און ברין איז אַ דרייסטער געוואָרן:

— מעג איך אייך נעמען אונטערן אָרעם, יעטאָ?

— איר מעגט.

ער האָט צאַרט אַנגענומען דעם ווייכן טייל פון איר אָרעם מיט זיין געפּרווירענער האַנט און באַלד דערפילט מיט די פינגער אַ זיסע גלייכמאָסיקע וואַרעמקייט. ווי אַ וואַרעמען געטראַנק האָט דאָס זיין

www.libtool.com.cn

סענסיבילע האַנט געגאָסן אין דער רויער לופט. אויך מיט אַ האַנט קאָן מען קושן ווי מיט ליפּן.

www.libtool.com.cn

— יאָ, — האָט זיך ברין דערמאָנט, — די שוואַרץ־חנעוודיקע איז טאַקע געוואָרן אייפּערזיכטיק און אַנטלאָפן.

— דער דיקער, — האָט יעטאַ געענטפערט צום טאָן, — איז אויך געוואָרן אייפערזיכטיק און איז אויך אַנטלאָפן.

זיי האָבן זיך ווידער ביידע צעלאַכט און ברינס דרייסטקייט איז געוואקסן:

— איר זענט אַ חכמה, מאַדאַם... ניין, ניט „מאַדאַם“ נאָר יעטאַ. אַזוי איז ריכטיקער. און אַט נעם איך און קוש אייך אויס...

— שש! ניט דאָ. אין מיינע יאָרן קושט מען זיך ניט עפנטלעך. יונגע פּאָרלעך קאָנען פּאַראיבל האָבן.

— פאַרוואָס זאָלן זיי פאַראיבל האָבן?

— ווייל מען נעמט ביי זיי דערמיט אַוועק זייערע פּריווילעגיעס...

— מיינסטו דאָ ניט גאַבראָנסקיס פילאָסאָפיע?

— אומהו! זיין „מלוכה פון אַלטע לייט“...

— יעטאַ, טראָגן ווייסע האָר אויף אַזאַ יונגן קאָפּ, ווי דיינער, הייסט נאָך ניט אַלט זיין...

ער האָט זיך שנעל אַרומגעקוקט און איינגעפּרעסט זיינע פעסטע ליפּן אין אירע, אין די פולע, זאַפטיקע, ווי אין אַ הויפן פאַרשפּעטיקטע האַרבסט־מאַלינעס אַריינגעפאָרן, אַט די, וואָס האָבן גאָר אַ באַזונדער טעם און אַ באַזונדער יערנדיקן אַראָמאַט.

אָבער זיין האַרץ, וואָס איז געווען אָפּגעשוואַכט פון דער טומלדיקער און שלאָפלאָזער נאַכט, האָט זיך דערביי צו נערוועזיש צעפּויקט. ער האָט דעם נייעם שיכורן געגוס ניט אויסגעהאַלטן, זיינע אָרעמס האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט פון אירע לענדן און אַליין האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ נאָענטער באַנק.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט אים יעטאַ דערשראָקן אָנגעקוקט און אַליין ניט באַמערקט אַז זי איז אויך אַריבער אויף „דו“ און אַז זי דריקט זיך צו מיט אירע קני צו זיינע.

— דו ביסט אינגאַנצן געל געוואָרן... — האָט זי זיך איבער אים מוטערלעך אַריבערגעבויגן.

— איך בין... זייער מיד בין איך, — האָט ער זיך גענומען קלאָגן פאַר איר. — אַ שווערע נאַכט האָב איך דורכגעמאַכט...

— ביסט אפשר הונגעריק?.. — האָט זי אים באַזאָרגט אָנגענומען פאַר אַ האַנט. — האָסט היינט געגעסן? געטרונקען?

די דאָזיקע פראַגן און דער טאָן זייערער האָבן אים לעבעדיק דער־מאָנט זיין מוטער, אין די יונגע יאָרן. אויך יענע פלעגט, די ערשטע זאַך, נעמען פרעגן וועגן עסן און טרינקען... דאָס האָט ביי אים גלייך אַרויסגערופן אַ קינדישן ווילן צו פּיעשטשען־זיך, צו איבערטרייבן זיין פלוצלעכע שוואַכקייט. זיין שטים איז נאָך נעבעכדיקער געוואָרן:
— געגעסן מושלען אין די האָלעס און שוואַרצע קאַווע געטרונקען ביי גאַבראָנסקין...
— זעסטו, זעסטו! — האָט אים יעטאַ געגומען פאָרוואַרפן. — פון אַזאַ בויכווייטיק ווילסטו זיך פילן גוט? און קיין בעסערן כיבוד אויפן ניכטערן האָט דיר דער אַלטער... דיין פריינט, מיין איך, ניט געקאָנט געבן?
— ניט געווען ביי אים, — האָט זיך ברין ווייטער געפּיעשטשעט.
— ער טרינקט ניט קיין מילך...
— מיט האַרץ־קלאַפּעניש האָט ער דיך מכבד געווען!..
יעטאַס געפודערטער פנים האָט זיך פלוצלונג אָנגעצונדן פאַר כעס, באַקומען אַ פאַרריסענעם אויסדרוק פון אַ מוטער, ווען זי דערוויסט־זיך פון איר קינד, אַז ער איז געווען ביי אַ קרוב צו גאַסט און יענער האָט אים שלעכט אויפגענומען, פאַרגעסן אָנצוקאָרמענען...
— אָט גלייך, — האָט זי זיך צעשריען, — זאָלסטו גיין מיט מיר! אָט, שוין! אַ שיין פנים האָסטו. גרין און גרוי.
ער האָט זי באַשיידן אָנגעקוקט, געהאָרכזאַם אויפגעשטאַנען און געפילט דערביי אַ זיסע אונטערטעניקייט פון אַ ייִנגל, ווען די מאַמע בייזערט זיך אויף אים און ער פילט, אין יעדן טאָן אירן, אַ טיפע ליבשאַפט.
— איך וועל טאָן וואָס דו וועסט מיך הייסן... — האָט ער האַלב־שעמעוודיק געמורמלט. ער האָט אַפילו דערביי די אויגן אַראָפּגעלאָזן.
— אַזוי איז גוט!.. — האָט זי באַפעלעריש און הייס אַ בליק־געטאָן אויף אים מיט די שוואַרצע אויגן. — קום!
זי האָט, קענטיק, דערפילט איר שליטה איבער אים און דאָס אויס־גענוצט מיט אויסערלעכער שטרענגקייט און מיט פאַרטאַיעטער ליידנ־שאַפט. און ברין, געפּלעפּט, אין זיין שוואַכקייט, פון איר טיפער מוטער־לעכער קראַפט, איז איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ ביקל. זיין קאָפּ איז געווען פוסט, זיין זעלבסט־באַוואוסטזיין — זיס־באַטויבט. די פיס — שווער, און זיין איינריידעניש, אַז ער איז איצט טויט־מיד, אַז ער איז האַלב־קראַנק און נויטיקט זיך אין הילף, איז אַלץ שטאַרקער און אָנגענעמער געוואָרן. מיט אָט דער איינריידעניש האָט ער זיך אַליין באַאיינפלוסט,

www.libtool.com.cn

פאַרלייקנט זיין אייגענעם ווילן, כדי די פּראָבּטפּולע פּחוי' זאָל האָבן וואָס מער מאַכט איבער אים און טאָן וואָס איר געפעלט. א י ר און ניט אים... דאָס איז געווען אַ נייער געפיל, אַ פאַרליבטע אויפאָפּפערונג, וועלכן ער האָט נאָך ביז איצטער קיינמאָל ניט איבערגעלעבט. ווייניקסטנס, אין אַזאַ הויכן גראַד. ער האָט נאָר באַמערקט, אַז קומען קומט דאָס אַלץ אַרויס, אַלס פּועל־יוצא, פון זיין איבעראָנשטרענגונג און פון זיינע אָפּגעמאַטערטע נערוון.

www.hbtool.com.cn

.2

האָבן זיי ביידע געשפּרייזט אַרויף ריו־מאַנזש. זי — מיט אַ זייער ערנסטן פּנים פון אַ באַרעמהאַרציקער שוועסטער, וואָס איז גרייט אויסצופירן אַלע באַפעלן פון דאָקטאָר, מאָג דאָס דעם חולה אָנגענעם זיין אָדער ניט. און ער, דער „חולה" אַליין, — מיט אַ צעשוואומענעם און געטרייען שמייכל צו דער, וועלכע פירט אים. ער ווייסט, הייסט דאָס, און האָפט אַז קיין שלעכטס וועט זי אים ניט טאָן. ניין, אין דעם איז ער זיכער...

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום קליינעם האָטעל „פּראָוואַנס" און גענומען שטייגן אויף די האַלב־קיילעכדיקע טרעפּ, האָט ער דערפילט אַ נאָך גרעסערע מאַטקייט אין די פאַרקילטע קני, און האָט שוין אַליין ניט געוואוסט צי עס איז איינגערעדטע אָדער אמתע שוואַכקייט. ער האָט זיך געכאַפּט ביים האַרצן...

יעטאַ האָט גלייך אויפגעשריען, אונטערגעלענט אים מיט איר ענערגישן אָרעם, געשטיגן אַ טרעפּ העכער, אויפגעשלאָסן און אַריינגעפירט איר אָפּגעשוואַכטן גאַסט אין איר קליינער, גאַרניטור־וואוינונג און, ניט פאַרלירנדיק קיין איין אויגנבליק, אַריינגעזעצט אים אין דעם אייך־איינציקן באַקוועמען פאָטעל, וואָס האָט זיך געפונען אין ערשטן קאַמער אַקעגן אַ קאַמאָד מיט אַ שפּיגל.

אויסטוענדיק זייער גיך איר היטעלע און איר קורצן זשאַקעט, האָט זי באַפרייט איר זילבער־ווייסע שטאָלצע האָר־קרוין, וואָס איז ביז איצט געווען דערדריקט, באַפרייט איר הויכע ברוסט מיט דער זילבערנער קייט איבער דער שוואַרצע בלוזע, ווי ביי אַ ריכטערין, און דערביי זייער שטרענג געפּסקנט:

— וועסט זיך ביי מיר גלייך לייגן, הערסט? גלייך זאָלסטו זיך אויסטאָן! איך מאַך צורעכט דאָס בעט און דערלאַנג דיר פרישטיק... אַלזאָ!

פונקט אַזוי ווי ער איז געווען פלעגמאַטיש און אָפּגעלאָזן, אַזוי איז

זי געווען פלינק און פלייסיק. אַ ווייסן פאַרטעכל אָנגעבונדן און גלייך באַקומען אַ נאָך־מער אימפּאָזאַנטן אויסזען פון אַ פרוי, וועלכע הערשט ניט נאָר איבער איר קליינערווירטשאַפט, נאָר איבערן מאַן אויך. קיין נפקא־מינה ניט וועמעס מאַן, אַבי יענער געפינט זיך אונטער איר אויפזיכט...

www.libtool.com.cn

ברין איז געזעסן אין טיפן פאָטעל מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, און מיט אַ געפיל פון זיסער אומבאַהאָלפנקייט און ניט געטראַכט אַפילו צו בייטן זיין באַקוועמע פּאָזע. צום ערשטן מאָל אין לעבן, זינט ער האָט צו טאָן מיט פרויען, אויסער זיין מוטער אין דער אַלטער היים, ווערט ער אַזוי גרינטלעך באַדינט. אַ פּאָר קליינע דעספּאָטישע הענט און מוסקולדיק־געטאָקטע פיס באַוועגן זיך און טענצלען אַרום, כדי צו טאָן פאַר אים דאָס בעסטע. און ער זיצט זיך אַזוי האַלב־שלעפעדיק, ווי אַ טערק אָן אַ פעסקע, און ד אָ ס ג ו ט ע טריפט איבער אים ווי אַ שפּריי־רעגן...

דורך די האַלב־אַראָפּגעלאָזטע וויעס האָט ער זיך נאָר אַרומגעקוקט און דערזען אַ טיפּישע צוויי־צימער וואוינונג פון אַ פאַריזער סטודענטן־האָטעל, מיט אַ סקאַרבאָווער מעבלירונג. אַ שפּיגל־אַלמער, אַ פאָטעל אויף וועלכן ער זיצט, אַ קאָמאָד מיט אַ טואַלעט־שפּיגל, אַ הונדערט־פראַנקענער קאַרפּעט אויפן דיל — דאָס איז דער גאַסט־צימער. אין צווייטן, מיט צענומענע געבלומטע פאָרהאַנגלעך, אַ גרויסע ענגלישע בעט מיט פּולירטע מעש־שטאַנגען. אויך ווי געוויינטלעך אין אַזעלכע האָטעלן. ניט־געוויינטלעך איז נאָר געווען דער צוקאָפּנס. ניט אַ וואַליק מיט פלאַכע קישעלעך, נאָר הויך און משופּעדיק מיט צוויי גרויסע פּוכענע קישנס, אַזוי ווי מען האָט דאָס ליב געהאַט אין דער אַלטער היים, אין ליטע און אין פּוילן. ווי עס ווייזט אויס, האָט יעטאַ ראָזען מיטגענומען דעם דאָזיקן צוקאָפּנס ווען זי האָט זיך געשיידט מיט איר מאַן, מיטן צווייטן, אַזוי ווי מיטן ערשטן... און דאָס האָט דעם פאַריזער סקאַרבאָוון געלעגער צוגעגעבן אַ היימישקייט, וועלכן ברין האָט, אין דער פריער יוגנט, געקענט נאָר ביי זיין מוטער אין שטוב. אויך דאָס האָט גוט־געטאָן. דאָס אָנקוקן אַליין האָט אים פאַרשאַפט אַ טיפן פאַרגעניגן. בפרט יעטאַ האָט זיך שוין, מיט אירע בריהשע הענט, געעוסקט אַרום איר בעט, אויפגעשלאָגן דעם צוקאָפּנס, אויפגעדעקט דעם לייכטן צודעק, דערנאָך אַ געשטעפּטע דעקע פון געבלומטן אַטלאַס און האָט פאַרבויגן אַ שיינעם דרייעק מיט אַ שניי־ווייסן ליילעך. און, אַפנים כדי צוצוגעבן ברינען מער צוטרוי צו איר באַרעמהערציקייט און צום געלעגער

וואָס זי גרייט פאַר אים, האָט זי אים פאַרזיכערט פונדערווייטן, דורך די פאָרהאַנגלעך:

www.libtool.com.cn

— היינט אינדערפרי באַצויגן... ערשט פון דער וועשעריי. דו הערסט, צי דו הערסט ניט?

— איך הער... — האָט ער זיך שלעפּערדיק און געפּיעשטשעט אָפּגערופן.

— פאַרטיק! — האָט זיך אין אַ מינוט אַרום דערהערט איר בריהשער ברוסט־קול. — וואו האַלטסטו?

ער האָט ניט געענטפערט. זי האָט אַ ווײַלע געוואַרט און פאַרזיכטיק אַרויס צו אים פון הינטער די האַלב־אָפענע פאָרהאַנגלעך. דערזען אַז ער האָט נאָך גאָרנישט אָנגעהויבן צו טאָן, האָט זי אויף אים ווידער אָנגעשריען. דאָס מאָל — מיט אַ האַרבן קנייטש צווישן די שוואַרצע ברעמען:

— אָט אַזוי ווילסטו זיך אויסרוען? אין די קליידער?.. ניין, ניין! לאָז, איך וועל דיר העלפן!..

זי האָט זיך אײַנגעבויגן און געוואָלט אָנכאַפּן די עקן פון זײַנע שיך־שנירלעך. איז ער רויט־געוואָרן און ניט דערלאָזן:

— ניין, ניין, נאָר ניט דאָס! איך וועל אַליין...

ער איז געוואָרן רירעוודיקער, אָבער ניט אַזוי רירעוודיק ווי זי האָט געוואָלט. האָט זי אים גענומען אויפמונטערן, אַ ביסל ווייכער ווי פריער, אָבער אַלץ מיט אַ שטרענגלעכן טאָן:

— גיכער, גיכער אַ ביסל! נאַרעלע דו!.. ביסט ניט געזונט, לאָז, איך וועל בעסער אויפקנעפּלען. דו לאָזסט, צי דו לאָזסט ניט?..

זי האָט געטראָפן אין פינטל אַריין. פון אַזאַ וואונדערלעכן אָנשרייען, וואָס ער האָט שוין לאַנג ניט געהערט, זינט ער איז געוואָרן אויס יינגל און איז אַוועק פון דער מאַמעס פאַרטעך, זײַנען אים אָנגעלאָפן קיצלדיקע טרערן אונטער די אויגן־לעפּלעך, און ער אַליין איז געוואָרן קאַפּריזנע און ניט־שעמעוודיק, ווי אין די קינדער־יאָרן, ווען ער פלעגט קומען פון חדר אַ פאַרקילטער, מיט פיבערדיקע אויגן, און די מאַמע זײַנע פלעגט אים העלפן אויסטאָן־זיך.

יעטאַ האָט אים געהאָלפן זייער ערנסט און זייער געניט. בעסער ווי ער אַליין, האָט זי געטראָפן אין אַלע זײַנע פאַרשפּילעטע באַהעלטערס, דערבײַ באַטעמט זיי מיט צאַרטע באַרירונגען און מיט קורצע באַפעלן: „שטעל זיך אויף! זעץ זיך צו! לאָז מיך אַליין!..“ אויך דאָס האָט ברינגען דערמאָנט זײַן מוטערס אומגעדולד אין אַזאַ פאַל, ווען ער איז געווען שוואַך און גערייצט — און זי שטאַרק און זיכער. דאָס גליק צו פאָלגן אָט דער ענערגישער און ליבער פרוי איז געוואַקסן מיט יעדער

www.libtool.com.cn

באַוועגונג פון אירע פלינקע הענט, מיט יעדן וויג פון איר פולער היפט. עס איז אָפטמאָל אַ גליק פאַר אַ דערוואַקסענעם צוריק צו ווערן אויף אַ ווײלע קליין און אומבאַהאָלפן, ווי אַ שול־יינגעלע, און לאָזן איבער זיך געוועלטיקן אַ פּאָר פרויען־הענט, וועלכע זיינען אי צאַרט, אי דעספּאָטיש, אין איין און דער זעלבער צייט.

ווען ער האָט זיך כמעט ווי אינגאַנצן באַפרייט פון אַלע זיינע קליידער און איז געבליבן אין איין העמד, האָט זי אים פאַר אַ האַנט צוגעפירט צו איר געמאַכטן בעט, אים אַוועקגעלייגט און איינגעדעקט. דער ערשטער ציטער פון די קאַלטע ליילעכער האָט אים דורכגענומען אַזוי ווי יעטאַס קילער קוש אויף די ליפּן. און גלייך נאָכדעם האָט ער דערפילט אַ באַקוועמלעכקייט אין אַלע זיינע פאַרשטאַרטע אברים און אַ קיצלדיק געפיל פון טיפער הנאה האָט אים אָנגענומען. ווען ער וואָלט זיך ניט געשעמט, וואָלט ער זיך איצט צעכיכיקעט, סתם־אַזוי אין דער וועלט אַריין. וואָרעם פונקט אַזוי באַקוועם און קיצלדיק האָט ער זיך דערפילט איינמאָל אין די קינדער־יאָרן, נאָך אַ קראַנקהייט, ווען ער האָט שוין אָנגעהויבן געזונט־ווערן און זיך אויפגעכאַפּט ביי זיין מוטער אין ווייכן בעט מיט אַ הויכן פּוכענעם צוקאָפּנס, מיטן ספּעציפישן ריח פון דער מוטערס האָר אויפן ציך. אויך דאָ איז, לויטן היימישן געברויך, געווען אויסגעשפּרייט אַ פּערענע איבערן פראַנצויזישן מאַטראַץ און פאַר־פולקאָמט דעם קינדערשן געגנוס פון אַמאָל. ברין האָט זיין טיפע הנאה ניט געקאָנט צוריקהאַלטן. מיט איין האַנט גענומען גלעטן דעם ווייכן אונטערבעט און מיט דער צווייטער — דעם גלאַטן אַטלאַס פון דער גע־שטעפּטער דעקע, עפּעס ווי דאָס וואָלטן געווען לעבעדיקע וועזנס מיט אַ פאַרטאָיעטער ליבשאַפט צו אים און צו זיין מאַטן לייב. זיינע אויגן האָבן זיך האַלב־געשלאָסן פון דער רו וואָס טריפט אין אים אַריין דורך אַלע הויט־מיילכעלעך. ערשט איצט האָט ער דערשפּירט אַז די פיס זיינען אים שטאַר פאַר קעלט, אַז די אָדערן ציען און די קנאָכן־שלעסער טוען וויי. אַזוי דערשפּירט דאָס אַ רייזנדער, וועלכער האָט זיך לאַנג געשלעפּט מיט באַנען, געטרייסלט זיך אויף פורן, געגאַנגען צופוס און געשלעפּט פּעק. בשעת די אָנשטרענגונגען גופא אַרט דאָס ניט, דער אימפּעט טראָגט און טראָגט־איבער אַלע שוועריקייטן. אָט, אַז מען לייגט זיך אַריין אין דער היימישער בעט און די מוטער אָדער ווייב דרייט זיך אַרום אין ווייכע שטעק־שיך, גיט אַכטונג און פּילנעוועט, ערשט דעמאָלט הויבן אָן ציען די ביינער, אַלע געשפּאַנטע אָדערן לאָזן זיך אָפּ און טוען וויי . . .

די טרייע פרוי און מוטער האָט דאָ איצט געשפּילט יעטאַ אויף איין מאָל, ביידן צוזאַמען. ווי אַ קינד און אַ געליבטן באַהאַנדלט אים.

טאָמער ווייניק — האָט זי נאָך שטילערהייט אויפגעקאָכט און דערלאַנגט אים אַ גלאָז שמעקנדיקן טיי מיט מאַלינע־קאָנפּיטורן. מיט איר ווייבערישן אינסטינקט האָט זי דערפילט, אַז מיט דעם וועט זי פאַרפולקאָמען ברינס הנאה, זיין רו, אין פאַרגלייך מיט זיינע קינדער־יאָרן...

ברין האָט מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן אָפּגעטרונקען פון גלאָז, אַ נאָש־געגעבן די קאָנפּיטורן און די וואָקסנדיקע הנאה איז לאַנגזאַם איבערגעגאַנגען אין ליבשאַפט. אין עסטרייך זאָגט מען, אַז די ליבע גייט דורכן מאָגן... דאָס איז נאָר טיילווייז ריכטיק. זי גייט אויך דורך דער געשאַפענער געמיטלעכקייט און זיכערקייט, וואָס אַ קלוגע פרוי שאַפט אַרום איר מאַן. אָבער ווי קומט דאָס אַלץ צו אָט דער שטרענגער פרוי, וואָס האָט שוין אַזויפיל איבערגעלעבט, וואָס האַלט אַלעמאָל פעסט די טאַש אירע אין האַנט, מיטן רימענדל אַרום איר צייג־פינגער און קאָן פונדעסטוועגן אַזוי צאַרט זיין?

— ווי ביי מיין מאַמען... — האָט ברין אַנטציקט אויפגעלאַכט.

— יעטאַ, קום, זעץ זיך לעבן מיר!

— דאָס וויל איך אויך זיין... — האָט זי זיך לעבן אים אַוועק־געזעצט און מוטערלעך־לייכט אַ קוש־געגעבן אים אין די ליפּן.

— און וואו זיינען דיינע אייגענע קינדער?

— זיי האָבן מיך פאַרלאָזן... — האָט זי קורץ געענטפערט מיט אַ פאַרביילויפנדיקן שאָטן אין די שוואַרצע אויגן.

— און ער ראַזען? דיין מאַן...

— אים האָב איך פאַרלאָזן.

— און די קינדער האָבן נ י ט ד י ר געגעבן רעכט?..

יעטאַ האָט נאָר קורץ און אומעטיק אַ שאָקל־געגעבן מיטן זילבער־ווייסן קאָפּ.

— קוש מיך נאָכאַמאָל! — האָט ער געבעטן.

זי האָט געפאָלגט און אים אַנגעוויזן אויפן גלאָז:

— האָסט נאָך ניט אויסגעטרונקען!

— דערנאָך... קיינער קען דיך ניט, יעטאַ! אַפילו גאַבראָנסקי...

— ער איז מער פאַרליבט אין זיין ביאָלאָגיע, ווי אין פרויען.

— לכתחילה האָב איך געמיינט, אַז דו ביסט אַ בייזע.

— די זעלבע מיינונג האָב איך געהאַט וועגן דיר.

— און ווען האָסטו דיין מיינונג געביטן?

— ווען מען האָט מיר דערציילט אַז דו ביסט אומגליקלעך, אַז דיין פרוי איז פון דיר אַוועק מיט איינעם אַ גאַרנישט. דעמאָלט האָב איך דיך קלאָרער דערזען...

— אַ העלזעערישקייט פון אַ פרוי!

— אַ נייגעריקייט פון אַ יינגל!

www.libtool.com.cn

— נו, נו, ניט בייז ווערן! גלעט מיך אַזוי! איך וועל מער ניט זיין נייגעריק. איך וויל דיר נאָך עפּעס זאָגן. איך זוך ווערטער...

זי האָט אים לאַנגזאַם געגלעט מיט איר קליינער און פעסטער האַנט און זיין קול האָט צו איר געברומט ווי אַ וויאָלינטשעל פון ווייכן געלעגער אַרויס:

— אַ מענטש, ווען ער איז קראַנק, קערפּערלעך אָדער זעליש, ערשט דעמאָלט דערפילט ער ווי עלנט ער איז אויף דער וועלט.

ניט איין איוואַן איליטש אין טאָלסטאָיס דערציילונג איז דעמאָלט אַזוי עלנט. ניין, ניט ער אַליין.

אַפילו ווען די פרוי איז דאָ. אַפילו ווען די קינדער קוקן אַריין פאַר־זאָרגט... זיי לויפן באַלד צוריק צו זייערע שפּילערייען.

איין מוטער, אויב זי לעבט, זי איז די איינציקע וואָס קוקט אויף איר זון ווי אויף אַ קינד, ווי דערוואַקסן ער זאָל ניט זיין. זי בענטשט נאָך אַלץ זיין אַמאָליק קעפּעלע, זי שיצט אים פאַר דער רויער לופט, אַזוי ווי פאַר דער בייזער וועלט.

און ווערט די קראַנקהייט שווערער, אַזוי פאַרלירט אַלץ דאָס ממשותדיקייט. איין שטרעבונג טאָרעט נאָך אין טיפן האַרצן: „צו דער גרויסער רו!..."

ערגעץ וואו הינטער ווענט זיינען נאָענטע מענטשן באַזאָרגט. וואָס זאָרגן זיי, די נאַראָנים? וואָס ווייסן זיי פון דעם גרויסן איבערגאַנג, וועלכער וואַרט אויף דיר?

אַ מאָדנע רחמנות האָסטו צו זיי, צו אָט די נאָענטע און טיף־באַ־זאָרגטע: זיי זיינען נאָך ווייט פון ציל, צו וועלכן דו ביסט שוין גאָר נאָענט; צום „דאָרטן", וואו אַלע קערפּערלעכע און זעלישע יסורים הערן־אויף.

צום אַנהויב איז־געווען די אומענדלעכע שטילקייט. צום סוף וועט זיין די אומענדלעכע שטילקייט. דאָס לעבן איז נאָר אַ קורצער און טומל־דיקער איבערגאַנג פון איין שטילקייט צו דער צווייטער...

עס איז אַן ענגער פּאַראָם אַזאַ, מיט אָנגעשטעלטע פּעסער און אָנגעלייגטע זעק, מיט אַ שטופּעניש פון פערד און גראָבע יונגען, מיט אַ ריח פון קו־מיסט... אָבער באַלד נאָכן אַריבערפאָרן קומט די רחבות, די גרויסע באַפרייאונג...

אַ שפּור פון אָט דער באַפרייאונג און טיפער רו פיל איך דאָ, ביי דיר, יעטאַ. אין באַשיידענעם צימער. אין דיין מוטערלעכער בעט.

זיי מיר געבענטשט, יעטאַ! פאַר דאָס ביסעלע עולם־הבא, וואָס

דו גיסט מיר דאָ, נאָך דער שטורמישער און איבערגעטריבענער עולם־הזה, וואוהין מען האָט מיך אַריינגעצויגן, פון וועלכער איך בין אַזוי פיינלעך־זאַט...

יעטאַ האָט אים זיין האַלדז אַרומגענומען מיט צוויי וואַרעמע הענט:

— מען האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביסט אַ מאָלער. ערשט דו ביסט גאָר אַ פּאָעט... מיין פּאָעט?

— דיינער. מען קאָן דאָך ריידן מיט פאַרבן, אַזוי ווי מיט ווערטער, ליבע יעטאַ!

— רייד ניט מער, רייד ניט! דיינע אויגן קלעפּן זיך. דו ביסט מיד.

— איך בין מיד. זייער מיד, יעטאַ.

אַזוי האָט ער איינגעדרעמלט אונטער איר האַנט, וועלכע איז געווען פּונקט אַזוי צאַרט און גלעטנדיק ווי אירע אויגן.

.3

וויפיל ער איז געשלאָפן ווייסט ער ניט, אָבער ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז דער צימער געווען פאַרטונקלט פון האַלב־אַראָפּגע־לאָזענע סטאָרעס און פון פאַרגייענדיקן נאָוועמבער־טאָג. עס איז שוין אַוודאי געווען נאָך פיר אַ זייגער. אַ קאַלט רעגנדל אויסגעמישט מיט שניי האָט געשמיסן אין די אונטערשטע אַנטבלויזטע שויבן און גע־מאַכט דאָס ליגן, אין ווייכן און אויסגעוואַרעמטן בעט, נאָך זיסער און געמיטלעכער. עס איז ניטאָ קיין גרעסערער פאַרגעניגן, אין אַ מאָמענט פון פיזישער מאַטקייט, ווי צו פילן זיך געשיצט און וואַרעם אונטערן אַקאָמפּאַנימענט פון אַ דרויסנדיקן שלעכטן וועטער. דער רעגן קלינגט דעמאָלט ווי מוזיק. דער ווינט אין קוימען פאַרגייט זיך ווי אַ פלייט. אָבער די, וועלכע האָט די דאָזיקע געמיטלעכקייט געשאַפן אַרום אים, וואו איז זי? זי איז דאָ ניטאָ. געלאָזן אים אַליין.

— יע־טאַ! — האָט ער פּיעשטשענדיק זי אַ רוף־געגעבן ווי אַ קינד וואָס כאַפּט זיך אויף און וויל זען זיין מאַמען.

זי איז אין ווייכע שטוב־שיך אַריינגעקומען צו אים. דאָס מאָל אין אַ לויזן ראַזעווען קאַפּאָט מיט אַ שפּיצן־הייבל איבער די האָר.

— נו, אויסגעשלאָפן זיך?.. — האָט זי שטיל אויסגעזונגען.

— פאַרוואָס האָסטו ניט צוגעגעבן: „מיין זון״?

— אָ, — מאַכט זי און קוקט אים אָן מיט פינקלדיקע אויגן, — אַ שיינער זון ביסטו מיר! קוק מיך בעסער ניט אָן אַזוי!..

— דיין האַנט, יעטאַ! זע איך אויס אַנדערש ווי פריער?
www.libtool.com.cn
— אַ, אַ! גאַנץ אַנדערש...
— פילסטו ווי פאַרליבט איך בין אין דיר?
— איך וויל ניט וויסן...
— דאָס איז ניט ריכטיק. צוליב מיר, יעטאַ, האָסטו זיך דאָך אויסגעטאָן. איין שטוב־קאַפּאָט איז דיר געבליבן איבערן העמד.
— שטיף ניט אַזוי! איך גרייט פאַר דיר אָוונט־ברויט. עס קאָן כאַפּן ברענען...
— איך ברען אויך. איך בין בילכער.
— טייערער מיינער, שפּעטער.
— פאַרוואָס שפּעטער?.. נאָר פריער פאַר אַלץ ווארף אַראָפּ דיין הייבל.
— געפעלט דיר ניט?
— דיינע ווייסע האָר איבער די שוואַרצע ברעמען און אויגן געפעלן מיר בעסער.
— וואָס פאַר אַ פאַנטאַזיעס דו האָסט!.. ווער האָט דיך אויס־געלערנט?
— גאָרניט קיין פאַנטאַזיעס. דער קאָנטראַסט פון שוואַרץ און ווייס אין דיין געזיכט איז אַזוי שאַרף, אַזוי פּיקאַנט. אַזוי איז שענער. איצטער, אין דייגע ווייסע האָר, זעסטו אויס ווי אַ מאַרקיזע אין אַ גע־פּודערטן פּאַריק, אין הויף פון לואי דעם פופצנטן.
— אַ מאַרקיזע אין קאַפּאָט...
— אויך ער איז איבעריק... ווארף אַראָפּ! וואָס פאַר אַ זאַפּטיקן און גלאַטן לייב דו האָסט. די יונגע מאָדעלקעס פון מאָנפּאַרנאַס וואָלטן דיך געמאַגט מקנא זיין. דער קאָפּ — קיל און ווייס ווי שניי. און די אויגן — הייס. שוואַרצע וויינטרויבן אָנגעזאָפּט מיט זון אין טיפן שניי... אויסטערינקען וואָלט איך זיי געקאָנט.
— אַזוי רעדט מען דאָס מיט אַ מאַמען פון קינדער?
— אַזוי פאַרפירט מען דאָס אַ פרעמדן יונגנמאַן?
— אַ, אַ! ווי אַ ווילדער ביסטו מיך באַפאַלן...
— ניין, נאָר צו די פיס געפאַלן דיר. דו זאָלסט באַפעלן! הייסטו — גיי איך גלייך אַוועק. אין שניי און אין רעגן. גלייך.
— ניין, ניין! ניט אַזוי האָב איך דאָס געמיינט. בלייב דאָ מיט מיר!
— איך בלייב, יעטאַ!
— דו, דו!.. ווי אַ קרבן דיינער וויל איך זיין. אַ קרבן אויפן

ווייסן בעט, וואָס איך האָב פאַר דיר אויסגעבעטן. צווישן הונדערטער
www.libtool.com.cn
האָב איך דיך דערזען. איך האָב געוואוסט אַז דו וועסט זיין מיינער, אינגאַנצן מיינער. ווי נאָר איך האָב דיך דערזען.

איר קול איז איבערגעגאַנגען אין אַ אַנטציקטער מורמלעניש. און ערשט איצט האָט ברין דערזען וואָס פאַר אַ הייס בלוט עס שלאָגט אונטערן שניי פון איר ווייסן קאָפּ. זי האָט זיך, אָן אַ שום איבערגאַנג, אַנגעצונדן מיט אַלע וואונדערלעכע פייערן פון אַ פרוי, וואָס זוכט אויסצולעבן זיך אין איר לעצטער הארבסטיקער בענקשאַפט. גאָרנישט איבערגעלאָזן פאַר קיינעם. מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט זי אים אַרומגעכאַפּט, איינגענעגלט זיך אין אים, און אירע שיכורע ווערטער אַלע ווײַלע איבערגעריסן מיט קושן און וויינען:

— הלוואַי וואָלטסטו געווען מיין זויגלינג. דיין מילך־מוטער וואָלט איך געדאַרפט זיין. דער זאַפט פון מיינע בריסט זאָל אַריין אין אַלע דיינע אָדערן און דיך צובינדן צו מיר. זאָלסט ניט קאָנען אָוועקגיין פון מיר. און ווען דו וועסט אַוועקגיין — לויפן צוריק, און ווידער האַלטן זיך פאַר מיין פאַרטעך, ניט פון שוואַכקייט נאָר פון איבערגעבנקייט. זאָלסט צו מיר לויפן בייטאָג אין מיטן אַרבעט און אַנקוקן מיך. אויפוועקן מיך אין מיטן נאַכט און מיך אַנקוקן, צי קיינער האָט מיך פון דיר ניט אַוועקגענומען...

— יעטאַ, עפן־אויף די אויגן. קוק מיך אָן! איך בין דאָ לעבן דיר. איך בלייב מיט דיר. וויין ניט!

— שטער מיר בעסער ניט! לאָז מיך אויסוויינען זיך. איך ווייס דאָך אַז ס׳איז ניט אויף לאַנג...

4.

דעם זעלבן טאָג אין אָוונט, ווען אין די פאַררעגנטע פאַריזער טראָטואַרן האָבן זיך געשפּיגלט די גרויסע, נעפּלדיק־לויכטנדיקע לאַמטערנעס, האָט זיך ברין אומגעקערט צו זיך אַהיים. ניט אַזוי ווייל אים האָט אַזוי שטאַרק געצויגן צו זיין ניט־געהייצטער אַטעליע מיטן בילד פון דער „גרינער נאַכט" אין ווינקל, וואָס סאָלאַנש האָט אַזוי ברוטאַל קאַליע־געמאַכט, נאָר סתם אַזוי, ווייל אים האָט זיך געגלוסט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, איבערבייטן די אַזוי־גערופענע „אַטמאָספער". ביי יעטאַן אין דער קליינער וואוינונג איז זי אים, פאַרנאַכט, געוואָרן אַ ביסל צו־געדיכט; און די טרייסט פון אירע אָרעמס איז אים געוואָרן אַזוי האָניקדיק־זיס, אַז ער האָט גענומען זוכן אַן אויסרייד אַוועקצוגיין און אַנטרינקען זיך מיט דער פוסטקייט און ניט־געמיטלעכקייט פון זיין

קינסטלער־וואוינונג, אַזוי ווי מיט ביטערער לימאַנאַדע. אין זיין באַ־
www.libtool.com.cn
ציאונג צו יעטאַן האָט ער זיך געפילט מער דאַנקבאַר ווי פאַרליבט.
אויסגעקוקשט און אויסגעפּיעשטשעט, פון איר האַרבסטיקערליידנשאַפט,
האָט ער דאָס איר דאַנקבאַר צוריקגעגעבן. ביידע צופרידן, ביידע האָבן
גרויסציגיק געשפּילט און געבליבן קוויט.

סאָלאַנשס לעקציעס זיינען ניט געווען אומזיסט. די עטלעכע,
ריכטיקער געזאָגט דער איין טאָג „עולם הזה", וואָס זי האָט אים גע־
שענקט, אַזוי ווי אירע גייסטרייכע קאַפּריזן, האָבן אים געוויזן גאָר אַן
אַנדער צוגאַנג צו דער פּיל־באַרימטער ליבע, געלערנט אים ניט צו פאַר־
לירן צופיל כוחות אויף הכנות, אויסמיידן אין דער ליבע יעדע טויטלעכע
ערנסטקייט, יעדן אויפגעבלאָזנעם ראָמאַנטיזם. כדי צו דערגיין צו דער
ליבע דאַרף מען אָנהויבן פון איר גופא און דערנאָך גיין אין דער הויך.
מיט פאַראייניקטע כוחות, פון מאַן און ווייב, אַלץ העכער און העכער.
עס איז אַ סך געזינטער און אינטערעסאַנטער אויך. און קיינמאָל ניט
פאַרלירן צופיל שעפערישע כוחות און טייערע צייט אויף באַקלאָגן אַן
אַפּגעבליטע ליבע. נאָר פאַרליבן זיך פון דאָס ניי. און וואָס גיכער אַלץ
בעסער.

אַזעלכע באַטראַכטונגען זיינען געווען זייער שיין און זייער פּראַק־
טיש... אָבער ווי נאָר ברין איז אַריבערגעטראָטן דעם שוועל פון זיין
פינצטערער אַטעליע און געמאַכט ליכט, האָט זיך אָנגעהויבן די רויע
ווירקלעכקייט, וואָס שטרייכט איבער אַלע דיכטערישע קאָנסעקווענצן.

דאָס ערשטע וואָס ער האָט דערזען — איז אַ בריוו. עס איז געלעגן
אונטערגערוקט אונטער דער טיר. ער האָט דערקענט די האַנטשריפט
און אויפגעריסן דעם קאָנווערט מיט אַ קורצן אָטעם. אין בריוו איז
געשטאַנען:

„ביסט נעכטן אַוועק פון טאַווערנע אָן „אַ גוטע נאַכט". לופען האָט
אונדז געזאָגט, אַז דו האָסט זיך דערפילט ניט אינגאַנצן. מאַדאַם מלאַ־
טעק האָט דאָס מיר אויך געזאָגט.

„בין איך היינט געווען ביי דיר צוויי מאָל. אינדערפרי און פאַר־
נאַכט. געוואָלט זען ווי דיר גייט, כאָטש דו האָסט מיך אָפּגעשטויסן...
נאָר ווי איך זע איז דיר גאָר ניט אַזוי שלעכט. טרייבסט זיך אַרום איבער
פּאַריז און דאַרפסט קיינעמס הילף ניט האָבן. מיינע — אויך ניט.
פאַרפאַלן.

ס אָ נ י אַ."

דאָס האָט אים גלייך אַרויסגעבראַכט פון זיין אָנגענומענער גלייכ־
גילטיקייט. ער האָט גענומען גריבלען:

www.libtool.com.cn

„עפּעס איז דאָס בריוול קורץ. צו קורץ!.. צי גייט זי ניט עפּעס אָפּטאָן מיט זיך, ווי לופּען האָט געמיינט?.. אַך, זי האָט זיך פיל צו ליב! זי וועט נאָך לויפן אַהער... זי מיינט, אַז איר אויפגעגעבענער אָרט אין מיין אַטעליע איז שוין ווידער פריי. סאָלאַנש איז דאָך אַוועק... זי ווייסט ניט אַז עס איז דאָ אַ יעטאַ. אַ מוטערלעך־ליבע, אַן איבערגעגעבענע יעטאַ. איר פוס־נאָגל איז זי ניט ווערט!..“

ער האָט אַ שמייך געגעבן סאָניאַס בריוו אויף דער עטאַזשערקע, וואו עס האָבן זיך געוואַלגערט אַ סך אַנדערע ניט־געעפנטע בריוו, געמאַכט פייער אין דעם אייזערנעם אייוועלע און גענומען אַרומשפּרייזן איבערן הילכיקן דיל. דאָס פייער האָט זיך לאַנגזאַם צעפלאַקערט. אָבער די געמיטלעכקייט אין דער אויסגעקילטער אַטעליע איז ניט אַזוי גיך געקומען. די פייכטלעכע לופט האָט ברינגען ביסלעכווייז דורכגענומען און נאָך מער צערייצט זיינע אָפּגעשוואַכטע נערוון:

„אין אַלגעמיין בין איך ווערט די פּוסטקייט וואָס איך פיל דאָ. עס איז ניט אַזוי אַ פיזישע פּוסטקייט ווי אַ גייסטיקע. עס קומט דערפון, וואָס איך האָב מיך פאַרגעסן אַלס מאָלער און געוואָרן אַ לעבע־יונג. פון אַלע מיינע ליידנשאַפטן געוואָלט צוזאַמענשטעלן אַן אָרקעסטער אין איין טאָג און אַרויסגעקומען איז אַ קאַקאַפאָניע. אַ סך געשמאַקן און קאָלירן, פאַרפיומען און פרויען דורכגעלאָזן דורך מיינע פינף חושים אין איין מעת־לעת. און וואָס איז אַרויסגעקומען? אַ קליין־בירגערלעכע האָניק־זיסע פאַרהעלטעניש מיט אַ פרוי, וואָס האָט שוין דערוואַקסענע קינדער און לעבט אויס די לעצטע שפּורן פון איר יוגנט...“

אין זיין וואַקסנדיקער אומצופרידנקייט מיט זיך אַליין האָט ער זיך גראָד אָנגעשטויסן אָן דעם ראַם פון דער „גרינער נאַכט“. דאָס בילד איז געווען אומגעדרייט צו דער וואַנט, עפּעס ווי עס וואָלט זיך שרעקעוודיק באַהאַלטן פון אים... גראָד דאָס האָט ברינגען נאָך מער צערייצט. גרינגשאַציק, מיטן פוס, האָט ער אומגעדרייט דעם באַמאָלטן פלאַך צו זיך, שאַרף אָנגעקוקט און איז אָפּגעטראָטן אויף צוריק. אַזוי אומנאַטירלעך האָט אים די „גרינע נאַכט“ אויסגעזען איצט. אָט דאָס איז מאָלעריי? ליטעראַטור איז דאָס! צוגעקלערט, צוזאַמענגעשטורקעוועט. סאָלאַנשס נאַקעטע פיגור — פאַר זיך, די נאַכט אין די בערג מיט דער שלאָפנדיקער אָזערע — פאַר זיך...

„שטייסט מיר נאָך אַלץ אין וועג?“ — האָט ער צום בילד גענומען ריידן ווי צו אַ לעבעדיקן וועזן. — „וואַרפסט מיר אויף מיין לייכטזין מיט די גאָלדענע פלעקן, וואָס סאָלאַנש האָט דיך באַפלעקט אין איר ווילדן צאָרן... מיינסט אפשר איך וועל די פלעקן נעמען וואַשן מיט טער־

פענטין אַזוי, ווי מען וואַשט זינד, און וועל תשובה־טאָן? מיינסט איך וועל דיך נעמען איבערמאָלן פון דאָס ניי? ווידער אַמאָל עוסקן זיך מיט סאָלאַנשס נאַקעטקייט?.. קיין זכר זאָל פון איר דאָ ניט בלייבן! זי האָט אָנגעהויבן, איך וועל ענדיקן..."

ער האָט זיך אַ וואָרף־געגעבן צום ווינקל לעבן דער עטאַזשערקע, אַ כאַפּ־געגעבן דעם זעלבן סלאָאיק מיט גאָלד־פאַרב און ברייטן פּינזל וואָס סאָלאַנש האָט שוין, אין איר אייפערזוכט, געברויכט, און גענומען ליאַפּען און שמירן איבערן גאַנצן פלאַך פון דער „גרינער נאַכט", רעכטס און לינקס, אַראָפּ און אַרויף, ברומענדיק דערביי אין אַ מין צאָרנדיקן עקסטאַז:

„אַזוי, און נאָך אַמאָל אַזוי!.. דאָס ביסל „עולם הזה", וואָס דו, סאָלאַנש, האָסט מיר צוגעוואָרפן, האָט מיך אַ סך געקאָסט. אָבער די אויגן האָט דאָס מיר פאָרט געעפנט. איך האָב דערזען, אַז מענטשלעכע ליידנשאַפטן זיינען צען מאָל שטאַרקער און טיפער ווי אַט די דאָזיקע ליטעראַטור פון „גרינע נעכט" און אַנדערע סימבאָלעכצן... האָסט מיר אויך געוויזן ווי אַזוי מען דאַרף קיין ברעקל רחמנות ניט האָבן אויף אַזעלכע שמירערייען, ווען מען איז אין זיי אַנטוישט. ליאַפּ, ליאַפּ! קיין זכר זאָל ניט בלייבן!.."

דאָס גאַנצע בילד איז שוין געווען פאַרשמירט מיט גראָבע גלאַנציקע קרייצן. פון איין ווינקל האָט נאָך בלוי־געלויכטן די פּאַרליאַפּעטע לבנה־נאַכט, ווי דורך אַ שפּאַרונקע. האָט ער עס באַלד פאַרגאָסן מיט פרעכן גאָלד, בלינד געמאַכט... נאָר אויך דאָס האָט אים ניט אינגאַנצן באַרואיקט. ער האָט נאָך אַלץ מורא געהאַט פאַר חרטה, כאָטש חרטה וואָלט דאָ שוין ווייניקוואָס געהאָלפן. אים האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז סאָלאַנשס נאַקעטקייט און איר מערקווירדיק געזיכט, וועלכע ער האָט אַזוי לאַנג געזוכט ביז ער האָט געפונען, אַזויפיל באַוואונדערט און שטודירט ביז ער האָט אַריינגעפּאַסט אין בילד, אַז זיי האָבן זיך איצט באַהאַלטן הינטערן גאָלדענעם פאַראַוואַן, וועלכן ער האָט דאָ אַזוי גראָב אָנגעמאַליעוועט. און באַלד וועט די נאַקעטע שיינהייט ווידער אַרויסשפּרינגען פון הינטערן גאָלד און זיך צעלאַכן:

„איך, האַ־האַ, בין דאָך דיין געלונגענער סינטעז וואָס דו האָסט געשאַפן אויפן גרינעם גרונט פון בערג און וואַסער און נאַכט; איך בין דיין קינסטלערישע צוזאַמענזעצונג פון אייראָפּע און פּאָלינעזיע, פון ראַפינירטער קולטור און פאַרביקער עקזאָטיק. און באַלויכטן האָסטו מיין זעל מיטן ווייטן אָפּשיין פון וואולקאַן־אויסברוך אויפן מאַרטיניק־אינדזל, פון וואַנעט איך האָב מיך געראַטעוועט מיט אַ פערטל יאָרהונדערט

www.libtool.com.cn

צוריק. און מיינען מיינסטו, אַז דו האָסט מיך שוין געטויט מיט דאָס ביסל גאָלד־פאַרב וואָס דו האָסט איבער מיר צעשמירט ?..״

www.libtool.com.cn

דאָס האַרץ איז ביי ברינען שטיין געבליבן. טויטע האָבן געגומען ריידן, דערשטיקטע גייסטער לאָכן פון אים... באַלד אָבער האָט ער זיך צוריק באַהערשט:

„אָן חרטה, דו! קיין װעשער װעל איך ביי דיר ניט װערן...״

שרייענדיק אַזוי, ניט אויף זיך, ניט אויפן פאַרשמירטן לייוונט, איז ער אַריינגעלאָפן אין זיין קליינער גאָז־קיך, געכאַפּט דעם ערשטן בעסטן מעסער, געלאָפן צוריק און גענומען פּאַסעווען דאָס פאַרשמירטע בילד. דער ערשטער זעץ מיטן מעסער האָט אַרויסגערופן אַ טעמפּן „בום״, ווי אַ שלעכט־אָנגעצויגענער פּויק. די אַנדערע שלעג האָבן אָפּגע־קלונגען נאָך שוואַכער. זיי האָבן זיך אָנגעהערט ווי רייסן אַ ביליקן סיטץ, מיט אַ קוויטש און מיט אַ פייף...

שלאָגנדיק אַזוי מיטן מעסער אין בילד, ווי אין קרויט אַריין, האָט ער צום טאַקט גענומען זינגען דאָס מאַטראָסן־לידל, וואָס האָט זיך אים געוועלט איינגעגעסן די לעצטע פּאָר טעג און אים פאַרפאָלגט מיט איר לעבנסלוסטיקן ריטם. אַלע זיינע מעשים, די גוטע, ווי די שלעכטע, אַזוי אויך אַלע משוגעתן וואָס ער האָט דורכגעמאַכט די לעצטע פיר־און־צוואַנציק שטונדן, האָבן זיך, דוכט זיך, צוזאַמענגעשפּיצט אין זיין קורץ־אָטעמדיקן געזאַנג. אַ האַק און אַ זונג, אַ זונג און אַ האַק:

„אָט איז דער יונג פון דער מאַרינע!
ווער עס טראָגט דעם בלויען ראָק,
דער איז ניט קיין אַלטער זאַק!״

באַלד, אָבער, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז מיט מונטערקייט האָט אַזאַ וואַנדאַליזם, וואָס ער טוט דאָ אָפּ, גאָר ניט צו טאָן. גיכער איז דאָס אַ באַנעמעניש אַזאַ, אַ טייוולאָנישע שיכרות, וועלכע ער וויל פון זיך אַרויסיאָגן, ווי איבערגעהיצטע פאַרע. געכאַפּט זיך אַליין ביי אַזאַ שאַנד־טאַט, האָט ער גענומען קאָכן ווי אַ גזלן; ווי אַן אמתער גזלן, וועלכער טויט זיין אייגן קינד:

„איצט״, — האָט ברינן געקייכט, — „איצט האָב איך דיך אינגאַנצן אָפּגעטויט! ניטאָ וואָס צו וואַשן מער מיט מאַטשאַלקעס און טער־פּענטין... מער וועסטו שוין פון הינטער דעם גאָלדענעם פאַראָוואַן ניט אַרויסגיין. ניין. אויס חרטה און אויס באַדויערן! קער זיך אום צוריק צום וואולקאַן־אינדזל פון וואַנען דו ביסט געקומען; צו דיין מאַרטיניק, פון וואַנעט דו ביסט געקומען מוטשען מיך. דורך אָט דעם ברייטן לאָך

וואָס איך האָב דאָ דורכגעשניטן אין לייוונט, קער זיך אום! דער וועג איז פריי..."

www.libtool.com.cn

ער האָט דערהערט אַ דערשטיקטן געלעכטער און ניט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס איז זיין אייגענער קול. איז ער געלאָפן צום שפּיגל און זיך אַליין אָנגעקוקט. דער פּנים איז געווען בלאַס, די אויגן האָבן גע־פינקלט. אָבער זאָגן, אַז אַ מענטש מיט אַזאַ געזיכט איז ניט ביים פולן זינען, האָט מען ניט געקאָנט זאָגן. פאַרקערט, אַ געוויסער שטאָלץ איז געווען איינגעפּרעסט אין דעם שטרענגן געשלענגל פון די ליפּן: גע־קעמפט מיטן טייוול און אים באַזיגט. אויג אויף אויג און אָן קיינעמס הילף.

„מאָרגן", — האָט ער זיך געכומען באַרויקן, — „וואַרף איך דאָס אַלץ אַוועק אין מיסטקאַסטן. נאָר די באַגולדטע ראַם וועט בלייבן, פאַר אַן אַנדער בילד, אַ בעסערן, אַ סך בעסערן ווי די „גרינע נאַכט", וואָס איז דאָ אומגעבראַכט געוואָרן. דאָס ווייס איך אויף געוויס!.."

— אָבער וואָס פאַר אַ תּירוץ זאָגט מען פּראַנסואַ לופען? ער איז דאָך אין סאַלאַנשס בילד געווען פאַרליבט מער ווי אין איר אַליין. און באַצאָלט פאַרויס האָט ער אויך.

— קיין שום תּירוץ ניט! איך האָב דאָ מער פאַרלוירן. אָדער ער וועט זיך באַנוגענען מיט אַן אַנדער לייוונט, אָדער ער באַקומט אויס־געצאָלט זיין געלט צוריק...

באַלד, נאָך אַזאַ אָפּגעקילטן אויפברויז, האָט ברין דערפילט אַ שוואַכ־קייט אין די קני, דערנאָך — אין גאַנצן קערפּער. אַן אָפּגעלאָזנקייט און אַ קלעמעניש אין האַרצן. פּונקט אַזוי האָט ער זיך היינט געפילט איב־דערפרי, ווען ער האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך יעטאַן...

האָט ער געטאָן דאָס זעלבע, וואָס ער האָט שוין היינט איינמאָל אויסגעפּרואווט אונטער יעטאַס מוטערלעכע הענט: אויסגעצויגן זיך אויף דער אַטעליע־קאַנאַפּע אַקעגן פייער און זיך איינגעוויקלט אין וואַרעמען פלעד. באַלד האָט יעטאַס סגולה געכומען ווירקן. אַ גלייכ־מאָסיקע וואַרעמקייט האָט זיך צעגאָסן איבערן גאַנצן גוף. עס האָט אים געכומען שלעפערן. פריער שיטערלעך, דערנאָך — שווערער און שווע־רער, ביז עס איז איבערגעגאַנגען אין אַ פולשטענדיקער פאַרגעסנקייט. עס איז געווען יענער צושטאַנד, אין וועלכן דער מידער מוח טרוימט אַפילו ניט און מען שוועבט ווי אין עולם־התוהו. אַזאַ פאַרגעסנקייט האָט שוין ברינען ניט איינמאָל אַרומגעכאַפּט, ווען ער האָט פאַרענדיקט אַן אַרבעט וואָס האָט אים גרינטלעך אויסגעשעפּט, אָדער ווען ער האָט פלייסיק

געזאַמלט אַלע זיינע כוחות און זיי צוזאַמענגעשפּיצט אויף אַ „מאָרגן“, אויף אַן אָנהויב פון אַ נייער פאַרבן־קאָמפּאָזיציע. עס איז אויך דאָס מאָל געווען אַ שווער־געשפּאַנטער שלאָף פון אָנגעשוואָלענע קערנער, אין אַ פייכטער פרילינג־ערד, איידער זיי שניידן זיך דורך, מיט זייערע ערשטע גרינע בלעטלעך, און הויבן אָן צו שפּראָצן און צו געדייען אונטערן ליכטיקן הימל.

www.libtool.com.cn

ע נ ד.

www.libtool.com.cn

אינהאַלט:

ערשטער טייל

1טער	קאַפּיטל: דויד ברין און זיין קאָנקורענט — —	5
2טער	קאַפּיטל: סאָניאַ — — — — — — — —	20
3טער	קאַפּיטל: צווישן מאַן און ווייב — — — —	36
4טער	קאַפּיטל: די אַנטוישונג — — — — — — —	53
5טער	קאַפּיטל: די באַקאַנטשאַפט — — — — — —	73
6טער	קאַפּיטל: אין דער אַרבעט — — — — — —	92
7טער	קאַפּיטל: פּראַנסואַ לופען — — — — —	107
8טער	קאַפּיטל: פאַרענדיקט דאָס בילד — — — —	123
9טער	קאַפּיטל: מישעל גאַבראָנסקי — — — — —	143
10טער	קאַפּיטל: ביי אַ גלעזל קאָניאַק — — — — —	158
11טער	קאַפּיטל: אין הויז פון די מלאַמטעקס — — —	182
12טער	קאַפּיטל: דער פּאַטש — — — — — — —	203

צווייטער טייל

1טער	קאַפּיטל: דער אָנהויב פון עולם-הזה — — —	225
2טער	קאַפּיטל: אין ליבע-נעסט — — — — — —	245
3טער	קאַפּיטל: שפּילערייען — — — — — — —	265
4טער	קאַפּיטל: ווי אַזוי מען פּאַנגט לאַקס — — —	281
5טער	קאַפּיטל: אַנרי דאַל — — — — — — —	304
6טער	קאַפּיטל: אין „ים-שטערן" — — — — —	324
7טער	קאַפּיטל: אין וויכער — — — — — — —	344
8טער	קאַפּיטל: דער וויכער דרייט זיך — — — —	370
9טער	קאַפּיטל: זינד און שטראָף — — — — —	382
10טער	קאַפּיטל: שלום אויף אַ ווײַלע — — — — —	409
11טער	קאַפּיטל: פאַרן קאָנצערט — — — — — —	434
12טער	קאַפּיטל: דער וויזיט ביי גאַבראָנסקין — — —	455
13טער	קאַפּיטל: די דריי פּאַרלעך — — — — —	470
14טער	קאַפּיטל: אין דער נאַכט אַריין — — — —	494
15טער	קאַפּיטל: יעטאַ — — — — — — — —	511

www.libtool.com.cn

עטלעכע וויכטיקע גרייזן צו פֿאַרריכטן (אין בוך „עולם הזה”)

1) בלאַט 61 : שורה 16, געדרוקט : פֿאָליטר : דאַרף זיין : פֿאַלעט*)

2) בלאַט 66 : אויסצושטרייכן די שורות 31 און 32 און לייענען די פֿאָלגנדיקע שורות :
שטיינערנעם בוך, וואו טויזנטער יאָרן געשיכטע האָבן פֿאַרשריבן זייערע דערינערונגען. דער אויסגעגראָבענער רוימישער טעאַטער-צירק אויף רי-מאָנזש, און די

3) בלאַט 333 : שורה 6, געדרוקט : בעלאָט'ן, דאַרף זיין : בעלאָנ'ס

www.libtool.com.cn